שלום
עליכם

פון פסח ביז פסח

אינהאלט

שיר־השירים	7
דער מלך מיט דער מלכה	75
בערעלע	89
דריי לוחות	107
לאַטקעס של חנוכה	121
קאָנקורענטען	137
אפיקומן	151
דוד מלך ישׂראל	173
וואָס איז חנוכה?	185
פורים	209
ארבע כוסות	221
איבער אַ היטעל	243

שיר־השירים

א יוגענד־ראָמאַן
(אין פיער טייל).

געשריבען אין יאָהרען 1911 — 1909

שיר־השירים

א יוגענד־ראָמאַן.

ערשטער טייל.

ב ו ז י.

א.

בוזי איז אַ נאָמען, פערצויגען פון אסתר ליבע: ליבוזי — בוזי. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָהר, און אפשר מיט צוויי, אוןביידע אינאיינעם זענען מיר נישט אַלט קיין צוואַנציג יאָהר. היינט זעצט אַייך אַוועק, זייט מוחל, און רעכענט אויס, וויפיעל בין איך אַלט און וויפיעל זי? נאָר דאָס, מיין איך, איז נישט וויכטיג. איך וועל אַייך בעסער דערצעהלען איהר ביאָגראַפיע אין קורצען.

מיין עלטערער ברודער בעני איז געזעסען אין אַ דאָרף, געהאַל־טען אַ מיהל, געקאָנט שיסען פון אַ ביקס, פאָהרען רייטענדיג אויף אַ פערד און שווימען ווי אַ מזיק. איינמאָל זומער האָט ער זיך גע־באָדען אין טייך און איז דערטרונקען געוואָרען. אויף איהם איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק: „אַלע גוטע שווימער ווערען דער־טרונקען“. נאָך איהם איז געבליבען אַ מיהל, צוויי פערדלעך, אַ יונגע אלמנה מיט איין קינד. די מיהל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פערדלעך האָט מען פערקויפט, די יונגע אלמנה האָט חתונה גע־

ד.

געקומען דער ליעבער גוטער יום־טוב פסח.

מע האט אונז ביידען אויסגעקליידט אויף יום־טוב בגדי־מלכות. אלץ, וואס אויף אונז איז געווען, האט געגלאנצט, געשיינט און געקנאקט. איך קוק אויף בוזי'ן און איך דערמאן מיך אין דעם שיר־השירים, וואס איך האב געלערענט פאר פסח מיט'ן רבי'ן אין חדר. א פסוק נאך א פסוק: „ה נ ך י פ ה ר ע י ת י — שען ביזט דו, מיין חבר'טע, שען ביזט דו ביז גאר. אויגעלעך ווי טייבעלעך, הערעלעך ווי ציעגעלעך, גליטשען זיך אראפ א בארג. צייהנדעלעך — ווייסע שעפעלעך, פון טייך ארוים, איינס און איינס, איין מאמע האט זיי געהאט. רויטע שנירעלעך — דיינע ליפעלעך, אז דו רעדסט, איז צוקער־זיס“.

זאגט מיר, איך בעט אייך, פאר וואס אז מע קוקט אויף בוזי'ן, מוז מען זיך דערמאנען אין דעם שיר־השירים? פאר וואס אז מע לערענט שיר־השירים, קומט אויף די געדאנקען בוזי?

ה.

א זעלטענער ערב־פסח. א ליכטיגער טאג. א ווארעמער אין־דרויסען.

— געהען מיר?

אזוי זאגט צו מיר בוזי, און איך פיהל, אז איך ברען. די מאמע האט אונז ניט געזשאלעוועט קיין ניס. פולע קעשענעס מיט ניס. זי האט אבער גענומען ביי אונז דאסווארט, אז מיר זאלען איצט, פאר'ן סדר, נישט דערוועגען זיך די ניס צו קנאקען. שפיעלען זיך אין ניס — וויפיעל דאס הארץ גלוסט. מיר לאזען זיך געהן. די ניס לאזען זיך הערען. אין דרויסען איז גוט. אין דרויסען איז וואויל. די זון האלט שוין ווייט אין הימעל, קוקט שוין אראפ אויף יענער זייט שטאדט. ס'איז ברייט און גראם און ווייך

האט און איז אװעקגעפאָהרען ערגיץ װײט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונז.
דאָס איז געװען בוזי.

ב.

אַז דער טאַטע האָט ליעב בוזי׳ן, װי איין אייגען קינד, און אַז די מאַמע ציטערט איבער איהר, װי איבער אַ בת־יחידה — דאָס איז גרינג צו פערשטעהן. זיי האָבען געפונען אין איהר אַ טרייסט נאָך דעם גרויסען בראָך. אָבער איך? פאַר װאָס אַז איך קום פון חדר און טרעף נישט בוזי׳ן, קריכט מיר נישט דאָס עסען אין האַלז אַריין? און אַז בוזי איז געקומען, װערד ליכטיג אין אַלע װינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָפּ די אויגען? און אַז בוזי לאַכט פון מיר, װיין איך?
און אַז בוזי...

ג.

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם ליעבען גוטען יום־טוב פּסח. דעמאָלט װעל איך זיין פריי. איך װעל שפּיעלען מיט בוזי׳ן אין ניס, אַרומלויפען אין דרויסען, געהן באַרג־אַראָפּ צום טייך. דאָרט װעל איך איהר װייזען, װי מע לאָזט קאַטשקעלעך אויפ׳ן װאַסער. אַז איך זאָג איהר, גלויבט זי מיר נישט. זי לאַכט. בכלל, גלויבט מיר בוזי נישט פון דאַנען אַהין. דאָס הייסט, זאָגען זאָגט זי מיר גאָרנישט ניט, נאָר זי לאַכט. און איך האָב פיינט, אַז מע לאַכט פון מיר. בוזי גלויבט נישט, אַז איך קאָן זיך אַרויפדראַפּען אויפ׳ן העכסטען בוים (איך זאָל נאָר װעלען!). בוזי גלויבט נישט, אַז איך קאָן שיסען (איך זאָל נאָר האָבען מיט װאָס!). לאָז נאָר קומען פּסח, דער ליעבער גוטער פּסח, װען מע קאָן שוין זיין אין דרויסען, אויף דער פרייער לופט, נישט פאַר טאַטע־מאַמע אין די אויגען, — װעל איך איהר בעװייזען אַזעלכע קונצען, אַז זי װעט אַרויס פון די כלים!

איך געה, די הענד אין די קעשענעס, טרייסעל מיט די נים. די נים קלינגען. בוזי געהט מיט מיר טריט ביי טריט. איך קאָן נישט געהן פּאַוואָלי, עס טראָגט מיך אין דער לופטען. מיר ווילט זיך פליהען, שוועבען, טראָגען זיך ווי איין אָדלער. איך לאָז מיך לויפען. בוזי לויפט מיט מיר. איך שפּרינג אויף די צענויפגעלעג־טע קלעצער, פון איין קלאָץ אויפ׳ן אַנדערען. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך אַרויף, זי אַרויף. איך אַראָפּ, זי אַראָפּ. ווער וועט זיך פריהער איינמיעדען? איך האָב געטראָפען.

— ביז וואַנען איז דער שיעור?

אזוי זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איהר מיט׳ן לשון פון שיר־השירים:

— ע ד ש י פ ו ח ה י ו ם — ביז עס וועט אַ בלאָז טהון דער טאָג, ו נ ס ו ה צ ל ל י ם — און עס וועלען אַנטלויפען די שאָטענס — באַ־באַ־באַ! דו האָסט זיך איינגעמיעדט, און איך נישט!

ז.

איך פיהל מיך גליקליך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך. און אין דער זעלבער צייט האָב איך אויף איהר רחמנות. עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז פערזאָרגט. בוזי האָט שוין אַזאַ טבע: פרעהליך־פרעהליך — פּלוצים זאָל זי זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעלע און וויינען שטילערהייד. וויפיעל די מאַמע זאָל זי דעמאָלט נישט טרייסטען, וויפיעל דער טאַטע זאָל זי דעמאָלט נישט קושען — עס העלפט קיין זאַך נישט. בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאָך ועמען? נאָכ׳ן טאַטען, וואָס איז אַזוי פריה געשטאָרבען? צי נאָך דער מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט, אַוועקגעפאָהרען און פערגעסען דעם זיי־געזונד? אָך, איהר מאַמע, איהר מאַמע! אַז מע דערמאַנט איהר די מאַמע, ווערד זי אַלערליי קאָלירען. זי האַלט נישט פון איהר מאַמע. זי רעדט נישט קיין

און פריי אַרום און אַרום. ערטערווייז שלאָגט זיך דורך פון באַרג, וואָס אויף יענער זייט שוהל, אַ גרעזעלע אַ גרינס, אַ פריש, אַ צאַפּעלדיגס. מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויץ פליהט דורך איבער אונזערע קעפּ אַ גלייך שנירעל פון קליינע שוועלבעלעך, און ווידער דערמאָן איך מיך אין דעם שיר־השירים פון חדר: „ה נ צ נ י ם — די שפּראָצונגען האָבען זיך שוין בעוויזען אויף דער ערד, די צייט פון דעם סאָלאָווייטשיק איז געקומען, און אַ קול פון'ם ערשטען זומער־פויגעל האָט זיך געלאָזט הערען אין אונזער לאַנד“. איך פיהל מיך מאָדנע גרינג. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב פליעגלען: אָט הויב איך מיך אויף און פליה.

ו.

פון שטאָדט לאָזט זיך הערען אַ מאָדנער הילך. עס רוישט. עס קאָכט. עס זידט. ס'איז ערב־פּסח! אַ זעלטענער ערב פּסח. אַ ליכטיגער טאָג. אַ וואַרעמער אין־דרויסען.

אין מיינע אויגען בעקומט אין דער מינוט די גאַנצע וועלט גאָר אַיין אַנדער פּנים. אונזער הויף איז אַ שלאָס. אונזער שטוב איז אַ פּאַלאַץ. איך בין אַ פּרינץ. בוזי איז אַ פּרינצעסין. די קלעצער, וואָס ליגען אָנגעוואָרפען ביי דער שטוב, זענען טענענבוימער און בוקסענבוימער, וואָס ווערען דערמאַנט אין שיר־השירים. די קאַץ, וואָס ליגט ביי דער טהיר און וואַרעמט זיך אויף דער זון, איז פון די פעלד־אינדעןָ, פון די א י ל ו ת ־ ה ש ד ה, וואָס ווערען דערמאַנט אין שיר־השירים. דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט שוהל — דאָס איז דער ל ב נ ו ן, וואָס ווערד דערמאַנט אין שיר־השירים. די ווייבלעך און מיידלעך, וואָס שטעהען אין דרויסען און וואַשען און פּרעסען און כשר'ען אויף פּסח — דאָס זענען די טעכטער פון ירושלים, וואָס ווערען דערמאַנט אין שיר־השירים. אַלעס, אַלעס איז פון שיר־השירים.

— קבלה, נאַרעלע, איז אַזאַ זאַך, וואָס קומט צוניטץ. מיט קבלה קאָן איך מאַכען אַזוי, אַז איך זאָל דיך זעהן, און דו מיך נישט. מיט קבלה קאָן איך צאַפּען וויין פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנט. מיט קבלה קאָן איך מאַכען אַזוי, אַז מירביידע, אַזוי ווי מיר זיצען אָטאָ, זאָלען מיר זיך אויפהויבען ביז צו דער חמאַרע און נאָך העכער פון דער חמאַרע!...

ט.

אויפהויבען זיך אין דער הויך מיט בוזי'ן דורך קבלה ביז דער חמאַרע, און נאָך העכער פון דער חמאַרע, און אַוועקפליהען מיט איהר ווייט־ווייט, אויף יענער זייט אוקינוס, — דאָס איז געווען איינער פון מיינע בעסטע חלומות. דאָרט, אויף יענער זייט אוקינוס, הויבט זיך דאָך אָן דאָס לאַנד פון די קאַרליקעס, וואָס קומען אַרויס פון די גבורים פון דוד המלך'ס צייטען. די קאַרליקעס זענען דאָך בּטבע זעהר גוטע מענשעלעך. לעבען — לעבען זיי נאָר פון צוקערקעס מיט מאַנדעל־מילך, שפּיעלען גאַנצע טעג אויף קליינע פייפעלעך און טאַנצען אַלע אינאיינעם אַ „קאָראָהאָד", האָבען קיין מורא נישט פאַר קיין זאַך און האָבען ליעב געסט. פון אונז אַז עס קומט עמיצער צו פאָהרען, געבען זיי איהם עסען און טרינקען, שענקען איהם די טהייערסטע קליידער מיט אָהן אַ שיעור זילבערנע און גאָלדענע כלים, און פאַר'ן אַוועקפאָהרען שטו־פּען זיי איהם אָן פולע קעשענעס מיט דימענטען און מיט בריליאַנטען, וואָס וואַלגערען זיך ביי זיי, ווי, למשל, ביי אונז מיסט אויף דער גאַס.

— ווי מיסט אויף דער גאַס? נו?

אַזוי האָט מיר אַ מאָל אַ זאָג געטהאָן בוזי, אַז איך האָב איהר דערצעהלט פון די קאַרליקעס.

— דו גלויבסט נישט?

— און דו גלויבסט?

שלעכט ווארט אויף דער מאמע, נאר זי האלט נישט פון איהר. איך וויים דאס פאר געוויס. איך קאן נישט ליידען, אז בוזי זיצט פערזארגט. איך זעץ מיך אוועק נעבען איהר אויף די קלעצער און וויל איהר צעשלאגען די געדאנקען.

ח.

איך האלט די הענד אין די קעשענעס. קלינג מיט די נים און זאג צו איהר:

— טרעף, וואס איך קאן טהון, אז איך וויל?

— וואס קאנסט דו טהון?

— אז איך וויל, געהען איבער אלע דיינע נים צו מיר.

— וועסט זיי ביי מיר אפגעווינען?

— ניין. מיר וועלען אפילו נישט אנהויבען שפיעלען.

— וואס־זשע, וועסט זיי ביי מיר אוועקנעמען מיט געוואלד?

— ניין. זיי געהען אליין אריבער צו מיר.

זי הויבט אויף איהרע שענע אויגען אויף מיר. איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען.

איך זאג צו איהר:

— דו מיינסט, אפנים, אז איך טרייב קאטאוועס? איך האב, נארעלע, אזא שפרוך... איך זאג א פסוק...

זי עפענט אויף די אויגען נאך שטארקער. איך פיהל מיך גרויס. איך געב איהר צו פערשטעהן, ווי א גרויסער, ווי א העלד:

— מיר, יונגלעך, קאנען אלסדינג. ביי אונז אין חדר איז דא א חבר, שייקע דער בלינדער רופט מען איהם (ער איז א בלינדער אויף איין אויג), ווייסט ער אלסדינג. ס'איז גאר נישטא אזא זאך אויף דער וועלט, וואס שייקע זאל נישט ווסען. אפילו קבלה. ווייסט דו, וואס הייסט קבלה?

ניין. פון וואנען זאל זי וויסען? איך פיהל מיך אויפ'ן זיבעט־טען הימעל, וואס איך קאן איהר געבען א לעקציע וועגען קבלה.

מיר אויס, אז די זון איז פּלוצים פערפאלען געוואָרען. אויס זון. אויס טאָג. איך האָב מורא, אז איך האָב א ביסעל איבערגעחאַפּט די מאָס. איך האָב נישט בעדאַרפט אָנריהרען איהר וועהטיג — די מאַמע איהרע. איך האָב חרטה אויף דער מעשה. מע דאַרף עס פערגלעטען. מע דאַרף זיך מיט איהר איבערבעטען. איך רוק מיך צו צו איהר. זי קעהרט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעמען ביי דער האנד. איך וויל איהר זאָגען מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „ש ו ב י, ש ו ב י, ה ש ו ל מ י ת — קעהר זיך אום צו מיר, בוזי!..." פּלוצים הערט זיך א קול פון שטוב אַרויס:

— שימעק! שימעק?

שימעק — דאָס בין איך. דאָס רופט מיך מיין מאַמע, איך זאָל געהן מיט'ן טאַטען אין שוהל אריין.

יא.

דאָס געהן מיט'ן טאַטען אין שוהל אריין ערב־פּסח דאַוונען — וואָס קאָן שוין זיין א גרעסערער פערגעניגען? וואָס איז ווערטה דאָס אליין, וואָס מען איז אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז פוס שפּאָגעל־ניי, און ס'איז דאָ מיט וואָס צו בעווייזען זיך פאַר די חברים? היינט דאָס דאַוונען? דער ערשטער יום־טוב'דיגער מעריב? דער ערשטער יום־טוב'דיגער ברכו? אך! וויפיעל תענוגים דער גוטער גאָט האָט אָנגעגרייט פון אידישע קינדערס וועגען!

— שימעק! שימעק?

די מאַמע מיינע האָט קיין צייט נישט. „איך וועל געהן, איך וועל באלד געהן, אַטאָ געה איך! איך וויל נאָר זאָגען בוזי'ן צוויי ווערטער. מעהר נישט ווי צוויי ווערטער"...

און איך זאָג איהר צוויי ווערטער. איך בין זיך מודה פאַר איהר, אז דאָס, וואָס איך האָב איהר אָט ערשט געזאָגט, איז נישט אמת. מאַכען מיט קבלה אזוי, אז יענער זאָל פליהען — דאָס קאָן מען נישט. אליין — יאָ, איך אליין זאָל פליהען — דאָס קאָן איך.

— פאַר וואָס נישט?

— וואו האָסטו דו דאָס געהערט?

— וואָס הייסט, וואו? אין חדר.

— אַך! אין חדר?...

נידעריגער, נידעריגער לאָזט זיך אַראָפּ די זון און בעפאַרבט דעם הימעל מיט אַ רויטען פּאַס פון גין־גאָלד. דאָס גאָלד שיינט אָפּ אין בוזי'ס אויגען. זיי באָדען זיך אין גאָלד!

י.

מיר ווילט זיך זעהר, אַז בוזי זאָל נתפעל ווערען פון שייקעס מעטאָדע און פון די קונצען, וואָס איך קאָן מאַכען מיט קבלה. בוזי אָבער הויבט נישט אָן נתפעל צו ווערען. אדרבה, עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט. וואָס דען בעווייזט זי מיר אַלע איהרע פּערעלדיגע צייהנדלעך? עס הויבט מיך אָן פערדריסען און איך זאָג צו איהר:

— דו גלויבסט מיר אפשר נישט?

בוזי לאַכט.

— דו מיינסט אפשר, אַז איך באריהם זיך? אַז איך טראַכט אויס פון קאָפּ ליגענס?

בוזי לאַכט נאָך שטאַרקער. ע! וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך מיט איהר אָפּרעכענען! איך וויים שוין מיט וואָס. איך זאָג צו איהר:

— דער חסרון איז, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס הייסט קבלה. דו זאָלסט וויסען, וואָס קבלה איז, וואָלסטו דו אַזוי נישט געלאַכט. מיט קבלה, אַז איך וויל, קאָן איך אַראָפּברענגען אהער דיין מאַמע. יאָ־יאָ. און אז דו ווערסט מיך שטאַרק בעטען, ברענג איך דיר זי נאָך היינטיגע נאַכט, רייטענדיג אויף אַ שטעקען.

מיט אַ מאָל הערט זי אויף צו לאַכען. אַ וואָלקענדעל איז אי־בערגעלאָפען איבער איהר שען ליכטיג פּנים, און עס ווײַזט זיך

— וואָסער בת־מלכה?

אזוי זאָגט צו מיר בוזי, און עס דאַכט זיך מיר, אז זי איז דערשראָקען.

— די בת־מלכה — דאָס איז די שענע פּרינצעסין, וואָס מע האָט זי אויפגעהאַפּט פון אונטער דער חופה און מע האָט זי פאַר־כשופ'ט און אוועקגעפיהרט און אריינגעזעצט אין א קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, שוין זיעבען יאָהר...

— וואָס זשע געהער זיך עס אָן מיט דיר?

— וואָס הייסט, וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? איך דאַרף דאָך זי באַפרייען.

— דו דאַרפסט זי באַפרייען?

— ווער דען?

— מע דאַרף נישט פליהען אזוי ווייט. פאָלג מיך, מע דאַרף נישט!...

יג.

און בוזי נעמט מיך אָן ביי דער האַנד, און איך פיהל, ווי איהר קליין ווייס הענטעל איז קאַלט. איך קוק איהר אין די אויגען אריין און איך זעה, ווי עס שיינט זיך אָפּ אין זיי די גין־גאָלדענע זון, וואָס געזעגענט זיך מיט'ן טאָג, מיט'ן ערשטען ליכטיגען וואַ־רעמען ערב־פסח טאָג. ביסלעכווייז שטאַרבט אָפּ דער דאָזיגער טאָג. ווי א ליכט ווערד אויסגעלאָשען די זון. דער הילך, וואָס איז געשטאַנען דעם גאַנצען טאָג, ווערד פערשטאָרבען. מע זעהט שוין ניט כמעט קיין לעבעדיגען מענשען אויף דער גאַס. אין די פענסטער פון די הייזלעך בעווייזען זיך פייערלעך פון די יום־טוב־דיגע בענשליכט. א מאָדנע, א הייליגע שטילקייט רינגעלט אונז אַרום, מיך מיט בוזי'ן, און מיר פיהלען זיך פעסט צענויפגעגאָסען מיט דער דאָזיגער יום־טוב'דיגער שטילקייט.

— שימעק! שימעק?

און דאָס וועל איך איהר ווייזען. לאָז נאָר איבערגעהן דער יום־טוב, אזוי מאַך איך די ערשטע פּרוב. איך וועל זיך אויפהויבען פאר איהר אין די אויגען, אָט דאָ אויף דעם אָרט, וואו די קלעצער ליגען, און וועל אין איין מינוט זיין שוין אויף יענער זייט חמארע. פון דאָרט וועל איך זיך נעמען רעכטס, אהינצו־אָ — זעהסט דו? — דאָרט ענדיגט זיך אַלסדינג און עס הויבט זיך שוין אָן דער ים־הקרח.

יב.

בוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ. די זון שיקט איהרע לעצטע שטראַהלען, צעקושט זיך מיט דער ערד.

— וואָס הייסט דאָס ים־הקרח? — פרעגט מיך בוזי.

— ים־הקרח ווייסט דו נישט? ים־הקרח הייסט דער פערגליווערטער ים. דאָס וואַסער איז געדיכט אזוי ווי לעבער און געזאַלצען אַזוי ווי ליאָג. קיין אָקרעגטען געהען נישט אויף איהם, און מענשען, אז זיי חאַפּען זיך אהין אריין, קאָנען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאָל.

בוזי קוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגען.

— למאי זשע זאָלסט דו געהן אהין?

— איך געה דען, נאַרעלע? איך פליה דאָך. איך פליה פון אויבען, אזוי ווי איין אָדלער. אין עטליכע מינוט בין איך דאָך שוין ווידער אויף דער יבשה. דאָרט הויבען זיך אָן די צוועלף הויכע בערג, וואָס שפּריצען מיט פייער, און אויפ'ן צוועלפטען באַרג, סאַמע ביי'ם שפּיץ, שטעל איך זיך אָפּ און געה צו־פוס זיעבען מייל, ביז איך קום צו אַ געדיכטען וואַלד. נאָכדעם געה איך וואַלד־איין, וואַלד־אויס, ביז איך קום־צו צו אַ קליין וואַסערעל. דאָס וואַסערעל שווים איך אַריבער און צעהל אָפּ זיעבען מאָל זיעבען, וואַכסט אויס פאַר מיר איין אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגען באָרד און פרעגט מיך: „וואָס איז דיין באַגעהר?“ זאָג איך איהם: „פיהר מיך אָפּ צו דער בת־מלכה“.

צווייטער טייל.

מיר רייסען גרינס.

א.

— גיכער, בוזי, גיכער! — זאָג איך צו בוזי'ן א טאָג פאר שבועות און נעם זי פאר א האַנד, און מיר לאָזען זיך האַסטיג באַרג אַרויף. — דער טאָג שטעהט נישט, נאַרעלע. מיר דאַרפען דורכגעהן אַזאַ באַרג, און נאָכ'ן באַרג האָבען מיר נאָך א טייכעל. איבער'ן טייכעל געהט א קלאַדקע פון ברעטער, הייסט עס „דאָס בריקעל". דאָס טייכעל לויפט, די זשאַבעס קוואַקען, די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און ערשט דאָרט, אויף יענער זייט ברי־קעל — דאָרט איז ערשט דער אמת'ער גן־עדן, בוזי! דאָרט ערשט הויבען זיך אָן מיינע מאַיאָנטקעס.

— דיינע מאַיאָנטקעס?

— מיין איך, די „לעוואַדע". א גרויס פעלד, וואָס ציהט זיך, ציהט זיך אָהן א סוף, אָהן א ברעג. מיט א גרינער קאָלדרע איז דאָס איבערגעצויגען. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז דאָס בע־שפּרענקעלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז דאָס בעצוויקעלט. און ריחות זאָלסט דו הערען דאָרטען — די שענסטע בשמים פון דער וועלט! און בוימער האָב איך דאָרטען, אָהן א שיעור בוימער, הויכע, צווייגענדיגע בוימער. און א בערגעל האָב איך מיר דאָרט, וואָס איך זיץ אויף דעם. וויל איך, זיץ איך מיר. וויל איך, הויב איך מיך אויף דורכ'ן „שם־המפורש" און פליה מיר, ווי איין אָד־לער, העכער פון דער חמאַרע. איבער פעלדער און וועלדער, איבער ימים און מדבריות, ביז איך קום אויף יענער זייט הרי־חושך...

— און פון דאָרטען — שלאָגט מיך איבער בוזי — געהסט דו צו פוס זיעבען מייל, ביז דו קומסט צו א וואַסערעל.

— ניין, צו א געדיכטען וואַלד... פריהער געה איך וואַלד־איין, וואַלד־אויס, און ערשט נאָכדעם קום איך צו א וואַסערעל...

יד.

דאָס דריטע מאָל שוין, אַז די מאַמע רופט מיך, איך זאָל געהן מיט׳ן טאַטען אין שוהל אריין. ווייס איך דען אליין נישט, אַז מע דאַרף געהן אין שוהל אריין? איך וועל דאָ זיצען נאָך אַ מינוט, איין מינוט, נישט מעהר. דערהערט בוזי, אַז מע רופט מיך, רייסט זי אַרויס איהר האַנד, חאַפּט זיך אויף און טרייבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאָס, דיך. געה־געה. שוין צייט. געה־געה.

איך קלויב מיך געהן. אויסגעבלאָזען האָט דער טאָג. אויס־געלאָשען האָט די זון. פונ׳ם גאָלד איז געוואָרען בלוט. אַ ווינ־טעלע האָט אַ בלאָז געטהאָן, אַ גרינגס, אַ קיהלס. בוזי טרייבט מיך, איך זאָל געהן. איך וואַרף אויף איהר דעם לעצטען בליק. גאָר נישט די בוזי, וואָס פריהער. איין אַנדער פּנים מיט איין אַנדער חן בעקומט זי אין מיינע אויגען אינ׳ם דאָזיגען פער׳כשופ׳טען אָבענד. „די פער׳כשופ׳טע פּרינצעסין" — פליהט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. בוזי לאָזט מיך אָבער נישט לאַנג מיט מיינע געדאַנקען. זי טרייבט מיך, זי טרייבט מיך, איך זאָל געהן. איך לאָז מיך געהן און קוק מיך אום צוריק אויף דער פער׳כשופ׳טער פּרינצעסין, וואָס האָט זיך איינגאַנצען צענויפגעגאָסען מיט׳ן דאָ־זיגען פער׳כשופ׳טען פּסח־אָבענד, און איך בלייב שטעהן אַ פער׳כשופּ־טער. ווייזט זי מיר אָבער מיט דער האַנד. איך זאָל געהן! איך זאָל געהן!... און עס מאַהלט זיך מיר אויס, אַז איך הער איהר קול, ווי זי זאָגט צו מיר מיט׳ן לשון פון שיר־השירים:

— ב ר ח ד ו ד י — אַנטלויף, מיין געליעבטער! ו ד מ ה ל ך ל צ ב י — און זיי געגליכען צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד אויף די בשמים־בערג!...

איין מאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה. מיר זענען געבליבען אַליין, אַליין אין צווייען איבער דער גאַנצער שטוב. פאַרנאַכטליך איז דאָס געווען. פינסטערליך שוין. דער טאַטע איז געגאַנגען אין שוהל זאָגען קדיש נאָך מיין ברודער בעני, און די מאַמע — נאָך שוועבעלעך. איך און בוזי האָבען זיך פערשלאָגען אין אַ ווינ־קעלע און איך דערצעהל איהר מעשיות. בוזי האָט ליעב, אַז איך דערצעהל איהר מעשיות. שענע מעשיות פונ׳ם חדר, מעשיות פון טויזענד איין נאַכט. זי רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָהענט. איהר האַנד איז אין מיין האַנד.

— דערצעהל, שימעק, דערצעהל.

שטיל לאָזט זיך אראָפּ די נאַכט. פּאַוואָלי קלעטערען אויף די ווענד די שאָטענס, ציטערען, פּויזשען אויף דער ערד און צעקריכען זיך. קוים־קוים וואָס מיר זעהען זיך. נאָר איך פיהל, איהר הענטעל ציטערט, און איך הער, איהר הערצעל קלאַפּט, און איך זעה, איהרע אויגען אין דער פינסטער גלאַנצען. פּלוצי רייסט זי אַרוים איהר האַנד פון מיין האַנד. „וואָס איז, בוזי?“ „מע טאָר נישט“. „וואָס טאָר מען נישט?“ „האַלטען זיך ביי די הענד“. „פאַר וואָס? ווער האָט דיר געזאָגט?“ „איך וויים אַליין“. „מיר זענען דען פרעמדע? מיר זענען דען נישט שוועסטער און ברודער?“ „ע! ווען מיר זאָלען זיין שוועסטער און ברודער!“... — ציהט אוים בוזי, און עס הערט זיך מיר אין איהרע ווערטער דאָס לשון פון שיר־השירים: „מ י י ת נ ך כ אָ ח ל י — פאַר וואָס ביזט דו נישט מיר אַ ברודער?“

תמיד אַזוי. רעד איך פון בוזי׳ן, דערמאָן איך מיך אין שיר־השירים.

ג.

וואו זשע האַלטען מיר? ערב־שבועות. מיר לויפען באַרג־אַראָפּ. פריהער בוזי, נאָכדעם איך. בוזי איז אויף מיר ברוגז

— דאָס וואַסערעל שווימסט דו אַריבער און צעהלסט אָפּ זיעבען מאָל זיעבען...

— וואַכסט אויס פאַר מיר איין אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגען באָרד...

— פרעגט ער דיך: „וואָס איז דיין באַגעהר?"

— זאָג איך איהם: „פיהר מיך אָפּ צו דער בת־מלכה"...

בוזי רייסט אַרויס איהר האַנד פון מיין האַנד און לאָזט זיך לויפען באַרג אַראָפּ. איך לויף איהר נאָך.

— בוזי, וואָס לויפסט דו אַזוי?

בוזי ענטפערט נישט. זי איז ברוגז. זי האָט פיינט די בת־מלכה. אַלע מעשיות האָט זי ליעב, נאָר נישט די בת־מלכה...

ב.

ווער בוזי איז — דאַרפט איהר געדענקען. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט. נאָר טאָמער האָט איהר פערגעסען, חזר איך אייך איבער נאָך אַמאָל.

איך האָב געהאַט איין עלטערען ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרען. נאָך איהם איז געבליבען אַ וואַסער־מיהל, אַ יונגע אַלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיהל אָפּגעלאָזט. די פערדלעך פערקויפט. די אַלמנה האָט חתונה גע־האַט ערגיץ ווייט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונז. דאָס איז געווען בוזי.

חאַ־חאַ־חאַ! אַלע מיינען, אַז איך און בוזי זענען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מיין טאַטען רופט זי טאַטע. מיין מאַמען רופט זי מאַמע. און מיר צווישען זיך לעבען, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און האָבען זיך ליעב, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער? פאַר וואָס זשע שעהמט זיך פאַר מיר בוזי?

— אי, ביזט דו, בוזי, א... וואס האסט דו מורא, נארעלע? האלט זיך אן אן מיר, אדער געב, לאם איך דיך ארומנעמען. איך דיך און דו מיך. זעהסט דו? אט אזוי. אט אזוי.

אוים בריקעל.

און אזוי ווי מיר האבען זיך ארומגענומען, אזוי געהען מיר שוין אין צווייען, איינע אליין איבער דעם דאזיגען גן־עדן. בוזי האלט זיך אן מיר שטארק, זעהר שטארק. זי שווייגט. נאר עס דאכט זיך מיר, אז זי זאגט צו מיר מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „א נ י ל ד ו ד י ו ד ו ד י ל י — איך בין דיינע און דו ביזט מיינער“...

די לעוואדע איז גרויס. זי ציהט זיך אהן א סוף, אהן א ברעג. מיט א גרינער קאלדרע איז זי איבערגעצויגען. מיט געלינקע שפרענקעלעך איז זי בעשפרענקעלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי בעצוויקעלט. און ריחות שמעקען דא, די שענסטע בשמים פון דער וועלט! און מיר געהען ביידע ארומגענומען, איינע אליין, אין צווייען, אינ'ם דאזיגען גן־עדן.

— שימעק! — זאגט מיר בוזי און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין און רוקט זיך צו צו מיר נאך נעהענטער. — ווען וועלען מיר אנהויבען רייסען גרינס אויף שבועות?

— דער טאג איז נאך געננג גרויס, נארעלע! — זאג איך צו איהר און איך ברען. איך וויים נישט, וואוהין זאל איך קוקען פריהער: צי אין דער יארמעלקע פונ'ם בלאהען הימעל? צי אויף דער גרינער קאלדרע פונ'ם ברייטען פעלד? צי אהין, אין עק וועלט אריין, דארטען, וואו דער הימעל געהט זיך צענויף מיט דער ערד? צי אין בוזי'ס ליכטיג פנים זאל איך אריינקוקען, אין בוזי'ס שענע גרויסע אויגען, וואס ווייזען מיר אוים טיעף, ווי דער הי־מעל, און פערטראכט, ווי די נאכט? תמיד זענען איהרע אויגען פערטראכט. א טיעפער זארג ליגט אין זיי פערבארגען. מיט א שמילען טרויער זענען זיי איבערגעצויגען. איך וויים איהר זארג,

פאַר דער בת־מלכּה. אַלע מעשׂיות האָט זי ליעב, נאָר נישט די בת־מלכּה. בוזי'ס ברוגז זיין, איהר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבען, דויערט נישט אַפילו אַזוי פיעל, ווי איך רעד צו אייך. אָט קוקט זי שוין ווידער אויף מיר מיט איהרע גרויסע ליכטיגע פערטראַכטע אויגען. פערוואָרפט די האָר אַרונטער און זאָגט צו מיר:

— שימעק! אוי, שימעק! טהו נאָר אַ קוק. זעה אַ הימעל. דו זעהסט גאָר נישט וואָס אין דרויסען טהוט זיך!

— איך זעה, נאַרעלע. וואָס דען, איך זעה נישט? איך זעה אַ הימעל, איך פיהל אַ וואַרעם ווינטעלע, איך הער פויגעלעך פּיש־טשען און צוויטשען און טראָגען זיך איבער אונזערע קעפּ. דאָס איז אונזער הימעל, אונזער ווינטעלע, אונזערע פויגעלעך — אַלס־דינג איז אונזערס, אונזערס, אונזערס! געב אַהער דיין האַנד, בוזי!...

ניין. זי גיט מיר נישט די האַנד. זי שעהמט זיך. לאַמאי שעהמט זיך פאַר מיר בוזי? לאַמאי איז זי רויט געוואָרען?

— דאָרטען — זאָגט מיר בוזי און לויפט פאַראויס — דאָרטען, אויף יענער זייט בריקעל... און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז זי רעדט צו מיר מיט'ן לשון פון שולמית, וואָס אין שיר־השירים: „ל כ ה ד ו ד י — קום, טהייערער! לאָמיר געהן אין פעלד אַרויס! לאָמיר נעכטיגען אין די דערפער! לאָמיר זיך פעדערען אין די וויינגערטנער! לאָמיר זעהען, אויב דער וויינשטאָק בליהט? אויב דער וויינצווייג האָט זיך פאַנאַנדער־גענומען? אויב די מילגראָמען שפּראָצען?“...

און אָט זענען מיר ביי'ם בריקעל.

ה.

דאָס טייבעל לויפט, די זשאַבעס קוואַקען און די ברעטער שאָק־לען זיך, הוידען זיך, און בוזי ציטערט.

רען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר און אָוועקוואַרפען אַ קינד, נישט אַריינשרייבען קיין בריוועל אפילו! היתכן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזא רציחה?!...

ז.

אומזיסט האָב איך מיך אַזוי צעפּלאַקערט. איך האָב חרטה, ווי הינט עסען מיך. נאָר ס'איז שוין פאַרפאַלען. בוזי האָט פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד. זי וויינט? איך וואָלט געגומען און צעריסען זיך אַליין אויף שטיקלעך! צו וואָס האָט מיר געטויגט אָנריהרען איהר וועהטיג — די מאַמע איהרע? שטיל אין האַרצען ביי זיך רוף איך מיך אָן מיט אַלע מיאוס'ע נעמען: „פערד! בהמה! אָכס! קאַלב! לעקיש! לאַנגע צונג!"... איך רוק מיך צו צו איהר. איך נעם זי אָן ביי דער האַנד: „בוזי! בוזי!" איך וויל איהר זאָגען מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „ה ר א י נ י א ת מ ר א י ך — לאָז מיך זעהן דיין פּנים, ה ש מ י ע י נ י א ת ק ו ל ך — לאָז מיך הערען דיין שטים"...

פלוצים... פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַהער דער טאַטע מיט דער מאַמע?

ח.

דעם טאַטענס זילבערנע ברילען גלאַנצען פון דער ווייטען. די זילבערנע פעדים פון זיין זילבער־באָרד האָבען זיך צעלאָזט אויפ'ן ווינטעל. און די מאַמע מאַכט צו אונז פון דער ווייטען מיט דער פעטשיילע. מיר ביידע, איך און בוזי, זענען געבליבען זיצען, ווי געלעהמט. וואָס טהוען דאָ טאַטע־מאַמע?

דאָס זענען זיי געקומען צו אונז אַהער, געוואָהר ווערען, וואָס מיר מאַכען. צי האָט זיך ניט געטראָפען מיט אונז, חס־ושלום,

מיר איז בעקאַנט איהר טרויער. זי טראָגט אַ גרויסען וועהטיג אין הארצען. אַ פערדראָס אויף איהר מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ פרעמדען טאַטען און איז אַוועקגעפאָהרען פון איהר אויף שטענדיג, אויף אייביג, גלייך ווי זי וואָלט איהר אָנגעקעהרט אַ פרעמדע. אין שטוב טאָר איהר מוטער׳ס נאָמען נישט דערמאַנט ווערען, גלייך ווי זי וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געהאַט קיין מאַמע. מיין מאַמע — דאָס איז איהר מאַמע. מיין טאַטע — דאָס איז איהר טאַטע. און זיי האָבען זי ליעב, ווי אַיין אייגען קינד, ציטערען איבער איהר, געבען איהר נאָך, וואָס אָיהר הארץ געלוסט. נישטאָ קיין צו טהייערס פאַר בוזי׳ן. בוזי האָט געזאָגט, אַז זי וויל געהן מיט מיר אָנרייסען גרינס אויף שבועות (דאָס האָב איך זי אַרויפגעפיהרט דערויף), האָט דער טאַטע אַ זאָג געטהאָן צו דער מאַמע: „ווי מיינסט דו?“ און בעת מעשה האָט ער אַריבערגעקוקט אַריבער די זילבערנע ברילען און געגלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער־באָרד. און עס געהט אַוועק אַ שמועס צווישען טאַטע־מאַמע וועגען אונזער געהן אַליין הינטער דער שטאָדט ארוים אָנרייסען גרינס אויף שבועות:

ד ע ר ט אַ ט ע: וואָס זאָגסט דו?
ד י מ אַ מ ע: וואָס זאָגסט דו?
ד ע ר ט אַ ט ע: זאָל מען זיי לאָזען געהן?
ד י מ אַ מ ע: פאַר וואָס זאָל מען זיי נישט לאָזען געהן?
ד ע ר ט אַ ט ע: איך זאָג דען, אַז ניין?
ד י מ אַ מ ע: וואָס זשע דען זאָגסט דו?
ד ע ר ט אַ ט ע: איך זאָג נאָר, צי זאָלען זיי געהן?
ד י מ אַ מ ע: פאַר וואָס זאָלען זיי נ י ש ט געהן?

און אַזוי ווייטער. איך וויים, וואָס זיי קוועטשט. אפשר צוואַנציג מאָל זאָגט מיר אָן דער טאַטע, און נאָכ׳ן טאַטען אויך די מאַמע, אַז דאָרט איז דאָ אַ בריקעל, און אונטער׳ן בריקעל איז דאָ אַ וואַסער — אַ טייכעל, אַ טייכעל, אַ טייכעל...

דריטער טיול.

אין דער דאָזיגער נאַכט.

א.

„לבני היקר מוהר"ר...

„איך שיק דיר 00 רו"כ און בעט דיך, מיין זוהן, זאָלסט מיר טהון צוליעב און קומען צו פאָהרען אַהיים אויף פסח. עס איז מיר אַ בזיון פאַר דער וועלט אויף מיינע עלטערע יאָהרען. מע האָט איין שטיקעל זוהן אַ בן־יחיד, און מען איז ניט זוכה איהם צו זעהן. אויך די מאַמע בעט דיך רחמים, אז דו זאָלסט למען־השם קומען צו פאָהרען אויף פסח. און זיי וויסען, אז בוזי'ן קומט מזל־טוב. זי איז למזל אַ כלה געוואָרען. אם־ירצה־השם, שבת נאָך שבועות איז די חתונה.

ממני אביך..."

— — — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָס שרייבט צו מיר מיין טאַטע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי שארף. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, פון זינט מיר זענען זיך צעגאַנגען. און צעגאַנגען זענען מיר זיך מיט'ן טאַטען שטיל, נישט געקריעגט זיך. איך האָב וויעדערשפּעניגט זיין געבאָט, נישט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען. געגאַנגען מיין אייגענעם וועג — זיך אָוועקגעלאָזט לערנען. פריהער איז ער געוועזען ברוגז, געזאָגט, אז ער וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין, סיידען ער וועט ליגען אויפ'ן טוידטען־בעט. דערנאָך האָט ער מיר מוחל געוועזען. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעהויבען שיקען געלד: „איך שיק דיר 00 רו"כ און עס לאָזט דיר גריסען די מאַמע גאָר פריינדליך". קורצע, טרוקענע בריעף. אויך מיינע בריעף צו איהם זענען געוועזען קורצע, טרוקענע בריעף: „דיין בריעף מיט די 00

עפּים איין אומגליק? אַ קשיא אויף אַ מעשה — אַ בריקעל, אַ וואַ־
סער, אַ טייכעל, אַ טייכעל, אַ טייכעל...

מאַדנע טאַטע־מאַמע!

— און וואו איז אייער גרינס?

— וואָסער גרינס?

— דאָס גרינס, וואָס איהר זענט געגאַנגען אָנרייסען אויף
שבועות?...

מיר ביידע, איך און בוזי, קוקען זיך איבער. איך פערשטעה
איהרע אויגען. איך פערשטעה איהר קוק. און עס דאַכט זיך מיר,
אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו מיר מיט'ן לשון פון שיר־השירים:

„מ י י ת נ ך כ אָ ח ל י — אָ, ווען דו ביזט מיר אַ ברו־
דער!... פאַר וואָס ביזט דו מיר נישט קיין ברודער?"...

— — — — — — — — — — — — — — —

— מילא, גרינס אויף שבועות וועט שוין מסתמא ווי עס איז
זיין. — זאָגט דער טאַטע מיט אַ שמייכעל, און די זילבערנע פעדעם
פון זיין זילבער־באָרד גלאַנצען אָפּ אין די ליכטיגע שטראַהלען פון
דער גינגאָלדענער זון. — אבי, געלויבט דער אויבערשטער, די קינ־
דער זענען געזונד און ס'איז זיי חלילה קיין זאַך נישט געשעהען.

— געלויבט איז גאָט! — ענטפערט איהם די מאַמע און ווישט
זיך אויס דער פעטשיילע דאָס רויטע פערשוויצטע פנים. און ביידע
קוועלען זיי אָן, ווערען ברייטער ווי לענגער.

מאַדנע, מאַדנע טאַטע־מאַמע!

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז בוזי.

און שען איז בוזי, ווי די שענע שולמית, וואָס פון שיר־השירים. אַלע מאָל, ווען איך האָב געזעהען בוזי׳ן, האָב איך מיך געמוזט דערמאָנען אין דער שולמית, וואָס פון שיר־השירים. און אַלע מאָל, ווען איך האָב געלערענט אין חדר דעם שיר־השירים, איז מיר גע־קומען אַקעגען בוזי.

איהר נאָמען איז פערצויגען פון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. מיט מיר אינאיינעם איז זי געוואַכסען. מיין טאַטען רופט זי טאַ־טע. מיין מאַמען רופט זי מאַמע. אַלע האָבען געמיינט, אַז מיר זענען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבען זיך ליעב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פלעגען מיר זיך פערקלויבען אין אַ ווינקעלע, און דאָרט פלעג איך איהר דערצעהלען בבא־מעשיות פון חדר, פון מיין חבר שייקע, וואָס ווייסט אַלסדינג, אפילו קבלה. דורך קבלה, האָב איך איהר געזאָגט, קאָן איך מאַכען קונצען: צאַ־פּען וויין פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנד. מיט קבלה, האָב איך איהר געזאָגט, קאָן איך מאַכען אַזוי, אַז מיר ביידע זאָלען זיך אויפהויבען ביז דער חמארע, און נאָך העכער פון דער חמארע. אָך, האָט זי ליעב געהאַט האָרכען פון מיר מעשיות! איין מעשה נור האָט בוזי פיינט געהאַט פון מיר צו האָרכען: פון אַ בת־מלכה, פון אַ פּרינצעסין, וואָס מע האָט זי פער׳כשופ׳ט, אויפגע־חאַפּט פון אונטער דער חופּה און אריינגעזעצט אין אַ קרישטאָלע־נעם פּאַלאַץ אויף זיעבען יאָהר, און איך פליה זי אויסלייזען!... אַלסדינג האָט בוזי ליעב געהאַט צו הערען, נאָר ניט פון קיין פער׳־כשופ׳טער בת־מלכה, וואָס איך זאָל דאַרפען פליהען זי אויסלייזען. „מע דאַרף ניט פליהען אַזוי ווייט, פאָלג מיך, מע דאַרף נישט!“... אַזוי האָט געזאָגט צו מיר בוזי, אַוועקגעשטעלט אויף מיר איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען.

אָט דאָס איז בוזי.

רו״כ האָב איך מקבל געווען און לאָז גריסען דער מאַמען גאָר פריינדליך״.

קאַלט, מורא׳דיג קאַלט זענען געווען אונזערע ביידענס בריוו־לעך. ווער האָט צייט געהאַט דאָס צו בעמערקען אין דער וועלט פון חלומות, וואו איך האָב מיך געפונען? נאָר דעם טאַטענס בריעף אצינד האָט מיך אויפגעוועקט. ניט אזוי דעם טאַטענס קלאָגען זיך, וואָס ס׳איז איהם אַ בזיון פאַר דער וועלט (איך בין מיך מודה). און ניט אזוי דער מאַמעס בקשה, וואָס זי בעט רחמים — קיין זאַך האָט מיך אזוי ניט גענומען (איך בין מיך מודה), ווי די עטליכע ווערטער: „און זיי ווייסען, אז בוזי׳ן קומט מזל־טוב״...

בוזי — אָט די בוזי, וואָס איהר גלייכען איז ניטאָ אין ערגיץ ניט, סיידען אין שיר־השירים. אָט די בוזי, וואָס איז איינגעקניפּט און אויסגעבונדען מיט מיינע יונגע יאָהרען. אָט די בוזי, וואָס איז אַלע מאָל געווען די פער׳כשופ׳טע בת־מלכה פון אַלע מיינע וואונדערליכע בבא־מעשיות, די שענסטע פרינצעסין פון מיינע גאָלדענע חלומות — אָט די בוזי איז איצט אַ כלה? עמיצענס, ניט מיינע?!...

ב.

ווער איז בוזי? — אַך, איהר ווייסט ניט, ווער בוזי איז? איהר האָט פערגעסען? איך מוז אייך נאָך אַ מאָל איבערדער־צעהלען איהר ביאָגראַפיע אין קורצען, און מיט דעם אייגענעם לשון, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט אמאָל, מיט יאָהרען צוריק.

איך האָב געהאַט איין עלטערען ברודער — בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרען. נאָך איהם איז פערבליבען אַ וואסער־מיהל, אַ יונגע אלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיהל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פערקויפט. די אלמנה האָט חתונה גע־האַט און איז אַוועקגעפאָהרען ערגיץ ווייט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונז אין שטוב אריין.

קלעצער, מיט די ברעטער, וואָס ליגען אָנגעוואָרפען ביי אונזער שטוב, איז שוין נישט מעהר טענענבוימער און בוקסענבוימער. די קאָץ, וואָס ליגט ביי דער טהיר און וואַרעמט זיך אויף דער זונן, איז שוין נישט מעהר פון די פעלד־אינדען, וואָס בעגעגענען זיך אין שיר־השירים. דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט שוהל, איז שוין ניט מעהר דער לבנון. ניט מעהר פון די בשמים־בערג... די ווייב־לעך און מיידלעך, וואָס שטעהען אין דרויסען און וואַשען און פּרע־סען און רייניגען און כשר׳ען אויף פּסח, זענען שוין ניט מעהר די טעכטער פון ירושלים, וואָס ווערען דערמאָנט אין שיר־השירים... וואו איז אהינגעקומען מיין אַמאָליגע יונגע, פרישע, קלאָרע, ליב־טיגע, מיט בשמים שמעקענדיגע שיר־השירים־וועלט?...

ד.

איך האָב געטראָפען מיין היים פּונקט אַזוי, ווי איך האָב זי איבערגעלאָזט מיט יאָהרען צוריק. נישט פערענדערט אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּען. דער טאַטע — ווי געוועזן. נאָר זיין זילבער־באָרד איז געוואָרען עטוואָס נאָך מעהר געזילבערט. זיין ברייטער ווייסער געקנייטשטער שטערן — נאָך עטוואָס מעהר געקנייטשט. אַפּנים, פון דאגות...

אויך די מאַמע — ווי געוועזן. נאָר דאָס רויטע פּנים איז גע־וואָרען געלבליך. און דאַכט זיך מיר, אַז קלענער איז זי געוואָרען אין וואוכס. און אפשר ווייזט זיך מיר אויס, דערפאַר ווייל זי האָט זיך אַביסעל איינגעבויגען, איינגעבויגען צו דער ערד? און די אויגען זענען איהר רויטליך און מיט קישעלעך, ווי אונטערגעשוואָ־לען. שוין זשע פון געוויין?...

אויף וואָס האָט געוויינט מיין מאַמע? אויף וועמען? אויף מיר, איהר בן־יחיד, וואָס איך האָב ניט געוואָלט פאָלגען דעם טאַ־טען און האָב וויעדערשפּעניגט זיין געבאָט, נישט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען, געגאַנגען מיין אייגענעם וועג, זיך אָוועקגעלאָזט לער־

איצט שרייבט מען מיר, אז עס קומט איהר מזל־טוב. זי איז אַ כלה געוואָרען. בוזי איז אַ כלה. עמיצענס אַ כלה. עמיצענס, ניט מיינע! האָב איך מיך אָוועקגעזעצט און אָפּגעענטפערט דעם טאַטען מיט אַ בריעף:

„לכבוד אבי היקר מוהר"ר...

„דיין בריעף מיט די 00 רו"כ האָב איך מקבל געווען. אין עט־ליכע טעג אַרום, ווי נור איך ווער פאַרטיג, אַזוי קום איך צו פאָהּ־רען. אויף די ערשטע טעג פסח, אָדער אויף די אַנדערע — נאָר זיין וועל איך. איך לאָז גריסען דער מאַמען גאָר פריינדליך. און בוזי'ן — מזל־טוב. איך ווינש איהר גליק...

ממני בנך..."

ג.

ס'אַ ליגען. נישט איך האָב געהאַט מיט וואָס פאַרטיג צו ווערען. נישט איך האָב געדאַרפט וואַרטען עטליכע טעג. דעם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב בעקומען פון'ם טאַטען דעם דאָזיגען בריעף און געענטפערט מיט מיין בריעף, האָב איך מיך אויפגעזעצט און בין געפלויגען אהיים און בין געקומען צו פליהען פונקט דעם טאָג, וואָס ערב יום־טוב. אין אַ וואַרעמען ליכטיגען ערב פסח'יגען טאָג.

און האָב געטראָפען מיין שטעדטעל פונקט אַזוי, ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. נישט פערענדערט אויף אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּען. די אייגענע שטאָדט. די אייגענע מענשען. דער אייגענער ערב־פסח'יגער אין־דרויסען מיט'ן אייגענעם ערב־פסח'יגען טאַרעראַם.

איין זאַך נור האָט געפעהלט: דער שיר־השירים. ניין. עס איז שוין נישט מעהר שיר־השירים'דיג, ווי ס'איז געווען אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. אונזער הויף איז שוין נישט מעהר שלמה המלך'ס וויינגאָרטען, וואָס אין שיר־השירים. דאָס האָלץ מיט די

איהר אָפּגעבען מזל־טוב.

— מזל־טוב דיר, בוזי!

— מיט מזל זאָלסט דו לעבען.

און מעהר ניט. פרעגען זי — קאָן מען ניט. רעדען מיט איהר — איז ניטאָ וואו. עס לאָזט מיך ניט דער טאַטע. עס לאָזט מיך ניט די מאַמע. עס לאָזען מיך ניט די קרובים, די משפחה, די שכנים, וואָס קומען אריין מיך מקבל־פּנים זיין. דער אריין, דער ארויס. אַלע שטעהען ארום מיר. אַלע בעטראַכטען מיך, ווי אַ בער, ווי אַ מאָדנע בעשעפעניש פון איין אַנדער וועלט. אַלע ווילען מיך זעהען און הערען, וואָס איך מאַך און וואָס איך טהו — אַזאַ צייט ניט געזעהען זיך!

— דערצעהל זשע אונז עפּיס נייעס: וואָס האָסט דו געזעהען, וואָס האָסט דו געהערט?

און איך דערצעהל זיי נייעס, וואָס איך האָב געזעהען און וואָס איך האָב געהערט. און איך קוק בעת מעשה אויף בוזי'ן. איך זוך איהרע אויגען און בעגעגען מיך מיט איהרע אויגען. מיט איהרע גרויסע, טיפע, פערזאָרגטע, שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. נאָר איהרע אויגען זענען שטום, ווי איהרע ליפּען, ווי זי אַליין. גאָרניט זאָגען מיר איהרע אויגען. גאָלע גאָרניט. און עס קומט מיר אָקעגען, ווי אַמאָל, דער שיר־השירים, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק: „גן נעול אחותי כלה — אַ גאָרטען אַ פערשלאָסענער איז מיין שוועסטער די כלה. אַ גאָרטען אַ פערשלאָסענער, אַ קוואַל אַ פערזיגעלטער"...

ו.

און אַ שטורם הויבט זיך אויף ביי מיר אין קאָפּ, און אַ פייער אין הארצען. אַ פייער — ניט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין. אויף זיך און אויף יענע חלומות, נאַררישע, יונגעלשע, גאָלדענע חלומות, וואָס צוליעב זיי האָב איך פערלאָזען טאַטע־מאַמע. צו־

נען און אזוי לאנג אין דער היים נישט געווען? צי אויף בוזי'ן ווײנט מײן מאמע, וואס האט חתונה שבת נאך שבועות?...

אך, בוזי! אויך זי האט זיך אויף קײן האר ניט פערענדערט. ניט געמינערט א טראפען. אויסגעוואכסען איז זי נור. אויסגע־וואכסען און שענער געווארען. נאך שענער, ווי ווען ס'ניט איז אמאל. הויך און שלאנק און רײף און מלא חן. אויגען — די זעלבע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. נאר מעהר פערטראכטע, ווי אמאל פערטראכטע, פערטיעפטע, פערזארגטע, שענע, בלויע שיר־השירים־אויגען. און א שמײכעל אויף די ליפען. און פרײנדליך, און ליעב, און היימיש, און צוגעלאזט, און שטיל, ווי א טויב, צנועה'דיג־שטיל.

קוק איך אויף בוזי'ן, דערמאן איך מיך אן יענער בוזי, וואס אמאל. דערמאן איך מיך אן איהרע נאר־וואס אויפגענײהטע יום־טוב'דיגע קלײדלעך, וואס די מאמע האט איהר דעמאלט אויפגע־נײהט אויף פסח. דערמאן איך מיך אן איהרע נײע קלײנע יום־טוב'דיגע שיכלעך, וואס דער טאטע האט איהר דעמאלט געקויפט אויף פסח. און דערמאן איך מיך אן יענער בוזי, וואס אמאל, אזוי קומט מיר ניט־ווילענדיג דאס לאנג־פערגעסענע שיר־השירים ווידער א מאל, א פסוק נאך א פסוק: „אויגעלעך ווי טײבעלעך, הערעלעך ווי ציעגעלעך, גליטשען זיך בארג־אראפ... צײהנדעלעך — ווײסע שעפעלעך, נאר־וואס פון טײך ארויס, אײנס און אײנס. שנירעלעך — איהרע ליפען. אז זי רעדט, איז צוקער־זיס“...

איך קוק אציגד אויף בוזי'ן, און עס ווערד שוין אלעס ווידער שיר־השירים'דיג, ווי אמאל־אמאל, מיט יאהרען צוריק.

ה.

— בוזי, דיר קומט מזל־טוב?

זי הערט ניט. וואס זשע האט זי אראפגעלאזט די אויגען? וואס זשע זענען רויט געווארען איהרע בעקלעך? נײן. איך מוז

— דערצעהל זשע, וואָס ביזט דו אנשוויגען געוואָרען? — מאַכט צו מיר דער טאַטע.

— לאָז איהם צורוה, האָסט דו געזעהען א ביסעל! — טהוט זיך א חאַפּ די מאַמע. — דאָס קינד איז מיעד, דאָס קינד איז הונגע־ריג. און ער: דערצעהל און דערצעהל! דערצעהל און דערצעהל!

ז.

ביסלעכווייז הויבט אָן דער עולם זיך צעגעהן, און מיר בלייבען אליין: דער טאַטע און די מאַמע, איך און בוזי. די מאַמע לאָזט זיך אַוועק אין קיך און קומט גיך צוריק מיט אַ שענעם פּסח'יגען טעלער — אַ בעקאַנטען טעלער, געמאָהלט מיט גרויסע גרינע פייגענבלעטער.

— טאָמער וואָלסט דו עפּיס גענומען אין מויל אריין, שימעק? ביז'ן סדר איז נאָך ווייט.

זאָגט צו מיר מיין מאַמע מיט אזוי פיעל ליעבשאַפט, געטרייי־שאַפט און וואַרעמער איבערגעבענהייט, און בוזי הויבט זיך אויף מיט איהרע שטילע טריט און טראָגט מיר צו אַ גאָפּעל־מעסער — בעקאַנטע פּסח'יגע גאָפּעל־מעסער. אַלץ איז מיר בעקאַנט. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. ניט געמינערט אַ טראָפּען. דער אייגענער טעלער מיט די גרויסע גרינע פייגענבלעטער. די אייגענע גאָפּעל־מעסער מיט די ווייסעביינערנע קלעצלעך. דער אייגענער ריח־ניחוח פון דער פּסח'יגער גענזענשמאַלץ. דער אייגענער טעם גן־עדן פון די ערב־פּסח'יגע צוגעפּרישע מצה. ניט געענדערט אַ האָר. ניט געמינערט אַ טראָפּען.

ניט מיהר, וואָס דעמאָלט ערב־פּסח האָבען מיר געגעסען ביי־דע, איך און בוזי. פון איין טעלער, געדענק איך, האָבען מיר גע־געסען. טאַקי אָט פון דעם בעקאַנטען שענעם פּסח'יגען געמאָהל־טען טעלער, וואָס איז געמאָהלט מיט גרינע פייגענבלעטער. און נים האָט אונז דעמאָלט געגעבען די מאַמע, געדענק איך. פולע קעשע־

ליעב זיי האָב איך פערגעסען אָן בוזי'ן. צוליעב זיי האָב איך מקריב געווען אַ שטיק פון מיין לעבען, פערשפיעלט מיין גליק, פערשפיעלט, פערשפיעלט אויף אייביג!

פערשפיעלט? ניין. עס קאָן ניט זיין. עס קאָן ניט זיין! אַט בין איך דאָך געקומען. בעצייטענס געקומען... לאָם איך נור בלייבען מיט בוזי'ן אַליין. לאָם איך נור רעדען מיט איהר אַ פּאָר ווערטער. נאָר ווי קאָן איך רעדען מיט בוזי'ן אַ פּאָר ווער־טער, אַז אַלע זענען דאָ? אַז אַלע זענען זיי ארום מיר? אַלע בעטראַכטען מיך, ווי אַ בער, ווי אַ בעשעפעניש פון איין אַנדער וועלט. אַלע ווילען מיך זעהען און הערען, וואָס איך מאַך און וואָס איך טהו — אַזאַ צייט ניט געזעהען זיך!

מעהר פון אַלע הערט מיך אוים דער טאַטע. איבער אַ ספר זיצט ער, ווי אַלע מאָל, און פערקנייטשט איז זיין ברייטער שטערן, ווי אַלע מאָל, און קוקט אויף מיר אַריבער די זילבערנע ברילען און גלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער־באָרד, ווי אַלע מאָל. און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער קוקט אויף מיר ניט אַזוי, ווי אַלע מאָל. ניין, ס'איז ניט דער קוק, וואָס אמאָל. איך פיהל עס. דער מענש איז בעלעדיגט. איך האָב וויעדערשפעניגט זיין געבאָט. ניט גע־וואָלט געהן אין זיינע וועגען. געגאַנגען מיין אייגענעם וועג...

אויך די מאמע שטעהט ביי דער זייט, אָוועקגעוואָרפען די קיך מיט'ן ערב־פסח, און הערט מיך מיט טרערען אויף די אויגען. מיט'ן שפּיץ פאַרטוך ווישט זי בגנבה אַ טרער, חאַטש דאָס פּנים שמייכעלט, און זי הערט, ווי איך דערצעהל, און זי קוקט מיר אין מויל אַריין און שלינגט, שלינגט איטליכס וואָרט מיינס.

אויך בוזי זיצט אַקעגען מיר, די הענד צעגויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען, און הערט מיך אוים גלייך מיט זיי. גלייך מיט זיי קוקט זי מיר אין מויל אַריין. גלייך מיט זיי שלינגט זי איטליכס וואָרט מיינס. איך קוק אויף בוזי'ן. און איך לייען אין איהרע אויגען און קאָן ניט איבערלייענען גאָרנישט ניט. גאָרנישט ניט.

שיינט אָפּ אין בוזי׳ס אויגען. זיי באָדען זיך אין גאָלד. אָט באַלד שטאַרבט דער טאָג. איך וועל ניט האָבען קיין צייט אפילו מיט בוזי׳ן אַ וואָרט צו רעדען. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אויף פּוסטע רעד מיט׳ן טאַטען, מיט דער מאַמען, מיט דער משפחה — וואָס איך האָב געהערט, וואָס איך האָב געזעהען... איך האַפּ מיך אויף און קוק דורכ׳ן פענסטער אין דרויסען אַרויס און טהו פאַרבייגעהענדיג אַ זאָג צו בוזי׳ן:

— מיר וועלען זיך אַ ביסעל אפשר דורכגעהן? אַזאַ צייט אין דער היים ניט געוועזן. איך וויל אָנקוקען דעם הויף, איך וויל זעהען די שטאָדט...

ט.

ווייסט איהר ניט, וואָס איז מיט בוזי׳ן? אָנגעצונדען האָט זיך איהר דאָס פּנים, ווי אַ העליש פייער. ווי די זון־קוגעל, וואָס האַלט ביי׳ם אונטערגעהן, איז זי רויט געוואָרען. זי וואַרפט אַ בליק אויפ׳ן טאַטען. אפּנים, זי וויל הערען, וואָס דער טאַטע וועט זאָגען? און דער טאַטע קוקט אויף דער מאַמען אַריבער די זילבער־נע ברילען. ער גלעט די זילבערנע פּעדעם פון זיין זילבער־באָרד און זאָגט אין דער וועלט אַריין, צו קיינעם ניט:

— די זון זעצט זיך. שוין צייט זיך איבערטהון. געהן אין שוהל אַריין דאַווענען. שוין צייט ליכט בענשען. ווי מיינסט דו?

ניין. איך וועל, אַפּנים, היינט ניט רעדען מיט בוזי׳ן אַ וואָרט ניט? מיר נעמען זיך איבערטהון. די מאַמע איז שוין באַלד אינ־גאַנצען פּסח׳יג. זי האָט שוין אָנגעטהאָן אויף זיך איהר יום־טוב׳דיג זיידען מלבוש. איהרע ווייסע הענד שעמערירען. קיינער האָט ניט אַזעלכע שענע ווייסע הענד, ווי מיין מאַמע. אָט באַלד וועט זי זיך שטעלען ליכט בענשען. מיט איהרע ווייסע הענד וועט זי פערשטעלען איהרע אויגען און ווייגען שטילערהייד, ווי אמאָל. דער לעצטער שטראַהל פון דער פערגעהענדיגער זון וועט זיך שפּיעלען

נעם מיט נים. און מיר האָבען זיך גענומען דעמאָלט פאַר די הענד, געדענק איך, איך און בוזי, און מיר האָבען זיך געלאָזט פליהען, געדענק איך, ווי די אָדלערס. איך לויף — זי לויפט מיר נאָך. איך שפּרינג איבער די קלעצער — זי שפּריגט מיר נאָך. איך ארויף — זי ארויף. איך אראָפּ — זי אראָפּ.

— שימעק! ביז וואַנען וועלען מיר לויפען, שימעק?

זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איהר מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „עד ש י פ ו ח ה י ו ם — ביז ס'וועט א בלאָז טהון דער טאָג, ו נ ס ו ה צ ל ל י ם — און עס וועלען אנטלויפען די שאָטענס“...

ח.

דאָס איז געווען אמאָל, מיט יאָהרען צוריק. היינט איז בוזי אויסגעוואַכסען, געוואָרען א גרויסע. און איך בין אויסגעוואַכסען, געוואָרען א גרויסער. און א כלה איז געוואָרען בוזי, עמיצענס א כלה, עמיצענס, ניט מיינע... און איך וויל בלייבען מיט בוזי'ן אליין. און איך וויל רעדען מיט איהר א פּאָר ווערטער. איך וויל הערען איהר קול. מיט'ן לשון פון שיר־השירים ווילט זיך מיר זאָגען צו איהר: „ה ר א י נ י א ת מ ר א י ך — מאַך מיך זעהען דיין אויסזיכט. ה ש מ י ע י נ י א ת ק ו ל ך — מאַך מיך הערען דיין שטים“... און עס דאַכט זיך מיר, אז איהרע אויגען ענטפערען מיר אויך מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „ל כ ה ד ו ד י — קום, טהייערער, נ צ א ה ש ד ה — ניט דאָ, נאָר אין דרויסען... אין דרויסען... דאָרט וועל איך דיר זאָגען. דאָרט וועל איך דיר דערצעהלען. דאָרטען וועלען מיר רעדען. דאָרטען“...

איך חאַפּ א קוק אין דרויסען ארויס דורכ'ן פענסטער. אַך, ווי שען דאָרט איז, ווי ערב־פּסח'יג! ווי שיר־השירים'דיג! איין עבירה נור, ס'איז שוין באַלד אויס טאָג. נידעריג־נידעריג לאָזט זיך אראָפּ די זון און בעפאַרבט דעם הימעל מיט גין־גאָלד. דאָס גאָלד

איך ווייס שוין, וואָס איך וועל איהר ענטפערען דערויף לאָם איך נור רעדען מיט איהר עטליכע ווערטער. עטליכע ווערטער.

ניין. איך וועל היינט ניט קאָנען רעדען מיט בוזי'ן קיין איינ־ציג וואָרט, קיין האַלב וואָרט אַפילו. אָט הויבט זי זיך אויף, געהט מיט שטילע גרינגע טריט צו דער שאַפע, גרייט־צו פאַר דער מאַמען ליכט אין די זילבערנע לייכטערס. אַלטע בעקאַנטע, היימישע הויכע, געבלאָזענע זילבערנע לייכטערס. מיר זענען מיט זיי גוט בעקאַנט און בעפריינדעט פון אַמאָל. די דאָזיגע זילבערנע לייכטערס האָ־בען דאָך פערנומען אַמאָל א בכבוד'ען אָרט אין מיינע גאָלדענע חלומות ביי דער פער'כשופ'טער בת־מלכה אין דעם קרישטאָלענעם פאַלאַץ. די דאָזיגע גאָלדענע חלומות מיט די דאָזיגע זילבערנע לייכטערס, מיט די בענשליכט, מיט דער מאַמעס שענע קלאָרע ווייסע הענד, מיט בוזי'ס שענע בלויע שיר־השירים־אויגען, מיט די לעצטע גאָלדענע שטראַהלען פון דער פערגעהענדיגער זון — איז עס דען נישט איינס און דאָס זעלבע, געקניפּט און געבונדען?...

— טאַ! — זאָגט דער טאַטע צו מיר מיט א קוק אין פענסטער און מיט א וואונק, אַז ס'איז שוין צייט זיך איבערטהון און געהן אין שוהל אריין דאווגען.

מיר טהוען זיך איבער, איך און דער טאַטע, און מיר געהען אין שוהל אריין דאווגען.

י.

אונזער שוהל, אונזער אַלטע־אַלטע שוהל, האָט זיך אויך ניט פערענדערט, איהר זאָלט זאָגען א האָר. נישט געמינערט א טראָ־פען. א ביסעל זענען נאָר געוואָרען שוואַרצער די ווענד. נידעריגער דער עמוד. עלטער דער אַלמעמער. און דער ארון־קודש האָט פער־לאָרען דעם גלאַנץ פון זיין נייהייט.

ווי א קליין בית־המקדש האָט אונזער שוהל אויסגעזעהען אין מיינע אויגען. איצט האָט זיך דאָס בית־המקדש אָנגעבויגען א

אויף איהרע שענע קלאָרע ווייסע הענד. קיינער האָט ניט אזעלכע שענע קלאָרע ווייסע הענד, ווי מיין מאַמע.

נאָר וואָס איז מיט בוזי'ן? איהר פּנים איז אויסגעלאָשען, ווי די זון, וואָס האַלט ביי'ם זעצען זיך, ווי דער טאָג, וואָס האַלט ביי אונטערגעהן. נאָר שען איז זי און חנ'עוודיג, ווי קיינמאָל ניט. און טיעף־טרויעריג זעגען איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. און פערטראַכט זענען איהרע אויגען.

פון וואָס טראַכט איצט בוזי? פון דעם ליעבען גאַסט, וואָס זי האָט אויף איהם אַזוי אַרו׳סגעקוקט און! וואָס איז געקומען צו פליהען אַזוי אומגעריכט, נאָכדעם ווי ער איז אַזאַ צייט אין דער היים ניט געוועזען?... אָדער פון איהר מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און אַוועקגעפאָהרען ערגיץ ווייט אין פערגעסען, אַז זי האָט אַ טאָכטער, וואָס הייסט בוזי? אָדער פון איהר חתן טראַכט איצט בוזי, פון איהר חתן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען איהר אודאי אָנגעהאנגען קעגען איהר ווילען? און פון איהר חתונה, וואָס דאַרף זיין שבת נאָך שבועות מיט אַ מענשען, וואָס זי קען ניט און ווייסט איהם ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז?... אָדער, פערקעהרט, אפשר האָב איך אין גאַנצען אַ טעות? אפשר צעהלט זי גאָר די טעג פון פּסח ביז שבועות, ביז שבת נאָך שבועות? וואָרום ד אָ ס איז איהר אויסדערוועהלטער, וואָרום ע ר איז איהר ליעב און ע ר איז איהר טהייער. ע ר וועט זי פיהרען אונטער דער חופּה, און א י ה ם וועט זי אַוועקשענקען איהר האַרץ און ליעבע. און מ י ר? מיר איז זי, אוי־וועה, ניט מעהר ווי אַ שוועסטער. געוועזען אַ שוועסטער און געבליבען אַ שוועסטער... און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי קוקט אויף מיר מיט רחמנות און מיט פאַרדראָס און זאָגט צו מיר, ווי זי האָט געזאָגט צו מיר אַמאָל, מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „מ י י ת נ ך כ א ח ל י — ווען דו ביזט מיר אַ ברודער! אַך, פאַר וואָס ביזט דו מיר ניט אַ ברודער?!"... וואָס זאָל איך איהר ענטפערען דערויף?

געשוועבט אינאיינעם מיט די מלאכים אונטער דעם געמאָהלטען סופיט. דאָ, אין דעם קליינעם בית־המקדש, האָב איך אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, אינאיינעם מיט'ן טאַטען און מיט אַלע אידען, גע־שמאַק און ערנסט געדאַוועגט...

יא.

און אַט בין איך איצט ווידער אַ מאָל אין מיין אַלטער אמאָלי־גער שוהל, און איך דאַווען מיט אונזערע אַלטע אמאָליגע בעלי־בתים, און איך הער דעם אייגענעם חזן, וואָס אמאָל, וואָס זינגט מיט'ן אייגענעם ניגון, וואָס אמאָל. און דער עולם דאַווענט געשמאַק און וואַרעם און מיט'ן זעלבען נוסח, וואָס אמאָל. און איך דאַווען אינאיינעם מיט'ן עולם. נאָר מיינע געדאַנקען זענען ווייט פונ'ם דאַווענען. איך מיש אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל אין מיין סדור און — איך בין ניט שולדיג — עס מישט זיך מיר אויף שיר־השירים קאַ־פיטעל ד': „ה נ ך י פ ה ר ע י ת י — ווי שען דו ביזט, חבר'טאָרין מיינע. ה נ ך י פ ה, ע י נ י ך י ו נ י ם — ווי שען דו ביזט מיט דיינע טויבענאויגען"... איך וואָלט וועלען דאַווע־נען גלייך מיט אַלע, גלייך ווי איך האָב אמאָל געדאַוועגט. נאָר עס דאַוועגט זיך ניט! איך מיש אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל אין מיין סדור און — איך בין ניט שולדיג — עס מישט זיך אויף וויע־דער שיר־השירים קאַפּיטעל ה': „ב א ת י ל ג נ י, א ח ו ת י כ ל ה — איך בין געקומען אין מיין וויינגאָרטען, מיין שוועסטער די כלה"...

און ווייטער: „איך האָב געקליבען מיינע קרייטער, געשמעקט מיינע בשמים, געגעסען מיין האָניג, געטרונקען מיין וויין"...

נאָר וואָס רעד איך? וואָס זאָג איך? דער גאָרטען איז נישט מיינער. איך וועל נישט קלויבען קיין קרייטער, ניט שמעקען קיין בשמים, ניט עסען קיין האָניג, ניט טרינקען קיין וויין. דער גאָר־טען איז ניט מיין גאָרטען. בוזי איז נישט מיין כלה. בוזי איז

ביסעלע אויף א זייט. אך! וואו איז אהינגעקומען די הייליגע פראכט און גלאנץ פון אונזער אלטער שוהל? וואו זענען די מלאכים, וואס פלעגען דא שוועבען אונטער דעם געמאהלטען סופיט אלע פרייטאג צו נאכט, צו קבלת־שבת, און אלע יום־טוב אויף דער נאכט, צו ברכו?

אויך די בעלי־בתים פון שוהל האבען זיך ווייניג־וואס פערענדערט. נאר א ביסעלע פערעלטערט זיך. שווארצע בערד זענען ווייס געווארען. גלייכע פלייצעס האבען זיך אויסגעבויגען. אנ׳לעכענע קאפאטעס זענען צעהאקט געווארען. עס זעהען זיך ארויס ווייסע פעדעם, געלע פאסען. מלך דער חזן זינגט נאך היינט אזוי שען, ווי אמאל, מיט יאהרען צוריק. א ביסעלע נאר איז איהם פערדומפען דאס קול. עס הערט זיך אין זיין דאוונען א נייעד טאן: מעהר געוויינט, ווי געזונגען. מעהר געקלאגט זיך, ווי געבעטען. און אונזער רב? דער אלטער רב? — דער האט זיך גאר ניט פערענדערט. געוועזן ווי געפאלענער שניי און געבליבען ווי געפאלענער שניי. איין קליינינקייט נאר: די הענד ציטערען אצינד. און מיט׳ן גאנצען גוף ציטערט ער. פון אלטקייט, אפנים. עזריאל דער שמש, א איד אהן א סימן פון א בארד, וואלט געוועזן דער אייגענער, וואס אמאל, ווען נישט די צייהן. ער האט פערלארען אלע צייהן און ער זעהט אויס מיט זיינע איינגעפאלענע קינבאקען מעהר ווי א אידינע, ווי אייִדער א מאנסביל. נישקשה, ער קלאפט נאך היינט אויך מיט׳ן פראטש איבער׳ן שלחן, אז עס קומט צו שמונה־עשרה. אמת, שוין נישט דער קלאפ, וואס אמאל. אמאל, מיט יאהרען צוריק, האט מען געקאנט טויב ווערען פון זיין קלאפען. היינט שוין נישט. אפנים, נישטא דער כח, וואס אמאל. געוועזן א איד א גבר.

אמאל, מיט יאהרען צוריק, איז מיר דא געוועזן גוט, געדענק איך, גוט אהן איין ערך, אהן א מאס! דא, אין דעם קליינעם בית־המקדש, האט מיין קינדערשע נשמה אמאל, מיט יאהרען צוריק,

צו זאָגען. איך פיהל עס אליין. דאָס זאָגען מיר זיינע אויגען, וואָס קוקען מיר דורך די זילבערנע ברילען גלייך אין הארצען אריין. דאָס זאָגט מיר דער שטילער זיפץ, וואָס רייסט זיך ארויס פון צייט צו צייט פון זיין אלטער שוואַכער ברוסט... מיר געהען ביידע פון שוהל אהיים און שווייגען. מיר געהען שפעטער פון אלעמען. די נאַכט האָט פערשפרייט איהרע פליגעל איבער'ן הימעל, און אראָפּגעלאָזט האָט זיך איהר שאָטען אויף דער ערד. א שטילע, א ווארעמע, א הייליגע פסח'יגע נאַכט איז דאָס. א נאַכט פול מיט סודות און רעטענישען. פול מיט וואונדער. די הייליגקייט פון דער דאָזיגער נאַכט פיהלט זיך אין דער לופט. קוקט אראָפּ פונ'ם טונקעל־בלויען הימעל. וועגען איהר שמועסען זיך דורך שטילערהייד די שטערען. י צ י א ת מ צ ר י ם לאָזט זיך הע־רען פון דער דאָזיגער נאַכט...

מיט גיכע־גיכע טריט געה איך אהיים אין דער דאָזיגער נאַכט. און דער טאַטע — קוים וואָס ער געהט מיר נאָך. ווי א שאָטען געהט ער מיר נאָך. „וואָס יאָגסט דו אזוי?“ — פרעגט מיך דער טאַטע, קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטעם.

עך, טאַטע, טאַטע! זעהסט דו דען ניט, אז איך בין געגליכען צו א הירש, אָדער צו א אינד פון די אינדען אויף די בשמים־בערג?... מיר איז לאַנג, טאַטע, צו לאַנג די צייט. מיר איז ווייט, טאַטע, צו ווייט דער וועג. דעמאָלט, ווען בוזי איז א כלה. עמי־צענס א כלה. עמיצענס, ניט מיינע!... איך בין געגליכען צו א הירש, אָדער צו א אינד פון די אינדען אויף די בשמים־בערג.

אזוי ווילט זיך מיר ענטפערן מיין טאַטען מיט'ן לשון פון שיר־השירים, און איך פיהל נישט די ערד אונטער זיך. און איך געה מיט גיכע־גיכע טריט אהיים אין דער דאָזיגער נאַכט. און מיין טאַטע — קוים וואָס ער געהט מיר נאָך. ווי א שאָטען געהט ער מיר נאָך אין דער דאָזיגער נאַכט.

עמיצענס א כלה. עמיצענס, נישט מיינע!... און עס קאָכט אין מיר א גיהנם. נישט אויף בוזי'ן. נישט אויף קיינעם. ניין. אויף מיר אליין: סטייטש, ווי האָב איך געקאָנט אין אַזאַ צייט זיין אזוי ווייט פון בוזי'ן? ווי האָב איך געקאָנט דערלאָזען, אַז מע זאָל צונעמען פון מיר בוזי'ן און אָפּגעבען זי צו איין אנדערען? האָט זי מיר דען ניט געשריבען אַלע מאָל בריוולעך און געגעבען אָנצוהערעניש, „אַז זי האָפט אין גיכע צייטען זיך מיט מיר צו זעהען?"... האָב איך איהר דען ניט אָפּגעלעגט אַלע מאָל פון איין יום־טוב אויפ'ן אַנדערען, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט מיר אויפגעהערט צו שרייבען?...

יב.

— גוט יום־טוב. דאָס איז מיין זוהן.

אַזוי שטעלט מיך פאָר דער טאַטע נאָכ'ן דאַוונען פאַר די בעלי־בתים אין שוהל, וואָס בעטראַכטען מיך פון אַלע זייטען און געבען מיר אָפּ און נעמען צו פון מיר דעם שלום־עליכם, ווי איין אַלטען חוב.

— דאָס איז מיין זוהן...

— דאָס איז אייער זוהן? נאַ דיר אָפּ שלום.

אין דעם טאַטענס ווערטער „דאָס איז מיין זוהן" זענען דאָ אַלערליי פאַרבען: פרייד און גדלות און פערדראָס. מע קאָן לער־נען דעם פשט, ווי מע וויל: „וואָס זאָגט איהר? דאָס איז דאָך מיין זוהן!"... אָדער: „שטעלט אייך פאָר — דאָס איז מיין זוהן!"...

איך פיהל זיין האַרץ. דער מענש איז בעלעדיגט. איך האָב ווידערשפעניגט זיין געבאָט. איך בין נישט געגאַנגען אין זיינע וועגען. איך בין מיר געגאַנגען אין מיין אייגענעם וועג און האָב איהם פערעלטערט פאַר דער צייט. ניין, ער האָט מיר נאָך ניט מוחל געווען. ער זאָגט דאָס מיר ניט. ער פערשפאָרט עס מיר

איין עבירה נאָר, וואָס מע האָט דעם בן־מלך אָוועקגעזעצט אַזוי ווייט פון דער בת־מלכה. אַמאָל זענען זיי, געדענק איך, אַנדערש געזעסען בײַ׳ם סדר. אינאיינעם, איינס נעבען אַנדערען, זענען זיי געזעסען. דער בן־מלך האָט געפרעגט דעם טאַטען, געדענק איך, די פיער קשיות, און די בת־מלכה האָט אַרויסגעגנבה׳ט בײַ זיין מאַיעסטעט פון אונטער דעם קישען דעם אפיקומן — און אַך! וואָס מיר האָבען זיך דעמאָלט אָנגעלאַכט! אַמאָל, נאָכ׳ן סדר, געדענק איך, אַז דער מלך האָט שוין אַראָפּגעצויגען דעם ווייסען קיטעל, און די מלכה — איהר קעניגליך זיידען מלבוש, זענען מיר געזעסען, איך און בוזי, אינצווייען, אין אַ ווינקעלע, געשפּיעלט אין ניסלעך, וואָס די מאַמע האָט אונז געגעבען, אָדער איך האָב איהר דערצעהלט אַ מעשה, פון יענע בבא־מעשיות פון חדר, פון מיין חבר שייקע, וואָס ווייסט אַלסדינג. אַ מעשה מיט אַ פערכשופ׳טער בת־מלכה, וואָס איז געזעסען אין אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָל זיעבען יאָהר כסדר און געוואַרט, ביז עמיצער וועט דורכ׳ן שם־המפורש זיך אויפהויבען אַריבער דער חמאַרע, פליהען איבער בערג און איבער טהאָלען, איבער טייכען און מדבריות, און וועט זי אויסלייזען, און וועט זי בעפרייהען.

יד.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל — אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. איצט איז שוין די בת־מלכה אויסגעוואַכסען, געוואָרען אַ גרויסע. און דער בן־מלך איז אויסגעוואַכסען, געוואָרען אַ גרויסער. און בעזעצט האָט מען איהם אַזוי אומ׳ברחמנות׳דיג, אַז מיר קאָנען זיך אַפילו ניט זעהען איינס דאָס אַנדערע, ווי עס געהער צו זיין. שטעלט אייך פאָר: אין דער רעכטער האַנד פון זיין מאַיעסטעט דער בן־מלך, אין דער לינקער האַנד פון איהר מאַיעסטעט די בת־מלכה!... און מיר זאָגען די הגדה, איך מיט׳ן טאַטען, הויך אויף אַ קול, ווי אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, און מיט אַ ניגון, אַ בלעטעל

יג.

מיט דעם אייגענעם „גוט־יום־טוב“, וואָס מיר פלעגען אריינ־קומען אין דער דאָזיגער נאַכט פון שוהל אהיים אמאָל, מיט יאָה־רען צוריק, זענען מיר אריינגעקומען אויך אצינד — איך און דער טאַטע.

מיט דעם אייגענעם „גוט־יום־טוב — גוט־יאָהר“, וואָס די מאַמע און בוזי פלעגען אונז בעגעגענען אין דער דאָזיגער נאַכט אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, האָבען זיי אונז בעגעגענט אויך אצינד.

די מאַמע, די מלכה, אָנגעטהאָן אין איהר קעניגליך זיידען מלבוש, און די בת־מלכה, בוזי, — אין איהר שניי־וויים קלייד. אָבער פונקט דאָס אייגענע בילד, וואָס אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, ניט פערענדערט אויף א האָר, נישט געמינערט א טראָפען.

ווי מיט יאָהרען צוריק, אזוי אויך אצינד, אין דער דאָזיגער נאַכט, איז אונזער שטוב פול מיט חן. א בעזונדערע שענקייט, א היילינע, יום־טוב׳דיגע, מאַיעסטעטישע שענקייט האָט אראָפּגע־נידערט אויף אונזער שטוב. א הייליגער, יום־טוב׳דיגער גלאַנץ איז אויסגעגאָסען אויף אונזער שטוב אין דער דאָזיגער נאַכט. דאָס ווייסע טישגעבעט — געפאַלענער שניי. דער מאַמעס בענשליכט שיינען ארוים פון די זילבערנע לייכטערס. עס לאָזט גריסען פון די פלעשער אַרוים דער אַרבע־כוסות־וויין. אך, ווי צנועה׳דיג־נאַ־איוו עס קוקען אַרוים פון דער קערה די אומשולדיגע מצות! ווי ליעב עס שמייכעלט דער אָנגעריבענער מרור־חריין, דער קאָמפּלי־צירטער חרוסת מיט׳ן אָנגעגרייטען זאַלצוואַסער! פייערליך און מיט שטאָלץ שטעהט אויסגעבעט דעם מלך׳ס שטוהל, דאָס עסעבעט. אויף דער מלכה׳ס פנים רוהט די שכינה, ווי אַלע מאָל אין דער דאָ־זיגער נאַכט. און די בת־מלכה (בוזי) איז אינגאַנצען, פון אויבען ביז אַראָפּ, שיר־השירים׳דיג. ניין, וואָס זאָג איך? — זי איז דער שיר־השירים אַליין.

אז זי לאכט פון מיר... פערחאפּ איך מיך: „און אפשר האָב איך אַ טעות? אפשר האָב איך מיט דיר אַצינד גאָרניט וואָס צו רעדען?“...

דאָס איז געזאָגט געוואָרען מיט אזא ביטערקייט, אז בוזי הערט אויף צו שמייכלען און ערנסט ווערד איהר פּנים. „מאָרגען — מאַכט זי צו מיר — מאָרגען וועלען מיר שוין רעדען“... און ליכ־טיג ווערד מיר אין מיינע אויגען. ליכטיג און גוט און פריילִיך. מאָרגען! מאָרגען וועלען מיר שוין רעדען! מאָרגען! מאָרגען!... איך געה־צו צו איהר נאָך נעהענטער און איך דערפיהל דעם ריח פון איהרע האָר, דעם ריח פון איהרע קליידער, דעם אמאָליגען בע־קאַנטען ריח. און עס קומען מיר אויפ׳ן זינען די ווערטער פון שיר־השירים: „נ פ ת ת ט פ נ ה ש פ ת ו ת י ך, כ ל ה — צוקער טהוען טריפען דיינע ליפּען, כלה! האָניג און מילך אונטער דיין צונג. א ו ן ד ע ר ר י ח פ ו ן ד י י נ ע ק ל י י ד ע ר א י ז ו ו י ד ע ר ר י ח פ ו ן ד ע ם ל ב נ ו ן“...

דאָס ווייטעריגע רעדען מיר שוין אזוי, אָהן ווערטער. מעהר מיט די אויגען. מיט די אויגען...

טו.

— בוזי, אַ גוטע נאַכט. — זאָג איך צו איהר שטיל. עס איז מיר שווער אָפּצוגעהן פון איהר. איין גאָט ווייסט דעם אמת.

— אַ גוטע נאַכט. — ענטפערט מיר בוזי, ריהרט ניט פון אָרט און קוקט אויף מיר טיעף־פערזאָרגט מיט איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען.

איך זאָג איהר נאָך אַ מאָל אַ גוטע נאַכט. און זי ענטפערט מיר נאָך אַ מאָל אַ גוטע נאַכט. קומט צו געהן די מאַמע און פיהרט מיך אַריין אין אַ בעזונדער שלאָף־חדר. דאָרט נעמט מיין מאַמע און גלעט מיר אוים מיט איהרע שענע ווייסע הענד דאָס ווייסע

נאָך א בלעטעל. און די מאמע מיט בוזי׳ן זאָגען אונז נאָך שטילער־הייד, א בלעטעל נאָך א בלעטעל — ביז מיר קומען צו שיר־השירים. זאָג איך מיט׳ן טאטען דעם שיר־השירים, ווי אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, מיט גאָר א בעזונדער ניגון. א פסוק נאָך א פסוק. און די מאמע מיט בוזי׳ן זאָגען אונז נאָך שטילערהייד א פסוק נאָך א פסוק. ביז דער מלך, אויסגעמיערט פון דער יציאת־מצרים־געשיכטע און שכור׳ליך פון דעם ארבע־כוסות־וויין, הויבט אָן ביסלעכווייז אונ־טערצודרימלען, דרימעלט א ווײַלע און האפּט זיך אויף און זינגט ווייטער דעם שיר־השירים, הויבט אָן אויף א קול: „מים רבים — פיעל וואסערען קאָנען נישט אויסלעשען די ליעבע“... און איך האַפּ איהם אונטער מיט׳ן זעלבען ניגון: „ונהרות לא ישטפוה — און טייכען וועלען זי ניט פערפלייצען“... דאָס זאָגען געהט ביי אונז אלע מאָל שטילער און שטילער, ביז זיין מאיעסטעט ווערד צום סוף אנשלאָפען שוין טאַקי אויף דעם רעכטען אמת. ריהרט איהם אָן די מלכה ביי׳ם ארבעל פונ׳ם ווייסען קיטעל. מיט א ליעבער זיסער איידעלקייט וועקט זי איהם, ער זאָל געהן שלאָפען, — און איך מיט בוזי׳ן קאָנען זיך דערוויייל איבערוואַרפען מיט א פּאָר ווערטער. שטעה איך אויף פון טיש און געה־צו צו איהר נאָהענט, און מיר שטעהען איינס אקעגען דאָס אנדערע — דאָס ערשטע מאָל אזוי נאָהענט אין דער דאָזיגער נאכט. איך ווייז איהר אָן אויף דער שענער זעלטענער נאכט. „אין דער דאָזיגער נאכט, זאָג איך איהר, איז גוט שפּאַציערען געהן“... זי האָט מיך פערשטאַנען און ענט־פערט מיר מיט א האלבען שמייכעל, פרעגענדיג: „אין דער דאָ־זיגער נאכט?“... און עס מאָהלט זיך מיר אויס, אז זי לאכט פון מיר. אזוי פלעגט זי לאכען פון מיר אמאָל, מיט יאָהרען צו־ריק. פערדריסט דאָס מיך. זאָג איך צו איהר: „בוזי, מיר האָ־בען וואָס צו רעדען, א סך וואָס צו רעדען“. „א סך וואָס צו רעדען?“ — חזר׳ט זי איבער מיינע ווערטער, און עס דאכט זיך מיר,

כער וואַרעמער פריהער פריהלינג־נאַכט, וואָס איז פֿול, מאָדנע פול, מיט סודות און רעטעניטשען...

און אין דער דאָזיגער נאַכט בין איך געוואָהר געוואָרען א נייעס:

אז איך האָב ליעב בוזי׳ן.

אז איך האָב זי ליעב מיט יענער הייליגער פלאַם־פייעריגער גיהנם־ליעבע, וואָס ווערד אַזוי שען בעשריבען אין אונזער שיר־השירים. גרויסע פייעריגע אותיות שניידען זיך אויס, איך וויים ניט פון וואַנען, און שוועבען מיר פאַר די אויגען. די אותיות זענען פון׳ם נאַר־וואָס אָפּגעזאָגטען שיר־השירים, איין אות נאָך איין אות: „כי עזה כמות אהבה — ביטער ווי דער טוידט איז די ליעבע. קשה כשאול קנאה — שווער ווי דער גיהנם איז די קנאה. רשפיה רשפי־אש — איהרע פונקען זענען פונקען פייער. שלהבתיה — א פלאַקער פון גאָט“...

און איך זיץ אין דער דאָזיגער נאַכט ביי׳ם אָפענעם פענסטער און איך פרעג ביי דער דאָזיגער נאַכט פון סודות און רעטעניטשען, זי זאָל מיר אַנטפּלעקען דעם סוד: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?...

נאָר זי שווייגט, די דאָזיגע נאַכט פון סודות און רעטעניטשען. דער סוד בלייבט א סוד פאַר מיר — ביז מאָרגען.

מאָרגען, אַזוי האָט דאָך מיר בוזי צוגעזאָגט, וועלען מיר רעדען. אך! מאָרגען וועלען מיר שוין רעדען... לאָז נאָר אוועקגעהן די נאַכט. לאָז נאָר פערשווינדען די דאָזיגע נאַכט.

די דאָזיגע נאַכט. די דאָזיגע נאַכט...

אויבערדעק פון מיין שלאָף־בעט, און איהרע ליפּען שעפּטשען: „שלאָף געזונד, מיין קינד, שלאָף געזונד"...

אין די דאָזיגע עטליכע ווערטער האָט זיך אויסגעגאָסען דער גאַנצער ים פון ליעבשאַפט, וואָס האָט זיך צענויפגעזאַמעלט ביי מיין מאַמען אין דער צייט, וואָס איך בין אין דער היים ניט גע־ווען. איך בין גרייט צופאַלען צו איהר, אויסקושען איהר די שענע ווייסע הענד. נאָר איך בין דאָס ניט ווערטה. ניין, איך בין דאָס ניט ווערטה. איך ווייס דאָס... שטיל זאָג איך איהר א גוטע נאַכט, און איך בלייב איבער אַליין, איינער אַליין אין דער דאָזיגער נאַכט.

טז.

... איינער אַליין אין דער דאָזיגער נאַכט. אין דער דאָזיגער שטילער ווייכער וואַרעמער פריהער פּריהלינג־נאַכט.

איך עפען אויף דאָס פענסטער און קוק אַרויס אין דרויסען אַרויס, צום טונקעל־בלויען נאַכט־הימעל, צו די שעמערירענדיגע ברילויאַנטען־שטערן, און איך פרעג ביי זיך אַליין: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?

ניט שוין זשע האָב איך פערשפּיעלט מיין גליק, פערשפּיעלט אויף אויביג?

ניט שוין זשע האָב איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענד געגנו־מען און פערברענט מיין וואונדערליכען פּאַלאַץ און אַרויסגעלאָזט די שענע געטליכע בת־מלכה, וואָס איך האָב אַמאָל פער׳כשופ׳ט?... ניט שוין זשע? ניט שוין זשע? און אפשר ניין? אפשר בין איך געקומען בעצייטענס? ב א ת י ל ג נ י, א ח ו ת י כ ל ה — איך בין געקומען אין מיין גאָרטען, מיין שוועסטער די כלה...

און איך זיץ נאָך לאַנג ביים אָפענעם פענסטער אין דער דאָזי־גער נאַכט. און איך סוד׳ע מיך מיט דער דאָזיגער שטילער ווייי־

מיר מסתמא מוחל זיין. פאַר דעם, וואָס האָט נאָך ניט געהערט, איז דאָס נויטיג צו הערען: ער דאַרף וויסען, ווער בוזי איז.

ב.

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעני, איז ער דערטרונקען געוואָרען אין טייך. איז געבליבען פון איהם אַ יתומה מיט'ן נאָמען בוזי. פערצויגען פון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שען איז זי געווען, אַזוי ווי די שולמית, וואָס אין שיר־השירים. און מיר זענען געוואַכסען, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבען זיך ליעב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אָט דאָס איז די בוזי.

עס זענען איבערגעלאָפען יאָהרען. איך בין אוועק פון דער היים קעגען ווילען פון מיין טאַטע־מאַמע. איך האָב וויעדערשפעניגט זייער געבאָט, ניט געוואָלט געהן אין זייערע וועגען, אוועקגעגאַנגען מיין אייגענעם וועג, זיך אוועקגעלאָזט לערנען. קומט מיר אָן איינמאָל פאַר פסח אַ בריוועל פון מיין טאַטען מיט אַ מזל־טוב: בוזי איז אַ כלה געוואָרען, שבת נאָך שבועות איז די חתונה, זאָל איך קומען צו פאָהרען אויף פסח אַהיים. האָב איך אָפּגעענטפערט מיט אַ מזל־טוב און בין געקומען צו פליהען אויף פסח אַהיים.

און האָב געטראָפען בוזי'ן אויסגעוואַכסען און שען, נאָך שענער ווי געווען. און עס האָט אויפגעוואַכט אין מיין זכרון די אַמאָליגע בוזי, די שולמית פון שיר־השירים. און אַ שטורם האָט זיך אויפגעהויבען ביי מיר אין קאָפּ און אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין מיין האַרצען. אַ פייער — ניט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין. אויף זיך און אויף מיינע יונגעלשע גאָלדענע נאַררישע חלומות, וואָס צוליעב זיי האָב איך פערלאָזען טאַטע־מאַמע, וויעדערשפעניגט זייער געבאָט און אוועקגעלאָזט זיך לערנען, און אָט אַזוי האָב

פיערטער טייל.

שבת־נאָך־שבועות.

א.

ויהי ערב — און ס'איז געווען איין אָבענד. ויהי בוקר — און ס'איז געוועזן א פריהמאָרגען.

אַ שענער, אַ זעלטענער פריהמאָרגען, ווי עס גיט זיך אוים אַמאָל תחילת זומער, אין דער צייט, וואָס צווישען פּסח און שבועות.

פון די ערשטע בין איך געווען אינ'ם דאָזיגען פריהמאָרגען, וואָס האָבען זיך געפעדערט אויפצושטעהן. דער טאָג האָט ערשט געהאַלטען ביי געבוירען צו ווערען. מיין קליין שלעפעריג שטעדטעל האָט ערשט אָנגעהויבען אויפצוואַכען פונ'ם זיסען שלאָף. די לויטערע וואַרעם־גלעטענדיגע זונן האָט זיך מכין געווען אַרוים־שפּאַציערען פון איהר געצעלט און לאָזען זיך לויפען איהר גרויסען הימעלוועג אינ'ם דאָזיגען פריהצייטיגען זומער־טאָג, וואָס צווישען פּסח און שבועות. אַ גרינג, קיהל נאַכט־ווינטעל האָט זיך נאָך געטראָגען איבער דער וועלט. קוים־קוים, ווי מיט מלאכים־פליגעל, בעריהרט די שטיל־אויפוואַכענדיגע ערד.

אויפגעהאַפּט זיך פון שלאָף, איז מיין ערשטער געדאַנק גע־ווען:

בוזי.

ווידער אַ מאָל בוזי?

יאָ, ווידער אַ מאָל בוזי. ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל בוזי. עס איז מיר אַזוי געלעגען צו רעדען פון בוזי'ן, אַז עס וועט מיר ניט נמאס ווערען צו דערצעהלען אייך פון איהר נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. נאָך אַ מאָל און אָבער אַמאָל איבערגעבען אייך איהר ביאָגראַפיע אין קורצען. דער, וואָס האָט שוין געהערט, וועט

אַ מאָל ביי טאָג אויך... רעדט זי איהם איין, ער זאָל זיך דורכ־געהן צום דאָקטאָר — וויל ער ניט. איין עקשן. זיין עקשנות איז דען איבערצוטראָגען? זי בעקלאָגט זיך ניט, חלילה, אויף איהם. נאָר גאָר ניט. ס'איז געקומען צו רעדע, רעדט זיך...

אזוי גיט מיר איבער די מאַמע שטילערהייד אַ ראַפּאָרט פון'ם טאַטען. און אויך וועגען בוזי'ן דערצעהלט מיר די מאַמע שטילער־הייד, און איהרע אויגען לייכטען. און זי גיסט מיר אָן נאָך אַ גלאָז און פרעגט מיך, וואָס איך זאָג אויף בוזי'ן? איאָ, אויסגע־וואכסען, קיין עין־הרע, ווי אַ בוים? קיין בייז אויג זאָל איהר נור ניט שולט זיין! שבת נאָך שבועות איז די התונה. אם ירצה השם, שבת נאָך שבועות. אַ גליקליכער שדוך, אַ געראָטענער חתן. אַ שענער אָרט, אַ בעל־הבית'יש, נגיד'יש הויז. אַ שמאַלץ־גרוב...

— פון דעסטוועגען — אזוי דערצעהלט מיר די מאַמע וויי־טער — פון דעסטוועגען, וויפיעל האָט מען מיט איהר געהאָרעוועט, טאַקי מיט בוזי'ן, איידער מע האָט ביי איהר גע'פועל'ט, זי זאָל זיך לאָזען אָנקוקען. איצט איז זי, דאַנקען גאָט, צופריעדען. נאָך ווי אַזוי צופריעדען! די בריוולעך, וואָס מע שרייבט זיך! אַ טאָג איבער אַ טאָג. (דער מאַמעס פנים שיינט. דער מאַמעס אויי־גען לייכטען.) אשטייגער, לאָז ניט זיין אַזוי גיך קיין בריעף — טהוט זיך חושך!... דאָס איז איצט. אָבער פריהער? שיער ניט ארויס, שונאי ציון, די נשמה, ביז מע האָט דערלעבט פון איהר דאָס וואָרט „יאָ“ צו הערען... בוזי — אויך אַ גוטע עקשנ'טע. פון אַזאַ משפחה: זיי, אַז זיי שפּאַרען זיך איין!... זי רעדט ניט, חלילה, קיין שלעכטס אויף קיינעם. נאָר גאָר ניט. ס'איז געקו־מען צו רעדע, רעדט זיך...

פון'ם טאַטענס אַלקיר לאָזט זיך הערען אַ הוסטען — און ניש־טאָ מיין מאַמע, פערשוואונדען.

איך פערשפּיעלט, פערשפּיעלט מיין גליק, דערלאָזט, אז בוזי זאָל ווערען אַ כלה, עמיצענס — ניט מיינע!...

בוזי איז פון קינדווייז אָן געווען מיר ליעב און טהייער — דאָס איז אמת. נאָר אַז איך בין געקומען צו פאָהרען אהיים און דערזעהן בוזי'ן, האָב איך ארויסגעזעהען:

אז איך האָב ליעב בוזי'ן.

אַז איך האָב זי ליעב מיט יענער היילינער פייערינער גיהנם־ליעבע, וואָס ווערד אזוי שען בעשריבען אין אונזער שיר־השירים: „שטאַרק ווי דער טוידט איז די ליעבע, שווער ווי דער גיהנום איז די קנאה. איהרע פונקען זענען פונקען־פייער. אַ פלאַקער פון גאָט“.

ג.

איך האָב געהאַט אַ טעות: איך בין ניט געווען דער ערשטער יענעם פריהמאָרגען. מיין מאַמע האָט זיך געפעדערט נאָך פריהער פון מיר. זי איז שוין אָנגעטהאָן. זי איז שוין בעשעפטיגט מיט דער טיי, מיט'ן אָנבייסען.

— דער טאַטע שלאָפט נאָך. דאָס קינד שלאָפט נאָך (אזוי הייסט ביי איהר בוזי). וואָס ווילסט דו טרינקען, שימעק?

מיר איז אַלץ איינס. וואָס זי וועט מיר געבען, וועל איך טרינקען. מיין מאַמע גיסט מיר אָן טיי און דערלאַנגט מיר מיט איהרע שענע ווייסע הענד. קיינער פערמאָגט ניט אזעלכע שענע ווייסע הענד, ווי מיין מאַמע. זי זעצט זיך אװעק קעגען מיר און רעדט מיט מיר שטיל, דער טאַטע זאָל ניט הערען. טאַקי פונ'ם טאַטען רעדט זי מיט מיר. ער ווערד עלטער, ניט יונגער. ווערד עלטער און שוואַכער און הוסט. הוסט, צום מיינסטען, אין דער־פריה, אַז ער שטעהט אויף. און אַ מאָל ביי נאַכט מאַכט זיך, זאָל ער זיך אויפכאַפּען און אוועקהוסטען אַ גאַנצע נאַכט. און

אין אַ זומערדיגען וואָלקען־טאָג: אַט איז וואַרעם, אַט איז קיהל. אַט טהוט אַ שיין אַרויס די זון פון די וואָלקענס אַרוים — און עס ווערד שען. ביז עס רוקט זיך אָן אַ נייער וואָלקען — און עס ווערד ווידער טריב און טונקעל.

נישטאָ דער טאָג, וואָס בוזי זאָל ניט בעקומען אַ בריעף פון „עמיצען". נישטאָ דער טאָג, זי זאָל ניט ענטפערען דעם „עמיצען".

איך ווייס גאַנץ גוט ווער דער „עמיצער" איז, און איך פרעג זי נישט. איך רעד נישט מעהר מיט בוזי'ן פון „איהם". איך האַלט, אַז „ער" איז דאָ איין איבעריגער, איין אָנגעוואָרפענער. בוזי רעדט אָבער אַליין פון איהם. רעדט זי ניט פון איהם שוין צו־פיעל? אין די געצעהלטע מינוטען, ווען מיר בלייבען מיט איהר אַליין אינ־צווייען, רעדט מיט מיר בוזי פון „איהם". און ליובט איהם. ליובט איהם אין טאָג אַריין. ליובט זי איהם נישט צו פיעל?

זי זאָגט צו מיר:

— דו ווילסט וויסען וואָס ער איז? (זי לאָזט אַראָפּ די אויגען.) ער איז אַ פיינער — אַ! זעהר אַ פיינער. ער איז אַ וואויליער — אַ! זעהר אַ וואוילער. נאָר... (זי הויבט אויף די אויגען אויף מיר און לאַכט.) ער קומט ניט צו דיר... ווי קומט ער צו דיר?...

וואָס מיינט דערמיט בוזי? זי וויל מיך פערגניטיגען? אָדער זי טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס?

ניין. ניט זי וויל מיך פערגניטיגען, ניט זי טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס. נאָר זי רעדט זיך אוים דאָס האַרץ...

דאָס איז ווי צוויי מאָל צוויי.

נאָך דער טיי זענען די מאַמע און בוזי אַוועק אין קיך וועגען אָנבייסען, און איך מיט'ן טאַטען האָבען זיך געשטעלט דאַווענען. איך האָב עס געמאַכט בקיצור. נאָר דער טאַטע, איינגעוויקעלט אין טלית און תפלין, איז נאָך געשטאַנען מיט'ן פנים צו דער וואַנד

ד.

מי זאת הנשקפה כמו שחר — ווער קוקט דאָס ווי דער מאָרגענשטערן? יפה כלבנה — שען ווי די לבנה? ברה כחמה — לויטער ווי די זון?

דאָס איז אריינגעקומען פון איהר שלאָפצימער בוזי.

איך קוק מיך איין אין בוזי'ן — איך וואָלט געמעגט שווערען איינס פון דיביידע: אָדער זי האָט געוויינט, אָדער זי איז ניט געשלאָפען די נאַכט.

מיין מאַמע איז גערעכט: ווי אַ בוים איז זי אויסגעוואַכסען. ווי אַ רויז האָט זי אויפגעבליהט. איהרע אויגען, איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען, זענען אין דעם פריהמאָרגען נאָך אי־בערגעצויגען מיט אַ דין רויכעל. און דאָס גאַנצע פנים איהרס איז אין דעם פריהמאָרגען איבערגעדעקט מיט אַ דינעם פרורת. און בוזי אינגאַנצען איז אַ סוד פאַר מיר. אַ שמערצליכער סוד. אַ סך זאַכען וואָלט איך וועלען וויסען. פאַר וואָס איז בוזי ניט גע־שלאָפען די דאָזיגע נאַכט? איך וואָלט וועלען וויסען, וועמען האָט זי געזעהען אין חלום: מיך, דעם ליעבען גאַסט, וואָס זי האָט אויף איהם אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט און וואָס איז געקומען צו פליהען אַזוי אומגעריכט? אָדער איין אַנדערען האָט זי געזעהען אין חלום? איין אַנדערען, דעם, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען איהר אָנגעהאַנגען קעגען איהר ווילען?... בוזי איז אַ סוד פאַר מיר. אַ שמערצלי־כער סוד. גן נעול אחותי כלה — אַ גאָרטען אַ פער־שלאָסענער איז מיין שוועסטער די כלה. אַ גאָרטען אַ פערשלאָסע־נער, אַ קוואַל אַ פערזיגעלטער...

ה.

בוזי איז אַ סוד פאַר מיר. אַ שמערצליכער סוד. עטליכע מאָל אין טאָג בייט זיך ביי איהר די שטימונג. ווי דער אינדרויסען

בעקליידט מיט איהר גרינעמי מאַנטעל, אויסגעקליידט מיט׳ן גאַנ־צען שמוק פון איהרע פיעל־פאַרביגע פעלדבלומען. ארומגעברעמט מיט אַ זילבערן טייכעל פון איין זייט און מיט אַ קליינוואוכסיג נאָר געדיכט וועלדעל פון דער אַנדערער זייט. דאָס זילבערנע טיי־כעל זעהט אויס, ווי אַ זילבערנע עטרה צו אַ נייעם טלית מיט בלויע תכלת. דאָס געדיכטע וועלדעל זעהט אויס, ווי אַ געדיכטע פאַטלע געקרייזעלטע האָר, פון צייט צו צייט בעריהרט פון אַ וויי־טעל.

אויף בוזי׳ן איז געווען אַ בלוי בעזשען קלייד, גרינג ווי אַ רויך, דורכזיכטיג ווי די לופט, ווי דער הימעל. אַ זאַנטיקעל מיט שפּיצ־לעך פון גרינער פאַרב און ווייסע אַזשור־הענטשקעלעך אויף די הענד. פיעלפאַרביג האָט זי אויסגעזעהען, פיעלפאַרביג, ווי דאָס פעלד.

„דאָס לעצטע מאָל — זאָגט מיר בוזי — האָט זי זיך אויסגעבע־טען ביי דער מאַמע. דאָס לעצטע מאָל וויל זי זיך געזעגענען מיט דער שטאָדט, מיט הינטער דער שטאָדט, מיט׳ן „הייליגען אָרט“; מיט די מיהלען, מיט׳ן טייכעל, מיט׳ן בריקעל. צוליעב דעם לעצ־טען מאָל האָט איהר די מאַמע צוליעב געטהאָן. אַ כלה דאַרף מען צוליעב טהון, חאַ־חאַ... אַ כלה פיהרט אויס אַלסדינגג... וואָס זאָגסט דו, שימעק?“

שימעק זאָגט גאָרנישט. שימעק האָרכט. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז בוזי איז היינט מאָדנע פריילין. ניט נאַטירליך פריילין. און לאַכט, ווי איבער נויט. און אפשר דאַכט זיך מיר אַזוי?

— געדענקסט דו, בוזי, ווען מיר זענען דאָ געווען?

איך דערמאַן איהר, ווען מיר זענען דאָ געווען. שוין לאַנג־לאַנג. מיט יאָהרען צוריק איז דאָס געווען. מיר זענען געגאַנגען אַהער אינצווייען רייסען גרינס אויף שבועות, אויב זי געדענקט דעמאָלט זענען מיר אויך געגאַנגען מיט׳ן זעלבען וועג, פערביי די

און געלויבט גאָט. קומט אָן פּלוצים בוזי אויסגעקליידט, מיט אַ זאָנטיקעל אין האנד, און רופט זיך אָן צו מיר:

— קום.

— וואוהין?

— הינטער דער שטאָדט ארויס. אביסעל זיך דורכגעהן. אַ שענער טאָג. אַ זעלטענער טאָג.

דער טאטע האָט אויסגעדרעהט צו איהר דעם קאָפּ, קוקט אריבער די זילבערנעברילען. און בוזי ציהט אָן די הענטשקעלעך אויף די הענד און מאַכט צו איהם:

— ניט אויף לאנג, טאטע, ניט אויף לאנג. מיר קומען באלד צוריק. די מאמע ווייסט, אז מיר געהען. קום, שימעק, דו געהסט?

די בעסטע מוזיק, די שענסטע סימפאָניע קאָן דען אזוי שען קלינגען, ווי די ווערטער האָבען אָפּגעקלונגען אין מיינע אויהערען? עס האָט זיך געלאָזט הערען אין זיי איין אָפּקלאנג פון שיר־השירים: „ל כ ה, ד ו ד י — קום ליעבער, נ צ א ה ש ד ה — לאָמיר געהן אין פעלד ארויס. לאָמיר נעכטיגען אין די דערפער. לאָמיר זיך פערדערען אין די וויינגערטנער. לאָמיר זעהען, אויב עס בליהט דער וויינשטאָק? אויב עס שפּראָצען די מילגראַמען?"...

אויסער זיך פון התפעלות לאָז איך מיך נאָך בוזי'ן און פיהל נישט די ערד אונטער זיך. וואָס איז דאָס מיט בוזי'ן? דאָס ער־שטע מאָל, זינט איך בין אין דערהיים, טרעפט, אַז בוזי זאָל מיך רופען שפּאַציערען געהן. וואָס איז דאָס מיט בוזי'ן?...

ז.

בוזי איז גערעכט. ס'איז אַ שענער טאָג. אַ זעלטענער טאָג. אָפּשאַצען אזא זומער־טאָג קאָן מען נור אין מיין קליין אָרעם שטעדטעל, אַז מע חאַפּט זיך אַרויס פון דער קלעהם און פון דער ענגשאַפט אויף גאָט'ס פרייהער שענער וועלט. די ערד האָט זיך

עס מאַהלט זיך מיר אויס, אז בוזי דערנעהענט זיך צו מיר אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער. איך דערשפיר דעם בעקאַנטען ריח פון איהרע שענע האָר, איך דערפיהל די איידעלקייט און גלאַטקייט פון איהר פרעכטיגער האַנד, די וואַרעמקייט פון איהר לייב. און עס דוכט זיך מיר, אז איך הער פון איהר ווערטער מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „אני לדודי — איך בין מיין געליעבטענס, ודודי לי — און דער געליעבטער איז מיינער"... און די זון, און דער הימעל, און דאָס פעלד, און דאָס טייכעל, און דער וואַלד בעקומען אַ נייעם גלאַנץ, אַ נייעם חן אין מיינע אויגען. איין עבירה, איין עבירה, וואָס דאָס בריקעל איז אַזוי קורץ. אַ מינוט — און מיר זענען שוין אויף יענער זייט בריקעל, אויף דער „לעוואַדע". אַ מינוט — און בוזי'ס איידעלע גלאַטע פרעכטיגע האַנד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מיין האַנד — און די זון, און דער הימעל, און דאָס פעלד, און דאָס טייכעל, און דער וואַלד האָבען אָנגעוואָרען דעם פריהעריגען גלאַנץ מיט'ן פריהעריגען חן אין מיינע אויגען.

— אַ מאָדנע זאַך — זאָגט צו מיר בוזי, און איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען זענען אין דער מינוט טיעף, ווי דער הימעל, און פערטראַכט, ווי די נאַכט — אַ מאָדנע זאַך: אַלע מאָל, ווען איך געה, אָדער איך פאָהר איבער אַ וואַסער, עס מאָג זיך זיין וואָס פאַר אַ וואַסער עס וויל זיך, מוז איך זעהן מיין טאַטען, און אַלע מאָל...

איך שלאָג איהר איבער די רעד:

— דו רעדסט נאַרישקייטען, בוזי.

בוזי טראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם זאָגט זי צו מיר:

— נאַרישקייטען? האַ־האַ, ביזט גערעכט. איך רעד נאַריש־קייטען. ווייל איך בין אַ נאַרעלע. אַ נאַריש מיידעל בין איך. איאָ, אַ נאַריש מיידעל? זאָג דעם אמת, שימעק. דעם אמת זאָלסט דו מיר זאָגען, האַ־האַ־האַ!

זעלביגע מיהלען, איבער דעם זעלביגען טייכעל, איבער דעם זעלבי־גען בריקעל.

— נאָר אַנדערש האָבען מיר דעמאָלט שפּאַציערט, בוזי. דע־מאָלט זענען מיר געלאָפען, ווי די יונגע הירשען, געשפּרונגען, ווי די פעלדאינדען איבער די בשמים־בערג. און איצט?

— און איצט? — זאָגט בוזי און בויגט זיך אָן רייסען בלו־מען.

— איצט געהען מיר סטאַטעטשנע, ווי עס פּאַסט פּאַר אַזעל־כע סטאַטעטשנע לייט, ווי מיר זענען... געדענקסט דו, בוזי, ווען מיר זענען דאָ געוועזען דאָס לעצטע מאָל?

— ערב שבועות איז דאָס געוועזען. — ענטפערט מיר בוזי און שענקט מיר אַ בוקעט מיט שמעקענדיגע בלומען, וואָס זי האָט אָנגעריסען.

— פון מיינעטוועגען, בוזי?

— פון דיינעטוועגען, שימעק. — זאָגט צו מיר בוזי מיט אַ קוק פון איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. און דער קוק דרינגט אריין גלייך מיר אין הארצען אריין.

ח.

מיר זענען שוין ווייט הינטער דער שטאָדט. מיר זענען שוין אויפ'ן בריקעל. דאָרט געב איך איהר מיין האַנד. (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פאָהרען אהיים.)

מיר געהען ביידע, האַנד ביי האַנד, איבער'ן בריקעל. די ברע־טער הוידען זיך. דאָס וואַסער לויפט אונטער אונזערע פיס, קאַט־שעט זיך, שלענגעלט זיך און באַלט מיט אַ שטילען זשומען און מיט אַ גרינגען רעש באַרג־אראָפּ, אַזוי אַז איך קאָן הערען דעם „טיק־טאַק“ פון בוזי'ס האַרץ, וואָס איז אַזוי נאָהענט, אַזוי נאָהענט צו מיר. (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פאָהרען אהיים.)

קענדיגע בשמים־און־געווירצען־ריחות. איך בין פער׳כשופ׳ט. איך בין פער׳שכור׳ט.

ווי א פער׳כשופ׳טע שטעהט אויך בוזי אין מיטען פיעלפאַר־ביגען פעלד און קוקט אויף מיר פערטראַכט, פערטראַכט ווי דער וואלד.

פון וואָס טראַכט אַצינד בוזי? וואָס זאָגען איהרע אויגען, איהרע שענע בלויע פערטראַכטע שיר־השירים־אויגען?

„אני חבצלת השרון — איך בין אַ ליליע פון שרון.
שושנת העמקים — די רויז פון די טהאָלען"...

אָט וואָס עס זאָגען מיר איהרע אויגען. און עס דאַכט זיך מיר, אַז קיינמאָל, קיינמאָל איז נאָך בוזי נישט געווען אזוי די אמת׳ע שולמית פון שיר־השירים, ווי אין דער דאָזיגער מינוט.

י.

ווי אַ בלום זעהט אויס בוזי, די ליליע פון שרון. ווי אַ בליהענדיגע רויז זעהט אויס בוזי, די רויז פון די טהאָלען, אין דעם דאָזיגען ברייטען פיעל־פאַרביגען פעלד, וואָס ציהט זיך אַרום אונז אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז זי בעשפּרענקעלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי בעצוויקעלט. די בלויע הימעל־יאַרמעלקע איבער איהר קאָפּ. דאָס זילבערנע טיי־בעל פאַר איהרע פּים. פון אַלע זייטען טראָגען זיך אַקעגען אונז שאַרף־שמעקענדיגע בשמים־און־געווירצען־ריחות. איך בין פער־כשופ׳ט. איך בין פער׳שכור׳ט.

בוזי לאָזט זיך געהן. איך — נאָך איהר. גרינג און גיך געהט בוזי. גרינג, ווי אַ סאַרנע, ווי אַ אינד פון די אינדען, טראָגט זי זיך אין פיעל־פאַרביגען פעלד, וואָס ציהט זיך אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג. און איהר פנים שיינט אויף דער שיינענדיגער זון, און אַלע פאַרבען פונ׳ם פעלד פינקלען זיך אָפּ אין איהרע אויגען, אין איהרע שענע בלויע פערטראַכטע שיר־השירים־אויגען.

בוזי לאכט, פערוואַרפט דעם קאָפּ און בעווייזט מיר איהרע חנ'עווריגע פּערעל־צייהן. איהר פּנים שיינט אויף דער שיינענ־דיגער זוהן. און אַלע פאַרבען פון'ם פעלד פינקלען זיך אָפּ אין איהרע אויגען, אין איהרע שענע בלויע פערטראַכטע שיר־השירים־אויגען.

ט.

אומזיסט! איך קאָן ביי איהר ניט פּועל'ען, אַז זי איז גאָר־ניט אַזאַ נאַר, אַז זי איז גאַר קיין נאַר ניט. זי ווייסט, זאָגט זי מיר, זי ווייסט, אַז ס'איז פאַרהאַן נאַרישערע פון איהר. זי ווייסט. נאָר אַקעגען מיר איז זי אַ נאַרעלע. שטעלט איך פאָר — זי גלויבט אין חלומות!

— איאָ, שימעק, דו גלויבסט ניט? און איך גלויב. אָט איז מיר ערשט נעכטען געקומען צו חלום דער טאַטע פון יענער וועלט, אָנגעטהאָן און פריילין, לעבעדיג, מיט אַ שטעקעלע אין האַנד. און מאַכט צו מיר אַזוי זיס, אַזוי פריינדליך, און דרעהט מיט'ן שטעק־קעלע: „איך קום, טאָכטער, צו דיר אויף דער חתונה"... נו, וואָס וועסט דו זאָגען דערויף, שימעק?...

— בוזי, מע דאַרף ניט גלויבען אין חלומות. חלומות זענען דברים בטלים.

— דברים בטלים — זאָגסט דו?

בוזי שטעהט אַ ווײַלע פערטראַכט. לאָזט זיך לויפען איבער'ן פּיעל־פאַרביגען פעלד און בלייבט שטעהן.

ווי אַ בלום, ווי אַ פּיעל־פאַרביגע בלום, זעהט אויס בוזי אינ'ם דאָזיגען פּיעל־פאַרביגען פעלד, וואָס ציהט זיך אַרום אונז אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז זי בעשפּרענ־קעלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי בעצוויקעלט. די בלויע הימעל־יאַרמעלקע איבער איהר קאָפּ. דאָס זילבערנע טייכעל פאַר איהרע פיס. פון אַלע זייטען טראָגען זיך אַקעגען אונז שאַרף־שמע־

פאַר איהר מיין נשמה... און איך לאָז אויס מיין געדאַנק מיט'ן לשוֹן פון שיר־השירים: „ע ד ש י פ ו ח ה י ו ם — איידער יָנס וועט אוועק דער טאָג, דער דאָזיגער גליקליכער טאָג, ו נ ס ו ה צ ל ל י ם — און עס וועלען אַנטלויפען די שאָטענס"...

יא.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין אין דער היים, האָב איך בוזי'ן קיין צעהנט־חלק, קיין הונדערט־חלק ניט אַרויסגעזאָגט פון דעם, וואָס עס האָט זיך אויסגעגאָסען ביי מיר אָט דאָ, אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען. איך האָב איהר אויפגעדעקט מיין האַרץ, אַנטפּלעקט פאַר איהר מיין נשמה. דערצעהלט דעם גאַנצען אמת, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט...

ווען ניט דעם טאַטענ'ס בריוועל מיט'ן מזל־טוב, ווען ניט די דריי ווערטער: „שבת־נאָך־שבועות" — וואָלט מיך איצט ניט געזעהען אָט דאָס טייכעל, וואָס לויפט דאָרט באַרג־אַראָפּ, און דאָס וועלדעל, וואָס גרינט אָט דאָ ניט ווייט...

און איך שווער איהר טאַקי ביי אָט דעם טייכעל, וואָס לויפט דאָרט באַרג־אַראָפּ, און טאַקי ביי דעם וועלדעל, וואָס גרינט אָט דאָ ניט ווייט, און ביי'ם דאָזיגען בלויען הימעל־דעק, וואָס איבער אונזער קאָפּ, און ביי דער גין־גאָלדענער זון, וואָס פינקעלט אָפּ אין איהרע אויגען, און ביי דעם אַלעם, וואָס שען און ריין און הייליג איז, — אַז איך בין געקומען אַהער נור צוליעב איהר, נור צוליעב איהר, וואָרום... איך האָב זי ליעב — ענדליך האָט דאָס וואָרט זיך אַרויסגעריסען!

— וואָרום איך האָב דיך ליעב, בוזי, דו הערסט, איך האָב דיך ליעב מיט יענער הייליגער פלאַם־פייעריגער גיהנם־ליעבע, וואָס ווערד בעשריעבען אין שיר־השירים: „ש ט א ר ק ו ו י ד ע ר ט ו י ד ט א י ז ד י ל י ע ב ע, ש ו ו ע ר ו ו י ד ע ר ג ר ו ב א י ז ד י ק נ א ה. א י ה ר ע פ ו נ ק ע ן ז ע נ ע ן

קיינמאָל, קיינמאָל איז נאָך בוזי ניט געווען אַזוי די אמת'ע שולמית פון שיר־השירים, ווי אין דעם דאָזיגען טאָג.

— דערקענסט, בוזי, דאָס דאָזיגע פעלד?

— אַמאָל האָט דאָס געהערט צו דיר...

— און דאָס בערגעל?

— דיין בארג. אַמאָל איז דאָס געווען אַלסדינג דיינס. אַלס־דינג דיינס...

זאָגט מיר בוזי מיט אַ גרינג שמייכעל אויף די שענע ליפּען. נאָר עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט פון מיר, ווי זי פלעגט לאַכען פון מיר אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק.

— זיצען מיר?

— זיצען מיר.

איך זעץ מיך אַוועק אויפ'ן בערגעל און מאַך אַיין אָרט פאַר איהר. בוזי זעצט זיך אַוועק אַקעגען מיר.

— אָט דאָ, געדענקסט דו, בוזי, האָב איך דיר אַמאָל דער־צעהלט, ווי אַזוי איך...

בוזי פערהאַפּט און ענדיגט פאַר מיר:

— ווי אַזוי דו הויבסט זיך אויף מיט'ן „שם־המפורש“ און פליהסט, ווי אַיין אָדלער, ביז דער חמאַרע, העכער פון דער חמאַרע, איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער בערג, איבער טהאָלען, אי־בער ימים און מדבריות, ביז דו קומסט אויף יענער זייט הרי־חושך, אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ. דאָרט זיצט דיין פער'כשופ'טע בת־מלכה שוין זיעבען יאָהר און וואַרט, ביז דו וועסט זיך דערבאַרעמען אויף איהר און וועסט קומען צו פליהען מיט'ן „שם־המפורש“ זי אויסלייזען, בעפרייען — האַ־האַ־האַ!

ניין. בוזי איז מיר היינט מאָדנע פרייליך. ניט־נאַטירליך פרייליך. זי לאַכט, ווי איבער נויט. געננג. אויף אַלץ איז אַ צייט. שוין צייט רעדען מיט איהר אַביסעל ערנסטע, ריינע, קלאָרע דבורים. שוין צייט עפענען פאַר איהר מיין האַרץ, 'אַנטפּלעקען

שריבען? נאָר — פערהאַפּט זי זיך — ווי קום איך צו געדענקען אַזעלכע נאַרישקייטען? פערשטעהט זי דען ניט אַליין, אַז זי האָט דאָס, אייגענטליך, בעדאַרפט שוין לאַנג פאָראויסזעהן, — איז אונזערע וועגען זענען פערשיעדען? אַז זי קאָן זיך צו מיר ניט גלייכען? ווי קומט זי צו מיר? זי, אַ אידישע טאָכטער, אַ קליינשטעדטעלדיג מיידעל, ווי קומט זי צו מיר?... ערשט פערשטעהט זי, אַז ס'איז געווען אַ נאַרישקייט פון איהר, אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס זי פּלעגט מיר דולען אַ קאָפּ מיט איהרע קינדערשע בריוולעך, מיט איהרע נאַרישע אָנצוהערענישען, אַז טאַטע־מאַמע בענקען נאָך מיר... ניין. זי האָט אַליין בעדאַרפט פערשטעהן, אַז זי קאָן זיך צו מיר ניט גלייכען. ווי קומט זי צו מיר? אַ אידישע טאָכטער, אַ קליינשטעדטעלדיג מיידעל!... זי האָט אַליין בעדאַרפט אַרויסזעהן, אַז קוים האָב איך ניט געפאָלגט טאַטע־מאַמע, וויעדערשפּעניגט זייער געבאָט, נישט געוואָלט געהן זייערע וועגען און בין געגאַנגען מיין אייגענעם וועג, וועל איך געוויס אַוועקגעהן ווייט, וועל איך געוויס שטייגען הויך, אַזוי וויט און אַזוי הויך, אַז איך וועל קיינעם שוין ניט אַרויסזעהען, קיינעם ניט וועלען קענען.

— קיינעם ניט, אַחוץ דיך, בוזי!

— ניין, קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט זעהען, קיינעם ניט הערען, אַלעמען פערגעסען...

— אַלעמען, נאָר נישט דיך, בוזי.

— ניין, אַלעמען! אַלעמען! אַלעמען!

יג.

בוזי האָט אויפגעהערט צו וויינען — און אַלץ האָט אויפגעלעבט. די זון האָט אָנגעהויבען צו שיינען, אַזוי ווי פריהער. דאָס טייכעל — צו לויפען. דאָס וועלדעל — צו גרינען. די פליעגעלעך — צו פליהען. די פויגעלעך — צו זינגען.

פ ו נ ק ע ן ־ פ י י ע ר. א פ ל א ק ע ר פ ו ן ג א ט"... וואס איז מיט דיר, בוזי? דו וויינסט? גאָט איז מיט דיר!...

יב.

בוזי האָט געוויינט.

בוזי האָט געוויינט — און די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגע־קליידט אין טרויער. די זון האָט אויפגעהערט צו שיינען. דאָס טייכעל — צו לויפען. דאָס וועלדעל — צו גרינען. די פליעגעלעך — צו פליהען. די פויגעלעך — צו זינגען.

בוזי האָט געוויינט. זי האָט בעהאַלטען דאָס פּנים אין די הענד. איהרע פלייצעס האָבען אויפגעציטערט. און זי האָט גע־וויינט אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

אַזוי וויינט אַ קליין קינד, וואָס דערפיהלט, אַז עס האָט פער־לוירען טאַטע־מאַמע.

אַזוי וויינט אַ געטרייע מוטער אויף איהר קינד, וואָס מע האָט דאָס ביי איהר צוגענומען.

אַזוי וויינט אַ יונג־פרוי, וואָס בעקלאָגט איהר געליעבטען, וואָס האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהר.

אַזוי וויינט אַ מענש, וואָס בעקלאָגט זיין אייגענע וועלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס.

אומזיסט איז געווען מיין טרייסטען, וואָס איך האָב זי גע־טרייסט. אַרויסגעוואָרפען אַלע מיינע שיר־השירים־עפּיטעטען, וואָס איך האָב אויסגענוצט פאַר איהר. בוזי וויל זיך ניט טרייסטען. בוזי וויל מיינע עפּיטעטען ניט הערען. צו שפּעט, זאָגט זי, צו שפּעט האָב איך מיך דערמאַנט אָן איהר... צו שפּעט האָב איך מיך אַרומגעזעהן, אַז עס איז דאָ אַ בוזי אויף דער וועלט. אַ בוזי, וואָס האָט אַ האַרץ, וואָס בענקט, און אַ נשמה, וואָס רייסט זיך פון דאַנען אין איין אַנדער וועלט אַרויס... אפשר וואָלט איך מיך דער־מאַנט, זאָגט זי, אָן די בריוולעך, וואָס זי האָט מיר אַמאָל גע־

כ ל ה — דו האָסט מיין האַרץ אָװעקגענומען, מיין שװעסטער די כלה!...

און זי צו מיר:

— ח כ ו מ מ ת ק י ם ו כ ו ל ו מ ח מ ד י ם! — זאָלסט זעהן די בריעף, װאָס ער שרייבט מיר, זאָלסט זעהן די בריעף!...

עס הערט זיך אין איהרע װערטער אַ מאָדנער טאָן. אַ מאָדנע שטימע. די שטימע — אַזוי װייזט זיך מיר אויס — װיל איבער־שרייען איין אַנדער שטימע. איין אינװעניגסטע שטימע.

דאָס איז ביי מיר װי צװיי מאָל צװיי.

יד.

ראַשיג און אומגעריכט האַפּט זיך בוזי אויף פון׳ם שמע־קענדיגען גראָז, טרייסעלט זיך אָפּ, גלייכט זיך אויס, פּערװאַרפט די הענד אַהינטער און בלייבט שטעהן אַקעגען מיר און קוקט אויף מיר פון אויבען אַראָפּ.

שטאָלץ און שען, גרויסאַרטיג שען, נאָך שענער װי אַלע מאָל, זעהט זי אויס אין דער מינוט ביי מיר אין די אויגען.

איך האָב מורא צו זאָגען, נאָר מיר דאַכט, אַז װען איך זאָל זאָגען, אַז בוזי — דאָס איז די אמת׳ע שולמית, װאָס אין שיר־השירים, װאָלט דאָס געװען אַ כבוד און אַ שבח פאַר דער אמת׳ער שולמית, װאָס אין שיר־השירים.

ניט שוין זשע האָט זיך דערמיט געענדיגט אונזער געשפּרעך? איך שטעה אויף נאָך איהר און געה־צו צו איהר:

— ש ו ב י, ש ו ב י ה ש ו ל מ י ת — קעהר דיך אום צוריק צו מיר, בוזי! — זאָג איך צו איהר װייטער מיט מיין שיר־השירים־שפּראַך און נעם זי אָן פאַר אַ האַנד. — קעהר זיך אום צו מיר, בוזי, קעהר זיך אום צו מיר בעצייטענס! נאָך איין װאָרט. מעהר ניט אַז איין װאָרט דאַרף איך דיר נאָך זאָגען.

בוזי האָט אויפגעהערט צו וויינען, און טרוקען זענען געוואָ־רען איהרע אויגען. איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. און אויסגעטריקענט האָבען איהרע טרערען, אזוי ווי טראָפּענס טהוי אויף דער הייסער זון.

און פּלוצים האָט זי זיך גענומען פערענטפערען איהרע טרערען. אצינד זעהט זי, ווי נאַריש זי איז. וואָס איז געוועז דער געוויין? וואָס האָט זי צו וויינען? וואָס פעהלט איהר? א סך מיידלעך אויף איהר אָרט וואָלטען זיך פיהלען גליקליך. איבער־גליקליך!...

און א פייערעל האָט זיך אָנגעצונדען אין איהרע אויגען. אין איה־רע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען דאָס דאָזיגע פייערעל אין בוזי'ס אויגען. און רויטע פלע־קען זענען אַרויסגעטראָטען אויף איהרע בעקלעך, אויף איהרע שענע רויזענבעקלעך. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען בוזי'ן אזוי פייערען, אזוי פלאַמען, ווי זי האָט געפייערט און געפלאַמט אין דער דאָזיגער מינוט. און איך וויל זי אָננעמען פאַר א האַנד, און איך זאָג צו איהר מיט'ן לשון פון שיר־השירים:

— ה נ ך י פ ה ר ע י ת י — ווי שען דו ביזט, בוזי, בעת דיינע בעקלעך פלאַמען און דיינע אויגען שפּריצען פייער...

אַרויסגעוואָרפען! בוזי הערט ניט מיין שיר־השירים. בוזי האָט איהר אייגענעם שיר־השירים. זי הערט ניט אויף צו לויבען „עמיצען", לויבען איהם אין טאָג אַריין. זי זאָגט צו מיר:

— ד ו ד י צ ח ו א ד ו ם — מיין בעשערטער איז פיין און שען. ד ג ו ל מ ר ב ב ה — פיינער פון א סך - א סך אנדערע. ער איז אפשר ניט אזוי געלערענט, ווי אנדערע, דערפאַר איז ער אָבער גוט. דערפאַר איז ער מיר געטריי. דערפאַר האָט ער מיך ליעב. זאָלסט זעהן די בריעף, וואָס ער שרייבט צו מיר, זאָלסט זעהן די בריעף!

— ל ב ב ת י נ י, — זאָג איך צו איהר ווייטער, גלייך ווי איך וואָלט ניט הערען וואָס זי זאָגט — ל ב ב ת י נ י, א ח ו ת י

ווידערשפעניגט זייער געבאָט, ניט געוואָלט געהן אין זייערע וועגען. און זיי זענען צופריעדען. זעהר צופריעדען.

און איך? וואָס טהו איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אַלע טאָג געה איך מיר אַרום איינער אַליין אויפ׳ן שפּאַציער, הינטער דער שטאָדט אַרום. אַהין — אויף יענער זייט מיהל. אַהין — אויף יענער זייט בריקעל. אַהין — צו יענעם פיעל־פאַרביגען פעלד, וואָס ציהט זיך אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג, וואָס איז אַרומגעבּרעמט מיט אַ זילבערן טייכעל פון איין זייט און מיט אַ קליינוואוכסיג נאָר געדיכט וועלדעל פון דער אַנדערער זייט. דאָס זילבערנע טייכעל זעהט אויס, ווי אַ זילבערנע עטרה צו אַ נייעם טלית פון בלויען תכלת. דאָס געדיכטע וועלדעל זעהט אויס, ווי אַ געדיכטע פּאַטלע געקרייזעלטע האָר, פון צייט צו צייט געריהרט פון אַ ווינטעל.

דאָרט זעץ איך מיך אַוועק איינער אַליין אויפ׳ן בערגעל. אויף יענעם בערגעל, וואו מיר זענען ערשט דאָ ניט לאַנג געזעסען אינצווייען, איך און בוזי, די ליליע פון שרון, די רויז פון די טהאָלען.

אויף יענעם בערגעל, וואו מיר זענען אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, אין צווייען, איך און בוזי, געלאָפען, ווי די יונגע הירשען, און געשפּרונגען, ווי די פעלד־אינדען, אויף די בשמים־בערג. דאָרט, אויף יענעם אָרט, וואו עס ליגען בעהאַלטען די בעסטע זכרונות פון מיין אויף־אייביג־פערלאָרענער יוגענד, פון מיין אויף־אייביג־פערלאָרענעם גליק, קאָן איך מיר אַוועקזיצען איינער אַליין שטונדען־לאַנג און בעוויינען און בעקלאָגען די אונפערגעסליכע שולמית פון מיין שיר־השירים־ראָמאַן.

טז.

און וואָס איז מיט דער שולמית פון מיין שיר־השירים־ראָמאַן? וואָס איז מיט בוזי׳ן? וואָס איז דער שלום? וואָס איז דער סוף?

אומזיסט. אומזיסט. בוזי וויל ניט הערען דאָס איינע וואָרט. וואָס איך וויל איהר זאָגען. גענוג, זאָגט זי, זיך אָנגערעדט. גענוג געזאָגט איינס דעם אַנדערען — אפשר נאָך מעהר, ווי מע בעדאַרף... גענוג־גענוג. שוין שפּעט. זעה, ווי שפּעט עס איז! — זאָגט צו מיר בוזי און בעווייזט מיר מיט איהר האַנד אויפ׳ן הימעל, און בעווייזט מיר אויף דער זון, וואָס בעגיסט זי פון אויבען ביז אַראָפּ מיט איהרע מילדע ווייכע גאָלדענע שטראַהלען. און בוזי, די ליליע פון שרון, בוזי, די רויז פון די טהאָלען, בעקומט אַ נייעם קאָליר, אַ גין־גאָלדענעם קאָליר, אויפ׳ן פּיעל־פאַרביגען פעלד, וואָס ציהט זיך אַרום אונז אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג.

— אהיים־אַהיים! — זאָגט צו מיר בוזי און חאַפּט זיך געהן און טרייבט מיך געהן. — אַהיים־אַהיים. שוין צייט, שימעק, שוין צייט. טאַטע־מאַמע וועלען דאָרטען איבערטראַכטען גאָט ווייסט וואָס. אַהיים־אַהיים!

אין איהרע לעצטע ווערטער „אַהיים־אַהיים" לאָזט זיך מיר הע־רען דער טאָן פון אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, דער לשון פון שיר־השירים:

— ב ר ח , ד ו ד י — אַנטלויף, ליעבער, און זיי געגליכען צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדען אויף די בשמים־בערג.

טו.

עס געהען די טעג. עס לויפען די וואָכען. עס איז אָנגעקומען דער ליעבער יום־טוב שבועות. עס איז אָנגעקומען דער שבת, וואָס נאָך שבועות. עס איז אַוועקגעגאַנגען דער שבת, וואָס נאָך שבועות, און נאָך אַ שבת, און נאָך אַ שבת — און איך בין נאָך אַלץ אַ גאַסט אין מיין שטעדטעל.

וואָס טהו איך דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. מיין טאַטע־מאַמע רעכענען, אַז איך בין געוואָרען אַ בעל־תשובה. אַז איך האָב חרטה אויף דעם, וואָס ס׳איז געווען, וואָס איך האָב

דער מלך מיט דער מלכה

אַ פּסח'יגער ראָמאַן
אין פיער טייל
מיט איין עפּילאָג

געשריבען אין יאָהר 1902

צווינגט מיך ניט, איך זאָל אייך דערצעהלען דעם סוף פון מיין ראָמאַן. דער סוף, ער מעג זיך זיין דער בעסטער, איז ער אַ טרויע־ריגער אַקאָרד. דער אָנהויב, דער ערגסטער אָנהויב, איז בעסער פון'ם בעסטען סוף. עס איז מיר דעריבער אַ סך גרינגער און אַ סך מעהר אַנגענעהם צו דערצעהלען אייך די דאָזיגע געשיכטע נאָך אַ מאָל פון'ם אָנהויב. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און נאָך הונדערט מאָל. און מיט'ן אייגענעם לשון, וואָס אַלע מאָל:

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעני. איז ער דערטרונקען געוואָ־רען אין טייך. האָט ער איבערגעלאָזט אַ יתומה'לע. האָט מען זי גערופען בוזי. פערצויגען פון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שען איז געווען די בוזי, ווי די שולמית, וואָס פון שיר־השירים. און מיר זענען געוואַכסען, איך און בוזי, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. און מיר האָבען זיך ליעב געהאַט, איך און בוזי, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער.

און אַזוי ווייטער.

דער אָנהויב, דער ערגסטער אָנהויב, איז בעסער פון'ם שענסטען סוף.

דער אָנהויב — לאָז זיין דער סוף, דער עפּילאָג פון מיין ניט־אויסגעטראַכטען, נאָר אמת'ען, שמערצליכען ראָמאַן, וואָס איך האָב מיר ערלויבט צו קרוינען מיט'ן נאָמען: ש י ר ־ ה ש י ר י ם.

דער מלך מיט דער מלכה

ערשטער טייל.

דער מלך שדכ'נט זיך צו דער מלכה.

ביי העניך דעם סטאָליר אין פּאָדראַד איז אַ היץ. מע באַקט מצות, דעם נגיד'ס מצות, געוויינטליך, אויפ'ן ערשטען אויווען. אויפ'ן ערשטען אויווען איז בעסער און שענער און כשר'ער און מעהר כבוד, און טאַקי מעהר מצוה אויך, און וויבאַלד ס'איז בעסער און שענער און כשר'ער און מעהר כבוד און מעהר מצוה — קומט דאָך דאָס דעם נגיד... העניך אַליין, דער פּאָדראַדטשיק הייסט דאָס, איז גאָר ניט דער העניך, וואָס תמיד. אויף זיין געל פּנים האָט זיך צעגאָסען אַ מין חן, די בעקלעך פלאַמען איהם, און פון דער ניט־צעקעמטער באָרד איז געוואָרען נאָך מעהר זשמוט — אַ גאַנצער קאָלטון.

— קינדער, לעבעדיג! לעבעדיג! — טרייבט אונטער העניך די העלפערס. — קאַטשעט, רעדעלט, זעצט די מצות, ס'איז דעם נגיד'ס מצות!...

דעם נגיד'ס ווייב, שרה־זיסעל די נגידית, אַ אידינע מיט אַ גוידער און מיט פּערעלעך, ווערד גרעבער ווי לענגער. זי שטעהט און קלערט, וויפיעל זאָל זי איבערלאָזען די העלפערס: צוויי קערב־

טראָגט ער אַ קאַשקעט פון „קאַשקעטען־לאַנד" — קיילעכיג, פון אויבען מיט אַ קנאָפּ, פון פאָרענט מיט אַ דאַשעק און מיט אַ שוואַרץ גלאַנצענדיג רימענדעל און מיט צוויי שוואַרצע גרויסע ספּראָנטשעקעס. דער „גאַרניטור", וואָס מלך פערגינט זיך טראָגען אין דער וואָכען, וואָלט זיך עס איין אַנדערער געוואונשען טראָגען אום יום־טוב. און פון שטיוועל שמועסט מען ניט. די שטיוועל זענען אויף אַזעלכע הויכע אָבצאַסען, אַז ס'איז נור אַ וואונדער, ווי אַזוי ער האַלט זיך אויף די פיס. און אַז איך וועל אייך שוין אויסמאָהלען ביז'ן סוף, אַז ער טראָגט אויפ'ן האַלז אַ מין שאַרף פון רויטע מיט גרינע פּאַסען, איין עק פערוואָרפען אַרונ־טער, און אַ גרויסען זילבערנעם זייגער מיט אַ לאַנגער זילבערנער קייט מיט אַ „רוקער", און אויפ'ן פינגער אַ גרויסען זילבערנעם „סיגנעט", וועט אייך שוין קיין קשיא ניט זיין, פאַר וואָס אַלע מיידלעך מיט אַלע ווייבלעך (די אַלמנות מיט די גרושות) זענען נאָך איהם די כפּרה.

— זאָג נור, מלך, — רופט זיך אָן צו איהם די ראַבעטיני אויף קאַטאָוועס — אפשר וואָלסט דו זיך אויסגעקליבען דאָ אַ מלכה אויף פּסח ?

— ער האָט שוין ! — ענטפערט איהר יענע וואָס מיט'ן פוי־געלש פּנים.

— ווי אַזוי רופט מען זי ?

— מלכה.

— וואָסער מלכה ?

— די וואָס האָט זיך גע'גט מיט מאָטעל דעם שניידער.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס ?

— איך קוק אויף זיי די גאַנצע צייט, זעה איך, אַז ס'איז אַ שדוך...

לעך איז צו פיעל, א קערבעל איז צו ווינציג; אכצעהן פארשוין, א רובעל מיט אכציג — וועט זיין אקוראט צו גריוונעס אויף א מענ־שען...

— וויפיעל, מיינסט דו, וועלען מיר דא האפען? — פרעגט איין ווייבעל א ראבעטיני ביי א אנדערען ווייבעל מיט א פויגעלש פנים, אוןביידע קאטשען געשמאק.

— איך רעכען צו פערטעלעך, — ענטפערט איהר דאס אנדע־רע ווייבעל וואס מיט'ן פויגעלש פנים.

— פאר וואס ניט צו האלבע קערבלעך? — זאגט דאס ערשטע ווייבעל, די ראבעטיני.

— משוגע וועט זי ווערען? צעטיילען נייען קערבלעך? — זאגט יענע וואס מיט'ן פויגעלש פנים.

— פאר וואס ניט? קראנק איז זי? — זאגט די ראבעטיני.

— לאז זי זיין קראנק פאר מיר און פאר אלע אידען! — זאגט די וואס מיט'ן פויגעלש פנים און צעלאכט זיך.

אויף זיי קוקענדיג צעלאכען זיך נאך עטליכע ווייבלעך.

— און פאר מיר אויך!

— און פאר מיר אויך!

— און פאר מיר אויך!

— לאז זיין שטילער, נשים! — שרייט אן אויף זיי מלך דער רעדלער, א שוסטער־יונג מיט א שווארצער גלאנצענדיגער, געגריי־זעלטער פאטלע, מיט א געשטופעלט פנים פון פאקען און מיט א צענויפגעוואכסענער נאז, כמעט אהן נאזלעכער, אזוי, אז ער רעדט, סווישטשעט ער מיט די ציינער: ססססס!... א חוץ די דריי חסרונות: 1) וואס ער איז געשטופעלט, 2) וואס ער איז אהן נאז־לעכער און 3) וואס ער סווישטשעט, איז ער דוקא א פיינער יונג „מיט שפארען"; די שווארצע גלאנצענדיגע, געקרייזעלטע פאטלע איז ביי איהם תמיד אונטערגעשערען אזוי קיילעכיג און איז תמיד אזוי אנגעשמירט מיט פעטען, אז ס'איז א מחיה צו קוקען. היינט

צווייטער טייל.

ביי דער מלכה אין דער היים.

... אז ער איז געקומען צו איהר צו געהן, האָט מען איהם ניט בעגעגענט מיט כלי־זמר, פון קיין פּושקעס האָט מען ניט געשאָסען, קיין פּאזשען זענען איהם נישט געקומען אקעגען, קיין פּאלאַצען האָט מען פון זיינעטוועגען ניט צוגעגרייט, קיין באָל נישט געמאַכט. אויף די קניהעס איז ער פאַר איהר נישט געפאַלען, די האַנד נישט געקושט, — ס'איז צוגעגאַנגען גאָר פּראָסט, אָהן צערעמאָניעס. מלכה איז ניט געזעסען אליין, זי האָט געהאַלטען נעבען זיך איין אַלטע מאַמע — אַ שלאַק־פּורעניות, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַ שטיקעל גליק, וואָס זי איז אַ בלינדע, ווייטער וואָלט זי דורס געווען מענשען. אז מלך האָט נור אריבערגעטראָטען די שוועל, האָט די בלינדע מאַמע אויסגעשריען אויף אַ קול:

— מלכה, ווער איז דאָס געקומען?
— ס'איז מלך. — ענטפערט איהר מלכה.
— וואָסער מלך?
— מלך דער שוסטער.
— וואָס טהוט ער דאָ?
— ער איז אַ רעדלער אין פּאָדראַד.
— טרייב איהם ארויס, דעם שאַרלאַטאַן.

נאָך אזא ברוך־הבא האָט זיך מלך ניט געקאָנט פיהלען שטאַרק פויגעלדיג, ווען מלכה זאָל ניט געווען ווייזען איהם מיט די היטרע שוואַרצע אויגלעך, ער זאָל בלייבען דאָ. מלך פיהלט זיך אַ ביסעל שטאַרקער און וויל אויפמונטערען די בלינדע, זי זאָל ווערען מיט איהם שלום.

— מוהמעניו, וואָס זענט איהר אזוי אָנגעדראָדעלט אויף מיר? איהר קענט מיך דען? איהר האָט מיך דען אַמאָל געזעהען?

— אזא שטילע, ראכט זיך?

— שטילע וואסער גראבט טיעף...

אוןביידע ווייבלעך לאזען ארויס א טיעפען־טיעפען זיפץ. זיי וואלטען ביידע זיך ניט אפגעזאגט פון אזא שדוך. זיי זענען ביידע אלמנות, קיין קינדער האבען זיי ניט. דער רוח וואלט איהם ניט אוועקגעחאפט, ער זאל בעסער נעמען איינע פון זיי. וואס האט ער אזעלכס דערזעהען אויף מלכה'ן? שווארץ ווי א שווארצע קאץ אין א פינסטערע נאכט. סיידען דאס, וואס זי האט גראבע הענד?

— האב קיין מורא ניט, ער וועט ביי איהר ליגען אין דער ערד! — רעדט אויס איינע דאס אנדערע דאס הארץ.

— ווי א בארג! — ענטפערט איהר יענע. — לאז ער פרובען זיין א טאג מיט איהר מאמע, מיט דער בלינדער מכשפה'טע! — און ביידע ווייבלעך טרייסטען זיך חאטש דערמיט, וואס מלך ויעט ליגען אין דער ערד.

— אדער פארקעהרט, איך האב מורא, אז זי זאל ביי איהם ניט ליגען אין דער ערד. ער איז אויך א רעכטער פויגעל!

— אט צעקראץ איך מיך! חאפט זי דער רוח מיט איהם אינ־איינעם לכבוד דעם הייליגען יום־טוב!

— אמן הלואי!...

און מלכה, א נידעריג ווייבעל, א שווארצע נאר א פוכקע, מיט א פעררויסען נעזעל, מיט קליינע שווארצע, תמיד לאכענדיגע אויג־לעך, פערקאטשעט די ארבעל ביז די עלענבויגען, ווארפט מיט אויגען אויף מלך דעם רעדלער. און מלך דער רעדלער דרעהט זיך צו שטארק ארום איהר, צו אפט רעדעלט ער איהרע מצות, צו פיעל רעדט ער מיט איהר, — יא, דאס ווייבעל וואס מיט'ן פויגעלש פנים איז גערעכט: ס'איז א שדוך...

— ביי חנא דעם שוסטער.
— ביזט נאָך א בחור ?
— א בחור.
— וועמען האָסט דו — א טאטען, א מאמען, א שוועסטער, א ברודער ?
— קיינעם ניט, קיינעם ניט.
— א שטעקען הייסט דאָס ? דו ווייסט, אז מלכה איז א גרושה ?
— וואָס דען, איך וויים ניט ?
— און דאָס ווייסט דו, אז זי איז א שלאק, א צרה שלא תבוא ?
— דערפאר האָב איך קיין מורא ניט.
— אזא בריה ביזט דו ? ווען קאָנסט דו שטעלען חופה ?
— אפילו באלד.
— מלכה, ער געפעלט דיר ? —

דריטער טייל.

דער מלך אויפ׳ן טראָן.

וואו נעמט מען א מאָהלער א קינסטלער, ער זאָל זיך אראָפּלאָזען אין דער פינסטער אויף נאָסע־גליטשיגע טרעפּ אין א גרוב אריין און בעטראכטען דאָס גליקליכע געזינדעל פּסח ביי׳ם ערשטען סדר! אויבען־אָן, אויף צוויי פּעסלעך, איבערגעלעגט מיט א לאָקשען־ברעט, מיט א קישען אויסגעבעטט, זיצט דער מלך און „פּראוועט" דעם סדר. אויף א גרויסען טעלער ליגען דריי מצות, איבערגעדעקט מיט א ווייסען האנטוך, און אויבען, אויפ׳ן האנטוך, ליגען אויס־געלעגט עטליכע קארטאָפלים, אָפּגעשיילטע אייער, אביסעל גרינס, דריי ווערצלעך חריין און חרוסת. נעבען דעם מלך, ביי דער רעכ־

— געזעהען האָב איך דיך ניט, נאָר הערען הער איך, אז דו פייפסט. איך וואָלט געמעגט שווערען, אז דו האָסט ניט קיין נאָז.

— אַזאַ מכה מיינע שונאים אויפ'ן שטערן, וואָס פאַר אַ נאָז איך האָב.

— וואָס זשע פייפסט דו אַזוי?

— ס'איז ביי מיר אַזאַ לשון.

— אַזאַ יאָהר אויף דיר. וואָס ועסט דו זאָגען גוטס? ביזט דאָך נישט געקומען אומזיסט. זאָג, וואָס דאַרפסט דו מיך?

— איך בין ניט געקומען צו אייך, מוהמעניו, איך בין געקומען צו אייער מלכה'ן.

— צו מיין מלכה'ן? וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו מיט מיין מלכה'ן?

מלך איז געבליבען אָהן לשון. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגען. מלכה איז געשטאַנען און האָט איהם געוואונקען, ער זאָל זאָגען גלייך, ער זאָל ניט אָפּלעגען אויף שפּעטער.

— איך וויל... איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, געוואָלט, אַז איך, אַז מלכה...

— זעה נור, ווי ער פּלאָנטעט מיט דער צונג! מירקע, געב לשון!

— דאָס הייסט, אַז מירביידע, איך און אייער מלכה, זאָלען חתונה האָבען ביידע...

— אָט אַזוי זשע רעד! האָסט דו זיך באַדאַרפט אַזוי לאַנג קוועטשען? וויפיעל פאַרדיענסט דו אַ וואָך? נאָר דעם ריינעם אמת זאָלסט דו זאָגען! איך האָב פיינט אַ באַריהמער!

— אַ מאָל פיער און אַ מאָל פיפטהאַלבען קאַרבען.

— דו אַרבייטסט אַליין, צי ביי יענעם?

— איצט אַרבייט איך נאָך ביי יענעם.

— ביי וועמען?

טהוט ער א זעץ מיט דער האנד איבער אלע דריי מצות, צעטריש־טשעט זיי אויף שטיקלעך, מאכט א מוציא און גיט דער מלכה א שטיקעל מצה אויף א מוציא און אויך דער בלינדער א מוציא. די בלינדע, וואס האלט די גאנצע צייט א פרום פנים, נעמט דאס שטיקעל מצה מיט צוויי פינגער, ווי איין אבן טוב, טראגט דאס צו פריהער צו די ווייסע בעלמעס, גלייך ווי זי זעהט עפים, שעפּ־טשעט בשעת מעשה מיט די ליפען „גאט ברוך הוא וברוך שמו“ לאנג־לאנג, איידער זי עקספעדירט דאס אין מויל אריין.

— מלכה, די פיש! — לאזט ארויס דער מלך א בעפויל, און עס ווערד אין איין כהרף־עין בעשאפען פיש אויפ'ן טיש.

— מלכה, חריין! — הערט זיך א נייער בעפויל פונ'ם מלך, אוןביידע ווייבער זיצען מיט גרוים רעשפעקט און ווארטען, וואס נאך פאר א בעפויל וועט ארויסגעהן פונ'ם מלך.

אז וואהל איז דעם מענשען, וואס קאן זיך שאפען, וואס זיינע ווערטער האבען א ממשות, וואס זיין בעפויל ווערד אנגענומען און וואס אלע זיינע קאפריזען ווערען אין דער מינוט אויסגע־פיהרט.

ס'איז גוט צו זיין א מלך, ווי איך בין א איד!

פיערטער טייל.

דער מלך אין גלות.

מיר בעטען דעם לעזער, ער זאל זיך מטריח זיין מיט אונז נאך א מאל אינ'ם אייגענעם קעלער שוין נאך פסח. אוים טראן, אוים מלוכה, אוים מלך! מלך דער שוסטער זיצט ביים „ווארסטעק“ אויף א רימען בענקעלע מיט א רימענעם פארטוך, מיט א רימענ־דעל ארומגענומען די געגרייזעלטע פאטלע, דער קאשקעט איז צע־קנייטשט, דער שארף איז צעטריפעט, נישטא קיין זילבערנע קייט, מע זעהט ניט קיין סיגנעט. ער האלט א שטיוועל איבערגעקעהרט

טער האַנד, זיצט די מלכה אין אַ נייער רויטער פּלאַטיע און מיט אַ ווייסען פאַרטוך, וואָס קליידען איהר זעהר צום שוואַרץ־חנ׳עוו־דיגען פּנים, און אַקעגען זיי זיצט אַ שוואַרצער שטן, אָנגעטהאָן אין גאָלע שוואַרצען, מיט אַ געל פּאַרמעט־פּנים מיט אַ סך קנייט־שען, און אויף דעם אָרט, וואו עס זענען געווען אמאָל אויגען, — צוויי פינסטערע לעכער מיט גרויסע ווייסע בעלמעס. אַ שוואַרצע פּעטשיילע מיט געלע פּליאַמעס, אונטערגעבונדען אונטער דער שפּי־צעכיגער מאָרדע מיט צוויי שפּיצען, געבען־צו דעם דאָזיגען שרעק־ליכען פּנים נאָך מעהר פינסטערניש — ס׳איז אַ מורא צו קוקען! דער מלך זאָגט די הגדה הויך אויף אַ קול, מישט איין בלעטעל נאָכ׳ן אנדערען, געהט גלייך, ווי אַ פּאַטשטאָווע פערד, און זעצט עברי, ווי אַ באַנדער, אַבי מיט אַ ניגון, פייפט צו מיט דער נאָז און שאָ־קעלט זיך גאַנץ געשמאַק. די מלכה זיצט מיט גרויס דרך־ארץ, צענויפגעלעגט די הענד אויפ׳ן הארצען, און שווייגט. און דער שוואַרצער שטן מיט די ווייסע בעלמעס שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ הין און צוריק, עפענט אויף אַלע מאָל דאָס מויל, וואָס זעהט אויס ווי אַ קבר, און געהניצט.

— אילו עשה — זינגט דער מלך און נעמט אַ קאַרטאָפלי און טונקט זי אין אין זאַלצוואַסער — באלהיהם ולא הרג, מלכה, נעם אַ קאַרטאָפלי, את בכוריהם, מיט זאַלצוואַסער, — דיינו! — ביי איט־ליכען „דיינו“ טהוט ער זיך אַ זעץ מיט׳ן קולאַק אין הארצען אריין, ווי צו „על־חטא“. — אילו הרג, טונק איין די קאַרטאָפלי, את בכוריהם, אין זאַלצוואַסער, ולא נתן, געב נאָר, מלכה, לנו את ממונם, אַ קאַרטאָפלי דער מאַמען, — דיינו!... (אַ זעץ אין הארצען אריין).

די מלכה טהוט אַלסדינגג, וואָס דער מלך הייסט איהר. פער־פּעהלט ניט קיין האָר, און אַז עס קומט צו „זכר למקדש כהלל“, קלאַפּט ער דאָס אָפּ אויף דער גיך, שוין אין איין גאַנג מיט דער ברכה פונ׳ם אפיקומן, און שאַפט, די מלכה זאָל דערלאַנגען די וואָרט מיט דער פּאָמעגניצע, וועט ער זיך וואַשען. געוואַשען זיך,

— ווי גייציג ער איז געווען בחור־ווייז! זיך געדרעהט אויפ'ן קאַרעק, צוגעזאָגט גילדענע בערג, גענומען אַ ווייבעל, אַ יונגס, אַ שענס, בלוט און מילך, זי אַלט געמאַכט, פאַרוויסט, פאַרפינסטערט, אויסגענאַרט דעם אָנבייסען...

— אַ קליפּה! — טראַכט זיך מלך, ענטפערט איהר ניט דאָס אנדערע וואָרט און שלאָגט פּלעקלעך.

— שען אויסגעשפּיעלט די טאָכטער מיינע! פוילער הערינג, פאַרשטונקענע פיש! אַ מאַן אַ שוסטער, אַ קבצן אַ וויסטער, אַ פוילער יונג, אַ שטומע צונג, אַ צענויפגעוואַכסענע נאָז און סע פייפט...

— מכשפה'טע!!! — האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מלך'ן פון'ם מויל. ער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון'ם בענקעל, ווי איין אָפּגע־בריהטער, אין איין האַנד האָט ער געהאַלטען דעם שטיוועל, אין דער אַנדערער — דעם האַמער, וואָס ער האָט געשלאָגען מיט איהם פּלעקלעך, און האָט ניט געוואוסט, וואָס זאָל ער איהר וואַרפען אין קאָפּ אַריין: דעם שטיוועל, צי דעם האַמער?

די בלינדע האָט דערפיהלט, אַז דער שונא שטעהט איהר אַקעגען און וויל זי דורס זיין, האָט זי זיך אין איין אויגענבליק אויפ־געהאַפּט פון'ם אָרט, און פון'ם שוואַרצען קנויל איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַכסען אַ הויכער שוואַרצער שטן. זי האָט אויסגעצויגען צוויי שוואַרצע דאַרע הענד, ווי שטעקלעך, מיט אויסגעבויגענ־פינגער, ווי ביי אַ צעבייזערטען האָהן, דעם קאָפּ האָט זי פערוואָר־פען אַרונטער און די צוויי ווייסע בעלמעס זענען מיט אַ מאָל עפּיס ווי גרעסער געוואָרען און האָבען, דאַכט זיך, אָנגעהויבען קוקען און זעהען. די נאָז האָט זיך אויסגעצויגען, די ביינער פון די גע־קנייטשטע באַקען אַרויסגעסטירטשעט, דאָס מויל האָט זיך אויפ־געעפענט, ווי אַ קבר.

מיט דער פאַדעשווע אַרויף און שלאָגט פּלעקלעך. מלכה, אָפּגע־ריסען, אויסגעשמירט און פערשלומפּערט, פּאָרעט זיך ביי׳ם אויוועו, בויגט זיך אָן אַלע מינוט, בלאָזט און בלאָזט מיט אַלע כחות — אין אויוועו וויל ניט ברענען.

— אַ שענער ברויט־געבער! — זאָגט זי, גלייך ווי זי רעדט צו זיך אַליין. — קיין שייטעל האָלץ נישטאָ אין שטוב! שוין באַלד אַ יאָהר נאָך דער חתונה, צעריסען אַלע קליידלעך, דער בור־נוס צעפּאַלען אויף שטיקלעך, קיין פּאָר שיך אויף די פיס, אַלע שוסטערס געהען באָרוועס, — נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכען.

— געהן וואָלט ער ביי מיר אויף אַלע פיער! — רופט זיך אָפּ אַ משונה מאָדנע זאַמדיג קול פון אַ נקבה, וואָס רעדט ווי אַ מאַנס־ביל. — ווי אַזוי דער מענטש נעמט זיך פיר, אַזוי העלפט איהם גאָט. וואָס הערסט דו איהם, דו נאַריש פּנים? הייס איהם, ער זאָל אוועקלעגען די אַרבייט און זאָל דיר מאַכען אַ פּאָר באָטיקעס זאָל ער דיר מאַכען.

דאָס דאָזיגע קול געהט פון אַ פינסטער ווינקעל. דאָרט זיצט די בלינדע, אָנגעטהאָן אין שוואַרצען, איינגעבויגען אין דרייען, זעהט אויס פון דער וויטען, ווי אַ שוואַרצער קנויל; בלינדערהייד אַרבייט זי אַ זאָק, און די דרעטלעך לויפען ביי איהר אונטער די פינגער מיט אַ שרעקליך מהירות.

— אַ רוח זיצט אין דער אידינע! — קלערט זיך מלך, ענט־פערט איהר ניט דאָס אַנדערע וואָרט און שלאָגט פּלעקלעך.

— גאָט ברוך הוא וברוך שמו האָט מיר געשיקט אַ מתנה אויף דער עלטער, אַ געניידעם אַ דערקוויקעניש. — רעדט וויטער די בלינדע אויף איהר זאַמדיגער שטימע, און די דרעטלעך פליהען ביי איהר אונטער די הענד. — גענוג, ער איז אַ שוסטער, איז ער נאָך אַ פוילער יונגאַטש און אַ שלים־מזל דערצו!

— אַ ניט־גוטער! — טראַכט זיך מלך, ענטפערט איהר ניט דאָס אַנדערע וואָרט און שלאָגט פּלעקלעך.

בערעלע

אַ מעשה, ווי אַזוי אַ פֿאָר־פֿאָלק אָהן קינדער
האָבען אויסגעהאָדעוועט אַיין אומגליק אויף
זייער קאָפּ. דערצעהלט לכבוד שבועות.

געשריבען אין יאָהר 1908

אויב ס'איז פאַראַן ערגיץ אויף דער וועלט אַ מכשפה, קאָן זי, דאַכט מיר, שרעקליכער ניט זיין, ווי די בלינדע איז געווען אין דער מינוט.

מלך איז געווען אָפּהענגיג. ער האָט נור אויסגעשפּיגען און האָט זיך געזעצט צוריק צום וואַרסטעק — שלאָגען פלעקלעך...

עפּילאָג.

ערב פּסח האָבען זיי ביידע זיך וויעדער געשטעלט אין פאָדראַד ביי די מצות. מלכה האָט געקאַטשעט און מלך האָט גערעדלט. פערדיענט עטליכע קערבלעך, האָבען זיי אויסגעקליידט זיך לכבוד יום־טוב און אויך דער בלינדער מאַמען געמאַכט אַ נייע פּלאַטיע, אַ שוואַרצע, מיט געלע פלעקען. און אַ פעטשיילע אַ געלע מיט שוואַרצע פלעקען. אז ס'איז געקומען צום סדר, איז דער מלך וויעדער געזעסען אויבען־אָן אויפ'ן טראָן און „געפּראַוועט". נעבען איהם איז געזעסען די מלכה, אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג, און אַקעגען זיי — די בלינדע, ווי אַ שוואַרצער שטן, מיט אַ פרום פּנים — „גאָט ברוך הוא וברוך שמו"... דער מלך רייבט די הגדה גאַנץ געשמאַק הויך אויף אַ קול, מישט איין בלעטעל נאָכ'ן אַנדערען, געהט גלייך, ווי אַ פּאָטשטאָווע פערד, זעצט עברי, ווי אַ באָנדער, אַבי מיט אַ ניגון, שלאָגט זיך ביי די „דיינו'ס" אין האַרצען אריין, ווי צו „על־חטא" — פונקט דאָס אייגענע, וואָס פּאַראַיאָהרען.

— מלכה, די פּיש! — לאָזט אַרויס דער מלך אַ בעפויל.

— מלכה, חריין! — הערט זיך אַ נייער בעפויל פונ'ם מלך. און ביידע וויבער זיצען מיט גרויס רעשפּעקט און וואַרטען, וואָס נאָך פאַר אַ בעפויל וועט אַרויסגעהן פונ'ם מלך.

יאָ, ס'איז גוט צו זיין אַ מלך, ווי איך בין אַ איד... חאָטש איין מאָל אין יאָהר, חאָטש אויף אַ האַלבע שעה!

פּערעלע

אַ הקדמה פֿונ׳ם ערצעהלער.

די מעשה, וואָס איך געה אייך דערצעהלען, קעהר זיך, אייגענט־ליך, מיט שבועות וויינציג־וואָס אָן. אין איהר הערט מען ניט דעם ניגון פֿון „אקדמות“ און מע פֿיהלט ניט דעם טעם פֿון בלינצעס. אזוי ווי זי האָט זיך געטראָפֿען ערב שבועות, אזוי האָט זי זיך געקאָנט טרעפֿען ערב פּסח, און אפילו ערב תשעה־באָב. נישט מעהר, אזוי ווי ס׳איז איצט ערב שבועות, און אַ מעשה דערצעהלען לכבוד יום־טוב ווילט זיך (אוי ווילט זיך! הלואי וואָלט איהר אזוי וועלען לייענען...), דערצעהל איך אייך, וואָס איך האָב אליין געהערט פֿון מיין עלטערען ברודער, אז ער האָט זי געהערט פֿון זיין רבי׳ן — עליהם השלום, זיי זענען שוין אלע טוידט: מיין עלטערער ברודער, זיין רבי און בערעלע און אלע פּערזאָנען פֿון דער דאָזיגער אמת׳ער געשיכטע, אונז צו לאַנגע יאָהר — און לאָז דאָס זיין אַ מעשה לכבוד שבועות.

שלום־עליכם.

א.

ער האָט געהייסען משה־יענקיל, זי האָט געהייסען שרה־זיסעל. געזעסען זענען זיי אין אַ דאָרף, געהאַלטען אַ מיהל, געהאַט גאַנץ שען פּרנסה, געלעבט זעהר צופֿריעדען, נאָר איין זאַך — קיין קינ־דער האָט זיי גאָט ניט געגעבען.

אויסגעגאָסען אויף איהר מאַן׳ס קאָפּ און איהר גאַנץ ביטער האַרץ האָט זי אויסגעלאָזט צו זיינע הענד און פיס, ווי געוויינטליך אַ ווייב, וואָס הייסט שרה־זיסעל, זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט.

און איהר מאַן משה־יענקיל האָט אויסגעהערט די תוכחה פון זיין ווייב מיט אַ שמייכעלע, ווי געוויינטליך אַ מאַן, וואָס הייסט משה־יענקיל, זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט, און האָט זיך אָנגערופען צו איהר:

— הכלל, שרה־זיסעל, ביזט דו שוין פאַרטיג מיט אַלע קללות? אַצינד נעם געב אונזער בערעלען עפּיס עסען. זעהסט דאָך, אַז ער איז הונגעריג, זוכט און וויינט — אַ צער־בעלי־חיים...

— אַ פינסטערער שלים־מזל אויף דיין קאָפּ מיט איהם אינ־איינעם! — אַזוי האָט איהם געענטפערט שרה־זיסעל און איז גע־גאַנגען פונדעסטוועגען צו דער שאַפע און האָט צענויפגענומען וואָס ס׳איז געווען, און ביידע האָבען זיך אַוועקגעזעצט אָנהאָדעווען דעם הונגעריגען בערעלע, וועלכער איז פערבליבען ביי זיי אין שטוב אַ האָדאָווניק אויף שטענדיג און איז געוואַכסען און איז אויסגע־וואַכסען און איז געוואָרען אַ גרויסער.

ב.

אַ נפש איז בערעלע געווען אַ פּראָסטער, אַ ווילדער, אַ ברייט־ביינינער, אַ געפּאַקטער, אַ בעוואַכסענער פון קאָפּ ביז פיס, און איז געווען במחילת כבודו אַ גרויסער זולל־וסובאַ׳ניק, און ניט אַזוי אַ זולל־וסובאַ׳ניק, ווי אַ נאַשער, און ניט אַזוי אַ נאַשער, ווי, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ שכור. בטבע איז ער געווען נישט קיין מפונק, נישט קיין איבערקלייבער; וואָס עס האָט זיך געמאַכט אַ געווען גוט: בראָנפען איז בראָנפען, מעד איז מעד, ביער איז ביער; זיך ניט אָפּגעזאָגט אויך פון קוואַס; שטאַרק ליעב געהאַט האָניג, נישט פיינט געהאַט קייז פלייש, און אויף היהנער

— ס'זאָל איהם אָנהויבען צו ריהרען, וואָס מיר זיצען אָט־אַזוי־אָ, מע ווערד אָקערשט ניט משוגע, שונאי ציון! זאָלסט האָטש קריגען ערגיץ אַ „האָדראָוונוּק“, אַ יתומ'על איין אָרעמס, אָדער אַ יתומה'לע. בעסער וואָלט געווען אַ יתום איידער אַ יתומה: אַ יתום וואָלט זיין אַ קדיש. און פאַר נויטה לאָז זיין אַ יתומה, אַבי אַ לעבעדיגער נפש אין שטוב, ניט זיצען מיט די פיער ווענט, משטיינס געזאָגט!...

אַזוי האָט גע'טענה'ט שרה־זיסעל נעבאַך צו איהר מאַן משה־יענקיל און האָט איהם געגעסען, געטאָטשעט, ווי געוויינטליך אַ ווייב, וואָס הייסט שרה־זיסעל, זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט.

און משה־יענקיל האָט דאָס אויסגעהערט ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל, נאָר צעהן מאָל, הונדערט מאָל, טויזענד מאָל — און געשוויגען, ווי געוויינטליך אַ מאַן, וואָס הייסט משה־יענקיל און זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט און דאָס ווייב עסט איהם און טאָטשעט איהם טאָג־טעגליך, יאָהרען־לאַנג.

ויהי היום — קומט משה־יענקיל איינמאָל צו פאָהרען אַהיים און געהט אַריין אין שטוב מיט אַ שיינענדיג פנים און אין בוזעם האַלט ער פערשטעלט עפּיס אַ בעשעפעניש, וואָס ריהרט זיך און וואָרטשעט, און ער רופט זיך אָן צו זיין ווייב:

— שרה־זיסעל, נאַ, איך האָב דיר געבראַכט אַ האָדראָוונוּק, געפונען פאָהרענדיג אין וואַלד פאַרבלאָנזעט... ער הייסט בערעלע.

און משה־יענקיל האָט אַרויסגעוויקעלט פונ'ם בוזעם דעם געפונענעם פערבלאָנזעטען נפש, וואָס הייסט בערעלע, און האָט איהם געגעבען אַ שטעל־אוועק אויף דער ערד פאַר זיין ווייב שרה־זיסעל. און זיין ווייב שרה־זיסעל, אַז זי האָט געגעבען אַ קוק אויף דעם האָריגען בעוואַכסענעם נפש בערעלע, האָט זי געגעבען אַ שפּרונג־אָפּ צוריק און איז שיער ניט געפאַלען חלשות. נאָכדעם האָט זיך אויפגעעפענט אַ קוואַל פון קללות, און די גאַנצע תוכחה האָט זי

געגעבען אַ רעכטען פּסק, גוט אָנגעדרעהט ביי די קורצע אויהערען, דורכגעפּאַטשט און מכבד געווען מיט אַ פּאָר גוטע שטעקענס אי־בער די פּאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעזאָגט איהם אַ מאָל צעהן מיט'ן הארבען וואָרט, אַז ער זאָל געהן די רגע הינטער'ן אויווען, זיך אָנידערהאָליען פּאָפּען...

פּאָפּען (שלאָפען), פּרעסען (עסען), זשליאָקען (טרינקען), חאָליען (ליגען), זאָכען (רוהען), קרענקען (זיצען) — דאָס איז געווען די שפּראַך, וואָס מע האָט גערעדט מיט בערעלען, און בערעלע האָט דאָס פערשטאַנען... אַ סימן — ער האָט געפּאָלגט.

ג.

מע קאָן נישט וויסען אַקוראַט: צי ווייל אונזער פּאָר־פּאָלק זענען אַזוי זשעדנע געווען קינדער, צי דערפאַר, וואָס דער דאָזיגער נפש איז אויפגעוואַכסען און האָט זיך ערצויגען, מע קאָן זאָגען, אויף זייערע הענד — זיי האָבען זיך צוגעבונדען צו בערעלען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען איהם פּשוט ליעב געקריגען, איהם נאָכ־געגעבען, ווי מע גיט נאָך אַ ליעב קינד, געבאַלעוועט, ווי מע באַ־לעוועט אַ בן־יחיד, זיך אויסגעבראַכט אויף זיסע זאַכען, נאַשערייען, און משה־יענקיל האָט איהם אויסער דעם אונטערגעטראָגען אָפּט־מאָל אַביסעל בראָנפען בשתיקה, עס זאָל נישט דערזעהן חלילה שרה־זיסעל זיין ווייב, וואָרום אַז עס וועט געוואָהר ווערען דערפון שרה־זיסעל, וועט זיך טהון חושך! שרה־זיסעל, ווי זי איז ניט געווען צוגעבונדען צו בערעלען, פלעגט זי דאָך טענה'ן מיט איהר מאַן, אַז מע באַלעוועט איהם צו שטאַרק, אַז מע גיט איהם צופיעל נאָך די שמד.

— פּאָרט אַ חיה רעה, — פלעגט זי זאָגען — אַ בער בלייבט אַ בער. זעה נאָר, ער זאָל אונז אַמאָל ניט אָפּראַנקען...

שרה־זיסעל פלעגט אָפּטמאָ צוקלאָגען בערעלען פאַר איהר מאַן, ווי מע זאָגט, צושטעלען אַ בענקעלע, דערצעהלען אויף איהם,

איז ער געווען גאָר אַ גרויסער בעלן, און דוקא פון דער שטייג, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט זעהען... מע מוז זיך מודה זיין, אַז בע־ו׳עלע איז געווען געהאַפּט, האָט געהאַט לעפּקע פינגער... האָט ליעב געהאַט אַוועק׳לקח׳ענען אַלסדינג, וואָס ליגט נישט גוט.

אַז מע רעדט פון חסרונות, דאַרף מען רעכענען אויך די מעלות. בערעלע איז געווען אַ פּאַרשוין אַ פריילּיכער, אַ פּערשיי־טער, אַ שפּרינגער, געקראָכען און געקלעטערט אויף די גלייכע ווענט, געקוליעט זיך און געבראָכען זיך, געמאַכט משוגע׳נע העויות, אָנשטעלען, תנועות אַזעלכע, אַז מע האָט בעדאַרפט צעגעהן פאַר געלעכטער. משה־יענקיל האָט באמת הנאה געהאַט, געקלויבען נחת פון בערעלען, ווי ער וואַכסט, ווי ער מאַכט אָנשטעלען, ווי ער פער־שטעהט אַלסדינג, להבדיל ווי אַ מענש. אַז מע זאָגט איהם: בע־רעלע, קום אַהער! — געהט ער צו. אַז מע זאָגט איהם: בערעלע, נאָ דיר! — שטעלט ער אויס די לאַפּע, אָדער ער עפענט אויף דאָס מויל. אמת, אַ קאָפּ איז אויף איהם אַ גראָבליכער, אַ מח אַ פלאַט־שיגער; איידער מע קלאַפּט איהם אַריין עפּיס אין קאָפּ אַריין, דאַרף מען גוט צוהאָרעווען, האַקען האַלז, טעסען פּלעקער; נאָר האָט ער שוין איבערגענומען עפּיס אַ זאַך, וועט ער עס שוין גע־דענקען. אונזער משה־יענקלען איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם, איידער ער האָט איהם אויסגעלערענט, אַז דאָס, וואָס מע גיט איהם ניט אין דער לאַפּע אַריין, זאָל ער אַליין זיך ניט דערוועגען נעמען. בערעלע, וואָס איז כמעט געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען בע־מערקט, אַביסעל געהאַפּט אין דער מעשה, האָט דוקא געהאַט גרויס חשק צו אַלסדינג צוגעהן, געבען אַ שמעק מיט דער נאָז און טאַקי באַלד אַריינחאַפּען אין מויל אַריין — און געהט לאָדט איהם צום ונתנה־תוקף! בשום אופן האָט בערעלע ניט געקאָנט פערשטעהן מיט זיין גראָבען בערישען שכל, למשל, אַזאַ פּשוט׳ע זאַך: פליייש ליגט, שמעקען שמעקט דאָס, עסען וויל ער, — היינט פאַר וואָס זאָל ער דאָס ניט נעמען אין מויל אַריין? אודאי האָט איהם משה־יענקיל

לאַפּע, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. פערשטעהט זיך, אַז משה־יענקיל האָט איהם מקיים פּסק געווען, ווי עס געהער צו זיין, און בערעלע האָט שוין פון דעמאָלט אָן גענומען אויף זיך: לאָז מען די אָרעמע עופות בינדען, לאָז מען מיט זיי שלאָגען כפרות, לאָז מען זיך שלאָגען מיט זיי קאָפּ אָן וואַנד, — מיט איהם געהערט זיך עס נישט אָן...

האָט זיך אָבער געטראָפען איין אַנדער מעשה, — בערעלע איז שוין דעמאָלט געוואָרען אַ גרויסער, ס'איז איהם אוועקגעגאַנגען דאָס דריטע יאָהר — ס'איז געווען ביי שרה־זיסלען אַ בהמה'לע, וואָס האָט זיך געמאָלקען פון קאַלב צו קאַלב. דאָס בהמה'לע, אַ קליינע מורע בהמה אָהן הערנער, האָט געגעבען מילך בשפע, געווען טהייער ביי שרה־זיסלען, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג. בעדאַרף זיך דאָס בהמה'לע אָפּקעלבען און געבוירען אַ קעלבעלע אַ חיות: אַ קליינטשיקס, אַ רויטינקס, אַ ווייכינקס מיט אַ ווייס מאָרדעטש־קעלע, האָטש ארומנעמען קושען! און מחמת אין דרויסען איז געווען קאַלט, האָט מען דאָס קעלבעל גענומען אין שטוב אַריין, געלעגט דאָס אינאיינעם מיט בערעלען צווישען אויווען אויף שטרוי.

— זעה נאָר, דער תכשיט דיינער זאָל ניט צורעכט מאַכען דאָס קעלבעל! — מאַכט שרה־זיסעל צו איהר מאַן מיט אַ שענעם יברכך דערביי, ווי געוויינטליך אַ ווייב, וואָס הייסט שרה־זיסעל, זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט.

— חס ושלום! — זאָגט משה־יענקיל און נעמט זיך קנעלען מיט בערעלען „הלכות קעלבעל", ווייזט איהם מיט'ן פינגער און זאָגט איהם אָן טויזענד מאָל: „נע ראוש!"... און בכדי בערעלע זאָל ניט פערגעסען, שענקט ער איהם פּאַראויס אַ פּאָר שטעקענס איבער די פּיאַטעס. בערעלע זעצט זיך אוועק ווי אַ סטאַטיק, קוקט אויפ'ן קעלבעל מיט זיינע קליינע רויטע בערישע אויגלעך און בעלעקט זיך. משמעות, ער פערשטעהט וואָס מע מיינט... און עס ווערד

אַז ער טהוט איהר צום טוידט, כאַטש אָן שאַדענס אין שטוב, זאָל גאָט שומר ומציל זיין. למשל, בערעלע האָט געהאַט אַ טבע ברעַ־כען טעלער, טעפּלעך, גלעזער, שיסלען, סקאָווראָדעס, פּאָקרישקעס — אַלסדינג, וואָס מע קאָן נאָר מיט איין קלאַפּ צעברעכען, פלעגט ער דאָס צעברעכען. און נישט חלילה פאַר כעס, מיט רציחה — ניין, דוקא אין גוטען מוטה: דערזעהען, עס שטעהט אַ טעלער, אונ־טערגע׳גנב׳עט זיך אויף צוויי פיס, אויפגעהויבען די לאַפּע, באַץ — אוים טעלער! מע האָט אַרויסגעזעהען, אַז בערעלע האָט דערפון חיות, פּשוט, עס קומט איהם צו דערפון אַ שטיק געזונד. משה־יענקלען איז דאָס ערשטע מאָל אַפילו זעהר שטאַרק געפעלען גע־ווען די מעשה; ער האָט געלאַכט מיט׳ן פולען מויל, זיך געהאַל־טען ביי די זייטען פאַר געלעכטער. נאָר שרה־זיסלען איז די מעשה דוקא ניט געפעלען, האָט זי דעם מאַן בעגראָבען, געלעגט אין דער ערד אַריין אינאיינעם מיט׳ן „תכשיט“. און משה־יענקיל האָט גענומען מיט בערעלען לערנען בלק, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט איהם אָפּגעוואָהנט פון ברעכען טעלער.

איינמאָל האָט משה־יענקיל דערהערט אַ געשריי, גלייך ווי מע קוילעט אַ מענשען. דאָס האָט געשריען שרה־זיסעל זיין ווייב.

— גערה נאָר זעה, וואָס דער קדיש דיינער האָט געטהאָן, ברע־נען זאָלסט דו מיט איהם אויף איין פייער, רבונו של עולם!

משה־יענקיל איז צוגעלאָפען און האָט דערזעהען אויף דער ערד ליגען צוויי געפּענטעטע עופות, אַ הוהן מיט אַ האָהן, וואָס מע האָט זיי געוואָלט אָוועקפיהרען צום שוחט, — ערב יום־כפּור איז דאָס געווען — האָט זיך, אַפּנים, מיישב געווען בערעלע, עס איז דאָך מיט זיי אַלץ איינס קאַפּוט, למאי זאָלען זיי זיך מוטשען? האָט ער אַרויפגעלעגט אויף זיי די לאַפּע — און אַ סוף. די הוהן מיט׳ן האָהן זענען נאָך געלעגען מיט פערגלאַנצטע אויגלעך און מיט אַרויסגעשטעלטע צינגלעך, און בלוט האָט זיך זיי געלאָזט פונ׳ם האַלז. און בערעלע איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעלע און געלעקט די

דאָס, ער פיהלט דאָס בחוש און בענקט נאָך דעם, ווי עס בענקט א קינד א יתום נאָך דער מאַמע, וואָס ער האָט זי קיינמאָל ניט געזעהען. בערעלע פיהלט, אז ניט דאָ, צווישען אויוועו, איז זיין אָרט; צו ענג איז פאַר איהם דער צווישען־אויוועו; צו קליין איז פאַר איהם די שטוב. ער פיהלט, אַז עפּיס ציהט איהם, עפּיס שלעפּט איהם, עפּיס טרייבט איהם פון דאַנען, און עמיצער שעפּטשעט איהם אויפ'ן אויהער: „בערעלע! נאַרישער בערעלע! שטעה־אויף, גלייך־אויס די ביינער דיינע. צעטראָג די שטוב אויף שטיקלעך, לעג אוים די מענשען מיט איין קלאַפּ און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען אַהין, וויים־ווייט, אָט דאָרטען, וואו עס גרינט דער וואַלד, אָט דאָרט, וואו עס שמעקט מיט בלאָטע, אַהין טראָג זיך אָפּ, אַהין, צווישען דייניגע!“... און בערעלע הערט זיך צו צום קול, וואָס שעפּטשעט איהם, און האַלט צוגעמאַכט די אויגען. ער שלאָפט ניט, נאָר ער טראַכט, ער טרוימט, ער חלומ'ט פון א גרויסער וועלט, וואָס ער ווייסט זי ניט, פון א פרייען וואַלד, וואָס ער קען איהם ניט, פון א בעסער גליקליך לעבען, וואָס ער האָט דאָס קיין מאָל ניט פערזוכט... נאָר אָט קומט צו געהן משה־יענקיל פון שטאָדט מיט פולע קעשענעס. בערעלע דערשמעקט, אַז משה־יענקיל האָט געבראַכט צו טראָגען גוטע זאַכען, נים און האָניג און א ביסעל משקה — אוי, דאָס ביסעל משקה! — און ער שטעלט זיך אוועק אויף די הינטער־שטע פים, נעמט איהם ארום מיט די פעדערשטע לאַפּעס, קריכט מיט דער מאָרדע צו איהם גלייך אין בוזים אריין. משה־יענקיל טרייבט איהם אָפּ: אוועק, דו טרפה'נער האַלז! אוועק, דו שכור־ניק! און בשעת מעשה ציטערט ביי איהם דאָס לייב, וואָרום פון בערעלע'ס ארומנעמען קאָן מען זיין לייטען־גלייך; נאָך איין קוועטש אביסעל א שטאַרקערען — ווערד מען א קדוש... און ער גיט איהם אָפּ וואָס ער האָט, אבי פּטור ווערען פון זיינע לאַפּעס. פון דעם ארומנעמען, וואָס בערעלע נעמט איהם ארום, טראַגט משה־יענקיל אין זיך צווייערליי געפיהלען: אי פערגעניגען, אי שרעק.

צווישען די צוויי א מין אהבה, א ליעבשאפט, אז ס'איז גאר א מחיה צו קוקען, ווי די צוויי ליגען זיך איינס צום אנדערען און דרימלען. און אז דאס קעלבעל שטעהט אויף, שטעהט אויף אויך בערעלע. דאס קעלבעל מאכט „מע!" — בערעלע שטעלט אן די אויהערען. דאס קעלבעל טהוט א שפרונג — בערעלע שפרינגט אריבער דעם און שטעלט זיך מיט'ן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף. נאכדעם האפט ער ארום דאס קעלבעל מיט די לאפעס און קוועטשט דאס צו צום הארצען, ווי א מוטער נעמט ארום און קוועטשט צו א קינד. פון אזא קוועטשעניש האט זיך אויסגעלאזט, אז דאס קעלבעל האט איין מאל ארויסגעלאזט א מאדנעם געשריי „מע!" מיט א חראפען אינאיינעם. א גליק, וואס ס'איז אונטערגעלאפען משה־יענקיל מיט'ן שטעקען און האט מציל געווען דאס אומשולדיגע קעלבעל פון א מורא'דיגער סכנה...

ד.

פון דעמאלט אן איז אונזער משה־יענקיל אריין אין נאז די ווערטער, וואס זיין ווייב שרה־זיסעל האט איהם אמאל געזאגט, אז א בער בלייבט א בער, פארט א חיה רעה, וויפיעל מע זאל דאס ניט לערנען... משה־יענקיל האט זיך אנגעהויבען צוקוקען צו בע־רעלען און האט ארויסגעזעהען, אז עס קומט צו ווינטער, איז דאס גאר ניט דער בערעלע, וואס תמיד: עפיס גארניט דאס לעבעדיג־קייט, עפיס דרעהט ער זיך ארום, קאן זיך קיין ארט ניט געפינען, פערקלויבט זיך אין א ווינקעל, זויגט די לאפע און דרימעלט גאנ־צע טעג מיט גאנצע נעכט. מע דארף איהם וועקען, ער זאל עפיס פרעסען, עפיס זשליאקען... בערעלע שלאפט!

ניין, בערעלע שלאפט ניט. בערעלע טראכט, בערעלע טרוימט, בערעלע חלומ'ט פון א גרויסער וועלט, וואס ער ווייסט זי ניט, פון א פרייען וואלד, וואס ער קען איהם ניט, פון א בעסער גליקליך לעבען, וואס ער האט דאס קיינמאל ניט פערזוכט, נאר ער פיהלט

צערעמאָניען און דערלאַנגען איהם מיט דער קאָטשערע אין זייט אַריין:

— געגנוג דיר שוין, שלים־מזל, צו פּאָפּען, שטעה אויף, וועל איך דיר געבען פּרעסען!

און בערעלע שטעהט אויף פון דער ערד, טרייסעלט זיך אָפּ די פּעל, געהט־צו צו שרה־זיסלען אויף צוויי פיס און שטעלט זיך אַוועק, ווי איינער רעדט:

— הנני — איך בין אָנגעברייט...

— וואָס זאָגסט דו אויף אונזער בערעלען. ווי ער איז דאָס, קיין עין־הרע, אויסגעוואַכסען?

אַזוי זאָגט שרה־זיסעל צו איהר מאַן און בעקומט ענטפער:

— אויסגעוואַכסען איז ער, נאָר אַזוי זיך באַגעהן, ווי דו באַגעהסט זיך מיט איהם, דאַרף מען אויך ניט.

ענטפערט איהם דערויף שרה־זיסעל:

— אַ מכה דער מאַמע זיינער! ס׳וועט איהם שאַדען צום שדוך?

ענטפערט איהר דערויף משה־יענקיל:

— צום שדוך וועט דאָס איהם ניט שאַדען, נאָר דערמאָן דיך וואָס דו אַליין האָסט אַמאָל געזאָגט אויף איהם...

— וואָס האָב איך דען געזאָגט אויף איהם?

— אַנו, דערמאָן דיך נאָר אַקאָרשט.

— אַדרבה, דערמאָן מיר וואָס האָב איך געזאָגט?

— דו האָסט געזאָגט, אַז אַ בער בלייבט אַ בער, אַ חיה רעה.

— איך האָב געזאָגט?

— ווער דען האָט געזאָגט?

— אוי! עס איז פון זיי ניט אויסצוהאַלטען, פון די מאַנס־בילען!

אַזוי שרייט אוים שרה־זיסעל און טהוט אַ פּליעסק מיט די הענד און עסט דעם מאַן און טאַטשעט איהם, און פּיילט איהם אַ גאַנצע

ס׳איז איהם בשעת מעשה אי גוט, אי ער האָט מורא. גוט איז איהם, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט אזא גוואַרדיאַן; מורא האָט ער, וואָס בערעלע איז שוין צופיעל בערעלע...

ה.

ניט איין מאָל פלעגט אונזער משה־יענקיל, ליגענדיג אין בעט, קוקען אויף בערעלען און זיך טראַכטען: „אוי, ווען דער דאָזיגער נפש זאָל חלילה וויסען וואָס פאַר א כח אין איהם ליגט!“... אַלע מאָל, ווען ער איז אויפגעשטאַנען פונ׳ם שלאָף, האָט משה־יענקיל מיט שרעק א קוק געטהאָן אין קאַמערעל: וואו איז בערעלע? וואו איז שרה־זיסעל זיין ווייב?... און שרה־זיסעל זיין ווייב האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען פון איהר מאַן׳ס פחדים: איהר איז קיינמאָל אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אז ס׳איז דאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר בערעלען. מערקווירדיג! זי איז מיט איהם אזוי געוואוינט געוואָרען, אז מיט דער צייט האָט זי אָנגעהויבען פערגעסען, אז בערעלע איז א חיה, א „חיה רעה“, ווי זי פלעגט אַמאָל אויף איהם זאָגען. וואָס הייסט, בערעלע איז א חיה? בע־רעלע איז א בערעלע — און א סוף... האָדעווען האָט זי איהם געהאָדעוועט ווי א קינד, און געאַרבייט האָט זי מיט איהם, ווי מיט א קנעכט. זי האָט זיך געשאַפט מיט איהם, ווי מע שאַפט זיך מיט א בעדיענטען. און בערעלע האָט געטהאָן אַלסדינג, וואָס מע האָט איהם געהייסען: געטראָגען האָלץ פון דרויסען, געשעפּט וואַסער פונ׳ם ברונען, אַרויסגעטראָגען דאָס מיסט פון שטוב, — כל עבודת פרך האָט זי מיט איהם געטהאָן, און אַלע מאָל מיט ווערטער, ווי מע רעדט, להבדיל, מיט א מענשען:

— נו, שלים־מזל, שטעל פיס! זעה נאָר, ווי ער ריהרט זיך, ווי א בלייען פויגעל!

אזוי פלעגט שרה זיסעל זיך אויס׳טענה׳ן מיט איהם, און א מאָל, אז ער איז געלעגען און געדרימעלט, פלעגט זי זיך מיט איהם ניט

דעם גאָרטען האָט ער אַליין געזעצט. די בוימלעך אַליין געפלאַנצט. און וואָס פאַר אַ חיות, וואָס פאַר אַ פערגעניגען, וואָס פאַר אַ נחת האָט ער געשעפּט, אַז דער ליעבער זומער איז געקומען, און דער גאָרטען האָט זיך צעוואַכסען, און די בוימער האָבען זיך צעבליהט, און... אָט וואָס זיינע אויגען האָבען איצט דערזעהען: די קאַמער צעוואָרפען, די זעק צעשליידערט, די תבואה צעשאָטען איבער'ן גאַנצען הויף און אויסגעמישט מיט צעריסענע פערינעס מיט קי־שענס, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אינאיינעם מיט אַ סך שערב־לעך פון צעבראָכענע כלים, און ווייסע פעדערען האָבען זיך גע־דרעהט און געטראָגען אין דער לופטען, ווי שניי, און געפאַלען אין בלאָטע אַריין... עטליכע בוימער פון'ם גאָרטען זענען געלעגען במחילת כבודם מיט'ן פנים אַראָפּ, אויסגעבראָכען און אויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל, און אויך דער קלאָין פון'ם ברונען, וואָס מע שעפּט מיט איהם וואַסער, איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד ווי לאַנג ער איז... די שטוב גופא איז געווען ערטערווייז צעשלאָגען, די פענסטער צעבראָכען, די טהיר איז געלעגען ביי אַ זייט, און אויף איהר האָבען זיך געוואַלגערט צעבראָכענע בענקלעך מיט צעשטוי־סענע כלים מיט צעשאָטענע גרויפּען, אויסגעמישט מיט פעדערען — איין אמת'ער פּאָגראָם, אַ חורבן!...

און אויבען, אויפ'ן דאַך פון דער שטוב, שפּאַציערט אַרום הין און צוריק בערעלע אויף צוויי פיס, ברומט ווי אַ באַס, מלא כעס, האַפּט אַ ציגעל פון'ם קוימען, אַ באַלקע פון'ם דאַך און טהוט אַלע מאָל אַ שליידער אין דער ערד אַריין מיט אַזאַ כח, מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ רציחה, וואָס משה־יענקיל האָט דאָס אויף איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהען. ער האָט בערעלען נישט געקאָנט דער־קענען: דאָס מויל איז איהם אָפען, די צונג אַרויסגעשטעלט, די אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט, און בערעלע שפּרינגט פון איין עק דאַך צום אַנדערען, מיט אַזאַ מין מהירות און מיט אַזאַ מין אימ־פּעט, אַז מע האָט געזעהן, טאָמער שפּרינגט ער אַראָפּ, — איז

נאכט, ווי ער איז ווערטה און ווי עס פּאַסט פאַר אַ ווייב, וואָס הייסט שרה־זיסעל און זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער ניט.

ז.

איינמאָל — דאָס איז געווען פאַר שבועות — איז משה־יענקיל געפאָהרען פון שטאָדט אהיים אויף יום־טוב אויפגעלעגט, פרעהליך. די זון האָט געפייערט, צעגאָסען זיך מיט איהרע הייסע שטראַהלען אויף די גרינע פעלדער פוןביידע זייטען וועג. און מחמת ס'איז שוין אַ צייט ניט געווען קיין רעגען, איז דער שטויב פון די רעדער געווען גרויס, געגאַנגען ארויף, ווי אַ רויך, פערשטעלט דאָס דאָרף מיט דער מיהל מיט דער שטוב מיט די בוימער, וואָס פאַר דער שטוב. נאָר פיהלען פיהלט משה־יענקיל, אַז ער איז אין דער היים, און ער דערהערט אַ מאָדנעם רעש, קולות פון אַ סך מענשען, אַ טומעל, אַ הו־הא, אַ טיוקען מיט אַ פייפען מיט אַ געלעכטער און מיט אַ געשריי: הוררראַאַאַ!!

— בערעלע!...

דאָס איז געווען די ערשטע מחשבה, וואָס איז איהם געקומען אויפ'ן קאָפּ, — און משה־יענקיל האָט אַ שמיץ געטהאָן דאָס פערד און איז צוגעפאָהרען צו דער שטוב, און זיינע אויגען האָבען דער־זעהען...

מיר מוזען אַוועקוואַרפען אויף אַ מינוט משה־יענקלען און אָפּ־מאָהלען זיין וואָהנונג, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ הויף, אַ שטוב, אַ קאַמער פון תבואה מיט אַ גאָרטען פון עטליכע בוימלעך, מיט אַ ברונען און מיט אַ געפלאָכטענעם הילצערנעם פּלויט אַרום און אַרום. דאָס אַלעס האָט משה־יענקיל אַליין כמעט מיט זיינע ..ייגענע הענד געמאַכט אין פערלויף פון מעהר אַלס צוואַנציג יאָהר. איטליכס פּלעקעל איז איהם געווען טהייער. יעדעס שטיינדעל האָט צו איהם גערעדט ווערטער. ניט בלויז גערעדט, נאָר געזונגען, געזונגען!

און פון בערעלע׳ס האַרץ, פערשטעלט ער זיך מיט ביידע הענד דאָס פנים; ער קאָן קיין בלוט ניט זעהען; ער קאָן ניט זעהען בע־רעלע׳ס בלוט...

* * *

און דאָרט, אין שטוב, אין מיטען גרויסען חורבן, ליגט אויס־געצויגען שרה־זיסעל, צוגעקוועטשט האַרט צו דער ערד, דאָס מויל איז איהר אָפען, דאָס פנים בלוי, די אויגען שרעקליך, שרעקליך! און עמיצענס שווערע־שווערע טריט זענען קענטיג אויף איהר צע־בלוטיגט לייב, אויף איהר צעריסענער ברוסט... — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

פריהער איז געגאַנגען פון דער וועלט שרה־זיסעל, און נאָכ־דעם — בערעלע.

סכנת־נפשות, ער איז דורס מענשען... און די ווייסע־חברה'ניקעס, די וואס פערשטעהען ניט וואס דערפון קאן ארויס, שטעהען און לאַכען און פייפען און שיטען מיט ווערטלעך:

— אט אזוי, בערקאָ! אט אזוי פּאַטאַפּיטש! באווייז זיי וואס דו קאנסט! רעכען זיך אָפּ מיט דיינע בעלי־בתים, זיי זאָלען וויסען ווי טהייער פעפער איז!... הורראַ! !...

און וואס מעהר די קונדסים שרייען, הוקען און טיוקען און פייפען, אזוי מעהר געהט בערעלע ארויס פון די כלים און ארבייט מעשים אשר לא יעשו.

— אַ ביקס! אַ ביקס! גיבער אַ ביקס! — שרייען די עלטערע מענשען, די וואס פערשטעהען, וואס דאָ טהוט זיך, מיט וואס דאס שמעקט...

משה־יענקיל שטעהט און קוקט, און קוים וואס ער פערשטעהט וואס דאָ טהוט זיך. אַ פראסט לויפט דורך איבער זיין לייב, און ער טראכט זיך: „בערעלע איז משוגע געוואָרען! משוגע געוואָרען! שוין זשע וועט מען בערעלען שיסען?!"... און משה־יענקיל פיהלט, ווי עס האט זיך איהם אָפּגעריסען עפּיס אין האַרצען: מע וועט בערעלען שיסען? שיסען בערעלען?... און איידער ער רעדט אוים אַ וואָרט הערט זיך אַ שאָס, און נאָך אַ שאָס, — איינס, צוויי, דריי, פּיף־פּאַף! אַ בלוי רויכעל פערשטעלט אויף אַ מינוט די אויגען; עס הערט זיך אַ שאַרפער ריח פון פולווער, און פון דאַך פאלט אראָ אַ גרויסע שווערע זאַך, טהוט זיך אַ זעץ אין דער ערד אריין מיט אַ שטאַרקען כח, קאַטשעט זיך נאָך אביסעל אין בלאָטע און תאָרחעלט, ווי אַ געקוילעטער אָכס, און ציהט זיך אויס מיט אלע פיער פיס ארויף, און עס זעהען זיך ארויס די הוילע שווארצע טריט מיט די ברייטע פּיאַטעס.

— בערעלע?... אויס בערעלע!...

און די ווייסע־חברה'ניקעס הויבען אויף אַ נייעם „הורראַ", און משה־יענקיל דערזעהט, ווי עס יאָשעט בלוט פון בערעלע'ס קאָפּ

דריי לוחות

פאַר וואָס איז דער בעריהמטער טאָלמאַטשאָוו? געוואָרען אַ שונא־ישראל? — דערצעהלט פון איין אַדעסער אידישען ראַזנאָזשטשיק, וואָס פערקויפט אידישע גאַזעטען און האַנדעלט־אונטער בשתיקה מיט „אינטערעסנע אָטקריט־קעס“ פון פאַריז. — איבערגעגעבען טאַקי מיט זיין לשון.

געשריבען אין יאָהר 1913

דריי לוחות

—איהר פרעגט, ווי קום איך,׳אַ איד, אַ טאַטע פון קינדער, צו האַנד־לען מיט אַזאַ טריפה סחורה, זאַפּרעשטשאָנע טאָוואַר, „אינטערעסנע אָטקריטקעס“ פון פּאַריזש ?—דאָס האָב איך איהם צו פאַרדאַנקען, נאָר איהם — אונזער טאָלמאַטשאָוו׳ען ימח שמו ! איצט, אַז ס׳איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַזאַ צייט, און טאָלמאַטשאָוו איז אויס טאָלמאַטשאָוו און אַדעס איז שוין ווידער אַדעס, מעג מען שוין, דאַכט זיך, דערצעה־לען דעם גאַנצען אמת, פון וואַנען גענומט זיך עס, וואָס אונזער טאָלמאַטשאָוו איז געוועזען אַזאַ שונא ישראל ? איך האָב מורא, אַז איך, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב אין דעם אַ גרויסען חלק, אויב ס׳איז ניט אינגאַנצען איבער מיר ! איאָ, ס׳איז אייך אודיווויטעלנע, ווי קום איך, אַ איד אַ ראַזנאָשטשיק, וואָס פאַרקויפט אידישע גאַ־זעטען בשתיקה, וואָס האַנדעלט אונטער מיט „אינטערעסנע אָט־קריטקעס“ פון פּאַריזש, ווי קום איך צום גענעראַל טאָלמאַטשאָוו ? און וואָס פאַר אַ מחותן בין איך וואָבשטשע מיט גענעראַלע ? נאָר די מעשה איז, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס יעדער „וואָרום“ האָט זיך זיין „דאַרום“ און וואָס אַ איד איז אַ איד... אויב איהר האָט צייט, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען, וועט איהר הערען אַ שענס.

דאָס איז געווען, פּונקט אַזוי ווי היינט, חול המועד סוכות איז דאָס געווען, טאַקי דאָ אין אַדעס, שוין היבשע עטליכע יאָהר אַוועק.

השנה — דאָס איז אַפילו פאַר אַ בירזשעוויק אויך אמאָל אַ סחורה.
מע דאַרף וויסען ווען פאַלט אוים פסח, ווען האָט מען יאָהר־צייט —
אַ איד איז אַ איד.

און שפּאַציערענדיג אַזוי, שטעל איך מין אָפּעט נעבע פאַנקאָ־
ני'ן און באַקוק די חברה בירזשעוויקעס, וואָס לויפען הין און צו־
ריק — איך קען זיי שוין אַלעמען אויסגעבונדען — און טראַכט מיר:
וועמען לעגט מען פאָר דאָס רעשטעל, אז זיי זענען אַלע אָבעז־
פעטשעט פון מיר מיט לוחות לכל השנה, דאַכט זיך, ניט דורכגע־
לאָזט קיינעם? און אַזוי ווי איך שטעה מיר און טראַכט, דערזעה
איך ביי אַ טישעל ביי פאַנקאָני'ן, פאָרענט, אין דרויסען־צו, זיצט
אַ גענעראַל מיט פּאַליעטען, דרעהט מיט אַ לעפּעלע אין גלאָז קאַווע.
און נעבען איהם שטעהט אַ „קראַסנע שאַפּאָטשקע“, פון די, וואָס
פאָלגען אַ גאַנג, און דער גענעראַל זאָגט איהם עפּיס אָן נאָך אַ מאָל
און נאָך אַ מאָל, און יענער, די קראַסנע שאַפּאָטשקע הייסט עס.
ענטפערט איהם אויף אַלסדינג: „סלושאַיוס, וואַשע פּרעוואָסחאָ־
דיטעלסטוואָ!“ טראַכט איך מיר: וואָס קאָן ער איהם אָנזאָ־
גען אַזעלכס, דער גענעראַל הייסט עס? און נעם, ווי איהר קוקט
מיך אָן, און רוק מיך צו אַביסעל ניצהענטער צום גענעראַל'ס טי־
שעל, קוק כלומרשט אין אַ זייט, אַ איד איז אַ איד, און איך הער,
ווי דער גענעראַל זאָגט צו איהם, צו דער „קראַסנע שאַפּאָטשקע“
הייסט עס, אַ גויעשער קאָפּ, איינציגע ווערטער, צעקייעט און לעגט
איהם אַריין אין מויל אַריין: „געדענק זשע, זאָגט ער, וואָס מע
רעדט צו דיר, זאָלסט געהן צו מיר אַהיים, אויף דער חערסאָנסקי
נומער דריי, זאָגט ער, און זאָלסט זאָגען, זאָגט ער, דער גענעראַלשע,
אַז היינט עסט ביי אונז וואַרעמעס דער גראַף מוסין־פּושקין. געדענק
זשע, זאָגט ער, זאָלסט ניט פאַרגעסען — חערסאָנסקי נומער דריי
און דער גראַף מוסין־פּושקין!“ און יענער, די „קראַסנע שאַ־
פּאָטשקע“ הייסט עס, שטעהט פאַר איהם אויסגעצויגען, ווי אַ
סטרונקעלע, און מע הערט פון איהם מעהר ניט, נאָר „סלושאַיוס“

אדעס איז נאָן געווען וואָבשטשע אדעס, מע האָט נאָך נישט גע־
וואוסט פֿון קיין טאָלמאַטשאָוו צו זאָגען, און אַ איד האָט זיך גע־
קאָנט פֿראַנק און פֿריי אַרומטראָגען איבער דער גאַס מיט אידישע
ספֿרים און ביכלעך אויף צו פֿאַרקויפֿען. קיין אידישע גאַזעטען
איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אַזוי פֿיעל ווי היינט, נאַפּרימער,
און מע האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט, און קאָנטרעבאַנ־
דעווען מיט אינטערעסנע אָטקריטקעס פֿון פֿאַריזש האָט מען אויך
נישט באַדאַרפֿט. בין איך מיר אַרומגעגאַנגען מיט מיין ביסעל
סחורה, סדורימלעך, מחזורימלעך און לוחות לכל השנה, אויף דער
לאַנדזשעראָנאָווסקי און אויף דער קאַטערייענסקי, נעבען פֿאַנקאָ־
ני'ן, דאָרט וואו מע קאָן חאַפּען אַ אידעלע, דאָרט, וואו עס דרעהען
זיך אַרום אַלע בירזשעוויקעס און מעקלערס און וואָבשטשע אַלער־
ליי אידען, אויסגעקוקט, טאָמער וועט גאָט צושיקען עפּיס
פּדיון. שפּאַציער איך מיר, הייסט עס, איינמאָל אַזוי, ווי איהר
קוקט מיך אָן, אויפ'ן טראָטואַר נעבען פֿאַנקאָני'ן, דאָרט וואו אונזע־
רע אַדעסער בירזשעוויקעס רייבען די פֿאַדעשוועס, און טראַכט —
וואו נעמט מען אַ פּאָקופּאַטעל אויפ'ן ביסעל לוחות, וואָס איז מיר
פֿאַרבליבען? מע האָט שוין אָפּגעבלאָזען שופֿר, מע האָט שוין
אָפּגעפּאַסט יום־כפּור, אָט באַלד, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, וועט
שוין דער סוכות אויך אַוועקעט — און איך האָב נאָך מיין ביסעל
רעשט גאָר ניט פֿאַרקויפֿט, און גאָט ווייסט, אויב איך וועל עס
שוין גאָר פֿאַרקויפֿען, ווארום דאָס איז אַזאַ סחורה, וואָס טאָמער
בלייבט עס אויף נאָך יום־טוב, איז חאָטש נעם און שענק עס אַוועק
אַ גוי. צו וואָס טויג, נאַפּרימער, אַ פּראָסטראָטשעטער לוח? און
איך האָב אַזש דריי אַזעלכע פּראָסטראָטשעטע לוחות, פֿאַרבליבען
פֿון ערב ראש השנה. געהאַט אַ מאה, האָב איך זיי צעשטעקט
טאַקי אָט דאָ אויף דער גאַס, צום מיינסטען צווישען די בירזשעווי־
קעס, — אידען וואָבשטשע עפּיס ניט אַזעלכע אַי־אַי־אַי, האַלטען
ניט אַזוי שטאַרק פֿון אידישע ספֿרים, נאָר אַ לוח אַ אידישען לכל

דער לוח. נעמט ער דעם לוח און באצאהלט מיר פאר׳ן לוח, נישט געדונגען זיך, נישט געדעדט, נישט גאר־נישט! ווי געפעלט אייך א גענעראל? מעגען ניט זיין פאר איהם די כפרה דריי בירזשע־וויקעס?

— האבען מיר שוין, הייסט עס, א פעטשאטעק! — טראכט איך מיר, נעם דאס פעקעל און לאז מיך געהן. — א פעטשאטעק איז טאקי זעהר גוט, נאר וואס טהוט מען ווייטער? וואו נעמט מען נאך א צוויי גענערעלע אזעלכע, וואס מע זאל קאנען אפזעצען ביי זיי דאס איבעריגע ביסעל סחורה, די לעצטע צוויי לוחות הייסט עס? און עס פליהט מיר דורך א געדאנק — א איד איז א איד: למאי האב איך איהם ניט פארגעלעגט נאך א לוח? דעם דאזיגען גענעראל וואלט דענן ניט אנגעשטאנען צו האבען צוויי לוחות לכל השנה? אי, וואס וועט ער טהון מיט צוויי אידישע לוחות? למאי וואס וועט ער טהון מיט איין אידישען לוח?... און אט אזוי טראכ־טענדיג, איז מיר דורכגעפלויגען א נייער געדאנק — איך האב מיך דערמאנט, ווי ער האט ניט לאנג אט דא איינגע׳טענה׳ט מיט׳ן גוי עטליכע מאל: „גענעראלשא... חערסאנסקי נומער דריי... גראף מוסין־פושקין...“ ווי איך בין א איד, דא קאן זיין פדיון אויף נאך א לוח!... „זיי נאר ניט קיין שלים־מזל׳ניק, אבראם מאר־קאוויטש (אזוי רופט מען מיך נאכ׳ן טאטען מאיר אנשיל), און קוי זשעליאזא — חאפ ארייין א פאקופאטעל!“ — אזוי האב איך געזאגט צו מיר אליין, און ניט לאנג געטראכט, האב איך מיך, ווי איהר קוקט מיך אן, גענעבען א נעם פון דער קאטערינינסקי אויף דער דעריבאסאווסקי, פון דער דעריבאסאווסקי אויף דער פרעאבראזשענסקי און פון דער פרעאבראזשענסקי אויף דער סאדאווע, און פון דארטען גלייך איבער דער יעליסאוועטינסקי אויף דער חערסאנ־סקי. געקומען אויף דער חערסאנסקי און גענומען זוכען א נומער דריי — ס׳איז דא, ווי איך בין א איד! און נאך וואס פאר א נומער דריי — א מויערעל א דוואכעטאזשנע, איין אסאבניאק!

און „סלושאיום"! און אז יענער לאָזט זיך שוין גײן, שרײַעט איהם נאָך דער גענעראַל נאָך אַ מאָל: „גערענק זשע, חערסאָנסקי נומער דרײַ, גראַף מוסין־פּושקין!" — און וויל זיך נעמען צו דער קאַווע, דערזעהט ער מיך, ווי איך שטעה נעבען איהם גאָר נאָהענט און קוק איהם אַרײַן אין גלאָז אַרײַן, נישט צו מײַנען דערבײַ חלילה קײן זאַך, נאָר וואָאַבשטשע, גלאַט אַזוי, — אַז ער הויבט ניט אויף אויף מיר אַ קול און נעמט מיך דורך מיט די אויגען: „טיעבע טשעוואָ נאַדאָ?" — וואָס דאַרף איך הייסט עס. טראַכט איך מיר: וואָס איך דאַרף וועסט דו מיר ניט געבען; און אפשר, האַ?... אַ איד איז אַ איד, וואָס שטעל איך דאָ אײַן? און איך נעם, ווי איהר קוקט מיך אָן, און טהו איהם אַ זאָג: „וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעל־סטוואָ! קויף בײַ מיר אַ לוח, אַ קאַלענדאַר הייסט עס". קוקט ער מיך אָן: „וואָס פאַר אַ לוח?" זאָג איך: „אַ אידישער לוח". קוקט ער מיך שוין אָן גאָר ווי אַ משוגענעם: „צו וואָס דאַרף איך אַ אידישען לוח?" זאָג איך: „צו וואָס דו דאַרפסט ווייס איך ניט, נאָר איך דאַרף, זאָג איך, אויף יום־טוב, ס'איז בײַ מיר פאַרבלי־בען, זאָג איך, דרײַ. קויף, זאָג איך, וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעל־סטוואָ"... און אין האַרצען טראַכט איך מיר: „שען וועט זײַן, אַז ס'וועט געהן אַ גאַנג און ער וועט זיך הייסען געבען אַ אידי־שען לוח לכל השנה!..."

און כך הוה: ווי איך האָב נאָר אויסגערעדט דאָס וואָרט „פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ", אַז ער טהוט ניט אַ הוק אויף מיר — „פּאַשאָל וואָן!" דאָס גאַנצע בלוט איז מיר פאַרקיהלט געוואָרען און, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך געגעבען אַ נעם דאָס פּעקעל, אַ איד איז אַ איד, און וויל שוין מאַכען נאַ ליעוואָ קרוגאָם, דערהער איך פּלוצים, ווי ער מאַכט צו מיר: „סטופּאַי סיודאַ!" — איך זאָל געהן הייסט עס צוריק. העלפט זיך ניט. געה איך צו־ריק, הייסט ער זיך ווייזען אַ לוח. געה איך און ווייז איהם אַ לוח. פרעגט ער, וואָס קאָסט דער לוח? זאָג איך איהם וואָס קאָסט

אויב זי איז די גענעראַלשע. ווי זשע איז אָבער טאָמער ניט — פאַר וואָס קומט איהר פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ? נאָר א איד איז א איד, פאַל איך אויף איין עצה און באַגעה מיך גאָר אָהן א שום פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ. און הויב אָן גלייך פונ'ם עסק: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, דער גענעראַל האָט ביי מיר געקויפט, זאָג איך, א לוח, א קאַלענדאַר הייסט עס, און האָט מיך געבעטען, געהייסען הייסט עס, איך זאָל דעם לוח, דעם קאַלענדאַר הייסט עס, אָפּטראָגען אַהיים אויף חערסאָנסקי נומער דריי, און דאָ וועט מען מיר באַצאָהלען; נאָר טאָמער וועט מען מיר ניט וועלען גלויבען, זאָג איך, האָט מיר דער גענעראַל געהייסען זאָגען א סימן, זאָג איך, אַז היינט עסט דאָ ווארעמעס דער גראַף פוסין מושקין...“ צעלאַכט זי זיך, די גענעראַלשע הייסט עס: „ניט פוסין מושקין, נאָר מוסין פושקין“... טראַכט איך מיר: וויבאַלד דו לאַכסט, ביזט דו פון מיינע פריצטעס. און איך רוף מיך אָן צו איהר: „ביי מיר האָסט דו גע'פועל'ט, זאָג איך, פוסין מושקין, מושקין פושקין — אבי, זאָג איך, דער סימן איז א סימן“... און איך געה און דערלאַנג איהר דעם לוח. נעמט זי דעם לוח און באַטראַכט דעם לוח פון אַלע זייטען, און פרעגט מיך, וואָס קאָסט דער לוח? זאָג איך איהר וואָס קאָסט דער לוח. נעמט זי דעם לוח און באַצאָהלט מיר פאַר'ן לוח, געזעגענט זיך אָפּ מיט מיר און נאָך מיט א שמייכעל — א גוטען טאָג הייסט עס. געפעלט אייך א פריצטע? ניט קיין פריצטע, נאָר א גאָלד! פאַר איהר מעגען שוין זיין די כפרה נישט קיין דריי בירזשעוויקעס, נאָר טאַקי גאַנצע דרייסיג! בין איך פּטור געוואָרען, הייטס עס, פון א רעשטעל, געבליבען אין גאַנצען מיט איין לוח. מעג מען שוין געהן אַהיים עסען ווארעמעס, צי ניין?

אָפּגעגעסען ווארעמעס און אויסגערוהט זיך אביסעל, טאָרעט עס מיך ווידער אַמאָל. אמת, טאַקי גע'פּטר'ט דעם גרעסטען רעשטעל, געבליבען אינגאַנצען מיט איין לוח, נאָר פון דעסטוועגען

גוט. וואָס זשע טהוט מען ווייטער? דאַרף מען, הייסט עס, געבען
א ציה ביי'ם גלעקעל און זיך נאָכפרעגען אויף דער גענעראַלשע?
און איך נעם זיך צום גלעקעל און טהו א קלונג און טראַכט מיר:
דאָס וועט זיין שען, אז ס'וועט אַרויס א סאָלדאַט, און אפשר נאָך
מיט א הונט, וועט מיר געבען דעם וועג און נאָך אָנרייצען אויף
מיר דעם הונט — מעהר פעהלט מיר נישט! און כך הוה. עס
געהט אוועק א מינוט און צוויי און דריי. איך שטעה און שטעה —
קיינער יאָוועט זיך ניט. טראַכט איך מיר: אויף מיין שלים מזל
באַדאַרף קיינער ניט זיין אין דערהיים... און אפשר איז דאָס גלע־
קעל נאָר־וואָס קאַלי געוואָרען? מע דאַרף פּרובען נאָך א מאָל.
און איך נעם, ווי איהר קוקט מיך אָן, און דאַוואַי קלינגען איינס,
צוויי, דריי — עפענט זיך ניט די טהיר און עס שפּרינגט ניט אַרויס
א שיקסע מיט א באַרשט: „שטאָ נאַדאָ?" וויל איך מאַכען פיס,
נאָר איך פאַרכאַפּ מיך — א איד איז א איד — און רוף מיך אָן
צו איהר: „איך דאַרף האָבען, זאָג איך, צו דער גענעראַלשע באַ־
דאַרף איך, ליטשנאָ צו איהר, זאָג איך"... קוקט זי מיך אָן, ווי
איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר איין אָנשיקעניש! און געהט
און פאַרהאַקט די טהיר גלייך מיר אונטער דער נאָז, זי זאָל עס
מיר זאָגען א וואָרט אפילו — א שענער ברוך־הבא! און אפשר
וועט זי זיך יאָוועט נאָך א מאָל? אָדער זי וועט אַרויסשיקען דעם
סאָלדאַט מיט'ן הונט? אזוי טראַכט איך מיר און האָב חשק מאַ־
כען איין אָפּטריט, נאָר אז איך בין שוין דאָ און האָב שוין אָנגע־
קלונגען, איז פאַרפאַלען. און כך הוה — עס געהט ניט אוועק קיין
האַלבע מינוט, עפענט זיך די טהיר און עס באַווייזט זיך א פּריצטע,
א יונגע, א שענע, בלוט און מילך. זאָל עס זיין זי, די גענעראַלשע
הייסט עס? איז זי צו יונג. זאָל עס זיין דעם גענעראַל'ס א טאָכ־
טער — איז ער צו יונג. דערווייל די צייט שטעהט ניט, מאַכט
זי צו מיר: „שטאָ נאַדאָ?" טראַכט איך מיר, וואָס טהוט מען
ווייטער? זאָגען איהר „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" — איז גוט,

פינגער גלייך אויף מיר. שלעכט, וואָס טהוט מען? מעהר. געהט מיר ניט אָפּעט, נאָר האָבען צו טהון מיט גענערעלע! און איך האָב גענגעהויבען, ווי איהר קוקט מיך אָן, שטעלען פיס, אָבער טאַקי ווי עס געהער צו זיין! איך האָב אויסגערעכענט פריהער, אז מיט אזא שמעלען פיס וועל איך אין צוויי מינוטען זיין אויף דער דריי־טער גאַס. און כך הוה: ס'איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין האלבע מינוט, הער איך עמיצער לויפט מיר נאָך פון הינטען און שרייט צו מיר, איך זאָל שטעהן בלייבען. ווער זאָל דאָס זיין? ניעאָוזשעלי ער אליין, דער גענעראַל, הייסט עס? א בעלנות פון א גענעראַל! און זעה נאָר, וואָס דאָ טהוט זיך — א איד האָט פאַרקויפט איין איבעריגען לוח לכל השנה — קעהרט זיך די וועלט! גענערעלע לויפען איהם נאָך! שלעכט, וואָס טהוט מען? לאָזען זיך לויפען נאָך שטאַרקער — טאָמער טהוט ער א פייף, און עס לויפען אָן גאָראָדאָוואָיעס. נאָך דאָס פעהלט מיר — מע זאָל מיך ארעסטירען! זאָל איך בלייבען שטעהן — טאָמער טהוט ער מיך א חאַפּ מיט'ן צווייטען לוח — איך האָב אָפּגענאַרט די גענעראַלשע? אמעהר, וועל איך זיך מאַכען ניט וויסענדיג, גלייך ווי ניט מיך מיינט מען, איך וועל מיר געהן, ווי איך בין געגאַנגען, דאָס הייסט, ניט געלאָ־פען, ניט געגאַנגען פּאַוואָלי, נאָר געשפּאַנט, ווי א מענטש, וואָס איז פאַרנומען מיט זיין זאַך. אַי, טאָמער יאָגט ער מיך אָן און פרעגט מיך, וואָס לויף איך? וועל איך איהם זאָגען, אז ס'איז ביי מיר אזא גאַנג. און כך הוה: ער האָט מיך טאַקי אָנגעיאָגט! איז דאָך שלעכט, איאַ? וועט איהר הערען וואָס גאָט קאָן! אָנ־געיאָגט — העלפט שוין ניט. שטעל איך מיך אָפּ, איך טהו א קוק — ווער מיר גענעראַל? וואָס מיר גענעראַל? א נעכטיגער טאָג! ס'איז גאָר א מענטש פון די מענטשען, וואָס דערלאַנגען קאַווע ביי פאַנקאָני'ן צו די טישלעך. ער לויפט מיט א סערוועטעל אונטער'ן אָרעם און ווישט זיך דעם שוויים פונ'ם פנים. „טפו זאָלסט דו ווערען! — מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, ווי מיר ביידע האָבען זיך

גלוסט זיך פון דעם איינעם אויך פּטור ווערן. וואָרום צו וואָס טויג איין אַלטער לוח, אַ פּראָסטראָטשעטער? מע באַדאַרף פּטור ווערן פונ'ם לוח! נאָר ווי אַזוי ווערד מען פּטור פון אַ לוח, אַז דער גרעסטער טייל בירזשעוויקעס זענען שוין אָבגעזאָפּטשעטע מיט לוחות? ניין, מע באַדאַרף זיך דורכגעהן איבער דער שטאָדט נאָך אַ מאָל. און, נישט לאַנג געטראַכט, נעם איך דאָס פּעקעל און לאָז מיך געהן גלאַט אַזוי, וואָקבשטשע. און מחמת איך בין שוין געוואוינט געוואָרען צו דער לאַנדזשעראָנאָווסקי און צו דער קאַ־טערינינסקי, טראָגען מיך שוין די פיס אַליין גלייך אַהינצוצו. דאָר־טען וואו די בירזשעוויקעס רייבען פּאַדעשוועס — וואוהין דען זאָל מען געהן? — טאָמער וועט גאָט פּאָרט צושיקען עפּיס אַ פּאַקופּאַ־טעל — אינגאַנצען איין שטיקעל לוח! און, ווי איהר קוקט מיך אָן, דרעה איך מיך אַרום הין און צוריק, ווי איין אומרוה, באַטראַכט די בירזשעוויקעס, ווי זיי לויפען דאָ אַרום, ווי די פאַר'סמ'טע מייז, זוכען אַ קערבעל צו פאַרדיענען — יעדער זוכט אַ פאַרדיענסטעל. דערווייל, אַזוי ווי איך דרעה מיך דאָ, דערזעה איך פון דערווייטען, ביי פאַנקאָני'ן, ווידער אַ גענעראַל און ווידער אין פּאַליעטען! טראַכט איך מיר: „אָט דאָס וועט זיין שען, אויב גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פרישען גענעראַל, אַ פּאָקופּאַטעל אויפ'ן לעצטען לוח!“ און עס פליהט מיר דורך אַ געדאַנק: ס'איז אפשר איין עבירה וואָס איך האָב מעהר ניט אַז איין לוח, וואָרום ווייבאַלד אַז גע־נערעלע וועלען אָנהויבען קויפען אידישע לוחות, קאַלענדאַרען הייסט עס, מעגען שוין דעמאָלט זיין די כפרה אַלע בירזשעוויקעס מיט דער גאַנצער בירזשע!

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אָט דאָס, איך געב אַ קוק — כך הוה: ס'איז טאַקי מיין גענעראַל! איך האָב איהם, ווי איהר קוקט מיך אָן, באַלד דערקענט! ער מיך האָט אָבער, אפּנים, אויך דערקענט. פון וואַנען ווייס איך עס? איך האָב געזעהען, ווי ער האָט זיך געגעבען אַ הויב־אויף פונ'ם בענקעל און אַ וויַיז מיט'ן

נער? ווייס איך עד היום נ׳ט. נאָר פּאָלאַגאַיען פּאָלאַגאַיע איך מיר, אַז דאָס האָט באַדאַרפט זיין נישט קיין אַנדערער נאָר טאָל־מאַטשאָוו. וואָרום אַז ניט, פון וואַנען דענן האָט זיך גענומען צו איהם פּלוצים אַזאַ רשעות מיט אַזאַ רציחה אויף אידען וואָאָבשטשע, און מעהר פון אַלעמען איז אויסגעגאָסען געוואָרען זיין צאָרן אויף אונז, ראַזנאָשטשיקעס פון אידישע ביכלעך און גאַזעטען, וואָס מיר טאָרען נאָך עד היום ניט אַרויסבאַווייזען זיך אויף דער גאַס מיט אַ אידיש ביכעל אָדער אַ צייטונג, און מע דאַרף זיך אַרומטראָגען מיט דעם אונטער דער פּאָלע, ווי מיט קאָנטרעבאַנדע, אָדער גנבה׳שע סחורה? מיינע שונאים און אייערע שונאים און אַלע אידישע שונאים זאָלען אַזוי האָבען די נאָז, ווי מע קאָן לעבען פון אַזאַ מין קאָנטרעבאַנדעווען מיט אידישע גאַזעטען! מוז מען צוהאַנדלען מיט „אינטערעסנע אָטקריטקעס“ פון פּאַריזש, אָפּענע און פאַרפּעטשאַטעוועטע אין קאָנווערטען — און דאָס איז ביי מיר דער גלאַוונער אַרטיקעל. גאַזעטען האַלט איך נאָר גלאַט אַזוי, וואָאָבשטשע, וואָרום דער אַרטיקעל, אינטערעסנע אָטקריטקעס הייסט עס, געהט דאָ בעסער. דערויף איז פאַרהאַן צווישען די בירזשעוויקעס אַ סך מעהר פּאָקופּאַטעלעס, ווי אויף אידישע גאַזעטען — אַך־אַך אַך! איך ווייס, אַז ס׳איז פּאַסקודסטווע און אַז גאָט וועט שטראָפען... נאָר וואָס זאָל מען טהון? אַ איד איז אַ איד און זוכט עפּיס פאַרדיענען, קינדער ווילען עסען... מסתמא וועט גאָט מוחל זיין. ער וועט מוזען מוחל זיין. אַ ברירה האָט ער? עס געהט אַזאַ טאָג — הושענא רבה, ווי מיינט איהר?... אויף זיין קאָפּ זאָל עס פאַלען. איך מיין טאַקי אונזער טאָלמאַטשאָוו׳ען מיין איך, וואָרום ווען ניט ער, ימח שמו וזכרו, וואָלט איך נאָך עד היום געהאַנדעלט מיט סדורים און מחזורים און לוחות לכל השנה, פאַרשפּאַרט אַרומטראָגען זיך מיט אַזאַ פּאַסקודסטווע. אפשר זענט איהר אַ פּאָקופּאַטעל? האָב איך אַ פריישען טראַנספּאָרט, נאָר־וואָס פון פּאַריזש...

אָפּגעשטעלט. — וואָס האָסטו דו זיך צעלאָזט, זאָגט ער, ווי אַ ווילדע ציעג? קום, זאָגט ער, דער גענעראַל רופט דיך"... „וואָסער גענעראַל, זאָג איך, און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דאָס רופט ער מיך?" „וואָס הייסט, זאָגט ער, פון וואַנען איז געדרונגען? וואָס בין איך, זאָגט ער, אַ טויבער? איך הער דאָך, ווי דער גענע־ראַל זאָגט: „אָן געהט ער, דער איד מיט די ביכלעך, לויף און ברענג איהם צו פיהרען!"... אויב אַזוי, טראַכט איך מיר, איז נאָך גאָרניט אַזאַ־נ־אומגליק, דער מלאך־המות איז נאָך ווייט. אַ איד איז אַ איד. מע קאָן דאָ נאָך עפּיס צוטראַכטען... און ווי אַ בליץ פליהט מיר דורך אין קאָפּ גאָר אַ שפּאָגעל־נייער געדאַנק — אפשר וועט גאָט אַ נס טהון, איך וועל דאָ זטר'ען דאָס לעצטע שבלעצטע, דעם דריטען לוח הייסט עס? און נישט לאַנג געטראַכט, טהו איך זיך, ווי איהר קוקט מיך אָן, אַ פּאַטש אין שטערן און כלומרשט אַ שפּיי־אויס און רוף מיך אָן צו איהם: „אַט אַזוי זשע רעך! וואָס האָסט דו מיר באַלד ניט געזאָגט, זאָג איך, אַז דאָס איז דער גע־נעראַל פון די ביכלעך? אַ מאָדנער גענעראַל! פון גאַנץ פריה אָן, זאָג איך, אַז ער דינגט ביי מיר אָט דאָס ביכעל. ער האָט מיר שוין, זאָג איך, דאָס וואָסער אויסגעקאָכט. עס קאָסט אַ קאַרב, און ער גיט מיר אַ האַלבען. איך האָב איהם שוין געזאָגט, זאָג איך, פינף און זיבעציג, און זיבעציג, און זעכציג קאָפּיקעס, איין עק זאָל דאָס האָבען! און ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, זאָג איך, אַ האַלבס און אַ האַלבס! ס'זאָל ניט זיין, זאָג איך, דאָס לעצטע ביכעל, שטראָף מיך גאָט, אויב איך וואָלט איהם אָפּגעלאָזט אפילו אַ האַלבע קאָפּיקע. נאָר אַזוי ווי, זאָג איך, ס'איז ביי מיר דאָס לעצטע, זעהסט דאָך, זאָג איך, געב אַהער אַ האַלבען קאַרב און אַ געב איהם אָפּ דאָס ביכעל..."

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווער דער גענעראַל איז געווען? ווי אַזוי איז דער נאָמען זיין־

א בעשרייבונג.

געשריבען אין יאָהר 1903

לאַטקעס של חנוכּה

א.

אין דער שטאָדט קאפּעליִשעל, וואָס אין דער סביבה פון מאזע־פּעווקע, ניט ווייט פון יעהופּעץ, וואָס רעכענט זיך צו פּאָליעסיע, געהט ארום אַ טאָג פאַר חנוכה פון שטוב צו שטוב פאַנפּאָלי דער שמש מיט אַ לאַנגען שטעקען און מיט אַ לאַנטערען און רופט צו־נויף די „גאַנצע שטאָדט" צום ערשטען ליכטעל אין „הויף" אריין אויף לאַטקעס. הייסען הייסט פאַנפּאָלי, אייגענטליך, ישראלי, נאָר רופען רופט מען איהם „פאַנפּאָלי" דערפאַר, וואָס ער פּאָנפּעט מחילה שטארק אונטער דער נאָז און זאָגט:

— מע האָט אייך הענאָזט בעטען אין „הויף" אניין צום ענשטען נעכטעל אויף נאַטקעס של חנוכה!

און נאָר אין דער שטאָדט קאפּעליִשעל, וואו אַ מינדסטע קינד קען פאַנפּאָלי דעם שמש, קאָן מען זיך שטויסען, אז דאָס הייסט:

— מע האָט אייך געלאָזט בעטען אין „הויף" אריין צום ערשטען ליכטעל אויף לאַטקעס של חנוכה.

דער נאָמען „לאַטקעס של חנוכה" געהערט טאַקי צו פאַנפּאָלי'ן; דאָס האָט ער אַליין טאַקי צוגעזעצט די צוויי ווערטער „של חנוכה", וואָס ער זאָגט זיי פון יאָהר צו יאָהר מיט'ן זעלבען ניגון, וואָס מע בענשט חנוכה־ליכטלעך, און דאָס אינאיינעם מיט זיין פּאָנפּעוואטע לשון, אז ער זינגט נאָך אַביסעל צו, האָט דאָס טאַקי דעם זיעבע־

אזוי זאָגען די ווייבער צו זייערע מאַנען און זענען זיי מקנא, וואָס זיי זענען מאַנסבילען, זענען גרייט זיך בייטען מיט זיי, נישט נאָר אויף חנוכה — אפילו אויף נאָך חנוכה און אויף נאָך פורים, און אפילו אויף שטענדיג.

מעהר פון אַלע איז ערב חנוכה פערטאָרעראַמט, געוויינטליך, די נגידית הצנועה מרת ראציל שתחיה. אייגענטליך, איז הצנועה מרת ראציל שתחיה אַלע מאָל פערטאָרעראַמט אין קיך און אין קאַ־מער און אין די ספיזשארנים, האָט פיינט זיצען צענויפגעלעגט די הענד און קאָן ניט ליידען, אַז יענער געהט ארום אָהן איין ארבייט. די אַלע, וואָס דרעהען זיך ארום „הויף“, ווייסען שוין פריהער, אַז ווען מע זאָל ניט אריינקומען צו איהר אין שטוב אריין, וועט זי געפינען פון איטליכענס וועגען עפּיס איין ארבייט: פאָלגען א גאַנג אין מארק אריין, א שפרונג טהון אויף איין פוס אין דער אַפּטייק, העלפען איבערהענגען דעם זייגער פון איין וואַנד אויף דער אנדע־רער, צו־רעכט מאַכען דאָס פיסעל פונ׳ם טיש, פערקלעפען די פענ־סטער אויפ׳ןווינטער, מאַכען א קריזשיק צו דער דייזשע אוגער־קעס — קאָרג זאָגען געפינען זיך אין בעל־הבתישקייט ? האָט קיין יסורים ניט, הצנועה מרת ראציל שתחיה פערשטעהט וועמען וואָס פאַר איין ארבייט עס פּאַסט. זי וועט ניט פערלאַנגען, למשל, פון אַלטער גאָרגעל, ער זאָל ארויפקלעטערען אויפ׳ן בוידעם אכטונג געבען, צי דער פּיטשניק האָט גוט פערשמירט די לעזשנים, אָדער פון שואליק טראסק, ער זאָל זיך מטריח זיין אונטער׳ן אויוועז א קוק טהון, צי די עופות לעגען זיך, צי ניין ?... דערפאַר אָבער לאָז אריינקומען צו איהר א בחור׳על טאָקי פון דער משפּחה, ער קאָן זיך זיין א חתן, פון דעסטוועגען מעג איהם אָנשטעהן, נישקשה, זיך צו־זעצען אויף א ווילע, צענעמען די הענד און העלפען דער מוהמע ראַצלען אָפּוויקלען א פּאַסמע בייוועלעך. און ווער שמועסט, אַז סע קומט אריין אַזעלכער, וואָס קען אין די קליינע אותיות, איז ער ניט קליין איבערלייענען איהר אַלע סיגנאַטורקעס, וואָס די דאָקטוי־

טען חן. די שטאָדט קאַפּעלישעל ווערד דערפון נישט נתפעל. די שטאָדט קאַפּעלישעל איז שוין דערצו געוואָהנט. וואָרום אַזוי איז געוועזן פאַר־אַ־יאָהרען אין דער צייט, אַזוי איז געוועזן פאַר צוויי יאָהרען, פאַר דריי יאָהרען און אַלע יאָהרען חנוכה. און אַזוי וועט מסתמא זיין, אם ירצה השם, אויך איבער אַ יאָהר און איבער צוויי יאָהר און איבער דריי יאָהר און אַלע יאָהר, כל זמן דער „הויף" וועט זיין אַ „הויף", די נגידים וועלען זיין נגידים און די שטאָדט קאַפּעלישעל וועט בעשטעהן פון קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דליתים און כתריליקעס וכדומה נאָך אַזעלכע מינים אָרעמע לייט, וואָס האָבען דאָרט יתרו׳ס נעמען און וואָס דרעהען זיך כמעט אַלע אַרום „הויף" און וואָס ציהען כמעט אַלע פון׳ם „הויף" זייער פּרנסה, משטיינס געזאָגט... סיידען טאָמער חלילה דרעהט זיך איבער דאָס רעדעל, און די נגידים ווערען אויס נגידים, און די קבצנים ווערען אויס קבצנים. נאָר דאָס איז אַ זאַך, וואָס סע קאָן ניט זיין: מסתמא וועט זיך דאָס רעדעל מיט גאָט׳ס הילף אַזוי גיך ניט אי־בערדרעהען; די נגידים וועלען, אם ירצה השם, בלייבען נגידים, און די קבצנים וועלען בלייבען קבצנים, ועולם כמנהגו נוהג — אַזוי איז דער מנהג פון דער וועלט, אַז געלד געהט צו געלד, און צום שלים־מזל — שלים־מזל.

צו די דאָזיגע „לאַטקעס של חנוכה" גרייטען זיך אַלע: אי דער „הויף", אי „די שטאָדט", דאָס הייסט — אַלע באַיאַנער חסידים. דער „הויף" קוילעט גענז, פּרעגעלט שמאַלץ, קויפט מעהל און היי־וועט און רעשטשינעט לאַטקעס, און „די שטאָדט", דאָס הייסט די באַיאַנער חסידים, רעכטען זיך שוין לאַנג אויף דער סעודה, וואָס מע גרייט זיך אין „הויף". קיינער טאָר ניט פּערעבענדיוועז אין דער היים מיט׳ן עסען, געפינען אַ חסרון אויפ׳ן וואַרמעס, פרעגען, צי ס׳איז דאָ וועטשערע:

— מאָרגען, אם ירצה השם, אין „הויף" וועט מען דיר פאַר־בעסערען.

ב ע ן ד י אַ נ ד ע ר ע ה ע ל פ ט"... אי פיין, אי קלוג, אי לייטיש, אי נישטאָ צו וואָס צו טשעפּען זיך...

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — מאַכט נאָכדעם נתי כּל־ולך צו דער שטאָדט מיט אַ צוקער־זיס שמייכעלע און מיט אַ מאָדנעם ניגון און בויגט זיך איין בשעת מעשה אין דרייען: — אדרבה, גיט מיר די העלפט, וועלען זיי געבען די אַנדערע העלפט, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף...

די שטאָדט ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז שקר וכזב, און נתי אַליין ווייסט אויך, אַז די שטאָדט ווייסט, אַז ס'איז שקר וכזב, נאָר נתי טהוט דאָס דערפאַר, ווייל ער איז אַ נכנע דעם „הויף", אַיין עבד כנעני, איבערגעגעבען ממש מיט לייב און לעבען און מיט אַיין אמת, וואָרום זינט נתי כּל־ולך איז אַ „כּל־ולך" אין „הויף", געדענקט נישט קיינער, און ער אַליין אויך נישט, אַז ער זאָל זיך מאַכען אַיין אייגענע קאַפּאָטע, אָדער אַ פּאַליטאָ, אָדער אפילו, איך בעט איבער אייער כבוה, אַ פּאָר הויזען — אַלסדינג פונ'ם „הויף", אַלסדינג פונ'ם „הויף". און דער „הויף" ווייסט, אַז נתי כּל־ולך איז זיי געטריי, ווי אַ געטרייער הונט, איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. דער „הויף" ווייסט, אַז נתי וועט נייטט דערלאָזען, עמיצער זאָל עפּיס הנאָה האָבען פונ'ם „הויף" מעהר וויפיעל מע בעדאַרף... די נגידים אין דער שטאָדט קאַפּעלישעל הייסען „די שטיינער", און נתי — „דער שומר פון די שטיינער", און מע האָט איהם פיינט און מען איז איהם דם־שונאים, דערפאַר, וואָס ער היט די „שטיינער", ליגט ווי אַ הונט אויף אַ וואָגען היי, און מע האָט פאַר איהם דרך־ארץ, ז'ערפאַר, וואָס ער איז אַ חשוב ביי „די שטיינער", כּל־ולך אין „הויף".

ג.

נתי כּל־ולך איז אַ מענש־אַיין אַ י נ ג ו ו ע נ י ג ס ט ע ד, ווייסט אַלסדינג, וואָס א י נ ג ו ו ע נ י ג טהוט זיך, האָרכט אַלס־

רים האָבען איהר אַמאָל פערשריבען. מיט איינעם וואָרט: איט־ליכער מענש איז מחויב, יענער זאָל פון איהם האָבען עפּיס אַ נוץ.

מעהר פון אַלעמען קומען איהר צונוץ די מלמדים וואָס אין „הויף". מיט זיי טהוט הצנועה מרת ראציל שתחיה כל עבודת־פרך — פון דער פּאָמעניצע אַרויסגיסען ביז די עופות אָפּטראָגען צום שוחט. און אפילו די קאַץ פערבינדען אין אַ זאַק און פערטראָ־גען הינטער דער שטאָדט, זי זאָל מכות קומען צוריק — דאָס מעג טהון נישט נאָר דער דרדקי, אפילו דער גמרא־מלמד.

ב.

די אַלע אויסגערעכענטע פּאַרשוינען דרעהען זיך אַרום אין „הויף" און בעדיענען די נגידים אָדער מחמת געטריישאַפט, אָדער מחמת נויט. צווישען זיי איז פאַרהאַן דאָרטען איינער אַ פּאַרשוין, וואָס שפּיעלט אין „הויף" די ראָלע פון אַ ראש וראשון און פון אַ כל־ולך, און דערפאַר טאַקי רופט מען איהם אין קאפּעלישעל „נתי כל־ולך". וואָס, אייגענטליך, איז די עובדה זיינע אין „הויף"? — דאָס לאָזט זיך ניט זאָגען. ער איז אַ טהוער, אַ מאַכער, אַ טענצער, אַ יועץ, אַ סאַרווער, אַ הערט־ער, אַ זאָגט־ער — בקיצור, אַ „כל־ולך" און געננג! וויל דער „הויף" עפּיס דורכפיהרען אין שטאָדט, שיקט מען רופען נתי׳ן און מע הייסט איהם, ער זאָל אַזוי און אַזוי... דאַרף די שטאָדט עפּיס דורכפיהרען אין „הויף", קומט מען צו נתי׳ן און מע זאָגט איהם דאָס און דאָס... צי פּועל׳ט דער „הויף" ביי דער שטאָדט אַלסדינג, וואָס ער וויל — דאָס איז קיין ספק ניט, וואָרום פון וואנען לעבט דען די שטאָדט, אַז ניט פון׳ם „הויף"? נאָר צי פּועל׳ט די שטאָדט ביי׳ם „הויף" — דאָס וועל איך אייך ניט זאָגען. ה א ל ב פּועל׳ט די שטאָדט אַלע מאָל, וואָרום דער „הויף" האָט פון תמיד אָן איין תירוץ: „ל אָ ז ד י ש ט אָ ד ט ג ע ב ע ן ד י ה ע ל פ ט, וועלען מיר גע־

א „הויף“, וואָס פון איהם לעבען, קיין עין הרע, אַזוי פיעל אידען...
און נתי געפינט אַ פשרה, מאַכט אַ שלום, ביז דעם נייעם קריעג.

נתי כל־וֹלך האָט צו שאַפען אין „הויף“ איבער אַלסדינג: איבער די מלמדים, איבער די פערד און וועגעלעך און איבער די דיענסטען. ער טראָגט אויפ׳ן קאָפּ אַלסדינג: די מצה שמורה, דאָס גרינס אויף שבועות מיט׳ן סכך צו דער סוכה, די כפּרות מיט די הושענות מיט׳ן אתרוג — אומעדום, אין יעדען אָרט, צו יעדער צייט איז נאָר נתי און נאָר נתי.

— וואו איז נתי? למאי זעהט מען ניט נתי׳ן? געהט צו נתי׳ן!

און נתי, אַ אידעל מיט גרויסע באַנקעוואַטע אויגען, מיט אַ געקרייזעלט קעפּעלי, ווי ביי אַ שעפּעלי, און מיט אַ גלאַט פּנים, וואָס סע וויל ניט וואַכסען אויף דעם קיין באָרד, אחוץ צוויי־דריי רויטע פעדימלעך, איז תמיד פערטאַרעראַמט, האָט שטענדיג קיין צייט ניט, לויפט אַרום, ווי אַ פער׳סמ׳טע מויז, שוויצט און אַרבייט געשמאַק, דיענט געטריי, טהוט אַלסדינג ערנסט, מיט כונה — „לשמה“.

ד.

נתי׳ס גרויסקייט מיט נתי׳ס גבורות מיט נתי׳ס בריה׳שאַפט זעהט מען אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען אין „הויף“ איז עפּיס אַ שמחה, אַ חתונה, אַ ברית, אַ קנס־מאָל, אַ פּדיון־הבן, אַ בר־מצוה, אַ סעודה, אַ קערמעשעל און גלאַט אַ יום־טוב. דעמאָלט פערשטעקט נתי די פּאָלעס, פערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס, מאַכט מיט הענד און קאָמאַנדעוועט.

מיינט ניט, אַז קאָמאַנדעווען, שאַפען זיך מיט יענעם איז אַ קליינינגקייט. קאָמאַנדעווען דאַרף מען קאָנען, קאָמאַנדעווען הייסט — אַליין נישט טהון גאָרניט, פון דאַנען אַהין, פערלאָזען זיך אויף יענעם, נאָר די גאַנצע וועלט בעדאַרף זעהען, אַז סע טהוט זיך און

דינג, וואָס די נגידים רעדען צווישען זיך איינס אויף דאָס אַנדערע, ווערד געוואָהרע פריהער פון אַלעמען פון די אינטריגעס, וואָס קומען דאָרטען פאָר, לעגט־צו איין אויהער וואו מע בעדאַרף און קאָן האַל־טען מויל. פאַר נתי׳ן שעמט מען זיך ניט און מע קאָן רעדען וואָס מע וויל.

נתי כל־ולך איז אַ מענש איין א ו י ס ו ו ע נ י ג ס ט ע ר, ווייסט וואָס אין שטאָדט טהוט זיך, האָרכט זיך צו וואָס מע רעדט. טראָגט אַרויס פון „הויף“ אין דער שטאָדט אַריין אַלסדינג, וואָס סע פאַסט, די שטאָדט זאָל עס וויסען, דערצעהלט כלומר׳שט אזוי זיך, פאַרבייגעהענדיג, כּמסית לפי תומו, די גרויסקייט פונ׳ם „הויף“, דאָס עשירות פון „די שטיינער“, זייערע צדקות, וואָס זיי צעטיי־לען, מיט זייערע אַלע מעשים טובים.

נתי כל־ולך, מחמת ער איז אַ מענש אי איין א י נ ו ו ע־נ י ג ס ט ע ר, אי איין א ו י ס ו ו ע נ י ג ס ט ע ר, ווייסט ער אַלסדינג, וואָס אין שטאָדט טהוט זיך, וואו אַ נייעס און וואו אַ פּאַטשט, טראָגט אָפּ אין „הויף“ אַריין אַלע פּליאָטקעס מיט אַלע רכילות׳ען, קומט צו־געהן אַלע מאָל מיט גאַנצע פעק נייעס, פרעמ־דע און אייגענע, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, און דאָס האָט ליעב דער „הויף“.

— נתי, דערצעהל וואָס הערט זיך עפּיס נייעס?

און נתי דערצעהלט, און דער „הויף“ הערט זיך איין און לאַכט און קוועלט און לעקט די פינגער.

נתי כל־ולך ווייסט וואו איין און וואו אויס. אז עס געהט איהם אויס שטאָף, טראַכט ער אויס אַ נעכטיגען טאָג, פיהרט צענויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, מאַכט אָן מחלוקת צווישען „הויף“ און צווישען דער שטאָדט, פערפּלאָנטעט איין אינטריגע, וואָס דערגעהט צו זיד־לערייען, צו מסירות און צו פּעטש, און ער אַליין טאַקי ווערד נאָכ־דעם דער מתווך, גיט צו פערשטעהן דער שטאָדט, ווי איין עכטער דיפּלאָמאַט, אז מע בעדאַרף זיך מיט׳ן „הויף“ ניט קריעגען. פּאָרט

מאָל אַ פּערדיענסטעל, אַ מאָל אַ גמילות־חסד און אַ מאָל גלאַט, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ נדבה, איין אַלט מלבוש'על, אַ ביסעל מעהל אויף שבת, שמאַלץ אויף יום־טוב אָדער איינגעמאַכטס אויף אַ רפואה. פון די דאָזיגע פּאַרשוינען האָט נתי אַ גאַנצע אַרמיע העל־פערס, וואָס קריכען אין דער ערד אַריין, זענען זיך מחיה, וואָס זיי קומען אויך אַמאָל צונוץ. די דאָזיגע אַרמיע אַרבייט געטריי, וואָרום זי איז הונגעריג, און נתי דער פעלדמאַרשאַל, אונטערגעשטעקט די קאַפּאָטע און פערקאַטשעט די אַרבעל, קאָמאַנדעוועט אויף אַ קול:

— רב אברהם־זלמן, אַהערצוצו! אַ טעלער אויף צווייען! פּע־סיל, די זאַלץ! לחיים, רב חיים! מיקיטאַ, וואָזמי טאַבי טשאָרט! רב פּייסי, רב פּייסי, נעם *אַביסעל, מהכתיתי! מיט די ידים, רב זרח! אויסגעגאַנגען גאָפּלען! רב שעפּסעל, רב שעפּסעל, אַנו נעם קאָרשט אַ שנעפּסעל! דיענסטען! סאַרווערס! נאָך לאַטקעס!

און דער עולם, באָיאַנער חסידים, צום מיינסטען אָרעמע לייט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דליתים און כתריליקעס, האָבען זיך צוגעהאַפּט צו די „לאַטקעס של חנוכה", עסען גאַנץ געשמאַק, טונקען די הייסע מחיה'דיגע לאַטקעס אין דער פרישער שמעקענ־דיגער שמאַלץ, און דער ריח צעגעהט זיך אין אַלע אברים, און דער טעם איז טעם גן־עדן, און דער בראָנפען איז שטאַרקער בראָנפען, פערקאָכט ביי'ם האַרצען, עס שטעלען זיך אַזש טרערען אין די אויגען, און נתי כל־וכל, דער פעלדמאַרשאַל, קאָמאַנדעוועט:

— טרינקט, אידען, לחיים און פאַרבייסט מיט הייסע לאַטקעס של חנוכה!

---

* די באָיאַנער חסידים צווישען זיך איהרצען זיך ניט, זאָגען איינס צום אַנדערען „דו".

סע אַרבייט זיך און סע קאָכט זיך. אָנקוקען נתי'ן ערב פּסח בשעת אַריינפּיהרען די מצה שמורה אין „הויף“ אריין — מעג מען געהן אויף חידושים. איינגעבויגען אין דרייען, לויפט ער אַרום הין און צוריק, מאַכט מיט הענד און שרייעט אויף עטליכע לשונות מיט אַ מאָל:

— פּאַוואָלי, רב יענקעל! סטעראָזשנע, מיקיטאַ! היט זיך, מנשה! זרוקאַמי חלילה!

ערב שבועות, אַז ער בעדאַרף פּערזאָרגען דעם גאַנצען „הויף“ מיט גרינס, שעלט ער די גויים אויף וואָס די וועלט שטעהט:

— וואָזמי טאָבי טשאָרט, אָדער האָלערא נאַ טוואָיו האָלאָווע!

און ערב יום־כפּור, בשעת קוילען די כּפּרות, קוילעט ער זיך מיט די שוחטים:

— איך פרעג אייך, זאָגט מיר, אדרבה, ווער איז בילכער: דער „הויף“, צי די שטאָדט? ניין, איך מיין טאַקי באמת, אדרבה!

און ערב סוכות, בשעת בויען און דעקען און אויסהענגען די סוכה, — דעמאָלט טרעט ער ניט אָפּ פון דער אַרבייט אויף קיין מי־נוט, טרייבט איטליכען בעזונדער אין האַלז און נאַקען:

— גיכער! שווידקאָ! ריהרט זיך! ניט אַזוי! מיקיטאַ! נישקאָם־טישקאָם! אָט אַזוי! בנציון! העכער! לעהמענער גולם!

און אויך חנוכה צום ערשטען ליכטעל איז נתי כּל־זולך פול מיט אַרבייט, ווי, להבדיל, אַ פעלדמאַרשאַל, בשעת ער בעדאַרף אַרויסטרע־טען מיט'ן חיל אין דער מלחמה. אַ קלייניגקייט — מע האָט צענויפגערופען אַ שטאָדט מיט אידען, באַיאַנער חסידים, צענויפגעג־טריבען, קיין עין הרע, אַזוי פיעל אָרעמע לייט, און ער, איין מענש אַליין, בעדאַרף פערזאָרגען אַלעמען מיט ערטער, מיט טעלער, מיט גאָפּלען און מיט מעסערס. אמת, ער האָט געגוג העלפערס: אַלע דיענסטען, מיט אַלע משרתים, די אידישע און די גויעשע, מיט אַלע מלמדים פונ'ם „הויף“, מיט גלאַט אידען און ווייבער, וואָס דרעהען זיך אין „הויף“ און אַרום „הויף“, לעקען און שמעקען, חאַפּען אַ

אויך דער גאַנצער איבעריגער עולם באַיאַנער חסידים העלפט כלומר׳שט זינגען, נאָר בשעת מעשה ליגט זיי גאָר דער קאָפּ ערגיץ ווייס איך וואו, אין דער היים, ביי די אָנגע׳ברוגז׳טע ווייבער, אַז אָך און וועה איז צו זייערע יאָהרען, און ביי די הונגעריגע קינדער נעבאך, וואָס קעהרען שוין ליגען מיט לעדיגע מאָגענס אויף זייערע געלעגערס און עס חלום׳ען זיך זיי מסתמא בעטלערס... אוי־וועה. עס הויבט זיי גאָר ניט אָן צו נעמען קיין געזאַנג אַצינד, נאָר זיי מוזען, זיי מוזען אונטערשטופען די קאַרעטע, וואָרום נתי כל־ולך טרייבט זיי אונטער, ער פּליעסקעט מיט די הענד, העצקעט זיך און טענצעלט זיך און שרייעט:

— פריילּיך, אידען, שטאַרקער!

און בשעת מעשה דערלאַנגט ער זיינע אַדיוטאַנטען, די שוחטים מיט די מלמדים מיט די מקבלים, דעם אַ רוק׳ אין זייט אריין, דעם אַ סטוסאַק אין האַלז אריין, אַזוי לאַנג, ביז מע נעמט זיך פאַר די הענד, מע מאַכט אַ גרויסע ראָד און מע געהט אַ ריקוד׳על, מע נעמט אריין אויך די נגידים, די „שטיינער“, אין קאָהן אריין, מע טופּעט און מע העפּעט און מע פּליעסקעט מיט די הענד, און אין מיטען דער ראָד שפּרינגט עפּיס איינער אַ נפש און וואַרפט זיך מיט הענד און מיט פיס, מע זעהט ניט קיין פּנים, מע זעהט ניט קיין קאָפּ; מע זעהט נאָר פיס פליהען אין דער לופטען, פיס, אָהן אַ שיעור פיס, און צוויי הענד טעלעבענדען זיך אין דער הויך מיט ווייסע אַרבעל, און אַ געקרייזעלט קעפּעלי, ווי ביי אַ שעפּעלי, שעמערירט אין די אויגען, און אַ קול הערט זיך פונ׳ם דאָזיגען נפש — שוין הייזעריג אַזש:

— פריילּיך, אידען, שטאַרקער!

מע זינגט און מע פּליעסקעט, מע טופּעט און מע העפּעט אַזוי לאַנג, ביז מע מיעדט זיך איין, און מע נעמט נאָך אַ מאָל צו בים־לעך משקה, און מע טרינקט לחיים צו די נגידים, צו די „שטיינער“, מע ווינשעוועט זיי אַל־דאָס־גוטס מיט פיעל נחת מיט אַ סך עשירות,

ה.

און דאָרטען, אויבענאָן, זיצט דער „הויף“, דער גאַנצער „הויף“, און קלויבט נחת. אַלע ברידער, די „שטיינער“, מיט אַלע שוואָגערם, אַלע זייערע זיהן מיט אַלע איידעמס, קיין עין־הרע, איינס און איינס, אַלע שענע אידען, אַלע באַיאַנער חסידים, אַלע אנגעטהאָן יום־טוב’דיג, אין זיידענע קאַפּאָטקעלעך, קיילעכיגע יאַר־מעלקעלעך, אויסגעפוצטע שטיוועלעך; און די ווייבער, די יפת־תואר’ס, — בעזונדער, געוויינטליך, ארום א טיש, אַלע איינגעטונ־קען אין סאַמעט און אין זייד, אַלע בעהאַנגען מיט גאָלד, מיט פּע־רעל, מיט דימענטען און בריליאַנטען.

— נתי, וואו ביזט דו ערגיץ אין אל־די גוטע יאָהר? נתי, קום נאָר אהער, נתי!

קומט צו־לויפען נתי, איינגעבויגען אין דרייען.

— הא? וואָס? וואָס איז?

— וואָס זיצט עפּיס דער עולם אזוי דאָסיג? זעה נאָר, סע זאָל ווערען א ביסעל דאָסיגער!...

און נתי, וואָס פערשטעהט אַלע מאָל אויפ’ן וואונק, שטויסט זיך אָן וואָס מע מיינט, וואָס דער „הויף“ פערלאַנגט, און טהוט זיך א לאָז טיעף אין עולם אריין, און רוימט איין א סוד אין אויהער וועמען מע בעדאַרף, — דערויף האָט שוין נתי זיינע לייט: די שוחטים, מיט די רבנים, מיט די מלמדים, מיט די איבעריגע טענ־צערס, וואָס טאַנצען ארום „הויף“; למשל, א מין ירחמיאל קאָלעק־טאָר, אפרים חאַיאָל, הערשקע פּייפּער, אַלטער גאָרגעל, שואליק טראַסק, וכדומה נאָך אזעלכע לייט, וואָס זענען נעבאָך גרייט אַלע מאָל, צו יעדער צייט, אפילו אין מיטען האַלבע נאַכט, צוליעב פּרנסה, זיך נעמען מיט’ן גראָבען פינגער פאַר’ן גאָרגעל, זינגען דעם אמת’ען באַיאַנער ניגון און פרייליך מאַכען דעם „הויף“ לכבוד די געסט און לכבוד יום־טוב און לכבוד די „לאַטקעס של חנוכה“.

און לאָמיר אויך זיין געזונט, און לאָמיר אויך דערלעבען איבער אַ יאָהר מיט אונזערע ווייב און קינדער, און לאָמיר זיין רייכער פון אייך, און לאָמיר אויך האָבען נחת, און געהט איהר צו אונז אויף שמחות!...

ו.

דער זייגער האָט שוין לאַנג אויסגעשלאָגען האַלבע נאַכט, און דער „הויף" ליגט שוין לאַנג און שלאָפט מיט'ן זיסען שלאָף, און דאָרט, אין דרויסען, אויפ'ן באַרג פון דער שטאָדט קאַפּעלישעל, שלעפען זיך נאָך עטליכע אידען, באַיאַנער חסידים, מיט צעריסענע טולופּלעך, וואָס געהען פונ'ם „הויף", פון די „לאַטקעס של חנוכה". דער טיעף־אויסגעפּאַלענער קלאָר־ווייסער שניי סקריפּעט אונטער זייערע פיס און די זילבער־ווייסע לבנה בעלייכט די פערפינסטערטע פּנימ'ער פון די אָרעמע אידען, וואָס געהען אָנגעבויגען, און דעם דאָ־זיגען קלאָר־ווייסען שניי, וואָס גלאַנצט אין די אויגען ווי דימענטען, פינקעלט ווי ברילִיאַנטען.

„וואָס וואָלט, אַשטייגער, געאַהרט דעם רבונו־של־עולם, — אַזוי טראַכטען זיך די דאָזיגע אָרעמע אידען — ווען, למשל, די דאָזיגע שנייעלעך זאָלען טאַקי זיין אמת'ע דימענטען און אמת'ע ברילִיאַנ־טען? מע בויגט זיך אָן און מע נעמט אָן פולע זשמענים און מע שטופּט אָן אַלע קעשענים און מע קומט אַהיים און מע זאָגט צום ווייב: „נאַ דיר, אסתר, טהו מיט דעם, ווי דו פאַרשטעהסט. וויל־סטו — מאַך דיר דערפון ציערונג, ווילסטו — מאַך דיר דערפון געלט, ווילסטו — מאַך דיר דערפון ביידע זאַכען, אַבי לאָז מיך צורוה, איך זאָל פאַרשפּאָרען אָנקומען צום „הויף" און צו די „שטיי־נער", און צו נתי כל־ולך, און צו זייערע לאַטקעס, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אינ'ם בענטשען: „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם"...

פּלוצים הערט זיך אַ קול אין דער שטילשווייגעניש פון דער נאַכט:

און מע פּאַטשט זיך אין די פּלייצעס, און מע זאָגט זיך איינס דאָס אַנדערע שטעכווערטלעך, און מע לאַכט, מען איז כּלומרשט פריילֹיך, אויפגעלעגט, יום־טוב׳דיג, גלייך ווי עס געהט זיי גאָרנישט אָפּ, גלייך ווי ס׳איז זיי גוט ווי די וועלט...

און דאָרטען, אויבען־אָן, זיצט דער „הויף“, דער גאַנצער „הויף“, און קלויבט נחת — אַלע ברידער, די „שטיינער“, מיט אַלע שוואָגערס, מיט אַלע זייערע זיהן און מיט אַלע איידעמס, קיין עין־הרע, איינס און איינס, אַלע שענע אידען, אַלע באַיאַנער חסידים, אַלע אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, אין זיידענע קאַפּאָטקעלעך, קיילעכיגע יאַרמעלקעלעך, אויסגעפּוצטע שטיוועלעך; און די ווייבער, די יפת־תואר׳ס, — בעזונדער, געוויינטליך, ארום אַ טיש, אַלע איינגעטונקען אין סאַמעט און אין זייד, אַלע בעהאַנגען מיט גאָלד, מיט פּערעל, מיט דימענטען און בריליאַנטען.

שפּעט אין דער נאַכט געזעגנט זיך אָפּ די שטאָדט מיט׳ן „הויף.“

— אַ גוטע נאַכט, און אַ גוטען יום־טוב, און אַ גוטען תמיד, און זייט געזונט, און דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייערע ווייב און קינדער, און איהר זאָלט זיין נאָך רייכער, און איהר זאָלט האָבען פיעל נחת, און מיר זאָלען אַלע מאָל געהן צו אייך אויף שמחות!

און דער „הויף“ זיצט און הערט־אויס די ווינשעוואַניעס גאַנץ קאַלטבלוטיג, און ענטפערט איינעם איבער׳ן צעהנטען:

— גם אתם! גם אתם!

און די שטאָדט שטופּט זיך צום „הויף“, הערט ניט אויף צו ווינשעווען אַלע אויף איין שניט, אַלע מיט איין נשמה, און קיינעם פאַלט ניט איין אויף דער מחשבה, ער זאָל איבערבייטען די ווינשעוואַניע אַט אַזוי, למשל:

— אַ גוטע נאַכט, און אַ גוטען יום־טוב, און אַ גוטען תמיד,

קאָנקורענטען

קאָנקורענטען

אַ ראָמאַן לכבוד פורים.

געשריבען אין יאָהר 1903

— ס'זאָל אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטענס טאַטען אריינגע־פלויגען ווערען ביז אָדם הראשון'ען !

דאָס קול איז אַזוי פּלוצים־אומגעריכט, אַז אַלע אידען, וואָס זע־נען ביז אהער געווען פערטיעפט אין גילדענע מחשבות, חלומות אויף דער וואָהר, טהוען זיך אַ וואָרף, קוקען זיך אַרום:

— ווענען איז? ווענען שעלסט דו דאָס אַזוי געשמאַק?

— ווענען איך שעלט? אָט דעם שייגעץ, דעם כלב שבכלבים, ימח שמו וזכרו! ער איז ערגער פון זיי! ער איז מעהר שטיין פון די „שטיינער"!

— וואָס האָסט דו צו איהם? נתי איז דער אייגענער קבצן, וואָס דו!

— אַ קבצן איז נתי? אויף מיר געזאָגט געוואָרען האָטש האַלב ביז איבער אַ יאָהר אין דער צייט.

-- קיין גרעסערע השגה האָסט דו גאָר ניט?

— דערווייל לאָז מיר גאָט העלפען דאָס, און נאָכדעם וועלען מיר שוין זעהען.

— אמן, לאָז דיר גאָט העלפען, ווי דו ווינשט זיך אַליין.

— אמן, גם אתם!...

און עס ווערד ווידער שטיל. און די אָרעמע אידען, די באַיאַ־נער חסידים, מיט די צעריסענע טולופּלעך, טיאַפּקען מיט די פּיס איבער'ן טיעף־אויסגעפּאַלענעם קלאָר־ווייסען שניי; און די זילבער־ווייסע לבנה בעלייכט זייערע פינסטערע פּנים'ער און דעם דאָזיגען קלאָר־ווייסען שניי, וואָס גלאַנצט אין די אויגען אַזוי ווי דימענטען, פינקעלט ווי בריליאַנטען. און די אָרעמע אידען פערטיעפען זיך ווידער אין זייערע גילדענע מחשבות, חלומות אויף דער וואָהר, נאָרען זיך איין אין די צעריסענע טולופּלעך און לויפען־לויפען אהיים.

קאָנקורענטען

א.

דעם גאַנצען טאָג פּורים האָט מנשה דער בחור מיט די גרויסע שטיוועל געקנאַטען די מאַזעפּעווקער לעהמיגע בלאָטע, און פּיני דער אלמנה׳ס האָט געטיאַפּקעט מיט די קרומע פיס.

זיי האָבען געטראָגען שלח־מָנות.

מנשה דער בחור האָט געהאַט פּורים אין מאַזעפּעווקע די „גרעס־טע פּראַקטיקע".

ער האָט געהאַט א פּאָר היבשע פיס, וואָס האָבען געקאָנט אר־בייטען.

ער האָט געהאַט א פּאָר היבשע הענד, וואָס האָבען געקאָנט טראָגען עטליכע בעקענס שלח־מנות מיט א מאָל.

ער האָט געהאַט דערצו א געזונטען קאָפּ אויף צו געדענקען, וואוהין מע דאַרף געהן פריהער, און וואוהין — שפּעטער, וואוהין מע דאַרף טראָגען ד ע ם שלח־מנות, און וואוהין — י ע נ ע ם שלח־מנות.

היינט די שטאָדט אליין בעדאַרף מען קענען — ס׳איז אויך נים קיין קליינינקייט.

און וואָס וועט איהר זאָגען מכח „פערבייטען די יוצרות"?

אויגען פון׳ם קעניג אחשורוש, האָטש זי איז געווען אַ גרינגע (אַזוי האָט אונז דער רבי געטייטשט), — האָט זי גע׳פועל׳ט ביים קעניג אחשורוש, מע זאָל איבערמאַכען דעם „אוקאַז״ פון די אידען אויף די גויים, — און פון דעמאָלט אָן עסען מיר אַלע יאָהר המן־טאַשען מיט מאָהן, קישעלעך מיט פאַרפעלעך, פורים־קוילעטש מיט זאַפּראַן, און מיר שיקען זיך איינס דאָס אַנדערע שלח־מנות, און מנשה דער בחור פערדיענט געלד.

מנשה דער בחור איז אָבער ניט איינער אין מאַזעפּעווקע, וואָס טראָגט שלח־מנות און פערדיענט געלד; ער זאָל זיין איינער אויפ׳ן יאַריד, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד! דער חסרון איז, וואָס אומע־דום, אומעדום איז די קאָנקורענציע.

מנשה האָט אין זיין פּרנסה גענוג קאָנקורענטען, וואָרום אין מאַזעפּעווקע זענען פאַרהאַן, ברוך השם, גענוג אָרעמע בחורים מיט אָרעמע מיידלעך, נישט „לילה קיין דיענסטמיידלעך, נאָר בעל־הבתי׳שע מיידלעך, טאַטענס קינדער און גלאַט אָרעמע געפאַלענע אידען, וואָס קוקען אַרויס אויף דעם טאָג פורים אַ גאַנץ יאָהר.

דער טאָג פורים — דאָס איז זייער מאַרק־טאָג, זייער יאַריד.

איינער פון די גרעסטע מנשה׳ס קאָנקורענטען איז געווען פיני דער אַלמנה׳ס מיט די קרומע פיס.

אַ קאָנקורענט מיט קרומע פיס איז אפילו ניט אַזוי געפעהרליך ביי אַזאַ אַיין אַרבייט, וואו די פיס שפּיעלען די גרעסטע ראָלע, ובפרט פאַר מנשה׳ן, וואָס האָט מיט איין שפּאַן געקאָנט אַריבער־שפּאַנען דריי אַזעלכע, ווי פיני דער אַלמנה׳ס.

נאָר דווקא אָט די קרומע פיס, וואָס ביי פיני׳ן, זענען געווען פאַר מנשה׳ן אַ שחיטה.

ניט איין מאָל האָט מנשה געזאָגט צו פיני׳ן:

— דו ווייסט, קרומאַק (אַזוי האָט איהם מנשה גערופען), דו ווייסט? איך בין דיר מקנא אויף דיינע פיס.

וואס פאר א פנים וועט איהר, אשטייגער, האבען, אז איהר וועט רבקה'ס שלח־מנות, וואס איהר דארפט אפטראגען צו לאה'ן, אוועקטראגען צוריק צו רבקה'ן, אדער פערקעהרט?

איהר מיינט, ס'האט זיך ניט געטראפען אזא מעשה ביי אונז אין מאזעפעווקע?

עס האט זיך געטראפען. און ס'איז דערפון ארויס א מחלוקת, מיט פעטש, מיט מסירות אין דער גובערניע, מיט א רעוויזאר, מיט א סליעדאוואטעל, מיט פאלשע עדות, מיט דריטהאלבען יאהר טורמע — א מיאוס'ע, זעהר א מיאוס'ע מעשה!

אלע אידישע מעשיות, אלע אומגליקען ביי אונז הויבען זיך אן פון א קלייניגקייט.

דערפון, וואס מאטעל דער וויינער האט נישט געגעבען דוד־לייבען קיין עליה שבת־בראשית, האט דוד־לייב איהם גע'מסר'ט, אז ער רויכערט בראנפען בשתיקה — האט מען איהם מיט נאך צוויי אידען פארשיקט סיביר.

דערפון, וואס מע האט געקליבען א ראבינער אין א שטעדטעל, האט איין איד גע'מסר'ט דעם אנדערען, אז ער האט צוגעשטעלט א פאלשע לגאטע צום פריזיוו...

וואס דארפט איהר מעהר? נעמט די מגילה אליין! דערפון, וואס מרדכי האט נישט געוואלט קניהען און בוקען זיך צו המנ'ען, איז ארויס פונ'ם קעניג אחשורוש איין „אוקאז", און מע האט שיער ניט אויסגעקוילעט אלע אידען.

א גליק, וואס דער קעניג אחשורוש האט געהייסען, מע זאל איהם ארייגפיהרען ושתי'ן א נאקעטע (אזוי האט אונז דער רבי געטייטשט), און א גליק, וואס ושתי האט נישט געוואלט ארייגקור־מען, איז ביי איהר אויסגעוואכסען א הארן אויפ'ן שטערן (אזוי האט אונז דער רבי געטייטשט), און א גליק, וואס מע האט געזוכט דעם קעניג אחשורוש איין אנדער מלכה, האט זיך געפונען א אידיש מיידעל אסתר, און א גליק, וואס אסתר האט געפונען חן אין די

דאָס זענען עלענדע, פערבלאָנזעטע, צוגעשלאָגענע, פריבלודנע נפשות, אזעלכע, וואָס קיין פערשריבענע אָרעמע לייט זענען זיי נימ, איבער די הייזער חלילה געהען זיי נימ, נאָר זיי רייבען זיך ארום די, וואָס לערנען אין בית־המדרש, פאָלגען א גאנג, הייצען די הרובע, זענען תמיד דאָ ביי א יאָהרצייט, ביי א סיום־התורה, ביי א חתונה, אָדער חלילה ביי א רייכער לויה.

בעטען — בעטען זיי נימ, נאָר מע גימ זיי אליין.

זיי פערדיענען זיך זייער שטיקעל ברויט: איינער מימ זיינע געזונדע פיס, דער אנדערער מיט זיינע קראַנקע פיס — פאַר רחמנות.

דאָרטען, וואו מנשה לויפט זיך אָן דעם גאַנצען טאָג און עס קומט צום בעצאָהלען איהם פאַר דער ארבייט, וואַכסט אוים פיני מימ די קרומע פיס און שטעלט זיך אנידער ביי דער זייט אָהן ווערטער און קוקט אין די אויגען אריין.

— מע דאַרף איהם אויך עפּיס געבען, — זאָגט מען — א רחמנות, נעבאַך א קאַליקע.

מנשה שווייגט, נאָר פערדריסען פערדריסט דאָס איהם.

„אָט א בר־מזל! — טראַכט ער זיך, — נישט געטהאָן פון דאַנען אהין, און גענומען כמעט גלייך מיט מיר — אויסקרענקען זאָל ער דאָס!“

און פיני שווייגט, קלויבט א גראָשען צו־גו־א גראָשען.

— דו באַדאַרפסט שוין האָבען א מטמון מימי געלט! — זאָגט צו איהם מנשה.

— א מטמון מיט געלט? הע־הע! — ענטפערט איהם פיני מיט א קרום געלעכטערעל.

— דו וואַכסט דאָך איין אדיר! — זאָגט צו איהם מנשה.

— איין אדיר? הע־הע! — ענטפערט איהם פיני מיט'ן זעל־ביגען געלעכטער.

— וואָס וועסט דו טהון מיט אזוי פיעל געלט, דו קרומאַק איינער?

— געפונען וועמען מקנא צו זיין! — האָט איהם געענטפערט פּיני און האָט בעהאַלטען די אויסגעבויגענע בייגעלדיגע פּיס אונטער זיך.

— ווען איך האָב דיינע פּיס, — האָט איהם מנשה געזאָגט און האָט פערדרויכערט א „ציגאַיער" פון א צענויפגעדרעהט שטיקעל פּאַפּיער מיט עטליכע שטיקלעך טיטון — ווען איך האָב דיינע פּיס, פאַרשפּאָר איך אַזוי צו האָרעווען. איטליכער האָט אויף מיר דעמאָלט רחמנות, און איך לעב מיר, ווי גאָט אין אדעס!

— ווי גאָט אין אדעס, חע־חע? — זאָגט איהם פּיני און שטעלט ארויס מיט גדלות איין אויסגעבויגען פּיסעל, וואָס האָט א פּנים פון א האַלבען בייגעל. — און ווען איך האָב ד י י נ ע פּיס...

— וואָס זשע וואָלט געווען, קרומאַק?

— איך ווייס שוין וואָס סע וואָלט געווען! געב מיר א ציה טהון פון „ציגאַיער", מנשה!

— ביזט ניט קראַנק קויפען טיטון, קרומאַק, ביזט דאָך אָנגעשטאָפּט מיט געלט! — זאָגט צו איהם מנשה און גיט איהם א ציה טהון פון זיין „ציגאַיער".

— אָנגעשטאָפּט מיט געלט, חע־חע? — זאָגט פּיני און בעהאַלט צוריק דאָס פּיסעל. — איך דאַרף אויסהאַלטען א מאַמע איין אלמנה, און דו ביזט א פריי פייגעלע.

— חוץ דייז שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען! — זאָגט מנשה, פערציהט זיך מיט'ן „ציגאַיער" און לאָזט ארויס דעם רויך פון ביידע נעזלעכער פון דער נאָז.

ב.

מנשה דער בחור און פּיני דער אלמנה'ס זענען ביידע ביה־המדרש־בחורים.

בית־המדרש־בחורים הייסען אויך אַזעלכע, וואָס האַלטען זיך גלאַט אויף אין בית־המדרש, וואָס וואַלגערען זיך אין בית־המדרש.

טאַקי טעם גן־עדן; און אַ מאָל טאַקי עטליכע באַקסערען, מיט אַ קאָנפּעקט, מיט עטליכע ניסלעך.

דעמאָלט זעצט זיך אַוועק אַקעגען איהם פיני מיט די קרומע פּיס און קוקט איהם אין די אויגען אַריין און בעלעקט זיך. קאָן דאָס מנשה ניט צוזעהען, טהוט ער איהם אַ וואָרף אַ שטיקעל באַקסער, אַ צוויי ניסלעך, ווי מע טהוט אַ וואָרף אַ הונט אַ ביינדעל:

— נאַ, קרומאַק, וואַרג זיך!

נאָר מעהר פון אַלסדינג האָט איהם מנשה פיינט איבער איין אַנדער זאַך, וואָס סע ווערד דערצעהלט אין קאַפּיטעל ג.

ג.

עוזר דער שמש האָט אַ טאָכטער קריינדעל, אַ מיידעל פון אַריבער שלושים.

קריינדעל וואָלט געווען אַ שען מיידעל, זעהר אַ שען מיידעל, זי זאָל ניט געווען קינדערווייז פּאָקען, אָדער די פּאָקען זאָלען זיך געוועזן אויסשטעהן, און זי זאָל זיין ניט געווען אויסרייסען.

נאָר מחמת זי האָט קינדערווייז געפּאָקט, און די פּאָקען האָבען זיך ניט אויסגעשטאַנען, און זי האָט זיי אויסגעריסען, איז איהר געוואָרען דאָס פּנים געשטופּעלט, ווי אַ רעשעטע.

קיין נדן האָט עוזר דער שמש ניט געהאַט אויף צו געבען, איז קריינדעל געבאַך פערזעסען, נישט געווען פאַר איהר קיין חתן.

האָט עוזר דער שמש געוואָרפען איין אויג אויף איינעם פון די צוויי בית־המדרש־בחורים, אויף מנשה'ן און אויף פיני'ן.

עוזר דער שמש האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, וועמען פון די צוויי זאָל ער אויסקלויבען פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער קריינדעל.

מנשה איז אַ געזונטער יונג, אַ האָרעפּאַשנער, איז ער אָבער אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ נאַשער, איין אויסברענגער; און פיני

— אזוי פיעל געלט? חע־חע! — ענטפערט איהם פיני אליץ מיט יענעם געלעכטערעל, וואס סע גלוסט זיך איהם דערפאר אנ־שפייען אין פנים, אדער ארויפלאזען א פאר פעטש.

— גלאט, סע גלוסט זיך מיר ניט פאטשקען די הענט, — זאגט מנשה — ווייטער וואלט איך דיר אביסעל דורכבויקערען די ביינער.

— אנו, פרוב נאר! — זאגט צו איהם פיני און שטעלט ארויס זיינע בייגעלדיגע פיסלעך.

פיני ווייסט גאנץ גוט, אז מנשה וועט זיך אפילו ניט צוריה־רען צו איהם, ווארום מנשה האט שוין איינמאל געהאפט איבער איהם א רעכטען פסק.

ער האט איהם איינמאל געגעבען א שטופ פון זיך, האט זיך פיני איבערגעקעהרט דריי מאל מיט די פיס ארויף, איז אנגעפאלען אויף מנשה'ן דאס גאנצע בית־המדרש, איהם געוואלט דורס זיין.

— דו שייגעץ, דו הולטיי, דו רוצח! א קאליקע, א צער־בעלי־חיים נעמסט דו און שלאגסט איהם!?

פון דעמאלט אן ריהרט זיך מנשה צו איהם נישט צו מיט קיין פינגער, נאר פיינט האט ער איהם — ער קאן איהם נישט אנקוקען!

ער האט איהם פיינט פאר זיינע קרומע פיס, פאר זיין קרום פנים און פאר זיין קרום געלעכטערעל: „חע־חע!"

ער האט איהם פיינט פאר זיין קמצנות, פאר זיין קלויבען געלד, פאר זיין בעהאלטען זיך.

מנשה איז ניט אזעלכער; וויפיעל ער האט זאגט ער, און וואס ער פערדיענט פערלעבט ער.

מנשה האלט פון דער אכילה, האט ליעב א נאשעריי, א ציגאר־טיטון.

דערטאפט ער עטליכע גראשען, קויפט ער באלד ברויט מיט הערינג אויף אנבייסען, א צוויי קארזשיקלעך מיט מאהן, א געפרוי־רענעם עפעל, וואס אז ער געהט אפ פונ'ם פראסט, איז ער דאך

מנשה האָט דאָס געוואוסט, און עס האָט אין איהם געברענט אַ פייער. מנשה האָט אַליין געהאַט איין אויג אויף קריינדלען, און קריינדעל — אויף מנשה'ן. און סע קאָן זיין, זיי האָבען זיך אפשר געגעבען איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט — ווער קאָן דאָס וויסען?

אפשר האָבען זיי זיך אַ מאָל דורכגעוואָרפען מיט אַ פּאָר ווערטער, בשעת די פּאַמעניצע ארויסטראָגען?

— ער קריכט נאָך אַלץ, דער קרומאַק?

— לאָז ער קריכען — ווער הערט איהם?

— און דער טאַטע דיינער? און די מאַמע? — וואָס ווע‌לען זיי זאָגען?

— געזונטערהייד; לאָזען זיי זיך מיט איהם האַלטען!...

און אפשר האָבען זיי זיך אין אַ ליכטיגער נאַכט, זומער איז דאָס געוועזען, ביי דער שיין פון דער לבנה בעגעגענט, כלומר'שט אומגעריכט אין שוהל־הויף, און האָבען זיך צערעדט און האָבען זיך געקוועטשט איינס דאָס אַנדערע פּאַר די הענד, און קריינדעל'ס אויגען האָבען געבלישטשעט, און דאָס געשטופּעלטע פּנים האָט געשיינט, און די הענד זענען איהר געוועזען הייס, ווי פייער?

— וואָס איז ביי דיר אַזאַ ווארעמע האַנט, קריינדעל?

— פּאַר וואָס זאָל זי זיין קאַלט, מנשה?

— ווען זיין מאָרגען אין דער צייט אַט דאָ אויפ'ן אייגענעם אָרט?

— פּאַר וואָס ניט?

און אפשר האָבען די נאַכטפויגלען מיט די פלעדערמייז פון מאַזעפּעווקע געהערט אַ קוש אין שוהל־הויף, אַ שטילען קוש, און האָבען געמאַכט אַ שווייג? און די שטערען מיט דער לבנה האָבען געזעהען אַ בחור מיט אַ מיידעל אין שוהל־הויף האַלטען זיך פּאַר די הענד, און האָבען געמאַכט אַ שווייג?

איז אַ שטילער בחור, איין איינגעהאַלטענער, היט אָפּ אַ גראָשען, איז ער אָבער אַ קאַליקע.

ביי עוזר דעם שמש איז דער גורל געפאַלען אויף פיני'ן, די שמש'טע האָט אויך געהאַלטען בעסער פון פיני'ן; דערפאַר וואָס פיני פלעגט זי „פאָלגען אַ גאַנג", העלפען ערב שבת ארויסטראָגען די פאָמעניצע, ברענגען זאמד פון אונטער'ן בארג, וואָס ביינן בית־המדרש, און פערשמירען טשאָלענט.

מנשה פלעגט איהר אויך העלפען איין ארבייט, און וואָס מנשה האָט אָפּגעטהאָן אין דריי מינוט, האָט דאָס פיני נישט געקאָנט אָפּ־טהון אין אַ טאָג; איז אָבער דערפאַר מנשה אַ גרויסער עזות־פנים. אַז מע זאָגט איהם: „אַנו, טראָג נאָר אריין אומיסטנע איין עמער וואסער", — ענטפערט ער: „און אליין זענט איהר קליין?"

דערפאַר האָט אָבער קריינדעל מעהר געצויגען צו מנשה'ן, ווי צו פיני'ן מיט די קרומע פיס — און ס'איז גאָר קיין חדוש ניט: דער איז פאָרט אַ יונג מיט ביינער, און יענער — פאָרט אַ קאַליקע.

דער „קאַליקע" האָט אָבער נישט געדרימעלט. ער האָט אָנגע־ווענדעט אַלע זיינע כחות, ער זאָל אויסנעמען מעהר פון מנשה'ן.

ערשטענס, האָט ער זיך תמיד געדרעהט פאַר די אויגען, פלעגט זיך טיילען מיט לעקאך נאָך אַ חתונה, אַלע מאָל אויסלייהען דעם שמש און דער שמש'טע עטליכע גראָשען אונטער אַ שבת; אָפּ־נעמען — און ווייטער אויסלייהען.

אונטער אַ יום־טוב, אַז מע האָט בעדאַרפט האָבען נויטיג אויף שיך, טאַקי פון קריינדעל'ס וועגען, האָט פיני אויסגעליהען אַ קערבעל אָדער צוויי אויף אויסצאָהלען.

בקיצור, פיני האָט זיך „איינגעקויפט" צום שמש אין שטוב אריין, אריין מיט די פיס אין הארצען, און איז געוואָרען אַ היימי־שער מענש.

און בכדי די מטבעות זאָלען אריין טיעפער אין דער בלאָטע אריין, האָט מנשה מיט די געזונטע פיס גענומען טאַנצען, לאַכען און זינגען בשעת מעשה:

ששון ושמחה!
אור ליהודים!

און פיני האָט ניט אויפגעהערט צו יאָמערען און צו קלאָגען:

— ווערה איז מיר! ווערה איז מיין וועלט! דאָס גאַנצע געלט, אפשר דריטהאַלבען קערבלעך! דו רוצח, דו גזלן, דו משומד איינער! וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר? ווערה איז מיר, וואונד איז מיר!...

און פיני איז צוגעפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד, ווי מע פאַלט־צו צו א טוידטען, אַרומגענומען די בלאָטע מיט ביידע הענד און געוויינט און געיאָמערט:

— ווערה איז מיר! וואונד איז מיר! אזא טאָג, פון גאַנץ פריה אָן מיט די קראַנקע פיס! אפשר דריטהאַלבען קערבלעך!...

און מנשה האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען, צו טאַנצען און צו זינגען:

ששון ושמחה!
אור ליהודים!

. . . .

אין א קורצע צייט אַרום איז געווען אין מאַזעפעווקע איין אָרעמע חתונה, וואָס די שטאָדט־בעלי־בתים האָבען זיך שטאַרק מתעסק געווען אין איהר; עוזר דעם שמש'ס טאָכטער האָט גענומען איין אָרעם בחור, דער חתן איז א קרומער אויף ביידע פיס: דערפאַר איז אָבער די כלה נעבאַך גוט מיאוס, און ניט אזוי מיאוס, ווי געשטופּעלט. בעלי־בתים האָבען זיך צענויפגעלעגט און געפראַוועט דעם שמש א גאַנץ פיינע חתונה; געשטעלט ביער און בראָנפען א סך און געהוליעט א גאַנצע נאַכט.

ערב זיין קאָן איך אייך ניט; ע פּ י ס איז דאָרטען געווע־
זען, וואָרום פיני האָט אַנגעהויבען שטארק נאָכקוקען נאָך זיין חבר
מנשה, און מנשה האָט געטראָגען אַ שנאה אויף זיין חבר פּיני,
טיעף פערבאָרגען ביי זיך אין הארצען, און פּורים, בשעת אונזערע
צוויי בית־המדרש־בחורים האָבען זיך בעגעגענט מיט די שלח־
מנות׳ען אין דער בלאָטע, האָט זיך די שנאה ארויסגעוויזען, און
ס׳איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי אזא מין סצענע.

ד.

— אנו, ווייז נאָר וויפיעל האָסט דו היינטיגען טאָג געמאכט
פונ׳ם שלח־מנות טראָגען? — אזוי האָט זיך אָנגערופען מנשה
צו זיין חבר פּיני.

— נו, און דו וויפיעל האָסט דו געמאכט? — זאָגט צו איהם
פּיני און חאַפּט זיך מיט דער האנד ביי דער קעשעני.

— אַ פּאָר קערבלעך, — זאָגט מנשה און בעווייזט איהם זיין
ביסעל מינץ.

— און איך האָב געמאכט אַ סך ווינציגער! — מאכט פּיני און
לעגט אריין די האנד אין בוזעם־קעשעני און נעמט ארויס פון דאָר־
טען אַ פולע האנד מיט מינץ און מיט זילבער און קוקט דערויף,
ווי אויף אַ ליעב קינד, אַ טייער קינד.

פּלוצים טהוט איהם מנשה אַ זעץ איבער דער האנד פון אונ־
טען ארויף — און דאָס גאנצע געלד האָט זיך ארויסגעשאָטען אויף
דער ערד, אין דער טיעפער בלאָטע אריין, נישט ארויסגע־
זעהען זיך איין מטבע אפילו.

ביי פּיני דער אלמנה׳ס האָט זיך ארויסגעריסען פונ׳ם הארצען
אַ שרעקליכער „אוי" מיט אַ געוויין, אַ יאָמערליך געוויין, און ביי
מנשה דעם בחור — אַ געלעכטער, אַ ווילדער געלעכטער.

אפיקומן

אַ ראָמאַן אין פיער טייל, מיט אַ פּראָלאָג
און מיט איין עפּילאָג, געשריבען לכבוד פסח.

געשריבען אין יאָהר 1914

די גאַנצע שטאָדט איז געווען אויף דער חתונה. נאָר איין מנשה דעם בחור האָט מען עפּיס ניט געזעהען.

מנשה איז פון נאָך יענעם פּורים אָן ווי נעלם געוואָרען.

קיינער פרעגט זיך אויף איהם ניט נאָך, און.קיינעם געהט ער נישט אָפּ.

איך מיין, אַז עוזר דער שמש האָט איהם אַרויסגערויכערט.

און אפשר איז ער אַליין אַוועק?...

אפיקומן

פראלאג.

אַ, אפיקומן! אַ, דו אַרויסגע׳גנב׳עטע האַלבע מצה פסח צום סדר פון אונטער׳ן טאַטענס קישען! דער אַלטער שענער מנהג פון פאַרצייטען! וויפיעל מאָל האָסט דו געמאַכט יו־גע הערצ־לעך קלאַפּענדיג, קליינע הענטלעך ציטערענדיג און גרויסע ערנסטע מענשען לאַכענדיג! ווער וואָלט זיך עס ריכטען, אשטייגער, אז אזאַ קאַטאָוועסדיגער מנהג, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען, דאַכט זיך, גאָר אויף ליצנות, זאָל פיהרען צו גאַנץ ערנסטע רעזולטאַטען? ווער וואָלט זיך עס ריכטען, אשטייגער, אז איין אַרויסגע׳גנב׳עט שטיקעל אפיקומן זאָל אַרויסראַטעווען א יונג פּאָרעל, וועמענס הער־צער זענען געווען מסוכן אָנגעגריפען דורך דער ערשטער הייליגער ליעבע, פון א גרויסען אומגליק?... אזאַ גליקליכער צופאַל פער־דיענט באמת, מע זאָל איהם ווידמענען א ראָמאַן אין פיער טייל מיט׳ן גרעסטען כבוד, איבערלאָזענדיג יעדען איינציגען, ער זאָל זיך דערפון אָפּלערנען דעם מוסר, וואָס ער וויל און וואָס איהם דאַכט זיך אויס, אז דאָס מיינט מען...

געל און געהילץ און גויים, צעוואָרפען די אַלטע באָד און אָוועקגע־שטעלט אויף זיין אייגענעם חשבון אַ באָד מיט אַ באַסיין און מיט שטיינערנע בענק, מיט מעשענע פּערענטשעס און מיט אַזעל־כע זאַכען, וואָס מע קאָן זיך נאָך עד היום פון דעם זאָט ניט אָפּ־חדוש'ען?

אָדער ווער האָט אויסגעטראַכט „דאַטשעס" פאַר די שטאָדטישע אָרעמע אידישע קינדער ביי זיך אין דער גוראַלני, מיט אַ גאָרטען אויף צו זעצען קאַרטאָפּלים, ציבעלקעס, אוגערקעס און שאר ירקות אַלע מאָל, אַז ס'הויבט זיך אָן דער זומער? און גלאַט ווער קאָן זיך עס אָנגעדענקען רב יאָסעלע ווינאָקור'ס אַלע אויפטהועכצען, משוגעת'ען און איינפאַלען, וואָס איהם קאָן אריין אין קאָפּ? ווער ווייסט — אפשר אַ ניי משוגעת?...

אַזוי האָט דער גאַנצער שוהלהויף געקאָכט, און רב יאָסעלע ווי־נאָקור איז זיך געזעסען ביי הערש־בער דעם מלמד און געפיהרט מיט איהם אַ געשפּרעך, פון וועלכען מיר געבען איבער נאָר איין צד — דער אַנדערער צד אינטערעסירט אונז ניט.

— הערט זשע, רב הערש־בער, די מעשה דערפון איז אַזוי. איך בין געקומען צו אייך צוליעב אייער זוהן. איך האָב געהערט, איהר האָט אַ זוהן אַ צאַצקע, וואָס קען אַלסדינגג, און אַז ער וויל לערנען האָב איך געהערט, שטודירען דאָקטאָר, און האָט ניט מיט וואָס. און אַזוי ווי איך האָב אויך אַ זוהן, און דווקא ניט קיין צאַצקע, וואָס קען דווקא גאָרניט און וויל דווקא ניט לערנען, קיין ברעקעל ניט אפילו, ער וויל בעסער פאָהרען רייטענדיג, דער שיי־געץ... נאָר וואָס דענן? איך וויל אָבער, ער זאָל אַלסדינג לערנען און זאָל אַלסדינג קענען — און לאָמיר זעהען, ווער פון אונז ביידען וועט אויספיהרען! וואָס זשע טהוט מען? אָפּ־געבען איהם שטודירען, מאַכען איהם פאַר אַ סטודענטעל — וויל איך ניט. רב יאָסעלע ווינאָקור'ס זוהן וועט ניט זיין קיין סטודענ־טעל. צונעמען צו זיך אין שטוב אריין אַ לעהרער אַ שלים־מזל —

ערשטער טייל.

רב יאָסעלע ווינאָקור, דער גוראַלניק פון זשידיוווסקע גרעבלי, האָט געהייסען איינשפאַנען די שפּאַקעס, האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער געלער נאַטעטשאַנקע און האָט אַ זאָג געגעבען צום קוטשער:

— וואַינקאַ, פּאַשאָל!

וואַינקאַ האָט שוין נישט בעדאַרפט און נישט געטאָרט איבער־פרעגען — וואוהין. אַז מע זאָגט איהם „פּאַשאָל“, בעדאַרף ער שוין אַליין וויסען, אַז דאָס מיינט מען אין שטאָדט אַריין.

רב יאָסעלע׳ס גוראַלני איז ניט ווייט פון שטאָדט. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט שוין די געלע נאַטעטשאַנקע געלאָזט זיך הערען איבער דער געבריקעוועטער גאַס, און פון דאָרט האָט זי זיך אַ נעם געגעבען גלייך צום שוהלהויף צו — און די גאַנצע שטאָדט האָט שוין געוואוסט פון איין עק ביז׳ן אַנדערען, אַז רב יאָסעלע ווינאָקור, דער גביר פון זשידיוווסקע גרעבלי, איז געקומען צו פאָה־רען. נאָר קיינעם איז ניט איינגעפאַלען אויף דער מחשבה אפילו, אַז ער זאָל זיך הייסען אָפּשטעלען גאָר העט־העט אויף יענער זייט בית־המדרש, נעבען הערש־בער דעם מלמד. וואָס האָט רב יאָסעלע ווינאָקור, אַ איד אַ גוראַלניק, און אַ גביר, צו טהון ביי הערש־בער דעם מלמד? קיין קינדער אויף צו געבען לערנען האָט ער ניט. ער פערמאָגט אינגאַנצען איין זוהן, וואָס איז ווייט, זעהר ווייט פון תורה. רב יאָסעלע ווינאָקור׳ס זוהנדעל — די גאַנצע שטאָדט ווייסט עס — קאָן גוט פאָהרען רייטענדיג, קאָן גוט אָנטרייבען אַליין, ווייסט אַלסדינג, וואָס ביי׳ם טאַטען אין דער גוראַלני טהוט זיך, בעקאַנט מיט איטליכם שרייפּעלע, נאָר לערנען — ניט אַ לעק!

אמת, רב יאָסעלע ווינאָקור איז אַ מאָדנער איד, אַ שגעון, מיט מאָדנע איינפאַלען. וואָס איהם קאָן אריין אין קאָפּ! ווער האָט אראָפּגעבראַכט איינמאָל אין אַ שענעם טאָג פּאָליציע אין באָד, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אַז זי האַלט ביי איינפאַלען און מע דאַרף זי צעוואַרפען? און ווער האָט נאָכדעם אראָפּגעבראַכט צוי־

דעם יונגען בחור׳על, וואָס האָט מיט׳ן פולען אָטעם — אפשר דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען — געשעפּט די מחיה׳דיג פרישע לופט פון אויסער דער שטאָדט, און געפיהלט זיך אזוי ווייט גוט, ווי עס קאָן זיך פיהלען אַ יונגער מענש, בלוט און מילך, איין אָרעם בחור, וואָס דאָס גליק האָט צו איהם געטראָפען גלייך אין שטוב אריין און אָנגעקלאַפּט צו איהם אין דער טהיר.

ענדע ערשטער טייל.

צווייטער טייל.

אויב רב יאָסעלע ווינאָקור׳ס זוהנדעל האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין דער תורה, וואָס זיין לעהרער, הערש־בער דעם מלמד׳ס זוהן, האָט מיט איהם געלערענט — איז אַ גרויסער ספק. נאָר אַז דער לעהרער האָט געהאַט אַ פּעולה — דאָס האָט געקאָנט ארויס־זעהען אַ מינדסט קינד. אפּנים, די קעסט האָט איהם גאַנץ גוט „פּאָליובעט“. דאָס יונגע פּנים איז געוואָרען קייקעביג, די בעק־לעך האָבען זיך אָנגעבלאָזען, און ער אליין האָט זיך צעוואַקסען אין דער ברייט, געוואָרען גאָרנישט צו דערקענען.

די ערשטע צייט אפילו האָט ער זיך געפיהלט, ווי אַ פרעמדער. אין דער דאָזיגער מאָדנער שטוב — אַ מאָדנע שטוב ביי רב אָסעל׳ן ווינאָקור, אַזאַ מאָדנע, ווי רב יאָסעלע אליין.

רב יאָסעלע׳ס ווייב, פּערעלע — אַ קליינינקע, אַ שטילינקע. קיין פּיפּס הערט מען פון איהר נישט. שטיל, אָהן ווערטער, פיהרט זי די ממשלה פון דער שטוב, ווי דער קאַפּיטאַן דאָס שיף — אַלעס אויף זיין אָרט און אַלעס אין דער צייט און אַלעס איז אויסגערע־כענט אַזוי, אַז דער קאָפּ, דער אמת׳ער מושל — רב יאָסעלע זאָל זיין צופריעדען. קיינער טאָר אַ הויך וואָרט ניט רעדען, אַז דער בעל־הבית איז אין שטוב. די דיענסטען געהען אָנגעטהאָן אין וואַי־לאָקענע שיך — מע זאָל ניט הערען זייערע טריט, בעת דער בעל־

ווייסט איהם דער רוח ווער ער איז! פאַרהאַן ביי מיר אַ מיידעל, וואָס דאַרף איך, איהר פאַרשטעהט צי ניין, אַז רב יאָסעלע ווינאָקור'ס טעכטערעל זאָל זיין באַקאַנט מיט אבי וועמען? און אַזוי ווי איך קען אַ י י ד, רב הערש־בער, און ווערליג איך בין מיר משער אייער זוהן, איך האָב איהם געזעהען אַנומעלטען אין שוהל, — רב יאָסעלע ווינאָקור'ען באַדאַרף מען ניט דערצעהלען קיין מעשיות, — ער דערקענט אַ מענטשען מיט'ן קוק, בכן איז ביי מיר געבליבען, איך זאָל אייער זוהן נעמען צו זיך אין שטוב אריין אויף אַ יאָהר אָדער אויף צוויי, ער זאָל לערנען מיט מיין יונגעל, איהם מאַכען פאַר אַ מענטשען, און באַצאָהלט וועט ער קריגען פון מיר אַזוי, אַז ס'וועט איהם קלעקען אויף צו שטודירען ניט נאָר דאָקטאָר, נאָר אַפילו פּראָפעסאָר! איז דאָס געמאַכט?

האָט הערש־בער דער מלמד אפילו געפּרופּט אַ זאָג טהון, אַז ס'איז אוודאי זעהר גלייך פאַר בײדע צדדים, וואָס איז דאָ שייך צו רעדען? נאָר וואָס דענן זשע? מע דאַרף האָרכען, וואָס וועט ע ר זאָגען, דער בחור הייסט עס?...

רב יאָסעלע ווינאָקור האָט אָבער ניט געוואָלט הערען אפילו. וואָס מיר האָרכען? ווער מיר האָרכען? רב יאָסעלע ווינאָקור'ען האָט נאָך קיין מענטש ניט געפּרופּט זאָגען ניין! ובפרט אַזאַ זאַך! — „סיידען אייער זוהן איז אַ פּרא־אדם, אָדער אַ פאָרמאַל־נער משוגע'נער?"...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט רב יאָסעלע ווינאָקור, גיך גערעדט, ווי זיין שטייגער איז, און ניט שפּעטער ווי אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען זיי שוין געזעסען אינצווייען, רב יאָסעלע ווינאָקור און הערש־בער דעם מלמד'ס בחור'על, אויף דער געלער נאַטעטשאַנקע, גע־העצקעט זיך און געשאָקעלט זיך אין אַלע זייטען, — געפלויגען פייל אויס'ן בויגען קיין זשידיוווסקע גרעבלי. פון'ם גיך פליהען האָט זיך ביי רב יאָסעלע ווינאָקור די שענע ברייטע באָרד צעשמיסען אויף אַלע זייטען, בעריהרט מיט איינציגע האָר דאָס יונגע פּנים פון

דער פאָטער אויף איהר מיט גדלות, און קוועלט, ווערד ברייטער ווי לענגער, אז די טאָכטער חאַפּט איהם עפּיס ביי א וואָרט, וויל איהם איבערשפּאַרען, יבעווייזען, אז ער איז אומגערעכט. פערשטעהט זיך, אז איבערשפּאַרען שפּאַרט מען איהם ניט איבער, און גע־רעכט איז תמיד ער, ניט קיינער; נאָר הנאה האָט ער און קוקט מיט פערגעניגען אויפ'ן עולם, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגט איהר אויף רב יאָסעלע ווינאָקור'ס טעכטערל? דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונ'ם בוימעלע"...

— איך וואָלט וועלען, איהר זאָלט א מאָל אויף א טשיקאַוועסט מיט איהר זיך דורכשמועסען, א ביסעל טיעפער אריינרעדען זיך מיט מיין זשאַנדאַר. — אַזוי האָט רב יאָסעלע ווינאָקור א זאָג גע־געבען איינמאָל צום לעהרער, ווינקענדיג מיט איין אויג אויף דער טאָכטער, — און ס'איז נישט געווען קיין מעהר גליקליכער פאָטער אויף דער וועלט, ווי ער, אַז ער האָט דערזעהן, ווי זיין טאָכטער האָט א נעם געגעבען דעם לעהרער צו דער ארבייט, געמאַכט פון איהם, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אש און בלאָטע, א גל של עצמות! „און דווקא אויף יוניש לשון! און מיט אַזוי פיעל נע־מען פון ביכער: פּושקין און לערמאָנטאָוו און באָקעל און גאָגעל־מאָגעל — אָט אַזוי! אָט אַזוי! לאָז ער וויסען, הערש־בער דעם מלמד'ס זוהנדעל, ווער רב יאָסעלעס טעכטערל איז!"... — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָ שטעלט זיך דער פערפאַסער אָפּ, וואָרום אַלסדינג, וואָס ער זאָל דאָ ניט דערצעהלען, איז אַלט, אַזוי אַלט, ווי די וועלט. ווער פערשטעהט עס ניט, אז פון אַזעלכע אָפּטע הייסע וכוחים, וואָס א בחור מיט א מיידעל פיהרען און זענען גרייט, דאַכט זיך, איינס דאָס אַנדערע גאָר דורס זיין, לאָזט זיך אויס, און גאַנץ אָפטליך, אַז דער בחור פערליעבט זיך אינ'ם מיידעל און דאָס מיידעל אינ'ם בחור מיט סכנת־נפשות, און זיי זענען ביידע גרייט אָפּצוטהון די גרעסטע נאַרישקייטען אין דער וועלט, אָדער בעגעהן איינע פון די ארבע

הבית רוהט. דער טיש ווערד געגרייט ווי ביי א שררה, דערלאנגט מיט דער גאנצער צערעמאניע, און געגעסען ווערד מעדני־מלך, און פאוואלינקע, בהרחבה. דער בעל־הבית — ער איינער אליין — רעדט, און אלע הארכען. ביי'ם טיש מוזען זיך געפינען אלע מאל אורחים, פרעמדע, סוחרים, אדער גלאט דורכפאהרער. און אז ס'איז ניטא קיין פרעמדע, נעמט מען אייגענע, אנגעשטעלטע פון דער גוראלני. דאס בעציהען זיך פון די דאזיגע מענשען צום בעל־הבית איז ווי סאלדאטען צו א גענעראל. ער אליין אין א יאר־מעלקע, זיי אלע — אהן היטלען. נאר צום עסען ווערען אנגעטהאן די היטלען. און האט מען אפגעגעסען און אפגעבענשט — אראפ די היטלען, און קיינער וועט נישט וואגען זיצען. אלע בעדארפען שטעהן. און נעמט דער בעל־הבית ארויס א פאפיראס אויף צו פעררויכערען, ווערען אין איין כהרף־עין אויסגעריבען עטליכע שוועבעלעך מיט א מאל און אונטערגעטראגען איהם פייער. חיות ניט זיכער, עמיצער זאל א ווארף געבען א שוועבעלע אויף דער ערד, אדער נישט אויסווישען גוט די פיס אין פעדערשטען חדר'על, אדער נישט געהן פערשפיליעט, ווי עס געהער צו זיין, אדער דאס האלזטיכעל נישט אויף איין ארט. און אלע, וואס דיענען ביי איהם, זענען „דו“ — מעג עס זיין א איד מיט א בארד. און אלע, סאי פרעמדע, סאי אייגענע, ציטערען פאר איהם אימת־מות — איין אמת'ער סולטאן.

נאר איין מענש, האט דער לעהרער בעמערקט, איז דא אין דער דאזיגער מאדנער שטוב, וואס שרעקט זיך ניט איבער פאר'ן שטרענגען סולטאן. אדרבה, ער וואלט געמעגט שווערען, אז ער סולטאן האט דרך־ארץ פאר יענעם מענשען. און יענער מענש — דאס איז רב יאסעלע ווינאקור'ס טעכטערעל — צילה.

א שענע, א הויכע פיגור — צוויי טראפען וואסער דער טאטער. און דעם פאטער'ס כאראקטער, האט ליעב געוועלטיגען — רב יאסעלע ווינאקור מיט די ביינער! „מיין זשאנדאר“ — אזוי זאגט

בשר'ט — און קומט פסח, איז רב יאָסעלע ווינאָקור אויס גוראל־ניק, אויס געשעפטס־מענש. זיינע מענטשען זענען מעהר נישט קיין „מ ע נ ט ש ע ן" — זיי זענען אידען, בעפרייטע, אזוי ווי ער, אזוי ווי אלע אידען, וואָס זייערע עלטערען זענען ארויסגע־גאַנגען פון מצרים. און אַלע בעדאַרפען זיי זיך צענויפקלויבען מיט ווייבער און מיט קינדער, און אינאיינעם מיט איהם, מיט'ן בעל־הבית, ביי איין טיש, פייערליך אָפּריכטען דעם סדר.

איך מיין, עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אז אויף קיינעם איז אַזוי גיט אָנגעמאָסטען דער נאָמען „מלך", ווי אויף דעם דאָזיגען סולטאַן און מושל — רב יאָסעלע ווינאָקור. איהר שטעלט אייך נאָר פאָר, אשטייגער, אזאַ מין בילד: ארום אַ צעהנדליג פאַמיליעס ביי איין טיש מיט ווייבער און קינדער און דיענסטען, אַלע יום־טוב'דיג, און אַלע אויגען ארויף, צום אויבענאָן, און אויבענאָן די שענע הויכע פיגור פון רב יאָסעלע ווינאָקור, אָנ־געטהאָן אין ווייסען פון אויבען ביז אראָפּ, פון דער ווייסער זיי־דענער יאַרמעלקע ביז די ווייסע אַטלעסענע שיך. וואָס ער זאָגט — זאָגען איהם אַלע נאָך. קיינער ניט פריהער און ניט שפּעטער. ער טיילט ארויס אַלעמען די מצה, דעם מרור, דעם כרפס, דעם חרוסת. ער טהוט אַ וואונק — ווערען אָנגעפילט די כוסות. ער נעמט זיך טרינקען — טרינקען אַלע.

ניין. דער אמת'ער מלך, דער אמת'ער מושל — דאָס איז אונזער סולטאַן רב יאָסעלע ווינאָקור. און ווי איין אמת'ער מושל, ווי איין אמת'ער מלך, איז ער קאָנסערוואַטיוו, היט אָפּ שטרענג אַלע מנהגים און טראַדיציעס. למשל, ביי אַלע אידען איז אַ מנהג: מרור — דאָס איז אָנגעריבענער חריין, אָפּטמאָל אויסגעוועבטע, עטוואָס ביטערליך, פון יוצא ווענען. ביי רב יאָסעלען איז אַ מנהג: מרור דאַרף זיין מרור. אַ האַלב ווערצעל חריין — דאָס מוז יעדער איינציגער אויפעסען — ער מעג אפילו דעם שלאַק בעקומען!

מיתות בית־דין: הענגען זיך אָדער טרינקען זיך, סמ'ען זיך אָדער שיסען זיך, אָדער גאָר אַנטלויפען אין אַ פינסטערער נאַכט, שטע־לען ערגיץ אַ שטילע חופּה און אַריינשרייבען דערנאָך צו די על־טערען אַ בריוועל: „מזל־טוב אייך — מיר האָבען חתונה גע־האַט!"...

ניין. מיינע העלדען, וואָס איך בעשרייב, האָבען ניט אַזוי גע־טהאָן. זיי איז געקומען צו הילף דער אַפּיקומן, דער אַרויסגע־גנב'עטער אַפּיקומן, פּסח צום ערשטען סדר, ווי איהר וועט דאָס באַלד אַרויסזעהען פון'ם דריטען טייל פון מיין אמת'ען, ניט אויס־געטראַכטען ראָמאַן.

ענדע צווייטער טייל.

דריטער טייל.

דער ווינטער איז אַוועק. דאָס אייז איז צעגאַנגען. דער שניי האָט צעלאָזט. די ערד האָט זיך אויפגעדעקט, אויסגעווייכט און אויפגעפרישט, גרייט אַרויסצושפּראָצען אַ גרין גרעזעל. די נאַקעטע בוימלעך האָבען זיך אויסגעגלייכט. ווי פון'ם שלאָף נאָר־וואָס אויפגעוואַכט; אויף זייערע פייכטע ריטלעך וועלען זיך אָט־אָט בעווייזען יונגע קניפּעלעך; די קניפּעלעך וועלען זיך אויפקניפּען, אויפפּיקען און צעלאָזען זיך אין גרינינקע בלעטעלעך — דער פריה־לינג געהט! דער פריהלינג קומט! — ערב פּסח.

אין זשידיוויסקע גרעבלי, ביי רב יאָסעלע ווינאָקור, זעהט זיך אָן דער ערב־פּסח ניט ווינציגער, אויב נישט מעהר נאָך, ווי אין שטאָדט. רב יאָסעלע ווינאָקור איז אַ פרומער איד, אַ חסיד. ער וועט ניט לאָזען, אַז זיין גוראַלני, וואָס איז פול מיט חמץ און איז דורך און דורך חמץ, זאָל חלילה אַרבייטען די אַכט טאָג פּסח. אַלעס ווערד פערקויפט על פּי שלחן־ערוך צו אַ גוי, און אַלעס ווערד אָפּגעשטעלט, און אַלעס ווערד גערייניגט און געפּוצט און גע־

— ווער האָט דאָס אַרויסגע׳גנב׳עט ביי מיר דעם אפיקומן?

שפּרינגט אַרויס צילה מיט אַ געלעכטערל:

— טאַטע, סע איך! וואָסטו מיר געבען פאַר׳ן אפיקומן?

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

און עס הויבט זיך אָן אַ דינגעניש. זי וויל, אַז אויף די אַנדערע טעג יום־טוב זאָל ער איהר קויפען אַ פינגערעל.

— גוט. ער וועט איהר קויפען אַ פינגערעל.

— ניין, זי וויל מיט אַ בריליאַנטעל!

— גוט. ער וועט איהר קויפען מיט אַ בריליאַנטעל.

— און אחוץ דעם וויל זי נאָך אַ שנירעל פּערעלעך.

— דאָס וועט שוין זיין צו פיעל.

— ווי באַלד אַזוי, איז ניטאָ קיין אפיקומן!...

איהר מיינט, דאָס טרייבט מען קאַטאָוועס? — ניין. צילה זאָגט דאָס גאַנץ ערנסט, און דער גאַנצער עולם שמייכעלט (פּסח צום סדר מעג מען שמייכלען ביי רב יאָסעלע ווינאָקור — בני חורין!).

— אפשר וועסט זיין געגנוג אַ בייטש קאָרעלען? — בעט זיך ביי איהר דער פאָטער.

— פּערעל, נישט קיין קאָרעלען! — זאָגט די טאָכטער פעסט.— און נאָך מיט אַ גאָלדען פערמואַרעל דערצו!

— זי וויל מיך מאַכען פאַר אַ קבצן! — זאָגט דער פאָטער, שוין צום עולם רעדענדיג, און דער עולם שיסט אויס אַ געלעכטער (פּסח צום סדר מעג מען ביי איהם לאַכען אפילו הויך — בני חורין!).

— אַז דו וועסט זיך מיט מיר נאָך אַביסעל דינגען, — זאָגט איהם די טאָכטער — וועל איך וועלען, אַז דאָס פערמואַרעל זאָל זייז אַ בריליאַנטענעס.

די צערעמאָניע פון וואַשען זיך איז ביי איהם איינגעפיהרט, אַז ניט נאָר די דיענסטען, נאָר אַלע ווייבער — און זיין ווייב פעּ־רעלע און זיין טאָכטער צילה — בעדאַרפען אונטערטראָגען צום טיש די זילבערנע׳בעקען מיט די שניי־ווייסע האַנטיכער, בעדיענען די מאַנסבילען, די מלכים, די יוצאי מצרים.

עפענען די טהיר צו „שפוך־חמתך“ — דאָס איז ז י י ן כבוד, דאָס געהערט צו איהם אַליין. פאַר וואָס? אַט אַזוי וויל ער, רב יאָסעלע ווינאָקור, און אַט אַזוי איז ער זיך נוהג כל ימיו!

נאָך איין מנהג איז ביי איהם איינגעפיהרט פון יאָהרען — און דאָס מוז דורכגעמאַכט ווערען אַלע מאָל ביי׳ם ערשטען סדר, עס מעגען פאַלען שטיינער פונ׳ם הימעל. אַט אין וואָס דער דאָזיגער מנהג בעשטעהט:

נאָכ׳ן ערשטען האַלבען סדר, אַז עס קומט צו דער סעודה, און דער עולם האַלט אין רעכטען עסען, בעדאַרף מען זעהען, מע זאָל זיך שטאַרק פעררעדען (פסח צום סדר מעגען אַלע ביי איהם רעדען — בני־חורין!). יעדער מעג רעדען פון וואָס ער וויל, און ניט נאָר ער מעג, — ער ב ע ד אַ ר ף רעדען, און אויך דעם בעל־הבית, דעם מלך, בעדאַרף מען פעררעדען, אַזוי, אַז ניט ער און ניט קיי־נער זאָל בעמערקען, ווי רב יאָסעלע׳ס טעכטערל צילה גנב׳עט זיך אונטער שטילערהייד צום פאָטער פון הינטען, לעגט אריין די האַנד אונטער׳ן קישען פון דעם עסעבעט און גנב׳עט ארויס ביי איהם קונציג די האַלבע מצה — אפיקומן.

עס איז שווער צו זאָגען, צי דער פאָטער מאַכט זיך, אַז ער זעהט ניט, צי ער זעהט טאַקי ניט, ווי די טאָכטער גנב׳עט זיך הינ־טער זיינע פּלייצעס און שלעפּט ביי איהם דעם אפיקומן פון אונ־טער׳ן קישען, — נאָר אַז עס קומט פאַר׳ן בענטשען, צום אַנדערען האַלבען סדר, און עס האַלט ביי׳ם אויסטיילען דעם אפיקומן, און דער מלך טהוט זיך אַ האַפּ, אַז ס׳איז ניטאָ קיין סימן פון קיין אפיקומן, ווערד ער כלומר׳שט בייז:

אַלע אויגען קוקען אַהין, וואו רב יאָסעלע׳ס טעכטערל זיצט. אַלע זענען נייגיעריג צו הערען, וואָס וועט זי היינטיגס יאָהר פערלאַנגען פון איהר פאָטער? — און זי, רב יאָסעלע׳ס טעכטערל, איז געזעסען דווקא רוהיג, ווי אַלע מאָל, און פעסט ביי זיך, ווי אַלע מאָל. אַז זי וועט דאָס מאָל אויספיהרען, ווי אַלע מאָל. נאָר עפּיס האָט זי איצטיגס מאָל ניט געאיילט זיך און עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט זיך מיט׳ן לעהרער, מיט הערש־בער דעם מלמד׳ס זוהן, וואָס זיצט אקוראַט אַקעגען איהר, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אַז אַ גרינג שמייכעלע האָט זיך בעוויזען אויף זייערע ביידענס פּנים׳ער... נאָר ניין! עס האָט זיך נאָר אויסגעוויזען! ווי איז דאָס מעגליך — רב יאָסעלע ווינאָקור׳ס טעכטערל און דער לעהרער, הערש־בער דעם מלמד׳ס זוהנדעל — א סמיכות הפרשה!...

נאָר אָט האָט זי זיך אויסגעדרעהט צום פאָטער, און באַלד וועט מען שוין וויסען — און ווי איבעררראַשט זענען געוואָרען אַלע, און מעהר פון אַלעמען דער פאָטער, אַז די טאָכט׳ר האָט איהם געענטפערט, אַז היינט קאָן זי ניט זאָגען, וואָס זי פערלאַנגט... דאָס וועט זי איהם ערשט קאָנען זאָגען שפּעטער... דעם ערשטען טאָג חול־המועד...

— איצט פאַרלאַנג איך פון דיר, טאַטע, נאָר איין זאַך: זאָלסט מיר געבען דיין עהרען־וואָרט, אַז דו וועסט מיר ניט אָפּזאָגען...

רב יאָסעלע ווינאָקור האָט מיט אַ צופריעדען שמייכעלע, וואָס האָט זיך צעגאָסען איבער זיין שענער ברייטער באָרד, בעטראַכט דעם גאַנצען עולם, ווי איינער רעדט: „געפעלט אייך אַ השגה פון רב יאָסעלע׳ס טעכטערל?“...

און צו דער טאָכטער האָט ער אַ זאָג געגעבען:

— ווי קאָן איך דיר צוזאָגען אַ זאַך, וואָס איך וויים ניט? טאָמער בין איך גאָר ניט אימשטאַנד?...

רב יאָסעלע ווינאָקור חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ: „זי וויל איהם מאַכען פּאַר איין אָנזעצער!" דער עולם לאַכט נאָך העכער. דער פאָטער לאָזט איהר נאָך, גיט זיך אונטער. די טאָכטער גיט אָפּ דעם אפיקומן — און דער אַנדערער האַלבער סדר געהט אַוועק מיט דער אייגענער פייערליכקייט, וואָס דער ערשטער האַלבער סדר.

און אָט אזוי אַלע יאָהר.

ענדע דריטער טייל.

פיערטער טייל.

דעם פּסח, וואָס מיר בעשרייבען אַצינד, איז פאָרגעקומען מיט רב יאָסעלע'ס אפיקומן אַ שטיקעל פערענדערונג. דאָס הייסט, דער אפיקומן איז ביי איהם אַרויסגע'גנב'עט געוואָרען אַזוי קונציג, ווי אַלע יאָהר, און, ווי אַלע יאָהר, האָט זיך רב יאָסעלע ווינאָקור אַ חאַפּ געגעבען צום אַנדערען האַלבען סדר צום אפיקומן און אויס־געשריען: „ווער האָט דאָס אַוועקגע'גנב'עט דעם אפיקומן?" האָט זיך צילה אָנגערופען פון איהר אָרט, ווי אַלע מאָל:

— טאַטע, דאָס האָב איך! וואָסטו מיר געבען פאַר'ן אפיקומן?

— וואָס פאַרלאַנגסטו? — האָט איהר געענטפערט דער פאָטער, ווי אַלע מאָל, און געוואַרט, וואָס וועט זי זיך, אַשטייגער, הייסען קויפען, אַז זי האָט שוין אַלסדינג? זי האָט שוין ציערונג אָהן אַ שיעור, און וויגרישנע בילעטען, און אַ פאָרטאָפּיאַנע, און אפילו אַ פערדעל איין אייגענם האָט ער איהר ערשט פאַראַיאָהרען נאָך פּסח געמוזט קויפען. אַ השגה פון אַ מיידעל — זיך גאָר הייסען קויפען אַ פערדעל, האַ־האַ! דאָס קאָן נאָר רב יאָסעלע ווינאָקור'ס טעכ־טערעל, ווייטער קיינער ניט! אָך, ווי מע האָט זיך עס דעמאָלט אָנגעלאַכט!...

דער איינער איז געווען ניט קיין אַנדערער, נאָר דער לעהרער, הערש־בער דעם מלמד'ס זוהנדעל.

און דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבען זיך דערווייל נאָך עטליכע מאָל איבערגעשמועסט און איבערגעקוקט זיך, ווי צוויי שטאַרקע מענשען, גוטע פריינד, וואָס האַלטען ביים אַרויסגעהן איינס אַקעגען דאָס אַנדערע מלחמה האַלטען. איטליכער פון די צוויי איז געשטאַנען פעסט אויף זיין פּאָזיציע: דער פאָטער האָט זיך געהאַלטען איינס — ער גיט ניט קיין תקיעת־כף. די טאָכטער האָט זיך געהאַלטען ביי איהרס — נישטאָ קיין אפיקומן!...

ס'איז שווער צו זאָגען, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען עס שטעלט זיך ניט אַרויס דער לעהרער פאַר אַ מליץ־יושר און פאַר אַ פערמיטלער צווישעןביידע צדדים, אַז „אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיין לעבען קיין תקיעת־כף ניט געגעבען, איז נישט כדאי, מע זאָל איהם צווינגען מיט נויט, ובפרט אַזאַ מענטש, ווי רב יאָסעלע, וואָס זיין עהרען־וואָרט און נאָך פאַר עדות איז באמת אַזוי גוט, ווי אַ תקיעת־כף"...

דאָס האָט געהאַט דעם זיעבעטען חן און געמאַכט דעם גרעסטען עפעקט. ערשטענס, זענען הערש־בער דעם מלמד'ס זוהנ'ס אַקציעס אין דער דאָזיגער שטוב געשטיגען מיט אַ סך, אַ סך פּראָצענט, ובפרט אין די אויגען פון רב יאָסעלע ווינאָקור, וואָס האָט ער איז אַ מענש פון סאַמע שטאָל און אַייזען, פון דעסטוועגען קאָן מען איהם, ווי כמעט אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט, מיט אַ גוט וואָרט קויפען און פערקויפען. און צווייטענס, האָט דער גאַנצער עולם דערזעהען אויפ'ן בעל־הבית'ס באָרד אַ פרישען שמייכעל, און מע האָט פרייה אָפּגעאָטעמט. אגב איז שוין טאַקי געווען צייט אַ מאָל אויפצושטעהן פונ'ם סדר, וואָס האָט זיך איצטיגס מאָל פערצויגען העט־ווייט אין דער נאַכט אַריין.

— נו, געב איך דיר, טאַטע, צוריק מ י י ן עהרען־וואָרט, אַז איך וועל ניט פאַרלאַנגען פון דיר אַזעלכס, וואָס דו ביזט ניט אימשטאַנד...

דאָס פריהעריגע שמייכעלע האָט זיך נאָך ברייטער צעלעגט איבער זיין שענער באָרד און איבער'ן גאַנצען פּנים. דאָס האָט בעדאַרפט בעדייטען: „וואָס זאָגט איהר אויף רב יאָסעלע'ס טעכ־טערעל? זי באַדאַרף נישט געהן לייהען קיין ווערטער!“... און צו דער טאָכטער האָט ער אַ זאָג געגעבען:

— גוט. איך בין דיר מבטיח...

— ניין, טאַטע, נישט „מבטיח“, נאָר דו גיסט מיר דיין עהרען־וואָרט...

— רב יאָסעלע ווינאָקור, אַז ער זאָגט, ער איז „מבטיח“, איז אַלץ איינס, וואָס איין אַנדערער זאָגט „עהרען־וואָרט“...

— ניין, טאַטע, איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַר אָט די אַלע מענטשען געבען דיין עהרען־וואָרט, און טאַקי די האַנד „תקיעת־כף“...

דאָס פריהעריגע שמייכעלע איז אַראָפּ פון רב יאָסעלע'ס באָרד און איז פערשוואונדען געוואָרען.

— רב יאָסעלע ווינאָקור האָט נאָך קיינמאָל קיינעם קיין תקיעת־כף נישט געגעבען און וועט נישט געבען...

— ווי באַלד אַזוי, איז נישטאָ קיין אפיקומן!...

דער עולם האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהון: שמייכלען? — איז דער בעל־הבית צו ערנסט. זיין ערנסט? — איז דאָס צו אַ גרויסער שפּאַס. האָט מען אַראָפּגעלאָזט די אויגען אַראָפּ און גע־וואַרט, וואָס וועט דאָ זיין דער סוף? און דערווייל האָט קיינער נישט בעמערקט, אַז איין מענש, וואָס זיצט דאָ צווישען זיי בײ'ם סדר, איז ביי דעם דאָזיגען נסיון מיט אַ מאָל געוואָרען בלאַס און רויט און אַלערליי קאָלירען, און די הענד האָבען איהם געציטערט...

די העכסטע, די גרעסטע און די שענסטע שדוכים, נאָר ער האָט נאָך ביז אַהער אפילו נישט אין זינען געהאַט קיין שדוך טהון, — זאָל ער נעמען פּלוצים אין מיטען דרינען זיך פערבינדען מיט וועמען ? — מיט הערש־בער דעם מלמד ! און נאָך וואו ? — אָט דאָ טאַקי, אין דער דאָזיגער שטאָדט !... סטייטש, סטייטש ! איהם, רב יאָסעלע ווינאָקור, וואָס קיין מענש האָט נאָך נישט געוואגט מיט איהם טרייבען קאַטאָוועס, זאָל מען איהם אָפּטהון אזא שפּיצעל ! אויסנאַרען ביי איהם זיין עהרען־וואָרט !... און ווער ? זיין געליעבטע איין־און־איינציגע טאָכטער ! אָ, זי ווייסט, דער זשאַנדאַר, ביי וועמען זי האָט דאָס אַ וואָרט גענומען ! רב יאָסעלע ווינאָקור האָט נאָך קיינמאָל זיין וואָרט נישט געבראָכען !... און עס קומט איהם אויפ׳ן זינען די געשיכטע פון בת יפתח. דאָרט איז אויך געווען אַ וואָרט, און נישט קיין וואָרט, נאָר אַ נדר... ניין, דאָ איז נאָר געווען אַ וואָרט, נישט קיין נדר ! אַ וואָרט קאָן מען צוריק נעמען... ווי קאָן ער עס דערלאָזען אזא זאַך, אזא שדוך, אזא בזיון ? — היה לא תהיה ! — דאָס וועט נישט זיין, סיידען דער טוידט !... און צוריק אָבער דערמאָנט ער זיך : ער האָט דאָך פאָרט דאָס וואָרט געגעבען ! און פאַר עדות, פאַר מענשען... און רב יאָסעלע ווינאָקור האָט דאָך נאָך קיינמאָל זיין וואָרט נישט געבראָכען !... וואָס טהוט מען ? רב יאָסעלע זאָל נישט מורא האָבען פאַר גאָט, פאַר שכר ועונש, פאַר המאבד עצמו לדעת, וואָלט ער זיך נאָר אַ מעשה אָנגעטהאָן !...

ענדע פיערטער טייל.

ע פּ י ל אָ ג.

נאָך מיט צוויי וואָכען פריהער פאַר שבת נאָך שבועות האָט רב יאָסעלע ווינאָקור אויפגעשטעלט ביי זיך אין זשידיוווסקע גרעבלי אַ שאַלאַש אפשר אויף טויזענד פאַרשוין, אראָפּגעבראַכט פון שטאָדט

* * *

די ערשטע טעג פּסח זענען איבערגעלאָפען גאָרנישט צו בע־מערקען, ווי זיי לויפען אַלע מאָל איבער, ווי עס לויפען, אייגענטליך, אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, האָטש אפילו עס קאָן זיין, אַז פאַר אַ פּאָר מענשלעך פון דער דאָזיגער געשיכטע האָבען זיך די צוויי טעג געצויגען און געשלעפּט זיך און אויסגעוויזען לאַנג, ווי דער אידי־שער גלות. נאָר ווי די מעשה איז, — די צוויי טעג פּסח זענען אַוועק, און דער ערשטער טאָג חול־המועד איז געקומען, און דער פּאָטער האָט זיך גאַנץ געמיטליך און גאַנץ ברייטליך אַ זאָג געגעבען צו דער טאָכטער, האַלב אין קאַטאָוועס און האַלב ערנסט: „נו, זשאַנ־דאַר, לאָמיר שוין וויסען, מיט וואָס האָסט דו מיך היינטיגס יאָהר געשטראָפט, האַ־האַ?“ און — אוי, וואו נעם איך פאַרב אויף אָפּ־צומאָהלען רב יאָסעלע ווינאָקור'ס פנים, אַז ער האָט דערהערט פון זיין טעכטערעל אַזאַ מין, וואָס האָט זיך איהם נישט גע'חלומ'ט, ניט איהם און ניט קיינעם ניט. הערט אַ מעשה: איהר פאַרלאַנג, זאָגט זי, באַשטעהט אין דעם, וואָס זי האָט ליעב, זאָגט זי, דעם לעהרער, הערש־בער דעם מלמד'ס זוהנדעל. און, זאָגט זי, דער לעה־רער, הערש־בער דעם מלמד'ס זוהנדעל, האָט ליעב זי, רב יאָסעלע ווינאָקור'ס טאָכטער צילה, און אַז זיי האָבען זיך געגעבען, זאָגט זי, דאָס וואָרט, זיי זאָלען זיין חתן־כלה, און זי פאַרלאַנגט, זאָגט זי, פון איהם, פונ'ם פאָטער, הייסט עס, אַז ניט פריהער און ניט שפּע־טער פון שבת נאָך שבועות זאָל זיין די חתונה!... דער גאַנצער הויף האָט זיך שיער נישט איבערגעקעהרט! די גוראַלני איז שיער נישט חרוב געוואָרען! זשידיוווסקע גרעבלי איז געגאַנגען האָדאָ־ראָם! רב יאָסעלע ווינאָקור האָט געאַרבייט מעשים! עס זענען געוועזען געשרייען, און קללות, און געוויינען, און טרערען — און וואָס איהר ווילט: וואָס הייסט, ער, רב יאָסעלע ווינאָקור, וואָס גאָט האָט איהם געבענטשט מיט קיין עין־הרע אַזאַ פערמעגען און מיט קיין עין־הרע אַזאַ טאָכטער, וואָס ער קאָן דערגרייכען מיט איהר

פון אַלע געשעפטען, און אפילו פון דער געלער נאַטעטשאַנקע מיט די ברענענדיגע שפּאַקעס — פון אַלסדינג איבערגעשריבען פּונקט אַ העלפט אויף זיין נאָמען — און ווער מיר שטודירען ? וואָס מיר ראַקטאָר ? שוין לאַנג פערגעסען !...

רב יאָסעלע ווינאָקור האָט בעוויזען ווער ער איז און וואָס ער קאָן !...

ע נ ד ע.

סאַרוועס און סאַרווערקעס און גלאַט מענטשען, און מע האָט גע־נומען באַקען און קאָכען און בראָטען און פּרעגלען, צוגרייטען זיך צו דער חתונה, אַלסדינג ביד רחבה — אין גרעסטען מאַסשטאַב. אַ קליינינקייט — רבי יאָסעלע ווינאָקור האָט דערלעבט חתונה מאַ־כען זיין איין־און־איינציג טעכטערעל צילה?! און אַז עס איז גע־קומען צו דער חופּה, האָט ער אַראָפּגעבראַכט די בעסטע כלי־זמר און די רבנים אַלע פון שטאָדט און געפּראַוועט אַ חתונה, וואָס האָט געקלונגען די וועלט! און אַ סעודה אין שטאָדט פאַר אָרעמע לייט אַחוץ. אַזאַ סעודה, וואָס זינט די שטאָדט שטעהט, האָט זי אַזעלכס ניט געזעהען און וועט ניט זעהן! און אַכט טאָג האָט מען געהוליעט נאָך דער חתונה. אַכט טעג מיט אַכט נעכט. און מיט'ן מחותן, מיט הערש־בער דעם מלמד, האָט זיך רב יאָסעלע, ביי די לחיים'ס, געקושט אפשר פופציג מאָל און אפשר הונדערט מאָל, און אפשר נאָך מעהר. עס האָט דענן אַ שיעור געהאַט דאָס קושען זיך, אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט אַזאַ מחותן, אַזאַ עהרליכען אידען, ווי רב הערש־בער?...

און די מתנות, וואָס ער האָט עס אַביסעל צעשענקט אַלע זיינע מענטשען, און דווקא מיט דער ברייטער האַנד — לאָזען זיי גע־דענקען, ווען זייער בעל־הבית האָט חתונה געמאַכט זיין בת־יחידה!

נאָר אויף צוויי פּונקטען האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט שטאָל און אייזען, און האָט געזאָגט, אַז דאָ מוז ער אויספיהרען — עס מעגען פאַלען שטיינער פונ'ם הימעל:

א) דעם מחותן, רב הערש־בער דעם מלמד, האָט ער געקויפט אין שטאָדט איין איינפאָהר־הויז מיט אַ קאַמער פון תבואה אויף צו פערדינגען — אונטערגעשמעלצט מיט אַ מזומנ'ע פאָר טויזענ־דער און גע'פועל'ט, אַז הערש־בער דער מלמד זאָל ווערען אויס הערש־בער דער מלמד, נאָר גלאַט ר ב ה ע ר ש ־ ב ע ר.

ב) דעם איידעם, רב הערש־בער'ס זוהן, האָט ער איבערגעגעבען אַ העלפט פון דער גוראַלני און פונ'ם הויף און פון די סקלאַדען און

דוד מלך ישראל

אַ בילד לכבוד שמחת־תורה.

געשריבען אין יאָהר 1904

דוד מלך ישראל

א קורצע הקדמה.

אַלטע בילדער פון פּאַרצייטען! שטעהט אויף, זייט מוחל, פון אייערע קברים, איהר זענט שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבען פאַר אונ־זער יוגענד. איין עבירה. די צייט שטעהט ניט. בילדער בייטען זיך. איין דור טרייבט דעם אַנדערען. אונזערע קינדער וועלען פון אייך ניט וויסען. אינאיינעם מיט מיר וועט איהר אַוועק אין קבר, פערפאַלען ווערען אפשר אויף אייביג. גלייך ווי איהר זענט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געוועזען. שטעהט אויף, שטעהט אויף, לאָם איך אייך איין מאָל האָטש דורכפיהרען פאַרביי זייערע אויגען. לאָזען זיי אייך אָנקוקען, אונזערע קינדער, און לאָזען זיי דערצעהלען דעם דור, אַז ס׳איז געווען אַמאָל ביי אונז אַזעלכע, ווי איהר, אַז איהר זענט חלילה ניט קיין אויסגעטראַכטע פונ׳ם קאָפּ, אַז איהר האָט אַמאָל געלעבט אויף דער וועלט און אַז זיי קעהרען זיך אָן מיט אייך גאַנץ נאָהענטע קרובים, — אייערע אייגענע אור־אור־אייניקלעך...

קאַפּיטעל א.

שטאַרק געקרייזעלטע באָרד און פּאות, ווייס ווי געפּאַלענער שניי, אַ נאַפּאָלעאָנקע (אַ פאַרצייטיגער מין היטעל) אויפ׳ן קאָפּ, אַ לאַנגער גראָבער שטעקען אין די הענד מיט אַ ביינערנע האַלקע,

איד פון אפשר הונדערט יאָהר און איידער ער האָט זיך פערנומען מיט צענויפקלויבען קוילעטש פאַר די אָרעמע אָרעסטאַנטען, וואָס אין טורמע? — דאָס ווייסט קיינער ניט ביי אונז.

פון וואָס לעבט דער אַלטער דוד? וואו האלט ער זיך אויף? וויפיעל יאָהר איז ער אַלט? וואו זענען זיינע קינדער און אייניקלעך? — דאָס ווייסט קיינער ניט ביי אונז. ס'איז אַ סוד פאַר דער וועלט. עס איז נישטאָ פשוט דער מענש, וואָס זאָל געדענקען, און ביי איהם אַליין אַז איהר וועט פרעגען, וועט ער אייך ניט ענטפערען. פּרובט זיך גאָר ניט, איהר וועט ערגער מאַכען: וואָרום מיט איהם אַז איהר וועט זיך אריינלאָזען אין אַ לאַנגען שמועס, וועט ער אייך בעטען, איהר זאָלט עפּיס שענקען פאַר זיינע אָרעמע אידישע אַרעסטאַנטען, וואָס אין טורמע, און פון וואָס איהר זאָלט מיט איהם ניט רעדען, אויף זיינע אַרעסטאַנטען מוזט איהר אַרויף!

— רב דאָדי! וואו האָט איהר גענעכטיגט היינטיגע נאַכט?

— געלויבט דער אויבערשטער, אַבי ניט אין טורמע. האָט איהר ניט עפּיס איין אַלטען בגד פאַר מיינע אַרעסטאַנטען?

— רב דאָדי! וואו זענען אהינגעקומען אייערע קינדער מיט אַלע אייניקלעך אייערע?

— געלויבט דער אויבערשטער, צעקראָכען זיך דער אהער, דער אהין, צעשפּרייט איבער אַלע זיעבען ימים. אַנדערע זענען גע־שטאָרבען, אַנדערע לעבען. ווי אַזוי זיי לעבען, גוט, שלעכט, — אַבי ניט חלילה אין טורמע. געפינט זיך ניט ביי אייך, מחילה, אַ פּאָר אַלטע תחתונים פאַר מיינע אַרעסטאַנטען?

— רב דאָדי! וויפיעל זענט איהר אַלט ביז הונדערט צוואַנ־ציג יאָהר?

— געלויבט דער אויבערשטער, נישט קיין יונגערמאַן, לאָז אייך גאָט געבען ניט ווינציגער יאָהרען, נאָר מעהר מזל, און דער עיקר, איהר זאָלט ניט וויסען פון קיין טורמע כל זמן איהר וועט לעבען.

א זאַק אויף די פּלייצעס. אײַנגעבויגען ביז צו דער ערד, געהט ער אַלע ערב שבת און אַלע ערב יום־טוב פון שטוב צו שטוב צע־נויפנעמען קוילעטש פאַר די אָרעמע אידישע ארעסטאַנטען, וואָס אין טורמע.

דאָס איז דער אַלטער דאָדי, אָדער „דוד מלך ישראל“, וואָס איז אַלט אפשר הונדערט יאָהר. אַלע קענען איהם, אַלע ווייסען שוין וואָס ער וויל: ער וויל קוילעטש פאַר זיינע אָרעמע ארעס־טאַנטען, וואָס אין טורמע. קיינער דינגט זיך ניט מיט איהם. ווער עס האָט און ווער עס וויל — דער גיט; ווער עס האָט ניט און וויל ניט — דער גיט ניט. דער אַלטער דאָדי וועט נישט האַ־בען קיין פּאַראיבעל. וואָרום אַז אַלע וועלען האָבען וואָס צו געבען און אַלע זאָלען וועלען געבען, היינט ווער וועט נעמען? און אַז ס'וועט ניט זיין ווער ס'זאָל געבען און ווער ס'זאָל נעמען, פון וואַנען־זשע וועט זיך נעמען רחמנות און צדקה און מעשים טובים אויף דער וועלט? אויף וואָס זשע וועט מען דאַרפען דאָס עולם־הבא מיט'ן גן־עדן? און אַז ס'וועט ניט זיין קיין עולם־הבא מיט קיין גן־עדן, וואָס זשע וועט מען טהון מיט ד' צדיקים אויף יענער וועלט?...

אָט אַזוי פלעגט חקירה'ן דער אַלטער דאָדי. ער איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז ווי דער אויבערשטער פיהרט, אַזוי איז גוט: עס בעדאַרפען זיין אַזעלכע וואָס געבען און אַזעלכע וואָס נעמען, אַזעלכע וואָס האָבען און אַזעלכע וואָס האָבען ניט, אַזעלכע וואָס זיצען אין טורמע און אַזעלכע וואָס זאָרגען זיך פון זייערטוועגען און קלייבען אַלע ערב שבת און ערב יום־טוב קוילעטש פון זייער כבוד וועגען.

קאַפּיטעל ב.

ווער איז געוועזען דער אַלטער דאָדי, אָדער דער דוד מלך ישראל, און וואָס איז ער געוועזען פריהער, איידער ער איז געוועזען איין אַלטער

— שרייט זשע, אידישע קינדער, מיט'ן שענעם ניגון: **דוד** מלך! ישראל! חי! וקיים!

— דוד! מלך! ישראל! חי! **וקיים! מע־ע־ע!!!**

נאָך אמאָל:

— צאַן קדשים!

— מע־ע־ע!

— ווער געהט מיט אייך?

— אונזער מלך דוד, מע־ע־ע!

— ווי אזוי רופט מען איהם?

— דוד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרייט־זשע, אידישע קינדער, מיט'ן שענעם ניגון: דוד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים!

— דוד! מלך! ישראל! חי! וקיים! מע־ע־ע!!!

צו די קינדער שטעהען־צו נאָך קינדער, די קאַוואַלקאַדע וואַכסט, דער עולם, וואָס געהט נאָך, ווערד אַלע מאָל גרעסער, דאָס קול ווערד אַלע מאָל שטאַרקער און רינגעלט אַרום דאָס גאַנ־צע שטעדטעל. ביי יעדער סוכה שטעלט זיך אָפּ דוד מלך ישראל. בעלי־בתים טראָגען איהם אונטער א ביסעל לחיים. ווייבער זענען איהם מכבד מיט לעקאַך פונ'ם פאַרטוך. דאָס ביסעל לחיים טרינקט ער אויס, און דעם לעקאַך צעטיילט ער צווישען קליינוואַרג, רופט אויס מיט א ניגון:

— צאַן קדשים!

— מע־ע־ע!

— וואָס האַלט איך דאָ?

— לעקאַך, מע־ע־ע!

— וואָסער א ברכה מאַכט מען איבער דעם?

— מזונות, מע־ע־ע!

— זאָגט זשע מיר איצטער, ווער געהט מיט אייך:

— אונזער מלך דוד, מע־ע־ע!

געפינט זיך ניט ביי אייך א פּאָר אַלטע צעריסענע שטיוועל פאַר מיינע אַרעסטאַנטען?

אָט דאָס איז געווען דער אַלטער דאָדי, אָדער דוד מלך ישראל.

קאַפּיטעל ג.

פאַר וואָס זשע האָט מען איהם גערופען דוד מלך ישראל?

דערפאַר, וואָס איין מאָל אין יאָהר איז ער געווען אַ מלך, אַ מלך ביי אידישע קינדער, און דאָס איינע מאָל איז געווען דער טאָג פון שמחת־תורה.

קומט שמחת־תורה — איז ניט צו דערקענען דעם אַלטען דאָדי׳ן. דער רוקען אויסגעגלייכט, די באָרד און פּאות אויסגעקעמט, די נאַפּאָלעאָנקע איבערגעקעהרט אויף דער לינקער זייט, דער ברייטער ווייסער קאָלנער אויסגעגלעט, אָהן דעם שטעקען, אָהן דעם זאַק — ס׳איז גאָר נישט דער דאָדי. דאָס פּנים שיינט, די אויגען גלאַנצען. גענומען לכבוד יום־טוב אַ ביסעל בראָנפען, איז דער אַלטער דאָדי גאָר איין אנדער מענש מיט איין אנדער נשמה — אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע נשמה.

צענויפגענומען קליינוואַרג, יונגלעך פון אַלע שוהלען, און אויס־געשטעלט זיי שורות־ווייז אַרום און אַרום זיך, געהט ער, דער אַלטער דאָדי, אין מיטען, די הענד אַרויף צום הימעל, **און זינגט אויף אַ** קול:

— צאן קדשים!

ענטפערט איהם קליינוואַרג:

— מע־ע־ע!

— ווער געהט מיט אייך?

— אונזער מלך דוד, מע־ע־ע!

— ווי אַזוי רופט מען איהם?

— דוד מלך ישראל, מע־ע־ע!

חדרים שוין לאנג צעלאזט און מיט פאלשע אסיגנאציעס האנדעלט ביי אונז קיינער ניט, היינט וועמען הערען מיר?

האט איהם אבער גאט צוגעשיקט א געשעפט: סוכות! ס'איז איהם ניט געפעלען, פערשטעהט איהר מיך, ווי די אידען בויען זייערע סוכות. ס'איז, זאגט ער, מסוכן קעגען טאמער מאכט זיך א שרפה. איהר פערשטעהט א משל? טויזענדער יאהרען זיצען אידען אין סוכות און האבען קיין מורא ניט פאר קיין זאך, און פלוצים גאר נאט אייך א שרפה!

— בכן, וואס־זשע ווילסט דו, פריץ?

— וויל איך, זאגט ער, איהר זאלט בויען אייערע סוכות ניט אזוי, נאר אזוי און אזוי.

האט מען דאך איהם געהערט מסתמא, ווי המן דעם גרייגער, און מע האט זיך געשטעלט בויען די סוכות דוקא אזוי, ניט אזוי און אזוי. האט אנגעשמעקט דער אדון און האט זיי מחילה צע־ווארפען.

האט מען געשיקט צו איהם א דעפוטאציע: „אדוני פריץ! ווי איז שייך סוכות אהן א סוכה?" האט ער געזאגט: „איין מאל ניין!" און געה שריי חי וקיים, אז טאמער שפארט איהר זיך איין, איז גאר „ס'קודעווא!"...

בקיצור, וואס זאלט איהר קלערען, מען איז גוט פערשווארצט געווארען, מע האט זיך בעגראבען נייען איילען, זיך בעזעצט עט־ליכע משפחות אין איין סוכה און געציטערט אימת־מות, טאמער, א קשיא אויף א מעשה?... נאר דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, ס'זענען איבערגעלאפען די זיעבען טעג סוכות גלאט, אומ־זיסטיגע פחדים, ביז ס'איז געקומען דער אכטער טאג יום־טוב, שמחת־תורה.

קאפיטעל ה.

און אז ס'איז געקומען דער אכטער טאג יום־טוב, שמחת־תורה, איז דער אלטער דאדי ארויס מיט דער חברה קונדייסים אויפ'ן

— ווי אזוי רופט מען איהם?

— דוד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרייט־זשע, אידישע קינדער, מיט׳ן שענעם ניגון: דוד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים!

— דוד! מלך! ישראל! חי! וקיים! מע־ע־ע!!!

קאפיטעל ד.

דאכט זיך, אין פלוג, ווען מען געהט דאס אַן און ווען מען קאָן עס שאַדען, אַז איין אלטער מאַן פון אפשר הונדערט יאָהר נעמט איין מאָל אין יאָהר, שמחת־תורה, א ביסעל בראָנפען, ווערד פרעה־ליך און פערשטעלט זיך פאר א מלך, און יונגלעך קונדייסים לוי־פען איהם נאָך און מעקען, ווי די קליינע ציגעלעך: מע־ע־ע!? בעדארף זיך אָבער טרעפען אזא מעשה:

סאַמע סליחות־צייט האָט מען אראָפּגעשיקט צו אונז אין שטעד־טעל איינעם אַ נייעם אָדון (יענער איז מת געוואָרען). ווי גע־וועהנליך, א נייער אָדון, האָט ער ארויסבעוויזען נייע תנועות, נייע גענג, היינו: ערשטענס, האָט מען געזאָגט אויף איהם, אז ער איז אַ איש־אמת, נאָר צו פיעל א איש־אמת. דערטאַפּט א אידען, איז באַלד: „ס׳קודעווא?“ דאָס הייסט: „מה שמכם? פון וואַ־נען איז א איד?“... צווייטענס, נעמט ער ניט, אָבער לחלוטין נישט; ניט קיין מטבע און ניט קיין שוה־כסף; אז מע שמועסט א נקי־כפים׳ניק! אודאי איז ארויס א קלאַנג איבער׳ן גאנצען שטעדטעל: שלעכט! א רשע! א המן!...

כך הוה. אויף מאָרגען אין דער פריה איז ער שוין ארויסגעגאַנגען אין שטאָדט. דורכגעלאָפען דעם מארק, אויסגעקוקט אַלע קלייטען מיט אַלע יאַטקעס, א שמעק געטהאָן דעם שוהל־הויף, גע־וואָלט בעקענען זיך מיט׳ן ריח... נאָר, משטיינס געזאָגט, וואָס האָט ער געקאַנט מאַכען ביי אונז בין הזמנים, אַז די מלמדים האָבען די

און די צאַן קדשים האָבען ניט אויפגעהערט צו שרייען „מע־ע־ע!" — ביז דעם אָרון איז, אַפּנים, נמאס געוואָרען די מעשה, האָט ער די חברה קליינוואַרג צעטריבען און דעם אַלטען דוד מלך ישראל האָט ער אַ נעם געטהאָן אויפ׳ן צימבעל, ווי זיין שטייגער איז: „ס׳קו־דעוואַ! ?" האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז דער אַלטער מלך פון ישראל ווייסט אַליין אויך ניט ס׳קודעוואַ — פון וואַנען ער איז... האָט ער איהם אָפּגעשיקט מחילה גלייך אַהין, אין טורמע אַריין, צו זיינע „אָרעמע אַרעסטאַנטען"...

— דאָרטען, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך אויסניכטערען, דער אַלטער שכור...

* * *

אויף איבער אַ יאָהר סוכות זענען אידען געזעסען אין זייערע סוכות, ווי אַלע יאָהר. שמחת־תורה האָבען אידען געהוליעט, ווי אַלע יאָהר. נאָר איין זאַך האָט געפעהלט: מע האָט נישט בעגע־גענט אין ערגיץ דעם אַלטען „דוד מלך ישראל". מע האָט נישט געהערט, ער זאָל זינגען: „צאַן קדשים", און די „צאַן קדשים" זאָלען איהם ענטפערען:

— מע־ע־ע!!!

שוהל־הויף און האָט אויסגערופען אויף א קול, ווי זיין שטייגער איז:

— צאן קדשים!

האָבען איהם די צאן קדשים געענטפערט:

— מע־ע־ע!

פּלוצים וואַכסט־אויס ווי פון אונטער דער ערד דער אָדון און בעטראַכט די דאָזיגע שענע סצענע שטארק פערוואונדערט. משמעות, ער זעהט דאָס ערשטע מאָל אזא קאָמעדיע. דער אַלטער דאָדי האָט, אַפּנים, ווינציג־וואָס זיך איבערגעשראָקען פאר'ן נייעם אָדון, טהוט ער זיך זיינס און שניידט ווייטער:

— זאָגט זשע מיר, אידישע קינדער, ווער געהט מיט אייך?

— אונזער מלך דוד, מע־ע־ע!

— ווי אַזוי רופט מען איהם?

— דוד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרייט זשע, אידישע קינדער, מיט'ן שענעם ניגון: דוד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים!

— דוד! מלך! ישראל! חי! וקיים!

האָט דער אָדון געבעטען, מע זאָל איהם געבען צו פערשטעהן, וואָס דאָס בעדייט, ווער איז דער אַלטער און וואָס זינגט דאָס קליינוואַרג?

האָט זיך אַרויסגעשטעלט רב שעפּסיל דער מלמד, וואָס האָט געהאַט א שען הענטעל צום שרייבען רוסיש; די פּאות האָט ער פערקאַטשעט אַרונטער די אויהערען, און איז אַרויס פאר א טאָל־מאַטש:

— ווין צאַר זשידיוווסקי דאַוויד, א וואָני יעווזי חלאָפּי...

האָט זיך דער אָדון געחאַפּט מיטביידע הענד ביי די זייטען און האָט זיך צעלאַכט. ווי אַזוי, מיינט איהר, געלאַכט? ממש שיער ניט צעזעצט און צעש־רונגען געוואָרען פאר געלעכטער. און יוד דער מלך ישראל האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען „צאן קדשים!"

וואָס איז חנוכה?

געשריבען אין יאָהר 901

וואס איז חנוכה?

ПО СЛУЧАЮ ХАНУКО
имѣемъ честь
покорнѣйше просить Васъ
на чашку чаю

אַט אַזאַ מין קאַרטעל האָב איך געטראָפען ביי זיך אויפ'ן טיש היינטיגען חנוכה פון מיינעם אַ גוטען בעקאַנטען, איין אויפגעקומענעם, פרישגעבאַקענעם גביר, פ ל אַ ט אָ ן פ אַ נ ט אַ ל אָ נ אָ ־ ו ו י ט ש ל אָ ק ש ע נ ט אָ פ אָ ו ו.

מילא, דעם פשט פון די ווערטער „נאַ טשאַשקו טשאַיו" פערשטעהט דאָך יעדער איינציגער גאַנץ גוט: אַ „ווינט", אַ „פרעפערענס", אַ „זעכס און זעכציג", איין „אָקע", אָדער אַ „סטוקעלקע"... נאָר דער „פּאָ סלוטשאַיו חנוכה" — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערען? וואָס פאַר אַ מחותן איז חנוכה מיט אַ „טשאַשקע טשאַיו"? וואָס פאַר אַ מחותן איז פלאַטאָן פאַנטאַלאָנאָוויטש מיט חנוכה, אַז דאַוונען געהט ער שוין היינט נאָר איין מאָל אין יאָהר, אי דאָס — אין כּאָרשוהל, אין שטוב הערט מען שוין נישט ביי איהם אַ אידיש וואָרט — איבער דער באָננע. די באָננע זאָל חלילה ניט לאַכען, און „ציוניסטען" האָט ער פיינט. קאָן נישט הערען דעם נאָמען זייערען?

הקיצור, איך האָב מיך פערערדט פון עסענוואַרג און האָב פער־געסען, אַז איך האָב בעקומען איין אײַנלאַדונג פון פּלאַטאָן פּאַנ־טאַלאָנאָוויטש „פּאָ סלוטשאַיו חנוכה נאַ טשאַשקו טשאַיו“...

אָנגעקלונגען ביי דער טהיר און אַרײַנגעקומען אין שטוב אַריין, האָט מיר אַ זעץ געטהאָן אין פּנים אַריין אַ ליכטיגקייט מיט אַ װאַרעמקייט מיט אַ הו־האַ פון די געסט. און עס האָט זיך געלאָזט הערען דאָס בעקאַנטע וואָרט: „פּאַסס!“ אַקעגען מיר איז אַרויס־געקומען דער בעל־הבית אַליין. גוט געפּאַקט, מיט אַ בייכעל און מיט אַ ליסינע און מיט אַ פריינדליך שמייכעל, וואָס איז אָנגע־גרייט נאָך פון פריהער לכבוד די געסט. איך האָב מיך גיט גע־קאָנט אײַנהאַלטען און האָב איהם אַ פרעג געטהאָ׳ טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיין ליעבסטער פּלאַטאָן פּאַנטאַ־לאָנאָוויטש, וואָס איז אייך עפּיס אויסגעקומען פּלוצים „לכבוד חנוכה“?

— פרעגט מיך עפּיס גרינגערס. — מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך אונטער דער האַנד, ווי אַ מחותן פון חתן׳ס צד, און פיהרט מיך צו צו דער מאַדאַם לאָקשענטאָפּאָוו, און אַליין גליטשט ער זיך אויס פון מיינע הענד.

די מאַדאַם לאָקשענטאָפּאָוו, פּ אַ נ ט אָ מ י נ אַ פּ אַ נ ט ע ־ ל ע מ אָ נ אָ װ נ אַ, אויך אַ היבשע שטיק, אָנגעטהאָן אין גאָלע זיידענס, איינגעטונקען אין ברילליאַנטען, צו פינף־זעכס רינגען אויף איטליכען פינגער, ווי אַ שאַנסאָנעטע זינגערין, האָט מיך בעגעגענט מיט זעהר אַ זיס שמייכעלע: איינס פון די שמייכעלעך, וואָס ס׳איז ביי איהר צו קריגען צו יעדער צייט. זי איז געזעסען ביי אַ גרויסאַרטיגען סאַמאָוואַר און צעגאָסען טיי אין די גלעזער מיט אַ מאָס. גלייך ווי כ׳ע צעגיסט קרייטער אויף אַ רפואה. אויפ׳ן גרויסען שעז־אויסגעבעטען טיש שטעהען אויסגעשטעלט גרויסע

— וואָס האָט איהר צו זיי? -- האָב איך איהם אַ מאָל אַ פרעג געטהאָן אויף אַ ציקאַוועסט. — וואָס האָבען זיי אייך אזעלכם געטהאָן, די ציוניסטען?

— ציוניסטען? — איך בעט אייך, דערמאַנט מיר נישט דעם נאָמען זייערען! איך... איך... איך האָב זיי פיינט! איהר מיינט מחמת וואָס? מחמת איך האָב פיינט אַ אידען? חלילה וחס! אדרבה, ביי מיר אַ איד איז דוקא מיט'ן גרעסטען כבוד; האָטש אפילו אונזערע אידעלעך, צווישען אונז רעדענדיג... גאָר נישט... ווי זאָגט איהר, חאָטאַ פאָקרעשקע... נאָר אין שטוב ביי מיר האָב איך ליעב, ס'זאָל זיין אידיש: פסח — מצה, סוכות — פירעזשקעס מיט האָניג, פורים — דאָס, ווי אזוי הייסט דאָס? המנ'טאַשען, טייגלעך, פאַרפעל, מאָהינדלעך, קישעלעך און די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען... — אזוי זאָגט צו מיר פלאַטאָן פאַנטאַלאָנאָוויטש און בעלעקט זיך אזש.

נאָך אַ סך זאַכען איז פלאַטאָן פאַנטאַלאָנאָוויטשען פערבליבען פונ'ם אידישקייט, וואָס ער קאָן זיך מיט דעם ניט צעשיידען, למשל: פיש געפעפערטע מיט חריין, „פעטשאַ" מיט געטריקענטע פענעצלעך מיט קנאָבעל, פליישיגע קרעפלעך צו דער יוך — דאָס וואָלט ער אַ בעלן געווען אַלע טאָג, און אַ אידיש ראָסעלפליישעל מיט לעבערלעך און מיט פופיקלעך — דאָט חיות! ער וואָלט מוחל געווען צעהן בעפשטעקסען פאַר איין אידיש העלזעל, מיט מעהל אָנגעפילט און מיט אַ פאָדעם פערנייהט. ער וואָלט אוועקגעגעבען פופצעהן קאָמפאָטען פאַר איין אידישען צימעס מיט מייערען, גוט געבראַזשעט, מיט מעהל פערפראַוועט. און אַ שטיקעל ברוסט זאָל זיין דערביי; דאָס שטיקעל ברוסט אז מע פעפערט צו, איז דאָך אַ כפרה אַלע מאָדנע פליישען מיט די היינטיגע וואורסטען מיט די וואַרשעווער שינקען, וואָס אידען מוטשען זיך, זיי ווילען ס'זאָל האָבען אַ אידישען טעם און אַ פנים פון חזיר...

אָהן ½ שעור. איהר קאָנט, חלילה, אַ נעם טהון נישט מיט דעם לעפעל, וואָס מע דאַרף, און נישט אין יענעם שעלעכעל, וואָס מע דאַרף, פערגיסען און אָנאַרבייטען אַ חתונה — וואָס טויג עס אייך? איהר ווילט אַ שטיקעל לעקאַך מיט איינגעמאַכטס? — וועט איהר עסען אין דער היים. דאָ מוזט איהר טרינקען אַ קאַלט גלאָז טיי, ביטער ווי גאַל, זיצען אין געהאַקטע וואונדען און שמייכלען, גלייך ווי ס'איז אייך גוט ווי די וועלט.

— ווי אַזוי טרינקט איהר טיי — מיט לימענע, צי אָהן לימענע? — פרעגט מיך פאַנטאַמינאַ פאַנטעלעמאָנאָוונאַ מיט אַ זיס שמייכעלע, — איינס פון יענע שמייכעלעך, וואָס איז ביי איהר צו קריגען צו יעדער צייט, און וואַרפט מיר אריין אַ שטיקעל לימענע אין גלאָז, בכדי די טיי זאָל זיין, אפּנים, נאָך ביטערער. אַקעגען מיר, ביי'ם טיש, זיצט אַ יונגערמאַן מיט אַ ריהרעווּדיג פּנים און מיט גילדענע ברילען, וואָס קאָנען זיך ניט האַלטען ביי איהם אויף דער נאָז, נישט מחמת די נאָז איז דערצו נישט מסוגל, נאָר מחמת דער יונגערמאַן אַליין זיצט נישט איין אויף קיין אָרט; אַז ער רעדט, רעדט ער נישט נאָר מיט הענד — מיט אַלע אברים. עס ווייזט אויס, אַז מיט מיין אריינקומען האָב איך זיי איבערגעשלאָגען אין מיטען אַ שמועס, וואָרום אַז איך האָב מיך אַנידערגעזעצט צו דער טיי, האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילען אויף דער נאָז אָנגערופען זיך צו דער מאַדאַם:

— וואָס זשע איז פּאָרט אַזעלכס, אייגענטליך, חנוכה?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז חנוכה איז אַזאַ יום־טוב, וואָס... וואָס מע רופט איהם חנוכה... שאַ, אָט וועלען מיר פרעגען ביי זיי; זיי קעהרען וויסען אַקוראַט.

אַזוי זאָגט צו איהם פאַנטאַמינאַ פאַנטעלעמאָנאָוונאַ, אָנווייזענדיג אויף מיר, און טהוט זיך אַ האַפּ:

— פאַרדאָן! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז איהר זענט נאָך נישט באַקאַנט. סאָלאָמאָן נאַאומאָוויטש שלום'

הויכע פּיראַמידען, טאָרטען אזעלכע, וואָס אז מע מהוט א קוק אויף זיי, פערשטעהט מען, אז זיי זענען געמאַכט געוואָרען נישט אויף צו עסען; איהר ווייסט אפילו נים, פון וואַנען, ווי אַרום הויבט מען זיי אָן צו עסען? איהר ועט דאָך נים אויפשטערען אין מיטען די גרינגע, האַפּען א מעכער, צי א גאָפּעל, און אומוואַלגערען אזא מאַכינע, אזא בוידעם! וואָס פאַר א פּנים וועט איהר האָבען נאָכדעם ביי זיך אַליין, אז איהר וועט צעוואַלגערען דעם דאָזיגען בוידעם און צעגיסען דעם קרעם איפ׳ן טישטוך? די מאַדאַם וועט אייך הויקא זאָגען מיט א שמייכעלע: „גימשעווּאָ, עס מאַכט נישט אויס!“ נאָר איהר דאַרפט שוין פערשטעהן וואָס דער „גימשעווּאָ“ בעדייט... גלייכער, זאָג איך אייך, איהר זאָלט בעסער נישט נאָכגעבען דעם יצר־הרע; מע האָט אַנידערגעשטעלט א טאָרט — לאָז ער שטעהן געזונדערהייד!... דאָס אייגענע איז מיט די באַרען, מיט די עפּעל און מיט די מאַראַנצען. איהר זעהט, דאכט זיך, פאַר אייערע אויגען א גאַנצען איצר מיט באַרען, מיט עפּעל און מיט מאַראַנצען; נאָר לאָז זיך אייך נים גלייבטען! זיי ליגען אזוי קונציג איבערגעלעגט: א שורה עפּעל, א שורה באַרען, א שורה מאַראַנצען, אַרומגעלעגט ביי די זייטען מיט קאָנפעקטען, ראָזינקעס און טייטלען, נאָר אַזוי ממזר׳יש, אז אויב איהר ווילט אַרויסנעמען, למשל, א באַר, אָדער איין עפּעל, מוזט איהר אָנריהרען אַלע איבעריגע שכנים — און עס הויבען אָן פאַלען און שפּרינגען אויפ׳ן טיש, און פונ׳ם טיש אויף דער ערד, איין עפּעל נאָכ׳ן אַנדערען, איין מאַראַנץ נאָך דער אַנדערער, — דעמאָלט, עס זאָל זיך אייך עפענען א גרוב, וואָלט איהר, דאַכט זיך, בעסער אין דער ערד אַריין, איידער נאָכלויפען צענויפקלייבען די עפּעל, וואָס קאַטשען זיך אונטער׳ן טיש!... דאָס אייגענע איז מיט׳ן איינגעמאַכטס און מיט די אַלע איבעריגע זיסע זאַכען, וואָס שטעהען אויסגעשטעלט אויפ׳ן טיש. קוקט נישט, וואָס ס׳איז צוגעגרייט געוואָרען טעלערלעך, מיט שעלעכלעך, מיט לעפעלעך, מיט גאָפּעלעך

גרויסאַרטיגער ליכטיגער זאַל אריין. די לאָמפּען ברענען; די גרינע טישלעך זענען בעזעצט מיט אַלערליי פּאַרשוינען, צום מיינס־טען, מיט קיילעכיגע ווייסע גלאַנצענדיגע ליסינעס; די גלאַנצענ־דיגע ליסינעס שפּיעגלען זיך אָפּ אין די הויכע שענע שפּיעגלען; עס הערט זיך אַ הו־האַ, אַ געראַדעריי פון אַ סך מיילער, נאָר מעהר פון אַלץ לאָזט זיך הערען דאָס וואָרט „פּאַסס!“

מיר הויבען אָן שפּאַציערען פון איין טישעל צום אַנדערען. מען איז שטאַרק בעשעפטיגט און שטאַרק אויפגעטראָגען איינס אויף דאָס אַנדערע פאַר אַ שלעכטען גאַנג. דער האָט טענות, דער פּערענטפּערט זיך; דער בייט זיך מיט די ערטער, דער טאַשט קאָרטען גיך־גיך, מע האָט קיין צייט ניט, גלייך ווי אָט באַלד וועט מען קלינגען דאָס דריטע מאָל און מע וועט חלילה עפּיס פערשפּעטיגען. מיר געהען־צו צו אַ טישעל, וואו פיער בעיאָהרענטע מענשען, אַלע מיט ווייסע קיילעכיגע גלאַנצענדיגע ליסינעס, שפּיע־לען אין „ווינט“. אָפּגעענטפּערט מיר אויף מיין „גוטען אָוונד“ מיט אַ גרינגען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ, געבען זיי יאָנטעוו־זאָהנען איט־ליכער בעזונדער צו צוויי פינגער, און יאָנטעוו־זאָהן איז זיך מיישב, וואָס טויג איהם לאַנגע מחזקות, אַ מעהר טרעט ער צו גלייך צום עסק און רופט זיך אָן צו זיי:

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך שלאָג אייך איבער. איך און אָט דער יונגערמאַן (ער ווייזט אָן מיט דער בריל אויף מיר) האָבען געהאַלטען צ׳ וועטע מכח... מכח וואָס איז חנוכה פאַר אַ יום־טוב? איך זאָג אַזוי, און זיי זאָגען אַזוי... בכן, איז געבליבען, מיר זאָלען אייך בעטען, איהר זאָלט אונז פּותר חלום זיין און זאָגען, אויב ס׳איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

אַלע פיער פּאַרשוינען מיט די ווייסע קיילעכיגע גלאַנצענדיגע ליסינעס הויבען אויף די אויגען און קוקען אויף אונז אַזוי, גלייך

עליכם — אַ אידישער שריפטשטעלער; פאַנפאַראָן פאַ־ראַנאָוויטש יאָנטעוזאָהן — מיינער אַ קאוזען (אַ שוועסטערקינד).

האָבען מיר זיך ביידע אויפגעהאַפּט פון די ערטער, צוגעלאָפען איינער צום אַנדערען, גלייך ווי מיר וואָלטען גרייט געווען פאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע אויפ׳ן האַלז; אין אמת׳ען האָבען מיר נאָר אָפּגעמאַכט די געוויסע צערעמאָניע פון בעקענען זיך. זיך בעקענט, זעצען מיר זיך צוריק צום טיש, און יאָנטעוזאָהן רוקט זיך צו צו מיר אַביסעל נעהענטער און רופט זיך אָן:

— האָט איהר געהערט אַביסעל? איך וויל וויסען וואָס איז חנוכה, איך געה אויס, — איז ווען איך פרעג וואָס איז חנוכה פאַר אַ יום־טוב — ווייסט קיינער ניט וואָס צו ענטפערען.

— ווי קומט דאָס, — זאָג איך, — אַז אַ איד, וואָס הייסט יום־טוב־זאָהן, זאָל ניט וויסען וואָס חנוכה איז פאַר אַ יום־טוב?

— ס׳איז אייך אַ חדוש? — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו נאָך נעהענטער. — איך קאָן זיך מיט אייך וועטען אויף וויפיעל איהר ווילט, אָט זיצען דאָרט אין זאַל אפשר אַ האַלבע מאה אידען, אויב עס וועט זיך געפינען אפילו איינער, וואָס וועט אייך זאָגען, וואָס איז חנוכה, געב איך אייך מיין קאָפּ!

— וואָס טויג מיר אייער קאָפּ? — זאָג איך. — לאָמיר זיך בעסער וועטען אויף געלד.

— אַך! וועטען זיך! מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען! — מאַכט צו מיר יאָנטעוזאָהן און חאַפּט זיך אויף פונ׳ם אָרט. — צו וויפיעל געהען מיר אין געוועט?

— צו פינפאונצוואַנציגער?

— צו פינפאונצוואַנציגער!

אָפּגעדאַנקט דער מאַדאַם פאַר דער טיי און בעקומען פון איהר נאָך אַ מאָל דאָס זיסע שמייכעלע, לאָזען מיר זיך ביידע אין דער

— וואָס וועט איהר זאָגען, וואָס? איהר האָט וואָס צו זאָגען? איהר זענט נאָך גערעכט? איהר ווייסט דען ניט, אַז איהר זענט אַ וויסטער פינסטערער קאַליקע, אַ שוסטער, אַ שטיוועל-פלעכטער?

און אַזוי ווייטער, אַלץ דער אייגענער ניגון.

— קומט! — רוף איך מיך אָן צו יאָנטעוואָהנען אויפ׳ן אויער. — איהר זעהט דאָך, אַז עס האַלט דאָ רחוק משכר וקרוב לפעטש...

— האָט קיין יסורים ניט, מען איז די גרעסטע גוטע ברידער. — מאַכט צו מיר יאָנטעוואָהן און איז אַ בעלן זיי אָנמוטען, דערצעהלען זיי, אַז מיר האָבען געהאַלטען אַ וועטע מכח חנוכה; ער זאָגט אַזוי, איך זאָג אַזוי; בכן איז געבליבען, מיר זאָלען זיי בעטען, די יונגע לייט הייסט דאָס, זיי זאָלען אונז פותר חלום זיין און זאָגען, אויב ס׳איז מעגליך, אין דריי ווערטער: וואָס איז אזעלכם חנוכה?

— דאָס קאָנט איהר געוואָהרע ווערען נאָר ביי „זיי“. — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה און בעווייזט אויפ׳ן „כפרה־היהנדעל“. — טאָמער האָט איהר עפּיס אַ שווערע זאַך, אַ שאַרפען גאַנג, אַ פערדרעהטען חשבון, זאָלט איהר פרעגען ביי „זיי“. „זיי“ וועלען דאָס אייך באַלד פותר זיין אין איין כהרף־עין, מחמת „זיי“ האָבען, קיין עין־הרע, אַ טהייערען קאָפּ אונטער זיך!...

די גאַנצע חבריא צעלאַכט זיך, און דאָס „כפרה־היהנדעל“ אַליין לאַכט אויך פון דער חכמה.

— גיט קאָרטען! — רופט זיך אָן איינער פון זיי, און מיר פערשטעהען, אַז מיר וועלען דאָ אויך גאָר נישט מאַכען; לאָזען מיר זיך געהן ווייטער, צו אַ טישעל, וואו דריי פאַרשוינדלעך, יונגע־לייט, מיט אונטערגעשמיצטע בערדלעך, שפּיעלען אין „פרעפּעראַנס“. דאָ, ביי דעם טישעל, איז מען שוין נישט אַזוי בייז און אויפגעטראָגען, ווי דאָרטען. מע גריסט זיך מיט יאָנטעוואָהנען

זוי מיר וואָלטעןביידע פּלוצים געשטעלט זיך מיט'ן קאָפּ אראָפּ, מיט די פּיס ארויף.

— פּיק! — זאָגט איינער, און אַלע איבעריגע זאָגען: פּאַס!...

— טרעף! — זאָגט דער אַנדערער, און אַלע איבעריגע זאָגען: פּאַס!...

איז די משמעות, אז מיר האָבען דאָ נישט וואָס צו טהון. געהען מיר צו צום אַנדערען טישעל. דאָרטען זיצען יונגע לייט, שוין אָהן ליסינעס, דאָס הייסט, קוים־קוים וואָס סע שניידט זיך ביי זיי אויף די קעפּ ווייס־קיילעכיגע טעלערלעך. דאָ געהט דאָס שפּיעל א סך לעבעדיגער. ס'איז א „ווינט“ מיט א „שטורעם“; מע היצט זיך, מע קריעגט זיך, מע ווארפט זיך דורך מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס, דאַכט זיך, ווען ניט ביי קאָרטען, קריגט מען פאַר זיי פּעטש.

ביי דעם דאָזיגען טישעל איז געוועזען איינער א יונגערמאַן מיט א רויטען האַלז און מיט א פּרישטשעוואַטע פּנים, און ער איז געווען ביי זיי דאָס כפּרה־היהנדעל. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען, דער האָט זיך אין איהם נוקם געווען. ביי איטליכען גאַנג, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער בעקומען פון זיינע חברים איין אנדער קאָמפּלימענט:

— א מענטש מאַכט א גאַנג!

— וויסטער קאַליקע!

— שטיוועלפּלעכטער!

— שוסטער! וואו זענען אייערע אויגען?

— אין באַבקעלעך באַדאַרפט איהר שפּיעלען!

— קאַצענער מח! רוק און לענד באַדאַרף מען אייך איבערברעכען, און ערשט נאָכדעם אַוועקזעצען אין באָד פאַר א סטאַראַזש!

און דער יונגערמאַן, דאָס כפּרה־היהנדעל, וויל זיך פערענטפערען, לאָזט מען איהם ניט.

איינעם צום אנדערען. און אלע זיצען און קוקען נאָר אין איין פּינטעל אריין — צו יענעם, וואָס ווארפט די קאָרטען. און יענער, וואָס ווארפט די קאָרטען, ווארפט זיי איינע אהער, איינע אהין, רעכטס און לינקס, און אזוי געשמיידיג, אז קוים־קוים וואָס דאָס אויג קאָן חאַפּען. דער עולם איז אזוי פערטיעפט אין דער ארבייט, אז עמיצער זאָל פּלוצים א געשריי טהון: עס ברענט! — וואָלט זיך, דאכט מיר, קיינער נישט גערוהרט פונ׳ם אָרט.

— ווי אזוי הייסט די שפּיעל? — פרעג איך ביי מיין יאָנטעוו־זאָהן. — און ווער זענען די שפּיעלערס?

— די שפּיעל — זאָגט יאָנטעוואָהן — הייסט „דיאבעלק" — און די שפּיעלערס וועל איך אייך באלד פאָרשטעלען איינציגווייז: זעהט איהר, אָט יענעם אָ? — דאָס איז א דאָקטאָר אָהן פּראקטיקע; און דער אנדערער, וואָס זיצט נעבען איהם, — דאָס איז א אינזשינער, מע ווייסט ניט פון וואַנען און פון וואָס... און דער ווייסינקער מיט׳ן קוויטשיג קול׳כעל — דאָס איז איין אויסגעפּאטשטער אדוואָקאט...

— ששש!... — מאך איך צו איהם. — שטילער אביסעל!

— האָט קיין מורא ניט! — זאָגט צו מיר יאָנטעוואָהן. — אָט דאָ מעגט איהר אויף זיי זאָגען וואָס אין דער קאָרט, זיי הערען במילא נישט קיין ווערט!... און אָט יענער בלאָנדין — דאָס איז א איד איין אפּטייקער, וואָס שפּיעלט ניט אין קיין קאָרטען נאָר דעמאָלט, ווען ער שלאָפט... און אָט־א יענער יונגערמאַן, וואָס מיט די גרויהע האָר, — דאָס איז א כעמיקער, וואָס מאכט פון סחורה געלד און פון געלד בלאָטע.... און ווייטער, די איבעריגע — אייער א באנקיר, דער אנדערער א בוכהאלטער און דער דריטער איין אגענט, דער פערטער א צוקערמעקלער...

— און ווער איז אָט־א־יענער עוג מלך הבשן? — פרעג איך ביי יאָנטעוואָהנען און ווייז איהם אָן אויף איינעם א הויכען, א געזונדען, וואָס האָט ניט אויף זיך דעם צלם אלהים

גאַנץ העפליך, ווי מיט אַ גוטען בעקאַנטען, און יאַנטעוואַהן שטעלט מיך פאַר פאַר זיי:

— סאָלאָמאָן נאַאומאָוויטש שלום־עליכם, אַ אידישער שריפט־שטעלער. מיר האָבען געהאַלטען אַ וועטע מכח אַ מאָדנעם ענין, מכח חנוכה. איך זאָג אַזוי, זיי זאָגען אַזוי; איז געבליבען, מיר זאָלען אייך בעטען, איהר זאָלט אונז פותר חלום זיין און זאָגען, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אזעלכס חנוכה?

— חנוכה? — זאָגט איינער און קוקט אין די קאָרטען אריין. — חנוכה? פּאַס!

— חנוכה? — זאָגט דער אנדערער. — חנוכה איז אזא יום־טוב, וואָס מע קאָן שפּיעלען אין פּרעפעראַנס.

— און עסען לאַטקעס מיט שמאַלץ, — לעגט צו דער דריטער און מאַכט אַ גאַנג; טהוט דער ערשטער אַ שפּרונג אויפ'ן בענקעל און אַ ריס די קאָרטען, גלייך ווי עמיצער האָט איהם דערלאַנגט מיט אַ שייטהאָלץ איבער'ן קאָפּ, אָדער אָנגעריהרט מיט אַ הייסען אָנגעגליהטען אייזען פון הינטען, און צעשרייט זיך אויף איהם, גלייך ווי ער האָט איהם געקווילעט די קאַפּאָטע:

— איך פאַרשטעה ניט! מיר שפּיעלען אין פּרעפעראַנס, צי מיר פאַרנעמען זיך מיט „ליטעראַטור“?

און דערביי האָט ער געגעבען אויף אונז ביידען אזא גלאַנץ מיט די אויגען, אַז מיר האָבען פערשטאַנען, אַז מיר זענען דאָ איבעריג, מע וועט זיך בעגעהן אָהן אונז. מיר הויבען זיך אויף און געהען ווייטער.

אַ גרויסער קיילעכיגער טיש, ארום טיש פערשיעדענע פּאַרשוינען פון אַלערליי מינים.

אויפ'ן טיש ליגט אָנגעוואָרפען אַ באַרג מיט קאָרטען, וואָס איינער גיט איבער דעם אנדערען, דער אנדערער — דעם דריטען, און אזוי ווייטער, און געלד (גאָלדוואַרג) פליהט אזוי ווי מיסט פון

ברודער, אַ פּאָר הונדערטער, וועסט דו מיך דערהאַלטען ביי מיין כבוד!

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען! — מאַכט צו איהם יאָנטעווזאָהן. — נאָר מיט איין תנאי, זאָלסט מיך אויסהערען, וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען.

דער יונגערמאַן מיט'ן פלאַמענדיגען פּנים און מיט די צעבורשעטע האָר שטעלט אָן די אויהערען.

— ס'איז אַזאַ געשיכטע, — מאַכט צו איהם יאָנטעוווזאָהן גאַנץ ערנסט: — איך און אָט־אָ־דער יונגערמאַן, הער שלום־עליכם, אַ אידישער שריפטשטעלער, האָבען געהאַלטען אַ וועטע איבער אַ מאָדנעם ענין: וואָס איז חנוכה? איך זאָג אַזוי, זיי זאָגען אַזוי; בכן, איז ביי אונז געבליבען, מיר זאָלען זיך ווענדען צו דיר מיט אַ בקשה, דו זאָלסט אונז קלאָר מאַכען, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

— טפו זאָלסט דו ווערען, מיט וואָס מענטשען פאַרנעמען זיך!

אַזוי מאַכט דער יונגערמאַן מיט'ן פלאַמענדיגען פּנים און מיט די צעבורשעטע האָר און סטייעט ניט. מיר בלייבען שטעהן ביידע אין מיטען זאַל, ווי די נאַראָנים.

— וואוהין געהט מען ווייטער?

— וואוהין געהט מען ווייטער?

— טאָמער וואָלטען מיר געגאַנגען צו די דאַמען?

— לאָמיר געהן צו די דאַמען.

ארום אַ בעזונדערען גרויסען טיש זיצען זעכס שאַרף־אויסגעפּוצטע דאַמען, און צווישען זיי סך־הכל איין זכר, אַ קאַוואַליער מיט אַ פּערדיש פּנים און מיט אַ ווייסען שרונט איבער'ן גאַנצען קאָפּ, און מע שפּיעלט אין יענער קלוגער שכל'דיגער שפּיעל, וואָס מע רופט זי „סטוקעלקע". פּונקט אויף דער מיט שטעהט אַ טעלעריצל, און אַלע דאַמען וואַרפען אַהין צו די זילבערנע גילענס.

— ווער? — זאָגט יאַנטעווזאָהן. — אָט אַ יענס זיעבעלע?
דאָס איז מיינער אַ גוטער ברודער, נישט קיין היעגער, פון די „הונ־
געריגע גובערניעס". איהר זעהט, ווי ער שאַרט דאָס געלד? איך
האָב מורא, ער וועט זיי דאָ אַלעמען דורס זיין, ווי אַ טחויר! מע
באַדאַרף צוגעהן צו איהם, אַ פרעג טהון, וואָס איז חנוכה, ער וועט
אונז זאָגען אַקוראַט — ער איז אַ יודע נגן...

און יאַנטעווזאָהן געהט־צו צו איהם און רופט איהם אָפּ אויף
אַ זייט און שטעלט מיך פאָר, און דערצעהלט איהם די גאַנצע גע־
שיכטע, ווי אַזוי מיר זענען געגאַנגען אין געוועט וועגען חנוכה:
איך האָב געזאָגט אַ ז ו י, ער האָט געזאָגט אַ ז ו י; בכן, איז
געבליבען, מיר זאָלען אַ פרעג טהון ביי איהם, ער זאָל אונז פותר
חלום זיין, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז חנוכה?

דאָס זיעבעלע האָט אַנידערגעשטעלט אויף אונז אַ פּאָר אויגען
און בעטראַכט אונז ביידען, ווי די משוגעים.

— אויב ס'איז אייך — זאָגט ער — שטאַרק נויטיג צו וויסען,
זאָלט איהר זיך מטריח זיין צו מיר אויף דער אכסניה. איהר
טרעפט מיך אין דערהיים תמיד פון האַלב פיער פאַרנאַג ביז האַלב
נייען אין דערפריה... איצט בין איך פאַרנומען; מע באַדאַרף
צונעמען ביי זיי דאָס געלד...

— אָט האָט איהר אַ קלאָרע ידיעה! — מאַכט צו מיר יאַנטעוו־
זאָהן, און מיר לאָזען זיך געהן ווייטער. אויפ'ן וועג בעגעגענען מיר
איינעם, יאַנטעווזאָהנ'ס אַ גוטען בעקאַנטען, אַ יונגענמאַן מיט אַ
פלאַמענדיג פנים און מיט שטאַרק צעבורשעטע האָר. דער יונ־
גערמאַן לויפט, ווי אַ פער'סמ'טע מויז. יאַנטעווזאָהן שטעלט איהם
אָפּ מיט אַ ברייטען שלום־עליכם.

— אַ, פּאַני פּיפּערנאָטער! וואוהין לויפט מען דאָס אַזוי?

— לאָז מיך אָפּ! — מאַכט צו איהם דער יונגערמאַן מיט'ן
פלאַמענדיגען פנים און מיט די צעבורשעטע האָר. — לאָז מיך אָפּ,
איך ברען ווי אַ שטרויענער דאַך! אפשר געפינט זיך ביי דיר,

האַלט זיי צו מיט דער האַנד, די איבעריגע דאַמען זאָלען ניט דער־זעהען וועמען זי האָט אָפּגעוואָרפען. און מחמת עס טרעפט זיך אַ מאָל מיט זיי אויך אַזאַ איין אומגליק, קוקען זיי זיך איבער איינע מיט דער אַנדערער מיט אַ האַלב שמייכעלע. יענע דאַמע, וואָס פונ'ם קעניג, פערשטעהט גאַנץ גוט, וואָס דאָס שמייכעלע בעטייט, נאָר זי מאַכט זיך תמ'וואַטע, האַלט די האַנד אויפ'ן אָפּגעוואָרפע־נעם קעניג און שפּיעלט מיט די בריליאַנטענע פינגערלעך. ווי אויפ'ן פּאָרטעפּיאַן, און זינגט־צו צום טאַקט, מע זאָל טאַקי אין איין וועגס מיינען, אַז „מוזיק" איז ביי איהר דאָס חיות.

— וואָס געהט איהר אום לעדיג? פאַר וואָס שפּיעלט איהר ניט? — רופט זיך אָן די דאַמע וואָס פונ'ם קעניג צו יאָנטעוו־זאָהנען, בכדי די איבעריגע דאַמען זאָלען אויפהערען איבערקוקען זיך.

— מיר זענען פאַרנומען מיט זעהר אַ וואַזשנעם ענין! — זאָגט צו איהר יאָנטעוואָהן. — מיר האָבען גענומען אויף זיך אַ שווער שטיקעל אַרבייט, איך און אָט דער יונגערמאַן — מיר האָבען גע־האַלטען אַ וועטע וועגען חנוכה; איך זאָג אַזוי, זיי זאָגען אַזוי; האָבען מיר זיך מיישב געווען, מיר זאָלען פרעגען איט־ליכען באַזונדער. אפשר קאָנט איהר, מאַדאַם, אונז פּותר חלום זיין און זאָגען, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכס חנוכה?

— חנוכה? — צעלאַכט זיך די דאַמע פונ'ם קעניג, צעמישט דערווייל די אָנגעוואָרפענע קאָרטען און טאַקי אין איין וועג בע־ווייזט זי די צייהן, מע זאָל זעהען, אַז ס'איז אייגענע, נישט קיין אַריינגעשטעלטע. — חאַ־חאַ־חאַ! ביי די דאַמען ווילען זיי גע־וואָהרע ווערען וואָס איז ח־ח־ח־חנוכה!

— שאַט, שאַט, וואָס לאַכט איהר אַזוי! — רופט זיך אָפּ צו איהר אַ הויכע דאַמע מיט אַ מאַנסבילש פנים. — זאָגט, אַז איהר ווייסט נישט — און איין עק! וואָס דאַרף מען דאָ לאַכען?

דער קאוואַליער מיט'ן פערדישען פּנים און מיט'ן ווייסען שרונט טיילט־אויס קאָרטען, און בכדי ער זאָל חלילה קיין טעות ניט האָ־בען און עס זאָל אויסקומען פּונקט זיעבען, צעהלט ער: זונטאג, מאָנטאָג, דיענסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת. און וויעדער אַ מאָל — זונטאָג, מאָנטאָג, דיענסטאָג, מיטוואָך און אַזוי כסדר. דאָס ערשטע מאָל, אַז ס'איז געווען איינס, האָבען די דאַמען שטאַרק געלאַכט פון דער חכמה; אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך זיי צוגעגעסען (קרעפּלעך עסען ווערד אויך נמאס!) און געשלאָגען צו דער גאַל, זענען זיי געזעסען, ווי די טאָקען, און געגעהניצט, כלומרשט קיין קאַפּ נישט פעראינטערעסירט אין דער שפּיעל, ווי איינער רעדט: „מע גיט קאָרטען, באַדאַרף מען נעמען, וואָס זאָל מען טהון?“... נאָר איטליכס מאָל, ווען מע דעקט אויף טרומף, ווערד מען עטוואָס לעבעדיגער. אַלע דאַמען נעמען זיך פּאַוואָלינקע צו זייערע קאָרטען, געבען אַכטונג, די אַנדערע זאָל ניט זעהען, און אַליין האַפּט מען אַ קוק צו יענער און אַ פרעג: „הא? וואָס איז טרומף? וויפיעל איז דער רעמיז? ווער איז ערשט?“ די דאָזיגע דריי שאלות מוז איבערפרעגען איטליכע דאַמע בעזונדער, און זייערע אויגען הויבען אָן ביסלעכווייז לייכטען, זייערע פּנים'ער שיינען, און דער איינציגער קאַוואַליער מיט'ן פערדישען פּנים און מיט'ן שרונט מוז זיי אונטערטרייבען אַלעמען: „נו, מאַדאַם, וואָס שווייגט איהר? איהר געהט, צי איהר שטעהט?“ — אַלע מאָל די אייגענע חכמה. איינע, אַ גראָבליכע, איין אויסגעפּוצטע דאַמע מיט אַ קליין נעזעל, מיט באַבקעוואַטע הענד מיט שוואַרצע נעגעל, נאָר מיט בריליאַנטענע רינגען אויף אַלע פינגער, האַלט די קאָרטען פעסט צום קאָרסעט און טראַכט: „זי האָט נעבאַך איין־און־איינ־ציגען קעניג טרומף. וואָס טהוט מען? אָפּוואַרפען — איז איין עבירה; שפּיעלען — האָט זי מורא: טאָמער שלאָגט מען איהר קעניג מיט'ן אַס, איז זי דאָך אין רעמיז!“... הקיצור, זי ישוב'ט זיך אַזוי לאַנג, ביז זי זאָגט „פּאַס“ און לעגט אַוועק די קאָרטען.

האָבען געזאָגט אַזוי; בכן, איז ביי אונז געבליבען דער הסכם, מיר זאָלען איהם בעטען, ער זאָל אונז פּותר חלום זיין און קלאָר מאַכען, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכס חנוכה?

— חנוכה? — רופט זיך אָן צו אונז דער צווייעגדיגער איד מיט אַ פריילעך געלעכטערל. — איך האָב מורא צו זאָגען, נאר מיר שיינט, אַז איהר האָט שוין ביידע לאַנג נישט געדאַווענט.

— פון וואַנען איז געדרונגען? — פרעגען מיר איהם?

— ס'איז געדרונגען — זאָגט ער — דערפון, אַז ווען איהר זאָלט, אַשטייגער, האָבען אַ טבע דאַווענען אַלע טאָג אין דער פריה און אויף דער נאַכט, וואָלט איהר דאָך געזאָגט „על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל המלחמות"; און אַז איהר זאָלט זאָגען אַלע טאָג, אין דער פריה און אויף דער נאַכט, „על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל המלחמות", וואָלט איהר געוואוסט וואָס איז חנוכה... אין „זעכס און זעכציג" שפּיעלט איהר? ווועלען מיר מאַכען אין דרייען אַ „פינפהונדערט איינס".

— אַז סאַ'יז יאָ אַזוי, — מאַכט צו איהם יאָנטעוואָהן און קוועטשט איהם צו צו דער וואַנד — דערצעהלט זשע אונז וואָס שטעהט דאָרטען ביי אייך אינ'ם „על הנסים" געשריבען? מחמת איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב שוין פאַרגעסען אפילו ווי אַזוי מע דאַווענט.

— אַזוי? — זאָגט דער צווייעגדיגער איד אַלץ מיט אַ געלעכ־טער און בעווייזט אויפ'ן קאָפּ. — נישט דאָ דער אָרט דערויף. דאָ איז פאַרהאַן אַנדערע ארבייט. ס'איז דאָך היינט חנוכה, און חנוכה, זאָלט איהר וויסען, איז אַ מצוה צו שפּיעלען אין קאָרטען... הקיצור, לאָם איך וויסען, מיר מאַכען אַ „זעכס און זעכציג" אין דרייען, צי נייז? גיכער, ד'י נאַכט שטעהט ניט.

— איהר זענט, אפּנים, נישט צופריעדען מיט'ן רעמיז? — ענטפערט איהר אָפּ די דאַמע פונ'ם קעניג מיט אַ שטאָך און הערט נישט אויף צו לאַכען און בעווייזען די ציינער.

— ווען איך וואַרף אָפּ דעם קעניג טרומף, ווי אַנדערע, — מאַכט יענע וואָס מיט'ן מאַנסבילשען פּנים, — וואָלט איך אפשר אויך ניט געשטעלט קיין רעמיז.

— הכלל, — מישט זיך אריין יאָנטעוואָהן — ווייסט קיינער ניט וואָס איז חנוכה?

— אַודאי איז חנוכה אַ גוטע זאַך, אַז גאָט העלפט, מע האָט דך־הכל איין צעהנטעל טרומף און מע שפּרינגט ארויס גליקליך, אָהן אַ רעמיז, און מע חאַפּט נאָך אַ רובעל מיט צוואַנציג!

אזוי רופט זיך אָן נאָך אַ דאַמע מיט גאָלד־פאַרביגע האָר און מיט אַ סך בריליאַנטענע פינגערלעך, און שאַרט צעגויף דאָס געווינס און דעקט דאָס איבער מיט אַ ווייס געשטיקט טיכעלע, ווי מע דעקט איבער די חלה אויף אַ מוציא, מע זאָל איהר, אפּנים, נישט געבען קיין גוט אויג...

— עס ווייזט אויס, אַז מע באַדאַרף געהן ווייטער. — מאַכט צו מיר יאָנטעוואָהן און זוכט מיט די אויגען. — שאַ, אָן געהט אַ אידעל! איך קען איהם, ער איז דער מאַראַם לאָקשענטאָפּאָוו אַ קרוב. אויב ד ע ר איד וועט אונז ניט זאָגען וואָס איז חנוכה, מעגט איהר זיך שוין געזעגענען מיט'ן פינפאונצוואַנציגער.

דער איד, וואָס יאָנטעוואָהן האָט אויף איהם אָנגעוויזען, קאָן מען זאָגען, איז אַ צווייענדיגער איד, דאָס הייסט, אַ איד פון צ ו ו י י וועלטען, אַביסעל פון דער אַלטער וועלט און אַביסעל פון דער היינטיגער וועלט. דאַכט זיך, אַ לאַנגע קאַפּאָטע — נאָר אַ ווייסע מאַנישקע; דאַכט זיך, פּאות — נאָר אָהן אַ היטעל; דאַכט זיך, אַ גרויסע באָרד — נאָר אַ קיילעכיגע. מיר געהען־צו צו איהם און דערצעהלען איהם די גאַנצע מעשה, ווי אזוי מיר האָבען געהאַלטען אַ וועטע מכח חנוכה, איך האָב געזאָגט אַ ז ו י און זיי

זאָלען פרעגען איטליכען באזונדער. אפשר וואָלט געווען א סברה, איהר זאָלט זיין אזוי גוט און פותר חלום זיין אונז, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז דאָס אַזעלכס חנוכה?...

דער סטודענט קוקט אויפ'ן מאַמזעלכען, דאָס מאַמזעלכען — אויפ'ן סטודענט, אוןביידע שמייכלען. נאָכדעם מאַכט דער סטודענט צו יאַנטעוווזאָהנען אויף רוסיש:

— פּראַווא ניע זנאַיו, יאַ ניע זדיעשני, יאַ אָדעסיט *.

— איזווינעיטיע. מי ניע זנאַלי, טשטאָ ווי אָדעסיט... ** — זאָגט צו איהם יאַנטעוווזאָהן, טהוט זיך אַ בויג צו איהם און רופט זיך אָן צו מיר: — אָן זיצט מיינער אַ באַקאַנטער, אַ אידישער לעהרער, וואָס גיט שטונדען. ער איז אַ היגער, ניט קיין „אדעסיט“, ער וועט אונז שוין געוויס זאָגען וואָס איז חנוכה...

מיר געהען צום אידישען לעהרער. אַ יונגערמאַן מיט ברילען. האַלט פערלעגט אַ פוס איבער אַ פוס און רויכערט אַ פּאַפּיראָס. יאַנטעוווזאָהן שטעלט מיך פאָר און דערצעהלט איהם די מעשה, ווי אַזוי מיר זענען געגאַנגען אין געוועט איבער „חנוכה“: איך האָב געזאָגט אַ ז ו י, ער האָט געזאָגט אַ ז ו י; בכן איז געבליבען, מיר זאָלען פרעגען דאָ ביי איטליכען באַזונדער. האָבען מיר שוין איבערגעפרעגט כמעט אַלע געסט, ווייסט קיינער נישט וואָס צו זאָגען. בכן, בעטען מיר איהם, הייסט דאָס, ער זאָל זיין אַזוי פריינדליך אונז פותר חלום זיין און זאָגען, אויב ס'איז מעגליך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכס חנוכה?

— חנוכה? — מאַכט דער לעהרער מיט אַ ניגון, חאַפּט זיך

---

* כלעבען, איך ווייס נישט, איך בין נישט קיין היגער, איך בין איין אדעסער. — ** האָט קיין פאַראיבעל ניט, מיר האָבען ניט געוואוסט אַז איהר זענט אַיין אַדעסער.

מיר דערזעהען פון ווייטען שטעהט א רעדעל פון יונגעלייט, אינטעליגענטען, פערטיעפט אין א שמועס וועגען „ליטעראטור". לאזען מיר איבער דעם צווייענדיגען אידען, געהען־צו צום רעדעל און פרובען זיך מאכען א רעד מכח „חנוכה".

— חנוכה? מיר זענען נישט קיין ציוניסטען... — רופט זיך אן איינער פון זיי, א יונגערמאן מיט קונציג פערדרעהטע וואנסים און מיט א לאנגען נאגעל אויפ׳ן מינדסטען פינגער, און דער איבעריגער עולם צעלאכט זיך פון דעם וויץ. מיר טרעטען־אפ פון דער דאזיגער פריילִיכער קאמפאניע און דערזעהען א סטודענט מיט א בלויע; קאלנער און מיט גילדענע קנעפ שטעהט און רעדט מיט א מאמזעלכען מיט רויטע הענד. דער סטודענט מיט׳ן בלויען קאלנער און מיט די גילדענע קנעפ דרעהט די וואנסים, וואס וועלען אמאל זיין, און דאס מאמזעלכען מיט די רויטע הענד קוקט אויף דער סטעלי און דרעהט זיך אויפ׳ן קארעק.

— איך וויים שוין, — מאכט צו מיר יאנטעוואזאהן שטילערהייד. — דאס מאמזעלכע איז טאקי אונזער פלאטאן פאנטאלאנאוויטשעס טעכטערעל, און דער יונגערמאן איז א סטודענטעל, נישט קיין באקאנטער. ווייזט אויס, אז ער שכנ׳ט זיך צו איהר, דאס הייסט, צו די פופציג טויזענד, וואס מע גיט איהר נדן... כדאי פון דעסטוועגען צו הערען, פון וואס רעדט דאס דאזיגע פארעל.

מיר געהען צו אביסעל נעהענטער און האפען איינציגע ווערטער: „גיישע... באלעט... אפערעטקע... סלאווסקאיא שפיעלט גוט... טאמארינע שפיעלט בעסער"...

— פארדאן! — רופט זיך אן יאנטעוואזאהן צום סטודענט, — איך מוז אייך איבערשלאגען אין מיטען די רעד, חאטש איך האב נים די עהרע צו זיין מיט אייך באקאנט. דא איז אזא געשיכטע: איך און אט דער יונגערמאן האבען געהאלטען א וועטע מכח חנוכה; איך זאג א ז ו י, זיי זאגען א ז ו י. בכן איז געבליבען, מיר

גרישקאַ געהט־צו צו יאַנטעוווזאָהנען, ווי צו אַ גוטען בעקאַנ־טען, און הויבט אויף צו איהם די שוואַרצע ברענענדיגע אויגלעך.

— זאָג נאַר, גרישקאַ, נשמה מיינע, אידיש לערענסט דו?

— אַ קאַק זשע? — מאַכט גרישקאַ. — אלף, בית, גימל, ריש...

— בראַוואָ! מאַלאַדיעץ! — מאַכט צו איהם יאַנטעוווזאָהן מיט אַ קניפּ אין בעקעל. — זאָג נאַר, גרישקאַ, דו ווייסט, אַז ס'איז פאַרהאַן אַזאַ יום־טוב, וואָס מע רופט דאָס „חנוכה"?

— אַ קאַק זשע? — מאַכט גרישקאַ.

— זאָגט זשע מיר, מיין טהייערער, וואָס איז דאָס חנוכה?

— חנוכה? — מאַכט גרישקאַ און זיינע שוואַרצע ברענענדיגע אויגלעך לויפען אַרום הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ווי די מייז־לעך. — חנוכה? חנוכה? סייטשאַס!... דער פּאַפּאַשאַ... די מאַמאַשאַ... דער פּאַפּאַשאַ עסט... ווי אַזוי הייסט דאָס?... מצה מיט שלחמנות... און די מאַמאַשאַ דרעהט אַ ווייסע הוהן אָט אַזוי... אי קושאַיוט יעווריייסקי קרעפּליעקי... *

גרישקאַ בעוויזט מיט די הענטלעך אויפ'ן קאָפּ, ווי אַזוי די מאַמע זיינע שלאָגט כפּרות, און בעלעקט זיך פון די אידישע קרעפּ־לעך.

און אויף מיין יאַנטעוווזאָהנען פאַלט אָן פּלוצים אַזאַ געלעכטער, אַז איך מיין — אָט בעקומט ער דעם שלאַג. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין זאַל איז ליכטיג און וואַרעם. די לאָמפּען מיט די ליוסטרעס ברענען. די ווייסע קיילעכיגע גלאַנצענדיגע ליסינעס פון די שפּיע־לערס שפּיעגלען זיך אָפּ אין די הויכע גלאַנצענדיגע שפּיעגלען. עס הערט זיך אַ הו־האַ, אַ גערעדעריי פון אַ סך מיילער; נאָר מעהר פון אַלץ לאָזט זיך הערען דאָס וואָרט „פּאַס!" איך שטעה, ווי אַ

* און מע עסט אידישע קרעפּלעך.

אויף און צעלאַכט זיך. — אַט דאָ ווילט איהר געוואָהרע ווערען, וואָס איז חנוכה? געטראָפּען דעם אָרט, ווי איהר זעהט מיך לעבען! איהר פרעגט זיי בעסער, וואָס הייסט „ווינט“, „בעזיק“, „פּרעפּע־ראַנס“, „אָקאָ“, „באַנטשאָק“, „סטוקעלקע““ „טערטעל־מערטעל“. „זעכס און זעכציג“, „עקאַרטע“, „שמען־דע־פער“, „מאַקאָאָ“, „טראַנ־טעקאַראַנט“...

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, — שלאָגט איהם איבער יאָנ־טעוואָהן אין מיטען — דאָס ווייסען מיר אליין. איהר זאָגט אונז בעסער, וואָס איז חנוכה?

— „חנוכה“ ווילט איהר ביי זיי וויסען? — זאָגט ווייטער דער לעהרער. — איהר פרעגט זיי בעסער וואָס הייסט אַ חזיר'על געּ־פּרעגעלט אין פּוטער, אַ „יאָלקע“ אויף יום־טוב, אַ „פּאַסקע“ אויף פּסח? איהר פרעגט זיי בעסער, וואָס הייסט „וואָלסלואיקענז“, „מיניאָן“, „שאַקאָן“, „פּאַדעקאַטר“, „פּאַדעספּאַן“, „פּאַדעפּאַטי־נע“? איהר פרעגט זיי בעסער, וואָס הייסט „פלירט“, אָדער אַ פּאַרבייטעניש, אַ פּאַרדרעהעניש, אַ פּאַרפּלאָנטעניש מיט די ווייּ־בער, מיין ווייב דיין ווייב...

— האָט קיין פאַראיבעל ניט — האקט איהם איבער יאָנטעוו־זאָהן נאָך אַ מאָל. נאָר אונזער פּאַרשוין האָט זיך צעלאָזט, ווי אַ וואַסער, צעגאָסען, ווי אַ פּאָנטאַן; ס'איז אונמעגליך געווען אָפּצו־שטעלען דאָס וואַסער; ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו פערשטע־קען דעם דאָזיגען פּאָנטאַן...

— גרישקאָ! גרישקאָ! — צעשרייט זיך יאָנטעוואָהן און שטעלט אָפּ אַ ספּריטנע יונגעלע פון אַ יאָהר נייען אָדער צעהן, מיט ברענענדיגע שווארצע אויגלעך, וואָס לויפט פערביי אונז. — גרישקאָ! גרישקאָ! קום נאָר אַהער, נשמה מיינע, איך וויל דיך עפּיס פרעגען.

פורים

געשריבען אין יאָהר 1900

נאַר, אין מיטען זאַל, און מיין נייער בעקאַנטער, פּאַנפּאַראָן פּאַראַ־אָנאָוויטש יאָנטעווזאָהן, קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. דאָס לאַכט ער פון מיר, וואָס איך האָב אָנגעוואָרען די וועטע.

* * *

אָט אַזוי פערשפּיעלט מען אַ פינפאונצוואַנציגער!

תנוכה, ותרס"ב. קיעוו.

פורים

...וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך
היהודים.
און די דאָזיגע טעג פון פורים זאָלן
קיינמאָל ניט בטל ווערען פון אידען.
(מגלת אסתר, ט׳, כ״ח).

„פורים זענען אַלע שכורים ניכטער״. דאָס דאָזיגע ווערטעל איז געזאָגט געוואָרען אויך אויף מיר, אידישער פעליעטאָניסט. א גאַנץ יאָהר בין איך פרעהליך, איך קיצעל דעם עולם מיט מיינע פעליעטאָנען, דער עולם לאַכט און איך אויך בתוכם; נאָר היינט, אים פורים, בין איך דוקא אומעטיג, דוקא נישט אויפגעלעגט אויף צו לאַכען.

וואָס איז די מעשה?

איך האָב מיך דערמאַנט אָן דעם פורים פון אמאָליגע יאָהרען. איך האָב מיך דערמאַנט אָן אונזערע אַלטע אידישע מנהגים, וואָס געהען־אונטער ביסלעכווייז ביי אידען און ווערען בטל. דאָס הייסט, נישט דער יום־טוב געהט־אונטער; „פורים זאָל קיין מאָל נישט בטל ווערען“ — אזוי׳ שטעהט ביי אונז געשריבען אין דער מגילה; נאָר יענע אַלטע אידישע מנהגים, איבערהויפט ביי אונז אין יעהופּעץ און אין אַלע גרויסע שטעדט, געהען־אונטער ביסלעכווייז און ווערען בטל. איך האָב מיך דער־

ברוך“, פונקט אזוי ווי אין שלחן־ערוך שטעהט געשריבען: „ס׳איז א מצוה, מע זאָל פורים אזוי לאַנג טרינקען, ביז מע זאָל זיך פער־בייטען מיט די יוצרות“... איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער שענער שפּיעל פון די „פורים־שפּיעלער“ און אָן יענעם שענעם מנהג, וואָס ווערד אָנגערופען „משלוח־מנות“ און „מתנות לאביונים“. איך האָב מיך דערמאַנט אָן די דאָזיגע אַלע שענע מנהגים — און פרעג זיך אַליין: וואו זענען זיי אַהינגעקומען? פאַר וואָס זעהט מען ניט, פאַר וואָס הערט מען ניט פון זיי ביי אונז אין יעהופּעץ און אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט? נישטאָ, מיר האָבען זיי פ ע ר ז י נ ־ ד י ג ט! פערזינדיגט דעם גרייגער, פערזינדיגט דעם המן־טאַש מיט מאָהן, פערזינדיגט די סעודה מיט׳ן פורים־קוילעטש מיט׳ן שלח־מנות! פונ׳ם פורים איז ביי אונז פערבליבען אַ זכר נאָר אין די ווערטער: „עס וועט געדויערען פון אסתר־תענית ביז פורים“, אָדער: „פורים נאָכ׳ן קאַלטען קוגעל“; פונ׳ם גרייגער איז פער־בליבען ביי אונז אַ זכר: „איך הער דיך, ווי המן דעם גרייגער“; פונ׳ם פורים־קוילעטש: „ער וואַכסט אין דער ברייט, ווי אַ פורים־קוילטעש“, וכדומה אַזעלכע פאָלקס־ווערטער. דער המן־טאַש מיט מאָהן האָט שוין נישט מעהר ביי אונז יענעם אידישען טעם. פאַר־האַן ביי אונז אין יעהופּעץ אַנדערע מאכלים: כל מיני פּאַשטעטען מיט קנאָבעל, בעפשטעקס אַ־לאַ־אַנגלעז, געפּרעגעלט אין גענזענ־שמאַלץ, ראַקעס געפילט מיט מצה־מעהל, פּודדינג אַ־לאַ־לאָקשענ־קוגעל מיט מאַראָזשענע, און נאָך אַ סך אַזעלכע „אידישע“ מאכלים... „סעודות“ זענען מיר, ברוך השם, אויך ניט זשעדנע אַ גאַנץ יאָהר אין יעהופּעץ; אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג האָבען מיר „זשור־פיקסען“, און אָנשטאָט „אָרור המן“ און „ברוך מרדכי“ זאָגען מיר: „סיעם פּיק, פּאַס, וואָסיעם טרעף, שלעם בעז קאָזעריי, פּאַס, פּאַס“... און אַז עס פערגלוסט זיך אונז זעהען „פורים־שפּיעל“, געהען מיר זיך דורך אין „אַרקאַדיע“, אין „סטרעלנע“, אין „טיוואָלי“, אין „אַלקאַזאַר“, אָדער אין אַנדערע כדומה אַזעלכע מקומות... אדיגר

מאַנט אין דעם גריייגער, מיט וועלכען מיר, הדר־יונגלעך, פלעגען זיך נוקם זיין אין המן׳ען. אַלע יאָהר, אַלע יאָהר פלעגט אונז דער דאָזיגער אַנטיסעמיט, המן בן המדתא, דעקוטשען מיט זיינע המן׳ס־מסירות פאַר׳ן קעניג אחשורוש, און מיר, הדר־יונגלעך, פלעגען זיך דערפאַר גוט רעכענען מיט איהם אין שוהל, ביי דער מגילה, מיט׳ן גריייגער... מיר וועלען איהם אייביג נישט פערגעסען, ער וועט אונז אָבער אויך האָבען צו געדענקען! איך האָב מיך דער־מאַנט אָן דעם המן־טאַש מיט מאָהן, וואָס האָט געהאַט דעם טעם גן־עדן. איהר ווילט וויסען, וואָס הייסט טעם־גן־עדן? פאַרזוכט אַ פרישען אידישען המן־טאַש מיט מאָהן; נאָר זייט מוחל פריהער אָפּפאַסטען אַ גאַנצען טאָג „אסתר תענית“, און נאָכדעם זייט זיך מטריח אין שוהל אריין אויסהערען אַ גאַנצע מגילה, לאָז מען אייך אָנגריייגערען אַ פולען קאָפּ, און אַליין זאָלט איהר זיך אויך ניט פוילען צו טופען מיט די פיס, העלפען שלאָגען המנ׳ען. און נאָכ־דעם, אַז איהר וועט קומען אַהיים איין אויסגעהונגערטער, איין אָנ־געלייענטער און אַ פערגריייגערטער, און מע וועט אייך מכבד זיין מיט אַ פרישען דרייעקעכיגען המן־טאַש מיט מאָהן, וועט איהר פערשטעהן, וואָס הייסט טעם־גן־עדן... איך האָב מיך דערמאַנט אָן דעם שענעם, גרויסען, הויכען, געפלאָכטענעם, מיט זאַפראַן פער־געלטען און מיט ראָזינקעס ארומגעשטעקטען „פורים־קוילעטש“. איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער פורים׳דיגער סעודה מיט׳ן „שושנת־יעקב“, וואָס מיין פעטער פיני פלעגט זינגען און וואַרפען בשעת מעשה מיט דער שענער באָרד, און איצעל דעם פעטער פיני׳ס האָט איהם אונטערגעהאָלפען אויף אַ דין קול׳כעל, און אַז ס׳איז געקומען צו „אָרור המן“ און „ברוך מרדכי“, האָבען מיר אַלע אונטערגעהאַפּט און איבערגע׳חזר׳ט אַ מאָל עטליכע און צוואַנציג, זיך גאָרנישט געקאָנט צעשיידען דערמיט. אַזוי לאַנג גערדרעהט „אָרור המן“ און „ברוך מרדכי“, ביז ס׳איז אויסגעקומען: „אָרור ברוך, מרדכי המן“, „מרדכי אָרור, המן ברוך“, „המן מרדכי, אָרור

דערפאַר וואָס די קעניגין ושתי האָט מיין באַפויל ניט
געוואָלט אָננעמון,
פאַר אַלע מיינע לייט נאַקעט אַרוים טרעטון,
זאָל מען איהר מיט דיזען שווערט דעם קאָפּ אַראָפּנעמון
און מיין געליעבטע אסתר פאַר קעניגין קריינון...

בשעת מעשה טהוט דער קעניג אַ מאַך מיט דער שווערט און אַ וואונק אויף מרדכי׳ן, און עס געהט צו מרדכי (לוי דער קאַרנאָסער שוסטער), אָנגעטהאָן אין איין איבערגעקעהרטער קאַפּאָטע אויף דער לינקער זייט און מיט אַ באָרד פון קלאָטשע; ער טהוט דריי שפּאַן, שטעלט זיך אַוועק און גיט אָפּ כבוד דעם קעניג אחשורוש, ווי עס געהער צו זיין, און זינגט אויס אויף זיין קאַרנאָסע ציקעלדיג-וויינענדיגער שטימע:

אריין, אריין, אריין,
ברודער מלכה דו מיין!

און עס בעוויזט זיך ושתי המלכה (מאָטעל דער סטאָליר), אָנגעטהאָן אין אַ קליידעל פון אויבען אויף דער קאַפּאָטע, און די פּאָלעס זעהען זיך אַרוים, נאָר בכדי מע זאָל חלילה נישט דערקענען, אַז די מלכה ושתי איז אַ מאַנסביל, און אַלע זאָלען טאַקי מיינען, אַז ס׳איז אַ נקבה, האָט ער אונטערגעבונדען דאָס בערדעל מיט אַ ווייסער פּעטשיילע (וואָנצים מאַכט נישט אויס). די מלכה ושתי טהוט אַ פאַל אויף דער ערד, און עס שטעקען אַרויס אַ פּאָר גרויסע צעריסענע שטיוועל. זי הויבט אויףביידע הענד צום קעניג אחשורוש און זי טהוט פאַר איהם קניהען און בעטען: „ער זאָל אויף איהר שענקון טהון טהין קוקון, ער זאָל זיך דערבאַרעמון אויף איהרע יונגע יאָהרון און זי פון דער וועלט נישט אומברענגון“. און בײַ דער זייט שטעהט המן הרשע (יאָסקע דער בעהעלפער) מיט אַ שאַרבען אויפ׳ן קאָפּ, און בשעת ושתי ליגט אויף דער ערד און וויינט פאַר׳ן קעניג אחשורוש, נעמט המן און ווייזט מאָנדרישען אַ קולאַק, און מאָנדריש שטעלט איהם אַרויס אַ צונג, און צווישען

מיר געהען גאָר אין אידישען טהעאַטער, פון יענע אידישע „אַקטיועיוויערען", וואָס פאָהרען אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט און שטעלען די אידישע אָפּערעס: „קאַלדוני", „שולמית", „בר כוכבא"... אַלע מאָל, ווען איך קום אויף די דאָזיגע אידישע „אַקטיעיוויערען", שטעלט זיך מיר פאַר יענע שענע שפּיעל פון אונזערע „פּורים־שפּיעלער", וואָס איך האָב געזעהען אין מיין געבורטשטאָדט, אין כתריל עווקע, בשעת איך בין נאָך געווען אַ חדר־יונגעל.

די בלאָטע איז גרויס, און פון אויבען שיט אַ שנייעלע; דאָס שנייעלע לאָזט, און די בלאָטע ווערד נאָך גרעסער. „זיי" געהען אָנגעוואָפּענט מיט כלי זיין פון שטוב צו שטוב און קנעטען מיט די שטיוועל די גרויסע, טיעפע, זומפּיגע בלאָטע, און אַ גאַנצע טיטשקע יונגלעך לויפען נאָך נאָך „זיי"; די יונגלעך פאַלען אין דער בלאָטע, שטעהען אויף און לויפען ווייטער, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ געשריי: „אחשורוש! ושתי! מאָנדריש!" אָט־אָט זענען „זיי" שוין ביי אונזער שטוב. אָט־אָט עפענט זיך די טהיר — „זיי" זענען דאָ.

— גוט־יום־טוב אייך! — שיסען „זיי" אויס אַלע מיט אַ מאָל ווי פון צעהן ביקסען, שטעלען זיך אויס, ווי די סאָלדאַטען, און די „שפּיעל" הויבט זיך אָן.

פריהער פון אַלע טרעט־אַרויס דער קעניג אחשורוש (קאָפּעל דער שניידער) מיט אַ געלען פּאַפּיערענעם ספּאָדיק אויפ'ן קאָפּ, האָפּט אַרויס אַ הילצערנע שווערד פון אונטער דער פּאָלע, עפענט אַ מויל און הויבט אָן מיט אַ משונה־מאָדנע ניגון, אויף אַ משונה־מאָדנע שפּראַך, וואָס מע רופט דאָס דייטש:

דו, המן בן המדתא צורר היהודים,
און דו, מאָנדריש, און איהר אַלע מיניסטאָרען מיינע,
איהר זאָלט אַלע טהון טהין הערון,
וואָס איך קעניג אחשורוש וועל אייך טהון טהין שפּרעכון,

צוויי און וועמען נאָך מעהר פון צוויי... נאָר אָט עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין א מיידעל מיט שטאַרק רויטע האָר און מיט א סך קלייען אויפ'ן פנים — דאָס איז מיין רבינ'ס א מיידעל; זי געהט אַרום פון איין בעל־הבית צום אנדערען און נעמט צענויף די שלח־מנות'ען פאר'ן רבי'ן. זי טראָגט אין האַנד א שעלעכעל, איבערגעדעקט מיט א טישטוכעל. אינ'ם שעלעכעל שטעקט א ראָזינקע, און אויף דער ראָזינקע ליגט אַ זילבערנע מטבע. די מאַמע דעקט אויף דאָס טישטוכעל און לעגט־צו צו יענער מטבע נאָך א מטבע, און אויך דעם מיידעל רוקט זי אַריין עפּיס אין האַנד אריין. דאָס רויטע מיידעל ווערד נאָך רויטער און ווינשעוועט, ווי איין אַלטע: „דערלעבט איבער א יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער“... נאָך דעם רויטען מיידעל קומט אריין א געשוואָלען בחור'על מיט איין אויפגעטראָגענער באַק, אונטערגעבונדען מיט א בלויער פּעטשיילע, איין אויג א קליינס, דאָס אַנדערע אַביסעל גרעסער; אין האַנד האַלט ער א מעשען טעצעל, אויף דעם טעצעל ליגט א פלעדעל, אויפ'ן פלעדעל איז אויסגעצוויקעלט א פּישעלע, דאָס פּישעלע איז אָנגעפילט מיט האָניגבּארפעל, און ביי דער זייט ליגען עטליכע זילבערנע מטבעות און א פּאָר קערבלעך פּאַפּיערענע. דאָס געשוואָלענע בחור'על געהט־צו גלייך צו דער מאַמע און שיסט אויס אין איין אָטהעם, ווי אויסגעלערענט אויף אויסווענינג: „א גוט יום־טוב דער רב האָט אייך געשיקט שלח־מנות און דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער“... דאָס געשוואָלענע בחור'על נעמט אָפּ זיין רה"ש און געהט אוועק אָהן א זייט־געזונד, וואָרום די ווינשעוואַניע האָט ער על־פּי טעות אויסגעהאַפּט פריהער. און עס קומען אָן אַלע מאָל נייע פּארשוינען מיט נייע שלח־מנות'ען: פונ'ם דיין, פונ'ם חזן, פון די שוחטים, פונ'ם סופר, פונ'ם תלמוד־תורה־מלמד, פונ'ם בעל־תוקע, פונ'ם בעל־מגיה, פונ'ם מנקר, פונ'ם וואסער־פיהרער, פונ'ם בעדער (אויך כלי־קודש!). און נאָך די דאָזיגע אַלע קומט צו געהן װעלוועל דער

חברה ווערד דערוויל אַ געלעכטער. ער ווייסט נישט, דער רשע־מרושע, אַז אַט באַלד האָט ער די מפּלה, אַט באַלד וועט דער קעניג אחשורוש אַרויסגעבען אַ בעפעהל: „מע זאָל דעם מערדער, דעם גזלן, דעם רוצח אויף אַ הויכען בוים אויפהענגען, און מאַנדרישען דעם אידען זאָל מען פאַר שני למלך טהון מאכון". אַך, ווי זיס איז די נקמה! ווי גרויס בין איך ביי זיך אין די אויגען מיט מיין אידי־שען שני למלך! ווי שטאַרק טהוט מיר באַנג, וואָס די שפּיעל ענ־דיגט זיך, און די חברה פּורים־שפּיעלער נעמען צענויף די עטליכע גראָשענס, און איך געזעגען זיך אָפּ מיט זיי אויף אַ גאַנץ יאָהר!

נאָר מעהר פון אַלץ טהוט מיר באַנג דער מנהג פון „משלוח־מנות" און „מתנות לאביונים" — מתנות פאַר די אָרעמע לייט.

האַלב וואָכעדיג, האַלב יום־טוב'דיג, מיט אַ זיידענער פּעטשיילע און מיט אַ פאַרטוך, שטעהט די מאַמע ביים טיש שטאַרק צעטראָ־גען: עפּיס אַ ווערטעלע אויסצורעדען — כמעט אַ מאה שלח־מנות'ען אָפּנעמען און כמעט אַ מאה שלח־מנות'ען אָפּשיקען, קיינעם נישט אָנזעצען, חלילה קיין טעות נישט האָבען, געדענקען וועמען וואָס פאַר אַ שלח־מנות מע בעדאַרף אָפּשיקען. צום ביישפּיעל: אַז יענער שיקט איין פלעדעל, צוויי קישעלעך, איין מאַהינדעל, צוויי שטיקלעך טאָרט, איין האָניג־טייגעל מיט צוויי צוקערלעקאַכ־לעך, — בעדאַרף מען איהם אָפּשיקען, געוויינטליך, צוויי פלעדלעך, איין קישעלע, צוויי מאַהינדלעך, איין שטיקעל טאָרט, צוויי האָניג־טייגלעך מיט דריי צוקערלעקאַכלעך. מע בעדאַרף האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, חלילה נישט אָנמאַכען אַ חתונה, ווי סע האָט זיך אַ מאָל שוין געטראָפען ביי אונז אַזאַ־נ־אומגליק, דאָס הייסט, מע האָט געשיקט איינער אַ נגידית צוריק איהר אייגענעם שלח־מנות, — האָט זיך דאָס געטהאָן, עס איז אַרויס אַ מחלוקת צווישען די מאַ־נען, מיט סקאַנדאַלען, מיט פּעטש, מיט מסירות, מיט רדיפות, ווי געוויינטליך... היינט די מענשען, וואָס ברענגען דעם שלח־מנות, בעדאַרף מען אויך עפּיס שענקען — וועמען אַ קאָפּיקע און וועמען

דער איז אַ טאַטענ'ס אַ קינד... און פאַרהאַן צווישען זיי אַזעלכע, וואָס נעמען צו וויפיעל מע גיט זיי. דאָס זענען טאַקי פּשוט'ע אָרעמע לייט, וואָס געהען נאָך אַ נדבה לכבוד דעם היילינגען יום־טוב:

היינט איז פורים,
מאָרגען איז אויס;
גיט מיר אַ גראָשען,
טרייבט מיך אַרויס...

און די מאַמע האַלט אין איין טיילען: אַ גראָשען אויף צווייען, צוויי גראָשענס אויף דרייען, און איטליכען בעזונדער אַ שטיקעל טאָרט, אַ פלעדעל, אָדער אַ לעקאַכעל — „לאָז איין אָרעמאַן אויך וויסען פון'ם היילינגען יום־טוב פורים"...

יאָ, דער מנהג פון „משלוח־מנות" איז זעהר אַ פיינער מנהג ביי אידען, און דער מנהג פון „מתנות לאביונים" איז נאָך פיינער; נאָר אונזערע היינטיגע קינדער, אונזערע היינטיגע „אַריסטאָקראַ־טען" מיט אונזערע היינטיגע „מאַדאַמען" פון דער גרויסער שטאָדט יעהופּעץ און פון אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט וויסען נישט פון'ם דאָזיגען מנהג. זיי וויסען פון אַנדערע מנהגים: פון „אימעני־נעס" און פון „יאָלקעס", פון טענץ און פון „גוליאַניעס", פון בויגען זיך און דרעהען זיך, נאָר נישט פון „שלח־מנות" און נישט פון „מתנות לאביונים". עס איז, פערשטעהט איהר מיך, איין אַנדער וועלט געוואָרען, דאָס הייסט, די וועלט איז אפילו די אייגענע וועלט, וואָס פריהער! נאָר די מענשען זענען נישט די, וואָס אַמאָל. דאָס הייסט, די מענשען זענען אפילו די אייגענע, וואָס פריהער, נאָר די נעמען זייערע האָבען זיי איבערגעאַנדערשט, צום ביישפּיעל: אַמאָל איז המן געוועזען אַ רשע, דלפון איין אָרעמאַן און ויזתא אַ שוטה; היינט הייסט המן „אַנטיסעמיט" און איז פול די גאַנצע וועלט, „מהודו ועד־כוש"; דלפון איז אַ גביר אין יעהופּעץ, דרעהט געשעפטען און חתמ'עט וועכסלען; און ויזתא איז אַ חכם, שרייבט

שמש אַליין, נעבאך אַ קראַנקער, אַ הייזעריגער, אַ יאַדעשליוועך; ער בלייבט שטעהן אַ ווײַלע ביי דער טהיר, חאַפּט זיך ביי'ם האַר־צען און פערהוסט זיך.

— וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס? — פרעגט איהם די מאַמע, שוין רעכט מִיעד פון דער אַרבייט.

— מע האָט אייך געשיקט שלח־מנות. — מאַכט וועלוועל און בעווייזט אַ לעקאַכעל אין האַנד. — דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער...

— פון וועמען איז? — פרעגט איהם ווידער די מאַמע.

— פון מיר טאַקי אַליין, דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט איי־ער... — מאַכט וועלוועל און פערהוסט זיך. — האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס אַליין... נישטאָ מיט וועמען צו שיקען... געוועזן איין מיידעל, איז זי, ניט דאָ געדאַכט... איהר געדענקט מיין פראַדלען, עליה השלום?...

וועלוועל דער שמש פערהוסט זיך אויף עטליכע מינוט, און די מאַמע טהוט זיך אַ האַפּ צו דער קעשעני, נעמט אַרויס עטליכע מטבעות מיט אַ מאָל און רוקט איהם אַריין אין האַנד אַריין און איז איהם מכבד מיט אַ שטיק טאָרט און מיט אַ פּאָר פלעדלעך. וועלוועל שטופּט דעם טאָרט מיט די פלעדלעך אין בוזעם אַריין, דאַנקט און ווינשעוועט: „דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער", און פערהוסט זיך. איך טהו אַ קוק אויף דער מאַמע און דערזעה אויף איהרע שענע אויגען העננגען טרערען... „וואָס זאָל דאָס בעדייטען?" — טראַכט איך מיר... איך האָב קיין צייט ניט אַרומקוקען זיך — עס קומען אָן נייע פאַרשוי־נען, אַלערליי מינים „מקבלים", שענע אידען מיט גרויע שאַלען און מיט מאָדנע היטלען, קיילעכיגע, אונטען ברייטליך, אויבען שמאָלבליך, ווי לאָקשענטעפּלעך; פאַרהאַן צווישען זיי אַזעלכע, וואָס דינגען זיך, זאָגען, אַז זיי זענען נישט קיין פּראָסטע אָרעמע לייט, וואָס געהען איבער די הייזער; דער איז דעם זיידענס איין איינקעל,

ארבע כוסות

געשריבען אין יאהר 1900

גאַנצע „מאַמרים“ אין די בלעטער, גיט עצות... אַמאָל האָט מרדכי געהייסען „מאָנדריש“ און האָט געשפּיעלט אַ ראָלע פון שני למלך ביי׳ם קעניג אחשורוש; און היינט האָט ער יתרו׳ס נעמען: ער רופט זיך מאַרק און מאַרקוס און מאַקס און מאַקסים און מאַטוויי און מיטראָפאַן סעמיאָנאָוויטש און פּאַנטעלעמאָן אַנדרעיעוויטש — און מע הערט איהם ווי המן דעם גרייגער... אַמאָל, אַז איינער האָט זיך געשטעלט, דאָס הייסט, ער האָט נישט געוואָלט צאָהלען, האָט מען דאָס גערופען פּשוט מיט׳ן נאָמען אָנזעץ; היינט רופט מען דאָס ליקווידאַציאָן; גנבה איז קאָמיסיאָן, הלואה — דיסקאָנט, אַ לאָך — דעפיציט, איין אסיפה איז אַ סאָבראַניע, גבאים זענען טשלענעס, דרשות — רעפעראַטען, אויף אַ שלאַק זאָגט מען קאַפּריז, אויף משוגע — נערוועז, צדקה איז פילאַנטראָפּיע, אַ שדוך — פּאַרטי, אַ מיאוסקייט — סימפּאַטיע, אַ משרת — קאָממי... און נאָך און נאָך אַ סך אַזעלכע נייע נעמען האָבען זיך בעזעצט אין אונזער נייעם ווערטערבוך — — — נאָר אַלכדינג אויף דער וועלט מוז דאָך האָבען אַ סוף, און אַ פעליעטאָן אַודאי.

דערלעבט איבער אַ יאָהר מיט ווען אייך איז ליעב!

ארבע כוסות

— ברוך הבא א איד, א גאַסט, זיצט, זעצט זיך, פאַר וואָס זיצט איהר ניט?

מיט אַזאַ מין ברייטען ברוך־הבא בעגעגענט אונז, דאָס הייסט מיך מיט'ן טאַטען, א טאָג פאַר ערב־פסח, רב יודעל וויינשענקער, א בעסעראַביער געפּאַקט אידעל, מיט רויטע בעקלעך, מיט א בייכעל און מיט א קארק, וואָס נעמט זיך ניט פון אייגענע און ניט פון פרעמדע צרות, נאָר פשוט פון א מאַמעליגע מיט א ראָסעל־פליישעל, פערזופּט מיט א גלעזעל וויין... פון מיין טאַטען האַלט יודעל איין עולם ומלואו נאָר פאַר איין זאַך — דערפאַר וואָס דער טאַטע איז א מבין אויף א גלעזעל וויין. נאָר צוריק שמועסענדיג, וועלכער איד איז ניט קיין מבין אויף א גלעזעל וויין? וויין — דאָס איז דאָך איינע פון די דריי זאַכען, וואָס מיר זענען אין דעם די גרעסטע ספּעציאַליסטען אין דער וועלט: דאָס ערשטע איז נגינה, דאָס הייסט געזאַנג, דאָס צווייטע איז א גלעזעל וויין און דאָס דריטע איז בריליאַנטען. אמאָל, אז איך הויב מיך אָן בערעכענען, פרעג איך זיך אַליין א קשיא: מילא, אויף די ערשטע צוויי זאַכען, נגינה און א גלעזעל וויין, איז קיין חידוש ניט, וואָרום וועלכער איד האָט פיינט הערען זינגען? וועלכער איד האָט ניט געהערט קיין רעכטע בעריהמטע חזנים, וואָס לאָזען זיך הערען אויף דער וועלט, למשל: ירוחם, פּיצי, בעני, בצלאל, ניסי בעל־

בען אַ ליכטיגען גן־עדן. תחילת, אַז די באָבע עליה השלום איז גע־שטאָרבען, האָט מען איהרע אויהערינגלעך געשאַצט ביי אונז אין כתרילעווקע מי יודע וויפיעל; מבינים האָבען זיך זאָט ניט גע־קאָנט אָנשפּיעגלען אין זייער לויטערקייט, זייער וואַסער מיט זייער שפּיעל. עס האָט זיך געפונען איינער אַ מבין, וואָס האָט גאָר געזאָגט, אַז עין לא ראתה, אַז נאָך אַזאַ פּאָר בריליאַנטען געפינען זיך ניט אין ערגיץ, סיידען אפשר ביי דער ענגלישער מלכה. דע־רויף האָט זיך אפילו געפונען נאָך איינער, וואָס האָט איהם אויס־געלאַכט, געזאָגט, אַז ביי דער ענגלישער מלכה איז פאַרהאַן, מאָהלט איך, אַ ביסעל גרעסערע בריליאַנטען; האָט איהם יענער אָבער צוריק זעהר גלייך געענטפערט: „בריליאַנטען איז ניט ניט קיין קיילעטשען, וואָס שאַצען זיך נאָכ'ן גרויס; דער גאַנצער אַנטיק פון אַ בריליאַנט איז דאָס וואַסער, די לויטערקייט און די שפּיעל זיינע, וואָס ער שפּיעלט"... העט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, אַז מיר האָבען געטראָגען די דאָזיגע זעלטענע אויהערינגלעך פערזעצען אָדער פערקויפען, האָבען די בריליאַנטען מיט אַ מאָל פערלוירען אינגאַנצען זייער ווערטה. וואו איז אַהינגעקומען זייער וואַסער, זייער לויטערקייט מיט זייער שפּיעל? די אייגענע מבינים טאַקי האָבען געזאָגט: „וויים איך וואָס, אַ פּאָר צוויעקעס!"... נאָר אַזוי ווי מיט ארבע כוסות געהער זיך דאָס ווינציג־וואָס אָן, בכן קעהרען מיר זיך אום צוריק צו רב יודעל וויינשענקער.

בעקומען פון איהם אַזאַ ברייטען ברוך־הבא, זאָגט איהם דער טאַטע, אַז מיר האָבען קיין צייט ניט, עס איז ערב פּסח, און מיר בעטען איהם, ער זאָל זיך מטריח זיין מיט אונז אין קעלער אריין, אָפּקלויבען וויין אויף ארבע כוסות.

— אָך, מיט'ן גרעסטען כבוד! — מאַכט יודעל און נעמט מיט זיך אַ ליכט מיט אַ פּסח'יג קדוש־גלעזעל, און מיר לאָזען זיך אראָפּ זאַלבעדריט אין קעלער אריין.

— אשטייגער, וואָס פאַר אַ מין סאָרט גלעזעל וויין וואָלט

זער, ברוך קארלינער, בלומענטאל, באכמאן, פיני מינקאָווסקי וכדומה נאָך אַזעלכע וועלט־חזנים? און טאָמער האָט ער ניט גע־הערט, האָבען אַנדערע געהערט. וואָס מאַכט דאָס אויס? — מיר פערשטעהען נגינה מיט'ן שכל... נו, און פון וויין שמועסט מען ניט; וויין טרינקט דאָך יעדער איד, אַפילו דער אָרעמסטער, אַלע יאָהר, פסח צום סדר; ניטאָ קיין וויין, טרינקט ער ראָזינקעס, טרינקט ער מעד, טרינקט ער באָרשט, עפּיס מוז ער דאָך טרינקען צו די „אַרבע כוסות", ס'איז דאָך פסח!... וואָס דאַרפט איהר מעהר, נעמט דעם בעסטען שאַמפּאַניער וויין, אָדער גאָר „נסך", וואָס מיר טאָרען איהם ניט טרינקען און ווייכען ניט אפילו, וואָס פאַר אַ טעם ער האָט, וועלען מיר אייך אויך זאָגען אויף איהם, אויב איהר ווילט, אונזער מבינות על פי סברא... אָדער נעמט דעם ארץ־ישראל־וויין און רעדט מיט אַ אידען, וועט ער זיך גאָר ניט שעמען און וועט אייך זאָגען גאַנץ אָפענטליך: „האַ, וואָס, ארץ־ישראל־וויין? „כרמל"? איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך אליין האָב נאָך דעם כרמל־וויין ניט געטרונקען, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל איך האָב מיר אַלע יאָהר אויף אַרבע כוסות מיין וויין; איך נעם מיר איין אמת'ען בענדערער ווימאָראָזיג און מיש איהם צענויף מיט אַ ביסעל „מתוק", בעקומט ער טעם גן־עדן, עס מעג איהם טרינקען דער מלכות... נאָר ווערליג איך האָב געהאָרכט פון מבינים, וואָס האָבען יאָ פאַרזוכט פונ'ם „כרמל", פאַרשטעה איך על־פי שכל, אַז דער „כרמל" באַדאַרף זיין ניט קיין שלעכט גלעזעל וויין!"... הכלל, מיר פערשטעהען זיך אויף וויין ניט ווינ־ציגער ווי אויף נגינה... נאָר די דריטע זאַך, ברילִיאַנטען — דאָס איז מיר תמיד געווען אַ חידוש, און איך פערשטעה ניט עד היום הזה: פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי אונז דאָס מבינות אויף ברִיליאַנטען? וואו האָבען זיך דאָס אידען אַזוי אָנגעקוקט מיט ברִיליאַנטען? איך וועל אייביג ניט פערגעסען די אוהערינגלעך, וואָס זענען אונז געבליבען בירושה פון דער עלטער־באָבע, זאָל האָ־

סעל דאָסיג, דאָס הייסט, ער איז ביי איך גע׳מלאכה׳ט, מחילה אונטערגע׳שמד׳ט. זייט זיך מודה...

— חס ושלום! — זאָגט יודעל און שווערט זיך, ער זאָל אזוי האָבען א כשר׳ען פסח, ווי דאָס איז איין אמת׳ער, א ריינער קאָ־ וועשאנער ווייז. חלילה ניט געפּראוועט, טאַקי נעבאַך א כשר קינד, אָט אזוי ווי די מאמע האָט איהם געהאט! ס׳איז נעבאך איין אמת׳ער, א ריינער „באָרדאָ“.

— ע, רב יודעל! — מאַכט צו איהם דער טאַטע. — דאָס טויג דאָך ניט! מיר האָבען דאָך עפּיס געשמועסט, אַז מיר באַדאַרפט איהר ווייזען א גלעזעל ווייז, וואָס זאָל זיין ווייז, הייסט וואָס דער־ צעהלט איהר מיר מעשיות באָרדאָ — שמאָרדאָ?

— איין אומגליק מיט די מבינים! — זאָגט יודעל און גיסט אויס דאָס גלעזעל „באָרדאָ“ און צאַפּט איהם אָן איין אַנדער גלע־ זעל ווייז, שוין פון צוויי פעסלעך מיט א מאָל, און טראָגט דאָס אונטער דעם טאַטען שוין מיט איין אַנדער מינע.

— ווייסט איהר וואָס? זאָגט שוין איהר אַליין, אויב איהר זענט א מבין און פאַרשטעהט אויף ווייז. איך וועל שוין שווייגען. איך בין ניטאָ, איין עק!

דער טאַטע בעטראַכט פריהער דאָס גלעזעל אויף דער ליכט, פאַוואָלינקע טראָגט ער דאָס צו צו די ליפּען, זופּט אָפּ א ביסעל, און דאָס פּנים ווערד ביי איהם איבערגעביטען, די אויגען פרעה־ ליכער.

— יאָ, אָט דאָס איז ווייז; דאָס קאָן מען אָנרופען מיט׳ן נאָ־ מען ווייז. ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל אין איהם געפינט איהר אַלסדינג, וואָס אַ גלעזעל ווייז באַדאַרף האָבען: אי אַ שטאַרקייט, אי א מתיקות, אי א זויערקייט. מיט איין וואָרט — ס׳איז ווייז.

— איך זאָל אזוי האָבען הצלחה בכל אשר אפנה, — זאָגט יודעל און שפּרינגט־צו צום טאַטען — אַז זינט איך בין אַ ווײנשענקער, האָב איך נאָך אזא גלעזעל ווייז ניט געהאט. און טאָמער מיינט

איהר אַ בעלן געווען טרינקען היינטיגען פּסח? — טהוט יודעל אַ פרעג און קוקט אויף דער סטעלי.

— וואָס פאַר אַ מין סאָרט גלעזעל וויין זאָל איך וועלען? — ענטפערט איהם צוריק דער טאַטע איבערגעפרעגט. — איך וואָלט אַ בעלן געווען, עס זאָל זיין, פאַרשטעהט איהר מיך, דאָס אמת'ע גלעזעל וויין, דאָס הייסט, עס זאָל זיין אַ גלעזעל וויין, ווערדיג מיר ביידע פאַרשטעהען — איהר פאַרשטעהט?

— איך פאַרשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פאַרשטעהן? איהר ווילט אַ גלעזעל וויין, וואָס זאָל זיין „קפריסין“!

מיט די ווערטער געהט יודעל אוועק אין אַ ווינקעלע, בויגט זיך אָן אין דער פינסטער און צאַפּט אָן אַ גלעזעל „קפריסין“ און טראָגט דאָס צו דעם טאַטען.

— שלעכטס זאָל איך האָבען, אויב עמיצער האָט נאָך אפילו פאַרזוכט ביי מיר פונ'ם דאָזיגען וויין; אַנו, געמט איהם אָקאָרשט אויף די ליפּען!

דער טאַטע טהוט אַ שאָקעל דאָס גלעזעל הין און צוריק עטליכע מאָל, טראָגט דאָס צו פריהער צו דער ליכט, נאָכדעם צום מויל, טהוט אַ מאַן מיט דער נאָז:

— ניין, רב יודעל, האָט קיין פאַראיבעל ניט, ניט דאָס הייסט ביי מיר „קפריסין“!

— אַהאַ, איך וויים שוין וואָס איהר מיינט! — מאַכט יודעל און צאַפּט אָן אַ פּריש גלעזעל קפריסין. — נו, וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען אויף ד ע ם גלעזעל וויין? קוקט אייך נאָר צו צו דער מראה זיינער: קרישטאָל!

דער טאַטע פערזוכט אַביסעל „קרישטאָל“ און זאָגט זיין מבינות:

— מהכתיתי, אוודאי איז דאָס אַ גלעזעל וויין. דער חסרון זיינער איז נאָר דאָס, וואָס ער איז, צווישען אונז רעדענדיג, אַ בי־

רום אָט דאָס אי׳ — ווײן !... זאָגט־זשע מיר, רב יודעל סערדצע, מה יקר — וואָס קאָסט ער? פון וואַנען שטאַמט ער? ומה שמו — ווי איז דער אמת׳ער נאָמען זײנער?

— ע! — מאַכט יודעל מיט אַ געלעכטערעל. — איהר ווילט טאַקי וויסען אַלסדינג? מע מוז, מע מוז אײך זאָגען דעם אמת, ס׳איז עפּיס אַ תירוץ? די מעשה דערפון איז אַזוי: דער ווײן אַלײן איז מײנער אײן אײגענער ווימאָראָזיג אַ נומער דרײצעהן, הײסען הײסט ער שאַטאַלאָפּימי און קאָסטען קאָסט ער אַזוי גרויס ווי זעכס קאַרבען אײן עמער, האָמי איהר אַ קײמאַ־לן פון פיער גילדען אײן אָקע. איך זאָל אַזוי האָבען הצלחה בכל אשר אפנה, אַז איך דערלעג צו איהם, אויב איך לײז איהם אפילו פינף גילדען די אָקע. פאַרגעסט נישט, וויפיעל דאָ איז פאַר־אַן פּחת! אַ קלײניגקײט, ווימאָראָזיג! פאָלגט מיך און מאַכט נים קײן שהיות, הײסט אײך אָנצאַפּען אַ צוויי פלאַש פון׳ם דאָזיגען ווימאָראָזיג, און צוויי פלאַש פון בענדרערער „מאַרגאָ“, וואָס איך האָב אײך פריהער באַוויזען, און נאָך אײן פלאַש הײסט אײך געבען פאַר די ווײבער פון׳ם אמת׳ען „זמירער“, וואָס איהר נעמט ביי מיר אַלע יאָהר, וועט איהר וויסען, אַ איהר האָט מיט גאָטס הילף ווײן אויף ארבע כוסות, און דערלעבט איבער י״ יאָהר מיט אײער ווײב און מיט אײערע קינדער, איהר זאָלט זײן אַ גרויסער גביר און טרינקען אַלע פּסח נישט קײן ערגערען ווײן... יענקעל! הער נאָר, דו, וואו ביזט דו ערגיץ, אין אַלדי שוואַרצע יאָהר?!

אויף דעם דאָזיגען אויסרוף בעווײזט זיך, איך ווײס נישט פון וואַנען, עפּיס אַ מאָדנער נפש, אַ געזונטער, אַ שוואַרצער בחור אין אַ וואַטאָווער, שטאַרק פערסמאָלצעוועטער קאַפּאָטע, אונטערגעבונדען מיט אַ שטריקעל, מיט אַ פּאָר גרויסע, מורא׳דיג־גרויסע שטיוועל; דאָס פּנים איז ביי איהם ווי פערזאומערט, פערשלאָפען, קוקט נים אין די אויגען, רעדט הײזעריג, ווי פון׳ם שלאָף:

— האַ? וואָס? מיך רופט איהר?

איהר, איך האָב איהם אַ סך? לאָמיך אַזוי האָבען אַ פרעהליכען יום־טוב, ווי...

— ששאַ, פּאַוואָלי נור! — שלאָגט איהם דער טאַטע איבער אין מיטען. — די מעשה דערפון איז אַזוי: וויין איז דאָס טאַקי, נאָר ניט אײַ־אײַ־אײַ! גאָרניט, ס'איז ניט מעהר ווי אַ גלעזעל וויין. איך האָב אײַך, רב יודעל, געוואָלט בעטען אָט וואָס: איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיר אָנצאַפּען אַ גלעזעל וויין פון יענעם... פון יענעם... איהר ווייסט שוין פון וואָסערען איך מיין... פונ'ם אמת'ען ווימאָראָזיג, איהר געדענקט? אײַ, איז דאָס געווען אַ ווי־מאָראָזיג!

יודעל טהוט זיך אַ פּאַטש מיט ביידע הענד איבער דער קאַ־פּאָטע און אַ שמייכעלע דערביי:

— אַ ריינער אומגליק מיט די מבינים! געגונג זיי פאַרשטע־הען אויף וויין, האָבען זיי נאָך אַ זכרון אויך און געדענקען דעם טעם פון פאַראַיאָהרען, פון פאַר צוויי יאָהרען און אפילו פון פאַר דריי יאָהרען!

און יודעל טהוט אַ שפּריץ מיט'ן גלעזעל אַרויף און צאַפּט אָן גאָר אַ פרישׁ גלעזעל וויין, שוין ניט פון צוויי, נאָר פון איין פעסעל, טראָגט דאָס צו צום טאַטען שוין גאָר אָהן ווערטער, נאָר אַ סמאָרע מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: „אַנו, וואָס וועט איהר עפּיס איצטער זאָגען?“ דער טאַטע טהוט אַ זופּ איין מאָל, נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל, קוקט אַלע מאָל אויפ'ן גלעזעל פון אונטען אַרויף, פערבייסט די אונטערשטע ליפּ, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, רעדט צו זיך אַליין און צעהלט די ווערטער:

— אוי! — איז דאָס! — אַ גלעזע'! — וויין!!! הערט איהר, רב יודעל, אָט דאָס איז דער אמת'ער וויין, וואָס מע רופט איהם וויין; אָט דעם וויין אַז מע טרינקט, פיהלט מען, אַז מע טרינקט וויין; ס'איז, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ פול מויל מיט וויין! [illegible] איהם, זעהט איהר, מעג מען שוין מאַכען בורא־פרי־הגפן, וואַ־

— דהיינו, — זאָגט דער טאַטע געלאַסען — מע האָט איהם ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. ס'איז געווען, מחילה, באָרשט, ניט קיין וויין.

— וואָס רעדט איהר? איך זאָל אַזוי האָבען אַלדאָס גוטס, ווי דער עולם האָט געלעקט פון איהם די פינגער. מע האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּלויבען פון איהם. סע איז ניט געבליבען פון איהם אויף די אַנדערע טעג פּסח, איהר זאָלט זאָגען, אַ לעק.

— און איך זאָג אייך, — מאַכט דער טאַטע גאַנץ געלאַסען — אַז ער איז געווען, איהר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ בייזער חלשות! פון אויבען האָט ער געהאַט אַ שימעל, אַ טעם האָט ער געהאַט פון געקאָכטע באַרלעך און האָט זיך נאָכגעגעבען מיט עפּיס אַ מין געררוך, פון... פון... אוגערקעס.

— ניט אַנדערש, — זאָגט יודעל און צענעמט די הענד — אַז איהר האָט איהם געהאַלטען ערגיץ אין דער וואַרעם, אָדער די פלעש־לעך זענען ניט געווען גוט פאַרפּראָבקעוועט.

— ניין! איהר האָט אַ טעות, רב יודעל; די פלעשלעך זענען דוקא געווען פאַרפּראָבקעוועט, ווי אַלע מאָל, און געהאַלטען האָב איך איהם דוקא אין אַ קיהל אָרט, ווי אַלע מאָל, נאָר מיט איהם האָט זיך, אַפּנים, איין אַנדער מעשה געטראָפען: די ראָזינקעס האָבען ביי אייך אין קעלער, אַפּנים, ניט רעכט אויסגעשפּיעלט, האָ־בען זיי זיך צעשפּיעלט ביי מיר אין די פלעשלעך, האָט דער וויין געהאַפּט אַ פאַסקודנע זויערקייט און איז געוואָרען הויזוענדיג. דאָס קינד נעבאַך (דער טאַטע בעווייזט אויף מיר) האָט געהאַט צו טהון מיט'ן מאָגען, ניט היינט געדאַכט, פון נאָכ'ן ערשטען סדר כמעט ביז שבועות — דערפאַר האָב איך היינטיגעס יאָהר מורא זיך צו־ריהרען צו אייערע „צמוקים“.

מערקווירדיג! איך אַליין האָב גאָר פאַרגעסען די גאַנצע מעשה. נאָר אַז דער טאַטע האָט זי פּלוצים אויפגעמישט, האָב איך מיך דערמאַנט, ווי אַזוי איך האָב מיך פאַראיאָהרען צוגעהאַפּט צו די

— וואו ביזט דו געווען און וואָס האָסט דו געטהאָן ?

— ווער ? איך ? גאָרניט. בין געווען ביי די ראָזינקעס, גע־מאַכט „מאַלאַגאַ".

— הער נאָר דו, יענקויז, וואָס איך זאָג דיר : נעם שווענק דורך עטליכע פלעשער און צאַפּ זיי אָן צוויי ווימאָראַזיג שאַטאַלאָ־פיט פונ'ם פעסעל נומער 13 און צוויי מארגאָ פונ'ם זיסליכען נומער 8, און איין פלאַש וועסט דו זיי אָנצאַפּען פונ'ם זמירער נומער 1 ! שטעה, האָב צייט. וואָס האַפּט דיך אוועק דער רוח ?... געדענק־זשע, יענקויז, ווימאָראַזיג שאַטאַלאָפּיט נומער 8, מארגאָ נומער 13, מיין איך מארגאָ נומער 13, טפו, שאַטאַלאָפּיט נומער 13, מארגאָ נומער 8 און זמירער נומער 1 פונ'ם בעסערען. גיך, ריהר זיך, ווי א בלייען פייגעלע !

יענקעל געהט אוועק א שלעפעריגער צאַפּען וויין ערגיץ ווייט, באָברעט זיך דאָרטען אין דער פינסטער און קומט צו געהן אין עט־ליכע מינוט אַרום מיט די אָנגעגאָסענע פלעשער, שלעפּט איינציג־ווייז פון קעשענע פראָבקעס, קייט זיי געשמאַק מיט זיינע גרויסע געזונטע צייהן אַזוי לאַנג, ביז זיי מוזען אריין, און יודעל וויינשענ־קער האַלט דערווייל מיט'ן טאַטען א שמועס אַלץ וועגען וויין.

— זאָגט נאָר, רב יודעל סערדצע, ווי אַזוי איז ביי אייך אַרום היינטיגס יאָהר דער ראָזינקעס־וויין ?

— די צמוקים ? איין חריפות אין דער וועלט ! — זאָגט יודעל. — בעסער פונ'ם בעסטען אונגערשען וויין ! א כפרה טאָקיי, א כפרה שאַמפּאַניער, א כפרה זייער פּאָרטוויין, זייער פראַנצוויין מיט אַלע זייערע ווייַנען !

— פאַראַיאָהרען — זאָגט דער טאַטע — איז אייער ראָזינקעס־וויין געווען, איהר זאָלט מיר מוחל זיין, נישט אין בעסטען.

— דהיינו מיט וואָס ? — מאַכט יודעל ווי דערשראָקען.

נייע מלבושים׳לעך מיט מיין קאַשקעטעל. „ס׳איז מיין קאַשקע־טעל!“ — שריי איך צו איהם. — „מע האָט דאָס מיר ערשט נעכ־טען געקויפט אויף פסח!“. און דער געזונטער בחור זיינער האָט זיך צוגעחאַפּט צו אונזערע ארבע כוסות, שטעהט אויסגעבויגען צוריק מיט איין איבערגעקעהרטע פלאַש וויין איבער׳ן מויל אַריין; דער וויין — בול־בול־בול, און ער זשליאָקעט... „פאַרפאַלען די ארבע כוסות! חמצ׳דיג געמאַכט, חמצ׳דיג!“... שריי איך און חאַפּ מיך אויף אַ פערצאַפּעלטער פונ׳ם שלאָף, און איך דאַנק גאָט וואָס ס׳איז נאָר אַ חלום...

* * *

קוים דערלעבט די מינוט, די רגע — אָט־אָט, נאָך צוויי שעה, נאָך דריי שעה איז שוין פסח; אומעטום איז ריין, אומעטום פסח׳יג.

דער אויווען איז אויסגעגליהט. דער טיש איז איבערגעדעקט. די מצות טרישטשען. עס לאָזט זיך הערען אַ געשמאַקער ריח פון נענזענשמאַלץ, עס שמעקט מיט לאַטקעס, מיט פסח׳יגע לאַטקעס. די „ארבע כוסות“ שטעהען שוין אָפּגעדעקט פראַנק און פריי, מע מעג שוין קוקען אויף זיי... דער טאַטע איז נאָך אַ ביסעל פערנו־מען, ער מאַכט הרוסת. נאָר איך... איך בין שוין פאַרטיג! ווי איין אמת׳ער פרינץ, ווי אַ „בן־מלך“, האָב איך מיך אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז פיס אין גאָלע נייעס, גאָלע טשאַקענדיגס, קנאַקענדיגס, סקריפּענדיגס. איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל טהון: זיצען — איין עבירה, דאָס קאַפּאָטקעלע ווערד צעקנייטשט; געהן — דער גלאַנץ פון די פּאָדעשוועס ווערד אָפּגעריבען; שטעהן — וועט מען ניט הערען, ווי די שטיוועל סקריפּען... איך שוועב, איך האַלט מיך פון אויבען, אין דער לופטען. איין חסרון נאָר, וואָס איבער דער בלאָטע, איבער דער געוויסער כתרילעווקער זומפּיגער בלאָטע, קאָן מען מיט די נייע שטיוועלעך אין שוהל אַריין ניט אַריבערגעהן בשום אופן. מע מוז אָנטהון די אַלטע, די חמצ׳דיגע שטיוועלעך.

ארבע כוסות, אויסגעזויגען זיי ביז'ן דנא, און אז איך בין אויפגע־שטאנען פונ'ם סדר, האט זיך מיר געדו'עהט די סטעלי, און דער טיש מיט די כוסות מיט אלעם מיט אנאנדער האבען געחאפט א טענצעל, קוים וואס איך האב מיך געהאלטען אויף די פיס. און נאכדעם — נאכדעם געדענק איך ווי דורכ'ן שלאף: א בעטעל... איך ליג... די מאמע האלט מיך ביים שטערן און שעלט עמיצען, איך וויים ניט ועמען: „ניט געדאכט זאל ער ווערען מיט זיינע ראזינקעס און מיט זיין ווין! סם המות! אוועקגע'סמ'ט דאס קינד!"...

— האט א גוטען יום־טוב! — געזעגענען מיר זיך אפ מיט יודעל וויינשענקער, ווינשעווען זיך איינס דאס אנדערע עטליכע מאל „א כשר'ען פסח", און מיר געהען אהיים מיט'ן ווין אויף ארבע כוסות לעבעדיג, פרעהליך. דער טאטע איז פרעהליך, וואס ער האט בעצייטענס איינגעהאנדעלט ווין אויף ארבע כוסות — פער־שפארען מארגען שטופען זיך צווישען גאנצען עולם אין דער הושטשע; און איך בין גלאט פרעהליך, ווארום ווער איז צו מיר גלייך? אט־אט, נאך איין טאג, קומט דער „ליעבער פעטער פסח", אין חדר דארף מען שוין ניט געהן, אין דער היים ווארטען שוין אויף מיר די נייע מלבושים'לעך, מיט די נייע סקריפענדיגע שטי־ווועלעך, מיט דעם נייעם גלאנצעדיגען קאשק'נטעל. געקומען אהיים מיט די ארבע כוסות, זוכט אפ דער טאטע א קיהל ארט, א פסח'יגס, א כשר'ס, אויף אוועקצושטעלען דעם ווין. ער פארעט זיך און ציטערט איבער איהם, ווי עפיס איבער א טייער, יטעריג קינד. ער זאגט אונז אן אלעמען, מיר זאלען, חס ושלום, ניט צוריהרען זיך צום ווין מיט אונזערע חמצ'דיגע הענד; מיר זאלען אפילו גאר ניט קוקען אין יענעם ווינקעל אריין! שפעטער, נאכ'ן „בודק חמץ" זיין, לעגען מיר זיך שלאפען (די לעצטע חמצ'דיגע נאכט!), און עס פלאנטעט זיך מיר א גאנצע נאכט משונה־מאדנע נארישע חלומות. עס חלומ'ט זיך מיר, אז יודעל וויינשענקער טראגט אויף זיך מיינע

„עבדים היינו לפרעה במצרים — קנעכט זענען מיר געוועזען צו פרעה׳ן אין מצרים, האָט אונז גאָט אַרויסגעצויגען פון דאָרטען מיט גרויס וואונדער..." און מיר דערצעהלען איינער דעם אַנדערען שענע מעשיות: די מעשה פון רבי אליעזר מיט רבי יהושע מיט רבי אלעזר בן עזריה מיט רבי עקיבא מיט רבי טרפון, וואָס זענען געזעסען אַ גאַנצע נאַכט און האָבען דערצעהלט פון יציאת מצרים... און מיר רעכענען אויס די פיער זיהן פון דער הגדה: אחד חכם — איינער אַ קלוגער, ואחד רשע — איינער אַ שלעכטער, ואחד תם — איינער אַ נאַר, ואחד שאינו יודע לשאול, דאָס הייסט — מחילה גאָר אַ בהמה, וואָרום יענע דריי פרעגען האָטש איטליכער איין אַנ־דער קשיה, און דער זיצט, ווי אַ לעהמענער גולם, משטיינס געזאָגט, גאָר ניט זיין עסק, וואָס מע האָט אונז אַמאָל געמוטשעט אין מצרים, פערביטערט אונזער לעבען; מיר האָבען געקנעטען לעהם, געמאַכט ציגעל, געבויט פיתום מיט רעמסס, און פרעה האָט אַרויסגעגעבען אויף אונז אַלע מאָל נייע גזירות... ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא — ווען גאָט ברוך הוא זאָל אונז ניט געווען בעצייטענס ארויס־ציהען פון מצרים, וואָלטען מיר פערבליבען אייביגע קנעכט, איי־ביגע שקלאַווען — מיר און אונזערע קינדער און אונזערע קינדס־קינ־דער; דערפאַר איז אַ מצוה, מע זאָל אַלע יאָהר אָפּרעכטען דעם סדר און דערצעהלען אונזערע קינדער די גרויסע וואונדער פון יציאת מצרים.

פאַרהאַן אַ סך ביי אונז היינט אַזעלכע „שאינו יודע לשאול׳ס" צווישען אונזערע היינטיגע קינדער, וואָס זיצען ביי׳ם סדר ווי די לעהמענע גולמ׳ס, זעהען ווי דער טאַטע „מאַכט זיך נאַריש", עסט חריין טרוקענעם מיט חרוסת, וואָס האָט נישט קיין שום טעם, און זאָגט עפּיס פון אַ סדור אונטער דער נאָז, שעמט זיך פאַר דער „באָנע"... נאָר וואָס זענען שולדיג נעבאַך אַזעלכע קינדער, „שאינו יודע לשאול׳ס", אַז מע האָט מיט זיי פאַרט ניט געלערענט אין גימנאַ־זיע די אידישע היסטאָריע? די „באָנע" האָט זיי ניט דערצעהלט די שענע מעשה פון יציאת מצרים, קיינער האָט זיי ניט אויפגעקלערט,

פערשטעהרט!... אין שוהל איז ריין, אין שוהל איז ליכטיג, אין שוהל איז יום־טוב'דיג, אין שוהל איז פרעהליך; אלע הענגלייכטער מיט אלע העסעס זענען אויסגעריבען, גלאנצען, און די ליכט ברענען. אידען אלע אויסגעצוואגען, אנגעטהאן יום־טוב־דיג, דאוונען געשמאק, און מיר, חדר־יונגלעך, קונדסים, בעטראכטען איינס דאס אנדערע, וועמעס קאפאטקעלע איז לענגער און וועמעס — קירצער, וועמעס קאשקעטעל איז שענער און גלאנצט מעהרער. איין חסרון נאר, די נייע שטיוועלעך זענען געבליבען אין דער היים — פערשטעהרט! און ווער איז שולדיג? די בלאטע, אונזער כתריי־לעווקער בלאטע... נאר גארניט, אלסדינג איז איין איבערגעקומענע זאך. איבערגעקומען די בלאטע און געקומען אהיים, טהו איך אן צוריק די נייע גלאנצענדיגע סקריפענדיגע שטיוועלעך, וואָרום די בלאטע איז ביי אונז נאר אין דרויסען. אינווענינ, אין דער היים, אין שטוב, איז ביי אונז ריין און שען און ציכטיג, מחיה־נפשות! עס שעמערירט, עס זינגט פון ריינקייט. דער וויין מיט די ארבע כוסות שטעהען שוין אויפ'ן מיש. עס גלאנצט, עס שעמערירט, עס פינקעלט אין די אויגען. די מצות מיט דער קערה מיט'ן גאנצען „סדר" זענען גרייט. דער טאטע, דער „מלך", אין א ווייסען קיטעל — אויבענאן אויף דער היסב־בעט; ביי דער רעכטער האנד — די מאמע, די „מלכה", אנגעטהאן אין זיידענס, און איך, זייער „פרינץ", ביי דער זייט, שטעה אויף און פרעג דעם טאטען אויף אויסווענינ די „פיער קשיות" און לאז אויס גייציג, מיט'ן קנאק, און מיט א ניגון פון דער גמרא: „האב איך דיך, טאטע, געפרעגט אלע פיער קשיות; היינט ענטפער מיר א תירוץ, און טאמער וועסט דו מיר ניט ענטפערען קיין תירוץ, וועל איך זיך אליין ענטפערען א תירוץ: עבדים היינו לפרעה במצרים!"... הויבען מיר אן צו זינגען אויף א קול, שרייען איבער איינס דאס אנדערע, און איך פערלויף אלע מאל אויף צופריהער, ווי א לאשעקעל, צו בעווייזען דעם טאטען, אז איך האב גוט אויסגעלערנט די הגדה, ווי א וואסער:

שטראָפּט מיט צעהן מכות: „דם... צפרדע...“ ביי יערער מכה שטעלען מיר זיך אָפּ און גיסען אָפּ צו ביסלעך וויין פון אונזערע כוסות. נאָכדעם גיסען מיר אָן צוריק די כוסות פול און זאָגען ווייטער. מיר ציהען אונטער אַ רעכענונג אינאייינעם מיט רב יוסי הגלילי פון די אַלע מכות, וואָס פּרעה איז מיט זיי געשלאָגען געוואָרען; עס קומט אויס אַ סך מעהר פון צעהן מכות: „אין מצרים, קומט אויס נאָך רבי עקיבא'ס חשבון, האָט פּרעה געחאַפּט פופציג מכות, און אויפ'ן ים צוויי־הונדערט־און־פופציג מכות, האָבען מיר, הייסט דאָס, אַ קיימא־לן פון דריי הונדערט מכות“... אַ מצוה אויף איהם, טראַכט איך מיר, לאָז ער וויסען, אַז מיט אַ אידען טאָר מען זיך ניט אָנהויבען, וואָרום ביי אידען קאָן ווערען פון איין מכה אַ סך מכות!... שפּעטער, אַז מיר זאָגען אָפּ דעם „לפיכך“ און עס קומט צו „הלל“, פערשטעלט זיך דער טאַטע פאַר אַ חזן און איך פאַר אַ זינגערל; ער פערקאַטשעט זיך אויפ'ן חזנ'ישען שטייגער, און איך העלף איהם אונטער ווי אַ משורר'על, און די מאַמע קוועלט פון אונז ביידען, ביז עס קומט צום „הריני מוכן ומזומן — איך בין אָנגעברייט צו מקיים זיין די מצוה פונ'ם צווייטען כוס פון די ארבע כוסות“, צעשאָקעל איך מיך, ווי איין אַלטער, מאַך די ברכה און קעהר איבער דאָס גלעזעל מיט'ן דנאָ ארויף און זופּ אויס ביז'ן לעצטען טראָפּען. די מאַמע קוקט און מאַכט צו מיר מיט'ן פינגער, ווי איינער רעדט: „געדענק, דו קונדס, זאָלסט ניט האָבען חלילה דעם אייגענעם פּסק, וואָס פאַראיאָהרען“... איך הער דאָס אָבער, ווי דעם פאַראיאָהריגען שניי. פאַראיאָהרען איז געווען עפּיש אַנדערש, און הייַנט איז עפּיס אַנדערש! — שפּעטער, נאָך דער ברייטער וועטשערע, נאָכ'ן „אפיקומן“, נאָכ'ן בענטשען, צעשאָקעל איך מיך ווידער אַ מאָל און זאָג: „הריני מוכן ומזומן — איך בין אָנגעברייט מקיים זיין די מצוה פונ'ם דריטען כוס פון די ארבע כוסות“, און קעהר איבער דאָס גלעזעל ווידער מיט'ן דנאָ ארויף, און איך פיהל, ווי עס

וואָס בעדייטען די דאָזיגע „טרוקענע" מצות, דער דאָזיגער „ביטע־רער" חריין מיט'ן חרוסת און די אַלע איבעריגע אידישע מנהגים און פסח'יגע מאכלים... די פסח'יגע מאכלים? — מהכתיתי, ווער זאָגט זיך אָפּ פון קניידלעך, לאַטקעס, טייגעכצען און פאַלירטשי־קעס? אַ פסח'יגער באָרשט אַ גוטער מיט מצה, אָדער מצה, צו־געפרישט מיט אייער, איז אויך ניט שלעכט. „פסח — זאָגען היינ־טיגע קינדער — סלאַווני פראַזדניק, בודיעם קושאַט חרעמזלעך אי פיט סלאַדקאָיע ווינאָ"... * נאָר קיינער פון זיי ווייסט ניט די טייטש פון די ווערטער „עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געווע־זען און קנעכט זענען מיר געבליבען"... קיינער פון זיי ווייסט ניט דעם טעם פון די ווערטער „זמן חרותנו — די צייט פון אונזער בע־פרייט ווערען!"... נאָר איך קעהר מיך אום צוריק צו דער הגדה, ווי אַזוי איך מיט'ן טאַטען דערצעהלען אַ מעשה פון אונזער עלטער־עלטער־זיידען תרח, און פון אברהם אָבינו, און פון יצחק מיט זיי־נע צוויי זיהן יעקב און עשו, און פערבייגעהענדיג דערמאָנען מיר אונזער פעטער לבן־הארמי, וואָס איז געווען טויזענדער מאָל ערגער פון פרעה'ן, ווארום פרעה האָט אַרויסגעגעבען אַ גזירה נאָר אויף די זכרים אַליין, און לבן האָט געוואָלט אומברענגען דאָס אידישקייט אינגאַנצען, עוקר מן השורש זיין... און נאָכדעם קומען מיר צו דער געשיכטע, ווי אַזוי פרעה האָט זיך מיט אונז גערעכענט, זיך געבאָ־דען אין בלוט פון אידישע קינדער... „ונצעק" — האָבען מיר גע־מאַכט אַ ויצעקו, געשריגען צום רבונו של עולם (דאָ הויבען מיר אָן צו שרייען אויף אַ קול), ער זאָל זיך אָננעמען אונזער קריוודע. און גאָט האָט צוגעהערט אונזער געבעט; ער האָט געשיקט משה מיט אהרנ'ען צו פרעה'ן, ער זאָל אַרויסלאָזען די אידען פון מצרים. האָט דאָך מסתמא פרעה ניט געוואָלט הערען, האָט איהם גאָט גע־

---

* פסח איז אַ גוטער יום־טוב, מיר וועלען עסען חרעמזלעך און טרינקען זיסען וויין.

שוין „קנעפּלעך“. נאָר זיי ווייסען ניט דעם אמת׳ען טעם מיט׳ן אמת׳ען פערגעניגען פון „ארבע כוסות“. דערפאַר ווייסען זיי אָבער דעם אמת׳ען טעם מיט׳ן אמת׳ען פערגעניגען פון „פּראָצענטען“ אין די גימנאַזיעס... זיי ווייסען ניט די טייטש פון די ווערטער „חד גדיא“ — אַ קליין ציעגעלע... דערפאַר ווייסען זיי דעם פשט פון די ווערטער: „מאַליענקי זשידיאָנאָק, אָדער „מאַליוטקי זשי־דעק“, דאָס הייסט: אַ קליין אידעלע... און נאָך און נאָך אַ סך זאַכען ווייסען אונזערע היינטיגע קינדער, וואָס הלואי וואָלטען זיי דאָס בעסער ניט וויסען! נאָר מחמת ס׳איז ערב פּסח, וויל איך ניט אָנוואַרפען אויף אייך קיין מרה־שחורה. איך וויל אייך ניט פערשטעהרען דעם יום־טוב מיט זייטיגע מחשבות, מיט טרויעריגע געדאַנקען, און לאָז אויס מיין פעליעטאָן מיט די ווערטער פון דער הגדה:

— לשנה הבאה בירושלים!

— — — — — — — — — — — — — —

דרעהט זיך מיר דאָס קעפּעל. פון דעסטוועגן בין איך נאָך ביי אַלע געדאַנקען. איך גיס אָן דעם פיערטען כוס פון די ארבע כוסות, און זאָג מיט׳ן טאַטען דעם „שפוך חמתך" שטעהענדיג און חאַפּ אַ קוק אויף דער טהיר, טאָמער וועל איך דערזעהן, ווי עס קומט אריין אליהו הנביא און טרינקט אָפּ פון „אליהו הנביא׳ס כוס"... נאָכדעם זעצען מיר זיך ווידער אַנידער און מיר זאָגען די אַלע איבעריגע שטיק פון דער הגדה, אַ גאַנצען סטעפּ: „הודו", און „נשמת", און „ויהי בחצי הלילה"; איך העלף דעם טאַטען זינגען דעם „לך ולך, לך כי לך, לך אף לך, כי לו נאה, כי לו יאה" — און לאָז אויס אויף אַקול:

— לשנה הבאה בירושלים!

דאָ דערפיהל איך, אַז אין קאָפּ איז מיר עפּיס וואַרעמליך, די בעקלעך פלאַמען מיר, פאַר די אויגען שטעהט מיר עפּיס ווי אַ רויך, אויפ׳ן האַרצען איז מיר שטאַרק אויפגעלעגט, לוסטיג־פרעהליך, עס טראָגט מיך אין דער לופטען: ס׳איז מיר גוט — און גענוג. איך זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט איך נאָך געגאַנגען טאַנצען... די מאַמע קוקט אויף מיר און לאַכט, זי ווערד צעגאַנגען פאַר געלעכטער. טאָ־מער ווייסט איהר, וואָס איז דער געלעכטער? איך פערשטעה ניט, וואָס זי לאַכט... איך ווייס ניט, איך געדענק ניט בשום אופן, צי איך האָב געטרונקען דעם „כוס רביעי", — דאָס פיערטע גלעזעל פון די „ארבע כוסות" — צי ניין?... איך קאָן מיך בשום אופן ניט דערמאַנען, צי איך האָב געהאָלפען דעם טאַטען זינגען „חד גדיא", צי איך בין שוין דעמאָלט געשלאָפען מיט דעם זיסען גליק־ליכען קינדערשען שלאָף? איין זאַך געדענק איך נאָר, אַז מיר איז דעמאָלט געווען גוט, איך בין דעמאָלט געווען איינער אַ גליקליכער, און גאָט ווייסט, גאָט ווייסט, אויב אונזערע היינטיגע קינדער קאָנען זיך גאָר פיהלען אַזוי באמת יום־טוב׳דיג אום יום־טוב, פּסח׳יג אום פּסח. אונזערע היינטיגע קינדער האָבען ניט קיין „קאַפּאָטקעלעך" מיט קיין „קאַשקעטלעך"; זיי טראָגען שוין מונדירלעך" און האָבען

איבער אַ היטעל

אַ מעשה לכבוד פסח, דערצעהלט פון אַ כתרי־
לעווקער אידען, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעז־
קעס און רויכערט דינע פּאַפּירעסלעך, און
איבערדערצעהלט טאַקי מיט זיין לשון.

געשריבען אין יאָהר 1913

איבער אַ היטעל

— אַלץ הייסט ביי אייך צעטראָגען? אָט איז ביי אונז אין כתרילעווקע, הייסט עס, פאַרהאַן, איהר האָרכט צי ניין, אַ איד אַ צעטראָגענער, שלום־שכנא הייסט ער, נאָר רופען רופט מען איהם „שלום־שכנא דרעה זיך“, טאַקי איבער זיין צעטראָגענקייט, — איז דאָס אַ צעטראָגענע בריאה, איז דאָס אַ צעטראָגענער מלאך, זאָל זיך דער אויבערשטער שומר ומרחם זיין! וועה־וועה, וואָס מע דער־צעהלט זיך אָן ביי אונז וועגען דעם שלום־שכנא׳ן מעשיות מיט אַנעקדאָטען — פּעק, זאָג איך אייך, גאַנצע פּעק! איין עבירה, וואָס איהר האַפּט זיך, ס׳איז ערב פּסח. ווייטער וואָלט איך אייך, פּאַני שלום־עליכם, געגעבען שטאָף, איהר האָרכט צי ניין, וואָלט איהר געהאַט דערנאָך צו שרייבען און צו שרייבען. איין מעשה, אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך דערצעהלען, וואָס מיט דעם שלום־שכנא האָט זיך פאַרלאָפען ערב פּסח; ס׳איז אַ מעשה מיט אַ היטעל, און נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר איין אמת׳ע, אַ ראַיעלע מעשה, האָטש זעהן זעהט זי אויס ווי איין אַנעקדאָט.

אַזוי האָט אָנגעהויבען אַ כתרילעווקער איד אַ סוחר, וואָס האַנ־דעלט מיט „אָבריעזקעס“ (שטיקלעך פּאַפּיער), גלעט זיך דאָס בער־דעל אַרונטער, אין האַלז אַריין, און רויכערט דינע פּאַפּירעסלעך, אַ פּאַפּירעסעל נאָך אַ פּאַפּירעסעל.

מורא'דיגער דרעהער, ער מיט זיינע צוויי ברידער, אויך מעקלערס פון אימעניעס און אויך דרעהערס. איז דאָך געוואָרען, איהר האָרכט צי ניין, אַ ויצעקו: „סטייטש, אַ איד דרעהט און דרעהט, קוים אויסגעדרעהט, קומט מען צו געהן און מע מאַכט איהם פאַר אוים דרעהער!“ הקיצור, שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, שווייגט ניט. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ טומעל, אַ לאַרעניש, אַ דין־תורה, זיך פאַרלאָזט אויף מענטשען, — קוים אויסגעגלייכט און איינגעטיילט זיך — ברוך שפטרני!

בעקומען די עטליכע גראָשענס, האָט אונזער שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, אָוועקגעשיקט אַהיים דעם ווייב די גרעסטע העלפט מסתמא — זי זאָל זיך אַביסעל אַרומצאַהלען די פאַרכעס, אַביסעל ארויסטרייבען דעם קבצן, אַרומנייהען אויף יום־טוב די קינדער, אריינפיהרען דעם פסח, און אליין איז מען דאָך עפּיס אויך אַ שטי־קעל מענטש, ווילט זיך עפּיס קויפען פאַר זיך און ברענגען אויף יום־טוב אַ מתנה דעם ווייב, די קינדער, ווי דער שטייגער פון דער וועלט. דערווייל די צייט שטעהט ניט, אַ טאָג און אַ טאָג, אָט־אָט, אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט, איז פסח, פליהט שלום־שכנא אַוועק, איהר האָרכט צי ניין, אויפ'ן טעלעגראַף און קלאַפּט אַוועק אַהיים אַ דעפּעש: „יעדאו בעזפּרעמעננאָ פּאַסקו דאָמאָי.“ — ער פאָהרט, הייסט עס, און וועט גאָר אָהן אַ שום תירוץ זיין אויף יום־טוב אַהיים. נאָר ס'איז גרינג צו זאָגען „יעדאו“, און נאָך „בעז־פּרעמעננאָ“ דערצו, אַז סע „יעדעט“ זיך. פּרובט אָקאָרשט, זייט מוחל, געבען אַ פאָהר־אַרוים אויף אַ ציקאַוועסט צו אונז, קיין כתרילעווקע הייסט עס, מיט דער נייער באַהן, וואָס מע האָט אונז אַ טובה געטהאָן און צוגעפיהרט, וועט איהר פיהלען אַ טעם גן־עדן! איהר וועט שוין פאַרזאָגען קינדס־קינדער! וואָרום ביז איהר קומט קיין זלאָדיעווקע, ווייסט איהר נאָך, אַז איהר פאָהרט, און אַז איהר קומט קיין זלאָדיעווקע, האָט איהר אַ „פּערעסאַדקע“, דאָס הייסט, איהר דאַרפט זיך איבערזעצען אויף דער נייער באַהן, וואָס

איך מוז מודה זיין אָבער, אַז די ראַיעלע מעשה, וואָס דער דאָ־זיגער כתרילעוועקער איד האָט מיר דערצעהלט, האָפּט טאַקי דעם אָפּבליק פון איין אַנעקדאָט. און איך האָב מיך דעריבער לאַנג גע־שלאָגען מיט דער דעה, צי איך זאָל זי אייך איבערגעבען, צי ניין? נאָר צוריק האָב איך מיך בעטראַכט: אַ כתרילעוועקער איד אַ סוחר, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעזקעס, איז ניט שייך צו ליטעראַטור און געהר זיך כלל נישט אָן מיט קיין ספרים, לכן, אַז ער זאָגט ס'איז ראַיעל, איז ער בעגלויבט; און איך געב אייך איבער די דאָזיגע מעשה מיט זיין לשון גופא, נישט צוגעלעגט מיינס אַ וואָרט אפילו.

* * *

— אַליין איז ער, אָט דער שלום־שכנא הייסט עס, וואָס איך דערצעהל אייך, אַז מע רופט איהם ביי אונז אין כתרילעווקע „שלום־שכנא דרעה זיך", אַ איד אַ מעקלער, איהר האָרכט צי ניין, וואָס דרעהט זיך אַרום פּריצים, מעקלערט זיי אימעניעס! א י מ ע־נ י ע ס! מאָהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי א י מ ע נ י ע ס. קיין סך אימעניעס האָט מען עפּים נישט געהאָרכט, אַז שלום־שכנא זאָל אויסמעקלערען. וואָס איז שייך? גאָרנישט. אַ איד רייבט זיך אַרום פּריצים, וואָס האָבען אימעניעס, רעדט ער אַלע מאָל פון „פּאָלוואַרקעס", פון „לעוואַדעס", „בודינקעס", „טשאָרנאָזיאָם", „דרעשמאַשינען", „רעמאָנענטען", „וועלדער", „געהילץ", און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות צו אימעניעס.

האָט זיך גאָט אַרומגעקוקט אויף אונזער שלום־שכנא'ן, איהר האָרכט צי ניין, — דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז אַ מעקלער פון אימעניעס, ס'איז איהם אָפּגעראָטען, ער האָט אויסגעמעקלערט אַ אימעניע! דאָס הייסט, אויסמעקלערען, מאָהלט אייך, האָבען אויס־געמעקלערט אַנדערע; וואָרום אַז ס'איז געקומען צום טיילען זיך מיט'ן רח"ש, לאָזט זיך אויס מסתמא, אַז דער גאַנצער דרעהער איז דאָ געווען ניט שלום־שכנא דרעה זיך, נאָר דראַבקין, אַ איד אַ מעקלער פון אימעניעס פון מינסקער גובערניע, אַ גרויסער, אַ

נישט שלעכט?" — אזוי טראַכט ער זיך, שלום־שכנא הייסט ער, און שלאָגט זיך מיט דער דעה: צי זאָל ער זיך זעצען אָט דאָ, נעבען דאָזיגען קנעפּעל, צי זאָל ער זיך בעסער האַלטען פון דערוויי־טען? אַ קשיא אויף אַ מעשה, היינטיגע צייטען — מי יודע, וואָס פאַר אַ קנעפּעל, וואָס פאַר איין אָדון בפקדך דאָס איז? גוט, ווען ס'איז נאָר אַ פּריסטאַוו. וואָס וועט אָבער זיין, אַז דאָס איז אַ איספּראַווניק? אָדער אַ זעמסקי נאַטשאַלניק? אָדער גאָר אַ הע־כערער פּריץ? אָדער אפשר איז דאָס גאָר פּורישקעוויטש, ימח שמו וזכרו מלהזכירו?... לאָז ער שוין איבערגעהן אויף אַנדערע הענט! — און עס ווערד איהם אַזש קאַלט, שלום־שכנא'ן הייסט עס, פון 'אַזאַ געדאַנק... נאָר צוריק אָבער טהוט ער זיך אַ קלער, איהר האָרכט צי ניין: ווער מיר קנעפּעל? וואָס מיר פּורישקעוויטש? צאָהלט ער דען ניט פאַר זיין בילעט גלייך מיט פּורישקעוויטש'ען? צי איז דאָס טאַקי אַ יושר, אַז דאָס גאַנצע ביסעל עולם־הזה זאָל אַריינפאַלען צו איינעם, און דעם אַנדערען גאָרניט?... יענער פּאָפּט אַזוי געשמאַק, פאַר וואָס זאָל ער זיך נישט צושפּאַרען חאָטש אויף אַ ווייל? מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאָפען! נעמט ער, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך אַוועק אויף איין עק באַנק און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ, נישט אויף צו שלאָפען, חלילה, נאָר גלאַט אַזוי, חאַפּען אַ דרימעל. דער־מאָנט ער זיך אָבער, אַז ער פאָהרט אויף פּסח אַהיים, און מאָרגען איז שוין ערב פּסח, טאָמער, חלילה, ווערד ער טאַקי אַנשלאָפען און פאַרשפּעטיגט דעם פּאָיעזד?!... איז מען דאָך אָבער אַ איד, איהר האָרכט צי ניין, פאַלט ער אויף איין עצה, שלום־שכנא הייסט עס, און זוכט אויס דעם סטאָראָזש פון סטאַנציע, אַ באַקאַנטער גוי, יאַרעמע הייסט ער, און מאַכט אָפּ מיט איהם אַזאַ געשעפט: היות אַזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, וועט זיך צושפּאַרען אַ ביסעל אָט דאָ אויף איין עק באַנק, וואו דער אָדון ליגט, און היות אַזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, שוין די דריטע נאַכט, אַז ער

מע האָט אונז אַ טובה געטהאָן און צוגעפיהרט קיין כתרילעווקע, באַדאַרפט איהר קודם בלייבען שטעהן אויף עטליכע שעה לויט דער „ראָספּיסאַניע“, אויב מע פאַרשפּעטיגט ניט, און ווען? אַקוראַט נאָך האַלבע נאַכט, ווען ס׳איז גוט כלאָסנע אויפ׳ן האַרצען און עס ווילט זיך גוט שלאָפען, און ס׳איז נישטאָ אפילו וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרען — נישט אומזיסט זאָגען אונזערע כתרילעווקער חכמים און פאַרטייטשען, ווי אייער טביה טייטשט: „טוב שם משמן טוב — סוואָמי דאָברע, אַ בעז וואָס לוטשע“. דער פּשט איז: אז אָ ה ן דער באַהן איז געווען אַ סך בעסער, ווי מ י ט דער באַהן.

בקיצור, געקומען מיט׳ן טשעמאָדאַנדעל קיין זלאָדיעווקע, האָט אונזער שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, וואָס איז שוין פריהער צוויי נעכט נישט געשלאָפען, זיך צוגעגרייט ליידען הבוט־הקבר, דאָס הייסט, אָפּוואַרטען אַ נאַכט — וואָס זאָל מע טהון? — און גענומען זוכען איין אָרט אויף צוצוזעצען זיך. ווער? וואָס? — נישטאָ! אָנגערויכערט, אָנגעשפּיגען, פינסטער, חושך. איין שטי־קעל אָרט האָט ער קוים געפונען אויף אַ באַנק דעם קאָפּ אָנצושפּאַ־רען, אָבער טאַקי מעהר נישט ווי דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען, וואָרום כמעט די גאַנצע באַנק האָט פאַרנומען עפּיס אַ פּריץ אַ „קנעפּעל“, וואָס האָט זיך צעלעגט גאַנץ ברייטליך און פאָפט. ווער דאָס קנע־פּעל איז, פון וואַנען און וואוהין ער פאָהרט — דאָס ווייסט ער ניט, שלום־שכנא הייסט עס. נאָר זעהען זעהט ער, אז דאָס באַדאַרף זיין אַ גרויס קנעפּעל. אָבער גאָר אַ גרויס קנעפּעל! נאָכ׳ן היטעל האָט ער אַרויסגעזעהען. אַ „וואָיענע“ היטעל מיט אַ רויטען אָקאָ־לעשאָק און מיט אַ קאָקאַרדע. „אפשר איז דאָס אַ „וואָיענער“, און אפשר אַ „פּאָליצייסקער“ — ווער קאָן עס וויסען? געוויס איז ער געקומען צו פאָהרען מיט אַ גלאָק, אָפּגעגעסען און אָנגעזשליאָ־קעט, זיך צעלעגט ווי ביי׳ם טאַטען אין וויינגאָרטען און פאָפט! „צו זיין אַ גוי און נאָך אַ קנעפּעל דערצו איז, אַפּנים, טאַקי גאָר

זיי פּלאָנטען די פיס. שלום־שכנא איז אין איינע צרות, טאָרעט דעם ערל פון הינטען אין פּלייצע: „שאָב טובי חוואַראָבע, איוואַנו סערדצע, ווי דו שלעפסט זיך! האָסט פאַרגעסען, איוואַן זלאָדי, אַז אָט־אָט האָבען מיר פסח, פּאַסקאַ נאַשאַ יעווריייסקאַ?" איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. דער ערל, פאַרשטעהט זיך, האָט געשוויגען־געשוויגען, דערנאָך אַז ער טהוט ניט אַ שמייס די פערדלעך, אָבער געשמאַק, איהר האָרכט צי ניין, און די פערדלעך טהוען אַ טראָג דעם וואָגען, ווי די רוחות, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף, פּי־פּאַ־פּאו! שלום־שכנא האָט אַזש דאָס היטעל פאַרלוירען; נאָך אַ מינוט — און ער ווערד צעשאָטען. „איוואַנו סערדצע, דער־זשי קאָני!" — האַלט די פערד, הייסט עס, — שרייט שלום־שכנא צום ערל און חאַפּט זיך מיט ביידע הענד ביי'ם קאָפּ און קלאָגט זיך, אַז ער האָט פאַרלוירען דאָס היטעל. ווי קאָן ער אַריינפאָהרען אין שטאָדט אָהן אַ היטעל? נאָר שריי היינט, שריי מאָרגען, — דער ערל טרייבט די פערדלעך, און די פערדלעך טראָגען. נאָר פלוצים — טפּררוו! — מען איז שטעהן געבליבען, און דוקא אין מיטען פעלד, איהר האָרכט צי ניין, איז מען שטעהן געבליבען, וואָס איז געשעהן? גאָרניט. „שטעה אויף — זאָגט צו איהם דער ערל — שטעה אויף, שוין צייט". וואָס צייט? ווער צייט? פאַרשטעהט נישט שלום־שכנא. חאַפּט ער זיך אויף, רייבט זיך די אויגען און וויל זיך לאָזען געהן, פיהלט ער אָבער, אַז ער איז אָהן אַ היטעל. די משמעות, אַז דער חלום איז ניט קיין חלום; ווי־זשע קומט ער אַהער? עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, איז געקומען צו זיך, דערקענט דעם ערל, אַז ס'איז גאָרניט איוואַן זלאָדי, ס'איז גאָר יאַרעמע דער סטאָראָזש! דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אין זלאָדיעווקע אויף דער סטאַנציע, און אַז ער פאָהרט אויף פסח אַהיים, און אַז ער דאַרף נאָך לויפען צו דער קאַססע נאָך אַ בילעט, נאָר וואָס דענן? נישטאָ קיין היטעל. דאָס טשעמאָדאַנדעל איז דאָ, און דאָס היטעל ניט!

האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, האָט ער מורא, ער זאָל, חלילה וחס, נישט פאַרשפּעטיגען דעם פּאָיעזד, על כן זאָל ער, יאַרעמע הייסט עס, למען השם, טאָמער שלאָפט ער, איהם אויפוועקען, שלום־שכנא׳ן הייסט עס, וואָרום מאָרגען אויף דער נאַכט האָבען מיר יום־טוב, פּסח — „פּאַסקאַ“, גיט ער איהם צו פאַרשטעהן אויף גויעש און רוקט איהם אַריין אין יד אַריין, און זאָגט צו איהם נאָך אַמאָל: „פּאַסקאַ, יאַרעמע, טשי טי פּאָנימאַיעש, גויעשער קאָפּ, נאַשאַ פּאַסקאַ!“ — נעמט דער גוי צו מסתמא, איהר האָרכט צי ניין, די מטבע, לעגט אַריין אין קעשעני און זאָגט איהם צו, אַז ער מעג זיין רוהיג, וויבאַלד נאָר ס׳וועט זיין אַ פּאָוויעסטקע אויפ׳ן פּאָיעזד, אַזוי וועקט ער איהם אויף. און ער נעמט, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך צו, פריהער מיט אַ זייט, דערנאָך אינ־גאַנצען; דאָס טשעמאָדאַנדעל, מע זאָל עס ניט אַוועק׳לקח׳נען, מאָסטעט ער איין נעבען זיך, און אַליין מאָסטעט ער זיך אויך איין, וואָס וויטער אַלץ בעסער און העכער, מאַכט־צו אַ האַלב אויג, מיט דער דעה, געוויינטליך, ער זאָל נאָר חאַפּען אַ דרימעל, נישט מעהר. דערנאָך בויגט ער־אונטער איין פוס, נאָך אַ פוס, — און איז אָט אַזוי פאַוואָלינקע אַנשלאָפען געוואָרען, אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, אַנ־שלאָפען געוואָרען? ראַיעל! ווי גאָט האָט געבאָטען: דעם קאָפּ פאַרוואָרפען, דאָס היטעל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון קאָפּ אויף דער ערד, און מיין שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, חראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטעהט — אַ לעבעדיגער מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאָפען, וואָס פאַר אַ וואונדער?

אַנשלאָפעי געוואָרען, — אַזוי דערצעהלט ער אַליין, שלום־שכנא הייסט עס, — חלומ׳ט זיך איהם אַ מאָדנער חלום, אַ גאַנץ פאַרפלאָנטעניש: אַז ער פאָהרט, איהר האָרכט צי ניין, אַהיים טאַקי אויף פּסח, נאָר וואָס דענן? נישט מיט דער באַהן, מיט אַ גויעשער פוהר פאָהרט ער, מיט אַ באַקאַנטען ערל, איוואַן זלאָדי רופט מען דעם ערל; די פערדלעך שלעפּען זיך, קוים־קוים וואָס

קאַרדע, צעגעהט זיך מסתמא מיט דרך־ארץ, מאַכט דעם אָרון אַ וועג. שלום־שכנא וואונדערט זיך אפילו, נאָר ער געהט ווייטער און באַגעגענט פון וואַגאָן אַרויס אַ קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַנטערען: „זדיעס טרעטי קלאַס?“ — פרעגט איהם שלום־שכנא און שטעלט שוין אַוועק אַ פוס, שטופּט דעם טשעמאָדאַן אויף צופריהער. „זדיעס, וואַשע בלאַהאָראָדיע!“ — ענטפערט איהם דער קאָנדוקטאָר און לאָזט איהם ניט געהן ווייטער. — „ס'איז אָנגעפּאַקט, זאָגט ער איהם, וואַשע בלאַהאָראָדיע, פול ווי אַיין אויג, אַ נאָדעל נישט דורכצוואַרפען!“ און ער נעמט אַוועק ביי שלום־שכנא'ן דאָס טשעמאָדאַנדעל, איהר האַרכט צי ניין, און זאָגט צו איהם: „קומט מיט מיר, וואַשע בלאַהאָראָדיע, וועל איך אַייך געבען אַיין אָרט“. „וואָס פאַר אַ שלאַק? — טראַכט ער זיך, שלום־שכנא, הייסט עס. — וואַשע בלאַהאָראָדיע און וואַשע בלאַהאָראָדיע!“ און זיין קאָפּ ליגט איהם גאָר אין טשעמאָדאַנדעל, ער האָט מורא, אַז פון דעם „וואַשע בלאַהאָראָדיע“ זאָל ער דערווייל נישט בלייבען, איהר האַרכט צי ניין, אָהן אַ טשעמאָדאַנדעל; און ער לויפט נאָך נאָכ'ן קאָנדוקטאָר מיט'ן לאַנטערען, און דער קאָנדוקטאָר מיט'ן לאַנטערען פיהרט איהם אַריין אין וואַגאָן צווייטע קלאַס, נאָר דער וואַגאָן צווייטע קלאַס איז אויך פול געפּאַקט, קאָפּ אויף קאָפּ, אַ נאָדעל נישט דורכצוואַרפען. „געהען מיר ווייטער, וואַשע בלאַהאָראָדיע!“ — מאַכט צו איהם דער קאָנדוקטאָר, חאַפּט דעם טשעמאָדאַנדעל ווידער אַ מאָל און לאָזט זיך געהן ווייטער, און שלום־שכנא נאָך איהם. „וואוהין פיהרט ער מיך?“ — טראַכט זיך שלום־שכנא און ברעכט זיך דעם קאָפּ אויפ'ן וואַשע בלאַהאָראָדיע און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג בעת מעשה פונ'ם טשעמאָדאַנדעל, — דאָס איז ביי איהם בילכער. און אָט זענען זיי שוין אין וואַגאָן ערשטע קלאַס! דאָ שטעלט אַוועק דער קאָנדוקטאָר דאָס טשעמאָדאַנדעל, נעמט זיך פאָדקאָזעראָק, טהוט זיך אַ נייג צו שלום־שכנא'ן, שלום־שכנא צו איהם, און ער, שלום־שכנא, הייסט עס, בלייבט אַליין.

וואו קאָן זיין דאָס היטעל? ער שאַרט אַרום זיך מיט די הענט, שאַרט און שאַרט און טאַפּט אָן אַ היטעל, ניט זיין היטעל — וועד? וואָס? — דעם אָדון בפקדך׳ס היטעל מיט׳ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע, איהר האָרכט צו ניין, און פּאַשאָל גלייך צו דער קאַססע, נאָך אַ בילעט הייסט עס. און ביי דער קאַססע איז איין ענגשאַפט, קאָפּ אויף קאָפּ! האָט ער מורא, שלום־שכנא הייסט עס, טאָמער, חלילה, קויפט מען אויס אַלע בילעטען, שטופּט ער זיך מיט׳ן טשעמאָדאַנדעל צווישען עולם. דערזעהען אַ רויטען אָקאָלעשאָק מיט אַ קאָקאַרדע, טרעט מען איהם אָפּ דעם וועג. „וואָס קאַודאַ, וואַשע בלאַגאָראָדיע?" — פרעגט ביי איהם דער קאַססיר. חדוש׳ט זיך שלום־שכנא: וואָס פאַר אַ בלאַגאָראָדיע אין מיטען דרינען? און אַ ביסעל פאַרדריסט עס איהם: למאי זאָל אַ גוי לאַכען פון אַ אידען? זאָגט ער איהם, שלום־שכנא צום קאַססיר, הייסט עס, אַז קיין כתרילעווקע. פרעגט איהם איבער דער קאַססיר נאָך אַ מאָל און קוקט איהם גלייך אויפ׳ן אָקאָלעשאָק און אויף דער קאָקאַרדע: „וואָסער קלאַס, וואַשע בלאַגאָראָדיע?" פאַרדריסט עס איהם נאָך מעהר, געוויינטליך, און עס ווילט זיך איהם אָפּבאָדען דעם קאַססיר, אָבער טאַקי ראַיעל, ווי עס געהער צו זיין, אַ גוי זאָל ניט האָבען קיין טבע אָפּצולאַכען פון אַ אידען. נאָר צוריק איז ער זיך מיישב: „אַ איד איז אין גלות, איהר האָרכט צי ניין, עט, לאָז מיינס איבערגעהן!" און ער הייסט זיך געבען אַ בילעט דריטע קלאַס. חדוש׳ט זיך דער קאַססיר און פרעגט איהם איבער נאָך אַ מאָל, וועלכע קלאַס? ווערד שוין מסתמא שלום־שכנא רעכט אין כעס און זאָגט איהם ברחל בתך הקטנה: דריטע! איז זיך מיישב דער קאַסיר: דריטע, איז דריטע...

הקיצור, באַקומען דעם בילעט, חאַפּט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאָס טשעמאָדאַנדעל און לאָזט זיך הענדום־פּענדום אין דער סאַמע הושטשע, אידען און, להבדיל, גויים, זוכט דעם וואַגאָן דריטע קלאַס, דער עולם, דערזעהען איין אָקאָלעשאָק מיט אַ קאָ־

אַ פייף און נאָך אַ פייף און הלך משה מרדכי — אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע!

— — — — — — — — — — — — — —

— וואָס ווייטער איז געווען, ווילט איהר וויסען? — אַזוי האָט דער כתרילעווקער איד, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעזקעס, אויסגעלאָזט זיין ספור המעשה מיט אַ שמייכעלע און פעררויכערט אַ פריש פּאַפּירעסעל, דין ווי אַ שטרוי. — וואָס ווייטער איז געווען, דאָס איז שוין ניט וואזשנע. דער עיקר איז, וואָס אונזער „שלום־שכנא דרעה זיך" האָט איבער זיין צעטראָגענקייט געהאַט אַ וויסטען פּסח, אויסגעריסען געוואָרען ביידע סדרים ערגיץ ביי אַ אידען אין זלאָדיעווקע. נאָר דער פּסח, ווי דער פּסח — דער נאָך־פּסח איז געווען אַ סך ערגער: ערשטענס, האָט ער, שלום־שכנא הייסט עס, אַ ווייב, איהר האָרכט צי ניין, — ווי זאָל איך אייך זי מעלדען? א י ה ר האָט אַ ווייב, א י ך האָב אַ ווייב, מיר אַלע האָבען ווייבער און וויסען דעם טעם, וואָס הייסט אַ ווייב... איך קאָן אייך נאָר זאָגען: אַ ראַיעלע אידינע שלום־שכנא'ס ווייב! זי האָט זיך אַ נעם געגעבען צו איהם גאַנץ ראַיעל. זי האָט צו איהם נישט געהאַט קיין טענות ניט דערפאַר, וואָס ער איז ניט געקומען אויף יום־טוב אהיים, און נישט פאַר'ן רויטען אָקאָלעשאָק מיט דער קאָקאַרדע — ניין! דאָס אַלץ איז זי איהם דערווייל מוחל; דערפאַר וועט זי זיך שוין מיט איהם שפּעטער רעכענען; — אַ טענה צו איהם האָט זי געהאַט נאָר פאַר דער דעפּעש. און ניט אַזוי פאַר דער דעפּעש, איהר האָרכט צי ניין, ווי פאַר'ן וואָרט „בעזפּרעמעננאָ". וועלכע גוטע יאָהר האָט איהם געטראָגען, ער זאָל רייך מאַכען קאַזנאַ: „בעזפּרעמעננאָ יעדאו פּאַסקו דאָמאָי"? און בכלל ווי קאָן אַ לעבעדיגער מענטש זאָגען „בעזפּרעמעננאָ"?... עס האָט איהם נישט געהאָלפען קיין שום פאַרענטפערען זיך מיט קיין שום געבען צו פאַרשטעהן. זי האָט איהם באַגראָבען וויפיעל ס'איז אין איהם אַריין, און איז געווען ניט אינגאַנצען אומגערעכט: יענע

געבליבען איינער אליין איבער א גאנצען וואגאן, הויבט אן שלום־שכנא ארומצוקוקען זיך, איהר הארכט צי ניין, וואו ער איז אין דער וועלט; ער פארשטעהט ניט, פאר וואס עפים פלוצים אזא כבוד: וואגאן ערשטע קלאס... פאדקאזעראק... וואשע בקא־ הארדיע!... ניט שוין־זשע איז דאס דערפאר, וואס ער האט דורכ־ געשלאגען אזא געשעפט, געמאכט א אימעניע?... וואלט ער דעם כבוד געהאט פון אייגענע, פון אידען הייסט עס, וואלט נאך געוועזן צו פארשטעהן. אבער גויים! דער קאססיר! דער קאנדוקטאר! צי איז דאס נישט אינגאנצען א חלום?... און שלום־שכנא, איהר הארכט צי ניין, טהוט זיך א רייב דעם שטערן, האפט א קוק פאר־ בייגעהענדיג אויף זיך אין שפיעגעל — ס'איז איהם פרחה נשמתו גע־ ווארען! ער האט דערזעהן, איהר הארכט צי ניין, דעם ארון בפקדך! ער האט איהם דערקענט! „וואס ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאכט און יענע נאכט און א גאנץ יאהר, זאל אויסגעהן צו יארעמיע'ס קאפ און צו זיינע הענט און פיס! איין ערל קאן! מע זאגט איהם אן צוואנציג מאל, און מע באצאהלט איהם, ער זאל אויפוועקען צום פאיעזד מיך, שלום־שכנא'ן, געהט ער, א חלירע איהם אין פנים, און וועקט אויף דעם ארון בפקדך, און שלום־שכנא'ן לאזט ער ליגען אויף דער באנק! א קלאג איז צו דיין קאפ, שלום־שכנא, וועסט שוין, דאכט זיך, פסח האלטען אין זלאדיעוועקע היינטיגס יאהר, ניט אין דער הייס!"... און נישט לאנג געטראכט, האפט ער, שלום־ שכנא הייסט עס, דאס טשעמאדאנדעל, איהר הארכט צי ניין, און — פאוץ פון וואגאן ארויס צוריק אויפ'ן וואקזאל, גלייך צו דער באנק, וואו שלום־שכנא ליגט, אויפוועקען שלום־שכנא'ן, ווארום אקערשט ווי מע זעהט ניט, קאן דער לאקאמאטיוו, חלילה, געבען א פייף און אנפייפען שלום־שכנא'ן אין פסח אריין! און כך הוה: ווי נאר שלום־שכנא איז ארויסגעשפרונגען מיט'ן טשעמאדאנדעל פון וואגאן ארויס, אזוי האט זיך געלאזט הערען, איהר הארכט צי ניין,

קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות

האָט אַזוי אַרויסגעקוקט! נאַר... גאָרנישט. דערויף איז זי אַ ווייב, זי זאָל באַגראָבען אַ מאַן. ס'איז אָבער אַלסדינג בלאָטע קעגען דעם, וואָס ער, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געהאַט פון דער שטאָדט, פון כתרילעווקע הייסט עס, וואָרום איידער שלום־שכנא איז נאָך געקומען דעם צווייטען טאָג חול־המועד אַהיים, האָט שוין די גאַנצע שטאָדט, איהר האָרכט צי ניין, געוואוסט פון דער מעשה מיט יאַרעמע'ן און מיט'ן אָדון בפקדך און מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע און מיט'ן קאָנדוקטאָר'ס וואַשע בלאַהאָראָ־דיע — אַלסדינג! חאָטש ער אַליין, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געלייקענט שטיין און ביין, גע'טענה'ט, אַז דאָס האָבען לצים אויס־געטראַכט, כתרילעווקער לצים; זיי האָבען ניט וואָס צו טהון, עס געהט זיי אָפּ קאָפּוועהטיג, אַפּנים? פאַרשפּעטיגט האָט ער איבער דעם, זאָגט ער, וואָס ער איז אָפּגעפאָהרען אין אַ זייט אָנקוקען אַ אימעניע מיט אַ וואַלד. נאַר ווער מיר אימעניע? וואָס מיר וואַלד? אַ נעכטיגער טאָג! ביי די זייטען האָט מען זיך געהאַל־טען! מיט די פינגער האָט מען אויף איהם געטייט! אַנדערע האָ־בען איהם געפרעגט: „ווי האָט איהר זיך געפיהלט, רב שלום־שכנא, אינ'ם היטעל מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָ־קאַרדע?" אַנדערע האָבען געוואָלט וויסען, צי ס'איז טאַקי אַזוי גוט צו פאָהרען ערשטע קלאַס, ווי די וועלט זאָגט?... קינדער־קונדסים — די זענען איהם נאָכגעלאָפען אַ גאַנצע האַליאַסטרע פון הינטען, איהר האָרכט צי ניין, און געשריגען: „וואַשע בלאַהאָ־ראָדיע! וואַשע וויסאָקע בלאַהאָראָדיע!! וואַשע וויסאָקע־וויסאָ־קע בלאַהאָראָדיע!!!"

— איהר שפּיעלט זיך מיט כתרילעווקע?

אינהאַלט

די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך 7
איין אַנגעלעגטער ברית 19
נחת פון קינדער 31
אַ פערשטעהרטע תתונה 41
נישט פאַר קיין אידען געדאַכט 51
דרייפוס אין כתרילעווקע 59
קיין עין־הרע ניט 69
איהם מעג מען מקנא זיין 77
צוויי שלח־מנות'ען 85
נישטאָ קיין מתים 105
פערבענגט אַהיים 113
ווען איך בין רויטשילד 127
די יורשים 135
די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלעך 155
אויסגעטרייסעלט 211
די גאָלדשפינערס 223
בערעל־אייזיק 245

די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך

געשריבען אין יאהר 1901.

די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך

די שטאָדט פון די קליינע מענשעלעך, וואָס איך פיהר דיך אהין אריין, פריינד לעזער, געפינט זיך פונקט אין דער מיט פון'ם געבענשטען „תחום“, וואו מע האָט אוועקגעזעצט אידען קאָפּ אויף קאָפּ ווי הערינג אין א פעסעל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך פרוכפּערען און מעהרען — און דער נאָמען פון דער דאָזיגער בעריהמטער שטאָדט איז כתרילעווקע.

פון וואנען נעמט זיך דער נאָמען כתרילעווקע? אָט פון וואנען:

ביי אונז איין אָרעמאַן, דאָס ווייסט יעדערער, האָט יתרו'ס נעמען: פארהאַן א געמיינער מאַן, און איין אָרעמאַן. און נעבאך איין אָרעמאַן, און א גרויסער אָרעמאַן, און א געפאלענער, א מקבל, א קבצן, א דלות, א דלפן, איין עני, און איין עני ואביון. איטליכער פון די דאָזיגע אויסגערעכענטע נעמען ווערד ארויסגערעדט מיט איין אנדער מין ניגון... און פארהאַן נאָך א נאָמען: א כתריאל, אָדער א כתריליק. דער דאָזיגער נאָמען ווערד ארויסגערעדט שוין גאָר מיט איין אנדער מין ניגון, למשל: „אוי, בין איך, קיין עין־הרע, א כתריליק!“... כתריליק — דאָס איז שוין נישט גלאט אזוי א קבצן, א שלים־מזל; דאָס איז שוין, פערשטעהט איהר מיך, אזא מין אָרעמאַן, וואָס פאלט נישט, חס־ושלום, אראָפּ ביי זיך מיט זיין אָרעמקייט; אדרבה,

גאָרניט זאָגען: אַ איד אַ בעל־הבית שווערט זיך מיט אַזעלכע שבועות, וועט ער מן הסתם פונ׳ם פינגער ניט אויסזויגען ובפרט, ער האָט זיי געגעבען צו פערשטעהן מיט׳ן שכל דעם כח פון אייזענבאַהן און אויסגעמאָהלט אויף פאַפּיער, ווי אַזוי די רעדער דרעהען זיך, און דער קוימען פייפט, און דער וואַגאָן פליהט, און אידען פאָהרען קיין מאָסקווע... האָבען איהם די קליינע מענשעלעך אויסגעהערט — אויסגעהערט, כלומרשט צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ און אינווענדיג אין האַרצען גוט געלאַכט און געזאָגט: „וואָס קומט ארוים — די רעדער דרעהען זיך, דער קוימען פייפט, דער וואגאָן פליהט, אידען פאָהרען קיין מאָסקווע — און קומען צוריק״...

אָט אַזוי, ווי איהר זעהט, זענען זיי אַלע, די קליינע מענשעלעך, נישט קיין בעלי־מרה־שחורה, קיין פערזאָרגטע בעלי־בית׳לעך. אדרבה, זיי האָבען אַ שם אויף דער וועלט פאַר גרויסע בעלי־המצאות, ווערטעלזאָגערס, לעבעדיגע פרייליכע נשמות. אָרעמע, נאָר פרייליכע. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס איז, אייגענטליך, מיט זיי די גדולה? גאָרניט, חי־געלעבט!... געלעבט? אנו, פרעגט זיי, למשל: „פון וואַנען לעבט איהר?״ — וועלען זיי אייך ענטפערען: „פון וואַנען מיר לעבען? אָט זעהט איהר דאָך, חאַ־חאַ, מע לעבט״... און מערקווירדיג! ווען איהר זאָלט זיי ניט בעגעגענען, לויפען זיי ווי די פער׳סמ׳טע מייז, דער אהער, דער אהין, און האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט. „וואוהין לויפט איהר?״ — „וואוהין מיר לויפען? אָט זעהט איהר דאָך, חאַ־חאַ, מע לויפט. מע מיינט, טאָמער וועט מען עפּיס חאַפּען, פערדיענען אויף שבת״...

פערדיענען אויף שבת — דאָס איז זייער אידעאַל. אַ גאַנצע וואָך וועלען זיי אייך אַרבייטען, מיט בלוטיגען שוויים האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען, קייען די ערד, עסען מכות, טרינקען קדחת, אַבי ס׳זאָל זיין אויף שבת. און באמת, קומט דער ליעבער הייליגער שבת — איז אַ כפרה יעהופּעץ, אַ כפרה אדעס, אַ כפרה

ס'איז גאָר אַ גדולה! אויף אונזער לשון הייסט עס „איין אָרעמס און אַ פרייליכס"...

פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע, העט־ווייט, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיגער וועלט, שטעהט זיך אָט די שטאָדט עפּיס ווי פאַר'יתומ'ט, פאַר'חלומ'ט, פאַר'כשופ'ט און פאַרטיעפט אין זיך זעלבסט, גלייך ווי מיט איהר געהער זיך גאָר ניט אָן אָט דער גאַנצער טאַרעראַם מיט'ן האַרמידער, מיט'ן לוויפעניש, יאַ־געניש, העצעניש, פרעסעניש איינס דאָס אַנדערע מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס מענשען האָבען זיך מטריח געווען צו בעשאַפען און צוגעטראַכט צו דעם פערשיעדענע נעמען, ווי: „קולטור", „פּראָגרעס", „ציוויליזאַציע" וכדומה אַזעלכע שענע ווערטער, פאַר וועלכע אַ רעכטער מענש נעמט אַראָפּ דאָס היטעל מיט גרויס דרך־ארץ. קליינע, קליינע מענטשעלעך!... ניט נאָר פון אויטאָמאָבילען, פון לופטשווימערייי און אַוויאַטיקאַ — זיי האָבען אַ לאַנגע צייט פון אונזער אַלטער געוויינליכער אייזענ־באַהן ניט געוואָלט הערען און נישט געוואָלט גלויבען אפילו, צי ס'איז גאָר פאַרהאַן ערגיץ אַ באַהן אויף דער וועלט. „ווייס איך וואָס, — האָבען זיי געזאָגט, — חלומות, נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד, אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך" — וכדומה אַזעלכע שאַרפע ווערטער. ביז עס האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, איינער אַ כתרילעווקער בעל־הבית האָט בעדאַרפט האָבען קיין מאָסקווע, איז ער געפאָהרען און געקומען צוריק און געשוואָרען מיט כל השבועות, אז ער אליין איז געפאָהרען ביז סאַמע מאָסקווע מיט דער באַהן דריי פערטעל שעה... האָט מען דאָך מסתמא געמאַכט איהם אויסצודרעהען: ווי שווערט דאָס אַ איד אַ בעל־הבית אויף אַזאַ האַרטען ליגען? לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מע האָט איהם ניט גוט פערשטאַנען: ער איז טאַקי מעהר נישט געפאָהרען מיט דער באַהן ווי דריי פערטעל שעה; דאָס איבע־ריגע איז ער שוין געגאַנגען צו־פוס. ווי די מעשה איז — דער פאַקט מיט דער באַהן איז אַ פאַקט, וואָס מע קאָן קעגען איהם

ביי דער טהיר: „געה זאָג דעם פּריץ, אז צו איהם איז געקומען חלילה ניט קיין שנאָרער, נאָר א איד א סוחר, וואָס האָט איהם געבראכט צו פיהרען אזא מין ארטיקעל, וואָס מ'ע קריגט דאָס ניט דאָ אין פּאַריז פאר כל הון דעלמא".

דערהערט אזעלכע דבורים, הייסט רויטשילד, מע זאָל איהם אריינפיהרען אויף א ציקאוועסט דעם דאָזיגען סוחר. „שלום עליכם". „עליכם שלום". „זיצט. פון וואנען איז א איד?" „פון כתרילעווקע". וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?" „וואָס זאָל איך אייך זאָגען, פּאני רויטשילד? די מעשה דערפון איז אזוי: אויף אייך שמועסט מען ביי אונז, אז איהר זענט, קיין עין־הרע, נישקשה'דיג אין מעמד, אויף מיר געזאָגט געוואָרען חאָטש האלב, חאָטש א דריטחלק איז אויך גענוג. נו, און כבוד מסתמא זענט איהר אודאי אויך ניט זשעדנע; וואָרום ווער עס האָט די מאות, זאָגט מען, דער האָט די דעות. הכלל, וואָס פעהלט אייך? איין זאך: דאָס אייביגע לעבען. האָב איך עס אייך געבראכט צו פיהרען אויף צו פערקויפען".

דערהערט „דאָס אייביגע לעבען", מאַכט צו איהם רויטשילד: „מה יקר — וואָס וועט דאָס קאָסטען?" „עס וועט אייך קאָסטען, פּאני, אזוי גרויס (דאָ האָט זיך דער איד פערטראכט) — אזוי גרויס ווי דריי הונדערטער". „אפשר וועלען מיר זיך דינגען?" „ניין, פּאני רויטשילד, ס'וועט ניט געהן. איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס איך וואָלט אייך געקאָנט זאָגען מעהר פון דריי־הונדערט. נאָר גאָרנישט, געזאָגט — איז פאַרפאַלען". אזוי מאַכט צו איהם דער איד, און רויטשילד נעמט מסתמא און צעהלט איהם אויס דריי הונדערטער מזומנים, אחת ואחת. מיין איד קודם־כל לאָזט אראָפּ דאָס ביסעל מזומנ'ס אין קעשענע און רופט זיך אָן צו רויטשילד'ען בזה הלשון: „ווילט איהר לעבען אייביג, איז עצתי, איהר זאָלט אוועקוואָרפען אָט דאָס טומעלדיגע פּאַריז און אריבערפּעקלען זיך בעסער צו אונז קיין כתרילעווקע, וועט

אפילו פאריז! מע זאגט, — און דאס זאל זיין א פאקט, — אז זינט כתרילעווקע איז א שטאדט האט זיך נאך נישט געטראפען, אז א איד זאל דארטען שבת חלילה דארפען הונגערען. ווארום זוי געשיקט זיך עס, אז א איד זאל ניט האבען קיין פיש אויף שבת? האט ער ניט קיין פיש, האט ער פלייש; האט ער ניט קיין פלייש, האט ער הערינג; האט ער ניט קיין הערינג, האט ער חלה; האט ער ניט קיין חלה, האט ער ברויט מיט ציבעלע; האט ער ניט קיין ברויט מיט ציבעלע, לייהט ער ביי'ם שכן; איבעראכטאג שבת וועט דער שכן לייהען ביי איהם— „די וועלט איז א רעדעל און עס דרעהט זיך“... אזוי זאגט ער אייך א גלייכווערטעל און בעווייזט מיט דער האנד, ווי דאס רעדעל דרעהט זיך... ביי די קליינע מענ־שעלעך, אז עס קומט צו א גלייכווערטעל, איז גאר ניט שייך. פאר א גלייכווערטעל וועלען זיי אייך אוועקגעבען, ווי מע זאגט, דעם טאטען מיט דער מאמע. די וועלט דערצעהלט זיך אן פון זיי אזעלכע מעשיות, וואס זעהען אוים ווי אנעקדאטען, נאר מע קאן זיכער ערב זיין, אז דאס זענען לויטער פאקטען.

למשל, מע דערצעהלט פון איינעם א כתרילעווקער בעל־הבית, וואס ס'איז איהם נמאס געווארען צו הונגערען אין כתרילעווקע, האט ער זיך אוועקגעלאזט וואנדערען איבער דער וועלט זוכען גליק, געווארען איין עמיגראנט, און האט פערבלאנזעט אזש קיין פאריז. האט ער מסתמא זעהר חשק געהאט זיך דער־שלאגען צו רויטשילד'ען. ווארום ווי איז דאס א איד אין פאריז און מע זעהט זיך ניט מיט רויטשילד'ען? איז אבער א חסרון — מע לאזט נישט צו. „וואס איז די מעשה?“ „א צעריסענע קאפאטע“. „חכמים איהר זייט! — טענה'ט דער איד. — איך זאל האבען א גאנצע קאפאטע, וועלכע גוטע יאהר וואלט איך געפאהרען קיין פאריז?“ הקיצור — ס'איז נישט גוט. א כתרילעווקער איד אבער פאלט ביי זיך ניט אראפ און גיט זיך איין עצה. ער איז זיך מיישב און רופט זיך אן צום שומר, וואס

ביסעל געדרעהט בארג־אראָפּ, באַרג־אַרויף — און פּלוצים נאָט אייך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? וועט איהר אַ ברירה האָבען נישט געהן איינער אַליין ביינאַכט אָהן אַ לאַנ־טערנע! פאַר די קליינע מענשעלעך זאָלט איהר זיך ניט זאָרגען: אַ כתרילעווקער אין כתרילעווקע צווישען כתרילעווקער וועט ניט פערבלאָנזעט ווערען קיינמאָל; איטליכער טרעפט צו זיך אַהיים, צו זיין אייגען ווייב און קינדער, ווי אַ פויגעלע צו זיך אין נעסט אַריין...

און ווייטער איז פאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ ברייטער האַלב־קיילעכיגער, און אפשר אַ פיערעקעכיגער פּלאַץ, וואָס דאָרטען זענען די קלייטען, די געוועלבען, די יאַטקעס, טישלעך און שטעלכעלעך, און דאָרטען שטעלט זיך אויס דער מארק אַלע פרייהמאָרגען, וואו עס פאָהרען זיך צונויף אַ סך גויים מיט אַ סך גויעס מיט אַלערליי מינים סחורות און עסענוואַרג, פיש מיט ציי־בעלעס, מיט חריין, מיט פעטרעשקע און מיט שאַר ירקות. דאָס ביסעל שאַר ירקות פערקויפט מען און מע קויפט ביי די אידען אַנדערע בעדערפעניששען, און דערפון ציהען דאָס די אידען פּרנסה, אַפילו ניט אַזוי ברייט, נאָר פאָרט פּרנסה. בעסער פון גאָרניט איז דאָך עס... און דאָרטען, טאַקי אויף דעם זעלביגען פּלאַץ, ליגען אויסגעצויגען בייטאָג אַלע ציעגען פון שטאָדט און וואַרע־מען זיך קעגען דער זון, און דאָרטען טאַקי זענען, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שוהלען מיט די קלייזלעך מיט די חדרים פון שטאָדט, וואו אידישע קינדער לערנען תורה, דאַווענען, לייענען און שרייבען; די רבי'ס מיט די תלמידים זינגען און שרייען אויף קולי־קולות, אַז מע קאָן טויב ווערען... און אויך דאָס מרחץ, וואו ווייבער באָדען זיך, און אויך דער „הקדש", וואו אידען שטאַרבען, און אַלע איבעריגע גוטע ערטער, וואָס לאָזען זיך הערען פון דערווייטען... נייז, כתרילעווקע ווייסט נאָך ניט פון קיין „קאַנאַליזאַציע", וואַסערלייטונג, עלעקטריציטעט און נאָך אַזעלכע לוקסוס־זאַכען; נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? „מע שטאַרבט,

איהר קיינמאָל ניט שטאַרבען, וואָרום זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָדט, איז ביי אונז נאָך קיין גביר קיינמאָל ניט געשטאָרבען“...

און נאָך אַ מעשה האָט זיך געטראָפען, אייגער האָט אָנ־געשפּאַרט אַזש קיין אַמעריקאַ... נאָר איך זאָל האַלטען ביי דער־צעהלען מעשיות, איינפאַלען און המצאות פון די קליינע מענשע־לעך, וואָלט איך בעדאַרפט זיצען מיט אייך דריי טעג מיט דריי נעכט און דערצעהלען און דערצעהלען. לאָמיר בעסער איבערגעהן צו די בעשרייבונגען פון דער שטאָדט גופא.

איהר ווילט אודאי וויסען, ווי אַזוי זעהט אויס כתריל־עווקע? שען, אַזוי ווי גאָלד. און ווער שמועסט, פון דער וויטענס! פון דער וויטענס האַפּט דאָס דעם אָנבליק פון... אַ וואָס זאָל איך אייך, אשטייגער, זאָגען? פון אַ סאָנישניק, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט סעמיטשקעס, אָדער פון אַ לאָקשענברעט מיט פאַרפעל אַ סך. ווי אויף אַ טעלער, ליגט פאַר אייך די שטאָדט, און איהר קאָנט זי זעהען פאַר אַ מייל מיט אַלע איהרע אַנטיקלעך. וואָרום די שטאָדט גופא, פערשטעהט איהר מיך, שטעהט אויף אַ באַרג, דאָס הייסט, אויף דער שטאָדט האָט זיך אָנגערוקט אַ באַרג, און אונטער'ן באַרג שטעהען הייזלעך אַ סך, איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קברים אויף איין אַלטען בית־עלמין, ווי אַלטע שוואַרצע איינגעבויגענע מצבות. קיין גאַסען איז ניט שייך צו זאָגען, מחמת די הייזער געהען נישט געבויעט, אויסגערעכענט און אויסגעמאָסטען נאָכ'ן צירקול, און קיין סך פּלאַץ צווישען די הייזער איז אויך נישטאָ; לּמאי זאָל שטעהן אומזיסט־אומ־נישט אַ לעדיגער פּלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלען אַ שטוב? סע שטעהט אין פּסוק: „ל ש ב ת י צ ר ה“ — איז דער פּשט: די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אויף ישוב, א ו י ף צ ו ' ז י צ ע ן, נישט אויף צו קוקען. וואָס פאַר אַ קוקען?...

פון דעסטוועגען, האָט קיין יסורים ניט, פאַרהאַן גאַסען אויך, גרויסע גאַסען און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך. אַיי וואָס, ס'איז נישט עפּים אַזוי גלייך, אַ

איהר זאָלט זעהען, וואָס דאָרטען טהוט זיך אָפּ, אַז עס קומט סוף זומער, ארום ראש־חודש אלול, די „וויינענדיגע טעג" — איי־איי־איי! אידען און ווייבער — דערהויפּט, ווייבער — אויף און אָפּ, סע ווימעלט און סע שווימעלט — אַ ווערטעלע „קבר־אָבות"! פון דער גאַרער וועלט קומט מען אַהער אַ ביסעל זיך אויסוויינען און אויסגיסען דאָס ביטערע האַרץ אויף די הייליגע קברים. הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אין ערגיץ וויינט זיך ניט אַזוי גוט און אַזוי געשמאַק, ווי אין כתרילעווקע „אויפ'ן פעלד". דאָס הייסט, אין די שוהלען דאָרטען וויינט זיך אפילו אויך גאַנץ נישקשה'דיג. נאָר ווי קומט דאָס צו קבר־אָבות? דאָס „קבר־אָבות" איז אַ שטיק פּרנסה פאַר די כתרילעווקער שטיינשניידערם, בעלי־אכסניות, חזנים און שמשים, און דער ראש־חודש־אלול איז פאַר די דאָרטיגע אָרעמע לייט, ווייבער און קאַליקעס די אמת'ע „שניט־צייט".

„זענט איהר שוין געוועזן ביי אונז אויפ'ן פעלד?" — וועט אייך פרעגען אַ כתרילעווקער מיט גדלות, גלייך ווי ער וואָלט אייך, אשטייגער, פרעגען, צי זענט איהר געוועזן ביי זיין טאַטען אין וויינגאָרטען? אויב איהר זענט נאָך ניט געוועזן, טהוט איהם צוליעב און געהט זיך דורך צו זיי „אויפ'ן פעלד", לייענט איבער די אַלטע שטאַרק־אָפּגעריבענע אויפשריפטען אויף די האַלב־איינגעפאַלענע מצבות, וועט איהר געפינען אין זיי אַ שטיק געשיכטע פון אַ גאַנץ פאָלק... און אויב איהר זענט אַ מענש פון ההפעלות און בעגייסטערונג, וועט איהר, בעטראַכטענדיג די דאָזיגע אָרעמע שטאָדט מיט איהרע רייבע בית־עולם'ס, זיך ניט קאָנען איינהאַלטען און איבער'חזר'ען דעם אַלטען פּסוק: מ ה ־ ט ו ב ו — ווי גוט זענען דיינע געצעלטען, יעקב! דיינע רוהע־ערטער, ישראל!...

הערט איהר, אומעדום מיט אלץ איין טוידט, און מע לעגט ארײַן, הערט איהר, אומעדום אין אלץ איין ערד אריין, און מע קלאפּט־צו אומעדום, הערט איהר, מיט דער אייגענער לאפּעטע!" — אזוי פלעגט זאָגען אלע מאָל מיין רבי רב ישראל מלאך אויף א שמחה, דוקא דעמאָלט, ווען ער איז געווען רעכט פרייליך, גוט אונטער'ן גלעזעל און שוין פארטיג צו פערקאטשען די קאפּאָטע און געהן א „דייטש", אָדער האפּען א „קאָזאק"...

מיט וואָס כתרילעווקע מעג זיך יאָ בעריהמען — דאָס איז מיט איהרע בית־עולם'ס. צוויי רייכע בית־עולם'ס פערמאָגט די דאָזיגע געבענשטע שטאָדט: איין אלטען בית־עולם און א נייעם בית־עולם. דאָס הייסט, דער נייער בית־עולם איז, מאָהלט איך, אויך גענוג אלט און גענוג רייך אין קברים. עס וועט שוין באלד ניט זיין וואו צו „לעגען", טאָמער חלילה א פּאָגראָם, א חלירע אָדער אזוי עפּיס איין אומגליק פון די היינטיגע אומגליקען.

איבערהויפּט, נעמען זיך איבער די כתרילעווקער קליינע מענ־שעלעך מיט'ן אלטען בית־עולם. דאָס אלטע בית־עולם זייערס, האָטש ס'איז שוין פערוואָכסען מיט גראָז און מיט בוימלעך און כמעט אָהן איין גאנצע מצבה, האלטען זיי דאָס פון דעסטוועגען פאר א ציערונג, א שייגדעלע, א רייכטהום, און היטען דאָס אָפּ, ווי דאָס שווארצאפּעל פונ'ם אויג. ווארום אחוץ וואָס דאָרטען ליגען זייערע אבות־אבותיהם, רבנים, צדיקים, לומדים, מפורסמים, גרויסע לייט, — איז א סברה, אז דאָרט געפינען זיך א היבש ביסעל קדושים נאָך פון דער היידאמאטשינע, פון חמעלניצקי'ס צייטען... אט דאָס „הייליגע אָרט" — דאָס איז זייער איינציג שטיקעל אייגענס אויף דער וועלט, וואו זיי זענען די איינציגע בעלי־בתים, זייער איינציג שטיקעל ערד, זייער איינציג שטיקעל פעלד, וואו עס שפּראָצט א גרעזעל און עס וואכסט א בוימעל און די לופט איז פריש און עס אָטהעמט זיך פריי...

אײן אָנגעלעגטער ברית

נעשריבען אין יאָהר 1901.

אַיין אָנגעלעגטער ברית

— שלים־מזל ! ווען קומט איהר אויס געהן צו־קינד ? ערב יום־טוב !

— קוים דערלעבט א נחת !

— אז מיר ווּעלען ווערט זיין ביי גאָט, וועט נאָך זיין א יונגעל אויך. אָט וועט איהר זעהען !

— זי מוז געבוירען משיח'ן, ניט אנדערש !

אזעלכע וכדומה אזעלכע ווערטלעך זענען געפלויגען דעם גאַנצען טאָג ביי הענוך דעם סטאָליר אין שטוב, און רייזעל האָט זיך געקנייטשט, געיאָקעט, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

עס זענען געווען מינוטען אזעלכע, וואָס זי האָט זיך בע־האַלטען אין א ווינקעלע, זיך געקנייפּט דאָס פּנים, געריסען פון זיך שטיקער פלייש און געבעטען אויף זיך דעם טוידט.

— רבונו של עולם ! זיסער פאָטער, הארציגער, געטרייהער, העלף מיר שטארבען !...

רייזעל איז געגאַנגען צו־קינד נאָך פון גאַנץ פריה אָן, נאָר זי האָט זיך בעהאַלטען, קיינער זאָל ניט וויסען. אָרום פאַרנאַכט, אַז עס האָבען זי א חאַפּ געטהאָן די רעכטע „וועהען", איז זי אַריינגעפאַלען אין בעט אריין, אָנגעהויבען ברעכען די הענד, צענויפגעקרעמפּעוועט די צייהן, געוואָרען ברוין און בלוי און האָט אויסגעשריען נישט מיט איהר קול :

אזוי האָט מען געשמועסט וועגען איהם אין כתרילעווקע, ביי העניך דעם סטאָליר אין שטוב, אַלע — אַ חוץ רייזלען.

רייזעל האָט אַ נ ד ע ר ש געקלערט וועגען איהר זעטלען. זי האָט איהם געקענט בעסער פון אַלעמען, האָטש זי איז געווען מיט איהם אינאיינעם נישט מעהר ווי פיער חדשים.

רייזעל האָט אַרויסגעקוקט אויף איהם אַלע מינוט, אַלע רגע; אויב ער לעבט נאָר און איז געזונד, וועט ער געוויס קומען, אָדער האָטש שרייבען אַ בריוועל, שרייבען אַ בריוועל און צושיקען איהר זיין „פּאָטרעט“. אוי, ווען גאָט העלפט איהר, עס קומט איהר אָן דאָס גוטע בריוועל מיט'ן „פּאָטרעט“, ווער איז צו איהר דעמאָלט גלייך?

אַ סך טעג האָט רייזעל אָט אזוי אַרויסגעקוקט. אַ סך נעכט איז זי ניט געשלאָפען. אַ סך טרערען האָט זי אויסגעגאָסען שטילערהייד, בעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען, לייט זאָלען ניט זעהען, גוטע פריינד זאָלען ניט האָבען קיין יסורים, שונאים זאָלען זיך ניט פרייהען אויף איהרע צרות.

און איהרע צרות זענען געווען געגוג גרויס, וואָרום זי האָט דערפיהלט, אַז זי בעדאַרף ווערען אַ מוטער... וועה און ווינד, וואָס וועט זי טהון? וואוהין וועט זי זיך קעהרען און ווענדען? זי זאָל ניט מורא האָבען פאַר גאָט און פאַר'ן גיהנם, וואָלט זי זיך נאָר אַ מעשה אָנגעטהאָן!

ס'איז אַ סברה, אַז איינמאָל איז זי געווען ביי'ם טייך, גע־וואַשען גרעט, האָט זי זיך געוואָלט אַריינוואַרפען אין וואַסער אריין. האָט זי זיך דערמאָנט אָן יענער וועלט, האָט זי גע־האַפּט דאָס פּעקעל גרעט און האָט זיך געלאָזט, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, לויפען אַהיים. אַזוי ווי זי לויפט, בעגעגענט זי זיך מיט שרה־רחל'ען די באָבע.

— וואָס לויפסט דו אַזוי, טאָכטער מיינע? — פרעגט זי שרה־רחל.

— מאמעניו! געב מיר כח, איך זאָל קאָנען שטארבען!!

שרה־רחל די באָבע, וואָס איז געשטאַנען איבער איהר בעט, האָט שוין, נישקשה, געזעהען אזעלכע זאכען. זי האָט זיך אָנ־געבויגען צו איהר מיט פערקאַטשעטע ארבעל ביז די שפּיצעכיגע שווארצע עלענבויגענס און האָט זי געטרייסט:

— שריי, שריי, מיין קינד! אַ געוויגערין באַדאַרף שרייען. נאָך איין געשריי, וועסט דו, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייד. די מאַמע דיינע פון יענער וועלט טהוט זיך פאר דיר איצטערט מיהען. דער טאַטע דיינער שטעהט אַצינדערט פאר'ן בית־דין־של־מעלה און טהוט טהון בעטען פאר דיר. דו וועסט, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייד און וועסט האָ־בען אַ זוהן, אַ טרייסט צו דיינע צרות...

די „וועהען" געהען־איבער, און רייזעל בלייבט ליגען, ווי אַ פּריטשמעליטע, אַ פער'שכור'טע, און עס קלינגט איהר אין די אויהערען, און זי שלאָפט ניט, נאָר זי איז פערטומעלט. זי ווייסט ניט, וואו זי איז אין דער וועלט. עפּיס טהוט זיך מיט איהר. עפּיס וועט מיט איהר זיין. אפשר איז דאָס איין עק צו איהרע צרות? אפשר שטארבט זי? רייזעל וויל ניט שטארבען. ניין! זי האָט נאָך אַ האָפענונג אויף דעם וואָס לעבט אייביג, אז איהר זעטעל וועט קומען, קומען צו פאָהרען פונ'ם ווייטען אמעריקאַ, און זי וועט נאָך וויסען פון אַ לעבען מיט איהר ליעבען טהייערען זעטלען.

וואו איז זעטעל?

זעטעל דער שניידער האָט זיך עטליכע חדשים נאָך דער חתונה אַוועקגעלאָזט זוכען פּרנסה. קיין אַמעריקאַ איז ער אַוועק־געפאָהרען. אַלע פאָהרען איצט קיין אַמעריקאַ. אַוועקגעפאָהרען זעטעל — און ניטאָ, ווי אין וואַסער אַריין.

„געוויס איז ער דאָרט אַ חתן געוואָרען, געגומען פריש נדן, אויסקרענקען זאָל ער דאָס דאָרטען, רבונו של עולם!"

— און אז ער וועט וויסען, וועט ער זיך צעקראַצען דאָרטען, דער שניידערוק, פארחאַפּט זאָל ער ווערען! — לעגט־צו אַ קנויטעל אסנה די קורעלאַפּניטשקע.

די דאָזיגע ווייבער — דאָס זענען אַלץ שכנים, וואָס זיצען מיט רייזלען ביי העניך דעם סטאָליר אין שטוב. איטליכע פון זיי האָט זיך איהר אַלקירעל, איהר בעל־הבתישקייט, איהר בעט־געוואַנט, איהר מאַן און אי׳הרע קינדערלעך. און קינדערלעך זענען דוקא ביי זיי, ברוך השם, גענוג. ס׳איז דאָרטען שטענדיג אַ הו־האַ, אַ געשריי, אַ געפּילדער: די קינדער צווישען זיך רייסען זיך; די בעל־הבית׳טעס קאָכען און באַקען אַלע ביי איין אויווען, פיהרען צווישען זיך רכילות, רעדען איינע אויף דער אַנדערער לשון־הרע. קריעגען זיך און בעטען זיך איבער, לייהען און פערלייהען איינע דער אַנדערער, אַבי ס׳איז נאָר פאַרהאַן וואָס. פרייהען זיך אַלע אינאיינעם אויף איין שמחה און לעבען כמעט ווי איין משפחה.

רייזעל האָט זיך אויפגעחאַפּט ווי פונ׳ם שלאָף מיט אַ נייעם מין געשריי:

— גאָט! גאָט! גאָט!...

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, טאָכטער! — האָט זי שרה־רחל געטרייסט. — אַצינדערט געהען ערשט די רעכטע „וועהען“. נאָך איינע צוויי־דריי גוטע געשרייען וועסט דו, אם ירצה השם, אי־בערקומען געזונטערהייד... אָט אַזוי, אָט אַזוי... מזל טוב דיר, טאָכטער, האָסט געהאַט אַ יונגעל!

אַז ס׳איז געבאָרען געוואָרען ביי רייזלען דאָס יונגעל, איז דאָס ערשטע געווען אויסבאָדען דאָס קינד, איבערוויקלען און בעטראַכטען אין וועמען איז דאָס געראָטען — און אַלע דריי ווייבער האָבען אויסגעשריגען אין איין קול:

— אַ וועהטיג איהם אין פּנים! אינגאַנצען „ער“ מיט די ביינער!

האָט זיך רייזעל צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און שרה־רחל, וואָס האָט געהאַט אַ „גענים אויג“, האָט באַלד פערשטאַנען וואָס דאָ איז, און זי האָט איהר גענומען אויסרעדען דאָס האַרץ, ווי ווייט זי האָט געקאָנט.

— ס'איז אַ גאָטס־זאַך, — האָט איהר שרה־רחל געזאָגט — ס'איז פון גאָט. אַ קשיה, אפשר אין דעם זכות וועט קומען זעטעל ?...

דערהערט דעם נאָמען זעטעל, האָט זי דערפיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז איהר צוגעטרעטען צום פנים — און ביידע ווייבער האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פרעמדער פריזבע, זיך געשושקעט־געשושקעט, גערעכענט אויף די פינגער און צעגאַנגען זיך.

וויפיעל רייזעל האָט געקאָנט האָט זי דעם סוד געהאַלטען טיעף ביי זיך פערבאָרגען, ביז עס איז איינמאַל אין אַ שענעם פריהמאָרגען אַרויסגעשפרונגען און ס'איז געוואָרען אוים סוד, און פון דעמאָלט אָן איז העניך דעם סטאָליר'ס שטוב געוואָרען פאַר איהר אַ גיהנם. עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף איהר, אַלע רעדען פון איהר, און מעהר פון אַלץ האָט זי נישט געקאָנט איבערטראָגען דאָס, וואָס מע שעלט איהר זעטלען. ווער עס האָט גאָט אין האַרצען באַדט זיך אין זיין בלוט.

מעהר פון אַלעמען איז איהר דערגאַנגען די יאָהרען לאה די בעקערין. לאה די בעקערין האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט, פלעגט זי איהר אונטערטראָגען אָפטמאָל אַ פריש שטיקעל בולקע, אַ ברויטעל, אַ „ווישקראָבעק“ און זאָגען בשעת מעשה:

— נאָ, רייזעל, פאַרזוך דאָס געבעקס, וואַרגען זאָל ער זיך דאָרטען אין אַמעריקע, דער שאַרלאַטאַן דיינער, כ'יט'ן ערשטען ביסען, זיסער גאָט!

— ער זאָל חאָטש וויסען דאָרטען, אַז אָט־אָט ווערד ער אַ טאַטע, דער רוח זאָל איהם נעמען! — העלפט איהר אונטער פרומע די מלמד'קע.

ביי די זייטען איז געשטאַנען דער געוויסער פּסוק:

מכשפה לא תחיה.
לא מכשפה תחיה
תחיה מכשפת לא

און אונטען, מיט גאַנץ גרויסע אותיות:

ס נ ו י ס נ ס נ ו י ס מ נ ג ל ף

די געוויסע פּערבאַרגענע ווערטער, וואָס זענען אַ סגולה צו אַ „גוט־אויג" און צו אַלע צרות. הכלל, עס איז בעשאַפען געוואָרען אַלסדינג, וואָס מע בעדאַרף.

די קימפּעטורין איז געלעגען און האָט נאָר בעטראַכט די ראַזיגע ווייבער:

— גאָט זאָל זיי צאָהלען! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וועלכע מעשים טובים?...

אַז די מאַנסבילען האָבען זיך אַביסעל אָפּגעפּאַרטיגט מיט אַלע אַרבייט, האָבען זיי געמאַכט אַ שמועס מכח פּראַווען אַ ברית.

העניך דער סטאָליר, חאָטש ער איז אַ איד ניט קיין גביר און קיין יונגלעך איז ער ניט זשעדנע ביי זיך, פון דעסטוועגען האָט ער געזאָגט, אַז ווי באַלד די שמחה איז ביי איהם אין שטוב, וויל ע ר די מצוה און נעממ דעם ברית אויף זיך. האָט זיך דער איבעריגער עולם געפונען ווי בעלעדיגט:

— פאַר וואָס קומט איהם איינעם אַליין אַזאַ מצוה? ער האָט זעהר שען גע'דרש'עט? דער ברית איז אַ ל ע מ ע נ ס ברית!

אַז ס'איז געקומען צו די כבודים אויסטיילען, איז געוואָרען אַ שטיקעל סכסוך.

העניך דער סטאָליר האָט גערעכענט, אַזוי ווי ער איז בעל־הבית, וועט מען איהם מסתמא געוויס אָפּגעבען סנדק, — האָט ער אָבער געהאַט אַ מיאוס'ען טעות. סנדק, האָבען אַלע געזאָגט, קומט רב חיים־חנא דעם מלמד, מחמת רב חיים־חנא דער מלמד איז אַ איד, וואָס קאָן, פערשטעהט איהר מיך, לערנען. האָט שוין

נאכדעם האט מען אנגעהויבען שמועסען מכח א ייכעל פאר דעו קימפעטורין. האט איינע אויסגעווארפען דער אנדערער, פאו וואס מע האט נישט פערזארגט די קימפעטורין חאטש מיט איין עוף. די גאנצע באד האט מען ארויפגעלעגט, געוויינטליך, אויף אסנה די קורעלאפניטשקע.

— איהר זענט א אידינע, וואס קאטארי איהר האנדעלט מיט עופות, זענט איהר ניט קליין געוועז פריהער מיט צוויי וואכען אוועקזעצען איין עוף פון רייזעל׳ס וועגען! ? פראסטע וואלטען מיר שוין אליין געקויפט, און שחיטה־געלט וואלטען מיר גענומען אויף זיך.

לאה די בעקערין האט פערקאטשעט די ארבעל און האט זיך אוועקגעשטעלט מאכען פוטערגעבעקס פאר דער קימפעטורין, און פרומע די רביצין איז אוועקגעלאפען צו איהר מאן, רב חיים־חנא דער מלמד, און האט ביי איהם גע׳פועל׳ט, ער זאל באלד אנשרייבען שיר־המעלות׳ען פאר דער געווינערין.

האט חיים־חנא דער מלמד פערקאטשעט די ארבעל און האט אנגעשריבען שיר־המעלות׳ען, וואס ביי דער רייכסטער גע־ווינערין האט מען אזעלכע נישט געזעהן. אין מיטען איז געשטא־נען אויסגעמאהלט א געצאצקעטע פיראמידע:

ליפּען, האָט אַרײנגעהאַקט דרײ כּוסות מיט אַ מאָל און איז אַװעק מיט זײן װינשעװאַניע נאָך װײטער:

— לחיים! לאָז גאָט געבען, מיר זאָלען דערלעבען טררררינקען אויף ברית'ען, אויף בר־מצוה'ס און אויף חתונות בײ איהם, און בײ זײנע קינדער, און בײ זײנע אײניקלעך, און בײ זײנע אור־אור־אור־אײניקלעך!

און די װײבער האָבען אויך גענומען צו קאַפּעטשקעלעך, און זענען געװאָרען רויטפּאַרביג און שטאַרק בערעדעװדיג, און האָבען גערעדט אַלע אינאײנעם, װי די גענז.

נאָכדעם האָבען די מאַנסבילען אַרויסגעטראָגען די טישען מיט די בענקלעך, אַראָפּגעװאָרפען, מחילה, די קאַפּאָטעס און האָבען געחאַפּט אַ טענצעל, מחילה, אין די תחתונים, װי, להבדיל, שמחת־תורה.

און אויפ'ן בעטעל, פערהאַנגען מיט אײן אַלטען צעריסענעם לײליך, אַרומגעשטעקט פון אויבען ביז אַראָפּ מיט שיר־המעלות'ען, איז געזעסען רײזעל די קימפּעטורין מיט אַ ברעקעלע קינד אויף די הענד, געװיקעלט אין שמאַטעס, צוגעטולעט צו דער ברוסט. זי האָט געקוקט אויף די דאָזיגע גוטע מענשען, װאָס האָבען גע־װאונשען איהר אַזוי פיעל גוטס, זי װײסט ניט פאַר װאָס און פאַר װען, און האָט געקוקט אויף איהר קינד, איהר טרײסט:

— אינגאַנצען ע ר! ע ר מיט די בײנער!

און צװײ טרערען האָבען אַראָפּגעקאַפּעט פון איהרע שענע בלויע טיעפע אויגען, געקויקעלט זיך איבער איהר בלאַס אויס־געמוטשעט פּנים און אַראָפּגעפאַלען אויף דער װײסער יונגער ברוסט.

העניך דער סטאָליר געמוזט נאָכשטופּען די קארעטע און זאָגען, אַז ער האָט אַליין אויך גאָר אַנדערש ניט גערעכענט... דערפאַר האָט מען איהם מכבד געווען מיט כסא־של־אליהו, און מציצה האָט מען געמוזט אוועקגעבען אסנה דער קורעלאפּניטשקעס מאַן, מחמת אַסנה דער קורעלאפּניטשקעס מאַן איז אַ בייזער איד. ער קאָן מאַכען אַ סקאַנדאַל!

הקיצור, מע האָט זיך מיט די כבודים ווי עס איז איינגעטיילט.

איז געבליבען נאָך איין זאַך, סאַמע דאָס בעסטע: וואו וועט מען נעמען משקה?

— משקה? — רופט זיך אָן שרה־רחל די באָבע. — איהר זאָלט שוין אזא דאגה האָבען מיט אַלדאָס גוטס, ווי איהר האָט אַ דאגה מיט משקה!

און שרה־רחל האָט געחאַפּט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס און איז אוועק צו איהר איידעם יודעל דעם וויינער, וואָס מאַכט די זיסע בראָנפענס, און האָט איהם געבראַכט צו פיהרען אויפ'ן ברית מיט צוויי פלעשלעך רויטען בראָנפען, וואָס מע רופט דאָס „קראַמבאַמבולי". און אַז דער עולם האָט נאָך די פיש גענומען צו גלעזלעך „קראַמבאַמבולי", איז מען באַלד געוואָרען לעבעדיג, פרייליך, און עס האָבען אָנגעהויבען פליהען לחיים'ס.

— לחיים! — האָט געזאָגט דער „סנדקא", רב חיים־חנא דער מלמד, אַ איד מיט איין אויסגעפליקטער באָרד פון איין זייט און מיט אַ שוואַרצער גלאַנצענדיגער פעטשיילע אויפ'ן האַלז. — לחיים! לאָז גאָט העלפען, מיר זאָלען דערלעבען טרינקען אויף זיין בר־מצוה.

— לחיים! — האָט געזאָגט „כסא־של־אליהו", העניך דער סטאָליר. — לחיים! לאָז גאָט געבען, מיר זאָלען דערלעבען טרינקען אויף זיין חתונה!

און דער „בעל־מציצה", אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, איין אויסגעדיענטער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט מיט גראָבע שוואַרצע

נחת פון קינדער

מאָנאָלאָג.

געשריבען אין יאָהר 1901.

נחת פון קינדער

(מאָנאָלאָג).

— קיין נגיד, הערט איהר, בין איך ניט. ווייט פון א נגיד. גאָרנישט. אַ בעל־הבית מיט אַ דירה איין אייגענע. האָטש וואָס האָט מען, משטיינס געזאָגט, ביי אונז פון אַ דירה? מכות! — נאָר נחת פון קינדער, קאָן איך מיך באַריהמען, האָב איך, ברוך־השם. מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתרילעווקע! ביי מיר, הערט איהר, אַז עס קומט אַ יום־טוב און עס קומען זיך צענויף אַלע קינדער, קיין עין־הרע, זיהן און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך — ווער איז צו מיר גלייך?

למשל, נעמט פורים צו דער סעודה.

וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אייך, האָט אַ סעודה, אַז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיט'ן ווייב און מע עסט?

נו, שטעלט אייך פאָר, אַז איך האָב שוין אָפּגעגעסען די פיש מיט דער יויך, לאָקשען, צימעס, דאָס, יענץ — נו וואָס? בלאָטע שבבלאָטע! אַ פערד, להבדיל, עסט אויך. אַ מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פערד. ובפרט אַ איד. ובפרט יום־טוב. ובפרט אַזאַ יום־טוב, ווי פורים צו דער סעודה!

קודם כל — די קינדער, קיין עין־הרע.

אכט האָב איך, זאָלען געזונט זיין, אַלע אויסגעגעבענע. (געווען צוועלף — פיער זענען, די צו לענגערע יאָהר, אַוועקגעגאַנגען). האַלב זענען זיהן, האַלב זענען טעכטער; פיער איידעמס

תנ"ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריגע היינטיגע שאַלעמויזען שמועסט מען ניט. זייער לייענען און זייער שרייבען אידיש און רוסיש און דייטש און פראַנצויזיש, און און און...

אז איך באַדאַרף אַמאָל אַ בריוועל איבערלייענען, איין אַדרעס אָנשרייבען, צי וואָס, — ווערד אַ מלחמה: „זיידעניו, אַט וועל איך! זיידעניו, אַט וועל איך!"

אַי וואָס, איהר וועט פרעגען „פּרנסה"? עט, פאַרהאַן אַ גרויסער גאָט! ער פיהרט אויס. אַ מאָל אַזוי, אַ מאָל אַזוי. אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער. מאַהלט אייך, מעהר ערגער ווי בעסער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיט'ן יאָהר, אַבי געזונט, ווי זאָגט איהר.

מיין עלטערען זוהן איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז געזעסען אין אַ דאָרף, אין זלאַדיעוווקע איז ער געזעסען, און געהאַט גאַנץ פיין פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פונ'ם דריטען מאַי, האָט מען איהם געבעטען מחילה; האָט ער דאָך מסתמא געבריה'ט זיך, געוואָלט אויסווייזען, אַז ער איז גיט קיין „פּאָסעליוושייסיאַ", געבראַכט פּאַפּיערען, אַז ער זיצט דאָרטען נאָך פון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקיצור, ס'האָט ניט געהאָלפען קיין שמע־ישראל, מע האָט איהם אַרויסגעטריבען, און ער קען נאָך עד היום צו זיך ניט קומען... זיצט ער ביי מיר מיט ווייב און קינדער. אַ ברירה האָט מען?

און דעם אַנדערען זוהן מיינעם געהט נעבאַך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טהון — איז שלים־שלים־מזל, ווי זאָגט איהר, „מיט דער פּוטער אַראָפּ". קויפט ער תבואה, ווערד אַ זול. האַנדעלט ער אַיין אָכסען, פּגר'ען זיי. ריהרט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַרעמער ווינטער — אַ בר־מזל! ער זאָל אַ קוק טהון אין טייך, וואָלטען געפּגר'ט אַלע פיש... האָב איך מיך מיישב געווען און זאָג איהם: „ווייסט דו וואָס? פּעקעל זיך אַריבער מיט ווייב און קינדער צו מיר. ממה נפשך!"...

און פיער שניר; האָט איהר שוין, קיין עין־הרע, א קיימא־לן פון
וועכצעהן.

היינט איניקלעך, לעבען זאָלען זיי!

נישט צו פאַרזינדיגען. וואָרום אַלע טעכטער און אַלע שניר
קינדלען, ברוך־השם, אַלע יאָהר; ביי וועמען ס'איז פאַרהאַן עלף,
ביי וועמען — נייען, ביי וועמען זיעבען. קיין עקרות, אַזעלכע,
הייסט דאָס, וואָס זאָלען חלילה נישט האָבען גאָר נישט, איז ביי
מיר נישט פאַרהאַן.

נאָר מיט איין זוהן, מיט'ן מיטעלסטען, האָב איך געהאַט
אַביסעל צו טהון: מיין שנור האָט אַ צייט קיין קינדער נישט
געהאַט. נישטאָ און נישטאָ — און גענוג!

האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבדיל
דער טאַטער — עס העלפט נישט.

קיצור־הדבר, ס'איז געבליבען — גט'ען זיך.

מילאַ, גט'ען זיך — גט'ען זיך. ס'איז געקומען צום גט'ען
זיך — ווער? וואָס? זי וויל ניט!

וואָס הייסט, זי וויל ניט? זי האָט איהם, זאָגט זי, ליעב.
טפש איינער! וואָס הערסט דו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך
ליעב? זאָגט ער: איך האָב זי אויך ליעב. וואָס זאָגט איהר אויף
דעם חכם? איך זאָג איהם „קינדער" — זאָגט ער „ליעב"!...
וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ לעקיש?

קיצור־הדבר, זיי האָבען זיך נ י ש ט גע'גט. און גאָט האָט
געהאָלפען — שוין אַ יאָהר זעכס, אז זי האָט אָנגעהויבען צו
קינדלען, קינדעלט זי וואָס אַ יאָהר, וואָס אַ יאָהר; שיט מיך אָפּ
מיט איניקלעך!

איהר זאָלט זעהען ביי מיר איניקלעך — אַלע געראָטענע,
איינס שענער פונ'ם אַנדערען, אין זייערע פנים'ער נישט אַריינ־
צוקוקען! איך זאָג אייך — אַנטיקלעך!

היינט ווי אַזוי לערנען זיי! טאָמער ווילט איהר אַ בלאַט
גמרא — איז אַ בלאַט גמרא אויסוועניג. פון חומש מיט רש"י, מיט

איינעם האָב איך איין איידעם פון גאָר אַ גרויסען יחוס, אַ צאַצקעלע, אַ זיידען קינד, אַ געראַטענער מיט אַלע מעלות און אַ גרויסער למדן, זיצט און לערענט. איך האַלט איהם ביי זיך אויף קעסט פון נאָך דער חתונה אָן, וואָרום ווען איהר זאָלט איהם קענען, וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר איין עבירה ארויסצולאָזען אַזעלכס אויף דער וועלט — וואָס וועט פון איהם ווערען?

דעם אַנדערען איידעם האָב איך שוין נישט אַזאַ יחוס, נאָר דאָס קרן איז אָבער איין אַנטיק, דהיינו: וואָס ווילט איהר? שרייבען, און לייענען, און חשבונ'ען, און זינגען, און טאַנצען, און וואָס ניט? היינט שפּיעלט ער אין שאָך — אז מע שמוסט, ער יכול'ט! פון דעסטוועגען, הערט איהר, אַז ס'איז ניט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם — אַלע קענערס געהען אָהן שטיוועל. איך האָב איהם שוין געפּרובט אויף אַלע זייטען: ער איז שוין געוועזען אַ פאַסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מלמד, און אַ שדכן — עס געהט נישט, חאָטש צעריים זיך! זיצט ער איצט ביי מיר מיט די קינדער. איך וועל דאָך מיין טאָכטער אויף דער גאַס ניט ארויסוואַרפען!

נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אבי־וועהר. דער גוטער קאָפּ מיט דער שענער האַנד, מיט דעם בלאַט גמרא, מיט'ן שענעם פּיסק — אַז ער רעדט, שיטען זיך פּערעל, אַ חיות צו הערען!

איין חסרון נאָר, וואָס ער איז צו איין איידעלער, כמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריג געזונט. דאָס הייסט, אפילו אַז איהט וועט אַ קוק טהון אויף איהם אַזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָר נישט... נאָר וואָס דענן? דאָס וואָס ער שוויצט. און דערצו נאָך דער הוסט! פון אַ צייט אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַ־סקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז איהם שווער צו האַפּען דעם אָטהעם. דאָקטוירים הייסען איהם טרינקען מילך

דעם דריטען זוהן מיינעם איז יאָ געווען נישקשה, איז ער אין דער גרויסער שרפה, ניט היינט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרען, אַרוים ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, און האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ גוט פּעקעל מיט אַ מסידה׳לע, מיט אַ סלעדראַוואַטעל, מיט צרות, מיט אַ פּריזיוו — פּרעגט ניט — ס׳איז גוט!... היינט זיצט ער ביי מיר מיט דער גאַנצער חאַליאַסטרע. וואָס דענן?...

נאָר איין קלענערען זוהן מיינעם איז, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשה׳דיג. שייך זאָגען נישקשה׳דיג? קיין געלט האָט ער ניט, נאָר ער האָט אַ רייכען שווער. דאָס הייסט, ער איז ניט אַזוי רייך, ווי אַ בעל־פּרנסה, האָט געשעפטען אַ סך, אַ גרויסער דרעהער, אַ „קרוטין“, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! ער דרעהט אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרדרעהט אי זיך, אי יענעם. נאָר וואָס דענן? ער דרעהט זיך אַלע מאָל אוים, דער הונט. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּטר׳ט אי זיין געלט, אי די קינדער׳ס געלט. זאָג איך צו איהם: „וואָס האָט איהר געהאַט צו מיין זוהן׳ס געלט?“ זאָגט ער: „איהר האָט עפּיס אריינגעלעגט אַ סך פּוטער?“... זאָג איך: מיין זוהן איז מיר דערוויל אַ קינד“. זאָגט ער: „און מיין טאָכטער איז ביי מיר ניט קיין קינד?“ זאָג איך: „עט!“ זאָגט ער: „בע!“ זאָג איך: „מילא!“ זאָגט ער: „בקיצור!“ אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — האָב איך אָוועקגערופען מיין שמויגער און זאָג צו איהם: „טהו אַ שפּיי, זאָג איך, אויף דיין שווער דעם נגיד, דעם דרעהער, און זעץ דיך אַוועק ביי מיר — וואָס גאָט וועט געבען, אבי אינאַיינעם“...

זעהט איהר, צו איידעמס האָב איך גאָר קיין גליק נישט. אָבער טאַקי לחלוטין ניט! דאָס הייסט, איך האָב צו זיי קיין טענות ניט, און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, וואָרום איך האָב, מעגט איהר מיר גלויבען, אַזעלכע איידעמס, וואָס דער גרעסטער גביר פאַרמאָגט זיי ניט. פיינע קינדער, מיוחסים, פאַרשוינען, קעפּמענטשען!

גאַנץ גוט, ער פיהלט, פאַרשטעהט איהר מיך, ווער ע ר איז און ווער מ י ר זענען; ער איז ער און מיר זענען פאַרט מיר! מיט דער האַנד, הערט איהר, קאָן מען דאָס ניט אַוועקמאַכען.

וואָרום אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, מע קומט זיך צענויף צוויי־שען מענטשען, און מיינע קינדער מאַכען אַ שמועס מכח די קליינע אותיות, עפּיס אַ דין אין שלחן־ערוך, צי אַ שאַרף שטיקעל גמרא, צי גלאַט אַ פּסוק, מוז ער נעבאַך זיצען און שטומען, וואָרום ס'איז פאַר איהם, ניט דאָ געדאַכט, אַ סוד!

אַודאי מעג ער זיך איבערנעמען, וואָס ער האָט אַזוינע שוואָ־גערס, און מעג האָרעווען פון זייערטוועגען! ווי זאָגט איהר? ניט אַזוי? האַ?

אַצינד, אַז איהר זענט שוין אַביסעל בעקאַנט מיט מיין גע־זינדעל, פאַרשטעהט איהר שוין וואָס פאַר אַ ש מ ח ה ביי מיר איז און וואָס פאַר אַ נחת איך האָב, אַז עס קומט אַ יום־טוב, למשל, פּורים צו דער סעודה, און אַלע קינדער מיט אַלע אייניקלעך, קיין עין־הרע, זעצען זיך אוים אַרום טיש, און מע מאַכט המוציא איבער דעם שענעם גרויסען קלוגען פּורים־קוילעטש, וואָס מיט זאַפראַן און מיט ראָזינקעס אַרומגעשטעקט, מיט די גוטע געפעפערטע און געצוקערטע פיש מיט חריין, מיט די גוטע געלע לאַנגע לאָקשען מיט יויך, און מע נעמט צו קאַפּלעך משקה, אַז גאָט העלפט אַ פלעשעל ווימאַראָזיג, איין אמת'ער אַ „קאָוועשאַנער“, אָדער אַ גלעזעלע גוטען ווישניק, אַבי ס'איז נאָר דאָ, און פּאָר נויט — איז אַ פראָסט ביסעל יי"ש אויך אַ סחורה, און מע טהוט אַ זינג, איך דעם שושנת יעקב, און נאָך אַ מאָל — שושנת יעקב! און ווידער אַ מאָל — שושנת יעקב! טהוען אַ האַפּ־אונטער די קינדער:

צהלה ושמחה!

און די קליינע שקצים, די אייניקלעך, אויפ'ן דינעם קול'כעל:

אור ליהודים! אור ליהודים! אור ליהודים!

און פאָהרען קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע. אהין פאָהרען, זאָגט מען, אַלע קראַנקע. דאָרטען, זאָגט מען, איז פאַרהאַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפואה צום הוסט. רעכען איך, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען. זיך דורכפאָהרען מיט איהם קיין בויבעריק. דערווייל, ביז ער וועט אמאָל ווערען געזונט, ליגט ער מיט'ן ווייב און קינדער, געוויינטליה. אויף מיינע פּלייצים. עפּיס אַ תירוץ?

היינט האָב איך נאָך איין אײדעם, שוין גאָר אַ פּראָסטען, גאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין בעל־מלאכה, נישט קיין שניידער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר־יונגעל אויך ניט.

ער איז אַ „פּיליער“ איז ער; ער האַנדעלט מיט פיש האַנדעלט ער. זיין טאַטע האַנדעלט מיט פיש, זיין זיידע האָט געהאַנדעלט מיט פיש, די גאַנצע משפחה זייערע ווייסען — נאָר פיש און נאָר פיש און נאָר פיש!

דאָס הייסט, זיי זענען אפילו גאַנץ עהרליכע אידען, ארענטליכע; נאָר פּראָסטע מענטשלעך.

וועט איהר דאָך פרעגען: ווי קומט צו מיר אַזאַ אײדעם? מסתמא איז דרינען פאַרהאַן אַ מעשה, ווי זאָגט מען: אין אַ טייך ווארפען זיך דורך אַלערליי העכט. מסתמא איז מיין טאָכטער'ס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבען אַ ז אַ מאַן.

דאָס הייסט, האָבען האָב איך צו איהם גאָרניט; מיין טאָכטער לעבט פאַר איהם דוקא גליקליך. וואָרום במבע איז ער דוקא אַ גוט מענטשעל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איהר, צו אונז אַלעמען ביז גאָר, וויפיעל ער פאַרדיענט גיט ער אָפּ איהר, און העלפט אויס יענע אײדעמס מיינע און די זיהן ווי ווייט מעגליך. וואָס איז שייך זאָגען? — ער האָרעוועט כמעט איינגאַנצען אויף אונז, און האָט פאַר אונז אַלעמען דרך־ארץ. וואָרום ער ווייסט

אַ פערשטעהרטע חתונה

געשריבען אין יאָהר 1902.

אונ מע געהט נאך א טענצעל אויך, — דעמאלט ווער איז צו מיר גלייך? וואס מיר בראצקי? ווער מיר רויטשילד? א מלך, ווי איהר זעהט מיך א אידען, א מלך!

קיין נגיד, הערט איהר, בין איך ניט, נאר נחת פון קינדער האב איך, ברוך־השם, מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתרילעווקע!

א פערשטעהרטע חתונה

ווי אזוי זאָל זיך נח צעלניקער נישט פרייהען, אז גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער גיט אוים דאָס לעצטע קינד, ער מאַכט חתונה די יונגסטע טאָכטער?

פאַר וועמען?

למאַי נפקא־מינה — צי פאַר ברוכ'ען, צי פאַר זרח'ען, צי פאַר פייטלען, צי פאַר טרייטלען? — אויסגעגעבען, חתונה געמאַכט — און איין עק!

מיינט איהר דאָך, אז נח צעלניקער איז אזאָ פאָטער, וואָס פטר'ט אראָפּ א טאָכטער, א האָרב פון די פלייצעס, גלאָט אזוי, אבי פטור געוואָרען? האָט איהר א טעות!

אזאָ פאָטער, ווי נח, האָט איהר ניט דעם צווייטען אין דער וועלט.

דאָס גאַנצע לעבען זיינס האָט ער מקריב געווען פון די קינ־דערם וועגען: געהאָרעוועט, אויסגעריסען געוואָרען, גאַנצע טעג אויף דער היטץ, גאַנצע נעכט אויפ'ן פראָסט, זיך געשלעפּט אין רעגענס און אין בלאָטעס, שוין געלעגען וויפיעל מאָל אונטער'ן וואָגען אויך, אַ פּאָר מאָל ווינטער אין אַ פּאַלאַנקע, זיך צוגעקיהלט די לונג, בעקומען א מאָדנע הוסט — איהר פרעגט, ווי אזוי מע ווערד פערשוואָרצט? אַנו, פּרובט אויסהאַלטען א ווייב מיט קינ־דער פון א צעלניק־קראָם, א „גאַלאַנטעריי־געשעפט", אין כתרי־לעווקע!

קענען זיך און האָבען זיך ליעב; די מחותנת'טעס קענען זיך און האָבען זיך ליעב; חתן־כלה קענען זיך און האָבען זיך לי...

איך האָב מיך שיער ניט ארויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט! אז איהר וועט מיר צוזאָגען, אז עס וועט זיין בסוד, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען.

נאָך איידער ס'איז איינגעפאַלען רב שלום־שכנא דעם שדכן, ער זאָל רעדען דעם דאָזיגען שידוך, האָבען זיך חתן־כלה שוין לאַנג געקענט און געשריבען בריוולעך, וואָס זיי אַליין טאַקי האָבען זיך איינם דאָס אַנדערע איבערגעגעבען.

ער האָט געלערענט אין חדר, און זי איז געשטאַנען אין קלייט.

איינמאָל געהט ער פאַרביי מיט'ן תפילין־זעקעל אין בית־מדרש אריין, ראש־חודש איז דאָס געווען, דערזעהט ער זי שטעהן ביי דער טיר אין אַ רויט סיצען קליידעל, וואָס זי אַליין טאַקי האָט דאָס אויפגענייהט, מיט אַ ווייס געשטיקט שאַלעכעל אויפ'ן קאָפּ, אויך איהר אייגענע ארבייט, און איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען קוקען גלייך אויף איהם און שמייכלען.

האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דאָס קוקט זי אויף איהם. די זון האָט געשמאַלעט, און אַ וואַרעם ווינטעל האָט זיך פער'גנבה'ט, אַ גלעט געטהאָן די פּאה, און ער האָט אַ מורקע געטהאָן: „פּריי־דעל — אַ היבשע נקבה!“...

האָט ער נאָכדעם נישט געקאָנט דאַוונען — זי איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען.

סאַמע צו הלל, צו „מן־המצר“, דערמאָנט ער זיך אָן דעם צעלניקער'ס טאָכטער און אָן איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען, צעשאָקעלט ער זיך און שרייט דעם „מן־המצר“ אויף אַ קול, טאָמער וועט ער פערגעסען.

ער געהט פון בית־המדרש אהיים און קוקט אהין, טאָמער וועט ער דערזעהען פריידלען.

ער קומט אין חדר אריין, נעמט זיך צו דער גמרא, קוקט אריין אין תוספות — דערזעהט ער פריידלען.

אַז די קינדער זענען געווען קליינינקע, פלעגט זיך נח אַליין שלאָגן מיט זיי קאָפּ אָן וואַנד: וויקלען, האָדעווען, צוואָ־גען — אַלסדינג.

וועט איהר דאָך פרעגען: וואו איז געווען די מאַמע זייערע?

די מאַמע זייערע, זעלדע, איז געווען פערנומען אין געשעפט, מעהר צווישען פּריצים; ער — אין שטאָדט, זי — אין דער סביבה.

פאַר וואָס עפּיס זי, ניט ער? זי פערשטעהט די שפּראַך, קאָן רעדען מיט אַ פּריץ, איין בריה אויף אָפּזעצען אַ שטיקעל סחורה אין דער פרעמד.

מיט דער שטאָדט קאָן זעלדע נישט האַנדלען. אָנקוקען קאָן זי ניט די כתרילעווקער קונים — זיי זענען צו קלוג! פּריצים — די זענען גאָר אַנדערע מענשען. אַ פּריץ, אַז מע זאָגט איהם „יאַק באַגאַ קאָחאַם" — גלויבט ער, און אַ כתרילעווקער איד, איהר זאָלט פאַר איהם, שונאי־ציון, חאַפּען די ערד, וועט ער אייך ענט־פערען מיט אַ שמייכעלע:

— למאַי זאָלט איהר זיך שווערען? איהר זענט ביי מיר באַ־גלויבט אָהן אַ שבועה!...

נדן גיט נח צעלניקער דער יונגסטער טאָכטער זיינער פינף און זיעבעציג; דאָס הייסט, צוזאָגען האָט ער צוגעזאָגט ק"ן, פינף און זיעבעציג בשעת תנאים, און פינף און זיעבעציג שפּעטער, „לכשירחיב"...

איז אָבער דער „לכשירחיב" נאָך נישט געקומען.

אויף דעם „לכשירחיב" קוקט־אַרוים גאַנץ כתרילעווקע שוין אַ שאָק מיט יאָהרען, און נישטאָ איהם.

ער וועט אַמאָל קומען, צי ניין? עס קאָן זיין! מיט וואָס איז ער ערגער פון משיח'ן? וואַרטען דען ניט אידען אויף משיח'ן?...

קיצור־הדבר, זייט זיכער, דער שידוך וועט זיך איבער נדן נישט צעגעהן. וואָרום ס'איז אַ היימישע זאַך: די מחותנים

איז געוואָרען אַ שדוך, האָט דער חתן געשיקט דער כלה אַ פּאָר גיל־דענע אויהרינגלעך פאר פופצעהן קארבען, און די כלה האָט אויס גענייהט דעם חתן מיט זילבער אויף סאַמעט אַ ניי תפילין־זעקעל, אַ מגן־דוד מיט צוויי לייבען און מיט אַ קרוין פון אויבען. וואָס מע האָט דאָס בעדאַרפט אָנקוקען אויף חדושים!

קיין גלייכען איז נישט געווען צו דעם פּאָרעל אויף דער וועלט. שטיל, אָהן ווערטער, האָבען זיי געצעהלט די וואָכען, די טעג, די שעות, די מינוטען צו דער חופּה — אויף שבת־נחמו איז אָפּ־געשטעלט געוואָרען די חתונה — און די גליקליכע צייט איז גע־קומען, אין אַ גוטער שעה, אַ מזל'דיגער שעה.

ווער עס האָט ניט געזעהען זעלדע די צעלניקערין אינ'ם טאָג פון איהר פריידעל'ס חופּה אַרומלויפען מיט'ן זיידענעם טיכעל, פערבונדען פון יענער זייט האַלז מיט צוויי שפּיצען, און שרייען מיט אַ הייזעריג קול: „וואו איז ערגיץ נח, וויסט איז מיר?“ — דער האָט קיין שענס ניט געזעהען און דער פערשטעהט ניט, וואָס הייסט „פערטאַרעראַמט!“

— חתן־כלה פאַסטען, — האָט זי געשריגען מיט אַ קוויטש — און איהם האָט דער גוטער יאָהר! נח, וואו ביזט דו ערגיץ? גוואַלד, נח, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען, נח!

— וואו איז דער מחותן? — האָבען איהר געהאָלפען שרייען חתן'ס צד. — שוין צייט באַזעצען די כלה! וואו איז דער מחותן?

און דער „מחותן“ איז געזעסען אין אַ ווינקעלע; ער האָט זיך פערקלויבען אַהין מיט אַ גוטען ברודער, רב משה־יוסי דעם רב'ס איידעם, און דערצעהלט איהם אויס זיין בימער הארץ, וואָס פאַר אַ פערשטעהרטע חתונה ער האָט.

אַלע טעכטער, קיין עין־הרע, חתונה געמאַכט, ווי עס געהער צו זיין; אַלע מאָל אַראָפּגעבראַכט די יעהופּעצער כלי־זמר; געקומען צו דער מיזינקע — ניטאָ קיין כלי־זמר! אַ חאַפּענדיגע חתונה! אַ פערשטעהרטע חתונה!

ביינאַכט אין חלום זעהט ער פריידלען — אומעטום פריי־דעל!

רב שלום־שכנא דער שדכן איז געפאַלען אויף א גלייכער זאַך. ער איז געקומען צו נח צעלניקער אין קלייט אריין איהם פאָרלעגען דעם שדוך פאר זיין יונגסטער טאָכטער מיט ברוך בן־ציון'ס יונגעל דוד, און האָט אַרויסגענומען דאָס פּושקעלע טאַבּעקע און אָנגעהויבען אויסרעכענען, וואָס פאר אַיין אנטיק ער האָט איהם געבראַכט צו טראָגען פאר זיין טאָכטער. האָט זיך פריידעל געמוזט אָפּקעהרען אַן אַ זייט, מע זאָל ניט זעהען, ווי זי איז רויט געוואָרען.

ביי איהר אויפ'ן ווייסען האַלז, פערשטעהט איהר מיך, איז געהאָנגען א בענדעל, און אויפ'ן בענדעל איז געהאנגען א קניפּעל, און אין דעם קניפּעל האָט זיך געפונען א בריוועל, און אין בריוועל איז געשטאַנען געשריבען אויף אידיש מיט זעהר א שענער האַנד־שריפט, מיט ציקלעך און מיט קוועטשלעך און מיט דריידלעך, די דאָזיגע ווערטער:

„טהייערסטע און ליעבסטע נשמה! מיין פריינד
און מיין קרוין, מיין חיות און מיין לעבען! פריידעל.
„געזונד זאָלסט דו זיין! ווען אונזער טייך זאָל זיין
„פון גאָלע טינט, און דער וואַלד זאָל זיין גאָלע פּענעס,
„און די גאַנצע וועלט זאָל זיין פּאַפּיער, און איך זאָל
„שרייבען צו דיר גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָלט
„איך דיר נישט געקאָנט אַרויסשרייבען קיין צעהנטוי־
„זענד־חלק אַפילו פון דעם, וואָס מיין האַרץ טהוט
„פיהלען צו דיר פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך
„האָב דערזעהען דיין ליכטיג פּנים, וואָס איז שענער
„פון דער זון, און דערהערט דיין זיס קול, וואָס איז
„זיסער פון'ם זיסטען ווייַן..."

און אַזוי ווייטער.

דאָס פּאָרעל האָט לאַנג־לאַנג אַרויסגעקוקט אויף רב שלום שכנא דעם שדכן, ער זאָל פאַלען אויפ'ן שדוך. און אַז דער שדוך

פרייליכס, ארבייטען-אויף אַלע כלים, רייסען די סטרונעס, ברומען אויפ׳ן באַס, בלאָזען אין די טרומייטען, פייפען אויף די פלייטען, קלאַפּען אין די טאַצען. דער עולם פּלעסקעט צו מיט די הענד, צעשפּרייט זיך, מאַכט די ראָד גרעסער און גרעסער. די מחותנים מיט די מחותנת׳טעס פון ביידע צדדים נעמען זיך פאַר די הענד און מע גערט א פרייליכס.

משה־יוסי דעם רב'ס איידעם גלעט זיך דאָס בערדעל, קוקט מיט שמייכעלדיגע אויגעלעך אויף דעם נארישען מחותן און זאָגט צו איהם:

— אָט האָט איהר דאָך כלי־זמר. די היגע כלי־זמר זענען דענן קיין כלי־זמר ניט?

— אויך מיר כלי־זמר! — מאַכט צו איהם נח. — א חתונה אָהן יעהופּעצער כלי־זמר!

ווען נח וואָלט געוואוסט דאָס פריהער, אז די יעהופּעצער כלי־זמר וועלען ניט קאָנען זיין, לעגט ער אָפּ די חתונה אויף חצי אלול. שפּעטער, נאָך דער חוּפּה, האָט ער ווידער ניט געסטייעט.

— וואו איז נח? — שרייט כלה'ס צד.

— וואו איז דער מחותן? — שרייט חתנ'ס צד.

— דער מחותן? דער מחותן?

זעלדע געפינט איהם און גיט איהם א רעכטען פּסק, טהוט א פּלעסק בשעת מעשה מיט די הענד:

— שען מאַכסט דו חתונה די מיזינקע, ווערה איז מיר!

— אָהן די יעהופּעצער כלי־זמר — מאַכט נח — איז דאָס ביי מיר א לויה, נישט קיין חתונה, א פאַרשטעהרטע חתונה!

— גאָט איז מיט דיר, נח, וואָס רעדסט דו, נח? — זאָגט צו איהם זעלדע מיט פייער. — כתרילעווקער כלי־זמר זענען קיין אידען ניט? כתרילעווקער כלי־זמר האָבען קיין קינדער ניט? כתרילעווקער כלי־זמר באַדאַרפען נישט עסען? אי־פע — שע־מען מעגסט דו זיך, שעמען אין דיין ווייטען האַלז אריין!... רב יהושע־העשיל, א פרייליכס!

און רב יהושע־העשיל דער כלי זמר, איין עלטערער איד מיט א וואַטאָווער קאַפּאָטע, מיט גראָבע פּאות און מיט א לאַנ־גען טלית־קטן, טהוט א קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פּיעדעל, און א וואונק צו דער חברה — און כתרילעווקער כלי־זמר בעוויי־זען, אז זיי זענען אויך נישט קיין „יאַלדען“: זיי שפּיעלען א

נישט פאַר קיין
אידען געדאַכט

נעשריבען אין יאָהר 1902.

נישט פאַר קיין אידען געדאַכט

זיידעל רב שעיה׳ס איז א יונגערמאַן, וואָס זיצט אויף קעסט, טהוט נישט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, זיצט און לערענט, חאָטש ער האָט שוין עטליכע קינדער. נאָר וואָס האָט ער צו דאגה׳ן, אַז ער איז אַ בן יחיד, און רב שעיה איז א איד א נגיד — איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז דאָס אינגאַנצען זיינס.

רב שעיה איז כל־ימיו געווען אַ איד א בעל־הלואה. זיין „קאַפּיטאַל“ איז געווען צעוואָרפען איבער דער גאַנצער שטאָדט. ס׳איז ניט געווען איין כתרילעווקער, וואָס זאָל ניט זיין שולדיג רב שעיה׳ן קיין געלד. און דערפאַר האָט ביי איהם אין שטוב תמיד געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל: דער אריין, דער אַרויס, דאָרט גענומען, דאָ געגעבען.

ס׳איז ביי איהם געווען, להבדיל, א „קאַנטאָר“, א „באַנק“ — א באַנק, נאָר אָהן געפּאַרבטע טישען און טישלעך, אָהן מענשען א סך מיט ווייסע מאַנישקעס, מיט פערדרעהטע וואָנצים און מיט לאַנגע נעגעל, אָהן פענסטערלעך מיט גראַטעס, אָהן אייזערנע שאַפעס און אָהן מורא׳דיגע קאָנטאָביכער און גראָסביכער, וואָס מע קאָן מיט זיי הרג׳ענען א מענשען.

ביי רב שעיה׳ן אין שטוב איז געשטאַנען נאָר איין טישעל, אויפ׳ן טישעל איז געשטאַנען אַ „טינטורעל“ מיט א „זעמדערעל“, און איטליכס מאָל, וואָס מע האָט בעדאַרפט פערשרייבען, פלעגט מען מוזען אָנשפּייען אין „טינטורעל“, וואָרום אַנדערש האָט דאָס

געוואוסט, אַז טאָמער הערט ער אויף צו צאָהלען, ווערד ער אויס בטוח, — אַ פאַרפאַלענער אויף אייביג!

און אַזוי האָט זיך דאָס רעדעל געדרעהט, געדרעהט אַ צייט מיט יאָהרען, זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין מינוט, ביז...

ביז רב שעיה איז געשטאָרבען.

רב שעיה איז געשטאָרבען, און זיידעל רב שעיה׳ס האָט איבערגענומען דאָס געשעפט.

דורכגעלאָזט „שלשים“, האָט זיך זיידעל קודם כל גענומען צו די חשבונות און איז אָפּגעזעסען איבער די ביכער אַ וואָך דריי, געזעסען און געשריבען, געשריב׳ען און גערעכענט, און האָט געשיקט רופען די בעלי־חובות און רופט זיך אָן צו זיי:

— איהר זאָלט וויסען זיין, רבותים, אַז איך בין געזעסען די גאַנצע צייט איבער אייערע חשבונות, גערעכענט און גערעכענט, און האָב אויסגערעכענט, אַז עס קומט שוין מעהר פון אייך קיין געלט ניט, איהר זענט ריין.

— וואָס הייסט, עס קומט פון אונז קיין געלט ניט? וואָס הייסט, מיר זענען ריין?

— אַזוי, וואָרום „על פי אַלגעברע“ האָט איהר באַצאָהלט פּראָצענט און פּראָצענט דפּראָצענט זיעבעצעהן מאָל אַזוי פיעל נאָך מיט דריי זעכצעהנטעל, וויפיעל איהר זענט שולדיג געווען. נאָט אייך אָפּ אייערע קוויטלעך.

דערהערט אַזעלכע דבורים, זענען די כתרילעווקער געוואָרען אַנגעצונדען. זיי האָבען גערעכענט, אַז דאָ מוז ליגען עפּיס אַ המצאה׳לע, אַ שמד־שטיק, ניט אַנדערש; האָבען זיי איהם אַ שמיץ געטהאָן די קוויטלעך צוריק אין פּנים אַריין און האָבען געמאַכט אַ „ויצעקו“.

— ער וויל אונז קוילען! קוילען אָהן אַ מעסער! רב שעיה, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן עדן, האָט מיט אונז געהאַנדעלט אַזוי פיעל יאָהרען; זיין קעשענע איז פאַר אונז תמיד

ניט געוואָלט געבען קיין טינט. און ווייטער איז געווען אין טי־שעל אַ טישקעסטעל מיט צוויי רינגלעך מיט אַ גרויסען שלאָס. דאָרט, אין טישקעסטעל, איז געווען דאָס „קאָנטאָבוך" מיט אַלע חשבונות, וואָס רב שעיה אַליין טאַקי האָט זיי געפיהרט על־פּי זיין אייגענער בוכהאַלטעריע. היינו, ווי אַזוי?

דאָס ביכעל איז בעשטאַנען פון צוויי און פופציג בלעטלעך. אויף יעדען בלעטעל איז געשטאַנען די סדרה פון דער וואָך, צעווירעט אויף צווייען, פון איין זייט ק ב ל ת י*, פון דער אַנדערער זייט נ ת ת י ** — און דאָרט איז געווען פערשריבען אַזוי:

ק ב ל ת י מר' גרשון פּופּיק על פּי קוויטעל פרשה בראשית ב' רו"כ.

ק ב ל ת י מר' פּייוויל שמוים על־פּי קוויטעל פרשה פקודי ד' רו"כ.

ק ב ל ת י מר' שמחה לעמיישקע א' רו"כ.

ל א ק ב ל ת י מר' גרשון פּופּיק על פּרשת נח, לא קבלתי גם על פּרשה לך־לך.

נ ת ת י לר' שמחה לעמעשקע על־פּי קוויטעל פּרשה פּקודי י"ג רו"כ.

נ ת ת י עוד לר' גרשון פּופּיק ז' רו"כ.

ל א נ ת ת י עוד לר' פּייוויל שמוים י"ב רו"כ כי ס'איז פאַרפאַלען.

ה ב ט ח ת י*** לר' שמחה ליתן עוד י"א רו"כ.

ווי אַזוי איז דאָס רב שעיה אַרויסגעקראָכען פון די דאָזיגע חשבונות — ווייסט נאָר איין גאָט! פון דעסטוועגען, וועל איך אייך בעטען, האָט קיין יסורים ניט, ס'איז ניט געווען קיין פּראָ־טעסטען, קיין פּראָצעסען, קיין לאָדענישען; איטליכער האָט

* גענומען. — ** געגעבען. — *** צוגעזאָגט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט, — פרעגט ער ביי רב יוזיפיל דעם רב — אַז אויסחאַפּען אַ בייגעל פאַר אַ גראָשען, בשעת איך בין הונגעריג, הייסט גע'גזל'ט, און אָפּראַבעווען אַ שטאָדט מיט אלמנות מיט יתומים, צונעמען ביי זיי דעם לעצטען ביסען, הייסט דאָס „געשטעלט זיך"? פאַר אָפּהאַקען אַ פינגער קומט „קאַטערזשנע סיביר", און פאַר אויסקוילען אַכציג טויזענד איינגלענדער אין אַפריקע, ווי אָכסען, באַקומט מען אַ גילדענעם „מעדאַל" זאָ חראַבראָסט?...

— ס'איז אַ יושר? — מאַכט ער צו רב יוזיפיל דעם רב און נעמט איהם אָן ביי דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע. — ס'איז אַ יושר? אָט פאָהרט אַרום דער אַלטער ק ר י ג ע ר נעבאַך, דער מלכות פון די בויערען, קלאַפּט אין אַלע טירען, בעט רחמינג, מע זאָל רחמנות האָבען אויף זיין אָרעם לאַנד; ער וויל נישט מעהר נאָר אַ דין־תורה, ער וויל זיך פאַרלאָזען אויף מענטשען, וואָס מענטשען וועלען פּסק'ענען. זאָגט דער: ער וויל זיך ניט מישען, און דער זאָגט: סע פּאַסט איהם ניט פאַר יענעם... דער אַזוי, יענער אַזוי, — דערוויייל גיסט זיך בלוט. וואו איז יושר, פרעג איך אייך, וואו איז מענטשליכקייט? און איהר זאָגט מיר גאָר „ישוב", „מנהג־העולם", דער „קיום" פון דער וועלט! אַ שענער קיום! אַ שענע וועלט!...

און נאָך כדומה אין אַזעלכע ווילדע חקירות איז זיידעל אַריין מיט'ן רב. פערקראַכען, ווי מע זאָגט, אין „אלף־הששי", העט־העט אין די וויימע דרכים אריין, אַנגעהויבען אָפּלייקענען מיינס און דיינס און שותפות'דיגס, אָנגעהויבען אָפּלאַכען, רעדען ווי מע זאָגט, על ה' ועל משיחו ועל ננתקה...

האָט שוין רב יוזיפיל דער רב מעהר נישט געהאַט מיט איהם וואָס צו רעדען און האָט שוין ווייטער נישט געוואָלט הערען אפילו, זיך פערשטעלט די אויהערען מיט ביידע הענד און גע־שריגען:

געווען אָפּען; קומט ער צו געהן איצט און וויל אונז שטעלען אין דער בלאָטע!

— נאַראָנים! — שרייט צו זיי זיידעל. — וואָס פאר נאַראָנים, בהמות איהר זענט! מע זאָגט אייך, אז איהר זענט ריין, נישט פונ'ם קאָפּ זאָגט מען אייך, „על פּי אלגעברע"!

— וואָס דערצעהלט ער אונז פזמונות — „אלבעגרע"! לאָמיר זיך פארלאָזען אויף מענטשען, לאָמיר פרעגען א רב.

— צום רב! צום רב! — האָבען געשריען אלע אין איין קול, און מען איז געגאַנגען צום רב, רב יוזיפיל דעם רב.

ביי'ם רב האָט זיך צענויפגעקליבען כמעט די גאַנצע שטאָדט. ס'איז געווען א ליאַרם, א געשריי עד לב השמים.

זיידעל האָט געלאָזט אלעמען רעדען — לאָז זיך איטליכער זאָגען וואָס ער וויל; און ערשט נאָכדעם, אז אלע האָבען זיך גוט אויסגעשריען, האָט ער געבעטען, אז דער עולם זאָל אויף א ווײלע ארויסגעהן, ער וויל בלייבען מיט'ן רב אליין, ער בעדאַרף איהם עפּיס זאָגען אונטער פיער אויגען.

וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישען זיידלען מיט רב יוזיפיל דעם רב — ווייסט קיינער נישט.

מע זאָגט, אז זיי האָבען געהאַט צווישען זיך א לאַנגען וויכוח. זיידעל האָט איהם אויסגעוויזען, אז מע טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט, וואָרום על־פּי הקירה איז פּראָצענט גזילה; א מענש, וואָס לעבט פון פּראָצענט, זאָגט ער, איז ערגער פון ערגער, עס קומט אויס, זאָגט ער, אז אלע דאַרפען האַרגענען. וואו זשע איז יושר?

רב יוזיפיל דער רב האָט זיך אפילו געפּרובט איהם איבערשפּאַרען מיט „תקון מהר"ם ז"ל", מיט'ן „ישוב־העולם", אָהן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט האָבען, און אַזוי ווייטער; האָט איהם דערויף זיידעל אָפּגעענטפערט, אז נאָך זיין שכל נאָך קומט אויס, אַז דער „קיום" איז גאָר קיין קיום ניט, עס געפעהלט איהם גאָר נישט די גאַנצע וועלט. ווי אזוי זי פיהרט זיך.

דרייפוס אין כתרילעווקע

געשריבען אין יאָהר 1902.

— גענוג! גענוג! גענוג!

אַז זיידעל איז געגאַנגען אַהיים, האָט זיך רב יוזיפיל דער רב אָנגערופען צום עולם מיט אַ זיפץ:

— נעבאַך אַ וואוילער יונגערמאַן און אַיין אייידעלער יונגער־מאַן און אַ לייטישער יונגערמאַן, נאָר נישט פאַר קיין אידען געדאַכט...

און בשעת מעשה האָט ער בעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערן, און אַלע האָבען פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

דרייפוס אין כתרילעווקע

איך ווייס ניט, אויב די מעשה פון דרייפוס'ען האט נאך ערגיץ אנגעמאכט אזא רעש, ווי אין כתרילעווקע.

אין פאריז, זאגט מען, האט דאס אויך געקאכט, ווי אין א קעסעל. גאזעטען האבען געשריבען, גענעראלען האבען זיך געשאסען, און ווייסע־חברה'ניקעס זענען ארומגעלאפען איבער די גאסען, ווי משוגעים, געווארפען היטלען און געארבייט מעשים. דער האט געשריגען: „וויוו דרייפוס!" און דער האט געשריגען: „וויוו עסטערהאזי!" און אידען האט מען דערווייל געשמירט, גע־מאכט מיט זער בלאטע, ווי געוויינטליך... נאר אזוי פיעל עגמת־נפש מיט אזוי פיעל יסורים און בזיונות, ווי כתרילעווקע האט דערפון געהאט — דאס וועט פאריז ניט האבען ביז משיח וועט קומען.

פון וואנען איז מען אין כתרילעווקע געוואהר געווארען פון דרייפוס'ען — דאס זאלט איהר ניט פרעגען. ווארום למאי ווייסט מען דארטען פון דער מלחמה, וואס די איינגלענדער האבען געפיהרט מיט די בויערען? פון וואנען ווייסען זיי וואס אין קיטאיי טהוט זיך? וואס פאר א מחותן איז כתרילעווקע מיט קיטאיי? די גרויסע מסחרים, וואס זיי פיהרען מיט דער וועלט? טיי בעקומען זיי פון וויסאצקי'ן פון מאסקווע, און דאס געלע זומערשטאף, וואס מען רופט דאס „טשע־שון־טשא", טראגט מען

דער אידישער קאפּיטאן. דער דרייפוס, וואס מע האט איהם פער־שיקט איז גאט די נשמה שולדיג, ס'איז גאר א גאנצע אינטריגע פון עטליכע גענעראלען. וואס האבען זיך עפּיס צעאמפּערט — דעמאלט האט זיך שוין דאס שטעדטעל אביסעל פעראינטערע־סירט, און דרייפוס איז געווארען א כתרילעווקער. וואו צוויי איז ער געווען א דריטער.

— געהערט?

— געהערט.

— פארשיקט אויף אייביג.

— „וועטשני פּאסעלעניע“.

— אומזיסט־אומנישט!

— א בלבול!

נאך שפּעטער, אז זיידעל איז געקומען און האט דערצעהלט, אז ס'איז גאר א סברה, אז דער משפט זאל נאך א מאל גע'משפט ווערען, אז עס האבען זיך געפונען גוטע מענשען אזעלכע, וואס נעמען זיך אונטער בעווייזען דער וועלט, אז ס'איז גאר געווען א טעות די גאנצע מעשה, — האט כתרילעווקע אנגעהויבען זיך וויעגען גאר אויף איין אנדער אופן. ערשטענס, איז דאך דרייפוס „אונזערער“; און, צווייטענס, ווי קומט דאס, אז דארטען אין פּאריז זאל פּארקומען אזא פּאסקודנע מעשה? פע, עפּיס זעהר ניט שען פאר די „פּראנצעהויזענדיגע“!... עס איז אוועקגעגאנ־גען א שפּארעניש און א וועטעניש: דער האט געזאגט, אז דער משפּט וועט נאך א מאל גע'משפּט ווערען, און דער האט געדרונ־גען, אז ניין: אין אחר מעשה בית־דין כלום — אפּגעמשפּט, איז פערפאלען...

וואס ווייטער־ווייטער האט מען אויפגעהערט צו ווארטען ביז זיידעל וועט זיך אמאל אויסקראצען צו קומען אין בית־המדרש אריין דערצעהלען נייעס פונ'ם קאפּיטאן דרייפוס: מע האט אנגעהויבען געהן צו איהם אהיים. מע האט נישט געהאט מעהר קיין געדולד געהן צו איהם אהיים, און מע האט אנגעהויבען געהן

נישט אין כתרילעווקע. דאָס איז נישט פאַר זייער בייטעל. דאַנ־קען גאָט, אַז מע קאָן טראָגען זומער אַ נאַקידקע חאָטש פון פאַרוסינע: אַניט, האָט מען אַ ברירה געהן גאָר אַזוי, דאָס הייסט, מחילה, אין תחתונים און פון אויבען אַ ציצענעם אַרבע־כנפות, און מע שוויצט פון דעסטוועגען גאַנץ געשמאַק, אַבי ס'איז נאָר אַ הייסער זומער.

בלייבט דאָך אַלץ די אייגענע קשיא: פון וואַנען האָט פאַרט כתרילעווקע־אָנגעשמעקט די מעשה פון דרייפוס'ען?

פון זיידלען.

זיידעל רב שעיה'ס איז דער איינציגער איז שטאָדט, וואָס שרייבט־אויס דעם „צפירה“, און אַלע נייעסען, וואָס טהוען זיך אָפּ אויף דער וועלט, ווערד מען געוואָהר פון איהם, דאָס הייסט, ניט פון איהם, נאָר דורך איהם. ער לייענט זיי, און זיי פער־טייטשען; ער דערצעהלט, און זיי לערנען דעם פשט; ער זאָגט וואָס סע שטעהט, און זיי דרינגען אָפּט פערקעהרט, וואָרום זיי פערשטעהען בעסער.

*

ויהי היום, איז געקומען זיידעל רב שעיה'ס אין בית־המדרש אַריין און דערצעהלט אַ מעשה, אַז אין פּאַריז האָט מען גע'משפט אַ אידישען קאַפּיטאַן, איינעם אַ דרייפוס, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען נויטיגע פּאַפּיערען פון דער מלוכה. איז דאָס אין איין אויהער אַרײַן, פונ'ם אַנדערען אַרויס. איינער האָט זיך אַ זאָג געטהאָן פאַרבייגעהענדיג:

— וואָס טהוט ניט אַ איד צוליעב פּרנסה?

דער אַנדערער האָט געהאָט אַ נקמה:

— אַ מצוה! לאָז אַ אידעלע ניט קריכען אויבענאָן און זיך ניט מישען צווישען קיסרים!

שפּעטער, אַז זיידעל איז געקומען און האָט דערצעהלט אַ נייע מעשה, אַז די גאַנצע געשיכטע איז גאָר געווען אַ בלבול, אַז

— פערעל! דימענטען! בארליאנטען!

אויך פון „לאמבארי'ן" האט מען געהאלטען איין עולם ומלואו. דער עולם האט געקוועלט, נתפעל געווארען און געלעקט די פינגער פון זיינע דרשות. חאטש הארכען האט איהם אין כתרילעווקע קיינער נישט געהארכט, נאר מע האט פערשטאנען מיט'ן שכל, א ז ע ר ב ע ד א ר ף ק א ״ ע ן ר ע ד ע ן.

איך וויים נישט, אויב דרייפוס'עס משפחה אין פאריז האט בען אזוי ארויסגעקוקט אויף דרייפוס'ען, ער זאל קומען פונ'ם שענעם אינזעל, ווי עס האבען ארויסגעקוקט דערויף די כתרילעווקער אידען. מע קאן זאגען, אז זיי זענען געפאהרען גלייך מיט דרייפוס'ען אזש פון דארטען אויפ'ן ים, ממש געפיהלט. ווי זיי שווימען: אט־אט הויבט זיך אויף א שטורמווינד און צע־שמייסט דעם ים אויף אלע זייטען, די חוואליעס פלעסקען און ווארפען דאס שיף, ווי א שפענדעל, אויף און אראפ, ארויף און אראפ.

— רבונו של עולם! — האבען זיי מתפלל געווען ביי זיך אין הארצען. — זאלסט איהם חאטש ברענגען בשלום אהין, וואו דער משפט בעדארף זיין! זאלסט חאטש עפענען די אויגען פון די ריכטער און קלאר מאכען זייערע מוחות, זיי זאלען געפינען דעם שולדיגען, און די גאנצע וועלט זאל ארויסזעהן א ו נ ז ע ר גערעכטיגקייט, אמן סלה!...

דעם טאג, וואס ס'איז אנגעקומען די גוטע בשורה, אז דרייפוס איז שוין דא, איז אין כתרילעווקע געווען א יום־טוב. זיי זאלען זיך ניט שעמען, וואלטען זיי פערשלאסען די קלייטען.

— געהערט?

— א דאנק השם יתברך!

— כ'וואלט א בעלן געווען זעהען, ווי אזוי איז געווען דאס ערשטע באגעגעניש מיט'ן ווייב?

מיט איהם גלייך אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס בלאַט, און דאַרטען טאַקי דאָס איבערלייענען, און דאַרטען טאַקי איבערקייען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, שרייען, פּילדערען, שפּאַרען זיך און ווערען אַלע אינאיינעם, ווי געוויינטליך. ניט איין מאָל האָט זיי דער אָדון דער פּאָסטמייסטער געגעבען אָנצוהערעניש, זעהר איידעל אפילו, אַז אַ פּאָסט איז ניט קיין שוהל, להבדיל:

— טוט נע זשידיוווסקאַ שקאָלאַ, זשידי פּאַרחאַטיע, טוט נע קאַהאַל שאַבערמאַכערי!...

זיי האָבען איהם אָבער געהערט, ווי המן דעם גרייגער; ער האָט זיי געזידעלט, און זיי האָבען געלייענט דעם „צפירה" און גערעדט פון דרייפוס'ען.

און נישט נאָר פון דרייפוס'ען אַליין האָט מען גערעדט אין כתרילעווקע. עס איז צוגעקומען אַלע מאָל אַ פּרישע פּאַרשוין: פריהער „עסטערהאַזי", נאָכדעם „פּיקוואַרט", נאָכדעם גענעראַל „מערסי", „פּעלי", „גאָנזי", און דערביי איז געזאָגט געוואָרען אַ המצאה, אַז ביי די „פּראַנצעהויזענדיגע", וויבאַלד אַ נאָמען פון אַ גענעראַל, אַזוי מוז זיך אויסלאָזען מיט אַ „י". האָט איינער געפרעגט אַ ווידעראַנאַנד:

— נו, און מיט בודעפּערען וואָס ווּעסט דו טהון?

— הערסט דו? האָט ער טאַקי געהאַט אַ מפּלה.

— כן יאבדו!

צוויי פּאַרשוינען זענען געווען אין כתרילעווקע, וואָס די גאַנצע שטאָדט האָט זיי ליעב געקריגען, אויסגעגאַנגען נאָך זייערע טריט. דאָס זענען געווען „עמיל זאָל" און „לאַמבאָרי". פאַר „עמיל זאָלען" וואָלט זיך יעדער איינציגער מפקיר געווען. אַ ווערטעלע אויסצורעדען — „עמיל זאָל"! אַז עמיל זאָל וואָלט קומען, למשל, קיין כתרילעווקע, וואָלט די גאַנצע שטאָדט איהם ארויסגעקומען אַקעגען מיט אַ ברוך־הבא, אויף די הענד וואָלט מען איהם גע־טראָגען.

— וואָס זאָגט איהר אויף זיינע בריוולעך?

*

אז ס'איז געקומען צום לעצטען טאָג פונ'ם משפט, האָט דאָס מיט די כתרילעווקער געוואָרפען ווי א קדחת. זיי וואָלטען א בעלן געווען אנשלאָפען ווערען אויף א גאנץ מעת־לעת און אויפ־חאַפּען זיך דעמאָלט, ווען דרייפוס וועט, אם ירצה השם, שוין זיין פריי. נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך ביי קיינעם דאָס אויג נישט געקאָנט צומאַכען. מע האָט זיך יענע נאכט געקאַט־שעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, מלחמה געהאַלטען מיט די וואַנצען און אַרויסגעקוקט, עס זאָל שוין ווערען טאָג.

אז ס'איז געוואָרען טאָג, איז מען אַוועק אויף דער פּאָסט. די פּאָסט איז געווען פערשלאָסען און דער טויער אויך. ביס־לעכווייז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען צענויפקלויבען אַרום דער פּאָסט, און ס'איז געוואָרען פערפלייצט די גאַס. אידען זענען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, געגעהנעצט, געצויגען זיך, געדרעהט די פּאה און געזונגען שטילערהייד פון הלל.

אז יאַרעמע דער סטאַראָזש האָט געעפענט דאָס טויער, האָבען אידען א לאָז געטהאָן זיך אַלע מיט א מאָל. איז יאַרעמע געוואָרען אָנגעצונדען, בעוויזען, אַז דאָ איז ע ר בעל־הבית, און האָט זיך צעלאָזט אויף זיי און, מחילה, זיי אַרויסגעטריבען מיט בזיונות פון דער פּאָסט אין דרויסען אַרויס, און דאָרטען האָבען זיי געוואַרט אויף זיידלען, אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען זיך פאַרט דערוואַרט. און אַז זיידעל האָט אָפּגענומען דאָס בלאַט און האָט זיי איבערגעלייענט דעם שענעם פּסק פון דרייפוס'ען, איז געוואָרען א געשריי, א ליאַרם — הימעל עפען זיך! דער געשריי איז געווען ניט אויף די ריכטער, וואָס האָבען שלעכט גע'פּסק'עט, נישט אויף די גענעראַלען, וואָס האָבען געשוואָרען פאַלש, נישט אויף די „פראַנצעהויזענדיגע", וואָס האָבען זיך אַזוי ניט שען אויסגעפיינט, — ניין! דער געשריי איז געווען אויף זיידלען.

— און איך וואָלט אַ בעלן געווען אָנקוקען בשעת מעשה די קינדערלעך, אַז מע האָט זיי געזאָגט: דער טאַטע איז גע־קומען.

ווייבער, וואָס זענען בעת מעשה געזעסען, האָבען בעהאַל־טען די פּנימ׳ער אין די פֿאַרטיכער, כלומר׳שט געשנייצט די נעזער, מע זאָל נישט זעהן, אַז זיי וויינען. ווי כתרילעווקע איז איי־אָרעם שטעדטעל, וואָלט יעדער אָפּגעריסען דאָס לעצטע פּונ׳ם לעצטען און וואָלט זיך דורכגעפֿאָהרען אַהין, אַ קוק טהון חאַטש פֿון דערווייטען.

אַז דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבען, איז געוואָרען אַ קאָ־כעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. נישט נאָר דאָס בלאַט—זייד־לען האָט מען צעריסען אויף שטיקלעך. מע האָט זיך געוואָר־גען מיט׳ן עסען, מען איז ניט געשלאָפֿען קיין נעכט. מע וואָלט שוין געהערען דערלעבען מאָרגען, מאָרגען — איבער־מאָרגען, און אַזוי אַלע טאָג.

מיט אַ מאָל איז געוואָרען אַ מהומה אין שטאָדט, אַ טומעל, אַ געשריי, אַ געפּילדער, — חושך! חושך! דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מע האָט געשאָסען אויף אַדוואָקאַט לאַבאָרי. די כתרילעווקער האָבען איינגעלעגט די וועלט.

— פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? אַזאַ רציחה! אומזיסט־אומנישט! ערגער ווי אין סדום!

דער דאָזיגער שאָס האָט זיי דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. די דאָזיגע קויל האָט זיי געטראָפֿען גלייך אין האַרצען אַריין. גלייך ווי ער האָט געשאָסען אויף כתרילעווקע.

— רבונו של עולם! — האָבען זיי מתפּלל געווען ביי זיך אין האַרצען. — בעוויוז דיינע וואונדער, דו קאָנסט דאָך, אַז דו ווילסט, טהו אַ נס, לאָמבאָרי זאָל חאַטש בלייבען לעבען.

און גאָט ברוך־הוא האָט אַ נס געטהאָן, ער איז געבליבען לעבען.

קיין עין-הרע ניט

מאָנאָלאָג.

געשריבען אין יאהר 1902.

— סע קאָן ניט זיין! — האָט כתרילעווקע געשריגען אין איין קול. — סע קאָן ניט זיין אין דער וועלט אַזא משפּט! הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז דער אמת מוז ארויף, ווי בוימעהל אויף'ן וואסער. וואָס וועסט דו אונז דערצעהלען מעשיות?
— בהמות! — שרייט נעבאך זיידעל מיט אלע כוחות און שטופּט זיי דאָס בלאָט גלייך אין פּנים אריין. — נאָט זעהט וואָס סע שטעהט אין בלאָט!
— בלאָט־שמאָט! — שרייט כתרילעווקע. — און אז דו וועסט זיך שטעלען אָט דאָ מיט איין פוס אויפ'ן הימעל און מיט דער אנדערער אויף דער ערד — וועלען מיר דיר גלויבען? ס'איז א זאַך, וואָס עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין!
א סימן — ווער איז געווען גערעכט?...

קיין עין־הרע ניט

(מאָנאָלאָג).

— ווי איהר זעהט מיך אָטאָ — מאַכט צו אונז אַ כתריר־לעווקער בעל־עגלה, וואָס האָט זיך אויסגעדרעהט צו אונז אין דער בויד אריין, און די פערדלעך מיט'ן וואָגען האָט ער געלאָזט אויף גאָטס'ס בעראָטה — ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, בין איך מיר אַ איך מיט קיין עין־הרע צוויי פערדלעך אייגענע; יענער, דער בולאַנער, איז ביי מיר שוין קיין עין־הרע דאָס אַכטע יאָהר, ווי איהר קוקט איהם אָן, אַ שווערפּיסיגער, נישט אַזאַ לויפער, נאָר אַ „נעמער" קיין עין הרע אַ גוטער, און דער קאַשטאַנעוואַטער איז אויך קיין עין־הרע אַ יאָדעריג פערדעל. מיט אַזעלכע צוויי פערדלעך, אַז גאָט שיקט צו גוטע פאַרשווינדלעך, און אַ סך, קאָן מען האָבען פּרנסה קיין עין־הרע מיט'ן פולען מויל, און פּרנסה — דאָס מוז מען, וואָרום אין דער היים איז פאַרהאַן אַ ווייב מיט קיין עין־הרע זעכס פּיקערם; זי קינדעלט קיין עין־הרע אַלע יאָהר, אסתר הייסט זי, און דערפאַר האָט זי טאַקי אַ פּנים פון אַ רוח. געוועזן אַזאַ שענע קיין עין־הרע, אַזאַ־נ־איידעלע, אַ צורה־מלוכה, בשעת איך האָב חתונה געהאַט פאַר איהר; כ'בין נאָך דעמאָלט געוועזן אַ שמייסער ביי יענעם, אַ בחור קיין עין־הרע אַיין אַייזען. וואָס מיר ווינטער? ווער מיר זומער? וואָס מיר שניי? ווער מיר בלאָטע? איבערגעקעהרט זיך דער וואָגען?

מער, זאָג איך, וואָלטען מיר זיך דורכגעגאַנגען צום דאָקטאָר? אפשר, זאָג איך, וועט ער געפינען עפּיס א סגולה?"... האָבען מיר זיך אָנגעהויבען צו קלויבען צור דאָקטאָר, האָבען מיר זיך געקלויבען און געקלויבען, וואָרום ווען האָב איך צייט, משטיינס געזאָגט, אַז די גאַנצע וואָך איז מען קיין עין־הרע אין דער אַרבייט? סיידען שבת?

קיצור, מיר האָבען זיך ארויסגעריסען איינמאָל אין א שבת צום דאָקטאָר. געקומען צום דאָקטאָר, פרעג איך דעם דאָקטאָר: „וואָס טהוט מען, זאָג איך, פּאַני מאַרשאַלקי, וואָס זי קרענקט?" גענומען ער און באַטראַכט זי און הערט זי אויס און רופט זיך אָן צו מיר: „דיין ווייב איז ניט געזונט". זאָג איך צו איהם: „פּאַני קאָנסוליאַרזשע, גוט וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, אַניט, וואָלט איך ניט געוואוסט!" מאַכט ער צו מיר: „נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען; איך האָב דיר געוואָלט זאָגען, זאָגט ער, אַז דו באַדאַרפסט זי אָפּהיטען, היטען ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג; זי טאָר, זאָגט ער, ניט האָבען קיין קינדער מעהר, וואָרום טאָמער האָט זי נאָך א צוויי קינדער, זאָגט ער, וועט זי קלאַפּירען". „קלאַפּירען? — זאָג איך. — בייסט אייך אָפּ די צונג, פּאַני! זי איז ביי מיר, זאָג איך, איינע, זי איז ביי מיר טייערער פון זיך אַליין, און פון מיינע צוויי פערדלעך אפילו, און איהר רעדט גאָר פון קלאַפּירען, זאָג איך. וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייערע עצות? איהר גיט איהר עפּיס א רפואה, זאָג איך, א סגולה, זי זאָל אויפהערען, זאָג איך, קרענקען!"... אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ער האָט איהר פאַרשריבען א רפואה, פראַשקעס אזעלכע, און מיר געהען אהיים. געקומען אהיים, זאָג איך צו איהר: „אסתר, האָסט געהאָרכט וואָס דער קלוגער דאָקטאָר האָט געזאָגט?"... לאַכט זי.

קיצור, עס געהט אוועק נאָך א יאָהר און נאָך א יאָהר, און וואָס ווייטער ווערד זי ערגער און ערגער, און די קינדער, איהר זאָלט זעהען, דוקא קיין עין־הרע איבערגעוואַשענע קינדער, איינס

אליין געגומען אויף די פּלייצעס און אליין קיין עין־הרע אויפ־געהויבען איהם פון דער בלאָטע, אפילו זיך ניט פארקרימט. אָט אזאַ מין פארשוין בין איך געווען. און זי, אסתר הייסט דאָס, איז געווען אַ יתומה, און דוקא אַ בעל־הבת'יש קינד, אַ מלמד'ס אַ טאָכטער, נאָר מחמת זי איז געווען ניט איינע, קיין עין־הרע אכט שטיק זענען זיי געווען, און די מוטער איז איין ארעמע אלמנה, האָט זי נעבאך זעהר געוואָלט חתונה מאכען די טאָכטער. האָט מען איהר געווענדט שדוכים קיין עין־הרע די שענסטע, די פיינסטע שדוכים. נאָר איין חסרון — קיין געלט איז ניט געווען. און מיר זענען געזעסען אונטער איין דאך, זענען מיר געזעסען, רוף איך זיך אָן צו איהר איינמאָל, צו אסתר'ען הייסט דאָס, יום־טוב איז דאָס געווען, אלע זענען געווען אין שוהל: „אסתר, זאָג איך, דו ועסט מיך נעמען?“ שווייגט זי. זאָג איך צו איהר נאָך אַ מאָל: „אסתר, זאָג איך, קוק ניט, זאָג איך, וואָס איך בין אַ שמייסער, זאָג איך, ביי יענעם, איך האָב צענויפגע־שלאָגען, זאָג איך, מיין אייגענס קיין עין־הרע אַ קערבעל עטליכע און דרייסיג; האָב איך נאָר חתונה, זאָג איך, אזוי קויף איך מיר באלד אַ פערדעל און ווער אליין, אם ירצה־השם, אַ בעל־עגלה, זאָג איך, און אַ יונגעל, זאָג איך, בין איך קיין עין־הרע אַ האָרעפּאַש־נער, האָרעווען קאָן איך, עס וועט דיר, זאָג איך, זיין ביי מיר קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען!“ שווייגט זי.

קיצור, מיר האָבען חתונה געהאַט. אַז מיר האָבען חתונה געהאַט, האָט זי באַלד אָנגעהויבען קינדלען, קיין עין־הרע אַלע יאָהר, אַלע יאָהר אַ קינד; און אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קינדלען, האָט זי אָנגעהויבען קרענקען, און אַז זי האָט אָנגעהויבען צו קרענ־קען, האָט זי געקרענקט און געקרענקט, אַוועקגעקרענקט אַ צייט! זאָג איך צו איהר: „אסתר, וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער תכלית, וואָס דו קרענקסט?“ לאַכט זי. „אסתר, זאָג איך, דו לאַכסט און מיר טריפט זיך בלוט, קוקענדיג אויף דיר; טאָ־

א פרישער, אַ צאַפּעלדיגער, טרעף איך אויפ'ן טיש די שענע צוויי אויסגעריבענע מעשענע לייכטער מיט קיין עין־הרע צוויי גרויסע קוילעטשען, און די קלוגע פיש קיין עין־הרע לאָזען זיך הערען שוין פונ'ם אויפ'ן־אויווען איבער דער גאַנצער שטוב, און אין שטוב איז ווארעם קיין עין־הרע, ריין און ציכטיג אין אַלע ווינקעלעך, חאָטש שפּיעגעל זיך, דער טשאָלענט איז פאַררוקט, דער פּריפּעטשיק אָפּגעשמירט, די קאַץ וואַרעמט זיך, און איך להבדיל בין מעביר די סדרה קיין עין־הרע צוויי מאָל; נאָכדעם געה איך מיר אין שוהל אריין דאַווענען און קום אַהיים מיט'ן ברייטען גוט שבת, זאָג אָפּ די שלום־עליכם'ס, מאַך קיין עין־הרע ד'עם פיינעם קידוש איבער קיין עין־הרע אַ גוט בי־סעל בראָנפען, עס־אָפּ קיין עין־הרע די גוטע וועטשערע, די אמת'ע פיש, די ריינע יוך מיט'ן צימעסדיגען צימעס, און לעג מיך רוהען. שלאָף איך אָפּ קיין עין־הרע די נאַכט ווי אַ מלך; און אין דערפריה געה איך מיר אין שוהל אריין, קיין עין־הרע ווי אַ גראַף, און אין דערהיים וואַרטען שוין אויף מיר קיין עין־הרע אַלע שבת'דיגע מאכלים: דער בעל־הבתישער רעטאַך מיט די כשר'ע ציבעלים, די געהאַקטע אייער מיט'ן שענעם לעבער, די פיינע פּעטשאַ מיט'ן לייטישען קנאָבעל, די הייסע יויך מיט'ן פּעטען קוגעל, וואָס רינט פון איהם קיין עין־הרע די שמאַלץ ווי פון אַ וואָרעטשיק. אודאי קאָן מען נאָך אַזאַ מין סעודה קיין עין־הרע גוט שלאָפען. און אַז מע שלאָפט זיך אויס נאָך אַזאַ וואַרעמעס, וויל מען דאָך קיין עין־הרע אַ טרונק. און אַז סע ברענט אויפ'ן האַרצען, זאָגט איהר, איז עפּעלקוואַס נישט קיין שלעכט ביסעל משקה, און באַרלעך־צימעס נישט קיין שלעכט מאכל. און אַז מע טרינקט אויס אַ קוואַרט עפּעלקוואַס קיין עין־הרע און מע פאַרבייסט מיט באַרלעך־צימעס, נעמט מען זיך צום תהלים און מע רייבט קיין עין־הרע געשמאַק איין קאַפּיטעל נאָכ'ן אַנדערען; זיי פליהען קיין עין־הרע, די קאַפּיטלעך, ווי די ווערסטען אויפ'ן גרויסען טראַקט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַהן אַ פּאַפּאַס, וואָרום

און איינס. דאָס עלטערע יונגעל שוין אַלט קיין עין־הרע דאָס דרייצעהנטע יאָהר, געגעבען איהם אין חדר, געוואָלט מאַכען פאַר אַ למדן — ווער, וואָס? אז דער קאָפּ איז איהם גאָר ביי די פערדלעך! און אַזוי איז דער אַנדערער, און אַזוי איז דער דריטער. איך קום צו פאָהרען אַהיים און שפּאַן אויס די פערדלעך — אהאַ! מיין חברה קיין עין־הרע איז דאָ: איינער אויפ'ן וואָגען, דער אַנדערער אונטער'ן וואָגען, איינער אויף איין פערדעל, דער אַנדערער אויפ'ן אַנדערען פערדעל, און דער קלענערער זיצט גאָר רייטענדיג אויפ'ן דישעל. „ווייסע־חברה'ניקעס, זאָג איך, ניט גע־דאַכט זאָלט איהר ווערען! נעחיי וואָלט איהר בעסער חשק געהאַט צום סדור!“... עס פאַרדריסט מיך, סטייטש, סע קאָסט מיך בלוט, איך צאָהל שכר־למוד, ווער פאַרשוואַרצט אַ גאַנצע וואָך, פאָהר־אַרום הין און צוריק מיט'ןביידעל, פאַרדיען טאַקי קיין עין־הרע דאָס שטיקעל ברויט, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי דאָס שטיקעל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט געהט אַוועק אויף זיי, להבדיל, אויף די פערדלעך הייסט דאָס, זיי דאַרפען קיין עין־הרע היי און האָבער אַלע טאָג, דעם וואָגען שמירען דאַרף מען אויך, און אַ שטוב קיין עין־הרע אויסהאַלטען איז נישט קיין ווערטעלע, און אַליין איז מען אויך אַ מענטש, אונטערוועגענס קיין עין־הרע אַליין אַ בעל־עגלה, שוין נישט קיין שמייסער ביי יענעם, אַמאָל אַביסעל בראַנפען, אַמאָל פאַרבייסען, די נשמה אויסשפּייען קאָן מען ניט, און אין מיטען דרינען, טראַך, פאַלט גאָר אַ פערד, איז איין עק, אויס גדולה!

אַ שטיקעל גליק, הערט איהר, פאַר נאַשבראַט, וואָס גאָט האָט געשענקט אונז דאָס שטיקעל שבת — אַ מתנה פון זיין ליעבען נאָמען. קומט שבת, ווערט איהר מיך ניט דערקענען, קיין עין־הרע גאָר איין אַנדער מענטש! אז איך קום פאַרפריה פרייטאָג אַהיים, איז ראשית חכמה פון אַלע ראשית חכמות — אין מרחץ אריין. דאַרטען פאַרע איך מיך קיין עין־הרע אויס אויף אַלע זייטען, ווערד זויף מיר אַ נייע פעל. איך קום אַהיים

איהם מעג מען מקנא זיין?

געשריבען אין יאַהר 1902.

ווי איהר זעהט מיך, חאָטש א בעל־עגלה, געהט ביי מיר קיין עין־הרע דער תהלים, ווי אַ מזמור, הלואי וואָלטען אזוי מיינע ממזרים געקאָנט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר נאָך טאַטע־מאַמע, א רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין — — — טפררררו, איינגעזונקען זאָלט איהר ווערען!...

אזוי האָט אויסגעלאָזט פּלוצים דער כתרילעווקער בעל־עגלה צו זיינע פערדלעך, דעם „בולאַנעם“ מיט'ן „קאַשטאַנעוואַטען“ וואָס האָבען אַ נעם געגעבען דעם וואָגען באַרג־אַראָפּ און געגעבען אַ טראָג־אַוועק איהם פייל אוים'ן בויגען. און איידער מיר קוקען זיך ארום, ליגען מיר אַלע מיט'ן וואָגען אונטער'ן באַרג אין דער בלאָטע. די פּאַרשוינען, וואָס זענען געזעסען „פאַריטש“, אקעגען אונז, ליגען, מחילה, פון אונטען; און מיר, בוידפאַרשוינען — פון אויבען, אויף זיי. און דער „בולאַנער“ מיט'ן „קאַשטאַנע וואַטען“, פערוואָרפען די קעפּ ארונטער, באַרבלען זיך מיט די פיס האָרחלען, ווילען נעבאַך ארויסקאַראַטשקען זיך — און קאָנען נישט.

— פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, הערט איהר, — אזוי מאַכט צו אונז דער כתרילעווקער בעל־עגלה, אַ פערשעמטער, נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהויבען די פערד מיט'ן וואָגען מיט אַלע פּאַרשוינען — פון זינט איך בין אַ בעל־עגלה, קיין עין־הרע שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, טרעפט זיך מיר, איך זאָל דאָ ליגען באַרג־אַראָפּ מיט'ן וואָגען וויפיעל מאָל, מיינט איהר? — סך־הכל **דאָס דריטע מאָל, קיין עין־הרע נית!...**

איהם מעג מען מקנא זיין

זינט כתרילעווקע איז א שטאָדט געדענקט דאָרט קיינער ניט אזא לויה, ווי עס האָט געהאַט רב מלך דער חזן.

רב מלך דער חזן איז געווען א איד איין אָרעמאַז, איין עני ואביון, גלייך מיט אַלע כתרילעווקער בעלי־בתים, און האָט פער־דיענט אזא לויה נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געשטאָרבען יום־כפור צו נעילה.

אזוי שטאַרבט א צדיק, א גרויסער צדיק.

די זון האָט שוין געהאַלטען ביי אונטערגעהן, זיך געזעגענט מיט כתרילעווקע און אַריינגעקוקט דורך די פענסטער פונ׳ם אַלטען בית־המדרש און בעלייכט די טוידטע אויסגעמוטשעטע פּנימ׳ער, די געלע טליתים מיט די ווייסע קיטלען פון די בעלי־בתים, וואָס האָבען אויסגעזעהען ווי לעבעדיגע מתים.

דאָס, וואָס ווערד אָנגערופען הונגער, האָבען שוין די דאָזיגע לעבעדיגע מתים לאַנג אויפגעהערט צו פיהלען. זיי האָבען נאָר געפיהלט, אז עס לאָזען זיך אויס די כחות, אז עס געהט זיי אויס דאָס חיות. זיי זענען געזעסען איבער די מחזורים, געשאָקעלט זיך, געקווייקט זיך ווער מיט „חלש־טראָפּענס" און ווער מיט א שמעק טאַבעקע, און געזונגען, אונטערגעהאָלפען רב מלך דעם חזן.

רב מלך דער חזן, א שענער איד מיט א לאַנגער באָרד, מיט א ברייטען קאָלנער, איז פון גאַנץ פריה אָן געשטאַנען פאָר׳ן

נאָך דריי טעג מיט נאָך דריי נעכט, אַבי אויסבעטען ביי דעם וואָס לעבט אייביג א גוט יאָהר...

און רב מלך דער חזן, אביסעל אָפּגערוהט זיך און איבערגע־חאַפּט דעם אָטעם, יזהוט ער זיך אַ קאַטשע אויפ'ן האלז, אַ ציקעל אויפ'ן אַלטען שטייגער:

— אַטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! אַטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! ע־ע־עי!... — און לאָזט אויס ווידער מיט אַ געבעט און מיט אַ געוויין:

— אוי־וועה! אוי־וועה! אוי־וועה!... אוי־וועה!...

און פּלוצים ווערד מיט אַ מאָל שטיל, און עס הערט זיך עפּיס אַ פּאַל און אַ קלאַפּ און אַ שטופּעריי און אַ שושקעריי:

— ששש... שאַ... שאַ! ממ... ממ...! אי־אַ־נו! שמש! שמש!...

לויפט צו חיים דער שמש און האַפּט־אונטער רב מלך דעם חזן אונטער די הענד; און רב מלך דער חזן פערוואַרפט דעם קאָפּ אַרונטער, די אויגען האַלב־אָפּען, דאָס פּנים ווייס ווי קאַלך, די ליפּען טוידט, און עפּיס אַ שמייכעלע, אַ ביטער שמייכעלע שפּיעלט אויף זיי.

דער עולם טהוט זיך אַ וואַרף. מע טראַגט איהם אונטער חלש־טראָפּען צו דער נאָז, מע שפּריצט איהם אָפּ מיט וואַסער, מע קוועטשט איהם ביי די שלייפען — בלאָטע! רב מלך דער חזן איז טוידט. רב מלך דער חזן איז געשטאָרבען . . . .

. . . .

אַ וואָלף אַז עס האַפּט זיך אַריין אין דער טשערעדע און פערצוקט אַ שעפּעלע, ווערד צווישען די איבעריגע שאָף אַ טומעל, אַ מהומה אויף אַ ווײַלע; נאָכדעם שלאָגט מען זיך צענויף אַלע אײַנאיינעם און מע הויבט אָן ציטערען מיט אַלע גליעדער.

עמוד אויף די פיס; ער איז געשטאַנען פאַר׳ן רבונו־של־עולם מיט אויפגעהויבענע הענד, געדאַוונט געטריי, געשמאַק, געוויינט און געבעטען ביי איהם רחמים פאַר די בעלי־בתים, וואָס האָבען איהם געשיקט פאַר אַ שתדלן, אַ חאַדאַטאַיי, מע זאָל זיי מוחל זיין זייערע גרויסע זינד און מע זאָל זיי אַנ׳חתמ׳ענען אַ גוט קוויטעל, אָנצייכענען זיי אַ גוט יאָהר.

אויף אַזאַ אַדוואָקאַט, ווי רב מלך, האָבען זיך די בעלי־בתים פון דעם אַלטען בית־המדרש, נישקשה, געקאָנט פערלאָזען.

ערשטענס, די געמבע; אַלטע בעלי־בתים דערצעהלען, אַז אין דער יוגענד האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אַ שאַרפע שטימע, אַ „שאגת ארי"; האָט ער געעפענט אַ מויל, האָבען געציטערט די ווענד פונ׳ם בית־המדרש און עס האָבען געקלונגען די פענסטער.

היינט איז ער געווען אַ גרויסער בעל־בכי, פלעגט וויינען, גיסען, ווי אַ בערעזענע, און אויף איהם קוקענדיג — דער גאַנצער עולם.

אויף דער עלטער איז ביי איהם די שטימע געוואָרען אביסעל צוגעלעגערט און ס׳איז איהם פערבליבען נאָר דאָס וויינען — נאָר אַזאַ וויינען, וואָס קאָן נעמען אַ וואַנד, אויפוועקען אַ טוידטען.

רב מלך הויבט אויף ביידע הענד און טענה׳ט זיך אוים מיט׳ן רבונו־של־עולם מיט׳ן געוויסען וויינענדיגען ניגון פון נעילה:

— אוי־וועה, טאַטע! אוי־וועה, פאָטער! אוי־וועה, אוי־וועה!...

און איטליכער בשעת־מעשה האָט חרטה אויף זיינע גרויסע זינד, בעט ביי גאָט, ער זאָל אָפּמעקען, מוחל זיין, פערגעסען, און שענקען זיי אַ גוט יאָהר פאַר זיי און פאַר זייערע נאַקעטע, באָר־וויסע הונגעריגע קינדערלעך.

און דערמאָנען זיי זיך אָן זייערע הונגעריגע, נאַקעטע און באָרוויסע קינדערלעך, די אומשולדיגע נפשות נעבאַך, ווערד זיי דאָס האַרץ צעגאַנגען אַזוי ווי וואַכס, און זיי זענען גרייט צו פאַסטען

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע און אַ וואַרעמע. די לבנה האָט אַראָפּגעשיינט אויף כתרילעווקע און האָט אַנגעקוועלט פון די אָרעמע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּגעבען כבוד רב מלך דעם חזן פאַר זיין אַוועקגעהן אַהין אין זיין ווייטען וועג אַריין. און אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מטה קעגען אַלטען בית־המדרש, האָט זיך רב יוזיפיל דער רב אַוועקגעשטעלט מאַכען אַ הספד, און דער גאַנצער עולם האָט געוויינט.

רב יוזיפיל דער רב האָט אויסגעוויזען מיט פסוקים און מיט מדרשים אַ סך, אַז רב מלך דעם חזנ'ס טוידט איז נישט קיין געוויינטליכער טוידט פון אַ געוויינטליכען מענשען, אַז אַזוי שטאַרבען שטאַרבט נאָר אַ צדיק, און אַ גרויסער צדיק, אַז אַזאַ צדיק געהט פון דאַנען גלייך אין גן־עדן אַריין, אַזאַ צדיק בעדאַרף איטליכער מקנא זיין, און איטליכער בעדאַרף זיך ווינשען אַזאַ טוידט, וואָרום נישט איטליכער איז זוכה צו שטאַרבען יום־כפור צו נעילה ביי'ם עמוד, ווען גאָט האָט מוחל געווען אַלע זינד — און אַזאַ צדיק, אַז ער פאָהרט־אָפּ פון שטאָדט, בעדאַרף די גאַנצע שטאָדט איהם געהן בעגלייטען, און אַזאַ צדיק, אַז ער שטאַרבט־אָפּ אין שטאָדט, בעדאַרף די גאַנצע שטאָדט וויינען און קלאָגען.

— וויינט זשע, אידען, און קלאָגט אויף דעם צדיק, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען, און בעט איהם, ער זאָל דאָרט זיין אַ מליץ־יושר פאַר'ן כסא־הכבוד צום נייעם יאָהר, טאָמער וועט ער טאַקי אויסבעטען פאַר אונז אַלעמען אַ גוט־יאָהר, — שוין צייט גאָט זאָל רחמנות האָבען אויף כתרילעווקע און אויף איהרע אידען!...

דער גאַנצער עולם האָט געוויינט, געגאָסען מיט טרערען און געגלויבט, אַז זיי האָבען אַוועקגעשיקט פאַר זיך אַ גוטען שליח, אַ רעכטען שתדלן צום אויבערשטען.

אין דער מינוט האָט זיך איטליכער געוואונשען צו זיין אויף רב מלך דעם חזנ'ס אָרט.

אזוי איז געווען אינ'ם אלטען בית־המדרש, בשעת רב מלך דער חזן איז געשטארבען.

עס איז געווארען אויף א ווײַלע א טומעל, א גערודער: פון דער ווייבערשער שוהל האט זיך געלאזט הערען א מאדנער קוויטש — דאס האט צביה די ״חזנ'טע גע'חלש'ט, און אויף איהר קוקענדיג זענען געפאלען חלשות נאך עטליכע ווייבער.

האט רב יוזיפיל דער רב א וואונק געטהאן צו די גבאים, און די גבאים האבען א פאטש געטהאן אין די סטענדערס, ס'זאל זיין שטיל. און חיים דער שמש (ער איז טאקי געווען בעל־שחרית) איז צוגעגאנגען צום עמוד און האט זיך געשטעלט דאווגען ווייטער, און דער גאנצער עולם האט געדאווענט וויטער, ביז רב ניסיל בעל־תוקע האט געגעבען דעם לעצטען בלאז.

נאכדעם האט מען געמאכט א ברכו, זיך געשטעלט דאווגען דעם װאכענדיגען מעריב, און אז מע האט אפגעדאווענט דעם וואכענ־דיגען מעריב, איז מען געגאנגען ארויס מחדש זיין די לבנה, און אז מע האט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאלט גע־גאנגען אהיים זיך אפפאסטען, ווער מיט א פערטעל עוף פון די כפרות און מיט א גלעזעל וואראמס, און ווער מיט א שטיקעל ברויט מיט הערינג און מיט גלאט א טרונק וואסער.

אין א שעה ארום נאכ'ן אפפאסטען זיך איז דער גאנצער שוהל־הויף שוין געווען פערפלייצט מיט מענשען. ס'איז ניט געווען קיין שפילקע דורכצוווארפען.

אידען און ווייבער, יונגלעך און מיידלעך. קינדער פון די וויעגעלעך — אלע זענען זיך צענויפגעקומען אויף דער לויה.

בעלי־בתים האבען זיך אליין מתעסק געווען אין דער מצוה, נישט צוגעלאזט די שמשים. א קליינינגקייט — אזא מת!

צוויי שלח-מנות'ען

געשריבען אין יאָהר 1902.

און רב יוזיפיל האָט, אַפּנים, פערגעסען, אַז ער רעדט מיט אַ טוידטען, און האָט אויסגעלאָזט זיין הספד מיט די דאָזיגע ווערטער:

— לך לשלום — געה געזונטערהייד און זיי מצליח!...

לאַנג־לאַנג נאָכדעם האָט מען נישט אויפגעהערט צו דער־צעהלען אין כתרילעווקע פון רב מלך דעם חזנ׳ס טוידט און פון דער לויה, וואָס ער האָט געהאַט, און מע האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— יאָ, אַ י ה ם מעג מען מקנא זיין...

צוויי שלח־מנות׳ען

א.

ס׳איז שוין לאנג נישט געווען אין כתרילעווקע אזא שענער פורים און אזא ווארעמער. עס האט פארפריה געלאזט דאס אייז, און פונ׳ם שניי איז געווארן א טוואַן ביז׳ן גארטעל. די זון האט געשיינט. עס האט געבלאזען א פויל ווינטעל. א נאריש קעלבעל האט זיך אויסגעוויזען, אז סע שמעקט מיט ווערסנע, האט דאס אנגעהויבען בלעקען, פעררייסען דעם ווידעל, אראפגעלאזט די מארדע און ארויסגעלאזט א האלבען „מע!“ אויף דער גאס זענען געלאפען שליינגעלדיגע ריטשקעלעך אראפ־בארג, געשלעפט מיט זיך וואו ערגיץ א שפענדעל, א שטרוי אדער א שטיקעל פאפיער. א גליק, וואס אין שטאדט איז נאך כמעט ביי קיינעם נישט געווען אויף מצות; אניט, וואלט מען געקאנט מיינען, אז ס׳איז נישט פורים, נאר ערב־פסח.

סאמע אין מיטען שטאדט, אין דער רעכטער בלאטע, האבען זיך בעגעגענט צוויי מיידלעך, וואס ביידע האבען געזייסען נחמה, — איינע א שווארצע, א געזונדע, מיט געדיכטע ברעמען און מיט א קורצער נאז, די אנדערע א ווייסע, א קראנקליכע, מיט רויטע האר און מיט א שפיצעכיג נעזעל; איינע א בארוויסע, מיט גראבע שווארצע פולקעס, די אנדערע כלומרשט אין שיך, וואס האלטען אפען דאס מויל און „בעטען עסען“; שענע שיך! אז מע געהט,

פריהער האָט נחמה די רויטע אויפגעדעקט און בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האָט געדיענט ביי זעלדע רב יאָסי׳ס, געגומען פינפטהאַלבען קערבלעך פאַר׳ן ווינטער מיט קליידען און שיכען. ס׳איז געווען א „קליידען״ מיט א „שיכען״! מילא, דאָס קליידעל איז געווען א קליידעל, מיט לאַטעס אפילו, נאָר פאָרט א קליידעל; די שיך אָבער זענען מאַנסבילשע שיך, פון זעלדע רב יאָסי׳ס בחור מנשה, וואָס האָט א פוס, ווי א דעיזשקע, און דערצו האָט ער נאָך א טבע דרעהען די אָבצאַסען. שענע שיך!

דער שלח־מנות, וואָס נחמה די רויטע האָט געטראָגען, איז בעשטאַנען: פון א שענעם גרויסען המן־טאַש מיט מאָהן, פון צוויי קישעלעך, איינס אַיין אָפּענס, מיט האָניגפּאַרפעל, און דאָס אַנדערע א קיילעכיגס, פוןביידע זייטען זעהר שען געצוויקעלט, א צוקערלעקאַכעל, מיט א ראָזינקע אריינגעשטעקט סאַמע אין מיטען, א גרויס פיערעקעכיג שטיק טאָרט, א שען שטיקעל קאָר־מישברויט, צוויי קליינע מלכות־ברויטלעך און א היבש שטיק קאָרע־נער לעקאַך, וואָס איז ביי זעלדען הייַנטיגס יאָהר מעהר געראָטען ווי אַלע יאָהר: צי די מעהל איז געווען זעהר א גוטע מעהל, צי דער האָניג איז געווען א ריינער האָניג, צי דער לעקאַך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבאַקען, צי מע האָט איהם גוט אויסגעשלאָגען — ער איז געווען טאַקי נאָר ווי א גערדיכטע פּעבקע קישען!

בעטראַכט נחמה דער רויטער׳ס שלח־מנות, האָט נחמה די שוואַרצע אויפגעדעקט און בעוויזען איהר שלח־מנות. זי האָט גע־דיענט ביי זלאַטע רב אַייזיק׳ס, גענומען זעכס קערבלעך פאַר׳ן ווינטער אויף איהר אייגענעם גאַנג, איז זי דערפאַר געגאַנגען באָרוויס, און זלאַטע האָט זי געשאָלטען מיט טוידטע קללות:

— ווי אַזוי געהט דאָס א מויד א גאַנצען ווינטער באָרוויס? דו ווילסט, אַפּנים, זיך פאַרקיהלען, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!...

נחמה האָט זי אָבער געהערט, ווי המן דעם גראַגער. זי האָט בע־סער געקליבען דאָס געלד אויף פסח: אויף פסח וועט זי, אם ירצה השם, זיך מאַכען א פּאָר שיך אויף הויכע אָבצאַסען מיט קולקעס

ק'ואטשקען זיי און סע שלעפּט זיך נאָך אַ פּאַדעשוועע, וואָס גיט אַלע מאָל אַ ליאַסק מיט אַ קוויטש, און אַז מע טהוט זיי אויס, ווערען זיי אַ פּוּד. דאָס איז געווען אַזעלכע שיך, וואָס מע זאָגט אויף זיי: „איידער אַזעלכע שיך, איז שוין גלייכער באָרוויס“...ביידע נחמה'ס האָבען געטראָגען שלח־מנות'ען, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס סערוועטעל, און צוגעהאַלטען מיט ביידע הענד אין דער הויך. דערזעהען זיך, האָבען ביידע מיידלעך זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ! נחמה?

— אַ! נחמה?

— וואוהין געהסט דו דאָס, נחמה?

— וואָס הייסט וואוהין געה איך? איך טראָג שלח־מנות.

— צו ועמען טראָגסט דו שלח־מנות?

— צו אייך טאַקי; און וואוהין געהסט דו, נחמה?

— וואָס הייסט וואוהין געה איך? זעהסט דאָך. אַז [illegible] טראָג שלח־מנות.

— צו וועמען טראָגסט דו שלח־מנות?

— טאַקי צו אייך.

— אַ היסטאָריע בנאמנות!

— אַ ריינע קאָמעדיע!

— אַנו, ווייז נאָר דיין שלח־מנות, נחמה?

— ווייז דיין שלח־מנות, נחמה?

און ביידע נחמה'ס האָבען געזוכט מיט די אויגען, וואו מ[illegible] קאָן זיך צוזעצען אויף אַ ווײַלע, און גאָט האָט זיי צוגעשיקט. דערזעהען אַ קלעצעל נעבען איין אײַנפאָהרהויז, האָבען זיי אויפ־געהויבען די פּים אין דער לעהמיגער בלאָטע און האָבען זיך בע־זעצט אויף דעם דאָזיגען קלעצעל, אנידערגעשטעלט די בעקענס אויף די קניהעס, אויפגעהויבען די סערוועטלעך און בעטראַכט בײַ שלח־מנות'ען.

— און איך, מיינסט דו, האָב היינטיגען טאָג עפּיס געגעסען? נישט מעהר זאָלען זיי עסען ווייל זיי וועלען לעבען! — מאַכט נחמה די רויטע און קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען. — נעם, פאָלג מיך, נחמה, דעם המן־טאַש און צעברעך איהם אויף צווייען, וועלען מיר איבערחאַפּען. וואו שטעהט דאָס, אַז שלח־מנות מוז זיין מיט אַ המן־טאַש? אַט למאַי איז ביי דיר שלח־מנות אָהן אַ המן־טאַש?

— לאָם איך האָבען אזא יאָהר, ווי דו ביזט גערעכט! — זאָגט נחמה די שוואַרצע, צעברעכט דעם המן־טאַש אויף צווייען און צעטיילט זיך מיט נחמה דער רויטער

— הערסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען! ס'איז דאָך טעם גן־עדן, בנאמנות! אַ חסרון נאַר, וואָס סע מעהר נישטאָ... פאַר דיין המן־טאַש, נחמה'ניו, קומט דיר אַ שטיק לעקאַך פון מיין שלח־מנות, וואָרום וועדליג מיר וועלען זיך דאָ אָננעמען פאַר'ן וועג, מעג זיי זיין ווינציגער מיט אַ שטיקעל לעקאַך און מעהר מיט אַ מכה... מאָהל דיר, פון גאַנץ פריה אָן ביז איצטערטאָ — טרעף, וויפיעל האָב איך געמאַכט? קוים־קוים אַ גילען מיט צוויי גראָשען. אי דאָס — זענען די צוויי גראָשען מיט אַ לעבעל... וויפיעל האָסט דו געמאַכט, נשמה מיינע?

— איך האָב דאָס אויך ניט געמאַכט, אַ מכה זאָל זיך זיי מאַכען! — זאָגט נחמה די רויטע און קייעט דעם לעקאַך און שלינגט גאַנצע שטיקער, ווי אַ גאַנז. — הלואי איך זאָל פאַר'ן גאַנצען טאָג מאַכען אַ גילען!...

— שענע נגידית'טעס, זיי מעגען זיך, נישקשה, אַלע באַגראָבען! — זאָגט נחמה די שוואַרצע און בעלעקט זיך נאָכ'ן לעקאַך. — איך קום צו געהן צו חיענע דער צעלניקערין מיט'ן שלח־מנות, נעמט זי צו ביי מיר דעם שלח־מנות, קראַצט און קראַצט די קעשעני און הייסט מיר קומען שפּעטער, קומען זאָל אויף איהר אַ מיתה משונה!

און א סיצען קליידעל מיט אובארקעלעך. קאפעל דער שוסטער, וואס שרכנ'ט זיך צו איהר, וועט איינגעמען א מיתה משונה!

דער שלח מנות, וואס נחמה די שווארצע האט געטראגען, איז בעשטאנען פון א פיין שטיק שטרודעל, צוויי גרויסע צוקער־לעקאכער, א היבש האניג־טייגעל, צוויי קישעלעך, וואס פון ביידע זייטען איז געווען אויסגעצוויקעלט א פישעלע און אנגעפילט מיט קליינע זיסע פארפעלעך, און צוויי גרויסע מאהענדלעך, שווארצע, גלאנצענדיגע, דורכגעשפיגעוועט מיט יאדערען פון ניסלעך, גוט איינגעפרעגעלט אין האניג! אויסערדעם איז אויפ'ן בעקען געלעגען און געשמייכעלט א געלער, א שמעקענדיגער מאראנץ, וואס דער ריח איז זיך צעגאנגען אין יעדען אבר.

ב.

— הערסט ד, נחמה, וואס איך וועל דיר זאגען? דיין שלח־מנות איז א שענערער שלח־מנות פון מיין שלח־מנות! — אזוי האט געזאגט נחמה די רויטע צו נחמה דער שווארצער מיט א קאמפלימענט.

— ע! דיין שלח־מנות איז אויך ניט קיין שלעכטער שלח־מנות! — האט איהר נחמה די שווארצע געענטפערט מיט א קאמפלימענט פאר א קאמפלימענט און האט א טאפ געטהאן מיט'ן פינגער דעם המן־טאש.

— אט א המן־טאש!... — האט געזאגט נחמה די שווארצע און האט זיך אזש בעלעקט. — אט דאס הייסט א המן־טאש!... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, איך פארגין איהר גארנישט, דער בעל־הבית'טע מיינער, אזא המן־טאש... אזא מכה זאל זיך איהר זעצען אויפ'ן פנים, רבונו של עולם!... הערסט דו, נחמה, ווערליג איך האב נאך היינטיגען טאג אין מיין מויל נישט געהאט, וואלט איך א בעלן געווען פארזוכען פון דעם ראזיגען המן־טאש חאטש א שטיקעל...

רב יאָסי לעמעשקע (אַזאַ צונעמעניש האָט ער געהאַט אין כתרילעווקע) איז געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און האָט געחראָפּעט, און מנשה, אַ בחור פון אַ יאָהר אַכטצעהן מיט רויטע באַקען און מיט אַ לאַנגער ליוסטרינינער נאַקידקע, האָט אַרומגעפּאַדקעוועט אַרום דער מאַמע, גענאַשט אַלע מאָל אַ שטיקעל האָניגטייגעל, אַ צוויי פאַרפעלעך אָדער אַ מאַהנדעל; ער האָט זיך אַזוי אָנגע־שטאָפּט מיט די אַלע גוטע זאַכען, אַז די צייהן מיט די ליפּען זענען איהם געווען שוואַרץ און דער בויך האָט אָנגעהויבען „רעדען".

— מנשה, טאָמער וואָלט שוין אַמאָל געווען גענוג, מנשה? — זאָגט איהם זעלדע אַלע מינוט.

— גענוג, גענוג! — ענטפערט מנשה און חאַפּט אַריין אין מויל אַריין אַלע מאָל איין אַנדער שטיקעל, „דאָס לעצטע מאָל", און ווישט אוים מיט דער צונג די ליפּען.

* * *

— אַ גוט יום־טוב, די בעל־הבית'טע האָט אייך געשיקט שלח־מנות! — זאָגט נחמה די שוואַרצע און טראָגט־אונטער זעלדען דעם איבערגעדעקטען שלח־מנות.

— ביי ווען דיענסט דו? — פרעגט זי זעלדע מיט אַ פריינד־ליך שמייכעל און נעמט־צו ביי איהר דעם שלח־מנות פון די הענד.

— ביי זלאַטע רב אייזיק בעל־בריתניק'ס. — מאַכט נחמה די שוואַרצע און וואַרט, מע זאָל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומקעהרען דאָס בעקען. .

זעלדע נעמט זיך מיט איין האַנד צו דער קעשענע בעצאָהלען דעם מיידעל אַ גראָשען פאַר'ן וועג, און מיט דער אַנדערער האַנד דעקט זי אָפּ דעם שלח־מנות און בלייבט שטעהן ווי געלעהמט.

— וואָס איז דאָס? מנשה, טהו נאָר אַ קוק!...

מנשה דערזעהט דעם שלח־מנות, חאַפּט ער זיך ביי די זייטען, בויגט זיך צו ביז דער ערד און מאַכט אַזאַ געלעכטער, אַז רב יאָסי לעמעשקע פאַלט שיער אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע אַ דערשראָקענער.

— אזוי ווי איך האָב געהאַט ביי קיילי רב אהרן׳ס. — זאָגט נחמה די רויטע. — איך קום צו געהן צו איהר מיט׳ן שלח־מנות, געהט זי און שענקט מיר אַ צוקערלעקאַכעל פאַר׳ן וועג, שענקען זאָל איהר גאָט אַ נייע נשמה!

— און די אַלטע זאָל מען אַרויסוואַרפען פאַר די הינט! — לאָזט אויס פאַר איהר נחמה די שוואַרצע און נעמט איינע פון זלאַטע׳ס צוויי צוקערלעקאַכער און צעברעכט איהם אויף צווייען. — נאַ, עס, נשמה מיינע, עסען זאָלען זיי ווערעם! אז דיין בעל־הבית׳טע וועט האָבען ווינציגער מיט אַ צוקערלעקאַכעל, ביז איך בדלות!

— אוי, אַ מכה איז מיר! — האָט זיך נחמה די רויטע צום ערשטען מאָל אויפגעחאַפּט פונ׳ם אָרט און אָנגעהויבען ברעכען די הענד. — זעה, נאָר, נשמה׳ניו, וואָס ס׳איז מיר געבליבען פונ׳ם שלח־מנות!

— ווער וועט זיי געהן דערצעהלען, נאַרישע מויד? — בע־רוהיגט זי נחמה די שוואַרצע. — האָב קיין מורא ניט, ס׳איז ביי זיי היינט אַ טאָג פון שלח־מנות, זענען זיי פאַרטאַרעראַמט, מע וועט זיך ניט אַרומקוקען.

אוןביידע נחמה׳ס דעקען איבער די שלח־מנות׳ען מיט די ווייסע סערוועטלעך און לאָזען זיך געהן איבער דער בלאָטע, איינע אַהין, די אַנדערע אַהער, גלייך ווי ס׳איז גאָר ניט געוועזן...

ג.

זעלדע רב יאָסי׳ס, אַ אידינע מיט אַ קײַלעכיגען פּנים און אַ גאַנץ שענע, איז געשטאַנען מיט אַ רויטען זיידענעם פאַרטוך מיט ווייסע שפּרינקעלעך און האָט אויסגעטיילט און צענויפגעשטעלט אַלע שלח־מנות׳ען, וואָס זי האָט בעדאַרפט שיקען יענעם און וואָס יענע האָבען געשיקט איהר.

לעג־צו אהין, אַט אַזוי. און צעשניידט דאָס שטיקעל טאָרט אויף צווייען. צו אַ גרויסע שטיק טאָרט, אַייזיק, אַיין עבירה... אין דער ערד אַריין, ממזרים, וואָז!

די גלאַטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען אויף אַ גאַנצער חאָפּטע ווייסע־חברה'ניקעס, וואָס זענען געשטאַנען אַרום איהר מיט הוילע פּושקעס, געקוקט אויף די זיסע זאַכען מיט זשעדנע אויגען און בעלעקט זיך.

די ווייסע־חברה'ניקעס גנבה'נען זיך אונטער אַלע מאָל פון הינטען, ווילען אַוועקשלעפּען אַ לעקאַכעל פונ'ם טיש. דערזעהט די מאַמע און שענקט אַ פּאַטש אָדער אַ סטוסאַק מיט אַ פּאָטי־לעטשניק.

* * *

— אַ גוט יום־טוב! די בעל־הבית'טע האָט אַייך געשיקט שלח־מנות! — זאָגט נחמה די רויטע און טראָגט אונטער זלאַטען דעם איבערגעדעקטען שלח־מנות.

— ביי וועמען דיענסט דו? — פרעגט זי זלאַטע מיט אַ פריינדליך שמייכעלע און נעמט־צו ביי איהר דעם בעקען פון די הענד.

— ביי זעלדע רב יאָסי לעמעשקעס, — זאָגט נחמה די רויטע און וואַרט, מע זאָל ביי איהר צונעמען דעם שלח־מנות און אומ־קעהרען דעם בעקען.

זלאַטע נעמט זיך מיט איין האנד צו דער קעשענע בעצאָהלען דעם מיידעל אַ גראָשען פאַר'ן וועג, און מיט דער אַנדערער האַנד דעקט זי אָפּ דעם שלח־מנות און בלייבט שיער חלשות.

— אַלע בייזע וויסטע שלעכטע טוידטע פינסטערע חלומות זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ און צו זייערע הענט און פיס און צו זייער לייב און לעבען! זעה־נאָר אַ מין שלח־מנות! אַזוי ווי עפּיס גאָר אויף אַ געלעכטער, אַ הולטייקע קאָז!

— האָ? וואָס? וואָס איז? ווער איז דאָרטען?...

— זעה נאָר אַ שלח־מנות! — מאַכט צו איהם זעלדע און לעגט צענויף ביידע הענד אויפ'ן בויך. מנשה הערט נישט אויף צו לאַכען, און רב יאָסי לעמעשקע טהוט אַ שפּיי, דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און שלאָפט ווייטער.

זעלדע טהוט אַ שמיץ נחמה'ן דעם בעקען מיט'ן סערוועטעל און זאָגט צו איהר:

— זאָלסט זאָגען דער בעל־הבית'טע דיינער, זי זאָל דער־לעבען איבער אַ יאָהר און זאָל קיין שענערען שלח־מנות ניט פאַר־מאָגען!

— אָמן גם אתם! — מאַכט נחמה די שוואַרצע און נעמט צו דעם בעקען.

— מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! — זאָגט זעלדע מיט כעס.— מויד איין עזות'ניצע קאָן! וואָס זאָגסט דו אויף איהר, מנשה?...

ד.

זלאַטע רב אייזיק'ס, אַ אידינע, וואָס האָט אַלע יאָהר אַ קינד און הערט נישט אויף צו דאָקטערען זיך, איז שוין געוועזען אַזוי אויסגעמיעדט פונ'ם שלח־מנות אָפּנעמען און ארויסגעבען, אַז זי האָט זיך געמוזט צוזעצען אויף אַ בענקעל און קאָמאַנדעווען מיט'ן מאַן אייזיק בעל־בריתניק (אַזוי האָט מען איהם גערופען הינטער די אויגען, דערפאַר וויל ער פראַוועט אַלע יאָהר אַ ברית).

— אייזיק, נעם אָט אַ יענעם שטיקעל טאָרט און לעג אַוועק אהער, און דאָס שטיקעל קומיש־ברויט מיט די צוויי מאַהנדלעך פון דאַנען לעג־צו אַהין, אייזיק, און דערלאַנג מיר יענעם קישעלע וואָס מיט די פאַרפעל, ניין ניט יענעם, אָט אַ יענעם! נו, ריהר זיך, אייזיק! זעה נאָר, ווי מע בעדאַרף איהם לערנען קמץ־אַלף, ווי מיט אַ קליין קינד! און נעם יענעם לעקאַכעל, דאָס גרעסערע, און

זאָגען א גוט מאָרגען, וועט ער איהם ניט ענטפערען... און אזוי זענען זיי געשטאַנען ביידע איינס אַקעגען דאָס אַנדערע, ווי די האָהנען, און געוואַרט, ווער וועט אָנהויבען פריהער... זיי וואָלטען געקאָנט אזוי אוועקשטעהן ביידע א גאַנצען טאָג, ווען עס זאָלען ניט געווען אָנקומען זייערע ביידע ווייבער פונ׳ם מארק, ביידע מיט פלאַמענדיגע פּנים׳ער און מיט ברענענדיגע אויגען פאַר כעס.

— אייזיק, פאַר וואָס דאנקסט דו איהם ניט אָפּ פאַר׳ן שענעם שלח־מנות, אייזיק, וואָס זיין יפהפיה האָט מיר געשיקט ?— רופט זיך אָן זלאַטע צו איהר מאַן.

— יאָסי, פאַר וואָס דערמאָנסט דו איהם ניט דעם נעכטיגען שלח־מנות ? — זאָגט זעלדע צו איהר מאַן.

— אייזיק, דו הערסט, אייזיק, זי רייצט זיך נאָך! וואָס שווייגסט דו איהם, אייזיק ?

— וואָס וועל איך געהן רעדען מיט א „לעמעשקע“ ? — זאָגט רב אייזיק הויך אויף א קול, בכדי רב יאָסי זאָל דערהערען, אַז ער רופט איהם „לעמעשקע“.

— איך האָב מורא אָנהויבען זיך מיט א „בעל־בריתניק“ !...— זאָגט רב יאָסי הויך אויף א קול, בכדי רב אייזיק זאָל הערען אַז ער רופט איהם „בעל־בריתניק“.

דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס ליגט אַזעלכעס אינ׳ם וואָרט „בעל־בריתניק“ ? איטליכער איד, אַז זיין ווייב ווערד געלעגען און האָט א יונגעל, ווערד ער אויפ׳ן אַכטען טאָג א בעל־בריתניק.

רב אייזיק אָבער האָט אַלסדינג אויף דער וועלט געקאָנט איבערטראָגען, נאָר נישט דעם צונעמעניש „בעל־בריתניק“. דאָס איז פאַר איהם געווען טויזענד מאָל ערגער ווי אין טאַטען אריין געשאָלטען! ער איז דעמאָלט קאַפּאַבעל. געווען יענעם צערייסען אויף שטיק שטיקלעך!...

— נא, געב דאס אפ דער בעל־הבית'טע דיינער צוריק! — זאגט זלאטע און טהוט א שמייץ נחמה דער רויטער דעם בעקעז מיט'ן סערוועטעל מיט'ן שלח־מנות צוריק אין פנים אריין.

ה.

רב יאסי לעמעשקע און רב אייזיק בעל־בריתניק זענען ביידע קרעמער אין כתרילעווקע, א קלייטעל נעבען א קלייטעל, און חאטש זיי זענען קאנקורענטען, הייסט דאס, און שלעפען איינס ביי'ם אנדערען קונים, אבי זיי קאנען נאר, פון דעסטוועגען איז מען צווישען זיך דוקא גוטע ברידער, מע חאפט איינער ביי'ם אנדערען א גמילות־חסד, מע געהט איינער צום אנדערען אויף שמחות, יום־טוב — אויף קדוש, ווי ער געהער צו זיין צווישען נאהענטע שכנים. זומער זיצט מען גאנצע טעג אין קלייט און מע שפיעלט אין ביינדלעך, און ווינטער געהט מען אריין איינער צום אנדערען זיך אנ־ווארעמען אביסעל. אויך די ווייבער צווישען זיך לעבען גאר פריינדליך, רעדען ביידע אפ פון דער גאנצער וועלט, לייהען זיך אוים איינס דאס אנדערע, אז סע פעהלט סחורה, פערטרויען זיך איינע דער אנדערער די גרעסטע סודות, קריעגען זיך כמעט קיינ־מאל ניט, און אפילו אז עס מאכט זיך, זיי צעקריעגען זיך א מאל איבער א נארישקייט, בעטען זיי זיך באלד איבער... הכלל, ס'איז א לעבען. ווי „אונטער'ן באד“.

אויף מארגען נאך פורים, אז רב אייזיק בעל־בריתניק איז ארויסגעקומען עפענען די קלייט, איז שוין רב יאסי לעמעשקע גע־שטאנען ביי דער טיר פון זיין קלייט אנגעבלאזען, ווי איין אינדיק, און געווארט, אז רב אייזיק זאל צוגעהן צו איהם זאגען א גוט מארגען, וועט ער איהם ניט ענטפערען... רב אייזיק, וואס איז אויך געווען גוט אנגעדרודעלט פון זיין ווייב אויף רב יאסי'ן, האט אויפגעשלאסען די קלייט, זיך אנידערגעשטעלט ביי דער טיר און געווארט ביז רב יאסי וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם

ו.

דער כתרילעווקער מיראָוואָי, פֿאָן מילינעיעווסקי, א גראָבער פּריץ מיט א לאַנגער באָרד און מיט א הויכען שטערן, איז שוין אַזוי לאַנג מיראָוואָי, אַז ער איז גוט בעקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָדט, אויסגעבונדען מיט איטליכען בעזונדער, און איבערהויפּט מיט כתרילעווקער אידען; ער קען יעדען איינציגען, ווייסט יעדענס כאַראַקטער דורך און דורך, פערשטעהט אידיש ווי א איד, קלוג ווי די וועלט. „טאַקי נאָר א אידישער קאָפּ אויף איהם!"...— זאָגט מען אין כתרילעווקע.

קומט אָסיען־צייט, ארום נאָך סכות, ווערד ער פערוואָרפען מיט פּאַפּיערען, און אַלץ פון אידען זאָלען געזונד זיין, — נישט חלילה פאַר גנבות, גזילות און רציחות — ניין! נאָר פאַר פייגען און פאַר פּעטש איבער „שישי", איבער „אתה־הראית", איבער „חתן־תורה" און „חתן־בראשית". פֿאָן מילינעיעווסקי האָט פיינט מאַכען מיט די כתרילעווקער אידען צערעמאָניעס, אריינלאָזען זיך מיט זיי אין לאַנגע חקירות, און קיין סך רעדען לאָזט ער זיי ניט, וואָרום ס'איז א מעשה אָהן איין עק. ווילען זיי שלום, איז רעכט (פֿאָן מילינעיעווסקי איז א רודף־שלום'ניק); אלאָ ניט, טהוט ער אָן די קייט און שניידט: „פּאָ אוקאַזו נאָ אָסנאָוואַניע טאַקאָי־טאָ אי טאַקאָי־טאָ סטאַטי פּסק'ע איך אָפּ הערשקען זאָ פּאָסען (חתן)־בראשית דריי טעג וועזשע, און יענקלען זאָ פּאָסען (חתן)־תורה דריי טעג וועזשע"... קיין מיוחסים, ווי איהר זעהט, איז ביי איהם נישט פאַרהאַן.

פונקט צוויי וואָכען פאַר פּסח איז געווען דער משפט פון'ם „שלח־מנות". דאָס מיראָוואָי־שטיבעל איז געווען פול אָנגעשטויסען מיט אידען און ווייבער, וואָס כמעט אַלע זענען געווען עדות. ס'איז ניט געווען וואו א שפּילקע דורכצוּוואַרפען.

דאָס אייגענע איז געווען מיט רב יאָסי'ן. איהר זאָלט איהם געבען דריי פּעטש, וואָלט ביי איהם געווען מעהר ניחא. ווי דאָס וואָרט „לעמעשקע".

עס איז זיך צענויפגעלאָפען דער גאַנצער מאַרק, און מע האָט זיי קוים צענומען; מע האָט געוואָלט געוואָהר ווערען, פאַר וואָס און פאַר ווען האָבען זיך עס צוויי נאָהענטע שכנים און גוטע פריינד פּלוצים פערפאָהרען איינס דאָס אנדערע אין די בערד אַריין... נאָר רב יאָסי און רב אייזיק און זלאַטע און זעלדע האָבען געערעדט אַלע פיער איינס איבער דאָס אנדערע, זיי האָבען אַלע אזוי געפּילדערט און געקוויטשעט, אז מע האָט נאָר געקאָנט הערען „שלח־מנות!" „שלח־מנות!" — און גענוג. וואָס „שלח־מנות"? ווער „שלח־מנות"? — דאָס איז אונמעגליך געווען צו דערגרונטעווען זיך.

— אַז דו וועסט ניט אײנגעבען צום מיראָוואַי אויף דער „לעמעשקע", זאָלסט דו זיך געזעגענען מיט'ן לעבען!—האָט זלאַטע געשריגען אויף איהר מאַן. און רב יאָסי האָט זיך אַנגערופען צום גאַנצען מאַרק:

— אידען, איהר זאָלט זיין עדות, אַז די דאָזיגע הולטייקע האָט מיך אַנגערופען „לעמעשקע"! אָט געה איך באַלד און געב־איין דעם מיראָוואַי אויף איהר און אויף איהר מאַן דעם „בעל־בריתניק" אַ פּאַפּיער.

— אידען! — האָט זיך אַנגערופען רב אייזיק. — איהר זאָלט וויסען, אַז איך שטעל אייך פאַר עדות בײ'ם מיראָוואַי, אַז דער דאָזיגער... דער דאָזיגער... דער דאָזיגער... איך וויל איהם ניט אָנרופען ביי זיין שענעם נאָמען, האָט מיך נאָר־וואָס אָנגערופען „בעל־בריתניק"!

אין אַ שעה אַרום זענען זיי ביידע געווען ביי יודעל דעם שרייבער, ביידע האָבען געשטעלט עדות און ביידע האָבען איינגע־געבען צום מיראָוואַי.

— דאַ ראַבינאַ ! — האָט ער זיי געזאָגט. — דאַ ראַבינאַ סוואַשים האַמענעאוכע ! — און דער גאַנצער עולם איז אוועק פון דאָרטען צום רב.

ז.

רב יוזיפיל דער רב, וועדליג ער איז בעקאַנט אונזערע לעזער, איז ברוך־השם אַזאַ איד, וואָס קאָן איבערטראָגען אויף זיך אַלס־דינג. ער האָט ליעב אויסהערען איטליכען בעזונדער ביז'ן סוף. רב יוזיפיל געהט מיט דעם גאַנג, אַז יעדער מענש, וויפיעל ער זאָל ניט ריידען, מוז ער אַמאָל אויפהערען, ווארום אַ מענש, זאָגט ער, איז ניט קיין מאַשינע. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס איצטיגס מאָל האָבען זיי גערעדט אַלע פיער אינאיינעם, איינס איבער'ן אַנדערען, און אויך מענשען פון דער זייט האָבען זיך אַלע מאָל אריינגעמישט. נאָר וואָס מאַכט דאָס אוים ? אַלסדינג אויף דער וועלט מוז האָבען אַ סוף... אַז אַלע האָבען זיך גוט אָנגערעדט, אָנגעשריגען און אָנגעקריעגט, און ס'איז געוואָרען שטיל, האָט זיך רב יוזיפיל אָנגערופען צו ביידע צדדים פּאַוואָלי, בנעימות, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ זיפצעל :

— אָך־אָך־אָך ! געהט אַזאַ יום־טוב, אַזאַ הייליגער יום־טוב, פּסח ! אַ קלייניגקייט — פּסח ! אונזערע עלטערען זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אריבערגעגאַנגען דעם ים, אַזאַ ים, אין דער טריקעניש ! געבלאָנזעט אין דער מדבר פערציג יאָהר, פערציג יאָהר ! מקבל געווען אויפ'ן באַרג סיני די תורה, אַזאַ תורה, וואָס דאָרט שטעהט געשריבען בפירוש : „ואהבת — און דו זאָלסט ליעב האָבען, לרעך — צו דיין חבר, כמוך — ווי זיך אַליין, זאָלסט דו ליעב האָבען !"... צום סוף, אוי, צום סוף קריעגען זיך אידען, בעונותינו הרבים, רייסען זיך ביי די בערד, איבער וואָס ? איבער נאַרישקייטען, שטות'ערייען... אַ חלול־השם פאַר גויים, כלעבען, אַ חלול־השם !... מע זאָל בעסער

— אייזיק, יאָסקע, זלאַטע, זעלדע! — האָט אויסגערופען פאַן מיליניעווסקי, און עס זענען ארויסגעטראָטען פון דער ערשטער באַנק רב יאָסי לעמעשקע און רב אייזיק בעל־בריתניק מיט זייערע ווייבער; און איידער דער מיראָוואָי האָט נאָך אויסגערעדט א וואָרט, האָבען זיי אַלע פיער מיט א מאָל אָנגעהויבען רעדען, און מעהר פון אַלע און העכער פון אַלע, געוועהנליך, די ווייבער.

— גאָספּאָדין מיראָוואָי! — זאָגט זעלדע, שטופּט־אָפּ דעם מאַן און בעווייזט מיט דער האַנד אויף זלאַטען. — אָנאַ עטאַ הולטייקע דאָ מיניע פּריסלאַיעט היינטיגען פּורים חאַראָשי שלח־מנות נאַ לייטיש געלעכטער! פּאַרשיווי שטרודעל אי אָדין צו־קערלעקאַכעל, פּראָסטאַ חוזק, סטראַם, טפו!...

— אוי! אוי! אוי! איך וועל דאָס גאַרניט אויסהאַל־טען! — שרייט זלאַטע און שלאָגט זיך אין הארצען. — דאַי באָזשע מיני טאַקיי שמאַטאַק זאָלאַטע!

— אָמן! — זאָגט זעלדע.

— שווייג, דו פּיסקאַטע! דוואַ פּאָדושיטשקי, גאָספּאָדין מיראָוואָי, דאַי באָזשע מיני טאַקיי מזל, אי קומישברויט, אי צאַר־סקי חליעב, אי צרות איהר, אי פּראַנעק! אי פּרעה'ס מכות! א האַמענע אוכע? וועה איז מיר!

— יאַקאָי האַמענע אוכע? סע הויבט זיך גאָר ניט אָן!

דער מיראָוואָ האָט געפּרובט איינשטילען די ווייבער פריהער מיט גוטען, נאָכדעם מיט בייזען, געקלונגען מיט'ן גלעקעל, און אַז ער האָט געזעהען, אַז עס העלפט ניט, ס'איז אונמעגליך זיי צו צו־מאַכען דאָס מויל, האָט ער די ווייבער אַרויסגעטריבען מחילה אין דרויסען ארויס, סע זאָל ווערען אַביסעל שטילער, מע זאָל חאָטש קאָנען הערען וואָס מע רעדט, און די מאַנסבילען האָט ער געגעבען איין עצה, זיי זאָלען געהן צום רב.

בייטאָג נאָכ'ן עסען, אַז זעלדע מיט זלאַטען זענען זיך צענויפגע־קומען און צערעדט פונ'ם שלח־מנות, איז דער אמת ארויף ווי בוימ־עהל אויפ'ן וואַסער, אוןביידע דיענסטמיידלעך, נחמה די שוואַר־צע און נחמה די רויטע, האָבען שוין געהאַט זייער עהרליך אויס־קומעניש: תיכף נאָך פסח האָט מען זיי געגעבען דעם וועג

אין זינען האָבען מעות־חטים, אָרעמע לייט נעבאַך האָבען נאָך נישט קיין מצות אויף פסח; פון אייער און פון שמאַלץ און פון שאַר־ירקות שמועסט מען ניט, — מצות חאַטש, גוואַלד, מצות אויף פסח! אַ קליינינגקייט — פסח! אַזאַ יום טוב! אונזערע עלטערען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַריבערגעגאַנגען דעם ים, אַזאַ גרויסען ים, אין דער טריקעניש, געבלאָנזעט אין דער מדבר פערציג יאָהר, פערציג יאָהר! מקבל געווען אויפ'ן באַרג סיני די תורה, אַזאַ תורה, אַזאַ תורה!... פאָלגט מיך, אידישע קינדער, זייט זיך מוחל איינער דעם אַנדערען, ווערד שלום, און געהט אַהיים געזונטערהייד און האָט בעסער אין זינען, עס געהט אַזאַ יום־טוב, אַזאַ גרויסער, אַזאַ הייליגער יום־טוב!...

איינציגווייז, איינציגווייז, האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען אַרויסרוקען פונ'ם רב'ס שטוב, כלומרשט געלאַכט פון רב יוזיפיל'ס משפט מיט אַ ווערטעל: „יאַק נע פסק, טאָ פסאָקעץ“, ווי דער שטייגער איז פון די כתרילעווקער לצים. נאָר אינוועניג ביי זיך אין האַרצען האָט איטליכער בעזונדער געפיהלט, אַז רב יוזיפיל איז גערעכט, און מע האָט זיך געשעמט נאָך אַ מאָל איבער'חזר'ען די מעשה מיט'ן שלח־מנות...

* * *

דעם ערשטען טאָג פסח אין דער פריה, נאָכ'ן דאַווענען איז רב יאָסי לעמעשקע (ער איז יונגער) געווען ביי רב אייזיק בעל־בריתניק אויף קידוש, געלויבט דעם פסח'דיגען ווײַן, אַז ער איז היינטיגס יאָהר גאָר אַ חריפות, און געלעקט די פינגער פון זלאַטע'ס פאַליר־טשיקעס; און דעם אַנדערען טאָג פסח אין דער פריה איז רב אייזיק בעל־בריתניק (ער איז עלטער) געווען ביי רב יאָסי לע־מעשקע אויף קידוש, גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבען זיך פונ'ם פסח'־דיגען ווייז פון ראָזינקעס און פון זעלדע'ס פאַלירטשיקעס. און

נישטאָ קיין מתים

געשריבען אין יאָהר 1902.

נישטאָ קיין מתים!

ראש־חודש אלול בין איך געקומען קיין כתרילעווקע אויף קבר־אבות.

דאָס אַלטע־אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות זעהט אויס אַ סך שענער און אַ סך לעבעדיגער פון דער שטאָדט אַליין. איהר געפינט דאָ שטיבלעך־מצבות שענערע, ווי די שענסטע הייזער אין שטאָדט. היינט וואָס איז ווערטה דאָס, וואָס ס'איז דאָ טרוקען ווי פעפער, נישטאָ יענע לעהמיגע זומפיגע בלאָטע, וואָס אין שטאָדט? דאָ זעהט איהר פאַר זיך חאָטש גרינס, אַז עס קומט זומער־לעבען, אַ גרעזעל, אַ צוויי־דריי באַרען־ביימלעך, איהר הערט אַ פישטשען פון פויגעלעך, וואָס שפּרינגען פון איין צווייגעל אויף'ן אַנדערען און שמועסען זיך אויס אויף זייער לשון. דאָ זעהט איהר פאַר זיך אַ גרויסע קיילעכיגע בלויע יאַרמעלקע מיט אַ לויטערער וואַרעמער זון. פון דער לופט שמועסט מען ניט, אַז דאָ איז זי אין טויזענד גראַד בעסער, פרישער און געזינטער ווי אין שטאָדט. סאַי דאָ סאַי דאָרט ליגט מען דאָך אין דער ערד פיער איילען! דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָ, אויפ'ן בית־עלמין, ליגען די מתים אויף איין אָרט, און דאָרט, אין שטאָדט, געהען זיי נאָך אַרום; דאָ רוהען זיי שוין און ווייסען נישט פון קיין צרות; און דאָרט ווערען זיי נאָך פערשוואַרצט — און מי יודע, וויפיעל ס'איז זיי נאָך בעשערט אָפּקומען און מוטשען זיך אויף דער וועלט!...

געטראָפען האָב איך דאָרטען עטליכע ווייבער ליגען אויף די קברים, וויינען און שרייען און טענה'ן זיך אויס אויף אַ קול.

איינלעגנען, האָט זי נאָך אויך ניט איינגעלעגט. קיין העמד נישט אויפ'ן לייב, קיין פּאָר שיך אפילו, און ווער רעדט פון חתונה־הוצאות, כלי־זמר, סאַרווערס, דאָס, יענץ — וואו וועט זי דאָס נעמען?... דער קאָפּ ווערד איהר שיער ניט צעפאַלען, טאָמער, חלילה, ווערד איהר שידוך אויס שידוך — וואָס וועט זי טהון?...

און אַזוי אַלע איבעריגע ווייבער ווייגען און בעקלאָגען זיך אויף זייערע צרות, גיסען אויס זייער ביטער האַרץ דורך טרערען, רעדען זיך אויס אביסעל מיט זייערע ליעבע און געטרייהע, טאָמער וועט ווערען האָטש אביסעל גרינגער אויף דער נשמה, און אַז מע וויינט זיך גוט אויס, ווערד טאַקי גרינגער...

איך דרעה מיך ארום צווישען די אַלטע האַלב־איינגעפאַלענע קברים, לייען די אַלטע אָפּגעריבענע אויפשריפטען פון די איינגע־בויגענע מצבות, דערזעהט מיך פון דערווייטען רב אריה דער קברות־מאַן מיט דער לאַנגער פלאַכסענער באָרד און מיט די רויטע אויגען און פרעגט מיך:

— צו וועמען דארפסט דו?

רב אריה איז שוין אזוי אַלט, אַז קיינער ווייסט ניט זיינע יאָהרען, און ער אַליין אויך ניט. פון דעסטוועגען האַלט ער זיך ריין און ציכטיג, די שטיוועלעך אויסגעפּוצט, די באָרד צעקעמט, איטליכס הערעל בעזונדער, און היט זיך אָפּ, ווי אַ ציטעריגער בן־יחיד ביי דער מאַמע, עסט נאָר ווייכע זאַכען און טרינקען טרינקט ער אַלע פריהמאָרגען געקאָכטע קרייטער מיט קאַנדעלצו־קער. „ס'איז איהם גוט ווי די וועלט!“ — זאָגט מען אויף איהם אין כתרילעווקע, און מען איז איהם באמת מקנא.

— שלום־עליכם, ר'ב אריה, וואָס מאַכט אַ איד? — רוף איך מיך אָן און געה־צו צו איהם נאָהענט. ס'איז פאַרנאַכט. די זון האַלט ביי אונטערגעהן און בעגילט די שפּיץ קברים. רב אריה פער־שטעלט זיך מיט דער האַנד, בעטראַכט מיך מיט די רויטע אויגען, גלעט די באָרד און קוקט זיך איין.

— ווער ביזט דו? און צו וועמען דאַרפסט דו?

איינע וועקט די מאַמע, זי זאָל אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף איהר איין־און־איינציגע טאָכטער, וואָס פון איהר איז געוואָרען!

— זאָלסט אויפשטעהן, מאַמעניו טהייערע מיינע, האַרציגע, געטרייהע, און אַ קוק טהון אויף דיין איין־און־איינציגע בת יחידה, אויף דיין ציטעריגער שרה־פּערעל, וואָס זי איז געוועזן ביי דיר דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג, ווי אַזוי זי ליגט איצט אין דער ערד, אוי וועה איז מיר, וואַלגערט זיך אין שכנות מיט קליינע קינדער פּיסקליאַטעס, וואָס געהען נאַקעט, קיין העמדעלע אויפ'ן לייב, וואָרים ער קרענקט כסדר, ישראליק דיינער, פון זינט ער האָט זיך צוגעקיהלט דעמאָלט אויפ'ן יריד קרענקט ער און דאָקטערט זיך, מע באַדאַרף איהם געבען מילך, איז ניטאָ! און די קינדערלעך נעבאַך שרייען אויך „מאַני", און ס'איז ניטאָ! און דירה־געלט מאָנט מיך הענזיל דער שניידער, ביי איהם זיץ איך היינט, און ס'איז ניטאָ! און פאַר הערשלען שכר־למוד, ער ווערד היינטיגס יאָהר בר־מצוה, דאַרף מען צאָהלען נאָך פאַר יענעם זמן, און ס'איז ניטאָ! צו וואָס מע נעמט זיך — איז ניטאָ, ניטאָ און ניטאָ!...

די אַנדערע איז געקומען צום טאַטען אויפ'ן קבר זיך קלאָגען אויף איהר מאַן, וואָס מע האָט איהר געגעבען; מע האָט געמיינט איין אַנטיק, אַ צאַצקעלע האָט מען געזאָגט. אַלע מיידלעך האָבען איהר דענסטמאָל מקנא געווען. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער איז גאָר אַ שאַרלאַטאַן, איין אויסברעננגער, פאַרגינט זיך אָוועק־געבען היינטיגען יום־טוב פאַר מפטיר פינף און פופציג „גילדוין", און פאַר'ן ערשטען פסוק פון „אתה הראית" איז ער אַ בעלן גע־וועזן אָפּצאָהלען פאַראַיאָהרען אַ דרייערעל! און וויפיעל ברענגט ער אויס אויף די ביכלעך, וואָס ער קויפט אַלע מאָל — פאַר די ביכלעך וועט ער אָוועקגעבען דעם טאַטען מיט דער מאַמען, און וואָס איך קרענק און דאַר — דאָס אַהרט איהם ניט!...

די דריטע איז געקומען אָפּגעבען מזל־טוב איהר מאַן אויף יענער וועלט: זי מאַכט חתונה דאָס ערשטע קינד און האָט נישט מיט וואָס, אפילו דאָס ערשטע האַלב נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט

ליגט דער טאַטע, וואו ליגט די מאַמע? וואו ליגט דער פעטער, וואו ליגט די מוהמע? זיי׳ער טאַטענס משרת! עס מאַכט זיך, איינע ווייַנט אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט גאַר חלשות, באַדאַרף מען זי נאָך מינטערען, געבען אַ טרונק וואַסער, און אַ מאָל — אַ שטיקעל ברויט אויך. פון וואַנען? פון וואָס? די גרויסע מחיה? אַז קיין מתים איז נישטאָ, און לעבען דאַרף מען, און חתונה מאַכען איין אייניקעל אַ יתומה׳לע, שוין אַ מיידעל אין די יאָהרען, דאַרף מען אויך; געווען אַ חתן, שוין כמעט געהאַלטען ביי אַ שידוך טהון, דוקא נישקשה פון אַ יונגענמאַן, אַ פאַקענטרעגער, איין אַלמן אפילו, מיט קינדער עטליכע, נאָר אַ בעל־פרנסה, אַ שענער פאַרדיענער, דאָס הייסט, אַז ער לייזט, פאַרדיענט ער. חתן־כלה זיך שוין אפילו אָנגעקוקט אויך; געקומען צו עפּים, שוין געהאַלטען ביי תנאים שרייבען, זאָגט ער: „נו, און וואָס הערט זיך מכח נדן?“ זאָג איך: „וואָסער נדן?“ זאָגט ער: „מע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר גיט אַ פופציגער נדן“. זאָג איך: „אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ! אַ פופציגער? ווי קומט צו מיר פופציגערס? איך וועל געהן גנב׳ענען, צי אויסגראָבען פרעמדע תכריכים ביי מיר פון די קברים און פאַרקויפען?“... הקיצור הדבר, דער שדוך איז געוואָרען אויס שדוך. און געה רעד מיט זיי, מיט די כתריל׳עווקער בעלי־בתים, זענען זיי נאָך גערעכט; זיי זאָגען: „רב אריה, איהר זינדיגט, איהר האָט, קיין עין־הרע, אַ פרנסה אין האַנט“... אַ שענע פרנסה! אַז וואו ס׳איז געווען ערגיץ אַ לייטישער מת, אַ פיינער מענטש, אַ שטיקעל נגיד, איז ער שוין לאַנג געשטאָרבען, און קיין פרישע קומען נישט צו. נישטאָ קיין מתים! נישטאָ!

רב אריה איז אזוי אַלט, אַז ער מעג זיך פערגינען צו זאָגען אַלעמען „דו“.

איך זאָג איהם, ווער איך בין און צו וועמען איך דאַרף, דער־קענט מיך רב אריה און גיט מיר אָפּ שלום־עליכם און שאַמקעט מיט די ליפּען, רעדט מיט אַ פּייף:

— אַ? ביזט דו דאָס? געקענט דעם טאַטען דיינעם און דעם זיידען רב וועוויק נאָך, געוועזען אַ טייערער איד, און דעם פעטער פּיני, אויך געוועזען אַ שענער איד, און דער פעטער בערקע ליגט אויך דאָ ביי מיר, און די מוהמע חנה — אַלע געקענט, אַלע געשטאָרבען, אַלע פיינסטע מענטשען אויסגעשטאָרבען. נישט געבליבען איינער אַ רעכטער, מיינע אויך אַוועקגעשטאָרבען (ער טהוט אַ זיפץ און אַ מאַך מיט דער האַנד). פריהער די קינדער באַגראָבען, אַלע קינדער באַגראָבען, נאָכדעם איז זי אַליין אַוועק־געשטאָרבען, געוועזען אַ צדיקית, מיר צו לענגערע יאַהר, מיך גע־לאָזט אַליין, אויף דער עלטער. נישט גוט.

— נישט גוט? — פרעג איך איהם.

— נישט גוט — מאַכט ער — נישט גוט, נישטאָ קיין מתים.

— נישטאָ קיין מתים? — זאָג איך.

— נישטאָ קיין מתים. — זאָגט ער.

— מע האָט אויפגעהערט — זאָג איך — שטאַרבען ביי אייך אין כתרילעווקע?

— וואָס איך שייך שטאַרבען? — זאָגט ער. — שטאַרבען שטאַרבט מען, נאָר וואָס? קליינוואַרג, נפל’עך, אָדער קבצנים; וואָס האָט מען פון זיי, משטיינס געזאָגט! צענויפנעמען אויף תכריכים, נאָכ’ן ערשטען קדיש שענקען די יתומים אַ שטיקעל ברויט. וואָס זאָל מען טהון? אַ ברירה האָט מען? (ער טהוט מיר אַ ווייז מיט דער אויסגעטריקענטער האַנד אויף די וויינענדיגע ווייבער). אָט ליגען ווייבער אויסגעצויגען, ווי די שררה’טעס, אויף די קברים. וואָס האָט מען פון זיי? וויינען זיך אָן ווי די פּויקען, וואָס אַהרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלט? גאָה פיהר זיי, ווייז זיי, וואו

פערבענגט אהיים

געשריבען אין יאָהר 1902.

פערבענגט אַהיים

נישטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט וויסען אין כתרילעווקע; נישטאָ איין נייעס אויף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט געוואָהר ווערען ביי די קליינע מענשעלעך.

אמת, אַז עס קומט אַן אַהין, קומט דאָס אָן שוין אַביסעל שפּעטליך און נישט פון דער ערשטער האַנד — נו, וואָס זשע איז? איין אומגליק אַ גרויסער? אדרבה, מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר אַ מעלה, די גרעסטע מעלה.

וואָרום, צווישען אונז רעדענדיג, וואָס האָבען, אַשטייגער, די כתרילעווקער אידען צו פערלירען, אַז זיי וועלען געוואָהר ווערען די היינטיגע נייעסען, די בשורות טובות, ישועות ונחמות, וואָס לאָזען זיך הערען אויף דער וועלט, חלילה וחס, שפּעטער מיט אַ חודש אָדער מיט צוויי, און אפילו מיט אַ יאָהר שפּעטער? — אַ גרויסער אומגליק!

הקיצור, די כתרילעווקער קליינע מענשעלעך זענען געוואָהרע געוואָרען, — אפילו אַביסעל שפּעטליך — אַז ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס הייסט צ י ו נ י ז ם.

תחילת האָט ניט יעדער פערשטאַנען אַקוראַט וואָס איז די טייטש „ציוניזם". שפּעטער, אַז מע האָט אָנגעשמעקט אין כתרילעווקע דעם פּשט פון „ציוניזם", אַז עס נעמט זיך פון „ציון" וואָס אין סדור, און אַז ציוניסטען איז אַזאַ מין חברה, וואָס האָבען חשק איבערפּעקלען אַלע אידען קיין ארץ־ישראל, איז גע־

גליַיך, וואָס גלייבער קאָן שוין גאָר ניט זיין, און גרינג ווי אויפ־
עסען אַ בייגעל, אָדער אויסרויבערען אַ פּאַפּיראָס. אָפּקויפען
ביי׳ם טערק ארץ־ישראל — וואָס קאָן נאָך זיין גרינגער דערפון?
וואָרום לאָמיר זיך ניט נאַרען, אין וואָס קאָן דאָ זיין די מניעה?
געלד איז דאָך ניט שייך צו זאָגען; וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט
ביי אונז געלד? איין רויטשילד (ער זאָל נאָר ווֶעלען) קאָן ער
דאָך אָפּקויפען גאַנץ ארץ־ישראל מיט סטאַמבול און מיט׳ן טערס
אינאיינעם. פאַר׳ן מקח איז אודאי נישטאָ וואָס צו זאָרגען זיך.
ס׳איז דאָך עפּיס אַ געשעפט, וועט מען זיך דינגען; ממה־נפשך,
אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענדעל אַרויף. בלייבט איבער נאָר איין זאַך:
באשר וואָס? טאָמער וויל ער ניט פערקויפען? עט, נאַריש־
קייטען! פאַר וואָס זאָל ער ניט וועלען? והשנית, מיר זאָלען
וועלען זיך גוט אויסרעכענען, זענען מיר דאָך מיט איהם שטיקלעך
אייגענע גאָר — ניין, טאַקי גאַנץ נאָהענטע קרובים, אמת׳ע שני
שבשלישים, אידען און טערקען, יצחק און ישמעאל...

קיצור הדבר, מע האָט געמאַכט איין אסיפה און די אַנדערע
און די דריטע — ס׳איז געוואָרען מיט גאָט׳ס הילף אַ „חברה“,
און מע האָט געקליבען „טשלענעס“, אויסגעוועהלט אַ פּרעזידענט,
אַ וויצעפּרעזידענט, אַ קאַזנאַטשיי און אַ סעקרעטאַר און אַ קאָ־
רעספּאָנדענט, גלייך ווי אין אַלע לייטישע שטעדט; און איטלי־
כער האָט זיך פערשריבען שקל־געלד, ווער אַ קאָפּיקע און ווער
צוויי קאָפּיקעס אַ וואָך. יונגע לייט האָבען געהאַלטען
פלאָם־פייערדיגע „רעדעס“, געזאָגט זעהר שענע דרשות. די
ווערטער „ציון“, „ציוניזם“, „ציוניסטען“ האָבען זיך געלאָזט
הערען העכער און העכער. די נעמען „דאָקטאָר הערצל“, „דאָק־
טאָר נאָרדוי“ און די איבעריגע דאָקטוירים האָבען זיך געלאָזט
הערען אָפטער און אָפטער. „טשלענעס“ זענען געוואָרען וואָס
ווייטער מעהרער און מעהרער, און געלד האָט זיך אויך צענויפ־
געקליבען אַהיבשע פּוּיטיקע, — האָט מען געמאַכט אַ גרויסע
אסיפה און מע האָט זיך אוועקגעזעצט בעקלערען, וואָס טהוט

וואָרען אין שטאָדט, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — חובא וטלולא! מע האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען. זייערע געלעכטערען, מיין איך, האָט מען בעדאַרפט הערען פאַר א מייל, און די גלייכ־ווערטלעך, וואָס זענען געפלויגען אויף רב הערצל דעם דאָקטאָר, אויף דעם דאָקטאָר נאָרדען און אויף אַלע איבעריגע דאָקטוי־רים, וואָלט כדאי געווען, כלעבען, מע זאָל זיי צענויפזאַמלען, פערשרייבען און אַרויסגעבען בעזונדער אין א ביכעל; איך בין אייך ערב, אַז עס געפינט זיך אין זיי א סך מעהר זאַלץ און א סך מעהר פעפער, ווי אין יענע לאַקריץ־זיסע ווערטער און קלוגע רעד, וואָס מע דרוקט זיי אַלע יאָהר אין די לוחות אויף דער צווייטער זייט...

א מעלה האָבען די כתרילעווקער לייט, אַז כל־זמן זיי לאַ־כען — לאַכען זיי, נאָר אַז זיי לאַכען זיך גוט אָן, הויבען זיי ערשט דעמאָלט אָן צעקייען די זאַך נאָך א מאָל און נאָך א מאָל און הויבען אָן צו פערשטעהן. אַזוי איז געווען אויך מיט'ן ציוניזם. פריהער האָט מען געלאַכט, געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטלעך; נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען זיך צוהערען, וואָס מע רעדט און וואָס מע שרייבט אויף די בלעטער, איבער'חזר'ען און איבער־קייען „נאָך א מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק", און שפּעטער, אַז מע האָט דערהערט שמועסען עפּיס פון א באַנק, א אידישע באַנק מיט אידישע אַקציעס, און וויבאַלד אַקציעס, איז דאָך, אַפּנים, די משמעות, אַז מע רעדט עסק, „געשעפט", „לשון געלד", — און מיט געלד וואָס קאָן מען היינטיגע יאָהרען נישט אויספיהרען אויף דער וועלט? ובפרט נאָך ביי'ם טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, וואָס איז אַליין אויך א גוטער כתריליק גלייך מיט אַלע כתרילעווקער? און פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך גע־נומען אין כתרילעווקע צום ציוניזם גאַנץ געשמאַק. די כתרילעווקער זענען, ברוך השם, אַזעלכע לייט, וואָס איהר פועל'ט ביי זיי וואָס איהר ווילט. דאָס, וואָס נעכטען האָט זיך זיי געדאַכט קרום ווי א קאָטשערע און שווער כקריעת ים־סוף, איז ביי זיי היינט

יאָהר, אַז מיר קוקען אַרוים... נישט אויף אונזער „גוואַרדיע“, נאָר אויף משיח'ן, ער זאָל קומען אונז אויסלייזען פון גלות און אונז ברענגען אַהין, אינ'ם לאַנד פון אונזערע אָבות, קיין ארץ־ישראל... שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אַז מיר פאַסטען אַלע שבעה עשר בתמוז, עסען נישט קיין פליישׁ אין די נייען טעג, און קומט תשעה־באב, זעצען מיר זיך אין די זאָקען אויף דער ערד, וויינען און קלאָגען אויף חורבן בית־המקדש... שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אַז מיר דערמאָנען זיבען און זיבעציג מאָל א טאָג ציון און ירושלים — און פרעגט: וואָס האָבען מיר געטהאָן פון ציונ'ס וועגען און פון ירושלים'ס וועגען?

איין עבירה, כלעבען, וואָס ס'איז אין בתרילעווקע נישטאָ קיין סטענאָגראַף, וואָס זאָל געוועזען קאָנען זיין אויף יענער אסיפה און פערשרייבען די אויסגעצייכענטע רעדע פון נח דעם פרעזידענט אות באות, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט. מיר מוזען זיך דעריבער בעגניגענען נאָר מיט די עטליכע ווערטער, וואָס מיר האָבען געבראַכט על־פי זכרון, און ברענגען דעם סוף פון דער דאָזיגער טאַלאַנטפולער רעדע אין קורצען:

— אצינד — אַזוי האָט נח דער פרעזידענט אויסגעלאָזט זיין דרשה, און דער שוויים האָט גערונען פון איהם טייכענווייז — אצינד, אַז מיר האָבען זוכה געווען צו דערלעבען אַזאַ צייט, אַז דער אַלטער קראַנקער ישראליק האָט זיך ווי אויפגעהאַפּט פונ'ם שלאָף, ער גלייכט זיך אויס די אויסגעמוטשעטע ביינער זיינע, קוקט זיך אַרום וואו ער איז אין דער וועלט, און זאָגט „בית־יעקב לכו ונלכה — קומט, קינדער, לאָמיר געהן!“ — באַדאַרפען מיר, רבותי, זיך נישט פאַרלאָזען אויף קיינעם, נישט אַרויסקוקען אויף קיין נסים און נישט פאַרלאָזען זיך אויף אונזערע גרויסע, וואָרום אַז איהר וועט זיך פאַרלאָזען אויף די גרויסע, וועט איהר מעגען וואַרטען. ס'איז אַ סך גרינגער צו גע'הרג'עט ווערען פון אַ דונער, איידער אויסרייסען ביי אַ גביר אַ קערבעל אויף ציון. אַליין, אַליין באַדאַרפען מיר אָנהויבען צו בויען אונזער גרויסען בנין. אם אין אני

מען מיט'ן געלד: צי מע זאָל דאָס קאַפּיטאַל דערווייל איבער־לאָזען דאָ אויפ'ן אָרט, 'מאַכען אַ בעזונדערען „פאָנד" פאַר די כתרילעווקער ציוניסטען, צי מע זאָל דאָס אָפּשיקען אין צענטער אַריין, צי מע זאָל נאָך אַביסעל צו־וואַרטען, ביז עס וועט זיך צענויפקלויבען אַ היבשע סומע, און די שטאָדט וועט ווערען איין אַקציאָנער פון דער אידישער באַנק.

די דאָזיגע אסיפה איז געווען, קאָן מען זאָגען, איינע פון די הייסע שטורעמדיגע אַסיפות אין כתרילעווקע. די דעות האָ־בען זיך צעטיילט: אַ סך זענען געשטאַנען פאַר'ן „צענטער", געזאָגט: מיר זענען מחויב אונטערצוהאַלטען דעם „צענטער", וואָרום אַז מיר וועלען ניט אונטערהאַלטען דעם „צענטער", און איהר וועט ניט אונטערהאַלטען דעם „צענטער", — פון וואַנען זשע וועט ער ציהען חיונה?... אַנדערע האָבען געדרונגען פערקעהרט, אַז דער „צענטער" וועט זיך בעגעהן אָהן כתרילעווקע: „מיר זענען נישט מחויב פאַרזאָרגען די גאַנצע וועלט; עמיצער זאָרגט זיך דען פאַר כתרילעווקע? לאָז זיך יעדער אין זינעז האָבען זיך — וועט אויך זיין געגוג"...

איז אויפגעשטאַנען דער פּרעזידענט, נח רב יוסילע'ס, אַ נגיד'ס איין איידעם און אַ יונגערמאַן אַ משכיל, נאָך גאָר אָהן אַ באָרד, און האָט געזאָגט עטליכע וואַרעמע ווערטער:

— „פיער טויזענד יאָהר — אַזוי האָט נח דער פּרעזידענט אָנגעהויבען און האָט גענומען אַביסעל צו אַ הויכען טאָן — פיער טויזענד יאָהר, אַז מע קוקט אויף אייך פון דער הויך פון די דאָ־זיגע פּיראַמידען!" מיט די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אַמאָל געווענדעט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן צו זיין גוואַרדיע, בשעת ער איז געגאַנגען איינגעמען מצרים. כמעט מיט די דאָזיגע ווערטער ווילט זיך מיר אָנהויבען מיין היינטיגע רעדע צו אייך, נאָר אַבי־סעלע אַנדערש: שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, ברידער, אַז מיר געפינען זיך... נישט אויף דער הויך פון די פּיראַמידען, נאָר טיעף, נייען איילען אין דער ערד. שוין באַלד צוויי טויזענד

— און אַ קענער! ער האָט דאָך אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשט, גמרא און ספרים און אַלע ביכער...

— מע באַדאַרף האָבען אַ קאָפּ פון אַ קלויסטער, מע זאָל דאָס אַלסדינג געדענקען אויסווענינ!

— בהמה! יענער זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט איז די ביכער אריין!

בקיצור, ס׳איז געבליבען, מע זאָל אויסשרייבען איין אַקציע. נאָר ס׳איז גרינג צו זאָגען „אויסשרייבען איין אַקציע”. ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער, אַז אידען ליגען ערגיץ פערשטעקט אין אַ לאָך, אין כתרילעווקע, און די אידישע באַנק איז ערגיץ ווייס איך וואו, אין לאָנדאָן? האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה: בריוולעך: בריוולעך אַהין, בריוולעך אהער. שמעיה דער סעק־רעטאַר און דער קאָרעספּאָנדענט פון די כתרילעווקער ציוניסטען האָט זיך אָפּגעשריבען, ווי מע זאָגט, אַלע פינגער, ביז ער האָט בעקומען אַ קלאָרע ידיעה, וואוהין און ווי אַזוי מע בעדאַרף שיקען דאָס געלד. נאָכדעם, אַז ער האָט שוין גוט געוואוסט וואוהין און ווי אַזוי מע בעדאַרף שיקען דאָס געלד, האָט ער געהאַט אויף זיך אַ נייעם אומגליק — דעם כתרילעווקער פּאָסטמייסטער. דער בעקאַנטער כתרילעווקער פּאָסטמייסטער, אַ גראָבער פּריץ, און אַ גרויסער מפונק, קאָן נישט איבערטראָגען דעם ריח פון קנאָבעל (חאָטש קנאָבעל בײַ׳ם עסען האָט ער אַליין ליעב דאָס חיות!). אַז עס קומען אַריין צוויי איבעריגע אידען אויף דער פּאָסט, האַלט ער זיך בײַ דער נאָז, שרייבט און לייענט:

— שלום... שליאָמקאָ... טשעסנאָק...

אַז שמעיה האָט איהם דערלאַנגט דעם פּאַקעט, האָט ער איהם אַ שמיץ געטהאָן צוריק אין פּנים אריין: ס׳איז ניט אַזוי געשריבען דער קאָנווערט, ווי מע בעדאַרף. דאָס אַנדערע מאָל האָט ער איהם אַ שמיץ געטהאָן אין פּנים אַריין: ער זאָל געהן ברענ־גען טריוואַכס. דאָס דריטע מאָל האָט ער שוין ניט געהאַט צו וואָס זיך צו טשעפּען, האָט ער בעטראַכט דעם פּאַקעט פון אַלע

לי — מי לי ?... אודאי מעגען מיר זיך איבערנעמען, אז מיר האָבען דערלעבט אזא צייט, אז אידען זאָלען גאָר האָבען א השגה צו רעדען פון איין אייגענער אידישער באַנק! אודאי באַדאַרפען מיר זעהען, אז כתרילעווקע זאָל ניט אָפּשטעהן פון אנדערע שטעדט און כתרילעווקער אידען זאָלען אויך האָבען אַ חלק אין אונזער „אייגענער אידישער באַנק“! איך מוז אייך אָבער זאָגען, רבותים, אז לויט די חשבונות, וואָס אונזער קאַזנאַטשיי וועט אונז דאָ באַלד פאָרשטעלען, האָבען מיר נאָך נישט די גאַנצע סומע אויף צו בעצאָהלען אפילו פאַר איין אַקציע. עס פעהלט אונז נאָך כמעט העכער האַלב, דאָס הייסט, א פינף־זעכס קאַרבען. לכן איז א יושר, ברידער, איהר זאָלט זיך אָנטהון א כח טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט און טאַקי באַלד צע־נויפלעגען זיך, איטליכער וויפיעל ער קאָן, און זעהען, סע זאָל ווערען די גאַנצע סומע, צעהן רובעל, גאָר אָהן א שום תירוץ!... און לאָזען אונזערע ברידער אויף דער גאַנצער וועלט וויסען, אז אין כתרילעווקע זענען אויך פאַרהאַן ציוניסטען, וואָס סע ברענט אין זיי דאָס הייליגע פייערעל פון ציון, און לאָז דער דאָקטאָר הערצל זעהען, אז זיין האָרעוואַניע פון אונזערטוועגען איז חאָטש ניט אומזיסט!...

* * *

פליעסקען מיט די הענד און שרייען „בראַוואָ“ — דערפון ווייסט מען נאָך נישט אין כתרילעווקע — און דאַנקען גאָט, וואָס מע ווייסט נאָך נישט. דער געפילדער מיט׳ן געשריי איז אַזוי אויך גענוג גרויס; מע זאָל נאָך דערצו דאַרפען פּאַטשען מיט די הענד און שרייען „בראַוואָ“, וואָלט מען גאָר טויב גע־וואָרען, צו אַלדי שווארצע יאָהר. דאַרטען, אז עס געפּעלט עמי־צענס א וואָרט, געהט מען צו און מע גיט איהם איבער דער פּלייצע.

— וואָס זאָגט איהר אויף אונזער פּרעזידענט? הא?

— א פּיסק — דער רוח זאָל איהם נעמען!

אַ איך מוז דיר זיין אַ מאַשעניק! אַ איך מוז עמיצען אָפּנאַרען! ס'זאָל זיין איין אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט ער דיר מכות צוגענומען דיין פּאַקעט! דו ווייסט, אַז איך האָב רעכט אַרעס־טירען דיין פּאַקעט מיט דיר און מיט אייער גאַנץ „קהל" אינאיינעם דערפאַר, איהר זאָלט ניט אַריבערשיקען אונזער געלד קיין לאָנ־דאָן? מיר וועלען האָרעווען, אַקערען מיט דער נאָז די ערד, און די אידעלעך וועלען קומען צו געהן אויפ'ן גרייטען. פרעסען און זויפען און נאָך נעמען און אַריבערפּעקלען אונזער געלד דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואוהין, אין אַ „זשידאָווסקע באַנק"!...

שמעיה האָט שוין געזעהן, אַז ער האָט אָנגעאַרבייט אַ גוטע תתונה, האָט ער אָנגענומען אַ פולע מויל און האָט אָפּגעשוויגען, ווי אַ קעצעלע. ער וואָלט אָפּגעגעבען איצטער מי יודע וויפיעל, ער זאָל קאָנען נעמען צוריק די ווערטער, — ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעטליך (אַ סך קאָרעספּאָנדענטען וואָלטען אפשר וועלען צו־ריקנעמען זייערע ווערטער מיט זייערע קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס זענען פול מיט שקרים וכזבים, נאָר בלאָטע! צוריק חאַפּט מען נישט!). אונזער כתרילעווקער קאָרעספּאָנדענט איז געהרען גע־ווען, אַז ער האָט אָפּגענומען דעם „רעצעפּיס" און איז אַוועק פון דער פּאָסט, ווי איין אָפּגעשמיסענער.

אַוועקגעשיקט דאָס געלד, האָבען די כתרילעווקער ציוניסטען אָנגעהויבען אַרויסקוקען אויף דער אַקציע פון טאָג אויף טאָג. ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי חדשים און דריי חדשים און פיער חדשים — נישטאָ נישט קיין געלד, נישט קיין סחורה! האָט מען זיך אַ נעם געטהאָן צום סעקרעטאַר, צום קאָרעספּאָנ־דענט הייסט דאָס, טאָמער האָט ער ניט אַהין געשיקט דאָס געלד, וואו מע בעדאַרף, אָדער טאָמער האָט ער ניט אַזוי געשריבען דעם אַדרעס, ווי עס געהער צו זיין — שמעיה האָט נעבאַך געהאַט צו זינגען און צו זאָגען; לאַ־די ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייבען בריוולעך אין קאָמיטעט, אין צענטער און אין לאָנדאָן, האָט ער נאָך בעדאַרפט אויסשטעהן די טענות פון די כתרילעווקער

זייטען, גענומען שמעלצען דעם טריעף און לעגען חתימות, און בשעת מעשה אַ פרעג געטהאָן שמעיה'ן, נישט קוקענדיג איהם גלייך אין פּנים אריין: „וואָס פאר געשעפטען האָט ער מיט לאָנדאָן, וואָס ער שיקט אהין געלד?“ האָט זיך אונזער שמעיה קאָרעספּאָנדענט, אפּנים, ארויסגעחאפּט, צי אפשר האָט ער געוואָלט זיך בעריהמען פאר'ן פּאָסטמייסטער (אלע קאָרעס-פּאָנדענטען זענען גרויסע בעריהמער!):

— דאָס געלד — מאַכט ער — געהט גלייך אין אונזער אייגענער אידישער באַנק אריין...

האָט דער פּאָסטמייסטער אַ קוק געטהאָן אויף שמעיה'ן. ווי פער'חדוש'ט:

— זשידאָווסקע באַנק? ווי קומט צו אידען אַ באַנק?

איז זיך מיישב שמעיה: אז דו ביזט יאָ אזאַ צורר היהודים, וועל איך דיר ווייזען וואָס הייסט „זשידאָווסקאַ באַנק“! און געהט און דערצעהלט איהם פּזמונות מיט גוזמאות (אלע קאָרעס-פּאָנדענטען האָבען ליעב מגזם זיין!), אז די אידישע באַנק איז די ערשטע באַנק אין דער וועלט. זי פערמאָגט צוויי הונדערט טויזענד מיליאָן פונט שטערלינג ריין גאָלד. אויף אונזער געלד איז דאָס אזאַ סומע, וואָס ס'איז שווער אויסצורעכענען, מחמת אַ פונט שטערלינג בעטרעפט אויף אונזער געלד כמעט אַ הונ-דערטער...

רופט זיך אָן צו איהם דער פּאָסטמייסטער, און טהוט אַ לעק די חתימה מיט דער צונג און אַ קוועטש איבער'ן צעלאָזטען טריעף:

— מאָהל דיר, דאָס לייגסט דו שוין, ווי אַ הונט! אַ פונט שטערלינג איז קוים צעהן קערבלעך.

— דאָס איז אַ פּראָסטער פונט שטערלינג, — וויל זיך שמעיה פערענטפערען — און אַ גילדענער פונט באַטרעפט אַ סך מעהר!

— פּשאָל וואָן, דוראַק! — זאָגט צו איהם דער פּאָסט-מייסטער מיט אַ געלעכטער. — וועמען דערצעהלסט דו מעשיות?

און כך הוה: עס האָט נישט געדויערט קיין נייען חדשים אַפּילו, איז אָנגעקומען אַ פּאַקעט אויף רב יוזיפּיל דעם רב'ס נאָמען (אונזער קאָרעספּאָנדענט האָט נישט געוואָלט האָבען צו טהון מיט'ן פּאָסטמייסטער). און אַז ס'איז אָנגעקומען דער פּאַקעט, האָט מען צענויפגערופען איין אַסיפה פון אַלע טשלענעס טאַקי ביי רב יוזיפּיל דעם רב אין שטוב, און אַזוי ווי אַלע אידען, און כתרילעווקער אידען אודאי און אודאי, האָבען אומעטום און אַלע מאָל קיין צייט ניט און איטליכער וויל תמיד זיין דער ערשטער, איז קיין חדוש ניט, וואָס מע האָט זיך געשטופּט און געקוועטשט איינס דאָס אַנדערע, געקראָכען איינער דעם אַנדערען אויף די קעפּ, געריסען איינער ביי'ם אַנדערען פון די הענד און בעטראַכט די אידישע אַקציע פון „אונזער אייגענער אידישער באַנק“.

לאַנג־לאַנג האָבען די כתרילעווקער ציוניסטען זיך געשפּיע־געלט אין דער אידישער אַקציע פון „אונזער אייגענער אידישער באַנק“, תחילת געזיפצט און נאָכדעם געזאָגט איטליכער בעזונדער איין אַנדער המצאה; ס'איז געוואָרען עפּיס אַביסעל פרייליכער, עפּיס לעבעדיגער, ליכטיגער אויף דער נשמה, ווי איינער וואָס וואַל־גערט זיך אין דער פרעמד, בענגט אַהיים, קוקט אַרויס אויף אַ ידיעה, און פּלוצים נעמט ער אָפּ זעהר, זעהר אַ גוטען גרוס פון דער היים. ס'איז אי פרייליך, אי עס ציהט דאָס הארץ; עס גלוסט זיך געהן טאַנצען, און טאַקי אַביסעל זיך אויסוויינען אין איינוועגס...

שפּעטער, אַז דער עולם האָט זיך גוט אָנגעקוקט, האָט רב יוזיפּיל דער רב, וואָס האָט פיינט שטופּען זיך אויבען־אָן, חאָטש ער איז רב, אַ זאָג געטהאָן:

— אַנו, ווייזט נאָר אַהער?

און ער האָט זיך אָנגעזאָטעלט מיט אַ פּאָר ברילען, געקוקט, געקוקט, פּאַוואָלינקע בעטראַכט פון אַלע זייטען די „אידישע אַקציע פון אונזער אייגענער באַנק“, און דערזעהען אידישע אותיות, גע־דרוקט אויף לשון־הקודש, האָט ער אָנגעטהאָן דאָס שבת'דיגע היטעל, געמאַכט אַ ברכה „שהחיינו“, און ווידער אַ מאָל געקוקט

ליִיט מיט זייערע ווערטלעך, וואָס האָבען איהם געשטאָכען אין דער זיעבעטער ריפּ... פאַר די מתנגדים, דאָס הייסט, פאַר די עהרליכע, פרומע אידען און די חסידים, וואָס האַלטען נישט מיט׳ן ציוניזם, איז דאָס דערוויילּ געווען אַ שטיקעל עסק: — „מיר האָבען דען נישט געוואוסט פריהער, אַז עס וועט אַזוי זיין? — האָבען זיי געזאָגט און געריי‍צט זיך מיט די ציוניסטען. — מיר האָבען אייך דען ניט געזאָגט, אַז מע וועט נאָר אויסנאַרען די עטליכע גילדען, און געה לאָד מיך צום ונתנה־תוקף?“...

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף אונזער קאָרעספּאָנדענט און ס׳איז איהם אָנגעקומען איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען אַ בריעף פון לאָנדאָן, אַז די אַקציע, וואָס ער האָט אויסגעשריבען, איז שוין דאָ, דאָס הייסט, נישט ד׳אָ, אין כתרילעווקע, נאָר אויף דער גרעניץ; מע בעדאַרף זי נור אָפּשטעמפּלען.

עס איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי חדשים און דריי חדשים און פיער חדשים — נישטאָ קיין אַקציע! האָבען חברה גענומען עסען דעם סעקרעטאַר: וואו איז דיין אַקציע? נאָך שטעמפּעלט מען זי?... און האָבען איהם ניט געזשאַלעוועט קיין שטעכווערטלעך, ווי דער שטייגער איז. איהם נעבאָך איז דאָס שטעמפּלען גוט געלעגען אין הארצען, נאָך מעהר ווי די אַקציע אַליין; ער האָט פונ׳ם שטעמפּלען שיער געשפּיגען מיט בלוט. האָט ער פערקאָטשעט די אַרבעל און האָט זיך גענומען איבער־אַנייעם שרייבען בריוולעך בכל תפוצות ישראל. „היתכן? — האָט ער געשריבען. — הישמע כזאת? מע זאָל אַזוי לאַנג האַל־טען איין אַקציע און שטעמפּלען זי? מע זאָל זי, דאַכט מיר, בעדאַרפען אָפּשטעמפּלען מיט צעהנטויזענד שטעמפּלען, וואָלט זי שוין אויך בעדאַרפט זיין לאַנג אָפּגעשטעמפּעלט!“... און דער חברה ציוניסטען האָט ער געזאָגט אַלע טאָג:

— ממה נפשך, איהר האָט געוואַרט אַזוי פיעל, וועט איהר וואַרטען נאָך אַביסעל; אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געדױערט, וועט שוין געווים ניט גערויערען...

ווען איך בין רויטשילד

אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד.

געשריבען אין יאָהר 1902.

און געקוקט אין דער אַקציע אריין, און דאָס פּנים האָט איהם אָנ־געהויבען ווערען עפּים ווי מרה־שחורה'דיג, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אַז עס האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען.

— רבי! וואָס זאָרגט איהר זיך? — האָט מען איהם אַ פרעג געטהאָן. — מע באַדאַרף זיך פרייהען, טאַנצען באַדאַרף מען! געהן, צום סוף... ווי קומט דאָס צו אייך?...

רב יוזיפיל דער רב האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט ארויסבעקומען ערגיץ פון אַ קעשענע, וואָס הינטען אין דער קאַפּאָ־טע, כמעט ביי די פּאָלעס, אַ משונה־מאָדנע פּעטשיילע, האָט אויס־געשנייצט כלומרשט די נאָז, נאָר אין אמת'ען מיין איך, אַז ער האָט אַ וויש געטהאָן די אויגען, און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ זיפץ און מיט זעהר, זעהר איין אָנגעבראָכען קול:

— כ'האָ' מיך פאַרבענגט אהיים...

ווען איך בין רויטשילד

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד).

— ווען איך בין רויטשילד, — האָט זיך צעלאָזט אַ כתרי־
לעווקער מלמד איינמאָל אין אַ דאָנערשטאָג, בעת די רבי'צין האָט
איהם געמאָנט אויף שבת און ער האָט ניט געהאַט, — אוי, ווען איך
זאָל זיין רויטשילד! טרעפט, וואָס איך טהו? ראשית חכמה,
פיהר איך איין אַ מנהג, אַז אַ ווייב זאָל תמיד האָבען ביי זיך
אַ דרייערעל, בכדי זי זאָל פארשפאָרען דולען אַ ספּאָדיק, אַז סע
קומט דער גוטער דאָנערשטאָג און ס'איז ניטאָ אויף שבת...
והשנית, קויף איך אוים די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָדער ניין — דעם
ווייב'ס קעצענעם בורנוס — לאָז זי אויפהערען פּיקען אין קאָפּ
אריין, אַז ס'איז איהר קאַלט! און קויף אוועק די דאָזיגע שטוב
אינגאַנצען מיט אַלע דריי חדרים, מיט דער קאַמער, מיט דער
שפּיזאַרני, מיט'ן קעלער, מיט'ן בוידעם, מיט הכל בכל מכל פּלע־
קעל, — לאָז זי ניט זאָגען, אַז ס'איז איהר ענג; נאַ דיר אוועק
צוויי חדרים, קאָך דיר, באַק דיר, וואַש דיר, בראָק דיר, און לאָז
מיך צורוה, איך זאָל קאָנען קנעלען מיט מיינע תלמידים מיט אַ ריי־
נעם קאָפּ! נישטאָ קיין דאגות פּרנסה, מע באַדאַרף נישט קלערען.
וואו נעמט מען אויף שבת — מחיה נפשות! די טעכטער אַלע
חתונה געמאַכט, אראָפּ אַ האַרב פון די פּלייצעס — וואָס פעהלט
מיר? הויב איך מיך אָן אַרומקוקען אַביסעל אויף דער שטאָדט.
דאָס ערשטע בין איך מנדר אַ נייעם דאַך אויפ'ן אַלטען בית־

אַ אידישע אַקאַדעמיע. איז דער ווילנא געוויינטליך. וואָס פון דאָרטען זאָלען ארויסגעהן די גרעסטע לומדים און חכמים אין דער וועלט, און אַלסדינג זאָל זיין אומזיסט, „על חשבון הגביר“, אויף מיין קעשעני, און אַלסדינג זאָל זיך פיהרען מיט אַ סדר און מיט אַ פּלאַן, עס זאָל נישט זיין קיין „געב־מיר־נאַ־דיר־חאַפּ־לאַפּ“, און אַלע זאָלען זיין זינען האָבען נאָר טובת־הכלל !... און בכדי מע זאָל קאָנען טראָגען אויפ׳ן קאָפּ דעם „כלל“ — וואָס דאַרף מען ? דאַרף מען בעוואָהרענען דעם „פּרט“. און מיט וואָס קאָן מען בעוואָהרענען דעם פּרט ? געוויינטליך, מיט פּרנסה ; וואָרום פּרנסה, הערט איהר, דאָס איז דער רעכטער עיקר ; אָהן פּרנסה קאָן נישט זיין קיין אחדות ; איבער׳ן שטיקעל ברויט, משטיינס געזאָגט, איז איינער דעם אַנדערען יורד לחייו, קאַפּאַל יענעם קוילען, סמ׳ען, הענגען !... אפילו די שונאי ישראל, אונזערע המנ׳ס פון דער גאַנצער וועלט, מיינט איהר, וואָס האָבען זיי צו אונז ? גאָרנישט. נאָר צוליעב פּרנסה. זיי זאָלען האָבען פּרנסה, וואָלטען זיי גאָר אַזוי שלעכט ניט געווען. פּרנסה ברענגט צו קנאה, קנאה ברענגט צו שנאה, און דערפון, רחמנא ליצלן, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט, אַלע אומגליקען, ניט דאָ געדאַכט, מיט אַלע רדיפות, מיט אַלע הריגות, מיט אַלע רציחות און מיט אַלע מלחמות...

אוי, די מלחמות, די מלחמות ! דאָס איז, הערט איהר, נאָר אַ שחיטה פאַר דער וועלט ! ווען איך בין ראָטשילד, מאַך איך אויס מלחמות, אָבער טאַקי לחלוטין אויס !

וועט איהר דאָך פרעגען : ווי אַזוי ? נאָר מיט געלט. דהיינו ? איך וועל עס אייך געבען צו פאַרשטעהן מיט אַ שכל : למשל, צוויי מלוכות צעאַמפּערען זיך איבער אַ נאַרישקייט דאָרט, אַ שטיקעל ערד, וואָס איז ווערטה אַ שמעק טאַבאַקע ; „טערי־טאָריע“ הייסט עס ביי זיי. די מלוכה זאָגט, אַז די טעריטאָריע איז איהר טעריטאָריע, און די מלוכה זאָגט : „ניין, ס׳איז מיין טעריטאָריע“. משֵשת ימי בראשית, הייסט עס, האָט גאָט באַ־

המדרש, לאָז אויפהערען קאַפּען אויפ'ן קאָפּ, בשעת אידען דאַווענען; און, להבדיל, דאָס מרחץ בוי איך איבער אױפּס־ניי, וואָרום ניט היינט־מאָרגען — עס וועט דאָרט מוזען זיין איין אומגליק, חס ושלום, טאָמער פאַלט דאָס אוים אַקוראַט בשעת נשים באָדען זיך. און וויבאַלד דאָס באָד, מוז מען שוין דאָס הקדש אודאי צעוואַרפען און אַנידערשטעלען אַ „בקור־חולים", אָבער טאַקי וואָס אַ בקור־חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטאָר, מיט רפואות, מיט ייכלעך אַלע טאָג פאַר די חולאים, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט. און אַ „מושב־זקנים" שטעל איך אוועק, אַלטע אידען לומדים זאָלען זיך ניט וואַלגערען אין בית־המדרש ביי דער הרובע. און אַ חברה „מלביש־ערומים", אָרעמע קינדער זאָלען גיט ארומ־געהן, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט די פופּקעס אין דרויסען, און אַ חברה „גמילות־חסדים", אַז איטליכער איד, סאַי אַ מלמד, סאַי אַ בעל־מלאכה, סאַי אַ סוחר אפילו זאָל פאַרשפּאָרען צאָהלען פּראָצענט, נישט דאַרפען פאַר'משכונ'ען דאָס העמד פונ'ם לייב, און אַ חברה „הכנסת־כלה", אַז וואו ערגיץ איין אָרעם מיידעל, נעבאַך אַ דערוואַכסענע, זאָל מען זי אויסקליידען, ווי עס געהער צו זיין, און חתונה מאַכען, און נאָך כדומה אַזעלכע חברות פיהר איך איין ביי אונז אין כתרילעווקע... נאָר וואָס איז שייך עפּיס דוקא נאָר ביי אונז אין כתרילעווקע? אומעטום, וואו עס געפינען זיך נאָר אחינו בני ישראל, פיהר איך איין אַזעלכע חברות, אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט! און בכדי עס זאָל זיך פיהרען מיט אַ סדר, ווי עס געהער צו זיין — טרעפט, וואָס טהו איך? מאַך איך אויף אַלע חברות איין חברה אַ גרויסע, אַ צדקה־גדולה־חברה, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע חברות, אויף אַלע אידען, דאָס הייסט, אויף דעם כלל ישראל, אַז אידען זאָלען אומעטום האָבען פּרנסה און לעבען אין אחדות און זאָלען זי־צען אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י, מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אלע שבע חכמות און מיט אלע שבעים לשון, און אויף אַלע ישיבות זאָל זיין איין ישיבה אַ גרויסע

באַקומט גאָר דעמאָלט איין אַנדער פּנים, ווי אין פּסוק שטעהט ביי אונז געשריבען: „ו ה י ה, און עס וועט זיין, ב י ו ם ה ה ו א, דאָס הייסט, אַז משיח וועט קומען!“... (שטעלט זיך אָפּ)

און אפשר, האַ?... ווען איך בין ראָטשילד, קאָן זיין, אַז איך בין גאָר מבטל דאָס געלט. אויס געלט! וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַררען, וואָס איז דענן געלט? — געלט איז דאָך, אייגענטליך, נאָר אַ הסכם, איין איינגערעדטע זאַך. מע האָט גענומען אַ שטיקעל פּאַפּיער, אַוועקגעשטעלט אַ צאַצקע און אָנגעשריבען: „טרי רובליאַ סערעבראָם“. געלט, זאָג איך אייך, איז נישט מעהר ווי אַ יצר־הרע, אַ תאוה אַזעלכע, איינע פון די גרעסטע תאוות, וואָס אַלע ווילען דאָס און קיינער האָט דאָס ניט... אָבער אַז סע זאָל לחלוטין גאָר ניט זיין קיין שום געלט אויף דער וועלט, וואָלט דאָך דער יצר־הרע ניט געהאַט וואָס צו טהון, און די תאוה וואָלט ניט געווען קיין תאוה. איהר פאַרשטעהט, צי ניין? איי וואָס? איז דאָך די קשיא, וואו וואָל־טען דעמאָלט נעמען אידען אויף שבת? (פערטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע). איז דער תירוץ: למאי וואו וועל איך איצטער נעמען אויף שבת?...

שאפּען אַט דאָס שטיקעל ערד פון איהר כבוד וועגען. קומט צו געהן אַ דריטע און זאָגט: „איהר זענט ביידע בהמות; די טע־ריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ ר ש ו ת ה ר ב י ם הייסט עס". הקיצור, טעריטאָריע אַהער, טעריטאָריע אַהין, מע „טעריטאָריעט" אַזוי לאַנג, ביז מע הויבט אָן שיסען פון ביקסען און האַרמאַטען, און מענטשען קוילען זיך איינס דאָס אַנדערע ווי די שאָף, און בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער.

אָבער אַז איך קום צו זיי לכתחילה און זאָג זיי: „שאַט, ברידערלעך, לאָזט אייך דיענען. אין וואָס געהט דאָ ביי אייך, אייגענטליך, דער גאַנצער סכסוך? מע פאַרשטעהט דענן ניט אייער מיין? איהר מיינט ניט אַזוי די הגדה. ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז דאָך ביי אייך נאָר איין אויסרעד; דער עיקר איז דאָך ביי אייך יענע מעשה, פּעטי־מעטי, קאָנטריבוציע! און וויבאַלד לשון קאָנטריבוציע — צו וועמען קומט מען אָן מיט אַ הלואה? צו מיר, צו רויטשילד'ען הייסט עס. אַמעהר, ווייסט איהר וואָס? נאַ דיר, איינגלענדער מיט די לאַנגע פּיס און מיט די קעסטעלדיגע הויזען, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַררישער טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, מוהמע רייזעל, אויך אַ מיליאַרד. ממה־נפשך, גאָט וועט אייך העלפען, וועט איהר מיר אָפּצאָהלען מיט פּראָצענט, ניט חלילה קיין גרויסען פּראָצענט, פּיער אָדער. פינף לשנה, איך וויל אויף אייך ניט רייך ווערען"...

פאַרשטעהט איהר שוין? אי איך האָב געמאַכט אַ געשעפט, אי מענטשען הערען אויף צו קוילען איינס דאָס אַנדערע, ווי די אָכסען, אומזיסט און אומנישט. און וויבאַלד אויס מלחמות, הייסט צו וואָס באַדאַרף מען דאָס כלי־זיין, מיט'ן חיל, מיט אַלע זיבע־צעהן זאַכען, מיט'ן גאַנצען טאַרעראַם? אייף תשעה נייענציג כפּרות! און וויבאַלד אויס כלי־זין, אויס חיל, אויס טאַרעראַם, איז דאָך אויס שנאה, אויס קנאה, אויס טערק, אויס איינגלענדער, אויס פראַנצויז, אויס ציגיינער, אויס איד, להבדיל — די גאַנצע וועלט

די יורשים

געשריבען אין יאהר 1902.

די יורשים

א.

„די מאירס מיט די שניאורס"... אייגענטליך, זענען דאס געווען נאר א י י ן מאיר און נאר א י י ן שניאור, און געווען זענען זיי א צווילינג, און אזוי שטארק עהנליך איינס מיט דאס אנדערע, אז עס זענען געווען צייטען, וואס ס'איז כמעט אונ־מעגליך געווען צו טרעפען, ווער פון די צוויי איז דא מאיר און ווער איז דא שניאור.

קינדווייז, דערצעהלט מען, האט זיך געטראפען מיט זיי א מעשה, מע האט זיי שיער ניט פערביטען, און אפשר קאן זיין, אז מע האט זיי טאקי פערביטען. ומעשה שהיה כך היה.

זייער מוטער איז געווען, דארפט איהר וויסען, א אידינע א קליינינקע, נעבאך ניט קיין געזונדע, נאר זעהר א קינדרעלדיגע, דאס הייסט, זי האט אויף איהר לעבען שטארק געקינדרעלט; אלע יאהר, אלע יאהר האט זי געהאט א קינד. דאס קינד האט אבער ניט מעהר געמוטשעט זיך ווי א יאהר און איז, נישט פאר אייך געדאכט, אוועקגעקומען. אזוי לאנג, ביז זי האט אויפגעהערט צו קינדלען און האט געמיינט, ס'איז איין עק. צום סוף — דעם אויבערשטענס נסים! — האט זי גאט בעגליקט, אויף דער עלטער שוין, און דוקא מיט א פארעל! איז איהר אבער שווער געווען אליין אויסזויגעןביידע קינדער, האט זי נעבאך געמוזט דינגען א צוזויגערין. א ברירה האט זי געהאט? א כתרילעווקער איד, ער

— ווייס איך וואָס איהר רעדט! דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר! איהר זעהט דען נישט?

— וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! ביזט משוגע, צי חסר־דעה?

— אַך, רבונו־של־עולם! איהר זעהט נישט נאָך די אויגען, אז דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר? זעהט נאָר צוויי אויגען!

— ס'אַ גוטער משל! פאַרשטעהט זיך, צוויי אויגען, ניט קיין דריי.

בקיצור, איינע שרייט אויף מאיר'ען, אַז ס'איז שניאור, און אויף שניאור'ען, אַז מאיר, און די אנדערע — אַז שניאור איז מאיר און מאיר איז שניאור. זענען די מאַנכבילען געפאַלען אויף איין עצה. פאַרט מאַנסבילען!

— ווייסט איהר וואָס? אָט פּרובט זיי געבען זויגען, וועלען מיר זעהען: דער וואָס וועט אָננעמען ביי דער מוטער, איז אַ סימן, אַז ס'איז מאיר, און דער וואָס וועט אָננעמען ביי דער אַם, איז אַ סימן, אַז ס'איז שניאור. אַ פּראָסטער שכל!

כך הוה.ביידע ברעקלעך, מע האָט זיי נאָר צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָבען זיי זיך צוגעחאַפּט ווי נאָך אַ תענית, געצויגען ווי פּיאַווקעס, געסמאָקצעט מיט די ליפּען, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פיסלעך און אונטערגעוואָרטשעט, ווי הונגעריגע הינטלעך.

— גאָט'ס נסים! זעהט, ווי דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט!...

אַזוי האָבען געזאָגט די מאַנסבילען מיט טרערען אין די אויגען און זענען אַ בעלן געווען אויף טשיקאַוועס פּרובען איבערבייטען די ברוסט, זעהן וואָס דאָ וועט זיין? און מע האָט די קינדערלעך נעבאַך אָפּגעריסען פון דער ברוסט, און מע האָט זיי איבערגעלעגט: שניאור'ען אויף מאיר'ס אָרט און מאיר'ען אויף שניאור'ס אָרט — וואָס, מיינט איהר, איז געווען? איהר מיינט אודאי, אַז זיי האָבען נישט געזויגען? נאָך אַ מין זויגען!...

מעג זיין ווי אָרעם, וועט ער אויף דער גאַס קיין קינד נישט ארויס־וואַרפען און אויף פרעמדע הענד דאָס נישט אַוועקגעבען. סיידען חלילה אַ יתום...

בעשטעלט אַ צווזויגערין, האָט די מוטער געגומען זיך מאיר'ען (מאיר איז געווען עלטער פון שניאור'ען אויף אַ גוטע האַלבע שעה), און שניאור'ען האָט זי אַוועקגעגעבען דער אם. נאָר אַזוי ווי די אַם איז אויך געווען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ אידינע נישט קיין געזונדע, האָבען ביידע, אי מאיר אי שניאור, געהאַט מכות נישט קיין מילך, און זיי זענען ביידע נעבאַך אויסגעגאַנגען פון הונגער, געשריגען גאַנצע נעכט, זיך געריסען אויף די גלייכע וועגד.

ויהי היום, האָט מען גענומען איינמאָל די קינדער באָדען. געוויינטליך, אין איין מולטער. אויסגעטהאָן זיי די העמדלעך און אַריינגעלעגט זיי ביידען אין היים וואַסער אריין, זענען ביידע ברעקלעך געוואָרען רויט און אָנגעבלאָזען, ווי פאַחירלעך; עס ווייזט אויס, אז זיי האָבען פון דעם באָד משונה הנאה געהאַט — אַ איך האָט ליעב אַ באָד... ביידע זויגערינס זענען געשטאַנען איבער דער מולטער און האָבען אונטערגעגאָסען אַלע מאָל פריש וואַסער, און די קינדער האָבען אָנגעקוואַלען, געמאַכט מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, ווי אַ זשוקעל, האָט איהר געזעהען אַמאָל, אז מע קעהרט איהם איבער מיט'ן בייכעל ארויף. אָפּגע־באָדען, האָט מען דאָס פּאָרעל אַרויסגענומען, אַיינגעהילט אין אַ ליילעך (איין ליילעך) און אַריינגעלעגט אין בעט אריין (אין איין בעט אַריין), זיי זאָלען זיך אַביסעל אָפּטריקענען. און אַז ס'איז געקומען צום אָנטהון זיי צוריק די העמדלעך, האָט מען נישט גע־קאָנט שוין דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאור? און ס'איז אַוועק אַ שפּאַרעניש צווישען דער מאַמען און די זויגערין:

— זעה נאָר, זעה, כ'וואָלט געמעגט שווערען, אַז דאָס איז גאָר מאיר און יענץ איז שניאור!

גרויס זענען די ווערק פון גאָט און זיינע וואונדער האָבען נישט קיין ברעג! וואָרום ווער ווייסט וואָס דאָ וואָלט געקאָנט אַרויס, ווען, למשל, נאָך דער חתונה פערבייטען זיי זיך חלילה מיט די ווייבער — מיין איך פערקעהרט: די ווייבער פערבייטען זיך מיט די מאַנען. איך ווייס ניט, ווי אַזוי ביי אייך, אין די גרויסע שטעדט; ביי אונז אין כתרילעווקע האָט זיך לעת־עתה אַזאַ מעשׂה נאָך נישט געטראָפען, מע זאָל זיך פערבייטען מיט די יוצרות. ממה נפשך: בין איך דיין ווייב, ביזט דו מיין מאַן, און ביזט דו מיין מאַן, בין איך דיין ווייב; אלא וואָס דען? ביזט יענער'ס מאַן, בין איך יענעמ'ס ווייב; בין איך יענעמ'ס ווייב, ביזט דו יענער'ס מאַן. אַ קשיא, טאָמער איז געמאָהלט, אַז מיין מאַן זאָל זיך מיישב זיין און זאָגען, אַז עס מאַכט איהם נישט אויס יענעמ'ס ווייב אויך — וואָס הייסט? נו, און וואו בין איך? איך וועל איהם שוויינען??!!

הקיצור, נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אייך גע־וואָלט דערצעהלען. די רעכטע מעשה הויבט זיך ערשט אָן.

ב.

ביז אַהער האָבען מיר זיך בעשעפטיגט נאָר מיט די מאירס און שניאורס, דאָס הייסט, מיט מאיר'ען און מיט שניאור'ען, און אַבי־סעל בעקענט זיך מיט זייער מוטער און מיט דער זויגערין. און האָ־בען נישט גערעדט קיין וואָרט נאָך פון זייער פאָטער, גלייך ווי זיי וואָלטען חלילה קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאַטען... לאָז גאָט היטען! אַזאַ זאַך קאָן זיך טרעפען נאָר ביי זיי, נישט ביי אונז. ביי אונז איז נישטאָ, ברוך־השם, קיין פינדעל־הויז, וואו קינדער זאָלען וואַכסען אָהן אַ טאַטע־מאַמע; ביי אונז האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז אַ קינד זאָל אויפוואַכסען און ניט וויסען, ווער איז זיין ריכטיגער טאַטע; און אויב ס'זאָל אַמאָל דורכגעפאַלען ביי אונז אַזאַ מעשה, האָט זיך עס געוויס געטראָפען ערגיץ אין אָדעס, אין פּאַריז, אָדער אין דעם ווייטען אַמעריקאַ... פאַר כתרילעווקע

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון זיי און מע האָט שוין אויפגעהערט צו אונטערשיידען: ווער איז מאיר און ווער איז שניאור. לאָז זיין מאיר־שניאור און שניאור־מאיר. און מע האָט זיי אַ נאָמען געגעבען: „די מאירס מיט די שניאורס". גלייך ווי עס וואָלט געווען צוויי מאירס און צוויי שניאורס, דאָס הייסט, יעדער פון די צוויי איז געווען פאַר זיך אַ מאיר מיט אַ שניאור... נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מע האָט אין חדר אָפּגעשמיסען מאיר'ען, ווען מע האָט בעדאַרפט שמייסען שניאור'ען, אָדער פערקעהרט, מע האָט אריינגעצימבעלט שניאור'ען, דעמאָלט ווען די שמיץ איז געקומען מאיר'ען. און בכדי עס זאָל נישט זיין נאָכדעם קיין פערדראָס, פלעגט דער רבי פּאַלען אויף איין עצה (וואו תורה, דאָרט איז חכמה!):

— ווייסט איהר וואָס, קינדערלעך? לעגט זיך אַקאָרשט אוועק ביידע, וועט ניט זיין קיין קנאה, מיך געשמיסען, דיך געשמיסען, אַ שענע ריינע כפרה, צווישען דער משפּחה וועט דאָס בלייבען...

ערשט העט־שפּעטער, נאָך דער בר־מצוה, אַז די מאירס מיט די שניאורס האָבען זיך אויפגעהאַפּט אויף די פיס, איז מיט אַ מאָל געוואָרען צווישען זיי אַ חילוק, אַז מע האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען ביינאַכט פאַר אַ מייל. גאָט'ס וואונדער! עס האָט זיך אָנגעהויבען שיטען ביי זיי אַ בערדעל (זיי האָבען, אַפּנים, ביידע צו־פריה אָנגעהויבען רויכערען ציגאַרען?), און ביי מאיר'ען האָט זיך בעוויזען אויף די בעקלעך און אויף דער אויבערשטער ליפּ שוואַרצע הערלעך (אָבער שוואַרץ ווי טינט!), און ביי שניאור'ען — רויטע הערלעך (אָבער רויטע אַזוי ווי פייער!). די דאָזיגע בערדענען געוואַכסען ביי זיי ווי מיט רוחות (זיי האָבען, אַפּנים, ביידע צו־שטאַרק גערויכערט ציגאַרען), אַזוי, אַז צו דער חופּה האָבען זיי געטראָגען צוויי בערד, וואָס זאָג איך בערד? — בעזעמער! איינער אַ שוואַרצען בעזעם, און דער אַנדערער אַ רויטען בעזעם, און אויסגעזעהען האָט עס, ווי עמיצער האָט זיי די בעזעמער אָנגעהאָנגען

אזוי האָט מען געשמועסט אין כתרילעווקע און בעדויערט נישט אזוי רב שמשונ'ען אליין, ווי דאָס, וואָס אין שטאָדט ווערד וויינציגער אלע מאָל מיט א אידען. משונה־מאָדנע ברואים אָט די כתרילעווקער אידען: לאָ־די זיי זענען אזעלכע אָרעמע ליִיט, וואָס זענען קיינמאָל נישט זאַט, וואָלטען זיי נאָך א בעלן געווען, אַז קיינער זאָל ביי זיי נישט שטאַרבען. זייער איינציגער טרייסט איז, וואָס שטאַרבען שטאַרבט מען אומעטום, אַפילו אין פּאַריז, און וואָס אויסקויפען זיך פונ'ם טוידט קויפט זיך נישט אוים קיי־נער, און אַפילו רויטשילד אַליין, וואָס איז כמעט גרעסער פונ'ם מלכות, פון דעסטוועגען, אַז עס קומט די צייט פון שטאַרבען, בעט מען איהם מחילה, ער זאָל זיך מטריח זיין אהינצוצו — און ער מוז געהן!

אַצינד קעהרען מיר זיך אום צוריק צו די מאירס מיט די שניאורס. כל זמן רב שמשון באָרד האָט געלעבט, זענען די מאירס מיט די שניאורס געווען, קאָן מען זאָגען, נפש אחת, געלעבט איין זעל, איין נשמה. און אַז רב שמשון באָרד איז געשטאָרבען, זענען זיי געוואָרען פייער מיט וואַסער, גרייט געווען אלע מינוט אַרויפ־פאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע און אויסרייסען זיך די בערד. איהר ווילט וויסען, איבער וואָס? אַדרבה, זאָגט איהר, איבער וואָס קריעגען זיך קינדער נאָכ'ן טאַטענ'ס טוידט? פערשטעהט זיך, איבער ירושה. אמת, רב שמשון האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין פעלדער, קיין וועלדער, נחלאות, הייזער, רענטעס, און מזומן געלד אודאי נישט. און קיין ציערונג, זילבער און כלי־בית האָט ער אויך נישט איבערגעלאָזט פאַר די קינדערס וועגען, נישט מחמת שלעכטיגקייט אָדער קאַרגשאַפט, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט נישט געהאַט. דאָך זאָלט איהר ניט מיינען, אַז רב שמשון האָט חלילה ניט איבערגעלאָזט זיינע קינדער גאָרנישט. רב שמשון האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א מאַיאָנטעק, א מין שוה־כסף, וואָס מע קאָן צו יעדער צייט מאַכען פון דעם געלד, מע קאָן דאָס פער־זעצען אין משכון, פערדינגען אָדער פערקויפען. דאָס איז געווען

בין איך אייך ערב, אז דאָרט האָט זיך אַזאַ מעשה נישט געטראָפֿען קיינמאָל, און אויב ס'האָט זיך געטראָפֿען, האָט זיך עס געטראָפֿען ערגיץ ווייס איך מיט וועמען, מיט אַ דיענסטמיידעל, אָדער אַזוי מיט אַ אידישער טאָכטער נעבאַך, וואָס איז פֿערפֿיהרט געוואָרען דורך אַ צופֿאַל, געפֿאַלען אַ קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד...

הקיצור, די מאַירס מיט די שניאורס האָבען געהאַט אַ טאָ־טען, און נאָך אַ שענעם טאַטען דערצו, און געהייסען האָט ער רב שמשון, אַ איד איין עהרליכער, און געהאַט האָט דער רב שמשון אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ רייכע, אַ שענע באָרד, אַ „זקנה״! מע קאָן זאָגען, אַז ביי רב שמשון'ען איז געווען מעהר באָרד ווי פּנים, איבער דער דאָזיגער באָרד האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזעהען דאָס פּנים, און דערפֿאַר טאַקי האָט ער אין כתרילעווקע נישט גע־האַט קיין אַנדער נאָמען, ווי רב שמשון באָרד.

און געווען איז דער רב שמשון באָרד... לאָמיך אַזוי וויסען ביין, וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ איד, וואָס האָט כל ימיו געמוטשעט זיך, געפּלאָגט זיך איבער'ן שטיקעל ברויט, מלחמה געהאַלטען מיט'ן דלות; אַ מאָל האָט ער בייגעקומען דעם דלות, אַ מאָל — דער דלות איהם, ווי דער שטייגער איז פֿון די כתרי־לעווקער אידען, וואָס האָבען קיין מורא נישט פֿאַר'ן דלות, שטעלען איהם אויס דריי פֿייגען...

און געלעבט האָט דער רב שמשון באָרד אַזוי לאַנג, ביז ער איז געשטאָרבען. און אַז ער איז געשטאָרבען, האָט מען איהם בעהאַלטען מיט גרויס כבוד, כמעט די גאַנצע שטאָדט איז נאָכגע־גאַנגען נאָך דער לויה.

— ווער איז געשטאָרבען?

— רב שמשון.

— וואָסער רב שמשון?

— רב שמשון באָרד.

— אָר־וואָ! איז שוין, הייסט דאָס, רב שמשון באָרד אויך אַוועקגעקומען? ברוך דיין אמת!

איין איינגענע שטאָדט אינ'ם בית־המדרש אין מזרח־וואַנד, און קיין זוהן האָט ער נישט, וועט דאָך די שטאָדט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אם ירצה השם, איבערגעהן צו מאיר'ען. וועט אויסקומען, אַז מאיר וועט האָבען צוויי שטעדט אין מזרח־וואַנד, און שניאור — אַפּילו אַ האַלבע נישט! פרעגט זיך אַ קשיא: וואו איז יושר? וואו איז מענשליכקייט?

דערהערט אַזאַ טענה, האָט זיך אַרייגגעמישט מאיר'ס שוועהר, אַ איד אַ נגיד, איין אויפגעקומענער, און איז אַרוים מיט אַ פייער: „אַביסעל איין עזות! איך בין נאָך ניט אַלט קיין פערציג יאָהר אפילו און האָב נאָך, ערשטענס, בדעה צו לעבען און לעבען, — צום סוף טיילען זיי זיך מיט מיין ירושה! והשנית, פון וואַנען ווייסט מען, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבען קיין יונגעל? אמת, איך וועל טאַקי נישט האָבען, אָבער מיין ווייב קאָן נאָך האָבען אַ יונגעל, און נישט איין יונגעל, נאָר עטליכע יונגלעך! אַביסעל איין עזות פון אַ שייגעץ!"

האָבען זיך מענשען אַריינגעלעגט אין אַ שלום, געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל פשרה, „יאַק נע פסק טאַ פסאַקעץ", מע זאָל אָפּשאַ־צען די שטאָדט, וויפיעל זי איז ווערטה, און איין ברודער דעם אַנדערען זאָל אויסצאָהלען. דאַכט זיך, אַ גלייכע פשרה? איאַ? איז דער חסרון, וואָס ביידע ברידער האָבען נישט געוואָלט הערען פון אַרויסצאָהלען. ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלד — געלד איז בלאָטע; ס'איז געגאַנגען אינ'ם עקשנות, אינ'ם צו־להכעיס: פאַר וואָס זאָל אַ ברודער זיין אַזאַ איינגעשפּאַרטע זאַך און נישט צולאָזען דעם צווייטען ברודער? און פאַר וואָס זאָלסט דו זיצען אויפ'ן טאַטענס אָרט און איך ניט? עס איז זיי שוין ניט גע־גאַנגען אַזוי אין זיך, ווי אין יענעם, איינער האָט נישט פערגונען דעם אַנדערען, ווי זאָגט מען דאָס: ג ם ל י ג ם ל ך — נישט מיר, נישט דיר... און די מאירס מיט די שניאורס האָבען גענומען קריעגען זיך און טהון איינער דעם אַנדערען אויף צו־להכעיס. אַ גליינקייט — נצחון?

איין אייגענע שטאָדט אינ'ם אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש, אויבען־אָן אין מזרח, סאַמע די צווייטע שטאָדט פון רב יוזיפיל דעם רב, די אַנדערע, הייסט דאָס, פונ'ם אָרון־קודש. אמת, די כתרילעווקער חכמים זאָגען אפילו אַ גלייכוווערטעל, אז ס'איז גלייכער איין אייגען דאָרף אין דרויסען איידער איין אייגענע שטאָדט אין שוהל; דאָס איז אָבער נישט מעהר ווי אַ גלייכוווערטעל, און אַז גאָט העלפט, מע האָט זיך טאַקי איין אייגענע שטאָדט, און נאָך אין מזרח־וואַנד דערצו, איז טאַקי נישט שלעכט. און בעסער פון גאָרנישט איז דאָס אודאי!

בקיצור, רב שמשון באָרד האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיקעל נחלה, איין אייגענע שטאָדט אין אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש. נאָר ער האָט פערגעסען אַ קלייניגקייט — אָנזאָגען, וועמען ער לאָזט איבער בירושה די דאָזיגע שטאָדט: מאיר'ען, צי שניאור'ען?

אפנים, רב שמשון, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט זיך גאָר ניט גערעכנט צו שטאַרבען? ער האָט פערגעסען, אז דער מלאך־המות שטעהט תמיד הינטער די פּלייצעס און היט אונז די טריט, אַניט, וואָלט ער זיכער געשריבען אַ צוואה, אָדער אַזוי אָנגעזאָגט פאַר עדות, וועמען פון די צוויי זיהן לאָזט ער איבער זיין מאַיאָנטעק.

וואָס זאָלט איהר קלערען? אודאי איז דעם ערשטען שבת וואָס נאָך שלשים שוין אַרויסגעשפּרונגען אַ מחלוקת צווישען די צוויי ברידער. מאיר, פערשטעהט איהר מיך, האָט גע'טענה'ט, אַז על־פּי דין קומט דעם טאַטענ'ס שטאָדט א י ה ם, וואָרים ער איז דאָך דער עלטערער (אויף אַ גוטע האַלבע שעה!). און שניאור האָט גע'טענה'ט צוויי טענות מיט אַ מאָל: ערשטענס, ווייסט מען ניט, ווער איז פון זיי דער עלטערער, וואָרום ווערליג די מאַמע דערצעהלט, אַז מע האָט זיי קינדווייז פערביטען, קאָן דאָך גע־מאָהלט זיין, אַז ער, שניאור הייסט דאָס, איז מאיר, און מאיר איז שניאור. והשנית, האָט מאיר אַ שוועהר אַ נגיד, וואָס האָט אויף

האָפּען זיך ביי די בערד, אָדער אַריינפּאַהרען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען אַריין. מע דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז די מאירס מיט די שניאורס זענען געווען טאַטענס קינדער, אָנשטענ־דיגע יונגע־לייט, חלילה נישט קיין הפקר־יונגלעך, וואָס זאָלען אָנפאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די גויים, להבדיל. זיי האָבען אָפּגעוואַרט ביז עס וועט קומען עזריאל דער שמש און וועט אויפעפענען די טהיר פון'ם בית־המדרש, וועט מען שוין דעמאָלט זעהען, ווער עס וועט פריהער פערהאַפּען דעם טאַטענ'ס שטאָדט: צי מאיר, צי שניאור?

צעהן יאָהר האָבען זיך געצויגען ביי זיי די מינוטען. קוים דערלעבט זעהן עזריאל'ען מיט די שליסעל. און אַז עזריאל מיט דער קאָלטענעוואַטער באָרד איז אָנגעקומען, האָט ער נישט געקאָנט צוקומען מיט'ן שליסעל צום שלאָס בשום אופן, ווייל ביידע ברידער האָבען זיך צוגעשפּאַרט מיט די פיס צו דער טהיר, איינער מיט דעם רעכטען פוס, דער אַנדערער מיט דעם לינקען פוס, נישט גע־וואָלט אָפּטרעטען בשום אופן ואופן.

— וואָס־זשע וועט זיין דערפון? — האָט זיי עזריאל אַ זאָג געטהאָן און גענומען בשעת מעשה אַ שמעק טאַבאַק. — מילא, אַז איהר וועט אַזוי שטעהן ביידע אָנגעשפּאַרט, ווי די צאַפּעס, וועל איך נישט קאָנען עפענען די טהיר, און דאָס בית־המדרש וועט שטעהן אַזוי צוגעשלאָסען אַ גאַנצען טאָג. ס'איז עפּיס אַ תכלית? נו, אדרבה, זאָגט שוין איהר אַליין!

עס ווייזט אויס, אַז די דאָזיגע ווערטער האָבען געהאַט אַ ווירקונג, מחמת די מאירס מיט די שניאורס האָבען זיך ביידע גע־געבען אַ רוק צוריק, איינער רעכטס, דער אַנדערער לינקס, גע־מאַכט אַיין אָרט פון עזריאל'ס וועגען, ער זאָל קאָנען צוטרעטען מיט'ן שליסעל צו דער טהיר און אויפשליסען דעם רוקער. און אַז דער רוקער האָט זיך געגעבען אַ רוק און די טהיר האָט זיך גענעבען אַיין עפען־אויף, האָבען זיך די מאירס מיט די שניאורס גענעבען ביידע אַ לאָז־אַריין.

דעם ערשטען שבת איז מאיר געקומען אביסעל פריהער און האָט זיך אװעקגעזעצט אויף דעם טאַטענ'ס שטאָדט, און שניאור איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פּיס. דעם צווייטען שבת איז שניאור געקומען פריהער און האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף דעם טאַטענס אָרט, און מאיר איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פּיס. דעם דריטען שבת האָט זיך מיישב געווען מאיר און האָט זיך געפעדערט גאַנץ פריה, האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף דער שטאָדט, איבערגעדעקט זיך מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ—און טהו מיר עפּיס! האָט זיך מיישב געווען שניאור דעם פערטען שבת און פעדערט זיך נאָך פריהער און זעצט זיך אַוועק אויף דער שטאָדט און דעקט זיך איבער מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ — און רוף מיך קנאַקניסעל! האָט זיך מיישב געווען מאיר דעם פינפטען שבת און פעדערט זיך נאָך פריהער... אַזוי לאַנג האָבען זיך די מאירס מיט די שניאורס געפעדערט, ביז זיי זענען איינמאָל אין אַ שענעם שבת־הגדול געקומען צו געהן ביידע אין איין צייט, ס'איז נאָך ניט געווען רעכט ליכטיג אין דרויסען, און האָבען זיך אוועקגעשטעלט ביידע ביי דער טהיר פונ'ם בית־המדרש (דאָס בית־המדרש איז נאָך געווען צו), און מע האָט זיך גענומען קוקען אהן ווערטער, נאָר מלא גזלן איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די העהנער, וואָס זע־נען גרייט אָט־אָט ארייןשפּרינגען איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אַריין און אויספּיקען זיך די אויגען... אַזוי, דאַרפען מיר רע־כענען, זענען אַמאָל געשטאַנען די ערשטע צוויי ברידער, די ערשטע צוויי שונאים אויף דער וועלט, קין און הבל, איינע אַליין אין פעלד, אונטער גאָט'ס הימעל, מלא רציחה, גרייט אויף צו דורס זיין, אויפפרעסען איינס דאָס אַנדערע, פערגיסען אומשולדיג בלוט...

ג.

האָבען מיר, הייסט דאָס, איבערגעלאָזט די מאירס מיט די שניאורס ביי דער שוהל שבת אין דער פריה שטעהן איינס אַקעגען דאָס אַנדערע אַנגעדרודעלט, ווי די העהנער, און גרייט אָדער אַנ־

מאמע זענען אזוי ווייט אריין אין דער רציחה, אז ביי איינעם אין האַנד איז געווען אַ זשמוט מיט שווארצע האָר (פון מאיר'ס באָרד) און ביי'ם צווייטען אין האַנד א־ז געווען אַ זשמוט מיט רויטע האָר (פון שניאור'ס באָרד). און אויך פלעקען בלויע האָבען זיך בעוויזען ביי זיי אויף די פנימ'ער, און ביי איינעם פון זיי האָט זיך געטהאָן אַ לאָז בלוט פון דער נאָז.

כל זמן עס האָט נאָר געהאַלטען ביי בערד אַליין מיט פּעטש, קלעפּ, בוכענצים וכדומה אזעלכע מינים זאַכען, האָט עזריאל דער שמש נאָך געקאָנט רעדען אַ פּאָר ווערטער, זאָגען אַביסעל מוסר. דערזעהען אָבער, ווי עס גיסט זיך שוין בלוט, האָט עזריאל מעהר נישט געקאָנט איינשטעהן, ווארום בלוט — עס מעג זיין אפילו פון אַ נאָז — איז זעהר אַ מיאוסע זאַך, וואָס פּאַסט פאַר גויים, נישט פאַר אידען. פּע, חולשי חלשות!... און עזריאל דער שמש האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך געגעבען אַ לאָז־אַוועק אין פּאָליש אריין, געחאַפּט איין עמער וואַסער און געגעבען אַ גאָס־אוים אויףביידע ברידער.

'קאַלט וואַסער איז פון תמיד אָן, זינט די וועלט שטעהט, דאָס בעסטע מיטעל אויף אויפצומונטערען אַ מענשען; אַ מענש, ער מעג זיך זיין אין גרעסטען כעס, אין ערגסטען גרימצאָרן, אז ער בעקומט אַ קאַלטע באָד, אַזוי ווערד ער אויפגעפרישט, אָפּגע־קיהלט און קומט צו זיינע געדאַנקען... פון דעם דאָזיגען אומ־געריכטען קאַלטען באָד, וואָס עזריאל האָט זיי מכבד געווען, האָ־בען די מאירס מיט די שניאורס ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָבען זיך אַ קוק געטהאָן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען אריין און האָבען זיך פערשעמט, ווי אָדם מיט חוה'ן בשעת זיי האָבען פער־זוכט פונ'ם עץ־הדעת און דערזעהען, אַז זיי זענען נאַקעט... און טאַקי דעם זעלבען שבת־צו־נאַכטס זענען די מאירס מיט די שניאורס געגאַנגען מיט נאָך מענשען צו רב יוזיפיל דעם רב, זיך פערלאָזען אויף מענשען, וואָס מענשען וועלען געפינען.

— פֿאַוואָלי, אַט וואָלגערט איהר אום אַ אידען! — האָט אויסגעשריען עזריאל דער שמש, און איידער ער האָט געקאָנט אויסרעדען נאָך איין וואָרט, איז ער שוין געלעגען נעבאָך אַ צע־טראָטענער אונטער זייערע פֿיס און געשריגען ניט מיט זיין קול:

— פֿאַוואָלי, אַט צעטרעט איהר אַ אידען, אַ טאַטען פֿון קינ־דער!...

די מאַירס מיט די שניאורס האָבען אָבער אין זינען געהאַט עזריאל דעם שמש מיט זיינע קינדער אין דער לינקער פּאה. זיי איז געלעגען אין זינען די שטאָדט, דעם טאַטענ'ס שטאָדט, — און האָבען זיך ביידע געגעבען אַ לאָז אהין, אויבען־אָן, צו מזרח צו, געגעבען אַ שפּרונג־איבער איבער אַלע בענק און שטענדערס, און געקומען צו דער שטאָדט, האָבען זיי זיך ביידע געגעבען אַ זעץ־אַנידער און אַ שפּאַר־אריין מיט די פּלייצעס אין וואַנד אריין און מיט די פֿיס אין דער פּאָדלאָגע, און פֿון גרויס שפּאַרעניש זענען זיי אַרויף איינס אויף דאָס אַנדערע און אַנגענומען זיך ביי די בערד און געפּינעט און געקריצט מיט די ציינער און גע־חאָרחעלט:

— מכות וועסט דו זיצען אויף דער שטאָדט!

אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך עזריאל דער שמש דערוויייל אויסגעגלייכט די ביינער און צוגעגאַנגען צו די מאַירס מיט די שניאורס און דערזעהען ווי זיי ליגען ביידע אוז האַלטען איינס דאָס אַנדערע ביי די בערד, האָט ער אַ פּרוב געטהאָן פֿריהער מיט גוטען, אַזוי צו זאָגען:

— אי־פֿע, שעמען מעגט איהר זיך! צוויי ברידער, צוויי לייבליכע ברידער פֿון איין טאַטע־מאַמע, זאָלען זיך האַלטען ביי די בערד! און נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו! אי־פֿע!...

עזריאל דער שמש האָט אָבער ארויסגעזעהען, אַז איז דעם מאָמענט גראָדע איז זיין כּוסר גאַנץ זומזיסט, אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן ווינד; אדרבה, ער האָט מיט זיינע רעד, קאָן מען זאָגען, אונ־טערגעגעבען נאָך מעהר היטץ, און די צוויי ברידער פֿון איין טאַטע־

באַרגענער חכם, וואָס בעווייזט זיך נישט אַרויס מיט זיין חכמה, נאָר אַז מע קומט צו איהם מיט אַ משפּט, זעהט מען ערשט דער־מאָלט אַרויס, ווי עמוק ער איז, ווי טיעף, ווי שאַרף, טאַקי נאָר חכמת שלמה!

אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט המבדיל, זענען די מאירס מיט די שניאורס געקומען צום רב רב יוזיפיל אויף אַ דין־תורה און האָבען געטראָפען דאַרטען שוין אַ פולע שטוב מיט מענשען. די שטאָדט איז נייגיעריג געווען צו הערען, ווי אַזוי וועט עס דאָ רב יוזיפיל פּסק'ענען? ווי אַזוי וועט ער דאָ איינטהיילען איין־און־איינציגע שטאָדט צווישען צוויי ברידער? קודם כל האָט רב יוזיפיל געלאָזט די צדדים, זיי זאָלען זיך אָביסעל אויס'טענה'ן. רב יוזיפיל געהט מיט דעם גאַנג, אַז פאַר'ן משפט בעדאַרף מען די צדדים לאָזען טענה'ן, ווארום נאָכ'ן משפט וואָס וועט זיי העלפען דאָס טענה'ן? נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויך עזריאל דעם שמש, ער זאָל רעדען וויפיעל ער וויל. עזריאל איז דאָך דאָ דער רעכטער עדות. און גלאַט בעלי־בתים האָבען גערעדט. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצען — דער האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט, און נישט מיט איין וואָרט, נאָר מיט אַ סך ווערטער. רב יוזיפיל איז אַ מענש, ברוך־השם, וואָס לאָזט רעדען אַלעמען. איך האָב שוין לאַנג בעמערקט, אַז רב יוזיפיל איז אַ שטיקעל פילאָזאָף: ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז וויפיעל אַ מענש זאָל נישט רעדען, מוז ער אַמאָל אויפהערען.

כך הוה. די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט און גערעדט — און האָט אויפגעהערט צו רעדען. און אַז דער עולם האָט אויפ־געהערט צו רעדען, האָט זיך רב יוזיפיל אָנגערופען צו די מאירס און שניאורס לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות, ווי זיין שטייגער איז, בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותים, הערט זשע צו, אידען, די מעשה דערפון איז אַזוי. ווערליג איך האָב אויסגעהערט דאָ אייערע ביידענס טענות און די אַלע טענות פון אַלע איבעריגע בעלי־בתים. זעה איך. אַז איהר

ד.

דאָס כתרילעווקע זאָל נישט זיין אַזאַ העק און ס'זאָל נישט ליגען פערוואָרפען אַזוי ווייט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען זאָלען, למשל, ערשיינען גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, וואָלט די וועלט געוויס געהאַט צו טהון מיט רב יוזיפיל דעם רב. אַלע בלעטער וואָלטען געווען פול מיט איהם און מיט זיין חכמה. חכמים, גרויסע געלעהרטע, בעריהמטע לייט פון דער וועלט וואָלטען זיך געלאָזט צו איהם, זעהען איהם בעשיינפּערליך און הערען פון זיין מויל אַלע קלוגע דבורים. פאָטאָגראַפען און צייכנער וואָלטען אַראָפּגענומען זיין בילד און וואָלטען עס פערשפּרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט. אינטערוויוערס וואָלטען איהם גענודלט דעם קאָפּ, נישט געלאָזט לעבען. זיי וואָלטען וועלען וויסען אַלסדינג. וואָס ביי איהם טהוט זיך. וואָסערע מאכלים ער האָט ליעב? וויפיעל שעה אין טאָג שלאָפט ער? צי גלויבט ער אין השאָרת־הנפש? וואָס פאַר אַ מיינונג איז ער וועגען רויכערען סיגאַרע־טען, און צי האַלט ער פון פאָהרען אויף אַ וועלאָסיפּעד, וכדומה? נאָר אַזוי ווי כתרילעווקע איז אַ העק און עס ליגט פערוואָרפען ווייט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען ערשיינען נישט קיין גאַזעטען, צייטונגען און זשורנאַלען, האָט די וועלט קיין שום ידיעה נישט פון רב יוזיפיל דעם רב. די בלעטער דערמאָנען נישט אַ מאָל זיין נאָמען. חכמים, גרויסע געלעהרטע און בעריהמטע לייט פאָהרען נישט צו איהם. פאָטאָגראַפען און צייכנער נעמען נישט אַראָפּ זיין בילד. אינטערוויוערס לאָזען איהם צורוה. און רב יוזיפיל לעבט זיך אָפּ זיין וועלט שטיל, בעשיידען, אָהן געפּילדער, אָהן טאַרעראַם. קיינער ווייסט נישט פון איהם צו זאָגען, אויסער די שטאָדט כתרילעווקע, וואָס בעוואונדערט איהם, האַלט פון איהם איין עולם ומלואו און גיט איהם אָפּ פיעל־פיעל כבוד (קיין געלד איז אין כתרילעווקע נישטאָ, אָבער כבוד — וויפיעל איהר ווילט!...). זיי זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ נסתר, אַ פער־

אַ האַלבע שטאָדט און נאָ דיר אַ האַלבע שטאָדט. איז פאַרהאַן אָבער איין עצה, אַז איהר זאָלט ביידע זיצען אין מזרח־וואַנט, אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט. דאָס האָב איך שוין דערקלערט, ברוך־השם, מיט מיין אייגענעם שכל. דהיינו, ווי אַזוי? אַזוי ווי אייער טאַטענ'ס שטאָדט און מיין שטאָדט זענען צוויי שטעדט, אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט, זעצט איהר זיך, ברידער־לעך, אויף די ביידע שטעדט, וועט איהר זיך זיצען גע־זונטערהייד ביידע, אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט, און וועט זיך פאַרשפּאָרען קריעגען. אי וואָס? די קשיא: וואָס וועל איך טהון אָהן אַ שטאָדט? איז דער תירוץ: וואו שטעהט דאָס געשריי־בען, אַז אַ רב אָדער גלאַט אַ איד מוז דוקא האָבען איין אייגענע שטאָדט, און דוקא אין מזרח־וואַנט, און דוקא אינ'ם אַלטען בית־המדרש? ווארום, לאָמיר זיך גוט באַטראַכטען: וואָס איז אַ בית־המדרש? אַ מקום קדוש. וואָס געהען מיר אין בית־המדרש אַריין? תפלה טהון. צו וועמען? צום אויבערשטען. וואו געפינט ער זיך? אומעטום, ס'איז מ ל א כ ל ה א ר ץ כ ב ו ד ו — פול די גאַנצע וועלט! ווי באַלד אַזוי, היינט וואָס איז דאָ שייך מזרח, צפון, דרום, גאַנץ אויבען־אָן, אָדער גאָר ביי דער טהיר? אַבי אַ מקום קדוש און אַבי געדאַוועט! מ ש ל ל מ ה ה ד ב ר ד ו מ ה — צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ מלך, וואָס זיינע צוויי קנעכט זענען געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ אַריין בעטען ביי איהם אַ טובה. פלוצים האָבען זיך די קנעכט צע־אַמפּערט צווישען זיך און זענען פאַר'ן מלך אין די אויגען אריינ־געפּאַהרען איינער דעם אַנדערען אין די בערד אַריין און האָבען גאָר פאַרגעסען, צוליעב וואָס זיי זענען געקומען און פאַר וועמען זיי שטעהען; האָט זיי דער מלך מסתמא גוט מכבד געווען און האָט באַפוילען, מע זאָל זיי מחילה ארויספיהרען: ממה נפשך, איהר ווילט זיך רייסען ביי די בערד, געהט אייך געזונטערהייד אין דרוי־סען אַרויס און רייסט אייך דאָרטען וויפיעל אייער הארץ גע־לוסט; וואָס האָט איהר צו קריכען צום קייזער אין פּאַלאַץ אריין.

זענט נעבאךביידע זעהר גערעכט. איהר האט נעבאך ביידע גע־
האט איין טאטען — און א שענעם טאטען, לאז ער האבען א ליכטי־
גען גן־עדן. דער חסרון איז נאר, וואס ער האט אייך נעבאך ביי־
דען איבערגעלאזט סך־הכל איין שטאדט. אודאי איז ביי אייך
ביידען טהייער דעם טאטענ'ס שטאדט, פארט איין אייגענע שטאדט
אין מזרח־וואנט, אינ'ם אלטען, אלטען כתרילעווקער בית־המדרש.
מיט דער האנט אוועקמאכען קאן מען דאס נישט. נאר וואס דען?
כשם ווי ס'איז אונמעגליך, אז איין מענטש זאל קאנען פארנעמען
צוויי שטעדט, אזוי איז אונמעגליך, אז צוויי מענטשען זאלען זיך
באנוגענען מיט איין שטאדט. אדרבה, מיר דאכט זיך, אז ס'איז
א סך לייכטער, אז איין מענטש זאל פארנעמען צוויי שטעדט,
איידער אויף איין שטאדט זאלען זיצען צוויי מענטשען; ווארום
אז איין מענטש זאל, למשל, האבען צוויי שטעדט, זעצט ער זיך
אנידער א מאל אויף דער שטאדט, און א מאל אויף יענער, אבער
אז צוויי מענטשען זאלען זיך פרובען אין איין צייט זעצען אויף
דעם זעלביגען ארט — קאן דאס ניט זיין. למשל, אט האלט איך
די רעכטע האנד אט־דא אויף דעם ספר. לאם איך, אשטייגער,
וועלען אין דער אייגענער צייט האלטען די לינקע האנט אויפ'ן
זעלביגען ארט, וואו איך האלט די רעכטע האנט — קאן איך
נישט. פאר וואס? ווייל דער אויבערשטער האט אזוי באַ־
שאפען די וועלט, און א מענטשענס פארשטאנד קאן דאס מיט'ן
שכל נישט משיג זיין. נישט מעהר, בלייבט דאך איבער די קשיא:
וואס טהוט מען נעבאך מיט צוויי ברידער, אז זיי האבען פארט
געהאט נעבאך נאר איין טאטען, וואס האט זיי איבערגעלאזט סך־הכל
איין שטאדט? איטליכען ווילט זיך — פארט איין אייגענע שטאדט
אין מזרח־וואנט, אינ'ם אלטען, אלטען כתרילעווקער בית־המדרש,
מיט דער האנט אוועקמאכען קאן מען דאס נישט! קומט אוים:
י ה ל ו ק ן, אז מע זאל זיך טהיילען. ווי אזוי זשע טהיילט
מען א שטאדט? א שטאדט איז דאך נישט קיין... קיין... עפעל,
וואס מע צעשניידט איהם אויף דער העלפט און מע זאגט: נא דיר

די גרויסע בהלה פון
די קליינע מענשעלעך

פּאָעמע.

געשריבען אין יאָהר 1904.

אז איהר ווייסט ניט, ווי אזוי צו האלטען זיך?... דאס איז דער משל, און דער נמשל זענט איהר. געהט זשע אייך, קינדערלעך אהיים און לעבט אייך אין פריעדען, און לאז אייער פאטער זיין ד'ארטען א מליץ־יושר פאר אייך און פאר אונז און פאר כלל ישראל.

אזוי האט גע'פסק'עט רב יוזיפיל דעם משפט, און דער עולם איז זיך צעגאנגען אהיים.

אויף איבעראכטאג שבת זענען די מאירס מיט די שניאורס געקומען אין בית־המדרש און האבען זיך אוועקגע'שטעלט ראווענען ביי דער טהיר. וויפיעל מע האט זיי ניט געבעטען, עזריאל דער שמש פון איין זייט און רב יוזיפיל דער רב פון דער אנדערער זייט — זיי האבען נישט געוואלט זיך זעצען אין מזרח־זייט בשום אופן ואופן.

ווער ס'איז א בעלן אויף איין אייגענער יש'טאדט אין מזרח־זואנד, אינ'ם אלטען כתרילעווקער בית־המדרש, די אנדערע שטאדט פון רב יוזיפיל דעם רב, אין גלייכען געלד, זאל ער זיך ווענדען קיין כתרילעווקע צו רב שמשונ'ס קינדער, צו מאיר'ען אדער צו שניאור'ען — ס'איז אלץ איינס: מע וועט זי אייך פערקויפען בזיל הזול, ווארום קיינער זיצט נישט אויף איהר, נישט מאיר און נישט שניאור. עס שטעהט א לעדיגע שטאדט — איין עבירה פאר גאט!

די גרויסע בהלה פון די קליינע מענשעלעך

קאפיטעל א.

וואו דער מחבר שמועסט זיך אויס אַביסעל מיט זיינע אידען.

אַפּנים, אַז כתרילעווקע איז שוין אָנגעצייכענט געוואָרען מן השמים, אַז די דאָרטיגע אידען בעדאַרפען האָבען מעהר צרות פון דער גאַנצער וועלט. וואו ערגיץ אַ מכה, וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ פּורעניות, אַיין אומגליק, אַיין אָנשיקעניש, אַ בייז בעגעגעניש, — בעדאַרף עס זיי ניט אויספעהלען, און פון איטליכער זאַך בעדאַרפען זיי זיך נעמען צום האַרצען מעהר פון דער גאַנצער וועלט. מילא, פון דרייפוס'ען, אויב איהר געדענקט, איז קיין חדוש ניט. וואָס כתרילעווקע האָט אַזוי געליטען: פאָרט אַ אונזעריגער, אַיין איינענער; אייגענס איז, ווי זאָגט איהר, ניט קיין פרעמדס. וואָס־זשע פאַר אַ תירוץ וועט איהר מיר אויסזוכען אויף די בורען. וואָס די ענגלענדער האָבען זיי אַיינגענומען און געמאַכט פון זיי אַ תל? קאַרג האָט זיך געטהאָן דעמאָלט אין כתרילעווקע? וועה־וועה, קאַרג איז דעמאָלט בלוט פערגאָסען געוואָרען אינ'ם אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש איבער דעם? שאַט, שרעקט זיך ניט, איהר מיינט טאַקי בלוט ממש? חס וחלילה! די כתרילעווקער זענען ווייט פון בלוט; אַ כתרילעווקער, אַז ער דערזעהט פון דער וועיטען אַ שניט פון אַ פינגער, פאַלט ער חלשות. מיינען מיינט מען גאָר עפּיס אַנדערש; מיינען מיינט מען יסורים,

דער מחבר בעט דעם לעזער, ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען, וואָס ער רעדט אַזעלכע האַרבע ווערטער מיט זיינע כתרילעווקער לייט! איך בין, פערשטעהסט דו מיך, ליעבער פריינד, אַליין אַ כתרילעווקער. דאָרט בין איך געבאָרען, דאָרט בין איך אויפגעוואַכסען, דורכגעגאַנגען אַלע זייערע חדרים און שקאָלעס, דאָרט האָב איך חתונה געהאַט למזל און זיך אַוועקגעלאָזט נאָכדעם מיט מיין קליין שיפעל אויף דעם גרויסען ברייטען רעש'דיגען ים, וואָס מע רופט איהם „לעבען“ און וואָס די חוואַלעס זיינע וואַרפען העכער הייזער, און חאָטש מען איז שטענדיג אינ'ם דאָזיגען טומעל פערטאַרעראַמט און פערטראַסקעט, פון דעסטוועגען האָב איך נאָך אויף קיין מינוט ניט פערגעסען מיין זיסע ליעבע היים כתרילעווקע זאָל מאריך ימים זיין, מיט מיינע ליעבע זיסע ברידער, די כתרילעווקער אידען, זאָלען זיך פרוכפּערען און מעהרען; און אַלע מאָל, ווען עס טרעפט זיך דאָ ביי אונז עפּיס איין אויסגאָס, אַ צרה, אַ בראָך, איין אומגליק, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: וואָס טהוט זיך אַצינד ד אָ ר ט ע ן, אין מיין פאָטערלאַנד?... כתרילעווקע, דאַרפט איהר וויסען, ווי קליין און אָרעם און עלענד און פערוואָרפען דאָס זאָל ניט זיין, איז דאָך געבונדען מיט דער גאַנצער איבעריגער וועלט, ווי מיט אַ מין דראָט אַזעלכען, וואָס אז מע גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אינ'ם אַנדערען עק! אָדער איך קאָן זאָגען אַזוי: כתרילעווקע איז געגליכען צום קליינעם קינד אין דער מאַמעס בויך, וואָס איז געבונדען, צענויפגעוואַכסען מיט דער מוטער דורכ'ן נאָפּעל און פיהלט אַלסדינג גלייך מיט דער מוטער: טהוט וועה דער מאַמען — טהוט וועה דעם קינד; טהוט וועה דעם קינד — טהוט וועה דער מאַמען. אַ חדוש איז מיר נאָר אויף איין זאַך: פאַר וואָס פיהלט כתרילעווקע אַלעמענס צרות מיט אַלעמענס וועהטיגען פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער, קיינער פיהלט ניט דעם וועהטיג פון כתרילעווקע; קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די כתרילעווקער? דאָס כתרילעווקע

האַרצוועהטיג, בזיונות. און איבער וואָס, מיינט איהר? נאָך איבער דעם, וואָס מענשען קאָנען זיך ניט אויסגלייכען מיט די דעות; זאָגט דער אַזוי, זאָגט דער: טאָמער פאַרקעהרט? האַלט דער מיט די בורען און נעמט זיך אָן זייער קריוודע: סטייטש, וואָס האָט מען נעבאך צו איין אָרעם פאָלק, וואָס טשעפּעט קיינעם ניט, וואָס וויל זיך זיצען שטיל און רוהיג אַרבייטען די ערד? קומט דער אַנדערער און ווערה אַ שתדלן פאַר'ן ענגלענדער, בעווייזט־אויס מיט ראיות, אַז די ענגלענדער זענען די ערשטע געבילדעטע לייט אויף דער וועלט. „ממזר! וואָס מיר געבילדעטע, אַז מע בראָקט מענטשען, אַזוי ווי קרויט!“ — „ווער איז אייך שולדיג, אַז איהר זענט אַ בהמה?“ — „אַ בהמה זענט איהר גאָר אַליין בצורת פערד!“... בקיצור — פּעטש, עדות, פּאַפּיערען, כּיראַוואַי, אַלדי חלשות! דאַכט זיך, אין פּלוג, וואָס קעהר זיך אָן מיט אייך, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דלותים, שלעפּערס, אַ לאַנד, וואָס ליגט ערגיץ פערשטעקט אין אַלדי שוואַרצע יאָהר, אין אַפריקאַ? צי אשטייגער, אייך דאַרף טאַקי דאַרען דער קאָפּ פאַר סערביע, וואָס עטליכע אָפיצירען האָבען זיך מיישב געווען און האָבען איינמאָל אין מיטען ביינאַכט זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעפאַלען און גע'הרג'עט דעם קיסר אַלכסנדר און די קיסרינע דראַגע און אַרויסגעוואָרפען זיי דורכ'ן פענסטער אין דרויסען אַרויס? סטייטש, זאָגט איהר, אָנפאַלען אויף יענעם בשעת ער שלאָפט און מאַכען איהם די קץ, דאָס פּאַסט, זאָגט איהר, פאַר פראַים, ווילדע מענשענפרעסער, דאָרטען ערגיץ, אין די מדבריות? איך פרעג אייך אָבער איין אַנדער זאַך: וואָס געהט דאָס אייך אָן מעהר פון אַלעמען? איהר האָט שוין טאַקי מעהר קיין שום דאגות ניט? חתונה געמאַכט און פערזאָרגט אַלע קינדער — און איין עק? איך פרעג אייך, למאַי זאָלט איהר האָבען אַ טבע אַריינשטעקען אומעטום די נאָז אייערע? גלויבט מיר, די וועלט וועט זיך בעגעהן אָהן אייך, און איטליכער וועט זיך מסתמא בעשטעהן זיין שטעדטעל!...

די פּאָגאָדע האָט זיך ביי אונז שטאַרק געביטען, אַ האַנד פון אַ מענשען און אַ בלייענע פעדער איז גאָר ניט אימשטאַנד דאָס צו בעשרייבען... רק מיר זענען אַלע, ברוך השם, געזונד און שטאַרק, איך און זוגתי מרת דבורה׳ל זאָל לעבען און אַלע קינדערלעך זאָלען געזונד זיין, יוסילע און פייגעלע און עזריאַליקעל און חנה׳לע און גנענדיל, אַ חוץ נאָר, וואָס מען איז אָנגעשראָקען זעהר שטאַרק פון׳ם האָגעל און פון׳ם שטורמווינט, וואָס דאָ איז געווען, נאָר דאַנקען גאָט, ס׳איז אַלץ איבערגעגאַנגען און מע האָט שוין קיין מורא ניט מעהר פאַר קיינעם, ווי אַלע מענשען, און מיר בעטען אייך, איך און זוגתי דבורה׳ל, איהר זאָלט חלילה גאָר ניט איבער־טראַכטען, מיר און אַלע קינדערלעך יוסילע און פייגעלע און עזרי־אַליקעל און חנה׳לע און גנענדיל זענען ברוך השם אַלע געזונד, און איהר זאָלט אונז למען השם באַלד אויסשרייבען אַלסדינג, וואָס הערט זיך ביי אייך, ווי אַזוי איז ביי אייך די פּאָגאָדע, און צו איהר זענט געזונד, און למען השם פון אַלסדינג באריכות!“

* * *

שוין לאַנג האָבען קלוגע מענשען בעמערקט אין זייערע בע־שרייבונגען, אַז אַזעלכע בריה׳ס אויף צו לייענען צווישען די שורות, ווי אידען, געפינט איהר ניט אויף דער גאַנצער וועלט. בעווייזט זיי אַ פינגער — וועלען זיי אייך טרעפען וואָס איהר מיינט. זאָגט זיי אַ וואָרט — וועלען זיי אייך באַלד זאָגען אַנדערע צוויי. נישטאָ פאַר זיי קיין פערשטעלטע שווערע זאַך, נישטאָ פאַר זיי קיין פערבאָרגענע רעטענישען.

דעם שוחט׳ס איידעמ׳ס בריוועל איז געגאַנגען מיד ליד, און דעם שוחט׳ס איידעם אַליין איז נישט אַרויס ביי זיי פון מויל אויף קיין מינוט, און אַלע האָבען דערצעהלט איינס דאָס אַנדערע שרעק־ליכע מעשיות מיט אַלע פּישטשעווקעס, גלייך ווי זיי זענען אַליין געווען דערביי, און אַ שוואַרצער שאָטען, אַ ביטערע מרה־שחורה האָט זיך אויסגעצויגען איבער זייערע פּנימ׳ער; צוגענומען גע־

איז עפּיס אַ מין שטיפקינד ביי דער וועלט, וואָס ביי איין אומגליק חלילה, ביי אַ חולה מסוכן אין שטוב דערפיהלט עס פריהער פון אַלעמען, ווערד אויסגעריסען מעהר פון אַלעמען, טאַנצט־אַרום, שלאָפט ניט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אַריין, שונאי־ציון! און זאָל דאָס שטיפקינד פאַלען פון די פיס און אַליין קראַנק ווערען, מעג זיך עס ליגען, נישקשה, אַליין ערגיץ אין דער קרענק, אין אַ ווינקעלע, גליהען ווי אײן אויווען, אויסגעהן פון הונגער, חלש'ען אַ טרונק וואַסער — קיינער, זייט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט אַרומקוקען...

קאַפּיטעל ב.

אַ קליין בריוועל און אַ גרויסער רעש.

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט שוין איטליכער גרינג פערשטעהן און זיך קאָנען פאַרשטעלען, וואָס פאַר אַ קאָכעניש ס'איז געוועזן אין כתרילעווקע דעמאָלט, נאָך דער שענער חתונה, וואָס האָט זיך געטראָפען דעם גוטען פּסח, ניט היינט געדאַכט... נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען צו זיידלען דאָס „בלאַט" און מע האָט נאָך נישט געוואוסט פון גאָרניט, האָט איינער אַ שוחט בעקומען פון זיינעם איין איידעם אַ בריוועל, וואָס מיר געבען דאָס איבער וואָרט אין וואָרט, מיט דעם לשון, ווי ס'איז געשריבען געוואָרען, איבערגעזעצט אויף פּראָסט זשאַרגאָן, בכדי אַלע זאָלען דאָס פערשטעהן.

„לכבוד צו מיין געליעבטען טייערען שוועהר דעם בעריהמטען חכם. וואָס זיין נאָמען לאָזט זיך הערען אין אַלע עקען פון דער וועלט, און צו מיין געליעבטער טייערער שוויעגער די עהרליכע און די קלוגע און די פרומע, ווי די שטערען זאָלען זייערע נעמען טהון שיינען ביז'ן עק וועלט אַריין, פריעד זאָל זיין צו זיי און פריעד צו זייער הויזגעזינד און צו אַלע ישראל, אָמן.

„מיט ציטערדיגע הענד און מיט געשטרויכעלטע קניען טהו איך צו אייך שרייבען די דאָזיגע ווערטער. הנה זייט וויסען, אַז

קאפיטעל ג.

רעדט פון חוועדאר דעם שבת־גוי און פון ערלים בכלל.

אויב חוועדאר דער שבת־גוי, וואס פערלעשט די ליכט פריי־טאג־צו־נאכטס פאר גאנץ כתרילעווקע, און האפקע די געשטופעלטע, וואס שמירט די הייזער און מעלקט די ציעגען פון דער גאנצער שטאדט, וכדומה נאך א סך אזעלכע ערלים קאן מען אנרופען מיט'ן נאמען „אנדערע פעלקער", מוזען מיר קומען דערצו, אז כתרילעווקע האט כלל וכלל נישט געהאט וואס מורא צו האבען, און די דארטיגע אידען וואלטען זיך געקאנט זיצען רוהיג ביז משיח וועט קומען, ווארום זיי לעבען פון קדמונים מיט די דאזיגע „פעלקער" אזוי גוט, וואס בעסער קאן שוין, דאכט זיך, גאר ניט זיין. חוועדאר ווייסט וואויל, אז חאטש דער מיוחס, דער תושב אין כתרילעווקע איז ער, פון דעסטוועגען מוז ער הייצען שבת ביי די אידען די הרובעס, פערלעשען זיי די ליכט און ארויסטראגען די פאמעניצע וכדומה אזעלכע גראבע ארבייט, וואס ער איז צו זיי געוואהנט געווארען פון כמה וכמה יאהרען. און אויב איהר מיינט, אז עס פערדריסט איהם אפשר אויף אידען, האט איהר א טעות: ער פערשטעהט גאנץ גוט, אז ער איז ער און זיי זענען זיי; די גאנצע וועלט קאן ניט בעשטעהן פון סאמע געגעראלען, עס מוזען זיין אויך פראסטע סאלדאטען. אמת, א סך גענעראלען, דאס הייסט כת־רילעווקער אידען, וואלטען זיך אפשר געביטען מיט חוועדאר דעם פראסטען סאלדאט; נאר צוריק, אז מע וויל שמועסען דאס אייגענע פערקעהרט, מוז מען האבען גענעראלען אויך, פון סאמע סאל־דאטען קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען — אוןביידע צדדים זענען צופריעדען: זיי, די גענעראלען פון כתרילעווקע, וואס האבען וועד ס'זאל זיי בעדיענען, אז ס'קומט שבת, און ער, דער סאלדאט, וואס האט וועמען צו בעדיענען און האפען ביי וועמען א שטיקעל קוילעטש און ביי וועמען א טרונק בראנפען.

וואָרען ביי זיי מיט אַ מאָל די פּריוילעגיע אויף שטענדיג. איין שטיקעל נחמה, איין שטיקעל האָפענונג איז געווען ביי זיי: טאָמער איז דאָס אַ דמיון, אַ ליגען — אַ קשיא אויף אַ מעשה, דעם שוחט'ס איידעם, אַ יונגערמאַן אַ משכיל און אַ שיינער שרייבער אַ בעל־לשון־קודש, אפשר צוליעב דער שענער מליצה איז ער פערקראָכען דער רוח ווייסט וואוהין? וויים איך — פּזמונות, סע קאָן ניט זיין! און בכדי צו שטאַרקען איינער דעם אַנדערען און צעטרייבען די מרה־שחורה, האָט מען גענומען דערצעהלען שענע מעשיות פון די היינטיגע יונגע לייט די משכילים מיט זייער מליצה־שרייבען, וואָס איין אַנדערס מאָל האָט מען זיך בעדאַרפט האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אַצינד האָט קיינער ניט געלאַכט. עס האָט זיי נישט גענומען קיינעם קיין געלעכטער. עפּיס אַ משונה־מאָדנער אומעט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אַלע־מען, און דאָס האַרץ האָט איטליכען געזאָגט, אַז ד אַ ר ט האָט בעדאַרפט פאָרקומען עפּיס זעהר אַ מיאוסע מעשה, און דער עולם איז אַוועק צו זיידלען.

זיידעל, אונזער אַלטער בעקאַנטער זיידעל, דער איינציגער. וואָס שרייבט־אויס דאָס בלאַט, איז נאָר־וואָס געקומען פון דער פּאָסט אַ צעקאָכטער, אַ צעטראָגענער, דאָס פּנים פינסטער ווי די ערד און ווי אָנגע'ברוגז'ט אויף דער גאַנצער וועלט. און מע האָט זיך דערוואוסט, אַז די מעשה איז טאַקי איין אמת.

„אַ גליק, וואָס חאָטש דאָ אין כתרילעווקע קאָן אַזאַ חתונה ניט פאָרקומען, וואָס דאָ קאָן אַזאַ־נ־אומגליק ניט געשעהן!“

אַזוי האָבען זיי זיך געטרייסט איינס דאָס אַנדערע, נאָר אין האַרצען האָבען זיי זיך געטראַכט: אַ קשיא אויף אַ מעשה — ביי גרויסע ווינטען קאָן פון איין פונק אויך ווערען אַ שרפה, זיך אויסלאָזען מיט אַ העליש פייער. און די כתרילעווקער אידען האָבען זיך אָנגעהויבען פּאַוואָלינקע אַרומקוקען, וואו האַלטען זיי אַקאָרשט מיט זייערע שכנים, מיט די „אַנדערע פעלקער“...

די כתרילעווקער אידישע קינדער ליעב דוקא חוועדאָר׳ס שוואַרצע שטשעטינעדיגע מאָרדע און דוקא חוועדאָר׳ס גראָבע שטעכעדיגע סוויטקע, און ווילען ניט אראָפּ פון זיינע הענד. די כתרילעווקער בעל־הבית׳טעס זענען דערפון דוקא ווינציג וואָס צופריעדען, ווייל עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אז די קינדער ווילען עסען, און ס׳איז ניטאָ וואָס, קאָן זיי אונטערדרוקען חוועאָר בסוד א שטיקעל ברויט פון טאָרבע מיט עפּיס נאָך און אָנהאָדעווען זיי, חס וחלילה, מיט מי יודע וואָס... נאָר ס׳איז אַ טעות, חוועדאָר וועט אזא זאַך נישט טהון: ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס זיי עסען — מעג ער, חוועדאָר, אויך עסען, און דאָס וואָס ער, חוועדאָר, עסט — טאָרען זיי ניט עסען. פאַר וואָס? — דאָס איז שוין ניט זיין עסק. למאַי אַ בלאָז טהון דאָס ליכט אים שבת פון דער גרינג, אָדער אָנריהרען זיך ביי׳ם לייכטער, אָדער אָפּטראָגען דעם סדור אין שוהל אריין, וכדומה אַזעלכע גרינגע ארבייט, איז ער — מעג, און זיי — ניט? קיין חקירות דערביי איז ניט שייך, און איטליכער בעדאַרף זיך האַלטען ביי זיינעם. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל, חוועדאָר קאָן ניט איינהאַלטען זיך און טהוט אַ לאַך, למשל, פּסח פון דער טרוקענער מצה: „רוזשע טרעשטשיט, נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!“ — האַקט מען איהם אָפּ די פליגעל און מע ענטפערט איהם: „אַ טוואַיאַ סוויניאַ, חזיר, לוטשע?“ — און חוועדאָר בלייבט שטיל.

חוועדאָר איז אָבער שטיל נאָר דעמאָלט, ווען ער איז ניכטער. ביז ער פערטרינקט זיך ניט אזוי ווייט, אַז ער פערגעסט, ווי אַזוי מע רופט איהם. דאָס טרעפט זיך מיט חוועדאָר׳ען זעהר זעלטען. נאָר אַז סע טרעפט זיך שוין מיט איהם, איז דעמאָלט — חיות ניט זיכער! דעמאָלט הויבט ער אָן זיך שלאָגען מיט די הענד אין הארצען אריין, וויינען מיט ביטערע טרערען און שרייען: וואָס האָט מען צו איהם? פאַר וואָס זויגט מען זיין בלוט, פאַר וואָס עסט מען זיין פליישׂ? אָט געהט ער און מאַכט אַ תל־עולם פון גאַנץ כתרילעווקע!...

— אחאָדי נאָ סיודי, חוועדאָר סערדצע! נא פּיי טשאַרקאַ לחיים, א סיבה דיר אין פּנים! — זאָגט מען צו איהם שבת נאָכ'ן קידוש, און חוועדאָר טהוט אויס דאָס היטעל, האַלט דאָס גלעזעל מיט צוויי פינגער, בויגט זיך און ווינשעוועט אַלעמען אַ גוט יאָהר.

— דאַי באָזשע זדראַווסטוואָוואַט! — און ער קעהרט איבער דאָס גלעזעל מיט'ן קאָפּ אינאיינעם און פערקרימט זיך שטאַרק־שטאַרק, מאַכט אַזאַ תנועה'לע, גלייך ווי ער טרינקט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען אַזאַ ביטערע משקה:

— דרזשע הירקע, נעהיי יאָמו סטאַ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!*

— נאַ, זאַקוסי מיט אַ קרענק דיר אין די ביינער אריין, שמאַטאַק שבת'קאָווע בולקע! — זאָגט מען איהם און מען איז איהם מכבד מיט אַ שטיקעל קוילעטש.

ווערליג די כתרילעווקער אידען שעלטען חוועדאָר'ען מיט טוידטע קללות, קאָנט איהר אפשר איבערקלערען, אז מע מיינט דאָס חלילה ערנסט? זאָל אייך גאָט היטען פון אַזאַ געדאַנק! זיי וועלען אייך פאַר חוועדאָר'ען ניט אוועקגעבען קיין זאַק באָרשטש, דערפאַר וואָס ער איז איין ערל איין עהרליכער; גאָלד מעג ליגען — וועט ער זיך ניט צוריהרען, און טהון וועט ער אייך פאַר צעהן רוחות: אויסהייצען די הרובע, אַרויסגיסען די פּאָמע־ניצע, צוהאַלטען די ציעג ביז האַפּקע וועט זי אויסמעלקען, אריינ־טראָגען שפּענער, אָנגיסען וואַסער אַ פאַס, איבערשווייגקען דאָס געפעס, ווי אַ רעכטע בעל־הבית'טע, און אונטער אַ נויט — זיך שטעלען צו־וויעגען דאָס קינד אויך. קיינער קאָן ניט אזוי פער־שלעפערען אַ קינד, ווי חוועדאָר; קיינער קאָן ניט אזוי זאַבאַוועון, פערשפּיעלען אַ קינד, ווי חוועדאָר, קנאַקען מיט דער צונג, פייפען מיט די ליפּען, קלאַפּען מיט די פינגער, חאַרחלען מיט'ן האַלז און חריוקען ווי אַ חזיר וכדומה אַזעלכע שטיק. און דערפאַר האָבען

* שטאַרק ביטער, האָב דעם זיעבען שדים מיט איין מכשפה!

געהט מעןביידע „דאָ ראבינא“, און רב יוזיפיל דער רב, וואָס איז שטארק געחאפּט אין דעם לשון, פּסק'עט אַלע מאָל אויף דער האַלב: „נעחאַי באולאַ פּאָלאָווינע“ — אַבי נישט דערלאָזען צו אַ חלול השם.

קאַפּיטעל ד.

האַפּקע אַ אידישע נשמה און מאַקאַר אַ שונא־ישראל.

האָבען מיר גערעדט ביז אַהער פון ערלים. אַצינד וועלען מיר אַביסעל שמועסען וועגען האַפּקע די געשטופּעלטע.

האַפּקע רעדט אידיש, ווי אַ אידיש קינד; אין איהר שפּראַך וואַרפען זיך דורך אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, למשל: „מירטשען, נאַכטייסע, קענאַרע ניט, לאַסאַטע, לאַוודל, גוטיאַנטע, מאַחריינ־וואַסער“ און נאָך אַ סך אַזעלכע ווערטער; און חוועדאַר הינטער די אויגען האָט ביי איהר קיין אַנדער נאָמען ניט, אַ חוץ „כפּרה'ניק“. האַפּקע איז אַזוי צענויפגעוואַכסען מיט די כתרילעווקער ווייבער, אַז ס'איז פאַרהאַן צייטען, וואָס סאַי זיי, סאַי זי אַליין פערגעסען זיך וואָס זי איז און ווער זי איז, און מע שאַפט זיך מיט איהר אַזעלכע אַרבייט, וואָס געהערען זיך אָן צו לויטער אידישקייט. למשל: געהן צום רב מיט אַשאלה, העלפען אויסזאַלצען פלייש, כשר מאַכען די עופות, העלפען אַריינשלעפּען דעם פּסח אין שטוב אַריין וכדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס האַפּקע איז אין דעם געהיט מעהר ווי איין אַנדער אידיש קינד. זי ציטערט פאַר מילכיגס מיט פליישיגס אימת מות און היט זיך פאַר חמץ אַלע זיעבען טעג פּסח, עסט גליך מיט אַלע אידישע קינדער מצה, רייבט דעם מרור אויף וואָס די וועלט שטעהט, און האָט דערפון הנאה, ממש ווי אַ אידישע טאָכטער. אַ לאַנגע צייט האָט דער כתרילעווקער פּריי־סטאַוו ניט געוואָלט גלויבען, אַז האַפּקע איז נישט קיין אידישקע, ביז ס'האָט זיך געטראָפען מיט איהר אַ מעשה, זעהר ניט קיין שענע... האָט מען זי געפּאַקט און געוואָלט פערשיקען ווייט־ווייט, איז געוועזען איהר גליק, וואָס אין דער מעשה איז געוועזען פערמישט

— זשידי נעבריסטי, נעחיי יאַמו סטאַ טשערטיוו אי אַדנאַ ווידמאַ!... — ער שרייט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערד אַנשלאָפּען. און אַז ער שלאָפט זיך גוט אויס און שטעהט־אויף, קומט ער צוריק צו די אידען און איז ווידער דער אייגענער שטילער, עהרליכער „חוועדאָר־סערדצע", וואָס פריהער, גלייך ווי גאָר ניט געוועזן.

— אַדע טוואָי טשאַביטע, אַ קרענק דיר אין פּנים? — פרעגט מען איהם און מע הויבט איהם אָן זאָגען מוסר און שעל־טען בשעת מעשה מיט טוידטע קללות, ווי געוויינטליך: — „שאַ טי סובי דומאַיעש, דו באַסיאַק איינער? דו וועסט דאָך פּגר'ען ערגיץ, בודעש זדאָכניט אונטער אַ פּלויט, האָב דיר אַביציג שווארצע יאָהר, די כפּרה שאָב טי באוו פאר כל ישראל, רבונו־של־עולם!"

חוועדאָר שטעהט און קראַצט זיך אין דער פּאַטיליצע און שווייגט; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען גערעכט און ער איז אומגערעכט. ער קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די באָרוויסע פיס און טראַכט זיך: ווען האָט ער געקאָנט פערקויפען די שטיוועל, נעחיי יאַמו סטאַ טשערטיוו אי אַדנאַ ווידמאַ?!

אַט אַזאַ מין נפש איז חוועדאָר.

אויך די אַלע איבעריגע נפשות, וואָס אין כתרילעווקע, האָבען שטענדיג אַ פערקעהר מיט אידען, ווייסען וואָהל, אַז מששת ימי בראשית זענען די אידען בעשאַפען געוואָרען, זיי זאָלען זיין קרע־מער, סוחרים און איבערקויפערם; וואָרום קיינער קאָן אַזוי ניט האַנדלען, דרעהען מיט'ן קאָפּ, ווי אַ איד, כי לכך נוצרת, אויף זייער לשון קומט דאָס אויס: „נאַ טאָ וואָני זשידי, שאָב האַנד־ליאַוואַלי"... און מע בעגעגענט זיך גאַנץ אָפט אויפ'ן מאַרק, און מע קען זיך איינס דאָס אַנדערע זעהר גוט ביי די נעמען, און מע גיט זיך אָפּ כבוד איינס דאָס אַנדערע: הריצקאַ זאָגט הערשקען „מאַשעניק", און הערשקע זאָגט הריצקען „זלאַדי", און דוקא אין גוטען מוטה, און אַז מע צעקריעגט זיך שוין גאָר שטאַרק,

לאנגען ביז'ן ביין אריין, און מאקאר האט קיין טעות ניט געהאט.
אט האט איהר דאס ליעדעל אליין:

קישקעס קאכען
אין דער וואכען!
מיר א ברויט,
דיר א טוירט!
מיר א וואגען,
דיך באגראבען!
מיר א שליטען,
דיך באשיטען!

נארישע קינדער! ערשטענס, איז די מעשה פונקט קאפויר: ברויט האט מאקאר, ניט זיי; אויף א שליטען פאהרט מאקאר, ניט זיי! און צווייטענס, ווי אזוי שטעלען זיך דאס איין אידישע קינדער, זיי מעגען זיין א גאנצער מניז, זאטשעפען זיך מיט מאקארען, ער מעג זיין איינער? מאקאר האט, נישקשה, א פאר ידים, וואס קאן בעשטעהן פאר צעהן גוטע שארפע שפיציגע קעפלעך פון די בעסטע צעהן אידישע חדר־יונגלעך. מאקאר האט זיי דערמאלט נאך, אוי־אוי, געגעבען צו פערשטעהן דעם פשט פונ'ם פסוק, וואס זיי האבען געלערענט אין חדר: „ה ק ו ל ק ו ל י ע ק ב ו ה י ד י ם י ד י ע ש ו“...

שפעטער, אז מאקאר האט געשטודיערט אין „פריחאדסקאיע“, האט ער געהאט מיט זיי בעגעגענישען זומער אין פעלד, הינטער דער שטאדט, און ווינטער אויפ'ן אייז, בשעת'ן גליטשען זיך. און אלע מאל האט געמוזט ארוים עפים א מחלוקת צווישען ביידע צדדים. אויף דעם נאמען „זשיד“, וואס, אייגענטליך, איז דאך עם גאר א געוויינטליך ווארט, ווי למשל „פארד“, האבען זיי איהם גראב געענטפערט: „סוויניא“, און אויף זייערע איינגעגעסענע ליצנות האט ער זיי געענטפערט מיט קלעפ און האט זיי גאנץ אפענטליך בעוויזען, ווי אזוי די קינדער ישראל אנטלויפען פאר די פלשתים, און ווי אזוי די פלשתים יאגען זיי נאך גאך הינטער־

א זייטיגער פּאַרשוין, דער שרייבער פון דער מעשטשאַנסקע אָפּראַ־ווע, מאַקאַר חאַלאַדנע, אַ גרויסער שונא־ישראל, איין אמת׳ער צורר־היהודים, איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטע אַנטיסעמי־טען אין כתרילעווקע. וועז ניט דער רחמנות פון האַפּקען, וואָלטען די דאָרטיגע אידען דערלעבט אַ נקמה אין דעם המנ׳ען, נאָר מחמת מיט מאַקאַר׳ס מפּלה וואָלט בעדאַרפט אומגליקליך ווערען אויך האַפּקע, האָבען די אידישע עדות זיך אַ נעם געטהאָן צוריק און געזאָגט פאַר׳ן סלעדאָוואַטעל, אַז דאָס, וואָס זיי האָבען גערעדט, האָבען זיי געבילט — און דער עסק איז צעריבען געוואָרען... פון דעמאָלט אָן וואָלט, דאַכט זיך, מאַקאַר חאַלאַדנע בעדאַרפט שלום ווערען מיט די אידען און ווערען זיי דער בעסטער גוטער פריינד; נאָר ווי עפּים דורך אַ מין קאַפּריז פון דער נאַטור איז ער, אדרבה, געוואָרען נאָך מעהר שונא ישראל, נאָך מעהר צורר־היהודים, נאָך מעהר אַנטיסעמיט, ווי פריהער.

מאַקאַר האָט פון קינדערווייז אָן, קאָן מען זאָגען, געליטען צרות פון אידישען פאָלק און געטראָגען אַ שנאה טיעף אין האַרצען תחילת אויף די כתרילעווקער אידען אַליין, און נאָכדעם — אויף אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט. נאָך בשעת ער איז געווען גאָר אַ קליינער, געטריבען אַ באַרוויסער דעם טאַטענ׳ס גענז אויף דער פּאַשע, פלעגט ער ניט איין מאָל בעגעגענען זיך מיט אידישע קינדער געהן פונ׳ם חדר, און אָנשטאָט אַ „גוט מאָרגען“ פלעגט ער זיי, אויף קאַטאָוועס, געוויינטליך, איבערקרימען ווי זיי רעדען „טאַטעלי־מאַמעלי“, טרייסלען בשעת מעשה מיט אַ פּאָלע, נישט צו מיינען דערביי חלילה עמיצען בעלעדיגען, נאָר גלאַט אַזוי אין גוטען מוטה. אידישע קינדער אָבער, צאָן־קדשים, יעקב׳ס איינינקלעך, וואָס לערנען חומש מיט רש״י, האָבען זיך דווקא גע־פונען פאַר אַזאַ זאַך בעלעדיגט און האָבען איהם אָפּגעענטפערט מיט אַ אידיש ליעדעל, וואָס חאַטש מאַקאַר האָט די ווערטער ניט געקאָנט פערשטעהן, נאָר פונ׳ם נוסח און פון זייער לאַכען האָט ער גאַנץ גוט אַרויסגעזעהען, אַז דאָס מיינט מען איהם דער־

א כתרילעווקער, ווי עס איז שוין בעוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען געהן צעהן מייל צופוס, ריזיקירען מיט פּרנסה, איינשטעלען כמעט דאָס לעבען. א כתרילעווקער עני, אַ מקבל, דער וואָס געהט איבער די הייזער, אַז ער קומט נאָך א נדבה און מע גיט איהם ניט, בעט ער, מע זאָל איהם חאָטש לאָזען זאָגען אַ משל, און סע מאַכט זיך אָפּטמאָל, אַז ער בעקומט פּאַר אַזא משל אַ מיאוסען פּסק; ער עפּענט טאַקי מיט'ן קאָפּ די טהיר, ס'איז אָבער אַלץ כדאַי — אָבי אויסגעבראַכט אַ גלייכ־ווערטעל. אַט אַזעלכע לייט זענען מיינע כתרילעווקער, און איהר האָט אַ טעות, אויב איהר רעכענט, אַז מע וועט זיי איבערמאַכען, און אויב איהר מיינט, אַז איך טהו מיך מיט זיי שעמען... נאַר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער מאַקאַר.

אומזיסט־אומנישט האָבען זיך די כתרילעווקער אידען געקויפט אַ מסוכנ'עם שונא. זיי האָבען זיך פערגעסען אינ'ם פּסוק: ה ז ה ר ב ג ו י ק ט ן. זיי האָבען געמיינט, אַז מאַקאַר וועט אייביג זיין אַ שרייבערעל אין דער מעשטשאַנסקע אופּראַווע. זיי האָבען פערגעסען, אַז ער איז אַ „טאַטענס אַ קינד“ און שניידט זיך אויף אַ טשין: און מערקווירדיג! זיי האָבען גאַר קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומקוקען, איז שוין מאַקאַר אויסגעוואַכסען אַ גרויסער, אַ געזונדער, מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנסעס, מיט אַ רויטען אַקאַלעשעק און מיט אַ קנעפּעל אויפ'ן קאַשקעט! און קוים האָט ער אָנגעטהאָן דאָס קנעפּעל, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעבויגען, אַרויסגעשטעלט דעם בויך, געוואָרען העכער און גרעבער ווי ער איז געווען, בעקומען אַ פּאָר ברייטע אַכסלען מיט אַ מאָרנעם שפּאַן — גאַר נישט דער מאַקאַר! ער הייסט שוין גאָר אַ נייעם נאָמען — מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע פּריצים אין שטאָדט: מיט'ן וועטערינאַר, מיט'ן פעלדשער און מיט'ן פּאָסט־מייסטער, און מיט אַלע.

די גוט־ברודערשאַפט זיינע מיט'ן פּאָסט־מייסטער איז איהם מעהר צונוץ געקומען, ווי אַלע אַנדערע בעקאַנטשאַפטען, מחמת דאָ,

מיט שטעקענס און מיט שטיינער, הוקען און טיוקען און פייפען
און סוויסטשען:

„אַ טיו — טיו, זשידי, היי
טער — טער — טער!..."

קאַפּיטעל ה.

בעוויזט, ווי אַזוי עס ווערד פון איין אַנטיסעמיט אַ פילאָזאָף.

ווייטער פון דער „פּריחאָדסקאַיע" איז מאַקאַר נישט גע־גאַנגען; ער איז געבליבען, ניט דאַ געדאַכט, אַ יתום, גע'ירש'עט פון די עלטערען אַ קליין שטיבעל מיט אַ שטיקעל גאָרטען, און אַ יודע־ספר איז ער דאָך געווען, האָט ער זיך באַלד אַ וואָרף געטהאָן צו דער „סלוזשבע", זיך גענומען צו דער פּען, בעקומען איין אויס־געשריבען הענטעל און געוואָרען אין דער כתרילעווקער מעשטשאַנ־סקע אופּראַווע שרייבער, און נאָכדעם סעקרעטאַר, און נאָכדעם כל ולך — און דאָרט האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען זיינע בעגעגענישען מיט זיין רעכט בעקאַנט־ווערען מיט די כתרילעווקער אידען...

די סטיטשקעס, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט, זענען תחילת געווען אפילו ניט אַזוי געפעהרליך. ביידע צדדים האָבען זיך בע־נוגענט נאָר מיט שאַרפע אָנצוהערעניש, מיט שטעכווערטלעך און מיט ליצנות איינס אויף דאָס אַנדערע. ער זיי: „איצקאָ, בערקאָ, אַי וועה, שבת, קוגעל!" און זיי איהם: „וואַשע־בלאַהאָראָדיע" מיט אַ שנעל איבער'ן קאָלנער און מיט איין אָנצוהערעניש, אַז דאָרט קריכט עפּיס ארום...

עס מאַכט זיך אַמאָל, הערט איהר, איין אָנצוהערעניש, וואָס איז ערגער צעהן מאָל ווי אין טאַטען אריין געשאָלטען, און פאַרהאַן ווערטער, וואָס זענען ערגער טויזענד מאָל פון פּעטש. און אויף ווערטער זענען דאָך די כתרילעווקער אידען די ערשטע בריות, די גרעסטע מזיקים אין דער וועלט! פּאָר אַ גלייכוואָרט וועט אייך

קאפיטעל ז.

מרדכי־נתן דער נגיד און טעמע־ביילה זיין „פרוי".

איינער פון די ערשטע גוטע פריינד מאקאר'ס אין כתרי־לעווקע איז מרדכי־נתן דער נגיד און דער חשוב אין שטאדט, וואס איז שקול כנגד א סך, א סך אנדערע בעלי־בתים.

דער נגיד מרדכי־נתן, ווי געוויינטליך א נגיד, האלט די שטאדט ביי זיך אין בוזעם, טהוט מיט איהר וואס ער וויל, ווארום ער איז בעל־טאקסע, ער איז גבאי, ער איז ראש וראשון, ער איז דער רעדעלפיהרער, ער איז אלץ — מיט איינעםווארט, ער איז דער נגיד. חאטש, אז מע וויל שמועסען אין תוך אריין: אין וואס בעשטעהט זיין נגידות'שאפט — דאס ווייסט קיינער נישט. למשל, אז איהר וועט אנחאפען א כתרילעווקער און א פרעג טהון איהם: וויפיעל, אשטייגער, פערמאגט מרדכי־נתן? וועט ער זיך אפ־שטעלען, זיך א נעם טהון ביי'ם בערדעל, א מאך טהון מיט'ן קאפ און אויסציהען מיט א ניגון און מיט א טיעפען זיפץ דערביי:

— מרדכי־נתן? חוץ זיין שאדען אויף מיר געזאגט געוואָ־רען, חאטש האלב, חאטש א הונדערט־חלק; איהר שפיעלט זיך מיט מרדכי־נתנ'ען? מרדכי־נתן איז א איד א נגיד!

— וואס־זשע הייסט א נגיד? אין וויפיעל, אשטייגער, קאן מען איהם שאצען?

— שאצען? שייך זאגען שאצען? עס לאזט זיך דען אפ־שאצען?

— פארט וואס האט מרדכי־נתן?

— מרדכי־נתן? ערשטענס, האט מרדכי־נתן א שטוב איין איגענע.

— נו?

— מיט א הויף איין אייגענעם.

— נו?

אויף דער פּאָסט, איז געווען אַ קוואַל, פון וואַנען ער האָט גע־שעפּט זיין השכלה און אַלע וויסענשאַפטען פון דער איינציגער גאַזעט „די פּאָהן“, וואָס פריהער האָט זי דורכגעקוקט, געוויינטליך, דער פּאָסט־מייסטער אַליין, נאָכדעם מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, און נאָכדעם שוין דער אַבאָנענט פון דער גאַזעט. אַ פּריצ'על פון זלאָ־דיעוויקע, ניט ווייט פון כתרילעווקע, וואָס איז ניט קראַנק געווען צו לייענען די נייעסען שפּעטער מיט עטליכע טאָג, דער רוח וועט איהם ניט נעמען, ער שפּיעלט סאַי ווי סאַי טאָג ווי נאַכט אין סטור־קעלקע און בענעמט די שכנים אַלע אָרום און וואו זיי האָבען ערגיץ אַ גראָשען. אַזוי האָט געזאָגט דער פּאָסט־מייסטער אַליין. און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש האָט דערווייל געהאַט וואָס צו לייענען און פון וואָס צו רעדען. און מחמת „די פּאָהן“, ווי ס'איז בע־וואוסט, איז דאָך אַ אידישע צייטונג. זי טראָגט שטאַרק אויפ'ן קאָפּ די אידען, זאָרגט זיך פון זייערטוועגען, זוכט מיטלען ווי אָרום מע זאָל זייערער פּטור ווערען, פּערשטעהט זיך. טאַקי גוון זייער טובה וועגען, האָט דאָס געגעבען אונזער מאַקאַר'ען שטאָף אויף צו בעקענען זיך גוט מיט אידען אָרום און אָרום פון אַלע זיי־טען, און ער איז געוואָרען מיט גאָט'ס הילף אַ חריף אַ געזונדער אין אידישע ענינים, אַ גאון־עולם אין תלמוד און אין שלחן־ערוך און איז אַלע אידישע דינים און מנהגים: מכח פּראָצענט נעמען, מכח אָפּנאַרען און אויסנאַרען, און אפילו מכח בענוצען כריסטליך בלוט אויף פסח. די אַלע זאַכען האָבען אונזער פילאָזאָף מאַקאַר אַזוי שטאַרק פּעראינטערעסירט, אז ער האָט דאָס געוואָלט דער־געהן טאַקי פון'ם מקור, פון'ם שורש, טאַקי ביי די כתרילעווקער אידען אַליין, וואָס חאָטש ער האָט זיי פיינט, ווי אַ איד חזיר, פון דעסטוועגען האָט ער צווישען זיי גוטע פריינד, וואָס ער לעבט מיט זיי נאָך עד היום גאָר קיין מעשה ניט.

דעם בעל־הבית און דער בעל־הבית'טע איז דער קאמפלימענט, אפנים, שטארק געפעלען, מחמת זיי קוועלען ביידע, ווערען ברייטער ווי לענגער, שוויצען אזש פאר תענוג, און מרדכי־נתן וויל איינרעדען דעם גאסט, אז ס'איז פארהאן ביי אידען נאך בעסערס ווי פיש מיט חריין. דער גאסט וויל ניט גלויבען:

— דהיינו?

— דהיינו...

און מרדכי־נתן זוכט עפּיס אזעלכעס ביי אידען, וואס זאל זיין נאך בעסער פון פיש מיט חריין, און האט מורא ארויסזאגען. צימעס? טאמער בלייבט ער ווארטען ביז'ן צימעס — וואס דארף ער איהם? קוגעל? טאמער הייסט ער עפענען דעם טשאלענט אין מיטען פרייטאג־צו־נאכטס? א קשיא אויף א מעשה, וואס עס קאן זיך טרעפען מיט א אידישען קוגעל?... און מרדכי־נתן קומט־אפּ מיט א קליין געלעכטערל: „חע־חע". דערויף ענטפערט איהם דער גאסט: „חע־חע־חע". און מרדכי־נתן איז צופריעדען, וואס יענער לאכט, העלפט ער איהם לאכען: „חע־חע־חע־חע!" און בשעת מעשה דערלאנגט דער גאסט דעם בעל־הבית מיט'ן עלענבויגען אין זייט אריין, און א שמייכעל צו דער בעל־הבית'טע און דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע ווערען צעשמאלצען פאר תענוג.

פלוצים חאפט זיך אויף דער גאסט, ווישט זיך אויס די הענד און דאס מויל מיט'ן קלאר ווייסען טישטוך פונ'ם טיש, פערשפילעט זיך אויף אלע קנעפּ און טהוט א זאג שוין ערנסט, אהן א שום סימן פון ליצנות:

— צייט אויף „סלוזשבע"!...

און מרדכי־נתן מיט טעמע־ביילה'ן שטעהען אויף לכבוד דעם גאסט, איהם בעגלייטען, קוקען איהם אין פנים אריין מיט אזעלכע אויגען, ווי א הונד קוקט אויפ'ן בעל־הבית, וויל וויסען מיט וואס ער שמעקט, בויגען זיך און נייגען זיך און בעטען איהם, ער זאל חלילה ניט פערגעסען קומען איבעראכטאג שבת...

— מיט ציעגען עטליכע.

— נו?

— הייגט די קלייט? א שארפע קלייט!

— נו?

— הייגט די טאקסע?

— נו?

— ווידער א מאל נו און אבער א מאל נו, וואס האט איהר זיך צענוקעט? א אידען איז דיר נאך קארג! וואס האט איהר געוואלט? ער זאל עפענען א באנק? שיטען מיט גאלד? פאה־רען אין קארעטעס?

און דער כתרילעווקער געהט אוועק פון אייך א ברוגז'ער — און איז גערעכט. ווארום וואס קאן א מענש פערלאנגען מעהר ווי מרדכי־נתן איז, אז ער איז פארט דער נגיד, פארט דער ראש וראשון, פארט דער חשוב אין שטאדט? ווער איז גבאי אין חברה־קדישא? ווער איז ראש וראשון? ווער איז תקיף אין שטאדט? מרדכי־נתן. ווער מאכט אלע שבת־צו־נאכטס א מלוה־מלכה'לע פאר די שבעה טובי העיר? מרדכי־נתן. ווער איז א חשוב ביי נאטשאלסטווע? מרדכי־נתן. הכלל — מרדכי־נתן, מרדכי־נתן!

מרדכי־נתן, פערשטעהט איהר, ווייסט ווי אזוי מע בעדארף זיך בעגעהן מיט א וועלט, ווי אזוי מע בעדארף זיך פיהרען מיט נאטשאלסטווע. אלע פרייטאג־צו־נאכטס האט ער צו־גאסט ביי זיך אויף פיש דעם פריסטאוו. דער כתרילעווקער פריסטאוו איז א גרויסער ליעבהאבער פון אידישע פיש, און אלע מאל, ווען ער עסט זיי, קאן ער זיך גאר ניט אפלויבען, ווי אזוי גוט מע קאכט ביי אידען פיש, ווי בע'טעמ'ט זיי זענען, זיס ווי צוקער — ממש ער לעקט די פינגער.

— נעמא לוטשע יאק זשידאווסקא ריבא סטיארטעם הרע־נאם! — זאגט ער אלע מאל מיט דעם אייגענעם נוסח.

סעל, אָדער ווי אַ בייזיג סאַמאָווארעל מיט אַ קליין שפּיציג טשייניקעל אויף דער קאָנפאָרקע. ווי גראָב און קיילעכיג זי איז פון אונטען, אַזוי קליין און שפּיציג איז דאָס קעפּעל, און שטענ דיג זידט דאָס, דאָס בייזיגע סאַמאָווארעל, זידט און זשומעט, אין כעס אויפ'ן מאַן, אין כעס אויף דער דיענסט, אין כעס אויף די כתרילעווקער ציעגען, אין כעס אויף די כתרילעווקער ווייבער, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס סאַי דער מאַן, סאַי די דיענסט, סאַי די כתרילעווקער ציעגען און ווייבער, סאַי די גאַנצע וועלט הערען זי, ווי פּסח דעם קאַטער, אָדער ווי המן דעם גראַגער. דער מאַן האָט צו טהון שטענדיג מיט קהל'שע געשעפטען, מיט נאַטשאַלסטווע; די דיענסט טהוט איהר אויף צו־להכעיס, ברענט־צו די קאַשע, פער'שרפה'ט די קאַר־טאָפלים, זידט־איבער די מילך אין אויוען; די כתרילעווקער ציעגען טהוען איהר צום טוידט, שפּרינגען אויפ'ן דאַך און צוב איינציגווייז די שטרוי פון דער סטריכע; די כתרילעווקער ווייבער דערגעהען איהר די יאַהרען אין מארק ביי די פיש, אין יאַטקע ביי'ם פליישׁ, אין שוהל ביי די תחינות, אוז להבדיל אין באָד אפילו... ניין, די וועלט האַלט ניט פון טעמע־ביילה'ן! און מסתמא איז דאָ פאַר וואָס. אַ וועלט איז ניט משוגע...

אַצינד, אַז מיר האָבען זיך אַביסעל בעקענט מיט'ן דאַזיגען פּאָרעל, קאָנען מיר שוין, דאַכט זיך, רוהיג געהן ווייטער, צו די איבעריגע נפשות, וואָס מרדכי־נתן דער נגיד רייבט זיך אַרום זיי אַזוי שטאַרק.

קאַפּיטעל ז.

דער „אָרון־בפקדך“ ביי'ם נגיד אין קלייט און אין שטוב.

דער אַנדערער גאַסט ביי מרדכי־נתן דעם נגיד איז אונזער בעקאַנטער מאַקאַר, מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. נאָר ניט קיין שטוב־גאַסט — אַ קלייט־גאַסט, אַ גאַסט, וואָס קומט צו איהם אָפּט אין

— מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! — בענשט איהם די בעל־הבית'טע אויף דער זייט טהיר און קאַכט און זידט און ברענט אויפ'ן מאַן, וואָס טאָג ווי נאַכט, און אפילו שבת, האָט ער צו טהון מיט נאַטשאַלסטווע. מרדכי־נתן הערט און שווייגט; ער האָט אָנגענומען אַ פולע מויל מיט וואַסער און שווייגט. אַ מאָד־נער מענש אַט דער מרדכי־נתן! דער מחבר פון דער געשיכטע קאָן זיך נישט איינהאַלטען און חאַפּט אַראָפּ דעם פּאָרטרעט פונ'ם דאָזיגען פּאַרעל, בכדי בעקאַנט צו מאַכען מיט זיי די גאַנצע וועלט.

מרדכי־נתן איז אַ איד אַ הויכער מיט לאַנגע הענד, אליין איז ער דאַר און טרוקען, און מחמת די באַקען סטערטשען, קומט אויס דאָס פּנים פיערעקעכיג, ווי ביי אַ חינעזער, און קוים־קוים בע־וואַכסען מיט אַ שיטער בערד'על. די ליפּען זענען ביי איהם תמיד צו, דאָס מויל אַביסעל אויף אַ זייט, זעהט אויס, ווי ער האָלט אַ סוד ביי זיך שטענדיג פערבאָרגען, און שטענדיג איז ער ערנסט. און דער שטערן איז פול מיט קנייטשען, און רעדט נישט קיינ־מאָל הויך, קיין איבעריג וואָרט נישט. נאָר דערמאָלט, ווען ער קומט זיך צענויף מיט נאַטשאַלסטווע, איז דאָס גאָר איין אַנדער מרדכי־נתן: די קנייטשען פונ'ם שטערן צעגעהען זיך, ווערען פערשוואונדען, דאָס פּנים הויבט אָן צו שיינען און די ליפּען ווע־רען אָפּגעשלאָסען, און דאָס מויל גלייכט זיך אויס, הויבט אָן צו רעדען — שוין גאָר ניט דער, גאָר איין אַנדער מרדכי־נתן. טאָמער ווייסט איהר, צוליעב וואָס קאָכעט ער זיך אַזוי אין נאַ־טשאַלסטווע? נאָר צוליעב כבוד, צוליעב גדלות, בכדי טאָמער וועט אַמאָל אַ כתרילעווקער עפּיס דאַרפען האָבען, וועט ער קומען צו געהן מיט אַ געבעט: „סטייטש, רב מרדכי־נתן, ווער נאָך איז אַזאַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, ווי איהר?“ צוליעב דעם איינעם וואָרט „חשוב“ איז ביי איהם כדאי, סע זאָל איהם קאָסטען אַי בזיונות, אַי געלד — אַ מאָדנער מענש אַט דער מרדכי־נתן!

מרדכי־נתנ'ס ווייב — טעמע־ביילה די נגידית איז דוקא אַ אידינע אַ נידעריגע און אַ גראָבע, זעהט אויס ווי אַ מעשען שטוי־

נאָך שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט אָנגעטהאָן אַ קנעפּעל און אַ הענג־קאָלנער, האָט איהם מרדכי־נתן געעפענט אַ שענעם קרעדיט, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, אַז ער קומט אריין אין שניט־קראָם אַריין, טראָגט איהם מרדכי־נתן אַקעגען דאָס בענקעל און בענשט איהם מיט אַ טיטול „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע“, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש צעלעגט זיך גאַנץ ברייטליך, פערוואַרפט אַ פוס אויף אַ פוס, פערררויכערט אַ פּאַפּיראָס און שמועסט זיך אויס מיט מרדכי־נתנ'ען גאַנץ פּראָסט, בלשון „דו“, גאָר פריינדליך:

— עי, פּאָסלושאַי, מרדכי־נאָס!

און מרדכי־נתן שטעהט פאַר איהם מיט אַ געמאַכטען דרך־ארץ, מיט אַ געמלאָכה'טען רעשפּעקט, און טראַכט זיך בשעת מעשה: „פון וואַנען האָסט דו זיך גענומען אַהער, אָדון בפקדך?“ און דער „אָדון בפקדך“ מאַכט אַ רעד מכח אידען, אידישע גע־שעפטען, שאַכער־מאַכער, און לאָזט ארויס אַלע מאָל אַ הויכען געלעכטער מיט אַ מאָדנעם הוסט, וואָס דערלאַנגט מרדכי־נתנ'ען, ווי מיט איין אַרשין אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר ער האַלט זיך איין און שמייכעלט מיט אַ פּאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע, וואָס ווען מרדכי־נתן זאָל זיך קאָנען אָנקוקען בשעת מעשה אין שפּיעגעל, וואָלט ער זיך אַליין נמאָס געוואָרען.

דער שמועס פונ'ם „אָדון בפקדך“ דרעהט זיך אַלץ ארום אזעלכע זאַכען, וואָס מרדכי־נתן הערט זיי אין דער לינקער פּאה, אין איין אויער אַריין, פונ'ם אַנדערען אַרויס; וואָס ווייטער־ווייטער געהט ער אַריבער אויף אַזעלכע ענינים, וואָס מרדכי־נתן קאָן עס שוין ניט האָרכען, למשל: ער פרעגט ביי איהם, צי ס'איז אמת, וואָס די אידען שעלטען אַלע שבת אין שוהל די איבעריגע פעלקער מיט דער תוכחה, און שפּייען אויפ'ן קלויסטער, און אַז אַ כריסט געהט אַוועק פון אַ אידען, בעדאַרף מען אויסגיסען נאָך איהם די פּאַ־מעניצע? וכדומה אַזעלכע שטות'ערייען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען!

קלייט אריין, אין דער שניט־קראם. מרדכי־נתנ׳ס שניט־קראם, דארפט איהר וויסען, איז דאס עריטטע געוועגטישניט אין כתרי־לעווקע, וואס דארטען קריגט איהר א חוץ דעמיקיטאן, ריפס, ליוסט־רינע, פארוסינע, צייץ און זאנע און מאדעפאלאן, אויך דראפ און טריקא און שעוויאט און סאמעט און אטלעס און סאטין און מוסלין און אלסדינג, וואס א הארץ גלוסט — „נאך די לעצטע מוסטערען, וואס מע קריגט דאס ניט אפילו אין יעהופעץ“. אזוי זאגט מרדכי־נתן, און אזוי זאגט מרדכי־נתנ׳ס ווייב, טעמע־ביילה, און אזוי זאגען מרדכי־נתנ׳ס קלייט־משרתים, און געהט זאגט זיי, אז ניין! אלע פריצים פון כתרילעווקע און פון דער סביבה זענען מרדכי־נתנ׳ס קונים, און דאס רוב כריסטען גלויבען איהם אויף נאמנות. אז מרדכי־נתן אליין זאגט זיי נאר דאס איינע ווארט „בנאמנות“, דינגט מען זיך שוין ניט. טעמע־ביילה מעג זיך שווערען מיט כל השבועות שבעולם, איז דאס ארויסגעווארפען, און מרדכי־נתנ׳ס איין ווארט „בנאמנות“ איז קודש קדשים. אט אזוי איז דאס — קיין קשיות פרעגט מען ניט.

אויך מאקאר איז איינער פון מרדכי־נתנ׳ס קונים, וואס האנדלען מיט איהם אויף נאמנות. מאקאר איז זיינער א קונה שוין פון לאנג, נאך פון יענער צייט, אז ער איז נאך ניט געווען מאקאר פאוולאוויטש, נאר מאקארקע, און וואס דעמאלט פלעגט מרדכי־נתן איהם ניט וועלען געטרויען אויף בארג קיין פאדעם אפילו; ער פלעגט זיך ניט שעמען איהם זאגען גאנץ פשוט:

— נתן מעות לקח קמח, וואשי הראשי, נאשי טאוואר.

שפעטער, אז מאקאר איז געווארען א שמיעל מאכער אין דער אופראווע, האט איהם שוין מרדכי־נתן געעפענט א קרעדיט, געוויינטליך, אויף א קוויטעלע, א וועכסעלע, געזאגט איהם בשעת מעשה שוין מיט א שמייכעלע, האלב אויף גוייש, האלב אויף לשון־קודש:

— נע וויבאטשייטע, פאניטשע, שלום בבית משכון בקעשעני...

— טעמע־ביילה! הער נאר, געב אהער עפּיס אין מויל אריין! וזהוט מאקאר א מאך מיט דער האנד:

— מע דארף ניט. איך בין געקומען צו דיר מכח איין ענין, ס'איז א סוד...

דערהערט דאס ווארט „א סוד", חאפּט זיך אויף מרדכי־נתן און וויל צוקייטלען די טהיר. נעמט איהם אן מאקאר ביי דער האנד:

— מע דארף ניט, ס'איז ניט אזא סוד, וואס מע זאל זיך דארפען פערשליסען. איך האב דיך נאר געוואלט פרעגען א קלייניגקייט, דו ביזט א קלוגער מענש און איין עהרליכער, ביי דיר וועל איך וויסען דעם רעכטען אמת.

מרדכי־נתן גלעט זיך די פּאות מיט גרויס גדלות און איז שטארק צופריעדען פון'ם קאמפּלימענט. די אויגען ווערען איהם אזש ווי מיט פעטען איבערגעצויגען. ער ווערד צעשמאלצען פאר תענוג, און סע טהוט איהם באנג, וואס ס'איז קיינער נישטא דערביי.

— מסתמא האסט דו דאך געהערט די מעשה מיט'ן מיידעל? — פרעגט איהם מאקאר און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, ווי א סלעדאוואטעל.

מרדכי־נתן שטעלט אויף די אויהערען, ווי א האז.

— מיט וואסער מיידעל?

— מיט'ן מיידעל, וואס אידען האבען זי געקוילעט און האבען אפּגעצאפּט פון איהר דאס בלוט און בעהאלטען דאס אויף פּסח.

פריהער צעלאכט זיך מרדכי־נתן מיט זיין דריבנע געלעכטער: הע־חע־חע! און נאכדעם ווערד איהם דאס פּנים בלאס און גרין, און די אויגען צינדען זיך אן מיט פייער.

— שקרים וכזבים! — זאגט מרדכי־נתן און טרייסעלט מיט'ן קאפּ, און די פּאות שאקלען זיך.

— סטייטש, מע שרייבט אין די גאזעטען! — זאגט איהם מאקאר און לאזט ניט אראפּ פון איהם קיין אויג.

מרדכי־נתן וויל זיך אויסדרעהען פון זיינע הענד, פער־שלאָגט איהם האַקע־באַקע, מכח אופּראַווע, מכח קאַראַבקע, סוועטשנע סבאָר. ווער־וואָס? ער לאָזט זיך ניט פּעררעדען די צייהן, האַטש געב איהם אַ קרענק! ער טרעט־צו צו איהם איין מאָל פּאָר אלע מאָל: ער זאָל זיך איהם נאָר מודה זיין. מרדכי־נתן פּרובט זיך מיט אַ ליצנות, פרעגט איהם: „וואו האָט דאָס זיין וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע געשטודיערט אַזעלכע דינים?“ מאַקאַר קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין און פאַלט אויף אַזאַ מין המצאה: ער טהוט איהם אַ חאַפּ פלוצים אומגעריכט, ווי זאָגט מען — צוגעקוועטשט צו דער וואנד:

— נו, און בלוט?

— וואָסער בלוט?

— פּסח?... מצה?... הא?...

און מרדכי־נתן פאַלט אויך אויף אַ גלייכער המצאה: ער טהוט אַ ריהר דעם אָרון איבער דער פּלייצע, אַ גלעט דעם הענג־קאַלנער, און מיט אַ פּאַסקודנע געלעכטערעל פון אַ הונד אַ חונפ׳־ניק טהוט ער איהם אַ זאָג, אַז דער אָרון איז אַ גרויסער לץ, חע־חע־חע! און אַז דער אָרון הויבט זיך אויף און געהט אַוועק, זאָגט אויף איהם מרדכי־נתן אַ שבח, אַז דער „אָרון בפקדך“ איז אַ שווערער אָרון, דאָס הייסט, מע קאָן אויף איהם ניט זאָגען, ער זאָל זיין אַ רשע — חלילה! נאָר גלאַט אַ כלב שבכלבים...

איינמאָל — ס׳איז געווען שבת בייטאָג — איז מרדכי־נתן דער נגיד געזעסען אין שטוב און געלערענט פּרק; פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין... מאַקאַר חאַלאַדנע! פריהער האָט זיך אונזער נגיד אַביסעל ווי דערשראָקען, פערוואונדערט: ווי קומט דער „אָרון בפקדך“ אהער פּלוצים נאָכ׳ן שלאָף? נאָכדעם האָט ער איהם געמאַכט זעהר אַ פריינדליך פּנים און מיט אַ שמייכעל געבעטען איהם זיצען, אויסגעטהאָן דאָס שבת׳דיגע היטעל און געבליבען אין דער יאַרמעלקע און אַ געשריי געטהאָן צום ווייב:

בלאָטע! מאַקאַר פּאַוולאָוויטש איז שוין לאַנג אויף יענער זייט טיר, און מרדכי־נתן דער נגיד איז אוים מענש פאַר הארצ־וועהטיג און פאַר גריזאָטע, טאָמער האָט ער טאַקי געזאָגט איין איבעריג וואָרט, דער רוח האָט איהם אָנגעטראָגען! און ווי אויף צו־להכעים, קומט אָן טעמע־ביילה און טשעפּעט זיך צו צו איהם, ער זאָל איהר זאָגען, וואָס האָט דאָ געטהאָן דער „אָדון בפקדך“? וואָס איז ער אַזוי גיך אַוועק? און למאי האָט ער אַזאַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר?

— געה פרעג איהם! — האָט איהר מרדכי־נתן געענטפערט מיט כעס.

— זעה נאַר, זעה, ווי ער איז דאָס אַביסעל אין כעס! אויף וועלכער זייט ביזט דו דאָס אויפגעשטאַנען היינט, און וואָס פאַר אַ חלום האָט זיך דיך גע'חלום'ט?

— היפּטעל קרויט!!! — שרייט אוים מרדכי־נתן דער נגיד אויף אַזאַ קול, אַז דאָס ווייב איז שיער ניט געפאַלען חלשות, און ער אַליין האָט זיך איבערגעשראָקען פאַר זיין שטימע, און אויך די דיענסט, אַ שוואַרץ ווייבעל אַ ליטוועטשקע, איז אריינגעלאָפען פון קיך, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, מיט אַ גוואַלד:

— אַ קלאָג צו אייך! איהר האָט דאָך מיך איבערגעשראָקען אויף טוידט!

איז טעמע־ביילה אָנגעפאַלען אויף איהר און צעלאָזט זיך מיט ביידע קולאָקעס, און מרדכי־נתן אויף זיי ביידע, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס ס'איז גאָר ניט כדאי דאָס צו בעשרייבען.

— די גאַזעטען ליִיגען, ווי די הינט! — שרייט־אויס מרדכי־נתן.

— די גאַזעטען שרייבען, אז ס'איז פאַרהאַן אַ פּראָטאָקאָל. — פּרובט זיך מאַקאַר איהם איבערשפּאַרען. — איך האָב אַליין גע־לייענט, אז ס'איז פאַרהאַן אַ פּראָטאָקאָל.

— שקר וכזב! — שרייט מרדכי־נתן אין איין קול און טרייסעלט מיט דער יאַרמעלקע, און די פּאות ציטערען.

— וואָס איז שקר וכזב? — פרעגט איהם מאַקאַר, שוין רויט פאַר כעס. — דאָס, וואָס איך דערצעהל דיר? צי דאָס, וואָס סע שטעהט אין פּראָטאָקאָל?

— אַלסדינג איז שקר וכזב! אַלסדינג! פון אָנהויב ביז'ן סוף! ניט געשטויגען, ניט געפלויגען!

בשעת מעשה מאַכט מרדכי־נתן מיט די הענד, מיט'ן פּנים, מיט די אויגען, מיט די פּאות און מיט אַלע אברים און ציטערט אַזש פאַר כעס. מאַקאַר האָט איהם קיינמאָל ניט געזעהען אַזוי אין כעס, און האָט דערפון אָפּגעלערענט זיך אַ פּשט, אַז ניט אומזיסט איז דער איד אַזוי אויפגעטראָגען. די משמעות, אַז ס'איז אמת די מעשה; אניט, וואָס שרייט ער אַזוי? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי? נאָר איין עזות פון אַ אידען — זאָגען אויף אַלסדינג, וואָס סע שטעהט געשריבען, אַז ס'איז שקר וכזב! און מאַקאַר האַלאַדנע שטעהט אויף מיט גרויס גרימצאָרן, רוקט אַן אויף זיך דאָס היטעל מיט'ן קנעפּעל און טהוט אַ זאָג:

— פאַר אַזעלכע ווערטער וועסט דו האָבען צו געדענקען!

און ער לאָזט זיך געהן צו דער טהיר, און תיכף נאָך איהם שטעהט אויף מרדכי־נתן און האָט שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשה און וויל איהם איבערבעטען, פערקערעווען איהם צוריק, און ער לויפט איהם נאָך:

— פּאַני!... וואַשע וויסאָקע־בלאַהאָראָדיע!... מאַקאַר פּאַוולאָוויטש!... מאַקאַר פּאַוולאָוויטש!...

פון וואנען האָט זיך עס גענומען? ווער איז דער ערשטער, וואָס האָט ארויסגעלאָזט דעם דאָזיגען קלאַנג? — דאָס ווייסט מען ניט עד היום און מע וועט דאָס ניט וויסען קיינמאָל, אייביג! דער היסטאָריקער, וואָס וועט זיך נעמען אמאָל בעשרייבען די געשיכטע פון די כתרילעווקער אידען, אז ער וועט קומען צו דעם שטיקעל צייט, לייענען די אלע פּאַפּיערען מיט די אלע בלעטער, וועט ער געוויס בלייבען שטעהן פערטראכט מיט דער פעדער אין האנד, זיינע מחשבות וועלען איהם פערטראָגען ווייט־ווייט..

מע ווייסט ניט, ווי אזוי דאָס איז געוואָרען און פון וואנען דאָס האָט זיך גענומען, נאָר ס'איז ארויס אַ נייעס אין שטאָדט, אז מע געהט אויף כתרילעווקע, דריי דערפער מיט אַ מאָל... און אין איין פריהמאָרגען איז געווען כתרילעווקע אויפגעשטאַנען ווי איין מענש, און מע האָט זיך גענומען פּאַקעווען, קינדער און בעטגעוואַנט זוין שמאַטעס, דאָס גאַנצע ביסעל כתרילעווקער אָרעמקייט, ראַטעוועז ווי פון אַ שרפה און קלויבען זיך אין וועג אריין — וואוהין? וואוהין די אויגען וועלען טראָגען! בשעת מעשה האָבען מוטערס ארומגעניי־יען ווייערע ברעקלעך קינדער, צוגעטוליעט צו דער ברוסט זוין מיט טרערען אין די אויגען זיי געקושט און געהאַלזט און גע־האלובעט, גלייך ווי עמיצער האָט זיי געוואָלט חלילה אוועקנעמען. גלייך ווי עמיצער דאַרף זיי האָבען...

און כתרילעווקע האָט אָנגעהויבען צו שליסען איין קלייט נאָך דער אַנדערער, קוקענדיג איינס אויפ'ס אַנדערע און בעהאַלטענדיג זיך איינס פון דאָס אַנדערע, און מע האָט זיך געאיילט, געחאַפּט איטליכער וואָס פריהער, וואָס גיכער. חוועדאַר'ען האָט מען יענעם פריהמאָרגען שיער ניט צעריסען אויף שטיקלעך. איטליכער האָט איהם געשלעפּט צו זיך העלפען פּאַקעווען, אונטערגערוקט איהם פון אַלע זייטען, אַז קיינער זאָל ניט זעהען, ווער אַ גריוונע און ווער אַ פּיטאַקעל. קיינמאָל איז חוועדאַר נישט געווען נאָך אַזאַ חשוב אין כתרילעווקע, ווי יענעם טאָג, און קיינמאָל האָט נאָך חוועדאַר אזוי ניט מאַסף ממון געווען, ווי דעמאָלט. און מע האָט

קאַפּיטעל ח.

כתרילעווקע אײַלט זיך אין וועג אַרײַן.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבען פאַר כתרילעווקע אַ צייט פון צרות, יסורים און אומזיסטע פּחדים. קיינער האָט ניט פערשטאַנען וואָס איז די מעשה, וואָס מאַקאַר חאַלאַדנע איז געוואָרען נאָך אַ גרעסערער שונא־ישראל, ווי ער איז געווען, און פאַר וואָס זעהט מען איהם ניט ביי'ם נגיד אין קלייט? דער נגיד אַליין האָט זיך, אפּנים, געשעמט און אַראָפּגעשלונגען די מעשה, נישט דערצעהלט קיינעם, און מאַקאַר האָט געגראָבען ווי ווייט ער האָט געקאָנט. זיך גערייצט מיט די כתרילעווקער אידען, זיי אָנגעזאָגט אַלע מאָל אַ נייע בשורה, אַז ניט לאַנג נאָך, וועלען זיי דאָ געוועלטיגען, מע וועט ביי זיי נעמען דין וחשבון: פון וואַנען נעמט זיך צו זיי זייער גוטס? מענשען וואָס האָרעווען ניט, גראָבען ניט און זעען ניט און שניידען ניט, נאָר מע עסט פון'ם גרייטען — פאַר וואָס קומט דאָס זיי? וכדומה אַזעלכע טענות, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָנגעלייענט אין דער גאַזעט „די פּאָהן“. און פונקט אין יענער צייט האָט זיך איהם געטראָפען דער בזיון מיט האָפּקען, וואָס ער איז דורך איהר געשטרויכעלט געוואָרען, שיער ניט אַריין אין אַ גרויסען אומגליק, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט פערבייגעהענדיג אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל. און אַז גאָט האָט געהאָלפען, מאַקאַר איז אַרויס פון'ם עסק ריין, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען גראָבען אויף די כתרילעווקער אידען, זיי געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אָט־אָט וועט מען מיט זיי לערנען בלק. און גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גוטע בריוועל פון'ם שוחט'ס איידעם, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד איבער דער גאַנצער שטאָדט, און זיידעל מיט זיינע „בלעטער“ האָט אונטערגעגעבען היץ, געגאָסען בוימעהל אויפ'ן פייער, און מעשיות זענען געגאַנגען איבער דער שטאָדט, איינע שרעקליכער פון דער אנדערער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אין כתרילעווקע וועט אין גיכען אויך זיין „דאָס אייגענע“...

זיך ארומקוקען, טאָמער יאָגט מען זיי נאָך פון הינטען, טאָמער בעט מען זיי חלילה צוריק...

שטיל איז געוואָרען אין כתרילעווקע, לעדיג, פוסט, ווי אויף א בית־עולם. ניט געבליבען קיין נפש. פון לעבעדיגע נפשות זענען געבליבען אין שטאָדט נאָר די ציעגען, דאָס גאַנצע אידישע פערמעגען אין כתרילעווקע, און האפקע די געשטופעלטע, און דער בעדער מיט דער בעדערין, און, להבדיל באלף אלפי הבדלות, דער אלטער רב רב יוזיפיל.

איבער די דאָזיגע אלע לעבעדיגע נפשות וועלען מיר רעדען פון איטליכען אין א בעזונדער קאפיטעל.

קאפיטעל ט.

לאָזט זיך אריין א ביכעל אין חקירה.

די געלעהרטע, וואָס געבען זיך אָפּ מיט דער נאַטור, וואָס קוקען זיך צו און ווייסען די טבע פון יעדען בעשעפעניש, פון איט־ליכם גרעזעלע, ווייזען אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט געהט נישט לאבוד, ווערד ניט פערפאַלען, שטאַרבט ניט אוועק. אָט דאָס וואָס מיר זאָגען, למשל, אַז דער בוים איז גע־וואַכסען, די צווייגען האָבען געבליהט, געגעבען אונז פירות; נאָכ־דעם האָבען מיר די פירות אָפּגעריסען און אויפגעגעסען, די צווייי־גען האָבען אָפּגעבליהט, די בלעטלעך זענען אָפּגעפאַלען, דעם בוים האָבען מיר אויסגעהאַקט, דאָס האָלץ האָט זיך אויסגע־הייצט — דאַכט זיך, איין עק? אויס בוים? ניין, — זאָגען די געלעהרטע — ס'איז נישט אַזוי די מעשה! דער בוים, זאָגען זיי, האָט זיך נאָר צעטיילט אויף זיינע יסודות; פון די פירות זאָגען זיי, האָבען מיר געהאַט חיות, די בלעטער האָבען מיר גע־שמעקט, דאָס האָלץ האָט אונז געוואָרעמט, און דער בוים האָט געלעבט, און מיר האָבען געלעבט, און אַז מיר זענען געשטאָרבען, האָט מען אונזער קערפּער אריינגעלעגט אין דער ערד אריין, און

איהם אזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלד, ביז ער האָט אַ־שפּיי געטהאָן: „נעחיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאָ וויר־מאָ!" — און איז אַוועק אהין, וואו' אַלע מאָל, און געמאַכט אַ שענע כוסה לכבוד די כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס פּאַהרען אַוועק, און אַז ער איז געוואָרען' רעכט פּאַרטיג, האָט ער אָנגעהויבען ארבייטען, מאַכען מיט די קולאַקעס און שרייען, אַז ס'איז שוין לאַנג צייט, מע זאָל פּטור ווערען פון די כתרילעווקער אידען — און, מעשה שטן, האָט בעדאַרפט דורכגעהן פּארביי סאַמע מאַקאַר חאַלאַדנע מיט'ן אַדון דעם פּאָסטמייסטער און דערהערען, ווי חוועדאָר אַרבייט מעשים אויף די אידען, האָבען זיך ביידע אדונים אָפּגעשטעלט און דער־זעהען, אַז די אידען פּאַקעווען זיך, גרייטען זיך עפּיס זעהר שטאַרק אין וועג אריין, איז דאָס זיי געווען קשה, און זיי האָבען זיך גענו־מען ביידע נאָכקוקען: וואוהין לויפען דאָס די אידען?

דאָס נאָכקוקען פון די אַדונים האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרע־סערע בהלה צווישען די אידען און מע האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס פּאַקעווען זיך; חאַפּט דער רוח דאָס בעל־הבתישקייט! דאָס לעבען, דאָס לעבען איז טייערער!... און מע האָט אָפּגעדונגען וואו ס'איז געווען ערגיץ אַ פוהרעל, אַ פערד־על, אַ פּאָר אָכסען, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין בעצייטענס, און גיך־גיך, בחפּזון, כמעט אזוי חאָפּענדיג, ווי בשעת מען איז ארויסגעגאַנגען פון מצרים.

פריהער פון אַלע זענען געפלויגען ווי די אָדלערס, געוויינט־ליך, די כתרילעווקער בעלי־עגלות מיט די גרויסע בוידען און בייד־לעך; דאָרט זענען געזעסען רב מרדכי־נתן דער נגיד מיט זיין גאַנצער משפּחה און די אַלע איבעריגע נגידים מיט זייערע משפּחות. נאָך זיי האָבען זיך געשלעפּט די גויישע פוהרלעך, אָנגעזעצט מיט ווייבער און מיט קינדער און מיט אַלע קראַנקע נפשות, און הינטען זענען געגאַנגען די מאַנסבילען, די געמיינע בעלי־בתים, דאָס וואָס סע ווערד אָנגערופען דער המון, נעבאָך עולה־רגל געווען מחילה צו פוס, און געגאַנגען גיך, מורא געהאַט

דעם שוין לאַנג אײַנגעפאַלענעם פּאַרקאַן און פּאַשען זיך אויף דעם דאָזיגען גראָז, און ברענגען אַהיים פולע אײַטערס מיט מילך, און די אָרעמע אידישע קינדער אין כתרילעווקע האָבען וואָס צו עסען, פון וואָס צו ציהען כח. און ווער ווייסט, ווער די דאָזיגע ציעגען זענען? אפשר שטעקט אין זיי אַ נשמה פון אַ מענשען, און נאָך פון אַ גאַנץ נאָהענטען מענשען? ווער ווייסט, ווי נאָהענט עס זענען געבונדען צווישען זיך די דריי מינים: דאָס אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות, די דאָזיגע ציעגען, וואָס פּאַשען זיך דאָ, און טאַקי זיי אַליין, במחילת כבודם, איך מיין די כתרילעווקער אידען?

אויף אַזאַ מין חקירה האָט מיך אַרויפגעטריבען דאָס אויסזעהען פון די דאָזיגע ציעגען אין יענעם טאָג, וואָס די כתרילעווקער אידען זענען זיך צעלאָפען און איבערגעלאָזט אויף גאָט'ס גענאָד זייער גאַנץ פערמעגען, זייערע ציעגען.

אין דרויסען איז געווען נאָך פּסח, דער שניי איז שוין לאַנג אַראָפּ פון דער ערד, געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפּראָצען, ציהען צו דער וואַרעמער זונן און בעגרינען און בעשיינען גאָט'ס וועלט אין יעדען אָרט, וואו מענשען לאָזען דאָס וואַכסען. כתרילעווקע איז אָבער — אוי ווער! — נישט קיין אָרט פון פּריש גראָז און נישט קיין אָרט פון שמעקענדיגע בוימער. כתרילעווקע איז אַיין אָרט פון בלאָטע, פון זאַמד און פון פּאָראָך און פון געדיכטער פער'עפּוש'טער לופט, וואָס מע קאָן פון איהר דערוואָרגען ווערען, און פון נאָך אַ סך אַזעלכע גוטע ליעבע זאַכען. גרין גראָז קאָנט איהר געפינען נאָר סיידען אויפ'ן בית־עולם, און אַהין האָט דאָס מיך מיין כח־הדמיון, מיין פאַנטאַזיע, אַוועקגעטראָגען אין יענעם טאָג פון דער גרויסער בהלה, און דאָרט האָב איך בעטראַכט די גאַנצע טשערעדע פערלאָזטע, פער'יתום'טע ציעגען, און עס האָט מיר פערקלעהמט דאָס האַרץ, ווי אויף די ציעגען נעבאַך, אַזוי אויך אויף די קליינע אידישע קינדער, וואָס זענען געבליבען די[…]

מיר זענען זיך צעגאַנגען אויף יסודות; אויף אונזער קבר איז אויסגעוואַכסען אַ גרעזעלע, דאָס גרעזעל האָט געגעסען די ציעג און בעקומען דערפון מילך, די מילך האָט געטרונקען דאָס קליינע קינד, געהאַט דערפון חיות, געוואַכסען, אויסגעוואַכסען, אָפּגע־לעבט און געשטאָרבען, צעטיילט זיך ווידערי אויף יסודות, ווידער אַ גרעזעלע, ווידער ציעגען, ווידער מילך, ווידער קליינע קינדער, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז עק וועלט.

איהר שטויסט זיך שוין מסתמא, וואוהין די חקירה געהט? דאָס געהט אויף די אַלטע צעוואָרפענע קברים פונ'ם אַלטען כתרי־לעווקער בית־הקברות פון כמה וכמה יאָהרען. די דאָזיגע קברים און די דאָזיגע ציעגען און די דאָזיגע אידען אין כתרילעווקע — דאָס אַלסדינג איז אינאיינעם אַ מין קייט, וואָס קייטעלט זיך פון אַ סך, אַ סך יאָהרען, און מי יודע, וויפיעל יאָהר עס וועט זיך נאָך אַזוי קייטלען...

אויב איהר ווילט וויסען, וויפיעל יאָהר כתרילעווקע איז אַ אידישע שטאָדט, בעדאַרפט איהר נישט זוכען אין די אַלטע בלע־טער פון דער היסטאָריע — איהר וועט זיי ניט געפינען. איהר דאַרפט זיך נאָר מטריח זיין אויפ'ן אַלטען כתרילעווקער בית־עולם און בעטראַכטען די אַלטע־אַלטע קברים מיט די אַלטע אָפּגעריי־בענע מצבות, פּראָסטע הילצערנע מצבות, פּראָסטע גרויע שטיינער, וואָס שטעהען כורעים, אָנגעבויגען פון אַ סך אַ סך יאָהרען; וואו־ניט־וואו וואַרפען זיך דורך אויף די שטיינער האַלב־אָפּגעריי־בענע בלייכע אותיות: „דאָ ליגט בעהאַלטען אַ איד אַ רב, אַ צדיק אַזעלכער און אַזעלכער“; „דאָ ליגט בעהאַלטען אַ אשה צנועה און חכמה אַזעלכע און אַזעלכע“. דאָס יאָהר איז שווער איבערצולייענען — נאָר מע פערשטעהט, אַז ס'איז שוין לאַנג, וואָרום אַ סך מצבות זענען שוין לאַנג צעפאַלען, און אַ סך קברים זענען שוין לאַנג פערוואַכסען מיט גראָז, און ציעגען, די כתרילעוו־קער ציעגען, וואָס האָבען ניט וואָס צו עסען, שפּרינגען אַריבער

רעכטע צייט, װעט איהר גאָט אַליין זאָגען: „קום, שוין צייט אין גן־עדן אריין"...

און געוויס אין גן־עדן אַריין — ס'איז גאָר קיין ספק ניט! ווארום דעם גיהנם מיט'ן חבוט־הקבר מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס וואַרטען אויף אונז דאָרטען, האָט שוין אונזער רב יוזיפיל, דאַנקען גאָט, איבערגעלעבט דאָ, אויף דער וועלט. נישטאָ איין צרה, איין שלאַק, איין פורעניות, וואָס רב יוזיפיל האָט דאָס ניט פערזוכט פון דעם וואָס לעבט אייביג. דער וואָס לעבט אייביג האָט, אפנים, געוואָלט אויספּרובען זיין געטרייען קנעכט רב יוזיפיל, האָט ער געהאַלטען אין איין שיטען אויף איהם צרות פון דער ברייטער האַנד, כדומה למשל, ווי מע בעשיט אַ חתן מיט ניסלעך. איינס נאָכס אַנדערע האָט ער ביי איהם צוגענומען די קינדער, פריהער, געוויינטליך, גוט אָנגעמוטשעט זיי; נאָכדעם — דאָס ווייב פרומע־טעמע די רביצין, די צדיקית, וואָס זי איז געוועזן פאַר איהם אַ געטרייע מאַמע; נאָכדעם האָט ער איהם צוגעבוי־גען אַביסעלע צו דער ערד, איהם מזכה געוועזן מיט שענע עטליכע קרענק אויף דער עלטער, איהם איבערגעלאָזט ווי אויפ'ן וואַסער, עלענד און אָרעם און שוואַך. און בכדי ער זאָל פיהלען דעם אמת'ען טעם פון גיהנם, האָט ער אַריינגעגעבען אַ זין די כתרי־לעוווקער אידען, זיי זאָלען קריגען אַ נייעם רב, אַ יונגען רב, און איהם, דעם אַלטען רב יוזיפיל, זאָל מען אויף דער עלטער בעטען מחילה און בעזעצען איהם ערגיץ ביי'ם בעדער מיט דער בעדעריך, ער זאָל דאָרטען דערלעבען דאָס איבעריגע ביסעל יאָהרען. דאָ האָט דער רבונו־של־עולם געקאָנט רעכענען פאַר זיכער, אַז דער דאָזיגער רב יוזיפיל וועט שוין מסתמא געוויס זינדיגען מיט'ן מויל חאָטש, אַזוי ווי איוב פאַרצייטען האָט זיך אויך געמענט־שעלט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און פערשאָלטען זיך דאָס געביין.

נישט אַזאַ מענש אָבער איז געוועזן אונזער אַלטער רב יוזיפיל. אַ סך, אַ סך זאַכען איז רב יוזיפיל דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם

טאָג אָהן אביסעל מילך. קוקענדיג אויף די אָרעמע ציעגעלע ווי זיי שטעהען, מעלה־גרה׳ן, מאַכען מיט די בערדלעך, קוקען משונה־מאָדנע נאַריש־פערטראַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זיי זאָגען צו מיר: „פעטער! אפשר ווייסט איהר, וואו זענען אונזערע בעלי־הבתים און בעלי־בית׳טעס? צו וועלכע גוטע יאָהר זענען זיי זיך צעלאָפען?“...

איך לאָז איבער דאָס פעלד, דאָס הייליגע אָרט פון כתרילעווקע, און געה מיר דורך מיט אייך אין שטאָדט אַריין, זעהען די איבעריגע נפשות, וואָס זענען איבערגעבליבען פון דער גרויסער קהלה אין כתרילעווקע.

דאָס מיינט מען דעם בעדער מיט דער בעדערין און זייער קעסטקינד, דעם אַלטען שוואַכען רב רב יוזיפיל.

קאַפּיטעל י.

שמועסט וועגען דעם רב רב יוזיפיל.

אַ סך מאָל האָב איך אייך דערמאָנט און אַרויסגעבראַכט אין מיינע זמת׳ע, ניט־אויסגעטראַכטע מעשיות איינעם פון מיינע בעליעבטעסטע פּאַרשוינען, דעם רב און דעם רבי׳ן פון כתרילעווקע, רב יוזיפיל, און קיינמאָל האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף איהם, איך זאָל אייך מיט איהם בעקענען, ווי עס געהער צו זיין. איך ווייס, אַז ס׳איז פון מיר אַ גרויסע עולה. לאָם איך חאָטש אַט דאָ ממלא זיין דעם דאָזיגען חסרון.

רב יוזיפיל איז איין אַלטער מאַן, אַ זקן און אַ קראַנקער און פון תמיד אָן ניט קיין איבעריגער גבר, אַ צעבראָכענער גוף, דערפאַר אָבער מיט אַ נשמה אַ גאַנצע, אַ געזונדע און אַ ריינע; און דוקא אין דעם דאָזיגען קראַנקען גוף האָט גאָט אַריינגעזעצט די דאָזיגע תמיד־יונגע און שטענדיג־פרישע נשמה און אָנגעזאָגט איהר, זי זאָל זיך האַלטען, לאַנג האַלטען, ביז עס וועט קומען די־

דעריין, איז דאָרט פאַרהאַן איין אַלקערעל, וועט ער זיך קאָנען דאָרטען רוהיג זיצען און לערנען.

לערנען? סע רעדט זיך אַזוי: ווי קאָן שוין רב יוזיפיל לערנען, אַז די ראיה איז איהם, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַזוי געשלאָגען, אַז קוים וואָס ער זעהט די ליכטיגע שיין? פון דעסט־וועגען, האָט קיין יסורים ניט. א תלמיד־חכם. ווי אַלט ער זאָל ניט זיין, געפינט ער זיך איין ארבייט. קאָן ער ניט לערנען אינוועניג, לערענט ער א ו י ס ו ו ע נ י ג, זאָגט ער עפּיס, דאַוועגט ער, אָדער גלאַט אָזוי ער טראַכט. און טראַכטען איז דאָ פון וואָס! פון דער וועלט טראַכט דער אַלטער רב יוזיפיל, אין פון דעם בורא פון דער וועלט, פון דעם בעשאַפער, וואָס ער איז גערעכט און אַלע זיינע ט ה ו ע כ צ ע ן זענען רעכט! און פון זיין פאָלק ישראל, וואָס ער שמראָפט דאָס, ווי א ליעב קינד, און פון אַלע איבעריגע פעלקער, און פון אַלע בעשעפענישען אויף דער ערד, פונ׳ם גרעסטען וויזילטיער ביז דער מינדעסטער מילב, ביז׳ן קלענסטען ווערעמעל אונטער׳ן שטיין, וואָס ער טהוט טהון שפּייזען מיט זיין ברייטער האַנד. דערפון איז אָפּצולערנען א קל־וחומר: „מה־דאָך א מילב, א ווערעמעל אַזוי, היינט לא כל־שכן שוין א מענש, און לא כל־שכן א איד!“... אַזוי טראַכט זיך רב יוזיפיל און איז צופריעדען מיט גאָט און מיט דער וועלט און מיט׳ן פאָלק ישראל און מיט זיך און מיט זיינע געדאַנקען, וואָס ער זאָגט זיי אַרוים ניט איין מאָל גאַנץ הויך, אַלע זאָלען הערען. און ווי אומעדום, אַזוי זענען אויך אין כתרילעווקע פאַרהאַן מענשען חקרנים, גריבלער, וואָס האָבען ליעב פרעגען קשיות; פּרובען זיי זיך אַביסעל אָפּ׳לצ׳עווען פון אַלטען רבי׳ן און פרעגען איהם א קלאָץ־קשיא:

— איהר זאָגט, א מילב? א ווערעמעל, זאָגט איהר? ענטפערט זשע אונז, רבי, א תירוץ דערויף: ווי באַלד, אַז דער אויבערשטער איז יאָ אַזאַ גרויסער גאָט און א גוטער גאָט און א דערבאַרעמיגער גאָט, וואָס שפּייזט אפילו א ווערעמעל אונטער׳ן

שכל. ער איז דערגאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, אַז אַלע צרות און יסורים, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם מזכה געווען, איז — איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז נאָר אַ פּרוב, אַיין אָנשיקעניש פון זיין ליעבען נאָמען, אַיין אָפּקומעניש דאָ, אויף דער נאַרישער זינדיגער וועלט, בכדי ער זאָל דאָרטען בעקומען דערפאַר זיין שכר בכפל כפלים, אָדער ער האָט דאָס טאַקי כשר פערדיענט; און טאָמער נישט ער אַליין פאַר זיינע אייגענע זינד — איז פאַר זיינע אָרעמע זינדיגע ברידער, די קינדער ישראל, וואָס זענען ערב איינס פאַר'ס אַנדערע און זענען מחויב אָפּקומען איינס פאַר'ס אַנדערע, ווי אַ מין אַרטעל, למשל, וואָס טאָמער חאַפּט מען אייגעם אין אַ גנבה, בעדאַרף ליידען דאָס גאַנצע אַרטעל, איטליכער וועדליג אויף זיין חלק... אַזוי איז רב יוזיפיל דער־גאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, און האָט זיך אויף זיין לעבענס־טאָג קיינמאָל נישט בעקלאָגט, זיך אויסגעטהאָן פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תענוגים, זי לחלוטין מבטל געווען מיט אַ שמיי־בעל פון אַ גרויסען, גרויסען פילאָזאָף, און דערמיט האָט ער זיך געקויפט גרויס ליעבשאַפט ביי די כתרילעווקער לייט. וואָס חאָטש ער איז שוין קיין רב ביי זיי ניט געווען, און די הכנסות, וואָס האָבען געהערט צו איהם, האָט שוין צוגענומען דער נייער רב, פון דעסטוועגען האָט ער געהאַט דעם זעלבען כבוד וואָס תמיד, דעם זעלבען אויבען־אָן אין בית־המדרש, און אפילו דער נאָמען „רבי" איז איהם אויך איבערגעבליבען, ווי פריהער. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס מיט'ן נאָמען „רבי" אַליין קאָן מען נישט לעבען; דער גוף מאָהנט זיך זיינס, וואָס ס'ניט איז, אַבי עפּיס אין מויל אַריין, צו דערהאַלטען די נשמה... זענען די כתרילעווו־קער לייט געפאַלען אויף אַ המצאה: אַזוי ווי די כתרילעווקער באָד איז דאָך אַ קהל'שע באָד, זאָל די הכנסה פון דער באָד גע־הערען צום אַלטען רב, און דאָרטען טאַקי זאָל ער וואָהנען. דאָס הייסט, ניט אין באָד גופא; נאָר אַזוי ווי ביי דער באָד איז פאַר־האַן אַ שטיבעל, דאָרט וואו סע זיצט דער בעדער מיט דער בע־

אַלע — דער פּראָסטער עולם, און מעהר פונ'ם גאַנצען עולם — דאָס בעריהמטע פּאָרעל, דער בעדער מיט דער בעדערין פון דער אַלטער כתרילעווקער קהל'שער באָד, וואָס פון זייערטוועגען שענקען מיר אַ בעזונדער קאַפּיטעל אין דער דאָזיגער בעשרייבונג.

קאַפּיטעל יא.

אדם הראשון מיט חוה'ן אין גן־עדן.

אויב עס האָט אַ זין דאָס, וואָס שמעיה אָדער פישעל קאָרעספּאָנדענט — דער וואָס שרייבט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע בלעטער און מע דרוקט זיי ניט — זאָגט אויף דער כתרילעווקער באָד, אַז זי איז אַ גן־עדן־התחתון, דאַרף אייך נישט אויסווייזען אַזוי ווילד דאָס, וואָס די כתרילעווקער ליצני־הדור האָבען אַ נאָמען געגעבען בערקע דעם בעדער אָ ד ם ־ ה ר א ש ו ן, און חוה די בעדערין האָבען זיי געקרוינט מיט אַ צונעמעניש ד י מ ו ט ע ר ח ו ה. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיגער נאָמען — איז שווער צו זאָגען. אפשר דערפאַר, וואָס די בעדערין האָט געהייסען חוה, האָט דער מאַן איהרער שוין במילא געפּאַסט צו הייסען אָדם? און אפשר דערפאַר, ווייל דאָס בעריהמטע פּאָרעל האָט זיך געפונען אינ'ם דאָזיגען גן־עדן פון כמה וכמה יאָהרען, אָפּגעשיידעט פון דער גאַנצער וועלט, און געלעבט ווי אין גן־עדן? צי אפשר דערפאַר, ווייל די כתרילעווקער אידען און ווייבער האָבען געהאַט מעהר פון אַלעמען די זכיה צו זעהען דאָס דאָזיגע פּאָרעל אין דעם זעלבען קאָסטיום, וואָס אָדם מיט חוה'ן האָבען געטראָגען אין גן־עדן, איידער זיי האָבען פערזוכט פונ'ם עץ־הדעת? אַזוי צי אַזוי — דאָס מוזען מיר מודה זיין, אַז די כתרילעווקער לצים זעצען־צו עמיצען אַ נאָמען, איז ער ווי געבאָרען, ווי צוגעשניטען, אויפגענייהט, אויסגעפּרעסט און אָנגעמאָסטען — און „פּאַרניצט געזונט"! עס האָט זיך אויסגעוויזען איטליכען בעזונדער, אַז קיין אַנדער נאָמען קאָנען זיי גאָר ניט

שטיין, היינט למאי שפייזט ער ניט זיינע כתרילעווקער אידעלעד? שוין זשע זענען מיר קלענער פון א מיילב, קלענער נאך פונ׳ם קליינעם ווערעמעל, וואס אונטער׳ן שטיין?...

— וואס פאר א קינדער איהר זייט! — ענטפערט זיי דער אלטער מיט א שמייכעלע. — איך וועל אייך געבען א משל מיט א מלך. אשטייגער, שטעלט אייך פאר, דער מלך האט אייך גע־לאזט בעטען צו זיך אויף דער סעודה, זענט איהר געקומען אין פעדערשטען חדר און דערזעהן, אז אין פעדערשטען חדר איז עפּיס ניט אזוי גראם און ליכטיג, האט איהר גענומען און זיך אומגע־קעהרט צוריק. אזוי איז דאס אויך. איך פרעג נאר איין זאך: וואס פאר א ווערטה האט פאר אייך דאס ביסעל יסורים און בזיונות דא אינ׳ם ענגען פ ר ו ז ד ו ר, אינ׳ם פעדערשטען חדר, אקעגען יענעם גרויסען ט ר ק ל י ן, דעם שענעם רייכען פאלאץ פון עולם־הבא דארטען, וואו די ווענט זענען פון גין־גאלד, די ערד פון ריין זילבער און די שטיינער בריליאנטען? דארט, וואו דאס לעבען איז אייביג, דארט, וואו די נשמות פון די צדיקים זיצען אויבען־אן און טהוען זיך אן וואוילטאג און האבען הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה, און הקדוש־ברוך־הוא אליין באדיענט זיי, טראגט זיי אונטער אין גילדענע בעכערם דעם בעסטען וויין און אויף גילדענע טעלערלעך די פיש פונ׳ם לויתן מיט׳ן פלייש פונ׳ם שור־הבר...

די לעצטע ווערטער, דאס הייסט: „וויין“, „לויתן“ און „שור־הבר“ — דאס לעגט שוין צו, געוויינטליך, רב יוזיפיל, ווי א צו־גאב פאר דעם פראסטען עולם, וואס וויל ניט וויסען פון קיין רוחניות און פון קיין שכינה. א פראסטער איד דארף האבען א פראסט שטיקעל פיש, מיט א שטיקעל געבראטענם — און דאס איז אין כתרילעווקע איינע פון די זעהר זעלטענע זאכען, וואס נאר שבת און יום־טוב קאן מען זיך אזעלכעם פערגינען, און דאס — ניט אלע מאל. פאר אזעלכע וויכע גוטע רעד האט מען ליעב אין כתרילעווקע דעם אלטען רב דאס היות, און מעהר פון

זיין — אהן א באד קאן זיך א איד ניט בעגעהן. אמת, קיין גרויסע גליקען קאן מען דערפון ניט מאכען, קאפיטאלען קאן מען ניט קלויבען, און קיין הייזער אייגענע קויפען אודאי נישט, וואָרום וואָס צאָהלט א כתרילעווקער איד, משטיינס געזאָגט, אז ער קומט שוין ערב־שבת אין מרחץ אריין? היינט וויפיעל האָלץ נעמט צו די באָד, אז דער קעסעל בסך־הכל איז שוין אלט, און די שטיינער זענען צעפאלען, און די ווענד לייכטען זיך דורך, און פון דער סטעלי קאפעט. יעדער קאפ, וואָס פאלט אויפ'ן הוילען לייב פון די נאקעטע בעלי־בתים, טהוט א בריה, א ברען, ברענט אויס א שטיק פלייש, מע טהוט אָזש א טאנץ־אונטער און א מאך בשעת מעשה: „איף — אוי!" — ווי די רשעים אין גיהנם, בשעת מע טרייבט זיי אויף צעגליהטע צוועקעס. און דער עולם לאזט אויס דאָס ביטערע הארץ אויפ'ן בעדער, שעלט איהם אָן א פולען קאפ, און ער, דער בעדער, טהוט זיך זיינס: גיסט וואסער אויפ'ן הייסען שטיין און וואָרטשעט זיך אין באָרד אריין: „איהר פארשטעהט א מעשה? אויסגעבויט א באד נאך פאר חמעלניצקעס צייטען און ווילען ס'זאל ניט קאפען!" און ער פעררריכט אלע מאל מיט זיינע אייגענע הענד די אלטע באד, פערשטעקט די ווענד, פערלאטעט דעם דאך, שפארט איהם אונטער מיט איין אָבאפעלעק און רייניגט אפט די מקוה, בכדי די כתרילעווקער חכמים זאלען זיך ניט ווערט־לען און ניט זאָגען קייי המציאות, אז זיי הערען דארטען זשאבעס קוואקען... און אדם הראשון שטעהט אויף גאנץ פריה, ווען גאט אליין שלאפט נאך, שלעפט מיט די געזונדע גראבע ידים איין עמער נאך איין עמער און זעצט בשעת מעשה גאנצע שטיקער תהלים אויס־ווענדיג מיט א ניגון, און דאס קול זיינס קלינגט, הילכט, לאזט זיך הע־רען פון דער באד ארויס און קייקעלט זיך מיט'ן ווינד איבער די ברע־גען פונ'ם טייך און ווערד פערפאלען העט־וויים דארטען, אָזש אויף יענער זייט טייך, וואו א פויגעל האט זיך פערקלויבען אויף א צווייגעל פון א בוים, שארעכט שטילערהייד, שאָקעלט זיך און רייניגט דעם פיסק און טראכט מכח אנבייסען...

האָבען. ווי אַזוי דען זאָל מען רופען אַ פּאָר־פּאָלק, וואָס פּער־
ברענגען אַלע זייערע טעג און יאָהרען דאָרטען, באַרג־אַראָפּ, העט־
ווייט פון שטאָדט ארויס, ווייט פון דער בעריהמטער כתרילעווקער
שטענדיגער בלאָטע, סאַמע ביי'ם ברעג טייך, דאָרט, וואו גרינע
ווערבעס שטעהען אָנגעבויגען, קוקען־אריין אין וואַסער אריין;
דאָרט, וואו זומער־צייט הערט מען זשאַבעס קוואַקען, גראַגערען
און פערגראַגערען דעם קאָפּ? אַזאַ ערטעל קאָן מען טאַקי אַנדערש
ניט רופען ווי גן־עדן, און אַזאַ פּאָר־פּאָלק, ווי דער בעדער מיט
דער בעדערין, זענען באמת אָדם מיט חוה'ן אין דעם דאָזיגען
גן־עדן, וואָס זענען ווי בעשאַפען געוואָרען איינס פאַר דאָס אַנדערע
מששת ימי־בראשית: ער אַ הויכער, אַ געזונדער, אַ ברייט־ביי־
ניגער, איין אויסגעדיענטער סאָלדאַט מיט אַ קאָלטענעוואַטער
באָרד, מיט אַ וואַטאָווע גלאַנצענדיגע קאַפּאָטע און מיט שטענדיג
אונטערגעבונדענע שטיוועל, און זי — אַ הויכע, אַ געזונדע, אַ
פּעטע אידינע מיט אַ שוואַרץ גלאַנצענדיג געשטופּעלט פּנים, נאָר
מיט גוטע גרויע אויגען, מיט אַ קעסטעלדיגער פּעטשיילע אויפ'ן
קאָפּ און מיט שטענדיג איין אונטערגעשטעקט קליידעל, וואָס
ס'האָבען זיך ארויסגעזעהען פון דעם אַ פּאָר גרויסע פּיס אין מאַנס־
בילשע גרויסע שטיוועל. קיין זאַך אויף דער וועלט האָט דאָס
פּאָרעל ניט געוואוסט, אַ חוץ דער באָד. שטענדיג איז מען געוועזן
פערנומען נאָר מיט דער באָד: אָדער מע הייצט די באָד, אָדער
מע רייניגט די באָד, אָדער מע פערריכט די באָד — קיינמאָל
זיצט מען ניט לעדיג, סיידען ביי נאַכט, אַז אַלע פייערען ווערען
פערלאָשען, דעמאָלט זעצען זיך אַוועק אָדם מיט חוה'ן איבער אַ
טעפּעל קאַרטאָפלים און מע פערקלויבט זיך ווינטער אויפ'ן אויוועז
און זומער אין דרויסען ביי דער פריזבע, און קיינעם, קיינעם איז
אין כתרילעווקע ניט אַזוי גוט, ווי דעם דאָזיגען פּאָרעל. קיינער,
קיינער האָט נ'ט אַזאַ שטענדיגע פערזאָרגטע פּרנסה, ווי אָדם מיט
חוה'ן. אַז קיין ראַטע צאָהלען בעדאַרף מען ניט, און קונים איז
מען קיינמאָל ניט זשעדנע, וואָרום ווי אַרעם די שטאָדט זאָל ניט

במילא אויפגעשטאנען, שוין לאנג אפגעגאסען נעגעל־וואסער און גענומען זיך צו עבודת־הבורא, און ער „זאגט“ שוין... וואס ער זאגט — ווייסט נישט חוה אקוראט, נאר אז ער זאגט, איז א מחיה צו הערען! איטליכס ווארט ממש צעגעהט זיך אין אלע אברים! און זי טראגט איהם אונטער מיט גרויס דרך־ארץ א טעפעל ציקאריע, הייסע און געשמאקע, און סע זעצט א פארע, און סע שמעקט טעם גן־עדן.

קאפיטעל יב.

דער רב רב יוזיפיל האט א גוט עלטער.

די המצאה, אז דער אלטער רב רב יוזיפיל זאל לעבען פון דער פרנסה פון דער כתרילעווקער קהל׳שער באד, איז געווען איינע פון יענע גליקליכע המצאות, וואס נאר אין כתרילעווקע קאן מען פאלען אויף אזא גליכער זאך. בערקע דער בעדער, אדער אדם הראשון, וואס האט אויף זיין אייגענעם חשבון, אייגענטליך, בעדארפט על־פי כתב בעהייצען מיט׳ן האלץ פון דער באד אויך דעם בית־המדרש, להבדיל, האט סאי ווי סאי געלאזט פרוירען די בעלי־בתים א גאנץ ווינטער, געפונען אלע מאל איין אנדער תירוץ: דער פראסט איז צו גרויס, דאס האלץ איז נאס, א טומאן אין דרויסען, וכדומה אזעלכע פזמונות, וואס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען — לאז ער חאטש אויסהאלטען רב יוזיפיל דעם רב אויף דער עלטער, מען איז איהם שוין מוחל דאס בית־המדרש! און וואס דארף, משטיינס געזאגט, איין אלטער איד, און א רב, ובפרט נאך אזא איד, און אזא רב, ווי רב יוזיפיל, וואס אפילו אין די גוטע יאהרען איז ביי איהם אלסדינג געווען גוט? די רביצין אליין, פרומע־טעמע עליה השלום, פלעגט דערצעהלען אויף איהר מאן, אויף רב יוזיפלען, אז ס׳איז ביי איהם אלסדינג רעכט. ווען, למשל, מע גיט איהם עסען הייסע קויהלען, עסט ער; ער בריהט זיך, נאר ער עסט. אזא מין מפונק איז דאס

און אינוועניג אין שטיבעל, וואָס ביי דער באָד, איז נאָך שטאָק־פינסטער. דאָרט זיצט חוה די בעדערין איבער א שנויץ און פעררייכט דעם „רבינ'ס" גרעט, וואָס זי אַליין טאַקי האָט דאָס איהם נעכטען אויסגעוואַשען. פערלאָטעט וואו ערגיץ א ריס און נייהט־צו וואו מע דארף א קנעפעל, דער „רבי" זאָל האָבען וואָס אָנצוטהון, אז ער וועט אויפשטעהן פונ'ם שלאָף.

פונ'ם שלאָף? משטיינס געזאָגט, דאָס שלאָפען וואָס דער אַלטער רב יוזיפיל שלאָפט, אז אָט ניט לאַנג האָט ער אָפגעפּראַ־וועט חצות און אָקאָרשט, ווי מע זעהט ניט, האַפּט ער זיך אויף, גיסט־אָפּ נעגעל־וואַסער און נעמט זיך צו עבודת־הבורא, הויבט אָן „זאָגען"... וואָס זאָגען — ווייסט זי נישט אַקוראַט, נאָר אז ער זאָגט, איז א מחיה צו הערען! איטליכס וואָרט ממש צעגעהט זיך אין אַלע אברים!

און די בעדערין שטעהט־אויף פּאַוואָלינקע, געהט אויף די שפּיץ פינגער, נעמט זיך שטילערהייד צו דער מולטער, אויסמאַכען די חלה אויף שבת.

— קוקאַריקו! — ציהט־אויס א ווייסער האָהן מיט רויט־ליכע פליגלען, שפּרינגט־אַראָפּ צוליעב דעם טאַקי פון די באַנ־טענעס גלייך אויף דער שוועל, מיינט, אז ער האָט דאָ געטהאָן עמיצען מי יודע וואָס פאַר א טובה דערמיט, וואָס ער האָט אויפ־געוועקט דעם עולם צו דער אַרבייט.

— א קיש אין דער ערד אריין! — מאַכט צו איהם חוה און טרייבט איהם דורך מיט בזיונות און שיט איהם אָפּ מיט ווער־טער. — קיש־קיש צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! ציַ מע דאַרף, צי מע דארף ניט, ער ווייסט נאָר קוקאַריקו! וואָרט־וואָרט, וועסט זיך נאָך אַביסעל ביי מיר אונטערהאָדעווען; וועל איך דיך אָוועקטראָ־גען צום שוחט, וועט דיר שוין זיין א קוקאַריקו! וועסט שוין ביי מיר קוקאַריקען!

די דאָזיגע אַלע דבורים, וואָס חוה איז מכבד דעם האָהן דעם עזות־פּנים, זענען אָבער אַרויסגעוואָרפען: דער „רבי" איז שוין

אין איין טאָג. און אַלסדינג, וואָס זיי האָבען פון איהם געהערט, איז ביי זיי געווען אַ נייעס. ער האָט אויסגעזעהן ביי זיי אין די אויגען, ווי אַ מענש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען פון זעהר אַ וויימער מדינה און דערצעהלט זיך אָן אַזעלכע חדושים, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט, און אַפילו נישט געזעהען אין חלום. מיט אָפענע מיילער און מיט הארצקלאַפעניש פלעגט דאָס דאָזיגע פּאָרעל זיצען ווינטער ביי דער לעזשאַנקע, און זומער אין דרויסען אויף דער פריזבע, און קוקען אויפ'ן „רבי'ן" און האָר־כען, ווי דער „רבי" רעדט פון רוחניות, דערצעהלט חדושים פון גאָט, פון מענשען דאָ אויף דער וועלט, און פון מלאכים דאָרט אויף יענער וועלט, פון דער ערד און פון אַלע בעשעפענישען וואָס אויף דער ערד, און פונ'ם הימעל מיט דער זון מיט דער לבנה מיט די שטערען און מיט די אַלע איבעריגע גלגלים. און ניט איין מאָל פלעגט זיך אויסווייזען אָדם הראשונ'ען מיט חוה'ן, זיצענדיג אין דרויסען ביי דער באָד אין די וואַרעמע ליכטיגע זומער־נעכט, אַז דער דאָזיגער זקן, מיט דעם איינגעבויגענעם רוקען, מיט דעם קליינעם ווייסען בערדעל און מיט די גוטע, גוטע אויגען, איז אַליין עפּיס אַ מין רוחניות, וואָס אָט הויבט זיך עס אויף פון דער ערד און הויבט אָן שוועבען אין דער לופטען, שוועבט אַזוי לאַנג, ביז כע ווערד פערשוואונדען דאָרטען ערגיץ, צווישען די גלגלים... און זיי אַליין פיהלען אויך, ווי עס ציהט זיי עפּיס אַהין אַרויף, צו יענע ווייסע פאַסמעס און צו יענע קליינע שטע־רענדלעך; צו די נשמות, וואָס בלאָנזען דאָרט אַרום און גע־פינען ניט קיין רוה...

גאָט ווייסט, אויב ס'איז נאָך עמיצען אויף דער גאַנצער וועלט געווען אַזוי גוט, ווי אונזער פּאָרעל אָדם מיט חוה'ן אין גן־עדן, און אויב עמיצער נאָך האָט געהאַט אַזאַ גליקליך עלטער, ווי דאָ, ביי זיי אין גן־עדן, האָט געהאַט דער אַלטער רב רב יוזיפיל פון כתרילעווקע.

געוועזן. היינט בפרט נאָך איצט אויף דער עלטער! איין זאַך איז נאָר שלעכט: ס'וועט איהם זיין ביי זיי אביסעל ענגליך. איז דאָ איין עצה: אָדם מיט חוה'ן קאָנען גאַנץ פיין שלאָפען אין באָד, און „דער רבי" אין שטוב. די באָד מיט דער שטוב איז במילא איין שטוב, שטעהען אונטער איין דאַך. נאָך אַ מעלה האָט די באָד, וואָס ווינטער איז דאָרטען וואַרעם, טאַקי ווי אין אַ גן־עדן. אמת, די דאָזיגע מעלה איז אַ מעלה נאָר ווינטער, און קומט זומער — ווערד פון דער מעלה אַ חסרון. ס'איז אַזוי הייס, אַז ניט נאָר אין באָד — אין שטוב קאָן מען צעגאַנגען ווערען פאַר היץ. איז אָבער פאַרהאַן איין אַנדער עצה: שלאָפט מען אין דרויסען. זומער אין דרויסען איז דאָך טויזענד מאָל בעסער ווי אין שטוב, ובפרט נאָך דאָ, ביי'ם ברעג טייך, איז דאָך טאַקי אַ גן־עדן. אמת די דאָזיגע מעלה האָט אין זיך אויך אַ שטיקעל חסרון, וואָס איבער די זשאַבעס איז דאָ, ביי'ם ברעג טייך, אונ־מעגליך צו שלאָפען. איז דער תירוץ: למאי אין שטוב? אין שטוב ביי זיי איז דען ניטאָ קיין זשאַבעס? עס האָט זיך דען ניט געטראָפען חוה דער בעדערין וויפיעל מאָל, אַז זשאַבעס זאָלען איהר שפּרינגען גלייך אין פּנים אַריין אָדער פון בעט, אָדער פון דער דייזשע, אָדער גאָר פון אויווען אַרויס?... בקיצור, מע האָט דעם „רבי'ן" בעלעגט אין שטוב, און אָדם מיט חוה'ן האָבען זיך בע־זעצט אין גן־עדן, דאָס הייסט אין באָד, און האָבען אַכטונג גע־געבען אויפ'ן „רבי'ן", ס'זאָל איהם דאָ זיין גוט, ער זאָל האָבען אַלסדינג צו דער צייט, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און מיט דער צייט זענען זיי צו איהם געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען, ליעב געקריגען, אַזוי ווי עפּיס איין אייגענעם.

גערופען האָט זיי דער אַלטער רב יוזיפיל „קינדערלעך", און זיי איהם — „רבי". און ניט אומזיסט, וואָרום זיי האָבען אויף זייער גאַנצען לעבען ביז אַהער ניט געהערט אַזוי פיעל תורה, וויפיעל זיי האָבען זיך אָנגעהערט דאָ פונ'ם אַלטען רב רב יוזיפיל

תחילת האָט רב יוזיפּיל גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז ס׳זאָל זיין אמת: זיי לויפען? וואָס הייסט, זיי לויפען? נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס יאַמשאָווע שטעקעל מיט דער אויסגעבוי־גענער בלעכענער גאַלקע, וואָס איז שוין אַלט אפשר אַזוי פיעל, וויפיעל ער איז רב אין כתריעלעווקע, און האָט זיך מטריח געווען מיט זיין עלטער אין שטאָדט אריין, און האָט נאָך געפונען עטליכע אידען קלויבען זיך אין וועג אריין, האָט ער זיי אָפּגעשטעלט, און מיט אַ זיס שמייכעל האָט ער גענומען זיי שטראָפען, זאָגען מוסר.

עטליכע איבערגעבליבענע אידען האָבען איהם אויסגעהערט מיט זעהר אַ טיעפען זיפץ און געזאָגט מיט אַ ביטער שמייכעל:

— יאָ, איהר זענט זעהר גערעכט, נאָר פון דעסטוועגען, רבי, זעצט זיך און פאָהרט אויך מיט אונז! פאָלגט אונז, רבי, פאָהרט מיט אונז, און וואָס גיכער!

— פאָהרען? וואוהין? צו וואָס? צוליעב וועמען?

אָבער אַלע זיינע רעד זענען געוועזן אומזיסט אַרויסגעוואָר־פען, וואָרום די עטליכע איבערגעבליבענע אידען זענען שוין אויך געוועזן לאַנג פון יענער זייט שטאָדט.

געקומען אהיים אין גן־עדן, מיין איך: צום בעדער מיט דער בעדערין אין באָד אריין, האָט ער געטראָפען אָדם מיט חוה׳ן שטאַרק פערזאָרגט, כמעט אין טרערען, און ער רופט זיך אָן צו זיי:

— וואָס זענט איהר, קינדערלעך, אַזוי פאַרצאָרענט?

— סטייטש, מאַכען זיי צו איהם, איהר ווייסט דען ניט, וואָס עס טהוט זיך? דאָ איז נאָר וואָס געוועזן האפּקע?

— וואָסער האפּקע?

— האפּקע די ערלית׳טע, די וואָס פאַרלעשט די ליכט שבת. דערצעהלט זי זיך אָן אַזעלכע מורא׳דיגע זאַכען, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר!

און אָדם מיט חוה׳ן דערצעהלען איהם ביידע אינאיינעם, חאַפּען איינס פאַר דאָס אַנדערע, די אַלע מורא׳דיגע זאַכען, וואָס האפּקע דערצעהלט זיך אָן וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך. און

קאפיטעל יג.

כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען איז רב יוזיפיל אין כעס.

הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אז קיין אייביגע זאך זאָל ניט זיין אויף דער ערד; און שטענדיג גוט — דאָס טאָר ניט זיין קיינעם ניט, אין ערגיץ ניט! פאַרהאַן אַ שטן מקטרג, וואָס מישט זיך אריין, שטעהט ביי אונז שטענדיג הינטער די פּלייצעס און היט אונז די נשמה, גיט אכטונג, מיר זאָלען חלילה נישט פערגעסען אָן גאָט... דער דאָזיגער שטן האָט זיך אריינגעמישט אויך אַהער, אין דעם גן־עדן, וואָס מיר האָבען אויבען בעשריבען. און האָט שיער־שיער ניט ארויסגעטריבען פון דאַנען אָדם מיט חוה׳ן, און מיט זיי אינאיינעם — נעבאך דעם אלטען עלענדען זקן; שיער־שיער ניט חרוב געמאַכט דאָס נעסט, שיער־שיער ניט צע־שיידט די ליעבע און געטרייע, שיער־שיער ניט פערשטעהרט דאָס גליק אויף אייביג.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען חוה די בעדערין איז געקומען פונ׳ם מארק, געוואָלט קויפען פישלעך — איז ניט געווען, גע־וואָלט קויפען קאַרטאָפּלים — איז ניט געווען, אַ בינטעל ציבעלקע־לעך — איז ניט געווען, נישט געווען קיין לעבעדיגער נפש. פריי־טער האָט זי גערעכענט, אפשר איז זי צו־פריה ארויסגעגאַנגען אין מארק? האָט זי אַ ביסעל צוגעוואַרט. דערזעהן, אז ס׳איז שוין גרויסער טאָג, און אין מארק — איהר זאָלט זאָגען אַ משוגענער הונד! וואר־ניט־וואו זעהט זי אידען לויפען, פּאַקעווען זיך, קלויבען זיך אין וועג אריין. וואָס איז די מעשה? מע לויפט! וואוהין לויפט מען? אין דער וועלט אריין!...

און ביז חוה איז געקומען אהיים און איבערגעגעבען דאָס אָדם הראשונ׳ען, און ביז אָדם הראשון האָט דאָס איבערגעגעבען דעם „רבי׳ן“, איז שוין העכער אַ האַלבע שטאָדט געווען אויף יענער זייט בית־עולם.

קאפיטעל יד.

צוויי שטעדט בעגעגענען זיך און צעפאהרען זיך מיט גארניט — און א סוף.

געשניטען האט זיך דער עולם אויף דעם טראקט, וואס געהט קיין מאזעפעווקע, אין דער סביבה פון יעהופעץ, און דער ערשטער פונקט אויף אפצושטעלען זיך איז געווען קאזאדאיעווקע, אויך א אידישע שטאדט, וואס איז בעוואוסט מיט איהרע בעריהמטע ציעגען, וואס דער נאמען אליין בעווייזט שוין דערויף. קאזאדא־יעווקער ציעגען מעלקען זיך גאר אנדערש און זענען אפגעשיידט פון די כתרילעווקער ציעגען מיט זייערע הערנער, דאס הייסט דערמיט, וואס זיי האבען ניט קיין הערנער. אויפ'ן ארט פון הערנער איז ביי זיי עפיס א מארנע צאצקע פון פארענט, א מין של־ראש להבדיל, און זיי זענען בטבע זעהר פלאחעניסטע, געלאסען הייסט דאס און נאריש, א סך מעהר ווי די כתרילעווקער ציעגען. א קאזאדאיעווקער ציעג קאנט איהר בעגעגענען אין מיטען גאס, איהר ווייזען א ביסעל שטרוי און זאגען איהר: קאז־קאז־קאז! — שטעלט זי זיך אנידער, צענעמט די פיסלעך, חאטש נעמט מעלקט זי אויס...

אויך די אידען, להבדיל, זענען דארטען גאר נישט די אידען, וואס אין כתרילעווקע. דאס הייסט, די אידען זענען דארטען די זעלביגע אידען, וואס דא, מיט די זעלביגע נשמות, מיט די זעלביגע מאגענס, און אפילו די זעלביגע ארעמע לייט, וואס יענע. דער גאנצער חלוק איז נאר אינ'ם „ברוך־שאמר", דאס הייסט, וואס די כתרילעווקער אידען זאגען אינ'ם דאווענען פריהער „הודו" און נאכדעם „ברוך־שאמר", און די קאזאדאיעווקער אידען זאגען, פערקעהרט, פריהער „ברוך־שאמר" און ערשט נאכדעם „הודו". דאכט זיך, וואס איז, אייגענטליך, די נפקא־מינה: דאס פריהער, יענץ פריהער? סאי ווי סאי א תפילה פון גאט. ניין, זאגט דאס ניט! אין אמאליגע גוטע יאהרען, אז די כתרי־לעווקער און קאזאדאיעווקער אידען האבען געהאט פרנסה בכבוד

רב יוזיפיל דער רב־זיצט אַנגעשפּאַרט אויפ׳ן שטעקען און האָרכט, האָרכט מיט קאָפּ. ער זיצט און טראַכט און ענטפערען ענטפערט ער גאָר ניט. און נאָכדעם הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטען, לעגט־אַוועק נעבען זיך דאָס אַלטע יאַמ־שאַווע שטעקעל, טהוט אויס דאָס היטעל און בלייבט אין דער יאַרמעלקע, און רופט זיך אָן צו אָדם מיט חוה׳ן:

— הערט זשע אויס, קינדערלעך, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָס אַלסדינג, וואָס איהר דערצעהלט אָט־דאָ, איז דאָס אַלץ פּוסטע זאַכען, ניט ווערטה קיין שמעק־טאַבעקע! הנה זייט ווי־סען, אַז לא ינום ולא יישן שומר ישראל, גאָט שלאָפט ניט. איך וועל אייך דערצעהלען אַ משל מיט אַ מלך. אמאָל איז געווען אַ מלך...

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איהר הערט בעסער, וואָס האָפקע דערצעהלט זיך אָן! — אזוי חאַפּט זיך אַרויס אָדם הראשון און האָט באַלד חרטה: ער פיהלט, אַז ס׳איז גראָבליך, זעהר גראָבליך פון זיין זייט. נאָר פעררייכטען האָט ער שוין ניט געקאָנט: רב יוזיפיל האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון איהם, זיך אָנ־געטהאָן אין טלית ותפלין, גענומען אַ ספר, דאָס אַלטע יאַמשאַווע שטעקעל נעבען זיך, און זיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם טיש אויבען־אָן, ווי אַ מלך בשעת מלחמה, אָנגעוואָפענט פון קאָפּ ביז פיס, און געקוקט מיט גרויס גדלות, ווי איינער רעדט:

— אנו, לאָז, אשטייגער, עמיצער פּרובען צוטרעטען אהער?...

און פון זיינע אַלטע שוואַרצע אויגען און פון זיינע אַלטע גרויע האָר האָט אַרויסגעקוקט אַזוי פיעל גבורה און רוהיגקייט, אַז אָדם מיט חוה׳ן האָבען זיך געפיהלט, אַז נישקשה — זיי האָבען אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרען.

עס מיט פעטש און אויסגעלאָזט מיט מסירות און מיט יאַבעדעס און מיט גראַבעניש און מיט בעגראַבעניש — די וועלט האָט מיט זיי דעמאָלט געהאַט צו טהון, ווילד־פרעמדע האָבען זיך אריינ־געמישט אין זייערע משפטים, געמאַכט חוזק פון זיי מיט זייערע אידישע מנהגים און פוסטע גענג, זיי געגעבען אַ שענעם נאָמען „פאַנאַטיקער". בקיצור, ס'איז געוועזן פע, חולשי חלשות!

אמת, יענע נארישע נאָר גליקליכע יאָהרען זענען שוין לאַנג אַוועק, און גאָט ווייסט, אויב זיי וועלען זיך אַמאָל אומקעהרען; אמת, עס האָט זיי אַלעמען אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז זיי האָבען גרעסערע מכות פון „הודו" מיט'ן „ברוך־שאָמר"; נאָר די שנאה צווישען די כתרילעווקער מיט די קאָזאָדאָיעווקער איז פערבליבען אַ שנאה, וואָס מיט'ן שכל קאָן מען זי ניט געבען יענעם צו פערשטעהן בשום אופן... געה, אשטייגער, געב צו פערשטעהן דעם שכל, פאַר וואָס, למשל, אַז אַ קליין שייגעצעל אין כתרילעווקע, אַז סע דערזעהט אַ אידען, מוז דאָס חאַפּען דאָס היטעל אין די ציהען און אָנהויבען טרייסלען דאָס אהין און אַהער און זינגען בשעת מעשה אַ ליעדעל: „זשיד זשיד! חאַלאַמיד! זאַהוביוו טשערעוויק! אַ יאַ שאָוו! טאַי נאַשאָוו! טאַי פידניאָוו! טאַי פישאָוו!" אָדער פערקעהרט, געהט זייט אַ חכם און גיט צו פערשטעהן דעם שכל, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אשטייגער, וואָס ביי אַ כתרילעווקער אידען, וויבאַלד ער רעדט פון ניט קיין אידען, אַזוי הויבט ער אָן אויסנוצען וויפיעל ער האָט לשון־קודש־ווערטער: „געב דעם ערל אין די ידים אַ צנצנת יי"ש, נאָר ניט מלא, מיט אַ שטיקעל לחם, וואָרום ער האָט נאָך היינט גאָר ניט גע'אכל'ט, און זיי איהם משלם צוויי זהובים, און לאָז ער הלכ'ענען, נאָר געב אכטונג מיט די עינים, ער זאָל עפּיס ניט לקח'ענען"... דאָס זענען פון די זאַכען, וואָס פערשטעהן מיט'ן שכל קאָן מען דאָס ניט, מע בעדאַרף עס פיהלען.... נאָר מיר קעהרען זיך אום צו די רתרילעווקער און קאָזאָדאָיעווקער אידען.

און ס'איז זיי אָפּגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, נאָר קאַפּוועהטיג, האָט זיך פאַר דעם „ברוך־שאָמר“ מיט דעם „הודו“ געגאָסען בלוט. עס האָט זיך וויפיעל מאָל געמאַכט, אַז אַ קאַזאַדאָיעווקער איז געקומען קיין כתרילעווקע אין בית־המדרש אריין דאַוונען, און דער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט צום עמוד, אָנגערוקט דעם טלית, זיך צעשאָקעלט און אַ זאָג געטהאָן מיט אַ ניגון:

— הודו לה' קראו בשמו...

האָט זיך דער קאַזאַדאָיעווקער צעלאָזט אויף דער הויכער אָקטאַווע:

— ברוך שאָמר והיה העולם!

און פערקעהרט, אַז אַ כתרילעווקער איז געקומען קיין קאַזאַדאָיעווקע אין שוהל אריין, און דער חזן האָט זיך פער'דבקה'ט, נאָר־וואָס פערמאַכט די אויגען, אויפגעהויבען דעם קולאָק און אָנגעהויבען דעם „ברוך־שאָמר והיה העולם“, האָט זיך דער כתרי־לעווקער צעלאָזט אויפ'ן געלענקעל:

— הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילו—ו—ו—ו—תיו!

דער „הודו“ אליין איז פאַר דן קאַזאַדאָיעווקער ניט געוועזען אַזוי פריקרע נאָך, ווי דער „עלילותיו“, וואָס דער כתרילעווקער האָט אויסגעצויגען אפשר אויף אַנדערהאַלבען קלאַפטער. ממה נפשך, ווילסט זאָגען „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו“? — שטעל זיך אַוועק און זאָג דיר דאָרטען אָפּ: „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו“. צו וועלכע גוטע יאָהר נוצט דאָס דיר, אַז' דו זאָלסט אַזוי אויסציהען אויף אַ קול דעם „עלילו—ו—ו—ו—ותיו“? טהוסט דו דאָך עס, אַפּנים, אויף צו־להכעיס? איז ווי באַלד דו ביזט אַזאַ צו־להכעים'ניק, קומט דיר פּעטש! און מע האָט איהם דעמאָלט אריינגעלעגט וויפיעל ס'איז אין איהם אריין, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די כתרילעווקער און קאַזאַדאָיעווקער אידען אַ שנאה און געצייגען זיך לאַנגע־לאַנגע יאָהרען. אָנגעהויבען האָט זיך

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : פון וואַנען־זשע ווייסט איהר, אַז מיר — נים?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : אַט אַזוי זשע רעדט. וואוהין־זשע לויפען דאָס אידען?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : וואוהין לויפט איהר?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : מיר? מיר לויפען... צו אייך.

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : און מיר צו אייך.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : וואָס וועט איהר טהון ביי אונז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : דאָס אייגענע, וואָס איהר ביי אונז.

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : הערסט! וואָס זשע דאַרפען מיר לויפען צו אייך און איהר צו אונז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : בכדי, אפנים, מיר זאָלען זיך בייטען מיט די ערטער?

ק אַ ז אַ ד אַ י ע ו ו ק ע : ווערטלעך אויף אַ זייט! איהר זאָגט אונז בעסער דעם שכל: וואָס לויפט איהר?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע : וואָס לויפט איהר?...

. . . .

. . . .

ערשט אַט־דאַ, אַז די צוויי שטעדט האָבען זיך צערעדט, זיך רעכט בעטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זיין, מיט זייטיגע אויגען, האָבען זיי אַרויסגעזעהען, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבען...

— געזעהען אַביסעל? זיך צעלאָזט! מע לויפט! וואָס לויפט מען? וואוהין לויפט מען? אַ לויפעניש אויף זיי!

און מע האָט אָנגעהויבען ווישען די אויגען, וויינען און קרעכצען:

— אַז אָך און אַז וועה איז צו אונז אַלעמען, אויף וואָס מיר זענען איבערגעקומען!

און מע האָט זיך צערעדט, אָנגערעדט ווי די פּויקען, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ... און נאָכדעם האָט מען זיך געגעבען

פאַרהאַן אַזעלכע מאָמענטען אינ'ם מענשענ'ס לעבען, וואָס אַלסדינג ווערד פערגעסען, אַלסדינג ווערד אָפּגעמעקט, גלייך ווי גאָר ניט געוועזען; און ס'איז אַ גליק, וואָס עס איז אַזוי. אַניט, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט! גאַנץ גלייך האָבען אונזערע חכמים מתקן געוועזען, אַז ערב יום־כפור, בשעת מלקות שלאָגען, איז מען זיך איינס דאָס אַנדערע מוחל.

אויך די שנאה פון די כתרילעווקער מיט די קאָזאָדאָיעווקער, אַז זיי האָבען זיך בעגעגענט אין וועג אין אַזאַ שען שטיקעל צייט פון בהלות און לויפעניש, איז מיט אַ מאָל אוועקגעפלויגען, ווי מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך — אויס שנאה! און בעגעגענט האָט זיך כתרילעווקע מיט קאָזאָדאָיעווקע פּונקט אויף דער מיט־וועג, אין פעלד, ניט ווייט פון יענעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ אידישע קרעטשמע, וואָס מען האָט זי גערופען „די דעמבענע“, און וואָס האָט איבער'ן מאַנאַפּאָל געמוזט צומאַכען זיך. עס האָט איהר גאָר ניט געהאָלפען!

אַז כתרילעווקע מיט לאַזאַדאָיעווקע האָבען זיך בעגעגענט, האָבען זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט, און ס'איז צווישען די צוויי פאַרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וואוהין פאָהרען דאָס, אַשטייגער, אידען?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: וואוהין פאָהרט איהר?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: מיר? מיר פאָהרען גלאַט אַזוי, איטליכער מכח זיין עסק, פּאַ דיעלו הייסט עס...

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: אַ גאַנצע שטאָדט פאָהרט מכח עסק?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וואָס זענט איהר? ניט קיין גאַנצע שטאָדט?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: מיר זענען עפּיס אַנדערש; מיר פאָהרען ניט — מיר לויפען.

אויסגעטרייסעלט

געשריבען אין יאהר 1902.

די הענד, מע האָט זיך גאַנץ פיין אָפגעזעגענט און צעקושט זיך גאָר פריינדליך, ווי אמת'ע גוטע פריינד, ווי מחותנים, וואָס האָבען זיך נאָר־וואָס משדך געווען, אָדער ווי מאַן און ווייב, וואָס האָבען זיך געַ'גט און צוריק גענומען זיך, און מע האָט אויסגע'בטל'ט אַלע בייזע ווילדע חלומות אויף די שונאים'ס קעפּ, און מע האָט זיך געווינשעוועט איינס דאָס אַנדערע, אַז דערמיט זאָל מען שוין אָפּקומען, געזאָגט מיט אַ ביטערען געלעכטער: „יהי רצון“... און מע האָט אַ וואונק געטהאָן צו די ערלים, זיי זאָלען מוחל זיין פערקערעווען די פערדלעך צוריק.

און די צוויי שטעדט זענען זיך צעפאָהרען צוריק אויף זייערע ערטער: כתרילעווקע קיין כתרילעווקע, קאַזאַדאַיעווקע קיין קאַזאַדאַיעווקע. שטיל, אָהן ווערטער, האָט מען זיך אריינגע־גנב'עט צו זיך אהיים, ווי די פויגעלעך, איטליכער אין זיין נעסט אריין. שטיל, אָהן ווערטער, האָט זיך איטליכער גענומען צו זיין אַרבייט, און נאָך לאַנג נאָכדעם פלעגט מען איבער'חזר'ען, איבערררעדען, דערמאָנען זיך נאָך אַ מאָל פון דער שענער בהלה, וואָס ס'איז אויף זיי געווען. און בכדי די שפּעטערדיגע דורות, אונזערע קינדס־קינדער, זאָלען אויך וויסען וועגען דעם, האָבען מיר זיך מטריח געווען בעשרייבען די דאָזיגע שענע עפּאָפּעע אין אונזער פּראָסטער אידישער שפּראַך און אַרויסגעבען זי בעזונדער אין אַ ביכעל, ס'זאָל בלייבען נאָך אונז אַ זכר אויף דור־דורות.

ז׳

אויסגעטרייסעלט

— שאָט! — רופט זיך אָן אַ איד מיט קיילעכיגע אויגען, ווי ביי איין אָכס, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט אין ווינקעל ביי׳ם פענסטער און האָט געררויכערט און געהערט מעשיות פון גנבות, גזילות, עקספּראָפּריאַציעס. — אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענס, אויך מיט א גנבה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפען ביי אונז, און דוקא אין בית־המדרש האָט זיך דאָס געטראָפען, און נאָך יום־כפור דערצו! איהר מעגט דאָס האָרכען.

אונזער שטעדטעל כתרילעווקע, — איך בין אַליין אַ כתרילעווקער — איז אַ קליין שטעדטעל און איין אָרעמס. קיין גנבים איז ביי אונז נישטאָ. מע גנבה׳ט נישט, ס׳איז נישטאָ ביי וועמען צו גנבה׳נען, און ס׳איז נישטאָ וואָס צו גנבה׳נען, און אָהן אַלעמען איז דאָך גלאַט אַ איד קיין גנב נישט. דאָס הייסט, אַ איד איז אפילו יאָ אַ גנב, נאָר נישט אַזאַ גנב, וואָס זאָל קריכען דורך אַ פענסטער, אָדער געהן מיט אַ מעסער יענעם קוילען. דרעהען, אויסדרעהען, אַריינדרעהען, פאַרדרעהען און אָפּדרעהען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהכתיתי; אָבער נישט קריכען יענעם אין קעשענע אַריין, מע זאָל איהם חאַפּען פאַר דער האַנד און מע זאָל איהם נאָכדעם באַדאַרפען פיהרען מיט אַ געלער לאַטקע אויף דער פּלייצע — דאָס פּאַסט פאַר איוואַן זלאָדי, אָבער נישט פאַר קיין אידען... שטעלט אייך פאָר, האָט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע געטראָפען אַ גנבה, און נאָך וואָסער אַ גנבה — אַכצעהן הונדערט קאַרבען אין איין קלאַפּ!

דער איד מיט די קיילעכיגע אויגען שטעלט זיך אָפּ, בעטראַכט דעם עולם, וואָס פאַר איין איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונז זיין וויץ, און דערצעהלט ווייטער.

— קיצור־הדבר, אונזער אורח האָט זיך באַזעצט אויבען־אָן און האָט געבעטען ביי'ם שמש א שטענדער. אָנגעבויגען זיך איבער'ן שטענדער, האָט זיך אונזער אורח צו כל־נדרי אָנגעטהאָן אין טלית און אין קיטעל און האָט זיך אוועקגעשטעלט דאַוונען, האָט ער גערדאַווענט און גערדאַווענט, די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פיס, זיך נישט צוגעזעצט — פון צולעגען זיך שמועסט מען נישט! — ער איז נישט אָפּגעטראָטען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט, דער ליטוואַק, סיידען דעמאָלט, ווען מע האָט באַדאַרפט זיך שטעלען שמונה־עשרה אָדער פאַלען כורעים... אָפּפאַסטען אַזאַ טאָג און אויסשטעהן אויף די פיס, זיך נישט צוזעצען אפילו — דאָס קאָן נאָר א ליטוואַק!... ערשט נאָכ'ן לעצטען בלאָז, אַז ס'איז געקומען צום וואָכעדיגען מעריב, און חיים־חנא דער מלמד (דער מעריב קומט חיים־חנא דעם מלמד פון קדמונים) האָט זיך אָנגעהויבען ציקלען: „המעריי־יי־יב ערבים!“ — פּלוצים הערט זיך א געשריי: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!“... מע טהוט א קוק — דער אורח ליגט אויף דער ערד און חלש'ט. מע גיסט איהם אָפּ מיט וואַסער, מע מינטערט איהם אָפּ — ער חלש'ט ווייטער. וואָס איז די מעשה? א שענע מעשה. ער האָט געהאַט מיט זיך, דער ליטוואַק הייסט דאָס, אכצעהנהונדערט קאַרבען, האָט ער מורא געהאַט, זאָגט ער, זיי איבערצולאָזען אויף דער אכסניה — א ווערטעלע אויסצורערען אכצעהנהונדערט קאַרבען! ווען פאַרטרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלט אין א פרעמדער שטאָדט? האַלטען זיי ביי זיך אין קעשענע אום יום־כפור איז עפּיס אויך נישט קיין פּלאַן. האָט ער זיך מיישב געווען, זאָגט ער, און האָט זיי אַריינגערוקט שטילערהייד אין שטענדער אַריין — א ליטוואַק קאָן! אַצינד פאַרשטעהט איהר שוין, פאַר וואָס ער איז נישט אָפּגעטראָטען פונ'ם שטענדער אויף קיין מינוט?... נאָר בשעת שמונה־

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה, עס קומט צו פאהרען צו אונז אין שטאָדט אריין איין אורח, עפּיס א איד א פאדראטשיק פון דער ליטאַ, פונקט אום ערב יום־כפור פאר מנחה, שטעלט זיך אָפּ. געוויינטליך, אויף איין אכסניה, לעגט־אָפּ דעם קלומעק און לאָזט זיך געהן גלייך אין שוהל אריין און טרעפט אין אלטען בית־המדרש. געקומען אין בית־המדרש צו מנחה, טרעפט ער די גבאים ביי דער שיסעל. — „שלום עליכם!“ — „עליכם שלום“. — „פון וואנען איז א איד?“ — „פון דער ליטא“. — „מה שמכם?“ — „וואָס איז אייער באבע'ס דאגה?“ — „איהר זענט דאך געקומען אין א שוהל“. — „וואוהין דען זאָל איך געהן?“ — „ווילט איהר מסתמא ביי אונז דאוונען?“ — „א ברירה האָב איך? וואָס דען זאָל איך טהון?“ — „גיט־זשע עפּיס אין שיסעל אריין“. — „וואָס דען, אומזיסט וועל איך דאוונען?“

קיצור־הדבר, אונזער אורח נעמט ארויס דריי זילבערנע קאר־בען און גיט אין דער שיסעל אריין, און א חוץ דעם — אינ'ם חזנ'ס טעלער א קארב, דעם רב א קארב, אויף דער תלמוד־תורה א קארב, אין צדקה־טעלער א חצי פויגעל, א חוץ וואָס ער האָט צעטיילט די אָרעמע לייט, וואָס ביי דער טהיר, — זיי זענען פאראַן ביי אונז, קיין עין־הרע, אזוי פיעל, אז מע זאָל זיך וועלען צולאָזען צו זיי, באדארף מען צעטיילען רויטשילד'ס פארמעגען.

דערזעהען אזא מין אורח, האָט מען דאך איהם מסתמא אָפּ־געטראָטען א שטאָדט סאמע אין מזרח־וואנט. אי, וואו האָט מען גענומען א שטאָדט, אז אלע שטערט זענען פארנומען? איז קיין קשיא נישט. למאי וואו נעמט זיך איין אָרט, אז סע מאַכט זיך א שמחה, א חתונה, אָדער א ברית, אלע זיצען שוין ארום טיש, פּלוצים ווערד א גערודער, — וואָס איז? דער נגיד איז געקומען! קוועטשט מען זיך אזוי לאנג, ביז מע מאַכט איין אָרט פונ'ם נגיד'ס וועגען. קוועטשען זיך איז א אידישע זאַך; אז קיינער קוועטשט זיי נישט, קוועטשען זיי זיך אליין...

פון קינדער, אזא אוצר מיט געלט, און ווען? אין אזא הייליגען טאג, ווי יום־כפור, און אפשר נאך צו נעילה, — אזא מעשה איז דאך נישט געהערט געווארען זינט די וועלט שטעהט! סע גלויבט זיך מיר גארנישט, אז ס'קאן געמאהלט זיין אזא זאך, סע קאן נישט זיין בשום ענין ואופן! און אפשר, א קשיא אויף א מעשה, אידען זענען נעבאך זשעדנע א קערבעל, ובפרט נאך אזא איין אוצר, אכצעהנהונדערט קארבען, דער יצר־הרע רחמנא ליצלן איז געגוג גרויס, טאמער איז עמיצער פון אונז געשטרויכעלט געווארען, באַ־שערט געווען עמיצען נעבאך איין אומגליק, טהון אזא איין עבירה אין אזא טאג, באדארפען מיר זעהען די זאך חוקר ודורש זיין, דער־גרונטעווען זיך ביז'ן שורש. הימעל און ערד האבען געשווארען, אז דער אמת מוז ארויף ווי בוימעהל אויפ'ן וואסער. על כן, זאגט ער, באדארפען מיר זיך באזוכען איינס דאס אנדערע, באזוכען, באַ־טאפען, טרייסלען אלע קעשענעס, פונ'ם ערשטען בעל־הבית, זאגט ער, ביז'ן שמש, נישט דורכלאזען קיינעם נישט. נאט, אידען, טריי־סעלט מיך!

אזוי האט זיך אפגעזאגט אונזער רב, רב יוזיפיל, און האט זיך דער ערשטער צעגארטעלט די קאפאטע און איבערגעקעהרט אלע קעשענעס אויף דער לינקער זייט. און, אויף איהם קוקענדיג, האבען אלע בעלי־בתים זיך צעגארטעלט און אויסגעקעהרט די קע־שענעס, און מע האט גענומען באזוכען און באטאפען און טרייסלען איינס דאס אנדערע, אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסל'ען, איז ער געווארען אלערליי געשטאלטען און האט אנגעהויבען טענה'ען, ערשטענס, אז דער אורח איז א שווינדלער, ס'איז א מאניפארגע פון א ליטוואק, מע האט ביי איהם קיינער קיין געלט נישט גע'גנבה'ט, שקר וכזב, — איהר זעהט נישט, אז ס'איז א געמאכטע זאך?...

האט דער עולם אנגעהויבען ליארעמען נאך שטארקער: סטייטש, בעלי־בתים האבען זיך געלאזט באזוכען, פאר וואס זאל מען לייזער־

עשרה שטעהן אָדער בעת כורעים פאַלען האָט, אפּנים, דאָס געלט עמיצער אַרויסגע'לקח'ענט.

קיצור־הדבר, ער גוואַלדעוועט, ער וויינט, ער לעגט־איין די וועלט: וואָס וועט ער איצטער טהון אָהן געלט? ס'איז, זאָגט ער, פרעמד געלט, ס'איז נישט זיינס, ער איז נאָר אַ משולח פון אַ קאַנ־טאָר, אַ איד איין אָרעמאַן, זאָגט ער, און אַ מטופל מיט קינדער, — עס קומט דאָך איהם איצטער, זאָגט ער, נאָר נעמען און אַריינ־וואַרפען זיך אין וואַסער אַריין, אָדער אויפהענגען זיך, זאָגט ער, אָט דאָ אין שוהל פאַר אַלעמען אין די אויגען!!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז דער גאַנצער עולם געבליבען שטעהן ווי געלעהמט, גאָר פאַרגעסען, אַז ס'איז נאָך אַ תענית און מע באַדאַרף געהן אַהיים גיכער זיך אָפּפאַסטען. ס'איז אונז געווען אַ בזיון פאַר'ן אורח, אַ חרפּה, אַ בושה פאַר זיך אַליין: אַזאַ גנבה, אַכצעהן הונדערט קאַרבען! און וואו? אין בית־המדרש, אינ'ם אַלטען כתריל'עווקער בית־המדרש! און ווען? יום־כפּור! אַזאַ מעשה איז ניט געהערט געוואָרען אין דער וועלט!

— שמש! פאַרשליס די טהיר! — אַזוי האָט געגעבען אַ בעַ־פעהל אונזער רב. מיר האָבען אונזער אייגענס אַ רב, הייסט ער רב יוזיפיל, איין אמת'ער איין עהרליכער איד, אַ כשר'ער, אפילו נישט אַזאַ איבערגעשפּיצטער, נאָר אַ מזג־טוב, אַ מענטש אָהן אַ גאַל. ער האָט אין זיך אַמאָל אַזעלכע איינפאַלען, וואָס איהר וועט דערויף קיינמאָל נישט פאַלען, איהר זאָלט זיין מיט אַכצעהן קעפּ! פאַרשלאָסען די טהיר פונ'ם בית־המדרש, רופט זיך אָן רב יוזיפיל דער רב צום גאַנצען עולם, און אַליין איז ער בלאַס, ווי די וואַנט, די הענט ציטערען איהם און די אויגען ברענען:

— שמעו נא, רבותים, הערט צו, אידען, ס'איז אַ מיאוס'ע מעשה! אַזאַ מעשה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט, אַז ביי אונז, אין כתריל'עווקע, זאָל זיך געפינען אַזאַ בעל־עבירה'ניק, אַזאַ פּושע־ישראל, וואָס זאָל האָבען אַ פּאַ־טעפאַלנעסט צונעמען ביי אַ פרעמדען מענטשען, נעבאָך אַ טאַטע

רב יוזיפיל אליין האט אויף איהם געזאגט, אז ער מעג זיין א רב בכל תפוצות ישראל... און פון די אלע היינטיגע זאכען שמועסט מען נישט. איהר קאנט פארשטעהן, ביי אונז איז פארהאן איינער א גאנצער חקרן, זיידעל רב שעיה'ס, א רעכטער משוגע'נער, איז ער א הונט אקעגען לייזער־יוסל'ען! היינט זיין שפיעלען אין שאך פארמאגט נישט די גאנצע וועלט! אז מע שמועסט א געראטענער!

אודאי האט די שטאדט מקנא געווען אונזער נגיד אויף אזא תכשיט, האטש אפילו דער עולם האט געשמועסט, אז דער תכשיט איז געחאפט אויף דער מעשה. דהיינו? ס'איז נישט געפעלען דער עולם, וואס ער איז צו קלוג (וואס צו — איז איבעריג) און איז צו פיעל איין עניו ביי זיך, א גו'טער ברודער מיט איטליכען באזונדער, זאפאני־בראטא מיט'ן קלי'נסטען פונ'ם קלענסטען. עס מעג זיין א בחור, עס מעג זיין א מיידעל, עס מעג זיין איין אשת־איש... היינט איז נישט געפעלען דאס ארומגעהן זיינס — פארטראכט, קומט אין שוהל אריין שפעטער פון אלעמען, טהוט אן דעם טלית און קוקט אין „באר־מים־חיים", אדער אין „אבן־עזרא" אריין, די יארמעלקע פון יענער זייט, און דאוונען נישט א לעק! מע זאל עפים זעהן אויף איהם שלעכטס האט מען נישט געזעהען גאר נישט, נאר געמורמעלט האט מען, אז קיין גרויסער ירא־שמים איז ער נישט — א מענטש מיט אלע מעלות קאן נישט זיין!

כך הוה. אז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסל'ען און מע האט זיך גענומען צום בחור, וואס איז די מעשה, וואס ער לאזט זיך נישט באזוכען — דאס איז דאך שוין א סימן, אז דאס געלט איז ביי איהם! מאכט ער: לאז מען איהם געבען א שבועה דאורייתא, לאז מען איהם שניידען, בראקען, בראטען, ברענען, אבי נישט טרייסלען די קעשענעס! דא איז שוין אונזער רב רב יוזיפיל, האטש ער איז א מענטש אהן א גאל, אויך ארויס פון די כלים און האט זיך צעשריגען אויף איהם:

— דו אזעלכער און אזעלכער! ביזט דאך ווערטה, מע זאל דיך וויים איך וואס! סטייטש, דו זעהסט, סע צאפט זיך אידען

יוסל'ען אויסמיידען? נישטאָ קיין מיוחסים! „באַזוכען! באַ־זוכען!" — האָט געשריגען דער גאַנצער עולם.

לייזער־יוסיל האָט דערזעהן, אז ס'איז שלעכט, האָט ער אָנגע־הויבען בעטען זיך רחמים, מיט טרערען אויף די אויגען, מע זאָל איהם נישט באַזוכען. ער האָט זיך געשוואָרען מיט כל השבועות, ער זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס, ווי ער איז ריין פון דער גנבה. נאָר וואָס דען? ס'איז איהם אַ בזיון, זאָגט ער, ער בעט, מע זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע יונגע יאָהרען און מע זאָל איהם נישט אָנטהון דעם בזיון, מע זאָל איהם נישט באַזוכען. „טהוט מיר, זאָגט ער, וואָס איהר ווילט, נאָר טרייסלען זאָלט איהר מיך נישט!" ווי געפעלט אייך אַזאַ ימח־שמו'ניק? ווי מיינט איהר, אשטייגער, מע האָט איהם עפּיס געהערט? געלעגט כבוד?...

נאָר שאַט! איך האָב אייך גאָר פאַרגעסען דערצעהלען: ווער איז דער לייזער־יוסיל. דער דאָזיגער לייזער־יוסיל איז אַליין נישט קיין כתרילעווקער, ער איז גאָר אַליין פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, נאָר ער שטעהט איין ביי אונז אין כתרילעווקע פּאָר איי־איידעם. דאָס האָט איהם אונזער נגיד אויסגעקראַצט פון ערגיץ. זיך באַריהמט, אז ער האָט דערטאַפּט איין אבן־טוב, געהאַנדעלט אַ מציאה פאַר זיין טאָכטער, טויזענד בלאַט גמרא אויף אויסווענינג, און אַ בעל־תנ"ך, און אַ בעל־לשון־קודש, און אַ בעל־חשבון, תשבורה מיט אַלגעברע, און אַ כתבא־רבא, הכלל מיט אַלע זיבעצעהן מעלות! געבראַכט צו פיהרען די צאַצקע, איז מען געגאַנגען קוקען אויף חדושים: וואָס האָט דאָ דער נגיד איינגעהאַנדעלט פאַר אַ מציאה. מילא, אַזוי אַ קוק טהון אויף איהם, איז גאָר נישט, אַ יונ־געמאַן אַ זכר, נישט קיין מיאוס'ער יונגערמאַן, נאָר די נאָז אביסעל צו אַ לאַנגליכע, אויגען ברענענדיגע, ווי צוויי קויהל פייער, און אַ מויל — פעך און שוועבעל! מע האָט זיך גענומען מיט איהם פאַר־הערען אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטעל פסוק, אַ שטיקעל רמב"ם, דאָס, יענץ — אש להבה! ער איז קלאָר, דער הונט, אומעטום, ווי אַ גוי אין אשרי, וואו מע טהוט איהם אַ חאַפּ, איז ער אין דערהיים!

— וואָס הייסט וואָסער געלט ? די אַכצעהנהונדערט...

— אָ־אָ־אָ ? — ציהט ער אויס. — די אַכצעהנהונדערט ? פאַרפאַלען.

— פאַרפאַלען ?

— פאַר — פאַ — לען !!!

בלוט, אַלע זענען מוחל אויף'ן בזיון און לאָזען זיך באַזוכען, ווילס דו זיין אַ יוצא מן הכלל? ! ממה־נפשך, אָדער זיי זיך מודה און געב־אָפּ דאָס געלט, אָדער ווייז די קעשענע ! דו שפּיעלסט זיך מיט, קיין עין־הרע, אַיין עדה אידען? מע וועט דאָך דיר דאָ איך ווייס אַליין נישט וואָס !

קיצור־הדבר, דער עולם האָט איהם גענומען, דעם שענעם בחור, מע האָט איהם אַנידערגעלעגט מיט געוואַלד און מע האָט איהם גענומען באַזוכען און באַטאַפּען, טרייסלען אַלע קעשענעס, און מע האָט ביי איהם אויסגעטרייסעלט... אַנו, טרעפט וואָס? אָפּ־געגריזעטע ביינער פון אַ פערטעל עוף און אַ פּאָר טוץ נאָך גאָר פרישע קערלעך פון נאָר־וואָס אויפגעגעסענע פלוימען! איהר פאַרשטעהט, וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט געהאַט, אַז מע האָט אויס־געטרייסעלט ביי אונזער תכשיט דעם דאָזיגען אוצר?... איהר פאַרשטעהט, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט. און דער שוועהר זיינער, דער נגיד, און דער רב נעבאָך?... אונזער רב יוזיפיל האָט זיך פאַר בזיון אָפּגעקעהרט אין אַ זייט, נישט געקאָנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין. און אַז דער עולם איז נאָכדעם געגאַנגען פון בית־המדרש אַהיים אָפּפאַסטען זיך, האָט מען נישט אויפגע־הערט צו דערצעהלען פונ'ם אוצר, וואָס מע האָט אויסגעטרייסעלט ביי'ם תכשיט און מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער! נאָר אַיין רב יוזיפיל איז געגאַנגען איינער אַליין, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרזאָרגט און פאַרצאָרענט, נישט געקאָנט קוקען קיינעם אין די אויגען אריין, גלייך ווי מע וואָלט דאָס אויסגעטרייסעלט ביי איהם אַליין...

דער איד האָט, ווייזט אויס, געענדיגט זיין געשיכטע, וואָרום ער האָט זיך גענומען צוריק צום רויכערען.

— נו, און דאָס געלט? — האָבען מיר איהם אַ פרעג גע־געבען אַלע אין איין קול.

— וואָסער געלט? — מאַכט צו אונז דער איד תמ'עוואַטע און בלאָזט דעם רויך.

די גאָלדשפּינערס

געשריבען אין יאהר 1909.

די גאָלדשפּינערם

א קורצער אריינפאָהר.

די „גאָלדשפינערס“ — פרעגט זיי עפּים גרינגערם, ווי אזוי שפּינט מען דאָס גאָלד? דאָס האָט מען זיי נאָר אַזאַ נאָמען גע־געבען אין כתרילעווקע מחמת קנאה; מען איז זיי מקנא, פער־שטהעט איהר מיך, וואָס זיי זענען גרויסע פערדיענער. דאָס הייסט, קבצנים זענען זיי, ניט פאַר אייך געדאַכט, גלייך מיט אַלע כתרי־לעווקער אָרעמע־לייט, נאָר אַז עס קומט פּורים, פערדיענען זיי שטיקער מיט גאָלד. דער אויבערשטער האָט זיי געבענשט אַלע פון זיין ברייטער האַנד, יעדען מיט אַ בעזונדער טאַלאַנט, און מען־שען מיט טאַלאַנט איז די וועלט מקנא. דאָס איז שוין אזוי אַלט, ווי די וועלט איז אַלט. מיר ווילען זיך דעריבער גאָר ניט אָפּשטע־לען אַפילו אויף אַ מינוט און געהען אריבער גלייך צו אונזערע בעשרייבונגען.

א.

דער קאָפּ פון די גאָלדשפּינערם: נפתלי מיט די פּים.

נפתלי מיט די פים איז אַ איד מיט סכנות־לאַנגע פים, וואָס הויבען זיך אָן ביי איהם כמעט פון דעם האַלז. קיין מענש איז ניט אימשטאַנד מיט נפתלי'ן צו געהן און ניט בלייבען פון הינטען;

דער וועט פערשטעהן, אַז די ראָליע פון ממוכן איז זעהר אַ וויכ־טיגע ראָליע. אויף ממוכנ'ען, קאָן מען זאָגען, שטעהט דאָס גאַנ־צע שפּיעל. דאַרף מען אַריינרופען ושתי'ן, זי זאָל קומען פאַר'ן קעניג אחשורוש אַ נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, — איז ממוכן. דאַרף זיך דער קעניג האַלטען איין עצה, וואָס טהוט מען מיט ושתי'ן, וואָס זי וויל נישט געהן קיין נאַקעטע, — איז ממוכן. דאַרף זיך מרדכי דורכרעדען דיפּלאָמאַטיש מיט אסתר'ען, — איז ממוכן. הכלל — ממוכן דאָ, ממוכן דאָרט, ממוכן און ממוכן! און איהר בעדאַרפט זעהן, ווי אונזער ממוכן אַרבייט מיט די פיס. אָט האָט איהר אייך אַ ביישפּיעל:

עס עפענט זיך אויף די טיר און עס קומען אַריין די פּורים־שפּיעלער מיט'ן ברייטען „גוט יום־טוב“. נאַטירליך; בלייבען אַלע אַקטיאָרען שטעהן האַרט ביי די וואַנד, מיט די הענד אַראָפּ; נאָר איין ממוכן טרעט־אַרוים מיט די לאַנגע פיס, מיט אַ שווערד אין דער האַנד און מיט אַ פּאַפּיערענעם ספּאַדיק אויפ'ן קאָפּ, אַ שפּאַן אַהער, אַ שפּאַן צוריק — און שיט מיט גראַמען, ווי פון אַ ראָזשעק (בסוד דאַרף מען אייך אויסזאָגען, אַז די אַלע גראַמען, וואָס איהר בעגעגענט אָט דאָ, געהערען טאַקי צו ממוכנ'ען, דאָס הייסט, נפתלי מיט די פיס האָט זיי אַליין אויסגעטראַכט פון זיין קאָפּ):

„איך, ממוכן, דער הויפמייסטער,
פונ'ם קלוגען קעניג אחשורוש
דער שטאַלמייסטער,
בין געשיקט צו ושתי'ן דער קעניגין,
זי זאָל זיך פאַר די געסט טון טאַנז פאַרנייגון
אַ נאַקעטע, אַ באָרוויסע, ווי ביי'ם זיידען
אדם הראשון אין גן־עדן.
אַריין, אַריין, אַריין,
מלכה ושתי דו מיין!“

רייסט זיך אָפּ פון דער וואַנד די מלכה ושתי (בערעל פּאַנ־פּאַטש) און ענטפערט איהם אָפּ אויך מיט גראַמען, און אויך

ניט מחמת דער גאנג איז ביי איהם אזא גיכער, נאר ווייל דער שפאן איז א ברייטער. אט, דאכט זיך, זעהט איהר איהם אויף דער זייט גאס. איהר טהוט זיך א ריהר — אהא, ער איז שוין אויף יענער זייט. די דאזיגע פיס — דאס איז נפתלי'ס קאפיטאל, זיינע כלי־זין, זיינע ברויט־געבער. בקיצור, נפתלי איז א איד א מעקלער.

קומט צו פאהרען א פריץ קיין כתרילעווקע איין מאל אין א יובל, דערשמעקט נפתלי, אז א פריץ איז געקומען, טהוען איהם א טראג די פיס אויף דער אכסניא: „אדוני פריץ, וואס איז דיין באגעהר?" — און וואס דער פריץ זאל ניט בעגעהרען, וועט איהם נפתלי ברענגען אין איין מינוט: א שניידער, א שוסטער, א שמיעד, א דיענסט, א פערד, א טאראנטאס, א צירולניק, א פעלדשער, א מכשף, א שווארץ־יאהר. קיין „ניין" איז גאר נישטא ביי איהם. דער גאנצער חסרון איז, וואס נפתלי איז ניט איינער אויפ'ן יריד. פאראן אין כתרילעווקע, אחוץ איהם, נאך מעקלערס. וויפיעל אידען, כמעט אזוי פיעל מעקלערס, און יעדענפאלס — מעהר מעקלערס, ווי פריצים.

פון דעם איז גרינג צו פערשטעהן, וואס פאר גאלדענע געשעפטען נפתלי מיט די פיס מאכט און ווי שען ער וואלט אויסגעזעהן, ווען גאט־ברוך־הוא זאל ניט מזכה זיין זיין ליעב פאלק ישראל מיט דעם ליעבען, טייערען, פרייליכען, לעבעדיגען יום־טוב פורים. אין דעם דאזיגען ליעבען, טייערען, פרייליכען, לעבעדיגען יום־טוב האט זיך ארויסבעוויזען נפתלי'ס טאלאנט מיט זיין גאנצען פראכט און גלאנץ. נפתלי איז א געבארענער ארטיסט, און פורים־שפיעל איז ווי אנגעמאסטען פאר זיינע לאנגע פיס.

אין פלוג וועט אייך אויסקומען אפשר קאמיש. וואס קעהר זיך אן פורים־שפיעל צו פיס? האט קיין פאראיבעל נישט, עס קעהר זיך אן זעהר שטארק! נפתלי איז נישט קיין אחשורוש, נישט קיין המן, נישט קיין מרדכי און נישט קיין ושתי. ער איז נישט־מעהר, ווי א ממוכן, א מין הויפמייסטער ביי'ם קעניג אחשורוש; און ווער עס איז בעקענט מיט'ן בעריהמטען אחשורוש־שפיעל,

חאַפּט אונטער די גאַנצע קאָמפּאַניע:
„וועלען מיר טרינקען וויין,
וועלען מיר שכור זיין,
ביז'ן ווייסען טאָג אריין!"

טרעט־אַרויס מרדכי (נחמיה דער שוסטער), איין אָפּגעריי־סענער, מיט אַ האָרב און מיט אַ באָרד פון פלאַכס, פערנוויגט זיך פאַ'ן קעניג און רעדט צו ממוכנ'ען און ווינקט עפּיס זעהר מאָדנע מיט די אויגען, מאַכט מיט די הענד און זינגט מיט אַ מיתה־משונה־ניגון:

„היות ווי זיין מאיעסטעט איז איין אַלמן געבליבון,
און מע האָט אין אַלע 127 מדינות צעשריבון,
מע זאָל איהם ברענגען מיידלעך פון דער גאַרער וועלט,
פון שענעם יחוס און מיט געלט,
לכן האָב איך פאַר איהם אַ כלה —
אַזאַ יאָהר מעג שוין זיין אויף אונז אַלע:
אַ מויד, ווי אַ צימעס, גרין אַזוי ווי גראָז,
אַ ביסעל אַ ראַבעטיני מיט אַ לאַנגער נאָז,
איהר נאָמען איז אסתר,
קיין ברידער און קיין שוועסטער,
ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען,
ניט קיין פריינד און ניט קיין קרובים.
אַ יונג קינד פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג,
אַחוץ שבתים און יום־טובים..."

טהוט ממוכן ווידער אַ שפּאַן מיט די פיס הין און צוריק רעדט מיט פייער:

„אדרבה, לאָז זי קומען אהער,
און זיך טון טאָן פאַר'ן קעניג אַ קעהר,
און אויב זי וועט איהם געפעלען,
וועט ער איהר די קרוין אויפ'ן קאָפּ אוועקשטעלען.
און דו, מאַנדריש, פאַר דיין שדכנות,

נפתלי'ס ארבייט, אַביסעל אונטער דער נאָז און אביסעל מיט א קוויטש אויף א וויינענדיגען ניגון פון חתן־תורה:

„קומט אהער, אלע פרויען פון פרס ומדי
און אלע הארינטעס פון שושן,
ווען מיר זיך מיט אייך
א ביסעל דורכשמועסען.
הערט, ווי מיין געמאהל
ווירערשפעניגט אין דער תורה,
גענוג ער איז א טפש, איז ער נאָך
א שכור הגדול הגבור והנורא..."

דעמאָלט ווערד ממוכן אַנגעצונדען, טהוט א שפּאַן מיט זיינע לאַנגע פים הין און צוריק און הויבט אָן שיטען מיט גראַמען, זיין אייגענע ארבייט:

„וואָס זאָגט איהר אויף דער הולטייקע? געפעלט אייך א שפּראַך?
וואָס האָב איך דאָ מיט איהר צו רעדען א סך?
איך זאָל וויסען, אז דער קעניג וועט ניט זיין אין כעס,
נעם איך אראָפּ דעם קאָפּ אָט דער מרשעת..."

הויבט אויף דער קעניג אחשורוש (משה פלעצעל) א לאַנגען שטעקען, ארומגעוויקעלט מיט גאָלדפּאַפּיער:

„פון מיינטוועגען מעגט איהר אייך אלע קעפּען, שטעכען אדער הענגען,
אבי מע זאָל נאָר אהער דאָס ביסעל משקה ברענגען.
וואָס האָט איהר, מיניסטאָרען, אראָפּגעלאָזט די נעזער,
אמעהר, גיסט בעסער אָן פולע גלעזער,
וועלען מיר טרינקען וויין
וועלען מיר שכור זיין,
ביז'ן וויסען טאָג אריין!"

ווייבער אין כתרילעווקע, וואָס פערנעמען זיך מיט דער זעלבער פּרנסה. ווער אבער פערמאָגט אזעלכע גאָלדענע הענד, ווי ריוועלע די זיסע? איהרע טאָרטען מיט איהרע לעקאכער, איהרע שטרודלען און מלכות־ברויטלעך, איהרע מאַהנדלעך און אינגבערלעך, מיט איהרע געצוויקעלטע קישעלעך האָבען זיך קונה שם געווען אין דער גאַנצער וועלט און דערלאַנגט אַזש קיין יעהופּעץ, דורך אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען. ומעשה שהיה כך היה:

איינער אַ לץ פון די כתרילעווקער לצים, וואָס זענען דאָר־טען אַזוי פיעל, וויפיעל שטערען אין הימעל, האָט זיך געוואָלט מאַכען אַ שפּאַס איבער דער שטאָדט כתרילעווקע און איבער די פּראָדוקטען, משטיינס געזאָגט, וואָס די שטאָדט גיט־ארויס. וואָס זשע טהוט אַזאַ לץ? איז ער זיך מיישב איינמאָל אויף אַ טשי־קאַוועס און שיקט אַוועק דורך דער פּאָסט שלח־מנות פון די אויבען־דערמאָנטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע גרייט אָן לכבוד פּורים, צו זיינעם אַ רייכען קרוב קיין יעהופּעץ. צום שלח־מנות האָט ער ביינעלעגט אַ בריעף, זעהר שען געשריבען, אין וועלכען ער בעט דעם רייכען קרוב, ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען פאַר'ן „שי־קעכטס, וואָס ער שיקט איהם“, וואָרום אין כתרילעווקע איז קיין „ע ר ג ע ר ע ש י ק ע כ ט ס ע ן“ נישט צו געפינען. ווי אי־בערראַשט אָבער, שטעלט אייך פאָר, איז אָט דער לץ, אַז ער בע־קומט פון זיין רייכען קרוב אַ דאַנק־בריעף מיט אַ בקשה, ער זאָל תיכף ומיד צענויפקויפען פון די דאָזיגע זיסע זאַכען וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך און למען השם רעכט איינפּאַקען און אָפּשיקען דורך פּאָסט אויפ'ן נגיד'ס רעכענונג קיין יעהופּעץ (ווער ווייסט ניט, אַז נגידים בכלל, און יעהופּעצער בפרט, האַלטען פון דער אכילה. און האָבען ליעב אַ זיסען ביסען?). פון דעמאָלט אָן ווערד פון יאָהר צו יאָהר ארויסגעשיקט צום נגיד קיין יעהופּעץ אַ גאַנ־צער טראַנספּאָרט פון ריוועלע'ס זיסע זאַכען אויף פּורים. און אַנ־אַזוי איז ריוועלע'ס נאָמען געוואָרען מפורסם אַזש אין יעהופּעץ.

ווּעסטוּ באַקומען אַ המן־טאַש מיט מאָהן שלח־מנות...
אַריין, אַריין, אַריין,
אסתר מלכה דו מיין!"...

און ערשט דאַ הויבט זיך אַן דער רעכטער קנאַק: נפתלי'ס פּיס זענען שטאַרקער פון אייזען, אַז זיי טראָגען איבער אַזאַ פּורים'דיג שטיקעל אַרבייט. דערפאַר אָבער לעקט ער אָפּ אַ פעט ביינדעל, וואָרום ער איז דאָך, קאָן מען זאָגען, דער רעזשיסער פון דער טרופּע, דער בעל־הבית, דער מחבר און דער קאַסירער.

— ער שפּינט גאָלד, שטיקער גאָלד, אָט דער איד, אַז עס קומט פּורים!

אַזוי זאָגען אויף איהם די כתרילעווקער אידען, וואָס זענען איהם פּשוט מקנא, ניט אַזוי אויף זיין טאַלאַנט, ווי אויף זיין פּרנסה.

ב.

די גאָלדשפּינערין: ריוועלע די זיסע.

כתרילעווקע זאָל אַלע טאָג נוצען צוקערלעקאַך, פלאָדענס און פלעדלעך, אַזוי ווי מע נוצט דאָס דאָרטען פּורים צו שלח־מנות, וואָלט נפתלי מיט די פּיס פערשפּאָרען זיין אַ גאַנץ יאָהר אַ מעק־לער און פּורים אַ קאָמעדיאַנט. זיין ווייב, ריוועלע די זיסע, וואָלט איהם אויפהאַלטען מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד מיט כבוד. וואָרום אויב נפתלי איז בעריהמט מיט זיינע פּיס, איז זיין ווייב ריוועלע נישט ווינציגער בעריהמט מיט איהרע הענד.

ריוועלע איז אויף דער פיגור אַ ווייבעלע אַ קליינטשקע, אַ דאַרינקע, אַ טרוקענע, אַ פערזעהעניש, און אַקעגען איהר מאָן נפתלי זעהט זי אויס, ווי אַ פערטעל עוף. אַ קוק טהון אויף איהר — ווער וועט זאָגען, אַז דאָס ווייבעלע פערזאָרגט אַ גאַנצע שטאָדט מיט צוקער־געבעקס, אַז עס קומט פּורים, ווען אידען שיקען איינער דעם אַנדערען שלח־מנות? מאָהלט אייך, ס'איז פאַרהאַן נאָך

קאָפּיקעס, אַז מע נעמט אַראָפּ זעכס גראָשען? ניט קיין רובעל מיט נייענציג?

— אַ גוט יום־טוב! וואָסערע צוויי־און־זעכציג? וואו האָבען זיך גענומען צו אייך צוויי־און־זעכציג?

אַזוי צעשרייט זיך שרה־פּערעל, אוןביידע ווייבער נעמען זיך צום חשבון ווידער אַ מאָל פון'ם אָנהויב.

— זאָלט איהר מיר געזונט זיין, שרה־פּערעלע, דער חשבון איז דאָך, ווי אויפ'ן טעלער; אַ האַלב טוץ לעקאַכלעך מיט ראָזינקעס עובר לסוחר צו זעכס גראָשען אַ שטיקעל, איז זעכס מאָל זעכס — וויפיעל איז זעכס מאָל זעכס? ניט קיין צוויי־און־פערציג?...

— מזל־טוב! סיי וואַכסט ביי אייך! פריהער איז ביי אייך אויסגעקומען דריי־און־דרייסיג, איצט איז שוין געוואָרען צוויי־און־פערציג! קיין עין־הרע ניט!

עס העלפט נישט. וויבאַלד עס קומט צו געלד, אַזוי מוז מען אָנקומען צו אונז, מאַנסבילען. און ריוועלע רופט אָפּ נפתלי'ן פון די אַקטיאָרען, און נפתלי האָט פיינט, אַז מע רייסט איהם אָפּ פון דער אַרבייט, איז ער אין כעס סכנות.

— איין אַקציע מיט די ווייבער! קיין צוויי מיט צוויי קאָנען זיי אייך ניט צענויפרעכענען. נו? אַרויס מיט'ן חשבון, נאָר גיך און געשווינד, דער טאָג שטעהט נישט!

אַזוי זאָגט נפתלי מיט גרימצאָרן, און מע רעכענט איהם אויס דאָס גאַנצע צעטעל, ביידע ווייבער אין איין אָטעם. נפתלי האָרכט מיט צוגעמאַכטע אויגען, רעכענט אויף די פינגער און ווערד גיך פערפּלאָנטעט און פערטומעלט און נאָך מעהר איז כעס, און ער פאַלט אָן אויפ'ן ווייב:

— איך האָב דיר געזאָגט טויזענד מאָל, אַז וויבאַלד דו האָסט אַזאַ קעצענעם מח און קאָנסט נישט צענויפרעכענען קיין צוויי מיט צוויי, היינט וועלכע גוטע יאָהר טרייבט דיך, זאָלסט פאַרקויפען דיין סחורה תורתי! לאחרים פאַרקויפט מען, איינציגוויין!

ג.

ש נ י ט ־ צ י ־ י ט.

ריוועלע זאָל אָבער דאַרפֿען אַרויסקוקען אויפֿ'ן יעהופּעצער נגיד אַליין, וואָלט זי בלוי בעשטאַנען. דער עיקר פּדיון איז ביי איהר אויפֿ'ן אָרט. די עטליכע טעג, וואָס פֿאַר פּורים זעלבסט, האָט ריוועלע די זיסע ממש קיין הענד נישט. בערעכענט אייך: אַליין באַקען, אַליין פּערקויפֿען, אַליין פּערפּאַקען און אַליין רעכע־נען זיך מיט אַלע בעלי־בית'טעס — צו די חשבונות אַליין דאַרף מען האָבען אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער!

אָט האָט איהר אייך אַ מוסטער, ווי אַזוי ריוועלע רעכענט זיך מיט אַ נגיד'ס אַ ווייב, וואָס טראָגט פּערעלעך אין דער וואָכען און הייסט שרה־פּערעל:

— פֿון אייך קומט, שרה־פּערעל, אַזוי גרוים, ווי פֿאַר אַ האַלב טוץ לעקאַכלעך מיט ראָזינקעס עובר לסוחר צו זעכס גראָשען, זעכס מאָל זעכס — וויפֿיעל איז זעכס מאָל זעכס? דאַכט זיך, דריי־און־דרייסיג? און פֿיער קומיש־ברויטלעך האָט איהר גענומען צו אַכט גראָשען, עס קאָסט מיך אַליין צו זיעבען, איך זאָל אַזוי זיין געזונט, פֿיער מאָל אַכט איז אַכט־און־פֿערציג; הייגט צוויי פֿלעדלעך גרויסע אָהן פֿאַרפֿעלעך און דריי פֿלעדלעך קליינע מיט פֿאַרפֿעלעך, וועל איך אייך רעכענען פֿאַר די פֿלעדלעך אַרום און אַרום פֿינף שטיק צו פֿיער־און־צוואַנציג גראָשען, עס קאָסט מיך טייערער, לאָמיר ביידע אַזוי זיין געזונט! פֿינף מאָל פֿיער־און־צוואַנציג וויפֿיעל איז? ס'זאָל זיין זעכס מאָל, וואָלט דאָך געווען אַ קערבעל מיט זעכס גראָשען, און אַז פֿינף מאָל, איז, אַפּנים, אַזוי גרוים, ווי אַ קערבעל אָהן זעכס גראָשען. וויפֿיעל־זשע האָבען מיר אינאיינעם, הייסט עס: דריי־און־דרייסיג און אַכט־און־פֿער־ציג איז צוויי־און־אַכציג, און אַ קערבעל, איז אַנדערהאַלבען קערב־לעך מיט צוויי־און־צוואַנציג, גערט אַראָפּ זעכס גראָשען, איז וויפֿיעל בלייבט פֿון אַנדערהאַלבען קערבלעך מיט צוויי־און־זעכציג

האַלפּען גאַרנישט: נח איז אַרויס פון חדר מיט זעהר ווינציג תורה. דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגעוויזען זעלטענע בריה׳שאַפט צום שניצען. און געשניצט האָט ער אַלסדינג, וואָס סע איז איהם געקומען פאַר די אויגען. עס האָבען זיך געפונען מבינים אין כתרילעווקע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ביי דעם בחור׳על איז די הענד זיצט אַ רוח, ניט אַנדערש; ווען ער זאָל זיין אין אַ גרויסער שטאָדט, וואָלט פון איהם אַרויס... זיי ווייסען אַליין נישט, וואָס פון איהם וואָלט אַרויס. דערווייל מעגען איהם אָפּ־דאַרען די הענטלעך, וואָרום ער האָט צעשניצט אַלע בענק מיט אַלע שטענדערס, וואָס אין בית־המדרש, אויסגעשניצט אויף זיי מענשעלעך מיט פויגעלעך מיט, להבדיל, חזירים... פאַר די חזירים האָט נח בעקומען אַ רעכטע פּאַרציע פון טאַטען, פון דער מאַמען, פון׳ם רב און פון׳ם שמש און פון׳ם בעדער — ווער עס האָט גע־האַט גאָט אין האַרצען, דער האָט איהם אַריינגעלעגט. וויפיעל ס׳איז אין איהם אַריין:

— אַ יונגאַטש קאָן! אין אַ מקום־קדוש חזירים!...

דאָס האָט אָבער ניט אַנגעלערענט אונזער „שניצלער“. דער פונק, וואָס האָט געטליהעט ביי איהם אינוועניג בירושה פון׳ם גרויסען בצלאל, וואָס אין חומש, האָט איהם נישט געלאָזט צו־רוה, ביז זיין טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט זיין גאַנצער קראַפט דורך אַ צופאַל, ווי אַלע גרויסע ענטדעקונגען אין דער וועלט קו־מען אומגעריכט, דורך אַ זייטיגער סבה.

דאָס איז געווען עטליכע טעג פאַר פורים, האָט מען איהם געקויפט אַ מתנה, אַ הילצערנעם גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער, אויף שלאָגען המנ׳ען אין בית־המדרש צו דער מגילה. נח האָט דעם גראַגער מיט׳ן המן־קלאַפּער בעטראַכט פון אַלע זייטען, שטילער־הייד צענומען אויף שטיקלעך און צענויפגעשטעלט צוריק — און דאָ איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ווען ער זאָל נאָר האָ־בען מיט וואָס, וואָלט ער געמאַכט אַ גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער. וואָס וואָלטען פערשטעקען אין גאַרטעל אַלע גראַגערס מיט

למשל: וואָס האָט איהר גענומען? אַ לעקאָכעל? גיט אהער זעכס גראָשען! נאָך אַ לעקאָכעל? נאָך זעכס גראָשען! אַ פלעדעל? לעגט־אַנידער פיער־און־צוואַנציג גראָשען! נאָך אַ פלעדעל? נאָך פיער־און־צוואַנציג גראָשען!

שרה־פערעל דער נגידית שטעהט אפילו ניט אָן די מעשה, מע זאָל זיך מיט איהר רעכענען אַט אַזוי אַ, ווי מיט אַ קבצנ׳טע, נאָר זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט. וואו וועט זי נעמען אַזאַ צוקער־געבעקס אויף שלח־מנות, אַז ניט ביי ריוועלען? קומט פורים, איז ריוועלע די מיוהסת. איטליכער האָט זיך זיין צייט, און אַז מע דאַרף דעם גנב, נעמט מען איהם פון דער תליה... ניט אומזיסט איז איהר די גאַנצע שטאָדט מקנא:

— גאָלדענע הענד... שיט־אָן גאָלד... ביידע שיטען זיי אָן זעק מיט גאָלד, אַז ס׳קומט פורים!...

ד.

דער יונגער גאָלדשפינער: נח שניצלער.

ווען גאָט גיט אַ זיסע שטימע צום זינגען, ווען הענד צום שפּיעלען, ווען פיס צום טאַנצען; — נח׳ן, נפתלי׳ס עלטע־רען זוהן, האָט די נאַטור געבענשט מיט אַ טאַלאַנט צום שניצען.

נאָך אַז נח איז געווען אַ קינד, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צע־קיילטער, אַ צעביילטער פונ׳ם פאָטער׳ס קלעפּ און פון דער מוטער׳ס שטשיפּאַלקעס: „אַ יונגעלע זאָל דיר האָבען אַ טבע טאָג ווי נאַכט אַרומגעהן און שניידען און בראָקען און שניצלען און שניצלען און שניצלען!“...

בכדי אַרויסצושלאָגען פונ׳ם קינד דאָס משוגעת פון „שניצלען“, האָט מען איהם אָפּגעגעבען אין חדר אַריין און אָנגעזאָגט דעם רבין הונדערט מאָל, ער זאָל איהם איבערברעכען די הענד, טאָמער וועט מען איהם זעהן האַלטען אַ מעסערעל! זאָל ער בעסער זעהן וואָס מעהר לערנען! דעם רבינ׳ס לערנען האָט אָבער נישט גע־

— איהר האָט שוין, רב נפתלי, מיט אייער זוהן גאָר נישט וואָס צו זאָרגען. ער איז יעזוין א פאַרזאָרגטער...

פון דעמאָלט אָן ווייסט שוין די גאַנצע שטאָדט פון איין עק ביז'ן אַנדערען, אז אַ גראַגער אין גלייכען געלד, אדער א המן־קלאפּער, אָדער א קאַלאַקאָטקע אויף פּורים — דאָס קריגט מען ביי נפתלי'ס זוהן, נח שניצלער. און וויפיעל נח זאָל ניט אָנגרייטען קיין סחורה, ווערד זי אויסגעפּערקויפט עד לפּק. אַלע יאָהר, אז דער פּורים געהט אַוועק, קאָנט איהר הערען פון נח'ן די אייגענע ווערטער:

— היינטיגס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון גראַגערס.

נישט אומזיסט איז די שטאָדט מקנא נפתלי'ן אויף זיינע קינדער:

— אַ הצלחה פון גאָלדשפּינערס! — זאָגט כתרילעווקע מיט א זיפץ. — נישט גענוג, ער פאַרדיענט פון איין זייט און זי פון דער אַנדערער זייט, שיטען אָן גאָלד, אז סע קומט פּורים, דאַרפען זיי נאָך האָבען אַזעלכע גאָלדענע קינדער!..

ה.

די קליינע גאָלדשפּינערלעך.

אויב איהר ווילט זעהען אַ שענס און ס'זאָל אייך ניט קאָסטען טייער, טאָ פאָהרט זיך דורך, זייט מוחל, אויף פּורים קיין כתרי־לעווקע, שטעלט זיך אָפּ אויף וואָס פאַר איין אַכסניה איהר ווילט און קוקט דורכ'ן פענסטער אין דרויסען אַרויס, וועט איהר עפּיס זעהען. פון גאַנץ פריה אָן טיאָפּקען איבער דער בלאָטע לויפּען, ווי די פער'סמ'טע מייז, פון איין שטוב אין דער אַנדערער, יונגלעך מיט מיידלעך, אונטערגעבונדען מיט פעטשיילעס, צום מיינסטען באָרוויסע, האָטש ס'איז נאָך קאַלט אין דרויסען און טע וועהט אַ שנייעלע. אין די הענד האַלטען זיי אָדער גרויסע בעקענס, אָדער טעלער און טעלערלעך, אָדער שאָלען און שעלעכלעך, איבערגע־דעקט מיט ווייסע טישטיכלעך. דאָס טראָגען אידישע קינדער

אַלע המן־קלאַפּערס פון דער גאַנצער וועלט. נח'ן האָט געפעהלט דערצו נאָר צוויי זאַכען: מאַטעריאַל און אינ־סטרומענטען, דאָס הייסט, האָלץ און אַ מעסערעל. וואָס טהוט מען? מילא, מיט האָלץ איז קיין דאגה נישט: האָלץ קאָן מען אַוועקגלקח'ענען ביי דער מאַמען פון אונטער'ן אויווען. וואו נעמט מען אָבער אַ אינסטרומענט? אַ מעסערעל וואו קריגט מען? און נח איז געפאַלען אויף אַ המצאה (אַ ליבטי־גער קאָפּ!): ער האָט גענומען דעם גראַגער מיט'ן המן־קלאַפּער און איז אַרוים מיט זיי אויפ'ן מאַרק פערקויפען, און פאַר'ן געלד וועט ער קויפען אַ מעסערעל. האָט זיך אָבער געטראָפען איין אומגליק (מיט אַלע ערפינדער טרעפען זיך אומגליקען!): דער ערשטער קונה, וואָס נח האָט זיך צו איהם געווענדעט, ער זאָל ביי איהם קויפען אַ מציאה, האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און צוגעפיהרט גלייך צום פאָטער:

— וואָס איז די מעשה, רב נפתלי, אייער קליינער האַנדעלט שוין מיט גראַגערס?

דאָס פערשטעהט אַ מינדסט קינד, אַז קודם כל האָט דער ערפינדער בעקומען זיין פּאַרציע פעטש, וואָס איהם קומט, און ערשט נאָכדעם, אַז נפתלי האָט זיך גענומען צום זוהן אויספאַרשען, אויף וואָס דאַרף ער אַזוי נויטיג געלד, און אַז נח האָט איהם דורך טרערען זיך מודה געוועזן, דערצעהלט דעם אמת'ען אמת, וואָס איהם קוועטשט, האָט איהם דעמאָלט דער פאָטער ערשט מקיים פּסק געוועזן, איהם אָנגערופען מיט'ן נאָמען „בהמה בצורת פערד" און האָט איהם געקויפט אַ מעסערעל און האָט איהם אליין אויסגעקליבען האָלץ, און נח האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרבייטען אויף אַלע כלים. עס האָט געברענט ביי איהם אונטער די הענד, אַזוי אַז אין איין טאָג זענען בעשאַפען געוואָרען עטליכע גראַגערס מיט המן־קלאַפּערס, נאָר אַזעלכע, וואָס די שטאָדט איז געגאַנגען קוקען אויף חדושים, און אַלע האָבען אָפּגעגעבען נפתלי'ן מזל־טוב: . . . . . .

מייל איז צו אײַך צעהלט אײַך", אָדער מע „לאָזט אַ רעגען", דאָס הייסט, מע הויבט אויף אַזאַ שטויב, אַז עס ווערד פֿינסטער אין גאָס, מע קאָן דערשטיקט ווערען! דעמאָלט פֿליהען פּעטש מיט קולאַקעס, מיט בעבענצים, מיט קללות, וואָס געפֿינען זיך ניט אין דער תוכחה:

— אַ, געהן זאָלט איהר אויף קולים! שטעהן זאָלט איהר פּראָווצעס! זיצען אין געהאַקטע וואונדען! ליגען אין ווערים!...

דערפֿאַר אָבער, אַז עס קומט פּורים, פּיהלט חברה קליינ־וואַרג, אַז זיי האָבען אויך עפּיס אַ ווערטה, און אַ גרויסען ווערטה. מע צערייסט זיי דעמאָלט אויף שטיקלעך. אַ כתרילעווקער מאַדאַם, אַז זי בעשטעלט בעצייטענס ביי ריוועלען שלח־מנות, בעשטעלט זי שוין מיט אַ קינד, אַ יונגעל אָדער אַ מיידעל, אויף צו טראָגען דעם שלח־מנות. און ריוועלעס קינדער, די יונגלעך מיט די מייד־לעך, צעלאָזען זיך איבער אַלע גאַסען פֿון דער שטאָדט, מיט איבער־געדעקטע בעקענס, שאָלען און שעלעכלעך; די בעקלעך ביי זיי פֿלאַמען, די שטערנס שוויצען און די אויגען ברענען. זיי בע־געגענען זיך אָפּטמאָל איינס מיט'ן אַנדערען אין דער בלאָטע, נאָר זיי האָבען קיין צייט נישט אָפּשטעלען זיך אפילו אויף אַ מי־נוט, אַ קוק טהון איינס דאָס אַנדערע אין שלח־מנות אַריין. נאָר לויפענדיג פֿאַרביי, וואַרפֿט מען זיך דורך מיט האַלבע ווערטער, וואָס אַ זייטיגער מענש וועט זיי אפשר נישט אינגאַנצען פֿער־שטעהן:

— פּעטעלעלע! וואוהין?

— צו לאה'צי די גראָבע. און דו, קרומע פּיסעל?

— צו אַלטעריכע מיט די לאָקשען... עפּיס געמאַכט?

— נאָך אַ מין! און דו?

— איך האָב שוין אַ קערבעל מיט צוויי פּערציגער מיט אַ גילדען מיט צוועלף גראָשען. און דו וויפֿיעל?

— קיין צייט געהאַט איבערצוצעהלען. נאָר כ'האָב מורא, אַז מעהר ווי די.

שלח־מנות. וואָס די כתרילעווקער ווייבער שיקען איינע דער אַנדע־רער, בייטען זיך מיט די פורים'דיגע גוטע זאַכען, וואָס ריוועלע די זיסע האָט אָנגעגרייט.

— איטע־לאה האָט מיר געשיקט צוויי פלעדלעך מיט אַ מלכות־ברויטעל, מיט אַ צוקערלעקאַכעל און מיט צוויי מאַנדעל־בייגע־לעך — שיק איך איהר אָפּ צוריק איין פלעדעל מיט צוויי מלכות־ברויטלעך, מיט צוויי צוקערלעקאַכלעך און מיט איין מאַנדעל־בייגעלע. און יענטע־מירעל האָט מיר געשיקט אַ קישעלע מיט צוויי קומיש־ברויטלעך, מיט צוויי שטרודלען און מיט אַ מאַהינ־דעל — שיק איך איהר אָפּ צוריק צוויי קישעלעך מיט איין קומיש־ברויטעל, מיט איין שטרודעל און מיט צוויי מאַהינדלעך.

אזוי קאָמבינירען די כתרילעווקער דאַמעס די שלח־מנות'ען קונציג און מיט אַ רעכענונג, ס'זאָל אויסקומען אי פיין, אי ניט־פערשעמט, אי איינס אויף איינס. און מחמת די שטאָדט לעבט צווישען זיך פריינדליך, איז דאָ זעהר אַ סך ערטער אויף צו שיקען די שלח־מנות'ען. דורך אייגענע דיענסטען אָדער קינדער איז אונ־מעגליך דאָס אויספיהרען. מע מוז אָנקומען צו פרעמדע. דע־מאָלט ווערד אַ יקרות אויף אָרעמע יונגלעך און מיידלעך, וואָס האָבען פיס און ווילען פערדיענען אויף פסח.

גליקליך זענען יענע פאָטער־און־מוטער, וואָס פערמאָגען וואָס מעהר יונגלעך און וואָס מעהר מיידלעך. אין כתרילעווקע זענען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע גליקליכע; נאָר גליקליכער פון אַלע זענען די גאָלדשפינערס, ווייל אַזוי פיעל מיידלעך און אַזוי פיעל יונגלעך, ווי ביי נפתלי'ן, איז זעלטען צו געפינען אפילו אין כתרילעווקע. וויפיעל נפשות — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגען; פרעמדע קינדער טאָר מען ניט צעהלען, לאָזען זיי וואַכסען געזונדערהייד, ווען מאַכען זיי קאַלי? ווינטער ליגען זיי אונטער'ן אויוועז נאַקעט, איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די ווערים, און זומער־לעבען וואַלגערען זיי זיך אין דרויסען אויפ'ן מיסט, שפּיעלען אין „באַבקעלעך", אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז", אָדער אין „וויפיעל

סען געפלאָכטענעם קוילעטש און זיך גענומען צו דער אַרבייט לעבעדיג, פריילין.

דאָס זענען — די גאָלדשפּינערס.

אַלע זענען זיי אויסגעהונגערט, מיעד, פּיהלען נישט די פּיס אונטער זיך, און אַלע האָבען צו דערצעהלען פונ'ם טאָג מעשיות. גאַנצע פּעק מיט מעשיות! נפתלי — פון זיינע פּורים־שפּיעלער, ווי גוט זיי האָבען היינט געשפּיעלט, אויסגעצייכענט גוט! נאָר איין ושתי האָט אַביסעל אונטערגעהונקען אויף דער עברי.

— ס'זאָל אויף איהם קומען אַ חלירע ביז חול־המועד פּסח! וויפיעל מע לערענט איהם, אָט דעם ושתי'ן, ער זאָל זאָגען: „וויע־דערשפּעניגט אין דער תורה" — קומט ביי איהם אויס אויף זיין פּאָנפּע: „פינף הונדערט אין דער גזירה". וואָסער גזירה, אַ רוח אין דיין שוויעגער'ס טאטען אריין? נאָר געה רעד מיט אַ פּאָנפּעוואַטע נאָני!

דאָס דערצעהלט נפתלי. און ריוועלע האָט צו דערצעהלען נאָך שענערע זאַכען, פון איהרע קונה'טעס, וואָס דינגען זיך ביז'ן ביין. איינע אַ דאָמע האָט זיך מיישב געווען און האָט גאָר גע־וואָלט אוועק'גנב'ענען אַ פּלעדעל.

— מאָהל דיר, נישט ביי מיר גנב'עט מען. „וויפיעל פּלעד־לעך, זאָג איך, מאַדאַם, האָט איהר אָפּגעלעגט?" זאָגט זי: „פיער". זאָג איך: „נו, און דאָס פינפטע וואָס איז?" ווערד זי רויט און מאַכט צו מיר: „ס'איז דען אויך אַ פּלעדעל?" זאָג איך: „וואָס דען איז דאָס, אַ וואַנטזייגער?" זאָגט זי: „איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ האָניגטייגעל". זאָג איך: „נו, און אַ האָניגטייגעל איז אַ הונט?"...

אַזוי דערצעהלט ריוועלע. און די מעשיות, וואָס נח האָט צו דערצעהלען, דרעהען זיך, געוועהנליך, אַרום אַ גראַגער.

— היינטיגס יאָהר איז געווען אַ יאָהר פון גראַגערס. אַלע האָבען זיך געחאַפּט צו גראַגערס. נאָר גראַגערס, גראַגערס און גראַגערס. איך בין נאָך נעכטען בייטאָג געבליבען אָהן איין גראַ־

— וויש אָפּ די נאָז!
— ברעך דעם קאָפּ!
און מע צעגעהט זיך, דער אהער, דער אהין.
די כתרילעווקער בעלי־בתּים זיצען שוין לאַנג ביי דער פּורים־דיגער סעודה, זינגען „שושנת יעקב“, קלויבען פערגעניגען פון נפתּלי מיט די פּיס און פון זיינע פּורים־שפּיעלער, און נפתּלי׳ס קינדער לויפען נאָך אַלץ ארום פון שטוב צו שטוב מיט די שלח־מנות׳ען און נעמען צענויף ביי דער שטאָדט די גראָשענס. און די שטאָרט טרייבט מיט זיי קאַטאָוועס:
— יונגעלע, קום נאָר אהער. וועמענס ביזט דו? ניט נפתּלי׳ס?
— נפתּלי׳ס.
— האָסט חאָטש אָנגעשלאָגען היינטיגען טאָג א הונדערטער, צי עפּיס ווינציגער?
— חי־חי.
— זאָג, שעם זיך נישט.
— חי־חי.
— אָט אזוי, ווי איהר קוקט דאָס אָן מיט׳ן געלעכטערעל „חי־חי“, וועט דאָס ברענגען אהיים א פולע קעשענע מיט גאָלד!... א שטוב פון גאָלדשפּינערס!

ו.

די גאָלדשפּינערס ביי דער סעודה.

כתרילעווקע איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען פון דער פּורים־דיגער סעודה. א סך טראַכטען מכח לעגען זיך שלאָפען, און נאָך מעהר שלאָפען שוין און חראָפּען גאַנץ געשמאַק נאָכ׳ן ביסעל משקה, וואָס מע האָט גענומען צוליעב דער שמחה, וואָס מע האָט נע׳פּטר׳ט א שונא — המנ׳ען. נאָר איין משפּחה האָט זיך ערשט אוועק־געזעצט צום טיש אָפּרעכטען די סעודה, אויפגעשניטען דעם גרוי־

אריינגעבראכט אין דעם דאזיגען גליקליכען טאג, און קאָנען נישט. זיי צעהלען און צעהלען און קאָנען נישט איבערצעהלען; אדער ער האָט א טעות אין חשבון, אדער זי האָט א טעות. זיי ברענען איינס אויף דאָס אַנדערע.

— קיין צוויי מיט צוויי זאָל א אידינע נישט קאָנען איבער־צעהלען!

אזוי זאָגט דער מאן, און דאָס ווייב ענטפערט איהם:

— נו, פאַר וואָס זשע צעהלסט דו נישט, אז דו קאָנסט, בעל־חשבון מיינער?

— צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

— ניין, צעהל דו, דו קאָנסט בעסער!

איהר זאָלט גאַר קיין מורא נישט האָבען, טאָמער חלילה צע־קריעגען זיך מאן און ווייב. איצט איז נישט קיין צייט פון קריעגען זיך. איצט דאַרף מען מאַכען א רעכענונג, וואָס מע קאָן און וואָס מע דאַרף און וואָס מע מוז קויפען: שוכווארג פאַר זיך און קאַ־פּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער — דאָס איז נומער איינס. היינט מצה אויף פסח? היינט שמאַלץ? א דייזשקעלע באָרשט? א זעקעל קאַרטאָפּלים?... און מערקווירדיג! וויפיעל זיי זאָלען נישט רעכענען, וויפיעל זיי זאָלען וועלען זיין אויסברענגערס, פּרע־סערס, געלד־ברענערס, שאַרלאַטאַנעס פון דער וועלט, קומט אויס, אז ס'וועט נאָך אָליץ זיין גענוג, סיי אויף שוכווארג פאַר זיי, סיי אויף קאַפּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער, סיי אויף מצות מיט שמאַלץ, מיט א דייזשקעלע באָרשט, מיט א זעקעל קאַר־טאָפּלים אויף פסח...

און ביי זיי ביידען צעפלאַקערען זיך די פּנימ'ער און צע־ברענען זיך די אויגען, די בעקלעך ווערען רויט און די הערצער וואַכסען, און ביידע פיהלען זיי, אז די וועלט, וואָס גאָט האָט בעשאַפען, איז, כלעבען, גאַר נישט אזאַ שלעכטע וועלט, און די מענשען זענען, כלעבען, גאַר נישט אזעלכע שלעכטע מענשען.

נער. קומט־צו אַלע מאָל צו מיר איין אַנדער איד, איך זאָל איהם געב־
בען אַ גראַגער. זאָג איך: „איך האָב נישט קיין גראַגערס". זאָגט ער:
„ס'איז נישט קיין תירוץ, דו מוזט מיר געבען צוויי גראַגערס!"
זאָג איך: „וואו זאָל איך אייך נעמען גראַגערס?" זאָגט ער:
„וואו זענען דיינע גראַגערס?"

— וועסט אַמאָל אויפהערען צו גראַגערען, צי ניין?

אזוי זאָגט צו איהם דער פאָטער, און נח לאָזט אַראָפּ די אויי־
גען, בויגט זיך אָן און שנייצט אוים די נאָז אונטער'ן טיש. דאָס
געפעלט דוקא דער חברה קליינוואַרג. איצט איז געקומען אויך
זייער צייט צו דערצעהלען גליקען פון זייער שלח־מנות טראָגען;
פאַרהאַן אזוי פיעל צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, אַז ס'וועט
האַפּען ביז פסח. דערווייל איז ערשט פּורים, און מען איז אוים־
געמיעדט פונ'ם טאָג, און מע דאַרף געהן שלאָפען.

און יונגוואַרג צעגעהען זיך אויף זייערע ערטער הינטער'ן
אויוועז, פאַלען, ווי די סנאָפּעס, און ווערען אַנשלאָפען מיט'ן זיסען
שלאָף פון גליקליכע מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ גוטען, אַ
געראָטענעם יריד...

ז

די גאָלדשפּינערס צעהלען דאָס גאָלד.

עס איז שוין העט־ווייט אין דער נאַכט. כתרילעווקע האַלט
שוין לאַנג אין רעכטען שלאָף נאָך דער גרויסער פּורים'דיגער סעודה
מיט די שלח־מנות'ען. נאָר צוויי פאַרשוינען אין דער גאַנצער
שטאָדט זענען נאָך וואַכעדיג און טראַכטען אפילו נישט וועגען
געהן שלאָפען. דאָס זענען די גאָלדשפּינערס, נפתלי מיט די פּים
און זיין ווייב ריוועלע די זיסע. שטיל האָבען זיי צוגעשלאָסען די
טיר, פאַרהאַנגען די פענסטער און האָבען זיך גענומען צו דער
קאַסע. זיי ווילען צענויפרעכענען דאָס ביסעל מזומנ'ס, וואָס די
גרויסע גאָלדשפּינערס מיט די קליינע גאָלדשפּינערלעך האָבען

בערעל-אַייזיק

דערצעהלט וואונדירים פון אַמעריקא.

געשריבען אין יאָהר 1915.

נישט מעהר, וואָס אידען זענען מקנא אויף פּרנסה, פערגינען נישט, טאָמער האָט איינער אַ גוטען טאָג, אַ־יין טאָג אַ גוטען!

— פאַרברענט זאָל ווערען אָט דאָס כתרילעווקע! אַ שטאָדט פון נישט־פאַרגינערס!

אַזוי זאָגט נפתלי, און ריוועלע נעמט זיך אָן דער שטאָדט'ס קריוודע:

— אָרעמע־לייט, משטיינס געזאָגט...

— אָרעמע־לייט, זאָגט זי? אַלץ הייסט ביי איהר אָרעמע־לייט, חע־חע! כתריליקעס! דלותים! שלעפּערס! בעטלערס! קבצנים! דלפנים! עניים ואביונים!!

— ניט דאָ געדאַכט! — זאָגט ריוועלע מיט שרעק. זי האָט פּשוט מורא פאַר אַ גוט אויג.

און פון דרויסען לאָזט זיך הערען, מע ווייסט נישט פון וואַנען, אַ ווייט קרעהען פון אַ בעקאַנטען האָהן, איין אַלטער חזן מיט איין אויסגעזונגענער כלי, אָנהויבען הויבט ער אָן דוקא נישקשה'דיג, מיט'ן ברען און מיט'ן קוויטש, און אויסלאָזען לאָזט ער אויס מחילה שוואַכליך, אויף דער נידעריגסטער אָקטאַווע, און עפּיס ווי מיט אַ ווייעדעראַנאַנד:

— קו! — קאָ! — רי! — קאָו! — או?

עס קומט אויס גלייך, ווי ער וואָלט זיך אַליין פרעגען אַ קשיא:

— אַלטער נאַר! וואָס שרייסט דו?

אין דרויסען איז בלוילּיך. עס שאַריעט אויף טאָג.

בערעל־אַייזיק

„אַמעריקאַ איז אַ לאַנד פון בלאָף"... „אַמעריקאַנער בלאָ־פערס"...

אַזוי זאָגען די פרעמדע. גרינגע חיות — זיי הויבען ניט אָן צו וויסען וואָס זיי זאָגען. אַמעריקאַ מעג הייצען די פּעטשערעס אין כתרילעווקע, און אונזער בערעל־אַייזיק וועט פערשטעקען אין'ן גאָרטעל אַלע אַמעריקאַנער בלאָפערס!

איהר קאָנט פערשטעהן ווער בערעל־אַייזיק איז, אַז טאָמער מאַכט זיך ביי אונז אין כתרילעווקע, איינער האָט זיך אַביסעל פערגעדט, אויף אייער אַמעריקאַנער לשון וועט דאָס הייסען: ער האָקט אַ טשייניק, שטעלט מען איהם אָפּ מיט די ווערטער: „בערעל־אַייזיק האָט דיר געלאָזט גריסען" — שטויסט ער זיך שוין אָן וואָס מע מיינט און ער ווערד אַנשוויגען.

איין אַנעקדאָט דערצעהלט מען ביי אונז אין כתרילעווקע פון איינעם אַ אידען אַ חצוף, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר בערעל־אַייזיק'ען. פּסח איז דער מנהג ביי די גויים, אַז זיי בעגעגענען זיך, זאָגען זיי זיך אָן איינס דאָס אַנדערע אַ גוטע בשורה, אַז כריסטוס איז לעבעדיג געוואָרען — „כריסטאָס וואָ־סקרעס". דערויף ענטפערט איהם דער צווייטער: „וואָאיסטינו וואָסקרעס" — ס'איז אמת, הייסט דאָס, ער איז לעבעדיג גע־וואָרען... טרעפט זיך אַ מעשה, בעדאַרף אַ כריסט זיך בעגעגע־נען מיט יענעם אידען דעם חצוף און מכבד זיין איהם מיט'ן פּסוק

קומט איהר צו פאָהרען אַהין אַרויף ערשט פאַרנאַכטליך, אַזוי אַרום מנחה צייט.

„איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל זיך דורכפאָהרען אַרויף, אַ קוק טהון אויף אַ טשיקאַווע זאַך, וואָס טהוט זיך דאָרט — האָב איך קיין חרטה ניט. דאָס, וואָס איך האָב דאָרטען געזעהען, וועל איך שוין ניט זעהן קיינמאָל. און ווי איך האָב געפיהלט — לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבען. שטעלט אייך פאָר. איך שטעה מיר פון אויבען און קוק מיר אַראָפּ, פּלוצים דערפיהל איך אויף מיין לינקער באַק עפּיס אַ מאָדנע קעלט און אַ גלאַטע, עפּיס ווי אַייז; און ניט ווי אַייז, נאָר ווי שטאַרק פאַרקיהלטע פּעטשאַ, גליטשיג און דריי־ליוואַטע. איך דרעה־אויס פּאַוואָלי דעם קאָפּ לינקס, איך טהו אַ קוק — ס'איז די לבנה.

„היינט דאָס לעבען זייערס איז נאָר געיאָגט, און נאָר געלאָפען, און נאָר געחאַפּט זיך. „אַריהאָפּ" הייסט דאָס ביי זיי. אַלסדינג איז בחפּזון, און אפילו עסען עסט דאָס אויך אויף איין פוס. מע חאַפּט זיך אַריין אין אַ רעסטאָראַן און מע הייסט זיך געבען אַ שנאַפּס, און אויף צו פאַרבייסען האָב איך אַליין געזעהען, ווי מען האָט איינעם דערלאַנגט עפּיס אויף אַ טעלער, אַ פּריש, אַ צאַפּעלדיגס, און ביז ער האָט דאָס צעשניטען, איז איין האַלב אַוועקגעפלויגען אויף איין זייט, די אַנדערע האַלב אויף דער אַנ־דערער זייט, און דער חברה־מאַן איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין אָנבייסען.

„פון דעסטוועגען זאָלט איהר אָנקוקען ווי געזונט זיי זענען! אַייזען! גבורים! ביי זיי איז אַ מאָדע שלאָגען זיך אין סטריט, אין מיטען גאַס הייסט דאָס. ניט זיי מיינען אַייך שלאָגען, הרג'ענען, אונטערשלאָגען איין אויג, אויסשלאָגען אַ פּאָר ציינער, ווי ביי אונז. חלילה! נאָר גלאַט אַזוי, מע פאַרקאַטשעט די אַרבעל און מע גיט זיך קלעפּ, מע וויל זעהן ווער וועמען. ביי זיי ווערד עס אָנגערופען אויף זייער לשון: מע פּ י י ט ע ל ט זיך. אייג־

„כריסטאָס וואָסקרעס“... ווערד איהם שלעכט, דעם אידען: וואָס זאָל ער טהון? ענטפערען דעם גוי „וואָאיסטינו וואָסקרעס“ — ווייסט ער, אז ס'אליגען און ס'איז קעגען אונזער גלויבען... זאָגען איהם: ניין, ער איז ניט לעבעדיג געוואָרען — קאָן מען דאָך חאַפּען פאר אזעלכע ווערטער אַ מיאוס'ען פּסק... איז ער זיך מיישב און רופט זיך אָן צום כריסט: „יאָ, איך האָב עס שוין געהערט היינט פון אונזער בערעל־אייזיק'ען“...

היינט שטעלט אייך פאָר, אז אָט דער בערעל־אייזיק איז אוועק קיין אַמעריקאַ, אָפּגעוועזען דאָרט היבשע עטליכע יאָהר און איז געקומען צוריק — וואָס פאר וואונדירים דער איד האָט זיך אָנגעדערצעהלט פון דעם אַמעריקאַ!

„ערשטענס — דאָס לאַנד. ארץ זבת חלב ודבש. מענטשען מאַכען געלט, מע זשעבערעוועט מיטביידע הענט, מע שאַרט גאָלד און געשעפטען, „ביזנעס“ הייסט דאָס דאָרטען, איז פאַרהאַן אַזוי פיעל, אַזש דער קאָפּ דרעהט זיך! וואָס איהר ווילט — דאָס טהוט איהר. ווילט איהר אַ פאַבריקע — איז אַ פאַבריקע, עפענען אַ סטאָרקע — איז אַ סטאָרקע. שטופּען אַ פּושקאַר — איז אַ פּושקאַר. אַניט — נעמט איהר זיך צו פּעדלערייו, אָדער איהר געהט אַרבייטען אין אַ שאָפּ — אַ פרייע מדינה! איהר קאָנט אייך גע־שוואָלען ווערען פון הונגער, אויסציהען זיך אין גאָס, וועט אייך קיינער ניט שטעהרען, קיין וואָרט ניט זאָגען...

„היינט די גרויס פון די שטעדט! די ברייט פון די גאַסען! די הויך פון די הייזער! פאַרהאַן דאָרט אַ „הייזקע“, רופט מען זי די „וואָלוואָרט“, שפּאַרט אָן דער שפּיץ קוימען גלייך אין דער חמאַרע אַריין און נאָך העכער; אַ סברה, אז די הייזקע פאַרמאָגט עטליכע הונדערט עטאַזשען. ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אויפ'ן בוידעם? דורך אַזאַ לייטער, וואָס מע רופט איהם „עלעוויטער“. אַז איהר באַדאַרפט האָבען עמיצען אויפ'ן אויבערשטען עטאַזש, זעצט איהר זיך אוועק אונטען, אויפ'ן עלעוויטער, גאַנץ פריה,

קרוינט, ווי דער איד. א איד איז דארט גאר א גאנצער צימעס. עס איז גאר א יחוס, אז מען איז א איד. איהר קאנט באגעג־נען, למשל, סוכות א אידען אין מיטען „פיפטע עוועניו“ מיט א לולב און מיט איין אתרוג און האט קיין מורא ניט, מע זאל איהם ־ערפאר איינזעצען. אז איך זאג אייך, אז מע האט דארט ליעב דעם אידען, איז דאך ניט שייך. פיינט האט מען דארט נאר א אידישע בארד און פאות. „וויסקעס“ הייסט דאס אויף זייער לשון. דערזעהען זיי א אידען מיט וויסקעס, לאזען זיי דעם אידען צורוה, נאר די וויסקעס ציפען זיי איהם אזוי לאנג, ביז ער מוז זיי אראפ־נעמען, אפגאלען. דעריבער זענען דארט דאס רוב אידען אהן בערד און אהן וואנסים. דאס פנים גלאט ווי א טעלער. שווער צו דערקענען, ווער ס'א איד און ווער ניט. אז ניט קיין בארד און ניט קיין לשון, סיידען נאכ'ן אימפעט, בעת ער געהט, און נאכ'ן מאכען מיט די הענט, בעת ער רעדט... ווייטער זענען זיי אידען. אידען מיט אלע פישטשעווקעס. היטען־אפ אלע אידישע מנהגים, האבען ליעב אלע אידישע מאכלים, האלטען פון אלע אידישע יום־טובים. פסח איז פסח. מצות באקט מען דארט א גאנץ קיילעכיג יאהר, און אויף חרוסת איז דא א באזונדערע פאבריקע, א „פעקטארי“ הייסט דאס דארטען. טויזענדער און טויזענדער אר־בייטער זיצען אין דער פעקטארי און זיי „מאנופעקטשורען“ חרוסת, און אויך פון כרפס און פון מרור מאכען דארטען אידען א לעבען — איהר שפיעלט זיך מיט אמעריקא?...“

— יא, בערעל־אייזיק, דאס איז אלסדינג זעהר פיין, וואס דו דערצעהלסט. דו זאג נאר איין זאך, וואס מיר וואלטען ווע־לען וויסען: מע שטארבט דארטען אין אמעריקא אויך אזוי ווי דא? צי מע לעבט דארטען אייביג?

„מע שטארבט, פאר וואס זאל מען ניט שטארבען? אין אמעריקא, אז מע טהוט א שטארב, איז טויזענד אין איין טאג. צעהן טויזענד, און צוואנציג טויזענד, און דרייסיג טויזענד! גאנ־

מאָל בין איך געגאַנגען שפּאַציערען איז די בראָנקס. געטראָגען מיט זיך אַביסעל סחורה. געהען אַקעגען מיר צוויי באָיעס, לויפערס, יונגאַטשעס הייסט דאָס, און טשעפּען זיך צו מיר — זיי ווילען זיך פּייטלען מיט מיר. זאָג איך: „נאַסער — איך פּייטעל זיך ניט". אהין־אהער, זיי לאָזען מיך ניט געהן ווייטער. בין איך זיך מיישב, אַז איהר זענט יאָ אַזעלכע, וועל איך אייך באַווייזען. ווער עלטער איז. און געה און לעג אַוועק דאָס פּעקעל און וואַרף אַראָפּ די קאַפּאָטע, און אַז איך הויב אָן חאַפּען קלעפּ — קוים אַ לעבעדיגער אַרויס פון זייערע הענט! אַז זיי זענען צוויי און איך בין איינער! פון דעמאָלט אָן פּייטעל איך שוין מעהר ניט, מע זאָל מיך אָפּגילטען.

„היינט זייער לשון! אַלסדינג איז ביי זיי פאַרקעהרט און ווי אויף צו־להכעיס. למשל, אַז ביי אונז איז קיך — איז ביי זיי קיטשען. אַז ביי אונז איז קצב — איז ב״י זיי בוטשער. אַז ביי אונז איז אַ שכן — איז ביי זיי אַ נעקסדאָריגער. אַ שכנה — אַ נעקסדאָריגע. אַ בעל־הבית'טע — אַ לענדלאַריכע. אַלסדינג קאַ־פּויר. אַנומעלטען האָב איך געוואָלט קויפען אַ האָהן אויף שלאָגען כפּרות. זאָג איך צו דער מיסעס, זי זאָל מיר קויפען אַ הוהן. פרעגט זי מיך: „אַ הוהן גאָר? אַ הוהן איז דאָך פאַר מיר!" זאָג איך: „לאָז זיין אַזוי — אַ הוהן פאַר מיר און פאַר אייך אַ היהן". זאָגט זי: „וואוהין?" איז זי נאָך אַ ליטוועטשקע אויף צו די צרות! און ביי די ליטוואַקעס וועט איהר דען דערגעהן אַמאָל אַ טאָלק? אַז אַ היהן איז ביי זיי אַ הוהן, און אַ הוהן אַ האָהן — אַ מעשה אָהן איין עק! פאַל איך אויף אַ המצאה און זאָג איהר: „קויפט מיר דעם דזשענטעלמען פון די היהנער". וודאי האָט זי פאַרשטאַנען און ערשט דעמאָלט מזבה געוועזען מיך מיט'ן שענעם וואָרט „אָלרייט", וואָס איז כמעט אַלץ איינס, וואָס ביי אונז „מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אַך, מיט'ן גרעסטען בזיון!"...

„היינט דעם כבוד, וואָס מיר, אידען, האָבען דאָרטען! קיין אומה ולשון איז דאָרט ניט אַזוי געהויבען, געהויכט און גע־

ל־ד־ר־ך פ־ע־מ־י־ו!... פונ'ם דאזיגען געזאנג קלינגט די שטאדט; א קליינינקייט — טויזענד טאלער?!..:

„צווייטע קלאס איז אויך א פיינע לויה, קאסט שוין נאר פינף הונדערט טאלער, און איז שוין ניט דאס. דער טאג איז שוין ניט אזוי פויגעלדיג. די מטה איז אויך אויף א שווארצען קאטאפאלק, נאר אהן זילבער באלעגט. די פערד מיט די רעווע־רענטען זענען אנגעטהאן אין שווארצען, נאר אהן פעדערען און אה, קנעפ. קארעטעס געהען נאך, נאר שוין נישט אזוי פיעל. קינדער — נאר פון עטליכע תלמוד־תורה'ס געהען אויף צו פריהער און זינגען שוין נישט אזוי אויסגעצויגען: צדק לפניו יהלך — וישם לדרך פעמיו! דאס זינגען איז טרויעריג, מיט'ן נוסח ווי מע זאגט תהלים — וועדליג פינף הונדערט טאלער...

„דריטע קלאס איז שוין גאר א געמיינע לויה און קאסט אין גאנצען איין הונדערטער. אין דרויסען איז שוין קיהל, חמארנע־וואטע. די מטה אהן א קאטאפאלק. פערד אינגאנצען צוויי, און רעווערענטען אויך צוויי. קארעטעס — קיין איינע ניט. קינדער נאר פון איין תלמוד־תורה געהען אויף צו פריהער און האפען אפ גאר אהן א שום ניגון:

צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.
צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.

און שלעפעריג, שטיל, קוים וואס מע הערט זיי — סך הכל הונדערט טאלער, וואס קאן מען פאר איין הונדערטער פארלאנ־גען?"...

— יא, וואס זשע טהוט אבער, בערעל־אייזיק, דער, וואס פאר־מאגט קיין הונדערטער אויך ניט?

„איז ער טאקי אויף גרויסע צרות! אהן געלט איז אומעדום שלעכט! דער ארעמאן ליגט אלע מאל נייען איילען אין דער ערד!... פון דעסטוועגען, מיינט ניט! אין אמעריקא לאזט מען דעם ארעמאן אויך ניט ליגען קיין באהאלטענעם. מע מאכט איהם א לויה אהן געלט, עס קאסט איהם ניט קיין סענט אפילו.

צע גאַסען פאַלען דאָרטען איין! שטעדט, ווערען איינגעזונקען! אזוי ווי קורח!... איהר שפּיעלט זיך מיט אמעריקא?“

— שאַ, ווי באַלד אזוי, וואָס איז מיט זיי דער יחוס? שטאַרבען זיי, הייסט דאָס, גלייך מיט אונז?

• „יאָ, שטאַרבען שטאַרבט מען, נאָר ווי אזוי שטאַרבט מען — אָט דאָס איז די זאַך. און ניט אזוי נאָר דאָס שטאַרבען. שטאַרבען שטאַרבט מען אומעדום אַלץ איינס. פונ'ם טוידט שטאַרבט מען. דער עיקר איז דאָס באַהאַלטען — אָט וואָס! ערשטענס, איז אין אַמעריקאַ דער איינפיהר, אַז יעדער ווייסט פריהער וואו מע וועט איהם באַהאַלטען. וואָרום ער געהט אַליין, נאָך בע... ער לעבט, און קלויבט זיך אַליין אויס איין אָרט אויפ'ן בית־עולם — „סעמעטעריע“ הייסט עס דאָרטען — און דינגט זיך אזוי לאַנג, ביז ער גלייכט זיך אויס פאַר'ן פּרייז. נעמט ער די פלונית'טע זיינע און פאָהרט זיך דורך מיט איהר אויף דער סעמעטעריע און זאָגט איהר: „זעהסטו, נשמה מיינע? אָט דאָ וועסט דו ליגען, אָט דאָ וועל איך ליגען, און דאָרט וועלען ליגען אונזערע קינדער“... דער־נאָך געהט ער אוועק אין דעם אָפּיס פון לויה'ס און באַשטעלט זיך אַ לויה איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס פאַר אַ קלאַס ער וויל. און קלאַסען זענען דאָרטען פאַרהאַן אזוי גרויס ווי דריי: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. ערשטע קלאַס, פאַר גאַנץ גרויסע גבירים, מיליאָנערען, קאָסט טויזענד טאַלער אַ לויה. איז דאָס שוין איין מאָל אַ לויה! די זונן שיינט, אין דרויסען איז אַ חיות. די מטה איז אויף אַ שווארצען קאַטאַפאַלק, מיט זילבער באַלעגט. די פערד זענען אַלע אָנגעטהאָן מיט שוואַרצע פּאָפּאָנעס און ווייסע פעדערען. די רעווערענטען — רבנים, חזנים, שמשים — אויך אין שוואַרצען מיט ווייסע קנעפּ, און קאַרעטעס נאָך דער מטה — אָהן אַ שיעור קאַרעטעס! און אַלע קינדער פון אַלע תלמוד־תורה'ס געהען אויף צו פריהער און מע זינגט אויף אַ קול אויסגעצויגען: צ־ד־ק ל־פ־נ־י־ו י־ה־ל־ך ו־י־ש־ם

גאַנץ טביה דער מילכיגער

אודאי איז דאָס אַ טרויעריגע לויה. קיין שום צערעמאָניעס, קיין סימן פון קיין פערד און פון קיין רעווערענטען. און אין דרויסען ליאַפּעט. נאָר צוויי שמשים קומען צו געהן, די שמשים פוןביידע זייטען און אין מיטען דער בר־מינן — און אַלע דריי שלעפען זיי זיך נעבאָך צופוס גלייך ביז צום בית־עלמין... אָהן געלט, הערט איהר, זאָל מען גאָר ניט געבוירען ווערען — אַ פאַסקודנע וועלט... ווער פון אייך, אידען, פאַרמאָגט איין איבעריגען פּאַפּיראָס?"

אינהאלט

קטנתי 9
דאָס גרויסע געווינס 15
אַ בוידעם 43
היינטיגע קינדער 67
האָדעל 95
חוה 121
שפּרינצע 143
טביה פאָהרט קיין ארץ־ישראל 167
לך־לך. 199
ותלקלקות 223

קטנתי

א בריוועל פון טביה דעם מילכיגען צום מחבר.

געשריבען אין יאָהר 1895.

קָטֹנְתִּי

(אַ בריוועל פון טביה דעם מילכיגען צום מחבר).

לכבוד צו מיין געליעבטען טהייערעי פריינד רב שלום־עליכם, גאָט זאָל אייך געבען געזונט און פרנסה מיט אייער ווייב און קינדער, איהר זאָלט האָבען גרויס נחת וואו איהר וועט זיך קעהרען און ווענדען, אָמן סלה!

קטנתי! — באַדאַרף איך אייך זאָגען מיט'ן לשון, וואָס יעקב אָבינו האָט געזאָגט אין דער סדרה „וישלח", בשעת ער האָט זיך געלאָזט געהן קעגען עשו'ן, להבדיל... נאָר טאָמער איז דאָס אפשר ניט אַזוי גלייך, בעט איך אייך, פּאַני שלום־עליכם, איהר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט האָבען, איך בין אַ פּראָסטער חי־וקיים, איהר ווייסט אַודאי מעהר פון מיר — וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען? אין אַ דאָרף, משטיינס געזאָגט, מע ווערד פאַרגרעבט, ווער האָט צייט אַריינקוקען אין אַ ספר, צי אָפּלערנען אַ פרשה חומש מיט רש"י, צי וואָס? אַ שטיקעל גליק, עס קומט דער זומער, פאָהרען זיך צענויף די יעהופּעצער נגידים קיין בויבעריק אויף די דאַטשעס, קאָן מען זיך באַגעגענען אַ מאָל מיט איין איידעלען מענטשען, האָרכען אַ גוט וואָרט. איהר מעגט מיר גלויבען, אַז אין דערמאָן מיך אָן יענע טעג, ווען איהר זענט געזעסען נעבען מיר אין וואַלד, אויסגעהערט מיינע נאַרישע מעשיות, איז ביי מיר גלייך, ווי איך זאָל פאַרדיענען מי יודע וויפיעל! איך ווייס ניט מיט וואָס איך האָב ביי אייך אַזוי נושא חן געווען, איהר זאָלט זיך אָפּגעבען מיט אַזאַ קליין מענטשעל, ווי איך, מיר שרייבען בריוועלעך גאָר.

פארלאז איך מיך שוין אויף אייער איידעלען כאראקטער, אז איהר וועט דארטען טהון אין יעהופּעץ פון מיינעטוועגען אלסדינג, אַז זאל מיר פונ׳ם ביכעל עפּיס ארויס א שטיקעל טובה צו מיין פּרנסה. איך באדארף טאקי, כלעבען, איצטערט נויטיג האבען: איך רעכען, אם ירצה השם, אין גיכען אנהויבען טראכטען מכח חתונה מאכען א טאכטער; און אז גאט וועט שענקען, ווי זאגט איהר, דאס לעבען, איז אפשר טאקי צוויי מיט א מאל... דערווייל זייט מיר געזונט און האט א גליקליכען תמיד, ווי עס ווינשט אייך פונ׳ם גאנצען הארצען פון מיר אייער בעסטער פריינד

ט ב י ה.

יא, עיקר שכחתי! אז דאס ביכעל וועט פארטיג ווערען, און איהר וועט האלטען ביי שיקען מיר עפּיס געלט, זאלט איהר מוחל זיין שיקען קיין א נ א ט ע װ ו ק ע, אויפ׳ן שוחט׳ס נאמען. איך האב דארטען צוויי מאל אין ווינטער יאהר־צייט: איין מאל אסיען־צייט, פאר „פּאקראווע“, און דאס אנדערע מאל ארום „נאווע־גאד“, — בין איך, הייסט דאס, דעמאלט א שטאדט־איד. און ווייטער, גלאט אזוי בריוולעד קאנט איהר שיקען צו מיר גלייך קיין בויבעריק, אויף מיין נאמען, בזה הלשון: **פערעראט גאספאדינו טעוועליו מאלאטשנאהא יעוורייו.**

און לא־כל־שכן אַרויסשטעלן מיין נאָמען אין אַ בוך, מאַכען פון מיר אַ גאַנצען שלש־סעודות, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געוועזן מי יודע ווער, — מעג איך דאָך אודאי זאָגען: ק ט נ ת י !... אמת, איך בין אייך טאַקי אַ גוטער פריינד, לאָז מיר גאָט העלפען אַ הונדערט־חלק, וואָס איך ווינש אייך! איהר האָט, דאַכט זיך, גוט געזעהען, ווי אַזוי איך האָב אייך געדיענט נאָך אין די גוטע יאָהרען, בשעת איהר זענט נאָך געזעסען אויף דער גרויסער דאַטשע, — געדענקט איהר? — האָב איך אייך געקויפט אַ בהמה פאַר אַ פופ־ציגער, איז זי געווען אַ מציאה פון אַ גנב פינף און פופציג. אַי, זי איז אויפ׳ן דריטען טאָג גע׳פּגר׳ט? בין איך ניט שולדיג: למאי די אַנדערע בהמה, וואָס איך האָב אייך געגעבען, איז אויך גע׳־פּגר׳ט?... איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, ווי אַזוי דאָס האָט מיך געקרענקט; איך בין דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ! איך ווייס? דאַכט זיך, פונ׳ם שענסטען און פונ׳ם בעסטען, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען און אייך אויך, אם ירצה השם, אויפ׳ן נייעם יאָהר, עס זאָל זיין, ווי זאָגט איהר, חדש ימינו כקדם... און מיר זאָל גאָט העלפען אין מיין פּרנסה, איך זאָל זיין געזונט מיט מיין פערדעל, להבדיל, און מיינע בהמות זאָלען זיך מעלקען אַזוי פיעל, אַז איך זאָל אייך קאָנען דיענען אויף ווייטער אויך מיט מיין קעז און פּוטער על צד היותר טוב, אייך און אַלע יעהופּעצער נגידים, גאָט זאָל זיי געבען הצלחה און פּרנסה און אַלדאָס גוטס מיט גרויס נחת. און אייך פאַר אייער טרחה, וואָס איהר זענט זיך מטריח פון מיינעטוועגען, און פאַר דעם כבוד, וואָס איהר טהוט מיר אַז דורך אייער ביכעל, זאָג איך אייך נאָך אַ מאָל: ק ט נ ת י ! פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטריימעל, אַז אַ וועלט מיט מענטשען זאָלען פלוצים געוואָהרע ווערען, אַז אויף יענער זייט בויבעריק, ניט ווייט פון אַנאַטעווקע, געפינט זיך אַ איד, וואָס הייסט ט ב ְי ה ד ע ר מ י ל כ י ג ע ר? נאָר מסתמא ווייסט איהר דאָך וואָס איהר טהוט, קיין שכל באַדאַרף איך אייך ניט לערנען, און ווי אַזוי צו שרייבען ווייסט איהר שוין אַליין, און ווייטער מיט׳ן איבעריגען דאַרטען

דאָס גרויסע געווינס

אַ וואונדערליכע מעשה, ווי אַזוי טביה דער מילכיגער, אַ איד אַיין אָרעמאַן, אַ מטופל מיט קינדער, איז פלוצים מיט אַ מאָל בעגליקט געוואָרען דורך אַ משונה־ווילדען פאַל, וואָס איז כדאי, מע זאָל דאָס בעשרייבען אין אַ ביכעל. — דערצעהלט פון טביה'ן אַליין און איבערגעגעבען וואָרט ביי וואָרט.

געשריבען אין יאהר 1895.

דאָס גרויסע געווינס

מקימי מעפר דל,
מאַשפּות ירים אביון:
ער שטעלט אויף פון דער ערד דעם אָרעמאַן,
פונ'ם מיסט הויבט ער אויף דעם אביון.
(תהלים קי"ג, ז).

— אַז ס'איז באַשערט דאָס גרויסע געווינס, הערט איהר, פּאַני שלום־עליכם, קומט דאָס גלייך אין שטוב אַריין, ווי זאָגט איהר: למנצח על הגתית — אַז סע געהט לויפט עס; ס'איז גאָר נישטאָ דערביי קיין שכל מיט קיין בריה'שאַפטען. און טאָמער חלילה פאַרקעהרט, מעגט איהר צעזעצט ווערען רעדענדיג, וועט אייך העלפען, ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי, ווי זאָגט איהר: אין חכמה ואין עצה נגד אַ שלעכט פערד. אַ מענטש האָרעוועט, ווערד אויסגעריסען, האָטש נעם לעג זיך, שונאי ציון, און שטאַרב! פּלוצים, מע ווייסט ניט פון וואָס און פון וואַנען — עס פערדעלט פון אַלע זייטען, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: רוח והצלה יעמוד ליהודים; פאַרטייטשען באַדאַרף איך אייך ניט, נאָר דער פּשט דערפון איז אַזוי, אַז אַ איד, כל זמן שהנשמה בקרבי — עס שלאָגט זיך נאָך איין אָדער, טאָר ער נישט פאַרלירען דעם בטחון. איך האָב דאָס ארויסגעזעהען פון זיך אַליין טאַקי, ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט מיט מיר געפיהרט, מיט מיין איצטיגער פּרנסה: וואָרום ווי קום איך גאָר פאַרקויפען קעז און פּוטער אין מיטען דריגען.

יעהופּעץ, מע רעדט זיך דורך אַ ביסעל מיט אַ מענטשען, פיהלט מען, אַז מען איז אויך עפּיס אַ שטיקעל מענטש אויף דער וועלט, ווי זאָגט איהר, נישט קיין הינקעדיגער־ שניידער; און ווער שמועסט שבת — בין איך דאָך גאָר אַ מלך, קוק אַריין אין אַ אידישען ספר, אַ פּרשה חומש, אַ ביסעל תרגום, תהלים, פּרק, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם — איהר קוקט מיך אָן, פּאַני שלום־עליכם, און טראַכט זיך אַוודאי בשעת־מעשה אין הארצען: „ע, אַט דער טביה איז דאָך עפּיס טאַקי גאָר אַ איד וואָס קאַטאָרי!"...

בקיצור, וואָס־זשע האָב איך אייך אַנגעהויבען צו דערצעהלען? יאָ, בין איך, הייסט דאָס, דעמאָלט געווען, מיט גאָטס הילף, אַ ביטערער אָרעמאַן, געשטאַרבען, ניט פּאַר קיין אידען געדאַכט, מיט ווייב און קינדער דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער, אחוץ וועטשערע. געהאַרעוועט האָב איך ווי איין אייזעל, געשלעפּט קלעצער פון׳ם וואַלד צום וואַגזאַל אַ פולען וואָגען, עס זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, פאַר צוויי גילדען אַ טאָג, און דאָס — ניט אַלע טאָג, און דערמיט געה האַלט אויס, קיין עין־הרע, אַזאַ שטוב מיט פּיקערס, זאָלען געזונט זיין, מיט, להבדיל, אַ פערד אויף קעסט, וואָס וויל נישט וויסען וואָס רש"י מאַכט, באַדאַרף קייען אַלע טאָג, גאָר אָהן אַ שום תירוץ. וואָס טהוט גאָט? ער איז דאָך, ווי זאָגט איהר, אַ זן ומפרנס לכל — פיהרט דאָס וועלטעל קלוג, מיט שכל; זעהט ער, ווי איך מוטשע מיך דאָ אַזוי פאַר׳ן שטיקעל ברויט, מאַכט ער צו מיר: „דו מיינסט דאָך, טביה, אַז ס׳איז שוין אַחרי ככלות הכל — עק וועלט, דער הימעל איז אויף דיר געפאַלען? פּע, ביזט אַ גרויסער נאַר! אָט וועסט דו זעהן, ווי אַזוי, אַז גאָט וויל נאָר, טהוט זיך דאָס מזל אויף אַ מינוט אַ דרעה נאַ ליעוואַ קרוגאָם און עס ווערד ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך; עס קומט אויס, ווי מיר זאָגען אינ׳ם „ונתנה תוקף": מ י י ר ו ם ו מ י י ש פ ל — ווער סע פאָהרט און ווער סע געהט צו פוס. דער עיקר איז — בטחון, אַ איד באַדאַרף האָפען, נאָר האָפען. אַי וואָס? טאָמער ווערד מען דערווייל פאַרשוואַרצט? דערויף זענען מיר דאָך עפּיט

אז מיין באבע׳ס באבע האט קיינמאָל נישט געהאַנדעלט מיט קיין מילכיגס? ס׳איז בנאמנות כדאי, איהר זאָלט אויסהאָרכען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף. איך וועל מיך צוזעצען אויף א ווײלע אָט דאָ נעבען אייך אויפ׳ן גראָז, לאָז זיך דאָס פערדעל דערוויילע עפּיס קייען, ווי זאָגט איהר: נ ש מ ת כ ל ח י — אויך א באַשעפעניש ביי גאָט.

בקיצור, דאָס איז געווען אַרום שבועות־צייט, דאָס הייסט, איך זאָל אייך ניט זאָגען קיין ליגען, א וואָך אָדער צוויי פאַר שבועות; און אפשר, האַ? א פּאָר וואָכען נאָך שבועות. פאַרגעסט נישט, ס׳איז שוין, פּאַוואָלינקע, איך זאָל אייך זאָגען אַקוראַט, אַזוי גרויס ווי אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך, דאָס הייסט, פּונקט נייען יאָהר אָדער צעהן, און אפשר נאָך מיט א סמיטשיק. איך בין דעמאָלט געווען, ווי איהר זעהט מיך אַטאַ, גאָר נישט דער, וואָס איצטער, דאָס הייסט, טאַקי דער אייגענער ט ב י ה, נאָר פאַרט נישט דער, ווי זאָגט איהר: די אייגענע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט. דהיינו וואָס? איך בין געווען, ניט פאַר אייך גערעכט, א קבצן אין זיעבען פאָלעס, האָטש אפילו, אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע וויעדער צוריק, בין איך נאָך איצט אויך גאַנץ ווייט פון א נגיד. וואָס מיר פעהלט צו בראָצקי׳ן — מעגען מיר זיך דאָסביידע ווינשען פאַרדיענען דעם הייניגען זומער ביז נאָך סוכות; נאָר ווערליג אַמאָל, בין איך היינט, הייסט דאָס, אַ איד אַ נגיד, מיט א פערד־און־וועגעלע אַיין אייגענס, מיט, קיין עין־הרע, בהמה׳לעך א פּאָר, וואָס מעלקען זיך, מיט נאָך איינע, וואָס האַלט אָט־אָט ביי אָפּקעלבען זיך. ס׳איז דאָ, ניט צו פאַרזינדיגען, קעז און פּוטער און סמעטענע פרישע אַלע טאָג, אייגענע האָרעוואַניע, וואָרום מיר אַלע אַרבייטען, קיינער זיצט ניט לעדיג. מיין ווייב זאָל לעבען מעלקט די בהמות, די קינדער טראָגען קריגלעך, שלאָגען פּוטער, און איך אַליין, ווי איהר זעהט אַטאַ, פאָהר מיר אַרום אַלע פריה־מאָרגען אויפ׳ן מאַרק, געה דורך אַלע דאַטשעס אין בויבעריק, ־יע זעהט זיך מיט דעם, מיט יענעם, אַלע גרעסטע בעלי־בתים פון

זאָל לעבען, וועט די קישקע, נישקשה, מוחל זיין, נאָר אָהן דעם גלעזעל טיי, זאָגט זי, בין איך אין דערפריה גאָר אַ טוידטע; דאָס קינד, זאָגט זי, אַ גאַנצע נאַכט ציהט פון מיר די קליי!" און דערווייל איז מען דאַך עפּיס אַ איד אויף דער וועלט, מנחה איז טאַקי, ווי זאָגט איהר, ניט קיין ציעג, זי וועט ניט אַנטלויפען, נאָר דאַווענען דאַרף מען. מאָהלט אַייך, דאָס שענע דאַווענען, וואָס קאָן שוין זיין, אַז פּונקט בשעת שטעלען זיך שמונה־עשרה, צעלאָזט זיך, מעשה־שטן, דאָס פערדעל משוגענערווייז; באַדאַרף מען לויפען נאָכ׳ן וואָגען, אַיינהאַלטען די לייצעס און זינגען „אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב" — שען געשטאַנען שמונה־עשרה! און דאָ, ווי אויף־צו־להכעיס, גלוסט זיך דוקא דאַווענען געשמאַק, מיט הארץ, טאָמער וועט ווערען גרינגער אויף דער נשמה...

בקיצור, איך לויף מיר אַזוי נאָכ׳ן וואָגען און זאָג די שמונה־עשרה הויך. מיט אַ ניגון, ווי, להבדיל, ביי׳ם עמוד: מ כ ל כ ל ח י י ם ב ח ס ד — דער דאָ טהוט טהון שפּייזען אַלע זיינע באַשעפענישען, ו מ ק י י ם א מ ו נ ת ו ל י ש נ י ע פ ר — אפילו די וואָס ליגען אין דער ערד און באַקען בייגעל. אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי ווערד מען אויסגעריסען! ניט אַזוי, ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצען אַ גאַנץ זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסען און טרינקען און באָדען זיך אין אַלדאָס גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? איך בין, דאַכט זיך, אַ איד גלייך מיט אַלע אידען. גוואַלד, גאָטעניו, ר א ה נ א ב ע נ י נ ו — זעה, זאָג איך, באַטראַכט, ווי מיר האָרעווען, און נעם זיך אַז די קריוודע פון די אַרעמע לייט נעבאַך, וואָרום ווער דען וועט זיך אויף זיי אַרומקוקען, ווען ניט דו? ר פ א נ ו ו נ ר פ א — שיק אונז צו די רפואה, די מכה האָבען מיר שוין אַליין... ב ר ך ע ל י נ ו — בענטש אונז מיט אַ גוט יאָהר, עס זאָל זיין אַ געראָט אויף אַלע מינים תבואות, פון קאָרן און פון ווייץ און פון גערשטען; חאָטש אפילו, צוריה שמועסענדיג, וואָס וועט מיר. יעלי־מזל

שטיקלעך אידען אויף דער וועלט, ווי זאָגט איהר, אתה בחרתנו — ניט אומזיסט איז אונז די וועלט מקנא... אקעגען וואָס שמועס איך דאָס? איך שמועס עס אקעגען דעם, ווי אזוי גאָט האָט מיט מיר געפּיהרט, טאַקי נאָר נסים ונפלאות, איהר מעגט דאָס האָרכען.

ויהי היום, איין מאָל פאַר נאַכט פאָהר איך מיר אזוי זומער־לעבען אין וואַלד, שוין צוריק אַהיים, אָהן די קלעצער; דער קאָפּ אין דער ערד, אויפ'ן האַרצען וויסט און פינסטער; דאָס פערדעל, נעבאַך, קוים וואָס עס פּלאָנטעט מיט די פיס, חאַטש האַק, חאַטש בראָק. „קריך, זאָג איך, שלים־מזל, אין דער ערד אריין גלייך מיט מיר, ווייס אויך וואָס באַדייט אַ תענית אין אַ לאַנגען זומער־טאָג, אַז דו שטעהסט איין ביי טביה'ן פאַר אַ פערד!" שטיל אַרום און אַרום, יעדער קנאַק פון דער בייטש רופט זיך אָפּ אין וואַלד; די זון זעצט זיך, דער טאָג — ער גוס'עט; די שאָטענס פון די בוימער ציהען זיך אוים לאַנג, ווי דער אידישער גלות; עס הויבט אָן ווערען פינסטערליך און שטאַרק סומנע אויפ'ן האַר־צען. פאַרשיעדענע געדאַנקען, מחשבות'ען קריכען אין קאָפּ אריין, אַלערליי געשטאַלטען פון מענטשען, שוין לאַנג געשטאָרבענע, קומען מיר אַקעגען; און דאַ דערמאָן איך מיך די היים — אַז אַך און וועה איז מיר! אין שטוב איז פינסטער, חושך; די קינדערלעך, זאָלען געזונט זיין, נאַקעט און באָרוועס, קוקען אַרויס. נעבאַך אויפ'ן טאַטען, דעם שלים־מזל, טאָמער וועט ער ברענגען אַ ברויטעל אַ פרישׁ, און אפשר אַ בולקע אַהיים; און זי, די אַלטע מיינע, גע־וויינטליך אַ אידינע, וואָרטשעט: „קינדער באַדאַרף איך איהם האָבען, און נאָך זיעבען דערצו, חאַטש נעם, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעדע, וואַרף זיי אריין לעבעדיגערהייד אין טייך אריין!" גוט צו האָרכען אַזעלכע דבורים? מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענטש, ווי זאָגט איהר, אַ „בשר ודגים", דעם מאָגען קאָן מען מיט קיין ווערטער ניט פאַרשטופּען; מע האַפּט אַ שטיקעל הערינג, גלוסט זיך טיי, און צו טיי באַדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איהר, איז ביי בראָצקי'ן. „פאַר'ן שטיקעל ברויט, זאָגט מיין ווייב

וואָרט־צו אַ ווייל־עטשקע, אַנטלויפֿט נישט, מע וועט אייך, חלילה, גאָר נישט טהון!

„אַהאַ, אַ ניטגוטער!“ — קלער איך מיר, און טאַקי באַלד זאָג איך צו זיך אַליין: „בהמה בצורת פערד! וואָס עפּיס פּלוצים איז מיטען דרינען רוחות מיט שדים?“ און שטעל אָפּ דאָס פערדעל. איך הויב אָן גוט אײַנצוקוקען זיך אין די צוויי נפשות: נקבות; איינע איין עלטערע מיט אַ זיידען טיכעל אויפֿ׳ן קאָפּ, די אַנדערע אַ יונגערע מיט אַ פּאַריק; ביידע רויט ווי פֿייער און שטאַרק פֿאַרשוויצט.

— אַ גוטען אָבענד, סקאַצעל קומט! — מאַך איך צו זיי שטאַרק אויף אַ קול, כלומר׳שט אין גוטען מוטה. — וואָס איז אייער באַגעהר? אויב איהר מיינט עפּיס קויפֿען, וועט איהר ביי מיר נישט געפֿינען גאָר ניט, סיידען בויכוועהטיג אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ, אָדער האַרצקלעהמעניש אַ פּולע וואָך, אָדער אַ ביסעל קאָפּדרעהעניש, טרוקענע שמערצען, נאַסע יסורים, סיפּקע צרות?...

— שאַ, שאַ! — מאַכען זיי. — זעה נאַר, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל צעלאָזט! אַ אידען, אַז מע זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, איז מען ניט זיכער מיט׳ן לעבען! מיר דאַרפֿען, זאָגען זיי, נישט קויפֿען גאָר ניט, מיר האָבען נאָר געוואָלט אַ פֿרעג טהון ביי אייך, אפשר ווייסט איהר, וואו איז דאָ ערגיץ דער וועג קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק? — מאַך איך און צעלאַך מיך כלומר׳שט. — עס האָט ביי מיר, זאָג איך, אַזאַ פּנים, פּונקט ווי איהר זאָלט מיך, אַשטייגער, פֿרעגען, צי ווייס איך, אַז מע רופֿט מיך טביה.

— אַזוי? מע רופֿט אייך טביה? אַ גוטען אָבענד אייך, רב טביה! מיר פֿאַרשטעהען ניט, וואָס איז דאָ — מאַכען זיי — דער געלעכטער? מיר זענען פֿרעמדע, פֿון יעהופּעץ זענען מיר, און וואָהנען דאָ אין בויבעריק אויף אַ דאַטשע, זענען מיר, זאָגען זיי, אַרויסגעגאַנגען אויף אַ מינוטקעלע שפּאַצירען, און דרעהען

ארויסקומען דערפון? אשטייגער, למשל, וואס קומט ארויס מיין פערדעל, להבדיל, צי האבער איז טייער, צי וואלוועל?... נאר, פע, גאט פרעגט מען קיין קשיות ניט, ובפרט א איד באדארף דאך אודאי אננעמען אלסדינג פאר גוטען און זאגען „גם זו לטובה“, מסתמא הייסט גאט אזוי. ו ל מ ל ש י נ י ם — זינג איך מיר ווייטער — ולמלשינים, און די „סטיקראטען“, וואס זאגען, אז ס'איז ניטא קיין גאט אויף דער וועלט, וועלען האבען א שען פנים, אז זיי וועלען קומען א ה י ן; זיי וועלען דאס אויסקרענקען מיט פראצענט, ווארום ער איז א ש ו ב ר א ו י ב י ם — א גוטער צאהלער, מיט איהם שפיעלט מען זיך ניט, מיט איהם באדארף מען געהן מיט גוטען, בעטען איהם, שרייען צו איהם: א ב ה ר ח מ ן — דערבארעמדיגער, הארציגער פאטער! ש מ ע ק ו ל נ ו — הער צו אונזערע קולות, ח ו ס ו ר ח ם ע ל י נ ו — האב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, זיי זענען נעבאך הונ־געריג! ר צ ה — זאלסט באוויליגען, זאג איך, דיין ליעב פאלק ישראל, ווי אמאל, אין בית־המקדש, נאך בשעת די כהנים מיט די לויים... פלוצים — סטוי! דאס פערדעל האט זיך אנידערגע־שטעלט. איך האפ אפ אויף דער גיך דאס שטיקעל שמונה־עשרה, איך הויב אויף די אויגען און טהו א קוק — עס קומען מיר אקעגען גלייך פון וואלד ארויס צוויי משונה־מאדנע נפשות, פארשטעלט און אנגעטהאן נישט ווי געוויינטליך. „גזלנים!“ — איז מיר דורכגעפלויגען א געדאנק אין קאפ, און האב מיך אבער באלד פאר־האפט צוריק: „פע, טביה, ביזט א שוטה! סטייטש, דו פאהרסט אין וואלד שוין אזוי פיעל יאהרען, ביי טאג און ביי נאכט, וואס איז דיר עפים פלוצים היינט איינגעפאלען גזלנים?“ — וויא! מאך איך צום פערדעל און נעם זיך אן מיט הארץ און געב דעם א פאר שמיצלעך פון הינטען, גלייך ווי ניט מיך מיינט מען.

— רב איד! הערט נאר, רב קרוב! — מאכט צו מיר איינע פון די צוויי נפשות מיט א קול פון א נקבה און ווינקט צו מיר מיט א פאטשיילע. — אנו, שטעלט זיך נאר אפ אויף א רגע'לע,

— נו, וואָס־זשע, זאָג איך, זאָל איך טהון? עס זאָל זיין איז מיר געווענדט, וואָלט איך דאָס געמאַכט אַ ביסעל קירצער; אַ מענטש באַדאַרף, זאָג איך, אַלסדינג אויספּרובען אויף דער וועלט. אונטערוועגענס טרעפט זיך, אַז מע באַדאַרף, זאָג איך, שלעפּען זיך אין אַ בלאָטע אַרויף אַ באַרג, און נאָך ערב־שבת דערצו, דער רעגען שמייסט אין פּנים, די הענט קליאַנקען, דאָס האַרץ חלש'ט, און דאַ — טראַך! עס לאָפּנעט איין אַקס...

— איהר רעדט עפּיס גאָר ווי אַ דולער, — זאָגען זיי צו מיר, — איהר זענט גאָר נישט ביי די געדאַנקען, כלעבען. וואָס דערצעהלט איהר פּזמונות, בבא־מעשיות פון טויזענד־איין־נאַכט? מיר האָבען שוין קיין כח ניט צו פּלאָנטען מיט די פיס; אַ גאַנצען טאָג האָבען מיר, אַחוץ אַ גלעזעל קאַווע מיט אַ פּוטער־בולקע, נאָך אין מויל נישט געהאַט, קומט איהר צו געהן מיט אייערע מעשיות!

— אויב אַזוי, — זאָג איך — איז עפּיס אַנדערש; ווי זאָגט מען, קיין טאַנץ געהט ניט פאַר'ן עסען. דעם טעם פון הונגער פאַרשטעה איך גאַנץ גוט, איהר באַדאַרפט מיר נישט דערצעהלען. עס קאָן זעהר שען זיין, זאָג איך, אַז איך האָב קיין קאַווע מיט קיין פּוטער־בולקע נישט אָנגעקוקט שוין פון אַ יאָהר... און אַזוי ווי איך רעד, שטעלט זיך מיר פאַר אַ גלעזעל הייסע קאַווע מיט מילך און מיט אַ פּוטער־בולקע אַ פרישע, מיט נאָך גוטע זאַכען... „שלים־מזל איינער, טראַכט איך מיר, ביזט טאַקי אַנדערש נישט געצויגען געוואָרען, נאָר אויף קאַווע מיט פּוטער־בולקעלעך? און אַ שטיקעל ברויט מיט הערינג ביזט דו קראַנק?“ און ער, דער יצר־הרע, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען, אויף־צו־להכעיס קאַווע, אויף־צו־להכעיס פּוטער־בולקע! איך הער דעם ריח פון קאַווע, איך פיהל דעם טעם פון פּוטער־בולקע — פרישע, געשמאַקע, מחיה־נפשות!

— ווייסט איהר גאָר וואָס, רב טביה? — מאַכען צו מירביידע ווייבער. — טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אַזוי ווי מיר שטעהען אָט־אַ־דאַ, זאָלען מיר זיך אַרויפחאַפּען צו אייך אויפ'ן וואָגען, און

זיך אַרום אַזוי אין דעם דאָזיגען וואַלד פּאַוואָלינקע פון גאַנץ פריה אָן, בלאָנזען און בלאָנזען און קאָנען ניט בשום־אופן זיך אַרויפשלאָגען אויפ'ן רעכטען וועג; דערוויילע, זאָגען זיי, האָבען מיר דערהערט עמיצער זינגט אין וואַלד, האָבען מיר לכתחילה געמיינט, אַ קשיא, אפשר איז דאָס, חלילה, אַ גזלן? נאָר נאָכדעם, זאָגען זיי, אַז מיר האָבען דערזעהען פון דער נאָהענט, אַז איהר זענט, דאַנקען גאָט, אַ איד, איז אונז געוואָרען אַ ביסעל גרינגער אויף דער נשמה. היינט פאַרשטעהט איהר שוין?

— חאַ־חאַ־חאַ, אַ שענער גזלן! — זאָג איך. — איהר האָט געהאָרכט אַמאָל, זאָג איך, אַ מעשה מיט אַ אידישען גזלן, וואָס איז אָנגעפאַלען אויף אַ דורכגעהער און געבעטען בײַ איהם אַ שמעק טאַבעקע? אויב איהר ווילט, זאָג איך, קאָן איך אייך דערצעהלען די מעשה.

— די מעשה — זאָגען זיי — לאָזט איבער אויף איין אַנדערש מאָל; איהר ווייזט אונז בעסער אָן דעם וועג קיין בויבעריק.

— קיין בויבעריק? — זאָג איך. — סטייטש, אָט דאָס איז דאָך דער אמת'ער וועג קיין בויבעריק! איהר זאָלט אפילו, זאָג איך, נישט וועלען, מוזט איהר מיט דעם שליאַך אָנקומען גלייך קיין בויבעריק.

— וואָס־זשע שווייגט איהר? — מאַכען זיי צו מיר.

— וואָס־זשע זאָל איך, זאָג איך, שרייען?

— ווי באַלד אַזוי, מאַכען זיי צו מיר, קעהרט איהר שוין וויסען, איז עס נאָך עפּיס ווייט קיין בויבעריק?

— קיין בויבעריק, זאָג איך, איז נישט ווייט, עטליכע ווערסט; דאָס הייסט, זאָג איך, אַ ווערסט פינף־זעכס אָדער זיעבען, און אפשר טאַקי אַלע אַכט.

— אַכט ווערסט? ! — האָבען אויסגעשריגען ביידע ווייבער מיט אַ מאָל, געבראָכען די הענט און שיער נישט צעוויינט זיך אַזש. — סטייטש, וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? אַ ווערטעלע אויסצורעדען — אַכט ווערסט? !

איך דערמאָן מיך אַ מעשה פון אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַמאָל גע־פאָהרען איין וואַלד איינער אַליין און דערזעהען אויפן שליאַך ליגט אַ זעקעל האָבער. מיין בעל־עגלה האָט דערזעהען אַ זעקעל האָבער, האָט ער זיך ניט געפוילט, אַראָפּ פון'ם וואָגען, געחאַפּט דאָס זעקעל האָבער אויף די פּלייצעס, זיך איינגעריסען דאָס געזונט, קוים אַרויפגעלעגט דאָס זעקעל האָבער אויפ'ן וואָגען און — הלך לעולמו, פאָשאָל ווייטער. ער פאָהרט אָפּ אַקעגען אַ ווערסט, ער 'טהוט זיך אַ חאַפּ צום זעקעל האָבער — נישט קיין זעקעל, נישט קיין האָבער; ס'איז גאָר אַ ציעג ליגט ביי איהם אין וואָגען, אַ ציעג מיט אַ בערדעל; ער וויל זי אָנריהרען מיט דער האַנט, שטעלט זי איהם אַרויס אַ צונג אויף איין אַרשין, לאָזט אַרויס אַ משונה־ווילדען געלעכטער און ווערד פאַרשוואונדען...

— פאַר וואָס פאָהרט איהר שוין ניט? — מאַכען צו מיר די ווייבער.

— פאַר וואָס איך פאָהר שוין ניט? איהר זעהט דאָך, זאָג איך, פאַר וואָס: דאָס פערדעל וויל ניט דאַוונען, ס'איז ניט אויפגעלעגט.

— גיר' דעם מיט דער בייטש, מאַכען זיי, איהר האָט דאָך אַ בייטש.

— אַ דאַנק אייך, זאָג איך, פאַר דער עצה, גוט וואָס איהר האָט מיר דערמאָנט. דער חסרון, זאָג איך, וואָס מיין בחור שרעקט זיך ניט איבער פאַר אַזעלכע זאַכען; ער איז שוין אַזוי געוואָהנט מיט דער בייטש, ווי איך מיט'ן דלות, — זאָג איך צו זיי כלומר'שט מיט אַ ווערטעל, און עס וואַרפּט מיך מיר דאָס נייעניאַהריגע קדחת.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין — איך האָב אויס־געלאָזט מיין גאַנץ ביטער הארץ צום פערדעל נעבאַך; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט געריהרט פון'ם אָרט, ויסעו מרפידים — און מיר זענען אַוועק מיט'ן

איהר טאקי אליין זאלט זיך מטריח זיין אונז אפפיהרען מחילה אהיים, קיין בויבעריק? וואס וועט איהר זאגען דערויף?

— סא משל, זאג איך, כחרס הנשבר; איך פאהר פ ו ן בויבעריק, און איהר דארפט ק י י ן בויבעריק! ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער?

— נו, איז וואס? — מאכען זיי. — ווייסט איהר ניט וואס מע טהוט? א איד א למדן גיט זיך איין עצה: ער פארקערעוועט דאס וועגעלע און פאהרט צוריק. האט קיין מורא נישט, רב טביה, זאגען זיי, זייט זיכער, אם ירצה השם, אז גאט וועט אונז ברענגען אהיים בשלום, ווינשען מיר זיך דאס אויסקרענקען, וואס איהר וועט צו אונז דערלעגען.

„עפים רעדען זיי׳ מיט מיר תרגום־לשון! — טראכט איך מיר. — פארשטעלט, גאר נישט ווי געוויינטליך!" — און עס קומען מיר ארויף אויפ'ן זינען: מתים, מכשפות, לצים, פארשלעפטע קרענק. — „שוטה בן פיקהאלץ! — טראכט איך מיר. — וואס שטעהסט דו, ווי א פלאקען? חאפ זיך ארויף אויפ'ן וואגען, ווייז דעם פערדעל א בייטש און מאך א ויברח!" נאר מעשה־שטן חאפט זיך ארויס ביי מיר נישט וו׳לענדיג פונ'ם מויל:

— קריכט אין וואגען!

מיינע האבען דערהערט, זיך דוקא נישט געלאזט לאנג בעטען און מארש אין וואגען אריין; איך נאך זיי אויף דער קעלני, פארקערעוועט דעם דישעל, שמיים דאס פערדעל: איינס, צוויי, דריי, פאשאל! — ווער, וואס, ווען? א נעכטיגער טאג! פונ'ם ארט וויל דאס ניט ריהרען, חאטש נעם צעשנייד דאס אויף צווייען. „נו, טראכט איך מיר, היינט פארשטעה איך שוין, וואס דאס איז פאר ווייבער... דער גוטער יאהר האט מיך געטראגען זיך אפשטעלען אין מיטען דרינען, מאכען א שמועס מיט ווייבער!"... איהר פארשטעהט — פון איין זייט דער וואלד, דאס שטילקייט מיט'ן פומנעקייט, אקעגען נאכט, און דא — די צוויי נפשות, כלומר'שט נקבות... דער כח־הדם ארבייט גאנץ געשמאק אויף אלע סטרונעס.

נאָכדעם, זאָג איך, געהט ווידער אַ באַרג־אַראָפּ מיט אַ באַרג־אַרויף, און ערשט נאָכדעם, זאָג איך, האָבען מיר דעם גרויסען באַרג־אַרויף, און פון דאָרטען געהט שוין דער וועג גלייך, גלייך ביז בויבעריק...

— עפּיס אַ שלים־מזל! — רופט זיך אָן איינע צו דער אַנדע־ער.

— אַ פאַרשלעפּטע קרענק! — זאָגט די אַנדערע.

— אַ רעשטעל צו די צרות! — זאָגט ווידער יענע.

— מיר שיינט, אַ משוגע׳נער! — זאָגט די אַנדערע.

„אודאי — טראַכט איך מיר — בין איך אַ משוגע׳נער, אַז איך לאָז מיך פיהרען ביי דער נאָז!“...

— וואו וועט איהר זיך, אַשטייגער, כדומה למשל, מיינע ליעבע ווייבער, הייסען אָפּוואַרפען? — רוף איך מיך אָן צו זיי.

— וואָס הייסט, זאָגען זיי, אָפּוואַרפען? וואָס איז פאַר איין אָפּוואַרפעכטס?

— עס רעדט זיך אַזוי, זאָג איך, בעל־עגלה־שפּראַך; אויף אונזער לשון הייסט דאָס: וואוהין וועט איהר זיך הייסען פאַר־פיהרען, אַז מיר וועלען קומען, זאָג איך, קיין בויבעריק, אם ירצה השם, מיט׳ן אויבערשטענס הילף, געזונט און שטאַרק, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען? ווי זאָגט מען: בעסער צוויי מאָל פרעגען איידער איין מאָל בלאָנזען.

— אַ? אָט דאָס מיינט איהר? איהר וועט אונז, זאָגען זיי, מוחל זיין צופיהרען צו דער גרינער דאַטשע, וואָס ביי׳ם טייך, פון יענער זייט וואַלד. ווייסט איהר וואו דאָס איז?

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? — זאָג איך. — איך בין אין בויבעריק ווי ביי זיך אין דערהיים. לאָם איך פאַרמאָגען די אלפים, זאָג איך, וויפיעל קלעצער איך האָב אַהינצו אַריינגעפיהרט. אָט ערשט פאַראַיאָהרען זומער, זאָג איך, האָב איך געשטעלט אויף דער גרינער דאַטשע צוויי קלאָפטער האָלץ מיט אַ מאָל; דאָרט איז געזעסען איינער אַ גביר אַ גרויסער, פון יעהופּעץ, אַ מיליאָנ־

וואלד גלייך אונזער וועג. פאהרענדיג אזוי, פליהט מיר דורך אין קאפ גאר א נייע מחשבה: „אוי, טביה, ביזט דו א פערדאטש! ה ח י ל ו ת ל נ פ ו ל — ביזט געווען א קבצן, און וועסט בלייבען א קבצן. סטייטש, גאט האט דיר צוגעשיקט אזא באַגעגעניש, וואס טרעפט איין מאל אין הונדערט יאהר, ווי אזוי באדינגסט דו זיך ניט לכתחילה, דו זאלסט וויסען מה־יקר — וואס וועסט דו האבען דערפאר? ווען מיר זאלען שמועסען הן על־פי יושר והן על־פי סאוועסט, הן על־פי מענשליכקייט והן על־פי דין און על־פי זאקאן, און אפילו על־פי וויים איך וואס, איז קיין עולה ניט, מע זאל דערביי עפּיס פארדיענען, און פאר וואס טאקי ניט אפלעקען א ביינדעל, אז עס האט זיך שוין יא אזוי געמאכט? שטעל אפ דאס פערדעל, דו בהמה, זאג זיי אזוי און אזוי, ברחל בתך הנאקעטע: „האב איך ביי אייך אזוי פיעל און אזוי פיעל, איז גוט, אלא ניט, בעטען מיר אייך, מחילה, אראפ פונ'ם וואגען!" נאר צוריק קלער איך מיר: „ביזט טאקי א בהמה, טביה! דו ווייסט ניט, אז די פעל פונ'ם בער טאר מען אין וואלד ניט פאר־קויפען, ווי זאגט דער גוי: ש ט ש ע נ ע פ א י מ א ו ו א ו ו ז ש ע ס ק ו ב ע"...

— למאי פאהרט איהר נישט א ביסעל גיכער? — זאגען די ווייבער און טארען מיך פון הינטען.

— וואס האט איהר, זאג איך, אזוי קיין צייט ניט? פון איילעניש, זאג איך, קומט קיין גוטס ניט ארוים, — זאג איך און האפ א קוק מן־הצד אויף מיינע פארשווינדלער; דאכט זיך, ווייבער, ווי געוויינטליך, ווייבער: איינע מיט א זיידען טיכעל, די אנדערע מיט א פאריק; זיי זיצען און קוקען איינס אויפ'ס אנדערע און שושקען זיך.

— נאך עפּיס ווייט? — פרעגען זיי מיך.

— נעהענטער, זאג איך, ווי פון דאנען אודאי ניט; אט באלד, זאג איך, האבען מיר א בארג־אראפ מיט א בארג־ארויף;

געווען?... אַ גאַנצען טאָג אַהין קעפּ... צעשיקט פּאַטשט אויף אַלע וועגען... געמיינט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר וועלף, גזלנים, חס־ושלום! וואָס איז די מעשה?"...

— „די מעשה איז אַ שענע מעשה: געבלאָנזעט אין וואַלד, פאַרבלאָנזעט העט־ווייט, אפשר צעהן ווערסט. פּלוצים אַ איד... וואָס פאַר אַ איד?... אַ איד אַ שלים־מזל מיט אַ פערד און וועגעלע... קוים מיט צרות איינגעבעטען זיך"... „אַלע בייזע, וויסטע חלומות... אַליין גאָר אַהין אַ שומר?... אַ מעשה, אַ מעשה, באַדאַרפט בענטשען גומל"...

בקיצור, מע האָט אַרויסגעטראָגען לאַמפּען אויפ'ן גאַניק, געגרייט צום טיש און אנגעהויבען טראָגען סאַמאָווארען הייסע, מיט בעקענס טיי, מיט צוקער, מיט איינגעמאַכטס, מיט פיינקוכענס גוטע, מיט פּוטערגעבעקס פרישע, שמעקענדיגע, און נאָכדעם עסענס אַלערליי, די טייערסטע מאכלים, ייכלעך פעטע, מיט געבראָטענס, מיט געגזענס אַ סך, מיט די בעסטע וויינען און נאַסטאַיקעס. איך בין נאָר געשטאַנען פון דערווייטענס און באַטראַכט, ווי אַזוי, קיין עין־הרע, מע עסט דאָס און מע טרינקט ביי די יעהופּעצער נגידים, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדטען. „אַ משכון פאַרזעצען, טראַכט איך מיר, און אַ גביר זאָל מען זיין!" מיר דאַכט, איך וויים? וואָס דאָ פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד וואָלט פאַר מיינע קינדער גענוג געווען אויף אַ גאַנצע וואָך, ביז שבת. גוואַלד, גאַטעניו, האַרציגער־געטרייער, דו ביזט דאָך עפּיס איין אל ארך אַפּים, אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט אַוועקגעבען איינעם גאָר, דעם אַנדערען גאָר ניט? איינעם פּוטער־בולקעס, דעם אַנדערען מכות־בכורות? און צוריק אָבער באַטראַכט איך מיר: עט, ביזט אַ גרויסער נאַר, טביה, בלעבען, וואָס איז שייך, דו ווילסט אי ה ם זאָגען אַ דעה, ווי אַזוי צו פיהרען די וועלט? מסתמא, אַז ע ר הייסט אַזוי, באַדאַרף זיין אַזוי; אַ סימן האָט איהר, אַז ווען עס זאָל באַדאַרפען זיין אַנדערש, וואָלט דאָך געווען אַנדערש. אי,

שטשיק פון אודאי א מאה אלף קארבען, און אפשר פון רי"ש אלפים!

— ער זיצט היינט אויך דארטען. — רופען זיך אן צו מיר ביידע ווייבער און קוקען איינס אויפ׳ס אנדערע און שושקען זיך און לאַכען.

— שאַ, זאָג איך, אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, קאָן דאָך געמאָהלט זיין, אַז איהר האָט מיט איהם עפּיס אַ שטיקעל שייכות, — וואָלט אפשר געווען, זאָג איך, אַ סברא, איהר זאָלט זיך דאָרט מטריח זיין, עפּיס אַ רעד טהון פון מיינעטוועגען, אַ שמיקעל טובה מיר, אַ פּרנסה, אַ שטעלע, צי ווייס איך וואָס? איך קען, זאָג איך, איינעם אַ יונגען מאַן, ישראל הייסט ער, ניט ווייט פון אונזער שטעדטעל, געווען אַ גאַרנישט מיט אַ נישט; האָט ער זיך דערשלאָגען אַהינצו, מע ווייסט ניט פון וואַנען און ווי אַזוי — בקיצור, ער איז היינט אַ גאַנצער יאַ־טעבי־דאַם, פאַר־דיענט אפשר צוואַנציג קארבען אַ וואָך, צי אפשר גאָר פערציג, איך ווייס? — לייט האָבען גליק! צי, אַשטייגער, וואָס געהט־אָפּ, זאָג איך, אונזער שוחט׳ס איידעם? וואָס וואָלט פון איהם געווען, ווען ער לאָזט זיך ניט אַוועק קיין יעהופּעץ? אמת, די ערשטע עטליכע יאָהר איז ער גוט פאַרשוואַרצט געוואָרען, שיער ניט גע־שטאָרבען פון הונגער. דערפאַר אָבער אַצינד, חוץ זיין שאַדען, הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרען; ער שיקט שוין געלט אַהיים. ער האָט שוין חשק אַרויסנעמען אַהין זיין ווייב און קינדער, לאָזט מען איהם דאָרט ניט זיצען. אי איז ז׳אַך די קשיא. ווי אַזוי זיצט ער? מוטשעט ער זיך טאַקי... שאַט, זאָג איך, אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך; אָט האָט איהר, זאָג איך, דעם טייך, און אָט איז די גרויסע דאַטשע, — זאָג איך און פאָהר מיר אַריין ברייטליך, מיט אַ ירגזון, גלייך מיט׳ן דישעל אין גאַניק אַריין. מע האָט אונז נאָר דערזעהען, איז געוואָרען ששון ושמחה, אַ גע־שריי, אַ געפּילדער: „אוי, די באַבע! די מאַמע! די מוהמע!... זיך געפונען דער שאַדען! מזל־טוב!... גוואַלד, וואו זענט איהר

רעדעז, אַ מיליאָז, בין איך רייכער פונ׳ם גרעסטעז גביר איז יעהופּעץ. דער חסרון, זאָג איך, וואָס אָרעם איז ניט רייך, קרום איז ניט גלייך, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט: המבדיל בין קודש לחול — ווער עס האָט די קלינגערס דעם איז וואויל. געלט האָבעז טאַקי די בראַצקים, און איך האָב טעכטער. און אַז מע האָט, זאָגט איהר, טעכטער, פאַרגעהט דער געלעכטער. נאָר גאָר נישט, גאָט איז אַ פאָטער. ער פיהרט אויס, דאָס הייסט, ער זיצט אויבען און מיר מוטשען זיך אונטען. מע האָרעוועט, מע שלעפּט קלעצער, אַ ברירה האָט מען? ווי די גמרא זאָגט: במקום שאין איש — איז אַ הערינג פיש. דער גאַנצער אומגליק איז — דאָס עסען. ווי מיין באָבע, עליו השלום, פלעגט זאָגען: „ווען דער פּיסק זאָל ליגען אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגענ אין גאָלד“... האָט קיין פאַראיבעל ניט, זאָג איך, עס איז ניטאָ קיין גלייכערס פון אַ קרומען לייטער און קיין קרומערס פון אַ גלייך וואָרט, ובפרט, זאָג איך, אַז מע מאַכט שהכל נהיה בדברו אויפ׳ן ניכטערען האַרצען.

— לאָז מען געבען דעם אידען עפּיס עסען! — רופט זיך אָן דער גביר, און עס ווערד באַשאַפען אויפ׳ן טיש פון כל־מאמינים־שהוא: פיש, און פלייש, און געבראַטענס, און פערטלען עוף, און פופּקעס מיט לעבערלעך אַהן אַ שעור.

— איהר ווענט עפּיס עסען? — מאַכען זיי צו מיר. — געהט וואַשט זיך.

— אַ קראַנקען פרעגט מען, אַ געזונטען גיט מען; נאָר וואָס רעז, זאָג איך, אַ דאַנק אייך. אַ ביסעל בראַנפען, זאָג איך, מהכתיתי, נאָר געהן זעצען זיך אָט דאָ מאַכען אַ גאַנצע סעודה, בשעת דאָרטען, אין דערהיים, מיין ווייב און קינדער, זאָלען געזונט זיין... אויב אייער גוטער ווילען וועט זיין...

בקיצור, מע האָט זיך, אַפּנים, געשטויסען וואָס איך מיין, און מע האָט מיר געגומען פּאַקען אין וואָגען אַריין איטליכער באַזונ־דער: דער אַ בולקע, דער פיש, דער געבראַטענס, דער אַ פערטעל

וואָס ? פאַר וואָס זאָל טאַקי ניט זיין אַנדערש ? איז דער תירוץ: עבדים היינו — דערויף זענען מיר דאָך עפּיס שטיקלעך אידען אויף דער וועלט. אַ איד באַדאַרף לעבען מיט אמונה און מיט בטחון; ער באַדאַרף גלויבען, ערשטענס, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און האָפען אויף דעם, וואָס לעבט אייביג, אַז עס וועט זיך, מסתמא, אם ירצה השם, פאַרבעסערען...

— שאַ, וואו־זשע איז ערגיץ דער איד ? — הער איך עמיצער זאָגט. — שוין אַוועקגעפאָהרען דער שלים־מזל ?

— חס ושלום ! — רוף איך מיך אָן פון דערווייטען. — וואָס הייסט, איך וועל אַוועקפאָהרען גלאַט אַזוי, אָהן אַ זייט־געזונט ? שלום עליכם, זאָג איך, אַ גוטען אָבענד אייך, ברוכים היושבים, עסט געזונטערהייד, און לאָז אייך וואויל באַקומען !

— קומט־זשע אַהער, מאַכען זיי צו מיר, וואָס שטעהט איהר דאָרטען אין דער פינסטער ? לאָמיר אייך אָנקוקען חאָטש, זעהען וואָס פאַר אַ פּנים איהר האָט. אפשר וועט איהר נעמען אַ ביסעל בראָנפען ?

— אַ ביסעל בראָנפען ? אָך, זאָג איך, ווער זאָגט זיך דאָס אָפּ פון אַ ביסעל בראָנפען ? ווי שטעהט דאָרטען אין פּסוק: איזה „לחיים“ ואיזה למ'ות — מאַכט רש"י: גאָט איז גאָט און בראָנפען איז בראָנפען. לחיים ! — זאָג איך און האַק אריין אַ כוסה. — לאָז גאָט געבען, זאָג איך, איהר זאָלט תמיד זיין רייך און האָבען גרויס נחת; אידען, זאָג איך, זאָלען תמיד זיין אידען; גאָט זאָל זיי געבען, זאָג איך, געזונט און כח, זיי זאָלען קאָנען אַריבערטראָגען די צרות.

— מה שמכם ? — רופט זיך אָן צו מיר דער גביר אַליין, אַ שענער איד מיט אַ יאַרמעלקע. — פון וואַנעט איז אַ איד, וואו זיצט איהר, וואָס איז אייער פּרנסה ? זענט איהר אַ באַווייבטער ? האָט איהר עפּיס קינדער, און וויפיעל קינדער ?

— קינדער ? — זאָג איך. — ניט צו פאַרזינדיגען. אויב איט־ליכס קינד, זאָג איך, איז ווערטה, ווי מיין גאָלדע וויל מיך איינ־

מאַכט אַזוי: „אַט דאָס האָט איהר פון מיר, און איהר, קינדער, גיט אייך פון אייער קעשעני וויפיעל איהר פאַרשטעהט“.

בקיצור, וואָס טויג אייך — עס האָבען אָנגעהויבען צו פליהען אויפ׳ן טיש פינפערלעך און דרייערלעך און איינערלעך — הענט און פיס האָבען מיר געציטערט; איך האָב געמיינט, אַט פאַל איך חלשות.

— נו, וואָס שטעהט איהר? — מאַכט צו מיר דער גביר. — נעמט צענויף די עטליכע קערבלעך פונ׳ם טיש און פאָהרט געזונטערהייד צו אייער ווייב און קינדער.

— גאָט זאָל אייך געבען, זאָג איך, כפל־כפלים, איהר זאָלט פאַרמאָגען צעהן מאָל, הונדערט מאָל אַזוי פיעל, איהר זאָלט האָבען אַלדאָס גוטס, מיט גרויס נחת! — און זשעברע צענויף מיטביידע הענט דאָס געלט — ווער געצעהלט? וואָס געצעהלט? — און שטופּ אין אַלע קעשענים. — אַ גוטע נאַכט, זאָג איך, אַ גוטען תמיד און זייט געזונט, און זאָלט האָבען, זאָג איך, גרויס נחת, איהר און אייערע קינדער און קינד׳ס קינדער און אייער גאַנצע משפּחה, — זאָג איך און לאָז מיך געהן צום וואָגען. רופט זיך אָן צו מיר די גביר׳טע, יענע וואָס מיט׳ן זיידען טיכעל:

— שטעהט נאָר אַ ווייילע, רב טביה, פון מיר באַקומט איהר גאָר אַ באַזונדער מתנה; אם ירצה השם, מאָרגען קומט צו פאָהרען; איך האָב, זאָגט זי, אַ מאורע בהמה, געווען אַמאָל אַ טייערע בהמה, פלעגט געבען פיער און צוואַנציג גלעזער מילך; היינט האָט זי פון אַ גוט אויג אויפגעהערט צו מעלקען זיך, דאָס הייסט, מעלקען מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי ניט...

— לאַנג לעבען זאָלט איהר, זאָג איך, איהר זאָלט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, ביי מיר וועט זיך אייער בהמה אי מעלקען, אי מילך געבען; מיין אַלטע איז, קיין עין־הרע, אַזאַ בעל־הבית׳טע, אַז פון גאָר ניט בראָקט זי לאָקשען, פון פינגער קאָכט זי זאַטירקעס, מיט נסים מאַכט זי שבת און מיט בוכענצים לעגט זי קינדער שלאָפען... האָט קייז פאַראיבעל ניט, זאָג איך, טאָמער האָב איך

עוף, דער טיי און צוקער, דער אַ טעפּעל שמאַלץ, דער אַ סלאַי איינגעמאַכטס.

— דאָס וועט איהר, מאַכען זיי, ברענגען אַהיים אַ מתנה פאַר אייערע ווייב און קינדער. און אַציגד זאָגט, וויפיעל וועט איהר זיך הייסען באַצאָהלען פאַר אייער טרחה, וואָס איהר האָט זיך מטריח געווען פון אונזערטוועגען?

— סאַ משל, זאָג איך, וואָס איז שייך, איך וועל מיר הייסען אָנמעסטען? וויפיעל אייער גוטער ווילען וועט זיין, זאָג איך, אַזוי וועט איהר מיר באַצאָהלען. מיר ווען דורכקומען, ווי זאָגט ער, אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענדעל אַרויף. „שקראַב וועט שוין שקראַבע־דיגער ניט ווערען“...

— ניין, זאָגען זיי, מיר ווילען האָרכען פון אייך אַליין, רב טביה! האָט קיין מורא ניט, מע וועט אייך, חלילה, ניט קעפּען.

„וואָס טהוט מען דאָ? — טראַכט איך מיר. — ס'איז שלעכט: זאָל איך זאָגען אַ קערבעל, איז איין עבירה, טאָמער קאָן איך נעמען צוויי. זאָל איך זאָגען צוויי, האָב איך מורא, טאָמער קוקען זיי מיך אָן ווי אַ משוגענעם: פאַר וואָס קומט דאָ צוויי קאַרבען?“

— אַ דרייערעל!!!... — האָט זיך אַרויסגעחאַפּט ביי מיר פון'ם מויל, און צווישען עולם איז געוואָרען אַזאַ געלעכטער, אַז איך האָב מיך שיער אין דער ערד באַגראָבען.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, זאָג איך, טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט; אַ פערד, זאָג איך, אויף פיער פיס, ספּאָטיקעט זיך, ובפרט אַ מענטש מיט איין צונג... עס איז גע־וואָרען נאָך אַ גרעסערער געלעכטער; מע האָט זיך פשוט גע־האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג.

— לאָז שוין זיין געגוג צו לאַכען! — רופט זיך אָן דער גביר און נעמט אַרויס פון בוזעמקעשעני אַ גרויסען טייסטער און געהט און שלעפּט אַרויס פון'ם טייסטער — וויפיעל מיינט איהר, אַשטייגער? אַנו, טרעפט! — אַ צעהענערעל, אַ רויטס אַזוי ווי פייער, איך זאָל אַזוי זיין געזונט מיט אייך אינאיינעם! — און

בקיצור, איך האָב איהם קוים איינגעבעטען, מחילה איינגע־שפּאַנט איהם אין וואַגען און האָב מיך געלאָזט אהיים לעבעדיג־פרייליך, געזונגען אַ „מלך־עליון“ גאָר בגילופין. אויך מיין פערדעל איז געוואָרען גאָר נישט דאָס, וואָס פריהער; אַ נייע פעל אויף דעם אויסגעוואַכסען; שוין נישט געוואַרט אויף קיין בייטש, געלאָפען ווי אַ מזמור. געקומען אהיים שוין שפּעטליך אין דער נאַכט, אויפגעוועקט מיין ווייב מיט אַ שמחה, אַ פרייד.

— אַ גוט יום־טוב, מאַך איך צו איהר, מזל־טוב דיר, גאָלדע!

— אַ וויסטער מזל־טוב דיר אַ פינסטערער, מאַכט זי, וואָס ביזט דו אַזוי יום־טוב'דיג, מיין טייערער ברויט־געבער? דו פאַהרסט דאָס פון אַ חתונה, צי פון אַ ברית, גאָלדשפּינער מיינער?

— עס איז אַ חתונה, זאָג איך, מיט אַ ברית! וואַרט אויס, מיין ווייב, אַט וועסט דו באַלד זעהען איין אוצר, זאָג איך; נאָר קודם־כל וועק אויף די קינדער, לאָזען זיי נעבאַך אויך געניסען, זאָג איך, פון די יעהופּעצער מאכלים...

— צי דו ביזט דול, צי דו ביזט חסר־דעה, צי דו ביזט גע־ריהרט, צי דו ביזט פונ'ם זינען? עפּיס רעדסט דו, ווי אַ משוגע'־נער, שונאי־ציון! — זאָגט צו מיר מיין ווייב און שעלט, לייענט די תוכחה, ווי געוויינטליך אַ אידינע.

— אַ אידינע, זאָג איך, בלייבט אַ אידינע; ניט אומזיסט זאָגט שלמה המלך, אַז צווישען טויזענד ווייבער האָט ער ניט געפונען איינע אַ רעכטע. אַ גליק, כלעבען, וואָס ס'איז היינט גע־וואָרען אוים מאָדע צו האָבען אַ סך ווייבער, — זאָג איך און געה מיר אַרוים צו מיין וואָגען און טראָג אַריין פון דאָרטען אַלע גוטע זאַכען, וואָס מע האָט מיר אַיינגעפּאַקט, און שטעל דאָס אַלסדינג אוים אויפ'ן טיש. מיינע חברה־לייט האָבען דערזעהען בולקעס, דערשמעקט פלייש, זענען זיי באַפאַלען דעם טיש, ווי די הונגעריגע וועלף נעבאַך; עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ חאַפּעריי, די הענט האָבען געציטערט, די צייהן האָבען געאַרבייט; עס איז געוועזען, ווי אין פּסוק שטעהט: ו י א כ ל ו — מאַכט רש"י: מע האָט גע־

מיך ארויסגעחאפּט מיט איין איבעריג װאָרט. א גוטע נאַכט און א גוטען תּמיד און זייט געזונט, — זאָג איך און לאָז מיך געהן. איך קום ארויס אין הויף צום װאָגען, איך טהו מיך א חאַפּ צום פערדעל — אוי־װעה, איין אומגליק, א צרה, א שלאַק! איך קוק אויף אַלע זייטען, והילד איננו — ניטאָ קיין פערדעל!

„נו, טביה, טראַכט איך מיר, דו ביזט אין דער ארבייט!“... און עס קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען א שענע מעשה, װאָס איך האָב אַמאָל געלייענט ערגיץ אין א ביכעל, װי אַזוי „חברה“ האָבען דערטאַפּט אין דער פרעמדער איין עהרליכען אידען, א חסיד, פאַר־נאַרט צו זיך הינטער דער שטאָדט אין פּאַלאַץ אריין, געגעבען איהם עסען און טרינקען, און נאָכדעם פלוצים מיט א מאָל פאַרשװאונדען געװאָרען, איהם איבערגעלאָזט איינעם אליין מיט א נקבה; פון דער נקבה איז באַלד געװאָרען א חיה־רעה, פון דער חיה־רעה האָט זיך אויסגעלאָזט א קאַץ, און פון דער קאַץ — א פּיפּערנאָטער... „זעה נאָר, טביה, זאָג איך צו מיר אליין, צי מע פיהרט דיך ניט אין באָד אריין?!“

— װאָס באָברעט איהר זיך דאָרטען און װאָס װאָרטשעט איהר? — פרעגט מען מיך.

— װאָס איך באָברע מיך? — ענטפער איך. — אַז אַך און װעה איז מיר, זאָג איך, װאָס איך לעב אויף דער װעלט; איך האָב א שאָדען: דאָס פערדעל מיינס...

— אייער פערדעל, מאַכען זיי צו מיר, איז אין שטאַל. זייט זיך מטריח אהינצו, אין שטאַל אריין.

איך קום אַריין אין שטאַל און טהו א קוק: יאָ, װי איך בין א איד! מיין בחור שטעהט זיך גאַנץ פיין צװישען די נגיד'ישע פערד, שטאַרק פאַרטיעפט אינ'ם קייען, רייבט דעם האָבער גע־שמאַק, אויף װאָס די װעלט שטעהט.

— הער נאָר, זאָג איך צו איהם, חכם מיינער, שוין צייט אהיים; מיט א מאָל צוחאַפּען זיך, זאָג איך, טאָר מען נישט; אייז איבעריגער ביסען, זאָגט מען, קאָן פאַרשאַדען...

א מאָל און נאָך א מאָל — דאָרט איז געוועזן פּונקט צוויי מאָל ח"י און איינס איין איבעריגס, האָט איהר א קיימא־לן, הייסט דאָס, פון זיעבען און דרייסיג קאָרבען!... מיינע האָט זיך אזש צע־וויינט.

— וואָס וויינסט דו, זאָג איך, נאַרישע אידינע?

— ווי אזוי זאָל איך ניט וויינען, זאָגט זי, אז עס וויינט זיך? אז דאָס האַרץ איז פול, זאָגט זי, געהען די אויגען איבער. גאָט זאָל מיר טאָקי, זאָגט זי, אזוי העלפען, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אז דו וועסט קומען מיט א גוטער בשורה. איך געדענק שוין ניט, זאָגט זי, די צייט, ווען די באָבע צייטעל, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, זאָל מיר קומען צו חלום. איך ליג און שלאָף, פּלוצים חלומ'ט זיך מיר א מעלקשעפעל, א פולס, ווי אַ'ין אויג; די באָבע צייטעל, עליו השלום, טראָגט דאָס מעלקשעפעל אונטער'ן פאַר־טוך, מע זאָל חלילה ניט געבען קיין גוט אויג, און די קינדער שרייען: מאָמע, מאַני!...

— האָפּ נאָר ניט די לאָקשען פאַר שבת, זאָג איך, נשמה מיינע; לאָז די באָבע צייטעל האָבען א ליכטיגען גן־עדן, זאָג איך, וויים איך נאָך ניט, צי מיר וועלען פון איהר עפּיס האָבען; נאָר אז גאָט, זאָג איך, האָט געקאָנט טהון אַזאַ נס, אז מיר זאָלען האָבען א בהמה, וועט ער מסתמא זעהען, אַז די בהמה זאָל זיין א בהמה... געב מיר בעסער איין עצה, גאָלדע סערדצע, וואָס טהוט מען מיט'ן געלט?

— אדרבה, מאַכט זי צו מיר, וואָס רעכענסט דו צו טהון, טביה, מיט אזוי פיעל געלט, קיין עין־הרע?

— אדרבה ואדרבה, זאָג איך, וואָס, רעכענסט דו, קאָנען מיר מאַכען, קיין עין־הרע, מיט אַזאַ קאַפּיטאַל? — און מיר האָבען ביידע גענומען טראַכטען אהין, אהער, דאָס, יענץ, געבראָכען זיך דעם קאָפּ, אויסגערעכענט וואו ערגיץ א געשעפט אויף דער וועלט. יענע נאַכט האָבען מיר איבערגעהאַנדעלט מיט וואָס איהר ווילט:

קנאקט ווי די היישעריקעז. טרערעז האבעז זיך מיר געשטעלט אין די אויגעז...

— נו, זאג שוין, — מאכט צו מיר מיין פלונית'טע, — ביי וועמעז איז דאס געוועז איין ארעם מאהל־צייט, צי אזוי א סעודה, און וואס ביזט דו אזוי האפערדיג?

— האב צייט, זאג איך, גאלדע, דו וועסט אלץ וויסעז. דו צעבלאז נאר, זאג איך, דעם סאמאוואר, און נאכדעם וועלעז מיר זיך ארומזעצעז אלע ארום טיש, זאג איך, טרינקעז צו גלעזלעך טיי, ווי עס געהער צו זיין. א מענטש, זאג איך, לעבט איין מאל אויף דער וועלט, נישט קיין צוויי מאל, ובפרט, זאג איך, אז מיר האבעז שוין איצט אונזער אייגענס א בהמה פון פיער און צוואנציג גלעזער א טאג; מארגעז, אם ירצה השם, ברענג איך זי צו פיהרעז. אנו, גאלדע, — מאך איך צו איהר נאכדעם, און חאפ ארויס דעם גאנצעז פאק סיגנאציעס. — אנו זיי א בריה און טרעף וויפיעל געלט האבעז מיר דא?

איך טהו א קוק אויף מייז ווייב — זי איז אוים מענטש, טוידט ווי די וואנט, קאן קיין ווארט נישט אויסרעדעז.

— גאט איז מיט דיר, גאלדע סערדצע, זאג איך, וואס האסט דו זיך אזוי דערשראקעז? אפשר האסט דו מורא, זאג איך, טאמער האב איך דאס גע'גנב'עט אדער גע'גזל'ט? פע, זאג איך, מעגסט זיך שעמעז! ביזט טביה'ס ווייב שוין אזא צייט און קאנסט אויף מיר איבערטראכטעז אזא מעשה? נארעלע, זאג איך, דאס איז כשר געלט, פארדיענט עהרליך מיט מיין אייגענעם שכל און מיט מיין הארעוואניע; איך האב, זאג איך, מציל געוועז צוויי נפשות פון א גרויסער סכנה, זאג איך, ווען ניט איך, גאט ווייסט, וואס עס וואלט מיט זיי געוועז!...

בקיצור, איך האב איהר דערצעהלט די גאנצע מעשה, פון אלף ביז תיו, ווי אזוי גאט האט דא מיט מיר געפיהרט ארום און ארום; און מיר האבעז זיך גענומעז ביידע איבערצעהלעז דאס געלט נאך

וואס עפיס א פערד, פאר וואס ניט קיין בהמה? בוויבעריק איז דאך איין ערטעל, וואס עס קומען זיך צענויף אהינצו אויף זומער אלע יעהופעצער נגידים אויף די דאטשעס, און אזוי ווי די יעהופעצער לייט זענען אלע זעהר איידעלע מענטשען, וואס זענען געצוויגען, מע זאל זיי אלסדינג ברענגען גרייטס, גלייך אין מויל אריין: פון האלץ און פון פלייש און פון אייער, היהנער, ציבעלעס, פעפער, פעטרישקע, — פאר וואס־זשע זאל זיך ניט געפינען איינער אזעלכער, וואס זאל זיך אונטערנעמען ברענגען זיי אלע מאל אין שטוב אריין קעז און פוטער און סמעטענע וכדומה? ווערליג די יעהופעצער האלטען פון דער אכילה און דאס קערבעל איז ביי זיי, ווי זאגט איהר, א ממזר, קאן מען דאך לייזען שען געלט און פארדיענען דערביי טאקי גראב. דער עיקר, אבי די סחורה זאל זיין סחורה; און אזא סחורה, ווי ביי מיר, קריגט איהר דאך ניט אין יעהופעץ אפילו. איך זאל האבען די ברכות מיט אייך אינאיינעם, וויפיעל מאל גרויסע לייט, כריסטען, בעטען זיך ביי מיר, איך זאל זיי ברענגען פרישע סחורה: „מיר האבען געהארכט, זאגען זיי, טעוועל, אז דו ביזט איין ארענטליכער מאן, חאטש דו ביזט א איד, א פארך“... מיינט איהר, פון אידען וועט איהר הארכען אזא קאמפלימענט? ווי לאנג קרענקען מיינע שונאים! קיין גוט ווארט הערט מען נישט פון אונזערע אידעלעך. זיי ווייסען נאר אריינקוקען יענעם אין טעפעל אריין. מע האט דערזעהען ביי טביה'ן א בהמה'לע איין איבעריגס, א בריטשקע א נייע, — האט מען אנגעהויבען ברעכען זיך די קעפ: פון וואנען און פון וואס? צי האנדעלט נישט דער דאזיגער טביה מיט פאלשע סיגנאציעס? אדער צי קאכט ער נישט קיין ספירט שטילערהייד, בשתיקה?... „חא־חא־חא! ברעכט אייך, ברידערלעך, טראכט איך מיר, די קעפ געזונטערהייד!“... איך וויים ניט, צי איהר וועט מיר גלויבען — איהר זענט כמעט דער ערשטער, וואס איך האב אייך דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי און וואס און ווען... נאר, מיר דאכט, איך האב מיך א ביסעל פארערדט. האט קיין פאראיבעל ניט, מע

געקויפט פערדלעך אַ פּאָר און באַלד טאַקי זיי פאַרקויפט מיט רוחים; געעפענט אַ באַקאַליינע קלייט אין בויבעריק, אויסגעפאַר־קויפט די סחורה און באַלד געעפענט אַ שניטקראָם; געהאַנדעלט אַ שטיקעל וואַלד, געחאַפּט אַפּטריט־געלט עטליכע קערבלעך און אַנטלאָפען; געפּרובט אויסדינגען די אַנאַטעוועקער טאַקסע, נעמען דעם „פּראָיעקט״, געמאַכט אַ ביסעל הלואה, אַפּגעגעבען דאָס געלט אויף פּראָצענט...

— משוגע מיינע שונאים! — רופט זיך אָן מיין ווייב. — דו ווילסט צעפּלעכטען די עטליכע גראָשענס, בלייבען מיט'ן בייטשעל?

— וואָס דען, זאָג איך, האַנדלען מיט ברויט און נאָכדעם בליי־בען איין אָנזעצער איז שענער? קאַרג, זאָג איך, ווערד היינט די וועלט בדיל־הדל פון ווייץ? געה, זאָג איך, האָרך, וואָס איין אַדעם טהוט זיך!

— וואָס טויג מיר, זאָגט זי, אַדעם? מיינע אבות־אבותינו זענען דאָרט נישט געוועזען און מיינע קינדער וועלען דאָרט נישט זיין, כל־זמן איך לעב און די פיס טראָגען מיך.

— וואָס־זשע ווילסט דו? — זאָג איך.

— וואָס איך וויל? — זאָגט זי. — איך וויל, זאָלסט ניט זיין קיין לעקיש און נישט רעדען קיין נאַרישקייטען.

— אַודאי, זאָג איך, ביזט דו איצטערט אַ חכמה, ווי זאָגט מען: אַז עס קומען די מאות, קומען די דעות, און אַז מען איז אפשר רייך, איז מען געוויס קלוג... ס'איז תמיד אַזוי!

בקיצור, מיר האָבען זיך עטליכע מאָל צעקריעגט און טאַקי באַלד איבערגעבעטען, און עס איז ביי אונז געבליבען דער פּלאַן, מיר זאָלען צו דער מאורע בהמה צוקויפען נאָך אַ בהמה אַ מעל־קעדיגע, וואָס גיט מילך...

וועט איהר דאָך מסתמא פרעגען אַ קשיא: וואָס עפּיס אַ בהמה, פאַר וואָס ניט קיין פערד? וועל איך אייך ענטפערען:

אַ בוידעם

געשריבען אין יאָהר 1899.

באדארף אין זינען האבען, ווי זאגט איהר, עסק, אדער ווי אין פסוק שטעהט: כל עורב למינהו — איטליכער צו זיינעם. איהר צו אייערע ביכלעך, איך צו מיינע טעפּלעך און צו מיינע קריגלעך... איין זאך וועל איך אייך בעטען, פאני: איהר זאלט מיך חאטש ניט אריינשרייבען אין א ביכעל; און אז איהר וועט מיך אריינשרייבען, זאלט איהר חאטש ניט ארויסשטעלען דעם נאמען מיינעם... זייט מיר געזונט און האט אייך א גוטען תמיד.

אַ בוידעם

— רבות מחשבות בלב איש — אַזוי, דאַכט זיך, שטעהט ביי אונז געשריבען אין דער הייליגער תורה? פּאַרטייטשען דעם פּסוק באַדאַרף איך אייך ניט, רב' שלום־עליכם; נאָר בלשון אשכנז גערעדט, דאָס הייסט אויף פּראָסט אידיש איז דאָ אַ ווערטעל: „דאָס בעסטע פערד באַדאַרף האָבען אַ בייטש, דער קליגסטער מענטש — איין עצה“. אַקעגען וואָס זאָג איך עס, הייסט דאָס? אַקעגען זיך אַליין טאַקי, ווארום אַז איך האָב שכל און קום אַריין צו אַ גוטען פריינד און דערצעהל איהם דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי, וואָלט איך געוויס ניט געהאַט אַזאַ מיאוס'ען פּסק. נאָר וואָס דען? החיים והמות ביד הלשון — אַז גאָט וויל שטראָפען אַ מענטשען, נעמט דאָס אָפּ ביי איהם דעם שכל. איך טראַכט מיר צו זיך אַליין וויפיעל מאָל: „באַרעכען נור, טביה, דו פערד איינער, ביזט דאָך עפּיס, זאָגט מען, יאָ נישט קיין נאַר. ווי קומסט דו זיך לאָזען פיהרען אין באָד אַריין, און נאָך אַזוי נאַריש? וואָס וואָלט דיר אָפּגעגאַנגען אַצינדערטאָ, למשל, ביי דיין שטיקעלע פּרנסה, קיין עין־הרע, מיט דיין ביסעל מילכיגס, וואָס האָט אַזאַ שם אויף דער וועלט, כלעבען, אומעדום, אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און וואו ניט? ווי פיין און ווי זיס וואָלט דאָס געווען איצטערטאָ, ווען די קליינגערס, אַשטייגער, ליגען זיך שטילערהייד אין קאַסטען, ווייט באַגראָבען, קיין בן־אָדם ווייסט דערפון, ווארום וועמען געהט דאָס אָן, איך בעט אייך, צי טביה האָט געלט, צי ניין? איך מיין טאַקי באמת. אַ סך האָט זיך די וועלט אינטערעסירט מיט איהם, אַז ער איז געלעגען, ניט היינט געדאַכט, נישט פאַר קיין אידען געדאַכט, נייען

איך קום צו פֿאַהרען קיין יעהופּעץ, תחילת ווינטער, מיט מיין ביסעל מילכיגס — אַ פונט עטליכע און צוואַנציג פּוטער פרישע פון פּוטערלאַנד, מיט אַ פּאַר שענע וואַרעטשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע ווינשען אַזאַ יאָהר! דאָס פֿאַרשטעהט איהר דאָך שוין אַליין, אַז איך האָב מיין סחורה פאַרצוקערט, נישט געלאָזט זיך אַ לעק, איהר זאָלט זאָגען אויף אַ רפואה, קיין צייט געהאַט אפילו צו זיין ביי אַלע מיינע זומערדיגע קונים, די בויבע־ריקער דאַטשניקעס, וואָס קוקען אַרויס אויף מיר, ווי אויף משיח'ן, וואָרום אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, אייערע יעהופּעצער סוחרים מיין איד, ווי זיי קאָנען גאָר געבען אַזאַ שטיקעל סחורה, ווי טביה גיט; אייך באַדאַרף איך נישט דערצעהלען, ווי זאָגט דער נביא: י ה ל ל ך ז ר — גוטע סחורה לויבט זיך אַליין...

בקיצור, אויסגעפּאַרקויפט אינגאַנצען עד לפ"ק און אונטערגע־וואָרפען מיין פערדעל אַ ביסעל היי, געה איך מיר אַרום אַזוי אין שטאָדט. אָ ד ם י ס ו ד ו מ ע פ ר — מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענטש, גלוסט זיך אָנקוקען אַ וועלט, האַפּען לופט, זעהען די אַנ־טיקלער, וואָס יעהופּעץ שטעלט אַרויס אין די פענסטער, ווי איי־נער רעדט: מיט די אויגען נאַ, זעה, קוק, וויפיעל דו ווילסט, נאָר מיט די הענט — אַזאַס!... שטעהענדיג אַזוי ביי אַ גרויסען פענסטער מיט האַלבע פּריאַלען און קערבלעך זילבערנע אַ סך מיט באַנקאַווע בילעטען און מיט גלאַט סיגנאַציעס אָהן אַ שיעור, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: רבונו של עולם! ווען איך פאַר־מאָג האָטש אַ צעהנט־חלק, וואָס אַמ־דאָס־אַ באַטרעפט, וואָס וואָלט איך דעמאָלט געהאַט צו גאָט און ווער וואָלט געווען צו מיר גלייך? ראשית־חכמה וואָלט איך אַ שידוך געטהאָן מיט מיין עלטערער טאָכטער, געגעבען איהר ת"ק קאַרביצען נדן, אחוץ כלה־מתנות, אחוץ הלבשה מיט חתונה־הוצאות; דאָס פערד און וועגעלע מיט מיינע בהמה'לעך וואָלט איך פאַרקויפט, באַלד אַרויסגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין, געקויפט אַיין אָרט אין מזרח־וואַנט, מיין ווייב זאָל לעבען אַ ביסעל פּערעל, און צדקה צעטהיילט, ווי דער שענסטער

איילען אין דער ערד, געשטאָרבען דריי מאָל א טאָג פון הונגער מיט ווייב און קינדער? ערשט נאָכדעם, אַז גאָט האָט זיך אַרומ־געקוקט אויף טביה'ן, איהם באַגליקט מיט א מאָל, און ער האָט זיך קוים־קוים דערשלאָגען צו אַ שטיקעל תכלית, אָנגעהויבען אַפּלעגען אַ קערבעל, איז מיט איהם געוואָרען פול די וועלט, און טביה איז שוין געוואָרען ר ב ט ב י ה גאָר — א קאַטאָוועס א ביסעל! עס האָבען זיך שוין אַרויסבאַוויזען גוטע פריינד א סך, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: כ ו ל ם א ה ו ב י ם כ ו ל ם ב ר ו ר י ם — אַז גאָט גיט מיט'ן לעפעל, געבען לייטען מיט'ן שעפעל. איטליכער באַזונדער קומט צו געהן מיט זיינעם: דער זאָגט א שניט־קראָם, דער א באַקאַליי, דער זאָגט א שטוב, א נחלה, איין אייביג געוועהר, דער קומט צו געהן — ווייץ, דער — וואַלד, דער — טאַרגעם... „ברידערלעך! — זאָג איך. — טשעפּעט זיך אָפּ! איהר האָט, זאָג איך, א ווילדען טעות; איהר מיינט, אַפּנים, איך בין בראָצקי? לאָמיר דאָס אַלע, זאָג איך, פּאַרמאָגען, וואָס איך האָב ווינציגער פון שי"ן קאָרבען, און אפילו פון רי"ש, און אפילו פון ק"ן! יענעמס גוטס, זאָג איך, איז גרינג צו שאַצען; יערען דאַכט זיך, אַז יענעמס לייכט זיך, קומסט צו נאָהענט, איז דאָס א מעשען קנעפּעל.

בקיצור, ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, טאָקי אונזערע אידע־לעך מיין איך, מע האָט מיר אַ גוט אויג געגעבען! א קרוב האָט מיר גאָט צוגעשיקט, עפּיס אַ שמעלקי, ווייס איך: מיין פּערד'ס בייטש־שטעקעלע, ווי מע זאָגט. מנחם־מענדעל הייסט ער, א פּלי־הער, אַ ברעכער, אַ לויפער, אַ דרעהער, אַ נעכטיגער טאָג, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער ניט שטעהן! ער האָט מיך דערטאַפּט און פאַרדרעהט מיר מיין קאָפּ מיט חלומות, ניט געשטויגען, ניט גע־פלויגען. וועט איהר דאָך פרעגען: מ ה נ ש ת נ ה — ווי קום איך, טביה, צו מנחם־מענדלען? וועל איך אייך דערויף ענטפערען א תירוץ: ע ב ד י ם ה י י נ ו — ס'איז אַזוי באַשערט. הערט א מעשה:

איין אַנדער אופן! זאָג־זשע מיר, מיין טייערער מנחם־מענדעל, וואָס טהוסטו דו דאָ, וואָס מאַכט די שוויעגער דיינע און דער שווער זאָל לעבען? ווי געהט דאָס דיר, זאָג איך, אין געזונט, און וואָס מאַכען עפּיס דיינע געשעפטען?" — עט, מאַכט ער, אין געזונט גאָט צו דאַנקען, מע לעבט; נאָר די געשעפטען, זאָגט ער, זענען עפּיס היינט ניט אַזוי פויגעלדיג. „גאָט וועט העלפען", מאַך איך און האַפּ אַ קוק אויף זיינע מלבושים נעבאַך: אויסגעטריפּעט אין אַ סך ערטער, און די שטיוועל מחילה צעטרענט סכנות־נפשות... „נישקישה, גאָט, זאָג איך, וועט העלפען. עס וועט זיך מכתמא פאַרבעסערען, ווי אין פּסוק שטעהט: הכל הבל — געלט, זאָג איך, איז קיילעכיג; היינט אַזוי, מאָרגען אַזוי, אַבי מע לעבט; דער עיקר, זאָג איך, איז בטחון, אַ איד באַדאַרף האָפען; אַי, מע ווערד זאָג איך, פאַרשוואַרצט? דערויף זענען מיר דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט, ווי זאָגט מען: ביזט דו אַ זעלנער, שמעק פולווער. משל כחרס הנשבר — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, איז אַ חלום... דו זאָג מיר בעסער, מנחם־מענדעל סערדצע, ווי קומסט דו אַהער, פלוצים אין מיטען דערינען אין יעהופּעץ גאָר?" — וואָס הייסט, מאַכט ער, ווי איך קום אַהער? איך בין שוין היע, זאָגט ער, פּאַוואָלינקע, אַזוי גרויס, ווי אַ יאָהר אַנדערהאַלבען. „אַזוי גאָר? ביזט דו, הייסט דאָס, אַ היגער, זאָג איך, טאַקי אַ יעהופּעצער תושב?" — ש ש ש! — מאַכט ער צו מיר און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען. — שרייט נישט אַזוי הויך, רב טביה; אַ היגער, זאָגט ער, בין איך טאַקי, נאָר צווישען אונז, זאָגט ער. באַדאַרף עס בלייבען... איך שטעה און קוק איהם אָן טאַקי נור ווי אַ משוגע'נעם. „ביזט אַ בורח, זאָג איך, באַהאַלסט זיך אין יעהופּעץ אין מיטען מאַרק?" — פרעגט ניט, זאָגט ער, רב טביה, ס'איז רעכט; איהר זענט, אַפּנים, גאָר נישט באַקאַנט מיט די יעהופּעצער דינים און מנהגים... קומט, זאָגט ער, וועל איך אייך דערצעהלען, וועט איהר פאַרשטעהן, וואָס הייסט מען איז י א אַ היגער און נ י ש ט קיין היגער... און ער האָט מיר אָנגעהויבען

בעל־הבית; געזעהען, דאָס בית־המדרש זאָל זיין געדעקט מיט אייזען, ניט עס זאָל שטעהן, ווי איצט, אָהן אַ דאַך, גרייט אַלע שעה אויף איינצופאַלען; איינגעפיהרט אַ שטיקעל תלמוד־תורה אין שטאָדט מיט אַ בקור־חולים, ווי אין אַלע לייטישע שטעדט, ניט אַרעמע לייט זאָלען וואַלגערען זיך אויף דער הוילער ערד אין בית־המדרש; יענקיל־שייגעץ וואָלט ביי מיר באַלד געוואָרען אויס גבאי אין חברה קדישא, געגוג שוין טרינקען בראָנפען און עסען פופקעס מיט לעבערלעך אויף קהל'ס חשבון!...

— שלום עליכם, רב טביה! — הער איך עמיצער זאָגט מיר פון הינטען. — וואָס מאַכט אַ איד? — איך דרעה מיך אויס און טהו אַ קוק, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַ באַקאַנטער! „עליכם־שלום, זאָג איך, פון וואַנעט איז אַ איד?" — פון וואַנען? פון כתרילעווקע, מאַכט ער צו מיר, טאַקי אייערס אַ פריינדעל, דאָס הייסט, איך קעהר מיך אָן, זאָגט ער, מיט אייך אַ שני בשלישי, אייער ווייב גאָלדע, זאָגט ער, איז מיר אַיין אייגען גליעד־גליעד־געשוועסטערקינד. „שאַט־זשע נור, זאָג איך, זענט איהר אפשר ניט ברוך־הערש לאה־דוואָסים אַיין אײדעם?" — כמעט ווי געטראָפען, מאַכט ער צו מיר: איך בין ברוך־הערש לאה־דוואָסים אַיין אײדעם, און מיין ווייב הייסט שיינה־שיינדעל ברוך־הערש לאה־דוואָסים, היינט ווייסט איהר שוין? „שאַט־זשע נור, זאָג איך, אייער שוויע־גער'ס באַבע, שרה־יענטע, מיט מיין ווייב'ס מוהמע, פרומע־זלאָטע, זענען, דאַכט זיך, געווען אויב נישט קיין אייגענע געשוועסטער־קינדער, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, זענט איהר דער מי־טעלסטער אײדעם ביי ברוך־הערש לאה־דוואָסים, נאָר וואָס דען, איך האָב פאַרגעסען ווי מע רופט אייך, אייער נאָמען, זאָג איך, איז ביי מיר אַרויסגעפלויגען פון'ם קאָפּ, מה שמכם? ווי אַזוי איז אייער אמת'ער נאָמען?" מיך, זאָגט ער, רופט מען מנחם־מענדעל ברוך־הערש לאה־דוואָסים, אַזוי רופט מען מיך אין דער־היים, אין כתרילעווקע. „אויב אַזוי, מיין ליעבער מנחם־מענדעל, מאַך איך צו איהם, קומט דאָך דיר טאַקי שלום עליכם גאָר אויף

הענט האָבען איהם אַזוש געציטערט, האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבען פון מיין ווייב'ס מלאכה, געשוואָרען ביי אַלדאָס גוטס, אַז ער געדענקט שוין גאָר ניט די צייט, ווען ער זאָל עסען אַזאַ מילכיגס, אַזעלכע געראָטענע קנישעס מיט אַזוינע באַ'טעמ'טע ווערטוטען. „נאַרישקייטען, זאָג איך, דו זאָלסט פּאַרזוכען, מנחם־מענדעל, איהר טייגעכץ, זאָג איך, אָדער אַ מאַהינע, וואָס זי מאַכט, וואָלסט דו דעמאָלט ערשט געוואוסט וואָס הייסט טעם גן־עדן אויף דער וועלט!“

בקיצור, אָפּגעגעסען און אָפּגעבענטשט, האָט מען זיך אַ ביסעל צערעדט איטליכער פון זיינעם, ווי געוויינטליך; איך — פון מיינע געשעפטען, ער — פון זיינע; איך — פון דעם, פון יענעם, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, ער — פון זיינע געשעפטען, דערצעהלט מעשיות פון אָדעס און פון יעהופּעץ, ווי אַזוי ער איז שוין געווען אַ מאָל צעהן, ווי זאָגט מען: „נאָ קאָני און פיד קאָנעם“, היינט אַ נגיד, מאָרגען אַ קבצן, און ווייטער אַ מאָל אַ נגיד און ווידער אַ מאָל איין אביון; געהאַנדעלט מסחרים עפּיס אַלץ אַזעלכע, וואָס איך האָב אין מיין לעבען נישט געהערט, משונה־אומגעלומפּערטע: „האָס“ און „בעס“, און „אַקציעס־שמאַקציעס“, „פּאַטיווילעוו“, „מאַל־צעוו־שמאַלצעוו“, דער גוטער יאָהר ווייסט זיי דאָרטען, און חשבונות משוגענערווייז, צעהן טויזענד, צוואַנציג טויזענד — געלט ווי האָלץ! „איך זאָג דיר דעם אמת, מנחם־מענדעל, זאָג איך צו איהם, מילא דאָס, וואָס דו דערצעהלסט פון דיינע משא־מתנ'ס, איז דאָס אודאי אַ בריה'שאַפט, מע באַדאַרף עס קאָנען; נאָר איין זאַך פאַרשטעה איך ניט: ווערליג איך קען, זאָג איך, דיין בחור'טע, איז מיר, זאָג איך, אַ גרוים חדוש, וואָס זי לאָזט דיך אַזוי פליהען און קומט נישט צו דיר, זאָג איך, רייטענדיג אויף אַ בעזעם“. — ע! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ זיפץ. — דאָס זאָלט איהר מיר, רב טביה, גאָר נישט דערמאָנען, איך האָב פון איהר אַזוי אויך, זאָגט ער, קאָלט און וואַרעם; איהר זאָלט האָרכען, זאָגט ער, וואָס זי שרייבט מיר, וואָלט איהר אַליין געזאָגט, אַז איך בין אַ צדיק. נאָר דאָס, זאָגט

לייענען א צעטעל, א גאנצע מגילה, ווי אזוי מע ווערד דא אביסעל אויסגעריסען... „אט פאלג מיך, מנחם־מענדעל, פאהר זיך דורך צו מיר אין דארף אויף א טאג, וועסט זיך א ביסעל אויסרוהען די ביינער חאטש; וועסט זיין, זאג איך, א גאסט, און איין אנגע־לעגטער דערצו, מיין אלטע וועט זיך מיט דיר מחיה זיין“.

בקיצור, איך האב ביי איהם גע׳פועל׳ט: מיר פאהרען איג־איינעם. געקומען א היים — א גדולה! א גאסט! איין אייגען גליער־גליער־געשוועסטערקינד! א קליינגקייט, ווי זאגט איהר: אייגענס איז ניט פרעמדס. עס האט זיך אנגעהויבען א חתונה: וואס הערט זיך אין כתרילעווקע? וואס מאכט דער פעטער ברון־הערש? וואס טהוט די מוהמע לאה־דוואסי? דער פעטער יוסיל־מנשה? די מוהמע דאבריש? און די קינדער זייערע וואס מאַ־כען? ווער איז געשטארבען? ווער האט חתונה געהאט? ווער האט זיך גע׳גט? ווער איז געלעגען געווארען און ווער איז אויף דער צייט? „וואס טויג דיר, מיין ווייב, פרעמדע חתונות, זאג איך, מיט פרעמדע ברית׳ען? דו זעה בעסער, זאג איך, סע זאל זיין וואס צו נעמען אין מויל אריין. כ ל ד כ פ י ן י י ת י ו י צ ר ד — פאו׳ן עסען, זאג איך, געהט קיין טאנץ נישט. אויב, זאג איך, א בארשט, איז מה טוב, אלא ניט — מאכט ניט אויס, זאג איך, קנישעס, אדער קרעפלער, מאנשקעס, צרות־קניידלעך, צי אפשר גאר, זאג איך, בלינ־צעס, ווערטליקעס, ווערטוטען. עס מעג זיין, זאג איך, מעהר מיט א געריכטס, אבי גיך“.

בקיצור, מע האט זיך געוואשען און גאנץ פיין פארביסען, ווי זאגט איהר: ו י א כ ל ו — מאכט רש״י: ווי גאט האט געבאטען. „פארבייס, מנחם־מענדעל, מאך איך צו איהם, ס׳איז במילא, ווי זאגט דוד המלך, ה ב ל ה ב ל י ם, א נארישע וועלט און א פאלשע, און געזונט, אזוי פלעגט זאגען מיין באבע נחמה זכר לברכה, — געוועזן א קלוגע אידינע, א חכמה נפלאה — געזונט און פארגעניגען זאל מען זוכען אין שיסעל“... מיין גאסט נעבאך, די

ניט טאַקי אַלע טויזענד? „עס קאָן זעהר שען געמאָהלט זיין, זאָג איך, עס זאָל זיין, ווי איז פּסוק שטעהט: ק ר ו ב ל ש כ ר ו ר ח ו ק מ ק ע ש ע נ י. נאָר ווען, זאָג איך, איז דאָס גערעדט געוואָרען? אַז ס׳איז דאָ וואָס איינצושטעלען; אָבער אַז ס׳איז ניטאָ דער הונדערטער, קומט דאָך אויס, זאָג איך, ב ג פ ו י ב ו א ב ג פ ו י צ א — מאַכט רש״י: אַז מע לעגט אַריין קרענק, נעמט מען אַרויס קדחת“. — עט נו, מאַכט ער צו מיר, אַ הונ־דערטער וועט זיך נאָך ביי אַייך, רב טביה, געפינען; ביי אַייער פּרנסה, זאָגט ער, מיט אַייער נאָמען, קיין עין־הרע... „וואָס קומט, זאָג איך, אַרויס פון׳ם נאָמען? אַ נאָמען איז אוודאַי זעהר אַ גוטע זאַך; נאָר וואָס דען? איך בלייב ביי׳ם נאָמען, און געלט האָט טאַקי אַלץ בראָצקי... אויב דו ווילסט, זאָג איך, וויסען אַקוראַט, פּאַרמאָג איך מיין אייגענס אַרום און אַרום קוים־קוים אַ הונדער־טער, האָב איך אויף איהם אַכטצעהן לעבער: ערשטענס, חתונה מאַכען אַ טאָכטער...“ — הערסט דו, מאַכט ער, אַט דאָס מיינע דאָך טאַקי דער פּסוק! וואָרום ווען, זאָגט ער, קאָנט איהר, רב טביה, האָבען אַזאַ געלעגענהייט אַריינלעגען איין הונדערטער און אַרויס־נעמען, אם ירצה השם, אַזוי פּיעל, אַז עס זאָל אייך, זאָגט ער, חאַפּען אי אויף חתונה מאַכען קינדער, אי אויף עפּיס נאָך? און ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ נייער מזמור אויף דריי זייגער שעה, מיר געבען צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי ער מאַכט פון אַ קערבעל דריי און פון דריי צעהן. מע נעמט, זאָגט ער, ראשית־חכמה, און מע טראָגט אַריין אַ הונדערטער און מע הייסט זיך, זאָגט ער, קויפען אַ צעהן שטיקלעך — איך האָב שוין פאַרגעסען, ווי אַזוי מע רופט דאָס — און מע וואַרט־צו עטליכע טעג ביז עס הויבט זיך אויף. שלאָגט מען אַ דיפּעש ערגיץ אַהיז, מע זאָל דאָס פאַרקויפען און פאַר׳ן געלט קויפען צוויי מאָל אַזוי פּיעל; נאָכדעם הויבט זיך עס ווידער אַ מאָל, קלאַפּט מען ווידער אַ דיפּעש; אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז עס ווערד, זאָגט ער, פון׳ם הונדערטער — צוויי, פון די צוויי — פּיער, פון די פּיער — אַכט, פון די אַכט — זעכצעהן, טאַקי ממש נסים

ער, איז פון די קליינע זאַכען, דערויף איז זי אַ ווייב, זי זאָל מיך באַגראָבען. ס׳איז פאַרהאַן, מאַכט ער, אַ סך איין ערגערע זאַך: איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, מיין אייגענס אַ שוויעגער! איך באַדאַרף אייך נישט דערצעהלען, זאָגט ער, איהר קענט זי!... „עס קומט אויס ביי דיר, זאָג איך, ווי עס שטעהט: ע ק ו ד י ם, נ ק ו ד י ם ו ב ר ו ד י ם — דאָס הייסט, אַ מכה אויף אַ מכה און אויף דער מכה אַ בלאָטער?“ — יאָ, מאַכט ער, רב טביה, איהר זאָגט דאָס גאַנץ גלייך; די מכה איז טאַקי אַ מכה, נאָר דער בלאָטער, זאָגט ער, אוי, דער בלאָטער איז ערגער פון דער מכה!...

בקיצור, מיר האָבען אַזוי פּאַוואָלינקע געפּלאַפּעלט ביז העט־שפּעט אין דער נאַכט אריין; דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש גע־דרעהט פון זיינע מעשיות מיט די ווילדע געשעפטען מיט די טויזענדער, וואָס פליהען אַרויף און אַראָפּ, און מיט׳ן פאַרמעגען, וואָס בראָצקי פאַרמאָגט... עס האָבען זיך מיר נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָנטעט: יעהופּעץ... האַלבע פּריאַלען... בראָצקי... מנחם־מענדעל מיט דער שוויעגער... ערשט אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער אויסגעקוועטשט זיך: וואָס איז? באשר אַזוי ווי עס געהט, זאָגט ער, ביי אונז אין יעהופּעץ אַ שטיקעל צייט, וואָס געלט איז בחשיבות גדול, און סחורה ליגט אין דער ערד, בכן, זאָגט ער צו מיר, אַצינדערט האָט איהר ביך, רב טביה, האָפּען היבשע עטליכע גראָשענס, און מיך, זאָגט ער, וועט איהר ממש דערהאַלטען ביי׳ם לעבען, פּשוט מחיה־מתים זיין, פון טוידט לעבעדיג. „רעדסט ווי אַ יונגעל, מאַך איך צו איהם, מיינסט, אַפּנים, ביי מיר איז יעהופּעצער געלטען, האַלבע פּריאַלען? נאַרעלע, זאָג איך, וואָס מיר פעהלט צו בראָצקי׳ן, מעגען מיר זיך ווינשען, מיר זאָלען דאָס ביידע פאַרדיענען ביז פּסח“. — יאָ, מאַכט ער, דאָס וויים איך אַליין; נאָר איהר מיינט, זאָגט ער, מע באַדאַרף דערצו האָבען גרויסע געלטען? איין הונדערטער, זאָגט ער, ווען איהר גיט מיר אַצינד, מאַך איך אייך פון איהם אין דריי־פיער טאָג צוויי הונדערט, דריי הונדערט, זעכס הונדערט׳ זיעבען הונדערט, און פאַר וואָס

צאַצקע, געזעסען יומם ולילה און בלינדערהייד געלערענט תורה. און די באָבע צייטעל, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, איז עפּיס אויך געווען, זאָגט זי, ניט קיין פּראָסטע אידינע... „ס'איז אַ משל צו חנוכה־ליכטלעך, זאָג איך, מע רעדט עסק, קומט זי צו געהן מיט דער באָבע צייטעל, וואָס האָט געבאַקען האָניג־לעקאַך, און מיט איהר זיידען, וואָס י צ א ה נ ש מ ת ו ב ג ל ע ז ע ל... אַ אידינע בלייבט אַ אידינע. נישט אומזיסט, זאָג איך, איז שלמה המלך אויסגע־פאָהרען די גאַנצע וועלט און נישט געפונען איין אידינע מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ“...

בקיצור, עס איז געבליבען, אַז מיר שליסען שותפות; איך לעג אריין געלט, און מנחם־מענדעל — שכל, און וואָס גאָט וועט געבען איז דאָס אויף דערהאַלב. — גלויבט מיר, זאָגט ער, איך וועל מיט אייך, רב טביה, אם ירצה השם, אויסהאַנדלען פיין, וואָס פיין הייסט, און וועל אייך מיט גאָטס הילף געבען געלט און געלט און געלט! „אָמן, גם אתם, זאָג איך, פון דיין מויל אין גאָטס אויהערען. נאָר וואָס דען, זאָג איך, איין זאַך פאַרשטעה איך דאָ ניט: ווי אַזוי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? איך בין דאָ, דו ביזט דאָרט; געלט, זאָג איך, איז אַיין איידעלע מאַטעריע, פאַרשטעהסט דו מיך. האָב קיין פאַראיבעל ניט, זאָג איך, איך מיין דאָ חלילה קיין אויבערקעפּלער. גלאָט, ווי' שטעהט דאָרט ביי אברהם אָבינו: ה ז ו ר ע י ם ב ד מ ע ה ב ר נ ה י ק צ ר ו — בעסער פריהער באַוואָהרענט איידער נאָכדעם באַוויינט“... — אַך! — מאַכט ער צו מיר. — אפשר מיינט איהר צעשרייבען זיך אויף פּאַפּיער? מיט'ן גרעסטען כבוד! — „שאַ, זאָג איך, אַז מע וויל שמועסען צוריק, איז אויך די אייגענע מעשה: ממה נפשך, וועסט דו מיך וועלען קוילען, וואָס וועט מיר העלפען דאָס פּאַפּיער? ל א ו ע כ ב ר א ג נ ב א — נישט דאָס וועכסעל צאָהלט, דער מענטש צאָהלט, און אַז איך הענג שוין אויף איין פוס, זאָג איך, לאָם איך הענגען אויף ביידע“. — איהר מעגט מיר גלויבען, זאָגט ער, רב טביה, איך שווער אייך ביי מיין הייליגע נאמנות, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען, ווי איך מיין

ונפלאות! פאַרהאַז, זאָגט ער, אין יעהופּעץ אַזעלכע, וואָס זענען ערשט אָט דאָ ניט לאַנג אַרומגעגאַנגען אַהן שטיוועל, געוועזן מעקלער, באַהעלפערס, משרתים; היינט האָבען זיי אייגענע הייזער, מויערען, זייערע ווייבער האָבען צו טהון מיט די מאַגענס — פאַה־רען קיין אויסלאַנד זיך היילען... און אַליין פליהען זיי אַרום איבער יעהופּעץ אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך, פּו־פּו — דערקענען שוין נישט קיין מענטשען!...

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג מאַריך זיין? עס האָט מיך אַנגענומען אַ חשק ניט אויף קאַטאָוועס. אַ קשיה אויף אַ מעשה, טראַכט איך מיר, אפשר איז ער דער גוטער שליח מיינער? אָט האָרך איך ראַך פּאַרט, מענטשען ווערען גליקליך אין יעהופּעץ מיט פינף פינגער, — וואָס בין איך ערגער פון זיי? קיין ליגנער איז ער, דאַכט זיך, נישט, ער זאָל אויסטראַכטען פון׳ם קאָפּ אַזעלכע פּזמונות. טאָמער טאַקי, קלער איך מיר, טהוט זיך עס טאַקי אַ דרעה, ווי זאָגט איהר, אויף דער רעכטער זייט, און טביה ווערד חאַטש אויף דער עלטער אַ שטיקעל מענטש? ביז וואַנעט איז טאַקי דער שיעור צו האָרעווען, אויסגעריסען ווערען, כלעבען? טאָג ווי נאַכט ווידער אַ מאָל דאָס פערד־און־וועגעלע און אָבער אַ מאָל קעז און פּוטער. צייט, זאָג איך, טביה, זאָלסט שוין אָפּ־רוהען זיך, ווערען אַ בעל־הבית צווישען בעלי־בתים, קומען אין אַ בית־המדרש, אַריינקוקען אין אַ אידישען ספר. אַי וואָס? טאָמער חלילה, לא יעלה ולא יבוא, עס מאַכט מיר לעמעל, דאָס הייסט, מיט דער פּוטער אַראָפּ? לּמאי זאָל איך בעסער ניט קלערען דאָס אייגענע צוריק? — „האַ? ווי אַזוי זאָגסט דו? — רוף איך מיך אָן צו מיין אַלטער. — ווי געפעלט דיר, אַשטייגער, גאָלדע, דער פּלאַן זיי־נער?" — וואָס זאָל איך, מאַכט זי, דערויף זאָגען? איך ווייס, זאָגט זי, מנחם־מענדעל איז חלילה נישט קיין אַבי־ווער, וואָס זאָל ביי דיר וועלען אויסנאַרען; ער איז, חס ושלום, ניט פון קיין שניידערס און פון קיין שוסטערס! ער האָט, זאָגט זי, זעהר אַ לייטישען טאַטען, און אַ זיידען, זאָגט זי, האָט ער געהאַט גאָר אַ

אויוועז פלאקערט א פייער, עס קאכט זיך וועטשערע, און דער סאמאוואר זידט ווי א גזלן! ביי׳ם טיש אויבען־אן זיצט דער בעל־הבית אליין, טביה הייסט דאס, אין א חאלאט מיט א יאר־מעלקע, ארום איהם זיצען די פארנעמסטע בעלי־בתים פון שטאדט און חנפ׳ענען איהם: זייט־זשע מוחל, רב טביה... האט קיין פאראיבעל ניט, רב טביה... „אי, קלער איך מיר בשעת־מעשה, א רוח אין געלט׳ס טאטענס טאטע אריין!..“ — וועמען שעלטס דו דאס אין טאטען אריין? — פרעגט מיך מיין גאלדע. „קיינעם ניט, זאג איך, איך האב מיר א ביסעל פארטראכט, מחשבות, חלומות, א נעכטיגער טאג... זאג מיר, גאלדע סערדצע, מאך איך צו איהר, דו ווייסט נישט מיט וואס האנדעלט ער, דער קרוב דיינער, מנחם־מענדעל מיין איך?“ — וואס עס האט זיך מיר, זאגט זי, גע׳חלומ׳ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט און א גאנץ יאהר זאל אויסגעהן צו מיינע שונאים׳ס קעפ! סטייטש, זאגט זי, מע זיצט אפ מיט א מענטשען א גאנץ מעת־לעת און מע רעדט און מע רעדט, לסוף קומסט דו צו געהן און פרעגסט ביי מיר מיט וואס ער האנדעלט?! עפּיס האט איהר דאך, זאגט זי, געמאכט אינ־איינעם א געשעפט, צי וועלכע גוטע יאהר? „יא, זאג איך, גע־מאכט, זאג איך, האבען מיר, נאר ו ו א ס געמאכט — דאס וויים איך ניט, חאטש נעם מיר אראפ דעם קאפ! ס׳איז, פארשטעהסט דו מיך, נישטא ביי וואס אנצונעמען; נאר פון דעסטוועגען, זאג איך, איינס צום אנדערען געהער זיך נישט אן, זאלסט זיך גאר ניט זארגען, מיין ווייב, דאס הארץ זאגט מיר צו גוטען, מיר וועלען, אם ירצה השם, אזוי דאכט זיך מיר, פארדיענען געלט, און א סך — זאג־זשע אמן און קאך וועטשערע!“

בקיצור, עס געהט אוועק א וואך און צוויי און דריי — ניטא קיין בריעף פון מיין שותף! איך בין אויס מענטש, געה ארום אהן א קאפ און וויים ניט וואס צו טראכטען. עס קאן ניט זיין, קלער איך מיר, ער זאל גלאט אזוי פארגעסען שרייבען א בריוועל; ער ווייסט גאנץ גוט, ווי אזוי מיר קוקען דא ארויס. נאר ווייטער

דאָ נישט קיין חכמות, חלילה אויסנאַרען בײַ אײַך, נאָר פֿײַן און אָרענטליך, אם ירצה השם, זיך טהײלען אויף דערהאַלב, גלײַך אויף גלײַך, הלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אײַך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אײַך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אײַך דריי הונדערט, מיר פֿיער הונדערט, אײַך פֿיער הונדערט, מיר טויזענד, אײַך טויזענד...

בקיצור, איך האָב אַרויסגענומען די עטליכע קערבלעך, דריי מאָל איבערגעצעהלט, די הענט האָבען מיר בשעת־מעשה גוט געטרייסעלט זיך, צוגערופען די אַלטע מײַנע פּאַר אײן עדות, איהם נאָך אַ מאָל קלאָר געמאַכט, וואָס פֿאַר אַ בלוטיג געלט ס׳איז, און אַוועקגעגעבען מנחם־מענדלען, אײַנגעניהט ־יהם אין בוזעם אַרײַן; מע זאָל דאָס ביי איהם חלילה אונטערוועגענס נישט אַוועק׳לקח׳ענען, און אָפּגערעדט מיט איהם, אַז אם ירצה השם, לאַ־יאָוהר פֿון נאָך שבת׳דיגער וואָך באַדאַרף ער מיר למען־השם אַרײַנשרייבען אַ בריוועל פֿון אַלסדינג באריכות, זיך אָפּגעזעגענט מיט איהם פֿײַן, שען, צעקושט זיך גאָר פֿרײַנדליך, ווי געוויינטליך מיט אײַן אײגענעם. געבליבען אַליין נאָך זײַן אַוועקפֿאָהרען, האָבען זיך מיר אָנגעהויבען פֿאָרשטעלען אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער וואָהר, און אַזעלכע זיסע הלומות, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיך ציהען אייביג, קיינמאָל נישט אויסלאָזען זיך. עס האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט אין מיטען שטאָדט אַ שטוב אַ גרויסע, מיט בלעך געדעקט, מיט שטאַלען, מיט קאַמערען, קעמערלעך און שפּיזאַרנעס מיט אַלדאָס גוטס, און אַ בעל־הבית׳טע מיט שליסעל דרעהט זיך אַרום, דאָס איז מײַן ווייב גאָלדע — גאָר נישט צו דערקענען זי, כלעבען: זי האָט באַקומען גאָר אײַן אַנדער פּנים, אַ פּני פֿון אַ נגידית, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַלז פּערעל; זי בלאָזט פֿון זיך און שעלט די דיענסטען מיט טוידטע קללות. די קינדער מײַנע דרעהען זיך אַרום אַלע מיט שבת׳דיגע קליידער, טהוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. דער הויף איז פֿאַרפּלייצט מיט עופֿות, גענז און קאַטשקעס. אינוועניג אין שטוב לייכט זיך, איז

ווייט אָפּגעשיידט פון מיר, איז איינע נאָך מיידעלווייז געשטאָרבען, די אַנדערע האָט דוקא, זאָגט זי, חתונה געהאַט, געחאַפּט אַ פּאַר־קיהלונג אין באָד און איז געשטאָרבען, און די דריטע, זאָגט זי, איז תיכף נאָכ'ן ערשטען קימפּעט אַראָפּ פון'ם זינען, זיך געמוטשעט־געמוטשעט און געשטאָרבען... „געשטאָרבען זאָל לעבען, זאָג איך, גאָלדע, מיר וועלען אַלע, זאָג איך, שטאַרבען; אַ מענטש, זאָג איך, איז געגליכען צו אַ סטאָליר: אַ סטאָליר לעבט און לעבט און שטאַרבט, און אַ מענטש לעבט און שטאַרבט".

בקיצור, עס איז ביי אונז געבליבען, אַז איך פאָהר זיך דורך קיין יעהופּעץ. סחורה אַביסעל האָט זיך רערווויילע אין דער צייט צענויפגעקליבען, ס'איז געוואָרען אַ היבש קרעמעל פון קעז און פון פּוטער און פון סמעטענע, פּרימאַ סחורה; מיינער האָט איינ־געשפּאַנט דאָס פערד־און־וועגעלע און — ו י ס ע ו מ ס ו כ ו ת — מאַכט רש"י: מאַרש קיין יעהופּעץ. פאָהרענדיג אַזוי, מרה־שחורה'דיג געוויינטליך, מיט אַ ביטער האַרץ, ווי איהר קאָנט זיך פאַרשטעלען, איינער אַליין אין וואַלד, געהט מיר דורך דער כח־הדם און עס שטעלען זיך מיר פאַר אַלערליי מחשבות און געדאַנ־קען. „עס וועט זיין שען, טראַכט איך מיר, אַז איך קום צו פאָהרען און הויב אָן נאָכפרעגען אויף מיין פאַרשוין, זאָגט מען מיר: מנחם־מענדעל? טע־טע־טע! שטאַרק אין די פעדערען, סמאַלעט אַ וועלט, איין אייגענעם מאַוועך, פאָהרט אין קאַרעטעס, גאַר ניט צו דערקענען! איך נעם מיך אָן, טראַכט איך מיר, מיט האַרץ און לאָז מיך צו איהם גלייך אין שטוב אַריין. טפּררו! — מאַכט מען צו מיר ביי דער טיהר נאָך און מע גיט מיר מיט'ן עלענבויגען אין האַרצען אריין. — שטופּט זיך ניט אַזוי, פעטער, דאָ שטופּט מען זיך ניט. — „איך בין, זאָג איך, איין אייגענער, טאַקי מיין ווייב'ס אַ גליעד־גליעד־געשוועסטערקינד". מזל־טוב אייך, זאָגט מען מיר, שטאַרק אַנגעלעגט; פון דעסטוועגען, זאָגען זיי, מעגט איהר, ניש־קשה, צו־וואַרטען אַביסעל אַט־אַ־דאָ ביי דער טיהר, עס וועט אייך חלילה גאָר ניט שאַדען... איך שטויס מיך אָן, אַז מע באַדאַרף

פליהט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ: וואָס וועל איך איהם טהון, למשל, אַז ער נעמט זיך דאָרט אַראָפּ פון אויבען די גאַנצע סמע־מענע און מיר זאָגט ער, אַז מע האָט נאָך גאָר ניט פאַרדיענט? געה רוף איהם קנאַק־ניסעל! עס קאָן ניט זיין, מאַך איך צו זיך אַליין, סטייטש, היתכן?... איך באַגעה מיך מיט אַ מענטשען טאַקי נאָר ווי מיט איין אייגענעם, לאָז דאָס מיר אָקעגען קומען וואָס איך ווינש איהם, זאָל ער מיר אָפּטהון אַזאַ שפּיצעל?! און ווייטער פליהט מיר דורך גאָר איין אַנדערע מחשבה: מילא, ריוח יאָק ריוח, איך בין איהם שוין מוחל דאָס פאַרדיענסט, ר י ו ח ו ה צ ל ה י ע מ ו ד ל י ה ו ד י ם — גאָט זאָל העלפען דאָס קרן זאָל חאָטש זיין גאַנץ! און עס ווערד מיר קאַלט אין אַלע אברים. „אַלטער נאַר! — זאָג איך צו זיך אַליין. — זיך גענייהט אַ בייטעל, דו טפש איינער, בהמה בצורת פערד! פאַר דעם הונדערטער בעסער געוועזן קויפען זיך פערדלעך אַ פּאָר, אשר לא פערדלו אבותינו, און דאָס וועגעלע איבערגעביטען אויף אַ נאָטאַטשאַנקע מיט רעסאָרען“... — טביה, למאי טראַכסט דו עפּיס גאָר ניט? — מאַכט צו מיר מיינע. — „וואָס הייסט, זאָג איך, איך טראַכט נישט? דער קאָפּ ווערד מיר אָקערשט צעפּאַלען אויף שטיקלעך טראַכטענדיג, זאָגט זי צו מיר, למאי איך טראַכט ניט!“ — נישט אַנדערש, מאַכט זי, עס האָט זיך אין וועג מיט איהם עפּיס געטראָפען: אָדער גזלנים, זאָגט זי, זענען איהם באַפאַלען און באַנומען פון קאָפּ ביז פיס, אָדער ער איז חלילה פאַרשלאָפט געוואָרען, אָדער גאָר, אל תפתח פה, געשטאָרבען. — „וואָס נאָך, זאָג איך, וועסט דו אויסטראַכטען, נשמה מיינע? נאַ דיר גאָר גזלנים, זאָג איך, פלוצים אין מיטען דרינען!“ און אַליין טראַכט איך מיר: אַ קשיה וואָס מיט אַ מענטשען קאָן זיך טרעפען אונטערוועגענס? „דו באַדאַרפסט, זאָג איך צו איהר, מיין ווייב, תמיד אויסלעגען צום ערגסטען!“ — ער איז, מאַכט זי, פון אַזאַ משפחה; די מאַמע זיינע, זאָגט זי, זאָל זיין אַ מליץ־יושר'טע, איז ניט לאַנג געשטאָרבען נאָך גאָר אַ יונגע, און דריי שוועסטער, זאָגט זי, האָט ער געהאַט, זאָלען זיין

והילד איננו — איך זעה איהם נישט! איך הויב אָן אָפּשטעלען מענטשען, נאָכפרעגען: „צי האָט איהר ניט געהערט, צי האָט איהר ניט געזעהען איינעם אַ אידען, וואָס הייסט מיט זיין ליעבען נאָמען מנחם־מענדעל?“ — אויב, זאָגען זיי, ער הייסט מנחם־מענדעל, מעג מען עסען פון זיין פּענדעל. נאָר דאָס אַליין איז קאַרג. זאָגען זיי, מנחם־מענדעלס איז דאָ אַ סך אויף דער וועלט. — „איהר מיינט מסתמא, זאָג איך, זיין פאַמעליי? לאָז מיך אַזוי ווּיסען בייז, זאָג איך, מיט אייך אינאייינעם, אַז בסך־הכל, זאָג איך, אויב איהר ווילט וויסען, רופט מען איהם אין דערהיים, אין כתרילעווקע הייסט דאָס, גאָר אויף זיין שוויגער'ס נאָמען, מנחם־מענדעל לאה־דוואָסים; נאָר וואָס דאַרפט איהר מעהר, זאָג איך, זיין שווער איז, שוין גאָר אַ באַטאָגטער איד, הייסט ער אויך אויף איהר נאָמען, ברוך־הערש לאה־דוואָסים, און אפילו זי אַליין, לאה־דוואָסי מיין איך, הייסט אויך לאה־דוואָסי ברוך־הערש לאה־דוואָסים. היינט פאַרשטעהט איהר שוין?“ — פאַרשטעהן פאַרשטעהען מיר, זאָגען זיי, נאָר דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג; וואָס איז זיין געשעפט, זאָגען זיי, מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך, אייער מנחם־מענדעל? „מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך? — זאָג איך. — ער האַנדעלט דאָ מיט האַלבע פּריאַלען, זאָג איך, עפּיס בעס־מת, פּאָטיווילאָוו. קלאַפּט, זאָג איך, דיפּעשען ערגיץ אַהין, קיין פּעטערבורג, קיין וואַרשאַ“... — אַ?! — מאַכען זיי צו מיר און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. — מיינט איהר ניט אָט יענעם מנחם־מענדעל, וואָס האַנדעלט מיט יקנה"ז? געהט זייט מוחל אַריבער, זאָגען זיי, אַהינצו, אויף יענער זייט; דאָרט לויפען אַרום האָזען אַ סך, און אייערער אויך בתוכם... „מעהר מע לעבט, מעהר עסט מען, — טראַכט איך מיר, — נאָ דיר גאָר האָזען? יקנה"ז?“ איך געה אַריבער אַהין, אויף יענעם טרעטאַר — אידען, קיין עיז־הרע, ווי אויף אַ ירידֿ, ס'איז אַיין איינגשאַפּט, קוים וואָס איך שטופּ מיך דורך; מע לויפט, ווי די משוגעים, דער אַהין, דער אַהער, איינער איבער'ן אַנדערען, ס'איז אַיין עולם־התוהו, מע

עפּיס געבען, ווי זאָגט איהר: עולים ויורדים — אַז מע שמירט, פאָהרט מען, און לאָז מיך גלייך אַרויף צו איהם אַליין. — „גוט מאָרגען אייך, זאָג איך צו איהם, רב מנחם־מענדעל! ” ווער? וואָס? אין אומר ואין דברים — ער דערקענט מיך גאָר ניט! — וואָס דאַרפט איהר? — מאַכט ער צו מיר. איך פאַל שיער חלשות. — „וואָס הייסט, זאָג איך, פאַני, איהר דערקענט שוין ניט, זאָג איך, קיין קרוב? טביה היים איך“. — אַ? — מאַכט ער. — טביה? עפּיס קענטליך דער נאָמען... „קענטליך? — מאַך איך צו איהם. — אפשר איז אייך קענטליך, זאָג איך, מיין ווייב׳ס בלינצים, דערמאָנט זיך נאָר אַקאָרשט, מיט איהרע קני־שעס, צרות־קניידלעך, ווערטוטען?“... און צוריק פליהט מיר דורך אַ געדאַנק פונקט קאַפּויר: איך קום אַריין צו מנחם־מענדלען, טראָגט ער מיר אַקעגען דעם ברייטען שלום־עליכם. — אַ גאַסט! אַ גאַסט! זיצט, רב טביה, וואָס מאַכט איהר עפּיס, וואָס מאַכט אייער ווייב? איך קוק שוין אַרוים אויף אייך, איך וויל מיך מיט אייך צערעכענען. — און ער נעמט און שיט מיר אַן אַ פולע היטעל מיט האַלבע פּריאַלען. — דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פאַרדיענסט, און דאָס קרן, זאָגט ער, בלייבט שטעהן; וויפיעל מיר וועלען פאַר־דיענען, וועלען מיר זיך טיילען אויף דער האַלב, גלייך אויף גלייך. חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיער הונדערט, אייך פיער הונדערט... אין געדאַנ־קען חאַפּ איך אַ דרימעל און זעה נישט, ווי מיין בחור שלאָגט זיך דערוויל אַראָפּ פון׳ם שליאַך אַז אַ זייט, פאַרטשעפּעט דאָס וועגעלע אַן אַ בוים, און עס דערלאַנגט מיר אַ זעץ פון הינטען, עס פליהען אַזש פונקען פון די אויגען. „גם זו לטובה, זאָג איך צו מיר אַליין, דאַנקען גאָט, וואָס חאַטש ניט צעבראָכען קיין אַקס“...

בקיצור, געקומען קיין יעהופּעץ און קודם־כל אָפּגעזעצט דאָס ביסעל מילכיגס גיך און געשווינד, ווי געוויינטליך, לאָז איך מיך זוכען דעם נפש מיינעם. איך דרעה מיך אַרום אַ שעה און צוויי און דריי,

די האָהנען, זיך גלייך אין די אויגען אַריין, ווי איינער רעדט: פּאַרוויסט און פּאַרפּינסטערט זענען מיר ביידע געוואָרען, מיר מעגען ביידע נעמען טאָרבעס און געהן איבער די הייזער!... — רב טביה, — מאַכט ער צו מיר שטיל, קוים וואָס ער רעדט, און די טרערען וואָרגען איהם, — רב טביה! אַהן מזל, הערט איהר, זאָל מען גאָר, זאָגט ער, ניט געבאָרען ווערען אויף דער וועלט! איידער, זאָגט ער, אַזאַ לעבען... הענגען, זאָגט ער, גנאַטעווען!... און מעהר קאָן ער קיין וואָרט נישט רעדען. — „אוודאי, מאַך איך צו איהם, ביזט דו ווערטה, מנחם־מענדעל, פּאַר אַזאַ מעשה, מע זאָל דיך אַנידערלעגען אַט־אַ־דאָ, זאָג איך, אין מיטען יעהופּעץ, און ברכוש גדול דיר אַריינצימבלען אַזוי פיעל, אַז דו זאָלסט דיך דערזעהען מיט דער באָבע צייטעל פון יענער וועלט. באַרעכען, זאָג איך, דו אַליין, וואָס האָסט דו געטהאָן? האָסט גענומען, זאָג איך, אַ גאַנצע שטוב מיט לעבעדיגע נפשות, צער־בעלי־חיים נעבאַך, גאָט די נשמה שולדיג, און האָסט זיי איבער־געקוילעט דעם האַלז אַהן אַ מעסער! גוואַלד, זאָג איך, מיט וואָס וועל איך קומען אַצינדערט אַהיים צו מיין ווייב און קינדער? אַדרבה, זאָג שוין דו אַליין, קוילער איינער, גזלן, רוצח!“ — אמת, — מאַכט ער צו מיר, אַנגעשפּאַרט זיך צו דער וואַנט, — אמת, רב טביה, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען... „דער גיהנם, זאָג איך, נאַר איינער, דער גיהנם איז דאָך קאַרג פון דיינעטוועגען!“ — אמת, זאָגט ער, רב טביה, אמת, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען; איידער אַזאַ לעבען, זאָגט ער, איידער אַזאַ לעבען, רב טביה... און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. איך שטעה און באַטראַכט איהם, דעם שלים־מזל, ווי ער שטעהט אַזוי דעם קאָפּ אַראָפּ, צוגעשפּאַרט צום וואַנט, דאָס היטעל אויף אַ זייט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ — עס רייסט אוים אַ שטיק האַרץ. „טאָ, זאָג איך, אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע וויעדער צוריק, פאַרשטעהט מען גאַנץ גוט, דו ביזט אפשר אין דעם אויך גאָט די נשמה שולדיג; וואָרום לאָמיר באַרעכענען די זאַך אַרום און אַרום מיט אַ ממה־נפשך: איך זאָל קלערען, זאָג איך, אַז דיין שלעכטיג־

רעדט, מע שרייט, מע מאַכט מיט די הענט: פּאַטיווילאַוו... פּעסט, פּעסט!... געהאַפּט ביי׳ם וואָרט... אַריינגערוקט איין אָדערויף... וועט זיך קראַצען... מיר קומט קאַרטאַזש... ביזט אַ גרויסער פּאַרך... אַט צעשפּאָלט מען דיר דעם קאָפּ... שפּיי איהם אָן אין פּנים... זעה נאָר, געקוילעט די קאָפּאַטע... אַ שענער שפּעגעלאַנט... אַנ־זעצער!... משרת!... אין טאַטענס טאַטען!... עס האָלט כמעט ביי פּעטש. „ויברח יעקב, מאַך איך צו מיר אַליין, אַנטלויף, טביה, אַט האַפּסט דו אַ פּאַטש! נו, נו, קלער איך מיר, גאָט איז אַ פאָטער, שמואל־שמעלקי איז זיין דיענער, יעהופּעץ איז אַ שטאָדט און מנחם־מענדעל איז אַ פּאַרדיענער! אַט־אַ־דאַ־אַ, טראַכט איך, האָפּט מען גליקען, האָלבע פּריאָלען? אַט־אַ־דאָס־אַ הייסט ביי זיי מע מאַכט געשעפטען? אז אַך און וועה איז דיר, טביה, מיט דיינע מסחרים!"

בקיצור, איך שטעל מיך אָפּ נעבען אַ גרויס פּענסטער מיט אַרויסגעשטעלטע הויזען אַ סך און דערזעה דורך דעם אָפּשיין פון׳ם גלאָז מיין שמעיה בעל־פּרנסה. עס האָט זיך מיר אָפּגעריסען אין האַרצען, אַז איך האָב איהם דערזעהען. ס׳איז מיר פּרחה־נשמתו געוואָרען! וואו איך האָב ערגיץ אַ שונא און וואו איהר האָט אַ שונא — זאָלען מיר איהם דערלעבען זעהען אין אַזאַ הולך, ווי מנחם־מענדעל: וואָס מיר קאָפּאָטע? ווער מיר שטיוועל? און אַ פּנים — טאַטעניו, אַ שענערען לעגט מען אין דער ערד אַריין. — „נו, טביה, כאשר אבדתי אבדתי — ביזט אין דער ערד, טראַכט איך מיר, מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט די עטליכע גראָשענס, עס איז שוין, ווי זאָגט איהר: לא דובים ולא יער — ניט קיין סחורה, ניט קיין געלט, נאָר גלאַט אַזוי צרות"...

ער פון זיין זייט איז, אָפּנים, אויך שטאַרק מבולבל געוואָרען, מחמת מיר זענען ביידע געבליבען שטעהן ווי צוגעקאַוועט, נישט אויסצורעדען קיין וואָרט אפילו, און נאָר געקוקט אָון געקוקט, ווי

רש"י — קום, ברודער, וועלען מיר נעמען, זאָג איך, צו ביסלעך בראָנפּען!"...

* * *

אָט אַזוי, פּאַני שלום־עליכם, האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע מיינע חלומות אַ בוידעם! און איהר מיינט אפשר, אַז איך האָב מיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצען, וואָס איך האָב פאַרלאָרען מיין געלט? לאָם איך אַזוי ריין זיין פון שלעכטס! מיר ווייסען דאָך יאָ וואָס אין פּסוק שטעהט: לי הכסף ולי הזהב — געלט איז בלאָטע! דער עיקר איז דער מענטש, דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז אַ מענטש. נאָר וואָס־זשע דען האָט מיך גע־קרענקט? דער חלום וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אוי האָט זיך געוואָלט, זייז אַ נגיד, חאָטש אויף אַ ווייל! נאָר עס העלפט דען דערבייַ חכמות? ווי זאָגט דער פּרק: בעל־כרחך אתה חי — מיט גוואַלד לעבסט דו און מיט גוואַלד צערייסט דו אַ פּאָר שטיוועל. דו, טביה, זאָגט גאָט, באַ־דאַרפסט אין זינען האָבען קעז און פּוטער, נישט קיין חלומות. אַי וואָס? בטחון? האָפענונג? אדרבה, וואָס מעהר צרות מעהר בטחון, וואָס מעהר קבצן מעהר האָפענונג. והראיה?... נאָר מיר דאַכט, אַז איך האָב מיך היינט אַביסעל פאַררעדט; צייט פאָהרען, קלערען מכח געשעפט, ווי זאָגט איהר, כל האדם כוזב — איטליכער האָט זיך זיינע מכות. זייט מיר געזונט און האָט אַ גוטען תמיד!

קייט האָט דאָס געטהאָן, איז דאָך עס נאַריש, ביזט דאָך געוועזן, זאָג איך, אַ שותּף גלייך מיט מיר, אַ מחצה־שכר'ניק. איך האָב אַריינגעלעגט געלט, דו האָסט געגעבען שכל, אַז אַך און וועה איז מיר! דיין מיין איז אודאי געוועזן, ווי זאָגט ער, לחיים ולא למות. אַי, עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם? מסתמא איז ניט באַשערט, ווי זאָגט איהר: אַ ל ת ת ה ל ל ב י ו ם מ ח ר — אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. למאי, זאָג איך, נאַרעלע, אַז האָסט דו מיין מסחר, איז, דאַכט זיך, גאַר אַ קאַראַנטע געשעפט, פון דעסטוועגען, אַז ס'איז באַשערט געוועזן, זאָג איך, ניט היינט געדאַכט, פאַר אַ יאָהרען אַסיען, עס זאָל זיך ביי מיר, ניט פאַר דיר געדאַכט, אַנידערלעגען אַ בהמה, אַ מציאה געוועזן אויף טרפה'ס אַ פופציגער, און טאַקי באַלד נאָך איהר אַ טעלעצע אַ רויטע, קיין צוואַנציג קערבלעך וואָלט איך פאַר איהר ניט גענומען, — נו, האָט דען עפּיס געהאָלפען דערביי חכמות? אַז סע געהט ניט, זאָג איך, מאַכט קמיץ־בית — מע! איך וויל דיך גאָר ניט פרעגען, זאָג איך, וואו איז מיין געלט; איך פאַרשטעה שוין אַליין, וואו מיין געלט שטעקט, מיין בלוטיג געלט, וועה און ווינד איז מיר! ס'איז אַריין אין אַ מקום קדושה, זאָג איך, ערגיץ אין אַ יקנה"זעל, אין אַ נעכטי־גען טאָג; און ווער איז שולדיג, ווען ניט איך אַליין, וואָס האָב מיך געלאָזט איינרעדען גרינגע פויגעלעך, שמינדריקעס, שמאָכטע־ליאַקעס? געלט, ברודער, באַדאַרף מען, זאָג איך, פאַרהאָרעוועזן, פאַרשוואַרצט און אויסגעריסען ווערען! פּעטש, זאָג איך, ביזט דו, טביה, ווערטה, פּעטש ווי האָליץ!! נאָר וואָס העלפט איצטער מיין געשריי? ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: צ ע ק ה ה נ ע ר ה — שריי צעזעצטערהייד! שכל און חרטה — דיביידע זאָבען קומען תמיד צו שפּעט. ניט באַשערט, זאָג איך, טביה זאָל זיין אַ נגיד, ווי זאָגט איוואַן: נע בולאַ או מעקיטע הראַשע אי נע בודע*. מסתמא, זאָג איך, הייסט גאָט אַזוי. ה' נתן וה' לקח, מאַכט

* נישט געוועזן ביי מעקיטען קיין געלט און עס וועט ניט זיין.

היינטיגע קינדער

געשריבען אין יאהר 1899.

היינטיגע קינדער

— אקעגען דעם, וואס איהר זאגט: היינטיגע קינדער. ב נ י ם ג ד ל ת י ו ר ו מ מ ת י — געה האב זיי, וועט פארשוואַרצט, זיי זיך מפקיר פון זייערטוועגען, הארעווע טאג ווי נאכט, וואס איז? מע מיינט, טאמער אַזוי און אפשר אַזוי, איטליכער נאך זיין השגה און נאך זיין פארמעגען. צו בראצקי'ן, געוויינטליך, וועל איך ניט אנשלאגען, נאר איך זאל מיך שוין אינגאנצען אראפלאזען — בין איך אויך נישט מחויב, ווארום אליין בין איך אויך נישט קיין אבי־ווער, כלעבען, און ארויסקומען קומען מיר ארויס, ווי מיין ווייב זאל לעבען זאגט, אויך נישט פון קיין שניידערס און ניט פון קיין שוסטערס, האב איך גערעכענט, אז איך וועל מיט מיינע טעכטער געווים אויסשפיעלען. פאר וואס? ערשטענס, האט מיך גאט געבענשט מיט שענע טעכטער, און א שען פנים, זאגט איהר דאך אליין, איז א האלבער נדן. והשנית, בין איך דאך עפים היינט, מיט גאטס הילף, ניט דער טביה, וואס אמאל, קאן איך דאך שוין גרייכען צום שענסטען שדוך אפילו אין יעהופעץ, — הא, ווי זאגט איהר? איז דאך אבער פארהאן א גאט אויף דער וועלט, איין אל רחום וחנון, וואס באווייזט זיינע גרויסע וואונדער און מאכט מיט מיר זומער און ווינטער, ארויף און אראפ, מאכט ער צו מיר: „טביה, רעד זיך נישט איין קיין נארישקייטען און לאז זיך די וועלט פיהרען ווי זי פיהרט זיך!"... הערט וואס עס קאן זיך פארלויפען אויף דער גרויסער וועלט, און ביי וועמען טרעפען זיך אלע גליקען? ביי טביה שלים־מזל.

בקיצור, צו וואס זאל איך אייך מאריך זיין? איהר געדענקט דאך מן הסתם, וואס מיך האט געטראפען, ניט היינט געדאכט, די

קױלעט אײן אכס פון גאנץ פריה אן, ער באדארף באלד אנקומען"...
איך דרעה מיך ארום אײנער אלײן אין שטוב און הױב אן צו באַ־טראכטען לײזער־װאלפ'ס בעל־הבתישקײט — קײן עין־הרע, א גוטס אױף אלע מײנע ליעבע: א שאפע מיט קופער, מע װעט זי נישט אױסקױפען מיט קײן ק"ן קערבלעך, א סאמאװאר און נאך א סאמאװאר, און א טאץ א מעשענע, און נאך אײנע א װארשאװער, און לײכטער א פאר זילבערנע, און כוסות מיט כוסה'לעך געגילטע, און א חנוכה־לעמפעל א געגאסענס, און נאך זאכען, שמאכטעליא־קעס אהן אײן עק. רבונו של עולם! — טראכט איך מיר. — װי־דערלעב איך אזא גוטס ביי מײנע קינדער זאלען געזונט זײן!...
אזא בר־מזל װי דער קצב איז! געגונג װאס ער איז אזױ רײך, באדארף ער האבען זײן אײגענס אינגאנצען צװײי קינדער, שױן אױסגעגעבענע, און נאך בלײבען אײן אלמן אױך דערצו!...

בקיצור, גאט האט געהאלפען, עס עפענט זיך די טהיר און עס קומט ארײן לײזער־װאלף אין כעס, מלא רציחה אױפ'ן שוחט. ער האט איהם גאר אומגליקליך געמאכט, פארשניטען אײן אכס, א דעמב די גרױס, פארהאפט זאל ער װערען, איבער א קלײניגקײט איהם טריפה געמאכט, געפונען א סרכה'לע אױף דער לונג, װי א שפילקע־קעפעל די גרױס, אײנגעזונקען זאל ער װערען! — „גאט העלף, רב טביה, מאכט ער צו מיר, װאס איז די מעשה, װאס מע קאן אײך גאר נישט דעררופען זיך? װאס מאכט א איד?" — װאס זאלען מיר מאכען, זאג איך; מע מאכט און מע מאכט און מע האלט, זאג איך, נאך אלץ פון פארענט, װי אין פסוק שטעהט: לא מעוקצך ולא מדובשך — נישט קײן געלט, נישט קײן געזונט, נישט קײן לײב און לעבען. — „איהר זינדיגט, רב טביה, מאכט ער צו מיר, װעדליג אײך איז געװען אמאל, ניט הײנט געדאכט, זענט איהר דאך איצט, קײן עין־הרע, א גביר". — װאס מיר פעהלט, זאג איך, צו דעם, װאס איהר מײנט, מעגען מיר דאס בײדע פארמאגען... נאר גאר נישט, דאנקען גאט דערפאר. ס'איז פארהאן, זאג איך, א גמרא: „אסכקורדא דמסקנתא

מעשה מיט'ן קרוב מיינעם, מנחם־מענדעל ימח שמו וזכרו, ווי שעז מיר האָבעז זיך אויסגעהאַנדעלט אין יעהופּעץ, מיט די האָלבע פּריאַלעז און מיט די פּאַטאַווילי־ווער אקציעס, אַזאַ יאָהר אויף מיינע שונאים! איך האָב דאָס דענסטמאָל איינגעלעגט די וועלט, וועה איז מיר! געמיינט, ס'איז איין עק, אויס טביה און אויס מילכיגס! „נאַר איינער! — זאָגט צו מיר איינמאָל די אַלטע מיינע. — גענוג צו זיין פאַרזאָרגט, דו וועסט דערמיט גאָר ניט מאַכען! דו וועסט זיך נאַר אָפּעסען דאָס האַרץ, און גענוג. עלעהיי גזלנים זענען אויף אונז אָנגעפאַלען און צוגענומען... דו געה זיך בעסער דורך, זאָגט זי, קיין אַנאַטעווקע, צו לייזער־וואָלף דעם קצב, ער באַדאַרף דיך, זאָגט ער, נויטיג האָבען". — וואָס איז דאָרטען? וואָס באַדאַרף ער מיך אַזוי נויטיג? אויב ער מיינט, זאָג איך, די מאורע בהמה אונזערע, מעג ער נעמען אַ שטעקען און אַרויסשלאָגען זיך פון'ם קאָפּ. — „וואָס איז אַזוינס? — מאַכט זי צו מיר. — די מילך, וואָס מע האָט זיך אָן פון איהר, מיט'ן קעז און פּוטער?" — נישט צוליעב דעם, זאָג איך, נאָר גלאַט אַזוי; ערשטענס, איז פּשוט איין עבירה אַזעלכעס אַוועקגעבען אויף דער שחיטה, אַ צער־בעלי־חיים. ביי אונז שטעהט געשריבען אין דער הייליגער תורה... — „אָבער גענוג דיר שוין, טביה! די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, ווייסט, אַז דו ביזט אַ איד פון תורה. פאָלג מיך, אַ ווייב, געה זיך דורך צו לייזער־וואָלפ'ען. אַלע דאָנערשטאָג, זאָגט זי, ווען אונזער צייטעל קומט אין יאַטקע אַריין נאָך פלייש, לאָזט ער זי נישט לעבען; זאָלסט זאָגען, זאָגט ער, דעם טאַטען, ער זאָל קומען צו געהן, איך באַדאַרף איהם נויטיג האָבען"...

בקיצור, מע באַדאַרף פאָלגען אַ מאָל, ווי זאָגט איהר, אַ ווייב אויך. בין איך מיך מיישב און לאָז מיך איינרעדען און קום צו געהן צו לייזער־וואָלפ'ען קיין אַנאַטעווקע, אַ ווערסט דריי פון אונז, און טרעף איהם נישט מסתמא אין דער היים. — וואו איז ער ערגיץ? — טהו איך אַ פרעג אַ קאַרנאַסע אידינע, וואָס דרעהט זיך אַרום אין שטוב. — „אין פּראַיעקט, מאַכט די קאַרנאַסע, מיט

דערפֿאַר װײל איך טאַקי, איהר פֿאַרשטעהט צי נײן? פֿאַרגעסט נאָר נישט, רב טביה, די טובה, װאָס אײך קאָן דורך דעם אַרױס־קומען!“ — אַודאי, אַודאי, זאָג איך, פֿון אײערע טובות, רב לײזער־װאָלף, קאָן טאַקי האַרט װערען דער קאָפּ; װינטער אַ שטיקעל אײז, דאָס װײסען מיר שױן לאַנג, זאָג איך, נאָך פֿון אַמאָל... — „ע! — מאַכט ער צו מיר זיס־צוקערדיג. — װאָס גלײכט איהר, רב טביה, פֿון אַמאָל ביז הײנט? אַ מ אָ ל איז געװעזן עפּיס אַנדערש, און ה ײ נ ט איז װיעדער אַנדערש; עפּיס װערען מיר דאָך שטיק־לעך מחותנים, האַ?“ — װאָס פֿאַר אַ מחותני׳שאַפֿט? — זאָג איך. — „געװײנטליך, זאָגט ער, מחותנים!“ — װאָס מײנט איהר, זאָג איך צו איהם, רב לײזער־װאָלף, פֿון װאָס רעדען מיר? — „אדרבה, זאָגט ער, זאָגט שױן איהר, רב טביה, פֿון װאָס רעדען מיר?“ — װאָס הײסט, זאָג איך, מיר רעדען דאָך פֿון דער מאורע בהמה מײנע, װאָס איהר װילט בײ מיר קױפֿען! — „חאַ־חאַ־חאַ! — מאַכט ער און װערד צעגאַסען פֿאַר געלעכטער. — ס׳איז נישקשה פֿון אַ בהמה, און נאָך אַ מאורע דערצו, חאַ־חאַ־חאַ!“ — װאָס זשע רעדען האָט א י ה ר געמײנט, רב לײזער־װאָלף? אדרבה, זאָגט, װעל איך אױך לאַכען. — „פֿון אײער טאָכטער, מאַכט ער צו מיר, פֿון אײער צײטלען רעדען מיר דאָך די גאַנצע צײט! איהר װײסט דאָך, רב טביה, אַז איך בין, ניט פֿאַר אײך געדאַכט, געבליבען אַן אלמן, האָב איך מיך מײשב געװעזן, װאָס באַדאַרף איך זוכען אין דער פֿרעמד דאָס גליק, נאָך האָבען צו טהון מיט שדכנים, רוחות און שדים, אַמעהר, אַט זענען מיר דאָ בײדע אױפֿ׳ן אָרט, איך קען א י ך, איהר קענט מ י ך, דאָס קרן אַלײן איז מיר אױך געפֿעלען, איך זעה זי אַלע דאָנערשטאָג בײ מיר אין יאַטקע, אַ פּאָר מאָל אַ רעד געטהאָן מיט איהר, װײזט אױס, נישקשה, אַ שטילע, און איך אַלײן בין, קײן עין־הרע, װי איהר זעהט, אַ שטיקעל בעל־הבית, ס׳איז דאָ אַ שטוב אײן אײגענע, און קלײטלעך אַ פּאָר, און בעל־הבתישקײט, װי איהר זעהט, נישט צו פֿאַרזינדיגען, און אַ ביסעל פּעל אױפֿ׳ן בױדעם אױך, און אַ ביסעל געלט איז קאַסטען

ד ק ר נ ו ס א ד׳פ ר ס מ כ ת א ״... און אין הארצען טראכט איך מיר: זאלסט אזוי זיין מיט דער נאז, קצב׳ניאק, ווי ס׳איז גאר פארהאן אזא גמרא אויף דער וועלט... „איהר זענט, מאכט ער צו מיר, תמיד דא מיט דער גמרא; גוט איז אייך, רב טביה, אז איהר קאנט אין די קליינע אותיות. נאר צו וואס נוצט עס, זאגט ער, חכמות, לומד׳ערייען, לאמיר בעסער ׳שמועסען מכח אונזער געשעפט. זיצט, רב טביה״, — מאכט ער צו מיר און טהוט א געשריי: „לאז זיין טיי!״ — און עס וואכסט אויס ווי פון אונטער דער ערד די קארנאסע אידינע, חאפט דעם סאמאוואר, ווי דער רוח דעם מלמד, און אוועק אין קיך אריין. — „אצינד, מאכט ער צו מיר, אז מיר זענען דא אליין, אונטער פיער אויגען, קאנען מיר ׳שמועסען עסק. די מעשה, זאגט ער, דערפון איז אזוי: איך האב שוין מיט אייך, רב טביה, לאנג געוואלט רעדען, איך האב צו אייך באפוילען דורך אייער טאכטער, וויפיעל מאל געבעטען, איהר זאלט זיך מטריח זיין; פארשטעהט איהר מיך, איך האב געווארפען איין אויג...״ — איך וויים, זאג איך, אז איהר האט געווארפען איין אויג, נאר ס׳איז אומזיסט, זאג איך, אייער טרחה, עס וועט נישט געהן, רב לייזער־וואלף, עס וועט נישט געהן. — „פאר וואס עפים?״ — מאכט ער צו מיר און קוקט אויף מיר ווי דערשראקען. — פאר שבת, זאג איך, איך קאן באשטעהן, עס זאל נאך געדויערען א ביסעל, דער טייך ברענט ניט. — „למאי, זאגט ער, זאלט איהר ווארטען, אז איהר קאנט אויספיהרען באלד?״ — דאס, זאג איך, איז איינמאל אוועק; און והשנית, זאג איך, איז גלאט א רחמנות, א צער־בעלי־חיים. — „קוק איהם אן, ווי ער מאכט אנשטעלען, זאגט לייזער־וואלף מיט א געלעכטערעל, עמיצער זאל זיין דערביי, וואלט ער געמעגט שווערען, אז זי איז ביי אייך איין־און־איינציגע! מיר דאכט, איהר האט זיי אהן עין־הרע גענוג, רב טביה!״... — לאזען זיי זיך שוין האלטען, זאג איך, ווער ס׳איז מיר מקנא, דער לאז אליין נישט האבען... — „מקנא? ווער, זאגט ער, רעדט פון מקנא? אדרבה, זאגט ער, ווייל זיי זענען ביי אייך אהן עין־הרע געראטענע,

קײן קונץ נישט, דער אױבערשטער זאָל נאָר צושיקן, זאָג איך, איטליכען באַזונדער זײן זיװוג... — „נײן, מאַכט ער, נישט דאָס מײן איך, רב טביה, איך מײן עפּיס אַנדערש גאָר, װאָרום קײן נדן, ברוך־השם, פאַר אײער צײטלען באַדאַרפט איהר ̇שױן ניט, און אױסקלײדען זײ צו דער חתונה, אַלץ װאָס אַ מײדעל באַדאַרף — דאָס נעם איך אױף זיך, און אַײך, זאָגט ער, װעט מסתמא דערפון אױך עפּיס אַרײנפאַלען אין בײטעל אַרײן...“ — פּע, מאַך איך צו איהם, איהר רעדט דאָך עפּיס גאָר, איהר זאָלט מיר מוחל זײן, טאַקי װי אין יאַטקע! װאָס הײסט אין בײטעל אַרײן? פּע! מײן צײטעל איז חלילה נישט אַזעלכע, איך זאָל זי פאַרקױפען פאַר געלט, פּע־פּע! — „אַז פּע איז פּע, מאַכט ער צו מיר, איך האָב געמײנט אַדרבה ואַדרבה; נאָר אַז איהר זאָגט פּע, לאָז זײן פּע! אַז אַײך איז ליעב, איז מיר ניחא! דער עיקר, זאָגט ער, עס זאָל זײן װאָס גיכער, איך מײן טאַקי באַלד, װי זאָגט ער, אַ ב ע ל־ ה ב י ת ׳ ט ע אין שטוב אַרײן, איהר פאַרשטעהט, צי נײן?“... — מהכתיתי, זאָג איך, אין מיר איז קײן מניעה; מע באַדאַרף דאָך אבער איבעררעדען מיט מײן פּלונית׳טע, זאָג איך, אין אַזעלכע זאַכען, האָט זי די דעה, נישט קײן קלײניגקײט, װי רש“י מאַכט: ר ח ל מ ב כ ה ע ל ב נ י ה — אַ מאַמע איז אַ פּאַקרישקע. הײנט זי אַלײן, זאָג איך, צײטעל מײן איך, באַדאַרף מען אױך אַ פרעג טהון, װי זאָגט מען דאָס: אַלע מחותנים האָט מען מיט־גענומען אױף דער חתונה, און דעם חתן האָט מען געלאָזט אין דער הײם... — „בלאָטע, זאָגט ער, פרעגען באַדאַרף מען גאָר? דערצעהלען, רב טביה, קומען אַהײם און דערצעהלען אַזױ און אַזױ, און שטעלען אַ חופּה, אַ װאָרט און צװײ און אַ מאָהריטש!“ — זאָגט דאָס נישט, זאָג איך, זאָגט דאָס נישט, רב לײזער־װאָלף. אַ מײדעל איז נישט קײן אַלמנה חלילה. — „געװײנטליך, זאָגט ער, אַ מײדעל איז אַ מײדעל, ניט קײן אַלמנה, אָט דערפאַר טאַקי באַדאַרף מען, זאָגט ער, באַצײטענס דערפון רעדען, מחמת הלבשה, פאַרשטעהט איהר, דאָס־יענץ־לאָקש־בױדעם־ציבעלע. און דערװײלע,

אויך; וואס באדארפעז מיר, רב טביה, די ציגיינערשע שטיק, בריה'ן זיך, חכמה'ן זיך? אמעהר, נעמט מעז אוז מע שלאגט־צו א האנט, איינס־צוויי־דריי, איהר פארשטעהט, צי ניין?"...

בקיצור, אז ער האט מיר אויסגערעדט אט־א־דאס־א, בין איך נעבליבען זיצען אהן לשון, ווי איינער בשעת מע קומט און מע זאגט איהם אן פלוצים א בשורה. לכתחילה איז מיר אפילו דורכגעפלויגען א מחשבה: לייזער־וואלף... צייטעל... ער האט שוין אזוינע קינדער ווי זי... נאר באלד האב איך זיך אליין אפגעשלאגען: סטייטש, אזא גליק! אזא גליק! עס וועט דאך איהר זיין גוט, ווי די גאנצע וועלט! אי טאמער איז ער נישט אזא צעווארפענער פארשוין? איז דאס היינטיגע יאהרען, פאר־קעהרט, די גרעסטע מעלה, ווי זאגט מען: א ד ם ק ר ו ב ל ע צ מ ו — אז מען איז גוט פאר יענעם, איז מען שלעכט פאר זיך. איין חסרון נור, וואס ער איז א ביסעל צו פראסטליך... נו, מילא, קאן דען איטליכער זיין א יודע־ספר? קארג פארהאן נגידים, פיינע מענטשען אין אנאטעווקע, אין מאזעפעווקע און אפילו אין יעהופעץ, וואס ווייסען נישט קיין צלם פאר קיין אלף; פון דעסטוועגען, אז ס'איז באשערט, לאם איך האבען אזא יאהר, וואס פאר א כבוד זיי האבען אויף דער וועלט, ווי אין פרק שטעהט: א ם א י ן ק מ ח א י ן ת ו ר ה — דאס הייסט, די תורה ליגט אין קאסטען און חכמה — אין קעשעני... — „נו, רב טביה, מאכט ער צו מיר, וואס שווייגט איהר?" — וואס זאל איך שרייען, זאג איך צו איהם כלומר'שט, ווי איך קוויינקעל מיך; דאס איז, רב לייזער־וואלף, פארשטעהט איהר מיך, אזא עניז, וואס מע באדארף איהם גוט באקלערען ארום און ארום; ס'איז עפים נישט קיין קאטאוועסעל, זאג איך, דאס ערשטע קינד ביי מיר! — „ארדבה, מאכט ער, ווייל ס'איז דאס ערשטע קינד ביי אייך; איהר וועט שוין, זאגט ער, נאכדעם, אם־ירצה־השם, קאנען חתונה מאכען די אנדערע טאכטער אויך, און שפעטער, מיט דער צייט, די דריטע, איהר פארשטעהט, צי ניין?" — אמן, גם אתם! — זאג איך. — חתונה מאכען איז

רי"ש אלפים, זענט איהר אויך נישט ווערטה איהר פיאַטע!... און ער ווידער: „גלויבט־זשע מיר, רב טביה, איהר זענט אַ גרויסער נאַר, חאָטש איהר זענט עלטער פון מיר!"...

בקיצור, מיר האָבען, אַפּנים, אַוועקגעשריגען אָט־אַזוי־אַ אַ היבשע ווײלע און זענען געוואָרען רעכט מבוסמ'דיג, וואָרום אַז איך בין געקומען אַהיים, איז שוין געוועזען שפּעטליך אין דער נאַכט און די פּיס זענען מיר געווען ווי געפּענטעט... מיין ווייב זאָל געזונט זיין האָט אָבער באַלד דערקענט אין מיר, אַז איך בין פאַר־קנאַקט, און האָט מיר געגעבען אַ ווייסטען פּעטשאַטעק, ווי איך בין ווערטה. — שאַ, בייזער זיך ניט, גאָלדע! — זאָג איך צו איהר גאַנץ פריילּיך, און עס גלוסט זיך מיר אַזש געהן טאַנצען. — שריי ניט, נשמה מיינע, עס קומט אונז מזל־טוב! — „מזל־טוב? אַ ווייסטער מזל־טוב, זאָגט זי, האָסט שוין פאַרזינדיגט די מאורע בהמה, לייזער־וואָלפען זי פאַרקויפט?" — נאָך ערגער! — זאָג איך. — „אויסגעביטען, זאָגט זי, אויף איין אַנדערער? אָפּגענאַרט לייזער־וואָלפען, אַ רחמנות נעבאַך?" — נאָך ערגער! — זאָג איך. — „נו, רעד שוין, זאָגט זי, ווערטער, קוק אָן, ווי מע באַדאַרף ביי איהם קויפען אַ וואָרט!" — מזל־טוב דיר, גאָלדע, זאָג איך נאָך אַ מאָל, מזל־טוב אונז ביידען, אונזער צייטעל איז אַ כלה געוואָרען! — „אויב אַזוי, זאָגט זי, ביזט דו דאָך טאַקי גוט פאַרקלאַפּט, גאָר נישט אויף קאַטאָוועס, רעדסט פונ'ם וועג! האָסט, אַפּנים, געמאַכט, זאָגט זי, אַ רעכטע כוסה?" — אַ כוסה, זאָג איך, האָבען מיר מיט לייזער־וואָלפען געמאַכט, און צו גלעזלעך פונש האָבען מיר מיט לייזער־וואָלפען גענומען, נאָר ביי די געדאַנקען, זאָג איך, בין איך נאָך. הנה זיי וויסען, גאָלדע ברודער, אַז אונזער צייטעל איז אין אַ גוטער, אַ מזל־דיגער שעה אַ כלה געוואָרען פאַר איהם אַליין, פאַר לייזער־וואָלפען! און איך האָב איהר איבערגעגעבען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף, ווי אַזוי און וואָס און ווען און פון אַלץ, וואָס מיר האָבען גערעדט, נישט דורכגעלאָזט קיין האָר אפילו. — „הערסט דו, טביה, זאָגט צו מיר מיין ווייב, גאָט זאָל

זאגט ער, לאמיר, רב טביה, נעמען צו קאפּלעך לחיים, הא, צי נײן?"... — מהכתיתי, זאג איך, פאר וואס ניט? וואס געהער זיך אן שלום צו מחלוקת? ווי זאגט ער: אדם איז א מענטש און בראנפען איז בראנפען. ס'איז פארהאן, זאג איך, ביי אונז א גמרא... און האק איהם אריין א גמרא, איינע און די אנדערע, א נעכטיגען טאג, פון שיר־השירים און פון חד־גדיא...

בקיצור, מיר האבען איינגענומען דעם ביטערען טראפּען, ככתוב — ווי גאט האט געבאטען! די קארנאסע האט דערווייל געבראכט צו טראגען דעם סאמאוואר, און מיר האבען געמאכט צו גלעזלעך פונש, פארבראכט גאר פריינדליך, געוויינשעוועט, גע־שמועסט, געפלאפּעלט אלץ פונ'ם שידוך, פון דעם און פון יענעם און ווידער א מאל פונ'ם שידוך. — איהר ווייסט דען, רב לייזער־וואלף, זאג איך, וואס פאר א בארליאנט דאס איז? — „איך ווייס, זאגט ער, גלויבט מיר, אז איך ווייס; איך זאל ניט וויסען, זאגט ער, וואלט איך גאר ניט גערעדט!" און מיר רעדען אזוי ביידע אינאיינעם. איך שריי: א בארליאנט, א די־מענט! איהר זאלט נאר וויסען, ווי אזוי זי צו שאנעווען, נישט ארויסבאווייזען דעם קצב... און ער: „האט קיין מורא ניט, רב טביה; וואס זי וועט עסען ביי מיר אין דער וואכען האט זי ביי אייך נישט געגעסען אים יום־טוב"... — עט, זאג איך, עסען איז אויך איין עסק? דער נגיד, זאג איך, עסט נישט קיין רענדלעך, דער ארעמאן עסט נישט קיין שטיינער; איהר זענט א פּראסטער מענטש, זאג איך, פארשטעהט איהר ניט ווי צו שאצען איהר בריה'שאפט, איהר חלה־באקען, איהרע פיש, רב לייזער־וואלף, איהרע פיש! מע באדארף, זאג איך, האבען א זכיה... און ער ווידער: „רב טביה, איהר זענט, איהר זאלט מיר מוחל זיין, שוין אויסגעוועבט, רב טביה, איהר קענט נישט קיין מענטשען, רב טביה, איהר קענט מיך נישט!"... און איך ווידער: אויף איין וואג גאלד און אויף דער אנדערער צייטלען. הערט איהר, רב לייזער־וואלף. איהר זאלט אפילו פארמאגען אייערע, זאג איך.

זאָלסט גאָר וויסען פון אַזעלכע שמאַכטעליאַקעס? — „וואָס איז? — זאָגט זי. — איך ביז גישט געווען צווישען „מענטשען? צי איך האָב אפשר ניט געזעהען ביי אונז אין כתרילעווקע, ווי אַזוי מע געהט אַנגעטהאָן ביי לייטען? דו, זאָגט זי, לאָז מ י ד. איך וועל שוין אַליין מיט איהם אַלסדינג רעדען; לייזער־וואָלף, זאָגט זי, איז, נישקשה, אַ איד אַ נגיד, ער וועט מסתמא אַליין אויך ניט וועלען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל האָבען מיט איהם צו טהון; אַז מען עסט חזיר, לאָז חאָטש רינען איבער דער באָרד“...

בקיצור, מיר האָבען אַזוי אָוועקגערעדט ביז'ן ווייסען טאָג אַריין. — נעם צענויף, זאָג איך, מיין ווייב, דאָס ביסעל קעז און פוטער און לאָם איך פאָהרען דערווייל קיין בויבעריק; עס איז טאַקי אַלסדינג שע און פיין אַרום און אַרום, נאָר דאָס געשעפט, זאָג איך, קאָן מען נישט פאַרבויגען אויף אַ זייט, ווי שטעהט דאָרטען: ה נ ש מ ה ל ך — די וועלט איז אויך אַ וועלט. און גאַנץ פריה, כלחוד השור, עס איז נאָך געווען טונקעל, האָב איך אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד־און־וועגעלע און בין אַוועק קיין בויבעריק. געקומען קיין בויבעריק אויפ'ן מאַרק — אהאַ! (ס'איז דען פאַרהאַן אַ סוד ביי אידען?) מע ווייסט שוין אַלסדינג און מע שטעקט אָפּ מזל־טוב פון אַלע זייטען: — „מזל־טוב אייך, רב טביה, ווען האָבען מיר, אם ירצה השם, אַ חתונה?“ — מיט מזל זאָלט איהר, זאָג איך, לעבען, עס קומט אוים, ווי מע זאָגט: דער טאַטע איז גאָך גאָר נישט געבאָרען געוואָרען, איז שוין דער זוהן אויסגעוואַכסען אויפ'ן דאַך... — „בלאָטע, זאָגען זיי, עס וועט אייך גאָר נישט העלפען, רב טביה, משקה מוזט איהר שטעלען; קיין עיז־הרע אַזאַ גליק, אַ שמאַליץ־גרוב!“ — די שמאַלץ רינט אוים, זאָג איך, די גרוב בלייבט איבער. נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין און פון חברה ניט אָפּשטעהן. אָט פאַרטיג איך מיך אָפּ מיט אַלע מיינע יעהופּעצער בעלי־בתים, זאָג איך, וועט זיין אַ גלעזעל משקה און פאַרבייסען, חי־געלעבט און איין עק, דאָס הייסט: צ ה ל ה ו ש מ ח ה — הוליע קבצן!...

מיר טאַקי אַזוי העלפֿעז וואו איך וועל מיך קעהרעז און ווענדעז, זאָגט זי, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס, וואָס לייזער־וואָלף האָט דיך גערופֿעז, איז ניט אומזיסט. נאָר וואָס־זשע־דען? איך האָב מורא געהאַט דערפֿון צו טראַכטעז, טאָמער חלילה לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. איך דאַנק דיר, גאַטעניו, זאָגט זי, איך דאַנק דיר, האַרצעדיגער פֿאַטער געטרייער, סע זאָל טאַקי נאָר זיין איז אַ גוטער שעה, אַ מזל׳דיגער, זי זאָל זיך עלטערעז מיט איהם איז עושר און אין כבוד, ווארום פרומע־שרה, זאָל זיין אָפּגעשיידט פֿון מיר, האָט געהאַט ביי איהם עפּיס ניט אַזאַ גוטע וועלט; זי איז, זאָל מיר מוחל זיין, נישט אָקעגעז נאַכט דערמאָנענדיג, געוועז אַ אידינע איין אַיינגעגעסענע, נישט געקאָנט אויסקומעז מיט קיינעם, גאָר נישט דאָס, וואָס אונזער ציימעל, איהר צו לענגערע יאָהר. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאַטעניו! נו, טביה, זאָגט זי, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו לעקיש איינער? באַדאַרף זיך אַ מענטש זאָרגען? אַז ס׳איז באַשערט, זאָגט זי, קומט דאָס אַליין איז שטוב אַריין״... — דאָס אַודאי, זאָג איך, ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק... — „וואָס טויג מיר דיין פסוק, זאָגט זי, מע באַדאַרף זעהן גרייטעז זיך צו דער חתונה; קודם־כל אויסרעכענעז, זאָגט זי, לייזער־וואָלפֿעז אַ צעטעל, וואָס ציימעל באַדאַרף האָבעז צו דער חתונה; מילא פֿון פּאָווילע, זאָגט זי, איז ניטאָ וואָס צו רעדעז. זי האָט נאָך ניט קיין פּאָדעם גרעט, זאָלסט זאָגעז, אַ פּאָר זאָקעז אַפּילו. היינט, זאָגט זי, מלבושים — איינס אַ זיידענס צו דער חופּה און איינס אַ וועלענס אויף זומער, דאָס אַנדערע אויף ווינטער, און פּלאַטיעס אַ פּאָר, און קליידלעך אונטערשטע, און מאַנטלעז, זאָגט זי, וויל איך, זי זאָל האָבעז צוויי: איינעם אַ באַרנוס מיט קעץ אויף איז דערוואָכעז, און איינעם אַ גוטעז מיט שליאַמעס אויף שבת; היינט עפּיס שטיוועלעך, מיט קולקעס, שטאַליקעלע, אַ גאַרסעט, הענטשקעלעך, נאַזטיכלעך, אַ זאָנטיקעל און די איבעריגע זאַכען דאַרטעז, וואָס אַ מיידעל באַדאַרף האָבעז היינטיגע צייטעז...“ — ווי קומט דאָס צו דיר, זאָג איך, גאָלדע סערדצע, דו

אויף דער װעלט. װאָס טהוט גאָט? שיקט ער אַרײַן לײזער־װאָלפֿען אַ מחשבה, ער זאָל נעמען מײַן ציטעלען װי זי שטעהט און געהט, דערום זאָג איך צװײ מאָל א ו ד ך — איך װעל דיך לויבען, גאָטעניו, װאָס דו האָסט זיך אַרומגעקוקט אויף טביה'ן און געקומען מיר צו הילף. איך זאָל האָבען חאָטש אַ שטיקעל נחת פֿון מײַן קינד, אַז איך װעל קומען צו איהר צוגאַסט, אם ירצה השם, זי טרעפֿען אַ בעל־הבית'טע אויף אַלעם גרײטען, פֿולע שאַפֿעס מיט גרעט, פֿולע שפּיזאַרנים מיט פּסח'יגער שמאַלץ און מיט אײַנגע־מאַכטס, פֿולע שטײגען מיט עופֿות, געגז און קאַטשקעס... פּלוצים צעלאָזט זיך דאָס פֿערדעל מײנס אַראָפּ־אַ־באַרג, און אײדער איך הויב אויף דעם קאָפּ אַ קוק טהון, װאו איך בין אין דער װעלט, ליג איך שוין אויף דער ערד מיט אַלע לעדיגע טעפּלעך און קריגלעך, און דאָס װעגעלע אויף מיר! קוים מיט צרות, מיט לײדען אַרױס־געקראַטשקעט זיך, און אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער, אַ צע'־הרג'עטער, לאָז איך אויס מײַן ביטער האַרץ צום פֿערדעל. אײַנ־געזונקען זאָלסט דו װערען! װער האָט דיך געבעטען, שלים־מזל, באַװײזען אַ בריה'שאַפֿט, אַז דו קאָנסט לויפֿען באַרג־אַראָפּ? האָסט דאָך מיך שיער, זאָג איך, אומגליקליך געמאַכט. דו אשמדאי! און איך האָב איהם אײַנגעטהײלט װיפֿיעל ס'איז אין איהם אַרײַן. מײַן בחור האָט, אַפּנים, אַלײן פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ פֿאַרשטיעפּט אַ מיאוסע מעשה, געשטאַנען אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע, חאָטש מעלק איהם אויס. — חאַפּט דיך דער װאַטענמאַכער. — זאָג איך צו איהם און מאַך צורעכט דאָס װעגעלע, נעם צענויף די כלים און הלך לעולמו — פֿאָהר װײַטער. נישט קײן גוטער סימן, זאָג איך צו זיך אַלײן; איך האָב מורא, צי עס האָט זיך נישט געטראָפֿען אין דערהײם עפּיס אַ נײַער אומגליק?...

כך הוה. איך פֿאָהר־אָפּ נאָך אַ װערסט צװײ, שוין ניט װײַט פֿון דערהײם, דערזעה איך אין מיטען שליאַך געהט גלײַך אַקעגען מיר אַ מענטש אי'נ'ם געשטאַלט פֿון אַ נקבה. איך פֿאָהר־צו נע־הענטער, קוק מיך אײַן: ציטעל!... איך װײס נישט פֿאַר װאָס

בקיצור, אפגעפּאַרטיגט זיך מיט מיין מסחר, גיך און געשווינד, ווי געזעגענטליך, האָב איך גענומען מיט גוטע ברידער צו ביסלעך לחיים, צוגעווינשעוועט זיך איינס דעם אַנדערען, ווי עס געהער צו זיין, און איך האָב מיך אויפגעזעצט אויף מיין וועגעלע אַהיים לעבעדיג־פרייליך, גאַר בגילופין. פאַהרענדיג אַזוי אין וואַלד, זומער־לעבען, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זייטען וואַלד דער שאָטען פון בוימער, דער ריח פון די סאָסנעס, מחיה־נפשות. ציה איך מיך אויס ווי אַ גראַף אין וועגעלע, לאָז נאָך מיין חברה־מאַן די לייצעם: געה שוין, זאָג איך צו איהם, זיי מוחל, אַליין, דער וועג דאַרף דיר שוין זיין באַקענט — און אַליין צעלאָז איך מיך אויף אַ קול און זינג מיר אַ ניגונ׳דעל. אויפ׳ן האַרצען איז עפּיס יום־טוב׳דיג; עס זינגט זיך שטיקלעך פון ימים נוראים: „ויאתיו", „וכל מאמינים שהוא" און פון „הלל". איך קוק מיר אַהין אַרויף, אין הימעל אַריין, און די געדאַנקען־מחשבות פּלאָנטען זיך דאָ, אויף דער ערד. השמים שמים — די הימלען זענען פאַר גאָט, והארץ — און די ערד, אַזוי טראַכט איך מיר, האָט ער אָוועקגעגעבען לבני אדם — אַז די קינדער פון מענטשען, זיי זאָלען זיך שלאָגען קאָפּ אין וואַנט, זיך רייסען ווי די קעץ פאַר גרוים „ראַסקאַש", שלאָגען זיך צאַר גבאות, פאַר „ששי" און פאַר „מפטיר"... לא המתים יהללו יה, מכות פאַרשטעהען זיי, ווי מען באַדאַרף גאָט לויבען פאַר די טובות, וואָס ער טהוט מיט זיי. ואנחנו, אָבער מיר, אָרעמע לייט, אַי׳ן טאָג אַ גוטען, אַז מיר האָבען, דאַנקען מיר און לויבען גאָט און זאָגען: אהבתי — איך האָב איהם ליעב גאָט, וואָרום ער הערט צו מיין קול און מיין געבעט, ער נויגט צו מיר זיין אויהער, בשעת אפפוני — עס רינגעלט מיך אַרום פון אַלע זייטען דלות, צרות, שלעק־פּורעניות׳ען: דאָס פאַלט אַ בהמה אין מיטען העלען טאָג, דאָס טראָגט אַן דער גוטער יאָהר אַ קרוב אַ שלים־מזל, אַ מין מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ, נעמט צו דאָס לעצטע חיות, און איך מיין שוין בחפזי: איין עק, די וועלט איז שוין געפאַלען, כל האדם כוזב — ניטאָ קיין אמת

דערבײ חלילה קײן שום שלעכטע מחשבה נישט געהאַט; גאָט איז יודע דעם אמת, מיר האָבן געװאָלט, װי זאָגט ער, לעת־צרה באַװאָהרענען אַ קינד; אי, עס לאָזט זיך נישט, מסתמא, זאָג איך, הײסט גאָט אַזױ; נישט באַשערט, זאָג איך, דיר, טאָכטער מײנע, קומען אויפ'ן גרײטען, װערען אַ בעל־הבית'טע אויף אַלדאָס גוטס, און אונז אַ שטיקעל נחת דערלעבען, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָהרען, פאַר אונזער האָרעװאַניע, זאָג איך, טאָג װי נאַכט אין דער טאַטשקע אײנגעשפאַנט, קײן גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, גאָר שלים־שלים־מזל אָרום און אָרום!... „אוי, טאַטע, זאָגט זי צו מיר װי'עדער מיט אַ געװײן, איך װעל מיך שטעלען, זאָגט זי, פאַר אַ דיענסט, לײהם װעל איך טראָגען, ערד װעל איך גראָבען!“... — װאָס װײנסט דו, נאַריש מײדעל, זאָג איך צו איהר, איך זאָג דיר דען עפּיס, נאַרעלע? צי איך האָב טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינסטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס איך מיך אויס מיט איהם, מיט'ן רבונו של עולם, װי אַזױ ער פיהרט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אײן אָב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פײנט זיך אויס קעגען מיר, זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, זאָג איך, רעכענט זיך, װי מיט אַ טאַטען, און גערה שרײ חי־וקיים! נאָר מסתמא, זאָג איך, באַדאַרף אַזױ צו זײן; ער איז אויבען, אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זענען דאָ, אין דער ערד, טיעף, טיעף אין דער ערד, מוזען מיר זאָגען, אַז ער איז גערעכט און זײן משפט איז גערעכט. װאָרום אַז מיר זאָלען װעלען שמועסען טאַקי דאָס אײגענע װיעדער צוריק, בין איך דען נישט קײן גרויסער נאַר? װאָס שרײ איך? װאָס פּילדער איך? װאָס הײסט, זאָג איך, איך, קלײן װערעמעל, װאָס פּויזשע אַרום דאָ אויף דער ערד, װאָס אַ מינדעסט װינטעלע, אַז גאָט װיל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל־עולם אין אײן כהרף־עין, שטעל איך מיך אַרויס מיט מײן נארישען שכל און װיל איהם זאָגען דעות, װי אַזױ צו פיהרען דאָס װעלטעל זײנס? מסתמא, אַז ער הײסט אַזױ, באַדאַרף זײן אַזױ, װאָס העלפט דאָ טענות? פערציג טעג, זאָג איך, אַזױ שטעהט

נאָר עס האָט זיך מיר אָפּגעריסען אין האַרצען, אַז איך האָב זי דערזעהען. איך שפּרינג אַראָפּ פון׳ם וואָגען: צײַטעל, ס׳איז דו? וואָס טהוסט דו דאָ? פאַלט זי מיר ניט אויפ׳ן האַלז מיט אַ געוויין? גאָט איז מיט דיר, זאָג איך, טאַטעלע מײַנע, וואָס וויינסט דו? — „אוי, זאָגט זי, טאַטע, טאַטעלע!“... און באַוואַשט זיך מיט טרערען. עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און פאַר־קלעהמט ביי׳ם האַרצען. — וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשעהען? — זאָג איך צו איהר און נעם זי אַרום, גלעט זי, האַלז זי, קוש זי, און זי אין איין קול: — „טאַטע, טאַטע, האַר־ציגער, געטרייער, זאָגט זי, דעם דריטען טאָג אַ שטיקעל ברויט, האָב רחמנות, זאָגט זי, אויף מײַנע יונגע יאָהר!“... און פאַרגעהט זיך פאַר געוויין, קאָן מעהר קיין וואָרט נישט אויסרעדען. אַז אַך און וועה איז מיר, טראַכט איך, איך שטוים מיך שוין, וואָס דאָ איז! דער רוח האָט מיך אָוועקגעטראָגען קיין בויבעריק! — וואָס באַדאַרף מען וויינען, זאָג איך צו איהר און גלעט זי ביי׳ם קאָפּ, נאַרעלע, וואָס באַדאַרף מען וויינען? ממה־נפשך, זאָג איך, ניין איז ניין, מע וועט דיר מיט גוואַלד חלילה קיינער נישט אָנהענגען אַ לונג און לעבער אויף דער נאַז. מיר האָבען, זאָג איך, געמיינט דײַן טובה מאַקי, געוואָלט ווי צום בעסטען. אַלאַ ס׳איז דיר ניט צום האַרצען, וואָס זאָל מען טהון? מסתמא, זאָג איך, איז ניט באַשערט... — „אַ דאַנק דיר, זאָגט זי, טאַטע, לאַנג לעבען זאָלסט דו“, — און פאַלט מיר ווידער אויפ׳ן האַלז און הויבט ווידער אָן צו קושען מיך און וויינען, גיסען מיט טרערען. — אָבער לאָז שוין זײַן גענוג געוויינט, זאָג איך, ה כ ל ה ב ל — קרעפּלעך עסען קאָן אויך נמאס ווערען; קריך, זאָג איך, אין וואָגען אַרײַן און לאָמיר פאָהרען אַהיים, די מאַמע, זאָג איך, וועט דאָרטען איבערטראַכטען מי יודע וואָס!

בקיצור, מיר האָבען זיך ביידע אַרײַנגעזעצט אין וואָגען אַרײַן, און איך האָב אָנגעהויבען אײַנצושטילען זי מיט רעד, אַהין, אַהער. די מעשה דערפון, זאָג איך, איז דאָך אַזוי; מיר האָבען, זאָג איך,

אין דער נשמה אַריין, געב אַכטונג, זיי זאָלען זיין צופריעדען, חלילה נישט אָנריהרען זיי אין כבוד!... אַי, בלייבט דאָך אַ קשיא: מ ה נ ש ת נ ה? — וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז טביה באַדאַרף האָרעווען פון זייערטוועגען, אויפשטעהן גאַנץ פריה, ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, וואָס איז? בכדי זיי זאָלען האָבען פונקט צו דער קאַווע אַ פריש שטיקעל קעז און פוטער? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז איך בין מחויב אויסגעריסען ווערען צוליעב אַ שיטערען קרופניק, אַ קאָליש מיט גרויפען, און זיי, די יעהופּעצער נגידים, באַדאַרפען אויסרוהען די ביינער אויף די דאַטשעס, נישט טהון קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און עסען דוקא געבראָטענע קאַטשקעלעך, און דוקא גוטע קנישעס, מלינצים מיט ווערטוטען? בין איך דען נישט אַזאַ איד, ווי זיי? וואָלט דען נישט געווען קיין יושר, כלעבען, אַז טביה זאָל זיך אַוועקזעצען חאָטש איין זומער אויף אַ דאַטשע? אַי, וואו וועט מ׳זין נעמען קעז און פוטער? ווער וועט מעלקען די בהמות? טאַקי זיי, די יעהופּעצער סטיקראַטען מיין איך... און איך צעלאַך מיך אַליין פון אַזאַ משוגענעם געדאַנק, ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטעל: אַז גאָט זאָל האָרכען די נאַראָנים, וואָלט די וועלט געהאַט אַ׳ין אַנדער פנים... — „אַ גוטען אָבענד, רב טביה!“ — הער איך עמיצער רופט מיך אָן ביי׳ם נאָמען. איך דרעה מיך אָרום, איך טהו אַ קוק — אַ באַקאַנטער: מ אָ ט ע ל ק אַ מ ז ו י ל, אַ שניידער־יונג פון אַנאַטעווקע. — ברוך הבא, זאָג איך, סקאָצעל קומט, מען זאָל דערמאַנען משיח׳ן. זיץ, מאָטעל, אויף גאָטס ערד, זאָג איך, ווי קומסט דו פּלוצים אַהער? — „ווי איך קום? מיט די פיס“. — מאַכט ער צו מיר און זעצט זיך אַוועק נעבען מיר אויפ׳ן גראָז און קוקט אַהין, וואו מיינע מיידלעך דרעהען זיך אַרום מיט די טעפּלעך און מיט די קריגלעך. — „איך קלויב מיך שוין לאַנג צו אייך, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, נאָר איך האָב אַלץ קיין צייט ניט; איין שטיקעל אַרבייט אַרויסגעלאָזט, דאָס אַנדערע גענומען. איך בין מיר היינט אַליין פאַר זיך אַ שניידער. אַרבייט איז פאַרהאַן, ברוך־השם, גענוג,

געשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, פערציג טעג פאַר דעם, איידער דאָס קינד ווערד באַשאַפען ביי דער מוטער אין בויך, קומט אַ מלאך און שרייט אויס: בת פלוני לפלוני, לאָז טביה׳ס טאָכטער נעמען געציל בן זרח׳ן, און לייזער־וואָלף דער קצב לאָז מוחל זיין פאַהרען ערגיץ אַנדערש זוכען זיך זיין גליקען, זיינס וועט איהם נישט אַנטלויפען, און דיר, זאָג איך, לאָז גאָט צושיקען דיין זיווג, נאָר עפּיס אַ רעכטס, און וואָס צום גיכסטען. אמן, כן יהי רצון — זאָג איך, די מאַמע זאָל חאָטש אַזוי ניט שרייען, איך וועל שוין פון איהר חאַפּען אַ גוטען פּסק!...

בקיצור, מיר זענען געקומען אהיים, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדעל און אַוועקגעזעצט זיך ביי דער שטוב אויפ׳ן גראָז עפּיס צו־טראַכטען אַיין עצה, אויסקלערען פאַר מיין ווייב אַ מעשה פון טויזענד־איין־נאַכט, אַבי אַרויס פון אַ צרה. פאַרנאַכטליך, די זון זעצט זיך; זומער־לעבען, די זשאַבעס פון דערוויטען קוואַקען; דאָס פערדעל, געפּענטעט אויף צוויי פיס, שטשיפּעט גראָז; די בהמה׳לעך, נאָר־וואָס געקומען פון דער טשערעדע, שטעהען איבער די ציבערס און וואַרטען, מען זאָל זיי אויסמעלקען; אַרום און אַרום דאָס גראָז שמעקט — נאָר אַ גן־עדן! איך זיץ מיר אַזוי און באַטראַכט דאָס אַלסדינגג און קלער מיר בשעת־מעשה, ווי קלוג דער רבונו של עולם האָט דאָס באַשאַפען דאָס וועלטעל זיינס, אַזוי אַז איטליכס באַשעפעניש, פונ׳ם מענטשען ביז להבדיל אַ בהמה, זאָל זיך פאַרדיענען זיין ברויט — אומזיסט איז נישטאָ! דו, בהמה, ווילסט זיך פרעסען — געה מעלק זיך, געב מילך, זיי מפרנס אַ איד מיט ווייב און קינדערלעך! דו, פערדעל, ווילסט קייען — לויף אַלע מאָל הין און צוריק מיט די טעפּלעך קיין בויבעריק! און דעם־גלייכען דו, מענטש, להבדיל, ווילסט אַ שטיקעל ברויט — געה האָרעווע, מעלק די בהמות, טראָג זיך מיט די קריגלעך, שלאָג פּוטער, מאַך קעז, שפּאַן דאָס פערדעל און שלעפּ זיך אַלע פריהמאָרגען קיין בויבעריק אויף די דאַטשעס, נויג זיך און בוק זיך צו די יעהופּעצער גבירים, שמייכעל צו זיי, חנפה זיי, קריך זיי איטליכען באַזונדער

און אַזוי זענען מיר געבליבען שטעהן אײנער אַקעגען אַנדערען, אָנגעדראָדעלט, ווי די האָהנען. צי דו ביזט משוגע געוואָרען, זאָג איך צו איהם, צי דו ביזט גלאַט אַזוי אַראָפּ פון׳ם זינען? ביזט אַלײן דער שדכן, אַלײן דער מחותן און אַלײן דער חתן, דאָס הײסט, אַ אײגענע חתונה מיט אײגענע כלי־זמר! איך האָב נאָך, זאָג איך, אַזעלכעס נישט געהערט אין ערגיץ, אַז אַ בחור זאָל זיך אַלײן רעדען אַ שידוך! — „דאָס, וואָס איהר זאָגט, רב טביה, מאַכט ער צו מיר, אַז איך בין משוגע, לאָזען אונזערע שונאים משוגע ווערען; איך בין נאָך, מעגט איהר מיר גלויבען, בײ אַלע געדאַנקען; מע באַדאַרף גאָר ניט זײן, זאָגט ער, משוגע, אַז מע זאָל ווערען אײער צײטלען; אַ סימן האָט איהר, אַז לײזער־וואָלף, וואָס איז דער גרעסטער נגיד בײ אונז אין שטאָדט, האָט זי געוואָלט נעמען ווי זי שטעהט און געהט... איהר מײנט, ס׳איז אַ סוד? דאָס גאַנצע שטעדטעל װײסט שוין!... און דאָס, וואָס איהר זאָגט, אַלײן אָהן אַ שדכן, איז מיר אַ חידוש, זאָגט ער, אויף אײך; איהר זענט דאָך, רב טביה, עפּיס יאָ אַ איד וואָס קאַטאָרי קײן פינגער אין מויל באַדאַרף מען אײך נישט אַרײנלעגען, איהר וועט אָפּבײסען... נאָר וואָס טויג לאַנגע שמועסען? די מעשה פון דער געשיכטע, זאָגט ער, איז אַזוי: איך און אײער טאָכטער צײטעל האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער אַ יאָהר, אַז מיר זאָלען זיך נעמען“... אַ מ׳עסער אין האַרצען, ווען עמיצער זעצט מיר אַרײן, וואָלט מיר געווען אַ סך מעהר ניחא, ווי די דאָזיגע ווערטער: ערשטענס, ווי קומט ער, מאָטעל שנײדער, צו טביה׳ן פאַר אַן אײדעם? והשנית, וואָס איז דאָס פאַר דבורים: *זײ האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז זײ זאָלען זיך נעמען*? — נו, און וואו בין איך? — רוף איך מיך אָן צו איהם. — עפּ׳ס האָב איך אויך אַ שטיקעל דעה צו זאָגען אויף מײן קינד, צי מיך פרעגט מען שוין גאָר נישט? — „חס וחלילה, מאַכט ער, דערויף בין איך דאָך טאַקי געקומען צו אײך איבעררעדען, אַזוי ווי איך האָב דערהערט, אַז לײזער־וואָלף שדכנ׳ט זיך צו אײער

אַלע שניידערס זענען פאַרוואָרפען מיט אַרבייט. ס'איז ביי אונז משך אַ זומער פון חתונות: בערעל פּאַנפּאַטש מאַכט חתונה; יוסעל שייגעץ מאַכט חתונה; מענדעל זאַאיקע מאַכט חתונה; יענקעל פּיסקאַטש מאַכט חתונה; משה גאַרגעל מאַכט חתונה; מאיר קראַ־פּעווע מאַכט חתונה; חיים לאַשעק מאַכט חתונה; און אפילו טריהובעכע די אַלמנה מאַכט אויך חתונה!“ — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, מאַכט חתונה, נאָר איך איינער האַלט נאָך נישט דערביי; מסתמא בין איך נישט ווערטה ביי גאָט... — „ניין, מאַכט ער צו מיר און קוקט אַהין, וואו די מיידלעך זענען, איהר האָט אַ טעות, רב טביה; איהר זאָלט וועלען, וואָלט איהר אויך געהאַלטען איצט ביי חתונה מאַכען, עס וועגדט זיך נאָר אָן אייך“... — דהיינו, זאָג איך, וואו אַרום? אפשר מיינסט דו אַ שידוך פאַר מיין צייטלען? — „ווי געמאָסטען!“ — מאַכט ער צו מיר. — האָטש עפּיס אַ רעכטען שידוך? — זאָג איך און טראַכט מיר בשעת־מעשה: עס וועט זיין שען, טאָמער מיינט ער לייזער־וואָלף דעם קצב!... „טשאַקענדיג און קנאַקענדיג!“ — ענט־פערט ער מיר אויף שניידער־לשון און קוקט אַלץ אַהין, וואו די מיידלעך זענען. — פון וואַנען, למשל, איז דער שידוך דיינער, פרעג איך איהם, פון וואָסערע קאַנטען? אויב ער שמעקט מיט יאַטקע, זאָג איך, וויל איך גאָר ניט הערען, ניט זעהען! — „חס וחלילה, זאָגט ער, ער הויבט נישט אָן שמעקען מיט יאַטקע; איהר קענט איהם, רב טביה, זעהר גוט!“... איז דאָס האָטש, זאָג איך, עפּיס אַ גלייכע זאַך? — „נאָך אַ מין גלייך, זאָגט ער, גלייך צו גלייך איז נישט גלייך; ס'איז, ווי מע זאָגט, אַגיל ואשמח — צוגעשניטען און אויפגענייהט!“... ווער־זשע איז דער שידוך, זאָג איך, לאָמיר הערען? — „ווער דער שידוך איז? — מאַכט ער און קוקט אַלץ אַהין. — דער שידוך איז, פאַרשטעהט איהר מיך, רב טביה, טאַקי איך אַליין“... ווי ער האָט דאָס מיר נאָר אויסגערעדט, אַזוי בין איך אונ־טערגעשפּרונגען, ווי אַ אָפּגעבריהטער, פון דער ערד, און ער נאָך מיר.

מײדעל און זאָגט צו אהר: לאָמיר זיך געבען דאָס וואָרט, אַז מיר זאָלען זיך נעמען... עפּיס גלאַט הפקר־ציבעלעס!... גאָר אַז איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף מײן מאַטלען, װי ער שטעהט זיך אַזוי, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, װי אַ זינדיגער מענטש, מײנט דאָס גאַנץ ערנסט, אַהן שום חכמות דערבײ צו האָבען, האָב איך מיך מיישב געװען: לאָמיר זיך נאָר גוט באַרעכענען טאַקי דאָס אײגענע װידער צוריק. װאָס ברעקעל איך מיך אַזױ און װאָס מאַך איך דאָ אָנשטעלען? דער גרױסער מיוחס װאָס איך בין, רב צאַצעלעס אײן אײניקעל, צי די גוזמות נדן, װאָס איך געב מײן טאָכטער, צי די הלבשה איהרע, משטײנס געזאָגט?... מאָטעל קאַמזױל איז טאַקי אַ שנײדער, ער איז אָבער אַ גאַנץ פײן בחור׳על, אַ ארבײטס־יונג, קאָן געבען אַ װײב ברױט, און דערצו נאָך אַ ערליך יונגעל אויך, הײנט װאָס האָב איך צו איהם? — טביה, זאָג איך צו מיר אַלײן, מאַך נישט קײן פּױלע תנועות און זאָג באָס, װי אין פּסוק שטעהט: סלחתי כדבריך — לאָז זײן מיט גליק!... יאָ, װאָס טהוט מען אָבער מיט מײן אַלטער? איך װעל דאָך פון איהר האָבען, װי זאָגט ער, בסוסים ובגמלים — אויף שיסעל און אויף טעלער! װי אַזוי פיהרט מען זי אַרויף, אַז עס זאָל בײ איהר װערען רעכט?... װײסט דו גאָר װאָס, מאָטעל? — רוף איך מיך אַז צו מײן חתן. — דו געה דיר אַהײם, איך װעל מיר דאָ דערװײל צורעכט מאַכען אַלץ, װאָס מע באַדאַרף, איבערשמועסען מיט דעם, מיט יענעם, װי אין דער מגילה שטעהט: והשתיה כדת — אַלסדינגג דאַרף זײן באַטראַכט. און אם ירצה השם מאָרגען, אויב דו װעסט ביז דעמאָלט קײן חרטה נישט האָבען, װעלען מיר זיך מסתמא זעהען... — „חרטה? — מאַכט ער צו מיר. — איך װעל האָבען חרטה? איך זאָל ניט דערלעבען אַװעקגעהן פון דעם אָרט, עס זאָל פון מיר װערען, זאָגט ער, אַ שטײן, אַ בײן!“... — צו װאָס טװיג דיר נאָך דאָס שװערען זיך, װאָס דו שװערסט זיך, זאָג איך איהם, אַז איך גלױב דיר אַהן אַ שבועה? געה געזונט, זאָג איך, און אַ גוטע

טאָכטער, וואָס קאַטאָריו שווין העכער אַ יאָהר אַז איך האָב זי ליעב..." — ס'אַ משל, זאָג איך, אַז טביה האָט אַ טאָכטער צייטעל, און דו הייסט מאָטעל קאַמזויל און ביזט אַ שניידער, הײנט וואָס האָסט דו צו איהר, דו זאָלסט זי פיינד האָבען?... — „ניין, מאַכט ער, נישט דאָס מיין איך, איך מיין גאָר עפּיס אַנדערש, איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען, אַז איך האָב ליעב אייער טאָכטער, און אייער טאָכטער האָט מיך ליעב, שוין העכער אַ יאָהר, זיך געגעבען דאָס וואָרט מיר זאָלען זיך נעמען, האָב איך, זאָגט ער, עטליכע מאָל געוואָלט זיין ביי אייך איבעררעדען, נאָר אַלץ אָפּגעלעגט אויף שפּעטער, ביז איך וועל מיר צענויפשלאָגען עטליכע קערבלעך אויף אַ מאַשין, און נאָכדעם ערשט אויסקליידען זיך, ווי עס געהער צו זיין, וואָרום אַ ליאָדע בחור'על היינטיגע צייטען האָט צוויי קאָס־טיומען מיט עטליכע קאַמזוילען"... — טפו זאָלט איהר ווערען, מאַך איך צו איהם, מיט אייער קינדערשען שכל! און וואָס וועט איהר טהון נאָך דער חתונה — פאַרוואַרפען די צייהן אויף די בענטאַנעס, צי דו וועסט האָדעווען דיין ווייב מיט קאַמזוילען?... — „ע, מאַכט ער צו מיר, אויף אייך איז מיר, רב טביה, אַ חידוש, איהר זאָלט אַזעלכעס זאָגען! איך מיין, אַז איהר האָט חתונה געהאַט, האָט איהר, דאַכט מיר, קיין אייגענעם מויער נאָך נישט געהאַט, פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך... ממה־נפשך, וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט רב ישראל... היינט בין איך דאָך אַ שטיקעל בעל־מלאכה אויך"...

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג מאריך זיין? ער האָט מיך איבערגערעדט, וואָרום — למאַי זאָלען מיר זיך נאַרען, ווי אַזוי האָבען אַלע אידישע קינדער חתונה? אַז מע זאָל וועלען קוקען אויף די זאַכען, וואָלט אונזער גראַד קיינמאָל נישט באַדאַרפט חתונה האָבען... איין זאַך האָט מיר נאָר פאַרדראָסען און האָב דאָס נישט געקאָנט פאַרשטעהן בשום־אופן: ווזֹס הייסט, ז י י א ל י י ן האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט געוואָרען? אַ בחור באַגעגענט זיך מיט אַ

נאר בעטעו וועל איך דיך, גאָלדע, זאָלסט זיך נישט שרעקען און נישט איבערקלערען חלילה גאָט ווייסט וואָס, וואָרום אין די הייליגע ספרים ביי אונז שטעהט געשריבען, אַז נאָר דריי חלקים פון אַ חלום קאַן אַמאָל מקויים ווערען, און דאָס איבעריגע איז בלאָטע, שקרים וכזבים, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען... קודם־כל, זאָג איך, האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז ס'איז ביי אונז אַ שמחה; איך ווייס ניט, צי אַ קנס־מאָל, צי אַ חתונה. מענטשען אַ סך, אידען און ווייבער, דער רב און דער שוחט, היינט כלי־זמר... דערווייל עפּענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין דיין באָבע צייטעל עליו השלום... מיין ווייב האָט דערהערט די באָבע צייטעל, איז זי שוין געוואָרען טוידט ווי די וואַנט און רופט זיך אָן צו מיר: „ווי אַזוי איז זי אויפ'ן פּנים און אין וואָס איז זי געגאַנגען אָנגעטהאָן?“ — אַ פּנים האָט זי, זאָג איך, אויף אַלע אונזערע שונאים, געל אַזוי ווי וואַכס, און אָנגעטהאָן, געוויינטליך, אין ווייסען, אין תכריכים... „מזל־טוב! — מאַכט צו מיר די באָבע צייטעל. — איך האָב נחת, וואָס איהר האָט אויסגעקליבען פאַר אייער צייטלען, וואָס זי טראָגט מיין נאָמען, אַזאַ פיינעם חתן, אַ לייטישען; ער הייסט מאָטעל קאַמזויל, נאָך מיין פעטער מרדכי, און חאָטש ער איז אַ שניידער, פון דעסטוועגען איז ער זעהר אַ עהרליך קינד...“ — „פון וואַנען, רופט זיך אָן גאָלדע, האָט זיך צו אונז גענומען אַ שניידער? אין אונזער משפּחה, זאָגט זי, זענען פאַראַן מלמדים, חזנים, שמשים, קברות־אידען, און גלאָט אַזוי אָרעמע לייט, נאָר נישט, חלילה, קיין שניידערס און נישט קיין שוסטערס“... — שלאָג זשע מיך נישט איבער, גאָלדע, זאָג איך צו איהר, מסתמא ווייסט דיין באָבע צייטעל בעסער פון דיר... אַז איך האָב דערהערט פון דער באָבע צייטעל אַזאַ מין מזל־טוב, רוף איך מיך אָן צו איהר: וואָס זאָגט איהר עפּיס, באָבעניו, אַז צייטעל'ס חתן הייסט מאָטעל און ער איז אַ שניידער, אַז בסך־הכל הייסט ער לייזער־וואָלף און ער איז גאָר אַ קצב?... — „ניין, רופט זיך אָן די באָבע צייטעל נאָך אַ מאָל, ניין, טביה, דיין צייטעל'ס חתן הייסט טאָקי נאָר מאָטעל, ער איז אַ שניידער, און מיט איהם

נאכט, און לאזען זיך דיר חלומ'ען גוטע חלומות... און אליין לעג איך מיך אויך שלאפען, נאר עס נעמט מיך ניט קיין שלאף; דער קאפ ווערד מיר שיער ניט צעפּאלען אויף שטיקלעך, טראכטענדיג אזא פלאן און אזא פלאן, ביז איך בין געפאלען אויף דעם רעכטען פלאן. וואס־זשע איז דער פלאן? אט וועט איהר הערען, ווי אזוי טביה פּאלט אויף א גלייכם!

בקיצור, ארום האלבע נאכט, די גאנצע שטוב שלאפט געשמאק, דער חראפּעט, דער פייפט, בין איך מיך מיישב און הויב אן צו שרייען נישט מיט מיין קול: גוואלד! גוואלד! גוואלד!... סע פארשטעהט זיך, אז אויף מיין גוואלד האט זיך די גאנצע שטוב אויפגעהאפּט, און פריהער פון אלעמען גאלדע. „גאט איז מיט דיר, טביה, מאכט זי צו מיר און טרייסעלט מיך, שטעה אויף. וואס איז דיר אזעלכס, וואס גוואלדעוועסט דו?“... איך עפען אויף די אויגען, קוק מיך ארום כלומר'שט אויף אלע זייטען און רוף זיך אן מיט א ציטערניש: — וואו איז זי ערגיץ? — „ווער איז? וועמען זוכסט דו?“ — פרומע־שרה'ן, זאג איך, פרומע־שרה לייזער־וואלפ'ס איז דא נאר־וואס געשטאנען... — „דו רעדסט פון היטץ, מאכט צו מיר מיין ווייב, גאט איז מיט דיר, טביה! פרומע־שרה לייזער־וואלפ'ס, זאל זיין אפגעשיידט, איז שוין לאנג אויף דער אמת'ער וועלט“. — איך ווייס, זאג איך, אז זי איז געשטארבען, נאר זי איז אבער פארט געווען נאר־וואס, אט־דא ביי מיין בעט גערעדט מיט מיר, זי האט מיך אנגענומען, זאג איך, ביי'ם גארגעל, מיך געוואלט ווארגען!... — „גאט איז מיט דיר, טביה, וואס פּלאַ־פּעלסט דו? — מאכט צו מיר מיין ווייב. — עס האט זיך דיר געקעהרט חלומ'ען א חלום; שפּיי אוים דריי מאל און דערצעהל מיר וואס האט זיך דיר גע'חלומ'ט, וועל איך דיר אויסלעגען צו גוטען“. — לאנג לעבען זאלסט דו, גאלדע, מאך איך צו איהר, וואס דו האסט מיך אויפגעמונטערט, ווען ניט, וואלט איך פאר שרעק געקלאפּירט אויף'ן ארט. גיב מיר, זאג איך, א טרונק וואסער, וועל איך דיר דערצעהלען דעם חלום, וואס האט זיך מיר גע'חלומ'ט.

איז זיך מטריח פון יענער װעלט קומען אהער צו אפּגעבען מזל־טוב, באַדאַרפען מיר זאָגען, סע זאָל זײן אין אַ גוטער שעה אַ מזל׳דיגער, אָמן סלה!“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בקיצור, װאָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זײן? איך בין געװען שטאַרקער פון אײַזען, אַז איך האָב יענע נאַכט אויסגע־האַלטען און בין נישט צעזעצט און צעשפּרונגען געװאָרען, ליגענדיג אונטער דער קאָלדרע, פאַר געלעכטער... ב ר ו ך ש ל א ע ש נ י א ש ה — אַ אידינע בלײַבט אַ אידינע... סע פאַרשטעהט זיך, אַז אויף מאָרגען איז געװען בײַ אונז דאָס קנס־מאָל, און טאַקי באַלד נאָכדעם די חתונה, אויף גמרא־לשון: ה א ג ב ר א ו ה א ט ר ס ק א, און דאָס פּאָר־פאָלק, ברוך־השם, לעבט זיך גאַנץ צו־פריעדען: ער איז זיך אַ שנײַדער, געהט אַרום אין בױבעריק פון אײַן דאַטשע אין דער אַנדערער אַננעמען אַרבײַט, און זי טאָג װי נאָכט אין דער יאַד, קאָכט און באַקט און װאַשט און שמירט און טראָגט װאַסער, קוים־קוים דאָס שטיקעל ברױט אין שטוב; איך זאָל איהר ניט ברענגען אַ מאָל אַ ביסעל מילכיגס, אַ מאָל עטליכע גראָשענס, װאָלט געװען גאָר נישט גוט — און רעד מיט איהר, זאָגט זי, אַז ס׳איז איהר, קײן עין־הרע, גוט װי די װעלט, אַבי, זאָגט זי, איהר מאַטעל זאָל איהר זײַן געזונט.— נו, געהט טענה׳ט מיט הײַנטיגע קינדער! עס קומט אויס, װי איך האָב אײַך געזאָגט פונ׳ם אָנהויב: ב נ י ם ג ד ל ת י ו ר ו מ מ ת י — האָרעװע פון קינדער׳ס װעגען, שלאָג זיך קאָפּ אין װאַנט, ו ה ם פ ש ע ו ב י — זאָגען זיי, אַז זיי פאַרשטעהען בעסער. נײן, זאָגט אײַך װאָס איהר װילט, הײַנטיגע קינדער זענען צו קלוג! נאָר מיר דאַכט, אַז איך האָב אײַך הײַנט אָנגעדולט אַ קאָפּ מעהר װי אַלע מאָל. האָט מיר קײן פאַראיבעל ניט, זײַט מיר געזונט און האָט אײַך אַ גוטען תמיד!

וועט זי זיך עלטערען, אם־ירצה־השם, אין עושר און אין כבוד"... רעכט, באבעניו, זאג איך צו איהר נאך א מאל, וואס־זשע טהוט מען מיט לייזער־וואלפ'ען? סטייטש, איך האב דאך איהם ערשט נעכטען געגעבען דאס ווארט!... — איך האב נאר אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, איך טהו א קוק — נישטא די באבע צייטעל! אויף איהר ארט איז אויסגעוואכסען פרומע־שרה לייזער־וואלפ'ס און מאכט צו מיר כהאי לישנא: „רב טביה! איך האב אייך געהאלטען תמיד פאר א עהרליכען, פאר א אידען מיט תורה, סטייטש, ווי קומט דאס, איהר זאלט טהון אזא זאך, איהר זאלט וועלען, אז אייער טאכטער זאל מיך ירש'ענען, זיצען אין מיין שטוב, האלטען מיינע שליסעל, אנטהון מיין מאנטעל, טראגען מיינע ציערונג, מיינע פערעל?"... וואס בין איך שולדיג, מאך איך צו איהר, אייער לייזער־וואלף האט אזוי געוואלט... „לייזער־וואלף? — מאכט זי צו מיר. — לייזער־וואלף וועט האבען א וויסטען סוף, און אייער צייטעל... א רחמנות נעבאך, רב טביה, אויף אייער טאכטער; מעהר ווי דריי וואכען וועט זי מיט איהם נישט לעבען; און אז עס וועט אויסגעהן די דריי וואכען, וועל איך קומען צו איהר ביי נאכט און וועל זי אננעמען ביי'ם האלז אט־אזוי־א..." און מיט די ווערטער, זאג איך, האט מיך פרומע־שרה אנגענומען ביי'ם גארגעל און האט מיך אנגעהויבען צו ווארגען אזוי, אז ווען ניט דו זאלסט מיך געוועקט אויפוועקען, וואלט איך שוין איצטער אנגעשפארט ווייט־ווייט!... — „טפו־טפו־טפו! — מאכט צו מיר מיין ווייב און שפייעט אויס דריי מאל דריי. — אין טייך זאל דאס פאלען, אין דער ערד זאל דאס זינקען, אויף בויהעמס זאל דאס קלעטערען, אין וואלד זאל דאס רוהען, נאר אונז און אונזערע קינדער זאל דאס ניט שאדטען! א בייזער, א וויסטער, א פינסטערער חלום אויף דעם קצב'ס קאפ און אויף זיינע הענט און פיס! לאז ער זיין די כפרה פאר מאטעל קאמזויל'ס מינדסטען נאגעל, האטש ער איז א שניידער, ווארום אז ער הייסט נאך מיין פעטער מרדכי, איז ער געוויס נישט קיין געבארענער שניידער, און מסתמא אז די באבע עליו השלום

געשריבען אין יאָהר 1904.

האָדעל

— איהר חידוש'ט זיך, פאַני שלום-עליכם, אויף טביה'ן, וואָס מע יעהט איהם נישט? ער האָט זיך, זאָגט איהר, שטאַרק אַ רוק געטהאָן, מיט אַ מאָל, זאָגט איהר, גרוי געוואָרען? ער־ער־עך! ווען איהר זאָלט וויסען מיט וואָס פאַר צרות, מיט וואָס פאַר ווערטיגען אַט דער טביה טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטעהט דאָרט ביי אונז געשריבען: אָ ד ם י ס ו ד ו מ ע פ ר ו ס ו פ ו ל ע פ ר — אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליעג און שטאַרקער פון אייזען... טאַקי נאָר אַ באַשרייבונג מיט מיר! וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ צרה, איין אַנשיקעניש — מיך אויסמיידען טאָר עס נישט. פון וואַנען נעמט זיך עס, ווייסט איהר ניט? אפשר דערפון, וואָס בטבע בין איך אַ פתי יאמין, וואָס גלויבט איטליכען אויף נאמנות? טביה פאַרגעסט, וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז אנגעזאָגט טויזענד מאָל: כ ב ד ה ו ו ח ש ד ה ו; בלשון אשכנז הייסט עס: „נע וויר סאָבאַקי“... נאָר וואָס זאָל איך טהון, פרעג איך אייך, אַז ס'איז ביי מיר פאָרט אַזאַ טבע? איך בין, ווי איהר ווייסט, אַ גרויסער בעל־בטחון און האָב צו דעם וואָס לעבט אייביג קיינמאָל קיין טענות נישט. ווי אַזוי ער פיהרט, אַזוי איז גוט. וואָרום פרובט זיך, אדרבה, פאַרקעהרט, האָט יאָ טענות, וועט זיך אייך עפּיס העלפען? אַז ווי באַלד מיר זאָגען אין די סליחות: ה נ ש מ ה ל ך ו ה ג ו ף ש ל ך, — היינט וואָס ווייסט אַ מענטש און וואָס האָט ער פאַר אַ ווערדע? שטענדיג טענה איך אָבער מיט איהר, מיט מיינער הייסט דאָס: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיגסט! פאַרהאַן, זאָג איך, ביי אונז אַ מדרש...“ „וואָס מיר מדרש, זאָגט זי, מיר האָבען, זאָגט זי, אַ טאָכטער אויף

קאָטע פון דער פוטער!... זאָלט איהר זעהען פון דעסטוועגען, ווי מע לערענט! און ווער? בעל־מלאכה'שע קינדער. פון שניידערס, פון שוסטערס, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען בכל אשר אפנה! מע לאָזט זיך אַוועק קיין יעהופּעץ, אָדער קיין אַדעס, מע וואַלגערט זיך אוים אויף אַלע בוידעמס, עסען עסט מען מכות מיט בכורות, און פאַרבייסען פאַרבייסט מען מיט קדחת, גאַנצע חדשים דורכאַיינאַנד קוקט מען נישט אָן קיין שטיקעל פלייש אין די אויגען, מע לעגט זיך צענויף זעכס פאַרשוינדלעך אויף איין בולקע מיט אַ הערינג און יו ש מ ח ת ב ח ג ך — הוליע קבצן!...

בקיצור, האָט זיך איינער פון דער „חברה" פאַרהאַקט אין אונזער ווינקעל, עפּיס אַ שלים־מזל, נישט ווייט פון דאַנען, איך האָב געקענט דעם טאַטען זיינעם, ער איז געווען אַ פּאַפּיראָסניק און אַ קבצן, לאָז ער מיר מוחל זיין, אין זיעבען פאָלעס. מילא, בין איך אייך דערויף נישט אויסען, וואָרום אַז דעם תנא רב יוחנן הסנדלר איז אָנגעשמאַנען צו נייהען שטיוועל, מעג איהם שוין, דאַכט זיך, אָנשטעהן צו האָבען אַ טאַטען, וואָס דרעהט פּאַפּיראָסען. פאַרדריסען פאַרדריסט מיך נאָר איין זאַך: למאי זאָל זיך אַ קבצן גלוסטען לערנען, שטודירען? פּראַוודאַ, דער גוטער יאָהר האָט איהם נישט גענומען, ער האָט אַ גוט קעפּעל, גאָר אַ גוט קעפּעל. פּערטשיק הייסט ער, דער שלים־מזל, האָבען מיר איבערגעלעגט אויף אידיש: פּעפּערעל. ער זעהט טאַקי אויס ווי אַ פּעפּערעל. איהר זאָלט אָנקוקען — אַ ווערוריקעל, אַ קליינס, אַ שוואַרץ, אַ פאַרזעהעניש, נאָר ס'איז פול, מלא וגדוש, און אַ מויל — אש להבה, שוועבעל און פעך.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, איך פאָהר איינמאָל אַהיים פון בויבעריק, אָפּגעזעצט דאָס ביסעל סחורה, אַ גאַנצען טראַנספּאָרט, קעז און פוטער און סמעטענע און שאר ירקות. זיץ איך פאַרטראַכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימעל־זאַכען, פון דעם, פון יענעם, און פון די יעהופּעצער נגידים, וואָס עס געהט זיי, קיין עין־הרע, אַזוי גוט, און פון טביה'ן דעם שלים־מזל מיט

חתונה צו מאַכען; און נאָך דער טאָכטער, קיין עין־הרע, געהען נאָך צוויי טעכטער; און נאָך די צוויי — נאָך דריי, קיין בייז אויג זאָל ניט שאַדען!"... — „עט, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונזערע חכמים, זאָג איך, האָבען דאָס אויך באַוואָהרענט; ס'איז פאַרהאַן, זאָג איך, דערויף אויך אַ מדרש..." לאָזט זי זיך ניט רעדען: „טעכטער, זאָגט זי, דערוואַכסענע, זענען אַליין אַ גוטער מדרש"... און געהט טענה'ט מיט אַ אידינע!

הקיצור, פון דעם זעהט איהר אַרויס, אַז ס'איז פאַרהאַן, ס'איז דאָ, קיין עין־הרע, ביי מיר סחורה אויף אויסצוקלויבען, און דווקא פיינע סחורה, ניט צו פאַרזינדיגען, איינע שענער פון דער אַנ־דערער. ס'איז ניט שייך, אַז איך אַליין זאָל לויבען מיינע קינדער, נאָר איך הער וואָס די וועלט זאָגט: „קראַסאַוויצעס!" און ועל־כולם די עלטערע, האָדעל רופט מען זי, די אַנדערע פון צייטלען, די וואָס האָט זיך פאַרקאָכט, אויב איהר געדענקט, אינ'ם חייט; איז זי שען, זאָג איך אייך, די אַנדערע טאָכטער מיינע, האָדעל מיין איך, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? טאָקי ווי אין דער הייליגער מגילה שטעהט געשריבען: כ י ט ו ב ת מ ר א ה ה י א — שיינט ווי אַ שטיק גאָלד! און צו די צרות באַדאַרף זי נאָך האָבען אַ קאָפּ אויך, שרייבט און לייענט אידיש און רוסיש, און ביכלעך — ביכלעך שלינגט זי, ווי האַלעשקעס. וועט איהר דאָך פרעגען אַ קשיא: וואָס פאַר אַ מחותן איז טביה'ס טאָכטער מיט ביכלעך, אַז דער טאַטע איהרער האַנדעלט גאָר מיט קעז און מיט פּוטער? הערסט דו, אָט דאָס פרעג איך דאָך ביי זיי, ביי די פיינע בחורים הייסט עס, וואָס קיין הויזען, איך בעט איבער אייער כבוד, איז נישטאָ, און שטודיערען גלוסט זיך זיי, ווי מיר זאָגען אין דער הגדה: כ ו ל נ ו ח כ מ י ם — אַלע ווילען לערנען, כ ו ל נ ו נ ב ו נ י ם — אַלע ווילען שטודיערען. פרעגט זיי: וואָס שטודיערען? ווער שטודיערען? זאָלען אַזוי ציעגען וויסען אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען! אַז בסך־הכל לאָזט מען זיי דאָך גאָר ניט צו, ווי זאָגט ער: אַ ל ת ש ל ח י ד ך — אַ

ער, אַ היגער, איהר קענט מיך". „ווער זשע, זאָג איך, איז דער טאַטע דיינער? לאָמיר שוין הערען!" „מיין טאַטע, זאָגט ער, האָט געהייסען פּערטשיק". „טפו זאָלסט דו ווערען! האָסט דו, זאָג איך, באַדאַרפט אַזוי לאַנג מוטשען? ביזט דו, הייסט דאָס, פּערטשיק דעם פּאַפּיראָסניק'ס אַ זוהנדעל?" „בין איך, זאָגט ער, פּערטשיק דעם פּאַפּיראָסניק'ס אַ זוהנדעל". „און שטודיערסט, זאָג איך, אין די קלאַסען?" „און שטודיער, זאָגט ער, אין די קלאַסען". „נו־נו, מהכתיתי, זאָג איך, אָדם אַ מענטש, צפּור אַ פויגעל, קאַטשקע רוק זיך. זאָג זשע מיר, זאָג איך, תכשיט מיינער, פון וואָס, למשל, לעבסט דו, אַשטייגער?" „פון דעם, זאָגט ער, וואָס איך עס". „אַהאַ, זאָג איך, גאַנץ גוט; וואָס־זשע, זאָג איך, עסט דו?" „אַלסדינגג, זאָגט ער, וואָס מע גיט מיר". „איך פאַרשטעה, זאָג איך, ביזט נישט קיין איבערקלייבער: אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסען, עסט דו, און אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו עסען, פאַרבייסט דו מיט אַ ליפּ און לעגסט זיך שלאָפען אַ ניכטערער. נאָר וואָס דען, זאָג איך, ס'איז אַלסדינגג כדאי, אַבי שטודיערען אין די קלאַסען, זאָג איך; גלייכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נגידים, ווי אין פּסוק שטעהט: כולם אהובים, כולם ברורים"... אַזוי זאָג איך צו איהם מיט אַ פּסוק און מיט אַ מדרש, ווי טביה קאָן. מיינט איהר דאָך, אַז ער שווייגט מיר אָפּ, פּערטשיק הייסט עס? „ניט דערלעבען, זאָגט ער, ווועלען די נגידים, אַז איך זאָל זיך צו זיי גלייכען! איך האָב זיי, זאָגט ער, אין דער ערד!" „ביזט מיר עפּיס שטאַרק, זאָג איך, אויפגעטראָגען, זאָג איך, אויף די נגידים? איך האָב מורא, זאָג איך, אויב זיי האָבען זיך ניט צעטיילט, זאָג איך, מיט דיין טאַטען'ס ירושה". „זאָלט איהר טאָקי וויסען, זאָגט ער, אַז איך און איהר און מיר אַלע, קאָן זיין, האָבען אַ גרויסען חלק ביי זיי אין דער ירושה"... „ווייסט דו וואָס, זאָג איך, לאָזען שוין דיינע שונאים רעדען פאַר דיר. איך זעה אַרויס, זאָג איך, נאָר איין זאַך, אַז דו ביזט אַ יונגעל נישט קיין פאַרפאַלענער און די צונג באַדאַרף מען דיר נישט פּיקען; אויב

זיין פערדעל, וואָס ווערען כל ימיו פאַרשוואַרצט, וכדומה נאָך אַזעלכע ענינים. זומער, די זון באַקט, די פליעגען בייסען, און די וועלט אַרום און אַרום איז מחיה, גרויס, אַפּען, האָטש הויב זיך אויף און פליה, האָטש ציה זיך אויס און שווים!...

דערווייל, איך טהו אַ קוק — אַ בחור'על שפּאַנט זיך מיט ד' רגלים איבער'ן זאַמד, האַלט אַ פּעקעל אונטער'ן אָרעם און שוויצט. פּאַכט מיט דער נשמה. „יעמוד החתן רב יאַקעל בן פּלעקעל! — זאָג איך צו איהם. — זעץ דיך אויף, הער נאַר, וועל איך דיך אַ ביסעל אונטערפיהרען, איך פאָהר במילא לעדיג. ווי שטעהט דאָר־טען, זאָג איך, ביי אונז געשריבען: „דיין חבר'ס אייזעל אַז דו באַגעגענסט, איז ע ז ו ב ת ע ז ו ב — דאַרפסט איהם נישט פאַרלאָזען, היינט לא כל־שכן אַ מענטש"... לאַכט ער, דער שלים־מזל, און לאָזט זיך דוקא לאַנג נישט בעטען און קריכט אין וועגעלע אַריין. „פון וואַנען, זאָג איך, שפּאַנט דאָס, למשל, אַ בחור'על?" „פון יעהופּעץ". „וואָס האָט, זאָג איך, אַזאַ בחור'על, ווי דו, צו טהון אין יעהופּעץ?" „אַזאַ בחור'על, ווי איך, זאָגט ער, גיט אָפּ אַקזאַמענט". „אויף וואָס, זאָג איך, שטודיערט אַזאַ בחור'על, ווי דו?" „אַזאַ בחור'על, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט נאָך אַליין נית אויף וואָס ער שטודיערט". „אם כן, זאָג איך, וואָס־זשע דולט זיך אַזאַ בחור'על, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפּ?" „זאָרגט זיך נישט, רב טביה, אַזאַ בחור'על, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טהון". „זאָג מיר נאַר, זאָג איך, ווי באַלד, אַז איך בין דיר שוין יאָ באַקאַנט, טאָ ווער ביזט דו, למשל?" „ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, אַ מענטש". „איך זעה, זאָג איך, אַז נישט קיין פערד; איך מיין ו ו ע מ ע נ ס ביזט דו?" „וועמענס, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך בין גאָט'ס". „איך ווייס, זאָג איך, אַז גאָט'ס; עס שטעהט, זאָג איך, ביי אונז געשריבען: כ ל ה ח י ה ו כ ל ה ב ה מ ה. איך מיין, זאָג איך, פון וואַנען שטאַמסט דו, צי ביזט דו אַ אונזעריגער, צי אפשר פון דער ליטא?" „שטאַמען, זאָגט ער, שטאַם איך פון אָדם הראשונ'ען און אַליין בין איך, זאָגט

די קינדער האָבן איהם אונטערגעטראָגן אַ גלעזעל מילך, און מיין אַלטע האָט אַכטונג געגעבען, ער זאָל האָבן אַ העמד אויפ'ן לייב מיט אַ פּאָר זאָקען גאַנצע — און טאַקי דעמאָלט האָבען מיר דאָס איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען „פעפערעל", איבערגעמאַכט, הייסט דאָס, אויף אידיש פון פּערטשיק, און מע קאָן זאָגען, אַז מיר האָבען איהם אַלע ליעב געקריגען עפּיס גאָר ווי איין אייגענעם, מחמת בטבע איז ער, דאַרפט איהר וויסען, דוקא נישקשה פון אַ מענטשעל, אַ פּשוט'ער, אַ פּראָסטער חי־וקיים הייסט דאָס, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס — הפקר ציבעלעס...

פאַר איין זאַך נאָר האָב איך איהם פיינט געהאַט: פאַר זיין פאַרפאַלען ווערען. פלוצים פלעגט ער זיך אויפהויבען, אַוועקגעהן, און והילד איננו — נישטאָ פעפערעל! „וואו ביזט דו געווען, מיין טייערער שפּיעל־פויגעל?" שווייגט ווי אַ פיש... איך וויים נישט, ווי אַזוי איהר — איך האָב פיינט אַ מענטשען מיט סודות; איך האָב ליעב, ווי זאָגט ער: וידבר — גערעדט און ויאמר — געזאָגט. דערפאַר האָט ער אָבער אַ מעלה: צערעדט ער זיך שוין, איז מי באש ומי במים — פאַ פייער און פאַר וואַסער. אַ פּיסק — ניט געדאַכט זאָל ער ווערען! רעדט על ה' ועל משיחו, און אויף „נתקה"... און דער עיקר טאַקי — אויף „נתקה"... מיט פּלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, משוגע'נע גענג, עפּיס אַלסדינג לאַקירו'ע, פאַפּעריק, מיט די פיס אַרויף. למשל, אַ נגיד, קומט אויס, נאָך זיין משוגע'נעם, פאַרקעהר־טען שכל, איז אָפּגעפרעגט, און אַ קבצן איז, פאַרקעהרט, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ בעל־מלאכה — דער איז גאָר דאָס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל, טייערער פון הרוסת, מחמת יגיע כפּיך, זאָגט ער, דאָס איז דער עיקר. „פון דעסטוועגען, זאָג איך, צו געלט, זאָג איך, קומט דאָס נישט?" ווערד ער מלא כעס און וויל מיר איינדרינגען, אַז געלט איז אַ שחיטה פאַר דער וועלט; פון געלט, זאָגט ער, נעמען זיך אַלע פאַלשקייטען אויף דער וועלט, און אַלסדינג, זאָגט ער, וואָס סע טהוט זיך אויף דער וועלט, טהוט

דו ווײסט, זאָג איך, האָבן צײַט, קאָנסט דו זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר הײַנט אויף דער נאַכט, װעלן מיר אַ ביסל שמועסן, און טאַקי, בדרך הליכה, כאַפּן מיט אונדז אַ װעטשערע"...

אוודאי האָט זיך מײַנער נישט געלאָזט איבער'חזר'ן די װערטער און איז געקומען צו גאַסט, געטראָפן אַקוראַט צום סמיטשיק, בשעת דער באַרשט איז געשטאַנען אויפ'ן טיש און די מילכיקע קנישעס אין אויװן האָבן זיך נאָך געפּרעגלט. „דו האָסט, זאָג איך צו איהם, אַ לעבעדיקע שװיגער; קאָנסט זיך, זאָג איך, געהן װאַשן, און אַז ניט, קאָנסט דו, זאָג איך, עסן אומגעװאַשן, איך בין ניט גאָט'ס סטראַפּטשע, זאָג איך, מיך װעט מען אויף יענער װעלט פאַר דיר ניט שמײַסן". אַזױ שמועס איך מיך אויס מיט איהם, און פּיהל, אַז עס ציהט מיך עפּיס צו דעם דאָזיקן מענטשעל, װאָס — װײס איך אַלײן ניט, נאָר עס ציהט; איך האָב ליעב, פאַרשטעהט איהר, אַ מענטשען, װאָס מע קאָן מיט איהם רעדן אַ װאָרט; אַ מאָל אַ פּסוק, אַ מאָל אַ מדרש, אַ מאָל אַ שטיקל חקירה אין הימעל־זאַכען, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אַט אַזאַ מענטש איז טביה. פון יענער צײַט אָן האָט מײַן בחור אָנגעהױבן אַרײַנקומען צו מיר כמעט אַלע טאָג. אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט די „שטונדען", פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוהען און אַ ביסעל פאַרברענגען. מאָהלט אײַך, אַז אַך און װעה איז געװען צו איהם מיט זײַנע שטונדען אינאײנעם, אַז בסך־הכל, דאַרפט איהר װיסען, בײַ אונז דער גרעסטער נגיד איז געװאוינט צו צאָהלען גאַנצע ח"י גילדוינים, אי דאָס, זאָל דער לעהרער איהם העלפען לײענען דעפּעשען, שרײַבען אַדרײַסים און טאַקי פאָלגען אַ גאַנג אויך, פאַר װאָס נישט? אַ בפירוש'ער פּסוק: ב כ ל ל ב ב ך ו ב כ ל נ פ ש ך — עסט דו ברויט, דאַרפסט דו װיסען פאַר װאָס. אַ שטיקעל גליק האָטש, װאָס געגעסען האָט ער, אײגענטליך, בײַ מיר, און דערפאַר האָט ער אונטערגעקנעלט מיט מײַנע טעכטער, װי זאָגט ער: ע י ן ת ח ת ע י ן — אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש; און אַט אַזױ איז ער געװאָרען בײַ אונז אין שטוב אַ גאַנצער בן־בית,

אין בוידבעריק און שטעלט מיך אָפּ: „זייט־זשע מוחל, רב טביה, איך דאַרף אײַך עפּיס, זאָגט ער, זאָגען“. „מהכתיתי, אַבי אַ גוטס“, זאָג איך און שטעל־אָפּ דאָס פערדעל. „איהר האָט, זאָגט ער, רב טביה, אַ טאָכטער!“ „איך האָב, זאָג איך, זיעבען, זאָלען געזונט זיין“. „איך ווייס, זאָגט ער, אַז איהר האָט זיעבען, איך האָב אויך זיעבען“. „האָבען מיר, זאָג איך, אינאײנעם אַזוי גרויס ווי פערצעהן“. „בקיצור, ווערטלעך אויף אַ זייט, זאָגט ער; די מעשה, רב טביה, דערפון, זאָגט ער, איז אַזוי: איך בין דאָך, ווי אײַך איז ידוע, אַ איד אַ שדכן, האָב איך, זאָגט ער, פאַר אײַך אַ חתן. נאָר אַ חתן — פון חתנלאַנד אַ חתן, טאַקי פערווע שבפערווע!“ „דהיינו, זאָג איך, וואָס ווערד אָנגערופען בײַ אײַך אַ חתן פון חתנלאַנד, פערווע שבפערווע? אויב, זאָג איך, אַ חייט, אָדער אַ סנדלר, אָדער אַ מלמד, מעג ער, זאָג איך, זיצען דאָרט, און איך, זאָג איך, ריוח והצלה יעמוד — מיין גלייכען וועל איך מיר געפינען, ממקום אחר, ווי דער מדרש, זאָג איך, זאָגט...“ „ע, זאָגט ער, רב טביה, איהר הויבט שוין אָן מיט אײַערע מדרשים? מיט אײַך, זאָגט ער, רעדען, באַדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען! איהר פאַרשיט, זאָגט ער, די וועלט מיט מדרשים. איהר הערט בעסער אויס, זאָגט ער, וואָס פאַר אַ מין שידוך אפרים דער שדכן איז אַ בעלן אײַך פאַרצולעגען; איהר זאָלט, זאָגט ער, נאָר האָרכען און שווייגען“. אַזוי מאַכט ער צו מיר, אפרים הייסט דאָס, און נעמט און לייענט מיר אויס אַ צעטעל — וואָס זאָל איך אײַך זאָגען? טאַקי עפּיס קפריסין. ראשית, איז דאָס אָרט זעהר אַ שען אָרט, אַ טאַטענס אַ קינד, זאָגט ער, ניט קיין „חאָץ־דרגא“. און דאָס, דאַרפט איהר וויסען, איז בײַ מיר דער עיקר. וואָרום איך בין אַליין אויך ניט אַבי ווער; בײַ מיר אין דער משפחה זענען פאַראַן אַלערלײַ, ווי זאָגט ער: עקודים, נקודים וברודים — פאַראַן פראָסטע מענטשען, פאַראַן בעלי־מלאכות און פאַראַן בעלי־בתים. היינט איז ער אַ יודע־נגן, וואָס פאַרשטעהט איז די קליינע אותיות. און דאָס איז בײַ מיר אוודאי נישט פון די קליינע

זיך עס נישט על־פי יושר. און ער ברענגט מיר צעהנטויזענד ראיות און משלים, וואָס קלײַבּען זיך ביי מיר, ווי איין אַרבעס צו ר'ער וואַנט... „קומט אויס, נאָך דיין משוגע'נעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מיין בהמה מעלקט זיך, און דאָס, וואָס מיין פערדעל פאָהרט, איז אויך נישט על־פּי יושר?"... וכדומה נאָך אַזעלכע קלאָץ־קשיות פרעג איך איהם און שטעל איהם אָפּ, ווי זאָגט ער, על כל דברי שירות ותשבחות — אויף יעדען טריט, ווי טביה קאָן! מיין פעפערעל אָבער קאָן אויך, נאָך אַ מין קאָנען! הלואי וואָלט ער אַזוי נישט קאָנען ווי ער קאָן! און האָט ער עפּים אויפ'ן האַרצען, אַזוי זאָגט ער דאָס אַרויס! איינ־מאָל זיצען מיר אַזוי פאַרנאַכט ביי מיר אויף דער פריזבע און חקירה'ן אַלץ מכח די דאָזיגע ענינים, פילאָזאָפיע הייסט עס. רופט ער זיך אָן צו מיר, פעפערעל הייסט עס: „איהר ווייסט, רב טביה? איהר האָט טעכטער, רב טביה, זעהר געראָטענע". „טאַקי באמת? — זאָג איך. — אַ דאַנק דיר פאַר דער בשורה; זיי האָבען, זאָג איך, אין וועמען געראָטען צו זיין". „איינע, זאָגט ער צו מיר ווייטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, אַ בר־דעת, אַ פאָלנע מענטש". „איך ווייס עס אָהן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלע, זאָג איך, פאַלט נישט ווייט פונ'ם ביימעלע". אַזוי זאָג איך צו איהם, און דאָס האַרץ, געוויינטליך, וואַקסט פאַר תענוג, וואָרום וואָסער פאָטער, איך בעט אייך, האָט נישט ליעב, אַז מע לויבט איהם זיינע קינדער? געה זיי אַ נביא, אַז פון אַזאַ מין לויבעניש וועט גאָר אַרויסשפּרינ־גען אַ פאַרקאָכעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! איהר מעגט דאָס האָרכען.

בקיצור, ויהי ערב ויהי בוקר — געווען איז דאָס צווישען טאָג און נאַכט, אין בויבעריק טאַקי, פאָהר איך מיר אַזוי מיט מיין וועגעלע איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמיצער אָפּ. איך טהו אַ קוק — ס'איז אפרים דער שדכן. אפרים דער שדכן, דאַרפט איהר וויסען, איז זיך אַ איד אַ שדכן, ווי אַלע שדכנים, פאַרנעמט זיך, הייסט דאָס, מיט שידוכים. דערזעהט ער מיך, אפרים הייסט עס,

די וועלט איז מיר מקנא, ניט אַזוי אויף דער קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טהו דער וועלט דורך מיין טאָכטער די נגידית, העלף־אויס די געפאַלענע מיט אַ גמילות־חסד, וועמען אַ כף־הא׳ער, וועמען אַ פופציגער און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איהר, יענער האָט אויך אַ נשמה... אַזוי טראַכט איך מיר, פאָהרענדיג פאַרנאַכטליך, צוריקוועגס אַהיים, און שמיים דאָס פערדעל און שמועס מיך דורך מיט דעם אויף פערדיש לשון: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם, וויאָ! אַנו, מאַך נאַר, זאָג איך, מיט די רגלים אַ ביסעלע גיכער, באַקומסט דו דיין פאַרציע האָבער. ווארום אין קמח אין תורה — שטעהט ביי אונז געשריבען — אַז מע שמירט ניט, פאָהרט מען ניט"...

און ווי איך רעד מיר דאָ אַזוי מיט מיין פערדעל, זעה איך, פון וואַלד אַרויס שניידט זיך אַ פּאַרעל, צוויי מענטשען, ניכר, אַ זכר מיט אַ נקבה. געהן געהען זיי נאָהענט, האַרט איינער צום אַנדערען, און מע רעדט עפּיס זעהר געשמאַק. ווער קאָן דאָס זיין פּלוצים אין מיטען דרינען? — קלער איך מיר און קוק מיך איין דורך די פייערדיגע ריטער פון דער זון. — איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס׳איז פעפערעל! מיט וועמען־זשע געהט ער דאָס, דער שלים־מזל, אַזוי שפּעט? איך פאַרשטעל מיך מיט דער האַנט פון דער זון און קוק מיך איין נאָך שטאַרקער: ווער איז די נקבה׳קע? אוי! דאַכט זיך, האָדעל? יאָ, ס׳איז זי, ווי איך בין אַ איד, ס׳איז זי!... אַזוי? אַט דאָס האָט מען אַזוי געשמאַק געלערענט גראַמאַטיקעס, געלייענט ביכלעך?! אוי, טביה, ביזט דו אַ בהמה! — אַזוי טראַכט איך מיר, און שטעל־אָפּ דאָס פערדעל און רוף זיך אָן צו מיינע לייט: „אַ גוטען אָבענד אייך, זאָג איך. וואָס הערט זיך עפּיס מכח מלחמה? ווי קומט איהר, זאָג איך, פּלוצים גאַר אַהער? אויף וועמען קוקט איהר דאָ אַרוים? אויפ׳ן נעכטיגען טאָג?"... דערהערט אַזאַ מין ברוך־הבא, איז מיין פאַרעל געבליבען שטעהן, ווי זאָגט ער, לא בשמים ולא בארץ, דאָס הייסט: נישט אַהין, נישט אַהער, מחילה צעדרעהט און רויט־

זאכען, ווארום א גראבען יונג האב איך דאך פיינט, ווי חזיר! ביי מיר איין עם־הארץ איז ערגער טויזענד מאל פון א הולטיי; איהר מעגט אייך געהן אהן א היטעל, און אפילו מיט׳ן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף, אבי איהר ווייסט וואס רש״י מאכט, זענט איהר שוין פון מיינע לייט. אט אזא איד איז טביה... היינט איז ער, זאגט ער, רייך, אנגעשטאפט מיט געלט, פאהרט ארוים, זאגט ער, מיט א קארעטע, מיט א פאר ברענענדיגע סוסים, עס געהט אזש א רויך!... נו, מהכתיתי, טראכט איך מיר, דאס איז אויך נישט פון די גרויסע חסרונות. איידער א קבצן, איז שוין גלייכער א נגיד. ווי זאגט ער: י א ה ע נ י ו ת א ל י ש ר א ל — גאט אליין האט אויך פיינט א קבצן. א סימן האט איהר, אז גאט זאל ליעב האבען א קבצן, וואלט א קבצן קיין קבצן נישט געווען. „נו, לאמיר הערען ווייטער", זאג איך. „ווייטער, זאגט ער, וויל ער מיט אייך א שידוך טהון, ער געהט אוים, ער חלש׳ט, זאגט ער, דאס הייסט נישט נאך אייך — נאך אייער טאכטער חלש׳ט ער, ער וויל א שענע וויל ער"... „אזוי? — זאג איך. — לאז ער זיין פאר איהר די כפרה. ווער, זאג איך, איז ער, דער אנטיק אייערער: א בחור? איין אלמן? א גרוש? א שווארץ־יאהר? „ער איז א בחור, זאגט ער, א בחור, אפילו אין די יאהרען שוין, נאר א בחור". „ווי אזוי־זשע, זאג איך, איז דער הייליגער נאמען זיינער?" וויל ער מיר נישט זאגען, חאטש בראט איהם. „ברענגט זי, זאגט ער, צו פיהרען קיין בויבעריק, וועל איך אייך נאכדעם, זאגט ער, זאגען". „וואס הייסט, זאג איך, איך זאל זי ברענגען צו פיהרען? ברענגען, זאג איך, ברענגט מען צו פיהרען א פערד, זאג איך, אויפ׳ן יריד, אדער א בהמה צו פארקויפען"...

בקיצור, די שדכנים, ווייסט איהר דאך, קאנען איבעררעדען א וואנט. ס׳איז געבליבען, אז אם ירצה השם נאך שבת ברענג איך זי צו פיהרען קיין בויבעריק. און אלערליי גוטע, זיסע מחשבות קומען מיר אויף די געדאנקען, און איך שטעל מיר שוין פאר מיין האדלען, ווי זי פאהרט אין א קארעטע מיט א פאר ברענענדיגע סוסים, און

זיך, איז ביי אונז געבליבען, מיר זאָלען שטעלען פריהער׳ט א חופה"... דאָס האָט מיך שוין פאַרדראָסען, ווי זאָגט איהר: ב א ו מ י ם ע ד נ פ ש — דערלאַנגט אין ביין אַריין! מילא, וואָס ער זאָגט: חתן־כלה — איז נאָך צו דערליידען, ווי שטעהט דאָרטען געשריבען: א ה ב ת י — ער וויל זי, זי וויל איהם. אָבער חופה? וואָס איז דאָס פאַר ווערטער: שטעלען א חופה? עפּיס תרגום־לשון!... ווייזען ווייזט אויס, אַז מיין חתן האָט פאַר־שטאַנען, אַז איך בין פון דער מעשה אַ ביסעל מטושטש; רופט ער זיך אָן צו מיר: „פאַרשטעהט איהר, רב טביה, די מעשה דער־פון איז אַזוי: איך האַלט ביי אָפּפאָהרען פון דאַנען". „וועָן פאָהרסט דו?" „אין גיכען". „וואוהין, אַשטייגער?" „דאָס קאָן איך אייך, מאַכט ער, נישט זאָגען, ס׳איז, זאָגט ער, אַ סוד"... איהר הערט? ס׳איז אַ סוד! ווי געפעלט דאָס אייך, אַשטייגער? קומט צו געהן אַ פּעפּערעל, אַ קליינס, אַ שוואַרץ, אַ פאַרזעהעניש, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ חתן, וויל שטעלען אַ חופה, האַלט ביי אַוועקפאָהרען און זאָגט ניט וואוהין! קאָן ניט צעזעצט ווערען די גאַל? „מילא, זאָג איך צו איהם, אַ סוד איז אַ סוד; ביי דיר איז גאָלע סודות... גיב מיר אָבער צו פאַרשטעהן, ברודערעל, אָט דאָס: דו ביזט דאָך אַ מענטש, זאָג איך, פון סאַמע יושר און ביזט איינגעטונקען אין מענטשליכקייט פון אויבען ביז אַראָפּ, — ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אַז דו זאָלסט פּלוצים אין מיטען דרינען צונעמען ביי טביה׳ן אַ טאָכטער און מאַכען זי פאַר איין עגונה? אָט דאָס הייסט ביי דיר יושר? מענטשליכקייט? אַ שטיקעל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך נישט באַ׳גנבה׳ט, אָדער אונטערגעצונ־דען"... „טאַטע! — זאָגט זי צו מיר, האָדעל הייסט דאָס. — דו ווייסט גאָר ניט, ווי גליקליך מיר זענען, איך און ער, וואָס מיר האָבען דיר אויסגעזאָגט פון׳ם סוד. ס׳איז ביי אונז, זאָגט זי, אַראָפּ אַ שטיין פון׳ם האַרצען. קום אַהער, לאָמיר זיך צעקושען". און נישט לאַנג געטראַכט, האַפּען זיי מיך בּרוס ביידע, זי פון איין זייט, ער פון דער אַנדערער זייט, און מע הויבט מיך אָן קושען

ליך אויפ'ן פּנים... געשטאַנען אַזוי אַ פּאָר מינוט אַהן ווערטער, לאָזט מען אַראָפּ די אויגען, נאָכדעם הויבט מען אָן קוקן אויף מיר, איך אויף זיי, זיי ביידע איינס אויף דאָס אַנדערע.

„נו? — זאָג איך. — עפּיס באַטראַכט איהר מיך, זאָג איך, גלייך אַזוי ווי איהר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזעהען. איך ביז, דאַכט מיר, דער אייגענער טביה, זאָג איך, וואָס געווען, נישט גע־מינערט אַ האָר". אַזוי מאַך איך צו זיי האַלב פּארדראָסיג און האַלב אויף קאַטאָוועס. רופט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מיינע, האָדעל הייסט דאָס, און ווערד נאָך רויטער ווי פריהער: „טאַטע, אונז קומט מזל־טוב"... „מזל־טוב אייך, זאָג איך, מיט מזל זאָלט איהר לעבען. וואָס איז די מעשה? איהר האָט געפונען, זאָג איך, איין אוצר אין וואַלד? צי איהר זענט נאָר־וואָס נצול געוואָרען, זאָג איך, פון אַ גרויסער סכנה?" „אונז קומט, זאָגט ער, מזל־טוב, מיר זענען חתן־כלה". „וואָס הייסט, זאָג איך, איהר זענט חתן־כלה?" „חתן־כלה, זאָגט ער, ווייסט איהר נישט וואָס הייסט? חתן־כלה הייסט, זאָגט ער, איך בין איהר חתן, זי איז מיין כלה". אַזוי מאַכט ער צו מיר, פּעפּערעל הייסט דאָס, און קוקט מיר דוקא גלייך אין די אויגען אַריין. איך קוק איהם אָבער אויך גלייך אין די אויגען אַריין און מאַך צו איהם: „ווען איז געווען ביי אייך, זאָג איך, דאָס קנס־מאָל? און פאַר וואָס האָט איהר נישט גערופען מיך אויך אויף דער שמחה? איך קעהר מיך, דאַכט זיך, אָן דאָ אַ שטיקעל מחותן, צי ניין?"... איהר פאַרשטעהט, איך לאַך און ווערעם עסען מיך, טאַטשען מיין לייב. נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין אידינע, טביה האָט ליעב אויסהאָרכען ביז'ן סוף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פאַרשטעה ניט — אַ שידוך אָהן אַ שדכן, אָהן תנאים?" „וואָס דאַרפען מיר, מאַכט ער, פּעפּערעל הייסט דאָס, שדכנים? מיר זענען שוין לאַנג, זאָגט ער, חתן־כלה". „אַזוי? גאָט'ס נסים! וואָס־זשע האָט איהר, זאָג איך, געשוויגען ביז אַהער?" „וואָס זאָלען מיר, זאָגט ער, שרייען? מיר וואָלטען אייך היינט אויך נישט דערצעהלט, נאָר אַזוי ווי מיר האָלטען אין גיכען ביי צעשיידען

איהר אַייך אַ פּאַר־פּאַלק נאַר־וואָס פון דער נאָדעל אַרויס: פּאַהרט ער אַוועק, דער גוטער יאָהר ווייסט איהם וואוהין, און זי בלייבט איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזען אפילו אַ טרער, חאָטש פון יוצא וועגען! נאָר גאָר נישט, טביה איז נישט קיין אידינע. טביה האָט צייט, קוקט און שווייגט, וואָס וועט דאָ זיין... זעה איך עפּיס אַ פּאָר יונגע לייטלעך, גוטע כתריליקעס, מיט אויסגעטראָ־טענע שטיוועל, זענען אַרויסגעקומען אויף'ן באַהן זיך געזעגענען מיט מיין שפּיעל־פויגעל. איינער פון זיי איז געגאַנגען עפּיס ווי אַ שייגעץ, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט'ן העמדעל איבער די הויזען, און האָט עפּיס געשושקעט זיך מיט מיינעם שטילערהייד. „זעה נאָר, טביה, טראַכט איך מיר, צי האָסט דו זיך ניט אריינגע־חאַפּט דאָ צווישען חברה פּערד־גנבים, בייטעל־שניידערס, שלעסער־ברעכער, אָדער פאַלשע מאָנעטשיקעס?“...

פאַהרענדיג צוריק מיט מיין האָדלען פון בויבעריק אַהיים, קען איך מיך נישט איינהאַלטען און זאָג איהר אַרויס דעם דאָזיגען געדאַנק גאַנץ אָפּענטליך. צעלאַכט זי זיך און וויל מיך איינרעדען, אַז ס'איז לויטער פיינע מענטשלעך, עהרליכע, לעצט־עהרליכע לייט, וואָס זייער גאַנץ לעבען איז נאָר פון יענעמס וועגען, זיך האָבען זיי נישט אין זינען, אפילו אין דער לינקער פּיאַטע... „אַט אַ יענער, זאָגט זי, וואָס מיט'ן העמדעל, דער איז גאָר אַ טאַטענס אַ קינד; ער האָט, זאָגט זי, אַוועקגעוואָרפען רייכע טאַטע־מאַמע אין יעהופּעץ, וויל נישט נעמען ביי זיי קיין צעבראָכענעם גראָשען“. „אַזוי? גאָט'ס וואונדער! — זאָג איך. — טאַקי זעהר אַ פיין בחור'על, כלעבען! צום העמדעל, וואָס ער געהט איבער די הויזען, מיט די לאַנגע האָר, וועט גאָט העלפט איהם נאָך אַ האַרמאָניע, אָדער אַ הונט זאָל איהם נאָכלויפען פון הינטען, דעמאָלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיעבעטען חן!“... אַט אַזוי רעכען איך זיך אָפּ מיט איהר שוין פאַר איהם אויך, און לאָז אויס מיין גאַנץ ביטער האַרץ, הייסט דאָס, צו איהר נעבאַך... און זי? גאָר נישט! אין אסתר מגדת — מאַכט זיך תמ'עוואַטע. איך איהר: „פעפערעל“, און

און האַלזען, זיי מיך און איך זיי, און פון גרויס אימפּעט, אַפּנים, זיי ביידע צווישען זיך דאַוואַי קושען זיך! אַ באַשרייבונג, זאָג איך אייך, אַ טעיאַטער מיט זיי! „טאָמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, געננג קושען זיך? צייט עפּיס רעדען מכח תכלית“. „מכח וואָסער תכלית?“ זאָגען זיי. „מכח נדן, זאָג איך, מלבושים, הוצאות־החתונה, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע“... „מיר דאַרפען נישט, זאָגען זיי, גאָר נישט ניט, נישט קיין לאָקשען, נישט קיין בוידעם, נישט קיין ציבעלעס“. „וואָס־זשע דען, זאָג איך, דאַרפט איהר יאָ?“ „מיר דאַרפען, זאָגען זיי, נאָר חופּה וקדושין“... איהר הערט ווערטער?...

בקיצור, איך וועל אייך ניט מאריך זיין, עס האָט מיר געהאָלפען, ווי דער פאַר־אַ־יאָהריגער שניי — מע האָט געשטעלט אַ חופּה. אַלץ הייסט אַ חופּה! אוודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען, נישט אַזאַ חופּה, ווי טביה'ן שטעהט אָן. אויך מיר אַ חופּה!... אַ שטילע חתונה... אך און וועה!... און דערצו איז נאָך פאַרהאַן אַ ווייב, ווי זאָגט איהר: אויף אַ מכה אַ בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איהר נאָר זאָגען, וואָס איז דאָס עפּיס אַזוי האָפּ־לאָפּ, בחפזו'דיג? נו, געהט גיט צו פאַרשטעהן אַ אידינע, אַז סע ברענט! וואָס טויג אייך, איך האָב איהר געמוזט אָפּטאָקען פון דרך־שלום וועגען אַ ליגען הגדול הגבור והנורא, אַ מעשה מיט אַ ירושה, אַ רייכע מוהמע פון יעהופּעץ, נעכטיגע טעג — אַבי זי זאָל מיך לאָזען צו־רוה. אוי טאַקי באותו היום, דאָס הייסט אַ פּאָר שעה נאָך דער שעגער חופּה, שפּאַן איך איין דאָס פערד־און־וועגעלע, און מיר נעצען זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט: איך און זי און ער, דער געניידעם מיינער, און הלך משה מרדכי — מאַרש צום באַהן קיין בויבעריק. זיצענדיג אַזוי מיט מיין פּאָר־פאָלק אין וועגעלע, חאַפּ איך מיר אַ קוק מן הצד אויפ'ן דאָזיגען פּאָרעל און טראַכט מיר: וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט מיר האָבען און ווי מאָדנע שען ער פיהרט זיין וועלטעל! און וואָס פּאָר מיני משונה נפשות, ווילדע ברואים, עס געפינען זיך ביי איהם! אָט האָט

דער וועלט! נאָר איין מאָל טרעפט זיך אַ מעשה, איך קום צו פאַהרען אַהיים, איך זעה — מיין האָדעל איז פאַרוויינט, געהט אַרום מיט אַנגעשוואָלענע אויגען. הויב איך מיך אָן צו דערפרעגען, ווער איך געוואַהר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געוועזן עפּיס איינער אַ שלים־מזל מיט לאַנגע האָר און גע'סוד'עט זיך עפּיס מיט איהר, מיט האָדלען הייסט עס. „אַהאַ! — טראַכט איך מיר. — דאָס איז יענער חברה־מאַן, וואָס האָט אָוועקגעוואָרפען רייכע טאַטע־מאַמע און האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס העמדעל איבער די הויזען“... און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מיין האָדלען פון שטוב אין הויף אַרויס און טהו זי אַ חאַפּ גלייך אויף דער וועגטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פון איהם אַ גרוס?“ „יאָ“. „וואו איז ער ערגיץ, דיין באַשערטער?“ „ער איז, זאָגט זי, ווייט“. „וואָס טהוט ער?“ „ער זיצט!“ „ער זיצט?“ „ער זיצט“... „וואו זיצט ער? פאַר וואָס זיצט ער?“ — שווייגט זי. קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און שווייגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, טאָכטער מיינע, ווערליג איך פאַרשטעה, זיצט ער נישט פאַר קיין גנבה; פאַרשטעה איך ניט דעם שכל, אַז ווי באַלד קיין גנב ניט און קיין שווינדלער ניט, היינט פאַר וואָס־זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מעשים טובים?“... שווייגט זי — אין אסתר מגדת... האָב איך מיך מיישב געוועזן: זאָגסט ניט, דאַרף מען ניט; ער איז דאָך דיין שלים־מזל, ניט מיינער. אַ שענע ריינע כפרה! נאָר אינוועניג אין האַרצען טראָג איך אַ וועהטיג, איך בין פאָרט אַ פאָטער, ווי מיר זאָגען אינ'ם דאַווענען: כ ר ח ם אָ ב ע ל ב נ י ם — אַ פאָטער בלייבט אַ פאָטער.

בקיצור, געוועזן איז דאָס הושענא־רבה אויף דער נאַכט. יום־טוב איז ביי מיר אַ מנהג, איך רוה מיך אָפּ, און אויך דאָס פערדעל רוהט זיך ביי מיר אויס, ווי אין דער תורה שטעהט געשריבען: אַ ת ה — דו, ו ש ו ר ך — און דיין ווייב, ו ח מ ו ר ך — און דיין פערדעל... און אַגב איז שוין אין בויבעריק כמעט נישטאָ וואָס צו טהון: טהוט מען אַ בלאָז מיט'ן שופר, אַזוי צעלויפען זיך אַלע

זי מיר: „טובת־הכלל, ארבייטער, נעכטיגע טעג"... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער טובת־הכלל מיט אייער ארבייטען, אַז עס געהט־צו ביי אייך בסוד? פאַרוואָס, זאָג איך, אַ שפּריכוואָרט: וואו אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבה... אַמעהר זאָג מיר גלייך, וואָס איז ער געפּאַהרען, פּעפּערעל, און וואוהין?"... „אַלסדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס נישט. פרעג זיך, זאָגט זי, בעסער נישט נאָך; גלויב מיר, זאָגט זי, וועסט מיט דער צייט אַליין אַלסדינג וויסען. וועסט, אם ירצה השם, הערען, און אפשר אין גיכען, פיעל נייעס, פיעל גוטס!"... „אָמן, הלואי, זאָג איך, פון דיין מויל אין גאָט'ס אויהערען. נאָר אונזערע שונאים, זאָג איך, זאָלען אַזוי וויסען פון זייער געזונט, ווי איך הויב אָן צו פאַרשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך ביי אייך און וואָס באַדייט די שפּיעל!"... „אָט דאָס איז טאַקי, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס ניט פאַרשטעהן". „וואָס־זשע, ס'איז אַזוי טיעף? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז איך פאַרשטעה, מיט גאָט'ס הילף, גרעסערע זאַכען"... „דאָס לאָזט זיך ניט, זאָגט זי, פאַרשטעהן מיט'ן שכל אַליין, דאָס דאַרף מען, זאָגט זי, פיהלען, פיהלען מיט'ן האַרצען"... אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדעל הייסט עס, און דאָס פּנים ביי איהר בשעת־מעשה פלאַמט און די אויגען ברענען. ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, די טעכטער מיינע! פאַרקאַכען זיי זיך אין עפּיס, איז מיט האַרצען און מיט לייב און לעבען און מיט'ן גוף און מיט דער נשמה!

בקיצור וועל איך אייך דערצעהלען, עס געהט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי און פיער און פינף און זעכס און זיעבען — איז קול ואין כסף — נישטאָ ניט קיין בריעף, ניט קיין ידיעה. „פאַרפאַלען, זאָג איך, פּעפּערעל!" — און חאַפּ אַ קוק אויף מיין האָדלען. נעכאַד קיין טראָפּען בלוט נישטאָ אין פּנים, וככט־אויף אַלע מאָל איין אַנדער שטיקעל אַרבייט אין שטוב, וויל, וויזט אויס, פאַרגעסען דורך דעם די גרויסע צרות איהרע, נאָר, איהר זאָלט זאָגען, זי זאָל דאָס איהם אפילו דערמאַנען! שאַ, שטיל, גלייך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל נישט געווען קיין פּעפּערעל אויף

„הערסט דו, טאַטע? איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען: היינט געזעגנען מיר זיך אָפּ מיט דיר... אויף שטענדיג“...

אַזוי זאָגט זי צו מיר שטיל, קוים וואָס מע הערט, און קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם מין קוק, מיט אַזאַ קוק, וואָס איך וועל איהם אייביג נישט פאַרגעסען. און בשעת־מעשה פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „זי וויל זיך טרינקען“... וואָס איז מיר איינגעפאַלען טרינקען? ווייל עס האָט זיך געטראָפען, ניט דאָ געדאַכט, אַ מעשה: אַ מיידעל נישט ווייט פון אונז האָט זיך פאַרקאַכט אין אַ דאַרף־שייגעץ און האָט זיך צוליעב דעם דאַרף־שייגעץ... איהר ווייסט דאָך שוין וואָס. איז די מאַמע פאַר צרות קראַנק געווארען און איז געשטאָרבען, און דער טאַטע האָט זיך אויסגעבראַכט, געוואָרען אַ קבצן. און דער דאַרף־שייגעץ האָט זיך מיישב געווען און האָט חתלירע געהאַט פאַר איין אַנדערע. איז זי אַוועקגעגאַנגען צום טייך, דאָס מיידעל הייסט דאָס, און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין און האָט זיך דערטרונקען...

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגענסט זיך אָפּ מיט מיר אויף שטענדיג?“ — אַזוי מאַך איך צו איהר און קוק אַראָפּ, זי זאָל ניט זעהען, ווי איך בין טוידט. „דאָס הייסט, זאָגט זי, איך פאָהר, זאָגט זי, אַוועק, מאָרגען, זאָגט זי, גאַנץ פריה, מיר וועלען זיך שוין מעהר קיין מאָל ניט זעהען... קיין מאָל ניט“...

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר געוואָרען אַ ביסעל גרינגער אויף דער נשמה. דאַנקען גאָט חאָטש דערפאַר, טראַכט איך מיר, ווי זאָגט ער: גם זו לטובה — עס קאָן זיין ערגער, בעסער האָט קיין שיעור ניט... „וואוהין, למשל, פאָהרסט דו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיה צו וויסען?“ „איך פאָהר, זאָגט זי, צו איהם“. „צו איהם? — זאָג איך. — וואו איז ער דען אַצינדערט?“ „לעת־עתה, זאָגט זי, זיצט ער נאָך; נאָר אין גיכען שיקט מען איהם אַוועק“. „פאָהרסט דו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט איהם?“ — אַזוי זאָג איך צו איהר און מאַך זיך תמ'עוואַטע. „ניין, זאָגט זי, איך געה איהם נאָך גלייך אַהין“. „אַהין? — זאָג

ראטשניקעס, ווי די מייז אין א הונגער, און בוויבעריק ווערד א פוסטקע. דעמאלט האב איך ליעב צו זיצען אין דערהיים, ביי זיך אויף דער פריזבע. פאר מיר איז עס דאס בעסטע שטיקעל צייט. די טעג זענען געשענקטע. די זון באקט שוין ניט, ווי א קאלכ־אויווען, נאר זי גלעט מיט א מין ווייכקייט, מחיה נפשות. דער וואלד איז אלע נאך גרין, די סאסנעס הערען ניט אויף צו שמעקען מיט חמאלע, און עס דאכט זיך מיר, אז דער וואלד קוקט יום־טוב׳דיג, ווי גאט׳ס א סוכה, א סוכה פון גאט. אט דא, טראכט איך מיר, האלט גאט סוכות; דא, ניט אין שטאדט, וואו סע טארעראמט, און מענטשען לויפען הין און הער, פינען מיט דער נשמה, יאגען זיך נאכ׳ן שטיקעל ברויט, און מע הערט נאר געלט און געלט און געלט!... און ווער שמועסט אויף דער נאכט, הושענא־רבה, למשל, — איז דאך גאר א גן־עדן: דעמאלט איז דער הימעל בלוי, די שטערען פינקלען, שעמערירען, בייטען זיך, פינטלען, ווי, להבדיל, א מענטש מיט די אויגען; און אמאל, מאכט זיך, פליהט דורך א שטערן פייל אויס׳ן בויגען, לאזט איבער נאך זיך אויף א רגע׳לע א גרינעם פאס — דאס האט זיך אראפגעלאזט א שטערענדעל, געפאלען עמיצענס מזל. ווארום וויפיעל שטערען, אזוי פיעל מזלות... אידישע מזלות... „עס זאל חאטש ניט זיין מיין פינסטער מזל"; — טראכט איך מיר, און עס קומט מיר אויפ׳ן געדאנק האדעל. שוין פון עטליכע טעג, אז זי איז עפים ווי אויפ־געמונטערט, לעבעדיגער געווארען, גאר איין אנדער פנים באקומען. עמיצער האט איהר געבראכט א בריוועל, אפנים, פון איהם טאקי, פון איהר שלים־מזל. ווילען ווילט זיך מיר זעהר וויסען, וואס ער שרייבט איהר, נאר פרעגען וויל איך נישט; זי שווייגט, שווייג איך אויך, פתח שין שא! טביה איז נישט קיין אידינע; טביה האט צייט...

דערווייל, אזוי ווי איך טראכט פון האדלען, קומט זי אז, האדעל הייסט עס, זעצט זיך צו נעבען מיר אויף דער פריזבע, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען און רופט זיך אן צו מיר שטילערהייד:

פּאַרדומפּעז, ציטערט... זאָל איך איהר, אַשטייגער, פאַלען אויפ׳ן האַלז, בעטען, חלש׳ען פאַר איהר, זי זאָל נישט פאָהרען? ווייס איך, אז ס׳איז אַרויסגעוואָרפען. ימח שמם זאָלען זיי ווערען, טאַקי די טעכטער מיינע, — פאַרקאַכען זיי זיך אין עמיצען, איז מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה און מיט׳ן הארצען און מיט לייב און לעבען!

בקיצור, מיר זענען אָפּגעזעסען אַזוי אויף דער פּריזבע אַ היבשע שטיק צייט, לאָז זיך אייך דאַכטען, כמעט די גאַנצע נאַכט. מעהר געשוויגען ווי גערעדט, און דאָס, וואָס מיר האָבען גערעדט, איז אויך געווען כמעט ווי נישט גערעדט, האַלבע ווערטער... זי האָט גערעדט, און איך האָב גערעדט. איך פרעג זי נאָר איין זאַך: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַ מיידעל זאָל נעמען און חתונה האָבען פאַר אַ בחור צוליעב דעם, זי זאָל איהם קאָנען נאָכגעהן ערגיץ אין אַלדי שוואַרצע יאָהר? ענטפערט זי מיר: „מיט א י ה ם איז אַלץ איינס, אפילו אין אַלדי שוואַרצע יאָהר“... געב איך איהר, געוויינטליך, צו פאַרשטעהן מיט׳ן שכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צו פאַרשטעהן מיט א י ה ר שכל, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטעהן. ברענג איך איהר אַ משל מיט אַ הוהן, אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסען קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבען זיך נאָר אויפגעחאַפּט אויף די פיסלעך, האָבען זיי זיך גע־לאָזט אויפ׳ן וואַסער, און די קוואָקע נעבאַך קוואָקעט. „וואָס, זאָג איך, ווען דו זאָגען, זאָג איך, דערויף, טאָכטער לעבען?“ „וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגען? ס׳איז אַוודאי אַ רחמנות, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע; נאָר צוליעב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלען די קאַטשקעלעך ניט שווימען?“... איהר פאַרשטעהט דבורים? טביה׳ס טאָכטער רעדט נישט גלאַט...

און דערווייל די צייט שטעהט נישט. עס הויבט שוין אָן צו שאַריען אויף טאָג. די אַלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האָט שוין עטליכע מאָל געשיקט זאָגען, אַז ס׳איז שוין צייט מאַכען נאַכט, און נעזעהען, אַז עס העלפט זיך נישט, האָט זי אַרויסגעשטעקט

איך. — ווער איז געוועזן דער אהין? ווי אזוי הייסט דאָס אָרט?"
„מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, זאָגט זי, ווי אזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווייט איז דאָס זעהר, זאָגט זי, ווייט מיט סכנת־נפשות"...

אזוי זאָגט זי צו מיר, האָדעל הייסט עס, און עס מאַהלט זיך מיר אויסעט, אַז זי רעדט דאָס מיט גדלות, מיט גרויסקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטהאָן עפּיס אַזעלכס, וואָס סע קומט איהם דערפאַר אַ מעדאַל פון אַ פּוד אייזען!... וואָס ענטפערט מען איהר, למשל, אויף אַזאַ זאַך? פאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פאָטער און בייזערט זיך אוים אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פעטש, אָדער ער בייטעלט אוים אַלע בייזע וויסטע חלומות. טביה איז אָבער ניט קיין אידינע. איך געה מיט דעם גאַנג, אַז כעס איז עבודה־זרה. רוף איך מיך אָן צו איהר מיט אַ פּסוק, ווי געוויינטליך: „איך זעה אַרוים, זאָג איך, טאָכטער מיינע, אַז דו ביזט מקיים, ווי אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: ע ל כ ן י ע ז ב — וואַרפסט אַוועק, זאָג איך, צוליעב אַ פעפערעל, טאַטע־מאַמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אַוועק אין איין אָרט, וואָס מע ווייסט ניט וואו, ערגיץ אין די מדבריות, אַפּנים, אויפ'ן פאַרגליווערטען ים, דאָרט, וואו אַלכסנדר מוקדון, זאָג איך, איז געפאָהרען אויפ'ן אָקרענט און פאַרבלאָנזעט אויף אַ ווייטער וויספּע, זאָג איך, צווישען ווילדע מענטשען, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אַמאָל אין אַ מעשה־ביכעל"...

אזוי זאָג איך צו איהר האַלב אויף קאַטאָוועס און האַלב מיט כעס, און דאָס האַרץ בשעת־מעשה וויינט. נאָר טביה איז נישט קיין אידינע. טביה האַלט זיך איין. און זי, האָדעל הייסט עס, פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך; ענטפערט מיר אָפּ על ראשון ראשון, און שטיל, נישט געהאַפּט, און באַטראַכט. טביה'ס טעכטער קאָנען רעדען...

און האָטש איך האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ און די אויגען צו, פון דעסטוועגען דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה זי, האָדלען הייסט דאָס, איך זעה — איהר פּנים איז פונקט אזוי ווי די לבנה, בלאַס און מאַט, און דאָס קול איהרס, מאַהלט זיך מיר אוים, איז עפּיס ווי

ווענינ קאַכט, ווי אַ סאַמאַוואַר, נאָר יענעם אַרויסבאַווייזען — פע! טביה איז דאָך נישט קיין אידינע... דעם גאַנצען וועג קיין בויבע־ריק שווייגט מען, און אַז מיר האָלטען שוין נישט ווייט פון דער באַהן, רוף איך מיך אָן צו איהר, זי זאָל מיר זאָגען דאָס לעצטע מאָל, וואָס פאַרט האָט ער געטהאָן אַזעלכס, פעפּערעל הייסט דאָס?... „איטליכע זאַך, זאָג איך, באַדאַרף דאָך האָבען עפּים אַ טעם“... ווערד זי אַנגעצונדען און שווערט מיר מיט כל השבועות שבעולם, אַז ער איז ריין, ווי גין־גאָלד. „ער איז, זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאַטאַרי פאַר זיך אָהרט איהם נישט, דאָס גאַנצע טהועכץ זיינס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמ׳ס טובה, דער וועלט׳ס טובה — און דער עיקר פאַר יגיע־כפּים׳ניקעס, די בעלי־מלאכות“ — און געהט זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט! „זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איהר, הייסט דאָס, פאַר דער וועלט? למאי־זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך נישט די וועלט פאַר איהם, אַז ער איז יאָ אַזאַ וואוילער בחור? זאָלסט איהם חאָטש לאָזען גרוסען, זאָג איך, דעם אלכסנדר מוקדון דיינעם, זאָלסט איהם זאָגען, זאָג איך, אַז איך פאַרלאָז מיך אויף זיין יושר, ער איז דאָך אַ מענטש פון סאַמע יושר, זאָג איך, אַז ער וועט מיין טאָכטער מסתמא נישט פאַר־פיהרען, און שרייבען אַמאָל, זאָג איך, אַ בריוועל דעם אַלטען טאַטען“...

און אַזוי ווי איך רעד, פאַלט זי מיר נישט פלוצים אויפ׳ן האַלז און הויבט נישט אָן צו וויינען? „לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגענען. זייַ געזונט, טאַטע, גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלען זיך זעהען!?“... איין עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען... עס איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאַנק, פאַרשטעהט איהר, טאַקי די אייגענע האָדעל, בשעת זי איז נאָך געווען אַ ברעקעל... אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטען אויף די הענט... אויף די הענט געהאַלטען... האָט קיין פאַראיבעל נישט, פאַני, וואָס איך האָב מיך... מעשה איד׳נע... איהר זאָלט וויסען, הערט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ האָדעל, דאָס איז!... איהר זאָלט זעהען די

דעם קאַפּ דורכ'ן פענסטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ שענעם יברכך, געוויינטליך: „טביה! וואָס טראַכסטו דו זיך?" „לאָז זיין שטיל, זאָג איך, גאָלדע, ווי אין פּסוק שטעהט: ל מ ה ר ג ש ו! האָסט פאַרגעסען, אַפּנים, אַז ס'איז היינט הושענא־רבה? הושענא־רבה, זאָג איך, ווערד אונז אָנגע'חתמ'עט דאָס גוטע קוויטעל, הושענא־רבה דאַרף מען זיין אויף. פאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך, דו נעם, זיי מוחל, צעבלאָז נאָר דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, און לאָז זיין טיי, און איך וועל געהן דערווייל שפּאַנען דאָס וועגעלע. מיר פאָהרען מיט האָדלען צום באַהן". און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איהר אָפּ אַ שפּאַגעל־נייעם ליגען, אַז האָדעל פאָהרט אַוועק קיין יעהופּעץ, און פון דאָרטען נאָך ווייטער, אַלין מכח יענעם עסק, מכח דער ירושה הייסט דאָס, און עס קאָן געמאָהלט זיין, זאָג איך, אַז זי זאָל שוין דאָרטען בלייבען איבער'ן גאַנצען ווינטער, און אפשר איבער'ן ווינטער מיט'ן זומער מיט נאָך אַ ווינטער; לכן דאַרף מען איהר, זאָג איך, מיטגעבען צידה לדרך, אַ ביסעל גרעט, אַ קליידעל, אַ פּאָר קישענס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שאר־ירקות.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג אַז, ־'זאָל נישט זיין קיין געוויינען, ס'איז הושענא־רבה אויף דער וועל... „הושענא־רבה, זאָג איך, טאָר מען ניט וויינען, ס'איז אַ בפירוש'ער דין!" הערט מען דאָך מיך מיט'ן דין מסתמא, ווי די קאַץ, און מ'ע וויינט דוקא יאָ, און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, ווערד אַ יללה, אַלע וויינען — די מאַמע, די קינדער, און טאַקי זי אַליין, האָדעל הייסט דאָס, און זעל כולם, אַז ס'איז געקומען צו דער עלטערער טאָכטער מיינע, צייטעל מיין איך (אויף יום־טוב קומט זי צו מיר מיט איהר באַ־שערטען, מיט מאָטעל קאַמזויל), האָבען זיךביידע שוועסטער אַ וואָרף געטהאָן איינע דער אַנדערער אויפ'ן האַלז — מ'ע האָט זיי קוים אָפּגעריסען...

נאָר איך איינער האָב מיך געהאַלטען שטאָהל און אייזען; דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — שטאָהל און אייזען; אינ־

חוה

געשריבען אין יאָהר 1906.

בריוולער, וואס זי שרייבט... ס׳איז א האדעל פון גאט!... זי איז ביי מיר אט־א־דא־א, איז זי ביי מיר... טיעף, טיעף... איך קאן עס אייך אזוי פיעל נישט ארויסגעבען... . . . .

. . . .

ווייסט איהר וואס, פאני שלום־עליכם? לאמיר בעסער רעדען פון עפּיס פריילּיכערס: וואס הערט זיך עפּיס מכח דער חלירע אין אדעס?...

חוה

— הודו לה׳ כי טוב — ווי אזוי גאט פיהרט, אזוי איז גוט. דאס הייסט, עס באדארף זיין גוט, ווארום פרובט זייט א חכם און מאכט בעסער! אט האב איך געוואלט זיין א קלוגער, געדרעהט דעם פסוק אהער, געדרעהט דעם פסוק אהין, געזעהען, עס העלפט נישט, האב איך צוגענומען די האנט פונ׳ם הארצען און האב געזאגט צו זיך אליין: טביה, ביזט א נאר! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאכען. דער אויבערשטער האט אונז געגעבען צער־גידול־בנים, איז די טייטש: פון קינדער האט מען צרות און מע מוז דאס אננעמען פאר ליעב. אט, למשל, האט זיך מיין עלטערע טאכטער, צייטעל הייסט עס, פארקאכט אינ׳ם חייט מאטעל קאמזויל, האב איך עפּיס צו איהם? אמת, ער איז טאקי א פּראסטער נפש, פארשטעהט נישט אזוי שטארק דריבניטשקע, די קליינע אותיות, הייסט עס, נאר וואס קאן מען טהון? די גאנצע וועלט, ווי זאגט איהר, קאן דאך ניט זיין געבילדעט! דערפאר איז ער איין עהרליך מענטשעל און הארעוועט נעבאך מיט׳ן בלוטיגען שווייס. זי האט שוין מיט איהם, איהר זאלט אנקוקען, קיין עין־הרע, א פולע שטוב מיט פּופּקעס, און ביידע ווערען זיי פארשווארצט אין עושר און אין כבוד — און רעדט מיט איהר, זאגט זי, אז ס׳איז איהר, קיין עין־הרע, גוט ווי די וועלט, עס קאן גאר, זאגט זי, ניט זיין בעסער. איין שטיקעל חסרון נאר, וואס ס׳איז קיין ברויט נישטא... עד כאן הקפה א׳ — דאס האט איהר אייך נומער איינס. נו, און פון דער צווייטער טאכטער, פון הארלען הייסט דאס, באדארף איך אייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט שוין. זי האב איך פארשפּיעלט. פארלארען אויף אייביג! גאט ווייסט,

שענע, פרישע, געזונטע, איך זאָג אייך — סאַסנעס! אוי, הלואי וואָלטען זיי בעסער געווען מיאוס'ע פּאַסקודניצעס, וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר זיי און געזינטער פאַר מיר. ווארום וואס קומט אַרויס, איך בעט אייך, פון אַ גוט פערדעל, אַז סע שטעהט אין שטאַל? וואס קומט אַרויס פון שענע טעכטער, אַז מע ליגט פאַרשטעקט מיט זיי אין אַ העק און מע קוקט נישט אַן קיין לעבעדיגען מענטשען, אחוץ אַנטאָן פּאָפּעריליע, דעם גויישען ראש־הקהל פון דאָרף, און דעם שרייבער חוועדקע גאַלאַגאַן, אַ הויכער גויעץ מיט אַ פּאַטלע און מיט לאַנגע שטיוועל, און דעם גלח, ימח שמו וזכרו. איך קאָן נישט הערען דעם נאָמען זיינעם, נישט מחמת דעם, וואָס איך בין אַ איד און ער איז אַ גלח; אדרבה, מיר זענען זעהר גוט באַקאַנט צווישען זיך שוין אַ שאָק מיט יאָהרען, דאָס הייסט, אויף קיין שמחות איינס צום אַנדערען געהט מען ניט, און גוט־יום־טוב בעטען אַוודאי ניט; גאָרנישט, מהכתיתי, מע באַגעגענט זיך, גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר, וואס הערט זיך עפּיס אויף דער וועלט? אַריינלאָזען זיך מיט איהם אין ווייטע דרכים האָב איך פיינט, ווארום באַלד עפּיס, הויבט זיך אָן אַ סדרה: אייער גאָט, אונזער גאָט. לאָז איך מיך ניט און שלאָג איהם איבער מיט אַ גלייכווערטעל און זאָג איהם, אַז ס'איז פאַרהאַן ביי אונז אַ פּסוק; שלאָגט ער מיך איבער מסתמא און זאָגט, אַז אַ פּסוק ווייסט ער גלייך מיט מיר, און אפשר נאָך בעסער, און הויבט אָן צו זעצען אויף אויסוועניג אונזער חומש, ווי גע־וויינטליך, אַ גוי: „בערעשיט באַראַ אלאָקים" — אַלע מאָל, אַלע מאָל דאָס אייגענע. שלאָג איך איהם איבער מסתמא און זאָג איהם, אַז ס'איז פאַרהאַן ביי אונז אַ מדרש. „אַ מדרש, זאָגט ער, ווערד שוין אָנגערופען ת ל ־ מ ו ד, און ת ל ־ מ ו ד האָט ער פיינט, ווייל ת ל ־ מ ו ד איז, זאָגט ער, לויטער שווינדעל"... ווער איך דאָך מסתמא רעכט אין כעס און הויב איהם אָן אויסצו'לאָמר'ען וואָס עס קומט מיר אויף דער צונג. מיינט איהר, אַז עס אַהרט איהם עפּיס? גאָרנישט; קוקט אויף מיר און לאַכט, און קעמט זיך בשעת־מעשה די באָרד. נישטאָ, הערט איהר, קיין ערגערס אויף

אויב מיינע אויגען וועלען זי אַמאָל זעהען, סיידען אויף יענער וועלט שוין, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר... רעד איך פון איהר, פון האָדלען הייסט עס, קאָן איך נאָך עד־היום נישט קומען צו זיך, ס'איז איין עק פון מיין לעבען! פאַרגעסען, זאָגט איהר? ווי קאָן מען פאַרגעסען אַ לעבעדיגען מענטשען? ובפרט אזא קינד, ווי האָדעל? איהר זאָלט זעהען די בריוולעך, וואָס זי שרייבט צו מיר, קאָן מען צעגעהן. עס געהט זיי, שרייבט זי מיר, דאָרטען זעהר גוט. ער זיצט, און זי פאַרדיענט. זי וואַשט גרעט און לייענט ביכלעך און זעהט זיך מיט איהם אַלע וואָך, און האָט, זאָגט זי, אַ האָפענונג, אַז עס וועט זיך דאָ, ביי אונז, איבערקאָכען, עס וועט אויפגעהן די זון און עס וועט ווערען ליכטיג, וועט מען איהם אומקעהרען צוריק מיט נאָך אַ סך אַזעלכע, ווי ער, און דעמאָלט וועלען זיי זיך ערשט, זאָגט זי, נעמען צו דער רעכטער ארבייט און איבערקעהרען די וועלט מיט'ן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף. נו? ווי געפעלט דאָס אייך? גוט? האָ?... וואָס־זשע טהוט אָבער דער רבונו־של־עולם? ער איז דאָך, ווי זאָגט איהר, איין אל רחום וחנון, זאָגט ער צו מיר: „וואַרט אויס, טביה, אַט מאַך איך אַזוי, אַז דו וועסט פאַרגעסען [illegible] אַלע דיינע צרות!"... און כך הוה, איהר מעגט דאָס האָרכען. קיין אַנדערען וואָלט איך עס ניט דערצעהלט, וואָרום דער וועהטיג איז גרויס און דער בזיון איז נאָך גרעסער! נאָר, ווי שטעהט דאָרט ביי אונז געשריבען: המכסה אני מאברהם — פאַר אייך איז דען פאַרהאַן ביי מיר אַ סוד? וואָס איך האָב — דערצעהל איך אייך. נאָר וואָס דען? איין זאַך וועל איך אייך בעטען: צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל: דער וועהטיג איז גרויס, נאָר דער בזיון, דער בזיון איז נאָך גרעסער!

בקיצור, ווי אַזוי שטעהט דאָרט אין פרק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות — גאָט האָט געוואָלט אַ טובה מהון טביה'ן, האָט ער און בענטשט איהם מיט זיעבען קינדער נקבות, טעכטער הייסט עס, אַלע אויסגעשפּיעלטע, געראָטענע, קלוגע און

איז זיין געשעפט און וואָס פאַר אַ דרשה האָט ער גע'דרשנ'ט?"... מאַכט זי צו מיר: „דער גאָרקי — דאָס איז אַ באַריהמטער שרייַ־בער, אַ שריפטשטעלער, אַ מענטש, הייסט דאָס, וואָס מאַכט ביכער, און אַ טייערער, אַ זעלטענער, איין עהרליכער מענטש, שטאַמט אויך פון פּראָסטען שטאַנד, נישט געלערענט אין ערגיץ, נאָר פון זיך אַליין... אָט דאָס איז זיין בילד"... אַזוי מאַכט זי צו מיר, חוה הייסט עס, און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּאָרטרעטעל און ווייזט דאָס מיר. „אָט דאָס איז ער; זאָג איך, דער צדיק דיינער, רב גאָרקי? איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב איהם ערגיץ געזעהען, זאָג איך, אָדער ביי דער באַהן טראָגען זעק, אָדער אין וואַלד שלעפּען קלעצער"... „איז דאָס ביי דיר, זאָגט זי, אַ חסרון, זאָגט זי, אַז אַ מענטש האָרעוועט מיט זיינע אייגענע הענט? דו אַליין האָרעוועסט דען ניט? און מיר האָרעווען ניט?" „יאָ, יאָ, זאָג איך. ביזט גערעכט, זאָג איך, ס'איז אַ בפירוש'ער פּסוק ביי אונז: י ג י ע כ פּ י ך כ י ת א כ ל — אַז דו וועסט ניט האָרעווען, וועסט דו ניט עסען... נאָר פון דעסטוועגען, זאָג איך, פאַרשטעה איך ניט, וואָס האָט דאָ צו טהון חוועדקע? איך וואָלט בעסער, זאָג איך, געווען צופריעדען, ווען דו זאָלסט זיין באַקאַנט מיט איהם פון דער־וויטען; דו באַדאַרפסט ניט פאַרגעסען, זאָג איך, מ א י ן ב א ת ו ל א ן א ת ה ה ו ל ך — ווער ביזט דו און ווער איז ער"... מאַכט זי צו מיר: „גאָט האָט באַשאַפען אַלע מענטשען גלייך"... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט באַשאַפען אָדם הראשונ'ען נאָך זיין גע־שטאַלט; מע טאָר אָבער ניט פאַרגעסען, אַז איטליכער דאַרף זוכען זיין גלייכען, ווי אין פּסוק שטעהט ביי אונז געשריבען: א י ש כ מ ת נ ת י ד ו"... „איין אַנטיק! — זאָגט זי צו מיר. — אויף אַלסדינג האָסט דו אַ פּסוק! אפשר געפינט זיך, זאָגט זי, ביי דיר אַ פּסוק וועגען דעם, וואָס מענטשען, זאָגט זי, האָבען גענומען און האָבען זיך אַליין, זאָגט זי, איינגעטיילט אויף אידען און גויים, אויף בעלי־בתים און קנעכט, אויף פּריצים און בעטלערס?"... „טע־טע־טע! — זאָג איך. — ביזט מיר שוין, דאַכט מיר, פאַרפאָהרען, טאָכ־

דער וועלט, ווי אַז איהר זידעלט אַ מענטשען, מאַכט איהם מיט דער בלאָטע גלייך, און ער שווייגט. אין אייך ווערד די גאַל צעפּיקעט, און יענער זיצט און שמייכעלט! דעמאָלט האָב איך דאָס ניט פאַרשטאַנען, נאָר אַצינד ווייס איך, וואָס דאָס שמייכעל האָט באַדייט...

בקיצור, איך קום צו פאָהרען איינמאָל אַהיים, אָרום פאַרנאַכט־ליך שוין, באַגעגען איך דעם שרייבער חוועדקע שטעהט אין דרויסען מיט מיין חוה, די דריטע טאָכטער מיינע, די צווייטע פון האָדלען הייסט עס. מיך דערזעהען, האָט זיך מיין בחור געגעבען אַ דרעה־אויס, אָראָפּגענומען פאַר מיר דאָס היטעל און אַוועק. רוף איך מיך אָן צו מיין חוה'ן: „וואָס האָט דאָ געטהאָן חוועדקע?“ זאָגט זי: „גאָרניט“... זאָג איך: „וואָס הייסט גאָרניט?“... זאָגט זי: „מיר האָבען געשמועסט“... זאָג איך: „וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו מיט חוועדקען?“... זאָגט זי: „מיר זענען באַקאַנט שוין פון לאַנג“... זאָג איך: „מזל־טוב דיר מיט דיין באַקאַנטשאַפט! אַ שענער חבר חוועדקע!“... זאָגט זי צו מיר: „דו קענסט איהם דען?, דו ווייסט דען ווער ער איז?“... זאָג איך צו איהר: „ווער ער איז, ווייס איך ניט, כ'האָב זיין יחוס־בריעף ניט געזעהען; נאָר פאַרשטעהן פאַרשטעה איך, אַז ער דאַרף שטאַמען פון סאַמע גדולים; דער טאַטע זיינער, זאָג איך, האָט געמוזט זיין אָדער אַ פּאַסטוך, אָדער אַ סטרוזש, אָדער אַזוי אַ שיכור“... רופט זי זיך אָן צו מיר, חוה הייסט עס: „וואָס זיין טאַטע איז געווען ווייס איך ניט און וויל ניט וויסען, ביי מיר זענען אַלע מענטשען גלייך; נאָר אַז ער אַליין איז אַ מענטש ניט קיין געוויינליכער — דאָס ווייס איך פאַר געוויס“... „דהיינו, זאָג איך, וואָס פאַר אַ מין סאָרט מענטש איז ער? לאָס איך הערען“... „איך וואָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט, ווערסט דו ניט פאַרשטעהן. חוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צווייטער גאָרקי?“ — „דער צווייטער גאָרקי“... זאָג איך. — ווער־זשע איז געווען, זאָג איך, דער ערשטער גאָרקי?“... „גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז היינט כמעט דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט“... „וואו זיצט ער, זאָג איך, דער תנא דיינער, וואָס

איינמאָל פאַרנאַכט פאָהר איך מיר אַהיים מיט די לעדיגע קריגלעך און האָלט שוין ביי'ם אַריינפאָהרען אין דאָרף אַריין, באַגעגען איך איהם פאָהרען מיט זיין אייזערנער געקאָוועטער בריטשקע, טרייבט אַן אַליין מיט זיין כבוד די פערדלעך, און די צעקעמטע באָרד זיינע איז צעשמיסען פונ'ם ווינט. „צו דיין קאָפּ, טראַכט איך מיר, אַ שעה באַגעגעניש!“... „אַ גוטען אָוונד!“ — מאַכט ער צו מיר. — האָסט מיך ניט דערקענט, זאָגט ער, צי וואָס?“ „וועסט גיך רייך ווערען, זאָג איך צו איהם און נעם אַראָפּ דאָס היטעל און וויל פאָהרען ווייטער. מאַכט ער צו מיר: „שטעה אַ ווײלע, טעוועל, וואָס האָסט דו קיין צייט ניט? איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען אַ צוויי ווערטער“. „אַך, זאָג איך, אַבי נאָר עפּיס גוטס, איז מהכתיתי, און אויב נישט, מעג דאָס, זאָג איך, בלייבען אויף איין אַנדערש מאָל“... „וואָס הייסט, זאָגט ער, ביי דיר איין אַנדערש מאָל?“... „איין אַנדערש מאָל, זאָג איך, הייסט ביי מיר, ביז משיח וועט קומען“... „משיח, מאַכט ער צו מיר, איז דאָך שוין געקומען“... „דאָס האָב איך שוין געהערט, זאָג איך, פון דיר ניט איין מאָל; דו זאָג מיר נאָר, פּאַטערעל, עפּיס נייעס“... „אַט דאָס, זאָגט ער, מיין איך טאַקי דיר זאָגען; איך וויל מיט דיר שמועסען, זאָגט ער, טאַקי פון דיר אַליין, דאָס הייסט, פון דיין טאָכטער“... דאָ האָט מיר באַלד אַ טיאָכקע געטהאָן דאָס האַרץ: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מיין טאָכטער? און איך רוף מיך אָן צו איהם: „מיינע טעכטער, זאָג איך, זענען חלילה נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל דאַרפען פאַר זיי רעדען; זיי קאָנען שוין, זאָג איך, אַליין באַשטעהן זייער שטעדטעל“... „דאָס איז אָבער, מאַכט ער, אַזאַ מין ענין, וואָס זי אַליין קאָן נישט רעדען, עס מוז רעדען איין אַנדערער, מחמת דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ תוך־זאַך, זאָגט ער, טאַקי וועגען איהר תכלית“... „וועמען געהט עס אָן, זאָג איך, דער תכלית פון מיין קינד? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז ווי באַלד מע שמועסט פון תכלית, בין איך מיין קינד אַ פאָטער ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, צי ניין?“... „אמת, זאָגט ער, דו ביזט דיין קינד

טער, אין אלף השישי אריין!“ און איך געב איהר צו פארשטעהן, אז אזוי פיהרט זיך שוין אויף דער וועלט מששת ימי בראשית. פרעגט זי מיך: „למאי זאל זיך אזוי פיהרען אויף דער וועלט?“... זאג איך: „דערפאר, וואס אזוי האט גאט באשאפען זיין וועלט“... זאגט זי: „למאי האט גאט אזוי באשאפען זיין וועלט?“... זאג איך: „ע! אז מיר וועלען אנהויבען פרעגען קשיות — למאי אזוי און למאי אזוי, איז אין לדבר סוף — א מעשה אהן איין עק!“... זאגט זי מיר: „דערויף האט דאך אונז גאט געגעבען אַ פארשטאנד, אז מיר זאלען פרעגען קשיות“... זאג איך: „ביי אונז איז פארהאן א מנהג אזעלכער, אז א הוהן, זאג איך, הויבט אן צו קרייהען ווי א האהן, זאל מען זי באלד אוועקטראגען צום שוחט, ווי מיר זאגען אין די ברכות: הנותן לשכוי בינה“. — „טאמער וואלט אפשר גאר געווען גענוג זיך צו גארגלען דארטען? — רופט זיך אן מיין גאלדע פון שטוב ארויס. — דער בארשט, זאגט זי, שטעהט אויפ'ן טיש שוין פון א שעה, און ער זינגט גאר זמירות!“... „אט האסט דו דיר, זאג איך, די אנדערע טעג יום־טוב! ניט אומזיסט, זאג איך, האבען אונזערע חכמים געזאגט: שבעה דברים בגולם — א אידינע האט אין זיך נייען מאס רעד. מע רעדט תוך־זאכען, איז זי דא מיט איהר מילכיגען בארשט!“... רופט זיך אן צו מיר גאלדע: „דער מילכי־גער בארשט, זאגט זי, איז אפשר אזא תוך־זאך, ווי אלע דיינע תוך־זאכען“... „מזל־טוב! האט איהר אייך, זאג איך, א נייעם פילא־זאף, גלייך פון אונטער'ן אויווען ארויס! קארג, זאג איך, וואס די טעכטער זענען געווארען אויפגעקלערטע קעפ, האט שוין טביה'ס ווייב אויך אנגעהויבען פליהען דורכ'ן קוימען אין הימעל אריין!“... „אז ס'איז יא, זאגט זי, געקומען צו רעד הימעל, טא ליג שוין אין דער ערד!'... ווי געפעלט אייך, אשטייגער, אזא מין ברוך־הבא אויפ'ן ניכטערען הארצען?...

בקיצור, לאמיר, ווי זאגט איהר, איבערלאזען דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה, איך מיין דעם גלח, ימח שמו וזכרו!

ברענט אַ גיהנם! — ווער איז ער, למשל, דער חתן, זאָג איך, אויב זזיך בין זוכה, זאָג איך, צו וויסען?“... „דו דאַרפסט איהם קענען, זאָגט ער, ער איז זעהר אַ בראַווער, איין אָרענטליך מענטשעל, און גאַנץ פיין געבילדעט, אפילו פון זיך אַליין, און איז פארקאָכט אין דיין טאָכטער, און וויל מיט איהר חתונה האָבען און קאָן נישט, ווייל ער איז נישט קיין איד“... „חוועדקע!“... — טראַכט איך מיר, און עס טהוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ אַריין אַ מאָדנע היץ, און עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויים, קוים וואָס איך זיץ איין אויפ׳ן וועגעלע. נאָר אַרויסבאַווייזען דאָס פאַר איהם — נישט דערלעבען וועט ער דאָס! און איך נעם דאָס פערדעל פאַר די לייצעס, טהו דאָס אַ שמיצעל פון אונטען גרויף, און הלך משה מרדכי — פּאַשאַל אָהן אַ זיי־געזונט אַהיים... איך קום צו פאָהרען אַהיים, אי־אַי־אַי, איין איבערקעהרעניש! די קינדער ליגען מיט די פּנימ׳ער אין די קישענס און וויינען, מיין גאָלדע איז מעהר אויף יענער וועלט איידער אויף דער וועלט... איך זוך חוה׳ן, וואו איז חוה? — נישטאָ חוה!... פרעגען וואו איז חוה, וויל איך נישט. איך פאַר־שפאַר שוין פרעגען, אַז אַך און וועה איז מיר! און איך פיהל דעם טעם פון חבוט־הקבר, און עס ברענט אין מיר אַ פייער, איך וויים ניט אויף וועמען... איך וואָלט עפּיס נאָר גענומען און ניך אַליין אויסגעפּאַטשט... און איך צעשריי מיך אויף די קינדער און לאָז אוים מיין ביטער האַרץ צום ווייב. איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען. געה איך אַרוים אין שטאַל צום פערד, דעם געבען עסען, און טרעף דאָס שטעהן אַריבערגעפּויוועט מיט איין פוס אויף יענער זייט קלאָץ. חאַפּ איך אַ שטעקען און הויב דעם אָן איינ־טיילען, שיילען די פעל, ברעכען די ביינער: „פאַרברענט זאָלסט דו ווערען, שלים־מזל מיינער! זאָלסט דו אַזוי לעבען, ווי איך האָב פון דיינעטוועגען אַ האָבערעל אפילו! צרות, אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר געבען, שלעק, מיט אַנגסטען, מיט מכות, מיט בכורות!“...

אַזוי רעד איך צום פערדעל און באַטראַכט מיך אָבער באַלד אַז ס׳איז אַ צער־בעלי־חיים, גאָט די נשמה שולדיג, וואָס האָב איך

א פאטער; דו ביזט אבער, זאגט ער, אויף דיין קינד א בלינדער, דיין קינד, זאגט ער, רייסט זיך אין איין אנדער וועלט אריין, און דו פארשטעהסט זי ניט, אדער דו ווילסט זי ניט פארשטעהן“... „אויב איך פארשטעה זי ניט, זאג איך, אדער איך וויל זי ניט פארשטעהן — דאס איז איין אנדער זאך; וועגען דעם, זאג איך, קאנען מיר א ביסעל שמועסען; נאר וואס קעהר זיך דאס אן, פאטערל, מיט דיר?“... „עס קעהר זיך, זאגט ער, מיט מיר אן זעהר שטארק, זאגט ער, ווייל זי איז איצטער אין מיין רשות“... „וואס הייסט, זאג איך, זי איז אין דיין רשות?“... „דאס הייסט, זי איז איצטער אונטער מיין השגחה“, מאכט ער און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין און צעקעמט זיך די שענע צעלאזטע זקנה. טהו איך מסתמא א שפרונג־אונטער: „ווער? מיין קינד איז אונטער ד י י ן השגחה? מיט וואס פאר א רעכט?“ — זאג איך און פיהל, אז איך הויב אן אריין אין כעס. מאכט ער צו מיר גאנץ קאלט־בלוטיג מיט א שמייכעלע: „נאר ניט געהיצט זיך, טעוועל! פאוואלי וועלען מיר, זאגט ער, די זאך זיך איבערלעגען. דו ווייסט, איך בין דיר, זאגט ער, חלילה קיין שונא נישט, חאטש דו ביזט א איד; דו ווייסט, זאגט ער, אז איך האלט פון אידען, און עס טהוט מיר וועה דאס הארץ אויף זיי פאר זייער עקשנות, וואס זיי האבען זיך איינגעשפארט און ווילען ניט פארשטעהן, אז מע מיינט דאס פון זייער טובה וועגען“... „פון טובות, זאג איך, זאלסט דו מיט מיר, פאטערל, איצטער נישט רעדען, מחמת איטליכס ווארט, וואס איך הער פון דיר אצינד, איז פאר מיר א טראפען סם־המות, זאג איך, א פיסטויל אין הארצען אריין. אויב דו ביזט מיר אזא גוטער פריינד, ווי דו זאגסט, וועל איך פון דיר בעטען נאר איין טובה: מיין טאכטער זאלסט דו לאזען צו־רוה“... „ביזט א נארישער מענטש, מאכט ער צו מיר, עס וועט דיין טאכטער חלילה קיין שלעכטס ניט געשעהן; עס שטעהט איהר איצטער פאר א גליק, זאגט ער; זי נעמט, זאגט ער, א חתן — אויף מיר אזא יאהר“... „אמן! — זאג איך כלומרשט מיט א געלעכטערל, און אין הארצען

האסט אויגעז, זאג איך, און דו ביזט איהר א מאמע, וואס־זשע האסט דו געשוויגעז און האסט ניט געזאגט מיר?"... „דיר זאל איך זאגעז? וועז ביזט דו אין דערהיים? — זאגט זי. — און אז איך זאג דיר, הערסט דו מיך דעז? דיר אז מע זאגט, זאגט זי, ענטפערסט דו באלד מיט א פסוק; פארהאקסט ר̃עם קאפ מיט פסוקים און דערמיט קומסט דו אפ"...

אזוי מאכט זי צו מיר, גאלדע הייסט עס, און איך הער, ווי זי וויינט אין דער פינסטער... א ביסעל איז זי גערעכט, טראכט איך מיר, ווארום וואס פארשטעהט א אידינע? און עס טהוט מיר וועה אויף איהר דאס הארץ, איך קאן נישט הערעז, ווי זי קרעכצט און ווי זי וויינט. רוף איך מיך אן צו איהר: „זעהסט דו, גאלדע, ביזט ברוגז, זאג איך; למאי איך האב אויף אלסדינג א פסוק; איך מוז דיר דערויף אויך ענטפערעז מיט א פסוק; עס שטעהט ביי אונז געשריבעז, זאג איך, כ ר ח ם א ב ע ל ב נ י ם — א טאטע האט ליעב א קינד. פאר וואס שטעהט ניט, זאג איך, כ ר ח ם א ם ע ל ב נ י ם — אז א מאמע האט ליעב איהר קינד? ווייל א מאמע איז ניט קיין טאטע; א טאטע, זאג איך, קאן אנ־דערש רעדעז מיט א קינד. אט וועסט דו זעהעז, זאג איך, אם ירצה השם, מארגעז זעה איך מיך מיט איהר"... „הלואי, זאגט זי, זאלסט דו זיך קאנעז זעהעז מיט איהר, און מיט איהם אויך. ער איז א מענטש, זאגט זי, ניט קיין שלעכטער, חאטש א גלח, נאר אויף א מענטשעז האט ער, זאגט זי, רחמנות. דו וועסט איהם בעטעז, פאלעז צו די פיס, אפשר וועט ער רחמנות האבעז"... „ווער, זאג איך, דער כומר, ימח שמו?... איך זאל מיך בוקעז, זאג איך, צום גלח? ביזט משוגע, זאג איך, צי חסר־דעה? א ל ת פ ת ח פ ה ל ש ט ן , זאג איך, — ניט דערהארעז ווּעלעז דאס מיינע שונאים!"... „אז! זעהסט דו? עס הויבט זיך אן, זאגט זי, מיט דיר!"... „וואס דעז, זאג איך, האסט דו געמיינט? איך וועל מיך לאזעז פיהרעז פון א אידינע? איך וועל, זאג איך, לעבעז מיט דיין ווייבערשעז שכל?"... אט אין אזעלכע שמועסעז געהט אוועק

צו דעם? און איך שיט דעם אונטער אַ ביסעל געהאַקטע שטרוי און זאָג דעם צו, אם ירצה השם, שבת ווייזען אַ האַ אין סידור, און קום אַריין צוריק אין שטוב אַריין, באַגראָב זיך און ליג אין געהאַקטע וואונדען, און דער קאָפּ — דער קאָפּ ווערד מיר שיער צעשפּרונגען, טראַכטענדיג און קלערענדיג און לערנענדיג דעם פּשט, וואָס זאָל דאָס באַדייטען? „מ ה פ ש ע י ו מ ה ח ט א ת י — מיט וואָס האָב איך, טביה, פאַרזינדיגט מעהר פון דער גאַנצער וועלט, וואָס מע באַשטראָפט מיך מעהר פון אַלע אידען? אוי, רבונו־של־עולם, רבונו־של־עולם! מ ה א נ ו ו מ ה ח י י נ ו — ווער בין איך אַזוינס, וואָס דו טראָגסט מיך אויפ׳ן קאָפּ כסדר, האָסט מיך אין זינען און לאָזט נישט אויס וואו ערגיץ אַ שלאָק, אַ צרה, איין אַנשיקעניש?!“...

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אַזוי, ליגענדיג אויף הייסע קויהלען, הער איך, ווי מיין ווייב נעבאַך קרעכצט, רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. „גאָלדע, זאָג איך, דו שלאָפסט?“... „ניין, זאָגט זי, וואָס איז דען?“... „גאָרנישט, זאָג איך, מיר זענען גוט אין דער ערד; אפשר ווייסט דו, זאָג איך, איין עצה, וואָס טהוט מען?“... „פרעגסט ביי מיר, זאָגט זי, עצות, אַז אַך און וועה איז מיר? אַ קינד שטעהט אויף, זאָגט זי, אין דערפריה, אַ געזונטע, אַ שטאַרקע, טהוט זיך אָן, זאָגט זי, פאַלט מיך אַרום קושען און האַלזען און וויינען און זאָגט נישט וואָס; איך האָב געמיינט, זי איז חלילה פונ׳ם זינען! פרעג איך זי: „וואָס איז דיר, טאָכטער?“ זאָגט זי גאָר נישט און חאַפּט זיך אַרויס אויף אַ ווייַלע צו די בהמות און ווערד פאַרשוואונדען. איך וואַרט אַ שעה, איך וואַרט צוויי, איך וואַרט דריי — וואו איז חוה? נישטאָ חוה! רוף איך מיך אָן צו די קינדער: „אַנו, טהוט נאָר אַ שפּרונג אויף אַ מינוטקעלע צום גלח“... „פון וואַנען, זאָג איך, האָסט דו געוואוסט, גאָלדע, אַז זי איז ביי׳ם גלח?“... „פון וואַנען האָב איך געוואוסט? — זאָגט זי. — אַז אַך און וועה איז מיר! וואָס איז, זאָגט זי, איך האָב קיין אויגען נית? צי איך בין איהר קיין מאַמע נית?“... „אַז דו

אודאי בלייבט ער זיצן געפּלעפּט און מאַכט צו מיר: „טעוועל, זאָגט ער, ביזט אַ קלוגער מענטש, זאָגט ער, און נעמסט און שטעלסט אַוועק, זאָגט ער, מיט אַ מאָל אַזוי פיעל שאלות און ווילסט, זאָגט ער, איך זאָל דיר ענטפערען אין איין קלאַפּ? האָב צייט, זאָגט ער, איך וועל דיר ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון“... „ניין, זאָג איך צו איהם, דו וועסט מיר, פאַטערעל געטרייהער, נישט ענטפערען דערויף קיינמאָל נישט. ווייסט דו, פאַר וואָס? ווייל אַלע דיינע מחשבות ווייס איך פון פריהער. דו ענטפער מיר, זאָג איך, בעסער דערויף: איך האָב נאָך אַ האָפענונג צו זעהען מיין קינד צוריק, אָדער ניין?“... חאַפּט ער זיך אויף: „וואָס הייסט — צוריק? דיין טאָכטער וועט חלילה גאָרנישט גע־שעהען, אַדרבה!“... „איך ווייס, זאָג איך, איך ווייס, איהר ווילט זי מאַכען גליקליך! איך רעד נישט פון דעם, זאָג איך; איך וויל וויסען, וואו איז ערגיץ מיין קינד, און צי קאָן איך זיך מיט איהר זעהען?“... „אַלסדינג יאָ, מאַכט ער צו מיר, נאָר דאָס נישט“... „אָט אַזוי זשע רעד, זאָג איך, דברים ברורים, קורצע דבורים! זייט גע־זונט, זאָג איך, און לאָז דיר גאָט באַצאָהלען, זאָג איך, בכפל־כפלים!“...

און איך קום צו געהן אַהיים און טרעף מיין גאָלדע ליגט צע־נויפגעקוטשעבורעט, ווי אַ שוואַרצער קנויל, אין בעט און האָט שוין מעהר קיין טרערען ניט אין די אויגען. רוף איך מיך אָן צו איהר: „שטעה אויף, מיין ווייב, טהו אויס, זאָג איך, די שיך, און לאָמיר זיך אַוועקזעצען שבעה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען, ד׳ נתן ד׳ לקח — מיר זענען נישט די ערשטע, מיר זענען נישט די לעצטע. עלעהיי, לאָז זיך אונז אויסדאַכטען, זאָג איך, אַז מיר האָבען קיינמאָל נישט געהאַט קיין חוה, אָדער לאָז זיך אונז דאַכטען, זאָג איך, עלעהיי האָדעל, וואָס איז אַוועק פון אונז הינטער די הרי־חושך, גאָט ווייסט, אויב מיר וועלען זי אַמאָל זעהען... גאָט, זאָג איך, איז אַ אל רחום וחנון, ער ווייסט וואָס ער טהוט!“...

אַזוי רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ און פיהל, אַז די טרערען שטיקען מיך, שטעהען מיר, ווי אַ ביין אין האַלז. נאָר טביה איז

ביי אונז די נאַכט. קוים דערלעבט דעם ערשטען קרעה פון׳ם האָהן, הויב איך מיך אויף, דאַווען־אָפּ, נעם מיט זיך די בייטש און לאָז מיך אַוועק מסתמא גלייך צום גלח אין הויף אַריין. ווי זאָגט איהר, אַ אידינע איז טאַקי אַ אידינע, נאַר וואוהין דען האָב איך געזאָלט געהן? — אין דער ערד אַריין?...

בקיצור, געקומען צו איהם אין הויף אַריין, באַגעגענען מיך די כלבים זיינע מיט אַ שענעם גוט־מאָרגען און ווילען מיר צו־רעכט מאַכען די קאַפּאָטע און פאַרזוכען די ליטקע פון מיינע אידישע פיס, צי זיי זענען עפּיס גוט פאַר זייערע הינטישע צייהן?... אַ גליק, וואָס כ׳האָב מיטגענומען די בייטש, האָב איך זיי געגעבען צו פאַר־שטעהן דעם פּסוק ל א י ח ר ץ כ ל ב ל ש ו נ ו — נעחיי סאָבאַקאָ דאַראָם נע ברעשע, דאָס הייסט: לאָז אַ הונט ניט בילען אומזיסט... אויף זייער געשריי מיט מיין געפּילדער איז אַרויסגע־לאָפען דער גלח מיט דער גלח׳טע, קוים צעטריבען די פּרייליכע חאַליאַסטרע און אַריינגערופען מיך אין שטוב אַריין, מיך אויפ־גענומען פאַר זעהר אַ שענעם גאַסט, געוואָלט שטעלען פון מיינעט־וועגען דעם סאַמאָוואַר. זאָג איך, אַז דער סאַמאָוואַר איז לאו דוקא, איך האָב מיט איהם עפּיס צו רעדען, זאָג איך, אונטער פיער אויגען. האָט זיך דער כומר אָנגעשטויסען, וואָס איך מיין, האָט אַ וואונק געטהאָן צו זיין פלונית׳טע, זי זאָל מוחל זיין צומאַכען די טהיר פון יענער זייט — און איך בין צוגעטראָטען צום ענין גלייך, אָהן שום הקדמות, ער זאָל מיר זאָגען קודם, צי גלויבט ער אין גאָט?... און נאָכדעם זאָל ער מיר זאָגען, אויב ער פיהלט דעם טעם, וואָס הייסט צעשיידען אַ טאַטען מיט אַ קינד, וואָס מען האָט דאָס ליעב?... און וויעדער זאָל ער מיר זאָגען, וועלכס הייסט נאָך זיין שכל אַ מצוה און וועלכס הייסט איין עבירה?... און נאָך אַ זאַך וואָלט איך וועלען, ער זאָל מיר קלאָר מאַכען: וואָס פאַר אַ פּנים האָט ביי איהם אַ מענטש, וואָס חאַפּט זיך אַריין צו יענעם אין שטוב אַריין און וויל מאַכען איין איבערקעהרעניש, איבערשטעלען די בענקלעך, מיט די טישלעך, מיט די בעטען?...

ארבייטען, האָרעווען, פאַרשוואַרצט און אויסגעריסען ווערען צוליעב דעם שטיקעל ברויט. מיר האָבען זיך גענומען, וואָס טויג אייך, אַלע צו דער אַרבייט, מיין ווייב און קינדער צו די קריגלעך, איך צום פערד־און־וועגעלע, און ע ו ל ם כ מ נ ה ג ו — די וועלט בלייבט ניט שטעהן. אנגעזאָגט האָב איך אין שטוב, אַז חוה לא יזכר ולא יפקד — נישטאָ חוה! אויסגעמעקט — און שוין! און כ'האָב מיר צענויפגעשלאָגען אַ ביסעל מילכיגס, פרישע סחורה, און האָב מיך געלאָזט קיין בויבעריק צו מיינע קונים.

געקומען קיין בויבעריק — אַ שמחה, א גדולה: וואָס מאַכט א איד רב טביה? פאַר וואָס זעהט מען אייך ניט? „וואָס זאָל איך מאַכען? — זאָג איך. — ס'איז ח ד ש י מ י נ ו כ ק ד ם — דער אייגענער שלים־מזל, וואָס פריהער; אַ בהמה'לע, זאָג איך, איז ביי מיר געפאַלען"... „וואָס איז די מעשה, זאָגען זיי, וואָס מיט אייך טרעפען זיך אַלע נסים?" און דער עולם פרעגט מיך אוים, איטליכער באַזונדער, וואָס פאַר אַ בהמה'לע איז ביי מיר געפאַלען? וויפיעל האָט דאָס מיך געקאָסט? און וויפיעל בהמה־לעך איז מיר נאָך געבליבען? און מע לאַכט, מען איז פריילעך, ווי, געוויינטליך, נגידים מאַכען זיך לוסטיג איבער אַיין אָרעמאַן, אַ שלים־מזל, נאָכ'ן עסען, אַז ס'איז גוט אויפ'ן האַרצען און אין דרויסען איז שען און היים און גרין, און עס גלוסט זיך דרימלען... טביה איז אָבער אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך טרייבען קאַטאָוועס. אַ קרענק וועט ביי מיר יענער וויסען, וואָס ביי מיר אויפ'ן האַרצען טהוט זיך! און אָפּגעפאַרטיגט זיך מיט אַלע קונים, לאָז איך מיך צוריק מיט די לעדיגע קריגלעך אַהיים, איבער'ן וואַלד, לאָז־אָפּ דאָס פערדעלע, ס'זאָל זיך געהן פּאַוואָלי און חאַפּען בגנבה אַ שטשיפּעל גראָז, און אַליין פאַרטיעף איך מיך אין מיינע מחשבות און גע־דאַנקען, טראַכט־איבער פון וואָס איהר ווילט: פונ'ם לעבען און פונ'ם טוידט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און וואָס איז אַזעלכס וועלט, און וואָס לעבט אַ מענטש, וכדומה אַזעלכע זאַכען, בכדי איך זאָל מיר צעשלאָגען די רעיונות, דאָס הייסט, איך זאָל

ניט קיין אידינע, טביה האלט זיך איין! מאהלט אייך, עס רעדט זיך נאר אזוי, ווארום, ערשטענס, דער בזיון!... והשנית, ווי קאן איך זיך איינהאלטען, אז מע פארלירט לעבעדיגערהייד אזא קינד, אזא בארליאנט, וואס איז אזוי איינגעבאקען אין הארצען אי ביי מיר, אי ביי דער מוטער, כמעט מעהר ווי אלע קינדער, איך ווייס ניט פאר וואס? אפשה דערפאר, וואס זי האט קינדווייז זעהר א סך געקרענקט, איבערגעטראגען אויף זיך כל הצרות שבעולם; מיר זענען אמאל אויסגעזעסען איבער איהר גאנצע נעכט, עטליכע מאל אפגעשריגען, פשוט אפגעשריגען פונ'ם טוידט, אפגע'חיה'טשעט, ווי מע חיה'טשעט אפ א קליין צעטראטען היהנדעלע, ווארום אז גאט וויל, מאכט ער פון טוידט לעבעדיג, ווי מיר זאגען אין הלל: לא אמות כי אחיה — אז ס'איז ניט באשערט שטארבען, שטארבט מען ניט... און אפשר איז דאס דערפאר, וואס זי איז א גוט קינד, א געטרייעס, האט אונז פון תמיד אן ליעב געהאט ביידען דאס חיות מיט דער נשמה. אי די קשיא: ווי קומט דאס, זי זאל אונז אזעלכס טהון? איז, ערשטענס, אונזער מזל אזוי. איך וויים ניט, ווי אזוי איהר — איך גלויב אין השגחה. והשנית, איז דאס א קליפה, איין אפגעטהאנענע זאך, הערט איהר, א מין כישוף! איהר מעגט אייך לאכען פון מיר, און איך זאג אייך, אז איך בין גאר ניט אזא גראבער נאר, איך זאל גלויבען אין שרעטעלעך, לצים, דאמעוויקעס וכדומה אזעלכע שטות'ערייען; נאר אין כישוף, זעהט איהר, גלויב איך, ווארום וואס דען איז דאס, אז ניט קיין כשוף? אט וועט איהר הארכען ווייטער, וועט איהר אליין אויך זאגען דאס אייגענע...

בקיצור, אז די הייליגע ספרים זאגען: בעל כרחך אתה חי — א מענטש נעמט זיך ניט אליין דאס לעבען, איז דאס נישט אומזיסט. ס'איז גאר נישטא די מכה אויף דער וועלט, וואס זאל זיך ניט פארהיילען, און אזא צרה, וואס מע זאל זי נישט פארגעסען. דאס הייסט, פארגעסען פארגעסט זיך נישט, נאר וואס זאל מען טהון? אדם כבהמה נדמה — א מענטש באדארף

א האר, אפילו די מלבושים נישט איבערגעביטענ!... דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אויף די געדאַנקען — איז אַראָפּשפּרינגען פון וואָגען און אַרומחאַפּען זי קושען... נאָר באַלד טהוט מיך צוריק אַ ציה אַ געדאַנק: „טביה? וואָס ביזט דו, אַ אידינע?" און איך טהו אַ ציה דאָס פערדעל: „וויאָ, שלים־מזל!" — און נעם מיך רעכטס. איך טהו אַ קוק — מיינע אויך רעכטס, מאַכט עפּיס צו מיר מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „שטעה אַ ווײַלע, איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען"... און עס טהוט זיך מיר אַ ריס־אָפּ אינווענינ און אַ צופּ ביי'ם האַרצען, און איך לאָז־אָפּ הענט און פיס; אָט־אָט טהו איך אַ שפּרונג־אַראָפּ פונ'ם וואָגען! נאָר איך האַלט מיך איין, טהו אַ ציה דאָס פערדעל און ייִם מיך לינקס — מיינע אויך לינקס, קוקט אויף מיר משונה־ווילד, דאָס פּנים טוידט... וואָס טהוט מען? — טראַכט איך מיר. — זאָל איך בלייבען שטעהן, צי איך זאָל פאָהרען ווייטער? און איידער איך קוק מיך נאָך אַרום — אהאָ, זי האַלט שוין דאָס פערדעל ביי'ם צוים און מאַכט צו מיר: „טאַטע! זאָל איך שטאַרבען, אויב דו וועסט זיך ריהרען פונ'ם אָרט! איך בעט דיך, הער מיך אויס פריהער, טאַטע־פּאַטער!"... „ע! — טראַכט איך מיר. — ווילסט מיך נעמען מיט גוואַלד? ניין. נשמה מיינע! ווי באַלד אַזוי, איז אַ סימן, אַז דו קענסט ניט דעם טאַטען דײַנעם"... — און דאַוואַי שמייסען דאָס פּערדעל אויף וואָס די וועלט שטעהט. און מיין פערדעל פאָלגט, שפּרינגט, נאָר עס דרעהט צוריק דעם קאָפּ, מאַכט בשעת־מעשה מיט די אויהערען. „וויאָ, זאָג איך צו דעם, אַ ל ר ס ת כ ל ב ק נ ק ן — קוק נישט, חכם מיינער, אהין, וואו מע דאַרף ניט"... און אַליין, מיינט איהר, ווילט זיך מיר ניט אויסדרעהען דעם קאָפּ צוריק און אַ קוק טהון, חאָטש איין קוק טהון אהין, אויף יענעם אָרט, וואו זי איז שטעהן געבליבען?... נאָר ניין, טביה איז ניט קיין אידינע. טביה ווייסט, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט'ן שטן מקטרג...

בקיצור, איך וויל אייך נישט מעהר, ווי זאָגט ער, מאַריך ימים זיין, איין עבירה אייער צייט. אויב ס'איז מיר באַשערט געווען

נישט קלערן פון איהר, פון חוה'ן הייסט עס. און ווי אויף צו להכעיס, קריכט מיר אין קאפ ארייַן דוקא זי, חוה הייסט עס. זי קומט מיר אקעגען מיט איהר געשטאלט, הויך און שען און פריש, ווי א סאסנע, אדער גאר ווי זי איז נאך געווען א קליינינקע, א קראנקעטשקע, א פגירה'לע, ווי איין עופה'לע ביי מיר אויף די הענט, דאס קעפעל ארויפגעווארפען אויף מיינע פלייצעס: „וואס ווילסט דו, חוה'לע? געבען דיר א שטיקעלע פאפע? א ביסעלע מאני?"... און איך פארגעס אויף א ווייַלע, וואס זי האט אפגעטהאן, און עס ציהט מיר צו איהר דאס הארץ, און די נשמה נאגט, בענקט נאך איהר... נאר דערמאן איך מיך, און עס געהט מיר איבער דער בח־הדם, און א פייער צינדט זיך אן ביי מיר אין הארצען אויף איהר און אויף איהם און אויף דער גאנצער וועלט און אויף זיך אליין, פאר וואס איך קאן זיך נישט פארגעסען אויף קיין מינוט; פאר וואס זאל איך זי נישט קאנען אויסמעקען, ארויסרייסען פונ'ם הארצען? זי האט דאס דען ביי מיר נישט פאורדיענט? דערויף טאקי דארף טביה זיין א איד שבאיד, כל ימיו פארשווארצט ווערען, אקערען מיט דער נאז די ערד, מגדל זיין קינדער, בכדי זיי זאלען נאכדעם נעמען מיט איין מאל און אפרייסען זיך מיט גוואלד, אפפאלען, ווי א שישקע פונ'ם בוים, און פארטראגען ווערען מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך?... אט, למשל, — אזוי קלער איך מיר, — וואכסט א בוים, א דעמב אין וואלד, קומט צו געהן א נפש מיט א האק, נעמט אפ א צווייג און נאך א צווייג און נאך א צווייג — וואס איז דער בוים אהן די צווייגען, משטיינס געזאגט? נעם שוין בעסער, דו בן־אדם, און האק אונטער דעם בוים איינגאנצען — און אייז עק לאז דאס האבען. צו וואס זאל סטארטשען א נאקעטער דעמב אין וואלד?!...

און אזוי ווי איך טראכט מיר אזוי די דאזיגע מחשבות, דערפיהל איך פלוצים, אז מיין פערדעל האט זיך אפגעשטעלט — סטאפ! וואס איז דאס? איך הויב אויף די אויגען, איך טהו א קוק — חוה!... די אייגענע חוה, וואס פריהער, נישט געמינערט

רעיונות, הויב איך אָן אויף אַ ניגון: אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! איך דאַווען, הייסט דאָס, מנחה אויף אַ קול און מיט אַ ניגון, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. נאָר וואָס קומט אַרויס פון׳ם דאַוונען און פון׳ם זאָגען, אַז אינוועניג אין האַרצען זינגט זיך איין אַנדער ניגון: „ח־ו־ה! ח־ו־ה! ח־ו־ה! ח־ו־ה!“... און וואָס איך זינג העכער דעם „אשרי“, זינגט זיך מיר „חוה“ נאָך העכער, און וואָס מעהר איך וויל זי פאַרגעסען, אַזוי מעהר און אַזוי שאַרפער שטעהט זי מיר פאַר די אויגען, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער איהר קול, ווי זי רופט צו מיר: „הער מיך אויס, טאַטע־פאַטער!“... און איך פאַרשטעל מיר די אויהערען, איך זאָל זי ניט הערען, און איך מאַך צו די אויגען, איך זאָל זי ניט זעהען, און איך זאָג די שמונה־עשרה און הער ניט, וואָס איך זאָג, און שלאָג זיך אשמנו און ווייס ניט, פאַר וואָס, און מיין לעבען איז צערודערט, און אַליין בין איך צערודערט, און זאָגען זאָג איך ניט קיינעם פון מיין באַגעגעניש, און רעד נישט מיט קיינעם פון איהר, און פרעג זיך ניט נאָך אויף איהר ביי קיינעם, האָטש איך ווייס, איך ווייס גאַנץ גוט, וואו זי איז און וואו ער איז און וואָס זיי טהוען, נאָר אַ מכה וועט ביי מיר עמיצער וויסען. ניט דערלעבען וועלען דאָס מיינע שונאים, אַז איך זאָל מיך פאַר עמיצען באַקלאָגען. אָט אַזאַ מענטש איז טביה!...

איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסען, צי אַלע מאַנסבילען זענען אַזוי, צי נאָר איך בין אַזאַ משוגע׳נער? אַשטייגער, כדומה למשל, אַמאָל טרעפט זיך... איהר וועט ניט לאַכען פון מיר? איך האָב מורא, איהר וועט לאַכען פון מיר... אַמאָל טרעפט זיך, איך טהו מיך אָן אין דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע, און לאָז מיך צו דער באַהַה, און בין שוין גרייט זיך אויפזועצען פאָהרען אַהין, צו זיי, איך ווייס, וואו זיי זיצען... איך געה־צו צום קאַסיר און הייס מיר געבען אַ בילעט. פרעגט ער מיך: וואוהין? זאָג איך: קיין יעהופּעץ... זאָגט ער: אַזאַ שטאָדט איז ביי מיר נישט פאַרהאַן... זאָג איך: בין איך ניט שולדיג... און איך קעהר מיך אום צוריק אַהיים,

חבוט־הקבר, ביז איך שוין געווים דערמיט אפגעקומען, און דעם טעם פון גיהנם מיט כף־הקלע, מיט די אלע איבעריגע געברענטע ליידען, וואס ווערען באשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, פרעגט מיך, וועל איך אייך זאגען! דעם גאנצען וועג, וואס איך פאהר, ווייזט מיר אויס, אז זי לויפט מיר נאכ'ן וואגען און שרייט: „הער מיך אויס, טאטע־פאטער!"... און עס פליהט מיר דורך א געדאנק: „טביה! דו שטעלסט אויף זיך צו־פיעל! וואס ווערט דיך אהרען, אז דו ווערסט זיך אפשטעלען אויף א ווייילע, אויסהערען וואס וויל זי? אפשר האט זי דיר צו זאגען אזעלכס, וואס דו דארפסט דאס וויסען? אפשר, א קשיא אויף א מעשה, האט זי חרטה און וויל זיך אומקעהרען צוריק? אפשר ליגט זי ביי איהם אין דער ערד און בעט ביי דיר, דו זאלסט איהר העלפען ארויס פון גיהנם?... אפשר און אפשר און נאך א סך אזעלכע אפשר'ס פליהען מיר דורך אין קאפ, און זי שטעלט זיך מיר פאר אלס א קינד, און איך דערמאן מיך אנ'ם פסוק „כרחם אב על בנים" — נישטא קיין שלעכט קינד ביי א טאטען, און איך פייניג מיך, און איך זאג אויף זיך אליין, אז איך בין א ס ו ר ל ר ח ם — נישט ווערטה, וואס די ערד טראגט מיך! וואס? וואס קאכסט דו, דו משוגע'נער עקשן? וואס טאראבאנעסט דו? נעם, דו אכזר איי־נער, פארקערעווע דאס ווענגעלע צוריק און בעט זיך מיט איהר איבער, זי איז דיין קינד, נישט קיינעמס!... און עס קריכען מיר אין קאפ אריין משונה־מאדנע מחשבות און געדאנקען: וואס איז דאס אזעלכס איד און וואס איז ניט איד?... און פאר וואס האט גאט באשאפען אידען און ניט אידען?... און אז גאט האט שוין יא באשאפען אידען און ניט אידען, פאר וואס־זשע זאלען זיי זיין אזוי אפגעטיילט איינס פון דאס אנדערע, נישט קאנען אנקוקען איינס דאס אנדערע, גלייך ווי דער איז פון גאט און יענער איז ניט פון גאט?... און עס פארדריסט מיך, למאי איך בין נישט אזוי קלאר, ווי אנדערע, אין ספרים און אין ביכער, איך זאל קאנען גע־פינען דערויף עפּיס א רעכטען תירוץ... און בכדי זיך צעשלאגען די

שפרינצע

געשריבען אין יאָהר 1907.

טהו אויס די שבת'דיגע קאַפּאָטע און נעם מיך צוריק צו דער אַרבייט, צום ביסעל מילכיגס און צום פערד־און־וועגעלע, ווי שטעהט דאָרטען: איש לפעלו ואדם לעבודתו — דער שניידער צו דער שער און דער שוסטער צום וואַרשטעט... איאָ, איהר לאַכט פון מיר? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? איך וויים אַפּילו, וואָס איהר טראַכט; איהר טראַכט זיך: „גאָט דער טביה איז טאַקי עפּיס נאָר אַ חושים!“... דעפאַר רעכען ייִד, אַז עד כאן אומרים בשבת הגדול — ס'זאָל זיין היינטיגס מאָל גענוג, הייסט עס... זייט מיר געזונט און שטאַרק פון שרייבט בריוועלעך. נאָר למען־השם, ניט פאַרגעסען, וואָס כ'האָב אייך געבעטען: אַז ס'זאָל זיין פּתח שין שאַ, איך מיין, איהר זאָלט ניט מאַכען דערפון־קיין ביכעל. און אויב עס ווייזט אייך אויסקומען שרייבען, זאָלט איהר שוין שרייבען פון איין אַנדערען, נעמט פון מיר; אַז מיר פאַרגעסט, ווי איז פּסוק שטעהט: וישכחהו — אויס טביה דער מילכיגער!...

שפּרינצע

— אייך קומט אַ גרויסען, אַ ברייטען שלום־עליכם, פּאַני שלום־עליכם, -- עליכם ועל בניכם! אַ שאָק מיט יאָהרען, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהען! וועה־וועה, וויפיעל וואַסערען עס זענען אָפּגעלאָפען! וויפיעל אַנגסטען מירביידע און כל ישראל זענען אויסגעשטאַנען אין די עטליכע יאָהר: אַ קעשעניוו, אַ קאָסנעטוציע, מיט פּאָגראָמען, מיט צרות, מיט שלעק — אַך טי רבונו־של־עולם, גאָטעניו נאַש!... מיר איז נאָך אַ חידוש אויף אייך, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, איהר זענט דאָך נישט געדרוקט אויף אַ האָר, קיין עין־הרע, קיין עין־הרע! טהוט אָבער אַ קוק אויף מיר: הרי אני כבן שבעים — איך בין נאָך ניט אַלט קיין זעכציג, און זעהט, ווי ווייס טביה איז געוואָרען! ס'אַ ווערטעלע צער־גידול־בנים, וואָס מע האָט פון קינדער! און ווער האָט נאָך אַזוי פיעל צער־גידול־בנים פון קינדער וויפיעל איך? מיך האָט געטראָפען אַ נייער שלאָק מיט מיינע אַ טאָכטער שפּרינצע, וואָס געהט איבער אַלע צרות, וואָס איך האָב וועז איבערגעהאָט ביז אַהער, און זעהט, פון דעסטוועגען, גאָרנישט, מע לעבט, ווי שטעהט דאָרטען: בעל כרחך אתה חי — חאָטש ווער צעזעצט, שונאי־ציון, זינגענדיג דאָס ליעדעל:

וואָס טויג מיר מיין לעבען, וואָס טויג מיר מיין וועלט,
אַז כ'האָב נישט קיין מזל, אַז כ'האָב נישט קיין געלט?...

בקיצור, ווי אַזוי שטעהט דאָרט אין פּרק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות — גאָט האָט געוואָלט אַ טובה טהון זיינע אידען, האָט מען אָנגעשיקט אויף אונז איין אומגליק, אַ צרה, אַ קאָסנעטוציע! אַי, אַ קאָסנעטוציע! עס איז געקומען מיט אַ

איז געקומען צו פאהרען מיט איהר זוהנדעל, אראנטשיק הייסט ער, קיין בויבעריק אויפ'ן זומער; און דאס פארשטעהט איהר דאך אליין, אז דאס ערשטע באקאנטשאפט איהרס אין בויבעריק איז געווען מסתמא מיט מיר. „מע האט מיר גערעקאמאנדירט, זאגט זי, די אלמנה הייסט דאס, אז ביי אייך איז דאס בעסטע מילכיגס“. „ווי קאן דאס זיין אנדערש? — זאג איך צו איהר, צו דער אלמנה הייסט דאס. — ניט אומזיסט, זאג איך, זאגט שלמה המלך, אז א גוטער נאמען לאזט זיך הערען, ווי א שופר, איבער דער גאנצער וועלט. און אויב איהר ווילט, זאג איך, וו'ל איך אייך דערצעהלען, וואס עס זאגט דערויף דער מדרש“. שלאגט זי מיך איבער, די אלמנה הייסט דאס, און זאגט צו מיר, אז זי איז איין אלמנה, און איז אין די זאכען, זאגט זי, נישט געניט. זי ווייסט ניט, מיט וואס מען עסט דאס... דער עיקר, זאגט זי, אז די פוטער זאל זיין פריש, און דער קעז זאל זיין געשמאק... נו, געהט רעדט מיט א נקבה!...

בקיצור, איך האב אנגעהויבען אריינקומען צו דער קאטערינע־סלאווער אלמנה, וואס אהרט אייך, צוויי מאל אין דער וואך; אלע מאנטאג און דאנערשטאג, פינקטליך, ווי א לוח, אראפגעטראגען דאס ביסעל מילכיגס, גארנישט אנגעפרעגט זיך, צי מע דארף, צי מע דארף ניט, געווארען ביי איהר א היימישער מענטש, ווי גע־וויינטליך, אנגעהויבען זיך צוקוקען, ווי אזוי עס פיהרט זיך ביי איהר, אריינגעשמעקט אין קיך אריין, געזאגט א פאר מאל, וואס איך האב געפונען פאר נויטיג צו זאגען, דאס ערשטע מאל, געוויינטליך, געהאפט א פסק פון דער דיענסט, איך זאל זיך ניט מישען, ניט אריינקוקען אין פרעמדע טעפ, דאס אנדערע מאל האט מען זיך צו מיינע ווערטער צוגעהערט, און דאס דריטע מאל טאקי געהאלטען זיך מיט מיר איין עצה, ווארום זי האט ארויסגעזעהען, די אלמנה הייסט דאס, ווער טביה איז. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האט מיר אנטפלעקט איהר צרה, איהר קרענק, איהר אומגליק — אראנ־טשיק! סטייטש, ער איז שוין א בחור פון עטליכע און צוואנציג יאהר, זאגט זי, און ווייסט נאר פערדלעך, נאר לאסיפעדען, נאר

מאָל אַ מהומה אויף אונזערע נגידים, אַ לויפעניש פון יעהופּעץ קיין אויסלאַנד, כלומרשט אין די וואַרעמע בעדער, נערוועו, זאַלץ־ביטלער, נעכטיגע טעג... און ווי באַלד מע צעפּאַהערט זיך פון יעהופּעץ, איז בויבעריק מיט איהר לופט און מיט איהר וואַלד און מיט איהרע דאַטשעס טיעף־טיעף אין דער ערד, ווי מיר זאָגען אין ברוך־שאמר: ברוך מרחם על הארץ... נאַר וואָס דען? ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, וואָס גיט אַכטונג אויף זיינע אָרעמע לייט נעבאַך, זיי זאָלען זיך נאָך אַ ביסעל מוטשען אויף דער וועלט, האָבען מיר געהאַט אַ זומער — אײ־אײ־אײ! איז מען זיך צענויפגעלאָפען צו אונז קיין בויבעריק פון אַדעס, און פון ראָסטאָוו, און פון קאַטערינעסלאַוו, און פון מאַהליוו, און פון קע־שעניוו אַלפי אלפים נגידים, גבירים אדירים! אפנים, אַז דאָרט איז די „קאָסנעטוציע“ נאָך שטאַרקער, ווי ביי אונז אין יעהופּעץ, וואָרום מע לויפט, מע הערט ניט אויף צו לויפען. אי, די קשיא: וואָס לויפען זיי עפּים צו אונז? איז דער תירוץ: למאי אונזערע לויפען צו זיי? ס'איז שוין ביי אונז געוואָרען, ברוך־השם, אַזאַ מנהג, אַז עס קומט די צייט, וואָס מע הויבט אָן רעדען פון פּאָג־ראָמען, הויבען אידען אָן צו לויפען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, ווי אין פּסוק שטעהט: ויסעו ויחנו, ויחנו ויסעו — איז די טייטש: פאָהר דו צו מיר, וועל איך פאָהרען צו דיר... דערווייל איז בויבעריק, וואָס אַהרט אייך, געוואָרען אַ כרך, אָנגעפּאַקט מיט מענטשען, ווייבער און קינדער, און קינדער האָבען ליעב פּיקען, און מילכיגס דאַרף מען, און וואו קריגט מען מילכיגס, אַז ניט ביי טביה'ן? וואָס טויג אייך, טביה איז אַריין אין דער מאָדע. פון אַלע זייטען: טביה און טביה! רב טביה, אַהער! רב טביה, צו מיר! אַז גאָט וויל, וואָס פרעגט איהר?

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, ערב־שבועות איז דאָס געווען, קום איך צו פאָהרען מיט אַ ביסעל מילכיגס צו איינער פון מיינע קונה'טעס, אַ יונגע אַלמנה און אַ רייכע פון קאַטערינעסלאַוו, וואָס

צעלאכט, אז מיר ביידע האבען מורא געהאט, צי איז דער בחור חלילה ניט משוגע געווארען אויף א מינוט? און וואס זאל איך אייך זאגען — מיר זענען פון דעמאלט אן געווארען מיט איהם חבר, די בעסטע גוטע פריינד! איך מוז אייך זאגען: מיר איז דער בחור געפעלען וואס ווייטער אלץ מעהרער; אפילו א שארלאט און איין אויסברענגער, און א האנט שוין צו איין אפענע, און א שמיקעל חושים דערצו. למשל, באגעגענען איין ארעמאן, ארייג־לעגען די האנט אין קעשענע, ארויסנעמען און אוועקגעבען, נישט געצעהלט. ווער טהוט עס?... אדער אראפנעמען פון זיך א גוטען פאליטא, א גאנצען, א נייעם, און אוועקגעבען יענעם — אז מע שמועסט א חושים'דיגער!... א גאט'ס רחמנות געווען אויף דער מוטער! זי פלעגט זיך מיר קלאגען: וואס טהוט מען? און. בעטען מיך, איך זאל מיט איהם א ביסעל שמועסען. האב איך איהר צוליעב געטהאן: וואס וועל איך איהר זשאלעווען? עס קאסט מיך געלט? און איך האב מיך אוועקגעזעצט און איך האב איהם דערצעהלט מעשיות, געבראכט משלים, געריבען פסוקים, גע־האקט מדרשים, אזוי ווי טביה קאן. און ער האט דוקא ליעב געהאט מיך אויסהערען, אויספרעגען, ווי אזוי איך לעב, ווי אזוי איך פיהר מיך אין דער היים? „איך וואלט א בעלן געווען, זאגט ער, זיין ביי אייך א מאל, רב טביה!"... זאג איך צו איהם: „אז מען איז א בעלן זיין ביי טביה'ן, נעמט מען, זאג איך, און מע פאהרט זיך דורך אמאל צו מיר אין חוטאר אריין; איהר האט דאך, זאג איך, גענוג פערדלעך, מיט לאסיפעדען. פאר נויט, זאג איך, זענט איהר ניט קליין זיך דורכגעהן מיט די רגלים, ס'איז ניט ווייט, זאג איך, מע דארף נאר דורכשניידען, זאג איך, דעם וואלד"... „ווען, זאגט ער, זייט איהר אין דער היים?" „מיך קאן מען טרעפען, זאג איך, אין דער היים נאר שבת, אדער יום־טוב. שאט, זאג איך, ווייסט איהר וואס? אט האבען מיר, אם ירצה השם, איבערמארגען פרייטאג שבועות; אויב איהר ווילט, זאג איך, מאכען א שפאציער צו אונז אין חוטאר אריין, וועט אייך מיין ווייב, זאג איך, מכבד זיין מיט

חאַפּען פישלעך, און ווייטער. זאָגט זי, ווייסט ער גאַרנישט! ער וויל נישט הערען, זאָגט זי, פון געשעפט, פון געלט; ס'איז איהם געבליבען פון זיין טאַטען, זאָגט זי, אַ שענע ירושה, כמעט אַ מי־ליאָן, ער זאָל דאָס אפילו, זאָגט זי, אַריינשמעקען! עס ווייסט נאָר אויסברענגען. זאָגט זי, איין אָפּענע האַנט ביי איהם! „וואו איז ער. זאָג איך, דער בחור? איהר גיט איהם נאָר, זאָג איך, אַהער צו מיר, איך וועל מיך מיט איהם אַ ביסעל, זאָג איך, דורכשמועסען, איהם זאָגען אַ ביסעל מוסר, אַ פּאָר פּסוקים, ברענגען אַ מדרש"... לאַכט זי: „וויים איך וואָס, זאָגט זי, איהר ברענגט איהם בעסער אַ פערדעל, ניט קיין מדרש!"...

בתוך כך, אַזוי ווי מיר רעדען אַזוי, ויבוא הילד — קומט אַן דער בחור, אַראַנטשיק הייסט דאָס, אַ בחור'עץ אַ סאַסנע, אַ געזונטער יונגאַטש, בלוט און מילך, און אַ ברייטען פּאַס טראָגט ער, איך בעט איבער אייער כבוד, אויף די הויזען, מיט אַ זייגערעל אַריינגעשטעקט אַט דאָ אין גאַרטעל, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל אַריבער די עלענבויגענס. „וואו ביזט דו געוועזן?" פרעגט איהם די מוטער. „זיך געשיפט מיט אַ שיפעל, זאָגט ער, געחאַפּט פיש"... „אַ ינע עובדה, זאָג איך, פאַר אַזאַ בחור'על, ווי איהר; דאָרט אין ר היים וועט מען אייך צעטראָגען, זאָג איך, די ביינער, און איה דאָ וועט חאַפּען פישלעך!" איך טהו אַ קוק אויף מיין אלמנה — רויט ווי אַ צוויק, אַלערליי פאַרבען. זי האָט געוויס גע־רעכענט, אַז איהר בן וועט מן הסתם אננעמען מיך פאַר'ן קאַלנער ביד חזקה אחת, און וועט מיר געבען באותות ובמופתים שתים — צוויי פּעטש הייסט עס, און וועט מיך אַרויסוואַרפען כחרס הנשבר. בלאָטע! טביה האָט פאַר אַזעלכע זאַכען קיין מורא ניט! איך, אַז איך האָב עפּיס, זאָג איך!

כך הוה. מיין בחור, אַז ער האָט דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, איז ער נאָר אָפּגעטראָטען אַ ביסעל, פאַרלעגט די הענט אַרונטער, מיך באַטראַכט פון סאַמע קאָפּ ביז צו די שפּיץ פיס, אַרויסגעלאָזט עפּיס אַ מאָדנעם פייף און האָט זיך פּלוצים אַזוי

בקיצור, ס׳איז געקומען דער ליכטיגער גרינער יום־טוב שבועות. ווי שען, ווי גרין, ווי ליכטיג און ווארעם ביי מיר אין חוטאָר איז אַז עס קומט שבועות, באַדאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. דער גרעסטער גביר ביי אייך וואָלט זיך ווינשען האָבען אַזאַ בלויען הימעל, מיט אַזאַ גרינעם וואַלד, מיט אַזעלכע שמעקענדיגע סאָסנעס, מיט אַזאַ מחיה׳דיגען גראָז, פּאַשע פאַר די בהמה׳לעך, וואָס שטעהען און קייען און קוקען אייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „גיט אונז נאָר אַלע מאָל אַזאַ גראָז, קיין מילך וועלען מיר אייך ניט זשאַלעווען!“... ניין, זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, גיט מיר די בעסטע פּרנסה, איך זאָל אַרויספאָהרען פון דאָרף אין שטאָדט אריין, וועל איך מיך מיט אייך ניט בייטען. וואו האָט איהר אין שטאָדט אַזאַ הימעל? ווי זאָגען מיר אין הלל: ה ש מ י ם ש מ י ם ל ה׳ — ס׳איז אַ הימעל פון גאָט!... אין שטאָדט, אַז איהר פאַררייסט דעם קאָפּ, וואָס זעהט איהר? אַ מויער, אַ דאַך, אַ קוימען, אָבער וואו האָט איהר דאָרט אַזאַ בוים? און טאָמער האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגיץ ביי אייך אַ בוימעלע, האָט איהר דעם אנגעטהאָן פון אויבען אַ קאַפּאָטעלע!... הכלל, זיי האָבען זיך גאָר־נישט געקאָנט אפּוואונדערען, מיינע געסט, אַז זיי זענען געקומען צו מיר שבועות אין חוטאָר אַריין. אנגעקומען זענען זיי, אַלע פיער בחורים, רייטענדיג אויף פערדלעך, סוסים איינס און איינס! און ווער שמועסט אַראַנטשיק — איז געזעסען אויף אַ פערדעל, זאָג איך אייך, אַ סוס, איין אמת׳ער מערין! איהר קויפט איהם ניט פאַר קיין דריי הונדערט קאַרבען! „ברוך הבא, געסט! — זאָג איך צו זיי. — לכבוד שבועות, זאָג איך, זענט איהר דאָס געקומען רייטענדיג? נישקשה, זאָג איך, טביה איז נישט פון די גרויסע צדיקים, און אַז מע וועט אייך, זאָג איך, אם ירצה השם, שמייסען אויף יענער וועלט, וועט מיר ניט וועה טהון... עי, גאַלדע! זעה נאָר, עס זאָלען זיין פאַרטיג די בלינצעס, און לאָז מען, זאָג איך, אַרויסטראָגען דעם טיש אַהערצו אין דרויסען אַרויס, איך האָב, זאָג איך, אין שטוב גאָרנישט וואָס צו ווייזען פאַר די געסט... עי,

מילכיגע בלינצעס אַזעלכע, אשר לא בלינצו אבותינו במצרים!" פרעגט ער מיך: „וואָס הייסט דאָס? איהר ווייסט דאָך, זאָגט ער, אַז איך בין אויף פסוקים שוואַך"... „איך ווייס, זאָג איך, אַז איהר זענט שוואַך; איהר זאָלט געווען, זאָג איך, לערנען אין חדר, אַזוי ווי איך, וואָלט איהר, זאָג איך, אויך געוואוסט מה דקאמרי רביצין"... לאַכט ער און מאַכט צו מיר: „גוט, איהר האָט מיך, זאָגט ער, פאַר אַ גאַסט; איך קום, זאָגט ער, צו אייך, רב טביה, דעם ערשטען טאָג שבועות, מיט אַ פּאָר באַקאַנטע, אויף בלינצעס, נאָר איהר זאָלט זעהן, זיי זאָלען זיין, זאָגט ער, הייס!" „אש להבה, זאָג איך, מ ן ה ש פ ה ו ל ח ו ץ — פון דער סקאָווערדע גלייך אין מויל אַריין!"... און איך קום צו פאָהרען אַהיים און רוף מיך אָן צו מיינער: „גאָלדע, זאָג איך, מיר האָבען געסט אויף שבועות!" זאָגט זי: „מזל־טוב דיר, וועמען איז?" זאָג איך: „דאָס וועסט דו וויסען שפּעטער; דו גרייט נאָר צו אייער, זאָג איך, קעז און פּוטער איז דאָ, ברוך־השם, גענוג; וועסט מאַכען בלינצעס, זאָג איך, פאַר דריי פאַרשוין, נאָר אַזעלכע פאַרשוינען, זאָג איך, וואָס האָלטען פון דער אכילה און הויבען נישט אָן צו וויסען, זאָג איך, וואָס רש"י מאַכט"... „אודאי, זאָגט זי, שוין צו־געטשעפּעט זיך אַ שלים־מזל פון הונגעריגען לאַנד?" „ביזט אַ בהמה, זאָג איך, גאָלדע! ערשטענס, וואָלט נישט געווען. זאָג איך, אַזאַ אומגליק, ווען מיר זאָלען חלילה אַנהאָדעווען, זאָג איך, איין אָרעמאַן מיט שבועות'דיגע בלינצעס; והשנית, זאָג איך, זיי וויסען, זוגתי היקרה, הצנועה והחסידה מרת גאָלדע שתחיה, אַז איינער פון אונזערע שבועות'דיגע געסט וועט זיין דער אַלמנה'ס זוהנדעל, זאָג איך, אַט דער, וואָס מע רופט איהם אַראַנטשיק, איך האָב דיר דער־צעהלט פון איהם". „אויב אַזוי, זאָגט זי, איז עפּיס אַנדערש"... דער כח פון מיליאָנען! אפילו מיין גאָלדע, אַז זי דערשמעקט געלט, ווערד זי גאָר איין אַנדער מענטש. ס'איז אַזאַ וועלט, וואָס זאָלט איהר קלערען? ווי שטעהט דאָרטען אין הלל: כ ס ף ו ז ה ב מ ע ש י י ד י א ד ם — געלט באַגראַבט אַ מענטשען...

א וועלט, נאָר מיט קאָפּ, וואָרום דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה.

ויהי ערב ויהי בוקר — איינמאָל פאַרנאַכט קום איך צו פאָהרען אהיים אַ צעבראָטענער פונ׳ר טאָג און איין אויסגעמוטשעטער פונ׳ם ארומלויפען איבער די דאַטשעס אין בויבעריק, טרעף איך ביי מיר אין דרויסען ביי דער שטוב צוגעצווימט צו דער טהיר אַ באַקאַנט פערד, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס׳איז אַראַנטשיק׳ס סוס, דער מעריין, וואָס איך האָב איהם דעמאָלט אָפּגעשאַצט אין דריי הונדערט קאַרבען. געה איך צו צום סוס און דערלאַנג איהם מיט איין האַנט אַ פּליאַסק פון הינטען און מיט דער אַנדערער האַנט אַ קראַץ פון פאָרענט אין האַלז און אַ טרייסעל איבער דער גריווע. „ידידי, זאָג איך צו איהם, שענער בחור מיינער! וואָס טהוסט דו דאָ?" דרעהט ער אויס צו מיר די חנ׳עוודיגע מאָרדע און טהוט אַ קוק אויף מיר מיט די קלוגע אויגען, ווי איינער רעדט: „וואָס פרעגט איהר מיך? פרעגט מיין בעל־הבית"... און איך קום אַריין אין שטוב און טהו אַ נעם מיין ווייב: „זאָג מיר נור, גאָלדע קרוין, וואָס טהוט דאָ אַראַנטשיק?" ענטפערט זי מיר: „פון וואַנען זאָל איך וויסען? ער איז דאָך פון דיינע לייט!" „וואו איז ער ער־גיץ?" „ער איז, זאָגט זי, געגאַנגען מיט די קינדער אין וועלדעל אויפ׳ן שפּאַציער"... „וואָס איז פּלוצים גאָר פּאָר אַ שפּאַציער?" — זאָג איך צו מיין ווייב און הייס מיר געבען עסען. אָפּגעגעסען, באַ־טראַכט איך מיך: „וואָס ביזט דו, טביה, אַזוי אויפגעטראָגען? אַז אַ מענטש קומט צו דיר צו גאַסט, באַדאַרף מען זיין אַזוי אַנ־געדרודעלט? אדרבה"... און ווי איך טראַכט מיר אַזוי, איך טהו אַ קוק — מיינע מיידלעך געהען מיט׳ן חברה־מאַן, האַלטען אַנגע־ריסענע קוויטען, פריהער געהען די צוויי יונגערע, טייבעל און ביילקע, און הינטען — מיין שפּרינצע מיט אַראַנטשיקען... „גוטען אבענד!" „גוט יאָהר!" מיין אַראַנטשיק שטעהט מיר אַזוי עפּיס מאָדנע, גלעט דאָס פערד, האַלט אַ גרעזעל אין מויל און רופט זיך אָן צו מיר: „רב טביה! איך וויל מיט אייך מאַכען אַ געשעפט.

שפרינצע! טייבעלע! ביילקע! וואו זענט איהר דארט? ריהרט זיך!"... אט אזוי קאָמאַנדעווע איך מיט די קינדער, און עס ווערד אַרויסגעטראָגען אַ טיש, מיט בענקלעך, מיט אַ טישטוך, מיט טעלער, לעפלען, גאָפּלען, זאַלץ, — און טאַקי באַלד נאָך דעם קומט אָן גאָלדע מיט די בלינצעס, הייסע, זודיגע, פון דער סקאָווערדע, מחיה׳־דיגע, פעטע, כצפּיחית בדבש! און מיינע אורחים קאָנען זיך גאָר־נישט אָפּלויבען פון די בלינצעס...

„וואס שטעהסט דו, זאָג איך צו גאָלדען, נעם, זאָג איך, חזר איבער דעם פּסוק נאָך אַ מאָל, ס׳איז היינט, זאָג איך, שבועות, דאַרף מען, זאָג איך, זאָגען צוויי מאָל „אודך"! און מיין גאָלדע פוילט זיך ניט, פילט אָן דעם פאָלומעסעק נאָך אַ מאָל, און שפּרינצע דערלאַנגט די בלינצעס צום טיש. פלוצים, איך טהו אַ קוק אויף מיין אַראַנטשיקען, איך זעה, ער האָט זיך פאַרקוקט אויף מייז שפּרינצען — ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איהר! וואס האָט ער אויף איהר אָזעלכס דערזעהען?... „עסט, זאָג איך צו איהם, פאַר וואס עסט איהר נישט?"... מאַכט ער צו מיר: „וואס דען טהו איך?" „איהר קוקט, זאָג איך, אויף מיין שפּרינצען"... ווערד אַ געלעכטער, אַלע לאַכען, און מיין שפּרינצע לאַכט אויך. און ס׳איז אַלעמען פריילין, אַלעמען גוט — אַ גוטער, אַ פריילינבער שבועות אויף אַלעמען!... געה טרעף, אַז פון דער פריילינקייט וועט זיך אויס־לאָזען אַ צרה, אַ שלאַק, אַ יללה, אַ גאָט׳ס שטראָף אויף מיין קאָפּ, פאַרוויסט און פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען!... נאַר עט! אַ מענטש איז אַ נאַר! אַ מענטש אַ בר־דעת טאָר זיך ניט צולאָזען צום האַרצען און דאַרף פאַרשטעהן, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי באַ־דאַרף צו זיין, ווארום ווען עס זאָל באַדאַרפען זיין אַנדערש, וואָלט דאָך עס ניט געווען אַזוי ווי עס איז! זאָגען מיר דען ניט אין תהלים: ה ש ל ך ע ל ה׳ — פאַרלאָז דיך נאַר אויף גאָט, ער וועט שוין מאַכען אַזוי, אַז דו זאָלסט ליגען טיעף, נייען איילען אין דער ערד, און באַקען בייגעל, און נאָך זאָגען: גם זו לטובה! הערט, וואס עס קאָן זיך פאַרלויפען אויף

אויפ׳ן וואונק, א נאר גיט מען מיט׳ן שטעקען“... מאכט ער צו מיר ווי ברוגז׳ליך: „איך רעד צו אייך פראסט, און איהר ענטפערט מיר מיט חכמות און מיט פסוקים!“ זאג איך: „איטליכער חזן זינגט אזוי, ווי ער קאן, און יעדער בעל־דרשן דרשנ׳ט פון זיינעט־וועגען; אויב איהר ווילט וויסען, וואס פאר א בעל־דרשן איהר זענט, רעדט איבער פריהער מיט אייער מוטער, זי וועט אייך שוין, זאג איך, קלאר מאכען אקוראט“... „האלט איהר מיך, זאגט ער, אפנים, פאר א יונגעלע, וואס דארף זיך אנפרעגען ביי דער מאמע?“... „געוויס, זאג איך, דארפט איהר זיך אנפרעגען ביי דער מאמע, און די מאמע וועט אייך געוויס זאגען, אז איהר זענט א חושים, און וועט זיין גערעכט“... „און וועט זיין גערעכט?“ — מאכט ער. „געוויס, זאג איך, וועט זי זיין גערעכט, ווארום וואס פאר א חתן זענט איהר, זאג איך, פאר מיין שפרינצען? וואס פאר א גלייכען איז מיין שפרינצע צו אייך? און דער עיקר, זאג איך, וואס פאר א מחותן בין איך מיט אייער מוטער?“... „אויב אזוי, מאכט ער צו מיר, האט איהר שוין, רב טביה, א גרויסען טעות! איך בין נישט קיין יונגעלע פון אכצעהן יאהר, און זוך נישט קיין מחותנים פאר מיין מוטער, און וויים ווער איהר זענט, און ווער אייער טאכ־טער איז, און זי געפעלט מיר, און אזוי וויל איך, און אזוי וועט דאס זיין!“... „האט קיין פאראיבעל ניט, זאג איך, וואס איך שלאג אייך איבער; איך זעה, זאג איך, אז מיט איין צד זענט איהר שוין פארטיג; זענט איהר, זאג איך, באוואהרענט אויך מיט׳ן אנדרערען צד?“... זאגט ער צו מיר: „איך וויים ניט, וואס איהר מיינט“... זאג איך: „איך מיין דאס די טאכטער מיינע, שפרינצען מיין איך, צי האט איהר שוין, זאג איך, מיט איהר עפיס גערעדט, און וואס, זאג איך, זאגט זי?“... ווערד ער אזוי ווי בעלעדיגט און מאכט צו מיר מיט א שמייכעל: „וואס פאר א פראגע איז דאס? געוויס האב איך, זאגט ער, מיט איהר גערעדט, און ניט איין מאל — עטליכע מאל, איך קום, זאגט ער, אהער אלע טאג“... איהר הערט? ער קומט אהער אלע טאג, און איך וויים נישט!... „בהמה בצורת

לאמיר זיך בייטען מיט די פערדלעך". „איהר האָט נישט געפונען, זאָג איך, פון וועמען צו לאַכען?" מאַכט ער צו מיר: „ניין, איך מיין דאָס ערנסט". „אַזוי, זאָג איך, איהר מיינט דאָס ערנסט? וויפיעל, למשל, קאָסט אייער סוס?" „אין וויפיעל, זאָגט ער, שאַצט איהר איהם?" „איך שאַץ איהם, זאָג איך, איך האָב מורא, אויב ניט דריי הונדערט קאַרבוינים, און אפשר מיט אַ סמיטשיק". צעלאַכט ער זיך און זאָגט, אַז ער קאָסט מעהר פון דריי מאָל אַזוי פיעל, און רופט זיך אָן צו מיר: „נו? מאַכען מיר אַ בייט?" מיר איז דער שמועס ניט געפעלען: וואָס הייסט, ער וועט אויסבייטען זיין סוס אויף מיין שלים־מזל!... זאָג איך צו איהם, אַז ער זאָל אָפּלעגען דאָס געשעפט אויף איין אַנדערש מאָל, און איך פרעג איהם אין אַ שפּאָס: צי איז ער טאַקי צוליעב דעם געקומען? אויב אַזוי, איז איין עבירה, זאָג איך, די הוצאות... ענטפערט ער מיר גאַנץ ערנסט: „געקומען בין איך צו אייך, אייגענטליך, מכח איין אַנדער זאַך; זייט זיך מטריח, אויב איהר ווילט, וועלען מיר אַ ביסעל שפּאַציערען". וואָס פאַר אַ שפּאַציער איז דאָס אויף איהם אָנגעקומען? -- טראַכט איך מיר, און לאָז מיך געהן מיט איהם צום וועלדעל צו. די זון האָט זיך לאַנג געזעצט, דאָס גרינע וועלדעל זעהט שוין אויס טונקעל, די זשאַבעס פון דער גרעבלי קראַקען, און דאָס גראָז שמעקט מחיה נפשות! אַראַנטשיק געהט און איך געה, ער שווייגט און איך שווייג. נאָכדעם שטעלט ער זיך אָפּ, טהוט אַ הוסט און מאַכט צו מיר: „רב טביה! ווי וואָלט איהר, אַשטייגער, געזאָגט, ווען איך זאָל אייך זאָגען, אַז איך האָב ליעב אַייער שפּרינצע און אַז איך וויל זי נעמען פאַר אַ כלה?" „וואָס איך וואָלט געזאָגט? — זאָג איך. — איך וואָלט געזאָגט, אַז מע זאָל אַ משוגע'נעם אויסמעקען און אייך אַריינשטעלען"... קוקט ער מיך אָן און מאַכט צו מיר: „וואָס הייסט?" זאָג איך: „אָט דאָס הייסט!"... זאָגט ער: „איך פאַרשטעה אייך ניט". זאָג איך: „איז אַ סימן, אַז איהר זענט ניט איבעריג קלוג, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטעהט: חכם עיניו בראשו, דאָס מיינט: אַ קלוגען זאָגט מען

בקיצור, איך זעה אַרויס פון דעם שמועס, אַז עס האָלט שוין ביי זיי וויטליך, און חאַפּען צוריק איז שוין אַ ביסעל צו שפּעט. וואָרום איך קען מיינע לייט. טביה'ס טעכטער, האָב איך אייך געזאָגט שוין אַמאָל, ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, אַז זיי קלעפּען זיך איין אין אַ מענטשען, איז מיט'ן גאַנצען לעבען, מיט'ן חיות, מיט דער נשמה! און איך טראַכט מיר: „שוטה! למאי זאָלסט דו וועלען זיין, טביה, מעהר חכם פון דער גאַנצער וועלט? אפשר איז דאָס אַ גאָט'ס זאַך? אפשר איז דאָס באַשערט, אַז דוקא דורך אָט דער שטילינקער שפּרינצע זאָלסט דו געהאָלפען ווערען, באַלוינט ווערען פאַר אַלע דיינע קלעפּ און וועהטיגען, וואָס דו האָסט ביז אַהער איבערגעטראָגען, האָבען אַ גוטען עלטער, און אויך וויסען אַמאָל פון אַ לעבען אויף דער וועלט? אפשר איז דיר באַשערט האָבען אַ טאָכטער אַ מיליאָנשטשיצע? וואָס איז? סע שטעהט דיר ניט אָן?... וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז טביה דאַרף זיין אייביג אַ קבצן, אייביג אַרומשלעפּען זיך מיט'ן פערדעל און מיט קעז און פּוטער צוליעב די יעהופּעצער נגידים, זיי זאָלען האָבען וואָס צו פרעסען?... ווער ווייסט, אפשר איז מיר אָנגעצייכענט געוואָרען פון אויבען, אַז איך זאָל אויף דער עלטער עפּיס מתקן זיין אויף דער וועלט, ווערען אַ בעל־צדקה און אַ בעל־מכניס־אורח, און אפשר גאָר אוועקזעצען זיך מיט אידען לומדים און לערנען תורה?"... וכדומה אַזעלכע רייכע, גאָלדענע מחשבות קריכען אין קאָפּ אַריין, ווי אין „יהי כבוד" שטעהט געשריבען: ר ב ו ת מ ח ש ב ו ת ב ל ב א י ש — זאָגט אַ גוי, להבדיל: „דאָוריען דאָומקאָיאו באַגאַטיעט!"... און איך קום אַריין אין שטוב אַריין און איך נעם אַוועק מיין אַלטע און מאַך מיט איהר אַ שמועס: „וואָס וואָלט זיין, כדומה למשל, זאָג איך, ווען אונזער שפּרינצע זאָל זיין אַ מיליאָנשטשיצע?" פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט דאָס אַ מיליאָנשטשיצע?"... זאָג איך: „אַ מיליאָנשטשיצע הייסט אַ מיליאָנשטשיקס אַ ווייב"... פרעגט זי מיך: „וואָס הייסט אַ מיליאָנשטשיק?" זאָג איך איהר: „אַ מיליאָנשטשיק הייסט אַ מענטש,

מענטש! באדארף מען דאך דיר געבען קייען שטרוי, טביה! אז דו וועסט זיך לאזען אזוי פיהרען אין באד אריין, וועט מען דאך דיך קויפען און פארקויפען, דו פערדאטש איינער!"... אזוי טראכט איך מיר און געה מיט אראנטשיקען צוריק, און ער געזעגענט זיך אפ מיט מיין חברה, האפט זיך ארויף אויפ'ן סוס, און הלך משה מרדכי — מארש קיין בויבעריק...

אצינד וועלען מיר, ווי זאגט איהר דאס אין אייערע ביכלעך, איבערלאזען דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה, צו שפרינצען הייסט עס... „זאג מיר, טאכטער, וואס איך וועל דיך פרעגען, זאג איך: דערצעהל מיר נאר, זאג איך, וואס דער אראנטשיק האט מיט דיר אפגעשמועסט מכח אזא זאך, זאג איך, גאר אהן מיין וויסען?"... ענטפערט עפּיס אט דער בוים? אזוי ענטפערט זי! געווארען רויטליך, אראפּגעלאזט די אויגען, ווי א כלה, אנגענומען א פולען מויל מיט וואסער — און שא!... בא! — טראכט איך מיר. — ווילסט ניט רעדען איצט, וועסט דו רעדען שפּעטער א ביסעל... טביה איז ניט קיין אידינע; ער האט צייט! און איך ווארט איבער א ווייל, ווי זאגט מען, יבוא יומה, און טשאטעווע אויס די מינוט, וואס איך בלייב מיט איהר אליין, און רוף מיך אן צו איהר: „שפּרינצע, זאג מיר, וואס איך וועל דיך פרעגען: קענסט דו איהם האטש, אט דעם אראנטשיקען?"... זאגט זי: „געוויס קען איך איהם"... „ווייסט דו, זאג איך, אז ער איז א סווישטשון?"... פרעגט זי מיך: „וואס הייסט דאס א סווישטשון?" זאג איך איהר: „א פּוסט ניסעל, וואס סע פּייפט"... זאגט זי: „האסט א טעות, ארנאלד איז א גוטער מענטש"... „ער הייסט שוין, זאג איך, ביי דיר ארנאלד, ניט אראנטשיק דער שארלאטאן?" זאגט זי: „ארנאלד איז ניט קיין שארלאטאן, ארנאלד האט א גוט הארץ; ארנאלד, זאגט זי, געפינט זיך אין א שטוב פון פארדארבענע מענטשען, זאגט זי, וואס ווייסען נאר געלט און געלט"... „אזוי, זאג איך, ביזט דו שוין, שפּרינצע, אויך געווארען איין אויפגעקלערטע פילאזאפקע און האסט שוין אויך פיינט געקריגען געלט?"...

נור די אויגען איהרע רעדען, אוי, רעדען זיי! קיינער פארשטעהט ניט איהר הארץ, אזוי ווי איך... איך האב די גאנצע צייט מורא געהאט, א קשיא אויף א מעשה, טאמער לאזט זיך אויס דערפון א בוידעם, האב איך אויף איהם, אויף דעם אראנטשיקען, אויסגערעדט וואס איך האב געקאנט, אז ער איז אזוי, און ער איז אזוי — איך האב אבער געזעהען, אז ס'איז איין ארבעס אין וואנט, מיין שפרינצע געהט אויס ווי א ליכט, האב איך איינגעשפאנט צוריק מיין פערד־און־וועגעלע און האב מיך געלאזט שוין פארנאכטליך קיין בויבעריק. פאהרענדיג אזוי, טראכט איך מיר: „וואס קאנען זיי מיך רופען מיט אזא מין אימפעט? וועגען א ווארט? וועגען א קנס־מאל? וואלט ער דאך געקאנט קומען צו מיר, דאכט זיך, דערווייל בין איך יער אבי הכלה!" און איך אליין צעלאך מיך פון דעם געדאנק: וואו איז דאס געהערט געווארען אין דער וועלט, אז דער נגיד זאל געהן צום קבצן? סיידען ס'זאל שוין ווערען עק וועלט, משיח'ס צייטען, אזוי ווי די יונגע לייטלעך, די ווייסע־חברה'ניקעס, ווילען מיך איינרעדען, אז באלד וועט קומען א צייט, וואס דער נגיד מיט'ן קבצן וועלען זיין גלייך, שלי שלך, שלך שלי, מיינס דיינס, דיינס מיינס, הפקר ציבעלעס! דאכט זיך, א קלוגע וועלט — און אזעלכע בהמות! ער־ער־ער!...

מיט די דאזיגע געדאנקען בין איך אנגעקומען קיין בויבעריק און פארפאהרען גלייך אויף דער דאטשע צו דער אלמנה, אוועק־געשטעלט דאס פערדעל, — וואו איז די אלמנה? נישטא קיין אלמנה! וואו איז דער בחור? — נישטא קיין בחור! ווער־זשע האט מיך גערופען? „איך האב אייך גערופען!" — אזוי מאכט צו מיר א קיילעכיג געפאקט אידעל מיט איין אויסגעפליקט בערדעל און מיט א גראבער גאלדענער קייט אויפ'ן בייכעל. „ווער־זשע, זאג איך, זענט איהר?" זאגט ער: „איך בין דער אלמנה'ס א ברודער און אראנטשיק'ס א פעטער... מע האט מיך, זאגט ער, ארויסגערופען מיט א דעפעש פון קאטערינעסלאוו, און איך בין נאר־וואס געקומען צו פאהרען"... „ווי באלד אזוי, נאט־זשע אייך

וואָס פאַרמאָגט אַ מיליאָן"... פרעגט זי מיך: „וויפיעל איז דאָס אַ מיליאָן?" זאָג איך: „אַז דו ביזט אַזאַ בהמה און ווייסט ניט, וויפיעל איז אַ מיליאָן, הײנט וואָס האָב איך מיט דיר וואָס צו רעדען?"... זאָגט זי: „ווער בעט דיך, זאָלסט רעדען?" — איז זי אויך גערעכט.

בקיצור, עס געהט אוועק אַ טאָג, איך קום צו פאָהרען אַהיים: „געוועזן אראַנטשיק?" — ניין, נישט געוועזן... עס געֶהט אוועק נאָך אַ טאָג: „געוועזן דער בחור?" — ניין, נישט געוועזן... איך זאָל אַריינגעהן צו דער אַלמנה מיט איין אויסרעדע, פּאַסט מיר ניט; איך וויל ניט, אַז זי זאָל מיינען, אַז טביה שלאָגט זיך נאָכ'ן שידוך... און אַגב האָב איך געפיהלט, אַז איהר באַדאַרף עס זיין כ ש ו ש נ ה בּ י ן ה ח ו ח י ם — ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען. הגם איך פאַרשטעה ניט, פאַר וואָס? באשר איך האָב ניט קיין מיליאָן? האָב איך דאָך איצטער אַ מחותנת'טע אַ מיליאָנשטשיצע! און זי ווּעמען האָט פאַר אַ מחותן? — אַ אידען איין אָרעמאַן, אַ קבצן, אַ טביה דעם מילכיגען; הײנט ווער איז מעהר יחוס, איך צי זי?... איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, איך האָב אנגעהויבען וועלען דעם שידוך, נישט אַזוי צוליעב דעם שידוך, ווי צוליעב נצחון אַליין. „אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, די יעהופּעצער גבירים, לאָזען זיי וויסען, ווער טביה איז!... ביז אַהער האָט מען מעהר ניט געהערט נאָר בראָצקי און בראָצקי, גלייך ווי די איבעריגע זענען גאָר קיין מענטשען ניט!"...

אַזוי טראַכט איך מיר, פאָהרענדיג אַהיים פון בויבעריק, און קום אַהיים, געהט מיר מיינע אַקעגען מיט אַ גדולה: „אַ שליח, איין ערל איז נאָר־וואָס געוועזן פון בויבעריק, פון דער אַלמנה, זאָלסט למען־השם באַלד קומען צו פאָהרען אַהין, עס מעג זיין אויף דער נאַכט, זאָלסט דו שפּאַנען דאָס פערדעל און קומען צו פאָהרען, מע דאַרף דיך דאָרט זעהר נויטיג האָבען!"... „וואָס האָט זיי, זאָג איך, אַזוי אַנגעשפּאַרט? וואָס האָבען זיי, זאָג איך, אַזוי קיין צייט ניט?" און איך האָפּ אַ קוק אויף מיין שפּרינצען — זי שווייגט,

צעס, איהם אונטערגעשטעלט דאָרט אַ שעז מיידעל, צי יאַ אַ טאָכ־טער, צי ניט קיין טאָכטער, איך געה ניט אַריין, זאָגט ער, אַזוי ווייט, און זי האָט זיך איהם פאַרליובעט, זאָגט ער, דאָס הייסט, זי איז איהם געפעלען, נו, און ער איהר אודאי, פון דעם, זאָגט ער, רעדט מען ניט, איך וועל אייך ניט זאָגען, זאָגט ער, עס קאָן זיין, זי איז איין אָרענטליך קינד און מיינט דאָס נעבאך ערנסט, איך געה נישט אַזוי ווייט... איהר טאָרט אָבער ניט פאַרגעסען, זאָגט ער, ווער א י ה ר זענט און ווער מ י ר זענען? איהר זענט דאָך, זאָגט ער, אַ איד אַ בר־דעת, ווי קאָנט איהר, זאָגט ער, גאָר דערלאָזען אַזעלכס, אַז טביה דער מילכיגער, וואָס פיהרט אונז קעז און פּוטער, זאָל ער זיין אונזער מחותן?... אַי, זיי האָבען זיך, זאָגט ער, געגעבען איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט? וועלען זיי דאָס נעמען צוריק! קיין גרויס אומגליק, זאָגט ער, שטעהט ניט דערביי. טאָמער דאַרף עפּיס קאָסטען, זאָגט ער, זי זאָל איהם אַרויסלאָזען פון וואָרט, מהכתיתי, מיר האָבען, זאָגט ער, גאָר נישט קעגען דעם. אַ מיידעל איז נישט קיין בחור, זאָגט ער. צי אַ טאָכטער, צי ניט קיין טאָכטער, זאָגט ער, איך וויל גאָר אַזוי ווייט נישט אַריינגעהן", זאָגט ער... „רבונו־של־עולם! — טראַכט איך מיר — וואָס וויל דער איד?"... און ער הערט נישט אויף צו רעדען איבער מיין קאָפּ: איך זאָל גאָר ניט דענקען, זאָגט ער, טאָמער וועט מיר געראָטען מאַכען אַ סקאַנדאַל, אויספויקען אומעדום, אַז זיין פּלימעניק, זאָגט ער, האָט זיך גע'שרכ'ענט צו טביה דעם מילכיגענ'ס טאָכטער... און איך זאָל זיך אַרויסשלאָגען פונ'ם קאָפּ, זאָגט ער, אַז זיין שוועסטער איז אַ מענטש, וואָס קאָטאָרע מע קאָן פון איהר פּאַמפּען געלט... מיט גוטען, זאָגט ער, מהכתיתי, קאָן מען, זאָגט ער, נעמען ביי איהר עטליכע קערבלעך; עלעהיי, זאָגט ער, אַ נדבה... מען איז דאָך, זאָגט ער, מענטשען, וואָס קאָטאָרע, מע דאַרף אַמאָל אויס־העלפען אַ מענטשען...

בקיצור, איהר ווילט וויסען, וואָס איך האָב איהם געענטפערט? איך האָב איהם, אַז אַך און וועה איז מיר, גאָר נישט געענטפערט.

אפּ שלום“, — זאָג איך און זעץ מיך אַוועק. דערזעהעז, אַז איך האָב מיך אַוועקגעזעצט, מאַכט ער צו מיר: „זיצט“. זאָג איך: „אַ דאַנק, איך זיץ שוין. וואָס־זשע מאַכט איהר, זאָג איך, ווי אַזוי איז ביי אייך, זאָג איך, די קאָסנעטוציע?“ ענטפערט ער מיר דערויף גאָרנישט ניט, צעלעגט זיך אויף אַ וויעגשטוהל, די הענט אין די קעשענעס, שטעלט אַרויס די גאָלדענע קייט מיט'ן בייכעל און מאַכט צו מיר בזה הלשון: „אייך רופט מען, דאַכט זיך, טביה?“... „יאָ, זאָג איך, צו דער תורה, אַז מע רופט מיך אויף, רופט מען מיך אויף: „יעמוד ר' ב טביה ברב שניאור זלמן“... „הערט אויס, מאַכט ער צו מיר, רב טביה, וואָס איך וועל אייך זאָגען. וואָס טויג אונז לאַנגע דבורים? לאָמיר, זאָגט ער, געהן גלייך צום ענין, געשעפט־הייסט עס“... „מהכתיתי, זאָג איך, שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: ל כ ל ז מ ן — ווען מע דאַרף רעדען געשעפט, איז געשעפט... איך בין, זאָג איך, אַ געשעפטס־מאַן“... „דאָס זעהט מען, זאָגט ער, אַז איהר זענט אַ געשעפטס־מאַן, דערפאַר וויל איך טאַקי מיט אייך רעדען סוחר'יש; איך וויל, איהר זאָלט מיר זאָגען, אָבער אָפען געשמועסט, וויפיעל וועט דאָס אונז קאָסטען אַרום און אַרום?... אָבער אָפען געשמועסט!“... „אויב, זאָג איך, אָפען געשמועסט, ווייס איך ניט, וואָס איהר רעדט“... „רב טביה! — מאַכט ער צו מיר נאָך אַ מאָל און וויל ניט אַרויסנעמען די הענט פון די קעשענעס. — איך פרעג אייך, זאָגט ער, וויפיעל וועט אונז קאָסטען אַרום און אַרום די חתונה?“ „עס ווענדט זיך, זאָג איך, וואָס פאַר אַ חתונה איהר מיינט? אויב איהר מיינט אַ גרויסאַרטיגע חתונה, ווי אייך שטעהט אָן, בין איך, זאָג איך, ניט אים שטאַנד“... שטעלט ער אָן אויף מיר אַ פּאָר עינים און מאַכט צו מיר אַזוי: „אָדער איהר מאַכט זיך תמ'עוואַטע, אָדער איהר זענט טאַקי אַ תם... חאָטש אפילו, זאָגט ער, איהר זעהט ניט אויס פון קיין תם. וואָרום איהר זאָלט זיין, זאָגט ער, אַ תם, וואָלט איהר ניט אַריינגעשלעפּט, זאָגט ער, מיין פּלימעניק אין אַ בלאָטע, איהם פאַרבעטען צו זיך כלומרשט אויף שבועות'דיגע בלינ־

מען איהר: זיץ — זיצט זי; זאָגט מען איהר: עס — עסט זי; הייסט מען איהר געהן — געהט זי; און אַז מע טהוט זי אַ רוף, טהוט זי זיך אַ וואָרף... איך קוק אויף איהר, און עס פאַרקלעהמט מיר דאָס האַרץ, און עס ברענט אין מיר אַ פייער — אויף וועמען ווייס איך ניט... אַך טי רבונו־של־עולם, אלהינו נאַש! פאַר וואָס שטראָפסט דו מיך אַזוי, פאַר וועמענס זינד? !

בקיצור, איהר ווילט וויסען דעם סוף? אַזאַ סוף וויל איך נישט ווינשען דעם ערגסטען שונא, און מע טאָר עס גאָר ניט ווינשען, וואָרום די קללה פון קינדער איז די ערגסטע קללה פון דער תוכחה! פון וואַנען ווייס איך, אַז מיך האָט עמיצער נישט פאַרשאָלטען מיט קינדער? איהר גלויבט ניט אין די זאַכען? וואָס־זשע דען איז דאָס? אדרבה, לאָמיר האָרכען פון אייך... נאָר צו וואָס נוצען אונז חקירות? אמעהר, הערט דעם סוף, וואָס איך וועל אייך דער־צעהלען. איינמאָל פאַרנאַכט פאָהר איך אַהיים פון בויבעריק מיט אַ גוט האַרץ: באַרעכענט נאָר דעם פאַרדראָס, דעם בזיון; הייִנט דעם רחמנות פון קינד!... און די אַלמנה, וועט איהר פרעגען? און דער זוהן? — ווער מיר אַלמנה? וואָס מיר זוהן? אַוועקגע־פאָהרען און אפילו זיך ניט געזעגענט! ס'איז אַ בושה אויסצו־זאָגען: ס'איז געבליבען שטעהן ביי מיר אויף זיי אַ שטיקעל חוב פאַר קעז און פוטער... נאָר איך רעד נישט פון דעם, מסתמא האָ־בען זיי פאַרגעסען... איך רעד פון'ם געזעגענען זיך: אַוועק־פאָהרען און אפילו זיך ניט געזעגענט!... וואָס דאָס קינד נעבאָך האָט איבערגעטראָגען — דאָס האָט ניט געוואוסט קיין בן־אדם, אחוץ מיר, וואָרום איך בין אַ טאַטע, אַ טאַטענס האַרץ פיהלט... טאָמער מיינט איהר, אַז זי האָט מיר געזאָגט אפילו אַ חצי דבור? באַקלאָגט זיך? אדער געוויינט אַ מאָל? ע! קענט איהר דאָך ניט טביה'ס טעכטער! שטיל, אין זיך, איינגעגאַנגען, געצאַנקט ווי אַ ליכט! וועז־ניט־וועז אַרויסגעהאַפּט זיך מיט אַ זיפץ, נאָר אַזאַ מין זיפץ, וואָס רייסט אַרויס אַט אַזאַ שטיק האַרץ! הכלל, פאָהר איך מיר אַזוי מיט מיין פערדעל אַהיים, פאַרטיעפט אין

ס'איז מיר געווען, ווי זאָגט איהר, תדבק לשוני — עס האָט מיר ווי אָפּגענומען דאָס לשון! איך האָב זיך אויפגעהויבען, זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער טהיר — און נישטאָ מיך!... ווי פון אַ שרפה האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט, ווי פון אַ טורמע!... עס האָט מיר געזשומעט אין קאָפּ, געשעמערירט אין די אויגען און גע־טורקעט אין די אויהערען די ווערטער פון דעם אידען: „אָפּען געשמועסט"... „אַ טאַכטער, ניט קיין טאַכטער"... „איין אַלמנה אויף צו פּאַמפּען"... „עלעהיי אַ נדבה"... און בין צוגעגאַנגען צו מיין פערד־און־וועגעלע, אַריינגעלעגט דאָס פּנים אין בריטשקע אַריין און — איהר וועט ניט לאַכען פון מיר? — אַז איך האָב מיך צע־וויינט, האָב איך געוויינט און געוויינט! און אַז איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און געזעסען אויף דער בריטשקע און איינגעטיילט מיין פערדעל נעבאַך וויפיעל ס'איז אין איהם אַריין, האָב איך ערשט דעמאָלט געפרעגט ביי גאָט אַ קשיא, אַזוי ווי איוב האָט אַמאָל געפרעגט: וואָס האָסט דו, גאָטעניו, אַזעלכס דערזעהען אין דעם אַלטען איוב'ן, וואָס דו לאָזט איהם ניט אָפּ אויף קיין מינוט? ס'איז שוין מעהר ניטאָ קיין אידען אויף דער וועלט? און איך קום צו פאָהרען אַהיים, טרעף איך מיין חאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, פרייליך. מען עסט וועטשערע, נאָר איין שפּרינצע איז נישטאָ. „וואו איז שפּרינצע?" — פרעג איך. „וואָס הערט זיך, זאָגען זיי מיר, וואָס האָט מען דיך גערופען?" זאָג איך נאָך אַ מאָל: „וואו איז שפּרינצע?"... ענטפערען זיי מיר נאָך אַ מאָל: „וואָס הערט זיך?"... זאָג איך: „גאָרניט, וואָס זאָל זיך הערען? ס'איז, דאַנקען גאָט, שטיל, פון פאַגראַמען הערט מען ניט"... ביי די ווער־טער קומט אַז שפּרינצע, טהוט מיר אַ קוק אין די אויגען אַריין, זעצט זיך אַוועק צום טיש, גלייך ווי ניט זי מיינט מען, ניט פון איהר רעדט מען... אויפ'ן פּנים ביי איהר קאָן מען נישט דער־קענען גאָרנישט, נאָר דאָס שטילקייט איהרס איז שוין צו פיעל, חוץ לדרך הטבע... היינט געפעלט מיר ניט דאָס זיצען איהרס פאַר־טראַכט און דאָס פאָלגען איהרס, וואָס מע הייסט איהר; זאָגט

סחורה. די וועלט איז אויך אַ וועלט. מע מוז אין זינען האָבען אַ קערבעל אויך — און פאַרגעסען וואָס ס'איז געוועזן. וואָרום דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, מוז, זאָגט מען, פאַרגעסען ווערען, און אַז מען איז אַ לעבעדיגער מענטש, קאָן מען די נשמה ניט אויסשפּייען. עס העלפט ניט קיין חכמות, און מיר מוזען זיך אומקעהרען צוריק צום אַלטען פּסוק, אַז כל זמן שהנשמה בקרבי, איז פאַהר ווייטער. טביה!... זייט מיר געזונט, און אַז איהר וועט מיך דערמאָנען, זאָלט איהר מיך ניט דערמאָנען צו בייזען.

טרויעריגע מחשבות און געדאנקען, פרעג קשיות ביי׳ם רבונו־של־עולם און ענטפער מיר אליין. און עס אהרט מיך שוין ניט אזוי אויף גאט — מיט גאט האב איך מיך שוין ווי עס איז איבערגע־בעטען; מיך אהרט אויף מענטשען: למאי זאלען מענטשען זיין אזוי שלעכט, אז זיי קאנען זיין גוט? פאר וואס זאלען מענטשען פארביטערען דאס לעבען אי יענעם, אי זיך, אז זיי האבען ביד לעבען זיס און גליקליך? געשיקט זיך עס, אז גאט האט באשאפען דעם מענטשען צוליעב דעם, ער זאל אפקומען אויף דער וועלט?... וואס האט דאס איהם גענוצט?... מיט אזעלכע געדאנקען פאהר איך אריין צו מיר אין חוטאר אריין, און דערזעה פון דער ווייטען, ביי דער גרעבלי, איז איין אנגעלויף פון מענטשען, גויים, גויעס, שיקסעס, שקצים און קליינע שקצים׳לעך אהן א שעור. וואס קאן דאס זיין? קיין שרפה ניט; מסתמא א דערטרונקענער, עמיצער האט זיך געבאדען ביי דער גרעבלי און געפונען דעם טוידט. קיינער ווייסט ניט, וואו דער מלאך־המות ווארט אויף איהם, ווי מיר זאגען אין „ונתנה תוקף“... פלוצים זעה איך מיין גאלדע לויפט, די שאל צעלאזט, די הענט ארויסגעשטעלט אויף צופריהער, און פאר איהר מיינע קינדער, טייבעל און ביילקע, און אלע דריי מיט א געשריי, מיט א יללה, מיט א יאמער: „טאכטער! שוועסטער! שפרינצע!“... אראפגעשפרונגען פון דעם וואגען, ווייס איך ניט, ווי אזוי איך בין ניט צעשפרונגען געווארען, און אז איך בין צו־געלאפען צום טייך, איז שוין געווען נאך אלע היום׳ס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואס האב איך אייך געוואלט פרעגען?... יא! האט איהר געזעהען ווען א געטרונקענעם? קיין מאל נישט?... א מענטש, אז ער שטארבט, שטארבט ער מייסטענטיילס מיט צוגעמאכטע אויגען... ביי א געטרונקענעם זענען די אויגען אפען — ווייסט איהר נישט דעם שכל, פאר וואס דאס איז?... האט קיין פאראיבעל נישט, איך האב ביי אייך צוגענומען צייט, און אליין איז מען אויך געבונדען: מע דארף געהן צום פערדעל און מע מוז צעפיהרען דאס ביסעל

טביה פאָהרט
קיין ארץ-ישראל

דערצעהלט פון טביה דעם מילכיגען, פאָהרענדיג אין באַהן.

געשריבען אין יאָהר 1909.

אַז ער האָט, זאָג איך, באַשאַפען אַזוי שען זיין וועלטעל, זאָג איך, אַז קינדער זענען נישט קיין קינדער, זאָג איך, און טאַטע־מאַמע זענען בלאָטע, זאָג איך, ווייסט ער דאָך מסתמא, וואָס ער האָט צו טהון!"... פאַרשטעהט זי נישט וואָס איך רעד און ענטפערט מיר בוידעם: „איך שטאַרב, זאָגט זי, אַוועק, טביה, ווער וועט דיר קאָכען וועטשערע?"... אַזוי מאַכט זי צו מיר שטיל און קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגען, אַז אפילו אַ שטיין קאָן עס ריהרען. טביה איז דאָך אָבער נישט קיין אידינע, ענטפער איך איהר אָפּ מיט אַ ווערטעל, און מיט אַ פּסוק, און מיט אַ מדרש, און מיט נאָך אַ מדרש: „גאָלדע, זאָג איך, ביזט מיר געווען, זאָג איך, געטריי אַזוי פיעל יאָהרען, וועסט דו מיך אויף דער עלטער, זאָג איך, נישט מאַכען צום נאַר", זאָג איך, און טהו אַ קוק אויף מיין גאָלדען — פּיזעם! „וואָס איז דיר, זאָג איך, גאָלדע?" „גאָר נישט", מאַכט זי צו מיר, קוים־קוים וואָס זי רעדט. ע! איך זעה, די שפּיעל איז פאַר'ן טייוועל, נעם איך און שפּאַן איין דאָס פערדעל און פאָהר אַוועק אין שטאָדט אַריין און ברענג אַראָפּ אַ דאָקטאָר, דעם בעסטען דאָקטאָר. איך קום צו פאָהרען אַהיים — טע־טע־טע! מיין גאָלדע ליגט שוין אויף דער ערד מיט אַ ליכטעל צוקאָפּענס און זעהט אויס, ווי אַ בערגעל ערד האָט מען צענויפגעשאַרט און איבערגעדעקט מיט שוואַרצען, און איך שטעה און טראַכט מיר: „כי זה כל האדם — אָט דאָס איז דער סוף פון'ם מענטשען? אַך טי, רבונו־של־עולם, וואָס דו טהוסט אָפּ מיט דיין טביה'ן! וואָס וועל איך איצטער טהון אויף דער עלטער, פאַרפינסטערט בין איך גע־וואָרען?" און אַזוי האָב איך געגעבען אַ פאַל־צו צו דער ערד... נאָר גענוג שריי חי וקיים! הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אַז מע זעהט פאַר זיך דעם טוידט, מוז מען ווערען איין אפּיקורס און מע הויבט אָן נאָכצוקלערען, מה אנו מה חיינו — וואָס איז אינגאַנצען אָט די וועלט מיט די גלגלים, וואָס זיי דרעהען זיך, מיט די באַהנען, וואָס לויפען משוגע'נער־ווייז, מיט דעם גאַנצען טאַרעראַם אַרום און אַרום, און

שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג! קיין שטיב נישט דערלאָזען זאָל אויף מיר פאַלען. איך האָב שוין געזאָגט צו זיך אַליין: דער רבונו־של־עולם איז, ווי מיר זאָגען אינ'ם וכל מאמינים שהוא: ו מ ק ד י ם ר ח מ י ם ל ר ו ג ז — ער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. נישמעהר, ס'איז שווער צו וויסען, וועלכס איז ערגער, די רפואה, אָדער די מכה? געה זיי אַ נביא און טרעף, אַז ביילקע וועט צו־ליעב מיר נעמען און פאַרקויפען זיך פאַר געלט און אַפּשיקען דעם טאַטען אויף די עלטערע יאָהרען קיין ארץ־ישראל! מאַהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי. זי איז אין דעם אַזוי שולדיג, פונקט אַזוי ווי איהר. איינגאַנצען איז דאָ שולדיג ער, איהר אויסדערוועהלטער, איך וויל איהם ניט שעלטען, אַ קאַזאַרמע זאָל אויף איהם איינ־פאַלען! און אפשר, אַז מיר זאָלען וועלען גוט באַטראַכטען, גריבלען זיך אַ ביסעל טיעפער, קאָן זיין, אַז איך אַליין בין דאָ מעהר חייב פון אַלעמען, וואָרום ס'איז דאָך אַ בפירוש'ע גמרא: ח י י ב א ד ם... נאָר ס'איז שען, כלעבען, אַז איך דאַרף אייך דערצעהלען, וואָס די גמרא זאָגט!

בקיצור, איך וויל אייך נישט לאַנג האַלטען. ס'איז אַוועקגע־גאַנגען אַ יאָהר און אַ יאָהר, מיין ביילקע איז אויסגעוואַכסען, גע־וואָרען, קיין עין־הרע, אַ מיידעל צו לייטען, און טביה טהוט זיך זיין געשעפט, ווי תמיד, מיט'ן פערד־און־וועגעלע פיהרט ער אַפּ דאָס ביסעל מילכיגס זומער קיין בויבעריק, ווינטער קיין יעהופּעץ, אַ מבול זאָל אויף דעם קומען, ווי אויף סדום! אַנקוקען קאָן איך נישט אַט די דאָזיגע שטאָדט, און ניט אַזוי די שטאָדט אַליין, ווי די מענטשען, און ניט אַלע מענטשען, נאָר איין מענטש — אפרים דעם שדכן, אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אַריין! אַט וועט איהר אומיסטנע הערען וואָס אַ איד אַ שדכן טהוט אַפּ.

ויהי היום, קום איך צו פאָהרען איינמאָל אַרום חצי אלול קיין יעהופּעץ מיט מיין ביסעל סחורה. איך טהו אַ קוק — ו י ב ו א ה מ ן — אפרים דער שדכן געהט! איך האָב אייך אַמאָל דער־צעהלט פון איהם. אפרים איז אפילו אַ איד איין איינגעגעסענער,

אפילו בראָצקי מיט זיינע מיליאָנען — הכל הבל, גאָרנישט שבגאָרנישט!

בקיצור, איך האָב איהר געדונגען אַ קדיש, גאָלדע'ן עליו השלום, באַצאָהלט פאַר אַ גאַנץ יאָהר פריהער. אַ ברירה האָב איך געהאַט, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, נישט געגעבען מיר קיין זכרים, נאָר נקבות, נאָר טעכטער און טעכטער, קיין גוטער איד זאָל זיי נישט קענען! איך וויים נישט, צי אַלע אידען ווערען אַזוי פאַרשוואַרצט מיט זייערע טעכטער, צי נאָר איך בין אַזאַ פינסטערער שלים־מזל, וואָס איך האָב צו זיי קיין גליק נישט? דאָס הייסט, צו די טעכ־טער אַליין האָב איך גאָרנישט, און גליק איז ביי גאָט. וואָס זיי ווינשעווען מיר — מעג עס מיר אָנקומען חאָטש האַלב. אדרבה, זיי זענען שוין צו געטריי, און וואָס „צו" איז איבעריג. אָט נעמט, למשל, די מיזינקע מיינע, ביילקע רופט מען זי. וואָס ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר אַ קינד? איהר קאָנט דאָך מיך, ברוך־השם, ווי זאָגט איהר, פון אַ יאָהר מיט אַ מיטוואָך און ווייסט, אַז איך בין נישט דער טאַטע, וואָס קאָטאָרי זאָל זיך אָוועקזעצען אָפּלויבען זיינע קינדער, גלאָט אַזוי אין טאָג אַריין. נאָר אַז ס'איז געקומען צו רעד פון מיין ביילקען, מוז איך אייך זאָגען נישט מעהר, ווי שלשה דברים — צוויי ווערטער: זינט גאָט האָנדעלט מיט ביילקעס, האָט ער נאָך אַזאַ ביילקע נישט באַשאַפען. מילא פון שענקייט שמועסט מען נישט. טביה'ס טעכטער, ווייסט איהר אַליין, האָבען אַ שם אויף דער וועלט פאַר די שענסטע קראָסאַוויצעס. נאָר זי, ביילקע הייסט עס, וועט זיי אַלע פאַרשטעקען אין גאַרטעל. אַז מע שמועסט יפית — איז דאָך ניט שייך! אַקעגען מיין ביילקען מוז מען טאַקי זאָגען מיט די ווערטער פון אשת חיל: שקר החן — איך רעד נישט פון שענקייט, איך רעד פון כאַראַקטער רעד איך. גאָלד, גין־גאָלד, זאָג איך אייך! פון תמיד אַז בין איך ביי איהר געווען דאָס אויבערשטע פון דער מילך, נאָר פון זינט מיין גאָלדע עליו השלום איז, איהר צו לענגערע יאָהר, נפטר געוואָרען, איז דער טאַטע געוואָרען ביי איהר — דאָס

גדולה?"... זאָגט ער: „ס'איז גוט, רב טביה, ס'איז אויסגעצייכענט גוט, עס קאָן שוין גאָר בעסער נישט זיין אין דער גאַנצער וועלט!"... זאָג איך: „דהיינו, וואָס איז די גוטסקייט?"... זאָגט ער: „איך האָב פאַר אייער מיזינקע אַ גליַיכס, אַ גליק, אַ הויפּט־טרעפער, אַ גביר, איין אַדיר, אַ מיליאָנשטשיק, אַ בראַצקי, אַ פּאָדראַטשיק איז ער און הייסען הייסט ער פדהצור!"... זאָג איך: „פּדהצור? אַ קענטליכער נאָמען פון חומש"... זאָגט ער: „וואָס מיר חומש? וועך מיר חומש? ער איז אַ פּאָדראַטשיק, אָט דער פדהצור, ער בויעט הייזער, מויערען, בריקען, געווען אין יאַפּאַניע ביי דער מלחמה, געבראַכט אַ מטמון מיט געלד, פאָהרט אַרום מיט ברע־נענדיגע סוסים, מיט קאַרעטעס, מיט לאַקייען ביי דער טהיר, מיט אַ בעדעל ביי זיך אינווענינג אין שטוב, מיט מעבעל פון פּאַריזש, מיט אַ בריליאַנטענעם רינג אויף דער האַנט, נאָך גאָר נישט קיין אַלטער מאַן, אַ בחור, איין אמת'ער, אַ „חאָלאָסטאָי", פּרימאַ! און זוכען זוכט ער אַ שען מיידעל, מעג זיין וועך זי איז, אַ נאַקעטע־אַ באָרוועסע, אַבי אַ יפת־תואר!"... „טפררו! — זאָג איך צו איהם. — אַז איהר וועט אַזוי פליהען, זאָג איך, אַהן אַ פּאַפּאָס, וועלען מיר פאַרפאָהרען מיט אייך, רב אפרים, קיין האַצעקלאַץ. אויב איך האָב קיין טעות נישט, זאָג איך, האָט איהר מיר אַמאָל געהאַט גערעדט דעם אייגענעם שידוך, זאָג איך, פאַר מיין עלטערע טאָכטער, פאַר האָדלען", זאָג איך... דערהערט פון מיר די דאָזיגע ווערטער, אַז ער האַפּט זיך ניט, אפרים הייסט עס, ביי די זייטען און הויבט אָן צו לאַכען. איך האָב געמיינט, דער איד וועט באַקומען די פּאָפּלעקציע. „אַהאַ, זאָגט ער, איהר האָט זיך דערמאָנט, זאָגט ער, אַ מעשה, אַז מיין באָבע איז געלעגען געוואָרען מיט'ן ערשטען קינד! יענער האָט אָנגעזעצט נאָך פאַר דער מלחמה און אַנטלאָפען קיין אַמעריקע!"... „זכר צדיק לברכה, זאָג איך, אפשר וועט דער אויך, זאָג איך, אַוועק אַהין?" ווערד ער אויסער זיך, דער שדכן הייסט עס: „וואָס רעדט איהר דאָס, רב טביה? יענער איז גע־ווען, זאָגט ער, אַ פייפער, אַ שאַרלאַטאַן, איין אויסברענגער, און

נאר אז מע דערזעהט איהם, מוז מען זיך אפּשטעלען — אט אזא מין כּח האט אין זיך אט דער איד... „הער נאר, חכם מיינער, זאג איך צו מיין פערדעל, שטעה א ווײלע, וועל איך דיר געבען עפּיס קייען". און איך שטעל־אפּ אפרים דעם שדכן און געב איהם אפּ שלום און מאך מיט איהם א שמועס מן הצד: „וואס הערט זיך עפּים מכח פּרנסה?" טהוט ער א געשמאקען זיפץ און מאכט צו מיר: „ס'איז ביטער!"... זאג איך: „דהיינו?" זאגט ער: „נישטא וואס צו טהון"... זאג איך: „לחלוטין?" זאגט ער: „לחלוטין!"... זאג איך: „וואס איז די מעשה?"... זאגט ער: „די מעשה איז, וואס שידוכים ווערען שוין היינט ניט געשלאסען מעהר אין דערהיים"... זאג איך: „וואו דען ווערען זיי היינט געשלאסען?" זאגט ער: „דארטען ערגיץ, אין אויסענלאנד"... זאג איך: „וואס־זשע זאל טהון אזא ד, ווי איך, למשל, וואס מיין זיידענס באבע איז דארט יומאל יישט געווען?"... זאגט ער צו מיר און דערלאנגט מיר א שמעק טאבעקע: „פאר אייך האב איך, רב טביה, א שטיקעל סחורה דא אויפ'ן ארט"... זאג איך: „דהיינו?"... זאגט ער: „א אידינע איין אלמנה אהן קינדער מיט ק"ן קערבלער, געווען א קעכין אין אלע גרעסטע הייזער"... קוק איך איהם אן און זאג צו איהם: „רב אפרים, פאר ועמען מיינט איהר דאס א שידוך?" זאגט ער: „פאר וועמען זאל איך מיינען? פאר אייך"... זאג איך: „אלע בייזע ווימטע חלומות זאלען אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ!" און נעם און דערלאנג מיין פערד א שמיצעל און וויל פאהרען ווייטער. מאכט צו מיר אפרים: „האט קיין פאראיבעל ניט, רב טביה, אפשר האב איך אייך פוגע בכבוד געווען. זאגט־זשע מיר, וועמען דען האט איהר געמיינט?" זאג איך: „וועמען דען זאל איך מיינען, אז ניט מיין מיזינקע?"... טהוט ער א שפרונג־אפּ, דערלאנגט זיך א פּאטש אין שטערן: „שא! גוט וואס איהר האט מיך דערמאנט, לאנג לעבען זאלט איהר, רב טביה!" זאג איך: „אמן, גם אתם, דערלעבט איהר אויך ביז משיח וועט קומען. נאר וואס איז מיט אייך, זאג איך, אזוי די

איהם אויסגעטריקענט געוואָרען און ער פאַרשטעהט ניט, זאָג איך, אז דאס טהוסט דו צוליעב דיין אַלטען טאַטען? דו ווילסט איהם, זאָג איך, פאַרזאָרגען מיט אַ גוט עלטער, ער זאָל האָבען וואו דעם קאָפּ אנצושפּאַרען, ער זאָל חלילה נישט דאַרפען געהן, זאָג איך, איבער די הייזער? אויב דו מיינסט אַזוי, ביזט דו, זאָג איך, אַ גרויסער נאַר, זאָג איך. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט, זאָג איך, און טביה איז ניט פון די עשרה בטלנים, זאָג איך, וואָס וועט זיך אוועקזעצען, זאָג איך, אויף לאָסקאָווע ברויט, און געלט, זאָג איך, איז בלאָטע, זאָג איך, ווי אין פסוק שטעהט. אַ סימן האָסט דו, זאָג איך, אַט איז דיין שוועסטער האָדעל אַ גוטע אביון׳טע, פון דעסטוועגען, זאָג איך, זעה, וואָס זי שרייבט פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, זאָג איך, פון עק וועלט, און ווי זי שעצט זיך גליקליך, זאָג איך, מיט איהר שלים־מזל פעפערעל!“... אַנו, זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס? „צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסט דו מיך, זאָגט זי, ניט גלייכען. האָדעל איז געוועזען, זאָגט זי, אין אַזאַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געוויעגט, זאָגט זי, געהאַלטען אַט־אַט ביי איבערקעהרען זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פאַר דער וועלט, און זיך האָט מען פאַרגעסען; און איצט, זאָגט זי, אז די וועלט איז אַ וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדער פאַר זיך און די וועלט האָט מען פאַר־געסען“... אַט אַזוי ענטפערט זי מיר דערויף, ביילקע הייסט עס, און געהט פאַרשטעהט, וואָס זי מיינט!

נו? איהר זענט עפּיס אַ מבין אויף טביה׳ס טעכטער? איהר האָט זי באַדאַרפט זעהן צו דער חופּה — אַ פּרינצעסין! איך בין נאָר געשטאַנען און געשפּיעגעלט זיך אין איהר און געטראַכט צו זיך אַליין: „אַט דאָס איז ביילקע, טביה׳ס טאָכטער? וואו האָט זי זיך אויסגעלערענט אַזוי שטעהן, און אַזוי געהן, און אַזוי האַלטען דעם קאָפּ, און אַזוי אַנטהון זיך, ס׳זאָל אויף איהר זיין, ווי אויס־געגאָסען?“... נאָר לאַנג שפּיעגלען זיך אין איהר האָט מען מיך נישט געלאָזט, ווארום דעם זעלבען טאָג פון דער חופּה, אַרום האַלב

דער איז א פאדראטשיק, זאגט ער, פון דער מלחמה, מיט געשעפטען, מיט א קאנטאר, מיט מענטשען, מיט... מיט... מיט"... וואס זאל איך אייך זאגען, דער שרכן האט זיך אזוי צעהיצט, אז ער האט מיך אראפגענומען פונ'ם וואגען און ער האט מיך אנגענומען ביי די לאצען און האט מיך אזוי לאנג געטרייסעלט, ביז ס'איז צוגע־גאנגען א גאראדאוואי און האט אונז ביידען געוואלט אפפיהרען אין קאטשומענט אריין. א שטיקעל גליק, וואס איך האב מיך דער־מאנט אינ'ם פסוק: ל נ כ ר י ת ש י ך — מיט פאליציע דארף מען וויסען, ווי אזוי צו האנדלען...

בקיצור, למאי זאל איך אייך לאנג האלטען? אט דער פדהצור איז געווארען א חתן פאר מיין מיזינקע,ביילקע הייסט עס, און ל א א ר כ ו ה י מ י ם — ס'האט א ביסעל געדויערט ביז מיר האבען געשטעלט א חופה. פאר וואס זאג איך, ס'האט א ביסעל געדויערט? ווייל זי, ביילקע הייסט עס, האט נישט געוואלט דעם שידוך, אזוי ווי מע וויל נישט שטארבען. וואס מעהר אט דער פדהצור איז צו איהר צוגעשטאנען מיט מתנות און מיט גילדענע זייגערלעך און מיט בריליאנטענע פינגערלעך, איז ער איהר אלץ מעהר נמאס געווארען. מיר דארף מען קיין פינגער אין מויל נישט אריינלעגען. איך האב עס גאנץ גוט ארויסגעזעהען נאך איהר פנים און נאך איהרע אויגען און נאך איהר וויינען, וואס זי האט געוויינט שטילערהייד. בין איך מיך מיישב איינמאל און רוף מיך אן צו איהר אזוי, פארבייגעהענדיג: „הערסט דו, ביילקע, זאג איך, איך האב מורא, זאג איך, אז דיין פדהצור איז דיר אזוי ליעב, זאג איך, און אזוי זיס, אזוי ווי מיר?"... ווערד זי רויט ווי פייער און מאכט צו מיר: „ווער האט דאס דיר געזאגט?" זאג איך: „וואס־זשע דען איז דער געוויין גאנצע נעכט?" זאגט זי: „איך וויין דען?" זאג איך: „נייך, דו וויינסט נישט, נאר דו חליפעסט. דו מיינסט, זאג איך, אז דו באהאלסט דעם קאפ אין קישען, וועסט דו פון מיר פארדעקען, זאג איך, דיינע טרערען? דו מיינסט, זאג איך, אז דיין טאטע איז א יונגעלע, זאג איך, אדער דער מח איז

ז ה ו ע ל מ ה ז ה — ווי קום איך, אַזאַ שטיל מענטשעל, ווי טביה, צו אַזעלכע גרויסע געשעפטען? וואָס טויג מיר דער טאַרעראַם מיט'ן יריד, מיט'ן הו־האַ, טאָג ווי נאַכט, ווי זאָגט איהר: ל ה ו ש י ב י ע ם נ ד י ב י ם — זיך טויטשען מיט די מיליאָנ־שטשיקעס? לאָזט מיך אָפּ, איך וויל האָבען אַ רוהיג עלטער, אריינקוקען אַמאָל אין אַ משניות, זאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים, מע דאַרף דאָך אַמאָל אין זינען 'האָבען יענע וועלט אויך, צי ניין? ווי זאָגט שלמה המלך: אַ מענטש איז אַ טשיסטע בהמה, ער פאַר־געסט, אַז וויפיעל ער זאָל ניט לעבען, מוז ער אַמאָל שטאַרבען... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען און מחשבות בין איך גיגקומען צו פאָהרען למזל קיין יעהופּעץ גלייך צו מיין פדהצור'ן. מילא, איך זאָל מיך געהן באַריהמען, דערצעהלען אייך ר ו ב ג ד ל ו ו ר ו ב ע ש ר ו — זיין דירה מיט זיין זיצעכטס, איז ניט שייך צו זאָגען. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו זיין ביי בראָצקי'ן אין שטוב, נאָר איך בין מיר משער על־פּי שכל, אַז שענער ווי ביי דעם פדהצור קאָן שוין גאָרניט זיין! איהר קאָנט פאַרשטעהן שוין פון דעם אַליין, וואָס פאַר אַ דירה־מלוכה דאָס איז, אַז דער שומר, וואָס ביי דער טהיר, אַ ווערגעלעץ מ׳ט זילבערנע קנעפּ, האָט מיך בשום אופן נישט געוואָלט אריינלאָזען אינווענינ, חאָטש געב איהם אַ קרענק. וואָס טהוט זיך דאָ? די טהיר איז אַ גלעזערנע טהיר, זעה איך, ווי ער שטעהט, אָט דער ווערגעלעץ, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערען, און רייניגט מלבושים. ווינק איך צו איהם, רעד מיט איהם אויף שטום־לשון און באַווייז איהם מיט די הענט, אַז ער זאָל מיך אריינלאָזען אינווענינ, מחמת דעם בעל־הבית'ס ווייב קעהר מיר אַן אַ לייבליכע טאָכטער... פאַרשטעהט ער אָבער נישט אויפ'ן וואונק, אַ גויישער קאָפּ, ווייזט ער מיר אויך מיט די הענט, אויך אויף שטום־לשון, אַז איך זאָל געהן לעזאזל — נעמען דעם וועג הייסט עס. נאָט אייך אַזאַ שלים־מזל! צו איין אייגענער טאָכטער זאָל מען דאַרפען האָבען זכות אבות! „אַז אַך און וועה איז צו דיין גרויען קאָפּ, טביה, צו וואָס דו האָסט זיך דערלעבט!“ —

זעכס פאַר־נאַכט, האָט זיך דאָס פּאָרעל אויפגעהויבעז, און ה ל ד מ ש ה מ ר ד כ י — מען איז אָוועק מיט׳ן קוריער צו אַלדי גוטע יאָהר, קיין „נאַטאַליע“, ווי די מאָדע איז ביי די גרויסע, און צוריק איז מען געקומען ערשט העט אַרום חנוכה, און מע האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל למען־השם תיכף־ומיד קומען צו פאָהרען קיין יעהופּעץ. איז דאָס מיר באַלד אַריין אין קאָפּ אַריין: ממה־נפשך, זיי זאָלען וועלען, איך זאָל גלאַט אַזוי קומען, וואָלטען זיי אַנגעזאָגט, איך זאָל קומען — און אַ סוף. צו וואָס טויג נאָך דער „למען־השם“ מיט׳ן „תיכף־ומיד“? מסתמא מוז דאָך דאָ זיין עפּיס אַ זאַך! פרעגט זיך אַ קשיא: וואָס פאַר אַ זאַך? און אַלערליי מחשבות און געדאַנקען, גוטע און שלעכטע, קריכען מיר אין קאָפּ אַריין: אפשר האָט זיך שוין דאָס פּאָרפאָלק דאָרטען צעאַמפּערט, ווי די קעץ, און עס האַלט ביי גט׳ען זיך? און באַלד טאַקי שלאָג איך מיר אָפּ: ביזט אַ נאַר, טביה, למאי זאָלסט דו וועלען אויסלעגען אויף שלעכטען? פון וואַנען ווייסט דו, וואָס מען רופט דיך? אפשר האָבען זיי זיך פאַרבענקט נאָך דיר און ווילען דיך זעהן? אָדער אפשר וויל ביילקע, אַז איהר טאַטע זאָל זיין נאָהענט נעבען איהר? אָדער אפשר וויל גאָר פדהצור דיר געבען אַ שטעלע, דיך צונעמען צו זיינע געשעפטען און מאַכען דיך פאַר אַ משגיח אויף זיינע פּאָדראַדען? סיי־ווי־סיי, פאָהרען דאַרף מען. און איך זעץ מיך אויף און ז י ל ד ח ר נ ה — איך פאָהר קיין יעהופּעץ. פאָהרענדיג אַזוי, געהט מיר איבער ׳דער כח־הדמיון, און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך האָב אָוועקגעוואָרפען דאָס דאָרף, פאַרקויפט די בהמה׳לעך, מיט׳ן פערד־און־וועגעלע, מיט הכל בכל, און בין אַריבערגעפאָהרען אין שטאָדט און בין געוואָרען ביי מיין פדהצור׳ן פריהער משגיח, דערנאָך קאַסיר, דערנאָך כל־ולך איבער אַלע זיינע פּאָדראַדען, און דערנאָך אַ שותף צו אַלע זיינע געשעפטען גלייך מיט איהם, האַלב אויף האַלב, און פאָהר אַרוים גלייך מיט איהם אויף אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, איינער אַ בולאַנער, דער אַנדערער אַ קאַשטאַנעוואַטער, און איך וואונדער מיך אויף זיך אַליין: מ ה

א ביסעל ווייטער; איך טהו א קוק — עטליכע טביה'ס מיט א מאָל שניידען זיך אקעגען מיר פון אלע זייטען, איין טביה געהט אהער, דער אנדערער טביה אהין, איינער צו מיר, דער אנדערער פון מיר — טפו !אלסט דו ווערען! פון אלע פיער זייטען שפיעגלען! נאָר אזא מין פויגעל, ווי אט דער פאָדראַטשיק, קאָן זיך פאַרגינען אזוי פיעל זייגערס מיט אזוי פיעל שפיעגלען!... און עס קומט מיר אויף די געדאַנקען פדהצור, א גראָבס און א קיילעכיגס, מיט א ליסינע איבער'ן גאַנצען קאָפּ, און סע רעדט הויך און סע לאַכט דריבניטשקע, און איך דערמאָן מיך, ווי אזוי ער איז געקומען צו מיר דאָס ערשטע מאָל אין דאָרף אריין מיט די ברענענדיגע סוסים, זיך צעלעגט ביי מיר, ווי ביי זיין טאַטען אין וויינגאָרטען, זיך באַקאַנט מיט מייןביילקען, מיך אוועקגערופען אויף א זייט און איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויהער, נאָר אזוי הויך, אז מע האָט געקאָנט הערען אויף יענער זייט יעהופּעץ. וואָס איז געווען דער סוד? דער סוד איז געווען, אז מיין טאַכטער איז איהם געפעלען און ער וויל, אז ס'זאָל זיין איינס־צוויי־דריי און א חופּה. מילא, אז מיין טאָכטער איז איהם געפעלען — דאָס פאַרשטעהט מען מיט'ן שכל, נאָר אט דער איינס־צוויי־דריי איז מיר אריין כ ח ר ב פ י פ י ו ת — ווי א טומפּער מעסער אין האַרצען אריין. וואָס הייסט דאָס איינס־צוויי־דריי און א חופּה? און וואו בין איך? און וואו איז ביילקע? אי, האָט זיך מיר געוואָלט איהם אריינהאַקען א פּאָר פסוקים מיט א מדרש, ער זאָל מיך האָבען צו געדענקען! נאָר צוריק האָב איך מיך מיישב געווען: „ל מ ה ז ה א נ כ י — וואָס דאַרפסט דו זיך מישען, טביה, צווישען קינדער? א סך האָסט דו גע'פּועל'ט ביי דיינע עלטערע טעכטער, אז דו האָסט געוואָלט זאָגען דעות אויף זייערע שידוכים? האָסט זיך אָנגערעדט ווי א פּויק, אויסגעשאָטען די גאַנצע תורה דיינע, און ווער איז געבליבען א נאַר? — טביה!“

הקיצור, לאָמיר אוועקוואַרפען, ווי זאָגט איהר דאָרטען אין אייערע ביכלעך, דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה.

אזוי טראַכט איך מיר און קוק דורך דער גלעזערנער טהיר און דער־זעה עפּיס אַ מיידעל דרעהט זיך אַרום. „אַפּנים, אַ פּאָקאָיאָווע זייערע“, טראַכט איך מיר, מחמת די אויגען איהרע זענען ווי ביי אַ גנב'טע. אַלע פּאָקאָיאָווקעס האָבען גנבה'שע אויגען. איך בין אַיין איינגעהער אין אַלע נגיד'ישע הייזער און בין באַקאַנט מיט אַלע פּאָקאָיאָוועס... טהו איך צו איהר אַ וואונק: „עפען אויף, קעצעלע!“ פאַלגט זי מיך און עפענט די טהיר און מאַכט צו מיר דוקא אויף אידיש: „וועמען דאַרפט איהר?“ זאָג איך: „דאָ זיצט פדהצור?“ זאָגט זי צו מיר העכער: „וועמען דאַרפט איהר?“ זאָג איך צו איהר נאָך העכער: „אַז מע פרעגט דיך, זאָלסט דו ענטפערען על ראשון ראשון; דאָ זיצט פדהצור?“ זאָגט זי: „דאָ“... „ווי באַלד אַזוי, זאָג איך, ביזט דו פון מיינע מענטשען, זאָג איך; געה, זאָג איך, זאָג דיין מאַדאַם פדהצור, זאָג איך, אַז זי האָט אַ גאַסט, זאָג איך, דער טאַטע איהרער, טביה, איז געקומען, זאָג איך, צו־גאַסט און שטעהט שוין, זאָג איך, אַ היבשע ווײַלע אין דרויסען, זאָג איך, כעני בפּתח, וואָרום ער האָט נישט זוכה געווען, זאָג איך, צו געפינען חן און לײַטזעליגקייט אין די אויגען פון אָט דעם דאָזיגען עשו מיט די זילבערנע קנעפּ, די כפּרה, זאָג איך, זאָל ער זיין פאַר דיין מינדסטען נאָגעל!“ אויסגעהערט מיינע דבורים, האָט דאָס מיידעל מיט אַ געלעכטער פון אַ משומדת פאַר־האַקט די טהיר גלייך מיר אונטער דער נאָז, אַוועקגעלאָפען אַרויף, אַראָפּגעלאָפען אַראָפּ, אַרײַנגעלאָזט און אַרײַנגעפיהרט מיך אינ־וועניג אין אַ מין פּאַלאַץ, וואָס מיינע אבות אבותינו האָבען עס נישט געזעהן אין חלום אפילו. זייד און סאַמעט און גאָלד און קרישטאָל, און אַז איהר געהט, פיהלט איהר נישט די טריט, מחמת איהר שפּאַנט מיט די זינדיגע פיס אויף די טייערסטע דיוואַנעס, ווײַך ווי שניי. היינט זייגערס, זייגערס! אויף די ווענט זייגערס, אויף די טישען זייגערס, אָהן אַ שיעור זייגערס! „רבונו יונה! האָסט אַ סך אַזוינע? צו וואָס דאַרף עס אַ מענטש אַזוי פיעל זייגערס?“ אזוי טראַכט איך מיר און געה מיר, די הענט פאַרלעגט אַרונטער,

נאָך נישט, וואָס פון דעם וועט אַמאָל זיין, אָדער אַ פערד, אָדער אַ דראָנג. „עך, ביילקע, ביילקע, טראַכט איך מיר, וואָס פון דיר איז געוואָרען! אַמאָל, געדענקסט דו, ווי דו פלעגסט זיצען ביי־נאַכט ביי אַ רויכערדיג לעמפּעל און נייהען און זינגען אַ ליעדעל, אָדער נעמען און איין כהרף־עין אויסמעלקען צוויי בהמה׳לעך, אָדער גאָר פאַרקאַטשען די אַרבעל און אָפּקאָכען מיר אַ פּראָסטען מילכיגען באָרשט, אָדער טייגלעך מיט פאַסאָלים, אָדער פּאַמפּעשקעס מיט קעז, אָדער שקצים מיט מאָהן, און אַ זאָג טהון צו מיר: „טאַטע, געה וואַש זיך!“ — איז דאָך עס געווען, ווי דער בעסטער ניגון! איצטער זיצט זי מיט איהר פרהצור׳ן, ווי אַ בת־מלכה, צוויי מענטשען דערלאַנגען צום טיש, קלאַפּען מיט די טעלער, און ביילקע? זי זאָל עס אויסרעדען אפילו אַ וואָרט! זעהט איהר, ער, פרהצור הייסט עס, רעדט שוין פאַר זייביידען, דאָס מויל מאַכט זיך איהם נישט צו! זינט איך לעב האָב איך נישט געזעהן, אַ מענטש זאָל אַזוי ליעב האָבען פּלאַפּלען און פּלוידערען, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס, און בשעת־מעשה לאַכען דריבניטשקע מיט אַ קליין געלעכטערעל. דאָס ווערד אָנגערופען ביי אונז: אַליין געזאָגט אַ חכמה, אַליין געלאַכט... אַחוץ אונז דריי זיצט נאָך איין פאַרשוין ביי׳ם טיש, אַ נפש מיט רויטע באַקען, איך ווייס נישט, ווער ער איז און וואָס ער איז, נאָר איין אַכל׳ער, ווייזט אויס, דאַרף ער זיין נישט קיין קליינער, ווארום די גאַנצע צייט, וואָס דער פרהצור האָט גערעדט און געלאַכט, האָט ער געפּאַקט אין די באַקען, ווי אין פרק שטעהט געשריבען: ש ל ש ה ש אָ כ ל ו — ער האָט געגעסען פאַר דריי... דער האָט געגעסען, און יענער האָט גערעדט, און אַלץ עפּיס אַזעלכע פוסטע זאַכען, וואָס קריכען מיר נישט אין דער לינקער פּאה: פּאָדראַד, גובערנסקי פּראַוולעניע, אודעלני ווע־דאָמאָסט, קאַזנאַטשייסטווע, יאַפּאָניע... פון אַלסדינג האָט מיך אינטערעסירט נאָר איין יאַפּאָניע, ווייל מיט יאַפּאָניע האָב איך מיך אָנגעקעהרט אַ שטיקעל מחותן. בשעת מלחמה, ווייסט איהר דאָך, זענען פערד געוואָרען בחשיבות גדול, מע האָט זיי געזוכט

האָב איך זיי, הייסט דאָס, צוליעב געטהאָן און בין צו זיי געקומען קיין יעהופּעץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה: שלום־עליכם! עליכם־שלום! ווי געהט עס? וואָס מאַכט איהר גוטס? זיצט! אַ דאַנק, מע קאָן באַשטעהן! — מיט די אַלע איבעריגע צערעמאָניעס, ווי געוויינטליך. איך זאָל זיין דער ערשטער אויפ׳ן אַרויספאָהר, זיי אַ פרעג טהון: מ ה י ו ם מ י ו מ י ם — וואָס איז דאָס רופען, וואָס איהר האָט מיך גערופען? — פּאַסט נישט. טביה איז נישט קיין אידינע, ער האָט צייט. דערווייל קומט־צו אַ פּאַרשוין מיט גרויסע ווייסע הענטשקעס און זאָגט, אַז דער אָנ־בייסען שטעהט שוין אויפ׳ן טיש, און מיר הויבען זיך אויף אַלע דריי, און מיר קומען אריין אין אַ חדר אריין פון גאָלע דעמב: דער טיש אַ דעמבענער, די בענקלעך דעמבענע, די ווענט פון דעמב, די סטעלי דעמב, און אַלץ איז געשניצט און געפאַרבט און געמאָהלט און געצאַצקעט, און אויפ׳ן טיש — בגדי מלכות: טיי מיט קאַווע און מיט טשאָקאָלאַדע, און מיט פּוטער־געבעקס, און מיט גוטען קאָניאַק, און די בעסטע געזאַלצענס, און אַזעלכע מינים מאכלים, פּירות און אויבסען, ס׳איז מיר אַ חרפּה אויסצוזאָגען, נאָר איך האָב מורא, אַז מייןביילקע האָט זיי ביי איהר טאַטענס טיש קיינ־מאָל נישט געזעהן אפילו. און מע גיסט מיר אָן אַ כוסה און נאָך אַ כוסה, און איך טרינק לחיים, און איך קוק אויף איהר, אויף ביילקען הייסט עס, און איך טראַכט מיר: „האַסט זיך עס דער־לעבט, טביה׳ס טאָכטער, ווי מיר זאָגען אין הלל: מ ק י מ י מ ע פ ר ד ל — אַז גאָט העלפט דעם אָרעמאָן, מ א ש פ ו ת י ר י ם א ב י ו ן — איז איהם גאָרנישט צו דערקענען. דאַכט זיך, ביילקע — און פּאָרט נישט ביילקע“. און איך דערמאָן מיך אָן יענער ביילקע פון אַמאָל און איך פאַרגלייך זי מיט דער ביילקע, וואָס אַצינד, און עס טהוט מיר האַרצעדיג באַנג — גלייך ווי איך וואָלט עפּיס געמאַכט אַ שלעכט געשעפט, אָפּגעטהאָן אַ זאַך, וואָס איז פאַרפאַלען, אַשטייגער, כדומה למשל, ווי איך וואָלט אויסבייטען מיין האָרעפּאַשנעם פערדעל אויף אַ לאַשאַקעל, וואָס מע ווייסט

איך וועל מיט אייך רעדען אפענטליך. איהר דאַרפט וויסען, זאָגט ער, אַז איך פיהר גרויסע געשעפטען, און אַז מע פיהרט אַזעלכע גרויסע געשעפטען, ווי איך...“ „יאָ, טראַכט איך מיר, דאָס מיינט ער מיך“, — און איך האַק איהם איבער אין מיטען און רוף מיך אָן צו איהם: „ווי די גמרא זאָגט, זאָג איך, שבת אין פרק: מ ר ב ה נ כ ס י ם מ ר ב ה ד א ג ה. ווייסט איהר, זאָג איך, דעם פשט פון דער גמרא?“ ענטפערט ער מיר אָפּ גאַנץ אפענטליך: „איך וועל אייך זאָגען, זאָגט ער, דעם ריינעם אמת, זאָגט ער, איך האָב, זאָגט ער, קיין גמרא קיינמאָל נישט געלערענט, זאָגט ער, און איך וויים אפילו נישט, זאָגט ער, וואָסער א פנים זי האָט“. אַזוי זאָגט ער צו מיר, פדהצור הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערעל. איהר פאַרשטעהט איין עסק? דאַכט מיר, אַז גאָט האָט דיך געשטראָפט, ביזט איין עם־הארץ, טאָ לאָז חאַטש זיין חאַטאָ פּאָקרישקע, וואָס דאַרפסט דו זיך נאָך באַריהמען דער־מיט? אַזוי טראַכט איך מיר און מאַך צו איהם: „איך האָב׳ אייך טאַקי אַזוי געשאַצט, זאָג איך, אַז צו די זאַכען זענט איהר נישט שייך, נאָר לאָמיר, זאָג איך, הערען, וואָס ווייטער?“ מאַכט ער צו מיר: „ווייטער האָב איך אייך געוואָלט, זאָגט ער,׳ זאָגען, אַז צו מיינע געשעפטען מיט מיין נאָמען, זאָגט ער, מיט מיין פאָלאַ־זשעניע, פּאַסט מיר נישט, זאָגט ער, אָט דאָס, וואָס מע רופט אייך, זאָגט ער, טביה דער מילכיגער. איהר דאַרפט וויסען, זאָגט ער, אַז איך בין באַקאַנט ליטשנע מיט׳ן גובערנאַטאָר, זאָגט ער, און צו מיר אין שטוב אַריין, זאָגט ער, קאָן אַמאָל קומען א בראָצקי, א פּאָליאַקאָוו, און אפשר א רויטשילד אויך, טשעם טשאָרט ניע שוטיט?“... אַזוי מאַכט ער צו מיר, פדהצור הייסט עס, און איך זיץ און קוק אויף זיין גלאַנצענדיגע ליסינע און טראַכט מיר: „עס קאָן זעהר זיין, אַז דו קאָנסט זיך ליטשנע מיט׳ן גובערנאַטאָר און אַז רויטשילד זאָל אַמאָל קומען צו דיר אין שטוב אַריין, נאָר רעדען רעדסט דו, ווי א כלב שבכלבים“... און איך רוף מיך אָן צו איהם שוין א ביסעל מיט פאַרדראָס: „וואָס־זשע, זאָג איך, טהוט מען

מיט ליכט, האָט מען געטראָפען מסתמא צו מיר אויך און מע האָט גענומען מיין פערדעל צום סמיק, אויסגעמאָסטען מיט איין אַרשין, אַ טרייב געטהאָן אַהין־אַהער און מע האָט דעם געגעבען אַ ווייסען בילעט. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך: „איך האָב געוואוסט פריהער, זאָג איך, אַז ס'איז אומזיסט אייער טרחה, ווי אין פסוק שטעהט: יודע צדיק נפש בהמתו — נישט טביה'ס פערד געהט אויף מלחמה"... נאָר האָט קיין פאַראיבעל נישט, פּאַני שלום־עליכם, איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען און קאָן אַזוי חלילה אַראָפּשלאָגען זיך פון'ם שליאַך. ווי זאָגט איהר, נחזור לעניננו — לאָמיר בעסער געהן צום עיקר המעשה.

בקיצור, האָבען מיר, הייסט עס, גאַנץ פיין אויסגעטרונקען און פאַרביסען, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען, און אַז מען איז אויפ־געשטאַנען פון'ם טיש, נעמט ער מיך, פדהצור הייסט עס, אונטער דער האַנט און פיהרט מיך אַריין אין אַ באַזונדער קאַבינעט אַריין, אויפגעפּוצט כיד המלך — מיט ביקסען און מיט שפּיזען אויף די ווענט און מיט האַרמאַטען אויפ'ן טיש, און זעצט מיך אַוועק אין אַ מין דיוואַן, ווייך ווי פּוטער, און נעמט אַרויס פון אַ גאָלדענער פּושקע צוויי גרויסע גראָבע שמעקענדיגע ציגייערען און פאַררויכערט, איינע זיך, די אַנדערע מיר, און זעצט זיך אַוועק אַקעגען מיר, ציהט אויס די פיס און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווייסט איהר, וואָס איך האָב געשיקט נאָך אייך?" „אַהאַ! — קלער איך מיר. — אַט דאָס וויל ער מסתמא אַ שמועס טהון מכח אַבצעהן און דרייצעהן". נאָר איך מאַך מיך תמ'עוואַטע און רוף מיך אָן צו איהם אַזוי: „השומר אחי אנכי — פון וואַנען זאָל איך וויסען?" מאַכט ער צו מיר: „איך האָב געוואָלט רעדען מיט אייך טאַקי וועגען אייך אַליין". „אַ סלוזשבע", טראַכט איך מיר און טהו אַ מאַך צו איהם: „אַבי נאָר עפּיס גוטס, מהכתיתי, לאָמיר האָרכען". נעמט ער אַרויס דעם ציגייער פון די ציינער, פדהצור הייסט עס, און הויבט מיר אָן מיט אַ גאַנצער דרשה: „איהר זענט, זאָגט ער, אַ איד נישט קיין נאַר און וועט קיין פאַראיבעל נישט האָבען, וואָס

אזוי פיעל שמאַכטעליאַקעס, ווי דו, דערפאַר האָט זי אָבער אַ מאַן, אַ פּעפּערעל, איז ער דאָך אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי ער אַליין איז ביי זיך הפקר, און דער גאַנצער עיקר איז די וועלט... און דערצו האָט ער אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, נישט קיין לאַקשענטעפּעל מיט אַ גלאַנצענדיגער ליסינע, און אַ פּיסק האָט פּעפּערעל — איז דאָך עס גאָלד מיט גאָלד! איהם, אַז איהר זאָגט אַ פּסוק, גיט ער אייך דריי פּסוקים סדאַטשע! וואָרט איים, פּאַדראַטשיק מיינער, אַט וועל איך דיר באַלד אריינהאַקען אַ פּסוק, וועט דיר ווערען פינסטער אין די אויגען!"... אזוי טראַכט איך מיר און רוף מיך אָן צו איהם בזה הלשון: „מילא, זאָג איך, וואָס די גמרא איז פאַר אייך אַ סוד, בין איך, זאָג איך, אייך מוחל; אַז אַ איד זיצט אין יעהופּעץ און הייסט פּרהצור און איז אַ פּאַדראַטשיק, מעג, זאָג איך, די גמרא ליגען אויפ'ן בוידעם. אָבער אַ פּראָסטען פּסוק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך שוין פאַרשטעהן, זאָג איך, אַ גוי אין פּאַסטעלעס אויך. איהר ווייסט דאָך, זאָג איך, וואָס דער תרגום אונקלוס זאָגט אויף לבן הארמי: מ ז נ ב ת א ד ח ז י ר ת א ל א מ א כ א נ ת ש ט ר י י מ י ל ת א ?"... קוקט ער אויף מיר, ווי אַ האָהן אין בני־אדם, און מאַכט צו מיר: „וואָס־זשע הייסט עס?" „דאָס הייסט, זאָג איך, אַז פון אַ חזיר'שען עק קאָן מען קיין שטריימעל נישט מאַכען". „אקעגען וואָס, זאָגט ער, זאָגט איהר דאָס?" „אקעגען דעם, זאָג איך, וואָס איהר הייסט מיר פאָהרען קיין אמעריקע". צעלאַכט ער זיך דריבניטשקע און מאַכט צו מיר: „אמעריקע ניט, איז אפשר קיין ארץ־ישראל? אַלע אַלטע אידען פאָהרען קיין ארץ־ישראל"... אזוי ווי ער האָט דאָס מיר אויסגע־רעדט, אזוי איז דאָס מיר אריין, ווי איין אייזערנער צוויאַק אין מוח אריין: „שאַ! אפשר איז דאָס גאָרניט אזוי קרום, טביה, ווי דו מיינסט? אפשר איז דאָס טאַקי אַ פּלאַן? וואָרום איידער האָבען אזא נחת פון קינדער, ווי דו האָסט, איז שוין אפשר גלייכער ארץ־ישראל? בהמה! וואָס שטעלסט דו דאַ איין און ועמען האָסט דו דאַ? דיין גאָלדע עליו השלום ליגט דאָך שוין במילא

דערצו, טאמער, זאג איך, קומט טאקי צו אייך אמאל רויטשילד?" מיינט איהר דאך, אז ער פארשטעהט דעם שטאך? לא דובים ולא יער — עס הויבט זיך גארנישט אן!
„איך האב געוואלט, זאגט ער, אז איהר זאלט אוועקווארפען, זאגט ער, אט דאס מילכיגס, און זאלט זיך פארנעמען, זאגט ער, מיט עפּיס אנדערש". „דהיינו, זאג איך, מיט וואס?" „מיט וואס איהר ווילט, זאגט ער, ווינציג געשעפטען, זאגט ער, פארהאן אויף דער וועלט? איך וועל אייך, זאגט ער, אונטערהעלפען מיט געלט, וויפיעל מע וועט באדארפען, אבי, זאגט ער, איהר זאלט ווערען אויס טביה דער מילכיגער. אדער שאט, זאגט ער, ווייסט איהר וואס? טאמער וואלט איהר, זאגט ער, גאר איינס־צוויי־דריי אוועקגעפאהרען קיין אמעריקע? הא?" אזוי מאכט ער צו מיר, רוקט אריין דעם ציגייער אין די צייהן אריין און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, און די ליסינע גלאנצט... נו? וואס ענטפערט מען אזא גראבען יונג? תחילת האב איך מיר געטראכט: „וואס זיצסט דו, טביה, ווי א לייהמענער גולם? הויב דיך אויף, טהו א קוש די מזוזה, געב א קלאפּ מיט דער טהיר און הלך לעולמו — פאשאל אהן א זיי־געזונט!"... אזוי שטארק האט דאס מיך א נעם געטהאן ביי דער לעבער!... „איין עזות פון א פּאדראטשיק! וואס הייסט, דו הייסט מיר אוועקווארפען איין עהרליכע בכבוד'ע פּרנסה און פאהרען קיין אמעריקע? באשר טאמער וועט צו דיר אמאל קומען רויטשילד, בכן דארף טביה דער מילכיגער לויפען אין דער וועלט אריין?!"... און דאס הארץ קאכט אין מיר ווי א קעסעל, און א ביסעל אויפגעטראגען בין איך נאך פון פריהער; מיך האט געברענט אויף איהר, טאקי אויף מיין ביילקען: „וואס זיצסט דו דארטען, ווי א בת־מלכה, צווישען די הונדערט זייגערס מיט די טויזענד שפּיעגלען, בשעת מע טרייבט דא דיין טאטען, טביה'ן, קאליסטראי, אויף הייסע קויהלען? לאם איך האבען די ברכות, טראכט איך מיר, וואס דיין שוועסטער האדעל האט בעסער געמאכט פון דיר! וואס אמת איז אמת, זי האט נישט אזא שטוב מיט

עפּיס אַ איד מיט יושר און מיט סאָוועסט"... אַט אַזוי מאַכט ער צו מיר, פרהצור הייסט עס, און צעלאַכט זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערל, וואָס קריכט גלייך אין די קישקעס אַריין. און עס פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „טאָמער וואָלסט דו איהם אַ שמייץ געטהאָן דאָס געלט צוריק אין פּנים אַריין און איהם דערצעהלט דעם פּסוק, אַז טביה'ן קויפט מען נישט פאַר געלט און מיט טביה'ן שמועסט מען נישט פון יושר און פון סאָוועסט?"... נאָר איידער איך עפן אַ מויל אויף צו רעדען, טהוט ער אַ קלונג און רופט אַריין ביילקען און מאַכט צו איהר: „דושענקע, דו ווייסט? דיין פאָטער וואַרפט דאָך אונז אַוועק, ער פאַרקויפט אויס אַלץ, וואָס ער האָט, און פאָהרט אַרויס איינס־צוויי־דריי קיין ארץ־ישראל"... „ח ל ו ם ח ל מ ת י ו י נ י י ו ד ע — וואָס ס'האָט זיך מיר געח'לומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט!"... אַזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף מיין ביילקען — איהר זאָלט זאָגען, זי זאָל זיך עס אפילו פאַרקרימען. שטעהט ווי אַ בוים, קיין טראָ־פּען בלוט אין פּנים, קוקט פון איהם אויף מיר, פון מיר אויף איהם, און קיין איינציג וואָרט! איך, אויף איהר קוקענדיג, שוויג אויך, שווייגען מיר, הייסט עס, אַלעביידע, ווי אין תהלים שטעהט: ת ד ב ק ל ש ו נ י — עס האָט אונז אָפּגענומען דאָס לשון. דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, די שלייפען קלאַפּען מיר, ווי פון אַ טשאַד. פון וואָס זאָל עס זיין? — טראַכט איך מיר. — אַפּנים, דאָס איז פונ'ם שענעם ציגייער, וואָס ער האָט מיר געגעבען רויכערען? אַט רויכערט דאָך אָבער ער אויך, פרהצור הייסט עס! ער רויכערט און רעדט, דאָס מויל מאַכט זיך איהם גאָרנישט צו, חאָטש די אויגלעדער קלעפּען זיך איהם, עס גלוסט זיך איהם, ווייזט אויס, חאַפּען אַ דרימעל. „פאָהרען דאַרפט איהר, זאָגט ער צו מיר, פון דאַנען קיין אָדעס, זאָגט ער, מיט'ן קוריער, און פון אָדעס מיט'ן ים אַזש ביז יאַפע, און פאָהרען מיט'ן ים, זאָגט ער, איז די בעסטע צייט נאָר איצט, וואָרום, זאָגט ער, שפּעטער הויבען זיך אָן די ווינטען מיט די שנייען, מיט די בערעס, מיט, מיט, מיט..." אַזוי זאָגט ער און די

אין דער ערד, און דו אליין, נישט אויסגערעדט זאל זיין, ליגסט דען נים נייען איילען אין דער ערד? ביז וואנען איז דער שיעור צו טאפטשען זיך אויף דער וועלט?"... און אגב דארפט איהר וויסען, פאני שלום־עליכם, אז מיך ציהט שוין לאנג אהין, קיין ארץ־ישראל; איך וואלט א בעלן געווען זיין ביי דער כותל מערבי, מערת־המכפלה דער מוטער רחל'ס קבר, אנקוקען מיט מיינע אויגען דעם ירדן, דעם בארג סיני, דעם ים־סוף, פיתום מיט רעמסס, ווי זיי זעהען אויס, וכדומה אזעלכע זאכען. און מיינע מחשבות טראגען מיך אוועק אהין, אינ'ם געבענטשטען לאנד כנען, ווי זאגט איהר, ארץ זבת חלב ודבש. שלאגט ער מיר איבער, פרהצור הייסט עס, מיינע רעיונות סאמע אין מיטען און רופט זיך אן צו מיר: „נו? וואס דארף מען דא, זאגט ער, אזוי לאנג טראכטען? איינס־צוויי־דריי"... „ביי אייך, זאג איך, איז, ברוך־השם, אלסדינג איינס־צוויי־דריי, ווי די גמרא זאגט, זאג איך: ה א ג ב ר א ו ה א ט ר ס ק א... און ביי מיר, זאג איך, איז דאס א הארב שטיקעל משניות, ווארום אויפהויבען זיך, זאג איך, און פאהרען קיין ארץ־ישראל, דארף מען, זאג איך, האבען מיט וואס"... צעלאכט ער זיך דריבניטשקע מיט זיין קליין געלעכטערעל, שטעהט־אויף, געהט־צו צום טיש, עפענט אויף א טיש־קעסטעל און נעמט ארויס פון דארטען א טייסטער און צעהלט מיר אפ אחת ואחת, לאז זיך אייך דאכטען, א שענע מטבע, און איך בין דוקא נישט פויל אויף דער פען און נעם צענויף דאס ביסעל פאפיער — דער כח פון געלט — און לאז עס אראפ העט־ווייט אין קעשענע, און וויל איהם זאגען חאטש א פאר פסוקים מיט א מדרש, וואס זאל פארענטפערען ארום און ארום, הערט ער מיך ווי דעם קאטער און מאכט צו מיר: „אט דאס וועט אייך זיין, זאגט ער, גענוג ביז אהין איבער'ן קאפ, און אז איהר וועט קומען, זאגט ער, אויפ'ן ארט און וועט דארפען געלט, זאלט איהר שרייבען, זאגט ער, א בריעף, וועט מען אייך איינס־צוויי־דריי באלד ארויס־שיקען געלט. און דערמאנען אייך נאך א מאל וועגען פאהרען, זאגט ער, פארשפארט מען דאך, ווארום איהר זענט דאך, זאגט ער,

פאַר מאָל האָט זיך געטראָפען, וואָס איך האָב מיך אַ ביסעל, ווי זאָגט איהר, צעיאַחמערט, און ווייטער געדענק איך עפּיס נישט, איך זאָל האָבען אַ טבע פון ווײנען. נאָר ביילקע מיט איהרע טרערען האָבען מיך אַזוי פאַרקלעהמט ביי דער נשמה, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און איך האָב שוין נישט געהאַט דאָס האַרץ אפילו, איך זאָל איהר זאָגען אַ קרום וואָרט. מיט מיר באַדאַרף מען קיין סך נישט רעדען. איך הייס טביה. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען איהרע טרערען. דאָס איז נישט געוועזען גלאַט אַזוי זיך טרערען. דאָס זענען געווען, פאַרשטעהט איהר מיך, טרערען פון ע ל ח ט א ש ח ט א ת י ל פ נ י ך ב נ י ש ט פ אָ ל ג ע ן אַ ט אַ ט ע ן... און אַנשטאַט דעם, וואָס איך זאָל זי מכבד זיין, ווי זי איז ווערטה, און אויסגיסען כל חמתי אויף איהר פדהצור'ן, האָב איך גאָר גענומען אויסרעדען איהר דאָס האַרץ מיט אַזאַ משל און מיט אַזאַ משל, ווי טביה קאָן. הערט זי מיך אוים, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר: „ניין, טאַטע, נישט דאָס, זאָגט זי, וויין איך. איך האָב צו קיינעם, זאָגט זי, קיין טענות נישט, נאָר אַט דאָס, זאָגט זי, וואָס דו פאָהרסט אַוועק, זאָגט זי, איבער מיר און איך קאָן, זאָגט זי, דערצו גאָרנישט העלפען, אַט דאָס, זאָגט זי, בראַט מיך". „געה שוין, געה, זאָג איך, דו רעדסט, זאָג איך, ווי אַ קינד, האָסט פאַרגעסען, זאָג איך, אַז מיר האָבען נאָך אַ גרויסען גאָט און אַז דיין טאַטע איז נאָך, זאָג איך, ביי אַלע חושים. ביי דיין טאַטען, זאָג איך, שפּיעלט אַ ראָליע זיך דורכ־פאָהרען קיין ארץ־ישראל און קומען צוריק, ווי אין פּסוק, זאָג איך, שטעהט געשריבען: ו י ס ע ו ו י ח נ ו — טודאַ אי נאַזאַד"... אַזוי רעד איך איהר אוים דאָס האַרץ, און אינוועניג ביי זיך טראַכט איך מיר: „טביה, דו ליגסט! פאָהרסט דו אַוועק קיין ארץ־ישראל, איז עליו השלום — אוים טביה!"... און פּונקט ווי זי וואָלט טרעפען מיינע געדאַנקען, מאַכט זי צו מיר אַזוי: „ניין, זאָגט זי, טאַטע, אַט אַזוי טרייסט מען אַ קליין קינד; מע גיט דעם, זאָגט זי, אַ ליאַלקע, אַ שפּיעלעכעל אין די הענט אריין און מע דערצעהלט

צונג פלאַנטעט זיך איהם שוין, אַזוי ווי איינער, וואָס וויל שלאָפען, נאָר ער הערט נישט אויף צו קלאַפּען ווייטער: „און אַז איהר וועט זיין, זאָגט ער, פאַרטיג צו דער נסיעה, זאָלט איהר אונז, זאָגט ער, געבען צו וויסען, וועלען מיר אַרויספאָהרען, זאָגט ער, ביידע צום וואָקזאַל. מיט אייך זיך אָפּגעזעגענען, וואָרום ווען קאָנען מיר זיך שוין זעהן?“ אַזוי לאָזט ער אויס, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט אַ גרויסען געהניץ, שטעהט־אויף און רופט זיך אָן צו איהר, צו ביילקען הייסט עס: „דושענקע, ווערסט, זאָגט ער, זיצען דאָ אַ ביסעל, און איך וועל, זאָגט ער, געהן זיך צו־לעגען אַ ווייל'ע“. „האָסט נאָך קיינמאָל אַזאַ גלייכס נישט געזאָגט, ווי איך בין אַ איד! אַצינד וועל איך האָטש האָבען צו וועמען מיין ביטער האַרץ אויסצולאָזען“. אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך געבען אַ נעם צו מיין ביילקען, איהר אויס'לאָמר'ן אַלסדינג, וואָס האָט זיך צע־נויפגעזאַמעלט ביי מיר פאַר דעם גאַנצען פריהמאָרגען, — ערשט אַז זי טהוט אַ פאַל צו מיר אויפ'ן האַלז, ביילקע הייסט עס, או הויבט אָן צו וויינען, אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, וויינען? מיינע טעכטער, נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, האָבען אַלע אַזאַ טבע: פריהער מענטשלען זיי זיך און בריה'ן זיך, און קומט צו עפּיס — וויינט מען, ווי אַ בערעזענע. אַט נעמט, למשל, מיין עלטערע טאָכטער, האָדעל הייסט עס: קאַרג האָט זי איינגעלעגט די וועלט אין דער לעצטער מינוט, בשעת זי האָט באַדאַרפט אָוועקפאָהרען אַפּריכטען גלות מיט איהר פעפערעל אין די קאַלטע מדינות? נאָר וויים איך, ס'אַ דמיון! יענע דאַרף ביי איהר הייצען די הרובע!

איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת: איך אַליין, ווי איהר קענט מיך שוין אַ ביסעל, בין נישט קיין מענטש פון טרערען. גוט וויינען האָב איך געוויינט נאָר איין מאָל, בשעת מיין גאָלדע עליו השלום איז געלעגען אויף דער ערד, און נאָך איין מאָל האָב איך מיך גאַנץ געשמאַק אויסגעוויינט, בשעת האָדעל איז אָוועקגעפאָה־רען צו איהר פעפערעל, און איך בין געבליבען אויפ'ן וואָקזאַל, ווי אַ גרויסער נאַר, איינער אַליין מיט מיין פערדעל, און נאָך עפּיס אַ

אָדער אַ מה־יעשה׳ניק". „ניין, זאָגט זי, טאַטע, דו קענסט איהם ניט, ער איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער, ווי דו מיינסט; ער איז נאָר אַ מענטש, וואָס אַ מינוט איז ער אַזוי און אַ מינוט איז ער אַנדערש. ער האָט, זאָגט זי, אַ גוט האַרץ און אַ ברייטע האַנט. איהם אַז מע מאַכט, זאָגט זי, אַ קרום פּנים, און אַבי מע טרעפט די גוטע מינוט, וועט ער אָוועקגעבען די נשמה, און ווער שמועסט, זאָגט זי, פון מיינעטוועגען — איז דאָס טעלערעל פונ׳ם הימעל! דו מיינסט, זאָגט זי, איך האָב אויף איהם שוין גאָר קיין שום שליטה ניט? אַט האָב איך ביי איהם נישט לאַנג גע׳פּועל׳ט אַרויסראַטעווען האָדלען מיט איהר מאַן פון די ווייטע גובערניעס. ער האָט מיר, זאָגט זי, געשוואוירען, אַז ער וועט זיך לאָזען קאָסטען אַ סך טויזענדער, נאָר מיט איין תנאי, אַז זיי זאָלען פון דאָרטען אָוועק גלייך קיין יאַפּאַניע". „וואָס עפּיס קיין יאַפּאַניע, זאָג איך, פאַר וואָס נישט קיין אינדיע, אָדער, למשל, קיין פּדן־ארם צו דער מלכּה שבא?" „ווייל אין יאַפּאַניע, זאָגט זי, האָט ער געשעפטען. אויף דער גאַנצער וועלט, זאָגט זי, האָט ער געשעפטען; וואָס איהם קאָסט־אָפּ, זאָגט זי, אַ טאָג נאָר דעפּעשען אַליין, וואָלטען מיר אַלע, זאָגט זי, געהאַט אויף אַ האַלב יאָהר צו לעבען. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, זאָגט זי, אַז איך בין נישט איך?"... „עס קומט אויס, ווי מיר זאָגען, זאָג איך, אין פּרק: א ם א י ן א נ י ל י מ י ל י — איך בין נישט איך, דו ביזט נישט דו"... אַט אַזוי זאָג איך צו איהר מיט אַ ווערטעל און מיט אַ פּסוק, חאָטש דאָס האַרץ ווערד מיר צעריסען אויף שטיקער, זעהענדיג, ווי מיין קינד ווערד נעבאַך פאַרשוואַרצט, ווי זאָגט איהר, אין עושר און אין כּבוד... „דיין שוועסטער האָדעל, זאָג איך, וואָלט נישט אַזוי געטהאָן"... שלאָגט זי מיך איבער, ביילקע הייסט עס, און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָגט זי, אַז צו האָדלען זאָלסט דו מיך, טאַטע, נישט גלייכען. האָדעל האָט געלעבט, זאָגט זי, איז האָדעל׳ס צייטען, און ביילקע, זאָגט זי, לעבט אין ביילקע׳ס צייטען... פון האָדעל׳ס צייטען, זאָגט זי, ביז ביילקע׳ס צייטען, איז אַזוי וויים.

דעם, זאָגט זי, אַ שענע מעשה פון אַ ציגעלע אַ ווייסע... אויב, זאָגט זי, שוין יאָ דערצעהלען אַ מעשה, וועל איך, זאָגט זי, דיר דערצעהלען, נישט דו מיר. נאָר די מעשה, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען, טאַטע, איז מעהר טרויעריג, ווי שען".

אַט אַזוי מאַכט זי צו מיר, ביילקע הייסט עס; טביה׳ס טעכ־טער רעדען נישט גלאַט. און זי נעמט און זי לעגט מיר אַוועק אַ מענה־לשון, אַ גאַנצע מגילה, אָדער אַ מעשה פון טויזענד־אייז־נאַכט, ווי אַזוי אַט דער פדהצור איהרער איז פון קליין גרויס געוואָרען, אויסגעוואַכסען פון סאַמע נידעריגסטען גראַד, זיך אַליין מיט זיין אייגענעם שכל אַרויפגעשלאָגען אויף דער העכסטער מדרגה, און איצט וויל ער דערגרייכען דערצו, אַז צו איהם אין שטוב אַריין זאָל קומען בראָצקי, שיט ער מיט נדבות, וואַרפט מיט טויזענדער. נאָר אַזוי ווי געלט אַליין איז נאָך ווינציג, מע דאַרף נאָך האָבען יחוס אויך, לעגט ער איין די וועלט, פדהצור הייסט עס, צו באַ־ווייזען, אַז ער איז נישט קיין אַבי ווער, באַריהמט זיך, אַז ער שטאַמט פון די גרויסע פדהצור׳ס, אַז זיין טאַטע איז אויך געווען אַ באַריהמטער פּאָדראַטשיק. — „חאָטש, זאָגט זי, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך וויים, אַז ער איז געווען אַ כלי־זמר. היינט, זאָגט זי, דערצעהלט ער אַלעמען, אַז זיין ווייב׳ס טאַטע איז געווען אַ מי־ליאָנשטשיק"... „וועמען, זאָג איך, מיינט ער דאָס? מיך? אפשר איז מיר, זאָג איך, באַשערט געווען אַמאָל צו האָבען מיליאָנען, זאָג איך, זאָל איך דערמיט אַפּקומען". „וואָס ווייסט דו, טאַטע, זאָגט זי צו מיר, ווי עס פלאַמט מיר מיין פנים, אַז ער שטעלט מיך פאָר, זאָגט זי, פאַר זיינע באַקאַנטע און הויבט זיי אָן דערצעהלען גרויסקייט פון מיין טאַטען און פון מיינע פעטערס און פון מיין גאַנצער משפחה, אַזעלכע זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט גע־פלויגען, און מע מוז דאָס, זאָגט זי, אַלסדינג אויסהערען און מאַכען אַ שוויַיג, ווארום ער איז, זאָגט זי, אויף די זאַכען אַ גרויסער קאַפּ־ריזניק". „ביי דיר, זאָג איך, הייסט דאָס אַ קאַפּריזיניק, און ביי אונז, זאָג איך, ווערד דאָס אָנגערופען פשוט אַ נכפה׳ניק, זאָג איך,

איין איידעם אַ שאַרלאַטאַן, גע׳הרג׳עט, זאָגט ער, געשלאָגען די טאָכטער, צוגענומען די עטליכע גילדען און אוועק, זאָגט ער, קיין אַמעריקע״. „למאי האָט איהר איהם, זאָג איך, געלאָזט פאָהרען אַזוי ווייט?״ „וואָס האָב איך איהם, זאָגט ער, געזאָלט טהון?״ „איהר האָט געזאָלט, זאָג איך, איהם אַנזאָלצען אויפ׳ן עק״... „ס׳איז אייך, אַפּנים, זאָגט ער, גוט אויפ׳ן האַרצען, רב טביה?״ „הלואי, זאָג איך, אויף אייך געזאָגט געוואָרען, רבונו־של־עולם, חאָטש האַלב!״ „אַזוי גאָר? און איך האָב אייך, זאָגט ער, גע־שאַצט, אַז איהר זענט אַ איד אַ נגיד; ווי באַלד אַזוי, זאָגט ער, טאַ נאַט־זשע אייך אַ שמעק טאַבעקע״... אָפּגע׳פּטר׳ט דעם שדכן מיט אַ שמעק טאַבעקע, בין איך געקומען צו פאָהרען אַהיים און האָב מיך גענומען אויספאַרקויפען מיין בעל־הבית׳שקייט פון אַזוי פיעל יאָהרען. מאָהלט אייך, נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. איטליכס טעפּעל מיט איטליכס נאַרישקייט האָט ביי מיר צוגענומען אַ שטיק געזונט. די זאַך האָט מיר דערמאָנט גאָלדען עליו השלום, יענע זאַך האָט מיר דערמאָנט די קינדער, זיי צו לענ־גערע יאָהר. נאָר קיין זאַך האָט מיר נישט דערלאַנגט אַזוי טיעף, ווי דאָס פערדעל מיינס. אַקעגען מיין פערדעל האָב איך מיך גע־פיהלט עפּיס חייב... סטייטש, אָפּגעהאָרעוועט מיט דעם אַזוי פיעל יאָהרען, אינאיינעם געבידעוועט, אינאיינעם פאַרשוואַרצט געוואָרען, און פּלוצים גענומען און פאַרקויפט! פאַרקויפען האָב איך דאָס פאַרקויפט צו אַ וואַסער־פיהרער, וואָרום פון די בעלי־עגלות קאָן מען נאָר מבוזה ווערען. איך קום צו זיי פאַרקויפען מיין פערדעל, מאַכען זיי צו מיר: „גאָט איז מיט אייך, רב טביה, ס׳איז דען ביי אייך אַ פערד?״ „וואָס דען, זאָג איך, איז דאָס, אַ ענגלייכטער?״ „ס׳איז ביי אייך, זאָגען זיי, נישט קיין ענגלייכטער, נאָר אַ למד־וואו׳ניק״. „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, אַ למד־וואו׳ניק?״ „דאָס הייסט, זאָגען זיי, אַ זקן פון זעכס און דרייסיג יאָהר, אָהן אַ סימן פון צייהן, מיט אַ גרויע ליפּ, און טרייסעלט מיט די זייטען, ווי איין אַלטע אידינע ערב־שבת אויפ׳ן פראָסט״... געפעלט אייך אַזאַ

זאגט זי, ווי פון דאנען קיין יאפאניע"... איהר פארשטעהט דעם פירוש־המלות פון אזא מין תרגום־לשון?

בקיצור, איך זעה, איהר חאפט זיך, פאני; נאך צוויי מינוט, און א סוף צו אלע מעשיות. אנגעגעסען זיך זאט מיט צרות און יסורים פון מיין גליקליכער מיזינקע, בין איך ארויסגעגאנגען פון דארט א ב ל ו ה פ ו י ר א ש — א צעבראכענער, א צעברע־קעלטער, און האב געגעבען א שליידער אין דער ערד אריין דעם ציגייער, וואס האט מיר פארטשאדעט מיין קאפ, און רוף מיך אן צו איהם, צום ציגייער הייסט עס: „געהן זאלסט דו כף־הקלע, א רוח אין דיין טאטענס ערד אריין!" „ועמען איז, רב טביה?" הער איך א קול הינטער מיינע פלייצעס. איך דרעה אויס דעם קאפ, איך טהו א קוק — ס'איז ער, אפרים דער שדכן, פארחאפט זאל ער ווערען! „ברוך־הבא, א איה, זאג איך, וואס טהוט איהר דא?" „וואס, זאגט ער, טהוט א י ה ר דא?" „געוועזן, זאג איך, צו־גאסט ביי מיינע קינדער". „וואס, זאגט ער, מאכען זיי?" „וואס, זאג איך, זאלען זיי מאכען? חוץ זייער שארען אויף אונז ביידען געזאגט געוואראן!" „ווי איך זעה, זאגט ער, זענט איהר רעכט צופריעדען מיט מיין סחורה?" „נאך א מין צופריעדען, זאג איך, גאט זאל אייך ממלא זיין, זאג איך, בכפל כפלים". „א דאנק אייך, זאגט ער, פאר דער ברכה, אפשר וואלט איהר מיר נאך, זאגט ער, צו דער דאזיגער ברכה צו־קויפען א מתנה?" „איהר האט דען נישט גענומען, זאג איך, קיין שדכנות?" „נישט מעהר, זאגט ער, זאל ער פארמאגען, טאקי אייער פדהצור אליין". „וואס איז דען, זאג איך, ווינציגליך רח"ש?" „נישט אזוי ווינציג, זאגט ער, ווי מיט א גוט הארץ געגעבען". „דהיינו?" „דהיינו, ס'איז שוין נישטא, זאגט ער, א גראשען". „וואו איז דאס, זאג איך, אהינגע־קומען?" „חתונה געמאכט, זאגט ער, א טאכטער". „מזל־טוב אייך, זאג איך, לאז גאט געבען, ס'זאל זיין מיט מזל, איהר זאלט אין זיי דערלעבען, זאג איך, גרויס נחת"... „א שענעם נחת, זאגט ער, האב איך אין זיי דערלעבט. איך האב, זאגט ער, דערטאפט

גאָט`וועט מיך ברענגען בשלום אַהין, וואו איך פאָהר, ווייס איך נאָך אַליין נישט, וואָס איך וועל דאָרט טהון, נאָר דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז ראשית חכמה וועל איך זיין ביי דער מוטער רחל אויפ'ן קבר. איך וועל דאָרטען בעטען פאַר מיינע קינדער, וואָס איך וועל זיי מן הסתם שוין קיינמאָל נישט זעהן, וועל איך איהם אויך אין זינען האָבען, אפרים דעם שדכן מיין איך, איהם און אייך און כל ישראל. נאַט אייך דערויף מיין האַנט תקיעת־כף און זייט מיר געזונט און פאָהרט געזונט און לאָזט גריסען איטליכען באַזונ־דער גאָר פריינדליך.

מיין בעל־עגלה־שפּראַך? איך וועל אייך געהן שווערען, אַז דאָס פערדעל נעבאַך האָט פאַרשטאַנען איטליכס וואָרט, ווי אין פּסוק שטעהט: י ד ע ש ו ר ק ו נ ה ו — אַ סקאַטינע פיהלט, אַז מע האַלט דאָס ביי פאַרקויפען. אַ סימן האָב איך, אַז בשעת איך האָב צוגעקלאַפּט דעם וואַסער־פיהרער און געזאָגט צו איהם: „מיט מזל־ברכה“, האָט מיין סוס פּלוצים אויסגעדרעהט צו מיר די חנ׳עווו־דיגע מאָרדע און קוקט אויף מיר מיט שטומע אויגען, ווי איינער רעדט: „ז ה ח ל ק י מ כ ל ע מ ל י — אַט אַזוי דאַנקסט דו מיר אָפּ פאַר מיין סלוזשבע?“... איך האָפּ אַ קוק אויף מיין פערדעל דאָס לעצטע מאָל, ווי דער וואַסער־פיהרער האָט דאָס גענומען אין די הענט אריין לערנען מיט דעם בלק, און איך בלייב נאָכדעם שטעהן איינער אַליין און טראַכט מיר: „רבונו־של־עולם! ווי שכל׳דיג דו פיהרסט דיין וועלטעל! אַט האָסט דו באַשאַפען אַ טביה׳ן און האָסט באַשאַפען, להבדיל, אַ פערד, אוןביידע האָבען זיי איין מזל אויף דער וועלט... נישמעהר, אַ מענטש האָט אַ מויל און קאָן זיך חאַטש אויס׳טענה׳ן, אויסרעדען דאָס האַרץ, און אַ פערד, להבדיל, וואָס? משטיינס געזאָגט, אַ שטומע צונג, ווי זאָגט איהר: „ו מ ו ת ר ה א ד ם מ ן ה ב ה מ ה“...

— —

איהר קוקט אויף מיר, פּאַני שלום־עליכם, וואָס סע האָבען זיך מיר געשטעלט טרערען אין די אויגען, און איהר טראַכט זיך אודאי: „אַט דער טביה האָט זיך פאַרבענקט, אַפּנים, נאָך זיין פערדעל?“ וואָס עפּים נאָכ׳ן פערדעל, מענטש איינער? אַלסדינג טהוט מיר באַנג, און נאָך אַלעמען וועל איך בענקען. איך וועל בענקען נאָכ׳ן פערדעל, איך וועל בענקען נאָכ׳ן דאָרף, איך וועל בענקען נאָכ׳ן סטאַראָסטע מיט׳ן אוראַטניק, נאָך די בויבעריקער דאַטשניקעס, נאָך די יעהופּעצער נגידים, און אפילו נאָך אפרים דעם שדכן, ס׳זאָל אויף איהם קומען אַ מגפה, וואָרום סוף־כל־סוף, אַז מע זאָל וועלען אריינטהאָן זיך אַ ביסעל אין חקירה, איז ער דאָך נישט מעהר, ווי אַ איד אַיין אביון, וואָס זוכט נעבאַך פּרנסה. אם־ירצה־השם, אַז

לך-לך

געשריבען אין יאהר 1914.

לֶךְ־לְךָ

— אַ שענער, אַ גוטער, אַ ברייטער שלום־עליכם אויף אייך, פּאַני שלום־עליכם! עליכם ועל בניכם! איך קוק שוין אויף אייך לאַנג אַרויס, ס'האָט זיך אָנגעקלויבען ביי מיר אַ היבש ביסעל סחורה פאַר אייך. איך פרעג מיך אַלץ נאָך: א י כ ה — פאַר וואָס זעהט מען אייך ניט? זאָגט מען מיר, אַז איהר פאָהרט אַרום דאָרט איבער דער וועלט, אין די וויטע לענדער ערגיץ, ווי מיר זאָגען אין דער מגילה: ש ב ע ו ע ש ר י ם ו מ א ה מ ד י נ ה... נאָר מיר דאַכט, אַז איהר קוקט אויף מיר עפּיס מאָדנע? אפּנים, איהר קווינקעלט זיך און טראַכט זיך בעת־מעשה: ס'איז ע ר, צי ניט ע ר? ס'איז ער, פּאַני שלום־עליכם, ס'איז ער! אייער אַלטער פריינד טביה, בכבודו ובעצמו, טביה דער מילכיגער, דער אייגענער טביה, נאָר אויס מילכיגער, גלאַט אַ איד, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר, אַ איד אַ זקן, ווי איהר זעהט, האָטש אפילו אין יאָהרען גאָר ניט אַזוי אַלט, ווי מיר זאָגען אין דער הגדה: ה ר י א נ י כ ב ן ש ב ע י ם — נאָך גאַנץ ווייט צו זיעבעציג! אי, וואָס עפּיס אַזוי ווייס די האָר? גלויבט מיר, נישט פאַר תענוג, ליעבער פריינד. אַ ביסעל אייגענע צרות, ניט צו פאַרזינדיגען, און אַ ביסעל פון'ם כלל ישראל — אַ שלעכטע צייט! אַ ביטער שטיקעל צייט אויף אידען!... נאָר איך ווייס, וואָס אייך קוועטשט. אייך קוועטשט איין אַנדער זאַך: איהר האָט זיך דערמאָנט מסתמא, אַז מיר האָבען זיך אַמאָל געהאַט אָפּגעזעגענט, איידער איך האָב באַדאַרפט אַוועקפאָהרען קיין ארץ־ישראל. על־כן רעכענט איהר אוודאי, אַז דאָס זעהט איהר שוין טביה'ן צוריקוועגס, פון ארץ־ישראל הייסט עס, און איהר גאָהרט שוין מסתמא האָרכען עפּיס

אנאטעווקע, ניט דא געדאכט, ניט פאר קיין אידען געדאכט, און לעגט זיך אוועקעט א געזונטער, א שטארקער, און מאכט א שטא־ב! דאס הייסט, קיין גרויסער גבר איז ער ניט געווען קיינמאל. משטיינס געזאגט, א בעל־מלאכה, געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה — אויף דער גאדעל מיט׳ן פאדעם און געשטשאבעט, מחילה, תחתונים. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ער האט באקומען דאס טרוקענע, אנגעהויבען קאכיקען, געקאכיקעט און געקאכיקעט, ביז ער האט אויסגעשפיגען דאס לעצטע ביסעל לונג — עס האט נישט געהאלפען שוין ניט קיין דאקטאר, ניט קיין טאטער, ניט קיין ציעגענמילך, ניט קיין טשעקאלאדע מיט האניג. א וואוילער יונגאטש געווען, אפילו א פראסטער, נישט קיין בן־תורה, נאר איין עהרליכער, אהן חכמות, ליעב געהאט מיין טאכ־טער — דאס חיות! און מפקיר געווען זיך פאר די קינדער, און פאר מיר — געווען גאר די כפרה!

בקיצור, אפגעזאגט דעם פסוק: וימת משה — גע־שטארבען מאטעל, האט ער איבערגעלאזט מיר א רעכטע באמבע: וואו האב איך שוין געקאנט אפילו אין זינען האבען דעמאלט ארץ־ישראל? איך האב שוין געהאט א גוטען ארץ־ישראל ביי זיך אין דער היים! ווי אזוי לאזט מען איבער, איך פרעג אייך אלייז, א טאכטער איין אלמנה מיט פיצלעך קינדער יתומים אהן א שטיקעל ברויט? חאטש אפילו אין פלוג, אז מע וויל צוריק, וואס קאן איך איהר העלפען — א לעבערדיגען זאק? איך וועל דאך איהר דעם מאן איהרען צוריק ניט לעבעדיג מאכען, און איהרע קינדער דעם טאטען פון יענער וועלט ניט אומקעהרען, און אליין איז מען דאך אויך נישט מעהר ווי א זינדיגער מענטש, אויף דער עלטער ווילט זיך א ביסעל אויסרוהען די ביינער, פיהלען, אז מען איז א מענטש, ניט קיין סקאט. גענוג געטאַרעראמט! גענוג גע׳עולם־הזה׳ועט! מע באדארף שוין א ביסעל א טראכט געבען פון יענער וועלט אויך, שוין צייט! ובפרט, אז איך האב שוין געמאכט א תל פון מיין ביסעל חאראבע: דעם סוס, ווי איהר ווייסט, לאנג געגעבען דעם

נייעס, אפּנעמען אַ גרוס פון דער מוטער רחל׳ס קבר און פון דער מערת־המכפּלה און נאָך אַזעלכע זאַכען? באַדאַרף מען אייך באַרוהיגען, אויב איהר האָט צייט און ווילט האָרכען חידושים, אָבער טאַקי האָרכען מיט קאָפּ, ווי אין פּסוק שטעהט: ש מ ע נ י, — וועט איהר שוין דערמאָלט אַליין זאָגען, אַז אַ מענטש איז אַ בהמה און אַז מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט און ע ר פיהרט די וועלט.

בקיצור, וואָס פאַר אַ סדרה געהט ביי אייך איצט? ויקרא? ביי מיר געהט איין אַנדער סדרה: די סדרה לך־לך. ל ך ־ ל ך — האָט מען מיר געזאָגט — דו זאָלסט אַרויסגעהן, טביה, מ א ר צ ך — פון דיין לאַנד, ו מ מ ו ל ד ת ך — און פון דיין דאָרף, וואו דו ביזט געבוירען און אָפּגעלעבט אַלע דיינע יאָהרען, א ל ה א ר ץ א ש ר א ר א ך — וואוהין די אויגען וועלען דיך טראָגען!... און ווען דערמאָנט מען זיך צו זאָגען טביה׳ן דעם דאָזיגען פּסוק? אַקוראַט דעמאָלט, ווען ער איז שוין אַלט און שוואַך און עלענד, ווי מיר זאָגען ראש־השנה אין די תפלות: א ל ת ש ל י כ נ ו ל ע ת ז ק נ ה!... נאָר איך האָפּ אייך איינס פאַר׳ן אַנדערען, שיער פאַרגעסען, אַז מיר האַלטען נאָך גאָר פון פאָרענט און אַז איך האָב אייך נאָך ניט דערצעהלט, וואָס אין ארץ־ישראל הערט זיך. וואָס זאָל זיך דאָרטען הערען, ליעבער פריינד? אַ לאַנד — אויף אונז ביידען אַזאַ יאָהר! א ר ץ ז ב ת ח ל ב ו ד ב ש — שטעהט נאָך אין דער תורה געשריבען! איין חסרון נאָר, וואָס ארץ־ישראל איז אין ארץ־ישראל, און איך בין, ווי איהר זעהט אַטאָ, נאָך דערווייל אין חוץ־לאָרץ... אויף טביה׳ן, הערט איהר, איז, אפנים, געזאָגט געוואָרען דער פּסוק פון דער מגילה: כ א ש ר א ב ד ת י א ב ד ת י — געווען אַ שלים־מזל און אַ שלים־מזל וועל איך שוין שטאַרבען. דאַכט זיך, אָט־אָט שוין געשטאַנען כמעט מיט איין פוס אויף יענער זייט, אינ׳ם הייליגען לאַנד הייסט עס, געבליבען נאָר נעמען אַ בילעט, זיך אויפזעצען אויפ׳ן שיף און — פּאַשאָל. וואָס־זשע טהוט גאָט? איז זיך מיישב, וועט איהר הערען אַ שענס, מיין עלטערער איידעם, מאָטעל קאַמזויל, דער חייט פון

ו י ו ר ד י ם — ארויף און אראפ! און אזוי איז געווען אויך מיט מיין פאדראטשיק, מיט פרהצור'ען. איהר געדענקט דאך מסתמא דאס גרויסקייט זיינס מיט'ן הייזעל, מיט די דרייצעהן דיענסטען, מיט די שפיעגלען, און מיט די זייגערס, און מיט די צאצקעס אין יעהופעץ? פי—פו—פא! געדענקט איהר, איך האב אייך דער־צעהלט, דאכט זיך, ווי אזוי איך האב צוגערעדט דעמאלט מיין ביילקען, געבעטען זיך ביי איהר, זי זאל זעהן, אז ער זאל איהר אוועקקויפען דאס הייזעל, און למען־השם — אויף איהר נאמען? נו, האט מען דאך מיך מסתמא געהערט, ווי המן דעם גראגער — וואס פארשטהעט א טאטע? א טאטע פארשטעהט גארניט! וואס־זשע, מיינט איהר, איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען — וואו איהר האט ערגיץ א שונא: אחוץ וואס ער האט זיך פונ'ם גאנצען טראסק געשטעלט, געבליבען דעראונטער, אויסגעפארקויפט אלע שפיעגלען מיט אלע זייגערס, מיט'ן ווייב'ס דימענטען און בארליאנטען, האט ער זיך נאך פארשמירט מיט סכנת־נפשות, גע־מוזט ווערען א בורח, ניט פאר קיין אידען געדאכט, און מאכען איין אפטריט און אוועקגעפאהרען אהין, וואו דער ליעבער שבת־קודש געדט אוועק — קיין אמעריקע הייסט עס. אהינצו־צו פאהרען דאך אלע שווערע הערצער, זענען זיי אויך געפאהרען אהינצו־צו, די ערשטע צייט גוט פארשווארצט געווארען, דאס ביסעל מזומנ'ס, וויפיעל ס'איז געווען, האט מען אויפגעגעסען, און אז ס'איז ניט געווען מעהר וואס צו קייען, האט מען נעבאך געמוזט נעמען זיך צו דער ארבייט, געטהאן כל עבודת־פרך, ווי די אידען אין מצרים, ביידע, אי ער, אי זי! איצט שרייבט זי, אז ס'איז זיי שוין, ברוך־השם, נישקשה'דיג: זיי ארבייטען זאקען אויף א מאשינע און מאכען א לעבאכטס... אזוי רעדט זיך עס דארטען, אין אמעריקע. אויף אונזער לשון וועט עס הייסען: דאס שטיקעל ברויט שלעפט זיך... דאס גאנצע שטיקעל גליק, וואס זיי זענען מעהר ניט ווי צוויי מענטשען, שרייבט זי, אהן א קינד, אהן א רינד — גם זו לטובה! נו, פרעג איך אייך, זאל ניט א רוח אין זיין פעטער'ס מוהמע אריין

וועג, די בהמה׳לעך אויסגעפּאַרקויפט עד לפ״ק, געבליבען נאָר אַ פּאָר ביקלעך, וואָס ס׳עט קאָן אַמאָל וועררען פון זיי לייט, אַז מע זאָל זיי גוט האָדעווען, — און פלוצים געה ווער אויף די עלטערע יאָהרען איין אבי יתומים, אַ טאַטע פון קליינע קינדער! זענט איהר שוין פאַרטיג? האָט צייט! די רעכטע געדיכטע געהט ערשט ווייטער, וואָרום ביי טביה׳ן, אַז עס טרעפט זיך אַ צרה, ווייסט איהר דאָך שוין, אַז ס׳ע שלעפּט זיך נאָך פון הינטען נאָך אַ צרה. אַשטייגער, אַז ס׳האָט זיך אַמאָל געמאַכט איין אומגליק — ס׳איז געפאַלען ביי מיר אַ בהמה׳לע, האָט זיך באַלד פּאַוטירנע, ניט פאַר אייך גערעדט, אוועקגעלעגט נאָך אַ בהמה... אַזוי האָט שוין גאָט באַשאַפען זיין וועלטעל, און אַזוי וועט דאָס שוין בלייבען — אַ פאַרפאַלענע זאַך!

בקיצור המעשה, מיט מיין מיזינקע, מיט מיין ביילקען הייסט עס, געדענקט איהר דאָך די געשיכטע מיט׳ן גרויסען געווינס, וואָס זי האָט געמאַכט, געפּאַקט אַ העכט, אַ פּרהצור, אַ קנאַקער, אַ פּאָד־ראַטשיק פון דער מלחמה, וואָס האָט געבראַכט צו פיהרען קיין יעהופּעץ פולע זעק און האָט זיך פאַרקאַכט אין מיין טאָכטער, גע־וואָלט אַ שענע, געשיקט צו מיר אפרים דעם שדכן ימח שמו, אויס־געשלאָגען אַ קניע ערד, שיער דעם שלאַק באַקומען, גענומען זי, ווי זי שטעהט און געהט, אָפּגעשיט פון אויבען ביז אַראָפּ מיט מתנות, דימענטען און בּאַרליאַנטען — דאַכט זיך, אַזאַ גליק, איא? נו, האָט זיך פון דעם גאַנצען גליק אויסגעלאָזט מסתמא אַ טייך, און נאָך וואָס פאַר אַ טייך! אַ טייך מיט אַ בלאָטע, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין! וואָרום אַז גאָט הייסט, דאָס רעדעל זאָל זיך געבען אַ דרעה־איבער צוריק, איז מיט דער פּוטער אַראָפּ, ווי מיר זאָגען אין הלל: אָט, דאַכט זיך, נאָר־וואָס איז געוועזען מ ק י מ י מ ע פ ר ד ל, און איידער מע קוקט זיך אַרום, איז שוין טראַך: ה מ ש פ י ל י ל ר א ו ת ב ש מ י ם ו ב א ר ץ — אין דער ערד מיט די פּאַסטאַראַנקעס... גאָט האָט ליעב שפּיעלען זיך מיט אַ מענטשען. אוי, האָט ער ליעב שפּיעלען זיך! אַזוי האָט ער זיך געשפּיעלט מיט טביה׳ן וויפיעל מאָל: ע ו ל י ם

האבען זיך אנגעהויבען די ישועות ונחמות אויף אידען, פריהער אין די גרויסע שטעדט, דערנאך אין די קליינע שטעדטלעך, נאר צו מיר איז דאס ניט דערגאנגען, און עס האט ניט געקאנט דערגעהן בשום אופן. פאר וואס? פשוט! מע זיצט אפ אזא צייט צווישען גויים, מיט סאמע עשו'ן, — איז מען אויסגעבונדען מיט אלע בעלי־בתים פון דארף. ידיד נפש אב הרחמן — „באטיושקא טעוועל" איז ביי זיי דאס אויבערשטע פון'ם שטויסעל! וואס איז שייך? איין עצה — איז „יאק טעוועל סקאזשע". א רפואה צו קרחת — איז „דא טעוועליא". א גמילות־חסד — אויך ביי טביה'ן. נו, האב איך עפיס באדארפט אין זיינען האבען אזעלכע זאכען, פאגראמען, נארישקייטען, אז די גויים אליין האבען מיר געזאגט וויפיעל מאל, אז איך זאל כלל וכלל קיין מורא ניט האבען — זיי וועלען ניט דערלאזען!... און כך הוה — וועט איהר הערען א שענס.

בקיצור, איך קום צו פאהרען איינמאל אהיים פון בויבעריק — איך בין נאך דעמאלט געווען בגדלותי — אין די פעדערען, ווי זאגט איהר, נאך געהאנדעלט מיט מילכיגס, קעז און פוטער און שאר ירקות; אויסגעשפאנט דאס פערדעל, אונטערגעווארפען דעם היי און האבער, נישט צייט געהאט אפילו זיך וואשען צום עסען, איך טהו א קוק — א פולער הויף מיט גויים, די גאנצע הראמאדע, אלע פיינסטע בעלי־בתים, פון'ם סטאראסטע איוואן פאפערילע ביז דעם לעצטען גוי, טראכים דער טשערעדניק, און אלע זעהען זיי מיר אויס עפים מאדנע, יום־טוב'דיג!... האט מיר אפילו תחילת גע־געבען א טיאכקע אין הארצען: וואס פאר א יום־טוב אין מיטען דרינען? צי איז מען ניט געקומען מיט מיר לערנען בלק?... נאר צוריק טראכט איך מיר: פע, טביה! מעגסט זיך שעמען פאר זיך אליין: כל ימיו זיצסט דו איין איד, להבדיל, צווישען אזוי פיעל גויים בשלום ושלוה, און מע האט דיך ניט אנגעריהרט, איהר זאלט זאגען, אויף א האר!... און איך נעם און געה ארויס צו זיי מיט א ברייטען שלום־עליכם: „ברוכים הבאים, זאג איך צו זיי, וואס טהוט איהר דא, מיינע ליעבע בעלי־בתים? און וואס וועט

געפלויגען געוואָרען?... איך מיין טאַקי אפרים דעם שדכן מיין איך, פאַר'ן שענעם שידוך, וואָס ער האָט מיר נאַראַיעט, און פאַר דער בלאָטע, וואָס ער האָט מיך אַריינגעפיהרט! וואָס וואָלט איהר געווען אַזוי ביטער, למשל, זי זאָל געווען חתונה האָבען פאַר אַ בעל־מלאכה, ווי ציימעל, אָדער פאַר אַ לעהרער, ווי האָדעל? אַי, די האָבען אויך ניט געמאַכט אַזאַ גליק? איינע איז אַ יונגע אַלמנה, און די אַנדערע איז אין אַלדי גוטע יאָהר ערגיץ פאַרשיקט אויף פּאַסעליעניע? איז דאָך עס אַ גאָט־זאַך — וואָס קאָן אַ מענטש פאַרזאָרגען?... הערט איהר, אַ חכמה אַ אידינע איז געווען טאַקי מיינע, גאָלדע עליו השלום, דערמיט אַליין שוין, וואָס זי האָט זיך באַצייטענס אַרומגעקוקט, אָפּגעזעגענט זיך מיט דער נאַרישער וועלט און הלך לעולמו. ווארום, זאָגט שוין איהר אַליין, איידער האָבען אַזאַ צער־גידול־בנים פון טעכטער, ווי טביה האָט, איז ניט גלייכער טויזענד מאָל ליגען אין דער ערד און באַקען בייגעל?... נאָר ווי שטעהט דאָרטען אין פּרק: ב ע ל ־ כ ר ח ך א ת ה ח י — אַ מענטש נעמט זיך ניט אַליין, און אַז מע נעמט, גיט מען איבער די הענט, זאָגט איהר... דערווייל האָבען מיר זיך אַראָפּגעשלאָגען פון'ם שליאַך, איז דעריבער נ ח ז ו ר ל ע נ י נ נ ו ה ר א ש ו ן — לאָמיר איבערלאָזען, ווי איהר זאָגט אין אייערע ביכלעך, דעם בן־מלך און זיך אומקעהרען צו דער בת־מלכה. וואו־זשע, הייסט עס, האָלטען מיר? ביי דער סדרה לך־לך. נאָר איידער מיר וועלען צוקומען צו דער סדרה לך־לך, וועל איך אייך בעטען זיך מטריח זיין מיט מיר אָפּשטעלען זיך אויף אַ ווײַלע ביי דער סדרה בלק. דער מנהג העולם איז אפילו פון זינט די וועלט שטעהט, אַז פריהער לערענט מען לך־לך, דערנאָך בלק. מיט מיר האָט מען אָבער, פאַרקעהרט, פריהער געלערענט בלק, דערנאָך לך־לך. און געלערענט האָט מען מיט מיר בלק אַזוי שען, אַז איהר מעגט עס האָרכען. עס קאָן אייך אַמאָל צונוץ קומען.

בקיצור, דאָס איז געווען שוין לאַנג, באַלד נאָך דער מלחמה איז דאָס געווען, אין דער סאַמע היץ פון קאָסנעטוציעס, בעת עס

קשיא אויף כרוקעלע? „ע, טביה, קלער איך מיר, מיט'ן מלאך־המות טאָר מען זיך ניט שפּיעלען — מע באַדאַרף זיי עפּיס זאָגען!“... און וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך בדרוש זיין, ליעבער פריינד, ס'איז באַשערט געווען, אַפּנים, אַ נס, האָט מיר דער אויבערשטער אריינגעגעבען אַ זין, איך זאָל ביי זיך ניט אראָפּפאַלען, און איך נעם מיך אַן מיט הארץ און רוף מיך אָן צו זיי, צו די גויים הייסט עס, דוקא אין גוטען מוטה: „שמעו־נא, רבותים, זאָג איך, הערט־זשע אויס, זאָג איך, מיינע ליעבע בעלי־בתים, וויבאַלד, זאָג איך, אַז הראַמאָדע האָט אַזוי גע'פּסקנ'ט, איז דאָך ניט שייך, זאָג איך, מסתמא ווייסט איהר, זאָג איך, בעסער, אַז טביה האָט ביי אייך פאַרדיענט, איהר זאָלט מאַכען אַ תל, זאָג איך, פון זיין חאַדאָבע און פון זיין גאַנץ פאַרמעגען... נאָר וואָס דען, זאָג איך, דאָס ווייסט איהר, זאָג איך, אַז ס'איז פאַרהאַן נאָך העכערס פאַר אייער הראַמאָדע? איהר ווייסט, זאָג איך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? איך זאָג ניט, זאָג איך, מ ײ ן גאָט, א י י ע ר גאָט — איך שמועס פון יענעם גאָט, זאָג איך, פון אונזער אַלעמענס גאָט, וואָס זיצט, זאָג איך, אָט דאָרטען אויבען און זעהט צו אַלע פאַר־לאַסטען, זאָג איך, וואָס טהוען זיך אָפּ אָט דאָ אונטען... עס קאָן זיין, זאָג איך, אַז ער אַליין האָט מיר אנגעצייכענט, אַז איך זאָל געשטראָפט ווערען אומזיסט־אומנישט דורך אייך, דורך מיינע בעסטע גוטע פריינד, און עס קאָן זיין ווידער, זאָג איך, אַקוראַט פאַרקעהרט, אַז ער וויל, אַדרבה, בשום אופן ואופן ניט, אַז מע זאָל טביה'ן טהון שלעכטס... ווער־זשע, זאָג איך, קאָן דאָס וויסען, וואָס גאָט וויל? אדרבה, זאָג איך, אפשר געפינט זיך דאָ צווישען אייך איינער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען, זאָג איך, דערגעהן דאָ אַ טאָלק?“...

בקיצור, זיי האָבען, אַפּנים, געזעהען, אַז מיט טביה'ן וועלען זיי זיך ניט אויס'טענה'ן, רופט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע הייסט עס, בזה הלשון: „די מעשה, זאָגט ער, ווערפון איז אַזוי. מיר האָבען צו דיר, טעוועל, אייגענטליך, גאָר־

איהר עפּיס זאָגען גוטס? און וואָס וועט איהר דערצעהלען נייעס?"... טרעט אַרויס דער סטאַראָסטע, איוואַן פּאַפּערילע הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר גאַנץ אַפּענטליך און גאָר אָהן שום הקדמות: „מיר זענען געקומען, זאָגט ער, צו דיר, טעוועל, מיר ווילען דיך שלאָגען". וואָס זאָגט איהר אויף דער שפּראַך? דאָס ווערד אַנגערופען ביי אונז „לשון סגי־נהור" — גערעדט פאַרשטעלט הייסט עס... מילא, ווי אַזוי מיר איז געוואָרען אויפ'ן האַרצען — קאָנט איהר אייך משער זיין. נאָר אַרויסבאַווייזען — פּע! אדרבה ואדרבה! טביה איז ניט קיין יונגעלע... רוף איך מיך אָן צו זיי גאַנץ לעבעדיג: „מזל־טוב אייך, זאָג איך, נאָר וואָס האָט איהר זיך, קינדער, אַזוי שפּעט דערמאָנט? אין אַנדערע ערטער, זאָג איך, האָט מען שוין פון דעם כמעט פאַרגעסען!"... רופט זיך אָן צו מיר איוואַן פּאַפּערילע, דער סטאַראָסטע הייסט עס, שוין דוקא גאַנץ ערנסט: „פאַרשטעהסט דו מיך, טעוועל, זאָגט ער, מיר האָבען זיך, זאָגט ער, אַלע געישוב'ט, צי מיר זאָלען דיך שלאָגען, צי ניט שלאָגען? אומעדום, אין אַלע ערטער, שלאָגט מען אייך, פאַר וואָס, זאָגט ער, זאָלען מיר דיך דורכלאָזען?... איז געבליבען ביי דער הראָמאַדע, זאָגט ער, אַז מיר זאָלען דיך שלאָגען... נאָר וואָס דען, מיר ווייסען נאָך אַליין ניט, וואָס מיר זאָלען מיט דיר טהון, טעוועל: צי מיר זאָלען דיר נאָר אויסהאַקען די שויבען, זאָגט ער, און צעטרענען די פּערינעס מיט די קישעלעך און אַרויסלאָזען די פעדערען, צי מיר זאָלען דיר פאַרברענען, זאָגט ער, די כאַטע מיט דער שטאַל, מיט דער גאַנצער כאַזאַבע דיינער?"

דאָ איז מיר שוין געוואָרען גוט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען, און איך באַטראַכט מיינע לייט, ווי מע שטעהט אָנגעלעהענט אויף די לאַנגע שטעקענס און מע שושקעט זיך מיר עפּיס שטילערהייד. משמעות הייסט עס, אַז ס'איז ביי זיי גאָר קיין קאַטאַוועס ניט? וויבאַלד אַזוי, טראַכט איך מיר, איז דאָך, ווי מיר זאָגען אין תהלים: ב א ו מ י ם ע ד נ פ ש — ביזט דאָך טאַקי, טביה, יוט אין דער נ־רבייט! וואָרום טאָמער א ל ת פ ת ח פ ה ל ש ט ן — א

פארטיעפט מען זיך שוין אגב אין הימעל־זאכען און מע פאלט אריין אין חקירה: וואס איז ד י וועלט? און וואס איז י ע נ ע וועלט? און פאר וואס זאל ניט קומען משיח? „אי, טראכט איך מיר, וואלט ער געטהאן, ווי א חכם, טאקי משיח מיין איך, ווען ער האפט זיך אראפ צו אונז אצינדערט רייטענדיג אויף זיין ווייס פערדעל! דאס וואלט געוועזן א שענע זאך! ער איז נאך קיינמאל, דאכט מיר, אזוי נויטיג ניט געוועזן פאר אונזערע אחינו בני ישראל, ווי היינט! איך וייס ניט, ווי אזוי די נגידים, די בראצקים, למשל, אין יעהופעץ, אדער די רויטשילדס אין פאריז? סע קאן זיין, אז זיי האבען איהם אין זינען אקוראט אין דער לינקער פאה; נאר מיר, אידען ארעמע לייט, פון כתרילעווקע און פון מאזעפעווקע און פון זלאדייעווקע, און אפילו פון יעהופעץ, און אפילו פון אדעס, קוקען ארויס, אוי, קוקען מיר ארויסעט אויף איהם! ממש די אויגען קריכען אזש פון קאפ! אונזער גאנצע האפענונג אצינד איז דאך נאר, טאמער וועט גאט טהון א נס, עס וועט קומען משיח!“...

דערווייל, אזוי ווי איך זיץ מיר פארטיעפט אין די דאזיגע רעיונות, איך טהו א קוק — א ווייס פערדעל, און עמיצער זיצט אויף דעם רייטענדיג, און גלייך צום טויער פון מיין ישטוב! טפררו — אפגעשטעלט זיך, אראפגעקראכען, צוגעבונדען דאס פערדעל צום טויער, און אליין גלייך צו מיר: „זדראסטאי, טעוועל!“ „זדראסטאיטי, זדראסטאיטי, וואשע בלאהאראדיע!“ — ענטפער איך אפעט גאנץ בריטליך, און אין הארצען טראכט איך מיר: ו י ב ו א ה מ ן — מאכט רש״י: אז מע קוקט ארוים אויף משיח׳ן, קומט דער אוראטניק... און איך שטעה־אויף אקעגען איהם, אקעגען דעם אוראטניק הייסט עס: „ברוך הבא א גאסט, זאג איך, וואס הערט זיך עפים אויף דער גרויסער וועלט און וואס ווילסט דו, זאג איך, עפים זאגען גוטס, אדוני פריץ?“ און דאס הארץ פאלט מיר שיער ניט ארוים — איך וויל שוין וויסען, וואס און ווען? און ער, דער אוראטניק הייסט עס, האט זיך אבער צייט. ער פארדרייט זיך ארויף און פארוויכערט זיך גאנץ פיין א פאפירעסעל, בלאזט ארוים דעם רויך, שפייעט אויס

נישט ניט. דו ביזט, זאָגט ער, טאַקי אַ זשיד, נאָר ניט קיין שלעכ־טער מענטש. נאָר איינס צום אַנדערען, זאָגט ער, געהער זיך ניט אָן — שלאָגען דאַרף מען דיך; הראַמאַדע האָט אַזוי גע׳פּסקנ׳ט — פאַרפאַלען! מיר וועלען דיר, זאָגט ער, חאַטש אויסהאַקען די פענ־סטער. דאָס, זאָגט ער, מ ו ז ע ן מיר, ווייל טאַמער, זאָגט ער, פאַהרט עמיצער דורך, טאַ לאָז מען, זאָגט ער, זעהען, אַז מע האָט דיך געשלאָגען, אַניט, זאָגט ער, וועט מען אונז נאָך שטראָפירען"... אַט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון, ווי איך דערצעהל אייך, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען בכל אשר אפנה! נו, איצט פרעג איך אייך, פּאַני שלום־עליכם, איהר זענט דאָך עפּיס אַ איד וואָס קאַטאַרי איהר פאָהרט אוים די וועלט — איז שוין טביה גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט?...

האָב איך אייך, הייסט עס, שוין גע׳פּטר׳ט די סדרה בלק. אַצינד וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו דער סדרה לך־לך. די דאָזיגע סדרה האָט מען מיט מיר געלערענט אַט דאָ ערשט ניט לאַנג, און טאַקי אויף דער רעכטער אמת. דאָ האָט שוין ניט געהאָלפען, פאַרשטעהט איהר מיך, קיין שום דרשות מיט קיין שום מוסר זאָגען. ומעשה שהיה כך היה — מע דאַרף עס אייך איבערגעבען אַקוראַט, מיט אַלע פּישטשעווקעס, כ א ש ר א ה ב ת י — אַזוי ווי איהר האָט ליעב.

ויהי בימי מענדעל ביילים — דאָס איז געווען אַקוראַט אין יענער צייט, ווען מענדעל ביילים, אונזער כפרה־היהנדעל, איז אָפּ־געקומען חבוט־הקבר, געלייטערט די נשמה פאַר פרעמדע זינד, און די וועלט איז געגאַנגען האַדראַם, — זיץ איך מיר אַזוי איינמאַל אויף דער פּריזבע ביי מיין שטוב פאַרטיעפט אין מחשבות. זומער־לעבען. די זון באַקט, און דער קאָפּ טראַגט: „סטייטש, סטייטש, היתכן! היינטיגע צייטען! אַזאַ קלוגע וועלט! אַזעלכע גרויסע מענטשען! און וואו איז גאָט? דער אַלטער אידישער גאָט? וואָס שווייגט ער? ווי דערלאָזט ער אַזאַ זאַך? סטייטש און סטייטש און ווידער אַ מאָל סטייטש!" און טראַכטענדיג אַזוי פון גאָט,

דוקא אויסעט, דער אוראַטניק הייסט עס, און אַז איך האָב געקאַנ־טשעט, מאַכט ער צו מיר: „דו ביזט אַ ציקאַווע איך, זאָגט ער, טעוועל, און דו האָסט אין זיך נייען מאָס רעד. צו וואָס טויגען מיר דיינע מעשיות, זאָגט ער, פון דיין באַבען מיט דיין זיידען? לאָזען זיי, זאָגט ער, דיר האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן! און דו, טעוועל, נעם, זאָגט ער, צענויף דיינע בעבעכעס און פאָהר־פאָהר נאָ באַר־דיטשעוו!"... פאַרדריסט עס מיך שוין נאָך מעהר: גענוג דו זאָגסט מיר אַז, עשו, אַזאַ גוטע בשורה טובה, מאַכסט דו נאָך חוזק: פאָהר־פאָהר נאָ באַרדיטשעוו!... לאָם איך איהם חאַטש אַ ביסעל אויס'לאָמר'ען... און איך רוף מיך אָן צו איהם: „וואַשע, זאָג איך, בלאַהאָראָדיע! וויפיעל צייט, זאָג איך, ביזט דו שוין דאָ פּריץ, האָסט דו עפּיס געהערט, זאָג איך, אַ סך מאָל, עמיצער פון די שכנים זאָל זיך אויף מיר באַקלאָגען, אַז טביה האָט איהם באַ'גנבה'ט, אָדער באַ'גזל'ט, אָדער אויסגענאַרט, אָדער אַזוי צוגע־נומען? אַנו, צעפרעג זיך אַקאָרשט ביי די בעלי־בתים, זאָג איך, צי האָב איך ניט געלעבט מיט זיי אַ סך בעסער, זאָג איך, ווי דער בעסטער בעל־הבית? צי בין איך ניט געווען, זאָג איך, אַדוני פּריץ, ביי דיר אַליין, זאָג איך, וויפעל מאָל בעטען דיך פאַר די גויים, זאָלסט זיי אַזוי ניט אַביזשאַיען?"... האָט דאָס איהם שוין, אַפּנים, ניט געשמעקט! שטעהט ער אויף, דער אוראַטניק, צעקוועטשט דעם פּאַפּיראָס מיט די פינגער, טהוט איהם אַ וואָרף־אָפּ און מאַכט צו מיר: „איך האָב, זאָגט ער, קיין צייט ניט מיט דיר צו באַלאַקען פוסטע רעד. ס'איז מיר אָנגעקומען, זאָגט ער, אַ פּאַפּיער — און ווייטער געהט מיך ניט אָן! קום, זאָגט ער, וועסט דו מיר, זאָגט ער, חתמ'ענען דאָס פּאַפּיער, און צייט אויף ארויסצופאָהרען גיט מען דיר, זאָגט ער, דריי טאָג, זאָלסט קאָנען, זאָגט ער, אויספאַר־קויפען אַלסדינג און צוגרייטען זיך אין וועג אַריין". דערזעהן, ס'איז בּיטער, רוף איך מיך אָן צו איהם: „דו גיסט מיר, זאָג איך, דריי טעג גיסט דו מיר? דריי יאָהר זאָלסט דו לעבען, זאָג איך, דערפאַר אין עושר און אין כּבוד. גאָט זאָל דיר, זאָג איך, צאָהלען בכפל

און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייפּעל צייט, אַשטייגער, דאַרפסט דו האָבען, טעוועל, זאָלסט קאָנען פּאַרקויפען, זאָגט ער, דיין חאַטע מיט דיינע אַלע בעבעכעס?“ קוק איך איהם אָן: „צו וואָס, זאָג איך, זאָל איך פאַרקויפען, זאָג איך, מיין חאַטע? וועמען, למשל, מאַכט זי, זאָג איך, ענג?“ „ענג, זאָגט ער, מאַכט זי קיינעם ניט. נאָר איך בין געקומען, זאָגט ער, דיך אַרויסשיקען, זאָגט ער, פון דאָרף“. „סך־הכל, זאָג איך, מעהר ניט? פאַר וואָסערע מעשים טובים? מיט וואָס, זאָג איך, האָב איך פאַרדיענט ביי דיר אַזאַ כבוד?“... „דאָס איז ניט איך שיק דיך אַרויס, זאָגט ער, די גובערניע שיקט דיך אַרויס“. „די גובערניע? — זאָג איך. — וואָס האָט זי אַזעלכעס דערזעהען אויף מיר?“ „נישט נאָר דיך אַליין, זאָגט ער, און נישט נאָר פון דאַנען, נאָר פון אַלע דערפער אַרום און אַרום, פון זלאַדילעווקע, זאָגט ער, און פון ראַבילעווקע, און פון קאַסטאַ־לאָמעווקע, און אַפילו, זאָגט ער, אַנאַטעווקע, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ שטעדטעל, ווערד דאָס שוין איצטער אויך, זאָגט ער, אַ דאָרף, און מע וועט אַרויסטרייבען פון דאָרט, זאָגט ער, אַלע — אַלע אייערע“... „אַפילו לייזער־וואָלף דעם קצב, זאָג איך, אויך? און נפתלי־גרשון דעם לומער אויך? און דעם דאָרטיגען שוחט? און דעם רב?“ „אַלע! אַלע!“ — זאָגט ער און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד, ווי אַ שנייד־אָפּ מיט אַ מעסער... איז מיר אַפילו גע־וואָרען עפּיס ווי אַ ביסעל גרינגער, ווי זאָגט איהר: צרת רבים חצי נחמה. נאָר פאַרדריסען פאַרדריסט דאָס מיך, און אַ פייער ברענט אין מיר, און איך בין מיך מיישב און רוף מיך אָן צו איהם, צום אוראַטניק הייסט עס: „זאָג מיר, זאָג איך, דו ווייסט חאַטש, זאָג איך, וואָשע בלאַהאָראָדיע, אַז איך זיץ דאָ אין דעם דאָרף אַ סך פריהער פון דיר? דו ווייסט, זאָג איך, אַז אָט דאָ, אין דעם ווינקעל, איז נאָך מיין טאַטע עליו השלום, זאָג איך, געזעסען, און מיין זיידע עליו השלום, און מיין באָבע עליו השלום?“ און איך פויל זיך ניט און רעכען איהם אויס די גאַנצע משפחה ביי די נעמען, וואו וועד ס'איז געזעסען און וואו ווער ס'איז געשטאָרבען... הערט ער מיך

פארקויפען די חאטע. ס'איז אנגעקומען, זאג איך, א פאפיער, אז מיר זאלען אפריינירגען, זאג איך, דאס ארט און אין דריי טאג ארום זאל דא אונזער דעך ניט בלייבען!"... דערהערט פון מיך אזא בשורה, אז זי מאכט ניט קיין געוויין, די אלמנה מיינע, און די קינ־דערלעך איהרע, אויף איהר קוקענדיג, האבען זיך גלאט צעוויינט, און ס'איז געווארען, וואס זאל איך אייך זאגען, תשעה־באב אין שטוב! ווער איך שוין אין כעס און לאז אוים מיין גאנץ ביטער הארץ אויף מיין טאכטער נעבאך: „וואס האט איהר זיך געגומען, זאג איך, אויף מיין לעבען? וואס האט איהר זיך, זאג איך, צע־יאחמערט פלוצים אין מיטען דרינען, ווי איין אלטער חזן׳צו די ערשטע סליחות?... וואס בין איך עפיס — א בן־יחיד, זאג איך, ביי גאט? א ציטעריגער? קארג אידען, זאג איך, ווערען איצטער ארויסגעטריבען פון די דערפער? גיה הארך, זאג איך, וואס דער אוראטניק דערצעהלט זיך אן! א סברא, זאג איך, אז דיין אגא־טעווקע, וואס איז ביז אהער געווען א שטעדטעל, ווערד דאס שוין אויך, זאג איך, מיט גאט'ס הילף, א דארף, צוליעב די אנאטעווקער אידען, זאג איך, מע זאל זיי קאנען ארויסטרייבען אלעמען. ווי־באלד אזוי, זאג איך, מיט וואס־זשע, זאג איך, בין איך ערגער פון אלע אידען?"... אט אזוי רעד איך איהר אוים דאס הארץ, דער טאכטער מיינער. איז דאך עס אבער א אידינע. זאגט זי צו מיר: „וואוהין ווען מיר זיך, זאגט זי, קלויבען פלוצים אין מיטען דרינען? וואו וועלען מיר, זאגט זי, גיהן זוכען שטעדט?"... „שטיא! — זאג איך. — אז גאט איז געקומען, זאג איך, צו אונזער עלטער־עלטער־זיידען, צו אברהם אבינו'ן, און האט איהם געזאגט, זאג איך, לך־לך מארצך — זאלסט ארויסגעהן פון דיין לאנד, האט איהם דען אברהם, זאג איך, איבערגעפרעגט דאס אנ־דערע ווארט אפילו: וואוהין?... גאט האט איהם געזאגט, זאג איך, אל הארץ אשר אראך — איז דער פשט: נא ווסיע טשעטירע סטארעני... מיר וועלען געהן, זאג איך, וואוהין די אויגען טראגען, וואוהין אלע אידען געהען! וואס סע וועט זיין,

כפלים, זאג איך, פאר דער גוטער בשורה, וואס דו האסט מיר גע־בראכט אין שטוב אריין"... גוט־גוט אריינגעזאגט איהם, ווי טביה קאן! איך האב מיך מיישב געווען: ממה־נפשך, סאי ווי סאַי מאַטי פארד — וואס האב איך דא אנצוווערען? וואלט איך גע־ווען יונגער חאטש מיט א יאהר צוואנציג, און וואלט מיר געלעבט מיין גאלדע עליו השלום, און וואלט איך געווען דער אייגענער טביה דער מילכיגער, וואס אמאל, אין די שנים קדמוניות, — עהע־העו! וואלט איך זיך אזוי גיך ניט אונטערגעגעבען! איך וואלט זיך געבארעט, געשלאגען זיך ביז'ן בלוט אריין! נאר אזוי — וואס? מ ה א נ ו מ ה ח י י נ ו — וואס בין איך היינט און ווער בין איך? א פלג־גוף, א שברי־כלי, א צעבראכענער שארבען! „אד טי, רבונו של עולם, גאטעניו! — טראכט איך מיר. — וואס האסט דו זיך עפּים צוגעטשעפּעט צו טביה'ן גראד? פאר וואס זאלסט דו בעסער ניט א שפּיעל טהון זיך א מאל אויף א טשיקאווען, למשל, מיט א בראצקי'ן, אדער מיט א רויטשילד'ען? פאר וואס לערענט מען מיט זיי ניט די סדרה לך־לך? זיי וואלט, דאכט מיר, בעסער אנגעשטאנען? ערשטענס, וואלטען זיי דערפיהלט דעם אמת'ען טעם, וואס הייסט א איד. והשנית, לאזען זיי אויך זעהען, אז מיר האבען א שטארקען גאט"...

בקיצור, דאס איז אבער אלץ פוסטע דבורים. מיט גאט טענה'ט מען זיך ניט אויס, און איהם קיין עצות, ווי אזוי צו פיהרען די וועלט, גיט מען ניט. ער, אז ער זאגט: ל י ה ש מ י ם ו ל י ה א ר ץ — קומט אויס, אז ער איז בעל־הבית, און מיר דארפען איהם פאלגען. וואס ער זאגט, איז געזאגט!... געה איך אריין אין שטוב אריין און טהו מיר א זאג צו מיין טאכטער דער אלמנה: „צייטעל, זאג איך, מיר קלויבען זיך ארויס, זאג איך, פון דאַנען ערגיץ אין א שטאדט אריין. גענוג שוין געזעסען אין דארף, זאג איך. משנה מקום, משנה מזל... דו נעם אקארשט, זאג איך, און הויב אן באצייטענס זיך צו גרייטען מיט'ן בעטגעוואנט, מיט'ן סאמאוואר און מיט די שאר ירקות, און איך וועל, זאג איך, געהן

איך, ניט פארקויפען, דיר — יא". „וויפיעל, זאגט ער, ווילסט דו פאר דיין האטע?" „וויפיעל, זאג איך, גיסט דו?" אהין־אהער, ער מיר: „וויפיעל ווילסט דו?" איך איהם: „וויפיעל גיסט דו?" — מע האט זיך גענומען דינגען זיך, פאטשען אין די הענט אריין, אזוי לאנג געדונגען זיך און געפאטשט זיך, א רענדעל ארויף, א רענדעל אראפּ, ביז מע האט זיך אויסגעדונגען פאר'ן מקח, און טאקי פאוטירנע גענומען ביי איהם אויף דער יד א פיינעם אדערויף, ער זאל זיך חלילה ניט אויפטרענען — א איד איז קליגער פון א גוי, — און אט אזוי האב איך אויסגעפארקויפט אין איין טאג, בחצי־חנם געוויינטליך, דאס גאנצע דאברע־מזל, געמאכט פון אלס־דינג גאלד, און בין אוועק דינגען א פוהר, פארנעמען דאס איבער־געבליבענע ביסעל ארעמקייט — וועט איהר הערען נאך א שענס, וואס ביי טביה'ן קאן זיך פארלויפען! איהר לעגט נאר צו קאפּ, איך וועל אייך שוין לאנג נישט האלטען, איבערגעבען עס אייך, ווי זאגט איהר, בשלשה דברים — אין צוויי ווערטער.

בקיצור, פאר'ן אוועקפאהר קום איך אהיים, טרעף איך שוין ניט קיין שטוב, נאר א חורבה. די ווענט נאקעט, זיי וויינען ממש מיט טרערען! אויף דער ערד — פעקלעך מיט פעקלעך מיט פעק־לעך! אויפ'ן פריפעטשיק זיצט די קאץ, ווי א יתומה נעבאך, טרויערדיג — עס האט מיך אזש א נעם געגעבען ביי'ם הארצען און טרערען האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען... איך זאל מיך ניט שעמען פאר מיין טאכטער, וואלט איך מיך גוט־גוט אויסגע־וויינט, ווי זאגט איהר, פארט באטקאוושטשינע!... דא אויסגעוואק־סען, דא פארשווארצט געווארען כל ימיו, און פלוצים אין מיטען דרינען — לך־לך! זאגט אייך, וואס איהר ווילט, ס'א פארדרא־סיגע זאך!... טביה איז דאך אבער ניט קיין אידינע, האלט איך מיך איין און מאך מיך פרייליך און רוף מיך אן צו מיין טאכטער דער אלמנה: „קום נאר אהער, זאג איך, צייטעל, וואו ביזט דו ערגיץ?" געהט זי ארויס פון צווייטען אלקיר, צייטעל הייסט עס, מיט רויטע אויגען און מיט א געשוואלענער נאז. אהא, טראכט

זאג איך, מיט כל ישראל, דאס וועט זיין מיט רב ישראל. און מיט וואס, זאג איך, ביזט דו מעהר מיוחסת פון דייז שוועסטער ביילקע, די נגידית'טע? איהר שטעהט אז צו זיין מיט איהר פדהצור'ען אצינד אין אמעריקע און מאכען א לעבאכטס, מעג דיר אויך, זאג איך, אנשטעהן... דאנקען השם־יתברך, זאג איך, וואס מיר האבען חאטש מיט וואס צו ריהרען זיך. א ביסעל, זאג איך, איז נאך דא פון פריהער, און א ביסעל פון דער חאדאבע, וואס מיר האבען פארקויפט, און א ביסעל וועט אריינפאלען פון דער חאטע. פון א ביסעל און א ביסעל, זאג איך, ווערד א פולע שיסעל — און גם זו לטובה! און אפילו מיר זאלען, זאג איך, חלילה גארנישט האבען, איז אונז, זאג איך, נאך אלץ בעסער פון מענדעל ביילים!"...

בקיצור, איך האב ביי איהר יאקאש גע'פועל'ט, זי זאל זיך ניט שטארק פאר'עקשנ'ען. איך האב איהר געגעבען צו פארשטעהן מיט א שכל, אז דער אוראטניק קומט און ברענגט א פאפיער, אז מע הייסט געהן, קאן מען קיין חזיר ניט זיין און מע דארף געהן. און אליין בין איך אוועק אין דארף מאכען א טאלק מיט דער חאטע, און גלייך צו איוואן פאפעריליע, צום סטאראסטע הייסט עס. ער איז א גוי א בעל־הגוף און פגר'ט נאך מיין דירה! געקומען צו איוואנ'ען, דערצעהל איך איהם ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום — א איד איז קליגער פון א גוי — און איך זאג איהם, זאג איך: „הנה זיי וויסען, איוואנו סערדצע, אז איך ווארף אייך אוועקעט"... זאגט ער: „וואס עפים?" זאג איך: „איך פאהר אריבער, זאג איך, אין שטאדט אריין. איך וויל זיין, זאג איך, צווישען אידען. איך בין שוין ניט קיין יונגערמאן, זאג איך, טאמער חלילה טהוט מען א שטארב"... מאכט צו מיר איוואן: „פאר וואס זשע זאלסט דו ניט שטארבען דא? ווער לאזט דיך ניט?" דאנק איך איהם זעהר און זאג איהם: „שטארבען דא שטארב שוין דו בעסער, זאג איך, דו ביזט בילכער, און איך וועל בעסער געהן שטארבען, זאג איך, צווישען מייניגע... קויף אפ, איוואנו, ביי מיר, זאג איך צו איהם, מייז חאטע מיט'ן גארטען. איין אנדערען וועל איך, זאג

וויפיעל מאל, אז חוה לא יזכר ולא יפקד!"... מיינט איהר, אז זי שרעקט זיך איבער? אבער גאר לא! טביה'ס טעכטער האבען אין זיך א כח! „טאטע, מאכט זי צו מיר, דו בייזער זיך נאר ניט אזוי שטארק און דערמאן זיך בעסער, וואס דו אליין, זאגט זי, האסט געזאגט וויפיעל מאל, אז סע שטעהט געשריבען, אז א מענטש דארף האבען רחמנות אויף א מענטשען, ווי א טאטע אויף א קינד"... איהר הערט ווערטער? ווער איך מסתמא נאך מעהר אויפגעקאכט און געב איהר אוועקעט א גאב, ווי איהר קומט: „פון רחמנות, זאג איך, רעדסט דו מיט מיר? וואו איז געווען, זאג איך, איהר רחמנות, א איך בין געלעגען ווי א הונט פאר'ן גלח, ימח שמו, איהם געקושט די פיס, און זי איז אפשר געווען, זאג איך, אין צווייטען חדר און אפשר געהערט איטליכסווארט?... אדער וואו איז געווען, זאג איך, איהר רחמנות, אז די מאמע עליו השלום איז געלעגען, זאג איך, ניט פאר דיר געדאכט, אט דא אויף דער ערד מיט שווארצען איבערגעדעקט? וואו אי זי דעמאלט געווען?... און די נעכט, וואס איך בין, זאג איך, ניט געשלאפען? און דאס קרענקען, וואס האט מיך, זאג איך, געקרענקט די גאנצע צייט ביז היינטיגען טאג נאך, אז איך דערמאן מיך, זאג איך, וואס זי האט מיר אפגעטהאן, אויף וועמען זי האט אונז אויסגעביטען — וואו איז, זאג איך, דער רחמנות אויף מיר?"... און עס פארבאקט מיך ביי'ם הארצען און איך קאן ניט רעדען מעהר... מיינט איהר דאך אודאי, אז טביה'ס טאכטער האט נישט געפונען, וואס מיר דערויף אפצוענטפערען? „דו אליין, זאגט זי, זאגסט דאך, טאטע, אז דער מענטש, וואס האט חרטה, איז איהם אפילו גאט אליין אויך מוחל"... „חרטה? — זאג איך. — צו שפעט! דאס צווייגעלע, זאג איך, וואס האט זיך איינמאל אפגעריסען פון בוים, מוז, זאג איך, פארטריקענט ווערען! דאס בלעטעל, זאג איך, וואס איז אפגעפאלען, מוז פאר־פוילט ווערען, און מעהר, זאג איך, זאלסט דו מיט מיר ניט רעדען דערפון — ע ד כ א ן א ו מ ר י ם ב ש ב ת ה ג ד ו ל!"...

איך מיר, מיין טאָכטער האָט זיך דאָ שוין ווידער צע׳יעלה׳ט, ווי אַ אידינע צו ונתנה־תוקף! אָט די ווייבער, הערט איהר, זענען אייך קיין קאַטאָוועס ניט — באַלד עפּיס, איז געוויינט! וואָלוועלע טרערען ביי זיי! „שטיא! — זאָג איך איהר. — וואָס וויינסט דו שוין ווידער? ביזט דו ניט קיין נאַר? — זאָג איך. — באַרעכען זיך נאַר, זאָג איך, דעם חילוק פון דיר ביז מענדעל בייליס“... וויל זי ניט הערען און מאַכט צו מיר: „טאַטע, זאָגט זי, דו ווייסט ניט וואָס איך וויין“... זאָג איך: „איך ווייס גאַנץ גוט. פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? דו וויינסט, זאָג איך, ס׳טהוט דיר באַנג די היים... ביזט אָט דאָ, זאָג איך, געבוירען געוואָרען און אויסגעוואַכסען — פאַרדריסט עס דיך!... גלויב מיר, זאָג איך, איך זאָל ניט זיין טביה, איך זאָל זיין איין אַנדערער, וואָלט איך אַליין אויך, זאָג איך, געקושט אָט די נאַקעטע ווענט מיט אָט די לעדיגע פּאַליצעס... איך וואָלט אַליין אויך, זאָג איך, צוגעפאַלען צו אָט דער דאָזיגער ערד!... עס טהוט מיר באַנג, זאָג איך, איטליכס ברעקעל גלייך מיט דיר. נאַרעלע! אפילו אָט די קאַץ, זאָג איך, זעהסט דו, אָן זיצט זי דאָרט אַ פאַר׳יתומ׳טע אויפ׳ן פּריפּעטשיק? אַ שטומע צונג, אַ חיה, זאָג איך, פון דעסטוועגען איז אַ רחמנות, זי בלייבט אַליין אָהן אַ בעל־הבית — צער־בעלי־חיים“... „ס׳איז דאָ, מאָהל דיר, זאָגט זי, אַ גרעסערער רחמנות“... „דהיינו?“ „אָט פאָהרען מיר אַוועק, זאָגט זי, און לאָזען איבער דאָ איין מענטשען אַליין, עלענד ווי אַ שטיין“. פאַרשטעה איך ניט, וואָס זי מיינט, און רוף מיך אָן צו איהר: „וואָס בעלעבעטשעסט דו, זאָג איך? וואָסערע פּלאָמען? וואָס מענטש? וואָסער שטיין?“ מאַכט זי צו מיר: „טאַטע, איך רעד ניט פונ׳ם וועג, איך רעד, זאָגט זי, פון אונזער חוה׳ן“... און ווי זי האָט מיר אויסגערעדט דעם דאָזיגען נאָמען, איז שווער איך אייך, ווי מיט אַ הייסען אָקרעפּ, אָדער מיט אַ שייט־האָלץ איבער׳ן קאָפּ! און איך פאַל אָן אויף מיין טאָכטער און געב איהר אַוועק אַ וויסטען סוף: „וואָס עפּיס פּלוצים אין מיטען דרינען חוה, זאָג איך? איך האָב דאָך אָנגעזאָגט, זאָג איך,

פונקט אזוי ווי ביי אייך אין די ביכלעך ווערד באשריבעז, באווייזט זי זיך, חוה הייסט עס, פון אלקיר ארויס — א געזונטע, א גלאטע, א שענע, ווי געוועז, ניט געמינערט א האר, נאר דאס פנים א ביסעל פארזארגט, די אויגעז א ביסעל פארצויגעז, און דעם קאפ האלט זי הויך, מיט גדלות, בלייבט שטעהן א ווייל, קוקט אויף מיר, איך — אויף איהר. דערנאך ציהט זי אויס צו מיר ביידע הענט, און נאר איין ווארט קאן זי ארויסרעדען, איין־און־איינציג ווארט, און שטיל:

— טא־טע... . . . .

. . . .

. . . .

. . . .

האט קיין פאראיבעל ניט, אז איך דערמאן מיך, שטעלען זיך מיר נאך איצט אויך טרערען אין די אויגען. נאר מיינט ניט פון דעסטוועגען, אז טביה האט חלילה געלאזט א טרער, אדער ארויסבא־וויזען, ווי זאגט איהר, מיאכקי לבבות — בלאטע!... דאס הייסט, וואס איך האב געפיהלט בעת־מעשה אינוועניג אין הארצען — דאס איז עפיס אנדערש. איהר זענט דאך אליין אויך א טאטע פון קינדער און איהר ווייסט גלייך מיט מיר דעם פשט פון׳ם פסוק „כרחם אב על בנים״ און דעם טעם פון דעם, בעת א קינד, עס מעג זיך ווי פארזינדיגען, נאר אז סע קוקט אייך גלייך אין דער נשמה אריין און זאגט אייך: „טאטע!״ — אנו, זייט דעמאלט א בריה, אדרבה, און טרייבט עס אפ!... און צוריק אבער, דער פח־הדם ארבייט, און עס קומען מיר אקעגען באלד דאס שענע שפיצעל, וואס זי האט מיר אפגעטהאן... חוועדקע גאלאגאן, איינגעזונקען זאל ער ווערען... און דער גלח, ימח שמו... און מיינע טרערען... און גאלדע עליו השלום׳ס טוידט... ניין! זאגט שוין איהר אליין, ווי קאן מען דאס פארגעסען, ווי קאן מען דאס פארגעסען?... און ווידער צוריק — סטייטש! פארט א קינד... כרחם אב על בנים... ווי טאר א מענטש זיין אזוי אכזר, אז גאט אליין זאגט אויף זיך, אז ער איז איין אל

בקיצור, דערזעהן, אז זי מיט ווערטער קאן זי מיט מיר גארניט מאכען, טביה איז ניט דער מענטש, וואס מע רעדט איהם איבער, פאלט זי צו מיר שוין גאר צו און הויבט מיך גאר אן צו קושען אין די הענט אריין און מאכט צו מיר: „טאטע, זאגט זי, זאל איך שלעכטס האבען, זאל איך שטארבען אט־א־דא אויפ׳ן ארט, אויב דו וועסט זי איצטיגס מאל, זאגט זי, אפשטויסען, ווי דו האסט זי אפגעשטויסען דעמאלט אין וואלד, אז זי איז, זאגט זי, צוגעפאלען צו דיר, און דו האסט פארקערעוועט, זאגט זי, דאס פערדעל און ביזט אנטלאפען!“... „וואס פאר א פריטשעפע, זאג איך, אויף מיין קאפ? וואס פאר איין אנשיקעניש?! וואס האסט דו זיך גענומען, זאג איך, אויף מיין לעבען?!“... לאזט זי מיך ניט אפעט, האלט מיך צו ביי די הענט און טענה׳ט זיך איהרס: „זאל איך שלעכטס האבען, זאגט זי, זאל איך שטארבען, אויב דו וועסט איהר ניט מוחל זיין, זאגט זי, ווארום זי איז דיר א טאכטער, זאגט זי, גלייך ווי איך!“... „וואס ווילסט דו, זאג איך, פון מיין לעבען? זי איז ניט מיין טאכטער מעהר! זי איז שוין, זאג איך, לאנג געשטארבען!“... „ניין, זאגט זי, זי איז ניט געשטארבען און זי איז שוין צוריק דיין טאכטער, זאגט זי, ווי געוועזן, ווארום פון דער ערשטער מינוט, זאגט זי, אז זי איז געוואוירע געווארען, אז מע שיקט אונז ארויס, האט זי געזאגט צו זיך אליין, אז דאס שיקט מען אויס אונז אלעמען, זי אויך, הייסט עס. דארט וואו מיר — אזוי האט מיר חוה אליין געזאגט — דארט איז זי. אונזער גלות — דאס איז איהר גלות... א סימן, זאגט זי, האסט דו, טאטע, אט איז אפילו דאס פעקעל איהרס“... אזוי מאכט צו מיר מיין טאכטער, צייטעל הייסט עס, אין איין אטעם, ווי די עשרת בני המן אין דער מגילה, און לאזט מיך אפילו ניט א ווארט ארויסרעדען און טהוט מיר א ווייז־אן אויף עפּים א פעקעל אין א רויטער פעטשיילע איינגעוויקעלט, און טאקי פאווטירנע טהוט זי איין עפען־אויף די טהיר פון צווייטען אלקיר און א רוף־אויס: „חוה!“ — ווי איהר זעהט מיך א אידען... און וואס זאל איך אייך זאגען, ליעבער פריינד? טאקי

וחלקלקות

אַ פערשפּעטיגטע מעשה פון טביה דעם מילכיגען:
דערצעהלט נאָך פאַר דער מלחמה, נאָר איבער דעם גלות
און איבער דער מהומה האָט זי ביז אַהער ניט געקאַנט
זעהען די ליכטיגע וועלט.

געשריבען אין יאָהרען 1914—1916.

ארך אַפּים!... ובפרט, זי האָט חרטה און וויל זיך אומקעהרען צוריק צו איהר טאַטען און צו איהר גאָט!... וואָס זאָגט איהר, פּאַני שלום-עליכם? איהר זענט דאָך עפּיס אַ איד, וואָס קאַטאָרי איהר מאַכט ביכלעך און איהר גיט דער וועלט עצות — זאָגט שוין איהר אַליין, וואָס האָט טביה באַדאַרפט טהון? ארומנעמען זי, ווי איין איינגענע, קושען זי און האַלזען זי און זאָגען איהר, ווי מיר זאָגען יום-כפּור צו כל-נדרי: ס ל ח ת י כ ד ב ר י ך — קום צו מיר, דו ביזט מיין קינד? צי אפשר פאַרקערעווען דעם דישעל, אַזוי ווי דעמאָלט, און זאָגען איהר: ל ך - ל ך — געה דיר געזונדערהייד פון וואַנען דו ביזט געקומען?... ניין, לאָז זיך אייך דאַכטען, למשל, עלעהיי איהר זענט אויף טביה׳ס אָרט, און זאָגט מיר בהן שלי, נאָר אָפענטליך, ווי פאַר איין אמת׳ען גוטען פריינד: ווי אַזוי וואָלט א י ה ר זיך נוהג געווען?... און אויב איהר קאָנט עס מיר ניט זאָגען באַלד, געב איך אייך צייט אויף צו באַטראַכטען זיך... און דערווייל דאַרף מען געהן — די איניקלעך וואַרטען שוין אויף מיר, קוקען אַרויס אויפ׳ן זיידען. איהר דאַרפט וויסען, אַז איניקלעך זענען נאָך טויזענד מאָל טייערער און איינגעבאַקענער פון קינדער. ב נ י ם ו ב נ י ב נ י ם — אַ קליינינקייט! זייט מיר געזונט און האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך האָב אייך אָנגעקלאָפּט אַ קאָפּ — איהר וועט שוין דערפאַר האָבען וואָס צו שרייבען... אַז גאָט וועט הייסען, וועלען מיר זיך נאָך זעהען מסתמא. אַ גוטען!

וְחֲלַקְלַקּוֹת

— איהר געדענקט דאך מסתמא, פאני שלום־עליכם, ווי איך האב אייך אנומעלטען איינגעטייטשט די פרשה „לך־לך“ מיט אלע ל״ב פירושים, דערצעהלט, ווי אזוי עשו האט זיך פיין צערעכענט מיט זיין ברודער יעקב, גוט באצאהלט איהם פאר דער בכורה, ארויסגע׳משלח׳ט מיך פונ׳ם דארף מיט האק און פאק, מיט קינדער און קינדס־קינדער און מיט די בעבעכעס, ווי עס באדארף צו זיין, געמאכט א תל־עולם פון דער גאנצער האדאבע מיט׳ן ביסעל ארעמקייט, מיט׳ן פערדעל, להבדיל, פון וועלכען איך קאן נאך עד־היום נים רעדען אהן טרערען אין די אויגען, ווי מיר זאגען תשעה־באב אין די קינות: על אלה אני בוכיה — עס האט פארדיענט, מע זאל נאך דעם לאזען א טרער... מילא, ביז איך אייך דאס מוחל. ווארום, צוריק שמועסענדיג, איז דאך ווידער א מאל די אייגענע מעשה: מיט וואס בין איך דאס מעהר בן־יחיד ביי דעם רבונו־של־עולם פון אלע אנדערע אחינו בני ישראל, וואס פאני טרייבט האלז־און־נאקען פון די הייליגע דערפער, קעהרט און רוימט און רייניגט און קארעניעט אוים מיט׳ן ווארצעל וואו נאר ס׳איז פארהאן א סימן פון א איד, ווי מיר זאגען אין „יעלה ויבוא“: ויפקד ויזכר — עס זאל גאר קיין סליאד נים בלייבען? מיט וואס האב איך דא, משטיינס געזאגט, זיך איבערצונעמען פאר גאט מעהר פון אלע ארויסגעטריבענע דארפישע אידען, וואס בלאנקען זיך איצט ארום אויף אלע וועגען מיט ווייב און קינדער, ווי די בלודנע שאף, ווייסען נים וואו א נאכט איבערצונעכטיגען, האבען נים וואו א קאפ אנצושפארען, ציטערען יעדע מינוט, טאמער באווייזט זיך פון דער ווייטען א קנעפעל פון א אוראטניק, אדער גלאט אזוי א שווארציאהה, ווי מיר זאגען אין מעביר סדרה זיין:

טוציעס, בעת כרוקעלע האט זיך א לאז געטהאן איבער אידישע שטעדט און שטעדטלעך מיט א פריי געמיט און מיט אויפגעבונ־דענע הענט און גענומען מאכען א תכלית פון אידישען האב־און־גוטס, ככתוב, ווי אין סידור שטעהט געשריבען: ש ו ב ר א ו י ב י ם ו מ כ נ י ע ז ד י ם — געבראכען פענסטער און געריסען בעטגעוואנט... איך האב אייך שוין, דאכט זיך, א מאל געהאט געזאגט, אז איך אליין וועל ניט נתפעל פון אזעלכע זאכען, און שרעקען שרעק איך מיך אויך ניט איבער, ווארום ס'איז דאך א ממה־נפשך: איז דאס א באשערטע יאך, א גזירה מן השמים, דארף איך דאך ניט זיין קיין אויסנאם פונ'ם כלל ישראל, ווי מיר זאגען אין פרק: כ ל י ש ר א ל י ש ל ה ם ח ל ק? אלא וואס דען? ס'איז גלאט איין עפידעמיע, א מין אונטערגאנג, רחמנא ליצלן, א שטורעמווינט, וואס געהט פארביי, — איז דאך אודאי ניטא וואס אראפצופאלען ביי זיך! דער שטורעמווינט וועט זיך איינשטילען, דער הימעל וועט זיך אויסלייטערען און עס וועט זיין ח ד ש י מ י נ ו כ ק ד ם. ווי זאגט דער גוי, להבדיל: „נע בולא או מיקיטע הראשע אי נע בודע"...

און כך הוה — אזוי איז געווען איצט אויך, אז ס'איז געקומען צו מיר די הראמאדע פון דארף, ווי איך האב אייך, דאכט זיך, שוין געהאט דערצעהלט אמאל, און מיר אנגעזאגט די גוטע בשורה טובה, אז מען איז דאס געקומען צו מיר טהון, וואס מע טהוט מיט כל ישראל, דאס הייסט, מקיים זיין די מצוה פון „בעי זשידאוו". האב איך דאך מסתמא, ראשית חכמה, אויסגע'בטל'ט צו זייער קאפ אלע בייזע וויסטע חלומות, גענומען טענה'ן און פרעגען קשיות, ווי טביה קאן: סטייטש, ווי אזוי, און פאר וואס, און פאר ווען, און וואס איז דאס גלאט פאר א שטייגער אנפאלען אויף א מענ־טשען, זאג איך, אין מיטען העלען טאג און ארויסלאזען איהם די פעדערען פון די קישענס?...

מילא, טענות אהין, טענות אהער — איך זעה, ס'איז ארויס־געווארפען אלע מיינע רעד. כרוקעלע האט זיך איינגעשפארט

י ש א ה׳ ע ל י ך ג ו י ?... אַי, וואָס? טביה איז נישט קיין עם־האָרץ, ווי אַנדערע דאָרפישע אידען, פאַרשטעהט אַ קאַפּיטעל תהלים, איז נישט פרעמד אין אַ מדרש און קאָן אַפּדראַפּען, מיט גאָט׳ס הילף, אַ פּרשה חומש מיט רש״י אויך? — מילא בכן? ווילט איהר, אַז עשו זאָל דאָס אַפּשאַצען, ווי עס געהער צו זיין, און זאָל האָבען דרך־ארץ פאַר אַזאַ אידען? אָדער אפשר קומט מיר גאָר אַ דאַנק דערפאַר? חאָטש אין תוך גערעדט, איז דאָ נישטאָ מיט וואָס צו שעמען זיך, און קיין חסרון איז דאָס אַודאַי ניט, — איך מיין טאַקי דאָס, וואָס מען איז, גאָט צו דאַנקען, אַ איד מיט לייטען גלייך, מען איז ניט בלינד אין די שוואַרצע פּינ־טעלער, מען איז באַ׳הבינ׳ט אין אַ פּסוק און מע ווייסט, וואו איין און וואו אוים, ווי אין פּרק שטעהט געשריבען: ו ד ע מ ה ש ת ש י ב — אַז וואויל איז דעם וואָס ווייסט... איהר מיינט אפשר, פּאַני שלום־עליכם, איך זאָג דאָס אייך גלאַט אַזוי, פונ׳ם אַרבעל? אָדער איך וויל זיך דאָ אויספּיינען פאַר אייך, באַריהמען זיך אין מיטען דרינען מיט מיין גרוים קענטשאַפט און מיט מיין לומדות? האָט קיין פּאַראיבעל ניט, דאָס קאָן זאָגען נאָר אַזעלכער, וואָס קען ניט טביה׳ן. טביה רעדט ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, און קיין פּוסטער באַריהמער, ווייסט איהר דאָך, איז ער קיינמאָל ניט געווען. טביה האָט ליעב צו דערצעהלען אַ זאַך, וואָס טאַקי ב ע י נ י ר א י ת י — ער אַליין האָט דאָס דורכגעמאַכט, מיט איהם אַליין האָט זיך דאָס געטראָפען. זעצט אייך צו אָט־אָ־דאָ אויף אַ ווייל ע טשקע, וועט איהר הערען אַ שענס, ווי אַזוי עס קומט אַ מאָל צונויף אַ מענטשען, אַז מען איז ניט קיין פּראָסטער בשר ודגים און מע האָט אַ שטיקעל בעגריפיע אויך אין די עולמות העליונים און מע ווייסט, ווען און וואו און ווי אַזוי אריינצושרויפען אַ פּסוק, חאָטשבי פון אונזער אַלטען תהלים.

בקיצור, דאָס איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות ניט, שוין לאַנג, גאָר לאַנג, איך האָב מורא, אויב נישט אין דער סאַמע היץ פון ב י מ י ם ה ה ם — פון פּאַני׳ס רעוואָלוציעס מיט קאָסנע־

„אשטייגער, זאגט ער, ווי אזוי וועט דאס דער הייליגער פסאַלטיר פסק׳ענען?"... זאג איך: „אז דו וועסט מיר געבען, איוואנו, דיין הן שלי און טאקי דיין האנד תקיעת־כּף, אז הראמאדע וועט פאלגען אלץ, וואס דער תהלים וועט פסק׳ענען, וועל איך דיר, זאג איך, דעמאלט באווייזען"... נעמט איוואן און ציהט מיר אויס א יד און מאכט צו מיר: „גערעדט איז גערעדט". „אויב אזוי, זאג איך, איז גוט. איצט, זאג איך, וועל איך אויפמישען אין תהלים א בלעטעל; און דאס ערשטע ווארט, זאג איך, וואס ס׳וועט זיך מיר ווארפען אין די אויגען, וועל איך אייך זאגען, און איהר, זאג איך, וועט אזוי גוט און פרום זיין דאס מיר נאכזאגען. איז אויב, זאג איך, עמיצער פון אייך אט־דא וועט עס קאנען מיר נאכזאגען, איז א סימן, זאג איך, אז גאט הייסט, איהר זאלט טהון מיט טביה׳ן, וואס איהר ווילט, און אויב, זאג איך, ניט, איז א סימן, אז גאט הייסט ניט... זענט איהר מסכים?" קוקט זיך איבער איוואן דער סטאראסטע מיט הראמאדע און מאכט צו מיר: „לאדנא". „אויב אזוי, זאג איך, און געב א עפען־אויף דאס תהלים׳על פאר זיי, איז רעכט. אט, זאג איך, האט איהר עס: „ו ח ל ק ל ק ו ת"... קאנט איהר, זאג איך, זיך אונטערנעמען מיר נאכזאגען דאס ווארט „וחלקלקות"?"... קוקען זיי איינס אויף דאס אנדערע און אלע אויף מיר און הייסען זיך איבער׳חזר׳ען דאס ווארט נאך א מאל. זאג איך: „ביי מיר האט איהר גע׳פועל׳ט האטש דריי מאל, אויב איהר ווילט: „וחלקלקות! וחלקלקות! וחלקלקות!"... זאגען זיי: „ניין, טעוועל, דו זאג ניט: האל־האל־האל! דו, זאגען זיי, זאג אונז מיט א מויל און מיט א טאלק און פאוואלינקע!" זאג איך: „אויך גע׳פועל׳ט! איך וועל אייך, זאג איך, זאגען מיט א מויל, און מיט א טאלק, און פאוואלינקע: ו־חלק־ל־קות! צו־פריעדען?"...

האט זיך היטשקע פארטראכט א ווייל און האט זיך א נעם גענומען צו דער ארבייט, איטליכער אויף זיין שטייגער: איינער האט א זאג געגעבען: „היידאמאקי". דער אנדערער: „לאמאקי".

זיי מוזען, זאָגען זיי, יוצא זיין פאַר נאַטשאַלסטוואָ. זיי האָבען מורא, זאָגען זיי, טאָמער טראָגט אַן דער רוח אַ קנעפּעל, אַ שוואַרצ־יאָהר — לאָז ער זעהען, זאָגען זיי, אַז זיי זענען לייטען־גלייך, ניט דורכגעלאָזט אַ אידען גלאַט אַזוי, אָהן אַ שום סימן פון אַ פּאָגראָם. וואָס פאַר אַ פּנים, זאָגען זיי, וועלען זיי האָבען ביי נאַטשאַל־סטוואָ?... על־כּן, זאָגען זיי, איז געבליבען ביי הראָמאַדע, אַז עפּיס טהון מיט מיר — דאָס מוזען זיי!...

האָב איך מיך מיישב געווען סאַמע אין דער לעצטער מינוט: „ווייסט איהר וואָס, זאָג איך זיי, וויבאַלד אַז הראָמאַדע האָט אַזוי גע'פּסקנ'ט, זאָג איך, איז דאָך ניט שייך. וואָס קאָן זיין העכער פון הראָמאַדע? נאָר וואָס דען, זאָג איך, דאָס ווייסט איהר, זאָג איך, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ זאַך, וואָס ס'איז נאָך העכער פון הראָמאַדע?“... זאָגען זיי: „דהיינו, וואָס קאָן נאָך זיין העכער?“ זאָג איך: „גאָט. איך מיין ניט, זאָג איך, אלהינו — נאָש באָג, אָדער אלהיכם — וואַש באָג. איך מיין, זאָג איך, אלהינו ואלהי אבותינו — אונזער אַלעמענס גאָט... אָט יענער, זאָג איך, וואָס האָט באַשאַפען מיך און אייך, להבדיל, און אייער גאַנצע הראָמאַדע — אָט, זאָג איך, ווען איך מיין. איז ביי איהם, זאָג איך, דאַרף מען אַ טאָפּ טהון, אויב ער וויל, אויב ער הייסט, איהר זאָלט מיר שלעכטס טהון. וואָרום עס קאָן זיין, זאָג איך, אַז ער הייסט טאַקי אַזוי, און עס קאָן ווידער צוריק זיין, אַז ער וויל עס בשום אופן ואופן ניט. אַי, ווי אַזוי קאָנען מיר עס וויסען? וועלען מיר וואַרפען, זאָג איך, גורל. אָט, זאָג איך, ליגט אַ תהלים פון גאָט. איהר ווייסט דאָך, זאָג איך, וואָס תהלים באַדייט? ביי אונז הייסט עס תהלים, ביי אייך הייסט עס פּסאַלטיר. אָט דער הייליגער פּסאַלטיר, זאָג איך, וועט זיין צווישען אונז דער שופט, דער מיראָוואָי סודיאַ הייסט עס. ער, זאָג איך, וועט פּסק'ענען, צי איהר דאַרפט מיך שלאָגען, צי ניט“...

קוקען זיי זיך איבער ציקאַווע, און איוואַן פּאַפּערילע דער סטאַראָסטע געהט אַרויס פון אינמיטען און רופט זיך אָן צו מיר:

אַט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון, ווי איך דערצעהל אייך. גאָט זאָל מיר אַזוי העלפֿען מיט אייך אינאיינעם בכל אשר אפנה!

נו, איצט פֿרעג איך אייך, פּאַני שלום־עליכם, איהר זענט דאָך עפּיס אַ איד, וואָס קאַטאָרי איהר שרייבט — איז שוין טביה גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר האָבען אַ שטאַרקען גאָט און אַז אַ מענטש, כל־זמן ער לעבט, טאָר ביי זיך קיינמאָל ניט אַראָפּפאַלען, ובפרט אַ איד, ובפרט אַזעלכער, וואָס איז ניט פֿרעמד פֿון אנשי שלומנו — פֿון די שוואַרצע פּינטעלעך! וואָרום נאָך אַלעמען, הערט איהר, קומט טאַקי פּאַרט אויס, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אין דאַווענען: אשרי יושבי — אַז וואויל און אַז גוט איז דעם, וואָס קען. און ווי מיר זאָלען זיך ניט קליגען און ווי מיר זאָלען ניט העלען געהן מיט אויבער־הסברות, מוזען מיר מודה זיין, אַז מיר אידען זענען פּאַרט דאָס בעסטע און דאָס קליגסטע פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער, ווי דער נביא זאָגט: מי כעמך ישראל גוי אחד — ווי קאָן זיך גלייכען אַ גוי צו אַ אידען? אַ גוי איז אַ גוי, און אַ איד איז פּאַרט אַ איד, ווי איהר אַליין זאָגט אין אייערע מעשה־ביכלעך, אַז אַ איד באַדאַרף מען זיין געבוירען... אשריך ישראל — אַז וואויל איז צו מיר, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען אַ איד, ווייס איך דעם טעם פֿון גלות־יון און פֿון אַרומשלעפּען זיך צווישען די פֿעלקער און פֿון ויסעו ויחנו — וואו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיגט, וואָרום פֿון זינט מע האָט מיט מיר געלערענט די סדרה „לך־לך“, — געדענקט איהר, איך האָב אייך אַמאָל געהאַט דערצעהלט וועגען דעם באריכות? — האַלט איך נאָך אַלץ אין איין געהן, און איך ווייס ניט פֿון קיין מקום־מנוחה איך זאָל קאָנען זאָגען: „אַט־אַ־דאָ, טביה, בלייבסט דו זיצען“. טביה פֿרעגט ניט קיין קשיות. מע האָט איהם געזאָגט, ער זאָל געהן — געהט ער... אַט האָבען מיר זיך היינט באַגעגענט מיט אייך, פּאַני שלום־עליכם, אַט־דאָ, אויף דער באַהן. מאָרגען קאָן עס אונז פֿאַרטראָגען קיין יעהופּעץ. איבער־אַ־יאָהר קאָן עס אונז פֿאַרשלייד'רען קיין אָדעס, קיין וואַרשאַ, אָדער גאָר קיין

בײ׳ם דריטען איז שױן גאָר אױסגעקומען: חײקאַליאַ״. װאָס איז איהם עפּיס געפעלען „חײקאַליאַ״? נאָך חיה־לאה נפתלי־גרשון דעם לומער׳ס, װאָס איז אַנאַטעװקע. איך זעה, ס׳איז אַ מעשה אהן איין עק, רוף איך מיך אָן צו זײ: „איהר װײסט, זאָג איך, קינדער? איך זעה, אַז די אַרבײט, זאָג איך, געהט בײ אײך צו שװערליך. אַפּנים, זאָג איך, אַז „וחלקלקות״ איז ניט פאַר אײער קאָפּ; װעל איך אײך געבען, זאָג איך, איין אַנדער װאָרט, אױך פון אונזער תהלים: „ממעמקים״... „ממעמקים קראתיך״...

האָט זיך דאָך מסתמא װיעדער אַ מאָל אַנגעהױבען די אײגענע חתונה: בײ אײנעם איז דאָס אױסגעקומען „לאַחאַנקאַ קעראַסינאַ״. בײ׳ם צװײטען — „קריװוליאַקאַ בוזינאַ״. דער דריטער האָט גאָר אַ שפּײ געטהאָן: „טפו! נעחאַי טובי ליהא האַדינאַ!״...

בקיצור, זײ האָבען, אַפּנים, געזעהען, אַז מיט טביה׳ן װעלען זײ זיך ניט אױס׳טענה׳ן, רופט זיך אָן צו מיר דער סטאַראָסטע, איװאַן פּאָפּערילע הײסט עס, בזה הלשון: „די מעשה, זאָגט ער, דערפון איז אַזױ. מיר האָבען צו דיר, טעװעל, אײגענטליך, גאָר־נישט ניט. דו ביזט טאַקי אַ זשיד, נאָר ניט קײן שלעכטער מענטש. אײנס צום אַנדערען אָבער געהער זיך ניט אָן — שלאָגען דאַרף מען דיך. הראָמאַדע האָט אַזױ גע׳פּסק׳ענט — פאַרפאַלען. מיר װעלען דיר, זאָגט ער, האַטש אױסהאַקען אַ פּאָר פענסטער. און פאַר נױט, זאָגט ער, קאָנסט דו אַלײן זיך אױסהאַקען אַ פּאָר שױבען — אַבי פאַרשטאָפּען זײ דאָס מױל, האָפּט זײ דער שװאַרצ־יאָהר! טאָמער, זאָגט ער, פאָהרט דורך נאַטשאַלסטװאָ, לאָזען זײ, זאָגט ער, זעהען, אַז מע האָט דיך ניט דורכגעלאָזט. אַניט, זאָגט ער, װעט מען איבער דיר אונז נאָך שטראַפירען... און אַצינדערט, זאָגט ער, טעװעל, שטעל דעם סאַמאָװאַר און זײ אונז מכבד מיט טײ, און, פאַרשטעהט זיך, אַ האַלב עמער בראַנפען פאַר הראָמאַדע, װעלען מיר נעמען צו גלעזלעך און טרינקען פאַר דײן געזונט, װאָרום דו ביזט, זאָגט ער, אַ קלוגער איד, פון גאָט׳ס מענטשען״...

מנחם־מענדעל

אמעריקע — סיידען דער אויבערשטער זאָל זיך ארומקוקען און זאגען: „ווייסט איהר וואָס, קינדערלעך? איך וועל אייך גאר אראָפּברענגען משיח'ן!"... הלואי טהוט ער אונז דעם צו־להכעים, דעו אַלטער רבונו־של־עולם! דערווייל זייט מיר געזונט, פאָהרט געזונטערהייד און לאָזט געריסען אונזערע אידעלעך און זאָגט זיי דאָרטען, זיי זאָלען זיך ניט זארגען: **א ו נ ז ע ר א ל ט ע ר ג א ָ ט ל ע ב ט!**...

אינהאלט

צו דער צווייטער אויפלאגע	I—II
לאָנדאָן	9
פּאַפּיערלעך	43
מיליאָנען	81
אַ בכבוד'ע פּרנסה	155
עס פּיעדעלט גישט	181
שלום־שלום־מזל	205

צו דער צווייטער אויפלאגע

מנחם־מענדעל איז נישט קיין העלד פון א ראָמאַן, און איבער־הויפט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבאך א איד פון א גאַנץ יאָהר, מיט וועלכען דער פערפאַסער איז פערזענליך און נאָהענט בעקענט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט איהם א שטיק לעבען פון כמעט צוואַנציג יאָהר. בעגעגענט זיך אינ'ם יאָהר 1892 אויף דער אדעסער „קליינער בערזע", האָבען מיר נאָכדעם דורכ־געמאַכט האַנד ביי האַנד אַלע שבעה מדורי גיהנם, אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, „געגאַנגען" מיט איהם קיין פּעטערבורג און קיין וואַרשאָ, אויסגעשטאַנען א סך קריזיסען, זיך געוואָרפען מיט איהם פון איין פרנסה אויף דער אַנדערער, און — אוי ווערה! — נישט געפונען קיין גליק אין ערגיץ, געמוזט סוף־כל־סוף טהון דאָס, וואָס אַלע אידען טהוען — עמיגרירען קיין אַמעריקאַ. דאָרט, זאָגט מען, מאַכען אידען ניט שלעכט... דאָס וועלען מיר זעהען פון זיינע שפּעטעריגע בריעף פון אַמעריקאַ.

דערווייל, ביז עפּיס וואָס, האָב איך צענויפגעזאַמעלט אַלע זיינע בריעף, וואָס ער האָט אין פערלויף פון די אַכצעהן יאָהר געשריבען אין פערשיעדענע צייטען, און געדרוקט אין פערשיעדענע ערטער, צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל, ווי אויך די בריעף פון זיין ווייב צו איהם, און געמאַכט פון זיי א בוך, מע קאָן זאָגען, כמעט א בריע־פענשטעלער.

טאַקי א בריעפענשטעלער, איינגעטיילט אין זעכס בעזונדערע אָפּטיילונגען, און דערביי געהאַט א מיין: א איד א סוחר, אז ער

אָדעסער בערזע.

געשריבען אין יאָהר 1892.

II

וועט וועלען שרייבען אַ בריעף צו זיין ווייב, למשל, פון אדעס — זאָל ער זוכען אינ'ם ערשטען בוך „לאָנדאָן“. אַ שפּעקולאַנט אויף דער בערזע פון יקנה"ז, פון אַקציעס וכדומה אַזעלכע סחורות — וועט געפינען אַ מוסטער אינ'ם צווייטען בוך „פּאַפּיערלעך“, אָדער אינ'ם דריטען בוך „מיליאָנען“. אַ איד אַ מעקלער, אַ שדכן, אָדער איין אַגענט — לאָז זוכען ווייטער. מיט איינעם וואָרט — יעדער וועט זיך געפינען זיינס. און אַזוי ווי אידישע געשעפטען זענען, ברוך השם, אומעדום אַלץ איינס, דאָס הייסט, הויבען הויבען זיי זיך אָן, דאַכט זיך, גאַנץ נישקשה'דיג, מיט אַזוי פיעל בטחון און גלענצענדע האָפענונגען, און אויסלאָזען לאָזען זיי זיך אויס, צום מיינסטען, מיט שלים־שלים־מזל, ווי ביי מיין מנחם־מענדלען, לכן בעדאַרף מען לאַנג ניט האָרעווען ביי'ם צענויפשטעלען אַ בריעף. מע קאָן איהם נעמען גלייך, ווי ער שטעהט און געהט. און טאָמער וועט זיך געפינען איינער פון טויזענד, וואָס די געשעפטען זיינע געהען איהם דערווייל גוט, קאָן ער זיכער זיין, אַז ס'איז ניט אויף לאַנג. אַלץ, וואָס איז געבויעט אויף לופט און אויף ווינט, מוז סוף־כל־סוף פאַלען. שטאַרק אָנגעלעגט איז דאָס ניט. דערפאַר איז דאָס אָבער אמת, און דעם אמת האָבען דאָך אַלע מענשען ליעב...

ביי'ם צענויפשטעלען די בריעף צו דער צווייטער אויפלאַגע, האָב איך אַ סך בריוולעך שטאַרק פערקירצט און אַ סך בריוולעך גאָר אַרויסגעוואָרפען. אָנגעוואָרען דערביי האָבען נאָר די זעצערס, ווייטער קיינער נישט. דער מחבר פון דעם בוך געהט מיט דעם גאַנג, אַז אַ ווערק, וואָס ס'איז קירצער, איז דאָס אַלץ בעסער. די וואָס וועלען געפינען, אַז ס'איז נאָך אַ ביסעל צו לאַנג, קאָנען זיכער זיין, אַז, אם ירצה השם, ביי די ווייטעריגע אויפלאַגען זאָל דאָס ווערען אַלע מאָל קירצער און קירצער, ביז עס וועט קומען צום רעכטען אידעאַל: „צו ניט זאָגען קומט דאָס ניט“...

שלום־עליכם.

נערווי (איטאַליא). ערב חנוכה תר"ע.

לאָנדאָן
(אדעסער בערזע).

I.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינע־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינע־שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אַז איך בין גאָר ניט אימשטאַנד דיר צו בעשרייבען די שטאָדט אדעס, ווי גרויס און שען זי איז, און די מענשען די היגע מיט זייערע גוטע כאַראַקטערען, און די גאָל־דענע געשעפטען, וואָס מע קאָן דאָ מאַכען. שטעל דיר פאָר, איך געה מיר אַרוים מיט'ן שטעקעל אין גרעצק אריין, אַזוי הייסט דאָ אין אדעס די גאָס, וואו אידען האַנדלען, האָב איך צוואַנציג טויזענד געשעפטלעך: וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעהל, זאַלץ, פעדערען, ראָזינקעס, זעק, הערינג — הכלל, וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדען געפינסט דו דאָ אין דעם אדעס. איך האָב לכתחילה אַפילו אָנגעשמעקט אַ צוויי־דריי גוטע געשעפטלעך, נאָר עס איז מיר אַלץ ניט געווען צום האַרצען. האָב איך מיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרעהט אין גרעצק, ביז איך האָב מיך פאָרט צוגעשלאָגען צו עפּיס רעכטס, היינו: איך האַנדעל מיט „לאָנדאָן“ און פערדיען דערביי גאָר נישקשה'דיג! מע חאַפּט

בארבאַש׳ען קיין אַדרעס, און דאָס איבעריגע גיט ער מיר מזומן, — וועט מיר זיין, זאָגט ער, צו־שטייער אויף דער הוצאה. און מחמת איך האָב קיין צייט נים, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנדערע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. זי געזונד און לאָז גריסען שווער און שוויעגער און די קינדערלעך זאָלען לעבען, איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אז איך בין געקומען מיט דער אָנווייזונג צו בארבאַש׳ען, זאָגט מען מיר, אז די אָנווייזונג איז גאָרניט קיין אָנווייזונג. וואָס דען איז דאָס? ס׳איז אַ סוכה־שער! לאָז פריהער אָנקומען, זאָגען זיי, פון אייער פעטער מנשה דער וואגאָן ווייץ, און לאָז מען אָקאָרשט די ווייץ פערקויפען, וועט מען אייך דעמאָלט געבען געלד. אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע! האָב איך באַלד אוועקגעשריבען קיין קעשענעוו איין אָטקריטקע, און האָב איהם געשריבען, אז טאָמער שיקט ער נים אַרויס תיכף ומיד די ווייץ, וועל איך איהם קלאָפּען אַ דעפּעש. בקיצור, אַ שרייב אהער, אַ שרייב אהין — איך בין ארומגעגאַנגען אין איינע יסורים. און ערשט נעכטען איז מיר אָנגעקומען פון קעשענעוו אַ מזומנ׳ער הונ־דערטער און אויף רי״ש קערבלעך אַ וועכסעלע. אצינד פערשטעהסט דו שוין, פאַר וואָס איך האָב דיר די גאַנצע צייט נים געשריבען? איך האָב געערעבענט, אז די שי״ן קערבלעך זענען לעזאזל. דערפון זעהט מען אַרויס, אז אַ מענש טאָר נים איבערטראַכטען אויפ׳ן ערגסטען. ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פיהרט אויס. איך האָב דאָס גאַנצע ביסעל מזומנ׳ס אריינגעבראָקט אין „לאָנדאָן“ אריין, אייגעהאַנדעלט אַ רעמעל סחורה, „האָסלעך“ און „בעסלעך“, און דאַנקען השם יתברך — מע זאָגט, אז ס׳איז שוין דאָ ריוח!

הנ״ל.

א מאָל א כף־הא׳ער, א מאָל א פופציגער, און א מאָל, אז עס גערעט, א הונדערטער אויך. הכלל, דאָס „לאָנדאָן“ איז אזא מסחר. וואָס מע קאָן דערביי גליקליך ווערען אין איין טאָג. אָט איז ניט לאַנג ארויסגעקומען אהער איינער, עפּיס א שמש, און האָט געחאַפּט אין איין שמע־ישראל דרייסיג טויזענד, און האָרכט זיי הײנט אלע־מען מיט׳ן קאָטער. איך זאָג ד״ר, זוגתי היקרה, ממש עס וואלגערט זיך דאָ געלד אין די גאַסען! איך האָב, ברוך השם, קיין חרטה ניט, וואָס איך בין אראָפּגעפאָהרען אהער קיין אדעס. וועסט דו דאָך פרעגען: ווי קום איך קיין אדעס, אז געפאָהרען בין איך גאָר קיין קעשענעוו? אפּנים, אז ס׳איז מיר בעשערט פון גאָט, איך זאָל פערדיענען גראָבע עטליכע קערבלעך! אָט וועסט דו הערען, ווי אזוי דער אויבערשטער פיהרט מיט א מענשען.

אז איך בין געקומען קיין קעשענעוו צום פעטער מנשה אָפּ־נעמען דאָס נדן, פרעגט ער מיך: וואָס בעדאַרף איך דאָס נדן? זאָג איך: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. זאָגט ער, אז קיין מזומן געלד האָט ער איצט ניט, ער קאָן מיר, זאָגט ער, געבען איין אַנווייזונג צו בראָצקי׳ן קיין יעהופּעץ. זאָג איך: לאָז זיין קיין יעהופּעץ, אבי געלד. זאָגט ער: ער ווייסט ניט, צי אין יעהופּעץ איז איצטער דאָ געלד. ער קאָן מיר געבען, זאָגט ער, איין אַנווייזונג צו באַבראַב׳ען קיין וואַרשאָ. זאָג איך: לאָז זיין קיין וואַרשאָ, אבי געלד. זאָגט ער: וואָס טויג דיר וואַרשאָ? וואַרשאָ איז ווייט. אויב איך וויל, קאָן ער מיר געבען, זאָגט ער, איין אַנווייזונג צו באַרבאַש׳ען קיין אדעס. זאָג איך: לאָז זיין אדעס, אבי געלד. זאָגט ער מיר נאָך א מאָל: אויף וואָס דאַרפסט דו אזוי געלט? זאָג איך איהם: מסתמא דאַרף איך; איך זאָל ניט דאַרפען, וואָלט איך ניט קומען. בקיצור, ער דרעהט זיך אהין־אהער, עס האָט איהם אָבער געהאָלפען, ווי א טוידטען באַנקעס; איך, אז איך זאָג געלד איז געלד! געהט ער און נעמט ארויס צוויי וועכסעלעך צו ת״ק קערבלעך אויף סך־הכל פינף חדשים, און אויף שי״ן קערבלעך גיט ער מיר איין אַנווייזונג צו

וואָג? פרעג מיך בחרם וואָס דאָס איז, און מיט וואָס מע עסט דאָס! היינט ‫פערשטעה איך ניט, דו זאָגסט, אַז אָט האָסט דו איינגעקויפט סחורה, און אָט איז שוין דאָ ריוח. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סחורה, וואָס וואַכסט ביי דיר אַזוי גע׳שמעיה׳דיג? „פעטשעריצעס, זאָגט די מאַמע, בעדאַרפען אויך אַ רעגען!“... און אַז ס׳איז דאָ ריוח, פאַר וואָס פערקויפסט דו ניט? אויף וואָס וואַרטסט דו? אויף אַ יקרות? און פאַר וואָס שרייבסט דו ניט, וואו דו שטעהסט איין און וואָס עסט דו? עפּיס גלייך, ווי איך וואָלט דיר זיין אַ פרעמדע, ניט קיין ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, נאָר עפּיס אַ פּאָליובאָווניצע, להבדיל, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „אַז אַ קוה געהט אַוועק אין טשערעדע, פערגעסט זי דעם זיי־געזונד“. מיר דאַכט, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסט דו געזעהען אויסהאַנדלען זיך וואָס גיכער און קומען בעסער אהיים מיט׳ן ביסעל מזומנ׳ס, ווען דו דיר געפינען שענערע געשעפטען, ווי אָט דאָס דאַזיגע... איך זאָל אַזוי וויסען פון קדחת, ווי איך וויים ווי מע רופט עס! און זיי געזונד, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

II.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל איז אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז עס האט זיך מיר ווידער אנגערופען די אמאלעדיגע ספאזמע, אויף דיין פעטער מנשה געזאגט געווארען, וואס האט דיר געמאכט אזא שענטס מחק פון די פופצעהנהונדערט קרעפלעך נדן, אזא יאהר, אזא מזל! ווי זאגט די מאמע מיינע זאל לעבען: „געשיקט דורך דער קאץ שלח־מנות"... וועכסעלעך וואלט איך ביי איהם נעמען! קרענק וואלט איך ביי איהם נעמען! קדחת אויף פינף חדשים! הערסט דו, הלוואי איך זאל ליגען זאגען, נאר כ'האב מורא, דו וועסט די איבעריגע קערבלעך נישט אנקוקען, ווי דו קוקסט ניט אן די אויהערען דיינע, וואס דו האסט זיי פערטראגען אזש אהין קיין אדעס. דיין גליק, וואס די מאמע ווייסט ניט פון קיין וועכסעלעך; עס וואלט זיך געטהאן חושך! און דאס, מענדעל, וואס דו שרייבסט, אז דו פערדיענסט, ראנקען גאט, געלד, איז ביי אונז אלעמען אוודאי זעהר אנגעלעגט. נאר וואס דען? האב דיר אכציג שווארצע יאהר, מיינע שונאים, אז דו שרייבסט שוין יא, שרייב זשע ווי א מענש! פאר וואס זאלסט דו ניט ארויסשרייבען אקוראט, וואס איז דאס פאר א מין סחורה אט דאס, וואס דו האנדעלסט מיט דעם? ווי טייער לייזט מען דאס איין ארשין? צי אפשר פערקויפט זיך עס אויף דער

רונען געוואָרען. נאָר דו ווייסט דאָך ניט מסתמא, וואָס הייסט „מאַ־כען אַ סטאַלאַזש“, — בעדאַרף מען דיר געבען צו פערשטעהן. למשל, מע גיט אוועק אַ פופציגער פאַר אַ טאָג, און יענער „שטעלט אַ קורס“, קאָנסט דו דיר מאַכען פונ׳ם „סטאַלאַזש“ „צוויי זייטען“, היינו: צוויי „בעסען“, אָדער צוויי „האָסען“, אָדער גאָר בלייבען שטעהן און פערקויפען יענעם אַ „בלינדערעכט“ ביז נאָך „שלום“ („שלום“ הייסט ביי אונז אין אָדעס פאַר־נאַכט, ווי ביי אייך בין מנחה למעריב). איז ווי באַלד דער קורס „שטעהט אָפּ“, איז כפרה דער גאַנצער פופציגער — הייסט דאָס געמאַכט אַ „סטאַלאַזש“. זאָלסט אָבער גאָר קיין יסורים ניט האָבען, זוגתי היקרה! דער־לעגען אַ פופציגער איז דאָ פון די קלייניגקייטען. השם יתברך וועט העלפען, עס וועט „אוועקגעהן די רעכטע זייט“, וועל איך, אם ירצה השם, פערדיענען געלד, און אַ סך! און וואָס דו זאָגסט מכח דעם פעטער מנשה׳ס וועכסעלעך, האָסט דו אַ גרויסען טעות. דער גוטער יאָהר האָט איהם ניט גענומען, ער איז נאָך אַ שענער בטוח! לאָם איך נאָר וועלען אַראָפּגעבען אַ „סקידקעלע“, קאָן איך זיי פערצו־קערען. נאָר איך וויל נישט. איך זאָל דאַרפען געלד, האָב איך גענוג: איך קאָן פערהאַנדלען אַ פּאָר „האָסלעך“, אָדער אַ פּאָר „בעסלעך“. נאָר איך בין קיין בעלן ניט דערויף. איך קאָן בע־שטעהן בעסער צו קויפען נאָך אַ „סטאַלאַזש“. וואָס מעהר „סטאַ־לאַזשען“ איז אַלץ בעסער. אז מע לעגט זיך שלאָפען מיט אַ „סטאַ־לאַזש“, שלאָפט זיך גאָר אַנדערש! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט מיך, וואו איך שטעה איין און וואָס איך עס, שרייב איך דיר, זוגתי היקרה, איך ווייס

III.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז עס איז מיר קיין חידוש ניט, וואָס ז"ן פערשטעהסט ניט דעם שכל פון „לאָנדאָן“, וואָרום אַז ווי באַלד אידען סוחרים, אידען מיט בערד, ווייסען ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט, היינט לא כל־שכן אַ אידינע! על כן וועל איך דיר קלאָר מאַכען, זאָלסט פערשטעהן דאָס געשעפט אַקוראַט. הנה זיי וויסען, אַז דאָס „לאָנדאָן“ גופא איז אַיין איידעלע מאַטעריע. פער־קויפען פערקויפט זיך עס אויפ'ן וואָרט, און זעהן זעהט מען דאָס ניט. אַלע מינוט בייט זיך עס: אָט איז דאָס טייער, אָט איז דאָס וואָלוועל. אָט איז „האָס“, אָט איז „בעס“, דאָס הייסט, דאָס קערבעל דאָרט אין בערלין אָדער עס הויבט זיך, אָדער עס פאַלט, עס ווענדט זיך אין בערלין; ווי אַזוי בערלין זאָגט, אַזוי איז דאָס. עס לויפען די קורסען אויף און אָפּ משוגענערווייז, עס פליהען דע־פּעשען אַהין און צוריק, און אידען לויפען אַרום ווי אויף אַ יריד, מאַכען געשעפטען און ווערען גליקליך, און איך אויך בתוכם. עס איז אַ טומעל, אַ בהלה, מע קאָן דאָ פערדולט ווערען. אָט, למשל, האָב איך נעכטען געמאַכט אַ „סטאַלאַזש“, מיך געקאָסט אַ פּופּ־ציגער, איז ער היינט אין דער פריה, פּונקט זייגער צוועלף, אויסגע־

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אז איך האָב דיך אָנגעקוקט טאקי נאָר ווי א משוגענעם! לאָם איך אזוי וויסען, אויף א פולער וואָך ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פון דער שטאָדט אדעס, ווי איך הויב אפילו אָן צו וויסען, וואָס דו פּלאפּעלסט מיר אין דעם בריעף „העם" און „באָם" און „דעלעזשאנס", דער שווארצער יאָהר ווייסט אייך דאָרטען! עס פליהען ביי דיר פופציגערס, ווי האלעשקעס, עפּיס איז ביי דיר דאָרטען געלט — שמעלט, הפקר ציבעלעס! אוודאי קאָן מען געהן אין גאָלד ביי אזעלכע פרנסות! איך פערשטעה ניט, האָטש נעם מיר אראָפּ דעם קאָפּ, וואָס איז דאָס פאר א מין סחורה, וואָס מע זעהט זי ניט? א קאץ אין א זאק!?... הערסט דו, מענדעל? מיר געפעלט דאָס ניט. איך בין ביי מיין טאטען נישט געפּרובט געוואָרען צו אזעלכע לופטיגע פרנסות, לאָז מיך גאָט היטען אויף ווייטער אויך. ווי זאָגט די מאמע זאָל לעבען: „פון לופט האפּט מען א פערקיהלונג"... דו שרייבסט: „אז מע לעגט זיך שלאָפען מיט א דעלעזשאנס, שלאָפט זיך גאָר בעסער"... ווער לעגט זיך עס שלאָפען מיט א דעלעזשאנס? עפּיס מאָדנע דבורים, טערקיש לשון! און וואָס דו שרייבסט מיר, אז דו קאָנסט פערצוקערען דעם פעטער מנשה'ס וועכסעלעך, איז טאָמער וועל איך אין

אַליין ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. די שטאָדט אַדעם איז אונגעהייער גרויס, און אַלסדינג קאָסט דאָ טייער, און די הייזער זענען דאָ הויך ביז'ן הימעל, מע דאַרף קלעטערן אויף אײַזערנע טרעפּ אַ האַלבע שעה, ביז מע קומט אַהיים, אַזש אונטער'ן הימעל, און אַ פענסטערעל איז אַ קליינס, ווי אין אַ טורמע. איך בין זיך מחיה, אַז ס'ווערד טאָג און איך קאָן מיך אַרויסחאַפּען פון דער טורמע אַהין אין גרעצק אַריין, און דאָרטען טאַקי עס איך שטעהענדיג, דאָס הייסט, מע חאַפּט איבער וואָס גאָט גיט, וואָרום ווער האָט צייט זיך אָוועקזעצען עסען, אַז מע דאַרף אַלע מינוט געוואָהר ווערען די קורסען פון בערלין? דערפאַר איז דאָ פּרוכטען בזיל הזול. ווײַנטרויבען עסט מען דאָ נישט ווי ביי אַייך אין כתרילעווקע ראש השנה אויף שהחיינו, — דאָ עסט מען ווײַנ־טרויבען אַלע טאָג, און אין מיטען גאָס, מע שעמט זיך גאָר ניט.

הנ"ל.

V.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז עס געהט אַצינד אַ מורא'דיגער „בעס“, האָב איך מיך אָנגעקויפט מיט „לאָנדאָן“ ווי אַ פויק, און איך האָב מיך בעוואָהרענט מיט זיעבעצעהן „בעסען“ און מיט אַכט „סטאַלאַזשען“. היינט בעדאַרף איך אָפּנעמען „דיפערענצען“ עט־ליכע הונדערט קערבלעך, וועל איך, אם ירצה השם, ווייטער מאַכען „בעסען“. זאָלסט אָנקוקען, זוגתי היקרה, ווי אַזוי עס ווערען דאָ געמאַכט געשעפטען אויפ'ן וואָרט, וואָלסט דו פערשטאַנען, וואָס הייסט אַדעס; אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ איז דאָ פונקט ווי געמאַכט אַ קאָנטראַקט. איך געה מיר אַרויס אין ג ר ע צ ק, קום אַריין אין אַ „קאַפיי“, זעץ מיך אַנידער ביי אַ טישעל און שאַף מיר אַ גלעזעל טיי, צי קאַווע, צי עפּיס אַנדערש; קומט צו געהן איין מעקלער, ז'ער אַנדערער, דער דריטער; מע דאַרף נישט האָבען נישט קיין קאָנטראַקט, נישט קיין קוויטעל, קיין אייגעטונקענע פען אַפילו! 'עדער מעקלער האָט ביי זיך אַ ביכעלע מיט אַ שטיפטעל, נעמט ע' אַרויס דאָס ביכעלע און פערשרייבט, אַז איך האָב ביי איהם צוויי „בעסען“, און איך נעם אַרויס און צאָהל איהם אָפּ די עטליכע קערבלעך — מחיה! און שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, אַז גאָט הייסט, מע ווערד געוואָהר דאָס „טאַקסירעכץ“ פון בערלין, קומט צו לויפען

דעם נ י ט גלויבען, וועל איך אויך ניט זיין קיין אפיקורס׳טע, ווי די מאמע זאָגט: „גלויב נישט ביז דו צעהלסט ניט איבער"... ווייסט דו וואָס, מענדעל? פאָלג מיך, א ווייב, טהו א שפּיי אויף דעם אדעס, און קום בעסער צו פאָהרען אהיים, קיין כתרילעווקע. פופצעהנהונדערט קערבלעך האָסט דו, א דירה גיט אונז דער טאטע זאָל לעבען, קלייטען פערדינגען זיך, היינט וואָס פעהלט דיר נאָך? צו וואָס בעדאַרף איך ליגען ביי יענעם אין מויל, און שונאים זאָלען מומלען, אז דו האָסט זיך אוועקגעלאָזט קיין אדעס און מיך האָסט דו אוועקגעוואָרפען, ניט דערלעבען זאָלסט דו דאָס! דערווייל מעג נאָך דיין אדעס זיין די כפּרה פאַר אונזער כתרילעווקע מיט אלע דיינע הויכע מויערען מיט די אייזערנע טרעפּ. וואָס מע דאַרף זיך דראַפּען אויף זיי משוגענערווייז! טאקי כדאי צוליעב דעם זיך קאַלי מאַכען דעם מאָגען, — וואָס איז? ס׳איז א זול אויף וויינ־טרויבען! וויינטרויבען דאַרף מען פרעסען, פלוימען איז ביטער? ס׳איז ביי אונז היינט א געראַט אויף פלוימען, א גילדען איין עמער! נאָר עס געהט דיר שטאַרק אָן וואָס ביי אונז אין דער היים טהוט זיך. דו פרעגסט אפילו ניט אויף די קינדער, וואָס זיי מאַכען. האָסט שוין גאָר פערגעסען, אז דו ביזט א טאטע פון דריי קינ־דערלעך זאָלען געזונד זיין, ווי זאָגט די מאמע: „דאַלי אָטשע, דאַלי כערדצע"... אזא מכה זאָל זיך דיר זעצען, ווי זי איז גערעכט! דערווייל בלייב געזונד און פיעל גליקליך, ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

אונז אין אַדרעס, „א י ן ב ע ס ט ע ן אָ ר ד ע נ ו נ ג“! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די שפּעטעריגע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלס־דינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. און לאָז גריסען די קינדערלעך זאָלען לעבען און אַלעמען גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. ביי אונז אין אַדרעס זענען די היצען אַזוי גרויס, אַז מע ווערד פערברענט, און ביי נאַכט ווערד מען צעגאַנגען, אַזוי ווי וואַקס. דעריבער אַז סע קומט פאַר־נאַכט, ווערד די שטאָדט פּוסט. דער עולם צעפאָהרט זיך אויף די פאָנטאַנען, אויפ׳ן גרויסען פאָנטאַן, אָדער אויפ׳ן קליינעם פאָנטאַן, אָדער גאָר אויפ׳ן „לאַנד־ושעראָן“. דאָרטען קריגסט דו וואָס דו ווילסט, וואָס דיין האַרץ גלוסט, און קאָנסט זיך באָדען אין ים, און קאָנסט הערען מוזיק, און דוקא אומזיסט, אָהן אַ גראָשען געלד!

הנ״ל.

טאקי דער אייגענער מעקלער און גיט שוין א פינפאונצוואנציגער
פון אויבען, און נאך שפעטער, אז מע ווייסט שוין „אנפאנג" אויך,
שטופט ער א פופציגער, און אז גאט וויל צו „שלום", וואכסט אן
א גאנצער הונדערטער, און א מאל קאן געמאהלט זיין, אז טאקי
צוויי הונדערט, און א מאל דריי הונדערט אויך, פאר וואס ניט?
דערויף איז דאך עס א בערזע! א בערזע איז א שפיעל, א גליק־זאך.
און וואס דו שרייבסט מיר, אז דו גלויבסט נישט אינ'ם פעטער
מנשה'ס וועכסעלעך, קאן איך דיר אנזאגען א בשורה, אז איך האב
זיי שוין פערצוקערט. א סימן האסט דו: וואו האב איך גענומען
געלד אויף אזוי פיעל „בעסען" מיט אזוי פיעל „סטאלאזשען"?
„סטאלאזשען" איז ניט, ווי דו רופסט עס אן, „רעלעזשאנסען".
רעלעזשאנסען איז דאס, וואס מע פאהרט אויף דעם קיין ראדא־
מישל און קיין זשיטאמיר, און „סטאלאזש" איז א שטיקעל פא־
פיער, וואס יענער שרייבט אן און חתמ'עט זיך אונטער, אז ס'וועט
קומען „אולטימא", דאס הייסט סוף חודש, איז ער מחויב אזוי פיעל
און אזוי פיעל פונטען צו דעם און דעם קורס דיר געבען און ביי
דיר נעמען. די ברירה, הייסט עס, איז ביי דיר, וואס דו ווילסט —
דאס טהוסט דו: ווילסט דו, גיסט דו, ווילסט דו, נעמסט דו.
היינט פערשטעהסט דו שוין דעם שכל פון „סטאלאזש"? ווען גאט
העלפט רעכטע „ווארריאציעס" אויף „לאנדאן", און מע טהוט, למשל,
א שמועס אויף די בלעטער מכח מלחמה, פאלט דאס רוסישע קער־
בעל אראפ אין דער ערד אריין, און דאס „לאנדאן" טהוט זיך מיט
א מאל א רוק, אז מע דערקענט נישט דעם פלאץ. אט האט מען
געשמועסט יענע וואך פון דער איינגעלשער מלכה, אז זי איז עפים
נישט אין בעסטען געזונד, איז באלד געפאלען דאס רוסישע קערבעל,
און „סטאלאזשען" האבען זיך געגעבען א הויב־אויף העכער הייזער!
איצט שרייבען די גאזעטען, אז ס'איז איהר בעסער, האט זיך דאס
רוסישע קערבעל אויפגעהויבען, און מע קאן שוין קויפען „סטאלא־
זשען" וויפיעל מע וויל. הכלל, זאלסט גאר ניט זארגען, זוגתי
היקרה, עס וועט, אם ירצה השם, זיין אלסדינג, ווי מע זאגט ביי

וואָס? זעה נאָר, אז פון די אַלע גדולות זאָלסט דו חלילה דאָס נדן־געלד נישט אָנריהרען, וואָרום טאָמער וועדר געמינערט אַ גראָשען פון׳ם נדן, וועט דיר דעמאָלט מעהר נישט אָפּגעהן פון דער מאַמע זאָל לעבען!... ער זאָל זיך עס אפילו דערמאַנען, מיר דאַכט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בעדאַרף האָבען אַ זיידען מענטעלע ווי אין לעבען אַריין, און וואָלענס אויף אַ קלייד, און אַ צוויי שטיקלעך מאָראָזעוו׳ס זאָנע. אַ מינדסטע נאַרישקייט בעדאַרף איך איהם אָנזאָגען, אַליין ווייסט ער נעבאַך ניט, דער מוח איז איהם אויסגעדאַרט געוואָרען, ווי די מאַמע זאָגט: „ווער סע שטויסט זיך ניט אַליין, דעם גיט מען אין זייט אַריין“... ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען האַרצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

VI.

שיינה־שיינדעל פון כתריל‌עווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז איך האָב שוין ווידער צו טהון מיט די צייהן, אויף דיינע אַדעסער „דראַנזשיקעס" געזאָגט געוואָרען. איך דאַרף זיך רייסען דאָ אויף די צייהן און מוטשען מיט די קינדער זיינע, און ער — גאָרניט, לעבט זיך אָפּ, ווי גאָט אין אַדעס, פאָהרט אַרום רייטענדיג אויף „דראַנזשיקעס", באָדט זיך אין „קאָראָטקי וויק" און כלי־זמר שפּיעלען איהם צו. וואָס פעהלט איהם, אַשטייגער? ווי זאָגט די מאַמע: „רייטענדיג וואָלט ער געפאָהרען ביי מיר אויף אַ בעזעם, ניט אויף קיין דראַנזשיקעס!"... ממה נפשך, ביזט דו אַ סוחר און האַנדעלסט מיט דער שענער סחורה דאָרטען, וואָס מע רופט זי „לאָנדאָן", טאָ האָב אין זינען מסחר, ניט די איינגעלשע מלכה. האָב בעסער אין זינען דיין ווייב, האָסט אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר מיט קינדערלעך דריי, זאָלען געזונד זיין, ווי זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען זיך, וועסט דו פערגעסען אין יענעם"... און וואָס דו שרייבסט מיר פון דיינע גליקען, זאָג איך דיר דעם אמת, עס דרעהט זיך מיר אַזש דער קאָפּ! עס גלויבט זיך מיר עפּיס ניט, חאָטש קוילע מיך, אַז אָט אַזוי פליהען דאָס הונדערטערס גלייך אין די הענד אַריין! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין כשוף דאָרטען, אַ פערבלענדעניש, צי

אָפּ, אַנטלויפֿען, בעהאַלטען זיך אויס ווי ווייט מעגליך, און אַז ער האַפּט איינעם, טראָגט ער איהם אָפּ, ווי איין אבן־טוב, גלייך אין אוטשאַסטאָק אַריין, ווי איינער רעדט: „אָט האָב איך אייך גע־בראַכט אַ אידען"... און וואָס דו שרייבסט מיר, אַז דו גלויבסט ניט אין גרויסע „וואַריאַציעס" מיט „דיפֿערענצען", איז אַ סימן, אַז דו ביזט שוואַך אין פּאָליטיקע. אָט, למשל, זיצט איינער ביי אונז אין קאַפּיי, ביי פּאַנקאָני'ן, רופֿט מען איהם „גאַמבעטע", טאָג ווי נאַכט רעדט ער פֿון פּאָליטיקע און נאָר פֿון פּאָליטיקע! ער בעווייזט אויס מיט טויזענד ראיות, אַז סע שמעקט מיט מלחמה. ער הערט, זאָגט ער, אַלע נאַכט האַרמאַטען שיסען — ניט דאָ, דאָרטען, ביי די פֿראַנצויזען. די פֿראַנצויזען, זאָגט ער, וועלען נישט פֿערגעסען אָט דעם ביסמאַרק'ען ווייל זיי וועלען לעבען! עס מוז, עס מוז, זאָגט ער, אַרויסשפּרינגען אין גיכען אַ מלחמה, עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין! האָרכען גאַמבעטע'ן דרש'ענען, בעדאַרף מען פֿערקויפֿען וואָס מע האָט, די קאַפּאָטע אויסטהון און קויפֿען „סטאַלאַזשען" און „בעסען", „בעסען" — אָהן אַ שיעור „בעסען"! און וואָס דו שרייבסט מיר מכח אַ מענטעלע, אַז איך זאָל דיר קויפֿען, האָב איך פֿון דיינעטוועגען, זוגתי היקרה, בעסער אויסגעקוקט אַ שענערע זאַך, דהיינו: אַ זייגערעל אַ גילדענס מיט אַ מענדעליאָן און מיט אַ גילדען קייטעל מיט אַ בראָש, און בראַנ־זעליעטען האָב איך געזעהען אין פֿענסטער, טאַקי ניט ווייט פֿון פּאַנקאָני'ן — זאָג איך דיר: פּרימאַ שבפּרימאַ! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, איג'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

ממני בעלך מ נ ה ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. די שפּע איז דאָ, קיין עין־הרע, גרויס און אידען זענען דאָ אַזוי פֿערטהאָן אין פּרנסה, אַז מע פֿערגעסט פֿון

VII.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז איך האָלט שוין ווייט, היינו, איך האָב מיך גוט אַריינגעחאַפּט אין „בעס“ אריין און געה שוין אצינד מיט „פעסט־לאָנדאָן“, דאָס הייסט, איך טהו שוין אַ געב אָדער אַ נעם מיט אַ מאָל צעהן טויזענד פונט, צוואַנציג טויזענד פונט, נאַ־טירליך, מיט אַ „דעפּאָ“. איך האָב שוין גרויס קענטשאַפט אין די קאָנטאָרען, און עס קאָמפּענירט מיר שוין זיצען ביי פּאַנקאָני'ן אין דער קאַפּיי גלייך מיט אַלע גרויסע שפּעגעלאַנטען ביי ווייסע טישלעך פון מירמעלשטיין, און היים זיך געבען אַ פּאָרציע מאַ־ראָזשענע, מחמת ביי אונז אין אַדעס איז אַ מנהג, ווי באַלד מע זעצט זיך נאָר אַנידער, אַזוי קומט צו אַ מענש מיט אַ פראַק און הייסט, מע זאָל הייםען געבען מאַראָזשענע. קאָן מען ניט זיין קיין דבר־אחר און מע מוז הייסען געבען; און אַז מע עסט אויף די פּאָרציע מאַראָזשענע, הייסט ער, מע זאָל הייסען געבען נאָך אַ פּאָרציע, און אַז ניט, טאָר מען ניט זיצען און מע בעדאַרף זיך אַרומדרעהען אויף דער גאַס, איז עפּיס נימי שען פאַר אַ שפּע־געלאַנט, און אַגב שטעהט דאָרט אַ גאָראָדאָוואָי און לאָקערט, מע זאָל זיך ניט אַרומדרעהען אויף דער גאַס... אידען בעדאַרפען דאָך אָבער זיך יאָ אַרומדרעהען, קליגען זיי זיך מיט איהם, נאַרען איהם

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריל עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד. געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך פערשטעה ניט, וואָס איז די ·גדולה, וואָס מע דאַרף זיצען ביי פראַנקאַני׳ן, ברענען זאָל זי, ביי מירמעלשטיינערנע טישלעך און פרעסען פון ;אין דערפריה ביז אויף דער נאַכט דער רוח ווייסט וואָס? אַבי אויסברענגען געלד? און וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגענער דאָרטען ביי אייך אין אַדעס, וואָס סע חלומ׳ט זיך איהם, אַז מע שיסט, געשאָסען זאָל ער ווערען פון גאָט? מלחמות גלוסט זיך איהם! ווי זאָגט די מאַמע: „יענעמס בלוט איז ביי איהם וואַסער"... גילדענע זייגערלעך מיט בראַנזעליעטען האָסט דו דערזעהן אין די פענסטער אין אדעס? אַ גדולה אויף דער באַבע! וואָס טויגען מיר דיינע מתנות, מענדעל, וואָס דו זעהסט זיי דורכ׳ן פענסטער? ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „קרעפּלעך אין חלום איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ חלום"... דו חאַפּ זיך אַריין בעסער אין אַ קלייט אַריין און קויף מיר אַ שטיקעל וועבעל אויף וועש, און מאַדעפּאַלאַן אויף ציכלעך, און אַ פּאָר בייענע קאָלדרעס, און אַ ביסעל זילבער אין שטוב אַריין, און עפּיס נאָך. מאָהל דיר, אַז ל י ו ב ע ־ ז ל א ־ ט ע בעדאַרף זיך שוין אָקעגען מיר בלאָזען (אויפבלאָזען זאָל עס זי, ווי אַ פּאַחיר!). וואָס איז? זי טראָגט אַ האַלז פּערעל, זאָל עס

שבת און פון יום־טוב. פערשטעהט זיך, אז ביי מיר איז שבת — שבת. עס מעגען פאלען שטיינער פונ'ם הימעל, מוז איך מיך שבת דורכגעהן אין שוהל אריין. די ארעסער שוהל מעג מען געהן אָנ־קוקען. ערשטענס, רופט מען דאָס „כאָר־שוהל“, מחמת אויבען געהט זי מיט א קאָלפעק, און קיין מזרח איז ניטאָ. אלע זיצען מיט'ן פנים אהין. און דער חזן (פיני הייסט ער, שוין איין מאָל א חזן!) געהט דוקא געגאָלט די באָרד, נאָר עברי קען ער א ביסעל בעסער פון אייער אלטען דראָנג משה־דוד! זאָלסט זעהן, אז סע קומט צו „בריך־שמיה־דמרא עלמא“, נעמט ער איין א מיתה־משונה! זיין „מזמור־שיר־ליום־השבת“ מעג מען האָרכען אויף בי־לעטען. אלע זינגערלעך שטעהען אויסגעשטעלט ארום איהם, אָנ־געטהאָן אין קליינע טליתים'לעך — מחיה! ס'זאָל זיין צוויי מאָל אין וואָך שבת, וואָלט איך צוויי מאָל אין וואָך געגאַנגען הערען פיני'ן דאַווענען. איך פערשטעה ניט די היגע אידען, פאר וואָס זיי נעהען ניט דאַווענען. און אפילו די, וואָס געהען דאַווענען, דאַווענען אויך ניט; זיי זיצען ווי די טאָקען אין די צילינדערס, מיט די פעטע אויסגעפּאַשעטע פנים'ער, מיט די קליינע טליתים'לעך, און — שאַ! טאָמער וויל א איד א דאַווען טהון א ביסעל העכער, קומט־צו צו איהם דער שמש מיט די קנעפּ, און זאָגט, ס'זאָל זיין שטיל. — מאָרנע אידען אין דעם אָרעס!

הנ״ל.

IX.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳.

ראשית באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז עס שמעקט שוין מיט גראָבע טויזענדער! אז גאָט וועט העלפען און דאָס „אולטימאָ“ וועט אָפּ־לויפען גלאַט, וועל איך מאַכען אַ הויפּט־טרעפער. איך וועל איינ־קאַסירען מיינע אַלע „דיפערענצען“ און וועל זיך דורכפאָהרען אהיים און וועל דיך, אם ירצה השם, ארויסנעמען אהער, קיין אדעס. אַ דירה וועלען מיר דינגען אויף דער „רישעליי“, איינקויפען שען מעבעל און וועלען לעבען, ווי מע לעבט דאָ ביי אונז אין אדעס. דערווייל האָב איך צו טהון, ניט פאַר דיר געדאַכט, מיט׳ן מאָגען; אפּנים, דאָס מאַראָזשענע האָט מיר פערשאַדט... אז איך קום צו פאַנקאָני׳ן, עס איך שוין ניט קיין מאַראָזשענע. וואָס דען? איך הייס מיר געבען אַזאַ געטראַנק, וואָס מע ציהט דאָס דורך אַ שטרוי; ס׳איז אי זיס, אי ביטערליך, אַזוי ווי אַ מין סאַלץ מיט לאַקריץ, און מע קאָן דאָס מעהר ניט פערדייען ווי צוויי, העכס־טענס — דריי גלעזער. מוז מען זיך די איבעריגע צייט ארומדרעהען אויף דער גאַס און האָבען צו טהון מיט׳ן גאַראָדאָוואָי, און דאָס איז זעהר נישט אנגענעהם! ער קוקט שוין אויף מיר פון אַ צייט, נאָר מיט חסד, גאָט האָט מיך ביז אהער אויסגעפיהרט, איך אנטלויף פון איהם אַלע מאָל און בעהאַלט זיך אויס. וואָס טהוט דען ניט אַ איד

איהר טאקי נאָר פערשטעהרט ווערען! זי האָט דאָס א דאָלי ביי איהר מאַן! לייט האָבען גליק צו אַלסדינג; נאָר איך איינע בין עפּיס אין אַזאַ פינסטערער, וויסטער שעה געבאָרען געוואָרען, אַז אַ מינדסטע זאַך בעדאַרף איך איהם דערמאַנען! לאָז זיך דיר דאַכ־טען, עלעהיי דו האָסט געקויפט נאָך אַ „העם" מיט נאָך אַ „באָם" מיט נאָך אַ דער שווארץ יאָהר ווייסט אייך דאָרט, ווי דו רופסט עס אָן. איך זאָג איהם: פערקויף דאָס, וואָס דו האָסט, און צעהל געלד, געהט ער און קויפט נאָך! וואָס האָסט דו מורא? וועסט ניט קריגען די סחורה נאָכדעם? איך זעה שוין ארוים, וואָס דאָס איז פאַר מסחרים און וואָס דאָס איז פאַר אַ שטאָדט אַדעס, אַז שבת איז קיין שבת ניט און יום־טוב איז קיין יום־טוב ניט, און דער חזן איז מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, מיינע וועהטיגען אויף זיין קאָפּ! מיר דאַכט, אַז פון אַזאַ שטאָדט און פון אַזעלכע מענשען דאַרף מען לויפען, ווי פון איין עפּוש, צום סוף ליגט ער דאָרט און וויל ניט אַרויסקריכען, ווי זאָגט די מאַמע: „דער וואָרעם ליגט אין חריין און מיינט, אַז ס'איז גאָר קיין זיסערס נישטאָ"... לכן שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט זיך גוט בערעכענען וואָס דו טהוסט און אויפהערען הוליען אין דעם זיסען אַדעס, ס'זאָל אויף דעם קור־מען אַ שרפה, ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

יאָ! זאָג נאָר, מענדעל, ווער איז אָט די „פראַנקאָני", וואָס דו שרייבסט מיר אַלץ, אַז איהר זיצט דאָרטען טאָג ווי נאַכט? ס'איז איין „ער", צי אַ „זי"?...

„ער“ און ניט קיין „זי“. ס׳איז אַזאַ קאַפּיי, וואָס מע טרינקט דאָרט קאַווע און מע עסט מאַראָזשענע און מע מאַכט געשעפטען אויף „לאָנדאָן“. לאָם איך דאָס פערמאָגען חאָטש האַלב, וואָס דאָרט ווערד געמאַכט אין איין טאָג!

ה. נ״ל.

צוליעב פרנסה? דער אויבערשטער זאָל העלפען, אז די „ראַליזאַציע" זאָל אָפּלויפען בשלום, וועל איך דיר, אם ירצה השם, אַלסדינג קויפען בכפל־כפלים, א סך מעהר ווי דו קאָנסט זיך גאר פאָרשטעלען. און וואָס דו זאָגסט, אז דער גאַמבעטע איז אַ משוגענער, האָסט דו אַ טעות; ער איז נאָר אַ ביסעל אַ „ספּילשלעווער". גאָט זאָל היטען, עמיצער זאָל איהם אַ זאָג טהון אין פּאָליטיקע ניט אַזוי, ווי ער וויל! ער איז דעמאָלט קאַפּאַבל יענעם צערייסען אויף שטיקלעך! ער דרינגט, אַז היינט־מאָרגען מוז עפּיס ארויסשפּרינגען, און דאָס, זאָגט ער, וואָס ס'איז איצטער מיט אַ מאָל שטיל געוואָרען, איז ערשט אַ בעוויז, זאָגט ער, אויף מלחמה. „פאר אַ בורע איז תמיד, זאָגט ער, שטיל"... איך האָב נעכטען געקאָנט פערקויפען עטליכע „בעסלעך" מיט אַ צוויי־דריי „סטאַלאַזשען" און פערדיענען שען געלד, האָט מיך גאַמבעטע נישט דערלאָזט. „איך וועל אייך, זאָגט ער, דעם קאָפּ צעשלאָגען, טאָמער לאָזט איהר ארויס אין אַזאַ צייט אַ שטיקעל סחורה פון דער האַנד!" עס געהט, זאָגט ער, אַ צייט, וואָס אַ „סטאַלאַזש" פון אַ פופציגער וועט ווערטה זיין רי"ש קארבען, און שי"ן, און ת"ק, און טויזענד, און פאַר וואָס ניט קיין צוויי טויזענד?... עס זאָל זיין ווי גאַמבעטע זאָגט, חאָטש האַלב ווי ער זאָגט, — ווער איך נתעשר! איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, תיכף נאָך דער „ראַליזאַציע" זיך געבען אַ קעהראיבער צוריק אויפ'ן „האָם" און וועל אָנהויבען קויפען קערבלעך און געבען „לאָנדאָן" אויף וואָס די וועלט שטעהט! איך וועל זיי בעווייזען, וואָס הייסט „לאָנדאָן" און וואָס הייסט קערבלעך! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינר אַנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף פאַנקאָני'ן (ניט ווי דו רופסט דאָס אָן „פראַנקאָני"), איז דאָס ניט קיין

טאָמער האָסט דו זיך גענאַרט? פאַר יענעם דאָס גליק! און וואָס דיין משוגענער גאַמבעט (איך זאָג דיר פאָרט, אַז ער איז אַ משוגע־נער!) לאָזט דיך ניט פערקויפען, פערשטעה איך ניט. וואָס געהט עס איהם אָן? וואָס איז זיין באַבע׳ס דאגה? שפּיי זיהם אָן אַ פּולען פּנים, וואָס ער וועט) דיר דערצעהלען מלחמות! פאָלג מיך, מענדעל, שנייד־אָפּ, פערקויף אוים, ווי גאָט איז דיר ליעב! האָסט פערדיענט עטליכע קערבלעך? גענוג! ביז וואַנעט איז דער שיעור צו חאָליען דאָרטען? נאָר גאָרניט, משטיינס געזאָגט, איך האָב רען עפּים אויך אַ ווערטה? איך בין דאָך ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל, ניט ב ל י ו מ ע ־ ז ל א ט ע; ב ל י ו מ ע ־ ז ל א ט ע, אַז זי טהוט נאָר אַ פּיפּס דעם מאַן איהרען, וואַרפט דאָס מיט איהם דאָס גייעניעהריגע קדחת! למען השם, מענדעל סערדצע, פערקויף און פּאַק זיך אין וועג אַריין. פערגעס נאָר נישט אַ טוץ געשטיקטע העמדער פון מיינעטוועגען, סאַמעט אויף אַ מלבוש פון דער מאַ־מעס וועגען — לאָז זי אויך געדענקען, ווען דער איידעם איהרער איז געוועזען אין אַדעס און געהאַנדעלט מיט משוגעים, — ציץ אַ שטיקעל פון היינטיגע מוסטערען, און, אַז עס וועט קריכען אין טשעמאָדאַן אַריין, אַ ביסעל גלאָזוואַרג, און דאָס איבעריגע דאָרטען, ווי דו פערשטעהסט, און קום צו פאָהרען אַהיים, לאָז אויפהערען די וועלט מיר שטעכען די אויגען און שוואַרצען דאָס פּנים, און לאָם איך זעהן, אַז דו זאָלסט מיך ניט פאָלגען, אַזאַ מכה מיינע שונאים, ווי דו וועסט מיך פאָלגען, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען האַרצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

X.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז די קינדער מאָזלען אַלע דריי, און איך שלאָף נישט קיין נעכט, און ער טרינקט דאָרטען קובעבע מיט לאַקריץ! וואָס געהט איהם אָפּ, איך בעט אייך, קאָפּווערטיג? ער האָט זיך עס אַביסעל צעהעצקעט! קיין אַדעס וויל ער מיך אַרויסנעמען! ער מיינט, אַז ער וועט מיר זאָגען אַדעס, פליה איך באַלד! הערסט דו, מענדעל, זאָלסט דיר אַרויסשלאָגען פון קאָפּ, מענדעל, וועסט מיך אַהינצו ניט פערנאַרען. זיי רוהיג! מיין באַבע'ס באָבע איז דאָרטען קיינמאָל ניט געוועזן און האָט זיך בעגאַנגען אָהן דעם, וועל איך זיך מסתמא אויך אָהן דעם בעגעהן. דו וועסט מיך ניט אייַנרעדען, מענדעל, אַז איך זאָל דיר אַוועקוואַרפען מיין טאַטע־מאַמע מיט אַלע ליעבע פריינד און זיך אַוועקלאָזען אין דעם וויסטען אַדעס, ברענען זאָל עס דיר אויפ'ן פייער! מעגסט זיך זאָגען, מענדעל, וואָס דו ווילסט, דיין אַדעס הויבט מיר נישט אָן צו געפעלען. איך האָב עס פיינט, איך ווייס ניט פאַר וואָס. נאָך מיין שכל נאָך קומט אויס, אַז דו בעדאַרפסט די סחורה דיינע ביסלעכווייז אויספערקויפען און מאַכען דערפון געלד, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פון אַלע מילכיגע מאכלים איז דאָס בעסטע — אַ שטיקעל פלייש"... אַי, וואָס?

סמ'טע מייז; עפּיס אַ מהומה אויף איטליכען בעזונדער! אַלע שרייען „לאָנדאָן"! וואו איז מיין „לאָנדאָן"? געב מיר דאָס „לאָנדאָן"! „לאָנדאָן", „לאָנדאָן"! נאָר ווער מיר „לאָנדאָן"? וואָס מיר „לאָנדאָן"? עס פליהען פּעטש, פייגען, אין טאַטענס טאַטען, און איך אויך בתוכם... דער שפּיץ — ס'איז, אַפּנים, גאָר נישטאָ קיין „לאָנדאָן" אין ערגיץ ניט! — הכלל, זוגתי היקרה, ס'איז ביטער און פינסטער, איך האָב אוועקגעגעבען דאָס גאַנצע פּערדיענסט, מיט'ן קרן, מיט'ן ציערונג, וואָס איך האָב דיר איינגעקויפט, אַפּילו די קאַפּאָטע ,י שבת'דיגע אויסגעטהאָן און פערזעצט — און דאָס איז אַלסדינג אַריין אַהין... און איך געפין זיך איצט אין אַזאַ טרויעריגער לאַגע, וואָס איז אין לשער, און אַהיים בענג איך אַזוי, אַז ממש עס געהט מיר אויס דאָס חיות! איך פערשעלט מיר דאָס געביין הונדערט מאָל אַ טאָג. בעסער וואָלט איך זיך אויסגעבראָכען אַ פוס, איידער איך בין געקומען אַהער אין אַדעס, וואו אַ מענש האָט קיין שום ווערדע נישט; אַ מענש קאָן דאָ געהענדיג שטאַרבען אין מיטען גאַס, און קיינער וועט זיך אַפּילו ניט אָפּשטעלען אַ קוק טהון. וויפיעל מעקלערס האָבען געלעבט אַרום מיר, אָפּגעלעקט אַ ביינדעל, און היינט דערקענען זיי מיך שוין גאָר ניט! פריהער האָב איך דאָ געהאַט אַ נאָמען „ד ע ר כ ת ר י ל ע ו ו ע ק ע ר ב ל י י כ ר ע ד ע ר", און היינט מאַכען זיי פון מיר חוזק, טאַקי די מעקלערס אַליין. זיי זאָגען, באשר איך פערשטעה ניט דאָס געשעפט. „לאָנדאָן, זאָגען זיי, בעדאַרף מען פערשטעהן". וואו זענען זיי געוועזען פריהער, די חכמים? — מע רעדט שוין גאָר קיינער ניט פון מיר, גלייך ווי איך וואָלט גאָר געוועזען אַ געשטאָרבענער! הלואי וואָלט איך טאַקי געשטאָרבען, איידער אַזעלכעס דערלעבען! און ווי אויף־צו־להכעיס, זיצט אָט דער גאַמבעטע, ימח שמו זאָל ער ווערען, און הערט ניט אויף צו גראַגערען אין די אויהערען מיט זיין פּאָליטיקע: „האַ, זאָגט ער, האָב איך אייך געזאָגט אַ בעם?" — „וואָס קומט מיר אַרויס, זאָג איך, פון אייער בעס, אַז מע גיט מיר ניט, זאָג איך, קיין לאָנדאָן?" לאַכט ער און זאָגט

XI.

מנחם־מענדעל פון אדעס צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳,

ר א ש י ת באתי להודיעך, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז דאָס „אולטימאָ“ איז אָנגעקומען, און ס׳איז געוואָרען איין איבערקעהרעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון דער גרויסער „וואריאַציע“, וואָס איך האָב אויף איהר אַרויסגעקוקט ווי אויף משיח׳ן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ביסמאַרק, שמועסט מען, האָט זיך צוגעקיהלט, בעקומען דעם קאָ־טער, — איז אין דער פּאָליטיקע געוואָרען אַ מהומה, מע ווייסט ניט וואָס סע טהוט זיך. „לאָנדאָן“ איז טאַקי געוואָרען מיט גאָלד גלייך, און דאָס קערבעל איז טאַקי געפאַלען אין שאול תחתיה אריין, און ס׳איז אַוועק אַ מורא׳דיגער „בעס“! וועכט דו דאָך פרעגען: וואו זענען מיינע „בעסען“ מיט מיינע „כטאַלאַזשען“? איז דער תירוץ: די „בעסען“ זענען ניט קיין „בעסען“, די „סטאַלאַזשען“ זענען ניט קיין „סטאַלאַזשען“, קיינער וויל ניט נ ע מ ע ן, קיינער וויל ניט ג ע ב ע ן — און רוף מיך קנאַקניסעל! און ווי זויף־צו־להכעים, האָב איך געשטעקט מיט מיין סחורה אַלץ ביי אַזעלכע מענשלעך, וואָס מיט איין קוועטש זענען זיי דערשטיקט געוואָרען. הכלל, עס איז אַ שרפה, אַ מגפה, גאָר נישט צו דערקע־נען דעם פּלאַץ! אוי, ווען איך קעהר זיך איבער מיט איין טאָג פריהער! נו געה, זיי אַ נביא! אַלע לויפען ארום, ווי די פער־

האַנדעל טהון אויפ׳ן לאָמבאַרד און אומקעהרען מיין היזק אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק... נאָר גערה מאַך! אָהן געלד זאָל מען גאָר ניט געבאָרען ווערען אויף דער וועלט, און טאָמער איז מען געבאָרען געוואָרען, זאָל מען בעסער שטאַרבען... איך קאָן מעהר ניט שרייבען. שרייב מיר פון דיין געזונד, און וואָס מאַכען די קינדערלעך זאָלען לעבען, און גרים שווער און שוויעגער און אַלעמען בעזונדער גאָר פריינדליך.

הנ״ל.

מיר: „ווער איז אייך שולדיג? די בערזע, זאָגט ער, דאַרף מען פערשטעהן, און אַז מע קאָן ניט האַנדלען מיט „לאָנדאָן“, דאַרף מען, זאָגט ער, האַנדלען מיט אתרוגים“... איך זאָג דיר, זוגתי היקרה, ס'איז מיר אַזוי נמאס אָט דאָס אַדעס, מיט דער היגער בערזע, מיט דעם פאַנקאָני, מיט די אַלע מענשלעך! איך וואָלט געלאָפען אין דער וועלט אַריין! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווייטערע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. און גריס די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויגער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. דאָ אין דעם אַדעס איז אַ מנהג, אַז עמיצער דאַרף אַ גמילות־חסד, געהט ער נישט צו אַ שכן, צו אַ קרוב אָדער צו אַ בעקאַנטען, ווי, למשל, ביי אונז אין כתרילעווקע; נישט מחמת מע פוילט זיך געהן, נאָר פשוט, מע ווייסט פריהער, אַז יענער וועט ניט שטעקען; מע נתנ'ט ניט — און שוין! וואָס זשע טהוט מען פאָרט, אַז מע דאַרף? איז געמאַכט געוואָרען אַ „לאָמבאַרד“, וואָס גיט אַרויס געלד וויפיעל דו ווילסט, אַבי נאָר דו ברענגסט אַ רעכטען משכון: גאָלד איז גאָלד, זילבער איז זילבער, מעש איז מעש, און אַ מלבוש, און אַ סאַמאָוואַר, און אַ בענקעל, און אפילו די בהמה, אַז דו ברענגסט צו פיהרען, גיט מען דיר אויך אַרויס אויף איהר געלד. דער חסרון איז נאָר, וואָס זיי שאַצען אַלסדינג זעהר וואָלוועל, בחצי חנם! דערפאַר האָבען זיי אַ מעלה: פריצענט נעמען זיי געשמאַקע, בייסענדיגע, אַזוי, אַז דאָס פריצענט עסט אויף דאָס קרן; מוז מען אַלע צוויי וואָכען מאַכען דאָרט אַ „לעסיטאַציע“, דאָס הייסט, מע פערקויפט אויס די איבערגעבליבענע משכונות, און מענשען האַנדלען מציאות, מאַכען דערפון אַ שען קערבעל. ווען איך בין איצטער ביי געלד, וואָלט איך געקאָנט אַ

טענה׳ט מיט מיר כסדר, אַז אַ מאַן טאָר מען נישט נאָכגעבען די שמה, אַז מע בעדאַרף אַ מאַן האַלטען אין די הענד אַזוי, אַז ער זאָל פּ י ה ל ע ן, אַז ער האָט אַ ווייב! נאָר געה, אַז ס׳איז ביי מיר אַזאַ טבע, איך קאָן ניט זיין אַזוי גראָב, ווי בליומע־זלאַטע; איך קאָן זיך ניט שעלטען, אַריינלעגען אַ מאַן אין דער ערד אַריין, אַזוי ווי זי, איך קאָן ניט! זאָלסט האָבען בליומע־זלאַטע׳ן, ניט דער־הארען זאָל זי, פאַר אַ ווייב, וואָלסט דו שוין געוואוסט וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען! און וואָס דו זאָגסט מכח שטאַרבען, חכם אייי־נער, ביזט דו אַ גרויסער נאַר: אַ מענש נעמט זיך ניט אַליין דאָס לעבען, אַ מענש נעמט זיך ניט אַליין דעם טויטט. און אַז מע ווערט אָן דאָס נדן, בעדאַרף מען זיך שוין טאַקי אַ מעשה אָנטהון? דו נאַר איינער, וואו שטעהט דאָס דען אָנגעצייכענט, אַז מנחם־מענדעל בעדאַרף האָבען געלד? און מיט געלד איז מנחם־מענדעל דען ניט דער אייגענער מנחם־מענדעל, וואָס אָהן געלד? שוטה! דו ווילסט געהן קעגען גאָט? זעהסט דאָך, אַז ע ר הייסט ניט, היינט וואָס פילדערסט דו? אַ שענע ריינע כּפּרה! לאָז זיך דיר דאַכטען, עלעהיי גזלנים האָבען דיך בעפאַלען אין מיטען וואַלד, אָדער ביזט קראַנק געלעגען און חלילה פערקרענקט דאָס נדן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! דער עיקר, זאָלסט ניט זיין קיין אידינע, מענדעל! פערלאָז דיך אויף דעם וואָס לעבט אייביג, ער איז אַ זן ומפרנס. קום צו פאָהרען אַהיים, וועסט דו זיין, אם ירצה השם, אַ גאַכט ביי די קינדער... איך שיק דיר אויף דער הוצאה עטליכע קערבלעך, און זעה, מענדעל, זאָלסט נישט געהן אויף קיין „לעסטאַציעס“ און נישט האַנדלען מיט קיין אַלטע שמאַטעס, — נאָך דאָס געהט דיר אָפּ! למען השם, באַלד ווי דו וועסט בעקומען מיין בריעף מיט׳ן געלד, זאָלסט דו זיך אויפזעצען און אָפּגעזעגענען זיך מיט אַדעס, און ווי באַלד דו וועסט נאָר אַרויספאָהרען פון שטאָדט, אַזוי זאָל עס זיך אָנצינדען פון אַלע פיער זייטען, און עס זאָל ברענען און

XII.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין אדעס.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, נארישער לעקיש, זעה וואס דו האסט געטהאן! וועלכער רוח האט דיך גאר געטראגען קיין אדעס? וואס האסט דו דארטען אנגעשמעקט אזעלכעס? געבראטענע פויגעלעך האט זיך איהם פערגלוסט! „לאנדאן"! מאראזשנעווע! קובעבע מיט לאקריץ! האסט דערהערט, אז מע זעצט דיר אן אינ'ם „לאנדאן" אריין, פאר וואס זשע האסט דו ניט געזעהן בעצייטענס אפצוזעקען אויף פריצענטען, דו בהמה, ווי עס פיהרט זיך צווישען סוחרים? וואו איז מענשען? וואו איז א רב? אין גאטעס ווילען, וואס איז דאס פאר א תירוץ אולטימא־שמולטימא? האסט געקויפט סחורה, וואו איז די סחורה?! אוי, אזא־נ־אומגליק! דאס הארץ האט מיר אבער געזאגט, אז פונ'ם אדעס, ברענען זאל דאס, וועט קיין גוטס ניט ארויס! איך שרייב איהם: פאהר אוועק, מענדעל, טהו א שפיי אויף זיי מיט זייער „לאנדאן", עס זאל אויף דעם קומען א הלירע, רבונו של עולם! אנטלויף, זאג איך איהם, אנטלויף, מענדעל, ווי זאגט די מאמע: „ארעמער דאך, וואס קנאקסט דו?"... ניין, הערט ער מיך ניט, ווארום איך בין דאך שיינה־שיינדעל, אז אך און וועה איז מיר, ניט בליומע־זלאטע. אוי, די מאמע מיינע איז טאקי א חכמה! זי

פאַפּיערלעך

יעהופּעצער בערזע.

געשריבען אין יאָהר 1896.

פלאַקערען, שרפה'נען און פער'שרפה'ט ווערען, ס'זאָל פון דעם ניט בלייבען קיין שריד ופליט, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען האַרצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה - ש י י נ ד ע ל.

סוף פונ'ם ערשטען בוך.

פאַפּיערלעך

(יעהופּעצער בערזע).

I.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, כ׳ע זאָל תמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מ׳יט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז איך בין שוין ניט אין אדעס, איך בין אין יעהופּעץ (אויך אַ שענע שטאָדט, לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר!), און האַנדעל שוין מעהר נישט מיט קיין ווינד, מיט קיין לופט, מיט קיין „לאָנדאָן“ — איך האָב שוין היינט, ברוך השם, אַביסעל אַ ליטישער געשעפט אין האַנד, אַ קאַראַנטנע געשעפט, אַ פּאַפּיער־געשעפט, דאָס הייסט, איך האַנדעל מיט „פּאַפּיערלעך“ האַנדעל איך. ווערסט דו דאָך מיך פרעגען, ווי קום איך קיין יעהופּעץ? דאַרף איך דיר דערצעהלען, זוגתי היקרה, אַ גאַנצע מעשה, און בעטען דיך, זאָלסט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס איך האָב דיר אַזאַ צייט קיין בריעף ניט געשריבען. ס׳איז פשוט ניט געווען ו ו אָ ס צו שרייבען. און חוץ לזה האָב איך גערעכענט, אָט־אָט פאָהר איך אַהיים, און גאָט איז יודע דעם אמת, ווי ווייט

קויפט אַ פּאָר פרישע פּרעמיעס, און האָב ווייטער געהאַפּט פון אוי־
בען און האָב מיך אַרויפגעשלאָגען אויף שענע עטליכע הונדערט
קערבלעך, און דוקא מזומנ׳ע. האָב איך מיך מיישב געווען: דאַרף
איך צאָהלען יענעם „פּרעמיעס“, אַמעהר איך וועל מיר אַליין „איינ־
גאַזשירען“ מזומנ׳ע „פּאַפּיערלעך“! און בין אַוועק דורך אַ קאַנ־
טאָר קיין פּייטערבאַרג און האָב מיר צענויפגעשטעלט אַ „פּאָרטע־
פעל“ פון כל מאמינים שהוא: „פּוטיוויל“ מיט „טראַנספּאָרט“,
מיט „וואָלגע“, מיט „מאַלצעווער“, וכדומה אַזעלכע אַקציעס, וואָס
הויבען זיך, און דאַנקען השם יתברך, איך וואַכס! און מחמת איך
האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם
אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות.
לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. לאָז גריסען
די קינדערלעך אַלע און שווער און שוויעגער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. אז דו ווערסט מיר שרייבען, זאָלסט דו
מיר שרייבען אויף מיין נאָמען קיין ב ו י ב ע ר י ק, מחמת אין
יעהופּעץ טאָר איך ניט זיין... דרעה איך מיך אַרום דעם גאַנצען
טאָג אויף „קרעשטשאַטעק“ ביי דער בערזע, און קומט ביי נאַכט,
האַפּ איך מיך אַראָפּ קיין בויבעריק. דאָרט זיצט די גאַנצע חברה
„שפּעגעלאַנטען“ אויף די דאַטשעס און מע שפּיעלט אַ גאַנצע נאַכט
אין קאָרטען (זכרים מיט נקבות אינאיינעם — אַזוי איז דאָ דער
מנהג...), און גאַנץ פריה לויפען אַלע קיין יעהופּעץ, און איך אויך
בתוכם.

הנ״ל.

עס האָט מיך געצויגען אהיים, נאָר ס׳איז, אפנים, מן השמים מיר אָנגעצייכענט געוואָרען, אז איך זאָל מגולגל ווערען קיין יעהופּעץ און זאָל האנדלען מיט „פּאַפּיערלעך“. איך שווער דיר, זוגתי היקרה, ביי מיין לעבען, אַז איך בין שוין געזעסען אין וואַגאָן צו פאָהרען קיין כתרילעווקע, בעדאַרף איך מיך בעגעגענען מיט איינעם איין אַדעסער שפּעגעלאַנט, וואָס פאָהרט קיין יעהופּעץ. וואָס טהוט ער. פרעג איך איהם, אין יעהופּעץ? זאָגט ער מיר: ער האַנדעלט מיט פּאַפּיערלעך. וואָס הייסט דאָס פּאַפּיערלעך? גיט ער מיר צו פערשטעהן, אַז „פּאַפּיערלעך“ איז ניט קיין „לאָנדאָן“, וואָס העגנגט אָפּ פון בערלין און פון ביסמאַרק׳ען און פון דער איינגעלישער מלכה. פּאַפּיערלעך — דאָס איז אַזאַ מין געשעפט, וואָס ווענדט זיך נאָר אין פּייטערבאַרג און אין וואַרשאַ. היינט האָט דאָס נאָך אַ מעלה: ס׳איז אַ זאַך, וואָס מע קאָן דאָס זעהען, אָנטאַפּען מיט די הענד, נישט אַזוי ווי „לאָנדאָן“, וואָס ס׳איז נאָר אַ דמיון, אַ מין חלום. היינט האָט ער מיר גענומען אָפּלויבען די שטאָדט יעהופּעץ מיט די יעהופּעצער שפּעגעלאַנטען אין טאָג אַריין: ס׳איז גאָר לא זו הדרך, זאָגט ער, איידעלע מענשען! ער ווערט ניט אָוועקגעבען, זאָגט ער, קיין צעהן אויסגעפּאַשעטע אַדעסיטען פאַר איין יעהופּעצער שפּעגעלאַנט! הקיצור, דער פאַרשויין האָט מיך אַזוי צענומען, אַז איך בין אַ בעלן געווען, איך פאָהר דאַך במילא פאַרביי פאַסטאָוו, וועל איך מיך אַראָפּהאַפּען שוין קיין יעהופּעץ אויף אַ טשיקאָוועסט, אָנקוקען די היגע בערזע מיט די היגע שפּעגעלאַנטען. און, ווי גאָט פיהרט, בעדאַרף איך אָנטרעפען אקוראַט אויף אַזאַ צייט, וואָס עס געהט אַ מורא׳דיגער בעם אויף פּאַפּיערלעך, און „פּרעמיעס“ פערקויפען זיך בהצי חנם. קיין סך געלד אַריינלעגען דאַרף מען נישט. האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך אַ שפּיעל טהון, אולי ירחם, אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער וועל איך חאַפּען פון אויבען, וועל איך האָבען צושטייער אויף הוצאות. און דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט, „פּאַפּיערלעך“ האָבען זיך אַ הויב געטהאָן, און איך האָב מיין פּרעמיע פערקויפט מיט רוחים און גע־

אידען זאָלען גאָר האַנדלען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט מיט וואָס, מיט שטיקלעך פּאַפּיער!... איך לייען דיין בריוועל, בעלי היקר, און קלער מיר בשעת מעשה: ליעבער פּאָטער, האַרציגער געטרייער! צי ד ו ביזט חלילה משוגע, צי א י ך בין ניט ביי אַלע געדאַנקען? עפּיס רעדסט דו מיט מיר טאָטערש: „פּאַפּיערלעך“... „פּייטערבאַרג“... „קרעשטשאַטעק“... „פּאָרטעפּעל“... עפּיס אַ קליפּה, אַ ניט־גוטער האָט זיך אין איהם אַריינגעחאַפּט! ביי טאָג איז ער אין יעהופּעץ, און ביי נאַכט איז ער אין בויבעריק, מיט די מאַנסבילען און מיט די ווייבער אינאיינעם... וואָס טהוסט דו ביי נאַכט אין בויבעריק? וואָס טראַכסט דו זיך? ממה נפשך, ווילסט מיך ניט, קום צו פֿאָהרען און גט מיך אָפּ; אלא ניט, פֿאָהר שוין בעסער אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר קיין אַמעריקע, ווי יוסיל לייב־אהרן׳ס, און לאָם איך חאָטש ניט וויסען וואו דיין געביין איז אַהינגעקומען, אויב ס׳איז מיר שוין יאָ בעשערט צו בלייבען אַיין אייביגע עגונה מיט קליינע קינדער פּיסקליאַטעס! נאָר אַזוי לאַנג קרענקען מיינע שונאים! דיין טרפה׳נע הצלחה, וואָס איך קאָן אַצינד צו דיר ניט פֿאָהרען; איך בין, משטיינס געזאָגט, אַווי געשטראָפֿט, אַז איך מוז גאָר ליגען צום בעט, ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל געזונד זיין: „אַז מע האָט ניט קיין פינגער, קאָן מען קיין פייג ניט שטעלען“... אַניט, וואָלט איך באַלד נאָך דיין שענעם בריעף אַראָפּגעפֿאָהרען צו דיר קיין יעהופּעץ און וואָלט דיך שוין אַראָפּגעבראַכט אַהיים! איך וואָלט דיר געוויזען, אַז אַ ווייב איז אַ ווייב! אַי וואָס, איך חאַפּ זיך אַרוים אַ מאָל מיט אַ האַרב וואָרט? איז דאָס נאָר מחמת גרויזאָמע, און ניט אויף לאַנג. ווי זאָגט די מאַמע: „אַ שוועבעלע צינדט זיך גיך אָן און ווערד באַלד פֿערלאָשען“... ווי עס ווינשט דיר

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

II.

שיינה-שיינדעל פון כתריעלעווקע צו איהר מאז מנחם-מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם-מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעכטען געזונד. געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, מיינע שונאים זאלען אזוי כח האבען צו לעבען, רבונו של עולם, ווי איך האב כח שוין צו שרייבען דיר אפילו א בריוועל, אז קוים-קוים וואס איך פלאנטע מיט די פיס; ס'איז גאר א סברא, אז איך וועל דארפען א „רעפעראציע", אזוי זאגט דער נייער דאקטאר, געזאגט זאל איהם ווערען צרות מיט פרעה'ס שלעק! ער מיינט, ער וועט ביי מיר צאפען קערבלעך! און פון וואס, מיינסט דו, איז דאס מיר געקומען? נאר פון גריזאטע, נאר פון הארצוועהטיג. סטייטש, איך שיק דיר ארוים אויף הוצאות און זאג דיר אן, זאלסט קומען אהיים, נעמסט דו און פאהרסט אראפ קיין יעהעפעץ — ביזט דו ניט ווערטה, מע זאל דיך בעגראבען א לעבעדיגען? היינט דער בזיון! די חרפה פאר דער וועלט! ווי זאגט די מאמע: „שנייץ די נאז, שמיר דאס פנים"... מסחרים! געשעפטען! איך האב אלץ געמיינט, אז דאס שענע „לאנדאן" האט שוין יא איינגענומען א מיתה משונה, וועל איך אויך שוין אויפגערעכט ווערען, און ער וועט קומען אהיים חאטש מימ'ז לעבען, דער זיסער ברויטגעבער מיינער. וואס לאזט זיך אויס דער סוף? א נייער חלום, א וויסטער, א פינסטערער „יעהופעץ"! „פאפיערלעך"! נא דיר אזא משא-ומתן!

אויף פראַנצויזיש און מע שפּיעלט פּיאַנע, מע עסט איינגעמאַכטס און מע טרינקט ווישניק, אַ קערבעל איז אַ ממזר, ס׳איז חי געלעבט און אַיין עק, און אַלץ פון די „פּאַפּיערלעך״! אַז עס קומט דער טאָג, זאָלסט דו זעהען וואָס עס טהוט זיך אויף „קרעשטשאַטעק״: פול און פיל מיט אידען! נאָר וואָס איז דאָס חידוש? אַז פון די קאַנטאָרען טרייבט מען, און אויף דער גאַס לאָזט מען ניט שטעהן. ווילט זיך איטליכען וויסען וואָס פריהער — איז חושך! חושך! אָט איז היינט אָנגעקומען פון פּייטערבאַרג „פּוטיוויל״ הונדערט אַכט און זיעבעציג, — נו, ווי אַזוי קויפט מען נישט קיין „פּוטיוויל״? צי, למשל, „מאַלצעווער״, זאָגט מען, זענען אָנגעקומען שוין דריי־צעהן הונדערט פופציג, — זאָל מען ניט קויפען קיין „מאַלצעוועוער״? אַז אַלע טאָג, אַלע טאָג שפּרינגט עס אַרויף! יאויף מיין „פּוטיוויל״, ברוך השם, שטעהט מיר איצטער צו פערדיענען שענע עטליכע הונ־דערטער! נאָר אַזוי לאַנג שמייסט מען זיי, ווי לאַנג איך וועל זיי פערקויפען! אדרבה, איך רעכען נאָך צוקויפען אַ ק״ן שטיקלעך „פּוטיוויל״ מיט אַ פינף „מאַלצעוועער״ מיט נאָך אביסעל „וואָלגע״, און אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען — צו קויפען אביסעל „טראַנספּאָרט״, מחמת מע שרייבט פון פּייטערבאַרג, מע זאָל למען השם קויפען „טראַנספּאָרט״! אַלע האָבען דאָ טראַנספּאָרט: אי־דען, ווייבער, דאָקטוירים, מלמדים, משרתים, דיענסטען, בעלי־מלאכות — ווער האָט ניט קיין „טראַנספּאָרט״? דאָ, אַז אַ איד בעגעגענט זיך מיט אַ אידען, איז דער ערשטער ברוך־הבא: „ווי אַזוי איז היינט „טראַנספּאָרט״?״ קומסט אריין אין אַ רעסטאָ־ראַציע, בעגעגענט דיך די בעל־הבית׳טע: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּאָרט״?״ געהסט דו קויפען אַ פּעקעל שוועבעלעך, פרעגט דיך דער קרעמער: „ווי טייער איז היינט „טראַנספּאָרט״?״ הכלל, יעהופּעץ איז טאַקי אַ מקום פרנסה. אַלע שפּעגעלירען, אַלע וואַב־כען, אַלע פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם! נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות.

III.

מנחם-מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה-שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה-שיינדעל שתחי׳.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הארכען איינס פונ׳ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז דער ענין פון פאפיערלעך איז ניט, ווי דו מיינסט, טאקי פאפיער ממש. עס רעדט זיך נאר אזוי פאפיער, מיינען מיינט מען גאר אקציעס, פייטערבארגער אקציעס, למשל: „פוטיוויל״, „טראנספארט״, „וואלגע״, מאלצעווער״ וכדומה. דאס זענען אזעלכע פאבריקעס, וואס עס ארבייטען זיך דארטען אייזענבאהנען אויף אקציעס, דאס הייסט, מע לאזט ארויס אקציעס אויף א הונדערטער און מע צאהלט פאר זיי דריי, ווארום מע גיט „דעוועדענט״; וואס מעהר „דעוועדענט״, איז אלץ בעסער. נאר כפי אזוי ווי עס ווייסט קיינער נישט פאר׳ן יאהר, וואס פאר א „דעוועדענט״ מע וועט ארויסגעבען, לכן געהט מען בלינד און מע קויפט און מע קויפט; און דערפון ווערד א „האס״, דאס הייסט, פאפיער שטייגט, און אידען פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם. זאלסט אנקוקען, זוגתי היקרה, ווי אזוי קליינע מענשעלעך, מעקלערס, ארעמע לייט זענען פלוצים מיט א מאל אויסגעוואכסען, געווארען גבירים אדירים! מע זיצט שוין אויף דאטשעס אין בויבעריק, מע פאהרט זיך באדען קיין אויסלאמד, זייערע דאמעס געהען איינגעטונקען אין גאלד און אין סאמעט, די קינדער פאהרען ארום אויף לעספעדען, אין שטוב האלט מען גובערנאנטקעס, מע רעדט

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאט צו דאנקען אין בעסטען געזונד. געב גאט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז ביי אונז האט זיך געטראפען איין אומגליק מיט א גליק אינאיינעם. אונזער משה־הערשעלי האט איינגעשלונגען א קאפיקע! איך בין געקומען פונ'ם מארק, פרייטאג איז דאס געוועזן, געקויפט פיש, פרישע, צאפעלדיגע, זיך נאך געווארפען, און דאס קינד שרייט, ווערד צעריסען! איך שלאג דאס, איך הרג'ע דאס — עס האלט אין איין שרייען! „וואס ווילסט דו? שלים־מזל! באשעפעניש! נא דיר, צרות מיינע! נא דיר א קאפיקע! נא דיר בויכוועהטיג!" קוים מיט צרות אנשוויגען געווארען. אין עטליכע מינוט ארום, איך טהו מיך א חאפ: „משה־הערשעלי! וואו איז די קאפיקע?" „ניטא טאפעטע!" — מאכט ער צו מיר און ווייזט מיט'ן הענטעל אין מויל אריין. איינגעשלונגען? א צרה איז מיר! א שלאק איז מיר! איך נעם דאס קינד, איך קוק דעם אין מויל אריין, וועה און ווינד איז מיר! „משה־הערשעניו! נשמה מיינע! מיר זאל זיין פאר דיינע ביינדעלעך! זאג, וואו האסט דו אהינגעטהאן די קאפיקע?" איך טרייסעל איהם, איך שלאג איהם, קנייפ איהם, מאך איהם ברוין און בלוי — ער שרייט אין איין קול: „ניטא, האס טאפעטע, האס!" בקיצור, איך האב איהם געבראכט צום דאקטאר, האט ער געהייסען

לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים אַלע־מען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך **מנחם־מענדעל.**

עיקר שכחתי. וואָס דו פרעגסט, וואָס טהו איך ביי־נאַכט אין בויבעריק, האָב איך דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז יעהופּעץ איז אַ שטאָדט, וואָס אַ איד טאָר דאָרט ניט זיין, סיידען אַ „פּער־וועגעלדיע". אַז איך וועל זיך אָפּוויקלען מיט מיין „פּאָרטעפעל" און וועל זעהען די אונטערשטע שורה, וועל איך אַריינטראָגען „געלדיע", וועל איך מעגען זיין אין יעהופּעץ גלייך מיט אַלע. לעת־עתה מוז מען זיך אויסבעהאַלטען, און קיין בעסערע בעהעלטעניש, ווי בויבעריק, איז ניטאָ. ס'איז אַיין ערטעל פון דאַטשעס. פאַרהאַן אַ סך דאַטשניקעס. די דאַטשניקעס לויפען, לויף איך אויך — היינט פער־שטעהסט דו שוין?

הנ"ל.

אַזוי ווי איך דאַרף מיט איהם געהן מיט ווייבע רעדעלעך, נישט דערוועגען זיך חלילה אַ קרום וואָרט, צי אויסשעלטען אַמאָל פאַר די בזיונות, וואָס איך טראָג דאָ איבער פאַר דיר, אַז איך דאַרף נאָך פאַר איטליכען בעזונדער מאַכען אַ פריילּיך פּנים, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטעהן"... נאָר גוואַלד, מה אָנו מה חיינו? איך וועל אַזוי לאַנג צאַנקען און צאַנקען שטי־לערהייד, ביז איך וועל, שונאי ציון, אויסגעהן, ווי אַ ליכט מיינע שונאים, אָדער אַזוי חלילה צעזעצט ווערען פון גריזאָטע, צעזעצט און צעשפרונגען זאָלען ווערען אַלע דיינע יעהופּעצער קנאַקערס, ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל פון'ם טיעפען הארצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

שאַ, בערעל דעם פעטער מנשה'ס האָט, שוין אויף זיך אַ נייעם אומגליק: ער איז יענע וואָך אָפּגעברענט געוואָרען, אַרוים ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט. און איצט האָט ער נאָך דאָס לויפעניש — שונאים האָבען איהם גע'כּסר'ט: אַזוי ווי ס'איז ביי איהם געווען „געסטרעכעוועט" אַלסדינג דריי מאָל אַזוי פיעל, האָט ער דאָך מסתמא אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש". האָט מען איהם גערו־פען צום סליעדאָוואַטעל. בערעל איז אָבער אויך ניט פון די וואָס צעהן אַ דרייער; שטעלט ער עדות, וואָס געהען שווערען, אַז ער איז יענע נאַכט גאָר ניט געווען היע. דערווייל האָט מען איהם איינגעזעצט, און זלאַטקע איז פאַר שרעק געלעגען געוואָרען און גע־האַט אַ זיעבעלע. מזל טוב!

מע זאָל איהם געבען קאַרטאָפלים. צוויי טאָג האָט מען דאָס קינד נעבאָך געמוטשעט, געשטאָפּט מיט גוואַלד, נישט קיין מילך, נישט קיין טרונק וואַסער, נאָר קאַרטאָפלים, נאָר קאַרטאָפּלים, — איך האָב געמיינט, ס'איז איין עק פון מיין קינד! ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, איך נעם אויפראַמען די שטוב, איך טהו אַ קוק אין בעט אונ־טער'ן קישען — ליגט ניט די קאָפּיקע? דאָקטוירים זאָלען אַזוי ווי־סען פון זייער געזונד, ווי זיי ווייסען, ווער עס האָט זיי געשלייערט! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ רעשטעל צו די צרות"... איך דאַרף האָבען צו טהון מיט זיינע קינדער, מיט דאָקטוירים, מיט רוחות און מיט שדים, און ער, דער גאָלדשפּינער, גאַרנישט, פליהט אַרום פון אַדעס קיין יעהופּעץ, פון יעהופּעץ קיין בויבעריק! וואָס איז? אַ גדולה אויף איהם, אַ היץ: „פּאַפּיער־לעך!" „טראַנכפּאָרטען!" „פּאָרטעפּעלען!" האָט זיך איינגערעדט, אַז מע קאָן ווערען אין איין שמע־ישראל אַ נגיד! „איין איינרעדע־ניש, זאָגט די מאַמע, איז ערגער פון אַ קרענק"... נאַרעלע, וואָס ווערסט דו מיר דערצעהלען גליקען, פּזמונות: „אַקציעס, שמאַקציעס, דעווענדענט, מעדעווענט" — ס'איז ווערטה איין אויסגעבלאָזען איי! מיט פינף פינגער ווערד מען ניט רייך. „אַז מע לעגט אַריין, זאָגט די מאַמע, קדחת, נעמט מען אַרויס אַ קרענק"... פערשרייב דיר, מענדעל, וואָס איך זאָג דיר, אַז אַלע דיינע יעהופּעצער לייט, וואָס דו שרייבסט, אַז זיי זענען מיט אַ מאָל בעגליקט געוואָרען, וועלען אָם ירצה השם אין גיכען ווערען צוריק די אייגענע קבצנים, וואָס פריהער, נאָך מיט מעהר פּרישקייט. וואָרום איך גלויב אַזוי אין דיינע „טראַנספּאָרטען" מיט דיינע „שמאַלצעווער", ווי אין דעם אַדעסער „לאָנדאָן"; אין כשוף און אין שרעטעלעך גלויב איך שוין אַ סך מעהר, ווי אין אַלע דיינע יעהופּעצער „פּאָרטעפּעלען". אוי, אַ הונד זאָל אויפעסען מיין האַרץ, וואָלט ער משוגע געוואָרען, אַז איך זעה ביי לייטען ווייבער האָבען אויך אַ שטיקעל דעה ביי זיי־ערע מאַנען, מישען זיך אַריין אַמאָל מיט אַ וואָרט, טהוען אַ געשריי, אַ הוק, אַז עס וואַרפט מיט'ן מאַן דאָס נייעניעהריגע, נישט

אויף אונזער לשון הייסט דאָס ביז **ראש־חודש. עס וועט** קומען ראַש־חודש, וועסט דו דעמאָלט האָבען די ברירה: צי נעמען די פּאַפּיערלעך, צי ניין. נאָר ווער וועט דיך לאָזען וואַרטען אויף ראַש־חודש? דערויף האָט דאָך גאָט געשאַפען מעקלערס אויף דער וועלט, זיי זאָלען נישט לאָזען דורכגעהן די גאַס: „אפשר האָט איהר „לילעפּוטען“? אפשר האָט איהר „וועגעלעך“?“ אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זיי געבען דיר עפּיס „פון אויבען“ און נאַרען־אויס ביי דיר דיינע פּאַפּיערלעך. אָט האָבען זיך ערשט נעכטען צוגע־טשעפּעט צו מיר צוויי אַדעסער מעקלערס; איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיי האָבען זיך נאַסיאַדעט, איך זאָל זיי אָפּגעבען מיינע „לי־לעפּוטען“ מיט מיינע „וועגעלעך“. געפונען דעם אָרט, וואו אויס־צונאַרען סחורה! „ברידערלעך, — טענה איך צו זיי — איך האָב ניט. איך זאָל אַזוי ריין זיין פון שלעכטס!“ הקיצור, איך האָב מיך מיט זיי אַזוי לאַנג געראַנגעלט, ביז זיי האָבען פאָרט אויסגע־נאַרט ביי מיר מיינע פינף „לילעפּוטלעך“ מיט די פינף „וועגעלעך“. נאָר וואָס דענן? איך האָב זיי אָבער אויך גוט אָפּגעטהאָן. איך האָב מיך באַלד „אָפּגעדעקט“, איך האָב „אַריבערגעשמיסען“, און צו גאָט אַ האָפענונג, איך וועל, אם ירצה השם, חאַפּען אַ פון־אוי־בען, וואָרום עס געהט מיר, קיין עין־הרע, די לעצטע צייט אַזוי, אַז וואָס איך קויף היינט, ווערד מאָרגען טהייערער; אַלע זאָגען, אַז איך בין אַ מוצלח! לאָז גאָט געבען, דאָס „אולטימאָ“ אין וואַרשאָ זאָל אָפּלויפען גלאַט, ווערד ביי מיר פריי דער גאַנצער „פּאָרטעפעל“. דעמאָלט טראָג איך מיך איבער אין איין אַנדער קאַנטאָר, וואָרום אין דער קאַנטאָר, וואָס איך אַרבייט אַצינד, איז פאַרהאַן, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען, אַז מע ווייסט ניט וואו מע איז אין דער וועלט. יענע וואָך איז שיער אַרויס אַ גאַנצער שקאַנדאַל: עס האָט שוין געהאַלטען כמעט ביי פּעטש, דאָס הייסט, איינער פון אונז האָט געחאַפּט אַ פּאַטש... נאָר מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען זיינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך געה שוין קיין וואַרשאָ. ווערסט דאָך מיך ווע̇לען פרעגען מסתמא, אַז ווי באַלד אַז איך זיץ אין יעהופעץ און האַנדעל מיט פּייטערבאַרג, היינט ווי קום איך קיין וואַרשאָ? זאָלסט דו גאָר קיין יסורים ניט האָבען: וואַרשאָ איז אויך אַ שטאָדט! וואַרשאָ האָט אויך פּאַפּיערלעך, און נאָך וואָסערע פּאַפּיערלעך! אויף וואַרשאָ זענען שפּעגעלאַנטען גליקליך געוואָרען! וואַרשאָ איז ניט פּייטערבאַרג; וואַרשאָ שמייסט מיט הונדערטערס! וואַרשאָ איז זיך מיישב ערשט יענע וואָך אין הויבט־אויף „לילעפּוטען“ פון צוועלף הונדערט אויף צוויי טויזענד! נו, פרעג איך דיך, געה זעץ זיך אַנידער און קויף ניט אַזאַ פּאַפּיערעל! צי, למשל, „וועגעלעך“. געשטאַנען אָט ערשט, פריהער מיט אַ וואָך דריי, פערצעהן הונדערט. וויפיעל, מיינסט דו, שטעהען זיי היינט? צוויי טויזענד. און דוקא אָהן דעם קאַפּאָן!! מע דאַרף דאָך זיין, דאַכט מיר, אַ רוצח, מע זאָל ניט אַוועקגעהן קויפען קיין „וועגעלעך“! היינט האָט דיר וואַרשאָ גלאַט אַ מעלה: זי פאָדערט נישט קיין געלד; זי וויל נישט וויסען פון קיין „דעפּאָ“. דו ווילסט האָבען „לילעפּוטען“, „וועגעלעך“? צאָהל איבער אַ פּאָר הונדערט רובעל אויפ'ן קורס און מאַך דיר אַ „פּרעמיע“ אויף „אולטימאָ“:

VI.

שיינה־שיינדעל פון כתריל׳עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז איך האַלט, אַז דו ביזט שוין חלילה פאַרמאַלנע משוגע, מעגסט שוין באַלד אָנהויבען לויפען אין די גאַסען. קאַרג פאַר איהם וואָס מע קען איהם אין אַדעס, אין יעהופּעץ, אין בויבעריק, בעדאַרף ער נאָך האָבען, אַז אין וואַרשא זאָל מען אויך וויסען, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ מנחם־מענדעל, וואָס פּערנעמט זיך מיט הענדעל; אַמאָל האָט ער געהאַנדעלט מיט „לאָנדאָן“, און היינט האַנדעלט ער מיט אַלטע פידקאָוועס, אָפּגעשלאָגענע הושענות, עפּיס „פּאַפּיערלעך“, „פּאָרטעפּעלען“, „וועוועלעך“, „פּיפּערנאָטערס“, וואָס מע דאַרף נאָך געהן זוכען עס אַזש אין וואַרשאָ, און זיך נאָך שלאָגען איבער דעם. הלואי, רבונו של עולם, זאָל זיך געפינען אַ חכם, וואָס זאָל דיר אַרויסשלאָגען דעם נאַר דיינעם, זאָלסט ניט אין זינען האָבען דאָרטען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואָס, בעת דאָ אין דער היים האָסט דו אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס האָט צו טהון מיט די קינדער זיינע טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ דאָס! ערשט נעכטען שיער אָפּגעקאָכט אַ קינד מיט זודיג וואַסער פון אַ דורכשלאַג. אַ גליק, וואָס ניט אויפ׳ן גאַנצען קעפּעל, ווי זאָגט די מאַמע: „צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל!“... און ער—גאָרניט, שפּאַציערט דאָרט

מיט געזונט און מיט הצלחה. גריס אלעמען בעזונדער גאָר פרײַנד־ליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרײַבסט מיר מכח בערעל דעם פעטער מנשה׳ס, איז ביי מיר זעהר צו גלויבען: ביי אַייערע כתרילעווקער פרנסות קאָן זיך קיין סוחר אַנדערש נישט אויסהאַנד־לען. זעהכט דו, ביי אונז אין יעהופעץ קאָן זיך שוין אַזאַ מעשה נישט טרעפען. ראשית, איז דאָ איטליכען בעזונדער, קיין עין־הרע, זעהר גוט; והשנית, אַז עס מאַכט זיך דאָ חלילה אַ שרפה, לעשט מען דאָ גאָר אַנדערש, היינו: נאָך איידער עס הויבט אָן צו נעצען, לויפט שוין די קאָמאַנדע מיט די מעשענע קיווערס, שפּרינגען אין פייער אַריין און שפּריצען מיט דער קישקע. דו וואָלסט געמעגט זיך פערגינען אָנקוקען אין יעהופּעץ אַ שרפה!

הנ״ל.

דאָס שוין מעהר ניט אויסהאַלטען! איינס פון די ביידע: אָדער קום צו פאָהרען וואָס גיכער אַהיים און זיי אַ מענש גלייך מיט אַלע־מען, אָדער לאָז קומען אַ מיתה משונה אויף מיינע שונאים, און לאָז דאָס האָבען אַיין עק, ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

ארום אויף שרפות, אַ גדולה אויף איהם: יעהופּעץ ברענט, פּער־
ברענט און פּער׳שרפה׳ט זאָל דאָס דיר ווערען מיט וואַרשאָ און
מיט פּייטערבאַרג אינאיינעם, ליעבער גאָט! ווער עס האָט נאָר
גאָט אין האַרצען, דער באָדט זיך אין מיין בלוט. איך קאָן דען דורכ־
געהן די גאַס אַפילו? יעדער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אָט
געהט זי, מנחם־מענדעל׳ס פּלונית׳טע פון יעהופּעץ!“ אַ שענער נאָ־
מען, אַז אָך און וועה איז מיר! לעבען זאָל טאַקי די מאַמע מיינע.
זי טענה׳ט איינס: „אַ מאַן, זאָגט זי, טאָר מען ניט אָפּלאָזען אויף
קיין מינוט, דען, זאָגט זי, אַז דער טעסער זיצט אויף די שפּענער,
זענען די שפּענער — שפּענער... איך האָב, זאָגט זי, פריהער גע־
וואוכט, אַז קיין גוטער סוף וועט דערפון נישט אַרויס; אַ געלד־
שדוך, זאָגט זי, האָט זיך מיר פערגלוסט. ווי זאָגט מען: חזיר,
האָסט געלד? זיי מיין מחותן!... אַ שמאַלץ־גרוב, זאָגט זי, די
שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. בריוועלעך, זאָגט זי,
וואָלט איך איהם געשריבען? פון קדחת וואָלט איך איהם געשריי־
בען! ווער עס פערשטעהט ניט אויף׳ן וואונק, זאָגט זי, דעם גיט
מען מיט׳ן שטעקען... איך וואָלט איהם, זאָגט זי, אויף אַ בעזעב
אַראָפּגעבראַכט אהיים! אויף אַ קאָטשערע!“... זאָג אפשר, אַז זי
איז אומגערעכט? נאָר וואָס זאָל איך טהון, אַז איך בין, מישטיינס
געזאָגט, אַזאַ ציעג, אַז וואָס מע זאָגט מיר איז רעכט, און וואָס מע
וויל פועלט מען ביי מיר! איין אַנדערע אויף מיין אָרט, למשל,
ב ל י ו מ ע ־ ז ל אַ ט ע, וואָלט שוין לאַנג געוועזן אין יעהופּעץ
ביי אַלע רבנים און דיינים, דיך אָנגעפּאַלען אין גאַס און געגעבען
דיר אַ וויסטען, אַ פינסטערען סוף, אַז דו וואָלסט פערגעסען אַפילו,
צי דו הייסט מנחם־מענדעל, און צי דו האַנדעלסט מיט פּיפּערנאָ־
טערס... מאָהל דיר, דיינע גילדענע געשעפטען מיט די גליקען, וואָס
דו חאַפּסט דאָרטען, זעהט מען שוין אַרויס פון די מתנות, וואָס דו
שיקסט מיר איבער פון יעהופּעץ; די דימענטען מיט די באַרליאַנ־
טען, מיט די געשטיקטע העמדער, מיט די געשטעפּטע קאָלדרעס,
אַ קליינינקייט? איך זאָג דיר מיט גוטען, בעלי היקר, איך קאָן

רעל פון אַ פאַבריקע, וואָס מע אַרבייט דאָרטען אייזענבאַהנען און מע גיט דערויף „רעווענדענט". די אַייזענבאַהנען זענען אין סימביר, די פּאַפּיערלעך זענען אין וואַרשאָ, און די קונים זענען אין יעהופּעץ, — הייננט פערשטעהסט דו שוין? דאָס אייגענע איז מיט די „וועגעלעך", מיט „פּוטיוויל" און מיט „טראַנספּאָרט". נאָר דו קעהרסט מיינען, אַז מע קויפט פּאַפּיערלעך, קוקט זיי עמיצער אָן אין די אויגען? האָסט דו ווידער אַ טעות. מע מוז דיר קלאָר מאַכען אַקוראַט, זאָלסט פערשטעהן דאָס געשעפט. למשל, עס פערגלוסט זיך דיר קויפען „טראַנספּאָרט"; געהסט דו אַריין אין אַ קאַנטאָר, טראָגסט אַריין אין קאַסע עטליכע קערבלעך אַ „דעפּאָ", און דו הייסט דיר פערשרייבען אַביסעל סחורה, און מע גיט דיר אַרויס אַ בריוועל, אַז מע האָט אייגעקויפט פון דיינעטוועגען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל „טראַנספּאָרט", אויף אַזאַ און אַזאַ מקח מיט אַזאַ און אַזאַ „דעפּאָ", און באם חלילה עס פאַלט אַראָפּ, ביזט דו מחויב צוטראָגען נאָך געלד; — נאָר ס'איז בלאָטע, ניט אַזוי גיך פאַלט דאָס אַראָפּ, און מע בעדאַרף ניט צוטראָגען קיין געלד; אַדרבה, עס הויבט זיך גאָר אויף! אָט אַזוי אַרבייט איך כסדר און מאַך, ברוך השם, הלואי ווייטער ניט ערגער. גאָט זאָל העלפען, איך זאָל מיך קאָנען אָפּרייסען אויף אַ פּאָר טאָג, וואָלט איך זיך אַראָפּגעחאַפּט קיין וואַסילקאָוו און וואָלט אַריינגעטראָגען „געלדיע"; דערמאָלט וואָלט איך פערשפּאָרט זיין נע־ונד, ביי־טאָג אַ יעהופּעצער און ביי־נאַכט אַ בויבעריקער. אַלע מעקלערס זענען היינט געוואָרען „קופּצים". זאָלסט זעהן ווי מע לעבט, ווי מע עסט! היינט די דאַמעס זייערע מיט די דימענטען און באַרליאַנטען — איך האָב מיך צעפּרעגט, וואו קויפט מע דאָ באַרליאַנטען, און האָב בעטראַכט פון דיינעטוועגען דאָרטען אַ פּאָר זאַכען, זאָג איך דיר, אַז ניט נאָר ביי אַייך אין כתרילעווקע, אַפילו ביי אונז אין יעהופּעץ וועט דאָס אויך אָנמאַכען אַ רעש! און מחמת איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באַריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פון'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז איך קנאַק און פּליה, איך ברען, איך שפּרינג אין פייער, איך וואַכס, איך וואַכס! אַ סך זענען מיר מקנא, וואָרום וואָס איך קויף היינט, ווערד מאָרגען טייער. „וועד־נעלעך“ האָבען זיך אַ רוק געטהאָן נאָך אויף צוויי הונדערט רובעל, און מיינע „לילעפּוטען“ שטעהען שוין, ברוך השם, אויף יענער זייט דריטהאַלבענטויזענד; נאָר מיר לוינט נאָך נישט צו פערקויפען, ווייל אַלע זאָגען, אַז עס וועט נאָך געהן און געהן. ס'איז גאָר אַ סברא, אַז „אויסלאַמד“ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אונזערע פּאַפּיערלעך. מע מאַכט אַ „סענדעקאַט“, דאָס הייסט, יד אחת, מע וויל זיי אויסקויפען עד לפּ"ק, נישט איבערלאָזען אַפילו אויף אַ רפואה! ווערסט דו דאָך מסתמא פרעגען: פאַר וואָס? גאַנץ פּשוט! געלד, פערשטעהסט דו מיך, איז היינט פאַרהאַן ביי דער וועלט אָהן אַ שעור; עס וואַלגערט זיך אין די גאַסען; פּריצענט איז בזיל הזול — פּיער־פּינף לשנה איז פאַר אונז איבערגענוג; היינט אַז עס טראָגט גאָר צעהן־פופצעהן, איז דאָך דאָס טאַקי אַ גליק! און וואָס דו זאָגסט „לילעפּוטען“ (נישט, ווי דו רופסט עס אָן, „פּיפּערנאָטערס“), האָב איך דיר שוין געשריבען, אַז דאָס איז אַזאַ מין פּאַפּיע־

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריל'עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהך"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, „אַז פון אַ חזיר'שען עק, זאָגט די מאַמע, קאָן מען קיין שטריימעל ניט מאַכען"... איך שמועס עס קעגען דיין שענער שוועגערין, קעגען דיין יענטלען טאַקי, ברענען זאָל זי דיר אויפ'ן פייער! זי איז זיך מיישב יענע וואָך און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָדט, אַז דו ביזט אַוועק קיין אַמעריקע און מיך האָסט דו, ניט דערלעבען וועט זי דאָס, אַוועקגעוואָרפען אַיין אַלמנה חיה. פון וואַנען, זאָגט זי, האָט זי דאָס גענומען? שרה־נחמה האָט געהערט פון לייזי־הערשקע־אברהמ'ס מויל, אַז ברוך־בן־ציונ'ס האָט אַליין געזעהן ביי משה־שמואל'ן אַ בריוועל, וואָס מאיר־מאָטעל שרייבט איהם פון אַמעריקע. לויף איך דאָך אַוועק צו משה־שמואל'ן: וואו איז דאָס בריוועל? פרעגט ער מיך: וואָסער בריוועל? זאָג איך: וואָס מאיר־מאָטעל שרייבט אייך פון אַמעריקע. זאָגט ער: ווער האָט אייך געזאָגט? זאָג איך: ברוך־בן־ציונ'ס. זאָגט ער: ווי האָט אייך געקאָנט זאָגען אָט דער שקרן, אָט דער כזבן אַזאַ מעשה, אַז איך רעד ניט מיט איהם שוין העבער אַ יאָהר? לויף איך דאָך אַוועק פון דאָרטען צו ברוך־בן־ציונ'ס מיט אַ צעיושעטען קאָפּ. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז ער איז גאָר נישטאָ אין כתריל'עווקע שוין די דריטע וואָך. פליה איך דאָך פון דאָרטען אַוועק מסתמא צו

מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. דו מיינסט, אפנים, זוגתי היקרה, אַז איך בין איינער אויפ׳ן יריד, וואָס איך האַנדעל מיט פּאַפּיערלעך? בראָצקי האַנדעלט אויך דערמיט. דער חילוק איז: איך, אַז איך גערה קויפען פּאַפּיערלעך, בעדאַרף איך פריהער אויסרעכענען ווי־פיעל מיין מאָגען קאָן פערדייען, און בראָצקי, אַז ער טהוט אַ קויף פּאַפּיערלעך, קויפט ער מיט אַ מאָל טויזענד שטיק, פינף טויזענד שטיק, צעהן טויזענד שטיק. דו שפּיעלסט זיך מיט בראָצקי׳ן? יענער, אַז ער פאָהרט דורך אין דער קאַרעטע, ציטערט דער „קרעש־טשאַטעק“, און אַלע אידען נעמען אראָפּ די היטלען, און איך אויך בתוכם. שען וואָלט זיין, ווען איך ווער אַמאָל אַ בראָצקי!... אַז גאָט וויל, נאַרעלע...

הנ״ל.

מיינע: „חאַפּ אויס די יאַרמעלקע מיט ניס און אַנטלויף“... נאָר געה רעד מיט אַ משוגע׳נעם! אָט האָט זיך איהם פּלוצים פערוואָלט ווערען אַ קופּעץ, און נאָך אַ וואַסילקאָווער דערצו! ער ווייסט שוין גאָרניט וואָס אויסצוטראַכטען פאַר גרויס ראָסקאָש! וואָס איז דיר עפּיס געפעלען געוואָרען וואַסילקאָוו? נאָר וואָס איז דאָס חידוש: אַז ביי־טאָג איז מען אַ יעהופּעצער, ביי־נאַכט אַ בויבעריקער, און געהן געהט מען קיין פּיטערבאַרג און קיין וואַרשאָ, מעג מען שוין זיין נישט נאָר אַ וואַסילקאָווער נכתב — אַפּילו פון האָצעפּלאָץ. מענדעל, זעה נאָר, אַז פון אַלע גליקען זאָל איך דיר נישט דאַרפען חלילה אַרויסשיקען פון דאַנען נאָך אַ מאָל אויף דער הוצאה, ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י ינ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

איך דאַרף דיר, בעלי היקר, אָנזאָגען אַ בשורה, און נישט קיין פריילִיכע: דיין ברודער בערעל־בנימין איז געבליבען איין אַלמן... שוין אַז דער בריעף איז געווען פער׳חתמ׳ט איז מען געקומען און מע האָט אונז געזאָגט, אַז יענטעל איז געשטאָרבען. פון אַ קימפּעט איז דאָס איהר געקומען, זי האָט געהאַט אַ צווילינג. דאָס צווילינג לעבט, און זי איז געשטאָרבען. דאַכט מיר, עס וואָלט געמעגט זיין דאָס אייגענע קאַפּויר? ווי זאָגט די מאַמע: „גאָט איז אַ גרויסער צו־להכעיס׳ניק“... לאָז זי זיין ווייט אָפּגעשיידט פון מיר. דיין שוועגערין איז תמיד געווען מיט מיר קידער־ווידער, לאָז זי מיר מוחל זיין, נאָר אויף מיין ערד איז זי דאָך ניט געגאַנגען. וואָס וואָלט מיך אהרען, אַז זי זאָל לעבען נאָך הונדערט יאָהר און נישט איבערלאָזען קיין זיעבען יתומים׳לעך, איינס קלענער פונ׳ם אַנדערען? ביי דער לויה בין איך דוקא געווען און האָב מיך דוקא אַזוי אָנגעוויינט, אַז איך בין קוים געקומען אַ לעבעדיגע אהיים. ווי זאָגט די מאַמע: „אַז מע דערמאַנט זיך אינ׳ם טויט, איז מען ניט זיכער מיט׳ן לעבען“...

לייזי־הערשקע־אברהמ׳ס און געב איהם אוועק א פּאַרציע, ווי עס געהער צו זיין, למאַי האָט ער דערצעהלט שרה־נחמה׳ן אזא פּזמון מיט א בריוועל, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען? קוקט ער מיך אָן, ווי א משוגענע: וואָסערע פלוימען? לאָזט זיך אויס א מעשה, אז דאָס האָט זי טאַקי אליין, דיין יענטעל הייסט עס, די כפּרה זאָל זי זיין פאַר אונזביידען, אויסגעטראַכט פון׳ם קאָפּ. א הולטייקע קאָן! נאָר עס קריכט דיר שטאַרק אין קאָפּ אריין אודאי וואָס איך שרייב דיר, אז דיר ליגען גאָר אין זינען מסתמא דיינע יע־הופּעצער דאַמעס, צע׳דמ׳ט און צעבלוטיגט זאָלען זיי דיר ווערען מיט זייערע באַרליאַנטען! הערסט דו, מענדעל! איך קאָן ניט הערען זייער נאָמען אפילו, אזוי פיינד האָב איך זיי! עס איז מיר שוין נמאס אפילו די מתנה דיינע, וואָס דו ווילסט מיר דאָרטען קויפען! איך זאָג דיר פריהער, בעלי היקר, אויב דו ווילסט מיר עפּיס קויפען, זאָלסט דו מיר קויפען אזעלכעס, וואָס מע טראָגט דאָרט ניט; איך דאַרף ניט, דו זאָלסט מיך פערגלייכען צו עמיצען, לאָזען זיי דיר זיין מיין כפּרה היינטיגען טאָג! נאָר לאָמיך שוין דערלעבען זעהען טאַקי עפּיס פון דיר אויף דער רעכטער אמת, ניט אויף פּאַפּיער, ווי זאָגט די מאַמע: „ווינציגער מיט א וואָרט, מעהר מיט א ביכען"... וואָס טויג דיר אָפּלעגען אויף מאָרגען, נאַרעלע? ביי אזוי געשעפט, אז מע רייסט נישט אָפּ מיט גוואַלד, האָט מען ניט! נאָר מעגסט דיר זאָגען וואָס דו ווילסט, ביז איך וועל נישט זעהען אליין מיט מיינע אויגען, וועל איך דיר נישט גלויבען; נישט מחמת איך האַלט דיך חלילה פאַר א ליגנער, נאָר דערפאַר ווייל אלסדינג, וואָס די יעהופּעצער פיינע מענשלעך דערצעהלען דיר, מיינסט דו, אז ס׳איז תורת לאָקש. וואָס גלייכסט דו זיך צו בראָצ־קי׳ן? האָסט מיט זיי אינאיינעם חזירים געפּאַשעט? מע גיט דיר פאַר דיינע פּאַפּירלעך עפּיס געלד — נעם! וואָס מאַכסט דו אָנ־שטעלען? די אדעסער שאַרלאַטאַנעס האָבען געטראָפען צו דיר קיין בויבעריק אזש, געוואָלט אויסנאַרען ביי דיר דעם טייערען אָנ־מיק? — מיט מזל ברכה! פאַר זיי די מציאה! ווי זאָגט די מאַמע

ביי מיר אויס צום זמן, — און אויסקויפען וועט מען זיי דאָך גע־ווים — בלייבט מיר איבער אויף זיי ריין פערדיענסט נאָך אַלע הוצאות אַ רובעל פיער־פינף טויזענד. חוץ לזה, האָב איך אַ פּאָר צעהנדליג „האָסלעך“ אויף „פּוטיוויל“ און אויף „מאַלצעווער“, פּרי־מאַ בריוועלעך, — רעכען איך חאַפּען אויף זיי אויך אַ רובעל זיעבע־צעהן־אַכטצעהן הונדערט. האָסט דו שוין כמעט גוטע זיעבען טוי־זענד רובעל. אויף די פינף „מאַלצעווער“ מזומן רעכען איך אויף טרפות פיער טויזענד רובעל. וואָרום עס וועט דאָך זיין אַ חרפּה, אַ בזיון, אויב זיי וועלען ניט שטעהן אין גיכען, צום וועניגסטען, צוויי טויזענד רובעל אַ שטיק, חאָטש אַפילו זיי האָבען זיך די לעצ־טע טעג אַ קאַפּעלע אַראָפּגערוקט; נאָר דאָס איז נישט מעהר ווי אַ מאַניפּאָרגעלע פון די פּייטערבאַרגער „בלאַנקיסטען“, בכדי זיי זאָלען זיך קאָנען „אָפּדעקען“! בלייבט איבער דער רעכטער שפּיע־געל: איך מיין די „לילעפּוטלעך“ מיט די „וועגעלעך“; דאָ איז אַ ריינער חשבון, ווי גאָלד: ביז „אולטימאָ“ האָבען מיר נאָך אַזוי גרויס ווי אַכטצעהן טאָג, און אַזוי ווי די „לילעפּוטלעך“ הויבען זיך אויף הונדערט רובעל אַ טאָג, האָסט דו אַ קיימא־לן פון אַכט־צעהן מאָל הונדערט גע׳כפּל׳ט אויף פינף, בעטרעפט דאָס פּונקט גייען טויזענד רובעל. און די „וועגעלעך“? זיי שפּרינגען דאָך אויף ק״ן רובעל אַ טאָג, — האָסט דו אַכטצעהן מאָל ק״ן גע׳כפּל׳ט אויף פינף, — בעטרעפט דאָס ניט קיין דרייצעהן טויזענד פינף הונדערט רובעל? היינט וואו איז עפּיס „וואָלגע“? „דניעפּר“? „דאָן“? און שאר ירקות? הכלל, גאָר קיין גרויסען בייטעל נעה איך מיר נישט. נאָר איך רעכען אַלסדינג, שוין נאָך אַלע הוצאות: „קאַרטאַזש“, „גנבה׳זש“ אַרום און אַרום, — קרוב צו פערציג־פופציג טויזענד! השם יתברך זאָל העלפען, דאָס „אולטימאָ“ זאָל נאָר אָפּלויפען גלאַט, וועל איך, אם ירצה השם, „ראַליזירען“ אַלע מיינע פּאַפּיערלעך און וועל מיך „איבערקעהרען אויף דער אַנדערער זייט“, דאָס הייסט, איך וועל געהן „אַ־לאַ־בעס“, ווערען אַ מוכר אויף אַלסדינג, און וועל פערדיענען געלד אויף דער „לינקער זייט“; נאָכדעם וועל איך

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז איך בין אַ גאַנצע וואָך געלעגען אין בויבעריק, דאָס הייסט, חלילה נישט מכוכן, נאָר אַ פאַסקודנע שלאַפקייט: איך בין געפאַלען אויפ'ן רוקען, קאָן זיך נישט איבער־קעהרען אויף דער אַנדערער זייט. איצט איז מיר שוין אביסעל גרינגער. איך האָב געמיינט די גאַנצע וואָך, אז איך וועל אראָפּ פון זינען: אַ קליינינגקייט, אַכט טאָג כסדר זיין אָפּגעריסען פון דער בערזע, נישט וויסען פון קיין קורסען? עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזען, אז דאָרט קעהרט זיך איבער די וועלט! אם ירצה השם, מאָרגען־איבערמאָרגען פאָהר איך שוין געווים אין שטאָדט אריין. דערווייל שרייב איך דיר אַ בריוועל, עס ווילט זיך מיר אביסעל דורכשמועסען מיט דיר, און אַגב דיר געבען אַ ריכטיגען חשבון, וואו איך האַלט, זאָלסט נישט מיינען, אז איך „פּלוטעווע", אז איך בין חלילה פערדרעהט אָדער איך בין געגאַרט. מיין „פּאָר־טעפעל" בעשטעהט אצינד סך־הכל פון הונדערט פופציג שטיקלעך „פּוטיוויל", הונדערט שטיקלעך „טראַנספּאָרט", פינף „מאַלצעווער", פינף „לילעפּוטלעך" און פינף „וועגעלעך", אַ חוץ „פּרעמיעס". מילא, „פּוטיוויל" און „טראַנספּאָרט" איז ביי מיר פערקויפט אויף שפּעטער (מיט אַ דרייערעל האַנדגעלד); ווי באַלד מע קויפט זיי

בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויס־שרייבען אַלסדינג באַריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. קוש די קינדער און גיס שווער און שוויעגער און אַלעמען בעזונדער גאָר פריינדליך. און בערעל־בנימינ־ען זאָלסט דו זאָגען פון מיינעטוועגען, אַז ער זאָל זיך אַזוי ניט נעמען צום קע", אין „אָקע" אָדער גאָר אין „טערטעל־מערטעל".

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מיר מכח וואַסיל־קאָוו, האָסט דו, אַפּנים, גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס איך מיין. אַזוי ווי מחמת איך טאָר דאָ ניט זיין, וויל איך ווערען אַ היגער קור־פּעץ, קאָן מען אַנדערש נישט אויספיהרען, סיידען מען איז פריהער חאָטש אַ האַלב יאָהר אַ וואַסילקאָווער נכתב. און קוים ווער איך אַ היגער, דינג איך, אם ירצה השם, אַ דירה אויף פּאַדאָל און נעם דיך אַרויס אַהערצו מיט די קינדער אין אַ גוטער שעה. און וואָס דו ביזט אַזוי אויפגעטראָגען אויף יעהופּעץ, איז נאָר דערפאַר, ווייל דו קענסט נאָך נישט די שטאָדט מיט די היגע מענשען; מילא די שטאָדט אַליין, שמועסט מען נישט — ס'איז אַ צאַצקעלע, און די מענשען די היגע זענען ממש גאָלד און זילבער; וויים איך, ווי קומט דאָס צו אַדעס? די היגע מענשען זענען אַלע אַזוי מילד, אַזוי צוגעלאָזט, סאַי די מאַנסבילען, סאַי די נקבות... איין שטיקעל הסרון האָבען זיי דאָ, וואָס זיי האָבען ליעב אַ קערטעל; קומט די נאַכט — נעמט מען זיך צו דער אַרבייט און מע זיצט אַוועק ביז טאָג און מע שרייט: „פּאַס!" די גרויסע שפּיעלען אין אַזאַ שפּיעל, וואָס הייסט „פּרעפעראַנץ", און די קליינע שפּיעלען אין „סטוקעל־קע", אין „אָקע" אָדער גאָר אין „טערטעל־מערטעל".

ה נ" ל.

מיך א ווארף טהון צוריק „א־לא־האס“ און וויעדער א מאל חאפען א גראבס. אזוי, אז דער אויבערשטער זאל נאר וועלען, קאן פון די פופציג טויזענד ווערען מאה אלף, פון די מאה אלף — רי“ש אלפים, פון די רי“ש אלפים — ת“ק, און אזוי ווייטער, ביז א מי־ליאן. ווי אזוי זשע דען, נארעלע, ווערד מען א מיליאנשטשיק, א בראצקי? און וואס, מיינסט דו, איז בראצקי? א בשר־ודם, וואס עסט און טרינקט און שלאפט. איך האב איהם אליין געזעהן, איך זאל אזוי זעהען אלדאס גוטס!... הכלל, זאלסט גאר קיין יסורים ניט האבען, זוגתי היקרה, איך האב מיך גוט צוגעקוקט צו דער שפעגעלאציע און בין געווארען אויף דער בערזע אזא חריף, אז מע קומט שוין א מאל צו מיר, נישקשה, מיט איין עצה; מיט גאטס הילף, איך פערשטעה דאס שפיעל! און וואס דו גלויבסט נישט און הייסט מיר אפשניידען, איז ביי מיר קיין חידוש ניט. למאי חינהים? פארהאן ביי אונז א שפעגעלאנט, חינקים רופט מען איהם, זעהר א הייסער שפעגעלאנט און א מורא׳דיגער קארטענשפיעלער; ביי־טאג שפיעלט ער אויף דער בערזע, און ביי־נאכט שפיעלט ער אין קארטען. האט זיך געטראפען מיט איהם א מעשה ערשט יענע וואך. עס האט זיך איהם ביי־נאכט גע׳חלומ׳ט א שלעכטע קארט, — א סימן אויף א „בעס“ — איז ער אוועק קיין פייטערבארג און קיין ווארשא און האט אפגעשניטען אין איין טאג דעם גאנצען „פארטע־פעל“; אודאי רייסט ער איצט נעבאך אויף זיך די האר! א מצוה אויף איהם! לאז ער ניט גלויבען אין חלומות! איך קוק שוין ארויס אויף מארגענדיגען טאג, געוואהר ווערען די קורסען. איך האב מיך בעשלאסען, תיכף ווי באלד איך קום אין שטאדט אריין, זיין ביי׳ם יובעלירער נאך דיין „בראש“ מיט די בארליאנטענע אויהרינגלעך, און אז איך וועל נאר האבען צייט, חאפ איך מיך אראפ אויף „פאדאל“ איינקויפען דיר אביסעל וועש, טישטיכער, האנדטיכער, און די קינדער אויף העמדלעך, און נאך עפים אין בעל־הבתישקייט אריין, נישט ווי דו זאגסט, אז איך האב דיך חלילה פערגעסען. און מחמת איך האב קיין צייט ניט, מאך איך דאס

קנאַק! פליה! שפּרינג אין פייער! איך וועל צו דיר נישט פאָה־רען, איך זאָל וויסען, אַז דו ליגסט דאָרט אויפ׳ן טוידטען בעט! און דיינע פופציג טויזענד שרעקען מיך אויך קאַרג וואָס. ערשטענס, ביזט דו מיינער מיט די פופציג טויזענד, אַזוי ווי אָהן די פופציג טויזענד. און, צווייטענס, האָבען ביי מיר דיינע פופציג טויזענד אַ ממש, פונקט ווי אַ שמעק טאַבעקע, ווי זאָגט די מאַמע: „כל זמן דאָס געלד איז אויפ׳ן פּאַפּיער, איז דאָס פּאַפּיער“... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, בעלי היקר, אַז דו האָסט איצט ביד איבערצוצעה־לען עטליכע קערבלעך און ווילסט וואַרטען ביז עס וועט ווערען דוקא פופציג טויזענד, ביזט דו אָדער אַ משוגע׳נער, אָדער אַ גזלן, אַ רוצח, האָסט קיין רחמנות נישט אויף דיק ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר און אויף דיינע קינדער. עס געפעלט מיר, ווי ער האָדעוועט מיך מיט „זאַווטריקלעך“: מ אָ ר ג ע ן וועט ער זיין ביי׳ם גאָלדוואַרגער, מ אָ ר ג ע ן וועט ער מיר קויפען וועש — אַלץ אויף מאָרגען. נאַר איינער! פאַר מאָרגען לאָז זיך גאָט זאָר־גען! דו קויף בעסער היינט. רייס אָפּ, חאַפּ אַריין, עס וועט זיין גלייך ווי געפונען! די מאַמע מיינע, זאָל לעבען און געזונד זיין, זאָגט גאַנץ קלוג. זי זאָגט: „וואָס טויג דיר, טאָכטער, מתנות, טישטיכער, האַנדטיכער? געלד, זאָגט זי, לאָז ער דיר שיקען! דעו מלאך־המות, זאָגט זי. פרעגט נישט, צי דער מת האָט תכריכים“... איך וועל וואַרטען נאָך אַ פּאָר וואָכען, ביז איך וועל מיך פיהלען אין גאַנצען געזונד, דעמאָלט זעץ איך מיך אויף און פאָהר, אם ירצה השם, אַראָפּ צו דיר אַהינצו, און דעמאָלט בין איך דיר ניט מקנא! איך וועל דיר דאָרטען נאָכגעהן פיס־טריט, איך וועל דאָר־טען זיין אומעדום. איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט אַנטלויפען פון דאָרטען אין מיטען האַלבע נאַכט, ווי עס ווינשט דיר פון טיעפען האַרצען

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

X.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאָלסט גאָר נישט איבערטראַכטען חלילה קיין שלעכטס, עס קומט דיר מזל־טוב: דער בראַטישעק דיינער, דיין בערעל־בנימין, האָט שוין חתונה גע־האַט, אין אַ גוטער שעה, אַ מזל'דיגער! ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטען אפילו גאַנצע צוויי חדשים: ער איז אוועק־געפאָהרען קיין באַרדיטשעוו, פון וואַנען מע בעציהט אויף דער גאַנ־צער וועלט שטיפמאַמעס, און האָט אראָפּגעבראַכט פאַר זיינע קינ־דער אַ מאַמע, און דוקא אַ מיידעל פון אַ יאָהר נייענצעהן! אַזאַ יאָהר, אַזאַ מזל אויף אַלע מאַנסבילען, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס האָט! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „בעסער זאָלען מיר בלייבען נאָך אייך אַלמנות, איידער איהר זאָלט מאַכען אונזערע קינדער פאַר יתומים!"... איך שטעל מיר פאָר דיינע טרערען, מענדעל, ווען דו זאָלסט מיך, אַשטייגער, חלילה איבערלעבען, ניט דערלעבען זאָלען דאָס די יעהופּעצער דאַמעס! זיי וואָלטען דיך בעפאַלען, ווי די ביענען, איין אויסחאַפּעניש וואָלט אויף דיר געקומען נאָך פאַר שלשים! עס וואָלט געוועזען ביי דיר, ווי די מאַמע זאָגט: „אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל". וואָלסט שוין דיזמאָלט געקאָנט בלייי־בען אַ יעהופּעצער אויף אייביג! דו קנאַקסט, זאָגסט דו, מענדעל?

אַנדערע פּאַפּיערלעך. נאָר דאָס אַלסדינג איז נאָך גאָלד קעגען וואַרשאַ. אין וואַרשאַ איז גאָר אַיין אומגליק! זינט די וועלט שטעהט איז נאָך אַזאַ שחיטה נישט געשעהן, ווי אין וואַרשאַ. וואַרשאַ איז זיך מיישב און טהוט אַ שמייץ די „לילעפּוטען“ פון צוויי טויזענד פיערהונדערט פופציג גאָר אויף זעכס הונדערט צוואַנציג! היינט „וועגעלעך“! די זענען שוין געשטאַנען אַזוי שען, אַזוי פיין; מיר האָבען געמיינט, אָט־אָט זענען זיי דריי טויזענד קאַרבען! וויפיעל, מיינסטו, שטעהען זיי היינט? וועסט גאָר נישט טרעפען: פיערהונדערט שמאַרדאָווענצעס! ווי געפעלט דיר אַ קורס? ס'איז עק וועלט! אַז אָך און וועה איז וואַרשאַ, זיך שען אויסגעפיינט: געטריבען, געטריבען, און פלוצים אין מיטען דרינען — נאַ דיר אַ חתונה! פון וואַנען נעמט זיך דאָס איבערקעהרעניש — ווייסט קיינער נישט. דער זאָגט דאָס, דער זאָגט דאָס. עס וואַכסט פון געלד, דאָס הייסט, פון דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין געלד. אויף דייטש רופען זיי דאָס אָן: „געלד־מאַנגעל“, און אויף אונזער לשון הייסט דאָס פשוט: „נישטאָ אַ פּרוטה“. וועסט דו דאָך מסתמא פרעגען: סטייטש, עס האָט זיך דאָך ערשט נעכטען געוואַלגערט אין אַלע גאַסען? תיקו, בלייבט אַ קשיא! נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, שפּעגעלאַנטען זענען געוואָרען אָפּגעקאָכט, און איך אויך בתוכם. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אויף פּייטערבאַרג פערדריסט מיך ניט אַזוי, ווי אויף וואַרשאַ. מילא פּייטערבאַרג — גאָרנישט, געהט זיך פּאַוואָלינקע, אַלע טאָג פאַלט דאָרטען צוואַנציג־דרייסיג רובעל און גענוג; ס'איז חאָטש, ווי זאָגט ער, מעשׂה־זוחר. וואַרשאַ — קיין גוטער איד זאָל דאָס ניט קענען! דאָס איז עפּיס אַ מין סדום, רחמנא לצלן! נישטאָ דער טאָג וואַרשאַ זאָל ניט געבען אַ ריס מיט ק"ן, מיט רי"ש, מיט שי"ן קערבלעך נידעריגער, אַ פּאַטש נאָך אַ פּאַטש, אַזוי, אַז מיר זענען דאָ אַלע געבליבען פריהלישעט, גאָר קיין צייט נישט געהאַט אַפילו זיך אַרומצוקוקען! מיליאָנען קאָסט אונז אָפּאַט דאָס וואַרשאַ, מיליאָנען! גוואַלד, וואו איז געווען אונזער שכל? הלואי וואָלט איך דיך געפאָלגט, זוגתי היקרה, וואָלט איך

XI.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי'.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז עס טהוט זיך חושך! היינו, עס איז אָנגעקומען פון פייטערבארג אזעלכע קורסען, אז ס'איז אונז אַלע־מען פינסטער געוואָרען אין די אויגען! ווי אַ דונער האָט דאָס אונז דערשלאָגען, ווי אַ באָמבע! עס איז געוואָרען פינסטער אין אַלע קאַנטאָרען, ערד־ציטערניש אויף „קרעשטשאַטעק“! און תיכף נאָך פייטערבארג האָט אויך וואַרשאָ געגעבען אַ זעץ איהרע קורסען! ס'איז געוואָרען אַ'לויפעריי, אַ בהלה, אַ פּחד, אַ מהומה! די שפּע־געלאַנטען זענען זיך צעלאָפען, אויסגעטריקענט געוואָרען, און איך אויך בתוכם. אוים בערזע! די קאַנטאָרען זענען געבליבען פּוסט, די באַנקירען פערזאָרגט, ס'איז חורבן בית־המקדש! שטעל דיר פאָר, זוגתי היקרה, אז די „מאַלצעווער“, וואָס איך האָב זיי געררע־כענט אויף טרפות צוויי טויזענד קערבלעך, האָבען זיך מיישב גע־ווען און האָבען זיך אַראָפּגערוקט ביז נייענהונדערט פופציג! צו, למשל, „פּוטיוויל“: גיכער וואָלט איך זיך גערעכנט אויף זיי אַ מפּלה, איידער זיי זאָלען ווערען פון הונדערט אַכציג צוריק זיעבען און זעכציג! פון „טראַנספּאָרט“ שמועסט מען נישט; „טראַנס־פּאָרט“ איז גאָר אין דער ערד, קיינער נעמט דאָס נישט אין די הענד אריין! דאָס איינענע איז מיט „וואָלגע“, מיט „דאָן“ און מיט אַלע

גען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באַריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. שרייב מיר וואָס מאַכען די קינדערלעך זאָלען לעבען, און ווי געהט דיר אין געזונד, און גריס שווער און שוויעגער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. די וועלט זאָגט אַ ווערטעל, אַז נאָך אַ שרפה ווערד מען רייך. איך מיין, אַז נאָך אַזאַ מפּלה, ווי מיר האָבען דאָ אַצינד, קאָן מען ערשט מאַכען גאָלדענע געשעפטען. וואָרום ס'איז אַלסדינג געוואָרען בחצי חנם. מע קאָן היינט מאַכען „האָס־לעך" מיט „פּרעמיעס" אויף די בעסטע „פּאַפּיערלעך" כמעט אָהן געלד. איך זאָג נביאות, און קאָן דיר געהן שווערען, אַז ווער עס וועט איצט אַוועקגעהן קיין פּיטערבאַרג אָדער קיין וואַרשאַ עפּיס קויפען, וועט ער גליקליך ווערען! וואָרום נאָך אַלע מעשות קאָן איך מיך בעריהמען, אַז איך פערשטעה דאָס שפּיעל אין תוך אַריין. צו דער שפּעגעלאַציע בעדאַרף מען האָבען נאָר דריי זאַכען: שכל, מזל און געלד. שכל איז, ברוך השם, פאַרהאַן ביי מיר אַזוי פיעל, וויפיעל ביי אַלע היגע שפּעגעלאַנטען. מזל איז ביי גאָט. און געלד? — געלד איז ביי די בראָצקים.

הנ"ל.

איצט ארויסגעשטעלט דער וועלט דריי פייגען; בראָצקי וואָלט צו מיר נישט געווען גלייך! נאָר מסתמא הייסט גאָט אַזוי; ס'איז, אַפּנים, נאָך נישט געקומען די רעכטע צייט... אַ שטיקעל גליק, וואָס מיין באַנקיר, לאַנג לעבען זאָל ער, מאָהנט מיך האָטש נישט די עטליכע קערבלעך, וואָס איך בין איהם געבליבען שטעהן אין קאָנ־טאָר. אדרבה, ער האָט אויף מיר רחמנות. ער זאָגט מיר צו, אַז עס וועט זיך אַביסעל פערבעסערען די צייט, וועט ער אפשר זעהן מיר „צושאַרען“, איך זאָל אַרום איהם קאָנען אַ מאָל פערדיענען אַ קערבעל... נאָר דערווייל איז נישטאָ וואָס צו טהון. עס געהען אַרום אויף דער בערזע מתים, נישט קיין שפּעגעלאַנטען. מעקלערס דרעהען זיך אַרום פּוסט און פּאָס. ס'איז ביטער און פינסטער אַרום און אַרום. די שפּעגעלאַציע, זאָגט מען, איז אָפּגעשטאָרבען, קאָן שוין תחית־המתים נישט אויפשטעהן. נישטאָ צו וואָס זיך צו נע־מען. איך זאָל האָבען מיט וואָס, וואָלט איך מיך נאָך פאָרט יאָקאָש דורכגעשלאָגען, איבערגעוואַרט די שלעכטע צייט. דער הימעל, ווי זאָגט ער, איז נאָך צו דער ערד נישט געפאַלען. נאַרישקייטען! דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז עס וועט נאָך זיין וואָס צו טהון, גאָט לעבט און יעהופּעץ איז אַ שטאָדט; אַז נישט דאָס, איז דאָס... נאָר וואו נעמט מען קלינגערס? ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז מע האָט נישט קיין פינגער, קאָן מען נישט שטעלען קיין פייג“... איך האָב מיך געפּרובט אָנמוטען אַ פּאָר מענשלעך מכח אַ גמילות־חסד'על אויף אַ קליינער צייט, האָבען זיי מיר געשוואָרען, אַז אין שטאָדט איז איצט ענג איז געלד, אַפילו גאָר ביי די גרויסע איז ענג, ממש מע פּאַלט מיט'ן פנים צו דער ערד, מע ציהט זיך אויס פּאַר אַ גראָשען... השם יתברך זאָל עפּיס אַ נס טהון מיט מיר: גזלנים זאָלען אויף מיר אָנפאַלען און מיך הרג'ענען, אָדער איך זאָל אַזוי שטאַרבען געהענדיג אין גאַס, וואָרום, זוגתי היקרה, איך קאָן דאָס שוין מעהר ניט איבערטראָגען! סטייטש, סטייטש! אַזוי פיין, אַזוי שען געשטאַנען אויפ'ן פּלאַץ! געהאַט, ווי מע זאָגט, אַ פולע היטעל — און פּלוצים נאַ דיר! און מחמת איך בין זעהר דערשלאָ־

זאָל מיך פאַר זיי אויסציהען אַ גמילות־חסד, געבען זאָל זיי גאָט גרינגע קרענק מיט מאַיאָווע קדחת אויף אַ גאַנץ יאָהר! ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „בעסער אָנקומען צו עלינו, איידער צום בעסטען מענשען“... אויף דיר איז מיר אַ חידוש, מענדעל. דו ווייסט דאָך יאָ, וואָס אין די הייליגע ספרים שטעהט געשריבען: „מיט גוואַלד טהוט לעבען דער מענש און מיט גוואַלד טהוט ער שטאַרבען“, — היינט וואָס רעדסט דו נאַרישקייטען? ס'איז אַלס־דינג פון גאָט. דו זעהסט דאָך, ווי דער רבונו־של־עולם פיהרט מיט דיר, עס זאָל זיך דיר נישט גלוסטען קיין גרינגע פויגעלעך אין יעהופּעץ! אַ איד בעדאַרף האָרעווען, פערשוואַרצט ווערען און געבען אַ ווייב ברויט! אָט איז נחמיה אויך אַ ליטישער יונגער־מאַן, אַ יודע־ספר — לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר! פון דעסטוועגען טהו אַ קוק, ווי אַזוי ער ווערד אויסגעריסען, פאָהרט אויף אַלע ירידים, געהט צו־פוס, קריכט אין דער ערד אריין, האָרעוועט ווי איין אייזעל. עס קאָן זיין, ער וואָלט אפשר אויך געוואָלט, אַזוי ווי דו, ארומגעהן מיט'ן שטעקעלע איבער יעהופּעץ, אויך נישט טהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, אויך האַנדלען מיט שמות, אויך שלימלען זיך קיין בויבעריק און אויך קוקען, ווי די יעהופּע־צער דאַמעס שפּיעלען דאָרטען אין דער גוטער שפּיעל „פּערדעל־מערדעל“. האָט ער אָבער זיין אייגענס אַ ווייב, וואָס זי הייסט בלומע־זלאַטע. בלומע־זלאַטע, אַז זי טהוט נאָר איין קוק אויף נחמיה'ן, נעמט איהם שוין אָפּ דאָס לשון: ער פערשטעהט זי שוין אויפ'ן וואונק. אנו, לאָז איהם גאָט געבען אַזאַ זין, ער זאָל קומען, למשל, פון יאַרמעלינעץ און נישט ברענגען איהר קיין מענטעלע, קיין היטעלע, קיין זאָנטיקעל, מיט צרות, מיט שלעק איהר אין האַרצען?! וואָס זשע? אַזוי ווי איך קום אָפּ נאָר דערמיט, וואָס דו שרייבסט מיר אַלע מאָל: אָט קויפסט דו מיר דאָס, אָט קויפסט דו מיר דאָס, און ביז עפּיס וואָס — לאָזט זיך אויס אַ בוידעם! נאָר דו מיינסט אודאי, אַז איך געה־אויס נאָך דיינע מתנות? איך דאַרף זיי אויך כפּרות, דיינע בראָשען

XII.

שיינע־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאַס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז, אייגענטליך, וואָלט איך דיר בעדאַרפט שרייבען גאָר אַ סך, נאָר איך האָב דיר נישט וואָס צו שרייבען, עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט ביי מיר שטאָף. וואָרום וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל דיך שוין אַריינלעגען אין דער ערד אַריין, חלילה, לעבעדיגערהייד, עס וועט מיר דען עפּיס העלפען? איך בין דאָך ניט ב ל י ו מ ע ־ ז ל אַ ט ע, וואָס האָט ליעב „עסען מאַן"; איך וועל דיך נישט עסען, איך וועל דיר ניט זאָגען קיין קרום וואָרט, נישט איבערקעהרען די צונג אַפילו. נאָר איין זאַך וועל איך ביי דיר פרעגען, אַ שלאַק זאָל אַריין אין מיינע שונאים'ס ביינער אַריין: זאָג, צי האָב איך דיר נישט געזאָגט פריהער, אַז עס וועט אַזוי זיין דער סוף? זאָג, צי האָב איך דיר נישט געשריבען די גאַנצע צייט: אַנטלויף, זאָג איך, מענדעל, ווי פאַר פייער! וואָס טויג דיר, זאָג איך, שמאַטעס, פּאַפּיערלעך? ווי די מאַמע זאָגט: „זיץ אין דערהיים, וועסט דו נישט רייסען קיין שטיוועל"... פאָלגט ער מיך נישט! עס האָט איהם צוגעקאָוועט צו יעהופּעץ! ער איז גאָר די כפּרה נאָך די דאָרטיגע פיינע מענשלעך, די כפרה מעגען זיי שוין זיין פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אונז אַלע און פאַר כל ישראל, נישט איך

מיליאָנען

סוחרים, מעקלערס און „שפעגעלאַנטען"

געשריבען אין יאָהרען 1899—1900 .

ניט דיינע באַרליאַנטען! אבי לאָם איך דערלעבען זעהן דיך געזונדערהייד! עס גלויבט זיך מיר גאָר ניט, אז דו לעבסט! היינטיגע נאַכט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט די באָבע צייטעל, עליה השלום, פונקט אַזוי ווי זי איז געוועזן, נישט געמינערט. דעריבער וואָלט איך שוין געוואָלט דערלעבען זעהן דיך געזונדערהייד, און וואָס פריהער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס היינט און אלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

סוף פונ'ם צווייטען בוך.

מיליאָנען

(סוחרים, מעקלערס און „שפּעגעלאַנטען“)..

I.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז איך בין שוין אוים שפּעגעלאַנט. כ'האָב אַ שפּיי געטהאָן אויף דער שפּעגעלאַציע, קיין איד זאָל זי ניט קענען! זי האָט מיך אויסגעמוטשעט ווי אַ קרחת, מיך געמאַכט גרוי און אַלט! אַ ווערטעלע אויסצורערען, וואָס מיר האָבען דאָ איבערגעטראָגען! עס איז געוואָרען אַ תל פון יעהופּעץ, איין איבערקעהרעניש אויף דער בערזע, חושך אין אַלע ווינקעלעך, ווי נאָך אַ מלחמה, נאָך ערגער ווי, ניט היינט געראַכט, אין אַדעם! עס איז געקומען אויף אַלעמען אַ מפּלה, אַ בהלה. דער עולם האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו באַנקראָטירען, און איך אויך בתוכם. אַלע טאָג האָט זיך געלאָזט הערען אַ נייער אָנזעץ. אָנזעצען — איז גאָר אַריין אין דער מאָדע! וואָס דאַרפסט דו מעהר? גרויסע באַנקירען,

מע קאָן זאָגען אַ ליגען, און דערצו, אַז מע איז נאָך אַ שטיקעל עזות־פּנים אויך, קאָן מען שוין זיין אַ מעקלער; און אדרבה, וואָס מעהר ליגנער און וואָס מעהר עזות־פּנים, איז אַלץ מעהר מעקלער! מעגסט מיר גלויבען, פאַרהאַן דאָ אין יעהופּעץ מעקלערס, וואָס קאָטאָרי ביי אייך אין כתרילעווקע וואָלט זיי אָנגעשטאַנען זיין בעהעלפערס אָדער בעלי־עגלות, זיי קאָנען זיך קוים חתמ'ענען, און פון דעסטוועגען — זעהסט דאָך, ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם"... מע בעדאַרף נאָר אָנטהון אַ ווייס העמד מיט אַ שענעם קאַפּעליש, קריכען, שמעקען, חאַפּען אַ וואָרט, אַ לויף אַהער, אַ שפּרונג אַהין — „פּאָזשאַלעטי קאַרטאַזש!" „קאַר־טאַזש" הייסט מעקלעריי, „שחיטה־געלד". אי איז דאָס אַ זיסער גראָשען, אָט דאָס „קאַרטאַזש"! אָהן קאָפּ־דרעהעניש, אָהן בויכ־וועהטיג! אָט האָב איך געחאַפּט ערשט נעכטען אַ פּופּציגער „קאַר־טאַזש" — זאָל מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אינ־איינעם, ווי איך ווייס פאַר וואָס! איך האָב געמאַכט צעהן טוי־זענד פּוד צוקער גרינג, נאָך גרינגער ווי אויסרויכערען אַ פּאַפּיראָס. דאָס הייסט, געמאַכט האָבען אַנדערע, נאָר איך בין אריינגעשפּרונ־גען אין מיטען. הקיצור, איך האָב מיט גאָט'ס הילף געחאַפּט אַ פּופּציגער! אַז גאָט העלפט, עס געהט אַוועק אַזוי איין האַלב יאָהר, שטעל איך מיך צוריק אויף די פיס און ווער דער אייגענער ווי פריהער, וואָרום ביי אונז אין יעהופּעץ שפּיעלט דאָס געלד די גרעסטע ראָלע! דער מענש אַליין איז בלאָטע, יחוס וויל מען דאָ נישט וויסען. מעגסט זיך זיין ווער דו ווילסט און וואָס אין דער קאָרט — אַבי געלד! און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלען לעבען, און שווער און שוויעגער־ און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

בערען, האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען פּליטה. דעם ערשטען פּע־טשאַטעק האָט געמאַכט יענער באַנקיר, וואָס דורך איהם פּלעגען מיר אַלע געהן מיט אונזערע „פּאַפּיערלעך“ קיין פּייטערבאַרג און קיין וואַרשאַ. אין אַ שענעם פריהמאָרגען קום איך אַריין אין קאַנטאָר, איך האָב געהאַט ביי איהם צו שטעקען מיט אַ פּאָר „מאַלצעווער“ און מיט עטליכע „פּוטיווילעווער“ אַקציעס, וואָס ס׳איז א י ה ם אַרויסגעקומען פון מ י ר אַ קליינער דיפערענץ. איך הויב מיך אָן נאָכצופרעגען, וואו איז ער ערגיץ, דער פריץ? זאָגט מען מיר: הלך לעולמו — ער איז שוין לאַנג אין אַמעריקע! הקיצור, ס׳איז געוואָרען אַ גוואַלד! מע האָט זיך באַלד אַ נעם געטהאָן צו דער אייזערנער קאַסע און מע האָט געפונען דאָרט אַ פּלעשעל טינט מיט איין אַלטען אָפּגעריבענעם גילדען, און נאָך מיט אַ לעכעל דערצו. דער אַנדערער האָט איבערגעלאָזט אין דער אייזערנער שאַפע אַ גאַנצען פּאַק מיט אַלטע לוחות אויף עברי־טייטש פון שנת ת ר ל "ג ביז היינטיגס יאָהר, און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. דער דריטער, גאָר אַ גרויסער באַנקיר, האָט נישט באַנקראָטירט, נאָר גלאַט ניזוק ונהרג געוואָרען מיט עטליכע מיליאָן אין איין וואָך און איז געבליבען ביי׳ם נאָמען. נאָר די בראָצקים זענען עפּים מיט נסים אַרויסגעשפּרונגען גליקליך. איין מאָל פּאַר אַלע מאָל — איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז סאיז ניט בעשערט, העלפט נישט קיין חכמות! אַ שטיקעל גליק, וואָס איך האָב מיך בעציי־טענס אַרומגעקוקט און האָב מיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איין אַנדער פּרנסה, אַ בכבוד׳ע פּרנסה, היינו: איך בין איצט געוואָרען אַ מעקלער, פּשוט אַ מעקלער, טאַקי דאָ אין יעהופּעץ אויף דער בערזע. פאַרהאַן אין יעהופּעץ מעקלערס, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל, ווי שטערען אין הימעל, מיט וואָס בין איך ערגער פון זיי? דאַכט זיך, איך האָב אויך הענד און פּיס און אַ נאָז מיט אויגען גלייך מיט אַלע אידען, און אַזעלכע מיוחסים ווי איך איז דאָ אַ סך, — פון רעסטוועגען שטעהט זיי אָן נעמען דאָס שטעקעל און געהן מעק־לערען. די גרויסע תורה, וואָס מע בעדאַרף דאָ האָבען? אַבי

II.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, מיין זיס לעבען, אַ מיתה־משונה, אַ חלירע אויף מיינע שונאים! דו רוצח, דו טיטוס, דו גזלן איינער! דו ווייסט, אַז דיין ווייב איז געלעגען טוידט־קראַנק, נאָך דער רעפּעראַציע, וואָס דער שענער דאָקטאָר האָט מיר געמאַכט, אויף דיינע יעהופּעצער בעלי־בית'טעס געזאָגט געוואָרען, אַז קוים וואָס איך פּלאָנטע מיט די פיס, און די קינדער דיינע האָב איך צו טהון מיט זיי, צייהנדלעך, העלזלעך, בייכלעך, דיפטעריט, מיט שלעק, מיט צרות אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! ווי אַזוי שווייגט מען אָפּ אַזאַ צייט און מע שרייבט נישט אַריין קיין בריוועל? ממה נפשך: ביזט דו געשטאָרבען — שרייב, אַלא דו לעבסט נאָך, בעדאַרפסט דו דאָך אודאי שרייבען! נאָר גאָר גאַנץ טענה זיך אויס מיט אַ חושים, ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל טאַקי לעבען און געזונד זיין: „גיכער וועט זיך אַ שכור אויסניכטערען, איידער אַ נאַר וועט קליגער ווערען"... מאָהל דיר, אַז אָך און וועה, אַז שיינה־שיינדעל־ברוך־הערש־לאה־דוואָסים בעדאַרף האָבען אַ מאַן אַ מעקלער! נאָר ס'איז אָבער אַלץ כדאַי: זיין אַ מעקלער, אַ

עיקר שכחתי. שרייב מיר, איך בעט דיך, וואָס האָרכט זיך עפּיס ביי אייך, צי געהען רעגענס, און וואָס מאַכען די בורע־קעס, און צי ס׳איז פאַרהאַן עפּיס אַ סך זשוקלעך? איך בעדאַרף דאָס זעהר נויטיג וויסען, און וואָס גיכער!

הנ״ל.

אויף דער הוצאה. דערמאָן דיך, אַז דו האָסט אַ ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר און קליינע קינדער, וואָס קוקען אַרויס אויף דיר אַלע טאָג, און לאָז די וועלט אויפהערען צו טהון מיט מיר, און לאָז מיר אויפהערען ברענען מיין פּנים, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

יאָ, פאַר וואָס פרעגסט דו ניט, וואָס הערט זיך עפּיס אין דער היים? אפּנים, עס אהרט דיך ווינציג־וואָס, וואָס די מאַמע מיינע האָט אָפּגעלאָזט דעם שדוך מיט מיין שוועסטערעל? דו מיינסט, איבער געלד האָט זיך דאָס צעגאַנגען? געלד איז אַ חוץ אַ מעשה. נאָר געגומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס דער מחותן איז דאָ געוועזן אויף שבת, האָט זיך מיט איהם די מאַמע צעווערטעלט, איהם גע־געבען אָנצוהערעניש, אַז ער שטאַמט פון קצבים, געזאָגט אַ ווער־טעל, אַז פון איין אָכס קאָן מען מעהר ווי אָכסענפלייש ניט פער־לאַנגען, וכדומה אזעלכע שטעכווערטלעך; איז ער געקומען אַהיים, אַ מכה איהם, און האָט אָפּגעשיקט די תנאים, און דערווייל איז נעבאַך נחמה־בריינדעל דאָס דריטע מאָל „אויס כלה און וויעדער אַ מויד“.

בייגעל־טרעגער, א הונט־שלעגער — אבי אין יעהופּעץ, איינגעזונ־
קען זאָל דאָס ווערען! הײַנט שרײַבסט דו מיר, אז דו האָסט גע־
האַפּט א פּופּציגער ביי דער איצטיגער שענער פרנסה דיינער, און
דו האָפּסט, אז דאָס האַפּסט דו אַלע טאָג א פּופּציגער. נישט אַלע
מאָנטאָג איז פּורים. דו מיינסט, ס'איז דיר דאָס אמאָליגע אדעסער
„לאָנדאָן", מיט די „פּאַפּיערלעך", מיט די „פּיפּערנאָטערס", מיט
די אַלע איבעריגע גליקען דיינע, וואָס ליגען מיר נאָך ער היום אין
טעם? נאָר איינער, עס וועט דיר פּופּציג מאָל ארויס די אויגען
פון'ם קאָפּ, איידער דו וועסט דערלעבען זעהען דעם אנדערען פּופּ־
ציגער! און אויסערדעם גלויב איך עפּיס גלאַט ניט אין די יעהו־
פּעצער פּערדיענסטען, וואָס הויבען זיך אָן תמיד מיט א גליק און
לאָזען זיך אויס מיט א בוידעם. און וואָס דו שרײַבסט מיר, אז
דו ביזט גליקליך, וואָס דו ביזט ניט אראָפּ פון'ם זינען, זאָג איך
דיר, אז פון דיינע דבורים זעה איך דאָס ניט ארויס; עפּיס רעדסט
דו מיר ניט צו דער זאַך. דו פרעגסט זיך נאָך אויף בורעקעס, און
צי עס געהען ביי אונז רעגענס? וואָס דען האָסט דו געוואָלט —
עס זאָל זומער־לעבען שיטען א שניי? און וואָס געהער זיך אָן
מיט א מאַנסביל בורעקעס? און וואו האָסט דו הײַנט בורעקעס?
ביי אונז קאָכט מען א באָרשט פון ראָסעל, אָדער פון שטשאַווועל;
בורעקעס איז ערשט העט־העט אַרום סוכות! הײַנט פרעגסט דו
זיך עפּיס נאָך אויף זשוקלעך? וואָס פאַר זשוקלעך אויף דיר?
נאַ דיר גאָר זשוקלעך! קאַרג האָט מען פון די וואַנצען, דאַרפען
מיר נאָך זשוקלעך! נו, פרעג איך דיך אַליין: אין יעהופּעץ זיצסט
דו, צוקער מאַכסט דו, פּופּציגערס האַפּסט דו, — פעהלט דיר נאָר
בורעקעס, רעגען און זשוקלעך! ביזט עפּיס א מבין דערויף? נאָר
די מאַמע, זאָל טאַקי לעבען און געזונד זיין, זאָגט זעהר גלייך:
„א משוגענער שלאָגט פרעמדע פּעגסטער, נישט קיין איי־
גענע"... לכן פּאָלג מיך, מענדעל, וואַרף אַוועק די נארישע
וועלט, און אויב דו האָסט נאָך עפּיס פון'ם פּופּציגער, נעם און
קום צו פאָהרען אהיים, און אויב ניט, וועל איך דיר ארויסשיקען

פלעגט טהון אין אַדעס, דאָס הייסט, מע „קאָמפּעזירט“ מיט פּעטש... היינט פערשטעהסט דו שוין דעם ענין המעקלעריי? נאָר די גרעסטע מעקלערס פון אַלע זענען די צוקער־מעקלערס, וואָרום אַלע צוקערען געהען דורך זייערע הענד, זענען זיי מאסף ממון, פאָהרען מיט אייגענע קאַרעטעס, זיצען אין בויבעריק אויף דאַטשעס, שפּיעלען אין קאָרטען און האָבען „סאָדערזשאַנקעס מיט שאַנשׂע־נעטקעס“... הכלל, איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז מעקלעריי איז דאָס בעסטע געשעפט, וואָרום וואָס האָט אַ מעקלער איינצושטעלען? ממה נפשך: האָב איך געטראָפען, וועט יענער פערדיענען געלד, אלא ניט — וועלען מירביידע ליגען אין דער ערד! אמת, דו, ביזט גערעכט, נישט אַלע טאָג חאַפּט מען פּופּציגערס. איך האָב פון דעם ערשטען געשעפט אָן לעת־עתה מעהר ניט געמאַכט גאָר־נישט, און דער פּופּציגער איז צעקראָכען געוואָרען אין איין כהרף־עין, וואָרום אַ בעל־חוב בין איך געוועזען, אַז די האָר זענען נישט מיינע, און אַ פּאָר קערבלעך האָב איך צעטיילט גמילות־חסדים, און איך זיץ שוין ווידער אָהן אַ גראָשען. נאָר וואָס דען? איך האָף, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף, מאַכען אַ געשעפט אין גיכען, און דעמאָלט וועל איך דיר צושיקען עטליכע קערבלעך דורך איין אָנווייזונג. און וואָס איך פרעג דיך מכח רעגענס, איז אַ פּשוט'ער שכל: ווייל צוקער, פערשטעהסט דו, מאַכט מען דאָך פון בורעקעס, און בורעקעס בעדאַרפען האָבען רעגען, אַנדערש קאָנען זיי ניט וואַכסען. לכן פרעג איך דיך, צי עס געהען ביי אייך אָפטער רעגענס. נאָר הלוואי זאָל גאָט געבען, אַז קיין רעגען זאָל בעסער נישט געהן, און די זשוקלעך זאָלען עסען די בורעקעס אויף וואָס די וועלט שטעהט, וואָרום ווי באַלד אַז עס וועט ניט זיין קיין בורעקעס, וועט דאָך ניט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט ניט זיין קיין צוקער, וועט צוקער זיין מיט גאָלד גלייך, וועלען די שפּעגעלאַנטען מאַכען געשעפטען, די מעקלערס וועלען פערדיענען געלד, און איך אויך בתוכם. און מחמת איך בין פער־נומען און איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. לעת־

III.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז דו האָסט ניט רעכט צעקייעט וואָס איך האָב דיר געשריבען. זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, וואָס איך בין געוואָרען פון אַ שפּעגעלאַנט אַ מעקלער — ס׳איז גם זו לטובה. איך בין נישט איינער אין יעהופּעץ. פאַרהאַן ביי אונז, קיין עין־הרע, אַ סך מעקלערס, מעקלערס פון צוקער, מעקלערס פון אַקציעס, מעקלערס פון ברויט, מעקלערס פון געלד, פון הייזער, פון אימעניעס, פון וועלדער, פון מאַשינעס, פון בערלינעס, פון קלעצער, פון פאַבריקעס, פון זאַוואָדען, פון באַהנען, און וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדען און וואָס דאָס האַרץ פערגלוסט — איז דערויף דאָ אַ מעקלער... עס ווערד דאָ נישט געמאַכט קיין שום געשעפט אָהן אַ מעקלער. און יעדער מעקלער קומט־אָן צום אַנדערען מעקלער, וואָרום ד ע ר מעקלער האָט אַ קונה, און י ע נ ע ר מעקלער האָט אַ מוכר, קומט דאָס אויס אינאיינעם אַ זיווג; הייגט מאַכט זיך אָפט, אַז צו איטליכען מעקלער טשעפּען זיך צו נאָך צוויי־דריי מעקלערס, טיילען זיי זיך אַלע מיט׳ן „קאַרטאַזש“ חלק כחלק, און אַז מע קאָן זיך ניט איינטיילען מיט די חלקים, איז אָדער מע פערלאָזט זיך אויף מענשען, אָדער מע טהוט, ווי מע

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתריל עווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, וואָס עס האָט זיך מיר גע־חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר — זאָל אויסגעהן צו מיינע שונאים'ס קעפּ! אַ גדולה אויף דער באַבע — אַז עס וועט ניט געהן קיין רעגען, וועט ניט זיין קיין בורעקעס, און אַז עס וועט ניט זיין קיין בורעקעס, וועט ניט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט ניט זיין קיין צוקער, וועט ער דעמאָלט פערדיענען געלד! פּונקט די מעשה מיט'ן ציגיינער און מיט'ן בער! און וואָס וועט זיין, מענדעל, אַז איך וועל דיר אָנזאָגען אַ בשורה, אַז ביי אונז גיסען אַלע טאָג שלאַקס־רעגענס, און די בורעקעס וואַכסען מיט רוחות, און קיין זשוקלעך איז ביי אונז נישטאָ, חוץ וואַנצען מיט טאַראַקאַנעס — וועט דיר שוין זיין גרינגער? גאָט זאָל מיר טאַקי אַזוי העלפען, ווי איך האָב דאָס געוואוסט פריהער, אַז פון'ם פּופּציגער האָסט דו שוין אַ גוט־אויג, נישט קיין געלד. איך האָב געוואוסט פריהער, אַז דו וועסט גיכער צעטרענצלען די עטליכע קערבלעך אויף גמילות־חסדים, איידער נעמען אויפ'ן קאָפּ, אַז דו האָסט אַ־ווייב ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר. גמילות־חסדים? קרענק וואָלט איך זיי געגעבען מיט צרות מיינע, וואָרום אַז דו

עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינ־דערלעך און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

עיקר שכחתי. וואָס דו שרייבסט מכח דיין שוועסטערעל, איז אויב זי איז נאָך נישט קיין כלה, האָב איך פון איהרטוועגען א חתן, איין אַנטיקעל, טאַקי פון היע, און דוקא א בחור, חאָטש אַפילו נישט קיין יונגער, טאַקי רעכט אין די יאָהרען, שוין מיט א גרויליך בערדעל. קיין גביר איז ער ניט. נאָר א מלאכה אין דער האַנד האָט ער, היינו: ער איז א מעקלער און רייבט זיך אַרום צוקער. אָט דער שידוך איז פאַר איהר אָנגעמאָסטען, ווייל דער בחור איז זעהר א שטילער בחור. אויב עס לעגט זיך דיר אויפ'ן מוח, קלאַפּ מיר א דעפּעש, אָדער שרייב מיר אריין איין אָטקריטקע, וועל איך מאַכען, מע זאָל זיך צעגויפּפּאָהרען.

הנ"ל.

אונזער קאָפּעל האָט זיך ווידער אַ מאָל געזאָגט דעם פּסוק, אָנגעזעצט אפשר דריי הונדערט קערבלעך און איז שוין ווידער אַ בטוח אין שטעדטעל. און בערעל דעם פעטער מנשה׳ס האָט ווידער אַ מאָל געטראָפען איין אומגליק — ער איז אָפּגעברענט געוואָרען אפשר אויף אַ הונדערטער און נעמען נעמט ער דריטהאַל־בען הונדערט קאַרבען. נאָר מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין ביי אונז די לעצטע שרפה אין שטאָדט, וואָרום ס׳איז אַ סברה, אַז די חברה „יאַקער" האָט שוין אויפגעהערט סטריכירען אידישע הייזער מיט אידישע קלייטען אין כתרילעווקע. און מרים־ביילה האָט זיך מיישב געווען: וואָס טויג איהר אַ פאַבריק? אַ מעהר וועט זי געהן פאַרמאַלנע מיט די האָר! גלייכט זיך צו אונזער גביר׳ס שניר, אַ מכה זיי, וואָס שפּיעלען מיט יונגע לייט אין קאָרטען. נאָר איך האָב פיינד יענעם צו בערעדען, ווי זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען זיך, וועסט דו פערגעסען אין יענעם"... און שרייב מיר, למען השם, וואָס הייסט דאָס „שאָרעזאַנקעס" מיט „שענזעשעט־קעס"? וואָס איז דאָס און אויף וואָס דאַרף מען דאָס?

וועסט בעדאַרפען צו זיי אָנקומען מיט אַ גמילות־חסד, וועסט דו זעהן, אַז קיינער וועט ניט זיין אין דער היים, ווי זאָגט די מאַמע: „אַ נעמעראָווער איז ניט קיין געבעראָווער, און אַ גוטער ברודער איז נאָר ביז צו דער קעשענע“... נאָר ווער איז שולדיג, ווען ניט איך אַליין? אַ קלייניגקייט, מע גיט אזוי נאָך אַ מאַן! ער ווייסט דען וואָס צו טהון פאַר גרויס ראָסקאָש? ער דרעהט זיך דאָרט אַרום אין יעהופּעץ, ווי אַ גראַף, עס פעהלט איהם נאָר רעגענס מיט זשוקלען, און איך ליג דאָ ווי אַ הונד בע־גראָבען, שלים־שלים־מזל אויף יעדען טריט! געהט אַ קינד, משה־הערשעלי, ברענען זאָל ער, פאַלט דאָס און האקט זיך איבער אַ ליפּ; האָב איך אַ פינגערל מיט שפּריצלעך, גנבה׳ט דאָס אוועק ביי מיר די דיענסט — עס געהט, קיין עין־הרע, פון אַלע זייטען, ווי זאָגט די מאַמע: „קומט אָן דאָס גליק, גיס־אויס די פּאָמע־ניצע“... נו, בין איך נישט גערעכט געווען, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז ניט אַלע מאָנטאָג איז פּורים, און אַז קיין פּופּציגערס וואַלגערען זיך נישט? און מכּת דעם שענעם שדוך, וואָס דו לעגסט־פיר פאַר מיין נחמה־בריינדלען, מעג ער זיצען דאָרטען אין גע־האקטע וואונדען, דער אַלטער בחור דיינער מיט דער גרויער באָרד; ניט דערלעבען וועט יעהופּעץ, אַז מיר זאָלען פון דאָדטען אַ שדוך טהון! מע רעדט איהר, ווייסט דו, וועמען? טאַקי דעם ערשטען חתן איהרען; ער האָט זיך מיט׳ן ערשט׳ן ווייב גע׳גט, און איצט שדכנ׳ט ער זיך ווידער אַ מאָל צו מיין שוועסטערל. זי איז איהם, אפּנים, שטאַרק געפעלען, דעם שאַרלאַטאַן! נאָר, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „גלייכער מיט אַ היימישען גנב, איידער מיט אַ פרעמדען רב“... און ווי באַלד דער שידוך וועט ווערען, אזוי שטעלט מען באַלד אַ חופּה, און לאָם איך זעהען, אַז דו וועסט ניט קומען צו נחמה־בריינדלען אויף דער חתונה, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

בלאָטע, און דעם שפּעגעלאַנט איינדרינגען, אַז ער פערשטעהט ניט פון דאַנען אַהין, און אַזוי לאַנג רעדען, ביז עס זאָל איהם נמאס ווערען הערענדיג, און עס זאָל איהם בעשלאָגען אַ קאַלטער שווייס... איין גאָט איז אָבער יודע דעם אמת, אַז איך קאָן דאָס נישט; איך האָב ליעב צו פערדיענען אַ קערבעל בכבוד. מיט גאָט'ס הילף, איך האָב איצט אַ געשעפט אין די הענד, ווייס איך, אַז ס'איז אַ געשעפט; היינו: איך געה אַרום געלד, איך מאַך הלוואות, שקאָנטע, דאָס הייסט, איך לייה און פערלייה געלד אויף וועכ־סעלעך, דאָס הייסט, איך שקאָנטיר דער וועלט'ס וועכסלען, און דווקא אויף בעלי־בתישע פּריצענטען, ווי זאָגט ער, ווינציגער פער־דיענט, אַבי געשלאָפען רוהיג. דאָס איז אַזאַ מין עסק, וואָס מע גיט דיר אָפּ כבוד פון אַלע זייטען, וואָרום אַז מע בעדאַרף האָבען די קלינגערס, ווערד מען ווייך ווי טייג, מע קריכט אין דער ערד אַריין און מע זאָגט־צו דעם מעקלער גילדענע בערג... אָט האָט מיר גאָט צוגעשיקט איינעם אַ געוועזענעם פון באַרדיטשעוו, איך האָב מיך מיט איהם בעקענט אויף דער אכסניא, וואו איך שטעה — אַ זעלטענער יונגערמאַן מיט אַ גילדענעם כאַראַקטער. ער זאָגט מיר צו, אַז אויב איך מאַך איהם היע אַ קרעדיט פון אַ צעהן־פופ־צעהן טויזענד קערבלעך, וועט ער מיך אַזוי שען בעפריעדיגען, אַז איך וועל פערשפּאָרען זיין אַ מעקלער... און הגם איך האָב איהם ביז אהער קיין געלד נאָך נישט געקריגען, נאָר צו גאָט אַ האָפענונג, אַז איך וועל, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף געוויס קריגען... אַלע מעקלערס, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום געלד, ווערען גליקליך, פאָהרען אַרוים מיט אייגענע פערדלעך. איין אייגען פערד־און־וועגעלע, זאָלסט דו וויסען, איז אַ סגולה צו פּרנסה, וואָרום דאָ, אין יעהופּעץ, האָט מען פאַר אַ שען פערד־און־וועגעלע אַ סך מעהר דרך־ארץ, ווי פאַר אַ מענשען... און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה.

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתריליעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקי החיים והשלום. השב יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז דו האָסט געטראָפען. דאָס צוקער־געשעפט איז פאַר מיר טאַקי קיין געשעפט נישט: ערשטענס, איז פון די גרויסע צוקער־מעקלערס נישט אויסצוזשטעהן; איידער מע טהוט זיך אַ ריהר, פליהט־אונטער דער גרעסטער פון אַלע צוקער־מעקלערס און חאַפּט־אויס פון אונטער די הענד, חאָטש ער איז אַ גרויסער גביר, און געה לאָד איהם צום „ונתנה תוקף"! וועסט דו דאָך פרעגען: היתכן? וואו איז יושר? זאָלסט דו וויסען, אז אזעלכע קשיות אין יעהופעץ פרעגט מען נישט; יושר איז דאָ נישט קיין מטבע; קיין „צוליעב" מיט קיין „רחמנות" איז דאַ נישטאָ. דאָס איז איין מאָל אוועק. צווייטענס, פרעג איך דיך, וואָס איז דאָס פאַר איין עסק, אָט דאָס צוקער־געשעפט, אז טאָג ווי נאַכט בעדאַרפסט דו קוקען אויפ'ן הימעל און בעטען גאָט, אז אַ טאָג זאָל געהן אַ רעגען, און אַ טאָג זאָל ניט געהן קיין רעגען? הכלל, איך האָב אַרויסגעזעהען, אז דער עסק איז ניט פאַר מיר; מע בעדאַרף זיין אַ גרויסער עזות־פּנים, דעם לוח מאַכען מיט דער

VI.

שיינה־שיינדעל פון כתריִלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז פון דיינע זיסע בריוולעך האָב איך שוין, כליִעבען, אַ געשוואָלען הארץ, געשוואָלען זאָלען ווערען די שונאים, ווי אַ באַרג. אָט ערשט ביזט דו, דאַכט זיך, געווען אַ צוקערמאַכער, פּלוצים — גאָר אַ בעל־הלוואה! וואו האָסט דו גענומען געלד? און אַז גאָט האָט דיר שוין יאָ אַמאָל געהאָלפען עטליכע קערבלעך, בעדאַרפסט דו זיי טאַקי צעפּלעכטען אין דער גיך? האָסט דאָך מיר אַליין ערשט ניט לאַנג געשריבען, אַז ווי באַלד עס פאַלט דיר אריין אַ ביסעל געלד, אזוי חאַפּסט דו און שיקסט מיר ארויס דורך איין אָנווייזונג. וואו זענען דיינע ווער־טער? נאָר די מאַמע זאָל לעבען און געזונד זיין איז טאַקי גע־רעכט; זי זאָגט מיר: „טאָכטער מיינע, פון דאָרט קיין געלד זאָלסט דו גאָר נישט וואַרטען, וואָרום פונ'ם בית־עולם צוריק טראָגט מען נישט, ובפרט, זאָגט זי, פון דער שענער ליִטישער שטאָדט יע־הופּעץ, ברענען זאָל זי! איך האָב דיר שוין, זאָגט זי, לאַנג געזאָגט דאָס ווערטעל: „היט מיך, גאָט, פון באַרדיטשעווער נגידים, פון אומעניער חסידים, פון קאָנסטאַנטינער משרתים, פון מאָהליווער אפּיקורסים, פון קאַמעניצער האָראַטאַיעס, פון יעהופּעצער הול־טייעס"... וואָג אַפשר, אַז זי איז אומגערעכט? נאָר וואָס געהט

גרים די קינדערלעך, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בע־
זונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו שרייבסט מכח קאָפּעל'ס אָנזעץ,
האָט דאָס ביי מיר אַ שענעם פּנים קעגען די היגע אָנזעצען! אַ
סוחר, וואָס האָט נאָך ניט אָנגעזעצט קיין דריי מאָל, הייסט דאָ
גאָר קיין סוחר ניט. אַמאָל פלעגט דאָ זיין אַ מאָדע, אַז איין אָנ־
זעצער האָט געמוזט מאַכען איין אַפּטריט; היינט איז שוין גע־
וואָרען אויס מאָדע אַנטלויפען. דאָ הייסט דאָס גאָרניט „אָנזעץ“;
דאָ הייסט דאָס „ער צאָהלט ניט“, דאָס הייסט, ער וויל ניט צאָה־
לען — און רופט מיך קנאַקניסעל! — און וואָס דו פרעגסט זיך נאָך,
וואָס בעדייט „סאָדערזשאַנקעס און שאַנשענעטקעס“? אויף לשון־
קודש הייסט דאָס „פּילגשים“, און בלשון אשכנז רופט מען דאָס
„קעפּסווייבער“. נאָר מעגסט מיר גלויבען בנאמנות, אַז עס קריכט
מיר אין דער לינקער פּאה...

הנ"ל.

צעזעצטערהייד — און גאָר ניט, און ביי מיר בעדאַרף זיין מיט נסים, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „אַ שלים־מזל פאַלט אויף גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז"... לכן, בעלי היקר, וואָס טויג דיר די הלוואות, האָבען צו טהון מיט באַרדיטשעווער שווינדלערס, אָנ־זעצערס, — נעם צענויף בעסער די עטליכע קערבלעך און קום צו פאָהרען אהיים, וועסט געפינען דאָ אויך אַ געשעפט, ווי זאָגט די מאַמע: „פאַר געלד קריגט מען אַלץ, חוץ קדחת"... ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

ווייסט דו, וואָס איך וועל דיך בעטען, מענדעל? שרייב מיר נישט פון דיינע יעהופּעצער שאַרלאַטאַנעס מיט זייערע קעפּסוויי־בער — איך וויל נישט האָרכען זייער טרפה'נעם נאָמען אפילו. לאָזען זיי דיר דאָרטען ברענען אויפ'ן פייער! הער בעסער, וואָס ביי אונז האָט זיך פערלאָפען פאַר אַ מעשה: לוי משה־מענדי'ס זוהנדעלע, „באָריש" רופט מען איהם, נאָכ'ן זיידען רב בערישעל עליו השאָלעכיץ, אַ טייערער שייגעץ, ער מעג זיין די כפרה פאַר אונזער משה־הערשעלי'ן אַלע מינוט, איז זיך מיישב יענע וואָך און קומט אריין מיט צוויי שמשים צו ליבע משה־מרדכי'ס אין קלייט אריין און רופט זיך אָן צו ליבע'ס טעכטערעל פייגעלע'ן („פאַניטשקע" האָט זי זיך גאָר אַ נאָמען געגעבען!): „פאַניטשקע, נשמה מיינע, ווייז נאָר אהער אַ פינגער!" געהט פאַניטשקע און ווייזט אַ פינגער. נעמט ער און טהוט איהר אָן אַ פינגערעל און רופט זיך אָן צו די שמשים: „זייט עדות, רבותים, אַז איך האָב זי מקדש געוועזען כדת משה וישראל!" איז געוואָרען אַ גוואַלד, אַ ליאַרעם, אַ געפילדער. ליבע איז געפאַלען חלשות, די גאַנצע שטאָדט איז זיך צענויפגעלאָפען אויף זייער בייז וואונדער. עס האָבען זיך אריינגעמישט מענשען, מע איז געלאָפען צום רב. זאָגט דער רב, ער מוז איהר געבען אַ גט! זאָגט אָבער פאַניטשקע, אַז זי וויל ניט קיין גט זי איז אין איהם פערקאָכט שוין פון לאַנג.

איהם אָן אַ זייב, וואָס גערהט איהם אָן קינדער? טאָג ווי נאַכט — טאָ דאָס, טאָ דאָס! קארג האָט מען געהאַט צו טהון פאַר אַ יאָהרען, ניט היינט גערדאַכט, מיט דער קאָפּיקע, וואָס מיר האָבען געמיינט, אַז משה־הערשעלי האָט איינגעשלונגען, איז ער זיך מיישב יענע וואָך (נאָר אַ רוח, ניט קיין קינד!) און טראָגט זיך שיער נישט אָפּ אויף יענער וועלט. געווען געזונד און שטאַרק. פּלוצים — איך זעה, מיין קינד איז אויס קינד; האַלט דאָס קעפּעל אויף אַ זייט און שרייט נישט מיט זיין קול. „וואָס איז דיר, זוהנעניו, גאָלד מיינער, זאָג, וואָס טהוט דיר וועה?“ ווייזט ער מיט'ן הענטעל אויפ'ן לינקען אויהער און שרייט. איך שטיק איהם, איך קוש איהם, איך קנייפּ איהם, איך האַלז איהם — ער האַלט אין איין שרייען. ערשט אויפ'ן דריטען טאָג האָב איך געבראַכט דעם דאָקטאָר. פרעגט ער מיך, דער חכם, צי האָב איך געקוקט דעם קינד אין אויהער אַריין? זאָג איך: נישט נאָר געקוקט, איך האָב שוין אַפילו געדרילעוועט מיט אַ שפּיזעל, און מע זעהט נישט גאָרנישט! פרעגט ער מיך: וואָס האָבען מיר געגעסען היינטיגען שבת? זאָג איך: וואָס עסט מען ביי אידען שבת — רעטאַך, ציבעלקעס, פּעטשאַי, קוגעל — וואָס ווילט איהר נאָך? זאָג ער צו מיר: אפשר האָט איהר געקאָכט פאַסאָליעס, אָדער ארבעס, אָדער איין אַנדער מין אויבסט? זאָג איך: ס'אַ משל! אַז מיר האָבען געגעסען ארבעס, דעריבער בעדאַרף דאָס קינד האַלטען דאָס קעפּעל אויף אַ זייט און שרייען? מאַכט ער צו מיר: ווי באַלד איהר האָט געהאַט אין שטוב ארבעס, האָט זיך אייער קינד מסתמא געשפּיעלט מיט'ן ארבעס רויערהייד אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויף קאַטאָוועס אַריינגעלעגט זיך איין ארבעסעל אין אויהער אַריין, האָט דאָס ארבעסעל אָנגעהויבען ביי'ם קינד אין אויהער צו שפּראָצען און צו וואַכסען... בקיצור, ער האָט געבראַכט צו טראָגען אַ גאַנצע מאַשין, אָפּגעמוטשעט דאָס קינד נעבאַך אַ האַלבע שעה און האָט אַרויסגענומען פונ'ם אויהער אַ גאַנצע זשמעני מיט ארבעס! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג! די גאַנצע וועלט פרעסט ארבעס

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אַז דאָס געלד־געשעפט איז אַ קבצנ׳י־שער עסק. הלוואה איז אַפילו נישקשה, נאָר וואָס דען? אַז גאָט העלפט מיט אייגען געלד, נישט מיט פרעמדס; מע לויפט און מע לויפט — און ס׳איז ארויסגעוואָרפען! אַז אָך און וועה איז שוין דעם, וואָס בעדאַרף אָנקומען צו דער לאַסקע פון די היגע בעלי־הלוואות, די אַלע באַרדיטשעווער, די וויניצער און די שפּאָלער פריצענטניקעס, וואָס וואַכסען אָהן רעגען, ווי קראָפּיווע... און אַפילו די גרויסע שוין, כלומר׳שט די באַנקירען, — איידער אָנ־קומען צו זיי, איז אויך גלייכער שוין זיצען אין דערהיים און שניי־דען „קאָמפּאָנעס״... הכלל, איך האָב אַ שפּיי געטהאָן אויף דעם געלד־געשעפט און האָב מיך גענומען צו הייזער. וואָס עפּיס צו הייזער? ווייל דאָ, אין יעהופעץ, איז היינט געוואָרען אַ נייע שפּעגעלאַציע — הייזער. דו קעהרסט אוודאי מיינען, אַז אין יע־הופעץ קויפט מען אַ שטוב, אַזוי ווי ביי אייך אין כתרילעווקע? האָסט דו אַ טעות. דאָ אין יעהופעץ, אַז מע קויפט אַ שטוב, טראָגט מען זי באַלד אַוועק אין באַנק און מע נעמט אויף איהר געלד; נאָכ־דעם פערזעצט מען זי און מע נעמט נאָך אַ מאָל געלד; נאָכדעם

אַ בייז פּערליאַפּעניש ביי זיי, איין אָפּגערעדטע זאַך נאָך פון אַמאָל — וואָס זאָגסט דו אויף איהר טאַטען ? זאָל ניט זיין מיינע צרות אויף זייער קאָפּ ?

מאַן, און דאָס ווייב פון יענעם מאַן פערליעבט זיך אין יענער'ס ווייב'ס מאַנ'ס ווייב, איך מיין, אין יענעמ'ס ווייב'ס מאַן — מע פערבייט זיך מיט די יוצרות, שלי שלך ושלך שלי... ס'איז ניט כתרילעווקע, ס'איז יעהופּעץ...

הנ"ל.

פערדינגט מען די דירות און מע נעמט ווידער אַ מאָל געלד. הכלל, מע קויפֿט אַ שטוב אָהן אַ גראָשען געלד און מע ווערד למזל אַ בעל־הבית. ווערסט דו דאָך פֿרעגען: ווי באַלד אַזוי, קאָן דאָך איטליכער האָבען אַ שטוב? איז דער תּירוץ: וואו נעמט מען איין אַדרעוויף?... אַוודאי ווען גאָט העלפֿט מיר, איך פֿיהר־אויס דאָס געשעפֿט, וואָס איך דרעה מיך אַצינד (איך האַלט איצט ביי מאַכען אַ פּאָר הייזלעך), קויף איך מיר דעמאָלט אַליין אַ הייזעל (אויף דיין נאָמען) פֿאַר אַ קערבעל צוואַנציג טויזענד, און וועל נישט אַריינלעגען קיין דריי צעבראָכענע גראָשענס. וואָרום אַט האָסט דו דעם חשבון אויבען־אויף: פּופּצעהן טויזענד גיט מיר אַרויס די באַנק, זעכס טויזענד נעם איך אַרויס פֿון דער צווייטער זאַקלאַדנע, בלייבט מיר נישט איבער קיין טויזענד קערבלעך אין קעשעני? האָב איך שוין צו־שטייער אויף הוצאות אויך! היינט וואו איז דירה־געלד און שאר ירקות? פֿון וואַנען דען, מיינסט דו, וואַכסט מען אויס אַ גביר אין יעהופּעץ? און מחמת איך בין פֿער־נומען און איך האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באַריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך און איטליכען בעזונדער גאָר פֿריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו בעשרייבסט מיר די מעשה מיט לוי משה־מענדי'ס זוהנדעל, וואָס ער האָט מקדש געווען ליבע'ס טאָכטער, איז דאָס ביי מיר פֿון די קליינע חידושים. דאָ אין יעהופּעץ איז מען זיך נוהג נאָר מיט פֿערליעבעניש; חתן־כּלה מוזען פֿיהרען פֿריהער אַ פֿערליעבעניש, אַנדערש איז דער שדוך קיין שדוך ניט. דאָ טרעפֿט זיך אָפּט־מאָל, אַז אַ מאַן וואַרפֿט אַוועק אַ ווייב און פֿערליעבט זיך אין יענעמ'ס ווייב, אָדער אַ ווייב וואַרפֿט־אַוועק איהר מאַן און פֿערליעבט זיך אין יענער'ס

איך ווי זי, און אזוי קלוג און ציקאווע ווי זי אוודאי, — פאר וואָס זשע, גוואלד, פאר וואָס קומט דאָס מיר, אז איך זאָל האָבען אזא וויסט פינסטער מזל, און בליומע־זלאַטע זאָל ווערען וואָס א טאָג גרעבער ווי לענגער, איינגעדארט און אויסגעדיווערט זאָל זי ווערען, ליעבער גאָט! נאָר צוריק שמועסענדיג, וואָס האָב איך, אייגענט־ליך, צו בליומע־זלאַטע׳ן? אויף מיין ערד געהט זי נישט אָרום? לאָז זי זיין געזונד און שטארק און זיך עלטערען מיט איהר נחמיה׳ן, און מיר לאָז גאָט העלפען אין מיין שטייגער. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער זיך געוואונשען, איידער יענעם געשאָלטען"... נישמעחר, ס׳איז מיר נאָר א וועהטיג צו זעהן ביי לייטען, ווי מע לעבט און ווי מע טהוט זיך אָן, און איך בעדארף זיצען איין אלמנה חיה און ארויסקוקען אויף מיין שענעם ברויטגעבער, טאָמער וועט איהם דאָרט טרעפען דאָס גליק: א גלח וועט פערלירען און ער וועט געפינען, וועט ער מיר מויערען א מויער אין יעהופעץ! נישט דערהארען וועט דאָס נאָך יעהופעץ, איך זאָל מיך צוליעב דיינע שענע לייט, וואָס בייטען זיך מיט די ווייבער, מפקיר זיין און אוועקלאָזען זיך צו דיר אהינצוצו, אראָפוואָרפען פון זיך דעם פאַריק און ווערען ביי דיר א קעפסווייב, — דעם קאָפּ זאָלען זיי ברעכען, רבונו של עולם, אויף׳ן גלייכען וועג, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

„מע בעדארף ניט זיין שען, זאָגט די מאַמע, מע בעדארף ניט זיין קלוג, מע בעדארף נאָר האָבען מזל". נעם, אשטייגער, מיין נחמה־בריינדלען און נעם רחל דער מוהמע דבורה׳ס. די איז שען, ווי די זון אים תמוז, און יענע איז זויער, ווי עסיג. זיצט נחמה־בריינדעל נעבאך א מיידעל, און רחל האָט חתונה און נעמט א חתן, עפּיס א שלים־מזל פון יאַמפּעלע, און דוקא א פיינעם, איין עהרליכען, א שטילען, דאָס הייסט, נארעשעוואטע, נאָר פון א גרוי־

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריעלווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אויף דער וועלט, אַז אַ יונגערמאַן זאָל נעמען און אַוועקוואַרפען ווייב און קינדער, שווער און שוויגער, און אַוועקלאָזען זיך אין אַ פרעמדער שטאָדט און פערנעמען זיך אַלע מאָל מיט איין אַנדער געשעפט: אָט איז ער אַ צוקער־מאַכער, אָט איז ער אַ בעל־הלוואה, און אָט ווערד ער גאָר אַ בעל־הבית פון איין אייגענעם מויער אין יעהופעץ אָהן אַ גראָשען געלד! ? ס'איז טאַקי כראַי, כלעבען! איידער צו האָבען אַ שטוב און זיין אויף איהר שולדיג מעהר וויפיעל זי איז ווערטה, איז גלייכער זי זאָל פריהער פערברענט און פער'שרפה'ט ווערען אינאיינעם מיט אַלע הייזער אין יעהופעץ. אַ גליק וואָס מיך טרעפען, אַז ער וועט מאַכען אַ געשעפט און וועט פערדיענען געלד, וועט ער מיר קויפען אַ הייזעל אויף מיין נאָמען. וואָס טויג מיר הייזלעך? דו שיק מיר בעסער געלד, וועל איך מיר שוין געפינען וואָס צו קויפען, ווי זאָגט די מאַמע זאָל געזונד זיין: „געב מיר נאָר אהער דאָס ברויט, אַ מעסער וועל איך מיר אַליין געפינען"... עס איז נאָר איין אָנשיקעניש, אַ גוט אויג אויף מיר — און גענוג! דאַכט זיך, איך וויים, איך בין אויך אַזאַ אידישע טאָכטער, ווי בליומע־זלאַטע, און אַזוי שען

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל איז כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אַז דאָס געשעפט פון הייזער איז בלאָטע. איך האָב מיך בעצייטענס אַ נעם געטהאָן צו אַנדערע מסחרים, צו „אימעניעס" (גיטער). אימעניעס — דאָס איז גאָר איין אַנדער מין מסחר! ראשית, בעדאַרף מען דערצו נישט רייסען קיין שטיוועל; מע שרייבט אַריין אַ בריוועל, מע שיקט אַוועק איין „אָפּיס", יענער פאָהרט זיך דורך, קוקט־אָן די ערד — און עס ווערד מיט גאָט'ס הילף אַ געשעפט. און והשנית האַנדעלט מען ניט מיט קיין זלידנים, מיט קיין קבצנים; מע האָט צו טהון מיט פּריצים, פּאָמעשטשיקעס, פירשטען, גראַפען. וועסט דו דאָך מיך פרעגען: ווי קום איך צו גראַפען? איז דרינען אַ גאַנצע מעשה! אַזוי ווי דו ווייסט דאָך, אַז איך טאָר ניט זיין היע... און עס טרעפט זיך, אַז פּאָליציע קומט אַמאָל ביי־נאַכט אויף דער אכסניא בודק חמץ זיין, גיט אונז די בעל־הבית'טע פריהער אַ ידיעה, בכדי מיר זאָלען זיך בעצייטענס צעגעהן, ווי זאַלץ אין וואַסער, דער קיין בויבעריק, דער אויף דער דעמעיעווקע, און דער אויף דער סלאָבאָדקע... נאָר אַ מאָל טרעפט זיך, אַז די בעל־הבית'טע אַליין ווייסט אויך ניט, ווען עס וועט זיין די בהלה, איז דעמאָלט זעהר ניט גוט! יענע

בען יחוס. ער האָט, זאָגט מען, א שוועסטער א משומדת. דער חסרון, וואָס ער איז אַביסעל נישט קיין געזונדער, האָט ער אָבער קיין מורא ניט פאַר׳ן פּריזיוו. א פערגעניגען אָנצוקוקען אָט דאָס פּאָרעל! זי מיינט, ס׳איז נישטאָ קיין קליגערס, און ער מיינט, אז ס׳איז נישטאָ קיין שענערס, ווי זאָגט די מאַמע: „נישט דאָס איז ליעב וואָס ס׳איז שען, נאָר דאָס איז שען וואָס ס׳איז ליעב“...

צו אונז אויפ'ן בוידעם. און דערווייל טהו איך איהם אַ טאַפּ פון יענער זייט: — נו, האָט איהר עפּיס געמאַכט היע מיט אייערע אימעניעס? „ניין, מאַכט ער, לעת־עתה נאָך גאָרניט. איך האָב מורא פאַר די היגע מעקלערס. זיי זענען, זאָגט מען, גרויסע ליג־נערס, האָבען ניט אין זיך קיין וואָהר וואָרט! אפשר ווייסט איהר אַ מעקלער פון אימעניעס, נאָר אַ רעכטער מעקלער זאָל זיין, דער עיקר איין עהרליכער, ניט קיין ליגנער?" — אָך, זאָג איך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך אַליין, זאָג איך, בין אַ מעקלער פון אימע־ניעס, דאָס הייסט, זאָג איך, קיין אימעניעס האָב איך נאָך אויף מיין לעבען ניט אויסגעמעקעלט, נאָר גאָרניט, זאָג איך, הלואי זאָל גאָט צושיקען אַ קונה, איז קיין מלאכה ניט צו מאַכען אַ אימעניע אויך. „איך זעה, מאַכט ער צו מיר, אַז איך האָב צו טהון מיט איין אמת'ען מענשען און מיט איין עהרליכען מאַן, ניט זשע מיר די האַנד תקיעת־כף, אַז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען, וועל איך אייך איבערגעבען אַלסדינג, וואו די אימעניעס מיינע ליגען, און וואָס ביי מיר געפינט זיך". הקיצור, מיר האָבען מיט גאָט'ס הילף געמאַכט אַ געשעפט, דאָס הייסט, מיר האָבען געשלאָסען שותפות אויף אַלע געשעפטען: ער לעגט אריין אין שותפות אַלע זיינע אימעניעס, און איך לעג אַריין מיינע קונים. נאָר מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת-עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדער זאָלען לעבען און איטליכען בע־זונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. די בהלה, וואָס ס'איז געוועזן אויף דער אכסניא, איז געוועזן איין אומזיסטע בהלה. דאָס האָט איינער עפּיס אַ שכן על־פּי טעות געקלאַפּט צו אונז אין פענסטער, און

וואָך ליגען מיר אַזוי אַלע אורחים און שלאָפען, דערווייל האָרכען מיר, מע קלאַפּט. שפּרינגט אַראָפּ די בעל־הבית'טע אין איין ציי־ט״ירניש און רופט זיך אָן צו אונז: „יהודים בלא, קריכט אין שטרוי!“ — איז געוואָרען אַ שפּרינגעריי מיט אַ בעהאַלטעריי: ווער אין קעלער, און איך — אויף מיין אַלט אָרט, אויפ'ן בוידעם, און באַלד נאָך מיר נאָך איינער, אַ אידעל פון קאַמעניץ. ליגענדיג אַזוי אין געהאַקטע וואונדען אויפ'ן בוידעם, הער איך, ווי דאָס אידעל נעבאַך קרעכצט. — וואָס קרעכצט איהר? — פרעג איך איהם שטילערהייד. „אַז אָך און וועה איז צו מיר, זאָגט ער, מיינע פּאַפּיערען האָב איך געלאָזט צוקאָפּענס! איך האָב מורא פאַר מיינע פּאַפּיערען!“ — וואָס פאַר פּאַפּיערען? — מאַך איך צו איהם. „אוי, מאַכט ער, זעהר נויטיגע פּאַפּיערען! טרעפען אָן בלי גוזמא אפשר אַ האַלבען מיליאָן!“ איך האָב דערהערט אַ האַלבען מיליאָן, האָב איך מיך שטילערהייד צוגערוקט צו מיין אידעל און פרעג איהם: ווי קומט צו אייך אַזוי פיעל פּאַפּיערען און וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פּאַפּיערען? „ס'איז אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, איך האָב אימעניעס אין וואָהלינער גובערניע, גרויסע אימעניעס, מיט די בעסטע רעמאַנענטען, פערד און אָכסען און שאָף אָהן אַ שיעור, מיט וואַסערמיהלען, מיט גוראַלניעס, מיט הויפען שאַרפע, אויסגעצייכענטע גערטנער, מיט אַלדאָס גוטס!“ דערהערט אַזעלכע דבורים, רוק איך מיך צו מיין אידעל נאָך נעהענטער: ווי קומט צו אייך אַזוי פיעל אימעניעס מיט אַזא גוטס? „די אימעניעס, מאַכט ער צו מיר, זענען נישט אויף מיין מיסט געוואַכסען געוואָרען; די אימעניעס זענען פּריצישע אי־מעניעס, נאָר איך האָב זיי אויף דער האַנד, דאָס הייסט, איך בין פון זיי דער פערקויפער, דערויף טאַקי בין איך געקומען אהער צו פאָהרען, געבראַכט מיט זיך אַלע פּאַפּיערען, די אָפּיסען פון זיי. ווי מיינט איהר, איך וועל חלילה ניט האָבען קיין שאָדען?“ — חס ושלום, זאָג איך, ווער דאַרף דאָס פערעמדם? דער אויבער־שטער זאָל העלפען, מע זאָל חלילה ניט פערקריכען, זאָג איך, אהער

X.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך האָב בעקומען אַ הוסט, אויף דיינע יעהופּעצער „מאַדאַמען" געזאָגט געוואָרען. איך טרינק שוין ציעגען־מילך, איך בין שוין געוועזן ביי'ם דאָקטאָר אויך. אין די פּאָר יאָהר האָבען די דאָקטוירים ביי מיר אויסגעצאַפּט געלד, זיי מעגען דאָס אויסקרענקען מיט דער אַפּטייק אינאיינעם! אַ שטיקעל גליק, וואָס עס האָט זיך געעפענט ביי אונז נאָך איין אַפּטייק, און מע קאָן זיך דינגען! מזל טוב דיר מיט דיין נייעם מסחר, מיט די אימעניעס און מיט די גראַפען! בראָש וואָרפט ער זיך מיט געשעפטען, אַלע טאָג אַ נייעס. גענוג וואָס ער איז אַזאַ בריה און אַזאַ גרויסער מוצלח, פערעבענדיוועט ער נאָך און זוכט חסרונות. ווי זאָגט די מאמע: „אַז דאָס מיידעל קאָן ניט טאַנצען, זאָגט זי — די כלי־זמר קאָנען ניט שפּיעלען"... איך האָב מורא, מענדעל, דו וועסט אַזוי לאַנג פּרובען מיט געשעפטען, ביז דו וועסט אָנהויבען ארומטראָגען שוועבעלעך צו פערקויפען, אַזוי ווי געצעל דער מוהמע סאָסי'ס, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, געמיינט, אַז דאָרט חאַפּט מען דעם קאָטער, צום סוף שרייבט ער היינט אַזעלכע בריוולעך, אַז אפילו אַ שטיין קאָן דאָס ריהרען. ער שרייבט, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, מוז יעדער איינציגער אַר־

מיר זענען זיך אומזיסט צעלאָפּען. נאָר דאָ זעהט מען ארוים, ווי אזוי דער אויבערשטער פיהרט, אזוי איז גוט. למשל, ווען דער שכן זאָל ניט געווען קלאַפּען אין פענסטער, וואָלט ניט געווען קיין בהלה, און איך וואָלט ניט געווען אויפ׳ן בוידעם, און וואָלט מיך ניט בעקענט מיט דעם קאַמעניצער איד, און וואָלט ניט געוואוסט פון קיין אימעניעס און פון קיין גראַפען. עס פעהלט איצט נאָר איין שטיקעלע הצלחה!

הנ"ל.

XI.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אז איך האָב אימעניעס אויף אריבער א מיליאָן. איך האָב אַזעלכע אימעניעס, וואָס זענען א חריפות, מע זעהט דאָס גאָרניט! וועסט דו דאָך מיך פרעגען: ווי קומט צו מיר אַזאַ גוטס? וועסט דו הערען: אז איך בין ארויסגעקומען אויף דער בערזע מיט מיין שותף פון קאָמעניץ און האָב אויסגע־פויקט, אז איך האָב צו פערקויפען אימעניעס, האָבען זיך א שאָט געטהאָן מעקלערס, וואָס האָבען אויך אימעגיעס צו פערקויפען, און מיר האָבען געמאַכט א געשעפט, היינו: מיר האָבען געביטען אימעניעס אויף אימעניעס, דאָס הייסט, מיר האָבען זיי געגעבען „אָפּיסען" פון אונזערע אימעניעס, און זיי האָבען אונז געגע־בען „אָפּיסען" פון זייערע אימעניעס. איז דאָך ממה־נפשך: וועלען מיר מאַכען זייערע אימעניעס, וועלען מיר דאָך אוודאי פערדיענען געלד; וועלען זיי מאַכען אונזערע אימעניעס, וועלען מיר ווידער פערדיענען געלד, — סאַי ווי כאַי דערלעגען וועלען מיר שוין ניט! הכלל, איך האָב מיך אריינגע־האַפּט אין דער חברה מעקלערס און בין געוואָרען מיט גאָט׳ס הילף א מעקלער צווישען די גרויסע, און איך זיץ שוין אינוועניג ביי „סעמעדעני׳ן", ווי אַלע, ארום די ווייסע מירמעלשטיינערנע טיש־לעך, ווי אין אדעס, און איך טרינק קאַווע מיט פּוטערגעבעקס,

בייטען מיט דער נשמה, אלא ניט — מעג ער געשוואָלען ווערען פאַר הונגער, וועט איהם קיינער ניט געבען קיין שטיקעל ברויט. אַ שען לאַנד, ברענען זאָל דאָס מיט דיין יעהופּעץ אויף איין פייער! א מצוה אויף אייך אַ גרויסע, ווי זאָגט די מאַמע: „אז מע האָט ברויט, זאָל זיך ניט גלוסטען קיין צוקערלעקאַך"... הלואי זאָל גאָט אַ נס טהון, איך זאָל חאַטש ניט הערען פון דיר אין גיכען וואָס מע הערט פון געצעל דער מוהמע סאָסי'ס, און נאָך מיט מעהר פרישקייט, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

„הימעל און ערד, זאָגט די מאמע, האָבען געשוואָרען, אז קיין פערפאַלענע זאַך זאָל ניט מעהר זיין אויף דער וועלט!" ס'איז אַראָפּגעקומען צו אונז אַ טשינאָווניק פון דער גובערניע און זוכט גאָן נישטערט, ער וויל זיך דערגרונטעווען, וואו איז אהינגעקומען דאָס געלד, וואָס משה־מרדכי האָט אָפּגעזאָגט אויף עולמות? שקצים האָבען גע'מכר'ט, אז דאָס געלד איז געבליבען ביי'ם גביר, גאָן דער גביר ווייזט אַ חשבון, אז ס'איז אוועק! וואוהין איז דאָס אוועק? מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך... הלואי ער זאָל חאַטש האָבען אויף זיך ריסטאַנסקי ראַטע, ליעבער גאָט!...

XII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך שפּיַי שוין מיט בלוט פון דיינע שענע בריוולעך! ס'איז מיר אַ חרפּה אַ בושה צו ווייזען אַפילו עמיצען וואָס דו שרייבסט מיר, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „דער גרעססטער וועהטיג איז דער, וואָס מע קאָן איהם נישט אַרויסרעדען"... וואָס איז דאָס פאַר איין עובדא, פרעג איך דיך, זיצען גאַנצע טעג ביי סימע־דינה'ן (ווער איז זי אָט די סימע־דינה, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר? ביי אונז איז געוועזן אַמאָל סימע־דינה די רופא'טע, איז זי שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט!) און טרינקען קאַווע מיט פּוטערגעבעקסלעך אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכטס? אַ גדולה אויף איהם, ער האָט „זשעמעניעס" אויף צו פערקויפען מיט זעכס און זעכציג חדרים, זעכס און זעכציג מכות זאָל זיך זעצען מיינע שונאים אויף דער צונג! וואָרום וואָס געהט איהם אָן, אַשטייגער, דאָרטען אין יעהופּעץ, וואָס איך האָב דאָ צו טהון טאָג ווי נאַכט מיט זיינע קינדער? אָט האָט זיך ערשט נעכטען לאה'ניו, מיר זאָל זיין פאַר איהר, צעשלאָגען מיט משה־הערשעלי'ן, לעבען זאָל ער, האָט זי איהם דערלאַנגט מיט אַ גאָפּעל אין פּנים אַריין, אַ גליק וואָס ניט אין אויג! נאָר וואָס העלפט מיר דאָס רעדען מיינס, אַז ס'איז אין איין אויהער אַריין, פונ'ם

אזוי איז דאָ דער מנהג, אלא ניט, געהט־צו אַ מענש און טרייבט ארויס. דאָ ביי „סעמעדרעני׳ן“ איז די רעכטע בערזע. עס קומען זיך צענויף אַהער די גאַנצע וועלט מיט מעקלערס. עס איז דאָ שטענדיג אַ געשריי, אַ טומעל, אַ הו־האַ, ווי להבדיל אין שוהל: אַלע רעדען, לאַכען, מאַכען מיט די הענד. אמאָל קריעגט מען זיך, מע אמפּערט זיך און נאָכדעם לאָדט מען זיך, מחמת ביי׳ם טיילען זיך מיט׳ן „קארטאזש“ איז תמיד פאַרהאַן טענות מיט פּרעטענ־ציעס, מיט פּערלאָזענישען, מיט קללות, מיט פייגען, מיט פּעטש. און איך בין אויך בתוכם. און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אנ־דערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער זאָלען געזונד זיין, און שווער און שוויגער, איטליכען בעזונדער נאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איין אימעניע האָב איך אין וואָהלינער גובערניע מיט אַ פּאַלאַץ. איז דאָרטען פאַרהאַן זעכס און זעכציג חדרים, וואָס די וואַנד מיט דער סטעלי מיט די בריקען זענען בסך־הכל דורכאויס פון שפּיעגעל־גלאָז, מיט אַ גאָרטען, וואָס ווערד אָנגערופען „האַנדזשירייי“, און וואָס זומער און ווינטער וואַכסען דאָרטען לימענעס מיט פּאָמעראַנצען, היינט די פערד מיט די קאַ־רעטעס. וואָס דאָרט געפינט זיך, נעמט אָפּ איין אויג, — און דאָס אַלסדינג פערקויפט זיך בחצי חנם! ווען גאָט ברוך־הוא שיקט מיר צו דעם רעכטען קונה, ווער וואָלט צו מיר דערמאָלט געוועזן גליך? ס׳איז נאָר איין שטיקעל חסרון, וואָס די מעקלערס פון אימעניעס זענען, צום מיינסטען, געהאַפּט אויף דער צונג, דאָס הייסט, זיי האָבען ליעב אמאָל מגזם זיין דעם עסק. נאָר וואָס זאָל מען טהון? פון פרנסה ווענגען מוז מען אַ מאָל זאָגען אַ ליגען אויך!...

ה נ " ל.

XIII.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה התכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית זיי וויסען, אַז איך האַנדעל שוין אַצינד נאָר מיט וואַלד, וואָרום אַ אימעניע אַליין אָהן אַ וואַלד איז ווי אַ שטוב אָהן אַ קוימען. דער גאַנצער אַנטיק פון יעדער אימעניע איז דער וואַלד. פון וועלדער זענען אידען גליקליך געוואָרען, געמאַכט מיליאָנען! וועסט דו דאָך מיך געוויס פרעגען: ווי קום איך צו וואַלד? הער ווי גאָט פיהרט: אַז איך בין דאָ געוואָרען אַ מעקלער פון אימעניעס און האָב מיך אָנגעהויבען רייבען אַרום מעקלערס, האָב איך אָנגעטראָפען גראַדע צו איינעם פון די גרויסע מעקלערס. פרעגט ער מיך: „וואָס האָט איהר פאַר סחורה, אַגו ווייזט?“ געה איך און נעם אַרויס מיין פּעקעל מיט „אָפּיסען“ פון אימעניעס אויף אַ מיליאָן מיט זיעבענהונדערט טויזענד. רופט ער זיך אָן צו מיר: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַלע אייערע אימעניעס זענען ניט ווערטה קיין דריי שמעקטאַבעקע“. פרעג איך איהם מסתמא — פאַר וואָס? מאַכט ער צו מיר: „דערפאַר, ווייל ביי אייך זענען אַלע אימעניעס נאַקעטע אימעניעס, ערד און הימעל, און ווידער אַ מאָל ערד און הימעל, און אָבער אַ מאָל ערד און הימעל! וואו איז עפּיס וואַלד? וואָס טויג מיר אַ אימעניע, אַז

אַנדערען אַרוים? אַזאַ רציחה! איך שרייב און שרייב, איך ווער צעזעצט שרייבענדיג, און ער זיצט זיך אין געהאַקטע וואונדען אין יעהופּעץ און טרינקט קאַווע, און קוקט ווי מעקלערס פּאַטשען זיך אויף דער בערזע! הלואי זאָל טאַקי עמיצען גאָט געבען אַ זינען, ער זאָל זיך מיט דיר אָפּרעכענען, ווי דו ביזט ווערטה, וואָלסט דו אפשר קליגער געוואָרען, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

מעגסט זיך איבערנעמען, מענדעל, מיט דיינע „סטעקראַטען“, אַזאַ יאָהר אויף זיי! זאָלסט הערען, וואָס סע טהוט זיך ביי אונז אין שטאָדט מיט אונזערע צוויי יונגע דאָקטוירים׳לעך, דאָקטאָר קובעבע און דאָקטאָר לאַקריץ. זיי רייסען זיך ווי די קעץ. דער דאָקטאָר קובעבע האָט זיך מיישב געווען און האָט איינגעגעבען אויפ׳ן דאָקטאָר לאַקריץ, אַז דער דאָקטאָר לאַקריץ האָט גע׳סמ׳ט אַ קינד... איז געגאַנגען דער דאָקטאָר לאַקריץ און האָט איינגעגעבען אויפ׳ן דאָקטאָר קובעבע, אַז דער דאָקטאָר קובעבע האָט אינאיינעם מיט פּייוועל דעם אַגענט פערסטרעבירט אַ טוידטען אין דער חברה „יאַקער“... איז געגאַנגען דער דאָקטאָר קובעבע און האָט איינגעגעבען אויפ׳ן דאָקטאָר לאַקריץ, אַז דער דאָקטאָר לאַקריץ — — — נאָר לאָזען זיי ד׳ר זיין ביידע די כפרה פאַר מיר און פאַר מיין משפחה און פאַר אַלע מיינע ליעבע און פאַר כל ישראל!

ס'איז דאָרטען ווינטער שנייען?... הכלל, ער האָט מיך בעשאָטען מיט רעד און מיך נישט געלאָזט אויסרעדען אַ וואָרט. ערשט אויף'ן סוף רופט ער זיך אָן צו מיר: „וואָס טויג אונז פוסטע דבורים? איהר ברענגט מיר בעסער איין אָפּיס פונ'ם וואלד, וועלען מיר נאָכ־דעם רעדען". — צו וואָס טויג אייך, זאָג איך, אָפּיסען? אמעהר, אַט טהו איך אַ שפּרונג אויף איין פוס און ברענג אייך אהער צו פיהרען דעם מוכר אַליין, דעם בעל־הבית פונ'ם וואלד, איז דאָך בע־סער פון טויזענד אָפּיסען! הכלל, איך לויף אוועק צו מיין מוכר און חאַפּ איהם און ברענג איהם אריין גלייך צום קונה אין נומער אריין. מיין קונה מיט'ן מוכר האָבען זיך דערזעהן, איז אויף זיי אָנגעפאַלען אַ געלעכטער, איך האָב געמיינט, זיי וועלען ביידע דעם שלאַג בעקומען. „אַט דאָס איז אייער בעל־הבית פונ'ם וואלד?" מאַכט צו מיר דער קונה. „אַט דאָס איז אייער קונה אויפ'ן וואלד?" מאַכט צו מיר דער מוכר. אין דעם עפענט זיך די טהיר און עס קומען אריין נאָך צוויי אידען, ביידע פון שדה־לבן, און מע מאַכט נישט קיין לאַנגע דבורים, מע בעלעגט דאָס טישעל, מע נעמט ארויס די קאָרטען און מע זעצט זיך אוועק אַלע פיער מאַכען איין „אָקע", און דאָס געשעפט האָט מען געלאָזט אויף אם ירצה השם מאָרגען, און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים שוועער און שוויעגער, און די קינדער זאָלען לעבען, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

זי האָט ניט קיין וואַלד? וואָס שווייגט איהר? וואַלד גיט מיר אהער, וואַלד!!" בקיצור, איך האָב געמאַכט אַ שווייג, וואָרום ס'איז מיר געווען אַ חרפּה אַ בושה פאַר זיך אַליין, וואָס איך טראָג מיך אַרום מיט אַזאַ מין סחורה, וואָס איז גאָר קיין סחורה ניט! — אַז ס'איז יאָ אַזוי, רוף איך מיך אָן צו איהם, גיט זשע מיר עפּיס אַ רעכטע אימעניע מיט אַ וואַלד, איך האָב קונים. „אָך, מאַכט ער צו מיר, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך האָב, זאָגט ער, פון אייערטוועגען אַ וואַלד — קיין בן־אָדם, זאָגט ער, איז דאָרט נאָך נישט געוועזען; ס'איז דאָרטען, זאָגט ער, פאַראַן ביימער מששת ימי בראשית, פון זינט די וועלט שטעהט, דעמבעס הויכע ביז דער חמאַרע, ארזי לבנון, פון איין זייט אַ באַהן, פון דער אַנ־דערער זייט אַ טייך. נאָר ווי אַזוי מיינט איהר, זאָגט ער, אַ טייך? אָט איז דער וואַלד און אָט איז דער טייך. אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער!" — — — דערהערט אַזעלכע דבורים, בין איך באַלד אַוועק נאָכשמעקען אַ קונה אויף דעם דאָזיגען וואַלד, און גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב געפּאַקט אַ קונה. אָנגעשמעקט האָב איך איהם, געוויינטליך, דורך אַ מעקלער, און דער מעקלער — דורך נאָך אַ מעקלער; נאָר עס מאַכט נישט אויס, לאָז גאָט געבען, דאָס געשעפט זאָל זיין אַ געשעפט, וועט זיין גענוג פאַר אַלעמען. אַז איך בין געקומען צום קונה און האָב איהם פאָרגעלעגט, אַז איך האָב אַזאַ און אַזאַ וואַלד מששת ימי בראשית, פון איין זייט אַ באַהן, פון דער אַנדערער זייט אַ טייך, אַ האַק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער, — איז איהם דאָס געשעפט באַלד געפעלען געוואָרען; האָט ער מיך באַלד אַ נעם געטהאָן אויפ'ן צימבעל און האָט מיך אָנגעהויבען צו פערהערען אין הלכות וואַלד: ווי אַזוי הייסט דער וואַלד, און וואו שטעהט ער, און וואָסערע ביימער וואַכסען דאָרט, וויפיעל אַרשין זענען זיי פון דער ערד, וויפיעל האַלטען זיי די הויך און וויפיעל די ברייט, פון וואַנען הויבען זיך אָן די צווייגען, וואָס פאַר אַ קאָרע איז אויף זיי, און ווי אַזוי געהען די סלאָיעס אינוועניג, און ווי אַזוי פאָהרט מען אַהין, און ווי אַזוי איז דער וועג. און צי

גלייך ווי פון אַלע דיינע גילדענע געשעפטען, ווי עס ווינשט דיר
פּיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה־שיינדעל.

די גאַנצע וועלט טראָגט דיך אויפ'ן קאָפּ! יענע וואָך איז זיך מיישב דיין קרובה קריינדעל, די כפּרה זאָל זי דיר זיין פאַר מיר, און בעגעגענט זיך מיט דער מאַמע מיינער אין מאַרק ביי די פיש און הויבט־אָן מיך צו בעוויינען און צו בעקלאָגען, אַ מכה איהר אַ גרויסע! פאַר וואָס, זאָגט זי, נעם איך ניט קיין גט ביי דיר, און איין עק לאָז דאָס האָבען? מאָהל דיר, זי האָט זיך פון דער מאַמע ניט גענאַרט. די מאַמע האָט זיך חלילה מיט איהר ניט געקריעגט, ניט געזידעלט, נאָר גלאַט אזוי דערלאַנגט מיט ווערטער, ווי זי קאָן: „דאַרטען, וואו צוויי זענען אויף איין קישען, טאָר זיך דער דריטער ניט מישען, און איידער אַ נייער שאַרבען, איז גלייכער איין אַלטער טאָפּ... גוטע פריינד זענען ווי קראָפּיווע, וואַכסען אָהן רעגען... פאַר וואָס קוקסט דו בעסער ניט אויף אַ נעהענטערען?... איט־ליכער דערהערט, ווי יענער האָט געגעסען קנאָבעל... איין אָכס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזען"... וכדומה אזעלכע ווערטלעך האָט איהר די מאַמע דערצעהלט אזוי לאַנג, ביז קריינדעל איז אוועק, עס האָט איהר אָפּגענומען דאָס לשון.

XIV.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז מיין לעבען איז קיין לעבען ניט, ווי זאָגט די מאמע: „איידער אזוי צו פאָהרען, איז שוין גלייכער געהן צו פוס"... איך קאָן מיר פאָרשטעלען, אז אָך און אז וועה, ווער דיינע סוחרים זענען, אז מע קומט זיך צענויף רעדען פון א וואלד, וואָס טרעפט אָן „מיליאָסען", וואַרפט מען אוועק האַק און פּאַק און מע זעצט זיך אנידער אויף א גאַנצער נאַכט שפּיעלען אין „אָקע", עס זאָל אייך אזוי אָקען אין קאָפּ, ווי עס אָקעט מיר אין הארצען, בשעת דער וויסטער פינכטערער הוסט קומט מיר אָן! וועה איז מיר, ווינד איז מיר, צו וואָס איך האָב מיך דערלעבט, אז מיין מאַן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט קיין צורה פון קיין קאָרט, זאָל ער אצינד רעדען פון קאָרטען! עס געהט דיר מעהר ניט אָפּ, מענדעל, צו דיינע זיידענע קליידער, אז דו אליין זאָלסט נאָך ווערען א „קאַרטיאָזשניק אויף דער עלטער! נאַ דיר גאָר וועלדער! ווי קומסט דו צו וועלדער? האָסט דען געזעהען אמאָל, ווי א בוים וואַקסט: ווי זאָגט די מאמע זאָל לעבען: „ווי קומט א רב האַנדלען מיט חזירים?"... איך האָב מורא, אז פון דיינע וועלדער זאָל זיך ניט אויסלאָזען א בוידעם,

דען, טראָגען גילדענע זייגערס, רעדען דייטש, האָבען שוין גאָר „מאָגען־קאַטאַר", שיקען זייערע ווייבער אין די בעדער אַריין, גע־וואָרען מורא'דיגע סטיקראַטען! הכלל, איין געשעפט איז היינט געבליבען אין יעהופּעץ אויף דער בערזע — זאַוואָדען! אַלע מעק־לערס מאַכען זאַוואָדען, און איך אויך בתוכם. וועסט דו דאָך מסתמא וועלען וויסען, ווי קום איך מיך צושלאָגען צו אַזאַ פונדאַ־מענטאַלנע געשעפט, וואָס איך ווייס גאָר ניט מיט וואָס מע עסט דאָס? וועסט דו האָרכען, ווי אַזוי גאָט פיהרט מיט אַ מענשען: שוין פון אַ צייט, אַז איך האָב אויפגעהערט געהן צו סעמעדעני'ן (ניט, אַזוי ווי דו רופסט איהם, סימע־דינה! ס'איז גאָר אַ זכר, ניט קיין נקבה, און נאָך אַ רשע דערצו!). און אויפגעהערט צו געהן האָב איך, ניט ווייל איך האָב מיך מיט איהם געקריעגט, נאָר פשוט, ווייל ס'איז מיר נמאס געוואָרען די קאַווע מיט די בולקע־לעך, און אגב האָב איך טאַקי ניט ביי זיך קיין קליין־געלד, האָב איך מיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען גלייך מיט אַלע אידען אויף דער גאַס. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב מיך בעקענט מיט איינעם אַ מעקלער פון זאַוואָדען, ווייזט אויס, אַ גאַנץ עהרליכער און האָט גרויס קענטשאַפט. ער קומט אַריין, זאָגט ער, צו אַלע גרעסטע, אפילו צו די בראָצקים. „פון וואַנען, מאַכט ער צו מיר, איז אַ איד?" — פון כתרילעווקע, זאָג איך. אַליין בין איך, הייסט דאָס, אַ יאַמפּעלער, זאָג איך, אַ נכתב בין איך אין מאַזעפּעווקע, איין איידעם בין איך פון כתרילעווקע, און האַנדלען האַנדעל איך אין יעהופּעץ. „וואָס איז אַזעלכעס, מאַכט ער צו מיר, אָט דאָס כתרילעווקע, אַ דאָרף, צי אַ שטעדטעל?" — וואָס איז שייך, זאָג איך, אַ שטעדטעל? אַ גאַנצע שטאָדט! „מעגען דאָרטען אידען וואָהנען?" — נאָך אַ מין מעגען! „נו, און אַ טייך, מאַכט ער, איז ביי אייך פאַראַהן?" — נאָך אַ מין טייך, זאָג איך, שטינקיילאָ הייסט דער טייך. „נו און פון אַ באַהן, מאַכט ער, איז עפּיס ווייט?" — סך־הכל, זאָג איך, אַ ווערסט עטליכע און זיעבעציג. וואָס איז, זאָג איך, אַקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס? „גיט מיר,

XV.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכבב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז פונ'ם וואַלד האָט זיך אויסגעלאָזט אַ סטעפּ; ס'איז ל א ד ו ב י ם ו ל א י ע ר , ניט קיין וואַלד, ניט קיין בוימער, ניט קיין טייך, אַ נעכטיגער טאָג! אומזיסט געדולט אַ קאָפּ אי יענעם, אי זיך; אומזיסט געבראָכען פיס, גע־ריסען שטיוועל. איך האָב אַרויסגעזעהן, זוגתי היקרה, אַז וועלדער איז ניט פאַר מיר, און מיט אַזעלכע ליגנערס האַנדלען איז ניט פאַר מיין קאָפּ. זיי קאָנען דיר אויסטראַכטען אויפ'ן הימעל אַ יריד, און מע קאָן דורך זיי אין ־ער שאול תחתיה אריין! וואָס זשע האָב איך געטהאָן? האָב איך מיך בעצייטענס אַ נעם געטהאָן צו איין אַנדער געשעפט, צו זאַוואָדלעך (דאָס הייסט, פאַבריקען, וואָס מע מאַכט צוקער). דאָס איז היינט דאָס בעסטע פון אַלע געשעפטען; זאַוואָדען קויפען זאַוואָדען, און די מעקלערס פערדיענען געלד, זענען מאסף ממון! פאַרהאַן דאָ אַ מעקלער פון שדה־לבן, ער האָט זיך אַריינגעהאַפּט צו די ר אַ ד אָ מ י ש ל ע ר און מאַכט זיי אַלע וואָך אַ צוויי־דריי זאַוואָדלעך, האַפּט אַ צעהן־פופצעהן טויזענד און פאָהרט אַוועק אויף שבת אַהיים! וואָס דאַרפסט דו מעהר — משרתים, פאַקטוירים זענען היינט געוואָרען מאַכערס פון זאַוואָ־

טויזענד! און מחמת איך בין פּערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אָרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איך האָב מיך צעפּרעגט ביי מיין איצ־טיגען שותף, ווער איז דער קונה, און בין געוואָהר געוואָרען, אַז דער קונה איז טאַקי איינער פון די ראַדאָמישלער, זעהר אַ הייסער קונה, מחמת די ראַדאָמישלער זענען אַלע זעהר הייסע קונים, ברע־נען צו זאוואָדלעך, עס מעג זיין אַ ווינד־מיהל, אבי ס'איז מיט אַ קוימען און סע פּייפט! לכן האָף איך צו גאָט, אַז דאָס געשעפט איז, אם ירצה השם, געוויס אַ געשעפט, און מיר וועלען מיט גאָט'ס הילף געוויס פערדיענען געלד, חאָטש אפילו מיר זענען דערביי ז.יבשע עטליכע שותפים. איך האָב מורא, אויב ניט אַ גאַנצער מנין. נאָר לאָז גאָט געבען, דאָס געשעפט זאָל נאָר זיין אַ גע־שעפט — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט קיין אָץ להעשיר!

ה נ " ל.

מאכט ער צו מיר, די האנד תקיעת־כף, אז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען; איך קאָן אייך אָנזאָגען א בשורה, רב מנחם־מענדעל, אַז מיר וועלען, אם ירצה השם, אין גיכעןביידע פערדיענען געלד, און א סך, א פולע היטעל! ס'איז מיר נאָר־וואָס, זאָגט ער, אריינ־געפאלען א מחשבה, וואָס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָהר, היינו: כפי אזוי ווי קונים אויף זאוואָדען איז היינט פארהאן לרוב, און קיין זאוואָדען איז ניטאָ; וויפיעל ס'איז געווען זאוואָדען האָבען די ראַדזָמישלער אויסגעקויפט, און מעהר וויל מען נישט פערקויי־פען; לכן האָט זיך דער עולם א נעם געטהאָן צו בויען פרישע צאפעלדיגע זאוואָדען, און מחמת אין די דערפער טאָרען דאָך קיין אידען ניט אריין, לכן זוכט מען ערטער אויף זאוואָדען נאָר אין די קליינע שטעדטלעך, דאָרטען, וואו אידען מעגען וואָהנען; היינט פערשטעהט איהר שוין, אז אייער כתרילעווקע איז בעשאפען גע־וואָרען מששת ימי בראשית, אז ס'זאָל דאָרט זיין א זאוואָדעל? און אזוי ווי איהר זעהט מיך, האָב איך גראדע א קונה אויף צו בויען א זאוואָדעל אויף א האלבען מיליאָן קערבלעך, נאָר קיין אָרט איז ניטאָ: מע האָט פערחאפט אלע ערטער! ווייסט איהר ניט, מאכט ער צו מיר, מיט וועמען רעדט מען, און צי קריגט מען דאָרט בורעקעס און א פלאץ אויף צו בויען א זאוואָדעל?" — אָך, מאך איך, מיט'ן גרעסטען כבוד! איך האָב דאָרטען, זאָג איך, א ווייב ביז הונדערט צוואנציג יאָהר, מיט שווער און שוויעגער, מיט א גאנצער משפחה. איך קאָן באלד אוועקשרייבען אהינצו א בריוועל, און איהר מעגט, זאָג איך, זיין זיכער, אז מע וועט מיר תיכף ומיד אָפּענטפערען מכל־דבר־שורש! לכן, זוגתי היקרה, שרייב איך דיר וועגען דעם און בעט דיך טאקי, זאָלסט זיך זעהן מיט עזריאל דעם סטארעסטע און מיט מאָשקע דעם רויטען, ער רייבט זיך צווישען פריצים, לאָז ער אויסטאפען ביי זיי, צי קאָן מען האָבען א פלאץ, און וויפיעל קאָן מען האָבען בורעקעס, און ווי טייער, און טאקי באלד מיר אָפּענטפערען דורך א בריוועל, כי נחוץ מאד, מע קאָן דאָ, פערשטעהסט דו מיך, חאפען א גראָבס, טאקי א צעהן־פופצעהן

וועסט זיך אַרומקוקען, וועלען דיך דיינע שותפים בענעמען פון קאָפּ ביז פיס, וואָרום דו ביזט געוועזן אַ שלים־מזל און וועסט בלייבען אַ שלים־מזל, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

יאָ, זאָג נאָר, מענדעל, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס, וואָס מע דערצעהלט ביי אונז? מע זאָגט, אַז דאָרט, אין יעהופּעץ, פערשרייבט מען זיך שוין קיין ארץ־ישראל? ווער עס פערשרייבט זיך פערציג קאָפּיקעס, דער פאָהרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? ביי אונז האָט מען שטאַרק אָנגעהויבען דערפון צו שמועסען; יונגע לייט קלויבען זיך צענויף אַלע נאַכט ביי יוסיל משה־יאָסי'ס און מע רעדט פון ארץ־ישראל. — הכלל, עס טהוט זיך חושך, ווי זאָגט די מאַמע: „שוין לאַנג שטיל געוועזן!"...

XVI.

שיינה־שיינדעל פון כתריעלווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז איך האָב דיין מגילה געלייענט און האָב ניט פערשטאַנען איין וואָרט, וואָס דו ווילסט! דו פרעגסט זיך נאָך, צי ס'איז דאָ פּלאַץ? שרייב איך דיר, אַז אויף דעם נייעם בית־עולם איז פאַרהאַן גענוג, עס וועט קלעקען פאַר האַלב יעהופּעץ! און וואָס פרעגסט דו זיך אַלץ נאָך אויף בורעקעס? פאַר וואָס פרעגסט דו זיך שוין ניט אָן אין איין־וועגס אויף קרויט, אויף חריין און אויף פּאַסטערנאַק? און דער טייך? אַזאַ מזל אויף דיינע שותפים, וואָס פאַר אַ וואַסער ביי אונז איז! קומט ערב פּסח, טרינקט מען יאַשטשערקעס, און זומער ווערד דער טייך גרין ווי גראָז; איך וואָלט וועלען, אַז דיינע יעהופּעצער פיינע בריות, וואָס האָבען צו טהון מיט די מאַ־גענס, זאָלען פערזוכען אונזער וואַסער אַרום תמוז... ניין, מענדעל, לאָזען זיי דיר קרענקען דאָרטען אין יעהופּעץ, מיר וועלען זיך שוין בעגעהן אַזוי, אָהן זייערע זאַוואָדלעך, ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „ראש־חודש אלול געהט אַוועק, און בעל־הבית בלייבט בעל־הבית"... שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ די דאָזיגע אַלע נאַרישקייטען, דו וועסט אַזוי מאַכען זאַוואָדלעך, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט געמאַכט וועלדער, אימעניעס, הייזער און צוקער! איך בין דיר ערב, אַז איידער דו

ביז אַ מאה אלף! דאָס געשעפט, וואָס איך פיהר, טרעפט אָן אַ צעהן מיליאָן, און אפשר נאָך מעהר פון צעהן מיליאָן, עס האָט גאָר ניט קיין שיעור און קיין ערך. ס'איז אַ סברא, אַז גאָלד אַליין זאָל דאָרטען זיין אין די אלפים; הײנט וואו איז זילבער, וואו איז אײַזען, וואו איז קופּער, וואו איז בלײַ, וואו איז קוועק־זילבער? פון ערדקויהלען און פון שטיינער רעד איך שוין ניט! הײנט געפּינען זיך דאָרטען וועלדער מיט פעלדער מיט כל טוב — ס'איז, זאָגט מען, עפרות זהב, און ווילען וויל מען דערפאַר סך־הכל דריטהאַלבען מיליאָן, עס איז אַ מציאה פון אַ גנב! איין חסרון איז נאָר, וואָס ס'איז אַביסעל צו ווייטליך, היינו, סע שטעקט אַזש אין סימביר, און פאָהרען בעדאַרף מען אַהינצו אפשר דריי וואָכען כסדר, וואָרום אַהין געהט נישט קיין באַהן. ווען מען לעגט מען פיר אַזאַ גרויס געשעפט? געוויינטליך, בראָצקי'ן! איז אָבער די צרה, ווי אַזוי דערשלאָגט מען זיך צו בראָצקי'ן אין דער קאַנטאָר? ראשית חכמה, שטעהט ביי דער טהיר אַ שווייצאַר מיט קנעפּ און קוקט אויף דער קאַפּאָטע; ווי באַלד איין אַלטע קאַפּאָטע, אַזוי גיט מען איהר דעם וועג; און אַז גאָט העלפט, מע קומט שוין איבער דעם שווייצאַר, שטעהט מען אָפּ אַ שעה זעכס אויף די טרעפּ און מע וואַרט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, מע וועט דערזעהן בראָצקי'ן דורכגעהן, און אַז מע דערלעבט איהם שוין יאָ צו זעהן געהן, פליהט ער פאַרביי פייל אויס'ן בויגען, און איידער מע קוקט זיך אַרום, זיצט ער שוין אין דער קאַרעטע — און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע! קאָן מען ניט זיין אַזוי גראָב און מע מוז קומען מאָרגען נאָך אַ מאָל. אויף מאָרגען איז ווידער די אייגענע געשיכטע; אַ קלייניגקייט, אַ מענש האָט אַזוי פיעל געשעפטען?! מע קאָן ניט אַזוי גיך זיך דערשלאָגען צו בראָצקי'ן! נאָר צו גאָט אַ האָפנונג, איך וועל מיך מסתמא אַ מאָל דערשלאָגען, און דעמאָלט וועט שוין זיין גימל! און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אָרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט גע־

XVII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקי החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז ד'ער עסק פון זאַוואָדען איז שטאַרק אָפּגעקיהלט געוואָרען. עס איז געקימען אויף זיי אַ קריזיס, ממש עס וואַלגערען זיך זאַוואָדלעך אין גאַס, נישטאָ קיין קונים! דער עולם, פערשטעהסט דו מיך, האָט זיך אָנגעגעסען מיט זאַוואָדען, אביסעל אריבערגעחאַפּט די מאָס, געלד איז טייער און צוקער איז בזיל הזול, וואָרום מע האָט אָנגעמאַכט אזוי פיעל צוקער, אז ס'איז נישטאָ וואו זיך אהינצוטהון מיט איהם, חאָטש נעם ווארף איהם ארוים! ס'איז אין דער ערד דאָס געשעפט, די זאַוואָדטשיקעס שטאַרבען נאָך אַ גראָשען, די קאַפּיטאַליסטען האַלטען זיך איין און די מעקלערס געהען ארום בטל, אָהן אַ שטאָך ארבייט, און איך אויך בתוכם. מיינסט דו דאָך אוודאי, אז ס'איז עק וועלט? זאָלסט זיך גאָר נישט זאָרגען, זוגתי היקרה, גאָט איז גאָט און יעהופעץ איז אַ שטאָדט. אזעלכע מענשלעך, ווי איך, ווערען חלילה נישט פער־פאַלען; אדרבה, איך האָב ערשט אַ האָפּנונג, אז היינט, אם ירצה השם, בעדאַרף איך ערשט אויפקומען, וואָרום איך פיהר איצט אזא געשעפט, וואָס איך בעדאַרף פערדיענען אויף מיין חלק כמעט

XVIII.

שיינה־שיינדעל פון כתריעלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אַז מיין גיטעל איז געבליבען איין אַלמנה מיט זיעבען קינדער יתומים, איינס קלענער פון'ם אַנדערען! געשטאָרבען איז דער שוואָגער מיינער, מיר צו לענגערע יאָהר, פון אַ צאָהן, דאָס הייסט, אַז מע וויל, איז ער אפילו תמיד געוועזען נישט קיין געזונדער; ער פלעגט, נישט פאַר מיר געדאַכט, גאַנץ אָפטליך אונטערהוסטען מיט בלוט. פון דעסטוועגען האָבען מיר געמיינט, אַז ער וועט זיך נאָך מוטשען. צום סוף געהט ער און נעמט זיך אַרויס אַ צאָהן ביי שמעלקע דעם רופא, לעגט זיך אַנידער און שטאַרבט אַוועק. ווי זאָגט די מאַמע, איהר צו לענגערע יאָהר: „קיינער ווייסט נישט, וועמענס מאָרגען עס איז"... און דערוויילע נעבאַך גיטעל לעגט איין די וועלט, ס'איז איהרע טרערען גאָר נישט צו פערשרייבען! אוודאי ווען חלילה פערקעהרט, מיין שוועסטער, איהר צו לענגערע יאָהר, זאָל חס ושלום שטאַרבען, און זלמן־מאיר זאָל בלייבען איין אַלמן, וואָלט ער געוויס אַזוי פיעל טרערען נישט פערגאָסען און וואָלט מסתמא באַלד נאָך שלשים געבראַכט צו פיהרען פון באַרדיטשעוו אַ שטיף־מאַמע פאַר זיינע קינדער. איך זאָג דאָס טאַקי אקעגען אַלע מאַנס־בילען, די כפרה מעגט איהר זיין פאַר אייערע ווייבער. וואָרום וואו

בען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדער און אלעמען בע־זונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל

ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף „ארץ־ישראל“, קעהרכט דו אוודאי מיינען „ציניזם“? דאָס איז זעהר א הויכער ענין, חאָטש אין יעהופּעץ אויף דער בערזע האלט מען עפּיס נישט דערפון. איך בין געוועזן א פּאָר מאָל ביי די היגע „ציניכטען“ אויף די „זאבעדאניעס“ און האָב געוואָלט וויסען, וואָס דאָס איז, האָט מען אָבער אלץ גערעדט אויף רוסיש, און דוקא א סך גערעדט. דאכט זיך, וואָס וואָלט זיי געאהרט, זיי זאָלען זיך דורכרעדע׳ן, מיט אידען אויף אידיש?... איך האָב אפילו א פּאָר מאָל א רעד געטהאָן מיט מיינע חברה־לייט אויף דער בערזע וועגען דעם, האָבען זיי מיך אויסגעלאכט: „וויים איך וואָס? ציניזם! דאָקטאָר הערצעל! אויך מיר א געשעפט!“...

הנ״ל

טראָגט אַרום איבער די הייזער מעשה־ביכלעך מיט ראָמאַנסען אויף פּראָקאַט. האָט זיך נעבאַך שפּרינצעל צוגעחאַפּט צו די דאָזיגע מעשה־ביכלעך און ראָמאַנסען, ווי צו עפּיס רעכטס, און זי האָט זיי דורכגעלייענט, זאָגט מען, אַ שטיקלעך הונדערט, און זי איז געוואָרען, ניט פאַר מיר געדאַכט, עפּיס אַזוי ווי צעמישט; זי רעדט מיט אַ משונה־מאָדנע לשון, אַלץ אַזעלכע ווערטער, וואָס מע קאָן ניט פערשטעהן; זי זאָגט, אַז מע רופט זי ניט שפּרינצעל, נאָר „בערטע“, און זי קוקט אַרויס אַלע מינוט, אַלע רגע, אַז אָט־אָט קומט עפּיס איינער, וואָס מע רופט איהם „לאָרד“, איהר „בעשיצער“, און גנבה'ט זי אַרויס דורך אַ פענסטער, און פערפיהרט זי ערגיץ ;זין אַלדי שוואַרצע יאָהר אַזש קיין לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן קיין סטאַמבול... זאָל נישט קומען איין אויסחאַפּעניש אויף די פּוסטע קעפּ, וואָס טראַכטען אויס אַזעלכע ווילדע זאַכען, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען?...

איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ טאַטע פון קינדער זאָל זיך אַריינ־נעמען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין — מיליאָנען! אַ גליק האָט איהם געטראָפען: ער שטעהט ביי בראָצקי'ן ביי דער טהיר! איך האָב מורא, אַז ווייטער פון דער טהיר וועסט דו נישט געהן. איין עבירה די שטיוועל, כלעבען! אָט באַלד טאַקי חאַפּט בראָצקי אַרויס די מיליאָנען און פליהט אַוועק קיין סימביר — וואָס איז? מנחם־מענדעל אַליין האָט געהערט, אַז דאָרטען ערגיץ אין אַלדי שוואַרצע יאָהר וואַלגערט זיך גאָלד מיט קוועק־זילבער! ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערצעהלט, אַז אַ בלינדער האָט געזעהן, ווי אַ קרומער איז געלאָפען"... נאָר איך ווייס פריהער, אַז אינ'ם אַנדערען בריעף וועסט דו מיר גע־ווים שרייבען, אַז פונ'ם גאָלדענעם געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס וועט זיך אָבער געפינען אַ שלאַק מיט אַ נייעם חלום און וועט דיר דערצעהלען, אַז אַ קוה איז געפלויגען איבער'ן דאַך און געלעגט איין איי, וועסט דו צעלאָזען די פּאָלעס און וועסט ווידער לויפען, ווי אַ משוגענער. דו זאָלסט אָבער נעמען אויפ'ן קאָפּ, אַז דו האָסט אין דער היים אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר מיט קליינע קינדער, וואָס קוקען אויף דיר אַרויס, ווי אויף משיח'ן, וואָלט זיך דיר ניט גלוסטען אַרומשלעפּען זיך איבער פרעמדע הייזער און אַרומטראָגען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס עס שלאָגט צו דער גאַל הערענדיג! נאָך האָט דיך ניט אָנגע־לערנט יעהופּעץ, ברענען זאָל דאָס אויפ'ן פייער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע: מאיר משולם'ס געדענקסט דו? האָט ער אַ טאָכטער שפּרינצעל, געווען אַ געזונדע מויד איין איי־זערנע, שוין אַפילו אַביסעל איין איבערגעוואַכסענע, נאָר זעהר אַ געראָטענע! האָט זיך צו איהר פערנאַדעט אַ מוכר־ספרים'ניק, וואָס

מיר וועלען? מיר ווילען דאָס, וואָס יעדער מעקלער וויל, מיר ווי־
לען פערדיענען, מיר זענען אויך מעקלערס, מיר האָבען אויך גע־
שעפטען, א קשיא אויף א מעשה, אביסעל אין אייער זכות, אביסעל
אין אונזער זכות, טאָמער וועלען מיר עפּיס מאַכען, וועלען מיר מאַ־
כען אינאיינעם, עס וועט זיין „יחלוקו“, וויניציגער פערדיענט, אבי
פערדיענען, ווי זאָגט מען: פון א קריוודע קאָבט מען וועטשע־
רע...“ — על כל פּנים, זאָג איך, צו וואָס טויג אונז לאַנגע דבורים?
זאָגט בעסער, וואָס האָט איהר? שעמט זיך ניט. „מיר האָבען, זאָגט
ער, געשעפטען זעהר א סך מיט גאָט׳ס הילף. מיר האָבען קויהלען
אין פּאָלטאַווער גובערניע, מיר האָבען אייזען אין קאַניעווער או־
יעזד, מיר האָבען א מיהל איין אָפּגעברענטע אין פּערעיאַסלאַוו, מיר
האָבען מאַשינעס אזעלכע גאָר נייע, א פינסקער איד האָט זיי אויס־
געטראַכט, היינט האָבען מיר א פּריץ, וואָס וויל אויסבייטען א
וואַלד אויף א „גוראַלנע“, און א אידען האָבען מיר, וואָס וויל קוי־
פען א גרויס הויז אין יעהופּעץ אָהן געלד, היינט אימעניעס! וועל־
דער! טאָמער האָט איהר קונים, וועלען מיר אייך געבען אימעניעס,
אָדער טאָמער האָט איהר אימעניעס, וועלען מיר אייך געבען
קונים“. — ניין, זאָג איך, מיט קיין אימעניעס און וועלדער האַנ־
דעל איך שוין מעהר ניט — איין עק! איך האָב מיך, זאָג איך,
מיט אימעניעס שוין אָפּגעבריהט און האָב געגעבען זיך דאָס וואָרט,
אַז איך זאָל קיין אימעניעס מיט קיין וועלדער מעהר אין די הענד
אריין ניט נעמען! „עט, מאַכט צו מיר די טענדעווערענדע, אלע
געשעפטען זענען דען גלייך? אָט האָבען מיר איצט א אימעניע
אויף קאַווקאַז, א אימעניע מיט נאַפט, דאָס הייסט, אזא מין ערד,
וואָס עס שפּריצט פון דאָרט נאַפט, סע שפּריצט און סע שפּריצט
און עס הערט גאָר ניט אויף צו שפּריצען! ס׳איז גאָר א סברה, אז
די ערד קאָן דאָרט אַרויסוואַרפען א מיליאָן פּוד נאַפט אין איין
טאָג!“... — אויב אזוי, זאָג איך, זענט איהר פון מיינע מענשען;
אָט דאָס, זאָג איך, איז א געשעפט! אָט דאָס גיט אהער! און
מיר זענען אוועק אלע דריי אין דער „אידישער מאַלאָטשנע“ (איך

XIX.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז מיר האָבען אַ גרויסען גאָט. הער־א מעשה: אז איך האָב אָנגעהויבען ווערען איין אריינגעהער צו די בראָצקים, בין איך געוואָרען אַ גרויסער חשוב אויף דער בערזע, און עס האָבען זיך צו מיר אָנגעהויבען צושארען מעקלערס פון דער וועלט מיט טויזענדער געשעפטען: הייזער און אימעניעס און וועל־דער און באַהנען און פּאַראַחאָדען און פאבריקעס אויף מיליאָנען, און אַלץ פון בראָצקי׳ס וועגען! צווישען די דאָזיגע מעקלערס זע־נען פאַרהאַן אַ פּאָר שותפים, ניט קיין היגע, איינער טראָגט אַ טענ־דעווערענדע מיט אַ הענגקאָלנער, און דער אַנדערער הייסט מיט אַ משונה מאָדנע נאָמען, וואָס איך שעם זיך דיר איהם אַרויסשריי־בען... אָט די צוויי מעקלערס האָבען מיך געפּאַקט איינמאָל בשעת איך בין געגאַנגען פון בראָצקי׳ן, און טענדעווערענדע האָט זיך אָנ־גערופען צו מיר בזה הלשון: „הערט זשע אוים, רב מנחם מענדעל, וואָס מיר ווילען אייך זאָגען. די מעשה דערפון איז אזוי: מיר האָבען געהאָרכט, אַז איהר דרעהט זיך דאָרט אַרום די בראָצקים, מהכתיתי, לאָז אייך גאָט העלפען, וואָס האָבען מיר צו אייך?״ — אם כן, זאָג איך, וואָס זשע ווילט איהר? „וואָס, זאָגט ער, זאָלען

עיקר שכחתי. איך האָב אין זינען געהאַט דיר שרייַ־
בען עפּים זעהר אַ נויטיגס, האָב איך פערגעסען וואָס. לאָז איך
שוין, אם ירצה השם, אויפ׳ן צווייטען מאָל.

הנ״ל.

געה שוין מעהר ניט צו סעמעדעני׳ן, ווייל דאָרט טרייבט מען ארויס, געה איך שוין אין דער „אידישער מאַלאַטשנע“. פאָרט היימליכער, צווישען אידען, מע קאָן זיצען און רעדען און טהון וואָס מע וויל), און דאָרט האָבען מיר ארומגערעדט דאָס געשעפט און געשלאָסען שותפות, און אז ס׳איז געקומען צום צעשרייבען זיך, האָבען זיי מיר מגלה געווען דעם סוד, אז ביי דעם געשעפט ארבייטען נאָך עטליכע שותפים: איינער מיט גראָבע ליפען, דער אנדערער אַ געלער, ער האנדעלט מיט זייגערלעך, אַ מורא׳דיגער בעל־מגזם, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, און איינער מיט אַ רויטער נאָז מיט ווייס־פערלעך, אויך אַ ווילדער בעל־מגזם, און נאָך איינער, איין אלמן. אז איך האָב דערהערט אזוי פיעל שותפים, איז דאָס מיר אפילו ניט אזוי געפעלען. טענדערוועדענדע האָט אָבער איבער מיר אזוי לאַנג גערעדט און דערצעהלט משלים, אז איך האָב געמוזט מוסכם ווע־רען, מיר זאָלען זיך אלע צעשרייבען אויף פאַפיער. געוויינטליך, צווישען שותפים מוזען דאָך זיין טענות; איטליכער האָט געדרונ־גען, אז איהם קומט אַ גרעסערער חלק. גאָט זאָל מיר נאָר מצליח זיין, איך זאָל שוין מיט׳ן אנדערען צד זיין אזוי פאַרטיג, ווי איך בין פאַרטיג מיט די מעקלערס, וועט, אם ירצה השם, זיין גאָרניט שלעכט, וואָרום ביי אָט אזא מין געשעפט ווי אזוי פערדיענט מען ניט חאָטש אַ מיליאָן קארבען? עס איז ביי מיר געבליבען, אם ירצה השם, בלי נדר, טאָמער ווערד דאָס געשעפט, דינג איך מיר באלד אַ קאַנטאָרעל אויף ניקאָלאַיעווסקי און איך ווער מיט גאָט׳ס הילף אַ גרויסער מעקלער. און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ׳ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען, עס זאָל זיין מיט געזונד און מיט הצלחה. לאָז גריסען די קינדערלעך זאָלען לעבען און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ.נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

וואָס גיכער, און לאָם איך פּטור ווערען, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

איך קאָן דיר דערצעהלען א נייעס, וואָס ביי אונז האָט זיך פּערלאָפען, עס קלינגט מיט דעם די וועלט! דו קענסט דאָך מאיר־מאָטעל משה־מאיר'ס. האָט ער א טעכטערל ראצעל, איז דאָס א ראצעל פון גאָט, א גאנצע געיורענע, א געבילבעטע מאמזעל, שיט מיט פראנצויזיש, קלאָפּט אויפ'ן טאפּטשאן, געהט זיך ניט צענויף מיט קיינעם. א קלייניגקייט, זי קומט ארוים אזש פון קצבים! ווי זאָגט די מאמע: „זכות אָבות איז קיין קאטאָוועס"... הכלל, מע רעדט איהר שדוכים פון דער וועלט, און זי פּערעבענדיוועט נאָך; וואָס מע ווייזט איהר, געפעלט איהר ניט. זי וויל א חתן דוקא מיט אלע מעלות; ער זאָל זיין אי שען, אי קלוג, אי רייך — דאָס טע־לערעל פונ'ם הימעל! שדכנים האָבען געארבייט אויף אלע כלים און מע האָט איהר אראָפּגעבראכט א חתן, איין אנטיק, זאָגט מען, א קארעפירער אתרוג, און דוקא פון א קליין שטעדטעל, פון אוו־ריטש! צענויפגעפאָהרען זיך, האָט מען, געוויינטליך, אריינגעלאָזט חתן־כלה אין א בעזונדער חדר, זיי זאָלען זיך אָנקוקען. רופט זיך אָן די כלה צום חתן: „וואָס האָרכט מען ביי אייך מכח דריי־פוס'ען?" מאכט ער צו איהר: „מכח וואָסער דרייפוס'ען?" רופט זי זיך אָן צו איהם: „איהר ווייסט ניט וואָסער דרייפוס?" מאכט ער: „ניין. מיט וואָס האנדעלט ער?"... איז זי באלד ארויסגע־לאָפען פונ'ם חדר און איז געפאלען חלשות, און דער חתן האָט נעבאָך בחרפּה געמוזט אוועקפאָהרען צוריק קיין אווריטש — א מכה איהם, א מכה איהר, א מכה זיי ביידען! איך בעט דיך, מאַך מיר קלאָר, ביזט דאָך צווישען מענשען: ווער איז אָט דער דריי־פוס, וואָס עס קאָכט מיט איהם אזוי די וועלט?

XX.

שיינה־ש׳ינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר אין קורצען, וואָרום איך האָב שוין קיין כח ניט מיט דיר צו רעדען. ס׳איז ווי איין ארבעס אין דער וואַנד. ווי זאָגט די מאמע: „שפּיעל דעם חתן וויינענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען"... ביזט טאַקי אוודאי א גרויסער חשוב אין יעהופּעץ, וואָרום דו שטעהסט דאָך ביי בראָצקי׳ן ביי דער טהיר, און סע קישעט ביי דיר מיט מיליאָנען, נאָר נאָך אלעמען זאָלסט דו ניט זיין ביי זיך אזוי גדול׳דיג. די מילאָנען זענען נאָך לעת־עתה ביי בראָצקי׳ן, ניט ביי דיר, און עס קאָן זיך אויסלאָזען, אז די ערד, וואָס שפּריצט מיט שמן־זית, זאָל גאָר שפּריצען מיט „מים־אחרונים־וואַסער", און אז עס וועט קומען צו עפּיס, וועט זיך אויס־לאָזען מיט פּעטש, און וועמען וועט מען פּאַטשען? — דיך! על כן איז מיין עצה, אז דו זאָלסט זיך בעצייטענס ארויסהאַפּען פון די ערטער און קומען אהיים. זאָלסט פערגעסען, וואָס ס׳איז געוועזען ביז אהער, טאָמער האָב איך דיך אמאָל אָנגעריהרט מיט א וואָרט. ווי זאָגט די מאמע: „בעסער א פּאַטש פון א פריינד, איידער א קוש פון א פיינד"... און קלאַפּ א טעלעגראַם און קום צו פאָהרען

בין אַוועקגעלאָפען צו איהם אַהיים און האָב איהם גאַנץ פיין איבער־געגעבען, אַז איך האָב אָנגעשמעקט אַיין ערטעל אויף קאַווקאַז, וואָס שפּריצט מיט נאַפט, און וועדליג מע הייסט זיך געבען דערפאַר אַ סך געלד, ווייזט אויס, אַז דאָס געשעפט פּאַסט גאָר קיין פּאַריזש. רופט זיך אָן צו מיר טודרוס: „איך האָב אַ קונה!“ פרעג איך: ווער איז דער קונה? מאַכט ער: „רויטשילד“! — איהר קענט זיך, זאָג איך, מיט רויטשילד'ען? „צי איך קען זיך, מאַכט ער, מיט רוטשילד'ען? לאָמיר דאָס, זאָגט ער,ביידע פערמאָגען, וויפיעל געשעפטען איך האָב שוין מיט איהם געמאַכט און וויפיעל געלד איך האָב ביי איהם פערדיענט!“ — האָט קיין פּאַראיבעל ניט, זאָג איך, אפשר וואָלט איהר זיך מטריח געווען, זאָג איך, אַוועקשרייבען צו רויטשילד'ען קיין פּאַריזש? „אַוועקשרייבען, מאַכט ער, איז קיין קונץ ניט! אך בין טאַקי מיט איהם ווי אַנדערע צוויי, נאָר איינס צום אַנדערען געהער זיך נישט אָן; מע בעדאַרף האָבען איין אָפּים מיט אַ פּלאַן, אַנדערש קאָן מען ניט“. בקיצור, איך בין אַוועק צו מיינע שותפים און האָב איהם געבראַכט פון זיי איין אָפּים מיט אַלע זיעבעצעהן זאַכען. נו, ווי געפעלט דיר, זוגתי היקרה, ווי אַזוי מנחם־מענדעל שטעלט צענויף מיט גאָט'ס הילף אַ געשעפט? השם יתברך זאָל נאָר העלפען, עס זאָל אָנקומען די גוטע תשובה פון רויט־שילד'ען, פערשטעהסט דו שוין, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועלען דער־מאָלט האָבען ביי מיר אַלע יעהופּעצער גרויסע מעקלערס? ס'איז נאָר שלעכט דערווייליע, וואָס סע פעהלט דאָס מזומנ'ע דרייערל. זאָלסט זעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי אונז, ווי אַזוי די וועלט איז געענגט אין געלד. ממש מע געהט אוים, מע שטאַרבט נאָך אַ קער־בעל! מע קוקט אַרוים אַלע טאָג אויף גרויסע אָנזעצען. נאָר זאָרג נישט, זוגתי היקרה, ס'איז אַלץ ביז אַ צייט; פאַר אונזער עגמת־נפש וועלען מיר, אם ירצה השם, האָבען גרוים נחת. לאָז נאָר אָנ־קומען די גוטע בשורה פון פּאַריזש, וועל איך מיך שוין אַריינכאַ־פּען אין קלייט אַריין, וועל איך שוין אין זינען האָבען, אם ירצה השם, אי זיך, אי דיך, אי די קינדערלעך אַלע, זאָלען געזונד זיין.

XXI.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כּתריל־יעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אַז מיט בראָצקי׳ן האָב איך מיך צע־גאַנגען. דאָס הייסט, מיר האָבען זיך חלילה נישט געקריעגט, נאָר איך האָב אויפגעהערט געהן אַהין — וואָס איז מיר בראָצקי, אַז איך שפּאַר שוין גאָר אָן צו רויטשילד׳ען קיין פּאַריזש ? ! וועסט דו דאָך מסתמא פרעגען, ווי קום איך, מנחם-מענדעל, צו רויטשילד׳ען אַזש קיין פּאַריזש ? איז דער תירוץ טאַקי : וויעדער קאַווקאַז און וויע־דער נאַפט ! אַלע נאַפטען, וואָס אויף קאַווקאַז, זענען זיינע, און אַליין זיצט ער אין פּאַריזש. בלייבט דאָך די קשיא, ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער ? פאַלט מיר איין אַזאַ מין געדאַנק : פּאַר־האַן ביי אונז אויף דער בערזע אַ פויגעל, וואָס ער הייסט טודרוס. אַט דער טודרוס איז געווען אַמאָל גאָר אַ גרויסער שפּעגעלאַנט, אַ הייסער, אַ פייעריגער שפּעגעלאַנט. אַז דער עולם האָט זיך אָפּ־געשאָקעלט מיט די עטליכע גילדען, זענען אַלע גרויסע שפּעגע־לאַנטען (און איך אויך בתוכם) געוואָרען מעקלערס, און טודרוס האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין פּאַריזש און דרעהט דאָרטען די גרעס־טע געשעפטען אויף מיליאָנען ! אויף מיין גליק בעדאַרף אַצינד טודרוס זיין היע אין יעהופּעץ. האָב איך מיך נישט געפּוילט און

געזאָגט פאַלשע עדות אויף דרייפוס'ען. איז געוואָרען אַ געפּילדער צווישען די פראַנצויזלעך, מע זאָל איהם אָראָפּברעננגען, טאַקי דריי־פוס'ען. האָט מען איהם געבראַכט צו פיהרען קיין רען אויפ'ן משפּט. איז געקומען צו פאָהרען איין אַדוואָקאַט פון פּאַריזש. האָט מען איהם געוואָלט שיסען. האָט מען איהם געשאָסען פון הינטען. האָט ער געמאַכט פון אַלע גענעראַלען אַ פלעדערוויש. און דרייפוס'ען האָט מען פון דעסטוועגען וויעדער אַ מאָל פער'משפּט. נאָר מע האָט איהם אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט. דאָס הייסט, יאָ שולדיג, און פּאָרט ניט שולדיג — און רוף אונז קנאַקניסעל!... היינט פער־שטעהסט דו שוין די מעשה מיט דרייפוס'ען?

הנ"ל.

און מחמת איך בין פּערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינדערלעך און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל .

ע י ק ר ש כ ח ת י . וואָס דו פרעגסט זיך נאָך אויף דרייפוסען, איז דאָס זעהר אַ שענע מעשה. אַזוי איז געוועזען די געשיכטע: אין פּאַריזש איז געווען דרייפוס אַ קאַפּיטאַן, דאָס הייסט, ס'איז געווען אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט געהייסען דרייפוס. און עסטערהאַזי איז געווען אַ מאַיאָר (אַ מאַיאָר איז עלטער פון אַ קאַפּיטאַן, און אפשר, פערקעהרט, אַ קאַפּיטאַן איז עלטער). איז ער געווען, דאָס הייסט דרייפוס, אַ איד, און עסטערהאַזי דער מאַיאָר איז אַ כריסט. האָט ער אָנגעשריבען די באָרדעראָ. דאָס הייסט, דער מאַיאָר עסטערהאַזי האָט אָנגעשריבען די באָרדעראָ, און האָט אַרויפגעלעגט די גאַנצע באַד אויף איהם, אויף דרייפוס'ען. איז געגאַנגען דרייפוס און האָט זיך געוואָלט פערענטפערען. האָט מען איהם געמ'משפט, ער זאָל זיצען אייביג אויף איין אינזעל אין מיטען ים איינער אַליין פערשפּאַרט. איז געגאַנגען זאָלאַ און האָט געמאַכט אַ גוואַלד, און האָט אויסגעוויזען מיט ראיות, אַז סטייטש, ער ווייסט פאַר קלאָר, אַז ס'איז ניט דרייפוס האָט געשריבען די באָרדעראָ; וואָס האָט איהר צו איהם, ס'איז גאָר דעם מאַיאָר'ס אַרבייט, עסטערהאַזי'ס! איז מען געגאַנגען און מע האָט איהם גע'משפט, ער זאָל אויך זיצען. האָט ער זיך מיישב געווען, טאַקי זאָלאַ, און איז גאָר אַנטלאָפען. איז געגאַנגען נאָך איינער, פּיקער, אַ פּאָלקאָווניק, און האָט אויך אָנגעהויבען שרייען און ליאַרעמען. איז אַרויסגעשפּרונגען מערסי, דוקא אַ גענעראַל, און נאָך איינער ראַזשע, אויך אַ גענעראַל, און נאָך אַ סך גענעראַלען, און האָבען

די מעשה פון דרייפוס'ען, וואָס דו האָסט מיר בעשריבען, זאָל איך אַזוי וויסען בייז, ווי איך פערשטעה אפילו איין וואָרט! ווי קומט אַ איד זיין אַ קאַפּיטאַן, און וואָס פאַר אַ מין באַנדערראָ, וואָס איינער לעגט אַרויף אויף דעם אַנדערען? צו וואָס האָט דער זאָלע בעדאַרפט אַנטלויפען, און וואָס האָט מען איהם געוואָלט שיסען, און פאַר וואָס עפּיס פון הינטען, נישט פון פאָרענט?... ווי זאָגט די מאַמע: „ציעגען זאָלען אַזוי וויסען פון פרעמדע גערט־נער, ווי ער ווייסט וואָס סע טהוט זיך מיט איהם“...

XXII

שיינה־שיינדעל פון כתריליעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע ׳נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אז דו ביזט ניט ווייט פון א משוגענעם, עס געהט דיר אָפּ נאָר איין זאך — נעמען א שטעקען און לויפען איבער די גאַסען! האָסט דו געהערט אביסעל א גדולה: ער שפּריצט מיט גאַז, פליהט קיין פּאַריזש, וואַרפט מיט מיליאָנען! ער גלייכט זיך צו די יעהופּעצער נגידים. ז י י האָבען קיין געלד ניט, און ע ר האָט קיין געלד ניט. ווי זאָגט די מאַמע: „בין איך מיר אויך א בהמה און פּגר אין דער טשערע־דע"... געדענק מיין וואָרט, מענדעל, אז מע וועט דיך ברענגען אהיים אָדער אין קייטען, אָדער אין א ליילעך, אזוי ווי דו ביזט ווערטה, בכדי דו זאָלסט געדענקען, אז דו האָסט א ווייב ביז הונ־דערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס פערשטעהט מעהר פון דיר. און פאַר דיינע מתנות, מענדעל, וואָס דו ווילסט מיר אָננעמען, דאַנק איך דיר זעהר. לאָז זיי גאָט העלפען אזעלכע קונים א סך ווי דו מיט דיינע שותפים די ליגנערס, וואָס פערדיענען מילי־מיליאָסען און פּגר'ען פאַר א גראָשען, הלואי ווייטער ניט ערגער, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

מ י ר געזאָגט, האָב איך א י י ך געזאָגט. און איך האָב מיך באַלד געלאָזט לויפען זוכען די ט ע נ ד ע ו ו ע ר ע נ ד ע און האָב איהם געפונען אין דער „אידישער מאַלאָטשנע“, דאָרט, וואו אַלע אידען זיצען, און האָב איהם גענומען אויפ׳ן צימבעל: — זאָגט מיר נאָר, ט ע נ ד ע ו ו ע ר ע נ ד ע סערדצע, וואו געפינט זיך ערגיץ דאָס געשעפט אונזערס? „ס׳אַ משל, מאַכט ער, דאָס געשעפט איז דאָך ביי אייך, א י ה ר האָט דאָך דעם קונה!“ — ניין, זאָג איך, ניט דאָס מיין איך; איך מיין דאָס געשעפט גופא, וואו שטעקט דאָס ערגיץ, אין וואָסערע מקומות, ווי אזוי פאָהרט מען אַהינצוצו, דורך וואָס פאַר אַ שטאָדט? „דאָס, מאַכט ער, וויים איך גראָד נישט, דאָס בעדאַרף וויסען דער שותף מיינער“. זענען מיר געגאַנגען ביידע זוכען דעם שותף. זאָגט אָבער דער שותף, אַז איהם האָט געזאָגט דער, וואָס מיט דער ר ו י ט ע ר נ אָ ז. און די ר ו י ט ע נ אָ ז זאָגט, אַז ער ווייסט ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום; ער האָט געהאָרכט, זאָגט ער, פון יענעם מעקלער, וואָס מיט די ג ר אָ ב ע ל י פּ ע ן, אַז די ט ע נ ד ע ו ו ע ר ע נ ד ע האָט אַ געשעפט אויף ק א ו ו ק א ז, נאָר ו ו א ו ק א ו ו ק א ז און ו ו אָ ס ק א ו ו ק א ז — ווייסט ער ניט, ער זאָל אזוי ניט וויסען פון קיין שלעכטס! הקיצור, מע האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען, פון וואַנען שטאַמט דאָס געשעפט און ווער האָט דאָס אויפגעגעבען, האָט איינער אָנגעוויזען אויפ׳ן אַנדערען, דער אויף יענעם און יענער אויף דעם, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז ס׳איז געבליבען מסתמא, אַז דער גאַנצער חייב בין איך; איך האָב שוין אַזאַ גליק, משטיינס געזאָגט, אַז אומעדום בין איך דאָס כפרה־היהנדעל!... הערסט דו, זוגתי היקרה, וואָס איך בין דערגאַנגען? אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען זיך בעסער בעגראָבען אַ לעבעדיגער! צו וואָס איך זאָל מיך נישט נעמען, איז לכתחילה, דאַכט זיך, אַלסדינג גוט און שען און פיין, אָט־אָט האַפּ איך דאָס גליק, אָט־אָט איז דאָס ביי מיר אין קעשענע — צום סוף טהוט זיך דאָס רעדעל אַ דרעה־איבער, און עס לאָזט זיך אויס אַ נעכטיגער

XXIII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת זיי וויסען, אז דאָס קאַווקאַז האָט געמעגט אריין אין דער ערד אריין איידער איך האָב דאָס דערקענט! איך טאָר מיך גאָר נישט בעווייזען אויף דער בערזע! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז אַ פשוטע מעשה: נעכטען קום איך אַרויס אויף דער בער־זע, געהט מיר אָקעגען ט ו ד ר ו ס און מאַכט צו מיר: „הערט נאָר, רב איד, וואו איז ערגיץ אייער קאַווקאַז?" — קאַווקאַז, זאָג איך, איז אויף קאַווקאַז, וואָס איז דען? „איך האָב, מאַכט ער, נאָכגע־דאַכט אויף דער לאַנדקאַרט, וואו געפינט זיך ערגיץ אייער געשעפט, לאָזט זיך אויס, אז די שטאָדט, וואָס איהר האָט דאָרטען אָנגערו־פען, איז אַ נעכטיגער טאָג". — וואָס הייסט, זאָג איך, אַ נעכטיגער טאָג? „אָט דאָס הייסט, זאָגט ער, ס׳איז גאָר אזא שטאָדט נישטאָ אויף דער וועלט. עפּיס אַ נאָמען פון דער הגדה... ווי נעמט דאָס אַ איד, זאָגט ער, און לעגט פאָר אַ געשעפט, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען? און נאָך ווערמען? רויטשילד׳ען! איהר ווייסט, זאָגט ער, ווער רויטשילד איז?!" — פאַר וואָס, זאָג איך, זאָל איך ניט וויסען? איך ווייס זעהר גוט, זאָג איך, ו ו ע ר ר ו י ט ־ ש י ל ד א י ז , נאָר וואָס בין איך, זאָג איך, שולדיג? מע האָט

אינאײנעם, און פֿאַר רחמנות גיט איהם די בעל־הבית'טע אַמאָל אַ גלעזעל טיי. און נאָך אײנער האַלט זיך אויף ביי אונז אויף דער אכסניה, אַ מין עני ואביון, דער שרייבער איז אַ הונד קעגען איהם! ווער און וואָס ער איז — ווייס איך אַליין ניט: עפּיס אַ שטיקעל אַגענט, אַ שטיקעל שדכן, אַ שטיקעל בּקטיאָר, זינגט ליעדלעך און טרייבט אַרויס מייז, — זעהר אַ פֿריילִיך אידעל, האָט נישט קיין העמד אויפ'ן לייב און געהט אוים ממש פֿאַר אַ שטיקעל ברויט! הכלל, מען זעהט זיך אָן אַזוי פיעל צרות אויף דער וועלט, אַז מע פֿערגעסט אָן די אײגענע!... געדענק זשע, למען השם, שרייב מיר פֿון דיין געזונד און פֿון די קינדער זאָלען געזונד זיין און פֿון שווער און שוויעגער און פֿון איטליכען בעזונדער.

הנ"ל.

טאָג! ניט בעשערט, אַפּנים, אַז איך זאָל אויפקומען פון מעקלע־
ריי, חאַפּען אַ גראָבס און אַנטלויפען! ניט בעשערט, אַז מנחם־
מענדעל זאָל אויפקומען, ווי אַנדערע מעקלערס אין יעהופּעץ! אַלע
טראַסקען, נאָר איך איינער שטעה און קוק, ווי די וועלט מאַכט גע־
שעפטען און פערדיענט געלד, און איך דרעה מיך אַרום, ווי אַ פרעמ־
דער. איך זעה פאַר זיך מיליאָנען מיט מיליאָנען, און קאָן זיי נישט
חאַפּען... איך בין שטענדיג עפּיס ווי אין דרויסען... אַפּנים, איך
האָב מיך נאָך ניט אַרויפגעשלאָגען אויפ'ן ריכטיגען וועג? קיין
מענש ווייסט ניט, וואו זיין מזל געפינט זיך... מע דאַרף עס לאַנג
זוכען, און אַז מע זוכט, געפינט מען... און מחמת איך בין זעהר
דערשלאָגען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדע־
רען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לאָז
גריסען שווער און שוויעגער און שרייב מיר, וואָס מאַכסט דו עפּיס
אין געזונד, און קוש די קינדער זאָלען לעבען און געזונד זיין, און
שרייב מיר, וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך אין כתרילעווקע?

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. צרות רבים חצי נחמה. אַז מע זעהט
זיך אָן יענעמס צרות, ווערד אַביסעל גרינגער אויף דער נשמה. אָט
נעם, למשל, דעם אורח, וואָס שטעהט מיט מיר אין איין חדר. גע־
וועזען אַמאָל אַ פּאָדראַטשיק, זאָגט ער, אַ גביר, אַ בעל־הבית פון היי־
זער און קלייטען אייגענע, און היינט לאָדט ער זיך מיט „קאַזנאַ“,
ער האָפּט אויפמאָנען אַ סך געלד, גאָר אַ סך געלד. נאָר מחמת ער
האָט נישט אַ גראָשען ביי דער נשמה, האַלט ער זיך אויף לעת־עתה
ביי מיר. אם ירצה השם, אַז ער וועט אויסלאָדען זיין געלד, וועט
ער מיך, זאָגט ער, ניט פערגעסען... און נאָך איינער שטעהט מיט
מיר צוזאַמען, נאָך אַ גרעסערער אָרעמאַן פון יענעם: ער איז אַ
שרייבער. ער שרייבט אין די בלעטער און מאַכט אַ בוך! דערוויילע,
ביז זיין בוך וועט פאַרטיג ווערען, האַלט ער זיך אויף מיט אונז

אין די ספרים? און זיי נישט מקנא די יעהופּעצער פיינע מענש־לעך, וואָס טראַסקען. לאָזען זיי טראַסקען, לאָזען זיי טרישטשען, לאָזען זיי ברעכען רוק און לענד. ווי עס ווינשט דיר היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

זאָג מיר נאָר, וואָס האָסט דו זיך עפּיס פּלוצים דערמאַנט, מיין טייערער מענדעל, זיך נאָכפרעגען אויף אונזער כתרילעווקע? און וואָס בין איך דיר עפּיס געוואָרען אזוי טייער, וואָס דו זאָרגסט זיך אזוי פאַר מיין געזונד? אפנים, דו האָסט זיך טאַקי פאָרט פער־בענגט נאָך אונז?... ווי זאָגט די מאַמע: „לאָז דאָס קאַלב לויפען, עס וועט זיך אויסהונגערען, וועט דאָס אַליין קומען אהיים"... איך וואַרט אויף א דעפּעש פון דיר. אז דו פאַהרסט. שוין צייט, שוין לאַנג צייט — הלואי זאָל דאָס זיין מיין לעצטער בריעף...

סוף פונ׳ם דריטען בוך.

XXIV.

שיינה־שיינדעל פון כתריִלעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו אָפּגעריסענער נאַר? קושען בעדאַרפסט דו דאָך די ווערטער מיינע, ווי זאָגט די מאַמע: „קוש דעם קאַנטשיק, וואָס שמייסט דיך!"... האָסט זיך שען אויסגעהאַנדעלט דאָרטען, וואָס טויג מיר גרויס, און האָסט זיך צענויפגעסקאָמפּאַניעט מיט אַ פיינער חברה שלעק, פּאָדראַטשיקעס, שלעפּערס, מחברים, ליעדעלמאַכערס, מייזענטרייבערס — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכען און געגוג! אַוודאי דאַרף מען זיצען צוליעב דעם אין יעהופּעץ אויף אַיין אכסניא און טרענצלען קערבלעך! מיר געפעלט נאָר, וואָס דו ביזט געקומען צום שכל: אַפּנים, זאָגסט דו, ס'איז דיר ניט בעשערט אויפצוקומען דאָרטען, ווערען אַ מיליאָנשטשיק? ביזט נאָך מסופק, מענדעל? איך שריי שוין פון לאַנג, אַז דו זאָלסט זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ די דאָזיגע נאַרישע געדאַנקען. לאָם איך שוין אַזוי זיין בעוואָהרענט פון אַלדאָס בייז און דו פונ'ם נאַר דיינעם, ווי דו ביזט בעוואָהרענט פון מיליאָנען! פּערגעס, מענדעל, אָן די מיליאָנען, פּערגעס, אַז ס'איז נאָר פּאַראַהן ערגיץ אַ בראָצקי אויף דער וועלט, וועט זיין אַז וואָהל צו דיר און צו דיין נשמה! „קוק ניט וואָס העכער פון דיר, קוק וואָס נידעריגער פון דיר". — אַזוי, דאַכט זיך, שטעהט געשריבען

א בכבוד'ע פרנסה

מנחם־מענדעל — אַ שרייבער.

געשריבען אין יאָהרען 1903—1909

אַ בּכבוד'ע פּרנסה

(מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל — א ש ר י י ב ע ר).

I.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון'ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז איך האָב אוועקגעוואָרפען אַלע געשעפטען, איין עק, אוים בערזע, אוים סעמעדעני, אוים מעקלעריי — ס'איז גאָלע שווינדעל מיט האפעריי, מיט בזיונות, מיט דער שוואַרציאָהר ווייסט וואָס! איך האָב שוין היינט א נייע פּרנסה, א שפּאָגעל־נייע פּרנסה, אביסעל א שענערע און א ליטישערע פּרנסה — איך בין געוואָרען למזל א שרייבער. איך שרייב! וועסט דו דאָך מסתמא פרעגען, ווי קום איך צו שרייבעריי? — ס'איז מן השמים.

אויב דו געדענקסט פון מיין לעצטען בריעף, האָב איך מיך דאָ אויף דער אכסניא, וואו איך האַלט סטאַנציע, בעקענט מיט איינעם

באַלד געגעבען אַ חאַפּ אויף דער פּען, וויפּיעל, למשל, קאָן איך אָנשרייבען? צום אַלעם מינדעסטען רעכען איך, אַז איך קאָן אין אַ לאַנגען זומערדיגען טאָג אָנשרייבען גוטע טויזענד שורות. מאַכט דאָס ניט אַ צעהנערעל אַ טאָג? האָבען מיר אַ קיימא־לן, הייסט דאָס, פון כמעט דרייהונדערט רובעל אַ חודש. נישקשה פון אַ זשאַ־לאָוואַניע, ווי מיינסט דו? און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך מיר געקויפט אַ פלעשעל טינט מיט אַ ריז פּאַפּיער און האָב מיך אוועק־געזעצט צו דער אַרבייט. און מחמת איך האַלט סאַמע אין רעכטען שרייבען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אין די ווייטער־דיגע בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־דערלעך זאָלען לעבען, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בע־זונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. אַז דער אויבערשטער וועט העלפען און איך וועל פאַרטיג מיט מיין בעשרייבעכץ, דאָס הייסט, מיט'ן נאָמען פונ'ם בעשרייבעכץ, מחמת איך האָב נאָך ניט קיין נאָמען, אַזוי שיק איך עס אַוועק באַלד אַהין אין דער רעדאַקציע, און בעט, מע זאָל דיר אַרויסשיקען אויף דיין נאָמען קיין כתרילעווקע עט־ליכע קערבלעך עד לחשבון. איך וויל, זוגתי היקרה, אַז דו זאָלסט אויך הנאה האָבען פון מיין איצטיגער פּרנסה. ס'איז אַ ביסעל ליי־טישער פון מעקלעריי: ביי מעקלעריי הייסט עס „קאַרטאַזש“, און ביי שרייבעריי רופט מען דאָס „גאָנאָראַר“... אַ זיס קערבעל אָט דאָס גאָנאָראַר, אַ גרינגס און אַ בכבוד'יגס...

הנ"ל.

א שרייבער, וואָס שרייבט אויף די גאַזעטען, און דערפון טאַקי לעבט ער. דהיינו, ווי אַזוי? ער זעצט זיך אַוועק און שרייבט אָן א זאַך און שיקט עס אַוועק, און מע דרוקט עס אָפּ, און אַז מע דרוקט עס אָפּ, בעקומט ער בעצאָהלט פון דער שורה, א קאָפּיקע א שורה, וויפיעל שורות, אַזוי פיעל קאָפּיקעס. האָב איך מיך מיישב געווען: גוואַלד, רבונו־של־עולם, מיט וואָס בין איך ערגער פון איהם? די גרויסע תורה וואָס דאָ איז? דאַכט זיך, איך האָב אויך געלערענט אין א חדר, און א האַנד צום שרייבען האָב איך א שענערע ווי ער, — אפשר וואָלט איך מיך א פּרוב טהון און געבען א שרייב־אַריין אין אַ אידיש בלאַט? וואָס קומט מיר דערפאַר? קעפּען וועט מען דאָך מיך ניט! ממה נפשך, יאָ — יאָ, ניין — ניין! — און געה און שרייב אַוועק אַ בריעף גלייך אין דער רע־דאַקציע אַריין, אַזוי און אַזוי, און איך דערצעהל זיי אויס מיין גאַנ־צע בעגריפיע. ווי אַזוי איך האָב אַמאָל געקנאַקט אויף דער בער־זע, אין אָדעס און אין יעהופּעץ, איבערגעדיענט כל העבודה־זרות, געהאַנדעלט און געמעקלערט מיט „לאָנדאָן“ און מיט „פּאַפּיערלעך“ און מיט „יקנה“ז“ אין די מיליאָנען אַריין, געווען זיעבען און זיעבע־ציג מאָל אָט א נגיד און אָט א קבצן, אָט אַ גביר און אָט אַיין אביון. הקיצור, איך האָב נישט געזשאַלעוועט מיין טרחה און האָב זיי אַרויסגעשריבען אַלסדינג באריכות, אפשר אויף צעהן זייטלעך. און געבעטען האָב איך זיי, זיי זאָלען מיר ענטפערען, אויב עס געפעלט זיי מיין שרייבעכץ, וועל איך זיי שרייבען און שרייבען. קומט מיר נישט אָן, מיינסט דו, אין אָנדערהאַלבען חדשים אַרום פון דער רעדאַקציע אַיין ענטפער? זיי שרייבען מיר, אַז מיין שריי־בעכץ געפעלט זיי דוקא זעהר גוט, און לעגען מיר פאָר, איך זאָל זיי אַרויסשרייבען די אַלע מיינע בעשרייבעכצען באריכות; און אויב מיינע בעשרייבעכצען וועלען זיין גוט בעשריבען, וועלען זיי מיינע בעשרייבעכצען מיט פערגעניגען אָפּדרוקען אויפ׳ן בלאַט און וועלען מיר בעצאָהלען פאַר דער שורה, א קאָפּיקע אַ שורה. דו פערשטעהסט? וויפיעל שורות, אַזוי פיעל קאָפּיקעס. האָב איך

מיט זיינע קינדער און קרענקען אויף דער „פלענציע" ! שוין א וואָך דריי, אז זי האָט זיך אריינגעהאַפּט צו אונז, די „פלענציע", און וויל גאָר נישט ארויס. אויסגעקויקעלט פון קליין ביז גרויס... און וואָס ז'ו ביזט מיר מנדר דאָס געלד פון דיינע שרייבעכצען, דאַנק איך דיר בעצייטענס. דיינע יעהופּעצער פּיינע בריות מעגען עס פערמאָגען אויף איין ווארעמעס, וואָס דו ווערסט זיך שוין דאָר־טען אָננעמען „גאָלענאר". דו ביזט אליין א ג אָ ל ע נ א ר, דאָס הייסט, פון אויבען ביז אראָפּ — נארר... און אויב דו ווילסט, איך זאָל ניט געהן יונגערהייד פון דער וועלט, און דיינע קינדער זאָלען חלילה ניט בלייבען קיין יתומים, זאָלסט דו זיך ארויסשלאָ־גען פונ'ם קאָפּ אלע דיינע לופטיגע פרנסות מיט דיינע זיסע שריי־בעכצען, און קומען צו פאָהרען אמאָל אהיים, צו דיין ווייב און קינדער, צו דיינע שווער און שוויגער, ווערסט דו זיין, אם ירצה־שם, א גאַסט, ווי די מאַמע זאָגט: „באָדיי דעם אויווען צעוואל־גערען"... ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

משה דוד דעם קאָלעקטאָר געדענקסט דו, צי ניין? האָט ער זיך מיישב געווען און האָט שוין לאַנג געוואָרפען איין אום־חן אויף זיין ווייבעל, געוואָלט פּטור ווערען פון איהר, ניט געוואוכט ווי אזוי; נעמט ער און פאָהרט אוועק אין אמעריקע. האָט זי איהם געפּאַקט ביי דער גרעניץ און געמאכט אזא שקאנדאל, אז ער וועט דאָס פערזאָגען א צעהנטען. א ליטוואַק קאָן! מיינע צרות אויף זיין קאָפּ!

II.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר״ר מנחם־מענדעל נ״י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט ־אָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, מיין ליעבער און מיין בע־שערטער, וואָס וועט זיין פון דיר? עס נעמט דאָך דיך קיין קויל נישט! ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען! שיס אין דער וואַנד אַריין! די מאַמע זאָל לעבען — איהרע ווערטער מעג מען פער־שרייבען: „אַ קראַנקער, זאָגט זי, וועט געזונד ווערען, אַ שכור וועט זיך אויסניכטערען, אַ שוואַרצער וועט וויים ווערען, און אַ נאַרר וועט בלייבען אַ נאַרר“... און זאָג אפשר, אַז זי איז אומגע־רעכט! בערעכען זיך, וואָס דו האָסט אָפּגעטהאָן, זינט איך קען דיך פאַר אַ מאַן, אַז אָך און וועה איז מיר, — איז דיר נאָך קאַרג, געהסט דו אויף דער עלטער און פערשטעלסט זיך פאַר אַ מאַרשע־ליק! אַ „רייבער“ געוואָרען און „רייבט“! און סע געפינען זיך נאָך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס זיי צאָהלען דערפאַר. ווער ווייסט, וואָס דו קאָנסט מיט דיינע בעשרייבעכצען אָנאַרבייטען חלילה. איך בין שוין אַ געלערענטע. ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פאַר אַ יעשלאָגענעם הונד טאָר מען קיין שטעקען ניט ווייזען“... בראָש קלויבט ער זיך אויס אַלע מאָל גרינגע פּרנסות, לופטיגע פויגעלעך. גאָר ניט. ער וועט זיך זיצען אין יעהופּעץ אויף דער סטאַנציע און וועט „רייבען“, און איך וועל זיך וואַלגערען דאָ אין כתרילעווקע

זאָל איהר **שילדערען** (אזוי טאַקי מיט דעם לשון) דאָס לעבען פון דער שטאָדט יעהופּעץ מיט אַלע איהרע טיפּען. די משמעות, אַז זי וויל וויסען, וואָס ביי אונז אין יעהופּעץ טהוט זיך, וואָרום וואָס דען איז דער פּשט „טיפּען“?... איאָ, איין איידעלקייט פון א רעדאַקציע? .קאָן מען דאָך שוין אַזוי גראָב גיט זיין און ניט אָפּלעגען אויף מאָרגען. האָב איך אויסגעטהאָן די קאַפּאָטע און איך האָב מיך אַוועקגעזעצט און איך שרייב איהר — שוין דער דריטער טאָג, אַז איך שרייב און שרייב, און סע הערט זיך גאָר ניט אויף צו שרייבען! און מחמת איך בין זעהר פערנומען מיט מיין שריי־בען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר אָרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדער, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך **מנחם־מענ'דעל.**

עיקר שכחתי. איך בעט דיך, שרייב מיר, צי האָסט דו מקבל געווען עפּיס מעות פון דער רעדאַקציע? מחמת איך האָב זי געבעטען, אַז זי זאָל דיר שיקען דערוויי'ל, עד לחשבון, עפּיס אַזעלכע עטליכע קערבלעך. ממה־נפשך, אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענ־דעל אַרויף — מיר וועלען זיך מיט איהר אויסרעכענען.

הנ"ל.

III.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ׳ם אנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט. איך שטעה שוין, דאַנקען גאָט, אָפּגעדרוקט אויפ׳ן בלאַט גלייך מיט אַלע שרייבערס און איך פיהל מיך איצטער עפּיס גאָר איין אנדער מענש. די ערשטע מינוט, אז איך האָב דערזעהן מיין נאָמען אויפ׳ן בלאַט אָפּגעדרוקט: מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל — האָבען זיך מיר אַזש געשטעלט טרערען אין די אויגען. דו מיינסט, מחמת וואָס? נאָר מחמת גוטסקייט, וואָס סע געפינען זיך אַזעלכע גוטע, פיינע, לייטישע מענשען אויף דער וועלט. איך מיין טאַקי די רעדאַקציע. על־פּי שבל דאַרף מען פערשטעהן, אז איך בין מסתמא ביי איהר נישט קיין בן יחיד, ס׳איז דאָ גענוג שרייבערס אָהן מיר אויך. פון דעסטוועגען, האָט זי זיך ניט געפוילט און האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט איבערגעלייענט מיין בעשרייבעכץ, ווי עס זעהט אויס, פון טאָוועל ביז טאָוועל, און ענטפערען ענטפערט זי מיר אין בלאַט, דאָס הייסט, אין ב ר י ע פ ק א ס ט ע ן, אז מיין בעשרייבעכץ איז איהר געפעלען, נאָר ס׳איז אביסעל צו לאַנג — איז נומער איינס. והשנית, פערלאַנגט זי פון מיר, איך זאָל איהר ניט אויסטראַכטען מעשיות פונ׳ם קאָפּ; זי וויל נישט מעהר בלתי איך

פסח אויף סוכות און פון סוכות אויף פסח. ווער שמועסט, משה־הערשעלי, מיר זאָל זיין וואָס פאַר אַ חכם דאָס איז, קליגער פונ'ם טאַטען, ווי עס ווינשט דיר פיעל גוטס און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

וואָס זאָגסט דו אויף מיין בריינדלען? זי גט זיך שוין מיט'ן צווייטען מאַן. קיינער ווייסט ניט, איבער וואָס. נאָר בסוד האָט ער מיר בעוויזען אַ האַנד פול מיט בלויע צייכענס. ער איז איהר מוחל, זאָגט ער, דעם נדן מיט איהר ציערונג, אַבי פטור ווערען פון אַ שלאַק. ווי זאָגט די מאַמע: „בעסער אַ לויט מזל איידער אַ פונט גאָלד"... אונזער גאַנצע משפחה האָט נישט קיין גליק צו מאַנען...

IV.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד הכּפוּרסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, אַז איך שפּיי שוין מיט בלוט פון דיינע זיסע בריוולעך. ווער איז דאָס דאָרטען אָט די יפהפיה דיינע, וואָס דו האָסט אויסגעטהאָן צוליעב איהר די קאַפּאָטע און ביזט געוואָרען מיט איהר קוצעניו־מוצעניו? לאָז זי דיר ברענען אויפ'ן פייער אינאיינעם מיט איהר געלד. איך דאַרף זי אויף סים־סאָט כפּרות, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „שענק מיר ניט דיין האָניג און געב מיר ניט דיין בים"... מאָהל דיר, דיין רעדאַקציע מעג שוין דעמאָלט קרענקען, ווען זי וועט מיר שיקען מעות — מיאוס און זענען מיר שוין געוואָרען דיינע שרייבעכצען, וואָס דו שרייבסט מיר. און אויב אַפילו ס'איז מיר שוין בעשערט, אַז מיין מאַן זאָל זיין אַ שרייבער, פּערשטעה איך ניט, וואָס דאַרף מען צוליעב דעם זיצען אין יעהופּעץ? ניטאָ קיין טינט אין כתרילעווקע? נאָר מסתמא מוז דאָך דאָ זיין עפּיס אַ הינטער־פּיסעל, אַ שמד־שטיק, ווי זאָגט די מאַמע: „צעביים דעם עפּעל, וועסט דו געפינען אַ וואָרעם"... לכן, בעלי היקר, נעם צענויף דיינע שרייבעכצען און קום צו פאָהרען אַהיים גאָר אָהן אַ שום תירוץ. וואָרום איך קאָן ניט צוזעהן דעם צער פון די קינדער. זיי פרעגען זיך נאָך אַלע מאָל: ווען קומט דער טאַטע? לעג איך זיי אָפּ פון

און דערפון אויסהאַלטען אַ זוהן אַ גימנאַזיסט און אַ טאָכטער אַ גימנאַזיסטקע, וואָס טהון טהוען זיי גאָרנישט, העלפען איהר ניט פון דאַנען אַהין, און מע קוקט אַרויס, אַז די מאַמע זאָל צוטראָגען דאָס גרייטע גלייך אין מויל, אין דער פריה דאָס גלעזעל קאַווע אין בעט אַריין, און שפּעטער, געקומען פון דער גימנאַזיע, איז נישט געפרעגט, צי ס'איז דאָ פאַר וואָס, צי ס'איז ניטאָ פאַר וואָס — דער אָנבייסען מוז שטעהן אויפ'ן טיש, און טאָמער נישט אַזוי גיך — איז הימעל עפען זיך. אָט אַזעלכע קינדער זענען דאָס. אַנומעלטען האָט זיך דאָס מיידעל, די גימנאַזיסטקע, אין דער פריה צעשריגען, למאַי ס'איז ניטאָ קיין זייף, און איז אַריינגעלאָפען האַלב נאַקעט, מיט'ן גאַנצען האַלז אין דרויסען, אין שטוב אַריין צו די אורחים, וואָס זענ'ען געזעסען ביי'ם טיש און געטרונקען טיי, און האָט זיך צעלאָזט אויף דער מוטער מיט אַ גוואַלד: „שטאָ זאַ סווינסטווע!“ האָבען מיר זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָבען זי גענומען שטראָפען: סטייטש, אָט דערויף שטודירט מען אין די גימנאַזיעס? „לאַ-די, זאָג איך, וואָס די מאַמע דיינע האָרעוועט אַזוי, פּוצט דיר די שיכלעך בשעת דו שלאָפסט...“ אַזוי רוף איך מיך אָן צו דער טאָכטער און וויל ערשט אָנהויבען זאָגען מוסר, אַז סע פאַלט ניט אָן אויף מיר דאָס בחור'על: „אַ וואָס קאַקאָיאַ דיע-לאָ!“... און האָט מיך גענומען באָרען, ווי אַ רעכטער עזות-פּנים! האָט דאָס מיך שוין גוט פערדראָסען און איך האָב אַרומגעשריבען די דאָזיגע אַלמנה נעבאַך מיט איהרע שענע קינדער, און איך פער-האָף, אַז ס'וועט זיך אָפּדרוקען, וועט דאָס זיין דער בעסטער מוסר. די וועלט איז געוואָרען גרויס! ס'איז פאַרהאַן מסתמא נאָך אַזעלכע אָרעמע אַלמנות און נאָך אַזעלכע קינדער גימנאַזיסטען און גימנאַ-זיסטקעס, וואָס טהוען זייערע מוטערס צום טוידט... היינט פערשטעהסט דו שוין, זוגתי היקרה, פאַר וואָס מע צאָהלט מיר געלד? און מחמת איך בין פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת-עתה

V.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז איך האָב שוין אויסגעשריבען צוויי פלעשלעך טינט, איך האַלט שוין ביי'ם דריטען. אַ קליינינ־קייט — בעשרייבען אַזאַ שטאָדט, ווי יעהופעץ! אָנהויבען האָב איך אָנגעהויבען פון דער אכסניא, דאָרט וואו איך האַלט סטאַנציע, און האָב זיך גענומען, ראשית חכמה, צו דער בעל־הבית'טע. וועסט דו דאָך פרעגען: וואָס עפּיס צו דער בעל־הבית'טע? ווייל ס'איז ניטאָ קיין בעל־הבית; זי איז אַיין אלמנה שוין פון דרייצעהן יאָהר. דער מאַן איהרער איז געווען אַ סאָלדאַט, און זי איז געווען ביי איהם דאָס אַנדערע ווייב. גענומען האָט זי איהם, זאָגט זי, צו־ליעב דעם, זי זאָל מעגען נאָכדעם, אינ'ם זכות פון איהר מאַן, וואָה־נען דאָ אין יעהופעץ, און האָט געהאַט מיט איהם, זאָגט זי, אַ לע־בען — אז אָך און וועה אויף אַלע שונאים, וואָרום זי איז געווען סך־הכל יונגער פון איהם מיט גוטע צוואַנציג יאָהר, און זי איז גע־ווען, זאָגט זי, אַ בילד־פּאַרשוין מיידעלווייז; אַלע מאַנסבילען, אי־דען און כריסטען, זענען געווען נאָך איהר די כפּרה... און איצט דאַרף זי אַרויסקוקען, טאָמער וועט זיך מנחם־מענדלען פערגלוס־טען אַ מאָל עסען אַ באָרשט, אָדער אַ שטיקעל פלייש מיט חריין,

VI.

שייגה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך האָב געליִיענט דיין בריעף און נישט געגלויבט מיינע אויגען. א בייזער חלום און געגוג. געפונען א נויטיגע זאך צו בעשרייבען! איין אלמנה האָט איהם גאָט בעשערט מיט קינדער, דער רוח ווייסט וואָסערע — און ער לעגט אויף איהר רחמנות און מאכט פון איהר א גאַנצען ציִמעס. ווען איך בין אויף דיין אָרט אין יעהופעץ, וואָלט איך דאָס בחור'על אַנדערש בעשריבען, און די מויד מיט די נאקעטע פּלייצעס וואָלט איך אוועקגעזעצט אין קיך, אויף דער פלייש־געגער באַנק, לאָז זי שיילען קאַרטאָפּלים, ניט איך זאָל זיי זאָגען מוסר. א מוסר־זאָגער געוואָרען מיין מאַן, א בעל־דרש'ער, און מע צאָהלט איהם, זאָגט ער, דערפאַר געלד, ווי זאָגט די מאַמע זאָל לעבען: „פאַרהאַן אַלערליי משוגעים אויף דער וועלט"... מיר דאכט, אז איידער אַריינקוקען אין פרעמדע טעפּ און מישען זיך צו יענעמס קינדער, איז גלייכער, עס זאָל דאַרען דער קאָפּ פאַר אייגענע. דו קעהרסט, דאכט זיך, אָן דיינע קינדער א טאַטע, צי ניין? זאָלסט הערען, ווי משה־הערשעלי לערענט שוין קמיץ־אַלף — מעג דיין יעהופעצער אלמנה מיט דער רעדאַקציע אינאיינעם זיין פאַר איהם די כפרה. ס'זאָל מיר זיין גוט אויפ'ן האַרצען, וואָלט איך איהם אראָפּגענומען א פּאַטאַ־

לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינדערלעך זאָלען לעבען, און שווער און שוויגער, איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם - מ ע נ ד ע ל.

,ע י ק ר ש כ ח ת י. וואָס דו פרעגסט זיך נאָך, ווער איז די רעדאַקציע, האָסט דו, אפּנים, ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס איז. א רעדאַקציע איז ניט איין מענש, נאָר עטליבע מענשען, וואָס האָבען זיך צענויפגעלעגט און געבען־אַרוים אַלע אינאיינעם א גאַזעט. די גאַזעט צעשיקט מען אין אַלע שטעדט און מע לייזט פאַר איהר געלד. נאָר אַזוי ווי א גאַזעט דאַרף האָבען שטאָף, בעט אונז די רעדאַקציע, אַז מיר זאָלען שרייבען, און צאָהלט אונז דערפאַר געלד. טהוען מיר איהר צוליעב, דאָס הייסט, מיר שרייבען, און זי דרוקט. היינט פערשטעהסט דו שוין, וואָס דאָס איז פאַר א געשעפט?

הנ״ל.

VII.

מנחם־מענדעל פון יעהופעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאל העלפען, מע זאל תמיד הארכען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז איך בין שוין מיט דער בעל־הבית'טע פארטיג און האב מיך געגומען צו די אורחים פון דער אכסניא, דאס הייסט, איך בעשרייב אלע שלים-מזל'ען, וואס שטע־העו מיט מיר אויף איין סטאנציע. איך קאן מיך בעריהמען, אז ס'איז מיר, קיין עין־הרע, געראטען. איין שלים־מזל גרעסער פונ'ם אנ־דערען. נאר דער גרעסטער פון אלע איז דער, וואס מע רופט איהם ביי אונז „דער מוצלח". פון איהם איז דא אזוי פיעל צו שריי־בען, אז ס'וועט ניט קלעקען ניט קיין פאפיער, ניט קיין טינט. אליין איז דער יונגערמאן פון ,שוואנעץ, איין איידעם איז ער גע־ווען פריהער א לאדיזשינער און נאכדעם א סאראקער, בעזעצט האט ער זיך אין קאטערינעסלאוו, און דארט איז ער ארויסגעפאהרען מיט'ן ערשטען געשעפט, אנגעהויבען האנדלען מיט גאלד, דאס הייסט, חברה האבען איהם פערקויפט עטליכע זעקלעך גאלד, צו־געגומען דאס גאנצע ביסעל מזומנ'ס, און ס'האט זיך אויסגעלאזט, אז געהאנדעלט האט ער זאמד. איז איהם געווארען שלעכט, ,זאטש

גראַפּיע מיט די איבעריגע קינדער און וואָלט דיר אָוועקגעשיקט אהין, זאָלסט האָטש זעהן, ווען דו האָסט פערביטען אויף אַלמנות מיט רעדאַקציעס, מיט צרות און מיט שלעק, ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

טרינקען, ניט שלאָפען, אבי שפּיעלען אין שאָך, האָבען זיי ביידע אזוי לאנג געשפּיעלט אין שאָך, ביז זיי זענען געבליבען ביי די לעדיגע קעסטלעך אָהן־גילזעס. וואו זענען אהינגעקומען די גילזעס — ווייסט מען ניט. דערווייל האָט ער דערהערט, אז איינער איין אפּטייקער אין א קליין שטעדטעל ניט ווייט פון קרעמענטשוק פערקויפט־אויס א גאנצע קראָם מיט פערשיעדענע סחורות בזיל הזול, טאקי א כשר'ע מציאה. איז ער אוועק און האָט אפּגעהאנדעלט בחצי־חנם דאָס גאנצע ראמשעל און האָט זיך גענומען פּאקעווען די סחורה, און ס'איז איהם געשטאנען דערביי פערדיענען א מטמון מיט געלד. דאַרף זיך טרעפען איין אומגליק, אז צווישען די סחורה זאָל זיך געפינען א קעסטעל פּולווער. האָט זיך מיישב געווען דאָס קעסטעל פּולווער, פאַהרענדיג אין וואגאָן, און טהוט א שאָס און צעשיסט דעם וואגאָן און שיסט אָפּ א פוס דעם קאָנדוקטאָר — ער איז קוים אַרוים מיט'ן לעבען. וואָס זאָגסט דו אויף דעם „מוצלח“? ער זאָגט אַליין אויף זיך, אז ער טהוט א קוק אריין אין טייך אריין — פגר'ען אוים אַלע פיש. ווי דו קוקסט איהם אָן, איז ער צו די צרות נאָך א ווערטעל־זאָגער אויך. אַליין ,איז דאָס א קליינטשיקס און א ריהרעוודיגס, מיט ברענענדיגע אויגעלעך. דאָס קאָפּעלישעל איז ביי איהם פּעררוקט אהינטער, די הענד אין די קעשענים, און דער מוח אַרבייט — קאָנבינאציעס, אָהן א שיעור קאָנבינאציעס! ער זאָגט, אז ער מוז „נעפרעמעננאָ“ זיין א מיליאָנער, אַניט — הויבט ער זיך אויף און פאָהרט אוועק קיין אַמעריקע. דאָרט האָט ער שוין גאָר קיין דאגה ניט. מיך רעדט ער צו, איך זאָל מיט איהם אויך פאָהרען קיין אַמעריקע. ער זאָגט, אז אזעלכע מענשען ווי מיר ווערען אין ערגיץ ניט פערפאלען. נאָר משוגע וועל איך ווערען — אוועקוואַרפען אזא בכבוד'ע פּרנסה, ווי דאָס שרייבעריי, און פאָהרען זוכען גליקען! און מחמת איך בין זעהר פערנומען און האָב קיין צייט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די

וואַרף זיך אַ לעבעדיגער אין ניעפּער אַריין, האָט ער גענומען דאָס שטעקעל, אַרויס אויף דער בערזע, צענויפגעפיהרט אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, געמאַכט עטליכע קערבלעך און מודיע געווען אין די גאַזעטען, אַז ער זוכט אַ געשעפט מיט אַ שותף. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שותף מיט אַיין אַייזענגעשעפט, דאָס הייסט, ער האָט געקויפט מיט'ן שותף אַ שטיקעל ערד ביי קריוואָראָג, עפרות זהב. מע האָט זיי געוואָלט געבען דערפאַר כמה אַלפים אָפּ־טרעט־געלד. האָט ער געזאָגט: אָדער אַ האַלבען מיליאָן, אָדער גאָרניט. איז געוואָרען גאָרניט. האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו ערד־קויהלען, דערטאַפּט אַ אינזשינער אַ דייטש, דאָס הייסט, אַ איד וואָס רעדט דייטש, און האָט געדונגען מיט איהם אַ שאַכטע, און דוקא אין גלייכען געלד, און מע האָט זיך אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבייט, גראָבען קויהלען. האָט זיך געעפענט אַ קוואַל, מע ווייסט ניט פון וואַנען, אַ מבול. האָט מען אַוועקגעשטעלט צוויי מאַשינעס אויף אויספּאָמפּען דאָס וואַסער. אָט פּאָמפּעט מען, אָט קומט אָן נאָך — אַ מעשה אָהן אַיין עק. האָט ער אַ שפּיי געטהאָן אויפ'ן דייטש און האָט זיך בעקענט מיט אַ אידען, וואָס קויפט צענויף אייער, אָנגעשלאָגענע, ניט קיין פרישע, און מאַכט פון די געלעכ־לעך עפּים אַ מין זאַך, איך האָב פערגעסען ווי אַזוי מע רופט דאָס. דאַרף זיך טרעפען, אויף זיין גליק פּלאַצט אַ מאַשינע, און דער איד מאַכט פּליטה און לאָזט איהם איבער איינעם אַליין מיט די צע־שפּאָלטענע אייער. האָבען זיי בעקומען אַזאַ ריח, אַז מע האָט איהם געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. האָט ער געמוזט איינמאָל ביי־נאַכט אַרויס־שפּרינגען דורך אַ פענסטער און מאַכען אַ ויברח — און לאָז זיך קאַטערינעסלאַוו האַלטען מיט די אייער. אַביסעל געלד האָט ער געהאַט, איז ער אַוועק פון דאָרטען קיין קרעמענטשוק און האָט גע־עפענט מיט איינעם בשותפות אַ פאַבריקע פון גילזעס. בעדאַרף ער אָנטרעפען אויף אַ שותף, וואָס איז אַ גרויסער ליעבהאָבער פון שאַך, און אַזוי ווי ער אַליין איז אויך אַ ליעבהאָבער פון שאַך, ער קאָן אַוועקזיצען, זאָגט ער, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ניט עסען, ניט

VIII.

שיינה־שיינדעל פון כתרילעווקע צו איהר מאַן מנחם־מענדעל אין יעהופּעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ע ר ש ט ע נ ס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַלע גאָט צו דאַנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער.

צ ו ו י י ט ע נ ס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אַז ווי דו וועסט נאָר בעקומען דאָס דאָזיגע בריוועל, זאָלסט דו, למען־השם, קומען צו פאָהרען אהיים, וואָרום מיין טאַטע נעבאַך איז מסוכן קראַנק. ס'איז שוין געוועזען אַ קאָנסיליום פון דאָקטוירים, האָבען זיי געפּונען, אַז ער האָט, אַז אַך און וועה, וואַסער אין בויך. די וועהטיגען, וואָס ער טראָגט איבער, איז נישט צו צוזעהן. קאָנסט פערשטעהן, אַז די מאַמע זאָל לעבען איז גאָר נישט צו דערקענען! מע קאָן זאָגען, אַז זי איז זיך מפקיר צוליעב איהם. זי זאָגט: „מיט אַ שכן אַז מע איז אָפּ דרייסיג יאָהר אין איין שטוב איז אויך אַ רחמנות"... און דו זיצסט דאָרטען אין דעם שענעם יעהופּעץ און בע־שרייבסט שלים־מזל'ען, די כפרה זאָלען זיי זיין פאַר מיין טאַטענ'ס יאָרמעלקע. ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי ש י י נ ה ־ ש י י נ ד ע ל.

געדענק זשע, למען־השם, באַלד ארויספאָהרען און קלאַפּען אַ דעפּעש.

קינדערלעך, און שווער און שוויעגער, און איטליכען בעזונדער גאָר פֿריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איך פֿערשטעה ניט, פֿאַר וואָס איך האָב ניט קיין שום ענטפֿער פֿון דער רעדאַקציע אויף מיינע ערשטע אַר־בייט, וואָס איך האָב איהר אַוועקגעשיקט. נישט קיין ענטפֿער, נישט קיין געלד. איך האָב איהר שוין געשריבען דריי בריעף. איך ו'עכען, אם־ירצה־השם, היינט — מאָרגען האָבען פֿון איהר תשובה.

הנ"ל.

איין אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט ער זיי אויסגעזידעלט אויף אַלע זייטען. אָדער איך זאָל האָבען געלד, וואָלט איך זיי געקלאַפּט א דעפּעש: טוידט אָדער רויט!... איך בין גאָר ניט אימשטאַנד דיר איבערגעבען דאָס עגמת־נפש מיט דעם הארצוועהטיג, מיט דעם אַראָפּפּאַלען, וואָס מע איז ביי זיך; עס לעגט זיך גאָר ניט די פּען אויף צו שרייבען מעהר. וואָס דאַרפסט דו א סך? איך האָב געבעטען, מע זאָל מיר חאָטש שיקען די גאַזעט אומזיסט, ענטפערט מען מיר אויך נישט. איך זאָל אין דער צייט געוועזען האַקען האָלץ, וואָלט איך, דאַכט זיך, אויך מעהר פּערדיענט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי מיט אַנדערע שרייבערס — מיט מיר האָבען זיי זיך בעגאַנ־גען ערגער, ווי מיט'ן לעצטען שבלעצטען. צו די בערג טהו איך מיינע אויגען: מ א י ן י ב ו א ע ז ר י — אפשר וועט דער אויי־בערשטער העלפען, וואָרום ס'איז באו מים עד נפש, ערגער קאָן שוין גאָר ניט זיין!... און מחמת איך בין זעהר דערשלאָגען, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, אינ'ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה זאָל גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה און זאָל צושיקען דעם שווער א רפואה שלמה. גאָט זאָל העלפען, מע זאָל זיך זעהן געזונד אַלע מיט די קינדערלעך, נאָך וועלכע איך בענג זעהר שטאַרק, ממש ער געהט מיר אוים דאָס חיות.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. דער בריעף ליגט שוין ביי מיר דעם אַנדערען טאָג, מחמת איך האָב ניט אויף קיין מאַרקע. איך האָב איבערגעטראַכט די גאַנצע צייט, צו וואָס נעמט מען זיך, וואָס טהוט מען און וואָס הויבט מען אָן צו טהון? דאַכט זיך מיר, ס'איז שוין גאָר נישטאָ אַזאַ פּרנסה אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל מיך אויף איהר ניט וואַרפען. איין זאַך נאָר האָב איך דורכגעלאָזט: שדכנות. עס שטעהט ביי אונז אויף דער אַכסניא א איד א שדכן, און וועה־ליג ער דערצעהלט, איז ער מאסף ממון. און א פּרנסה איז דאָס

IX.

מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ר א ש י ת בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פון'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

ו ה ש נ י ת הנה זיי וויסען, אז דיין בריעף איז געוועזן פאַר מיר ווי אַ פּיסטויל אין האַרצען. איך זאָל האָבען פליגלען, וואָלט איך, ווי איין אָדלער, געפלויגען צו אייך קיין כתרילעווקע, האָב איך אָבער ניט מיט וואָס צו ריהרען זיך. דער בעל־הבית'טע פון דער אכסניא בין איך שולדיג, אַז די האָר זענען ניט מיינע. אַ חוץ וואָס איך האָב איהר אָפּגעגעסען דעם קאָפּ, האָב איך ביי איהר נאָך אַלע מאָל איבערגעחאַפּט אויף פּאַפּיער און אויף טינט. איך האָב אַלץ געמיינט — אָט־אָט. אַזוי פיעל פּאַפּיער און טינט אויסגענוצט, אַזוי פיעל שענע זאַכען אויסגעטראַכט, אָפּגעשריבען זיך אַלע פינגער — און די רעדאַקציע זאָל עס מיר אַפילו ענטפער־רען! זי האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגט. זעהר ניט שען פון איהר זייט! ממה־נפשך: געפעלט אייך ניט מיין שרייבען, דאַרפט איהר מיר שרייבען, וועל איך אויפהערען שרייבען. יענעמ'ס טרחה איז ביי זיי, אפנים, בלאָטע. ס'זאָל זיין

X.

שיינה־שיינדעל פון כתריל׳עווקע צו איהר מאן מנחם־מענדעל אין יעהופעץ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוהר"ר מנחם־מענדעל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאָט צו דאנקען אין בעסטען געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף וויטער ניט ערגער.

צווייטענס שרייב איך דיר, אז איך האָב דיר ניט וואָס צו שרייבען. איך האָב געוויזען דיין בריעף דער מאמען, זאָגט זי, אז איך בין אליין שולדיג. „ווי אַזוי מע בעט זיך, זאָגט זי, אַזוי ליגט מען... זאָלסט געווען, זאָגט זי, מיך לאָזען זיך מיט איהם אי־בערשרייבען, מיט׳ן שענעם „געניידעם“, וואָלט איך איהם שוין לאַנג, זאָגט זי, אָראָפּגעבראַכט. איך וואָלט זיך ניט געפּוילט, זאָגט זי, און וואָלט אליין זיך דורכגעפאָהרען נאָך איהם. אויף דיין גליק, זאָגט זי, זאָרף דער טאַטע ליגען אויפ׳ן טוידטען־בעט און מירביידע דארפען זיך קוים האַלטען אויף די פיס“. דאָס געלד, וואָס איך שיק דיר דאָ, איז מיין מאַמע׳ס — און וויים איהר גוטסקייט. איך בעט גאָט, אַז מעהר זאָל איך פון דיר שוין קיין בריוועלעך ניט האָבען, און ווי־נאָר דו וועסט אַרויספאָהרען פון יעהופעץ, אַזוי זאָל זיך עפענען די ערד און איינגעזונקען זאָל ווערען די דאָזיגע שטאָדט, אַזוי ווי סדום, מיט אַלע איהרע גאָלדענע געשעפטען, גליקען, מעק־לערס, שדכנים, אכסניות, בעלי־בית׳טעס, רעדאַקציעס, ווי עס ווינשט דיר פיעל געזונד און אימער גליק היינט און אַלע מאָל

דיין באמת געטרייע פרוי **שיינה־שיינדעל.**

סוף פונ׳ם פיערטען בוך.

אפשר ניט אזא בכבוד'ע, ווי שרייבערײ, אָבער שענער פון מעק־
לערײ איז דאָס געװוים. דער עיקר, אַבי דער אויבערשטער גיט א
שטיקעלע הצלחה.

ה נ " ל.

עם פיעדעלט נישט

מנחם־מענדעל — א שדכן.

געשריבען אין יאהרען 1900־1909.

עס פיעדעלט נישט

(מנחם־מענדעל — א שדכן).

מנחם־מענדעל פון וועג צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדעל שתחי' עכב"ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד האָרכען איינס פונ'ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית הנה זיי וויסען, אז עס פיעדעלט נישט, עס געהט נישט, האָטש צעריים זיך. תיכף ומיד ווי איך האָב מקבל געוועזן פון דיר די צוגעשיקטע עטליכע קערבלעך, האָב איך זיך קודם צע־צאָהלט אויף דער סטאַנציע און האָב מיך באַלד אָנגעהויבען פאַ־קעווען אין וועג אריין. וואָס דאַרפסט דו מעהר? איך בין שוין אָפילו געזעסען אין וואַגאָן, גענומען א בילעט ביז חוואַסטעוו, און פון חוואַסטעוו האָב איך גערעכענט פאָהרען גלייך אהיים, קיין כתרילעווקע הייסט עס. האָבען מיר דאָך אָבער א שטאַרקען גאָט, וועסט דו הערען, וואָס ער טהוט אָפּ. אַנומעלטען האָב איך דיר געהאַט געשריבען, אז אויף דער אַכסניא, דאָרט וואו איך האָב געהאַלטען סטאַנציע, האָט זיך געפונען א איד א שדכן, לייבע לע־בעלסקי הייסט ער, וואָס בעריהמט זיך, אז ער טראָגט ארום ביי זיך אין בוזעם די גאַנצע וועלט און פערדיענט שטיקער גאָלד. דער־ווייל האָט ער בעדאַרפט אָפּפאָהרען אויף א פאָר טעג מכח א גרוי־

ו ו י נ ע צ ע — חיים העכט... בחור מנגן על הבערזע... פאַרט בפאַיטאַנדיל... גרויסיר פאַרדיניר... שוה 10 אלפים...

ז י ט אָ מ ע ר — הנגיד שלמה זלמן טאַראַטייקי... ב׳ בתולות... קראַסאַוויצות פרימע... הקטנה מעט גישטופילט... פיאַנע דייץ פראַנצויז... רוצה גישטודירטע... דעפלאָם לאו דוקא...

ח מ ע ל נ י ק — הנגירה בתי׳ פלעקיל... אלמנה וואָכירניצה... חכמה נפלאה... רוצה למדן... מעג זיין בלא מעות...

ט א ל נ י — הרבני רב אברעמעלי פיינציק... אלמן... חסיד בעל תנ״ך... זוכט אלמנה עם גישעפט...

י א מ פ ע ל י — משה ניסיל קימבאַק... נגיד חדש... אשתו מרת ביילה לאה... ווילין אַ שידוך כלות הנפש... וויפיל דער צד שכנגדו גיט מתחייב צו גיבין ב׳ פעמים... רח״ש לשדכנים תיכף ומיד בשעת טעליר ברעכין... מתנה להשדכן עקסטרי מצד המחותנתטי...

כ ת ר י ל ע וו ו ק ע — רב נתן קורח... גביר ממון קירח... דבר אחר גדול... בן משכיל יוסף יצחק... קעניר חריף... טשירגעניוו ודאַרווען... שטיליר וואָרים... מבקש אנאָרימי יתומהלי... קראַסאַ־וויצה שבקראַסאַוויצה... ניט חולה לשלוח על הוצאות... נ ו ת ן ב צ י מ ב י ל ה ו ל ך ב ט ע נ צ י ל...

ל י פּ א ָו ו י ץ — בן הגביר לייבוש קאַפּאָטי... פּאַרברענטיר חסיד... נותן אקזאַמין על 8 קלאַסין... יושב באדעס... שפּילט על הפידל ויכול לשון קודש... קראַסאַוויץ...

מ ע ז ב י ש — רב שמשון שעפּסיל שימעליש... אלמן... האָט ב׳ בתולות עם ג׳ אלפים... רק מוז קודם אליין חתונה האָבין... וויל גם כן בתולה...

נ ע מ ע ר ע ו ו — סמיציק... בערנאַרט מאָסעיוויץ... פון די אמתי סמיציקעס... גרוש סאַמעסטאָיאַטעלני... שפּיליר מתמיד בפּריווירענץ... תקיף אצל נאַצאַלסטווי... מן היושר בתולה עם ה׳ אלפים אָדיר גרושה עם 10 אלפים...

סען שידוך; ער האָט בעקומען, זאָגט ער, א „סטראָטשנע דעפּעש", ער זאָל ניט מעדליוועו, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע פּעקעל זיינס ביי דער בעל־הבית'טע, געבעטען, זי זאָל עס בעהאַלטען ביז ער וועט קומען צוריק פון'ם שידוך, וועט ער זיך שוין צערעכענען. און אזוי ווי דו זעהסט איהם, אזוי האָבען מיר איהם געזעהן. פאַר'ן אוועקפאָהר מאַכט צו מיר די בעל־הבית'טע: „איהר פאָהרט דאָך אויף יענער ליניע, נאָט אייך דעם שדכן'ס פּעקעל, טאָמער וועט איהר זיך בעגעגענען ערגיץ מיט'ן שלים־מזל, מיט דעם לע־בעלסקי'ן, וועט איהר איהם אָפּגעבען זיינע שפּאַרגאַלען". זאָג איך: „וואָס דאַרף איך פרעמדע פּעקלעך?" זאָגט זי: „האָט קיין מורא ניט; ס'איז ניט קיין געלד, ס'איז פּאַפּיערען, שמות". כך הוה. שוין זיצענדיג אין וואַגאָן, בינד איך אויף דאָס פּעקעל אויף א טשיקאַוועסט און טהו א קוק אריין — א גאַנצער אוצר: בריעף פון שדכנים, רשימות פון מחותנים, און גלאַט כתבים. צווישען די כתבים — א לאַנג צעטעל אויף לשון־קודש פון חתנים און כלות, אויסגערעכענט נאָכ'ן אלף־בית; איך געב דאָס דיר איבער אות באות:

אוורוּיץ — חוה בת הגביר רב לוי טאַנקינאָג... גרויסיר מיוחס... אשתו מרים גיטיל... גם כן מיוחסת... הויכי וואוקס... קראַסאַוויצה... ד' אלפים... רוצה גיקאָנציטין....

באלטי — פייטעל בן הגביר יוסף היטילמאַכיר... משכיל... ציניסט... גיקאָנציט בוכהאַלטירי... מפריזעוו אסלאַבאָדעט... דאַווינט אַלע טאָג... וויל מעות...

גלוכיוו — יעפים באַלאָסני... אפּטייקיר גלוח... האָט ליב יודין... מלוה ברבית... רוצה ברענעטקה...

דובנא — לאה בת הגביר רב מאיר קאָרזיק... משפחה... קורצי וואוקס... רויטי האָר... מדברת פראַנצויז... יכול ליתן מעות...

הייסין — ליפּע בראש... שוואָגיר של איצי קוימין... בעל יועץ בסאַכירני זאוואָד של רב זלמן ראַדימישליר... בן יחיד... והנער יפת תואר... ממזר אויגין... רוצה שמאַלץ־גרוב...

ת אָ מ א ש פ אָ ג — ה׳ בתולות... ג׳ קראַסאַוויצות וב׳ פּאַס־קודניצות... און אַלימען אָדיר אַ דאָקטער עס גאַבינעט ומעביל אָדיר אַנאַדוויקאַט עס פּראַקטיקי ביהופיץ... כתבתי כמה בריוולאַך...

זיץ איך מיר אַזוי אין וואַגאָן, מיט׳ן שדכן׳ס פּעקעל הייסט עס, און לייען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס דאָזיגע לשון־קודש׳דיגע צעטעל פון חתנים און כלות, און טראַכט מיר: רבונו של עולם! וויפיעל פּרנסות דער אויבערשטער האָט בעשאַפען אויף דער וועלט פון זיינע אידען׳ס וועגען! אָט, אַשטייגער, דאָס שדכנות. וואָס קאָן זיין, דאַכט מיר, פיינער און לייטישער, בעסער און גרינגער דערפון? וואָס איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו טהון? מע בעדאַרף נאָר האָבען אַ קלעפּקע אין קאָפּ און קאָנען אויסמאַרקירען מיט׳ן שכל, ווער צו וועמען סע פּאַסט. למשל: אַווריטש האָט אַ מיידעל אַ קראַסאַוויצע מיט פיער טויזענד, וואָס וויל אַ געקאָנטשעטען, האָט באַלטע אַ ציוניסט אַ משכיל, וואָס האָט געקאָנטשעט בוכהאַלטעריע און וויל געלד — איז דאָך דאָס אָנגעמאָסטען! אָדער לאָמיר נעמען טאַלנע: זיצט אַ איד איין אַלמן, וואָס זוכט איין אַלמנה מיט אַ געשעפט — פאַר וואָס זאָל ער זיך ניט מטריח זיין קיין חמעלניק, צו דער אַלמנה בתיה פלעקעל, וואָס זוכט איין אַלמן אָהן געלד, אַבי אַ למדן? הערסט דו, זוגתי היקרה, מע דאַרף נאָר קאָנען מאַכען קאָנבינאַציעס. ווען איך זאָל געווען געבוירען ווערען אַ שדכן, וואָלט איך אַוועקגעשטעלט דאָס געשעפט גאָר אַנדערש. איך וואָלט זיך אויפגעשריבען מיט אַלע שדכנים פון דער גאַנצער וועלט, צענויפגענומען אַלע זייערע רשימות און וואָלט זיך אַוועקגעזעצט צענויפפּאָרען, פריהער אויף פּאַפּיער, געוויינטליך, ד ע ם חתן מיט ד ע ר כלה, ד י כלה מיט ד ע ם חתן, און אין יעדער שטאָדט וואָלט איך מיר געהאַט אַ שותף, וויפיעל שטעדט, אַזוי פיעל שותפים. ממה־נפשך, וויפיעל ס׳וועט זיין, וועט מען זיך טיילען, חצי שלי וחצי שלך. עס וואָלט זיך אפשר געלוינט

סמילע — פערילי דאמה... גרושה עם 10 אלפים... דארף א משכיל קאמעסניר...

ענאטעוועקע — הבעל חבית רב מענדרי לאפיטע... זקן אריביר שבעים... רק האלטצעך קרעפקי... מקבר גיווען ג׳ נשים... וויל בתולה...

פרילוק — הגומענאזיסט פרייטיג... בן הגביר מיכל פרייטיג... טראגט היטיל בבית... שרייבט ניט בשבת... וויל כ׳ אלפים לא פחות פרוטה... כנגד חצי...

צאוויצען — רשימה מן גביר אלמן פישיר... יושב באסטרעכאן... צוגעזאגט ב׳ וויגרעזני בילעטין פערווע זאיאם... חוץ רח״ש... צריך לכתוב עוד א׳ בריוועל... בקשתי לשלוח כ״ה רו״כ אויף הוצאות... לכה״פ מארקעם...

קרימענצוק — משכיל וציניסט סכנת נפשות... מאה קאמיסים... חכם... חריף בשאך... ש״ס בעל פה... קעניר ובעל דברן... ווירטלזאגיר אש להבה... כתבא רבא... שמעתי אז ער האט שוין חתונה גיהאט...

ראדימישל — אייניקיל של רב נפתלי ראדימישליר... שייך לסאדיגערי... סאבירני זאוואד... גילדיני פאן... חצי חסיד חצי דייטש... קורצי פאה ולאנגליכי קאפאטי... קעניר בשפראך וקלאר יורה דעה... יש לו פעטיר מיליאנציק וזאצאמני קוויטאנצי... זוכט קראסאוויצה משפחה יחוס ר׳ אלפים פארטיפיאן ארנטלעך פראנצויז פאריק טאנצן לעכטבענצן בארעשני בלא קאוואלירן...

שפאלי — הגביר המפורסם אליה מצערנאביל... יושב ביהופיץ... מעקליר של צוקיר ואימעניות... בשותפות עם הגביר המפורסם באבישקע... בת יחידה... פארלאנגט טעלירל מן השמים... קעניר יותר מדאקטער... באווארנט מפריזעוו... שיין כמו יוסף הצדיק... וקלוג כמו שלמה המלך... זינגין ושפילן על כל הכלים... משפחה בלא פלעק... מעות אהן א שיעור... עם כל המעלות... כמעט בראצקע... דפקתי דעפעש לראדימישל...

זאָגט ער, אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער, זאָגט ער, האָט אַזוי געפיהרט מיט זיין השגחה עליונה, אַז מיר, צוויי שדכנים, זאָגט ער, זאָלען זיך מזדמן זיין לפונדק אחד, וואָלט אפשר, זאָגט ער, געווען אַ סברא, אַז מיר זאָלען טאַקי אָט־אָ־דאָ־אָ, פאָהרענדיג מיט אייך אין איין וואַגאָן, עפּיס מתקן זיין?“... „דהיינו, זאָג איך, וואָס זאָלען מיר מתקן זיין?“... „אפּשר האָט איהר, זאָגט ער, אַ בעלן אויף גוטען וויין אין אַ שלעכטער כלי?“... „דהיינו, זאָג איך, וואָס ווערד ביי אייך אָנגערופען גוטער וויין אין אַ שלעכטער כלי?“... „לאָזט אייך דיענען, זאָגט ער, תיכף ומיד וועל איך אייך מסביר זיין, וועט אייך דער פּסוק ווערען רעכט אַרום און אַרום. נאָר וואָס דען? איהר דאַרפט צולעגען קאָפּ. איך האָב, זאָגט ער, אין יאַרמעלינעץ אַ שטיקעל סחורה מן המובחר, אָבער טאַקי פון די אַנטיקען, רב איציקעל טאַשראַץ הייסט ער. מילא יחוס — איז אָפּגערעדט. מע קאָן זאָגען, זאָגט ער, איינגעטונקען אין יחוס. וואָרום אַ חוץ וואָס ער איז אַליין, זאָגט ער, אַ גרויסער מיוחס, איז זי נאָך אַ גרעסערע מיוחסת פון איהם. דער חסרון, זאָגט ער, איז אָבער, וואָס ער הייסט זיך פאַר זיין יחוס משלם זיין מיט מעות מזומנים. וויפעל ער גיט, וויל ער, אַז דער צד שכנגדו זאָל געבען צוויי מאָל אַזוי פיעל“... „שאַט, זאָג איך, מיר דאַכט, אַז ס'איז פאַרהאַן פונקט דער אַרטיקעל, וואָס איהר דאַרפט“. און איך טהו מיך אַ נעם צו מיין פּעקעל, שלעפּ אַרויס דעם ספר הזכרונות פון מיין שדכן לייבע לעבעלסקי און מ'יש אויף יאַמפּעלי און טהו איהם אַ וויַיז: „אָט איז ער, זאָג איך, אָט דער, וואָס איהר זוכט איהם. לייענט, וועט איהר זעהן: משה ניסעל קימבאַק, נגיד חדש — איין אויפגעקומענער נגיד הייסט עס; וויל אַ שידוך כלות הנפש — דאָס הייסט, ער געהט־אויס! און וויפיעל דער צד שכנגדו גיט, איז ער זיך מתחייב געבען ב' פּעמים — צוויי מאָל אַזוי פיעל הייסט עס. פּונקט דאָס, וואָס איהר דאַרפט!“...

עפענען אַ קאָנטאָר אין יעהופּעץ, אָדער אין אַדעס, האַלטען מענ־שען, זיי זאָלען זיצען שטענדיג און שרייבען בריוולעך און קלאַפּען דעפּעשען — און איך אַליין טהו גאָר ניט, נאָר איך זיץ מיר און פּאַר און מאַך קאָנבינאַציעס!

אָט אַזעלכע מחשבות, פאַנטאַזיעס, קאָנבינאַציעס פליהען ביי מיר אין קאָפּ. טראָגט־אָן דער גוטער יאָהר צו מיר אין וואַגאָן אריין אַ נפש, אַ בעוואַכסענעם מיט האָר פון אויבען ביז אראָפּ, שלעפּט מיט זיך אַ זאַק און סאַפּעט ווי אַ גאַנז און רופט זיך אָן צו מיר מיט אַ מאָדנע בנעימות׳דיג לשון, גאָר ניט ווי געוויינטליך: „יונגערמאַן, זאָגט ער, אפשר וואָלט געווען אַ סברא, איהר זאָלט זיך מיט אייער עלטער מטריח זיין, זאָגט ער, אַ רוק טהון זיך בשעת הדחק אַ ביסעלע אראָפּ, בכדי, זאָגט ער, אַז אַזא איד, ווי איך, למשל, זאָל האָבען די זכיה בעזעצען זיך אויף אַ רגע מיט אייך בהרחבה אין שכנות?" — „פאַר וואָס ניט? אָך, מיט׳ן גרעסטען כבוד!" — אַזוי זאָג איך צו איהם און נעם און מאַך איהם איין אָרט און טהו איהם אַ פרעג גלאַט אַזוי, פון יוצא וועגען: „פון וואַנעט איז אַ איד?" — „מאין באתי, הייסט עס? פון קאָרעץ. — ענטפערט ער מיר. — מיין נאָמען איז אָשר, און רופען רופט מען מיך רב אָשר שדכן. איך בין שוין פאַוואָלינקע, זאָגט ער, ווי איהר קוקט מיך אָן, מיט׳ן אויבערשטענס הילף, כמעט פערציג יאָהר אַ שדכן". — „אַזוי? — זאָג איך. — זענט איהר, הייסט עס, אויך אַ שדכן?" — „על כן, דאַרפען מיר, זאָגט ער, לערנען דעם פשט, אַז איהר זענט מסתמא אוודאי אַ שדכן, הייסט דאָס — אָחינו אתה, קומט דאָך אייך, זאָגט ער, על־פּי־דין שלום־עליכם!" — אַזוי מאַכט צו מיר דער דאָזיגער שדכן און רוקט מיר אריין אַ מגושמ׳דיגע ווייכע האָריגע האַנד און טהוט מיך אַ פרעגע, אפנים, אויך פון יוצא וועגען: „מה שמכם?" — זאָג איך: „מנחם־מענדעל"... „אַ קענטליכער נאָמען, מאַכט ער צו מיר, ערגיץ האָב איך געהערט, נאָר איך ווייס ניט וואו. הערט זשע, זאָגט ער, אויס, רב מנחם־מענדעל, וואָס איך וועל אייך זאָגען. וויבאַלד,

קאָרשט פֿערשטעהן, זאָגט ער, וואָס איז ער אַזוי לְהוּט נאָך אַ שידוך און וואָס ברענט אַזוי די מחותנת'טע און זאָגט אַזש צו מתנות להשדכן? די משמעות, זאָגט ער, אַז דאָרט ליגט אַ וואָרעם. אַ ווערעמדיגער עפּעל הייסט עס"... — „וואָס זשע, זאָג איך, איז די עצה?" — „די עצה, זאָגט ער, איז דאָ אַ פּשוט'ע עצה: מירביידע דאַרפֿען טאַקי באַלד צעשיידען זיך, זאָגט ער, אין צוויי בעזונדערע דרכים, איך, זאָגט ער, קיין יאַרמעלינעץ, צו מיין מיוחס רב איציקעל טאַשראַץ, און איהר קיין יאַמפּעלי, צו אייער משה-ניסעל קימבאַק. נאָר וואָס דען? מיר ביידע, זאָגט ער, דאַרפֿען אַרבייטען אויף אַלע כלים. איהר מצדכם וועט זיך דאַרפֿען משתדל זיין, אַז אָט דער ווערעמדיגער עפּעל זאָל נתנ'ען וואָס מעהר, און איך מצדי, זאָגט ער, וועל מן הסתם צוהאָרעווען, אַז מיין טאַשראַץ זאָל טאַקי געבען כנגד די גאַנצע העלפֿט, ווי ער האָט מיר מבטיח געווען, וואָרום אַ קשיא, זאָגט ער, אויף אַ אידען, וואָס האַנדעלט מיט יחום?"

ווי דו זעהסט, זוגתי היקרה, האָט זיך עס אָנגעהויבען כלומרשט מיט אַ שפּאַס, אויף קאַטאָוועס הייסט עס, און אויסלאָזען האָט זיך עס אויסגעלאָזט טאַקי אויף דער רעכטער אמת, וואָרום ביז וואָס-ווען — זענען מיר געקומען קיין חוואַסטעווו. געקומען קיין חוואַס-טעוו, האָבען מיר קודם געטרונקען טיי, פֿיינטשיק פֿערביסען און גענומען שמועסען עסק גאַנץ ערנסט. איז מיר אָפּילו תחילת געווען פֿריקרע די גאַנצע מעשה: וואָס פֿאַר אַ שדכן בין איך? און וואָס פֿאַר אַ מחותן בין איך מיט פֿרעמדע רשימות? וואָרום אַז מע וויל, הייסט דאָך דאָס גזילה! עלעהיי יענער האָט פֿערלאָרען אַ טייסטער מיט געלד, און איך האָב איהם אויפֿגעהויבען. נאָר אַז מע וויל דאָס אייגענע צוריק — מה רעש? ממה-נפשך, וועט זיך אויספֿיקען, איז יחלוקו! איך בין דאָך נישט קיין פֿעלדר-גזלן, וואָס איך זאָל פֿערלאַנגען פֿרעמדס. הקיצור, ס'איז ביי מיר געוואָרען רעכט פֿון אַלע זייטען, און ס'איז געבליבען, אַז מיר לאָזען זיך ביידע אין וועג אַריין, ער קיין יאַרמעלינעץ, איך קיין יאַמפּעלי.

דערהערט אַזעלכע דבורים און דערזעהן ביי מיר, אַז אַט דער משה־ניסעל קימבאַק זאָגט נאָך צו רח"ש לשדכנים תיכף ומיד בשעת טעלער־ברעכען, און אַ חוץ אַ מתנה עקסטרע פון דער מחותנת'טע, — טהוט זיך מיין רב אָשר אַ הויב־אויף פונ'ם אָרט, נעמט מיך אָן ביי דער האַנד און מאַכט צו מיר: „מזל־טוב, רב מנחם־מענדעל, מיר האָבען געמאַכט אַ געשעפט. איך האָב געזעהן, זאָגט ער, ביי אייך אין קוישעל, אויב איך בין מיך נישט טועה, אייער־קיכלעך, טיי און צוקער ושאר ירקות, וואָלט אפשר ניט גע־שאַדט, זאָגט ער, מיר זאָלען דערווייליע מאַכען מזונות, און אם־ירצה־השם, אַז מיר וועלען קומען בשלום קיין חוואַסטעוו, וועט איהר זיך מטריח זיין מחילה נאָך היים וואַסער, איך האָב געזעהן, זאָגט ער, ביי אייך אַ טשייניק, וועלען מיר טרינקען צו גלעזלעך וואַרעמס. און מסתמא, זאָגט ער, וועלען מיר קריגען אויף דער סטאַנציע אַ ביסעל יי"ש אויך, זיעבען און פופציג גראַדאָווער, וועלען מיר שוין אין איינוועגס, זאָגט ער, טרינקען לחיים פאַר מיין יאַרמעלינעצער מיוחס מיט אייער יאַמפּעלער אויפגעקומענעם נגיד, וואָס חלש'ט אַ שידוך, און לאָז זיין, זאָגט ער, אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל'־דיגער". „אָמן, זאָג איך, פון אייער מויל אין גאָט'ס אויהערען. נישט אַזוי גיך אָבער טהוט זיך עס, זאָג איך, ווי סע רעדט זיך"... שלאָגט ער מיר איבער די רעדה, דער שדכן הייסט עס: „לאָזט אייך דיענען, רב מנחם־מענדעל, זאָגט ער, איהר ווייסט ניט מיט וועמען איהר האַנדעלט. איהר האָט צו טהון נישט מיט קיין יונגעלע. איהר רעדט, זאָגט ער, מיט אַ וועלט־שדכן, וואָס מע רופט איהם רב אָשר און וואָס האָט ניט אַזוי פיעל האָר אין קאָפּ, וויפיעל שידוכים ער האָט שוין בעזרת השם יתברך אויסגעפיהרט. לאָמיר ביידע, זאָגט ער, פערמאָגען די מאות, וויפיעל פּאָר־פּאָלק עס האָבען זיך שוין ביי מיר אָפּגעג'גט און נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט און וויעדער געג'גט זיך... איך, זאָגט ער, אַז איך טהו אַ קוק אַ רשימה, טאַפּ איך באַלד אָן, צי ס'וועט הולכ'ען, צי ניין. אייער משה־ניסעל, זאָגט ער, געפעלט מיר, דאַרף זיין מיט אַ סרחה, וואָרום לאָמיר

א היבשע טאָכטער?" זאָגט מען מיר: „מע קאָן פון איהר מאַכען צוויי"... — „גיט ער עפּיס אַ סך נדן?" זאָגט מען מיר: „וויפיעל ער גיט, איז ער נישט קראַנק געבען צוויי מאָל אזוי פיעל"... הויב איך אָן טאַפּען: „פאַר וואָס?" טאַפּ אהין, טאַפּ אהער — סע טאַפּט זיך נים. טהו איך אָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע און לאָז מיך געהן גלייך צו דעם דאָזיגען מחותן.

מילא, איך זאָל דיר בעשרייבען אַ שטוב, איז נים שייך. אַ נגיד'ישע שטוב פון כל טוב, און מענשען — דימענטען. געזאָגט, ווער איך בין און וואָס איך בין געקומען, האָט מען מיך אויפגע־נומען כיד המלך, מכבד געווען מיט זיסען טיי, מיט צוקער־לעקאַך און מיט שמעקענדיגען אתרוגים־איינגעמאַכטס, און גוטען ווישניק אַ פלעשעל אוועקגעשטעלט. דער מחותן אליין, משה־ניסעל הייסט עס, איז מיר געפעלען עד אין לשער: אַ צוגעלאָזטער מענש, אַ מזג־טוב, מע קאָן זאָגען — אַ מענש אָהן אַ גאַל. אויך די מחותנת'־טע, ביילה־לאה הייסט עס, איז מיר געפעלען געוואָרען פונ'ם ער־שטען קוק. אַ שענע אידינע מיט אַ גיידער, אַ שטילע, אַ צדיקית. ביידע האָבען זיך גענומען אויסטאַפּען ביי מיר, ווער איז דער צד שכנגדו, האָט ער עפּיס אַ וואָהלען זוהן, און וואָס קען ער? וואָס זאָל איך זיי זאָגען, אז איך וויים אליין אויך נים? נאָר אַ איד אַ למדן גיט זיך איין עצה. רוף איך מיך אָן צו זיי: „לאָמיר נאָר פאַרטיג ווערען מיט איין צד, ווען מיר נאָכדעם שמועסען פונ'ם אנדערען צד; ראשית, זאָג איך, וויל איך וויסען אקוראַט, וויפיעל גיט איהר? והשנית, וואָלט איך ווען אָנקוקען דאָס קרן". דער־הערט אזעלכע דבורים, רופט זיך אָן דער מחותן, משה־ניסעל הייסט עס, צו דער מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס: „וואו איז ערגיץ סאָניטשקע? רוף זי נאָר אריין". — „סאָניטשקע טהוט זיך נאָך אָן", — מאַכט צו איהם די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, הויבט זיך אויף און געהט אוועק אין צווייטען חדר אריין, און איך מיט'ן מחותן, מיט משה־ניסלען הייסט עס, בלייבען איבער אין צווייען, גענומען צו קאַפּלעך ווישניק, פערביסען מיט אתרוגים־

אָפּגעשמועסט האָבען מיר אזוי: אז איך וועל קומען אַהיים'ן אָרט, זאָל איך קודם חוקר ודורש זיין, וואָס איז די מעשה, וואָס אָט דער משה־ניסעל קימבאַק יאָגט זיך אַזוי אַ שידוך טהון, אגן אז איך וועל בעטראַכטען די שטוב, און דאָס קרן וועט מיר געפעלען, זאָל איך איהם קלאַפּען אַ דעפּעש קיין יאַרמעלינעץ כך וכך, וועט ער מיר צוריק קלאַפּען אַ דעפּעש כך וכך, וועט מען זיך צענויפפאָהרען מסתמא קיין זשעמערינקע אָנקוקען זיך, און אויב ס'איז אַ זיווג, וועט זיין אַ שידוך. „דער עיקר, זאָגט ער מיר, דאַרפט איהר זעהן, רב מנחם־מענדעל, ניט זשאַלעווען קיין הוצאות, קלאַפּען דעפּעשען, וואָרום ביי אַ שידוך, זאָגט ער, איז דער עיקר דעפּעשען... אַ מחותן, זאָגט ער, אַז ער דערזעהט אַ דעפּעש, חאַפּט איהם אוועק דער רוח"... ס'איז געקומען צום שפּיץ, ביי'ם נעמען בילעטען — לאָזט זיך אויס, אַז מיין לאַנד־שדכן רב אשר'ען פעהלט־אויס אויף הוצאות. „ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעבראַכט ביז דער לעצטער פּרוטה אויף דעפּעשען מיט טעלעגראַמעס. איהר זאָלט עס פער־דיענען, זאָגט ער, אַלע חודש, וואָס מיך קאָסט־אָפּ אַ וואָך דעפּעש־שען מיט טעלעגראַמעס". דו פערשטעהסט? אָט אַזאַ פּרנסה איז דאָס שדכנות! בקיצור, דער פאַיעזד דערוויייל שטעהט ניט, איך האָב געמוזט אויסלעגען מיינע עמליכע קערבלעך, וואָרום איבער הוצאות צעגעהט זיך קיין געשעפט ניט. מיר האָבען זיך געביטען מיט די אַדרייסים, גאַנץ פיין זיך אָפּגעזעגענט און צעפאָהרען זיך, ער קיין יאַרמעלינעץ, און איך קיין יאַמפּעלי.

געקומען קיין יאַמפּעלי, האָב איך, ראשית חכמה, אָנגעהויבען חוקר ודורש זיין: „ווער איז אָט דער משה־ניסעל קימבאַק?" זאָגט מען מיר: „חוץ זיין שאַדען אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען"...— „האָט ער עפּיס אַ סך קינדער?" זאָגט מען מיר: „אַ סך קינדער האָט איין אָרעמאַן, און אַ נגיד האָט מעהר נישט ווי איין קינד"...— „וואָס פאַר אַ קינד?" זאָגט מען מיר: „אַ טאָכטער". — „עפּיס

און איין אסאָבע, אַזוי ווי די מאַמע איהרע. „נו, אַ וואוכס, און בריוט, קיין עין־הרע! — טראַכט איך מיר. — ניט קיין סאָניטשקע, נאָר טאַקי אַ גאַנצער סאָניטשניק!“... אָנגעטהאָן געהט זי, די כלה הייסט עס, עפּיס מאָדנע, אין אַ לאַנגען קאַפּאָט, אַ בונדע אַזעלכע, זעהט אויס מעהר ווי אַ ווייבעל, נישט מחמת אַלטקייט, נאָר מחמת ברייטקייט, סכנת נפשות! מע וואָלט בעדאַרפט מיט איהר עפּיס אַ שמועס טהון, זעהן, וואָס ס׳איז פאַר אַ חיה, — לאָזט ער נישט, דער פאָטער הייסט עס. ער האַלט אין איין רעדען, בעשיט מיך מיט רעד. פון וואָס, מיינסט דו, רעדט ער? פון יאַמפּעלי. וואָס פאַר אַ שטאָדט דאָס איז, אַ שטאָדט פון בערע־דערס, ניט קיין פערגינערס, שונאים אין לעבען אריין, איינער דעם אַנדערען וואָלט דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער! וכדומה אַזעלכע פּוסטע רעד. אַ דאַנק דער מחותנת׳טע,ביילה־לאה׳ן הייסט עס, זי מישט זיך אריין און טהוט אַ זאָג צום מאַן: „משה־ניסעל, אפשר וואָלט געווען גענוג רעדען? לאָז זיי בעסער סאָניטשקע אַביסעל שפּיעלען אויפ׳ן פּערטיפּיאַן“. „ביי מיר האָסט דו גע׳פּועל׳ט“, — ענטפערט איהר דער מזותן, משה־ניסעל הייסט עס, און גיט אַ וואונק צו דער טאָכטער. געהט־צו די טאָכטער צום פּערטיפּיאַן, זעצט זיך אַוועק, עפענט־אויף אַ גרויס בוך און קלאַפּט מיט די פינגער אויף וואָס די וועלט שטעהט. רופט זיך אָן צו איהר די מאַמע, ביילה־לאה הייסט עס: „סאָניטשקע, וואָס טויג דיר טיודען? שפּיעל זיי בעסער „יעחאַל קאָזאַק זאַ דונאַיעם“, „הייסע באַבקע־לעך“, אָדער נאָר „המבדיל“... „פּאָזשאַלעסטע, מעשאַיע ניט“, — ענטפערט איהר סאָניטשקע און מאַכט מיט די פינגער איבער׳ן פּערטיפּיאַן אַזוי גיך, אַז דאָס אויג איז גאָרניט אימשטאַנד צו חאַפּען. און די מחותנת׳טע, ביילה־לאה הייסט עס, בעת-מעשה לאָזט נישט אַראָפּ פון איהר קיין אויג, ווי איינער רעדט: „איהר זעהט פינגער?“... און ווי זי שפּיעלט אַזוי, גליטשען זיך אַרויס פון חדר מיין מחותן מיט דער מחותנת׳טע, און איך בלייב אַליין מיט דער כלה, מיט סאָניטשקע׳ן הייסט עס, — אויף פיער אויגען.

איינגעמאַכטס און מע שמועסט. פון וואָס שמועסט מען? — לאָ־מיך אַזוי וויסען בייז, נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל אַ יריד. „שוין לאַנג אַז איהר זענט אַ שדכן?“ — מאַכט ער צו מיר און גיסט מיר אָן נאָך אַ גלעזעל ווישניק. „פון נאָך דער חתונה אָן, זאָג איך איהם, מיין שווער, זאָג איך, איז אַ איד אַ שדכן און מיין טאַטע, זאָג איך, איז אויך געווען אַ שדכן, אַלע מיינע ברידער זענען שדכנים, כמעט די גאַנצע משפחה אונזערע, זאָג איך, בעשטעהט פון שדכנים“... אָט אַזוי האַק איך איהם איין ליגען נאָכ'ן אַנ־דערען און פערקרים מיך אפילו נישט, נאָר איך פיהל, אַז עס פלאַמט מיר דאָס פּנים. איך וויים אַליין ניט, פון וואַנען עס האָבען זיך צו מיר גענומען אַזוי פיעל שקרים! אַ ברירה האָב איך געהאַט? ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „אַז מע קריכט אַריין אין אַ בלאָטע, קריכט מען ווייטער“... גע'פּועל'ט האָב איך ביי זיך, ווי איך האָב דיר שוין אויבען געזאָגט, אַז דער אויבערשטער וועט מיך בעגליקען און איך וועל דורכברעכען אָט דאָס דאָזיגע געשעפט, וועל איך מיין חלק פערדיענסט, אם־ירצה־השם, גאָר אָהן אַ שום תירוץ, טיילען אויף דער האַלב מיט יענעם שדכן, מיט דעם לייבע לעבעלסקי'ן הייסט עס, וואָס האָט פערגעסען אויף דער אַכסניא זיין פּעקעל מיט כתבים. וואָס האָב איך צו איהם? איי, על־פּי יושר קאָן מען אפשר צו'פּסק'ענען, אַז מיין חלק רח"ש געהער אינגאַנצען צו איהם, צו לעבעלסקי'ן הייסט עס? איז דער תירוץ: און וואו בין איך? איך בין דאָך דאָ, אייגענטליך, דער גאַנצער גורם. און מיין ארבייט איז שוין גאָרניט ווערטה? און האַקען שקרים פון יענעמס וועגען בין איך, דאַכט מיר, אויך נישט מחויב. און ווער ווייסט, אפשר האָט גאָט אַזוי געפיהרט, אַז ער זאָל פערלירען און איך זאָל געפינען, און אין מיין זכות זאָלען דריי אידען פערדיענען געלד?

אין די דאָזיגע מחשבות עפּענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, און תיכף נאָך איהר — סאָניטשקע, די כלה הייסט עס. אַ שענע, אַ הויכע, אַ געזונדע

כע זאכען, וואָס זענען שייך צום ענין. און איך הויב מיך אויף
און וויל געהן אויף דער סטאנציע קלאָפּען א טעלעגראם, נעמט
ער מיך, משה־ניסעל הייסט עס, פאר א האנד און מאכט צו מיר:
„איהר וועט נישט געהן, רב מנחם־מענדעל! איהר וועט פריהער
עסען מיט אונז וואַרעמעס, איהר קעהרט אוודאי זיין הונגעריג".
און מע געהט זיך וואשען און מע זעצט זיך אוועק עסען און מע
נעמט צו גלעזלעך ווישניק, און ער, דער מחותן הייסט עס, די
גאנצע צייט — דאָס מויל מאַכט זיך איהם ניט צו: יאמפעלי,
יאמפעלי און יאמפעלי... „איהר ווייסט נים, זאָגט ער, וואָס פאר
א שטאָדט דאָס איז! א שטאָדט פון לעדיגגעהערס און בערעדערס.
איהר זאָלט מיך פאָלגען, זאָגט ער, וואָלט איהר זיך געהאלטען פון
דערווייטען, נישט גערעדט מיט קיינעם א וואָרט. איהר זאָלט
זיי, זאָגט ער, נישט דערצעהלען קיין מעשיות, ווער איהר זענט און
פון וואנען איהר זענט און וואָס איהר טהוט דאָ, און מיין נאָמען
זאָלט איהר זיי אפילו גאָרניט מזכיר זיין, גלייך ווי איהר קענט
מיך גאָרניט. איהר פערשטעהט, רב מנחם־מענדעל? א י ה ר
ק ע נ ט מ י ך ג אָ ר נ י ט!" — אזוי זאָגט ער מיר אָן אפשר א
מאָל צעהן, און איך געה אוועק, קלאָפּ א דעפּעש צו מיין שותף
קיין יארמעלינעץ, אזוי ווי מיר האָבען אָפּגערעדט, און שרייבען
שרייב איך איהם גאנץ דייטליך, בזה הלשון: „ט אָ ו ו א ר
אָ ס מ אָ ט ר ע ל. פּ ע ר ו ו י ס אָ ר ט. ש ע ס ט ט י־
ס י א ט ש י. ט ע ל ע ג ר א מ י ר ו י ט ע ס ק אָ ל ק אָ נ א־
פּ ר אָ ט י ו ו. ג ד י ע ס י ע כ א י ע מ ס י א". קומט מיר אָן
פון מיין שותף אויף מאָרגען א תשובה, מאָדנע פערשטעלט:
„א ו פּ י ר א ל ס י א ד ע ס י א ט. נ א פּ ר אָ ט י ו ו פּ אָ־
ל אָ ו ו י נ ע ש ע ס ט. ר א ב אָ ט א י ט י ע נ א ב א ו ו ק ע.
ס אָ ג ל א ס ע ן ז ש מ ע ר י נ ק ע. ט אָ ו ו א ר פּ ר י מ ע.
ט ע ל ע נ ר א מ י ר ו י ט ע". לויף איך אוועק צו מיין מחותן,
צו משה־ניסל'ען הייסט עס, און ווייז איהם די דעפּעש און בעט
איהם, ער זאָל מיר פערטייטשען דעם פּסוק, וואָרום איך פערשטעה

„אַצינד איז אַ צייט, טראַכט איך מיר, מאַכען מיט איהר אַ שמועס; לאָמיר חאָטש הערען, צי זי קאָן רעדען“. נאָר פון וואָס הויבט מען אָן? לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע! הויב איך זיך אויף פון אָרט און געה־צו און שטעל זיך אַוועק הינטער איהרע פלייצעס און רוף מיך אָן צו איהר: „האָט קיין פּאַראיבעל ניט, סאָניטשקע, וואָס איך שלאָג אייך איבער אינמיטען דער שפּיעל. איך האָב אייך געוואָלט עפּיס פרעגען“... דרעהט זי זיך אויס צו מיר מיט'ן פּנים און קוקט אויף מיר בייז און מאַכט צו מיר אויף רוסיש: „נאַפּרימער?“... „נאַפּרימער, זאָג איך, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען, וואָס איז אייער בעגעהר? דאָס הייסט, וואָס פאַר אַ מין חתן, אַשטייגער, וואָלט איהר געוואָלט, מע זאָל אייך געבען?“ „ווידיטיע, — מאַכט זי צו מיר שוין אַביסעל ווייכער און לאָזט אַראָפּ די אויגען, — סאָבסטווענאָ וואָלט איך געוואָלט אַ געקאָנטשעטען, נאָר איך וויים, אַז סע איז פּאָנאַפּראַסנאָ, וואָלט איך וועלען, פּאָ קראַינעי מערע, ער זאָל זיין אַיין אָבראַזאָוועטער, וואָרום חאָטש אונזער יאַמפּעלי סטשיטאַיעט זיך אַ פּאַנאַטיטשעסקי שטאָדט, פון דעסטוועגען האָבען מיר ניעסמאָטריאַ אַלע פּאָלוטשעט רוסישע אָבראַזאָוואַניע, און כאָטיאַ מיר פּאָסיעשטשאַיען ניט קיין אוטשעבנע זאַוועדיעניעס, פון דעסטוועגען וועט איהר נישט געפינען ביי אונז איין באַרישניע, וואָס זאָל ניט זיין זנאַקאָמע מיט עמיל זאָליאַ, מיט פּושקינ'ען און אפילו דאַזשע פּיט גאָרקי'ן“... אַזוי מאַכט צו מיר די דאָזיגע יפהפיה, סאָניטשקע הייסט עס, און רעדט, און רעדט צו מיר האַלב אויף אידיש, האַלב אויף רוסיש, דאָס הייסט, מעהר אויף רוסיש, ווי אויף אידיש. און אין דעם קומט־אָן די מחותנת'טע, ביילה־לאה הייסט עס, רופט אַוועק די כלה, ווי איינער רעדט: „אַלסדינג דאַרף זיין מיט אַ מאָס“... און עס קומט אַריין דער מחותן, משה־ניסעל הייסט עס, און מיר זעצען זיך אַוועק מיט איהם וויעדער אין צווייען שמועסען מכה'ן שידוך: וויפיעל גיט ער נדן, וואוהין זאָל מען זיך צענויפפאָהרען מאַכען איין אָנקוקעניש, אויף ווען זאָל מען אָפּשטעלען די חתונה, וכדומה אַזעל־

עס, זאָגט ער, צעקייעט? גערהט זשע, זאָגט ער, טאַקי באַלד און שרייבט איהם אוועק אַ סטראָטשנע, ער זאָל ניט פערציהען אין דער לאַנגער באַנק, און לאָז ער אייך, זאָגט ער, ענטפערען אויך מיט אַ סטראָטשנע, אַז מע פאָהרט זיך צענויף — און איין עק לאָז עס האָבען!“

לויף איך אַוועק און קלאַפּ מיין אָשר׳ען אַ סטראָטשנע דעפּעש: „דאַסט טרי קלאַדיאָט סעם. דאַסט טשיטע־רע קלאַדיאָט דעוויאַט. דאַסט פּיאַט קלאַ־דיאָט אָדינאַצאַט. נע טיאַנוט דלינע סקאַ־מייקע. סטראָטשיטע זויעיעכאַיעם“. — קומט מיר אָן צוריק אַ סטראָטשנע דעפּעש, ניט מעהר ווי צוויי ווערטער: „וועיעכאַיעם. וועיעכאַיטע“.

ווען קומט־אָן אַזאַ וואַזשנע דעפּעש? — מסתמא ביי־נאַכט. און דו דאַרפסט שוין אַליין פערשטעהן, אַז שלאָפען האָב איך די נאַכט נישט געקאָנט. איך האָב גענומען רעכענען, וויפיעל, אַשטייגער, וועט זיך אַקאָרשט אָננעמען אויף מיין חלק, ווען, למשל, דער אויבערשטער העלפט מיר, איך פיהר אויס דאָס גאַנצע צעטעל מיט שידוכים, וואָס דער לייבע לעבעלסקי האָט פערלאָרען? ביי גאָט איז דען ניט מעגליך? אָפּגעעקט איז ביי מיר געווען פעסט, אם־ירצה־השם, אַז איך פיהר דורך דעם דאָזיגען עסק, שלים איך מיט מיין אָשר׳ען אַ שטענדיגע שותפות. וואָרום ער געפעלט מיר פאַר זעהר אַ בראַווען מענשען, און טאַקי אַ מוצלח אויך. און פער־שטעהט זיך, אַז אָט דער לייבע לעבעלסקי וועט אויך ניט זיין גע־קריוודעט. וואָס האָב איך צו איהם? נעבאַך אויך אַ איד אַ איין אָרעמאַן און אַ מטופל מיט קינדער... קוים דערלעבט טאָג, האָב איך אָפּגעדאַוועט און בין אַוועק צו מיינע מחותנים, זיי בעוויזען די דעפּעש. האָבען זיי באַלד געהייסען געבען קאַווע מיט פוטער־געבעקס, און סע איז געבליבען, אַז טאַקי דעם אייגענעם טאָג פאָה־

ניט איין וואָרט. לייענט ער דורך די דעפּעש און מאַכט צו מיר: „איד! וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט? ס'איז דאָך יאַוונע ויאַסנע. ער וויל, פערשטעהט איהר מיך, אַז איך זאָל געבען צעהן, וועט ער מיר געבען אַקעגען די העלפט פון זעכס, דאָס הייסט, דריי טויזענד. שרייבט זשע איהם אַוועק, זאָגט ער, אַז ער איז שוין צו קלוג. ס'איז, זאָגט ער, קורצע דבורים: וויפיעל ער גיט, לעג איך אַקעגען צוויי מאָל אַזוי פיעל. און שרייבט איהם, זאָגט ער, ער זאָל ניט מעדליוועז, טאַקי מיט דעם לשון, זאָגט ער, שרייבט איהם, וואָרום עס קאָן זיך אונטערחאַפּען איין אַנדערער". פאָלג איך איהם און קלאַפּ אַוועק מיין שותף אַזאַ דעפּעש: „קאַראָטקי סלאָוואַ. סקאָלקאָ דאַיאָט קלאַדו נאַפּראָ־טיוו דוואַ ראַזאַ באָלעיע. נע מעדליוואַט. פּאָדחוואַטיטסיאַ דרוגאָי". — בעקום איך פון מיין אָשר'ען אַ תשובה, ווידער פערשטעלט: „סאָגלאַסען דוואַ ראַזאַ מעניע וויגאָוואָראַם טיסיאַ־טשאַ נאַזאַד. טאָוואַר נאַחאָדקאַ". לויף איך ווידער אַוועק מיט דער דעפּעש צו מיין מחותן. זאָגט ער מיר ווידער אַ מאָל: „ס'איז יאַוונע ויאַסנע. אייער שותף, זאָגט ער, שרייבט, אַז ער איז מסכים צו לעגען פונקט העלפט, נאָר מיט אַ תנאי — טויזענד צוריק, דאָס הייסט אַזוי: ווען איך, למשל, וועל געבען, זאָגט ער, צעהן, דאַרף ער דאָך געבען פינף; וויל ער אָפּ־ציהען איינס צוריק, וועט אויסקומען, זאָגט ער, אַז איך געב טאַקי צעהן, און ער וועט מעהר ניט געבען ווי פיער. אַ איד אַ חכם, זאָגט ער, אייער מחותן; ער וויל מיך אָפּשווינדלען פון קאָפּ ביז פיס. איך בין אָבער, זאָגט ער, אַ סוחר און פערשטעה אַ געשעפט. איך וועל איהם בעסער געבען, זאָגט ער, צוויי מאָל אַזוי פיעל און מיט טויזענד מעהר, איידער ער זאָל מיר געבען די העלפט און מיט טויזענד ווענינער. וועט דאָס אויסקומען, זאָגט ער, אַזוי: וועט ער געבען דריי, געב איך אַקעגען זיעבען; וועט ער געבען פיער, לעג איך נייען; וועט ער געבען פינף, לעג איך עלף. האָט איהר

אַריין?“ — „אָט נאָר־וואָס, זאָג איך, האָב איך בעשטעלט אַ זוועטשערע ביי דער בעל־הבית׳טע אויף אַכט פֿאַרשוין“. — „וואָס איז שייך וועטשערע? — זאָגט ער. — וועטשערע איז זיך וועטשערע, נאָר ביז די מחותנים פֿון ביידע צדדים וועלען אַמאָל זיך אויסקראַצען קומען, זענען מיר, זאָגט ער, נישט מחויב דערווייל צו פֿאַסטען. איך זעה, זאָגט ער צו מיר, איהר זענט דאָ אַ היימישער, הייסט זשע, זייט מוחל, מע זאָל אונז גרייטען צום טיש און מע זאָל אונז געבען אַביסעל בראָנפֿען מיט עפּים פֿליישיגס צו פֿערבייסען. עס חלש׳ט מיר, זאָגט ער, דאָס האַרץ מסוכן נפֿש!“ — אַזוי זאָגט צו מיר רב אָשר און מאַכט נישט קיין שהיות און געהט אין קיך אַריין זיך וואַשען, בעקענט זיך מיט דער בעל־הבית׳טע, הייסט געבען צום טיש וואָס ס׳איז דאָ, און מיר זעצען זיך אוועק ביידע צו דער סעודה גאַנץ ברייטליך, און רב אָשר דערצעהלט מיר עסענדיג די נסים ונפֿלאות, ווי אַזוי ס׳איז איהם געראָטען, ער האָט געשפּאָלטען דעם ים, קוים גע׳פּועל׳ט ביי דעם דאָזיגען מיוחס, ער זאָל געבען די ג׳ אלפים ר״ך. „וואָס הייסט, זאָג איך, ג׳ אלפים? מיר האָבען דאָך געשמועסט נישט ווינציגער פֿון פֿיער טויזענד?“ — „לאָזט אייך דיענען, זאָגט ער, רב מנחם־מענדעל, איך וויים, וואָס איך האָב צו טהון. איך הייס רב אָשר! איהר דאַרפֿט וויסען, זאָגט ער, אַז מיין מיוחס האָט בסך־הכל חשק געהאַט לעגען כנגדו גאָרנישט מיט גאָרנישט, וואָרום ער איז אַליין אַ גרויסער מיוחס, זאָגט ער, און האָט אַ ווייב נאָך אַ גרעסערע. און אַז ער זאָל וועלען, זאָגט ער, אַ שידוך טהון מיט אַבי וועמען, וואָלט מען איהם נאָך, זאָגט ער, צוצאָהלען אין בייטעל אַריין... בקיצור, איך האָב, זאָגט ער, געווּג געהאָרעוועט, געהאַקט האָלץ, און קוים מיט צרות, מיט אַנגסטען, גע׳פּועל׳ט, ער זאָל געבען לכל־הפּחות ב׳ אלפים“. „וואָס הייסט, זאָג איך, ב׳ אלפים? איהר האָט דאָך נאָר־וואָס, זאָג איך, געזאָגט ג׳ אלפים?“ — זאָגט ער מיר ווידער: „לאָזט אייך דיענען, רב מנחם־מענדעל, איך בין איין עלטערער שדכן פֿון אייך און איך הייס רב אָשר. לאָזען זיך נאָר די צדדים צענויפֿפאָהרען, און

רען מיר אַרוים זאָלבעפערט קיין זשמערינקע. נאָר בכדי יאַמפּעלי זאָל ניט זיין קשה, וואָס פאָהרען מיר עפּיס אַלע פיער אינאייגעם, — האָבען מיר געמאַכט אזוי, אַז איך זאָל אַרויספאָהרען מיט אַ פּאָיעזד פריהער, און זיי — מיט אַ פּאָיעזד שפּעטער; און דערוויל זאָל איך פון זייערטוועגען דאָרטען צוגרייטען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, הייסען מאַכען ווטשערע, ווי גאָט האָט געבאָטען. און כך הוה. איך בין געקומען קיין זשמערינקע פריהער פאַר אַלעמען, פער־פאָהרען אויף דער שענסטער אכסניא, טאַקי די איינציגע אין זשמע־רינקע, מיט'ן נאָמען „אָדעסקי גאָסטינעץ", זיך בעקענט, ראשית חכמה, מיט דער בעל־הבית'טע, זעהר אַ וואָהלע אידינע, אַ מכנים־אורח'טע, און איך טהו זי אַ פרעג: „וואָס איז ביי אייך דאָ וואָס צו עסען?" — זאָגט זי: „וואָס ווילט איהר?" — זאָג איך: „פיש איז ביי אייך דאָ?" — זאָגט זי: „מע קאָן קויפען". — זאָג איך: „נו, און אַ יויך?" — זאָגט זי: „מע קאָן צושטעלען אַ יויך אויך". — זאָג איך: „מיט וואָס? מיט לאָקשען, צי מיט רייז?" — זאָגט זי: „אפילו מיט מאַנדלען". — זאָג איך: „נו, און אשטיי־גער, כדומה למשל, געבראָטענע קאַטשקעס?" — זאָגט זי: „פאַר געלד קריגט מען קאַטשקעס אויך". — זאָג איך: „נו, און טרינ־קען?" — זאָגט זי: „וואָס טרינקט איהר?" — זאָג איך: „ביער איז דאָ?" — זאָגט זי: „פאַר וואָס זאָל ניט זיין?" — זאָג איך: „נו, און וויין?" — זאָגט זי: „אַבי געלד". — „אויב אזוי, זאָג איך, טאָ זייט זיך מטריח, מיין ליעבע אידינע, און קאָכט ווטשערע אזוי גרויס ווי אויף אַכט פּאַרשוין". — זאָגט זי: „פון וואַנען האָבען זיך ביי אייך גענומען אַכט, אַז איהר זענט בסך־הכל איינער?" — זאָג איך: „אַ מאָדנע אידינע! וואָס געהט אייך אָן? מע זאָגט אייך אַכט, איז אַכט". און אזוי ווי מיר רעדען, קומט־אָן מיין שותף, רב אָשר הייסט עס, און פאַלט אַרום קושען מיך און האַלזען, ווי אַיין אייגענער טאַטע: „דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, זאָגט ער, אַז איך וועל אייך טרעפען דאָ, אינ'ם „אָדעסקי גאָסטי־נעץ"! געפינט זך דאָ עפּיס, זאָגט ער, וואָס צו נעמען אין מויל

מאַכט צו מיר: „ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, מנחם־מענדעל? איהר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רבי!“ זאָג איך: „און איהר זענט אַזוי אַ שדכן, ווי איך בין אַ רביצין!“ אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ער מיר: „מלמד!“ איך איהם: „שקרן!“ ער מיר: „שלים־מזל!“ איך איהם: „זולל־וסובא’ניק!“ ער מיר: „מנחם־מענדעל!“ איך איהם: „שכור’ניק!“... פערדריסט דאָס איהם, געהט ער און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש, געה איך און פאָהר איהם אַריין אין באָרד — אַ שקאַנדאַל, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!...

דו פערשטעהסט? אַזוי פיעל הוצאות און צייט און טרחה. היינט די בזיונות! דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צענויפגעלאָפען אָנקוקען די דאָזיגע שדכנים, וואָס האָבען בעוויזען אַ בריה’שאַפט צענויפפאָרען צוויי מיידלעך. איז אָבער אָט דער אָשר, פערחאַפּט זאָל ער ווערען, באַלד אַנטרונען געוואָרען, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט איינעם אַליין זיך צערעכענען מיט דער בעל־הבית’טע פאַר דער וועטשערע, וואָס איך האָב בעשטעלט אויף אַכט פּאַרשוין. אַ גליק, וואָס איך האָב מיך חאָטש בעצייטענס אַרויסגעמאַכט, איידער די מחותנים מיט די צוויי כלות זענען אָנגעקומען קיין זשמערינקע. וואָס מיט זיי האָט זיך דאָרט אָפּגעטהאָן — ווייס איך ניט. נאָר איך שטעל מיר פאָר די בזיונות!... היינט געה זיי אַ נביא, אַז אָט דער שדכן, ימח שמו זאָל ער ווערען, איז אַזאַ פּוסטע זאַך, אַ ווינדמיהעל, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, וואָס רעדט און פאָהרט און פליהט און קלאַפּט דעפּעשען — און וואָס לאָזט זיך אויס? צוויי בתולות!... איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זוגתי היקרה, עס פיעדעלט נישט, חאָטש וואַרף זיך אַ לעבעדיגער אין וואַסער אַריין! און מחמת איך בין זעהר דערשלאָגען פון’ם דאָזיגען שידוך, מאַך איך דאָס בקיצור; אם ירצה השם, אינ’ם אַנדערען בריעף וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים די קינ־

חתן־כלה וועלען זיך אָנקוקען, וועט אם־ירצה־השם אַלסדינג זיין אָגיל ואשמח. איבער אַזעלכע טויזענד קראַפּען צעגעהט זיך, זאָגט ער, ביי מיר קיין שידוך נישט. איך הײס, פערשטעהט איהר מיך, רב אָשר! איין פּרט, זאָגט ער, איז דאָ יאָ פאַראַן, וואָס סע קוועטשט מיך". — „דהיינו וואָס, זאָג איך, קוועטשט אײַך?" — „מיך קוועטשט, זאָגט ער, דער פּריזיוו. איך האָב אײַנגערעדט, זאָגט ער, דעם מחותן מיינעם, אַז ביי אייער משה־ניסל'ען איז טאַקי נאָך גאָר אַ יונג קינד, בלוט און מילך, נאָר ער הערט דעם פּריזיוו פאַר דריי גראָשען, שוין גע'פּטר'ט דעם פּריזיוו"... „וואָס בעבעט איהר, רב אָשר? — רוף איך מיך אָן צו מיין שותף. — וואָסער פּריזיוו? וואָסערע לאָקשען?" — זאָגט ער צו מיר ווידער אַ מאָל: „לאָזט אייך דיענען, רב מנחם־מענדעל, איך הײס רב אָשר!"... „איהר מעגט אייך הייסען אַכטצעהן מאָל רב אָשר, זאָג איך, פערשטעה איך אַלץ ניט, וואָס איהר רעדט! עפּיס בעלעבעטשעט איהר מיר: „פּריזיוו", „שמיזיוו" — פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיין משה־ניסל'ען אַ פּריזיוו? אַ נקבה האָט שוין דען אויך אויף זיך אַ פּריזיוו?"... מאַכט צו מיר אָשר: „וואָס הייכט — אַ נקבה? און וואו איז אייער משה־ניסעל'ס בחור?"... „פון וואַנען, זאָג איך, האָט זיך גענומען צו משה־ניסל'ען אַ בחור, אַז ער פערמאָגט בסך־הכל זיין אייגענס אַ טאָכטער אַ בת יחידה, איין און איינציגע הייסט עס?" — „איז די משמעות, זאָגט ער, אַז ביי אייך איז אויך אַ בתולה? ס'טייטש, זאָגט ער, מיר האָבען דאָך גאָר געשמועסט עפּיס וועגען אַ חתן!"... „אַוודאי, זאָג איך, אַ חתן! איך האָב אָבער גאָר אַנדערש ניט גערעכענט, זאָג איך, אַז חתן'ס צד — דאָס זענט איהר!"... „פון וואַנעט איז געדרונגען, זאָגט ער, אַז חתן'ס צד — דאָס בין איך?"... „פון וואַנעט איז געדרונגען, זאָג איך, אַז חתן'ס צד — דאָס בין איך?"... „פאַר וואָס זשע, זאָגט ער, האָט איהר מיר ניט מזכיר געווען, אַז ביי אייך איז אַ בתולה?"... זאָג איך: „נו, און איהר האָט מיר מזכיר געווען, אַז ביי אייך איז אַ בתולה?"... ווערד ער אין כעס און

מנחם־מענדעל — אין אגענט.

געשריבען אין יאָהרען 1900־1909.

דערלעך זאָלען לעבען, וואָס איך בענג נאָך זיי שטאַרק, און שווער און ־שוויעגער, און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם־מענדעל.

עיקר שכחתי. גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. פאָהרענדיג פון זשמערינקע, האָב איך געמיינט, אַז דער הימעל איז שוין אויף מיר געפאַלען. נעהאַי־בי וואָלט איך געהאַט גענוג אויף הוצאות, וואָלט איך שוין ווי־עס־איז דערשלעפּט זיך אהיים, קיין כתרילעווקע הייסט עס. האָב איך מיך אָבער אויסגערעכענט, אַז איך וועל מוזען בלייבען שטעקען ערגיץ אין וועג, האָטש נעם, אַל תפתח פה לשטן, און ציה זיך אויס אויף די רעלצען! איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט, בעקען איך מיך אין וואַגאָן מיט עפּים איינעם אַ שלאַק, איין אַגענט אַ אינספּעקטאָר, וואָס שטראַפירט מענשען פון'ם טוידט, און ער הויבט מיך אָן צורעדען און זאָגט מיר צו הרים וגבעות, אַבי איך זאָל ווערען איין אַגענט. וואָס איז דאָס אַזעלכעס איין אַגענט און ווי אַזוי שטראַפירט מען מענשען פון'ם טוידט — איז אַ כך צו שרייבען, און איך האָב שוין איצטיגס כמאַל אַזוי אויך איבערגעהאַפּט די מאָס, לאָז איך עס איבער אויף איין אַנדערש מאָל.

הנ״ל.

סוף פונ'ם פינפטען בוך.

שְׁלִים־שְׁלִים־מַזָל

(מנחם־מענדעל — איין אגענט).

מנחם־מענדעל פון וועג צו זיין ווייב שיינה־שיינדעל אין כתרילעווקע.

לזוגתי היקרה החכמה הצנועה מרת שיינה־שיינדעל שתחי׳ עכב״ב.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תמיד הערכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות, ישועות ונחמות — אָמן.

והשנית הנה זיי וויסען, זוגתי היקרה, אז איך האָב געמוזט עוקר זיין, אַנטלויפען הייסט עס. איך האָב מיך נאָר־וואָס אַרויס־געחאַפּט פון איין אומגליק, פון אַ גרויסען אומגליק! איך מעג בענשען גומל. שיער־שיער בין איך אַריין אין חד־גדיא אַריין, און גאָט ווייסט, מיט וואָס איך וואָלט אָפּגעשניטען. פון רעסטאַנסקי ראָטע איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען, און אפשר נאָך קאַטאָרזשנע סיביר, חאָטש איך בין אין דעם שולדיג גלייך מיט דיר. ווי זאָגט די מאַמע דיינע: „שלים־שלים־מזל דורך טיר און דורך טויער״... איצט, אז דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען, איך האָב מיך בעצייטענס ארויסגעחאַפּט ווי פון אַ שרפה, האָב איך מיך אוועק־

און פערדערדען, אזוי לאַנג רעדען, ביז יענער זאָל זיך שוין מוזען שטראַפּירען פונ'ם טוידט — און מעהר דאַרף מען נים. הקיצור, מיין פּאַרשוין דער אַגענט־אינספּעקטאָר האָט אַרויסגעזעהן אין מיר, אַז איך בעדאַרף זיין אַ גוטער אַגענט, איין אויסגעצייכענטער אינ־קוויזיטאָר.

איצט, זוגתי היקרה, דאַרף מען דיר קלאָר מאַכען, זאָלסט פערשטעהן דעם חילוק צווישען איין אַגענט אַ אינספּעקטאָר און איין אַגענט אַ אינקוויזיטאָר. איין אַגענט אַ אינקוויזיטאָר הייסט גלאַט איין אַגענט, וואָס שטראַפירט מענשען פונ'ם טוידט, און איין אַגענט אַ אינספּעקטאָר הייסט שוין איין עלטערער אַגענט, וואָס מאַכט אַגענטען. היינט איז פאַרהאַן אַ „קרוזשנאָי“ אַגענט־אינ־ספּעקטאָר, וואָס מאַכט אַגענטען־אינספּעקטאָרעט. און איבער די אַלע אַגענטען, אינקוויזיטאָרעס, אינספּעקטאָרעס און „קרוזשנאָי“ אינספּעקטאָרעס איז פאַרהאַן איינער, איין אויבערהאַר איבער אַלע, וואָס מע רופט איהם גענעראַל־אינספּעקטאָר. קיין עלטערער פון איהם איז שוין נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. פערשטעהסט זיך, אַז צו ווערען אַ גענעראַל מוז מען פריהער זיין אַ אינקוויזיטאָר, נאָכדעם אַ אינספּעקטאָר, נאָכדעם אַ „קרוזשנאָי“ אינספּעקטאָר, און אַזוי ווייטער. און אַז גאָט העלפט, מע דערדיענט זיך און מע ווערד אַ גענעראַל — איז מען שוין בעוואָהרענט מיט פּרנסה אויפ'ן גאַנצען לעבען. עס איז פאַרהאַן, זאָגט מיין פּאַרשוין, גענעראַלען אַזעלכע, וואָס פערלעבען אַ יאָהר ניט ווייניגער פון דרייסיג טויזענד. הכלל, ער האָט מיך אָנגעהויבען צורעדען, איך זאָל ווערען איין אַגענט. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס האָב איך דאָ איינצור־שטעלען? ממה־נפשך, וועט עס געהן, וועט עס געהן; אלא ניט — איז אינה מקודשת. קיין פּוטער, זאָגט ער, לעג איך ניט אַריין. אדרבה, איך בעקום נאָך, זאָגט ער, איין אַוואַנץ, דאָס הייסט, מע גיט מיר איין אַדערויף פאַר מיין אַרבייט עטליכע קערבלעך, איך זאָל האָבען דערווייל אויף הוצאות און אויף אויסקליידען זיך און אויף צו קויפען זיך אַ פּאָרטעפּעל. אויב אַזוי, איז דאָך עס טאַקי־

געזעצט ארויסשרייבען דיר אין א בריעף אלסדינג באריכות, פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף.

פון מיין פריהערינען בריעף געדענקסט דו דאָך מן הסתם, אין וואָס פאר א פּאָלאָזשעניע איך בין געוועזן נאָך דעם שענעם שידוך מיט די צוויי בתולות, ניט היינט געדאכט. איך האָב דעמאָלט געדעכענט, ס'איז איין עק. אויס מנחם־מענדעל. בעדאַרף איך מיך בעגעגענען מיט איינעם א פּאַרשוין, איין אגענט א אינספּעק־טאָר פון „אקוויטעבל“, וואָס שטראַפירט מענשען פונ'ם טוידט און האָט דערפון פרנסה מיט'ן פולען מויל. ער האָט מיר ארויסגענומען א ביכעל און האָט מיר בעוויזען, וויפיעל מענשען ער האָט שוין פערשטראַפירט פונ'ם טוידט און וויפיעל מענשען עס זענען שוין ביי איהם געשטאָרבען. און דאָס איז אזא געשעפט, וואָס, אדרבה, וואָס מעהר מע שטאַרבט, איז אַלץ בעסער, סאַי פאַר די טוידטע, סאַי פאַר די לעבעדיגע. וועסט דו דאָך פרעגען: וואָס איז דער שכל? דער שכל איז א פּראָסטער שכל. אשטייגער, נאַפּרימער, „אקוויטעבל“ האָט גענומען און האָט מיך אָפּגעשטראַפירט פונ'ם טוידט אויף צעהנטויזענד קאַרבען. דאַרף איך צאָהלען פאַר דעם סך־הכל אזעלכע צוויי־דריי הונדערטער א יאָהר ביז'ן טוידט. איז ממה־נפשך, שטאַרב איך אוועק, חלילה, דאָס ערשטע יאָהר — איז דיין גליק: צעהנטויזענד קאַרבען איז א מטבע. אלא וואָס דען, איך לעב? איז „אקוויטעבל'ס“ גליק. דאַרטען דיענען אָהן א שיעור מענשען, אגענטען, צום מיינסטען — אידען, וואָס האָבען אויך ווייב־און־קינדער און דאַרפען אויך לעבען אויף דער וועלט. וואָס זשע אוַרט דאָס מיך? דער חסרון איז, וואָס ניט א יעדער קאָן זיין איין אגענט. איין אגענט דאַרף, ראשית חכמה, געהן אָנ־געטהאָן פיין, אָבער טאַקי וואָס פיין הייסט: א שענעם גאַרניטער, א קאָלנער מיט מאַנקעטען, מעג זיין פּאַפּיערענע, אבי ווייסע, א שניפּס א שענעם, נו און א קאַפּעליש — שמועסט מען ניט. דער עיקר אָבער איז — שפּראַך. איין אגענט מוז קאָנען שפּראַך. דאָס הייסט, ער דאַרף קאָנען רעדען, צורעדען, איינרעדען, איבעררעדען

געוואָרען אַ מעקלער פון צוקער און פון געלד, פון הייזער און פון אימעניעס, פון וועלדער און פון זאַוואָדלעך, און ווי אַזוי איך בין נאָכדעם געוואָרען אַ שדכן, אַפילו אַ שרייבער אויך, געדרעהט, געברענט, געפלאַקערט און געטראַסקעט מיט דער גאַנצער וועלט, און דער סוף איז געווען, זאָג איך איהם, נישט גוט — שלים־שלים־מזל דורך טיר און דורך טויער... אויסגעהערט מיך, שטעהט־אויף דער גענעראַל, יעוויזערעל הייסט עס, לעגט אַרויף אויף מיר די האַנד און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, גאַספּאָדין מנחם־מענדעל? איהר געפעלט מיר; אַ נאָמען האָט איהר אַ שענעם, און רעדען, ברוך השם, קאָנט איהר. איך זאָג אייך נביאות, אַז מיט דער צייט וועט איהר זיין אַ גרויסער אַגענט, טאַקי גאָר אַ גרויסער! דערוויל בעקומט איהר איין אַוואַנס, פאָהרט אַרויס אויף דער וועלט, אין די אידישע שטעדט און שטעדטלעך, דאָרט קען מען אייך אויסגעבונדען, און „ייט מצליח“...

און כך הוה. איך האָב נאָר בעקומען פון זיי די עטליכע קערבּלעך, אַזוי האָב איך מיך באַלד אויסגעקליידט בגדי־מלכות. זאָלסט מיך זעהן, וואָלסט דו מיך ניט דערקענט. און אַ פּאָרטעפעל האָב איך מיר געקויפט אַ גרויסען, האָט מען מיר אָנגעפּאַקט אהין ביכּלעך מיט פּאַפּיערען אַ גאַנצען טראַנספּאָרט, און איך האָב מיך געלאָזט אויף גאָט'ס וועלט. קודם קיין בעסאַראַביע, אַ ווינקעל פון פּרנסה! דאָרט, זאָגט מען, קאָן מען מאַכען ועשעפטלעך, שטראַפּירען און שטראַפּירען. דאַרף זיך מאַכען אַזוי, אַז איך האָב יאָהרצייט, חאַפּ איך מיך אַראָפּ מפּאָיעזד לפּאָיעזד אין אַ קליין שטעדטעל, עפּיס אַ העק צו אַלדי שווארצע יאָהר. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דאָס שטעדטעל האָט אַ שם אויף דער וועלט מיט איהרע שקצים, עזות־פּנימ'ער, מוסרים און יאַבעדניקעס. פערברענט וואָלט עס געמעגט ווערען איידער איך האָב עס דערקענט! נאָר אַז סע איז בעשערט איין אומגליק — דאַרף איך אַקוראַט אָט דאָ, אין דעם שטעדטעל, האָבען יאָהרצייט, און פאַל אריין אין אַ בלאָטע, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! דאָס האַרץ האָט

גאָר נישקשה פון אַ קאָנבינאַציע! און איך האָב מיך געלאָזט אי־בעררעדען און בין געוואָרען למזל איין אַגענט.

נאָר נישט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. ווערען איין אַגענט דאַרף מען זיך זעהן קודם מיט׳ן גענעראַל, וואָרום ביז דער גענעראַל שרייבט ניט אונטער — איז בלאָטע. און ער האָט מיך גענומען, דער אינספעקטאָר הייסט עס, און האָט מיך טאַקי אויף זיינע אייגענע הוצאות געבראַכט צו פיהרען קיין אַדעס צו זייער גענעראַל אין „אַקוויטעבל“, וואָס האָט צו שאַפען אויף עט־ליכע און צוואַנציג גובערניעס און האָט אונטער זיך, זאָגט מען, כמעט אַכטצעהן הונדערט אַגענטען. מילא, איך זאָל דיר בעשרייבען די גרויסקייט פון׳ם דאָזיגען גענעראַל, איז ניט שייך. דאָס הייסט, ער אַליין איז דוקא ניט אַזאַ גרויסער, ווי דער טאַרעראַם איז גרויס, און אויגען האָט ער גרויסע, שאַרפע אויגען, און אַ פּנים׳על אַ ליכטיגס, און בעקלעך רויטע, און רופען רופט מען איהם: י ע ו ו ־ז ע ר ע ל. דעם גענעראַל׳ס קאַנטאָר פערנעמט אַ גאַנצע שטוב. חדרים, חדרים און חדרים. אַ סך טישען מיט בענקלעך, מיט ביכער, מיט פּאַפּיערען, און אַגענטען דרעהען זיך אַרום, און סע גריבעלט און סע שוויבעלט, און דעפּעשען לויפען הין און צוריק — עס טהוט זיך חושך! איידער מע דערשלאָגט זיך צום גענעראַל אַליין, דאַרף מען דורכגעהן שבעה מדורי גיהנם. אַ טוידטער בין איך געווען, אַז מע האָט מיך אַריינגעפיהרט צו דעם דאָזיגען יעוו־זערעל, האָטש אפילו ער האָט מיך דוקא געבעטען זיצען, מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס, אויסגעפרעגט ביי מיר, ווער איך בין און וואָס איך בין און וואָס איז מיין געשעפט? בין איך געגאַנגען און איהם אויסדערצעהלט אַלסדינג, פון׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף, ווי אַזוי איך בין געפאָהרען קיין קעשענעוו און פערבלאָנזעט קיין אַרעס, גע־האַנדעלט מיט „לאָנדאָן“, און פון דאָרטען קיין יעהופּעץ, זיך גע־דרעהט אַרום דער בערזע, געקויפט און פערקויפט „יקנה“ז“ און „פּוטיזוויל“ און „לילעפּוטען“ און אַנדערע „פּאַפּיערלעך“ אין די מיליאָנען אַריין, און נאָכדעם, ווי איך בין, ניט היינט געדאַכט,

שווינגען, אז זיי זענען ניט גלייך ... נדערע; זיי פערשטעהען איין עסק, און מיט זיי קאָן מען שוין עפּיס מאַכען. און כך הוה. איך בין נאָר ארויס פון בית־מדרש, געהען זיי מיר נאָך, די צוויי חברה־לייט, פון הינטען, און מאַכען צו מיר: „וואָס לויפט איהר אזוי, רב מנחם־מענדעל? שטעהט א ווייל, מיר ווילען אייך עפּיס פרעגען. אָט דאָ ביי אונז, אין דער בלאָטע, ווילט איהר מאַכען געשעפטען?"... — זאָג איך: „פאַר וואָס ניט?" — מאַכט צו מיר דער לאַנגער, דער וואָס מיט דער אויסגעבויגענער נאָז: „צווישען אחינו בני־ישראל?"... און דער וואָס מיט'ן אויגעל העלפט איהם אונטער: „מיט אידען איז גוט קוגעל עסען". — זאָג איך: „וואָס זשע איז דערצו די עצה?" — זאָגט דער לאַנגער: „האַנדלען זאָל מען מיט א פריץ". — „לעבען זאָלען די גויים"... — העלפט איהם אונ־טער דער וואָס מיט'ן אויגעל. און אָט אזוי געהען מיר און רעדען, און אַז מע רעדט, דעררעדט מען זיך. עס לאָזט זיך אויס א מעשה, אַז אָט די צוויי חברה־לייט האָבען זייער אייגענם א פריץ א מאָל־דאַוואַן, א רייכען בעל־הגוף, וואָס זיי פערדיענען ביי איהם אָפט א קערבעל. מיינען זיי, אַז איהם וואָלט מען געקאָנט זעהר שען פער־שטראָפירען... זאָג איך: „אָך, פאַר וואָס ניט? מיט'ן גרעסטען כבוד! אדרבה, זאָג איך, נעמט זיך צום עסק, און לאָמיר עס מאַכען יחדיו. איך בין, זאָג איך, נישט קיין אָץ להעשיר"... און עס איז געבליבען, אַז מאָרגען, אם־ירצה־השם, אין בית־מדרש צום ערשטען מנין דאַרפען זיי מיר ברענגען תשובה פון זייער פּריץ דעם מאָל־דאַוואַן. נאָר וואָס דען? איין זאַך האָבען זיי מיך געבעטען — ס'זאָל זיין בסוד־סודות, דאָס הייסט, איך זאָל זיך ניט אויסרעדען אויף דער אכסניא, אַז איך האָב מיך מיט זיי געזעהן און אז מיר האָבען אָפּגעשמועסט אינאיינעם מכח א געשעפט.

הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרען, האָב איך מיך גע־פּעדערט אין בית־מדרש אריין דאַוונען מיט'ן ערשטען מנין. אָפּ־געדאַוונט — נישטאָ מיינע חברה־לייט. איבערגעוואַרט דעם אנ־דערען מנין — נישטאָ מיינע פאַרשוינען. פאַר וואָס האָב איך זיי,

מיר אָבער טאַקי געזאָגט, אַז איך װעל דאָ גוט ניט אָפּשניידען. נאָר אַז מע דאַרף זאָגען קדיש, איז עפּיס אַ תּירוץ? בין איך אַװעק גלייך אין בית־מדרש אַריין און קום אָן פּונקט צו מעריב. אָפּגעדאַװענט מעריב, געהט־צו צו מיר דער שמש און רופט זיך אָן צו מיר: „יאָהרצייט?״ — זאָג איך: „יאָהרצייט״. — מאַכט ער צו מיר: „פון װאַנעט איז אַ איד?״ — זאָג איך: „פון דער גאָרער װעלט״. — „מה שמכם?״ — זאָג איך: „מנחם־מענדעל״. — „קומט דאָך אייך שלום!״ — און ער שטעקט מיר אָפּ אַ שלום־עליכם, און נאָך איהם דער גאַנצער מנין. אַלע געבען מיר אָפּ שלום, און עס װערד אַרום מיר אַ רעדעל, און מע הויבט־אָן אויסטאַפּען ביי מיר, װער איך בין און פון װאַנען איך בין און װאָס איז מיין טהועכץ? זאָג איך זיי: „איך בין איין אַגענט״. — פרעגען זיי: „פון װאָס איין אַגענט? פון מאַשינעס?״ — זאָג איך: „דוקא ניט. איך בין איין אַגענט אַ אינקװיזיטאָר פון „אַקװיטעבל״. — זאָגען זיי: „װאָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?״ — זאָג איך: „איך בעװאָהרען מענשען נאָכ׳ן טוידט״. און איך געב זיי צו פערשטעהן דעם שכל, װי אַזוי מע שטראַפירט מענשען פונ׳ם טוידט. שטעהען זיי אַרום מיר מיט אָפענע מיילער, גלייך װי מע װאָלט זיי דערצעהלט — אויפ׳ן הימעל אַ יריד. נאָר צװיי חברה־לייט האָב איך בעמערקט צװישען זיי, איינער אַ הויכער, אַ דאַרער, איין אויסגעבויגענער, מיט אַ נאָז אויך איין אויסגעבויגענער און אַ גלאַנצענדיגער; אַ טבע האָט ער, אַז ער רעדט, צופּט ער די האָר פונ׳ם בערדעל איינציגװייז. דער אַנדערער — אַ נידעריגער אַ ברייטער, אַ שװאַרצער, װי אַ ציגיינער, מיט איין אויג אַ שעלמיש. װאָס קוקט ביי איהם קיין פּצון זייט. ער מעג רעדען װי ערנסט, װייזט זיך אויס, אַז ער שמייכעלט. די דאָזיגע צװיי חברה־לייט האָבען, אַפּנים, יאָ פערשטאַנען, װאָס הייסט שטראַפירען מענשען פונ׳ם טוידט, מחמת זיי האָבען זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט מיט די אויגען און האָבען אַ זאָג געטהאָן איינס צום אַנדערען װינקער דער נאָז: „סע װעט געהן אַ גאַנג״... איך האָב באַלד פערשטאַנען אָן די צװיי פּאַר־

נאָך איהם האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אַ נפש פון אַ פוד צוועלף מיט אַ גרויסער בלויער נאָז, מיט פעטע האָריגע הענד און מיט צוויי מאָדנע פיס, וואָס אָנהויבען הויבען זיי זיך אָן דוקא גראָב, נאָר וואָס ווייטער געהען זיי דינער און דינער. עס דאַרף זיי זיין שווערליך צו טראָגען אויף זיך אַזאַ גרויסען, אַזאַ שווערען גוף.

אָט דער דאָזיגער נפש איז געווען דער פריץ דער מאָלדאַוואַן. דערזעהן דאָס פלעשעל בראָנפען אויפ׳ן טיש, האָט ער אַרויסגע־לאָזט פון זיין פעטען בויך אַ פעטע שטימע אויף גוייש: „אָצע דאָברע דילאָ!“... גענומען צו ביסלעך בראָנפען (דער פריץ דער מאָלדאַוואַן האָט גענומען צוויי ביסלעך), האָבען די צוויי חברה־לייט פערבונדען מיט איהם אַ שמועס מכח ווייץ און מכח קאָרן, און בשעת מעשה טהוט מיר יענער וואָס מיט׳ן אויגעל אַ זאָג אויפ׳ן אויהער: „דער אָדון איז אָנגעשטאָפּט!... האָט אפשר טויזענד טשעטווערט ברויט, אַ חוץ האָבער... קוקט ניט אויף איהם, וואָס ער געהט אַזוי אָרעם געקליידט; ער איז נאָר אַ קאַרגער“... און יענער, דער לאַנגער, גיט איהם אַלץ עצות, ער זאָל נישט פערקויפען דאָס ברויט, וואָרום עס וועט זיין טייער ווייץ; ער זאָל בעסער אָפּלעגען דאָס גאַנצע ברויט אויפ׳ן ווינטער. „אָצע דאָברע די־לאָ!“ — זאָגט איהם אַלע מאָל דער פריץ דער מאָלדאַוואַן, האַקט־אַריין איין כוסה נאָך דער אַנדערער און פערבייסט מיט אַפּעטיט, ווי נאָך אַ תענית, און בלאָזט מיט ביידע ליפּען און מיט דער נאָז. נאָכ׳ן עסען רופט זיך אָן צו מיר דער לאַנגער: „אצינד קאָנט איהר דבר׳ען מיט׳ן אָדון מכח אייער עסק“... האָב איך מיך אוועקגע־זעצט מיט׳ן אָדון בעזונדער אין אַ ווינקעלע און האָב איהם אָני־דערגעלעגט אַ דרשה, איך ווייס ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען! איך האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן, ווי נויטיג דאָס איז פאַר איטליכען מענשען דאָס שטראַפּירען זיך, ער מעג זיין רייך, ווי קורח; אדרבה, וואָס דער מענש איז רייכער, זאָג איך, איז אַלץ נויטיגער, ער זאָל זיך פערשטראַפּירען, וואָרום אַ רייכער מענש, זאָג איך, אַז ער ווערט־אָן דאָס געלד אויף די על־

שוטה, נישט געפרעגט, ווי אזוי רופט מען זיי ביי׳ם נאָמען און וואו זיצען זיי? צוגעהן צום שמש און א פרעג טהון ביי איהם — האָב איך מורא: איך האָב דאָך געגעבען זיי דאָס וואָרט, ס׳זאָל זיין בסוד! ערשט העט נאָך אלע היום׳ס האָבען זיי זיך בעוויזען מיט די טלית־ותפילין. אז איך האָב זיי דערזעהן, האָט מיר א טיאָך געטהאָן דאָס הארץ פאר שמחה. נאָר צוגעהן צו זיי און פרעגען, וואָס הערט זיך — האָב איך מיך איינגעהאלטען, ס׳איז נישט מענשה מענש. אָפּגעדאַווענט פאר זיך אויף איין פוס, חאַפּען זיי די טלית־ותפילין און לאָזען זיך געהן געשווינד. איך נאָך זיי. — „נו?“ — מאַך איך צו זיי. מאַכען זיי צו מיר: „יהודי בלא, דבר׳ט נישט אויף דער גאַס, איהר קענט נישט אונזער שטאָדט, ברענען זאָל זי אייך! איהר געהט אונז בעסער נאָך פון הינטען און קומט צו אונז אהיים. דאָרט מאַכען מיר דאָס געשעפט, און טאָקי אין איינוועגס עפּיס צובייסען“... אזוי מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער אויסגעבויגענער נאָז און טהוט א וואונק צו דעם וואָס מיט׳ן אויגעל, און יענער וואָס מיט׳ן אויגעל ווערד נעלם. און מיר אין צווייען לאָזען זיך געהן איבער ענגע פינסטערע חושכ׳־דיגע געסלעך, ער אויף צופריהער און איך נאָך איהם, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען בשלום געקומען.

אריינגעקומען אין א קליין פינסטער פעררויכערט שטיבעל מיט א סך פליעגען אויף די ווענד און אויף דער סטעלי, מיט א געמאָהלטען מזרח, א רויטען טישטוך אויפ׳ן טיש און מיט א לאַמפּ, פערהאָנגען מיט פּאַפּיערענע אָפּגעבליאַקעוועטע קווייטען, האָבען מיר געטראָפען ביי׳ם אויוון א קליין, אויסגעשמירט ווייבעלע מיט א בלייך־איבערגעשראָקען פּנים. דאָס קליינע ווייבעלע האָט א קוק געטהאָן מיט׳ן איבערגעשראָקען פּנים אויפ׳ן מאַן, און דער מאַן האָט א זאָג געטהאָן צו איהר פאַרבייגעהענדיג: „עסען!“ — און ס׳איז בעשאַפען געוואָרען אין איין כהרף־עין א טישטוך מיט א בולקע, מיט בראָנפען און מיט פערבייסען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און יענער וואָס מיט׳ן אויגעל איז אריינגעקומען, און

„ער איז אַ פּיפּערנאָטער", — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית און צעלאַכט זיך מיר גלייך אין פּנים אַריין. זעץ איך מיך צו צום בעל־הבית און הויב איהם אָן בעטען, חלש'ען, ער זאָל מיר זאָגען, וואָס בעדייט דאָס „פּיפּערנאָטער" און פון וואַנען ווייסט ער, וואו איך בין געוועזן און וואָס איך האָב געטהאָן? הקיצור, ער האָט, אפּנים, ארויסגעזעהן פון מיינע רעד, אז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיג, האָט ער אויף מיר רחמנות געהאַט און האָט זיך פערשפּאַרט מיט מיר בעזונדער אין אַ חדר און האָט מיר גענומען דערצעהלען אויף מיינע צוויי שותפים אַזעלכע זאַכען, אַזש די האָר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפּויר. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אז די צוויי חברה־לייט זענען בסך־הכל פּראָסטע שווינדלערס, מזיקים, זאָגט ער, וואָס די וועלט האָט דאָס נישט. „זיי האָבען שוין, זאָגט ער, אָפּגעטהאָן אויף זייער לעבען אַזעלכע קרימינאַל־זאַכען, וואָס ווען מע האַפּט זיי, זאָגט ער, געהען זיי אַוועק ווייט... זייער טרפה'נער גליק, זאָגט ער, איז, וואָס תמיד שטעלען זיי אַרויס אַ דריטען, און אַליין, זאָגט ער, בלייבען זיי שטענדיג פון דרויסען... דער דאָזיגער פּריץ, זאָגט ער, וואָס מע האָט אייך איהם ארויסגעשטעלט פאַר זעהר אַ רייכען מאָלדאַוואַן, איז בסך־הכל אַ פּראָסטער לאַ־פּאַצאַן, זאָגט ער, אַ שכור הגדול הגבור והנורא, און דער, זאָגט ער, וואָס איהר האָט איהם פערשטראָפירט, — איז אָדער ער האַלט ביי אָפּזאָגען די עטליכע גילדען, זאָגט ער, אָדער ער איז שוין אַ שוכן־עפר... איהר פערשטעהט, זאָגט ער, מיט וואָס דאָס שמעקט?"...

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז מיר פּרחה נשמתי געוואָרען. עס געהט מיר מעהר נישט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, אַז איך זאָל מיך נאָך אריינחאַפּען אויף אַ מינוט אין אַ טורמע אַריין! האָב איך נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געלאָזט זיך גלייך צו דער באַהן, לויפען וואוהין די אויגען טראָגען, גאָר נישט גע־וואָלט אפילו זעהן זיך שוין מעהר מיט מיינע צוויי חברה־לייט. לאָזען זיי געהן כפּרהקלע מיט זייער מאָלדאַוואַן אין מיט דער שטאָדט און מיט גאַנץ בעסאַראַביע און מיט'ן גאַנצען עסק פון

טערע יאָהרען, איז איהם טויזענד מאָל ערגער ווי דעם קבצן; א קבצן, זאָג איך, איז שוין געוואָהנט געוואָרען מיט'ן דלות, און א נגיד, זאָג איך, אז ער בלייבט חלילה אָהן געלד, איז ערגער ווי געשטאָרבען. „יאק נאפיסאנאָ או נאס — זאָג איך צו איהם — עני חשוב כמת, זנאטשיטסא, ביעדני חוזשע יאק מערטווי. א פּאַטאָמו, זאָג איך, וואשע בלאהאָראָדיע, זאָג איך, זאשטראפּיראָי־טי סובי, זאָג איך, אָט סמערטי טשרעז סטאָ דוואדצאט ליעט, זאָג איך, נאָ דעסיאט טיסיאטשי"... „אָצע דאָברע דילאָ!" — מאכט צו מיר דער אָדון און בלאָזט מיטביידע ליפּען, ווי א בלאָז־זאַק. איך פיהל, אז דער כח פון רעדען האָט זיך אין מיר צעברענט מיט סכנת־נפשות, וויל איך רעדען ווייטער, רופט זיך אָן צו מיר דער לאנגער: „געננג אייך צו דבר'ען; נעמט ארויס דעם נייר און כתב'עט־אָן וואָס מע בעדאַרף"... און יענער וואָס מיט'ן אוינגעל טראָגט מיר אונטער א טינט און פעדער, און איך טהו־אָפּ אלסדינג, וואָס מע בעדאַרף, און אז עס קומט צו חתמ'ענען, שוויצט דער פּריץ דער מאָלדאוואן געבאך שטארק ביז ער „לעגט דעם טאַטען". נאָכדעם געה איך מיט איהם צום דאָקטאָר, ער זאָל איהם בעטראכ־טען, איך נעם איין אדערויף, געב ארויס א קוויטאנציע — און דאָס געשעפט איז געמאכט.

געקומען פאר־נאכט אויף דער אכסניא פרייליך און געהייסען זיך קאָכען וועטשערע, רופט זיך אָן צו מיר דער בעל־הבית פון דער אכסניא: „וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך?" — „וואָס זאָל זיך הערען?" — זאָג איך. — „מעג מען אייך, זאָגט ער, אָפּגעבען מזל־טוב?" — „וואָס פאר א מזל־טוב?" — פרעג איך איהם. — „דאָס געשעפטעל, זאָגט ער, וואָס איהר האָט אָפּגעארבייט"... — „וואָסער געשעפטעל?" — זאָג איך און מאך מיך תמ'עוואטע. — „מיט'ן פּריץ", — מאכט ער צו מיר. — „מיט וואָסער פּריץ?" — „מיט'ן גראָבען פּריץ". — „פון וואנען ווייסט איהר, זאָג איך, אז איך האָב געמאכט א געשעפטעל מיט א פּריץ?"... „ס'איז אזוי, זאָגט ער, א פּריץ, ווי איך בין א רביצין"... — „וואָס זשע דען איז ער?" —

ווער מיר ניט זיין שווער, און אַז דער אויבערשטער וועט מיר העל־פען, איך וועל, אם־ירצה־השם, בעגליקען, און בעגליקען וועל איך געוויס, דאָס איז ביי מיר זיכער, ווי ס'איז טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, וועל איך דיר צושיקען שיפסקאַרטען, פאַר דיר און פאַר די קינדער, און וועל דיך אַרויסנעמען אַהין, און וועסט ביי מיר לעבען בכבוד, ווי די גרעסטע שררה'טע, פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעס־טען, קיין שפּרענקעלע וועל איך אויף דיר נישט לאָזען פאַלען. און עס איז שוין טאַקי צייט, כלעבען, אַז דו זאָלסט אויך וויסען פון אַ וועלט צו זאָגען! רק נישט געזאָרגט און נישט גענומען זיך צום האַרצען — מ י ר ה אָ ב ע ן אַ ש ט אַ ר ק ע ן ג אָ ט !...

הנ"ל

סוף פונ'ם זעכטטען בוך.

שטראַפירען מענשען פונ'ם טוידט, וואָס מע קאָן דורך דעם אומ־גליקליך ווערען... לאָז גאָט געבען בעסערע פּרנסות. הלואי איך זאָל שוין קומען אויפ'ן אָרט בשלום. און מחמת איך האַלט ביי פאָהרען אַ ווייטען וועג, מאַך איך דאָס בקיצור. אם ירצה השם, פון האַמבורג וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות. לעת־עתה לאָז גאָט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס די קינ־דערלעך זאָלען לעבען. גאָט זאָל העלפען, זיי זאָלען זיין געזונד און שטאַרק, און מע זאָל זיך זעהן מיט פריילי‌כע הערצער. גריס שוועד און שוויעגער און איטליכען בעזונדער גאָר פריינדליך.

ממני בעלך מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. איך האָב דיר גאָר פערגעסען שרייבען. וואוהין איך פאָהר. זוגתי היקרה, איך פאָהר קיין אַמעריקע. נישט אַליין — אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פאָהרען מיר. דאָס הייסט, פאָהרען פאָהרען מיר, אייגענטליך, קיין האַמבורג, און פון דאָרטען שוין קיין אַמעריקע. וואָס עפּיס קיין אַמעריקע? ווייל אין אַמעריקע, זאָגט מען, ווערען אידען גליקליך. גאָלד, זאָגט מען, וואַלגערט זיך דאָרט אין די גאַסען. געלד רעכענט זיך דאָרטען אויף טאָלערס, און מענשען זענען דאָרטען בחשיבות גדול — אַ רענדעל אַ מענש! און ווער שמועסט, אידען — די זענען גאָר דאָס אויבערשטע פון חריין! אַלע זענען מיר מבטיח, אַז אין אַמעריקע וועל איך, אם־ירצה־השם, מאַכען גוט, טאַקי וואָס גוט הייסט. די גאַנצע וועלט פאָהרט איצט קיין אַמעריקע, מחמת דאָ איז נישטאָ וואָס צו טהון. לחלוטין נישט. סע האָבען זיך אויסגעלאָזט אַלע געשעפטען. היינט ווייבאַלד אַז די וועלט פאָהרט, פאַר וואָס זאָל איך אויך ניט פאָה־רען? וואָס האָב איך איינצושטעלען?... רק זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, זוגתי היקרה, און נישט איבערטראַכטען אויף מיר חלילה קיין שלעכטס. גלויב מיר בנאמנות, אַז איך וועל דיך, חס ושלום, נישט פערגעסען, נישט דיך, נישט אונזערע קינדערלעך. זאָלען געזונד זיין. איך וועל אַרבייטען טאָג ווי נאַכט, קיין זאַך

אַיזענבאַהן־געשיכטעס

כתבים פון א קאמי־וואיאזשער

אינהאלט

צו די לעזער ... 7

קאנקורענטעז ... 11

דער גליקליכסטער אין קאדני ... 23

סטאנציע באראנאוויטש ... 39

צוגענומעז ... 61

א מענטש פון בוענאָס־איירעס ... 69

קבר־אבות ... 89

דער לעדיגגעהער ... 103

דער נס פון הושענא־רבה ... 111

א חתונה אהן כלי־זמר ... 127

דער טלית־קטן ... 139

א זעכס־און־זעכציג ... 153

גימענאזיע ... 173

פונ׳ם פריזיוו ... 195

מע טאר ניט זיין קיין גוטער! ... 213

א נשרף ... 229

ניטא קיין מזל! ... 243

באשערט איין אומגליק ... 253

רוף מיך קנאקניסעל ... 273

דער צעהנטער ... 283

דריטע קלאס ... 293

צו די לעזער

איך בין א רייזענדער. כמעט עלף חדשים אין יאהר בין איך אין וועג. צום מיינסטען — אין באהן, און מעהרסטענטיילס — דריטע קלאס, און, ווי געוועהנליך, — איבער אידישע שטעדט און שטעדטלעך; ווארום דארט, וואו אידען טארען ניט וואוינען, האב איך נישט וואס צו טהון.

וועה־וועה, וואס מע זעהט זיך אן אונטערוועגענס! א שאד, וואס איך בין ניט קיין שרייבער. דאס הייסט, אז מע וויל צוריק, מיט ויאס בין איך ניט קיין שרייבער? וואס איז אזעלכעס, אייגענטליך, א שרייבער? יעדער מענטש קאן זיין א שרייבער. ובפרט נאך — איף אידיש. „זשארגאן" — אויך מיר איין עסק! מע נעמט א פען און מע שרייבט.

נאר אז מע וויל דאס אייגענע טאקי ווידער צוריק, טאר נישט איעדער זיך האפען צו שרייבעריי. איטליכער באדארף זיך האלטען ביי זיינעם. פרנסה איז פרנסה. אט אזוי איז מיין מיינונג. ס'איז נישטא וואס צו טהון, איז דאס אויך איין ארבייט.

מיר, אלס רייזענדער, קומט־אויס אונטערוועגענס אפטמאל אויסזיצען גאנצע טעג, נישט צו טהון קיין האנט אין קאלט וואסער, חאטש נעם שלאג זיך קאפ אן וואנט. בין איך געפאלען אויף א

געשיכטע נומער איינס

קאָנקורענטען

געשריבען אין יאָהר 1909.

גלייכע זאך. איך האָב מיר אומיסטנע געקויפט א ריינעם בוך מיט א בליישטיפט, און אלסדינג, וואָס איך זעה זיך אָן, און אלסדינג, וואָס איך הער זיך אָן אין וועג, נעם איך און טראָג דאָס אריין צו מיר אין בוך אריין. און אָט אזוי, ווי איהר זעהט, האָט זיך צונויפּ־געקליבען ביי מיר, קיין עין־הרע, א היבש ביסעל מאטעריאל. עס וועט זיין גענוג אפשר אויף א יאָהר צו לייענען. האָב איך מיך מיישב געוועזן: וואָס טהוט מען דערמיט? ארויס־וואַרפען? — איין עבירה פאר גאָט. פאר וואָס זאָל איך עס ניט ארויס־געבען אין א בוך, אָדער אָפּדרוקען אין א בלאט? איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס מע דרוקט א סך ערגערע זאכען.

און איך האָב מיך אוועקגעזעצט און האָב צעלעגט די סחורה אויף מיסטערען, דעם „בראַק" ארויס־געשמיסען, איבערגעלאָזט נאָר דאָס בעסטע, פּרימא שבפּרימא, איינגעטיילט אויף באזונדערע געשיכטען, געשיכטע נומער איינס, געשיכטע נומער צוויי, און אזוי ווייטער. יעדער געשיכטע האָב איך געגעבען איין אנדערען נאָמען, פּיינטשיק, ווי עס געהער צו זיין, — מעשה סוחר. איך ווייס ניט, צי וועל איך אינ'ם געשעפט פארדיענען, צי איך וועל ברעכען רוק און לענד. הלואי איך זאָל חאָטש ארויס מיט מיין קרן...

די קשיא: צוליעב וואָס האָב איך באדארפט דעם גאנצען מסחר? — פרעגט מיך בחרם, איך ווייס אליין ניט. עס קאָן זיין, ס'איז פון מיר א נארישקייט, נאָר אָפּגעטהאָן — איז פארפאלען. מיט איין זאך האָב איך מיך באוואָהרענט: מיט די קריטיקער. איך האָב מיין געשעפטס־נאָמען באהאלטען. א מכה וועלען זיי טרעפען, ווי אזוי איך הייס. לאָזען זיי קריטיקירען, לאָזען זיי לאכען, לאָזען זיי זיך דראפּען אויף די גלייכע ווענט — איך הער זיי, ווי המן דעם גראגער. איך בין ניט קיין מחבר, קיין מלמד, קיין בטלן, — איך בין א איד א סוחר!

א קאָמי־וואָיאזשער.

געשיכטע נומער איינס

קאָנקורענטען

תמיד, סאַמע אין דער רעכטער בהלה, ווען אידען שטופּען זיך, דער אַריין, דער אַרויס, און מע שלאָגט זיך אין וואַגאָן פאַר די ערטער, ווי, להבדיל, אין שוהל פאַר הקפות — פּונקט דעמאָלט זענען זיי דאָ. זיי ביידע: ער און זי.

ער — אַ שוואַרצער, אַ גראָבער, אַ צעבורשעטער, מיט אַ בעלמע אויף איין אויג. זי — אַ רויטע, אַ דאַרע און אַ געשטופּעלטע. ביידע אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, ביידע מיט געלאַטעטע שיך און ביידע מיט איינע און די זעלבע סחורה: ער אַ קויש, זי אַ קויש; ער מיט געפלאָכטענע קוילעטשלעך, האַרטע אייער, פּלעשלעך מיט זעלצערוואַסער און מאַראַנצען, זי אויך מיט די זעלבע געפלאָכטענע קוילעטשלעך, האַרטע אייער, פּלעשלעך זעלצערוואַסער און מאַראַנצען.

אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער האָט אין קויש סקאָרמוטשען מיט רויטע וויינשעל, שוואַרצע קאַרשען אָדער גרינע עסיגזויערע וויינ־טרויבען. דעמאָלט קומט זי אויך מיט די זעלבע רויטע וויינשעל, שוואַרצע קאַרשען אָדער גרינע עסיגזויערע וויינטרויבען.

פאַלט איהר אריין אין „מאָראַל" און הויבט זיי אָן זאָגען מוסר, אַז יענער האָט אויך אַ נשמה, יענער דאַרף אויך לעבען, ווי דער דייטש זאָגט: „לעבען און לעבען לאַססען". באַקומט איהר דערויף אַ תשובה, נישט אויף דייטש, נאָר דוקא אויף פּראָסט אידיש, אפילו אַ ביסעלע פאַרשטעלט, נאָר גאַנץ פאַרשטענדליך:

— פעטער! מיט איין דאָס אויף צוויי ירידים פאָהרט מען ניט!...

יאָ, אָט אַזוי איז עס, ליעבער פריינט! יוצא זיין פאַר אַ וועלט זאָלט איהר קיינמאָל ניט וועלען — עס וועט אייך ניט געראָטען, און ווערען אַ רודף־שלום'ניק זאָלט איהר זיך קיינמאָל ניט פּרובען — עס וועט אייך אויספאַלען באָקאָס. איך ווייס עס פון מיין אייגענער פּראַקטיק. איך וואָלט אייך דערצעהלט וועגען דעם אַ שענע גע־שיכטע, ווי אַזוי איך בין אַמאָל געווען אַ נאַר, איך האָב מיך אריינ־געלעגט צווישען אַ פּאָרפאָלק, געוואָלט מאַכען אַ שלום, און דער ישפיץ איז געווען — איך האָב געחאַפּט אָפּגעשניטענע יאָהרען פון מיין אייגען ווייב. איך האָב אָבער מורא מישען איין געשיכטע אין דער אַנדערער, איך זאָל ניט אוועק אָן אַ זייט, חאָטש אפילו אין געשעפט טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז מע לעגט־פאַר איינעם איין אַרטיקעל און רעדען רעדט מען גאָר האָצעקלאָץ, אויפ'ן הימעל אַ יריד... הכלל, מיר קעהרען זיך אום צו אונזער געשיכטע.

איינמאָל, געווען איז דאָס אָסיענצייט, אין אַ רעגענדיגען טאָג. דער הימעל איז געווען וויינענדיג, די ערד — וויסט און פינסטער, און די סטאַנציע פול־און־פיל מיט מענטשען. פּאַסאַזשירען אריין, פּאַסאַזשירען אַרויס. אַלע לויפען, אַלע שטופען זיך. און אידען, געוועהנליך, מעהר פון אַלעמען. מע יאָגט זיך, מע קריכט איינס איבער דאָס אַנדערע, מיט טשעמאָדאַנעס, פּעקלעך און בעטגעוואַנט. אַ געשריי, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער! און סאַמע אין דער רעכטער הושטשע — ער און זי. ביידע אָנגעלאָדען מיט עסענוואַרג, ווי תמיד. ביידע שטופען זיך אין איין טיר אריין, ווי תמיד. פּלוצים... וואָס האָט זיך געטראָפען? ביידע קווישען ליגען אויף דער ערד.

אוןביידע קומען זיי תמיד אין איין צייט, שטופּען זיך דורך אין איין טיר פון וואַגאָן און רעדען ביידע אויף איין לשון, נאָר מיט אַ באַזונדערער אויסשפּראַך. ער — אַ ביסעל יאַדישליווע, אָהן אַ רי״ש, ווייך, צעגאַנגען, ווי אָהן אַ צונג. און זי — שעפּעליאַווע, דוקא אַ פּיל מויל מיט צונג.

אפשר מיינט איהר, אַז זיי שמייסען זיך מיט די מקחים, קאָנ־קורירען, וואַרפען דעם מאַרק? חלילה. דער פּרייז איז ביי זיי איין פּרייז. זייער גאַנצע קאָנקורענץ באַשטעהט נאָר אין דעם, ווער פון זיי רופט אַרויס מעהר רחמנות. ביידע בעטען זיך ביי אייך, איהר זאָלט רחמנות האָבען אויף זייערע פינף קינדער יתומים (ביי איהם פינף קינדער יתומים, ביי איהר פינף קינדער יתומים). ביידע קוקען זיי אייך אין די אויגען אַריין, שטופּען אייך זייער סחורה גלייך אין פּנים אַריין און רעדען איבער אייך אַזוי לאַנג, אַז — צי איהר דאַרפט, צי איהר דאַרפט ניט — איהר מוזט עפּיס קויפען.

נישט מעהר, וואָס פון זייער רעדען מיט זייער ווייגען מיט זייער בעטען זיך ווערט איהר אַ ביסעל פאַרטומעלט. איהר ווייסט ניט, ביי וועמען איהר זאָלט קויפען: ביי איהם, צי ביי איהר? פאַלט איהר מסתמא אויף איין עצה און ווילט געבען צו לייזען ביידען, לאָזען זיי אייך ניט:

— קויפט איהר, רב איד, דאַרפט איהר קויפען ביי איינעם. אויף צוויי חתונות טאַנצט מען ניט!

ווילט איהר זיין אַ בעל־יושר, קויפט איין מאָל ביי איהם, דאָס אַנדערע מאָל ביי איהר. ווערט איהר אויסגעזידעלט אויף אַלע זייטען:

— רב איד! מיט וואָס בין איך אייך עפּיס היינט ניט גע־פעלען אין שלייער?

אָדער אַזוי:

— רב איד! ערשט יענע וואָך האָט איהר ביי מיר געקויפט און האָט זיך, דאַכט מיר, ניט גע׳סמ׳ט און ניט דערוואָרגען אויך?...

— געפעלט אייך א ביסעל א פריטשעפּע ? !
— שאַט, אידען ! זאָל זיין שטיל, אָט איז זי דאָ.
— ווער ?
— זי אַליין, דאָס ווייבעל פון די אָנבייסענס.
— וואו איז זי, די יפהפיה, וואו ?
— אָט איז זי, אָ !

אַ געשטופּעלטע, אַ רויטע, מיט געשוואָלענע אויגען פין געוויין, שטופּט זי זיך דורך מיט'ן לעדיגען קויש צווישען עולם, זוכט אַ פּלאַץ, זעצט זיך אוועק אויף דער ערד, אויף'ן איבערגעקעהרטען קויש, באַהאַלט די פאַרשוואָלענע אויגען אינ'ם צעריסענעם שאַל און וויינט זיך שטילערהייט.

אַ מאָדנע שטילשווייגען ווערט מיט אַ מאָל אין וואַגאָן. אויסגעגאַנגען רעד. אָפּגענומען לשון. נאָר איינער האַפּט זיך אויף און רופט זיך אָן צום עילם מיט אַ געדיכטער באַסאָווער שטימע:

— אידען ! וואָס שווייגט איהר ?
— וואָס זאָלען מיר שרייען ?
— מע דאַרף איהר עפּיס מאַכען.

אַ שענע מעשה ! ווייסט איהר, ווער דער איינער איז ? דוקא אָט יענער, וואָס האָט נאָר־וואָס געלאַכט „חאַ־חאַ־חאַ, אידישע פּרנסות". אַ מאָדנער נפש מיט אַ מאָדנע היטעל אויף'ן קאָפּ. אַ מין קאַשקעט מיט אַ גלייכען גלאַנצענדיגען דאַשעק. און דערצי טראָגט ער נאָך בלויע ברילען, אַזוי, אַז קיין אויגען זעהט מען ניט. נישטאָ קיין אויגען. נאָר אַ נאָז, אַ פליישיגע, פּעטע, בולבעוואַטע נאָז.

נישט לאַנג געטראַכט, חאַפּט ער אַראָפּ דעם קאַשקעט פון קאָפּ, וואַרפט־אַריין דער ערשטער אַ פּאָר זילבערנע מטבעות, און געהט פין איינעם צום אַנדערען און דונערט מיט דער באַסאָווער שטימע:

— גיט, אידישע קינדער, וויפיעל איהר קאָנט. אחד המרבה ואחד הממעיט — מאַכט רש"י: „דראָוואַננאָמו קאָניו ווזובּניע סמאָטריאַט".

די קוילעטשלעך מיט די אייער מיט די פלעשלעך זעלצערוואסער מיט די מאראנצען וואלגערען זיך אין דער בלאָטע, און א מישמאַש פון געשרייען, קוויטשערייען, טרערען און קללות גיסט זיך צונויף אינאיינעם מיט'ן געלעכטער פון די קאָנדוקטאָרען און מיט'ן רעש און מיט'ן טומעל פון די פאסאזשירען. עס קלינגט און עס פייפט. נאָך א מינוט — און מיר פאָהרען.

אין וואגאָן איז א גערעדעריי. אחינו־בני־ישראל שמועסען זיך דורך, לופטערען די שפראך. און דוקא אלע מיט א מאָל, ווי די ווייבער אין שוהל, אָדער ווי די גענז אויפ'ן יריד. עס איז שווער צו חאַפּען דעם תוך, דעם אינהאלט. סיידען באזונדערע פראזען.

— א געדעט אויף געפלאָכטענע קוילעטשלעך.

— א פּאָגראָם אויף אייער.

— וואָס האָט ער געהאט צו די מאראנצען?

— וואָס פרעגט איהר? — עש׳!

— וויפיעל שאצט איהר דעם היזק?

— א מצוה, לאָזען זיי ניט קריכען, ניט איינעסען זיך אין די ביינער אריין!

— וואָס זאָלען זיי נעבאך טהון? א איד זוכט פּרנסה.

— חא־חא־חא! — רופט זיך אָן א געהיכטע באסאָווע שטימע. — אידישע פּרנסות!

— אידישע פּרנסות? — לאָזט זיך הערען א יונג קול'כעל מיט א קוויטש. — איהר האָט שענערע פּרנסות? גיט זיי אהער.

— יונגערמאן! ניט צו אייך רעדט מען! — דונערט די באסאָווע שטימע.

— ניט צו מיר רעדט איהר? איך רעד אָבער צו אייך — איהר האָט שענערע פּרנסות? איאָ, איהר שווייגט? וואָס שווייגט איהר?

— וואָס וויל פון מיר אָט דער יונגערמאן?

— וואָס זאָל איך וועלען? איהר זאָגט: אידישע פּרנסות — זאָג איך: אדרבה, איהר האָט שענערע? גיט זיי אהער.

אזוי ענטפערט איהם די בולבעוואטע נאָז מיט דער באַסאָווער שטימע דוקא אין גוטען מוט און געהט צו דער וויינענדיגער איד׳ינע מיט די געשוואָלענע אויגען:

— מוהמעניו! טאָמער וואָלט געווען גענוג צו וויינען? איהר מאַכט אייך נאָר קאַלי אייערע שענע אויגען. גיט אהער ביידע זשמעניעס, לאָמיך אייך אויסשיטען דאָס ביסעל קליינגעלט.

א מאָדנע ווייבעל! איך האָב געמיינט, אז דערזעהן אזוי פיעל געלט, וועט זי מסתמא צעגעהן אין צעגאָסען ווערען פון ווינשע־וואַניעס. עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אָנשטאָט ווינשעוואַניעס, האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן פון איהר מויל קללות. עס האָט זיך ביי איהר געעפענט אַ פאָנטאַן, אַ קוואַל פון קללות:

— אינגאַנצען ער — ברעכען זאָל ער האלז און נאַקען, ביין און לייב איים׳ן גלייכען וועג, ליעבער גאָט! אַלסדינג נעמט זיך פון איהם — נעמען זאָל איהם די ערד, זיסער פאָטער! ער זאָל גאָר ניט דערלעבען קומען אהיים, קומען זאָל אויף איהם אַ מיתה־מהומה, אַ חלירע, אַ שרפה, אַ מגפה, איין אויסחאַפעניש! איין אויפלויפעניש! איין איינדאַרעניש! אַ צונויפשרימפעניש!...

רבונו של עולם! פון וואַנען נעמען זיך ביי אַ מענטשען אזוי פיעל קללות? אַ גליק, וואָס דער נפש מיט די בלויע ברילען האַקט איהר איבער אין מיטען:

— גענוג אייך שוין צו בענטשען, ווייבעל! זאָגט בעסער, וואָס האָבען געהאַט צו אייך די קאָנדוקטאָרעס?

דאָס ווייבעל הויבט־אויף אויף איהם די געשוואָלענע אויגען:

— איבער איהם, דער שלאַק זאָל איהם טרעפען! ער האָט מורא געהאַט, טאָמער חאַפ איך אויס אַלע קונים, געהט ער און שטופט זיך אין וואַגאָן, געה איך און פאַרחאַפ פריהער, געהט ער און האַלט מיר צו דעם קויש פון הינטען, געה איך און מאַך אַ גוואַלד, געהט דער זשענדאַר און טהוט אַ וואונק צו די קאָנדוק־טאָרעס, געהען די קאָנדוקטאָרעס און שיטען אונז אויס ביידע פוישען אין דער בלאָטע, צעשאָטען זאָלען ווערען די ביינער זיינע

דער עולם האָט זיך אַ נעם געטהאָן צו די קעשענעס, אויפּ־געפּעפענט די בייטעלעך, און עס האָבען אָנגעהויבען קלינגען מטבעות, אַלערליי מטבעות, זילבערנע און קופּערנע. צווישען עולם זיצט אויך איינער אַ קריסט, אַ קאַצאַפּ מיט גרויסע שטיוועל און מיט אַ זיל־בערנער קייט איבער'ן האַלז; האָט ער, געהניצענדיג, זיך איבער־גע'צלמ'ט און אויך אַריינגעוואָרפען אַ מטבע. נאָר איין פּאַסאַזשיר האָט זיך אָפּגעזאָגט, ניט געוואָלט געבען גאָרנישט. און דוקא אָט יענער, וואָס האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון אידישע פּרנסות. אַ יונגערמאַן אַ אינטעליגענט מיט פּוקקע בעקלעך, אַ געל שפּיצעכיג בערדעל, און מיט אַ גאָלדענעם פּענסנע. איינער פון די יונגעלייט, וואָס האָבען רייכע טאַטע־מאַמע, רייכע שוועהר־און־שוויגער, און אליין זענען זיי אויך אָנגעשטיפּט, און פאָהרען דריטע קלאַס, ווייל זיי זשאַלעווען געלט.

— יונגערמאַן, גיט עפּיס אין היטעל אריין! — זאָגט צו איהם דער נפש מיט די בלויע ברילען און מיט דער בולבעוואַטער נאָז.

— איך געב ניט. — זאָגט דער יונגערמאַן דער אינטעליגענט.

— פאַר וואָס?

— אָט אַזוי. ס'איז ביי מיר אַ פּרינציפּ.

— דאָס האָב איך געוואוסט פריהער.

— פון וואַנען?

— מע זעהט נאָך די באַקען, ווי די צייהנער קנאַקען — מאַכט רש"י: „ווידנאָ פּאַנאַ פּאָ חאַליאַווע"...

דער יונגערמאַן דער אינטעליגענט ווערט אָנגעצונדען, פאַר־לירט אַזש דאָס פּענסנע און פאַלט־אָן אויף דער בולבעוואַטער נאָז מיט אַ קוויטש:

— איהר זענט אַ איגנאָראַנט, אַ גראָבער יונג, איין עם־הארץ, און אַ נאַחאַל, איין עזות־פּנים דערצו!

— דאַנקען גאָט! אַבי ניט קיין דבר אחר ביד חזקה שתים.

קרענקען זאָל ער אין הקדש, ליעבער גאָט, פון היינט אָן חאָטש ביז איבעראיאָהר ראש־חודש אלול, ווי ער האָט געמאַכט א תל, באַ־גראָבען דאָס געשעפט, באגראָבען זאָל איך איהם! אזא געשעפט, אזא זים געשעפט, אזא גוט געשעפט!

— א גוט געשעפט?

— א גאָלדען געשעפט, פרנסה בשפע. ווי זאָגט איהר, מיט טעלער און מיט לעפעל.

— אָט נאָר־וואָס האָט איהר געזאָגט, מוהמעניו, אז מע ווערט בדיל־הדל.

— וואָס־זשע, מע פאַרדיענט, אַז מע צעטיילט העכער האַלב אומזיסט דעם קאָנדוקטאָר און דעם סטאַרשי קאָנדוקטאָר און אַלע זינטאָג דעם זשענדאַר? וואָס איז ביי מיר — א קרעניצע? א ברונען? צי גנב'יש געלט?

דער נפש מיט די בלויע ברילען און מיט דער בולבעוואַטער נאָז הויבט שוין אָן ארוים פון די כלים:

— מוהמעניו, איהר מאַכט מיט מיר זומער און ווינטער!...

— איך מאַך? די צרות מיינע מאַכען, מאַכען זאָל איך איהם א טוידט, ווי ער האָט מיך אוועקגעקוילעט, געקוילעט זאָל ער ווערען פון גאָט, אז געווען איז ער סך־הכל א שניידער, א לאַטוטניק, גע־שטשאָבעט מיט דער נאָדעל און ווי עס איז פאַרדיענט, ווי זאָגט איהר, ויאסער אויף קאשע. האָט ער זיך אָבער מתקנא געווען אין מיר, דערזעהען, די אויגען זאָלען איהם ארויס, אַז איך עס ברויט, עסען זאָלען איהם ווערים, און האַלט־אוים מיט'ן דאָזיגען קויש, קיין עין־הרע, פינף קינדער יתומים, זאָלן איהם אין די אויגען, שטיינער איהם אין הארצען, געהט ער, ארויסגעהן זאָל איהם די פאַרע, און קויפט זיך אויך א קויש, קויפען זאָל איך איהם תכריכים, ליעבער גאָט! פרעג איך איהם: וואָס איז דאָס? זאָגט ער: אַ קויש. וואָס וועסט דו טהון, זאָג איך, מיט'ן קויש? זאָגט ער: דאָס אייגענע, וואָס דו. זאָג איך: וואָס הייסט? זאָגט ער: אָט דאָס הייסט... איך האָב, זאָגט ער, אויך פינף קינדער, וואָס דאַרפען

אזוי ווי זאמר, ליעבער גאָט! איהר מעגט מיר גלויבען, איך זאָל אזוי רעדען מיט ווען מיר איז ליעב, אז זינט איך האַנדעל מיט דער דאָזיגער סחורה און פאָהר אויף דער ליניע, האָט מיך נאָך קיינער ניט אָנגעריהרט, איהר זאָלט זאָגען, אויף א האָר אפילו! איהר מיינט, מחמת וואָס? מחמת גוטסקייט? אזוי פיעל מכות זאָל זיך איהם זעצען, וויפיעל קוילעמשלעך מיט וויפיעל אייער עס ווערט צעטיילט אויף דער סטאַנציע! אלעמען, פונ'ם קלענסטען ביז'ן גרעסטען, מוז מען פארשטופען דעם האלז. קומט דער טאָג, הויבט זיך אָן איין אויסטיילעניש: דעם א קרענק, דעם קדחת, דעם א מכּה. דער סטאַרשי קאָנדוקטאָר נעמט זיך אליין זיין חלק אָנ־בייסען, וואָס ער וויל, און די איבעריגע קאָנדוקטאָרעס טיילט מען אוים, ווען א קוילעטשעל, ווען איין איי און ווען א מאַראַנץ. וואָס דאַרפט איהר מעהר? אפילו דער גוי, וואָס הייצט די אייוועגס, א חלירע איהם אין פּניב, מיינט איהר, איז ניט קיין בעלן אויף אָנבייסען? אזא מכּה איהם! ער שרעקט מיך, אז טאָמער ניט, וועט ער מיך מסר'ען צום זשענדאַר. ער ווייסט ניט, א קרענק איהם אין די ביינער, אז דער זשענדאַר אליין איז אויך איין אונטער־געשמירטער. דעם זשענדאַר איז מען מטמא אלע וואָך, אז עס קומט זונטאָג, מיט א פּאָרציע מאַראַנצען. אי דאָס — קלויבט ער אוים די גרעסטע, די שענסטע, די בעסטע מאַראַנצען...

— מוהמעניו! — שלאָגט איהר איבער דער וואָס מיט די בלויע ברילען. — ווערליג איך פארשטעה נאָך אייערע געשעפטען, דאַרפט איהר געהן אין גאָלד.

— וואָס רעדט איהר? — חאַפּט זיך ארויס דאָס ווייבעל, גלייך ווי זי פאַרענטפערט זיך. — קוים־קוים וואָס מע קומט אוים מיט'ן קרן. און אמאָל מאַכט זיך, אז מע דערלעגט די הויט. מע ווערט בריל־הדל.

— צו וואָס־זשע טויג אייך דער מסחר?

— וואָס־זשע, זאָל איך געהן גנב'ענען, אז איך האָב פינף הינדער. פינף חלירעס איהם אין בויך, און אליין בין איך קראַנק,

אַזוי ציהט אויס דאָס ווייבעל מיט אַ ניגון און וויל אונז אָנ־הויבען דערצעהלען, אפּנים, ווער איהר ערשטער מאַן איז געווען און וואָס ער איז געווען. ווער הערט זי? אַלע רעדען, אַלע ווערטלען זיך, אַלע חכמ'ען זיך, און מע לאַכט, און מע לאַכט, און מע לאַכט!

טאָמער ווייסט איהר, וואָס איז דער געלענדער?...

ענדע געשיכטע נומער איינס.

עסען... דו וועסט זיי, זאָגט ער, מיט ברויט ניט האָדעווען... האָט איהר עפּיס צו איהם? און אָט אזוי, ווי איהר זעהט, שלעפּט ער זיך מיר נאָך מיט'ן קויש און שלעפּט אוועק ביי מיר אלע קינים, שלעפּען זאָל מען איהם די צייהן פון מויל, און רייסט אַרויס פון מיר דעם לעצטען ביסען, רייסען זאָל מען פון איהם שטיקער, זיסער פּאָטער, האַרציגער, געטרייער!

פאַלט דער נפש מיט די בלויע ברילען אויף א גלייכע זאך, וואָס מיר אלע זענען, אייגענטליך, דערויף געפאַלען:

— וואָס־זשע דאַרפט איהר זיך טאָפּטשען ביידע אויף איין אָרט?

דאָס ווייבעל שטעלט־אַוועק אויף איהם די געשוואָלענע אויגען:

— וואָס־זשע דען זאָלען מיר טהון?

— זוכט אייך אויס איין אנדער פלאַץ. די ליניע איז גרויס.

— נו, און ער?

— ווער?

— דער מאַן מייגער.

— וואָסער מאַן?

— מיין צווייטער מאַן.

— וואָסער צווייטער מאַן?

דעם ווייבעל'ס רויט געשטופּעלט פּנים ווערט נאָך רויטער.

— וואָס הייסט — וואָסער צווייטער מאַן? דאָס איז ער דאָך טאַקי, דער שלים־מזל, מיין צווייטער מאַן, אז אָך און וועה איז מיר!

אלע חאַפּען מיר זיך אויף פון די ערטער:

— ער, אָט דער קאָנקורענט אייערער, איז אייער צווייטער מאַן?

— וואָס דען האָט איהר געמיינט? מיין ערשטער מאַן? עהע־הע! ווען מיין ערשטער מאַן, עליו־השלום, זאָל מיר איצטער לעבען!...

געשיכטע נומער צוויי

דער גליקליכסטער אין קאָרני

געשריבען אין יאָהר 1909.

געשיכטע נומער צוויי

דער גליקליכסטער אין קאָדני

די בעסטע צייט פאָהרען אין באַהן איז — ווייסט איהר ווען? אָסיענצייט, ארום נאָך־סוכּות.

ס'איז ניט הייס און ניט קאַלט, און איהר קוקט ניט אָן דעם פאַרוויינטען הימעל מיט דער קלאָגעדיגער פאַר'חושכ'טער ערד. טראָפּענס רעגען שמייסען אין די פענסטער, קויקלען זיך אראָפּ אויפ'ן פאַרשוויצטען גלאָז, אַזוי ווי טרערען, און איהר זיצט זיך, ווי אַ פּריץ, אין וואַגאָן דריטער קלאַס מיט נאָך אַ סך אַזעלכע מיוחסים, ווי איהר, און חאַפּט אַ קוק אין דרויסען ארויס, און איהר דערזעהט פון דערווייטענס אַ וועגעלע שלעפּט זיך, טיאָפּקעט אין דער בלאָטע. אויפ'ן וועגעלע זיצט, איינגעבויגען אין דרייען, אַ גאָט'ס באַשעפעניש, מיט אַ זאַק איבערגעדעקט, און לאָזט־אויס זיין ביטער האַרץ צום פערדעל נעבאַך, אויך אַ גאָט'ס באַשעפעניש, — און איהר דאַנקט גאָט, וואָס איהר זענט אונטער אַ דאַך, צווישען מענטשען. איך וויים ניט, ווי אַזוי איהר — איך האָב ליעב פאָהרען אין באַהן אָסיענצייט, אַרום נאָך־סוכּות.

דאָס ערשטע איז ביי מיר — איין אָרט. האָב איך פאַרחאַפּט איין אָרט, און ווער שמועסט נאָך אין דער רעכטער האַנט, נעבען פענסטער, — בין איך מיר אַ קיסר. אַרויסגענומען דעם פאַר־

דעם גאנג, אז א מענטש, וואס האט עפּיס, וועט ער עס אליין ארויסגעבען.

כּך הוה. נאך דער צווייטער סטאנציע האט זיך מיין ריה־רעוודיג אידעל צוגערוקט צו מיר נאך א ביסעל נעהענטער, דאס הייסט, טאקי גאנ'ץ נאהענט, אזוי, אז זיין מויל איז אויסגעקומען אקוראט אקעגען מיין נאז.

— וואוהין פאהרט א איד?

איך האב אבער פארשטאנען פון זיין פרעגען מיך און פון זיין ארומקוקען זיך און פון זיין קראצען זיך אונטער'ן היטעל, אז איהם געהט ניט אן אזוי, וואוהין איך פאהר, ווי עס ווילט זיך איהם ארויסדערצעהלען, וואוהין ער פאהרט. און איך האב איהם געטהאן צוליעב, דאס הייסט, איך האב איהם דערויף ניט געענט־פערט גארנישט, נאר א פרעג געטהאן: „און איהר וואוהין?" — און ס'איז אוועק א גאנג:

— איך וואוהין? קיין קאדני. געהערט אמאל קאדני? בין איך א דארטיגער בין איך. ניט ווייט פון דאנען. די דריטע סטאנציע. דאס הייסט, פין דאנען האבען מיר נאך אזוי גרויס ווי דריי סטאנציעס. און פון דארטען קיין קאדני באדארף מען נאך צופאהרען מיט דער אקס א שעה אנדערטהאלבען. דאס הייסט, סע רעדט זיך נאר אזוי: אנדערטהאלבען. אין אמת'ען איז דאס טאקי גאנצע צוויי שעה, אייזערנע צוויי שעה, נאך מיט א סמיטשיק. אי דאס, מיט א תנאי — אויב ס'איז א גוטער וועג און מע פאהרט מיט א פאעטאן. איך האב באשטעלט, דורך א דעפּעש. איך האב געקלאפּט, הייסט דאס, א דעפּעש, מע זאל מיר ארויסשיקען א פאעטאן אויף דער סטאנציע. צוליעב מיר, מיינט איהר? שרעקט אייך ניט. איך קאן באשטעהן זיך איבערהאפּען זאלבאזעכסט מיט א פראסטען בעל־עגלה, אדער אז ניט, נעמט מען דעם שירעם אין איין האנט און דאס פּעקעל אין דער אנדערער האנט און מען איז עולה־רגל גלייך אין שטאדט אריין גאנץ פיין צו־פוס. סע טראגט ניט, פארשטעהט איהר מיך, אויף קיין פאעטאנעס. ווערליג די

טאבאק, הויבט מען אן צו פאררויכערען א פאפיראס נאך א פאפי־ראס און ארומקוקען זיך, ווער פאהרט אין וואגאן און מיט וועמען קאן מען רעדען א פאר ווערטער וועגען געשעפט? פאסאזשירען, דאכט זיך, ניט צו פארזינדיגען, אנגעפאקט, ווי הערינג אין א פאס. בערד, נעזער, הויטלען, בייכער, געשטאלטען פון מענטשען. און מענטשען? — ניט איינער. נאר שא, אט זיצט עפּיס אין א ווינקעלע איינער אליין א מאדנער פארשוין, א פארשוין ניט ווי אלע. ביי מיר איז א שארף אויג. נישט קיין געוועהנליכען מענטשען וועל איך אייך באמערקען צווישען הונדערט.

דאס הייסט, אויפ'ן קוק איז דאס אפילי א גאנץ געוועהנליך מענטשעל, א אידעל פון די אידלעך, וואס מע מעסט זיי אויפ'ן מעסטעל, אדער דאס, וואס ווערט אנגערופען ביי אונז: „א איד פון א גאנץ יאהר". נאר אנגעטהאן איז ער עפּיס מאדנע: א קאפאטע ניט קיין קאפאטע, א חאלאט ניט קיין חאלאט. אויפ'ן קאפ — א היטעל ניט קיין היטעל, א יארמעלקע ניט קיין יארמעלקע. אין די הענט — א שירעם ניט קיין שירעם, א בעזעם ניט קיין בעזעם. א מאדנע אנטהון.

נאר ניט דאס אנטהון איז דער עיקר, ווי דאס אידעל אליין מיט זיין ריהרעוודיגקייט, מיט זיין ארומקוקען זיך אויף אלע זייטען און מיט זיין ניט קאנען איינזיצען אויף איין ארט, און דערהויפט — מיט זיין שיינענדיג, פרייליך, לעבעדיג פנים און גליקליך אויסזעהען.

נישט אנדעריש, ווי דער מענטש האט אדער אויסגענומען א היפּט־טרעפער, אדער חתונה געמאכט א טאכטער אין א מזל'דיגער שעה, אדער אריינגעגעבען א זוהן אין גימנאזיע. אלע מינוט חאפּט ער זיך אויף, טהוט א קוק אין פענסטער און א זאג צו זיך אליין: „א סטאנציע? נאך ניט?" — און זעצט זיך אוועק צוריק, אלע מאל נעהענטער צו מיר, א שיינענדיגער, א פרייליכער, א גליקליכער.

בטבע, דארפט איהר וויסען, בין איך א מענטש, וואס האב פיינט, ווי אנדערע, קריכען צו יענעם אין הארצען אריין, אויס־טאפען, אויספרעגען, ווער און וואס און ווען. איך געה מיר מיט

אַז יענער וועט אויך גענִיסען דורך דיר דעם זכות? מע בעט ניט בּיי דיר קיין געלט, מע בעט בּיי דיר אַ גוט וואָרט — וואָס חאַפּט דיך אַוועק דער רוח? וועט איהר האָרכען אַ שענס.

דאַרף זיך טרעפען אַ מעשה, אַז מע ווערט געוואָהר בּיי אונז אין קאָדני (בּיי אונז אין קאָדני ווייסט מען אַלץ), אַז בּיי דעם קאַשעוואַרעווקער גביר, בּיי אָט דעם איציקעל בּאָראָדענקאָ, וואָס איך דערצעהל אייך, ווערט קראַנק, ניט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער. וואָס איז איהר קראַנקשאַפט, מיינט איהר? אַ נעכטיגער טאָג, אַ פאַרליעבּעניש. זי האָט זיך פאַרליעבּט אין אַ גוי, האָט זיך דער גוי אָפּגעזאָגט, האָט זי איינגענומען סם (בּיי אונז אין קאָדני ווייסט מען אַלץ). ערשט נעכטען איז דאָס געווען. איז מען אַוועקגע־לאָפען און מע האָט אַראָפּגעבּראַכט אַ פּראָפעסאָר, דעם גרעסטען פּראָפעסאָר. בּיי אַזאַ גביר שפּיעלט עפּיס אַ ראָליע? פאַלט מיר איין אַ געדאַנק: אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר וועט דאָך דאָרט ניט בּלייבּען זיצען; היינט־מאָרגען פאָהרט ער דאָך צוריק; און פאָהרען פאָהרט ער דאָך סאַי־ווי־סאַי דורך אינזער סטאַנציע, דאָס הייסט, פאַרבּיי קאָדני, — וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, ער זאָל זיך צוריקוועגס אַראָפּחאַפּען מפּאָיעזד לפּאָיעזד צו אונז, צו מיר הייסט דאָס? עס ליגט בּיי מיר אַ קינד, ניט פאַר אייך געדאַכט. דהיינו, וואָס מיינט איהר, איז איהם? איך ווייס אַליין ניט וואָס, עפּיס איז איהם אינוועניג. דאָס הייסט, הוסטען, דאַנקען גאָט, הוסט ער ניט. און ווייטער, ער זאָל פּיהלען עפּיס אַ וועהטיג אין האַרצען — איז אויך ניט. נאָר וואָס זשע דען? קיין טראָפּען בּלוט, און שוואַך, שוואַך, ווי אַ פליעג. דערפון, וואָס ער עסט ניט. גאָרנישט ניט. ווי אַזוי, מיינט איהר, גאָרנישט ניט? אָבּער לחלוטין גאָרנישט. מילך אַמאָל טרינקט ער אוים אַ גלאָז. איז דאָס — מיט גיוואַלד. מע דאַרף איהם איינבּעטען דאַרף מען איהם. אויסוויינען. און ווייטער איז ניט קיין לעפעל יויך און ניט קיין בּיסען בּרויט. פון פלייש שמועסט מען ניט. פלייש קאָן ער גאָר נישט זעהען. פאַרוואַרפט מיט'ן קאָפּ. דאָס איז פון זינט ער האָט

גאָלדענע געשעפטען, מעג מען גאָר אינגאַנצען זיצען אין דער היים. הא? וואָס זאָגט איהר?

דאָ איז מיין פאַרשוין מפסיק, טהוט א זיפץ און הויבט־אָן רעדען שטיל, גלייך צו מיר אין אויהער אריין, קוקט זיך פריהער אַרום אין אַלע זייטען, אויב קיינער הערט איהם ניט אינטער.

— איך פאָהר ניט אַליין. איך פאָהר מיט א פּראָפעסאָר פאָהר איך... ווי קום איך צו א פּראָפעסאָר? איז אזוי די מעשה: פון קאַשעוואַרעווקע האָט איהר געהערט? א שטעדטעל אזעלכעס פאַרהאַן, הייסט דאָס מיט'ן נאָמען קאַשעוואַרעווקע. וואוינט דאָרטען א איד א גביר, אַיין אויפגעקומענער גביר, אפשר האָט איהר געהערט פון איהם, באָראָדענקאָ הייסט ער, איציקעל באָראָדענקאָ. געפעלט אייך דער נאָמען? איאָ, א גויישער נאָמען? נאָר וואָס קומט אַרויס? א גויישער נאָמען, א אידישער נאָמען — דערוויי״ל האָט ע ר דאָס געלט. און א סך געלט. גאָר א סך. ס'איז א סברה, אַז ביי אונז אין קאָדני שאַצט מען איהם כמעט אין א האַלבען מיליאָן. און אפשר, אַז איהר ויעט מיך שטאַרק בעטען, האָט איהר ביי מיר גע'פּועל'ט, אַז ער זאָל פאַרמאָגען דעם גאַנצען מיליאָן. דאָס הייסט, ווערליג ער איז, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ דבר־אחר, וואָלט ער געמעגט פאַרמאָגען צוויי. אָט האָט איהר אַ ראיה: חאָטש איך זעה אייך דעם ערשטען מאָל, נאָר פאַרשטעהן פאַרשטעה איך, אַז איהר פאָהרט־אויס א וועלט, אודאי מעהר פון מיר. זאָגט מיר דעם אמת: איהר האָט עפּיס אַ סך מאָל געהערט דעם נאָמען באָראָדענקאָ, ער זאָל זיך אויסשטעלען מיט עפּיס א אידיישער זאַך, א גרויסער נדבה, צי ווָאס? ביי אונז אין קאָדני האָבען מיר נאָך לעת־עתה דערפון עפּיס ניט געהאָרכט. נאָר אויך די אייגענע מעשה, גאָט'ס סטראַפּטשע בין איך ניט און אויף יענעמ'ס קעשענע איז יעדער א וותרן. איך רעד ניט פון נדבות און צדקה; איך רעד פון מ ע נ ט ש ל י כ ק י י ט רעד איך. גאָט האָט דיר געהאָלפען, דו ביזט אזוי רייך, אַז דו קאָנסט זיך פאַרגינען אויסשרייבען א פּראָפעסאָר, — וואָס וועט דיך אהרען,

אונז אין באָד אַריין — אודאי ניט. און זיי זאָלען מורא האָבען מחלל־שבת זיין — זעהט מען עפּים אויך ניט. און פאַר אַ היהנדעל, זאָגט מען, אין פּוטער, שרעקען זיי זיך אויך ניט שטאַרק איבער. נו, און שערען דאָס בערדעל, און געהן אָהן אַ היטעל, און נאָך אַזעלכע זאַכען — פון דעם שמועסט מען ניט. דאָס איז שוין היינט אומעטום אַ וואָכעדיגער גאַנג. פאַרהאַן שוין ביי אונז, דאַנקען גאָט, אין קאָדני אויך אַזעלכע בחורים'לעך, וואָס ס'איז זיי שווער דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ... פּראַווּדע, קאָדני האָט אויף אונזערע פּאָמעשטשיקעס ניט וואָס צו קלאָגען זיך. אונזערע אידישע פריצים זענען פאַר'ן שטעדטעל געגוג יוצא. פאַרקעהרט, פיינען זיך אויס, ווי ווייט מעגליך. קומט אָסיען, שיקען זיי אַריין אַ הונדערט זעקלעך קאַרטאָפלעס פאַר אָרעמעלייט. ווינטער — שטרוי אויף צו הייצען. ערב פּסח — מעות־חטים. ניט לאַנג האָבען זיי געשענקט ציגעל אויף אַ שוהל. וואָס איז שייך? אַלס־דינג פיין און שען און לייטיש, ווי עס געהער צו זיין. נאָר אָט דאָס היהנדעל אין פּוטער זאָל נאָך ניט זיין, אוי, אָט דאָס היהנדעלע!... מיינט ניט! איך וויל זיי חלילה דערמיט נישט באַרעדען. וואָס האָב איך צו זיי? אדרבה! זיי זועלען אייך פאַר מיר ניט אַוועקגעבען קיין זאַק באָרשט. רב אַלטער (מע רופט מיך אַלטער ריבּט מען מיך) איז ביי זיי דאָס אויבערשטע פון שטויסעל. אַז מע דאַרף האָבען עפּים אין שטאָדט אַריין מכח אַ נויטיגער זאַך, אַ נייעם לוח, צום ביישפּיעל, אויף ראש־השנה, מצות אויף פּסח, אויף סוכּות הושענות, כדומה אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו אידישקייט, — שיקט מען רופען רב אַלטערן. און מיין ווייב אין קלייטעל (מיין ווייב האַלט אַ קלייטעל האַלט זי) געבען זיי צו לייזען שען געלט. פאַר זאַלץ און פאַר פעפער און פאַר שוועבעלעך און פאַר אַלסדינג. דאָס האָט איהר אייך די פּאָמעשטשיקעס. און זייערע קינדער די סטודענטלעך — די זענען פאַר מיין זוהן גאָר די כּפּרה. קומט דער זומער און זיי פאָהרען זיך צונויף פון פּיטערבאַרג, לערנען זיי מיט איהם וואָס איהר ווילט. זיצען אַוועק מיט

געבלוט. זומער האָט ער, ניט היינט געדאכט, געבלוט. איין מאָל, גאָר שטארק. איצט, דאנקען גאָט, שוין מעהר ניט. הלואי ווייטער. גאָר אָפּגעשוואכט איז ער — איהר קאָנט אייך גאָר נישט מישער זיין. קוים־קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. א קליינינקייט — א מענטש פיבערט, גליהט ווי אויף פּאָקען גליהט ער! פון נאָך שבועות. נייען־און־דרייסיג מיט א האַלבען, אָדער נייען־און־דרייסיג אָהן א האַלבען. גאָר נישטאָ קיין שום מיטעל דערצו. געיועץ שוין מיט איהם ביי׳ם דאָקטאָר ניט איין מאָל. נאָר וואָס ווייסען אונזערע דאָקטוירים? א סך עסען, זאָגען זיי, א סך לופט. וואו זשע? אז פון עסען וויל ער גאָר ניט הערען. און לופט? פון וואנען זאָל זיך נעמען ביי אונז לופט? אין קאָדני — ליפט! חא־חא! א וואויל שטעדטעל קאָדני. א אידיש שטעדטעל. פאַרהאַן ביי אונז, קיין עין־הרע, א ביסעל אידען, פאַרהאַן ביי אונז א בית־מדרש, פאַרהאַן א שוהל, פאַרהאַן א רב, פאַרהאַן אַלסדינג. נאָר פון צוויי זאַכען האָט אונז גאָט אויסגעהיט: פון לופט און פון פרנסה. מילא, פרנסה איז אָפּגערעדט. פרנסה האָבען מיר, ברוך השם, איינס פון דאָס אַנדערע... און לופט? אז מיר ווילען לופט, געהען מיר אין „הויף״ אריין. אין „הויף״, זעהט איהר, איז שוין דוקא דאָ לופט. אַמאָל, אז קאָדני האָט געהערט צו די פּוילישע פּריצים, האָט מען ניט געטאָרט אריינשמעקען אין „הויף״ אריין. די פּריצים האָבען ניט צוגעלאָזט. ניט אזוי די פּריצים, ווי די פּריצישע הינט. נאָר זינט קאָדניר „הויף״ איז אריינגעפאַלען אין אידישע הענט, איז געוואָרען אויס הינט, און דער „הויף״ איז געוואָרען גאָר איין אַנדער „הויף״. א מחיה אריינצוגעהן אין „הויף״ אריין. טאַקי פּריצים, פּאָמעשטשיקעס, גאָר אידישע פּאָמעש־טשיקעס. רעדען אידיש, ווי איך מיט אייך. און האַלטען פון אידישקייט, און האָבען ליעב א אידען. אז מע שמועסט אידען, איז דאָך ניט שייך! דאָס הייסט, איך וועל אייך ניט זאָגען, אז זיי זאָלען זיין אזעלכע גרויסע צדיקים. ברוך השם, אין שוהל אריין צו אונז דאַווענען חאַפּען זיי זיך ניט אזוי שטאַרק, און, להבדיל, צו

צו אונז מפאָיעזד לפאָיעזד אויף איין פערטעל שעה נאָר, א קוק טהון אויפ'ן קראַנקען. ובשכר זה..." נו, און אזוי ווייטער. א שענער בריעף.

פלוצים דערהערט זיך א פייף, און מיר בלייבען שטעהן. מיין אידעל טהוט זיך א האַפּ־אויף:

— אהא! א סטאַנציע? אָט טהו איך א שפּרונג אין פערווע קלאַס נאָר אויף איין מינוט. איך וועל נאָר געבען א קוק צו מיין פּראָפעסאָר, קום איך באַלד אַריין, וועל איך אייך „קינטשען" די מעשה.

אַריינגעקומען איז מיין אידעל צוריק מיט נאָך א מעהר שיינענדיג פּנים, ווי פריהער. איך זאָל וויסען, אַז מע קאָן זיך אזוי אויסדריקען, וואָלט איך געזאָגט: ע ס ה אָ ט ג ע ר ו ה ט א ו י ף א י ה ם ד י ש כ י נ ה. אָנגעבויגען זיך צו מיר אויפ'ן אויהער, מאַכט ער צו מיר שטיל, ווי ער וואָלט מורא האָבען עמיצען אויפוועקען:

— ער שלאָפט, דער פּראָפעסאָר מיינער. גאָט זאָל העלפען, ער זאָל זיך האָטש גוט אויסשלאָפען, אַזוי אַז ער וועט קומען, זאָל ער קומען מיט א לויטערען קאָפּ... הקיצור, וואו זשע האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט? אין קאַשעוואַרעוקע.

קום איך, הייסט עס, צו פאָהרען קיין קאַשעוואַרעווקע און לאָז מיך גלייך אין שטוב אַריין, קלינג־אָן ביי דער טיר איינס און צוויי און דריי, שפּרינגט־אַרויס א נפש מיט א פּאָר פּיסקעס און מיט א געגאָלטער מאָרדע און באַלעקט זיך, ווי א קאַץ, און מאַכט צו מיר בלשון פּאָניע: „שטאָ נאַדאַ?" זאָג איך צו איהם דוקא אויף אידיש: „מסתמא איז „נאַדאַ"; ס'זאָל נישט זיין „נאַדאַ", וואָלט איך מיך נישט געהעצקעט אַהער אַזש פון קאָדני"...

הערט ער מיך אויס, קייעט און באַלעקט זיך און דרעהט מיט'ן קאָפּ: „מע קאָן נישט איצטער צוטרעטען צו אונזערע, וואָרום דער פּראָפעסאָר זיצט". זאָג איך: „אדרבה, ווייל דער פּראָפעסאָר זיצט. איך בין, זאָג איך, טאַקי צוליעב'ן פּראָפעסאָר אַהער גע־

איהם טעגוויייז איבער די ביכלעך. און בײַ מיינעם א ביכעל, דאַרפט איהר וויסען, איז דאָס חיות מיט דער נשמה! טייערער פונ'ם טאַטען מיט דער מאַמען. איך האָב מורא צו זאָגען, נאָר מיינען מיין איך, אַז דאָס ביכעל — דאָס איז טאַקי זיין מלאך־המות. פון דעם ביכעל האָט זיך, געגומען דאָס גאַנצע אומגליק... זי דרינגט מיר אפילו, אַז ס'איז בײַ איהם פונ'ם פריזיוו. וואָס פריזיוו? ווען פריזיוו? דעם פריזיוו האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסען. נאָר מילא, ווי אַזוי די מעשה איז שוין דאָרטען, צי ביכעל, צי פריזיוו — דערווייל ליגט בײַ מיר א קינד, נישט פאַר קיין אידען געדאַכט, און צאַנקט, צאַנקט נעבאַך, געהט־אויס, ווי א ליכט. איין גאָט זאָל זיך אויף איהם דערבאַרעמען...

א מינוט האָט זיך אויף מיין אידעל'ס שיינענדיג פנים אָנ־געררוקט ווי א חמאַרעלע. אָבער נישט מעהר, ויי איין מינוט. גיך האָט געגעבען א קוק־אַרוים די זון, פאַרטריבען די חמאַרע, און דאָס פנים האָט בײַ איהם ווידער אָנגעהויבען שיינען, די אויגען לייכטען און דאָס מויל שמייכלען. און אָט דערצעהלט ער ווייטער:

— הכלל, וואו זשע האַלטען מיר? יאָ. האָב איך מיך מיישב געוועזן, איך וועל געבען א לויף קיין קאַשעוואַרעווקע, צו איציקעל באַראָדענקאָ, צום גביר הייסט דאָס. געוויינטליך, האָב איך מיך נישט געלאָזט אין וועג אַריין גלאַט אַזוי, ווי זאָגט איהר, מיט לעדיגע הענט. איך האָב מיטגענומען א בריעף האָב איך מיט־גענומען. פון אונזער רב (דער קאָדניר רב האָט א נאָמען). א שיינעם בריעף: „היות אַזוי ווי גאָט האָט אייך געהאָלפען, איהר זענט אימשטאַנד אַראָפבברענגען צו זיך אין שטוב אַריין א פראָ־פעסאָר, אַז איהר דאַרפט, און אַזוי ווי בײַ אונזער אַלטערען ליגט, נים פאַר אייך געדאַכט, א זיהן אויפ'ן טוידטען־בעט, אפשר וועט זיך דערוועקען אין אייער האַרץ א פונק פון רחמנות און איהר וועט אַראָפנידערען פון אייער געצעלט און אַריינגעהן אין דער „פאָלאָ־זשעניע" און וועט פועל'ען בײַי'ם פראָפעסאָר, אַז צוריקוועגס, ער פאָהרט דאָך סאַי־ווי־סאַי פאַרבײַ קאָדני, זאָל ער זיך אַראָפהאַפען

גביר׳ס פערד. פונ׳ם פראָפעסאָר׳ס וועגען. דאָס וועט מען איהם נעמע׳, דעם פראָפעסאָר הייסט עס, און מע וועט איהם אָפּפיהרען צו דער באַהן. אויב אַזוי, טראַכט איך מיר, איז דאָך שוין טאַקי ווידער גוט. אויסגעצייכענט גוט! און איידער איך קוק מיך ארום, עפענט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך טאַקי ער אַליין, דער פראָפעסאָר הייסט עס. אַ קליינינטשקער, אַיין אַלטיטשקער, מיט אַ פּנים — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? אַ מלאך, אַ מלאך פונ׳ם הימעל! נאָך איהם געהט נאָך דער גביר, איציקעל בּאָראָדענקאָ הייסט עס, דוקא אָהן אַ היטעל. און גאָר הינטען געהט דער נפש מיט די רויטע פּיסקעס, טראָגט־נאָך דעם פראָפעסאָר׳ס טשעמאָ־דאַנטשיקעל. איהר זאָלט אָנקוקען אַ גביר פון אפשר העכער אַ מיליאָן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די רעד, — טראָגט ער אַ פידזשאַק פון געוויינטליכען געוואַנט, „דיאַגאָנאַל”, ווי מע טראָגט ביי אונז אין קאָדני, האַלט די הענט אין די קעשענעס, און קוקען קוקט ער אָן אַ זייט, אַ ביסעל קאַסאָקע. איך שטעה און באַטראַכט: רבונו של עולם! אָט דאָס האָט מיליאָנען? נאָר געה טענה זיך אויס מיט גאָט!... דערזעהען מיך שטעהן, נעמט ער מיך דורך מיט די קאַסאָקע אויגען און היפּט זיך אָן צו מיר: „וואָס דאַרפט איהר?” געה איך צו און מאַך צו איהם: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, דאָס האָב איך אייך געבּראַכט, זאָג איך, דעם בּריעף פון אונזער רב האָב איך אייך געבּראַכט”... מאַכט ער צו מיר: „פון וואָסער רב?” איהר הערט? ער ווייסט שיין גאָר ניט, פון וואָסער רב?! „פון קאָדניר רב, זאָג איך. איך בין אַ דאָרטיגער בין איך, איך בין אומיסטנע געקומען, זאָג איך, פון קאָדני צום פראָפעסאָר, זיי זאָלען זיך מטריח זיין, זאָג איך, קיין קאָדני מפּאָיעזד לפּאָיעזד אויף אַ פערטעל שעה צו מיין קינד, זאָג איך, ביי מיר איז אַ קינד, זאָג איך, ניט פאַר אייך געדאַכט, טוידט־קראַנק”... אָט אַזוי, מיט די ווערטער, זאָג איך צו איהם. איך בין אייך נישט מגזם אויף אַ האָר אפילו. וואָס האָב איך גערעכענט? איך האָב גערעכענט: אַ מענטשען האָט געטראָפען אַיין אומגל׳יק,

קימען". זאָגט ער צו מיר: „וואָס פאַר געשעפטען האָט איהר מיט אַ פּראָפעסאָר?" זאָל איך איהם געהן דערצעהלען מעשיות! נעם איך און דערלאַנג איהם דעם רב'ס בריעף: „גוט איז דיר, זאָג איך, צו שמועסען, אַז דו שטעהסט פון יענער זייט, און אויף מיר, זאָג איך, געהט אַ רעגען. נאַ דיר, זאָג איך, אָט דעם דאָקו־מענט, און גיב דאָס איבער, זיי מוחל, דעם בעל־הבית, זאָג איך, גלייך איהם אין די הענט אַריין". און אַליין בלייב איך שטעהן אין דרויסען, פון יענער זייט טיר, און וואַרט ביז מע וועט מיך שיקען רופען. איך וואַרט אַ האַלבע שעה. איך וואַרט אַ שעה. איך וואַרט צוויי. דער רעגען גיסט, אַ מבול, און מע רופט מיך עפּיס ניט. הויבט דאָס מיך שיין אָן צו פאַרדריסען. ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר אונזער רב. דאָס שרייבט דאָך ניט קיין יונגעלע, דאָס שרייבט דאָך עפּיס אַ רב! (דער קאָדניר רב האָט אַ נאָמען). געה איך און טהו אַ ציה דאָס גלעקעל נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. אַז סע שפּרינגט ניט אַרוים דער אייגענער נפש מיט די רויטע פּיסקעס, מיט אַ גוואַלד און מיט אַ רציחה: „איין עזות, זאָגט ער, פון אַ אידען — קלינגען!" „איין עזות לאָזען אַ אידען, זאָג איך, שטעהן צוויי שעה אין דרויסען אויפ'ן רעגען!" און טהו מיך אַ לאָז צו דער טיר און וויל אַריין אינווענינ — ווער? וואָס? פאַרהאַקט די טיר, און רוף מיך קנאַקניסעל! וואָס זשע טהוט מען ווייטער? עפּיס טאַקי זעהר ניט פריילייך. פאָהרען צוריק מיט גאָרנישט איז עפּיס זעהר ניט שען. ערשטענס, אַ בזיון פאַר זיך אַליין. איך בין דאָך עפּיס אַ שטיקעל בעל־הבית ביי אונז אין קאָדני, חלילה ניט קיין שלעפּער... און אַגב רייסט מיר דאָס האַרץ: מיין קינד נעבאַך...

איז דאָך אָבער פאַרהאַן, ווי זאָגט איהר, אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט. איך טהו אַ קוק — עס פאָהרט־צו אַ קאַרעטע מיט פיער פערד, און גלייך צו דער טיר. איך טהו מיך אַ נעם צום קיטשער: וואָס איז פאַר אַ קאַרעטע און וועמענ'ס איז פערד? ווער איך געוואָהר, אַז דאָס איז טאַקי דעם גביר'ס קאַרעטע מיט'ן

געלט, פאַרמאָג איך מיין אייגענס אַ גאַנצען כח־הא׳ער, אַ פינפאונ־צוואַנציגער הייסט עס, חלילה נישט מיינער, זאָג איך, ווי קומט צו מיר אזוי פיעל געלט? דאָס איז מיין ווייב׳ס פינפאונצוואַנציגער, זאָג איך, ליגט אָנגעגרייט צו פאָהרען אין שטאָדט אריין נאָך סחורה. בין איך מפקיר, זאָג איך, דעם פינפאונצוואַנציגער, חאַפּט דער גוטער יאָהר מיין ווייב׳ס קלייטעל, אבי ראַטעווען אַ קינד!... אַזוי זאָג איך און געה און צעשפיליע די קאַפּאָטע און וויל ארויסבאַקומען מיין פינפאונצוואַנציגער. נעמט דער אַלטיטשקער, דער פּראָפּעסאָר הייסט עס, לעגט־ארויף אויף מיר די האַנט: „ניטשעוואָ!” און הייסט מיר קריכען אין קאַרעטע — איך זאָל אַזוי דערלעבען טרעפען מיין זוהן אַ געזונטען, ווי איך זאָג אייך נישט קיין ליגען! נו, פרעג איך אייך, זאָל ער נישט זיין די כפרה, איציקעל באָראָדענקאָ מיין איך, פאַר׳ן פּראָפּעסאָר׳ס מינדסטען נאָגעל? ער האָט דאָך מיך שיער געקוילעט אָהן אַ מעסער האָט ער דאָך מיך! גוט, דער אויבערשטער האָט אַזוי געפיהרט, ס׳איז מיר אָפּגעראָטען. און וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען חלילה פאַרקעהרט?... האַ? וואָס זאָגט איהר?...

אין וואַגאָן ווערט אַ שטיקעל סומאַטאָכע, און מיין אידעל טהוט זיך אַ וואָרף צום קאָנדוקטאָר:

— קאָדני?

— קאָדני.

— זייט געזונט און פאָהרט געזונט און זאָגט נישט קיינעם, מיט וועמען איך פאָהר. איך וויל ניט, מע זאָל וויסען ביי אונז אין קאָדני, אז איך בין געקומען מיט אַ פּראָפּעסאָר. מע וועט זיך צונויפלויפען!...

אַזוי מאַכט צו מיר דאָס אידעל בסוד־סודות און קוועטשט מיר די האַנט — און מעהר זעה איך איהם נישט.

ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען מיר האַלטען שוין ביי פאָהרען ווייטער, דערזעה איך דורכ׳ן פענסטער טרייסעלט זיך אַ הינקענדיגער טאַראַנטאַס מיט אַ פּאָר אָפּגעבאַרעטע פאַרזאָרגטע

ס׳האָט זיך בײַ איהם גע׳סמ׳ט, ניט דאָ געדאַכט, אַ טאָכטער, אפשר וועט זיך בײַ איהם צעבּרעכען דאָס האַרץ, ער וועט רחמנות האָבּען אויף איין אָרעמען טאַטען? צום סוף: ווער — וואָס? ניישט געענטפערט מיר קיין חצי דבור, נאָר אַ קוק געטהאָן מיט די קאַסאָקע אויגען אויף דעם נפש מיט די רויטע פּיסקעס, ווי איינער רעדט: „טאָמער וואָלסט דו אָפּגערוימט פונ׳ם וועג אָט דאָס אידעל?" און מיין פּראָפּעסאָר איז דערווייל אַריין מיט׳ן טשעמאָדאַנטשיקעל אין קאַרעטע אַריין. נאָך איין מינוט — איז אויס פּראָפּעסאָר! וואָס טהוט מען דעמאָלט? דערזעהען, אַז דאָס שפּיעל איז פאַר׳ן טייוועל, האָבּ איך מיך מיישב געווען: יעבוֹר עלי מה, וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין, מע דאַרף ראַטעווען אַ קינד! און נעם מיך אָן מיט האַרץ און — פוץ גלייך אונטער די פערד!... מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, אַז ס׳איז מיר געווען גוט צו ליגען אונטער די פערד? — ווייס איך נישט. איך געדענק ניט אפילו, וויפיעל צייט איך בּין געלעגען, און צי בּין איך גאָר אינגאַנצען געלעגען? עס קאָן זיין, איך בּין גאָר ניט געלעגען. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט ניט גע־דויערט אפילו אַזוי פיעל, וויפיעל איך דערצעהל אייך, איז דער אַלטיטשקער, דער פּראָפּעסאָר הייסט עס, שוין געשטאַנען נעבּען מיר: „שטאָ טאַקאָיע?" און „גאָליבּטשיק!" — איך זאָל איהם אַרויסדערצעהלען אַלסדינג, אַרויסזאָגען וואָס איז מיין באַגעהר, איך זאָל גאָר ניט קיין מורא האָבּען. און דער גביר שטעהט בּיי דער זייט און קוקט מיך אָן מיט די קאַסאָקע אויגען, און איך רעד! איהר דאַרפט וויסען, אַז קיין גרויסער בּעל־דבּרן אויף רוסיש בּין איך ניט, נאָר דאָס מאָל האָט מיר גאָט עפּיס אַריינגעגעבּען אַזאַ כּח און עס האָט זיך גערעדט! איך האָבּ איהם אויסדערצעהלט אַלס־דינג, וואָס ס׳איז בּיי מיר אויף דער נשמה. איך האָבּ איהם גע־זאָגט: אַזוי און אַזוי, הער פּראָפּעסאָר, אפשר איז דאָס אַ בּאַ־שערטע זאַך, אַז איהר זאָלט זיין דער שליח מיר אומקעהרען מיין קינד, מיין איינאונאיינציגען זוהן, וואָס איז געבּליבּען בּיי מיר פון זעכּס, דעם צו לענגערע יאָהר. און אויבּ, זאָג איך, עס מוז קאָסטען

געשיכטע נומער דריי

סטאַנציע באַראַנאָוויטש

געשריבען אין יאָהר 1909.

גרויע פערדלעך. אין טאַראַנטאַס זיצט אַ קלייניטשקער, אַיין אַלטיטשקער, מיט ברילען, מיט יונגע רויטע בעקלעך און מיט אַ גרוי בערדעל. אַקעגען איהם, אין פּאַעטאָן, זיצט מיין אידעל אָן אַ זייט, הענגט ווי אויף אַ פאָדעם, קוקט דעם אַלטיטשקען גלייך אין די אויגען אַריין און העצקעט זיך, און דאָס פּנים ביי איהם שיינט, און די אויגען — אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס.

אַ שאָד, וואָס איך בין ניט קיין פאָטאָגראַף און פיהר ניט מיט זיך קיין אַפּאַראַט. עס וואָלט געווען אַ יושר אַראָפּצוחאַפּען פון׳ם אידעל אַ פּאָרטרעט. לאָז די וועלט זעהען, וואָס הייסט אַ גליקליכער מענטש — דער גליקליכסטער מענטש אין קאָדני.

ע נ ד ע ג ע ש י כ ט ע נ ו מ ע ר צ ו ו י י.

געשיכטע נומער דריי

סטאַנצ׳ע באַראַנאָוויטש

דאָס מאָל זענען מיר געווען נישט מעהר ווי אַ פּאָר מנינים אידען און מיר זענען געזעסען אין וואַגאָן דריטער קלאַס, מע קאָן זאָגען, בהרחבה. דאָס הייסט, געזעסען זענען, אייגענטליך, נאָר די, וועלכע האָבען באַצייטענס פאַרכאַפּט ערטער. די איבעריגע זענען געשטאַנען אָנגעלעהנט איף די צווישענוועגטלעך און האָבען גענומען, פון דעסטוועגען, איין אָנטייל אין׳ם שמועס גלייך מיט די, וואָס זענען געזעסען. און דער שמועס איז געווען זעהר אַ לעבעדיגער שמועס. אַלע האָבען גערעדט. אַלע אינאיינעם. ווי געוועהנליך. ס׳איז געווען אין דער פריה. דער עולם האָט זיך אויסגעשלאָפען, אָפּגעדאַוונט, ווי עס איז איבערגעביסען, גוט אָנגערויכערט זיך מיט פּאַפּיראָסען און מען איז געווען אויפגעלעגט, זעהר אויפגעלעגט, אויף צו רעדען. פון וואָס? פון וואָס איהר ווילט. איטליכען האָט זיך געוואָלט דערצעהלען עפּיס אַ פרישס, אַ צאַפּעלדיגס, אַזעלכעס, וואָס זאָל צוציהען, אַלע זאָלען האָרכען. עס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבען קיינעם אויפצוהאַלטען דעם עולם אויף איין זאַך. אַלע מינוט איז מען אַריבערגעלאָפען פון איין ענין אויפ׳ן אַנדערען. אָט רעדט מען, דאַכט זיך, פונ׳ם „אוראָזשאַי“, אַ גערעט אויף ווייץ און אויף האָבער, און גאָט איז מען אַריבער (אַ סמיכות

אפּנים, רעדט ער אַרויס אַ זיי״ן און אַ סמ״ך און אַ צד״י אַ ביסעל פּייפּענדיג, און טאַקי דערפאַר קומט־אויס ביי איהם ניט „אַזעוו״, נאָר „אַזשעוו״.

מיר איז אָט דער פאַרשוין באַלד געפעלען געוואָרען. מיר איז געפעלען זיין ברייטקייט, מיט זיין שפּראַך, מיט זיין האַלטען אונז אַלעמען פאַר בהמות. איך האָב ליעב, איך בין מקנא אַזאַ אידען.

באַקומען אומגעריכט פון אַ קאַמינקער אידען איין אַטעסטאַט פון בהמות, איז דער גאַנצער עולם געבליבען די ערשטע מינוט ווי געפּלעפּט, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי אָפּגעגאָסען מיט אַ שעפעל קאַלט וואַסער. מען איז אָבער גיך געקומען צו זיך, אַ ביסעל זיך איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע און אַ זאָג געטהאָן צום קאַמינקער אידען:

—איהר ווילט, מיר זאָלען אייך בעטען, בעטען מיר אייך, מהכתיתי; דערצעהלט אונז, וועלען מיר האָרכען, וואָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפען ביי אייך אין קאַמינקע? נאָר למאי שטעהט איהר? פאַר וואָס זיצט איהר ניט? נישטאָ, זאָגט איהר, וואו? אידען! טהוט זיך אַ ביסעל אַ רוק־צונויף! מאַכט איין אָרט! זייט זשע מוחל!

און דער עולם, וואָס איז אַזוי אויך געזעסען געננג צונויפ־גערוקט, טהוט זיך נאָך אַ ביסעל אַ רוק־צונויף און מאַכט איין אָרט פאַר'ן קאַמינקער אידען. און דער קאַמינקער איד זעצט זיך אַוועק גאַנץ ברייטליך (ווי אַ סנדקא אויף אַ ברית, בשעת דער שמש טהוט אַ געשריי: „קוואַטער" און מע טראָגט אַריין דאָס קינד) — אין ער פאַררוקט דעם קאַשקעט אַרויף, פאַרקאַטשעט די אַרבעל און הויבט־אָן מיט זיין ברייטער שפּראַך בזו הלשון:

— הערט זשע צו, מיינע ליעבע אידען. אָט דאָס, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, איז, זאָלט איהר וויסען, נישט קיין פּזמון, וואָס מע לייענט אין אַ ביכעל פון די ביכלעך, און נישט קיין בבא־מעשה פון טויזענט אין איין נאַכט. דאָס איז אַ געשיכטע, פאַר־שטעהט איהר מיך, וואָס האָט זיך פאַרלאָפען. וואָס אַהרט אייך,

הפרשה!) אויף מלחמה. נישט געהאַלטען זיך ביי דער מלחמה קיין פינף מינוט, טהוט מען אַ שפּרונג־איבּער גלייך צו דער רעוואָלוציע. פון דער רעוואָלוציע גיט מען זיך אַ וואָרף אין דער קאָנסטיטוציע, און פון קאָנסטיטוציע פאַלט מען שוין בּמילא אַריין אין די פּאָגראָמען, מיט די רציחות, רדיפות און נייע גזירות אויף אידען, מיט'ן טרייבּעניש פון די דערפער, מיט'ן לויפעניש קיין אַמעריקע, מיט די איבּעריגע צרות און שלעק־פּורעניות, וואָס מע הערט זיך אָן אין היינטיגע שענע צייטען: אָנזועצען, עקספּראָפּריאַציעס, וואָיענע פּאָלאָזשעניע, תּליות, הונגער, חלירע, פּורישקעוויטש, אַזעוו...

„אַ־ז־ע־וו!"

איינער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס דאָזיגע וואָרט, איינער האָט דערמאָנט דעם דאָזיגען נאָמען — און דער גאַנצער וואַגאָן איז געוואָרען אויפגעקאָכט: אַזעוו, און נאָך אַ מאָל אַזעוו, און אָבּער אַ מאָל אַזעוו, און טאַקי ווידער אַ מאָל אַזעוו.

— האָט קיין פאַראיבּעל ניט, איהר זענט, יואָס אהרט אייך, אַלע בּהמות. סע טהוט זיך אַ בּיסעל — אַזשעוו! פּחע! אַ גאַנצער טאַראַראַם — אַזשעוו! וואָס איז אַזעלכעס אַזשעוו? אַ ניקס, אַ יונגאַטש, אַ פּאַרך, אַ מסור, אַ נול, אַ גאָרנישט שבּגאָרנישט. איהר זאָלט מיך בּעטען, וואָלט איך אייך דערצעהלט אַ מעשה פון אַ מסור, טאַקי פון אונזערען אַ קאַמינקער, וואָלט איהר, וואָס אַהרט אייך, אַליין געזאָגט, אַז אַזשעוו איז אַ הונט אַקעגען איהם!

אָט מיט אַזאַ שפּראַך איז אַרויס איינער פון די פּאַסאַזשירען, וואָס האָבּען נישט געהאַט קיין אָרט אין וואַגאָן און געהאַנגען איבּער אונז אויף די צווישענוואַנטלעך. איך דרעה־אויס דעם קאָפּ און הויבּ־אויף די אויגען, דערזעה איך אַ געפּאַקטען פּאַרשוין אין אַ זיידענעם שבּת'דיגען קאַשקעט, מיט אַ רויטען קלייענדיגען פּנים. מיט שמייכלענדיגע אויגען און אָהן צייהן פון פאָרענט. דאָס הייסט, סאַמע די פּעדערשטע צייהן פעהלען איהם, און מחמת דעריבּער,

מאָל מיט די גויים אין שענק, זונטאָג איז דאָס געווען, וועגן גאָט־זאַכען. „נאָש באָג, וואָש באָג" — א וואָרט פאַר א וואָרט, מע האָט אַראָפּגעבראַכט דעם סטאַראָסטע מיט'ן פּריסטאַוו און מע האָט געמאַכט, וואָס אהרט אייך, אַ פּראָטאָקאָל. נעם זשע, דו שענקער איינער, שטעל־אַוועק איין עמער בראָנפען, וועט ווערען אויס פּראָטאָקאָל! זאָג ער: „ניין! קיווקע נעמט ניט זיין וואָרט צוריק". ער איז נאָך איין עקשן אייך צו די צרות. וואָס האָט ער געמיינט? ער האָט געמיינט, מע וועט איהם מן הסתם אָפּשטראָפען מיט א דרייערעל, און א גוטען טאָג. ווער וועט זיך געהן ריכטען אויף אַזאַ משפּט, אז פאַר אַזאַ נאַריש וואָרט זאָל מען טרייבען א מענטשען „קאָליסטראָי"? בקיצור המעשה, מע האָט אויפגעחאַפּט דעם בחיר און מע האָט איהם, וואָס אהרט אייך, איינגעזעצט אין חד־גדיא אריין, ביז מע וועט איהם אָפּצעהלען מחילה פינף־און־צוואַנציג שמיץ מיט'ן גאַנצען פּאַראַד, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען.

מילא, פאַרשטעהט איהר דאָך מסתמא, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי אונז אין קאַמינקע, אז מע האָט דערהערט אַזאַ מעשה. און ווען דאַרף זיך טרעפען אַזאַ־נ־אומגליק? דוקא ביינאַכט, און דוקא אַקעגען שבת. אַזוי, אז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה און געקומען אין שוהל — א ויצעקו: „מע האָט איינגעזעצט קיווקען!"... „מע האָט איהם גע'משפּט גנאָט!"... „גנאָט?"... „פאַר וואָס? פאַר ווען?"... „פאַר א נאַרישקייט, פאַר א וואָרט"... „א בלבול"... „וואָסער בלבול? א איד האָט א לאַנגע צונג!"... „אבצעהן מאָל א לאַנגע צונג, אָבער גנאָט? סטייטש גנאָט!... וואָס הייסט, מע וועט גנאָטעווען א אידען? אונזערען, א קאַמינקער?!"...

אָט אַזוי האָט דאָס געקאָכט, ווי אין א קעסעל, דעם גאַנצען שבת, ביז שבת־צו־נאַכטס. שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, איז מען אריינגעפאַלען מיט א גוואַלד צו מיין זיידען (רב ניסעל שאַפּיראָ האָט מען איהם גערופען): „סטייטש, רב ניסעל, וואָס שווייגט

טאקי ביי אונז אין קאמינקע. מיין טאטע, עליו השלום, האט דאס מיר אליין דערצעהלט, אז ער האט דאס געהארכט פון זיין טאטען דערצעהלען וויפיעל מאל. ס'איז א סברה, אז די גאנצע מעשה איז געווען באשריבען ביי אונז ערגיץ אין איין אלטען פנקס, וואס איז שוין לאנג פארברענט געווארען. איהר מעגט אייך לאכען, נאר איך זאג אייך, אז ס'איז איין עבירה, וואס דער פנקס איז פארברענט געווארען. דארטען איז געווען, זאגט מען, באשריבען זעהר שענע מעשיות, א סך שענערע פון די, וואס דרוקען זיך אין די היינטיגע מעשה־ביכלעך און גאזעטען.

בקיצור המעשה — דאס איז געווען בימי ניקאלאי הראישון, אין די צייטען פין גנאט. וואס שמייכעלט איהר? איהר ווייסט דען, וואס גנאט הייסט? גנאט הייסט — מע פלעגט גנאטעווען, טרייבען „קאליסטראי”. וואס א'ז אזעלכעס „קאליסטראי”? ווייסט איהר ווידער ניט? דארף מען אייך, הייסט עס, קלאר מאכען. שטעלט אייך פאר — פון ביידע זייטען שטעהען אויסגעשטעלט סאלדאטען מיט אייזערנע ריטער, און איהר שפאציערט זיך דורך, וואס אהרט אייך, א מאל עטליכע און צוואנציג הין און צוריק, איך בעט איבער אייער כבוד, א נאקעטער, ווי די מאמע האט אייך געהאט, און מע טהוט אייך דאס, וואס דער רבי האט אייך געטהאן אין חדר דערפאר, וואס איהר האט ניט געוואלט לערנען... ווייסט איהר שוין דעם טעם פון „טרייבען קאליסטראי”? אצינד קאנט איהר הארכען ווייטער.

ויהי היום — טרעפט זיך א מעשה. עס קומט אן פונ'ם גובערנאטאר — וואסילטשיקאיו איז דעמאלט געווען גובערנאטאר, — מע זאל גנאטעווען איינעם א אידען מיט'ן נאמען קיווקע. ווער איז געווען אט דער קיווקע, און וואס האט ער אזעלכעס פארזינדיגט — קאן איך אייך אקוראט ניט זאגען. א סברה, אז בטבע איז ער געווען א איד א שענקער, עפיס גאר ניט אזא־נ־אנזיכטיג מענטשעל, און נאך איין אלטער בחור, א פארזעסענער דערצו. באדארף איהם גאט ארייננעבען א זין, און ער צערעדט זיך איינ־

אַ מאָל האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן איהם געבען פייער. אַזאַ חשוב איז געוואָרען אָט דער איד אין וואַגאָן. נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרדרויכערט און פאַרצייגען זיך מיט'ן פאַפּיראָס, האָט ער זיך גענומען צו דער געשיכטע מיט מעהר פרישקייט.

— אַצינד וועט איהר האָרכען, וואָס אַ איד אַ חכם טהוט אויף. איך מיין טאַקי דעם זיידען מיינעם, זכר צדיק לברכה. ער איז זיך מיישב און טהוט־אָפּ אַ קליינינקייט. דהיינו: ער רעדט־אָפּ מיט נאַטשאַלסטווע, אַז דער פאַר'משפט'ער, קיווקע הייסט עס, זאָל אויף אַ מינוטקעלע נעמען, וואָס אַהרט אייך, און געבען אַ שטאַרב־אַוועק, טאַקי אין טורמע זיצענדיג... וואָס קוקט איהר מיך אָן? איהר פאַרשטעהט ניט? ´ צי איהר האָט מורא, מע האָט איהם חלילה גע'סמ'ט? שרעקט אייך ניט. ביי אונז סמ'ט מען ניט. וואָס זשע דען? מע האָט דאָס אָפּגעאַרבייט אַ סך שענער. מע האָט אָפּגעמאַכט אַזוי, אַז דער פאַר'משפט'ער זאָל זיך לעגען שלאָפען געזונט און שטאַרק, און אַז ער וועט אויפשטעהן אין דער פריה, זאָל ער אויפשטעהן אַ געשטאָרבענער... האָט איהר שוין צעקייעט? צי מע דאַרף אייך טאַקי אַריינלעגען אַ פינגער אין מויל אַריין, איהר זאָלט איהם אָפּבייסען?...

כך הוה. איינמאָל אין דער פריה קומט צו געהן אַ שליח פון דער טורמע מיט אַ פאַפּיער צו מיין זיידען: באשר בכן, אַזוי ווי ס'איז געשטאָרבען היינטיגע נאַכט אין טורמע אַ איד מיט'ן נאָמען קיווקע, און אַזוי ווי מיין זיידע איז ראש וראשון אין גבאי אין חברה קדישא, על כן זאָל מען זעהען, הייסט עס, מע זאָל דעם געשטאָרבענעם צונעמען, ברענגען איהם, הייסט עס, צו קבר־ישראל... וואָס זאָגט איהר אויף דאָס שטיקעל אַרבייט? אַיאָ גוט? האָט זשע צייט. פרעהט זיך ניט. ניט אַזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. פאַרגעסט נאָר נישט, אַז דאָס איז נישט עפּיס גלאַט אַזיי אַ איד איז געשטאָרבען. דאָ איז דאָך אַריינגעמישט עפּיס סאָלדאַטסקע קנעפּ... גובערנאַטאָר... גנאָט... אַ ווערטעלע?!... דאַיית חכמה, האָט מען באַדאַרפט זעהען, מע זאָל איהם ניט פאַל־

איהר? ווי קאָנט איהר דאָס דערלאָזען אזא זאַך, מע זאָל שמייסען א אידען, אונזערען, א קאַמינקער?!"...

וועט איהר דאָך מסתּמא פרעגען, וואָס איז מען דאָס געלאָפען גראָד צו מיין זיידען? באַדאַרף איך אייך זאָגען, אז מיין זיידע (זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן) איז געווען — נישט ווייל איך וויל מיך דאָ פאַר אייך באַריהמען — דער גרעסטער, דער שענסטער, דער רייכסטער, דער פאָרנעמסטער בעל־הבית אין שטאָדט, און חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, און טאַקי אַ גרייסער קאָפּמענטיש דערצו. אויסגעהערט דעם גוואַלד, האָט ער זיך פאַוואָלינקע דורכגעשפּאַציערט עטליכע מאָל הין און צוריק איבער'ן שטוב (אַזאַ טבע האָט ער געהאַט: אַז ער פלעגט עפּיס טראַכטען — דערצעהלט דער טאַטע, עליו השלום, — האָט ער ליעב געהאַט אַרומשפּאַציערען עטליכע מאָל הין און צוריק). נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ זאָג געטהאָן: „קינדער! געהט'ס אַהיים. איהר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבען. עס וועט, אם ירצה השם, זיין רעכט; אין קאַמינקע האָבען מיר נאָך, דאַנקען גאָט, ביז אַהער ניט געהאַט קיין געשמיסענעם, און מיר װעלען, מיט גאָט'ס הילף, ווייטער אויך ניט האָבען"...

אָט מיט די ווערטער האָט זיי מיין זיידע, עליו השלום, געזאָגט. און אין שטאָדט האָט מען געוואוסט, אַז רב ניסעל שאַפּיראָ זאָגט, איז געזאָגט. איבערפרעגען ביי איהם: ווי אַזוי און וואָס און ווען? — דאָס האָט ער פיינט געהאַט. אַ איד אַ נגיד, פאַרשטעהט איהר מיך, און אַ תקיף ביי נאַטשאַלסטווע, און אַ קאָפּמענטש דערצו — פאַר אַזאַ מענטשען האָט מען דרך־ארץ. און וואָס זאָלט איהר קלערען? — אַזוי ווי דער זיידע האָט געזאָגט, אַזוי איז געווען. וואָס זשע איז געווען? וועט איהר האָרכען ווייטער.

דערזעהען, אַז דער עולם אין וואַגאָן איז שוין גענוג געשפּאַנט און מע וויל האָרכען, וואָס וועט זיין ווייטער, האָט זיך דער קאַמינקער איד אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויסען פאָר־טאַבאַק און פאַוואָלינקע צונויפגעדרעהט אַ פּאַפּיראָס. עטליכע מיט

א גוטער שעה א מזל'דיגער גלייך קיין ראדיוויל, און פון דארטען — איבער דער גרעניץ, טיו־טיו, קיין בראד.

דאס פארשטעהט איהר שוין אליין מסתמא, אז ביז שמעון דער בעל־עגלה איז ניט געקומען צוריק פון ראדיוויל, איז די שטאדט ניט געשלאפען. אהן קעפ איז מען ארומגעגאנגען. און ועל כולם — דער זיידע, עליו השלום. ווארום א קשיא אויף א מעשה, טאמער חאפט מען איהם ביי דער גרעניץ, דעם שענעם בר־מינן, קיווקען הייסט עס, און מע ברענגט איהם צו פיהרען א לעבעדיגען, א געזונטען, דעמאלט געהט דאך אוועק א גאנצע שטאדט סך־הכל סיביר... דערפאר אבער, אז גאט האט געהאלפען, שמעון דער בעל־עגלה איז געקומען בשלום צוריק פון ראדיוויל מיט זיינע ברענענדיגע סוסים און האט געבראכט צו פיהרען פון קיווקען א בריוועל, געשריבען מיט זיין אייגענער האנט: „ב ק ש ת י ל ה ו ד י ע א ז א י ך ב י ן א י ן ב ר א ד ", — איז געווארען אין שטעדטעל ששון ושמחה! מע האט געמאכט א סעודה, טאקי ביי מיין זיידען אין שטוב, און מע האט געשיקט רופען דעם סמאטריטעל פון דער טורמע, מיט'ן פריסטאוו, מיט'ן דאקטער, מיט דער איבעריגער נאטשאלסטווע, און מע האט געהוליעט, כלי־זמר האבען געשפיעלט, און מע האט זיך אזוי אנגע'שכור'ט, אז דער סמאטריטעל פון דער טורמע האט זיך, וואס אהרט אייך, שטארק געקושט מיט מיין זיידען און מיט דער גאנצער משפחה אפשר צעהן מאל, און דער פריסטאוו האט געטאנצט, ארום פארטאג שוין, מחילה, אהן תחתונים, ביי'ם זיידען אויפ'ן דאך. א קלייניגקייט — פדיון שבויים! אויסגעלייזט א אידען פין שמיץ! איז דאך גוט? איא? האט זשע צייט, מיינע ליעבע אידען, — אט דא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע חתונה. אויב איהר ווילט הארכען ווייטער, וועל איך אייך בעטען איין ווייל מיר צו־ווארטען. אט דא אויף דער סטאנציע מוז איך ארפקריכען אויף א מינוטקעלע, א שמ־עס טהון מיט'ן נאטשאלניק סטאנציע, ער זאל מיר זאגען אקוראט, וויפיעל האבען מיר נאך קיין בארנאוויטש. דאס הייסט, פאהרען פאהר איך

מעסען. דערצו האָט מען באַדאַרפט אָנקומען, געוועהנליך, צום דאָקטער, אַז דער דאָקטער זאָל, הייסט עס, ארויסגעבען אַ פּאַפּיער כּתוב וחתום, אַז ער האָט בודק געוועזן דעם נפטר תּיכּף ומיד נאָכ'ן טוידט און ער געפינט, אַז דער נפטר איז נפטר געוואָרען פון הארצ־קלאָפּעניש, אַזאַ מין אַפּאָפּלעקציע, ניט דאָ געדאַכט... אויך מיט דער איבעריגער נאַטשאַלסטווע האָט מען אָפּגעשמועסט, אַלע זאָלען זיך געבען אַ שרייב־אונטער אויפ'ן דאָזיגען פּאַפּיער — און פאַרטיג. אוים קיווקע. געשטאָרבען קיווקע.

מילא, וואָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט דער שטאָדט — מעגט איהר זיך אַלע דאָ אין וואַגאָן ווינטשען פאַרדיענען יערען חודש. טאָמער האָט איהר מורא, שטעה איך צו צו אייך פאַר אַ שותּף. און אַליין ווער? דער זיידע, עליו השלום. אויף מיין זיידען האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזען. ער האָט דאָס אָפּגעאַרבייט, פאַרשטעהט איהר מיך, שכל'דיג און קונציג און קיילעכיג און גלאַט, אַרום און אַרום. און טאַקי באותו היום, אַרום פאַרנאַכט, זענען געקומען די שמשים פון חברה קדישא מיט דער מטה און מע האָט איהם גאַנץ פיין גע־נומען, דעם שענעם בר־מינן, און מע האָט איהם אַוועקגעטראָגען פון דער טורמע מחילה אויפ'ן הייליגען אָרט מיט גרויס כּבוד, דאָס הייסט, אַ פּאָר סאָלדאַטען זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער מטה, און הינטען — די גאַנצע שטאָדט. וואָס טויג אייך, אָט דער קיווקע האָט זיך אויף אַזאַ לויה אַוודאי קיינמאָל נישט געריכט. און אַז מען איז געקומען צום טויער פון הייליגען אָרט, האָט מען די סאָלדאַטען געגעבען, וואָס אַהרט אייך, צו שענע טרונק בראָנפען, אין דעם בר־מינן האָט מען אַריינגעטראָגען אין הויף אַריין, און דאָרט איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט שמעון דער בעל־עגלה (איך רוף אייך איהם אָן ביי'ם נאָמען, ווי מיין טאַטע, עליו השלום, האָט מיר דערצעהלט) מיט פיער גוטע ברענענדיגע סוסים, און נאָך איידער דער האָהן האָט אַ קרעה געטהאָן, איז שוין אינזער בר־מינן געוועזן, וואָס אַהרט אייך, העט־ווייט אויף יענער זייט ראָגאַטקע, און איז אַוועק אין

שרייבט ער, בקשתּי להודיע, אַז איך בין, ברוך השם, געזונט, געֶב גאָט דאָס נעמליכע פֿון אײַך צו הערען. והשנית, שרייבט ער, בין איך געבליבען אָהן אַ גראָשען בײַ דער נשמה און אָהן שום טהועכץ אין אַ פרעמד אָרט, צווישען דייטשען. זיי פֿאַרשטעהען ניט מ י י ן שפּראַך, און איך פֿאַרשטעה ניט ז י י ע ר לשון. און וואו צו פֿאַרדיענען איז ניטאָ, חאָטש לעג זיך און שטאַרב. על כּן, שרייבט ער, בקשתּי לשלוח...” איהר פֿאַרשטעהט אַ חכם? מע זאָל איהם שיקען, הייסט עס, געלט! האָט מען זיך מן הסתּם גיט אויסגעלאַכט, צעריסען, וואָס אהרט אייך, דאָס בריוועל, אויף צעהן חלקים און פֿאַרגעסען די מעשה. געהט ניט אַוועק קיין דריי וואָכען, קומט־אָן ווידער אַ בריוועל, ווידער פֿונ'ם בר־מינן, פֿון קיווקען הייסט עס, און ווידער אויפ'ן זיידענ'ס נאָמען, און ווידער „בקשתּי להודיע”, און ווידער אַ מאָל „בקשתּי לשלוח”, נאָר דער דאָזיגער „בקשתּי לשלוח” — מיט גאַנצע טענות: „סטייטש, שרייבט ער, וואָס האָט מען געהאַט צו איהם? נעחיי־בּי וואָלט מען איהם, זאָגט ער, שוין בעסער אָפּגעשמיסען. די שמיץ וואָלטען זיך, זאָגט ער, שוין לאַנג פֿאַרהיילט, און ער וואָלט זיך געבליבען בײַ זיין פּרנסה, ווי פֿריהער, ניט אַרומגעהן, זאָגט ער, צווישען די דייטשען שלינג־און־שלאַנג און געשוואָלען ווערען פֿאַר הונגער”...

באַקומען אַזאַ מין בריוועל, האָט דער זיידע, עליו השלום, געשיקט רופען צו זיך די שטאָדט: „וואָס טהוט מען? אַ איד שטאַרבט פֿון הונגער. מע מוז איהם עפּיס שיקען”... און אַז רב ניסעל שאַפּירא זאָגט, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין... האָט מען זיך גאַנץ פֿיין צונויפֿגעלעגט (מעהר פֿון אַלעמען האָט געגעבען דער זיידע אַליין, וואָס פֿאַרשטעהט איהר דאָ ניט?) און מע האָט איהם, וואָס אהרט אייך, אַרויסגעשיקט אַ ביסעל געלט — און ווידער פֿאַרגעסען, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ איד, וואָס האָט געהייסען קיווקע.

קיווקע אָבער האָט נ י ט פֿאַרגעסען, פֿאַרשטעהט איהר מיך, אַז ס'איז דאָ אַ שטאָדט, וואָס הייסט קאַמינקע. עס געהט אַוועק

ווייטער, נאָר אין באַראַנאָוויטש מוז איך אָפּשטעלן און כאַפּן אַיין אַנדער פּאָיעזד...

העלפט נישט. מע מוז וואַרטן. דער קאַמינקער פּאַרשוין נעהט רעדן מיט׳ן „נאַטשאַלניק סטאַנציע" מכּח באַראַנאָוויטש, און דער יזולם דערווייל טהוט זיך אַ שמועס־איבער וועגן דעם קאַמינקער אידען מיט דער קאַמינקער געשיכטע:

— געפעלט אייך דאָס אידעל?

— אַ וואויל אידעל.

— אַ יאָדערדיגס.

— האָט אין זיך רעד.

— די צונג נישט פּיקען.

— און די מעשה?

— אַ שענע מעשה.

— נאָר אַ קורצע.

אגב, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זאָגען, אַז ביי זיי האָט זיך אויך געטראָפען אַזאַ געשיכטע. דאָס הייסט, ניט דוקא פּונקט אַזאַ געשיכטע, נאָר כּמו עפּיס ווי אויף דעם אופן. און מחמת איטליכען ווילט זיך זעהר דערצעהלען זיין געשיכטע, ווערט אין וואַגאָן אַ שטיקעל יריד. ביז עס קומט־אַריין דער קאַמינקער איד. און אַז עס קומט־אַריין דער קאַמינקער איד, ווערט שטיל, און אַלע שפּאַרען זיך צונויף, ווי אַ וואַנט, און מע האָרכט די קאַמינקער געשיכטע מיט קאָפּ און מיט מח.

— וואו זשע האַלטען מיר? האָבען מיר שוין גע׳פּטר׳ט, ברוך השם, אַ אידען, ויאָס הייסט קיווקע. איאָ? אַזוי מיינט איהר? האָט איהר אַ טעות, מיינע ליעבע אידען. עס געהט־אַוועק אַ האַלב יאָהר אָדער אַ יאָהר, איך וועל אייך ניט זאָגען אַקוראַט, איז זיך מיישב אַ איד, וואָס הייסט קיווקע, און שיקט־אַריין, וואָס אַהרט אייך, אַ בריוועל, טאַקי אויף מיין זיידענ׳ס נאָמען: „ראשית,

די פּאָרנעמסטע בעלי־בתּים אין שטאָדט, און ס׳איז געבליבען, אַז
עטליכע שענע אידען, און דער זיידע בתוכם, זאָלען נעמען די
פּעטשיילעס און מחילה לאָזען זיך איבער דער שטאָדט און צונויפּ־
מאַכען פון קיווקע׳ס וועגען נדן. אַ ברירה האָט מען געהאַט? האָט
קיין יסורים ניט. מע האָט איהם נאָך געמוזט אָנשרייבען אַ מזל־
טוב אויך און צו־ווינטשעווען דעם חתן, ס׳זאָל זיין אין אַ מזל׳דיגער
שעה, ער זאָל זיך מיט איהר עלטערען אין עושר און אין כּבוד און
דערלעבען קינדס־קינדער, ווי געוויינטליך. וואָס האָט מען גערע־
כענט? ער וועט חתונה האָבען, וועט דאָס איהם פאַרדרעהען דעם
קאָפּ, וועט ער בּמילא פאַרגעסען, אַז ס׳איז דאָ אַ קאַמינקע אויף
דער וועלט. צום סוף — ווער? וואָס? אדרבה. ס׳איז ניט
אַוועקגעגאַנגען קיין האַלב יאָהר, אָדער אַ יאָהר — איך וועל אייך
ניט זאָגען אַקוראַט, — קומט ניט אָן, מיינט איהר, פון איהם ווידער
אַ מאָל אַ בריוועל? וואָס איז ווייטער? „באשר בכן, אזוי ווי
ער האָט חתונה געהאַט, שרייבט ער, און האָט דוקא געטראָפען, גאָט
האָט איהם צוגעשיקט, זאָג ער, אַ ווייבעל אויף אַלע אידישע קינדער
געזאָגט געוואָרען. נאָר וואָס דען? מיט אַלע מעלות, זאָגט ער,
קאָן ניט זיין. האָט זי אַ טאַטען — מעג ער זיין די כּפּרה. אַ
ליגנער, אַ דרעהער, אַ שווינדלער, איין אמת׳ער באַנדיט. ער האָט
אויסגענאַרט, שרייבט ער, ביי איהם די צוויי הונדערט רייניש און
האָט איהם אַרויסגעטריבען מיט׳ן ווייב אויף דער גאַס. על כּן,
שרייבט ער, „בקשתי לשלוח" — זאָל מען איהם, הייסט עס, אַרויס־
שיקען תּיכּף ומיד אַנדערע צוויי הונדערט רייניש. אַניט, זאָגט ער,
קומט איהם אויס אָדער נעמען אַריינוואַרפען זיך אַ לעבעדיגער אין
טייך אַריין, אָדער קומען צו פאָהרען צוריק אַהיים מיט׳ן בייטשעל"...

דאָס האָט שוין דער שטאָדט פאַרדראָסען טאַקי ניט אויף
קאַטאָוועס. צוויי מאָל נדן? — דאָס איז דאָך שוין עפּיס טאַקי
מעשה פאַרך! און ס׳איז געבליבען, מע זאָל איהם אויף זיין בריעף
נישט ענטפערען גאָרנישט. איז זיך מיישב קיווקע און וואַרט־אָפּ
אַ וואָך צוויי אָדער דריי און שיקט־אַריין, וואָס אַהרט אייך, ווידער

ווידער א האַלב יאָהר, אָדער א יאָהר, איך וועל אייך ניט זאָגען אקוראַט, קומט ניט אָן, מיינט איהר, פון'איהם ווידער א בריוועל? און ווידער אויפ'ן זיידענ'ס נאָמען, און ווידער „בקשתי להודיע", און ווידער א מאָל „בקשתי לשלוח", שוין דאנקען גאָט מיט א מזל־טוב. „באשר בכן, — שרייבט ער אין בריוועל, — אזוי ווי ער איז ניט לאַנג א חתן געוואָרען, נעמט זעהר א וואוילע כּלה, א טאַטענ'ס א קינד און פון א שענער משפּחה, על כּן „בקשתי לשלוח", זאָל מען איהם, הייסט עס, צושיקען צוויי הונדערט רייניש, וואָס ער האָט צוגעזאָגט איינלעגען נדן. אניט, זאָגט ער, איז דער שידוך קיין שידוך ניט"... וואָס זאָגט איהר אויף דעם אומגליק? קיווקע וועט חלילה בלייבען אָהן א כּלה! וואָס טויג אייך, מע האָט זיך מיט'ן בריוועל ארומגעטראָגען איבער קאַמינקע, ווי מיט עפּיס רעכטס, און דער עולם האָט געלאַכט, זיך ממש געהאַלטען ביי די זייטען. חוכא וטלולא איז געווען אין שטאָדט: „מזל־טוב אונז"... „קיווקע איז א חתן געוואָרען"... „געהערט? צוויי הונדערט רייניש נדן"... „א טאַטענ'ס א קינד"... „חאַ־חאַ־חאַ"...

דער חאַ־חאַ־חאַ האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, וואָרום אין א פּאָר וואָכען ארום קומט־אָן, וואָס אהרט אייך, א בריוועל, ווידער פון איהם, און ווידער צום זיידען, שוין אָהן א „בקשתי להודיע", נאָר מיט א „בקשתי לשלוח" אליין. „עס וואונדערט איהם, שרייבט ער, וואָס מע האָט איהם נאָך ניט ארויסגעשיקט די צוויי הונדערט רייניש, וואָס ער האָט צוגעזאָגט איינלעגען. טאָמער שיקט מען איהם ניט ארויס, זאָגט ער, באַלד די צוויי הונדערט רייניש, ווערט ער אויס חתן, און פּאַר בזיון בלייבט איהם איבער, זאָגט ער, נאָר איין זאַך: אָדער דערטרינקען זיך אין טייך, אָדער קימען צו פאָהרען מיט'ן בייטשעל אהיים, קיין קאַמינקע"...

די דאָזיגע לעצטע ווערטער זענען אריין דעם עולם, וואָס אהרט אייך, אין נאָז אריין, און מע האָט אויפגעהערט צו לאַכען, און דעם זעלבען אויפדערנאַכט איז געווען ביי'ם זיידען איין אסיפה פון

פּופּציג רייניש. און טאַקי באַלד, מע זאָל ניט „מעדליוועז“, זאָגט ער, מיט׳ן געלט. וואָרום דער שותּף, שרייבּט ער, וויל ניט וואַרטען. ער האָט, זאָגט ער, אַנדערע שותּפים, צעהן פאַר איינעם, און טאָמער חלילה נעמט ער ניט דאָס געשעפט, בּלייבּט ער אָהן אַ געשעפט, און וויבּאַלד ער בּלייבּט אָהן אַ געשעפט, קומט איהם אויס, זאָגט ער, נאָר אַריינוואַרפען זיך אין טייך אַריין, אָדער קומען צוריק אַהיים מיט׳ן בּייטשעל“ — דער אַלטער נוסח! און לאָזען לאָזט ער אויס מיט איין אָנצוהערעניש, אַז באַם מע שיקט איהם ניט אַרויס בּיז אין צוויי וואָכען צייט די פיער הונדערט מיט פּופּציג רייניש, וועט זיי קאָסטען טייערער, וואָרים זיי וועלען איהם דאַרפען אומקעהרען פאַר הוצאות פון בּראָד קיין קאַמינקע און צוריק פון קאַמינקע קיין בּראָד — אַ כּל־בּו׳ניק קאָן!

באַדאַרף מען אייך נאָך דערצעהלען, וואָס פאַר אַ פאַרשטעהר־טען יום־טוב די שטאָדט האָט געהאַט? און איבּערהויפּט — דער זיידע מיינער! ער, עליו השלום, האָט נעבּאַך געהאַט, וואָס אַהרט אייך, דעם גרעסטען חלק! וואָרום אַז ס׳איז געקומען נאָך יום־טוב צו דער אסיפה, האָט דער עולם אָנגעהייבּען אונטערמורמלען און טענה׳ן: „געגוג! בּיז וואַנעט איז דער שיעור צו צאַפּען געלט? אַלסדינג דאַרף דאָך זיין מיט אַ מאָס. קרעפּלעך עסען קאָן אויך נמאס ווערען. אייער קיווקע וועט אונז מאַכען פאַר קבּצנים!“...

אַזוי טענה׳ט די שטאָדט. ענטפערט דער זיידע: „וואָס עפּיס מ י י ן קיווקע?“ זאָגען זיי: „ווע מענ׳ס דען? ווע מענ׳ס אויפּטהו איז דאָס געוועז, אַז דער ממזר זאָל פּלוצים בּאַקומען אַפּאָפּלעקציע אין טורמע?“...

פון די ווערטער האָט מיין זיידע אַרויסגעזעהען (געוועז אַ איד אַ חכם), אַז ס׳איז דברים בּטלים, קיין געלט וועט מעהר די שטאָדט ניט געבּען. האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו נאַטשאַלסטווע — נאַטשאַלסטיוע ליגט דאָך אויך אין קוואַס גלייך מיט אַלע, — טאָמער וועלען זיי געבּען חאָטש עפּיס צושטייער? — ווער? וואָס? אַ נעכטיגער טאָג! אַ גוי איז ניט קיין איד. אַ גוי נעמט זיך ניט

א בריעף, און אלץ אויף מיין זיידענ'ס נאָמען: „אזוי און אזוי, וואָס טראַכט מען זיך? פאַר וואָס שיקט מען איהם ניט ארויס די צוויי הונדערט רייניש? ער וועט אָפּוואַרטען, שרייבט ער, נישט מעהר ווי אָנדערטהאַלבען וואָכען, און אז מע שיקט איהם ניט ארויס, זאָגט ער, דאָס געלט, האָט איהם קאַמינקע פאַר א גאַסט, אם ירצה השם, גאָר אין גיכען". און לאָזט נאָך אויס דעם בריעף מיט א „ונאמר אָמן". א שייגעץ קאָן!

ווי, פאַרשטעהט איהר, האָט דאָס געברענט און געבראָטען איטליכען באַזונדער? נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טהון? ווידער א מאָל איין אסיפה ביי'ם זיידען אין שטוב, און ווידער א מאָל שענע בעלי־בתים מיט א פּעטשיילע איבער דער שטאָדט. דער עולם האָט זיך אפילו, וואָס אהרט אייך, שטאַרק געקנייטשט, קיין חשק געהאַט צו געבען געלט צוליעב אזא כל־בו'ניק. נאָר ס'איז עפּיס א תירוץ — אז רב ניסעל שאַפּיראָ זאָגט געבען, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין. נאָר א תנאי האָט יעדער אויסגענומען, אז דאָס גיט ער צום לעצטען מאָל. דער זיידע אליין האָט אויך גאָר אַנדערש ניט געררעכענט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל. און אזוי האָט מען איהם טאַקי אָנגעשריבען, קיויקען הייסט דאָס, בפירוש מיט'ן הארבען וואָרט, אז דאָס שיקט מען איהם ד אָ ס ל ע צ ט ע מ אָ ל, און אַז מעהר זאָל ער פון קיין געלט גאָר ניט דערוועגען מזכיר זיין אפילו. אודאי האָט ער זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, דער גנב, ווי מיינט איהר? איינמאָל אונטער א יום־טוב קומט ניט אָן פון'ם תנא (צום ייידען, געוויינטליך) ווידער א מאָל א בריוועל? וואָס איז היינט? „באשר בכן, — שרייבט ער, — אזוי ווי ער איז זיך צונויפגעקומען אין בראָד מיט איינעם א דייטש, זעהר א לייטישען מענטשען און איין עהרליכען, און האָט געשלאָסען, זאָגט ער, מיט איהם שותפות, א פאַיאַנס־געשעפט, און דאָס געשעפט איז, זאָגט ער, זעהר א גוט געשעפט און א ראַיעל געשעפט, מע קאָן, זאָגט ער, דערפון האָבען זעהר שען פּרנסה, — על כן בקשתי לשלוח, זאָל מען איהם, הייסט עס, צישיקען, למען השם, פיער הונדערט מיט

שפּיז. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסעל אָנגערײַכערט און אויס־געהוסט, האָט ער גוט אויסגעשנייצט די נאָז, פאַרקאַטשעט איבער־אַנייעם די אַרבעל און אָנגעהויבען מיט'ן זעלבען טאָן, וואָס פריהער:

— איהר קעהרט אודאי מיינען, מיינע ליעבע אידען, אַז דער כּלב שבּכּלבים האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען פאַר מיין זיידענ'ס בּריעף? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. עס געהט ניט אַוועק קיין האַלב יאָהר, אָדער אַ יאָהר — קומט אָן, וואָס אהרט איך, פון דעם משומד אַזאַ מין מכתּב: „ראשית בּקשתי להודיע, אַז מיין שותּף דער דייטש, קומען זאָל אויף איהם אַ בייזער חלום, האָט מיך באַ־שווינדעלט, באַנומען פון קאָפּ בּיז די פיס און אַרויסגעוואָרפען פון געשעפט. האָב איך אפילו געוואָלט איינגעבען אויף איהם, פאַר־פיהרען אַ פּראָצעס, האָב איך אָבער געזעהען, אַז ס'איז אַ נעכטיגער טאָג. אָנהויבען זיך לאָדען מיט אַ דייטש — דאַרף מען זיך גע־זעגענען מיט'ן לעבען. זיי זענען אַזעלכע ממזרים, אַז מע טאָר ניט שטעהן אין זייערע דלית אמות! בּין איך געגאַנגען און האָב בּעסער אָפּגעדונגען אַ געוועלב, טאַקי נעבען זיין געוועלב, אַ טיר נעבען אַ טיר, און איך עפען אַ נייע געשעפט, אויך פון פּאַיאַנס, און מיט גאָט'ס הילף, איך וועל דעם דייטש באַגראָבען, ער וועט ביי מיר עסען די ערד! נישטמעהר — איין זאַך, וואָס מע דאַרף האָבען דערצו פּאָרעם, צום ווינציגסטען — טויזענט רייניש. על כּן בּקשתי לשלוח"... אַזוי שרייבט ער, קיווקע הייסט עס, און לאָזט־אויס דעם בּריעף מיט די ווערטער: „און באם איהר שיקט מיר ניט אַרויס אין אַכט טאָג אַרום די טויזענט רייניש, שיק איך־אָפּ, זאָגט ער, אייער לעצטען בּריעף, וואָס איז גע'חתמ'עט מיט אייער אייגענער האַנט: „ניסעל שאַפּיראָ", גלייך אין דער גובערניע אַריין, און דער־צעהל זיי אויס די גאַנצע מעשה פון אל"ף בּיז תּי"ו: ווי אַזוי איך האָב באַקומען אין טורמע די אַפּאָפּלעקציע, ווי אַזוי איך בּין נאָכ־דעם אויפ'ן הייליגען אָרט אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, ווי אַזוי שמעון דער בּעל־עגלה האָט מיך געבראַכט בּשלום קיין בּראָד, און ווי אַזוי איהר האָט מיר אַרויסגעשיקט עטליכע מאָל לאַ־יחרץ־געלט.

צום הארצען. און, וואס אהרט אייך, ער האט נעבאך געמוזט, במחילת כבודו, דער זיידע הייסט עס, צעגארטלען זיך און אויסקשיקען זיינע אייגענע עטליכע גילדען צום דאזיגען רוצח, ימח שמו. און א בריעף האט ער איהם אוועקגעשריבען, א רעכטען בריעף (מיין זיידע, עליו השלום, אז ער האט געוואלט, האט ער געקאנט!). אינ׳ם דאזיגען בריעף האט ער איהם, וואס אהרט אייך, גוט אויסגעשייגעצט, וויפיעל ס׳איז אין איהם אריין. ער האט איהם אנגערופען כל־בו׳ניק, און הולטאי, און עם־הארץ, און פושע־ישראל, און בלוטצאפער, און פיאווקע, און רשע מרושע, און מומר להכעיס, אין וואס איהר ווילט. און אנגעזאגט האט ער איהם איין מאל פאר אלע מאל, אז מעהר זאל ער זיך גאר ניט דערוועגען שרייבען קיין בריוולעך און ניט מזכיר זיין אפילו פון קיין געלט. און האט א הם דערמאנט, אז ס׳איז דא א גאט אויף דער וועלט, וואס זעהט אלסדינג און ווייסט אלסדינג און צאהלט בכפל־כפלים. און אויסגעלאזט האט ער דעם בריעף (פארט א אידיש הארץ!) מיט תחנונים, מיט א געבעט הייסט עס, ער זאל רחמנות האבען אויף זיינע אלטע יאהרען אין זאל ניט אומגליקליך מאכען א שטאדט מיט אידען, ובזכות זה וועט איהם דער אויבערשטער העלפען, ער וועט דארט מצליח זיין וואו ער וועט זיך קעהרען און ווענדען. אט אזא מין בריעף האט איהם דער זיידע, עליו השלום, אוועקגעשריבען און אונטערגעחתמ׳עט האט ער זיך מיט׳ן גאנצען נאמען בפירוש: „ניסעל שאפירא״ — אין דאס איז געווען פון איהם, ער זאל מיר מוחל זיין, די גרעסטע נארישקייט, ווי איהר וועט באלד הארכען, וואס אהרט אייך, פון דער געשיכטע ווייטער.

דא האט דער קאמינקער איד ווידער א מאל זיך אפגעשטעלט, ארויסגענומען דעם פארטאבאק, פאוואלינקע פארדרעהט א פאפיראס, פארוויכערט און שטארק פארצויגען זיך, איין מאל אין צוויי מאל און דריי מאל, גאר נישט געקוקט דערויף, וואס דער עולם איז נייגיעריג, געהט־אויס מיט אלע כחות, מע וויל שוין וויסען דעם

דעם פּאָיעזד ? מאָדנע אידען ! איהר הערט דאָך : באַראַנאָוויטש ! סטאַנציע באַראַנאָוויטש !

און איטלעכער מיר קוקען זיך ארום, איז שוין ניטאָ קיין זכר אפילו פון דעם קאמינקער אידען.

פארברענט זאָל ווערען די סטאַנציע באַראַנאָוויטש !

ענדע געשיכטע נומער דריי.

אַלסדינג וועל איך זיי, זאָגט ער, אויסדערצעהלען, לאָזען זיי וויסען, אז מיר האָבען אַ גרויסען גאָט און קיווקע איז ניט געשטאָרבען"...

געפעלט אייך, אשטייגער, אַזאַ מין ברוך־הבא? ! ווי נאָר דער זיידע, עליו השלום, האָט איבערגעלייענט דעם דאָזיגען זיסען בריעף, אַזוי איז איהם באַלד געוואָרען שלעכט, וואָס אהרט אייך, אויף צו חלש'ען. עס האָט איהם אָפּגענומען, ניט פאַר מיר געדאַכט... אידען, מיר שטעהען? וואו זענען מיר?

— סטאַנציע באַראַנאָוויטש... סטאַנציע באַראַנאָוויטש...

אַזוי רופען־אויס די קאָנדוקטאָרען, לויפענדיג איינס נאָך דאָס אנדערע פאַרביי די פענסטער פון אונזער וואַגאָן.

דערהערט דעם נאָמען „באַראַנאָוויטש", שפּרינגט־אויף אונזער קאמינקער איד פון אָרט, טהוט זיך אַ חאַפּ צו זיין פּעקעל, עפּיס אַ מין זאַק, אָנגעשטופּט גאָט ווייסט מיט וואָס, שלעפּט איהם מיט אַלע כּחות און לאָזט זיך צו דער טיר. איין מינוט — און ער איז שוין מיטביידע פיס אויף דער פּלאַטפאָרמע, שוויצט און שטופּט זיך מיט'ן זאַק צווישען עולם, טהוט אַ קוק אריין יעדען איינציגען אין פנים אריין:

— באַראַנאָוויטש?

— באַראַנאָוויטש.

עס חאַפּט דעם אָנבליק, ווי ביי קידוש־לבנה:

— שלום עליכם?

— עליכם שלום!

אַ סך פון אונזער וואַגאָן (און איך אויך בתוכם) לויפען איהם נאָך פון הינטען און חאַפּען איהם ביי די פּאָלעס:

— פעטער! ס'איז בלאָטע! מיר וועלען אייך ניט אָפּלאָזען. איהר מוזט אונז זאָגען — וואָס איז געוועזען דער סוף פון דער געשיכטע?

— וואָסער סוף? ס'איז ערשט איין אָנהויב! לאָזט מיך אָפּ! וואָס ווילט איהר? איך זאָל פאַרשפּעטיגען איבער אייך

געשיכטע נומער פיער

צוגענומען

געשריבען אין יאָהר 1909.

געשיכטע נומער פיער

צוגענומען

— איהר זאָגט דאָס? איך וועל אײַך דערצעהלען אַ שענערע זאַך. פאַרהאַן בײַ אונז אײנער פינקעלשטײן. אַ איד אַ גביר. אײן אדיר. האָט ער צוויי בנים. דאַכט זיך מיר, ווען איך האָב זײַן געלט, וואָלט איך אַ שפּײַ געטהאָן אויפ'ן גאַנצען טאַרעראַם. ווי־פיעל, מײנט איהר, האָט איהם אָפּגעקאָסט? לאָמיר דאָס פאַר־מאָגען בײדע חאָטש האַלב!...

— אַלדי שוואַרצע יאָהר! איך האָב עס נאָך געזאָגט פאַר־איאָהרען. אָט וועט איהר זעהען, האָב איך געזאָגט, אַז העכער האַלב וועלען זיך אויס'שמד'ען.

— דאָס אײגענע, וואָס איך. בײַ אונז איז געווען אײנער מאַרשאַק, איז ער אויסגעווען וואו די וועלט האָט אײן עק. אין ערגיץ ניט צוגעלאָזט. איז ער געגאַנגען און האָט זיך אָוועק־גע'סמ'ט...

— הלואי איך זאָל ליגען זאָגען, האָב איך געזאָגט, אָט וועט איהר זעהען, זאָג איך, אַז מע וועט זיך געבען אַ נעם בײַ אונז צים שמד'ען, וועט ניט בלײַבען אײן איד, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! וואָס דען? ס'איז, אַפּנים, אײן איפּן גאָר איבערצוטראָגען די צרות מיט די פּראָצענטען מיט די צירקוליארען? אַלע טאָג, אַלע טאָג

— ביי אייך האָט מען, זאָגט איהר, צוגענומען אכטצעהן אידען ?

— אכטצעהן שטיק, ווי די בערען, און מיינעם אויך בתוכם.

— אייערען האָט מען אויך צוגענומען ?

— נאָך אַ מין צונעמען !

— וואו ? וואו ?

— ביי אונז טאַקי, אין קליין־פערעשטשעפענע.

— אין וואָסער פערעשטשעפענע ? וואו איז דאָס ערגיץ פערעשטשעפענע ?

ביידע האַפּען זיך אויף אויף די פּיס, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, און ביידע — אויפ'ן פאַרשוין פון דער אויבערשטער באַנק. דער פאַרשוין פון דער אויבערשטער באַנק קוקט צו ז"י אַראָפּ מיט'ן פאַרשוואָלענעם פּנים :

— קליין־פערעשטשעפענע ווייסט איהר ניט ? אַ שטעדטעל פאַרהאַן אַזעלכעס. איהר האָט גאָר נישט געהערט קיינמאָל ? פאַרהאַן צוויי פערעשטשעפּענעס : גרויס־פערעשטשעפענע און קליין־פערעשטשעפענע. בין איך אַ קליין־פערעשטשעפענער.

— אויב אַזוי, קומט דאָך אייך שלום. קריכט אַראָפּ אַהער. וואָס וועט איהר זיצען דאָרט איינער אַליין אונטער'ן הימעל ?

דער בעל־הבית פון די פּיס מיט די טיעפע גומענע קאַלאָשען קלעטערט־אַראָפּ, קרעכצענדיג, צו די צוויי. און די צוויי צערוקען זיך, מאַכען פּונ'ם דריטענ'ס וועגען איין אָרט און זיי באַפאַלען איהם, ווי די הונגעריגע היישעריקען.

— האָט מען אייערען, זאָגט איהר, צוגענומען ?

— נאָך אַ מין צוגענומען !

— זאָגט זשע נאָר, ליעבער פריינט, ווי קומט עס ? מע נעמט ביי אייך, אפנים, אַ קערבעל ?

— אַ קערבעל ? חלילה וחס ! מע טאָר גאָר נישט דערמאַנען פון קיין געלט. דאָס הייסט, אַמאָל איז ביי אונז דוקא אָנגעגאַנגען געלט. און נאָך אַ מין געלט ! אָהאָ־האָ ! מע פלעגט פאָהרען

א נייער צירקוליאר. וויפיעל אידישע קינדער, אזוי פיעל צירקו־ליארען. אָט וועט איהר זעהען, האָב איך געזאָגט, ווי מע וועט זיך דערשפּיעלען, אז מע וועט גאָר אויפהערען צו נעמען. א סימן האָט איהר, נעמט, למשל, שפּאָלע. שפּאָלע — א אידישע שטאָדט? איאָ?

— למאי נעמיראָוו? אָט האָב איך א בריעף פון נעמיראָוו, שרייבט מען מיר פון דאָרטען זעהר מיאוס׳ע זאכען!...

— און אין לובען, מיינט איהר, איז בעסער?

— וואָס איז אין לובען?

— צי, אשטייגער, אין אנאניעוו. אין אנאניעוו פּלעגט מען אלע יאָהר צונעמען נישט ווינציגער פון דריי אידען.

— וואָס טויג אייך אנאניעוו? נעמט בעסער טאָמאשפּאָל. אין טאָמאשפּאָל, זאָגט מען, האָט מען היינטיגס יאָהר נישט צו־גענומען איין אידען אפילו, איהר זאָלט זאָגען, אויף א רפואה!

— און ביי אונז האָט מען היינטיגס יאָהר צוגענומען אכט־צעהן אידען.

דאָס איז געווען א קול פון אויבען. מיינע צוויי פּארשוינען (און איך אויך) פּארדרייסען די קעפּ ארויף, היבען־אויף די אויגען אויף דער אויבערשטער באַנק. פון דער אויבערשטער באַנק הענגען אראָפּ צוויי פיס אין טיעפע גומענע קאלאָשען. די צוויי פיס מיט די טיעפע גומענע קאלאָשען טראָגען אויף זיך א אידען מיט א שווארצען צעקודעלטען קאָפּ, מיט א פארשלאָפען פנים, וואָס זעהט אוים ווי געשוואָלען.

מיינע צוויי פּארשוינען באטראכטען דעם פּארשלאָפענעם מיט׳ן געשוואָלענעם פנים, עסען איהם אויף מיט די אויגען, גלייך ווי ער וואָלט געווען עפּים א מין באשעפעניש, וואָס אין אונזערע ערטער זעהט מען דאָס גאָר ניט. ביידע מיט א מאָל ווערען זיי ווי אויפגעלעבט, דערפרעהען זיך, און מיט בלישטשענדיגע אויגען טהוען זיי א פרעג ביי׳ם אויבערשטען פּארשוין:

— מאָדנע אידען דאָס איז! איהר קאָנט נישט א־יסרעדען קיין אידיש וואָרט, צי וואָס? פע־רע־שטשע־פּע־נע! פּע־רע־שטשע־פּע־נע!

— נו, גוט, גוט. פּערעשטשעפּענע איז פּערעשטשעפּענע. וואָס זשע דאַרף מען זיין אַזוי אין כּעס?

— איך בין גאָר ניט אין כּעס. איך האָב פּיינט, אַז מע פרעגט מיך איבער איין זאַך נייען און נייענציג מאָל.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט. מיר האָבען די אייגענע מכּה, וואָס איהר. מיר האָבען דערהערט פון אייך, אַז מע האָט אייערען צוגענומען, האָט דאָס אונז געגעבען אַ נעם. דערפאַר פרעגען מיר זיך אַזוי־נאָך. מיר ווילען אייך זאָגען דעם ריינעם אמת: מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז ביי אייך, ווי אַזוי הייסט עס, אין פּערע־פּערע־שטשעפּענע זאָל זיך געפינען אַ גימנאַזיע!

דער פּערעשטשעפּענער איד שטעלט אָן אויף זיי די אויגען, קוקט בייז:

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז ביי אונז אין פּערעשטשעפּענע איז דאָ אַ גימנאַזיע?

מיינע צוויי פאַרשיינען פון זייער זייט שטעלען אָן אויפ׳ן דריטען פאַרשוין די אויגען:

— איהר זאָגט דאָך, אַז אייערען האָט מען צוגענומען ביי אייך טאַקי אין פּערעשטשעפּענע?

דער פּערעשטשעפּענער קוקט אויף זיי מלא גזלן. נאָכדעם שטעהט ער אויף און שרייט אויס זיי גלייך אין פּנים אַריין:

— פאַר אַ סאָלדאַט האָט מען איהם צוגענומען! פאַר אַ סאָלדאַט! פאַר אַ סאָלדאַט!...

אין דרויסען איז שוין גרויסער טאָג. אין די פענסטער גנב׳עט זיך אַריין אַ גרויע בלייליכע ליכטיגקייט. דער עולם בּיסלעכווייז

צו אונז פון אנדערע שטעדט ארום און ארום. מע האָט שוין גע־וואיסט, אז פּערעשטשעפּענע איז איין אָרט, וואו מע נעמט. נאָר פון א פּאָר יאָהר, פון זינט מע האָט גע׳מסר׳ט — אויף מיין גליק — האָט מען אויפגעהערט ביי אונז נעמען געלט.

— וואָס זשע? א פּראָטעקציע?

— וואָסער א פּראָטעקציע? זיי האָבען צווישען זיך אָפּ־געמאַכט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אז וויבאַלד א איד, אזוי איז — צוגענומען! פּרינימאַט אי ניקאַקיך!

— טאַקי באמת? וואָס רעדט איהר? איהר מאַכט, אפּנים, פון אונז חוזק?

— חוזק מאַך איך? וואָס בין איך אייך פאַר א חוזק־מאַכער?

אַלע דריי קוקען זיך אָן, גליייך ווי זיי וואָלטען וועלען איבער־לייענען, וואָס שטעהט ביי זיי אָנגעשריבען אויף די פּנים׳ער. און מחמת אויף זייערע פּנים׳ער שטעהט נישט אָנגעשריבען גאָרנישט, טהוען די צוויי א פרעג ביי׳ם דריטען:

— שטעהט נאָר, ווי אזוי האָט איהר געזאָגט? פון וואַנען זענט איהר אַליין?

דער דריטער ווערט א ביסעל ברוגז׳ליך.

— פון פּערעשטשעפּענע — האָב איך אייך שוין געזאָגט דריי מאָל. פון קליין־פּערעשטשעפּענע.

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט. מיר האָרכען דאָס ערשטע מאָל אזא שטאָדט.

— חאַ־חאַ־חאַ! פּערעשטשעפּענע א שטאָדט? אויך מיר א שטאָדט! פּערעשטשעפּענע איז ניט קיין שטאָדט, נאָר א שטעדטעל, א דאָרף קאָן מען זאָגען, „א מעסטעטשקע“.

— און פון דעסטוועגען איז דאָ, זאָגט איהר, ביי אייך... ווי אזוי הייסט אייער שטעדטעל? פּער... פּערע...

דער איד פון קליין־פּערעשטשעפּענע ווערט שוין טאַקי רעבט אין כּעס.

געשיכטע גומער פינף

אַ מענטש פון בוענאָס־אַירעס

געשריבּען אין יאָהר 1909.

שטעהט אויף. ווער עס גלייכט זיך אויס די ביינער. ווער עס הוסט זיך אויס. און ווער עס נעמט זיך צו די פעקלעך, גרייט זיך אין וועג אריין.

מיינע דריי פארשוינען האבען זיך צעשיידט. געווארען אויס מחותנים. איינער האט זיך אפגעקערעוועט אין א ווינקעלע און פאוואלינקע פאררויכערט א פאפיראס. דער אנדערער האט אויפ־געעפענט א קליין סדור'על, און געזעצט זיך דאווענען פון פארענט, איין אויג צוגעמאכט און געשעפטשעט שטילערהייט. דער דריטער, דער בייזער איד, וואס פון קליין־פערעשטשעפענע, — דער האט זיך גאר גענומען צום עסען.

מערקווירדיג, ווי די דריי זענען עפיס מיט א מאל געווארען, ווי ווילדפרעמדע. נישט נאר מע רעדט נישט אויס צווישען זיך אווארט, נאר מע קוקט זיך ניט אפילו איינס דאס אנדערע אין די אויגען אריין, גלייך ווי זיי וואלטען אלע אינאיינעם עפיס אפגע־טהאן א פאסקודנע זאך, א מיאוס'ע עבירה...

ענדע געשיכטע נומער פיער.

געשיכטע נומער פינף

אַ מענטש פון בוענאָס־אַיירעס

פאָהרען אין באַהן איז גאָר ניט אַזוי אומעטיג, ווי אַנדערע מיינען. אַבי מע טרעפט נאָר אָן אַ גוטע קאָמפּאַניע. אַמאָל מאַכט זיך אייך צו פאָהרען מיט אַ סוחר, מיט אַ מענטשען, וואָס פאַרשטעהט געשעפט. דעמאָלט ווייסט איהר גאָר ניט, וואו די צייט קומט אַהין. און אַמאָל טרעפט איהר אָן נישט אויף קיין סוחר, נאָר אַזוי אויף אַ געניטען מענטשען, אַ קלוגען, אַ דורכגעטריבענעם, אַ „געריבענעם, א „גערוויכערטע ליולקע“, וואָס איז קלאָר די וועלט אויף אויסווענדיג. מיט אַזאַ מענטשען איז אַ פאַרגעניגען צו פאָהרען. מע קאָן פון איהם עפּיס נאַשען. און אַמאָל שיקט אייך גאָט צו גלאַט אַ לעבעדיגען פּאַסאַזשיר. אַ לעבעדיגען און אַ פריילינגען און אַ באַרעדעוודיגען. רעדט ער און רעדט און רעדט. דאָס מויל מאַכט זיך איהם ניט צו רעדענדיג. און נאָר פון זיך, און נאָר פון זיך.

אָט מיט אַזאַ מין נפש איז מיר אויסגעקומען איינמאָל פאָהרען אַ גאַנץ היבשע שטרעקע.

אונזער באַקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען — ווי אַזוי הויבט זיך אָן אַ באַקאַנטשאַפט אין וואַגאָן? — פון אַ קלייניגקייט: „ווייסט איהר ניט, ווי אַזוי הייסט די סטאַנציע?“ אָדער: „וואו האַלט דער זייגער?“ אָדער: „צי האָט איהר ניט ביי זיך אַ

איך באַטראַכט דעם נפש און קאָן נישט טרעפען בשום אופן, וויפיעל ער איז אַלט. ס'איז רעכט צו זאָגען — א יאָהר פערציג, און ס'איז רעכט צו זאָגען — עטליכע און צוואנציג. דאָס פנים גלאַט אָן קיילעכיג, אַ ביסעלע צו־שטאַרק צוגעברענט. קיין סימן פון קיין באָרד און וואָנסעם. אויגעלעך קליינע, בוימעהלדיגע און לאַבענדיגע. און אַליין איז דאָס אַ קליינטשיקס, אַ קיילעכיגס, אַ ריהרעוודיגס, אַ לעבעדיגס, אָנגעטהאָן פון אויבען ביז אַראָפּ נעט און נאָבעל, אַזוי ווי איך האָב ליעב: אַ שניי־ווייס העמד מיט גאָלדענע קנעפּ. אַ רייבער פלאַסטראָן־שניפּס מיט אַ שענער נאָדעל אַריינגעשטעקט. אַ נייער עלעגאַנטער בלויער אָנצוג פון עכט־ענגלישען שעוויאָט. אַ פּאָר לאַקירטע שיך, קלוגע שיך. אַ שווערער גאָלדענער רינג אויפ'ן פינגער מיט אַ בריליאַנט, וואָס שפּיעלט זיך אָפּ אויף דער זון אין טויזענט וואַסערען (דער רינג, אויב ער איז נאָר איין אמת'ער, דאַרף ווערטה זיין ניט ווינציגער פון פיער־פינף הונדערט, אויב ניט מעהר).

שען אָנטהון זיך — דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, די הויפּטזאַך ביי מענטשען. איך האָב ליעב אַליין שען אָנטהון זיך, און האָב ליעב, אַז יענער געהט שען אָנגעטהאָן. נאָכ'ן אָנטהון וועל איך אייך דערקענען, ווער ס'איז אַ פיינער מענטש, און ווער ניט. פאַרהאַן אפילו אַזעלכע, וואָס האַלטען, אַז ס'איז גאָר קיין ראיה ניט. מע קאָן, זאָגען זיי, געהן זעהר שען אָנגעטהאָן און זיין וואָס אין דער קאָרט. וועל איך אייך אָבער פרעגען, ענטפערט מ'ר דערויף: למאי טהוט זיך אָן שען די גאַנצע ויעלט? למאי טראָגט דער אַזאַ מין אָנצוג, און דער אַזאַ מין קאָסטיום? למאי קויפט זיך איינער אַ „דיפּלאָמאַט־שניפּס", איין אַטלעסענעם, אַ גלאַטען, פערעל־גרין קאָליר, און דער אַנדערער זוכט אַ „רעגאַט", דוקא אַ רויטען און דוקא מיט ווייסע שפּרענקעלעך?

איך וואָלט אייך געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַזעלכע ביי־שפּיעלען, מיין איך אָבער, אַז ס'איז ניט כדאי. איין עבירה די צייט.

שוועבעלע?" גיך, גאנץ גיך זענען מיר געוואָרען גוטע ברידער, גלייך ווי מיר וואָלטען שוין געוועזן באקענט זוער ווייסט פון ווען אָן. אויף דעה ערשטער סטאַנציע, וואו מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף עטליכע מינוט, האָט ער מיך שוין געחאפּט אונטער דער האַנט, צוגעפיהרט גלייך צום בופעט, און גאָר נישט געפרעגט מיך, צי איך טרינק, צי ניין, האָט ער געהייסען אָנגיסען צוויי גלעזלעך קאָניאַק. באַלד נאָכדעם האָט ער געגעבען אַ וואונק צו מיר, איך זאָל מיך אַ נעם טהון צום גאָפּעל, און אַז מיר זענען פאַרטיג געוואָרען מיט די אַלע מינים געזאַלצענס און פאַרבייסענס, וואָס געפינען זיך אין יעדען בופעט, האָט ער געהייסען אָנגיסען צוויי קופּעל ביער, פאַר־רויכערט — זיך אַ ציגאַר, מיר אַ ציגאַר — און אונזער גוטפריינט־שאַפט איז געשלאָסען געוואָרען.

— איך דאַרף אייך זאָגען גאַנץ אָפענטליך, אָהן אַ קאָפּ חניפה, — מאַכט צו מיר מיין נייער באַקאַנטער שוין זיצענדיג אין וואַגאָן, — אַז איהר זענט מיר געפעלען געוואָרען — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזעהען. ווי איך האָב נאָר אַ קוק געטהאָן אויף אייך, אַזוי האָב איך מיר געזאָגט: אָט דאָס איז אַ מענטש, מיט וועמען מען קאָן רעדען אַ וואָרט. איך האָב פיינט, הערט איהר, זיצען ווי אַ נאַפּודעלע און שווייגען. איך האָב ליעב רעדען מיט אַ לעבעדיגען מענטשען, אין צוליעב דעם טאַקי האָב איך גענומען אַ בילעט דריטע קלאַס, איך זאָל האָבען מיט וועמען צו רעדען. אַזוי פאָהר איך דוקא צווייטע קלאַס. און ערשטע קלאַס, מיינט איהר, קאָן איך נישט אויספיהרען? איך קאָן אויספיהרען ערשטע קלאַס אויך. אפשר רעכענט איהר, אַז איך באַריהם זיך פאַר אייך? נאַט, זעהט.

און מיט די ווערטער חאַפּט־אַרויס מיין פאַרשוין פון דער הינ־טערשטער הויזענקעשענע און עפּענט־אויף אַ טייסטער, אָנגעפּאַקט מיט געלט, טהוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט פון אויבען, ווי אויף אַ ווייך קישעלע, און באַהאַלט דעם טייסטער צוריק:

— שרעקט זיך ניט, ס'איז דאָ נאָך.

מיט אַלע איהרע פּאַטראָכעס. עס קאָן זיין, אַז איצט האָט זיך די שטאָדט איבערגעביטען, אויסגעוואַכסען — וועל איך אייך ניט זאָגען. נאָר אין מיינע יאָהרען האָט גאַנץ סאָשמאַקען — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — פאַרמאָגט מעהר ניט ווי איין מאַראַנץ, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד, פון איין ווירטין צו דער אַנדערער, אויף מכבד צו זיין די געסט שבת נאָכ׳ן טיש.

„אָט אין דעם סאָשמאַקען בין איך דאָס דערצויגען געוואָרען אויף הילכיגע פּעטש, טרוקענע קלעפּ, אַייזערנע סטוסאַקעס, רויטע פונקען אין די אויגען, בלויע צייכענס אויפ׳ן לייב און דערצו אַ הונגעריגען מאָגען. קיין זאַך, הערט איהר, געדענק איך ניט אַזוי, ווי הונגער. אַ הונגעריגער בין איך אַרויס אויף גאָט׳ס וועלט, און הונגער האָב איך געליטען פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען. הונגער, האַרצקלעהמעניש און מורא׳דיגע נודנאָטע... שאַט! זשיוועצע, ווייסט איהר, וואָס הייסט זשיוועצע? עס וואַכסט אויף די ביימער און כלי־זמר באַנוצען עס אויפ׳ן אָרט פון קאַניפאָלי. האָב איך געלעבט מיט דעם — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — כמעט אַ גאַנצען זומער. דאָס איז געווען דער זומער, ווען מיין שטיפטאַטע, אַ קורנאָסער שניידער, האָט מיר אויסגעדרעהט אַ האַנט און האָט מיך אַרויסגעטריבען פון מיין מאַמע׳ס שטוב, און איך בין אַנטלאָפען פון סאָשמאַקען קיין מיטאַווע. אָט די האַנט, זעהט איהר? — עס דאַרף נאָך זיין אַ סימן היינט אויך".

און מיין נייער באַקאַנטער פאַרקאַטשעט איין אַרבעל און ווייזט מיר אַ ווייכע געזונטע פּיכקע האַנט און דערצעהלט ווייטער:

„— אַרומגעבלאָנקעט זיך אַ הונגעריגער, אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער אין מיטאַווע און אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע מיסטען, האָב איך, דאַנקען גאָט, געקריגען אַ שטעלע. די ערשטע שטעלע. איך בין געוואָרען אַ פּיהרער ביי איין אַלטען חזן. דער חזן איז געוועזען אַמאָל ערגיץ אַ באַריהמטער חזן. אויף דער עלטער איז ער בלינד געוואָרען אויף ביידע אויגען און געמוזט געהן איבער די הייזער. בין איך דאָס געוואָרען זיין פּיהרער. די שטעלע אַליין

לאָמיר בעסער אומקעהרען זיך צו מיין נייעם באַקאַנטען און האָרכען, וואָס וועט ער אונז דערצעהלען.

„— אַזוי, אַזוי, ליעבער פריינט. ווי איהר זעהט, קאָן איך שוין דוקא יאָ פאַהרען צווייטע קלאַס. מיינט איהר, איך זשאַלעווע געלט? געלט איז בלאָטע, נאָר — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — איך האָב ליעב דריטע קלאַס. ווייל איך בין אליין אַ פּראָסטער מענטש און האָב ליעב פּראָסטע מענטשען. איך בין, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט. איך האָב מיין קאַריערע אָנגעהויבען קליין, זעהר קליין. אָט אַזוי אָ! (מיין נייער באַקאַנטער טהוט מיר אַ וויַז מיט דער האַנט ביי דער ערד, ווי קליין ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע). און בין געוואַקסען העכער און העכער. (מיין נייער באַקאַנטער באַווייזט מיר מיט דער האַנט אַרויף, צו דער סטעלי, ווי ווייט הויך ער איז געוואַקסען). נישט מיט אַ מאָל. חאַפּט זיך נישט. נאָר פּאַוואָלינקע. ביסלעכ־ווייז. ביסלעכווייז. פריהער בין איך געוועזן אַ „מענטש“ ביי יענעם. וואָס זאָג איך אַ „מענטש“? חאַ־חאַ־חאַ! ביז איך בין דערגאַנגגען צו אַזאַ הויכער שטופּע — זיין ביי יענעם אַ „מענטש“, — זענען אָפּגעלאָפען געננוג־געננוג וואַסערען! אַז איך טהו אַמאָל אַ טראַכט, הערט איהר, וואָס בין איך געוועזן, אַז איך בין געוועזן אַ קינד, שטעלען זיך מיר — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — די האָר קאַפּויר! איך קאָן מיך, הערט איהר, גאָר ניט דערמאַנען וועגען דעם. איך ק אָ ן מיך ניט דערמאַנען; און ו ו י ל מיך ניט דערמאַנען. איהר מיינט אפשר, ווייל סע שטעהט כ'יר ניט אָן? אדרבה. איך זאָג אַלעמען, ווער איך בין. אַז מע פרעגט מיך: פון וואַנען זענט איהר? — שעם איך מיך ניט און זאָג, אַז איך בין פון אַ גרויסער מדינה, פון ס אָ ש מ אַ ק ע ן. ווייסט איהר, וואו געפינט זיך אָט דאָס ס אָ ש מ אַ ק ע ן? אַ שטעדטעל פאַרהאַן אַזעלכעס אין קורלאַנד, ניט ווייט פון מיטאַווע, רופט מען דאָס ס אָ ש מ אַ ק ע ן. די גאַנצע שטאָדט איז אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט זי ביי היינטיגען טאָג געוויס געקאָנט אָפּקויפען

פאָהרען מיר, אייגענטליך, ווייטער, און אז בוענאָס־איירעס איז ניט מעהר ווי א פונקט, פון וואנען מע וועט אונז צעשיקען אין פארשיידענע ערטער. און כך הוה. מ׳ר זענען נאָר געקומען ק׳ין בוענאָס־איירעס, אזוי האָט מען אונז איבערגעשריבען און צעשיקט אין אזעלכע מקומות, וואו אָדם הראשון איז ניט געווען, הערט איהר, אפילו אין חלום, און מע האָט אונז אוועקגעשטעלט צו דער ארבייט. ווילט איהר דאָך מסתמא וו׳סען, וואָסער ארבייט? פרעגט שוין בעסער ניט. אונזערע אָבות־אבותינו אין מצרים האָבען געווים ניט געטהאָן דאָס, וואָס מיר האָבען געטהאָן. און די צרות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאנען, ווי מע דערצעהלט זיך אָן אין דער הגדה, איז אפילו ניט ק׳ין צעהנט־חלק, הערט איהר, פון דעם, וואָס מיר זענען אויסגעשטאנען. אונזערע זיידעס האָבען, זאָגט מען, גע־קנאָטען לעהם, געמאכט ציגעל און געב׳ייט פיתום מיט רעמסס. א טייערע מציאה! וואָלטען זיי זיך פרובען, אזוי ווי מיר, באַ־ארבייטען מיט די הוילע הענט ברייטע וויסטע סטעפעס, מיט שטעכעלקעס באוואכסען, האָבען צו טהון מיט מורא׳דיגע גרויסע אָכסען, ו׳אָס מיט איין ריהר קאָנען זיי דורס זיין א מענטשען, מיט ווילדע פערד, וואָס מע דאַרף זיך נאָך זיי יאָגען מיט איין ארקאָן הונדערט מייל, ביז מע חאפט זיי, פארזוכען חאָטש איין מאָל מאָס־קיטעס ביינאכט, וואָס רייסען־אויס שטיקער פלייש, אלטע סוחארעס, וואָס האָבען א טעם פון שטיינער, לעבעדיגע ווערעם אין פאַר־שימעלטען וואסער... איך האָב איינמאָל — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — א קוק געטהאָן אין טייך אריין און דערזעהען מיין פנים, האָב איך מיך דערשראָקען פאַר זיך אליין. די גאנצע הויט אָפגעשיילט. די אויגען געשוואָלען. די הענט ווי פאמפעשקעס. די פיס צעבלוטיגט. פון אויבען ביז אראָפ באוואכסען.

„— דאָס ביזט דו? מאָטעק פון סאָשמאקען?! — אָט אזוי האָב איך א זאָג געטהאָן צו זיך אליין און האָב מיך צעלאכט. און טאקי דעם זעלבען טאָג האָב איך א שפ׳י געטהאָן אויף די גרויסע אָכסען מיט די ווילדע פערד מיט די וויסטע סטעפעס מיט דעם

וואָלט געווען אפילו נישקישה פון א שטעלע. נאָר איבערטראָגען דעם חזנ'ס קאַפּריזען האָט מען באַדאַרפט זיין פון אײַזען. קיינ־מאָל, הערט איהר, איז ער נישט געיוען צופריעדען. קיינמאָל. כסדר האָט ער נאָר געוואָרטשעט, געקנייפּט מיך, אויסגעריסען מיר שטיקער פלייש. ער האָט גע'טענה'ט, אז איך פיהר איהם ניט אַהין, וואו מע דאַרף. וואוהין, האָט ער געוואָלט, זאָל איך איהם פיהרען — ווייס איך עד היום ניט. א מורא'דיגער קאַפּריזנער חזן! דערצו האָט ער מיך נאָך אַרויפגעפיהרט אויף גוטע זאַכען. ער האָט זיך פאַר אַלעמען באַריהמט, — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — אַז מיין טאַטע־מאַמע האָבען זיך גע'שמד'ט און מיך האָבען זיי אויך געוואָלט אָפּ'שמד'ען, האָט ער מיך קוים מיט צרות, מיט אַנגסטען אַרויסגעריסען פון גוייִשע הענט. און איך האָב באַדאַרפט אויסהערען אַזעלכע שקרים און ניט צעזעצט ווערען פאַר געלעכטער! אַדרבה, ער האָט נאָך געפאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל בעת־מעשה מאַכען א קרום פּנים.

„קורץ און גוט, איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז איך וועל מיך מיט מיין חזן ניט עלטערען, האָב איך געשלאָגען כּפּרות מיט מיין „שטעלע" און בין אַוועק פון מיטאַווע קיין ליבאַווע. אַרומגעדרעהט זיך א שטיקעל צייט אַ הונגעריגער אין ליבאַווע, האָב איך מיך דערשלאָגען צו א חאַליאַסטרע אָרעמע עמיגראַנטען. די עמיגראַנטען האָבען זיך געקליבען אָפּפאָהרען מיט'ן שיף ערגיץ ווייט, אַזש קיין בוענאָס־אַיירעס, האָב איך מיך אָנגעהויבען בעטען ביי זיי, מע זאָל מיך אויך נעמען קיין בוענאָס־אַיירעס. ווער? וואָס? ס'איז נישט מעגליך. ס'איז ניט געווענדט אָן זיי, ס'איז געווענדט אָן קאָמיטעט. ווי אַזוי דער קאָמיטעט וועט זאָגען. בין איך אַוועק אין קאָמיטעט, געוויינט, גע'חלש'ט, קוים אַיינגעבעטען זיך, מע זאָל מיך נעמען קיין בוענאָס־אַיירעס.

„פרעגט מיך בחרם, וואָס בוענאָס־אַיירעס? ווער בוענאָס־אַיירעס? אַלע פאָהרען, פאָהר איך אויך. ערשט אַז מיר זענען געקומען קיין בוענאָס־אַיירעס, ווער איך געוואָהר, אַז פאָהרען

לויפען איבער דער גאַס און אויסשרייען די נייעס פון די צייטונגגען — איז גוט. וואָשען הינט — איז גוט. האָדעווען קעץ — איז גוט. האַפּען מייז — איז גוט, און שינדען פון זיי די פעלכלעך — איז אויך גוט. מיט איינעם וואָרט — אַלסדינג איז גוט, און אַלסדינג האָב איך אויסגעפּרובט, און אומעטום האָב איך אַרויסגעזעהען, הערט איהר, איין זאַך: אַז אַרבייטען אויף יענעם טויג אויף כּפּרות. טויזענט מאָל גלייכער, אַז יענער זאָל אַרבייטען אויף מיר. וואָס זאָל מען טהון, אַז גאָט האָט איינמאָל אַזוי באַשאַפען די וועלט, אַז דער דאַרף שוויצען און קאָכען דאָס ביער, און איך דאַרף עס טרינקען. יענער דאַרף שוויצען און דרעהען ציגאַרען, און איך דאַרף זיי רויכערען. דער מאַשיניסט פון דער באַהן לאָז פיהרען דעם לאָקאָמאָטיוו, דער קאָטשעגאַר לאָז טראָגען קויהלען, דער אַרבייטער לאָז שמירען די רעדער, און איך מיט אייך וועלען זיך, הערט איהר, זיצען אָט דאָ אין וואַגאָן און דערצעהלען געשיכטען. געפעלט זיי ניט? לאָזען זיי געהן איבערמאַכען די וועלט".

איך קוק אויף מיין פּאַרשוין און טראַכט מיר: וואָס קאָן ער זיין, אָט דער נפש? איין אויפגעקומענער גביר? אַ געוועזענער שניידער אין אַמעריקע און איצט האָט ער אַ מאַגאַזין פון פאַרטיגע קליידער? צי אפשר טאַקי אַ פאַבריקאַנט? אָדער אַ בעל־הבית פון הייזער? אָדער אַזוי אַ מענטש אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס לעבט פון פּראָצענט? נאָר לאָמיר איהם לאָזען ווייטער. ער אַליין דערצעהלט דאָס בעסער:

„— ס'איז, הערט איהר, אַ קלוגע וועלט און אַ זיסע וועלט און אַ גוטע וועלט, און ס'איז אַ חיות, וואָס מע לעבט אויף דער וועלט! מע דאַרף נאָר זעהען, מע זאָל זיך ניט לאָזען שפּייען אין דער קאַשע. איך האָב מיך געוואָרפען, הערט איהר, אויף אַלע זייטען. איבערגעדיענט, ווי עס רעדט זיך, אַלע עבודה־זרהס. קיין אַרבייט איז ניט געוועזען צו שווער פאַר מיר. קיין פּרנסה איז מיר ניט געוועזען מיאוס. און אויב איהר ווילט וויסען, איז קיין מיאוס'ע פּרנסה גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אַלע פּרנסות זענען שען. אבי

ווערעמיגען וואַסער, און מיינער איז אַוועק צו־פוס צוריק קיין בוענאָס־אַיירעס.

„נאָר מיר שיינט, אַז אויף דער סטאַנציע, וואָס מיר שטעהען איצט, דאַרף זיין אַ גרויסער בופעט. טהוט נאָר אַ קוק אין ביכעל. געפינט איהר ניט, אַז ס'איז שוין טאַקי צייט עפּיס נעמען אין מויל אַריין? אגב וועלען מיר האָבען כח צו דערצעהלען ווייטער".

איבערגעביסען, ווי עס געהער צו זיין, און פאַרטרונקען מיט ביער, האָבען מיר וויעדער אַ מאָל פאַררויכערט צו ציגאַרען — גוטע, שמעקענדיגע, אמת'ע האַוואַנער ציגאַרען פון בוענאָס־אַיירעס — און האָבען זיך אַוועקגעזעצט צוריק אין וואַגאָן אויף אונזערע ערטער, און מיין נייער באַקאַנטער פון בוענאָס־איירעס האָט גענומען דערצעהלען זיין געשיכטע ווייטער:

„— בוענאָס־אַיירעס איז איין ערטעל, הערט איהר, וואָס זינט גאָט האָט באַשאַפען די וועלט... שאַט! אין אַמעריקע זענט איהר ווען געוועזן? אין דער שטאָדט ניו־יאָרק? קיינמאָל ניט? און אין לאָנדאָן? ניין? אין מאַדריד? קאָנסטאַנטינאָפּאָל? פּאַריז? אויך ניט? נו, קאָן איך אייך ניט אויסמאָהלען, וואָס איז אַזעלכעס בוענאָס־אַיירעס. איך קאָן אייך נאָר זאָגען, אַז ס'איז אַ תהום. אַ גיהנם. אַ גיהנם מיט אַ גן־עדן. דאָס הייסט, פאַר וועמען ס'איז אַ גיהנם, פאַר וועמען אַ גן־עדן. מע דאַרף נאָר ניט זיין קיין פעפער און חאַפען דעם רעכטען מאָמענט, קאָן מען מאַכען אַ פאַרמעגען. דאָרטען וואַלגערט זיך — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — גאָלד אין די גאַסען. איהר געהט, איהר טרעט איבער גאָלד. בויגט אייך אָן, ציהט־אויס די האַנט און נעמט וויפיעל איהר ווילט. נאָר היטען זאָלט איהר אייך, מע זאָל אייך ניט צעטרעטען מיט די פיס. דער עיקר — ניט אָפּשטעלען זיך. ניט פאַרטראַכטען זיך. ניט קלערען: וועלכעס פאַסט פאַר מיר און וועלכעס ניט? אַלסדינג דאַרף פאַסען. זיין אַ משרת אין אַ רעסטאָראַן — איז גוט. אַ יונג אין אַ קלייט — איז גוט. וואַשען פלעשלעך אין שענקעל — איז גוט. העלפען אינטערשטופען אַ וועגעלע — איז גוט. אַרומ־

ביורא, איז אין בוענאָס־אַיירעס. אַיין עבירה, וואָס מיר זענען איצט ניט אין בוענאָס־אַיירעס. איך וואָלט אייך אַרײַנפיהרען צו מיר אין ביורא, אַייך ווייזען אַ קאַנטאָר, מיט „מענטשען". ביי מיר „מענטשען" לעבען זיך אָפּ — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — ווי די רויטשילדס. אַכט שעה אין טאָג — מעהר אַרבייט מען ניט ביי מיר אַ מינוט אפילו. ביי מיר איז אַ „מענטש" פאַררעכענט פאַר אַ מענטשען. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל איך בין אַליין אמאָל געווען אַ „מענטש". טאַקי ביי מיינע איצטיגע שותּפים. מיר זענען איצט דריי שותּפים. פריהער זענען זיי געווען נאָר צוויי שותּפים, און איך בין געווען ביי זיי אַ „מענטש". די רעכטע האַנט בין איך ביי זיי געווען. דאָס גאַנצע געשעפט, קאָן מען זאָגען, איז געווען אויף מיר. ביי'ם קויפען סחורה, ביי'ם פאַרקויפען סחורה, ביי'ם אָפּשאַצען סחורה, ביי'ם סאָרטירען די סחורה — אומעטום איך... ביי מיר איז אַיין אויג — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — אַז איך טהו נאָר אַ קוק אויף אַ שטיקעל סחורה, וועל איך אייך באַלד זאָגען, וויפיעל ס'האָט די ווערטה און וואוהין עס קאָן געהן... נאָר דאָס אַליין איז נאָך נישט אינגאַנצען. ביי אונזער געשעפט איז אַיין אויג אַליין ווינציג. מע דאַרף נאָך האָבען, הערט איהר, אַ נאָז אויך, אַ חוש הריח... פאַר אַ מייל דאַרף מען קאָנען אָנשמעקען, וואו עפּיס ליגט. מע דאַרף פיהלען, וואו מע קאָן מאַכען אַ גוט געשעפט, און וואו מע קאָן ברעכען רוק און לענד, און נאָך אַרײַנקריכען אין אַ בלאָטע, הערט איהר, ביז אַריבער די אויהערען, מע זאָל נאָכדעם האָבען צו זינגען און צו זאָגען... צופיעל „שטיגוטערעס", הערט איהר, פאַרהאַן אויף דער וועלט. צופיעל אויגען קוקען אויף אונזער געשעפט — און אונזער געשעפט האָט דוקא מורא פאַר אַ גוט אויג, חאַ־חאַ... אַיין טריט, אַז איהר מאַכט אַ פאַלשען, וועט איהר אייך ניט אָפּוואַשען מיט קיין צעהן וואַסערען... באַלד עפּיס, ווערט אַ גוואַלד, אַ געפּילדער, אַ שמירערײַ אין די גאַזעטען. און די גאַזעטען דאַרפען דאָך מעהר ניט. די גאַזעטען זענען זיך מחיה, אַבי זיי האָבען פון וואָס צו קלינגען.

איהר האנדעלט ארענטליך און אבי דאס ווארט איז א ווארט. איך ווייס עס פון זיך אליין. איך וועל מיך, הערט איהר, ניט געהן באריהמען פאר אייך, אז איך בין דער לעמבערגער רב. נאר איהר מעגט מיר גלויבען אויף נאמנות, אז קיין גנב בין איך ניט. קיין גזלן בין איך אודאי ניט. און קיין שווינדלער אויך ניט. לאמיך האבען אזא יאהר, הערט איהר, וואס פאר איין ארענטליכער סוחר איך בין. איך האנדעל אנשטענדיג. איך נאר קיינעם נייטש אפ. איך פארקויף דאס, וואס איך האב. קיין קאץ אין זאק איז ביי מיר נישטא. קורץ, איהר ווילט וויסען, וואס איך בין? איך בין נישט מעהר ווי א ליפעראנט, אדער, ווי ביי אייך ווערט עס אנגערופען, א „פאדראטשיק". איך שטעל־צו דער וועלט סחורה. די סחורה, וואס אלע ווייסען, נאר קיינער רעדט נישט פון דעם... פאר וואס? ווייל די וועלט איז שוין צו א קלוגע וועלט, און מענטשען זענען שוין צו גייציג. זיי האבען פיינט, אז מע זאגט זיי אויף שווארץ, אז ס'איז שווארץ, און אויף וויים, אז ס'איז וויים. זיי האבען בעסער ליעב, פארקעהרט, אז מע זאגט זיי אויף שווארץ, אז ס'איז וויים, און אויף וויים, אז ס'איז שווארץ... נו, וואס וועט איהר טהון מיט זיי?"...

איך קוק אויף מיין פארשוין פון בוענאס־איירעס און טראכט מיר: „רבונו של עולם! וואס איז אזעלכעס אט דער נפש? וואס פאר א מין ארטיקעל שטעלט ער צו, אט דער „פאדראטשיק"? און וואס רעדט ער דאס עפים אזעלכע מאדנע דבורים: „שווארץ — וויים, וויים — שווארץ?"... איבערשלאגען איהם אינמיטען און א פרעג טהון איהם: „פעטער, מיט וואס האנדעלט איהר?" — ווילט זיך מיר ניט. איך לאז איהם בעסער רעדען ווייטער.

„— קורץ, וואו זשע האלטען מיר? ביי מיין איצטיגען געשעפט אין בוענאס־איירעס. מיין געשעפט אליין איז, אייגענטליך, ניט אין בוענאס־איירעס. מיין געשעפט איז, אויב איהר ווילט וויסען, אומעטום, אויף דער גאנצער וועלט: אין פאריז, אין לאנדאן, אין בודאפעשט, אין באסטאן, און די הויפט־קאנטאר, דאס

אזוי מאַכט צו מיר מיין פאַרשווין און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און פאַרקוקט מיר אין די אויגען אריין.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איך האָב גאָרנישט דאַגעגען, און מיר געבען אַ שפרונג־אַראָפּ אויף דער סטאַנציע און טהוען אַ שוואנק־דורך דעם האַלז. איינס נאָכ׳ן אַנדערע קנאַקען די פלעשלעך לי־מאָנאַד, און מיין חברה־מאַן טרינקט מיט אַזאַ מין אַפּעטיט, אַז מע מעג איהם מקנא זיין. מיר אָבער גריבעלט די גאַנצע צייט אין מח איין געדאַנק: מיט וואָס פאַר אַ מין אַרטיקעל האַנדעלט ער, אָט דער מענטש פון בוענאָס־אַיירעס? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי מיט טויזענטער? און ווי אַזוי איז דאָס די פּאָליציע פון דער גאַנצער וועלט ביי איהם אין קעשענע? און צו וואָס דאַרפען זיי אַגענטען און שפּיאָנען?... האַנדעלט ער ניט מיט קאָנטראַבאַנד?... מיט פאַלשע בריליאַנטען?... מיט גנב׳ישע סחורות?... אָדער ער איז גלאַט אַזוי אַ פּראַלער, אַ קנאַקער, אַ באַריהמער, פון די פיינע בריות, וואָס אַלסדינג וואַכסט ביי זיי אונטער דער צונג משונה אומגעלומפּערט, אין דער לענג און אין דער ברייט?... צו אונז, קאָמי־וואָיאַזשערען, אַז עס חאַפּט זיך אריין אַזאַ מין קונצענמאַכער, אַ בעל־מגזם, האָבען מיר פאַר איהם אונזער אייגענעם נאָמען: „אַ נ ג ר אָ ס י ס ט". דאָס הייסט, אַ מענטש, וואָס אַלסדינג איז ביי איהם „אַנגראָ"... בלשון אשכנז הייסט דאָס פשוט: אַ איד אַ שקרן, וואָס האָט אַ טשייניק... מיר פאַררויכערען ווידער צו ציגאַרען, פאַרנעמען אונזערע ערטער, און דער מענטש פון בוענאָס־אַיירעס האַלט ווייטער:

„— וואו זשע האַלטען מיר, אַפּנים? ביי מיינע שותפים. דאָס הייסט, ביי מיינע א י צ ט י ג ע שותפים. פריהער זענען זיי געוועזען מיינע בעלי־בתים, און איך בין געוועזען, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, זייער מענטש. איך וועל אייך ניט אויסטראַכטען קיין בלבול, אַז זיי זענען געוועזען שלעכטע בעלי־בתים. ווי האָבען זיי געקאָנט זיין צו מיר שלעכט, אַז איך בין זיי געוועזען געטריי, ווי אַ הונט? זייערער אַ סענט איז ביי מיר געוועזען, הערט איהר, טייער,

צעלעגען זיי די זאַך אויף זיעבּעציג טעלערלעך, בּלאָזען־אויף אַ פּייער מיט סכּנת־נפשות און הויבּען־אויף די גאַנצע פּאָליציע... חאָטש אפילו — איך דאַרף אייך זאָגען בּסוד — די פּאָליציע פון דער גאַנצער וועלט א״ז, חאַ־חאַ, בּיי אונז איז קעשענע... איך זאָל אייך אָנרופען נאָר די סומע, וואָס אונז קאָסט־אָפּ אַ יאָהר פּאָליציע אַליין, וועט איהר זיך דערשרעקען... בּיי אונז — איהר וועט מיר גלויבּען, צי ניט? — איז אַ נתינה פון צעהן טויזענט, פופצעהן טויזענט, צוואַנציג טויזענט — פּו!"

מיט די ווערטער טהוט מיין פּאַרשוין אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס וואַרפט זיך מיט טויזענטער. בּעת מעשה טהוט אַ בּלישטש דער בּריליאַנטענער רינג אויף דער שיין, און דער מענטש פון בּוענאָס־איירעס, וואָס וואַרפט מיט טויזענטער, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, קוקט, וואָס פאַר אַ רושם עס האָבּען געמאַכט אויף מיר די טויזענטער, און פאָהרט ווייטער:

„— און אַז מע דאַרף אמאָל געבּען מעהר, מיינט איהר, איז עפּים אַ תּירוץ? דערויף זענען מיר שוין דוקא בּאַגלויבּט. איך מיין, טאַקי מ״ר, אַלע דריי שותּפים. וויפיעל טויזענטער מיר זאָלען ניט אָנווייזען אויף פּאָליציע, גלויבּט מען זיך אויף נאמנות... אַלע הוצאות פיהרען זיך בּיי אונז אויף נאמנות. מיר גלויבּען זיך איינס דאָס אַנדערע אויפ׳ן וואָרט. איינער פונ׳ם אַנדערען וועט ניט פאַרלייקענען, הערט איהר, אויף אָט אַזוי פּיעל... און, אדרבּה, לאָז איינער פּרובּען יאָ פאַרלייקענען, — וועט ער האָבּען אַ וויסטען סוף... מיר קענען זיך, הערט איהר, גוט איינס דאָס אַנדערע, און מיר וויסען דעם פּלאַץ, און מיר זענען קלאָר די גאַנצע וועלט. יעדער פון אונז האָט זיך זיינע אַגענטען מיט זיינע שפּיאָנען... וואָס דען מיינט איהר? געשעפט, וואָס פיהרט זיך אויף נאמנות, קאָן אַנדערש ניט געהן... געפינט איהר ניט, אַז ס׳וואָלט זיין בּעסער ווי רעכט, מיר זאָלען דאָ אויף דער סטאַנציע געבּען אַ שפּרונג־אַראָפּ און טהון אַ שווענק־דורך דעם האַלז?"

קען גאָט, גאַנץ שען און דאָס געשעפט וואַכסט... די וועלט ווערט גרעסער און די סחורה ווערט אַלע מאָל טייערער... איטליכער פון אונז נעמט זיך אַרוים פון שותפות וויפיעל ער דאַרף אויף דער הוצאה. מיר זענען אַלע גרויסע בעלי־הוצאות. ביי מיר אַליין, אָהן אַ ווייב און אָהן קינדער, געהט אַוועק — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — דריי מאָל אַזוי פיעל, ווי ביי איין אַנדערען מיט אַ ווייב און מיט קינדער. וואָס מיך קאָסט־אָפּ אַ יאָהר צדקה אַליין, וואָלט זיך דאָס איין אַנדערער געוואונשען פאַרדיענען. ס'איז נישטאָ, הערט איהר, איין זאַך, וואָס זאָל מיך נישט קאָסטען קיין געלט. אַ שוהל, אַ שפּיטאָל, איין עמיגראַנטען־קאַסע, אַ קאָנצערט — בוענאָס־איירעס איז, קיין עין־הרע, אַ שטאָדט! און וואו זענען עפּיס אַנדערע שטעדט? ארץ־ישראל — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — קאָסט מיך שוין אויך געלט. ערשט ניט לאַנג קומט מיר אָן אַ בריעף פון אַ ישיבה פון ירושלים. אַ שענער בריעף, מיט אַ מגן־דוד, מיט אַ שטעמפּעל און מיט חתימות פון רבנים. דער בריעף איז געשריבען גלייך צו מיר, מיט אַ שענעם טיטול: „הרבני הגביר המפורסם רב מרדכי"... ע־ע־ע! — טראַכט איך מיר. — וויבאַלד זיי זענען אַזעלכע פיינע מענטשען און רופען מיך אָן ביי'ם נאָמען, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין און מע דאַרף זיי שיקען אַ הונדערטער... דאָס האָט איהר אייך זייטיגע נדבות. היינט וואו איז ערגיץ מיין געבורט־שטאָדט? סאַשמאַקען? סאַשמאַקען נעמט־צו ביי מיר — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — אַלע יאָהר אָט אַזאַ היטעל מיט געלט! אַלע מאָל, אַלע מאָל קומט מיר אָן פון סאַשמאַקען איין אַנדער בריוועל. דאָס איז אַזאַ צרה, דאָס איז אַזאַ שלאַק... פון מעות־חטים שמועסט מען ניט. אַלע פּסח אַ הונדערטער. דאָס איז שוין אַ „זאַקאָן"... אָט פאָהר איך איצט קיין סאַשמאַקען, ווייס איך פריהער, אַז איך וועל ניט אָפּקומען מיט קיין טויזענטער. וואָס זאָג איך, אַ טויזענטער? הלואי איך זאָל פּטר'ען מיט צוויי. אַניט, וועלען זיין אַלע דריי. אַ קליי־ניגקייט, אַ מענטש איז ניט געוועזן אַזאַ צייט אין דער היים — פון קינדווייז

אַזוי ווי מיין אייגענער. און שונאים האָב איך מיר געקויפט צוליעב זיי, בלוטיגע שונאים! ס'איז געווען צייטען — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — וואָס מע האָט מיך איבער מיין געטריי־שאַפט געוואָלט סמ'ען. טאַקי פשוט סמ'ען. איך מעג מיך באַריהמען, הערט איהר, אַז איך האָב זיי געדיענט עהרליך, וואָס עהרליכער קאָן שוין גאָר ניט זיין. אמת, איך האָב אָן זיך אויך ניט פאַרגעסען... אַ מענטש טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסען אָן זיך. אַ מענטש דאַרף געדענקען, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ מענטש. היינט לעבט ער, און מאָרגען?... חאַ־חאַ! אייביג זיין ביי יענעם איז ניט קיין פלאַן. וואָס בין איך — אָהן הענט? אָהן פיס? צי אָהן אַ צונג? ובפרט, איך האָב געוואוסט, אַז אָהן מיר קאָנען זיי זיך ניט באַגעהן אַ טאָג אפילו. זיי קאָנען ניט און טאָרען ניט... ווייל ס'איז דאָ סודות, הערט איהר, סודות מיט סודות... ווי דער שטייגער איז אין אַ געשעפט... בין איך מיך מיישב איינ־מאָל, הערט איהר, אין אַ שענעם טאָג, און קום־אַריין צו מיינע בעלי־בתים און רוף מיך אָן צו זיי: „אַדיעו, מיינע הערען!" קוקען זיי מיך אָן: „וואָס הייסט אַדיעו?" „אַדיעו, זאָג איך, הייסט: זייט געזונט". זאָגען זיי: „וואָס איז די מעשה?" זאָג איך: „ביז וואַנעט איז דער שיעור?"... וואַרפען זיי זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע מיט די אויגען און טהוען מיך אַ פרעג: „וויפיעל פאַרמאָג איך קאַפיטאַל?" זאָג איך צו זיי: „וויפיעל איך זאָל ניט פאַרמאָגען, זאָג איך, וועט מיר זיין אויף דער ערשטער צייט גענוג, זאָג איך, און טאָמער, זאָג איך, וועט זיין קאַרג, איז גאָט, זאָג איך, אַ פאָטער און בוענאָס־איירעס אַ שטאָדט"... אודאי האָבען זיי מיך פאַרשטאַנען. פאַר וואָס זאָלען זיי מיך ניט פאַרשטעהן — דער מח איז זיי אויסגעדאַרט געוואָרען? און אָט אַזוי אָ זענען מיר פון דעמאָלט אָן געוואָרען שותפים. דריי שותפים, דריי בעלי־בתים, גלייך אויף גלייך. ביי אונז איז ניטאָ — דעם מעהר, יענעם ווינציגער. וואָס גאָט גיט... קריעגען קריעגט מען זיך אויך ניט. צו וואָס זאָל מען זיך קריעגען, אַז פאַרדיענען פאַרדיענט מען, דאַנ־

שרייבען זיי, איך זאָל נאָר קומען צו פֿאָהרען בשלום, וועט שוין במילא זיין רעכט... אָט אזא משוגע'נער בין איך... מע האָט מיר שוין פאָרגעלעגט אין בוענאָס־איירעס — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — די גרעסטע שענהייטען פון דער וועלט. איך וואָלט געקאָנט, הערט איהר, אויספיהרען אזעלכעס, וואָס דער טערקישער סולטאַן אפילו פארמאָגט דאָס נישט... נאָר איך האָב מיר געזאָגט איין מאָל פאר אלע מאָל: ניין! חתונה האָבען פאָהר איך קיין סאָשמאַקען. איך וויל איין אָנשטענדיג קינד. א אידישע טאָכטער. זי מעג זיין ווי אָרעם, וועל איך דערויף ניט קוקען. איך וויל זי אָפּ־גילטען. די עלטערען איהרע אָפּשיטען מיט גאָלד. די גאַנצע משפּחה גליקליך מאַכען. און זי אליין וועל איך ברענגען צו מיר קיין בוענאָס־איירעס. איך וועל איהר אויספוצען, הערט איהר, אַ פאַלאַץ, ווי פאר א פרינצעסין. קיין שפּרענקעלע וועל איך אויף איהר ניט לאָזען פאַלען. גליקליך וועט זי זיך אָפּלעבען ביי מיר — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט ?— ווי קיין פּרוי אין דער גאַנצער וועלט! זי וועט ניט וויסען ביי מיר פון קיין זאַך, אויסער איהר ווירטשאַפט, מיט איהר מאַן און מיט איהרע קינדער. די קינדער וועל איך לאָזען שטודיערען. דעם אויף דאָקטאָר, דעם אויף אינזשעניער, דעם אויף יוריסט. די טעכטער וועל איך אָפּשיקען אין אַ אידישען געשלאָסענעם פּאַנסיאָן. ווייסט איהר, וואוהין? — קיין פראַנקפורט..."

ביי די ווערטער קומט־אָן דער קאָנדוקטאָר אָפּנעמען די בילעטען. תמיד (איך האָב שוין באַמערקט וויפיעל מאָל) טראָגט אָן דער רוח דעם קאָנדוקטאָר פונקט דעמאָלט, ווען מע דאַרף איהם ניט! אין וואַגאָן ווערט א טומעל, א מהומה. אלע חאַפּען די פּעקלעך, און איך אויך בתוכם. איך מוז אויסשטייגען פון וואַגאָן, זיך איבערזעצען אויף איין אנדער וועג. דער מענטש פון בוענאָס־איירעס העלפט מיר צונויפבינדען מיין באַגאַזש, און מיר פיהרען דערווייל צווישען זיך א געשפּרעך, וועלכעס איך געב דאָ איבער פּינקטליך, וואָרט אין וואָרט:

אָן, חאַ־חאַ! סאָשמאַקען איז דאָך מ׳ין היים! איך ווייס פּר׳והער, אַז די גאַנצע שטאָדט וועט קאָכען. מע וועט זיך צונויפלויפען. א גדולה: „מאָטעק איז געקומען, אונזער מאָטעק פון בוענאָס־איירעס!״... אַ יום־טוב! גלויבט מיר, מע קוקט שוין דאָרט ארויס אויף מיר, ווי אויף משיח׳ן. נעבאַך גרויסע אָרעמעלייט. פון יעדער סטאַנציע געב איך זיי צו וויסען, אַז איך פאָהר. איך קלאָפּ זיי אַלע טאָג א דעפּעש: „פּריעזשאַיו. מאָטעק״. איך אַליין — איהר וועט מיר גלויבען, צי ניט? — וואָלט שוין אויך ווע׳לען וואָס גיכער קומען צו פאָהרען קיין סאָשמאַקען. א קוק טהון אויף סאָש־מאַקען, אַ קוש טהון די ערד פון סאָשמאַקען, דעם שטויב פון סאָש־מאַקען. אַ כפּרה, הערט איהר, בוענאָס־איירעס! א כפּרה ניו־יאָרק! אַ כפּרה לאָנדאָן! א כפּרה פּאַריז! חאַ־חאַ! סאָשמאַקען איז דאָך מיין היים!״...

דאָס פּנים פון מיין פּאַרשוין האָט זיך ביי די ווערטער ווי איבערגעביטען. גאָר איין אַנדער פּנים. עפּיס איז דאָס ווי יונגער געוואָרען. יונגער און שענער. און די קליינע בוימעהלדיגע אויגעלעך האָבען באַקומען גאָר איין אַנדער פייערעל מיט א נייעם גלאַנץ פון פרייד און פון גדלות און פון ליעבשאַפט. פון אמת׳ע, נישט גע־מאַכטע ליעבשאַפט... איין עבירה א׳ין זאַך: וואָס איך ווייס נאָך אַלץ ניט אַקוראַט, מיט וואָס ער האַנדעלט... ער לאָזט מיך אָבער לאַנג ניט טראַכטען און שניידט ווייטער:

„— איהר מיינט, וואָס, אייגענטליך, פאָהר איך קיין סאָש־מאַקען? א ביסעל בענק איך טאַקי נאָך דער שטאָדט, און א ביסעל אויף קבר־אָבות. איך האָב דאָך עפּיס אויפ׳ן הייליגען אָרט א פאָטער און אַ מוטער, און ברידער און שוועסטער — אַ גאַנצע משפּחה. און אגב ווילט זיך מיר טאַקי חתונה האָבען אויך. ביז וואַנעט איז דער שיעור צו זיצען אַ בחור? און חתונה האָבען וויל איך דוקא פון סאָשמאַקען. פון מיין שטאָדט. פון מיין גראַד. פון מיין משפּחה. איך האָב מיך שוין וועגען דעם איבערגעשריבען מיט מיינע פריינט פון סאָשמאַקען, זיי זאָלען מיר נאָכזעהן עפּיס רעכטס...

געשיכטע נומער זעכס

קבר אָבות

געשריבען אין יאָהר 1909.

דער מענטש פון בוענאָס־איירעס: או־וואַ, אַ שאָד, וואָס איהר פאָהרט ניט ווייטער. ניט זיין מ׳ט וועמען צו רעדען.

איך: וואָס זאָל מען טהון? פּרנסה איז פּרנסה.

דער מענטש פון בוענאָס־איירעס: גוט געזאָגט. פּרנסה איז פּרנסה. איך האָב מורא, איך וועל מוזען צוצאָהלען און אריבערפּעקלען זיך אין צווייטע קלאַס. איך קאָן, דאַנקען גאָט, אויספיהרען ערשטע קלאַס אויך. ביי מיר, אַז איך פאָהר אין באהן...

איך: האָט קיין פּאַראיבעל ניט, וואָס איך שלאָג אייך איבער. מיר האָבען איננאַנצען נאָך אַ האַלבע מינוט צייט. איך האָב אייך געוואָלט עפּיס פרעגען.

דער מענטש פון בוענאָס־איירעס: צום ביישפּיעל?

איך: צום ביישפּיעל, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען... אָ, מע פייפט שוין!... וואָס איז, אייגענטליך, אייער געשעפט? מיט וואָס האַנדעלט איהר?

דער מענטש פון בוענאָס־איירעס: מיט וואָס איך האַנדעל? האַ־האַ! נישט מיט אתרוגים, מיין פריינט, האַנדעל איך, נישט מיט אתרוגים!...

איך בין שוין מיט מיין באַגאַזש איננאַנצען אויף יענער זייט וואַגאָן, און נאָך שטעהט מיר פאַר די אויגען דער מענטש פון בוענאָס־איירעס מיט זיין גלאַטען צופריעדענעם פּרצוף, מיט דער שמעקענדיגער ציגאַר אין די צייהן, און נאָך קלינגט מיר אין די אויהערען זיין „האַ־האַ״:

— נישט מיט אתרוגים, מיין פריינט, האַנדעל איך, נישט מיט אתרוגים!...

ענדע געשיכטע נומער פינף.

געשיכטע נומער זעכס

קבר אבות

— איהר פאָהרט אויפ'ן „יריד", און מיר פאָהרען פונ'ם „יריד". איך האָב זיך שוין אויסגעוויינט, און איהר פאָהרט ערשט וויינען — דאַרף מען אייך מאַכען איין אָרט. טהוט זיך, זייט מוחל, אַ רוק אַ ביסעל נעהענטער, אַהער, ס'איז אייך ניט גוט צו זיצען.

— אָט!

אזוי שמועסען זיך דורך אין וואַגאָן צוויי פאַרשוינען הינטער מיינע פּלייצעס. דאָס היסט, איינער רעדט און דער אַנדערער באָמקעט איהם צו פון צייט צו צייט מיט האַלבע ווערטער.

— זאַלבאַנאַנד פאָהרען מיר דאָס. איך און מיין אַלטינקע. אָט דאָס איז זי, וואָס ליגט אויף דער ערד. זי איז איינגעשלאָפען. אָנגעוויינט זיך נעבאַך פאַר אַלע אידען. גאָרניט געוואָלט אָפּ־טרעטען פון הייליגען אָרט. צוגעפאַלען צום קבר און — ניט אָפּ־צורייסען! טענה איך מיט איהר: „אָבער זאָל זיין געגוג, זאָג איך, דו וועסט זי מיט דיינע טרערען, זאָג איך, לעבעדיג ניט מאַכען!" הערט די וואַנט? און וואָס איז דער חידוש? אַזאַ בראָך! אַ בת־יחיד'קע. איין אויג אין קאָפּ. און אַ געראָטענע

א גראָטענע דערצו. שען ווי גאָלד. געענדיגט פּראָגימנאַזיע!
איך האָב געטהאָן וואָס איך האָב געקאָנט: נאָכגעקוקט, וואוה'ן
זי געהט, און מיט וועמען זי רעדט, און וואָס מע רעדט, און וואָס
פאַר א ביכעל מע לייענט. „טאָכטערקע, זאָג איך, דו ווילסט לייענען,
זאָג איך, ביכלעך? געזונטערהייט! נאָר איך דאַרף אויך, זאָג
א ך, וויסען, וואָס דו לייענסט"... אמת, איך בין אין די זאַכען א
קנאַפּער ווייסער, נאָר א חויש־הריח, דאַנקען גאָט, האָב איך. איך,
אַז איך טהו א קוק אריין אין א בוך, ער מעג זיין אפילו אויף
פראַנצויז, וועל איך באַלד זאָגען מיט וואָס ער שמעקט.

— הערסט דו?!

— איך האָב ניט געוואָלט, אַז מיין קינד זאָל שפּיעלען מיט
פייער — וואָס קומט מיר דערפאַר? איהר מיינט, איך בין גע־
גאַנגען מיט סטירדעס? מיט בייזען? דוקא מיט גוטען, און דוקא
מיט א ווערמעל: „טאָכטערקע, זאָג איך, לאָז זיך דאָס רעדעל
דרעהען ווי עס דרעהט זיך. נישט איך און נישט דו, זאָג איך,
וועלען דאָס אָפּשטעלען"... אזוי זאָג איך צו איהר, און זי, מיינט
איהר, וואָס? שווייגט. א שט־לע טויב, א קינד א גאָלד! וואָס
טהוט גאָט? אַוועקגעגאַנגען די ישוועריע צייט, איבערגעקומען, ברוך־
השם, אַלע שלעק, מיט די רעוואָלוציעס, מיט די קאָנסטיטוציעס.
אוים שוואַרצע העמדלעך, רויטע פאָהנען, געשערטע האָר, שוואַרצ־
יאָהרען, באָמבעס. ד' צייהנער זענען מיר שיער ניט ארויסגעפאַלען
פון מויל. א קליינינקייט — די פחדים? א מיידעל א בת־יחיד'קע,
איין אויג אין קאָפּ, און א גראָטענע דערצו, געענדיגט פּראָ־
גימנאַזיע?

— פּטור, נו!

— הקיצור המעשה, איבערגעקומען, געלויבט ביזט דו גאָט,
די ביטערע צ־ים. איצט וועט מען שוין קאָנען א טראַכט טהון עפּיס
וועגען א שידוך. נדן? — זאָל דער אויבערשטער נאָר צושיקען
דעם רעכטען זיווג. און עס האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה:
שידוכים, שדכנים, חתנים. איך זעה מיין טאָכטער — ס'איז ניט

דערצו. שען ווי גאָלד. און קלוג. געענדיגט פּראָגימנאַזיע... צוויי יאָהר אַז זי איז געשטאָרבען. מיינט איהר אפשר, פון טשאַכאָטקע? געזונט און שטאַרק! אַליין, אַליין זיך גענומען דאָס לעבען.

— טאַקי?!

פון דעם שמ׳עס פאַרשטעה איך שוין, וועגען וואָס פאַר אַ „יריד“ עס רעדט זיך דאָ. איך דערמאַן מיך, אַז מיר האָבען ראש־חודש אלול. דאָס איז דער טרויעריגער, נאָר ליעבער חודש אלול. אידען פאָהרען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער צו די לאַנג־געשטאָרבענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, קינדער און קרובים אויף קבר־אָבות. פאַרוואָגעלטע מאַמעס, פאַר׳ית מ׳טע טעכטער, עלענדע שוועסטער און גלאַט אָרעמע ווייבער פאַלען־צו צו די ליעבע טייערע קברים אַ ביסעל אויסוויינען זיך, אויסגיסען דאָס ביטערע האַרץ, פאַרגרינגערען די פאַר׳חושכ׳טע פאַרשמאַכטע נשמה.

אַ מאָדנע זאַך! איך בין, מיט גאָט׳ס הילף, אַ רייזענדער, דאַכט מ׳ר, נישט דאָס ערשטע יאָהר, א׳ן קאָן זאָגען, אַז ס׳איז שוין לאַנג ניט געוועזן ביי אונז אַזאַ געדרענג אויף קבר־אָבות, ווי היינטיגען ראש־חודש אלול... די באַהן, ברוך השם, לייזט געלט. די וואַגאָנעס זענען געפּאַקט. עס פאָהרען אידען מיט פאַרחמאַרעטע פּנימ׳ער. עס פאָהרען ווייבער מ׳ט רויטע אונטערגעשוואָלענע אויגען און מיט גלאַנצענדיגע נעזער. ווער עס פאָהרט **אויפ׳ן** „יריד“ און ווער עס פאָהרט **פונ׳ם** „יריד“... אין דרויסען שמעקט מיט ראש־חודש אלול. אויפ׳ן האַרצען איז ראש־חודש־אלול׳דיג, און עס בענקט זיך, בענקט ז׳ך אַהיים... ניט ווילענדיג הער איך מיך איין אין דעם שמועס פון די צוויי, וואָס הינטער מיינע פּלייצעס:

— אפשר מיינט איהר, איין אומגליק פון די היינטיגע אומגליקען? שוואַרצע העמדלעך, רויטע פּלאַגען? טורמע?... חלילה וחס! פון דעם האָט מיך גאָט אויסגעהיט. דאָס הייסט, איך האָב מיך אַליין אויסגעהיט. ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אוי׳ג! אַ קליינינקייט — אַ מיידעל אַ בת־יחיד׳קע, איין אויג א׳ן קאָפּ, און

טאָכטער: „טאָכטערקע, זאָג איך, וואָס לייענט מען דאָס אַזוי גע־שמאַק זאַלבאַדריט?" זאָגט זי: „גאָרנישט, אַ בוך". זאָג איך: „איך זעה אַ בוך. איך פרעג, וואָס פאַר אַ בוך?" זאָגט זי: „אַז איך וועל דיר זאָגען, וועסט דו וויסען?" זאָג איך: „פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען?" צעלאַכט זי זיך און מאַכט צו מיר: „ס'איז ניט דאָס, וואָס דו מיינסט... ס'איז אַ בוך, וואָס ער הייסט סאַני, אַ ראָמאַן פון אַרצעבאַשעס". זאָג איך: „אַרצע באַשע'ס איז געוועזן, זאָג איך, אַ בלינדער מלמד, שוין לאַנג געשטאָרבען". לאַכט זי ווידער. טראַכט איך מיר: „עי, טאָכטערקע, דו לאַכסט, און דעם טאַטען צאַפט זיך בלוט!"... וואָס האָב איך גערעכענט? — אַ קשיא אויף אַ מעשה? אפשר האָבען זיך שוין ווידער אָנ־געהויבען די פריהעריגע מישא־ומתנס?... ווי מיינט איהר, איך בין ניט קיין בעלן געוועזן דורכלייענען דעם בוך?

— אַ חידוש אַ ביסעל!

— ניט אַליין. דורך איין אַנדערען. טאַקי דורך מיינעם אַ מענטשען, אַ פריקאַזטשיק פון געשעפט. אַ יונגערמאַן אַ מאַדים. לייענט רוס, ווי אַ וואַסער. אַרויסגע'גנבה'ט ביי דער טאָכטער איינ־מאָל ביינאַכט דעם בוך, אַוועקגעגעבען דעם בוך דעם פריקאַזטשיק: „נאַ, בערעל, לייען־דורך, זאָג איך, דעם דאָזיגען בוך, און מאָרגען וועסט דו מיר, זאָג איך, דערצעהלען, וועגען וואָס רעדט זיך אינ'ם דאָזיגען בוך". קוים דערלעבט דעם פריהמאָרגען. געקומען בערעל, טהו איך איהם אַ חאַפּ: „נו, בערעל, וואָס איז מיט'ן בוך?" מאַכט ער צו מיר: „אַי אַ בוך!" — און שטשירעט מיט די צייהנער: „אַ גאַנצע נאַכט, זאָגט ער, ניט געשלאָפען, ניט געקאָנט זיך, זאָגט ער, אָפּרייסען". „אַזוי? נו, אַדרבה, זאָג איך, דערצעהל, לאָמיך אויך הערען חידושים"... און מיין בערעל הויבט מיר אָן דער־צעהלען אַ מעשה — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? אַ וואָרט צו אַ וואָרט קלעפּט זיך ניט. אָט וועט איהר הערען אַ טשעפּוחאַ: „עס איז געוועזן, זאָגט ער, אַ פּאָני, האָט ער געהייסען סאַני און האָט ליעב געהאַט דעם טרונק און פאַרבייסען מיט אַ זויערען

דאָס. איהר מיינט, וואָס? גאָרניט. מע זאָל זאָגען, אז זי וויל ניט דעם שידוך — דאָס ניט. נאָר וואָס דען? — וועט איהר הערען. איך הויב אָן נאָכקוקען, נאָכשפּירען, ערשט איך ווער געוואָהר א מעשה: מע לייענט א ביכעל און מע באהאלט זיך. און נישט אליין, זאלבאדריט לייענט מען. זי, און נאָך א חבר'טע איהרע, אונזער חזנ'ס א מיידעל, אויך א גערעטענע און אויך געענדיגט פּראָגימנאזיע, איז צוויי, און דער נאוואָרעדאָקער בחור — א דריטער. ווער איז דער נאוואָרעדאָקער בחור, ווילט איהר וויסען? נישטאָ וואָס צו וויסען. א בחור א גאָרנישט, א פולער פּנים מיט פרישטשעס, אויגען קאלי, אָהן ברעמען, און דוקא מיט גאָלדענע ברילען, א מיאוס'ער, א קויטיגער בחור — א שטיקעל ברויט פאר איהם ניט אויפצועסען! דערצו נאָך איין איינגעגעסענער יונג, א קריכער, א וואָרעם. ווייסט איהר, וואָס איז דער פּשט א מענטש א וואָרעם? אָט וועל איך אייך פּארטייטשען. פּארהאן אלערליי מענטשען אויף דער וועלט: פּארהאן א מענטש א בהמה. פּארהאן א מענטש א פערד. און פּארהאן א מענטש א הונט. א מענטש א חזיר. און פארהאן א מענטש א וואָרעם. היינט פארשטעהט איהר שוין?

— אהא!

— ווי קומט צו מיר אָט דער וואָרעם? צוליעב דעם חזנ'ס מיידעל. ער איז איהרער טאַקי א לייבליכער שוועסטערקינד. שטודיערט אויף אפּטייקארסקי פּראָוויזאָר, צי אויף יוריסט, צי אויף „דאנטיריסט" — דער שווארציאָהר ווייסט דעם טאטען זיינעם! איך וויים נאָר, אז ער איז דער מלאך־המות מיינער! מיר איז דער דאָזיגער בחור מיט די ברילען באלד ניט געפעלען געוואָרען. איך האָב דאָס אפילו געזאָגט מיין ווייב. זאָגט מיר מיין ווייב: „וואָס דיר קאָן זיך אויסווייזען!" איך קוק מיך איין, איך הער מיך צו — עס געפעלט מיר ניט דאָס לייענען, וואָס מע לייענט זאלבאדריט, און דאָס שמועסען, וואָס מע שמועסט, און וואָס מע פלאמט, און וואָס מע היצט זיך... רוף איך מיך אָפּ איינמאָל צו מיין

ניט קיין שכּור"... „וואָס דען, זאָג איך, איז ער?" „ער איז, זאָגט ער, אַ העלד!" „וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, אַ העלד? דערמיט, זאָג איך, וואָס ער טרינקט בראָנפען פון אַ טייגלאָז, פאַרבייסט מיט איין אוגערעק, זאָג איך, און הירזשעט ווי אַ פערד?" ווערט ער אָנגעצונדען, דער נאַוואַרעדאָקער בחור, טהוט־אויס די ברילען און קוקט אויף מיר מיט די רויטע אויגען, וואָס אָהן ברעמען: „איהר האָט, זאָגט ער, געהערט קלינגען, פעטערקע, און קאָנט ניט נאָכזינגען. סאַני — דאָס איז, זאָגט ער, אַ מענטש פון נאַטור, אַ מענטש פון פרייהייט. סאַני, זאָגט ער, זאָגט וואָס ער מיינט און טהוט וואָס ער וויל!"... און אַוועק, און אַוועק, שרים ווייסען איהם וואוהין: פרייהייט, און ליעבע, און נאָך אַ מאָל פרייהייט, און ווידער אַ מאָל ליעבע... און בעת מעשה שטעלט ער ארויס די פויגעלשע ברוסט זיינע, מאַכט מיט די הענט און קאָכט זיך, טאַקי נאָר ווי אַ מגיד אויף דער בּימה. איך שטעה מיר אַלץ און קוק אויף איהם און קלער מיר: „רבונו של עולם! אָט דער קויטיגער בחור רעדט פון אַזעלכע זאַכען?!... ווי וואָלט זיין, למשל, ווען איך נעם איהם אָן פאַר'ן קאַרק און וואַרף איהם אַרויס דורך דער טהיר אַזוי, אַז ער זאָל ביי מיר קלייבען אַלע צייהנער?" איך געב אָבער באַלד צוריק אַ טראַכט: „וואָס? אַ בחור אַ שוטה! ער זאָל רעדען פון באָמבעס, וואָלט דען בעסער זיין?"... נו, געה זיי אַ נביא, אַז ס'איז נאָך פאַרהאַן ערגערס ווי באָמבעס, און איבער אַזאַ טשעפּוחאַ זאָל איך פאַרלירען אַ קינד אַ גאָלד, אַ בת־יחיד'קע, איין אויג אין קאָפּ, און מיין ווייב זאָל שיער ניט אַראָפּ פון זינען, און איך זאָל מוזען פאַר בזיון און פאַר האַרצוועהטיג אָפּשניידען פון געשעפט און אַריבערפאָהרען, שוין באַלד צוויי יאָהר, אין איין אַנדער שטאָדט... נאָר איך חאַפּ אייך איינס פאַר דאָס אַנדערע. לאָמיך אייך בעסער דערצעהלען אַקוראַט, ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו און פון וואָס דאָס האָט זיך גענומען... גענומען האָט זיך דאָס פון די אַגראַרנע קאָכענישען... אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען ארום אונז די אַגראַרנע קאָכענישען, האָבען מיר מסתּמא מורא

אונגערעק... און אַ שוועסטער האָט ער געהאַט, האָט זי געהייסען לידע, האָט זי גרייליך ליעב געהאַט אַ דאָקטער, נאָר מעוברת איז זי געוואָרען פון איין אָפיצער... און אַ סטודענט איז געווען, האָט ער געהייסען יורא, האָט ער מורא'דיג ליעב געהאַט אַ מיידעל אַ לעהרערקע מיט'ן נאָמען קראַסאַוויצע. איז זי איינמאָל געפאָהרען ביינאַכט אויף אַ שיפעל, איהר מיינט — מיט איהר חתן? ניין! דוקא מיט אָט דעם שכור סאַני"... „אָט דאָס איז גאָר?"... „האָט צייט, מאַכט ער, ס'איז נאָך ניט אינגאַנצען. און אַ לעהרער איוואַן איז דאָרטען געווען, איז ער געגאַנגען מיט'ן שכור קוקען, ווי נאַקעטע מיידלעך באָדען זיך"... „בקיצור, זאָג איך, וואָס איז דער היוצא־לנו־מזה?" „דער היוצא־לנו־מזה, זאָגט ער, איז דאָס, וואָס דער שכור סאַני האָט געהאַט אַ טבע, ער פלעגט הירזשען ווי אַ פערד, און אפילו צו זיין אייגענער שוועסטער לידע, אַז ער איז געקומען אהיים, האָט ער..." „טפו, זאָג איך, זאָלסט דו ווערען! גענוג דיר, זאָג איך, מיט'ן שכור. דו זאָג מיר בעסער, וואָס איז דער פועל־יוצא, דער שפיץ?"... „דער שפיץ איז, זאָגט ער, אַז דער אָפיצער האָט זיך געשאָסען, און דער סטודענט האָט זיך געשאָסען, און די קראַסאַוויצע האָט זיך גע'סמ'ט, און אַ איד סאָלאָווייטשיק איז דאָרט פאַרהאַן, האָט ער זיך אויך געהאַנגען". „אַה, געהאַנגען, זאָג איך, זאָלסט דו ווערען מיט זיי אינאיינעם!" זאָגט ער: „וואָס שילט איהר זיך? וואָס בין איך שולדיג?" „ניט דיך, זאָג איך, אַרצע באַשע'ס מיין איך"... אזוי זאָג איך צו מיין בערלען. און מיינען מיין איך גאָר דעם נאַוואַרעדאָקער בחור, אַ קלאָג צו זיין קאָפ! מיינט איהר אפשר, אַז איך בין קיין בעלן ניט געווען איינמאָל אָפּרופען מיין בחור אָן אַ זייט?

— פטור, נו!

— „זאָג מיר, זאָג איך, אַוואו האָסט דו אויסגעקראַצט, זאָג איך, אַזאַ טשעפּוחאַ?" שטעלט ער אָן אויף מיר די ברילען: „וואָסער טשעפּוחאַ?" זאָג איך: „אָט די מעשה אַרצע באַשע'ס מיט'ן שכור, זאָג איך, וואָס הייסט סאַני"... „סאַני, זאָגט ער, איז

אין דער אמת'ען, וואָס זענען זיי נעבאַך שולדיג? פון דעסטוועגען האָב איך מיין טאָכטער פאַרזאָגט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס געווען איז געווען, מהיום והלאָה א״ז — אויס חבר'טע מיט'ן חזנ'ס מיידעל! און ביי מיר, אז מע זאָגט, איז געזאָגט. טאַקי א בת־יחיד'קע, נאָר פאַר א טאַטען דאַרף מען וויסען דרך־ארץ. געהט זשע, זייט א נביא, אז מיין טאָכטער וועט זיך מיט א'הר זעהען, געוויינטליך, בגנבה, אז קיינער זאָל ניט וויסען! און ווען ווער איך דאָס געוואָהרע? ערשט ווייס איך ווען, נאָך אַלע היומס!...

פלוצים לאָזט זיך הערען פון הינטער מיינע פּלייצעס א הוסטען און א קרעכצען פון א מענטשען, וואָס שלאָפט, און דער איד, וואָס דערצעהלט די געשיכטע, ווערט אַנשוויגען, וואַרט־אָפּ א ווײַלע און דערצעהלט ז״ין געשיכטע ווייטער, שוין מיט א האַלבען טאָן נידע־ריגער, ווי פריהער.

— דאָס איז געווען פונקט צו די ערשטע סליחות. אַזוי ווי היינט געדענק איך עס. אונזער חזן האָט נעבאַך אָוועקגעלעגט א סליחות־זאָגען — א צער בעלי־חיים געווען צו הערען! זיין „הנשמה לך" מיט זי״ן „והגוף שלך" האָבען געקאָנט ריהרען א שטיין! קיינער, קיינער האָט אַזוי ניט געפיהלט זיין האַרץ, ווי איך... היינטיגע קינדער — אז אָך און וועה צו ד״י טאַטעס!... אָפּגעזאָגט סליחות און אָפּגעדאַווענט מיט'ן ערשטען מנין, קום איך אַהיים, חאַפּ־איבער, נעם די שליסלען און געה־ארויס אין מאַרק אַריין און עפען־אויף דעם סקלאַד און קוק־אַרוי״ס אויפ'ן פּריקאַז־משיק. איך וואַרט א האַלבע שעה. איך וואַרט א שעה. ניטאָ קיין פּריקאַזטשיק. ערשט איך טהו א קוק — ער געהט. „בערעל, וואָס אַזוי שפּעט?" מאַכט ער צו מיר: „געווען ביי'ם חזן". „וואָס עפּיס פּלוצים, פרעג איך איהם, ביי'ם חזן?" מאַכט ער צו מיר: „איהר ווייסט גאָר ניט, וואָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט חייקען?" (אַזוי האָט מען גערופען דעם חזנ'ס טאָכטער). „וואָס האָט זיך געטראָפען, זאָג איך, מיט חייקען?" „סטיי־טש, זאָגט ער, זי האָט זיך אָפּגע'סמ'ט!"

געהאַט, ס׳זאָל זיך ניט אויסלאָזען מיט אַ אידישען פּאָגראָם, און מיר האָבען געלעבט אין איינע פּחדים. נאָר אַז גאָט וויל, באַווייזט ער אַ נס און פון אַ רעה קומט־אַרויס אַ טובה. דהיינו? מע האָט אַראָפּגעשיקט צו אונז פון גובערניע אַ פּאָלק סאָלדאַטען, און ס׳איז געוואָרען שטיל, מחיה. און דערווייל האָט טאַקי דורכ׳ן פּאָלק אויפגעלעבט דאָס גאַנצע שטעדטעל. וואָרום וואָס קאָן זיין בעסער פאַר אידען, ווי אַ פּאָלק מיט פעלדפעבעליעס, מיט פעלדשערם, מיט אָפיצערען, מיט ראָטנעס און מיט קאָמאַנדירען?

— שייך צו זאָגען!

— געהט זשע, זייט אַ נביא, אַז דעם חזנ׳ס מיידעל וועט זיך פאַרקאָכען אין איין אָפיצער און זאָגען, אַז זי וויל זיך גאָר שמד׳ען און חתונה האָבען פאַר׳ן אָפיצער? אַ גרויל וואָס סע האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי אונז אין שטעדטעל! נאָר האָט קיין מורא ניט. דעם חזנ׳ס מיידעל האָט זיך ניט גע׳שמד׳ט און פאַר׳ן אָפיצער האָט זי ניט חתונה געהאַט, וואָרום וויבאַלד די אָגראַרנע קאָכע־נישען זענען שטיל געוואָרען, אַזוי איז דער פּאָלק אַוועק, און דער אָפיצער האָט, אַפּנים, פאַר גרויס אימפּעט גאָר פאַרגעסען געזעגענען זיך מיט׳ן חזנ׳ס מיידעל... דערפאַר האָט אָבער דעם חזנ׳ס מיידעל ניט פאַרגעסען דעם אָפיצער, אַ קלאָג צו איהר טאַטע־מאַמע! אַ שפּאַס, וואָס זיי זענען נעבאַך אויסגעשטאַנען? די שטאָדט האָט געקאָכט! אומעטום, אויף יעדען טריט און שריט — דעם חזנ׳ס מיידעל און דעם חזנ׳ס מיידעל. בייזע מיילער האָבען געהאַט וואָס צו טהון: געשיקט דער חזנ׳טע איין אַקושאָרקע... געפרעגט דעם חזן, נאָך ווֹעמען רעכענט ער געבען אַ נאָמען?... חאָטש עס קאָן גרייליך זיין, אַז די גאַנצע מעשה איז געוועזן אַ ליגען. איהר ווייסט, אַפּנים, ניט וואָס לאַנגע צינגער אין אַ שטעדטעל קאָנען אויס־טראַכטען?

— אָי־אָי־אָי!...

— דער רחמנות פון די צוויי, איך מיין, פונ׳ם חזן מיט דער חזנ׳טע, איז געוועזן, זאָג איך אייך, ניט איבערצוטראָגען! וואָרום,

דער אַנדערער ניט לעבּען... איך ווייס, — שרייבּט זי — אַז איך באַגעה קעגען אייך, מיינע ליעבּע און טייערע, אַ גרויס פאַרבּרעכען. איך האָב מיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה. עס איז אָבּער אַ באַשערטע זאַך, און פאַרפאַלען !... איין בקשה האָב איך צו אייך, מיינע טייערע: איהר זאָלט מיך באַהאַלטען אינאיינעם מיט חייקען, — שרייבּט זי — אַ קבר נעבּען אַ קבר. און זייט געזונט — לאָזט זי אויס דעם בּריעף — און פאַרגעסט, פאַרגעסט, אַז איהר האָט ווען געהאַט אַ טאָכטער עטקע"... איהר הערט ? מיר זאָלען פאַרגעסען, אַז מיר האָבּען ווען געהאַט אַ טאָכטער עטקע !...

. . . .

פון הינטער מיינע פּלייצעס דערהערט זיך אַ שאָרך, אַ קריכען און אַ קרעכצען, און נאָכדעם — אַ פאַרשטיקט היזעריג פאַר־שלאָפען קול פון אַ פרוי:

— אַברהמעל ! אברהמעל ?...

— האַ, וואָס איז, גיטקע ? אויסגעשלאָפען ? טיי ווילסט דו טרינקען ? אָט באַלד האָבּען מיר אַ סטאַנציע. אַוואו איז דער טשייניק ? אוואו די טיי און צוקער ?

ענדע געשיכטע נומער זעכס.

— פטור, נו!

— ווי איך האָב דאָס דערהערט, אַזוי בין איך אַוועקגעלאָפען אהיים. מיין ערשטער געדאנק איז געווען: „וואָס וועט עטקע זאָגען?“ (עטקע — ידי טאָכטער מיינע). איך קום צו געהן אהיים צו מיין אַלטינקע: „אַוואו איז עטקע?“... „עטקע שלאָפט נאָך. וואָס איז דען?“... „סטייטש, זאָג איך, חייקע האָט זיך אָפּגע׳סמ׳ט!“... ווי איך האָב דאָס אַרויסגערעדט, אַז מיין ווייב האַפּט זיך ניט מיט ביידע הענט ביי׳ם קאָפּ: „אַ קלאָג איז איהר! אַ מכּה איז איהר! אַ צרה איז איהר!“ „וואָס? ווער? וועמען?“ „סטייטש, זאָגט זי, עטקע איז אַרומגעגאַנגען מיט איהר ערשט נעכטען ביידערנאַכט אפשר צוויי שעה נאָכאַנאַנד!“ „עטקע, זאָג איך, מיט חייקען? וואָס רעדסט דו דאָס? ווי קאָן דאָס זיין?“ „אוי, זאָגט ז׳, פרעג מיך ניט! איך האָב איהר דאָס געמוזט נאָכגעבען. זי האָט זיך געבעטען, זאָגט זי, ביי מיר, דו זאָלסט נ׳ט וויסען, אַז זי זעהט זיך מיט איהר אַלע טאָג! איין אומגליק האָט געשעהען... הלואי זאָל איך ליגען זאָגען!“... אַזוי מאַכט צו מיר מיין אַלטינקע און פליהט־אריין צו עטקען אין קאַמער אריין און טהוט אַ פאַל אויף דער ערד. איך נאָך איהר. לויף־צו צום בעט. „עטקע!“ ווער עטקע? וואָס עטקע? עטקע היינט! עטקע מאָרגען! עטקע איז נ׳טאָ.

— נ׳טאָ?

— טוידט. ליגט אויפ׳ן בעט אַ טוידטע. אויפ׳ן טיש אַ פלעשעל און אַ צעטעלע דערביי, מיט איהר אייגענער האַנט נעשריבען, און דוקא אויף אידיש. פלעגט שרייבען אידיש — אַ חיות געווען צו לייענען. „ליעבע און טייערע טאַטע־מאַמע, — שרייבט זי אין צעטעלע — זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך אָנגעטהאָן אַזאַ ווערהטיג מיט אַזאַ בזיון. זייט מיר הונדערט מאָל מוחל — שרייבט זי. מיר האָבען זיך ביידע דאָס וואָרט געגעבען — איך און חייקע, — אַז מיר זאָלען אין איין טאָג, — שרייבט זי — אין איין שעה און מיט איין טוידט שטאַרבען, וואָרום מיר קאָנען איינע אָהן

געשיכטע נומער זיעבען

דער לעדיגגעהער

געשריבען אין יאָהר 1909.

גנעשיכטע נומער זיעבען

דער לעדיגגעהער

ווייסט איהר, וואו דאס בעסטע פאהרעכטס איז? דאס בעסטע, דאס שטילסטע און דאס רוהיגסטע?

מיט'ן „לעדיגגעהער".

אזוי האבען די באהאפאליער אידען א נאמען געגעבען די שמאלע אייזענבאהן, וואס שניידט־דורך א גאנצע רייהע שטעדט־לעך: באהאפאלי, הייסין, טעפליק, נעמיראוו, חאשטשעוואטע און נאך אזעלכע געבענטשטע מקומות, וואו אדם־הראשונ'ס פוס האט קיינמאל נישט געטראטען.

די באהאפאליער אידען, וואס האבען א שם אויף דער וועלט פאר ווערטעלזאגערס, דערצעהלען זיך אן פונ'ם „לעדיגגעהער" מעלות מיט מעלות.

ערשטענס, האט איהר קיין מורא ניט, זאגען זיי, פאר פאר־שפעטיגען. ווען איהר זאלט ניט קומען, חאפט איהר איהם. היינט וואס איז ווערטה, זאגען זיי, דאס, וואס איהר דארפט אייך ניט שלאגען פאר איין ארט? איהר קאנט אפפאהרען, זאגען זיי, א גאנצע שטרעקע איין מענטש אליין, ליגען אויסגעצויגען ווי א שררה און אויסשלאפען זיך אויף אלע זייטען.

אידען סוחרים — נישט נאָר די, וואָס האַנדלען מיט געהילץ אָדער מיט שטיינער, נאָר אפילו אַזעלכע, וואָס וויסען נאָר ווייץ און קאָרן — האָבען זיך אויך אַ וואָרף געטהאָן צו דער באַהן. אַלע אידען זענען געוואָרען קאָנצעסיאָנערען, פּאָדראַטשיקעס, „סטראָ־איטעלים פון אייזענבאַהנען"... „אונזערע פּאָליאַקאָווס" — אַזוי האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבען אין באַהאָפּאָלי, און מע האָט שוין גענומען אויסרעכענען באַצייטענס, וויפיעל קאָנען זיי דערביי חאַפּען?...

בקיצור, ס'איז געוואָרען אין יענער געגענט, מע קאָן זאָגען, אַ בהלה, אַ מין באַהן־פיבער, וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיינעם. דער יצר־הרע פון געלט איז געוואָגט גרויס, און ווער וויל עס ניט ווערען אַ פּאָליאַקאָוו אין איין שמע־ישראל?

דער געדרענג מיט דער קאָנקורענץ פון די קאָנצעסיאָנערען, פּאָדראַטשיקעס און „באַהן־סטראָאיטעלים" איז געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז מע האָט די אַרבייט, זאָגט מען, געמוזט אויסטיילען על־פּי גורל. ווער עס האָט געהאַט גליק ביי גאָט און נושא־חן געווען אין די אויגען פון'ם אינזשיניער, דער האָט געקריגען אַרבייט. און ווער עס האָט ניט געקריגען קיין אַרבייט, האָט זיך באַגנוגענט חאָטש מיט אַ שטיקעל חלק ביי יענעם. און אַ שטיקעל חלק האָט מען איהם געמוזט אָפּטרעטען, וואָרום אַז ניט, האָט ער געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער ווייסט אויך, וואו „פּיטערבאַרג" ליגט און וואו די „פּראַווליעניע" געפינט זיך... און מע האָט פאַרזעצט דעם ווייב'ס פּערעל מיט די שבת'דיגע קאַפּאָטעס און מע האָט זיך גע־נומען דורכפיהרען אַ באַהן, און מע האָט גע'פּטר'ט וואו ווער עס האָט געהאַט ערגיץ אַ גראָשען, און מע האָט פאַרזאָגט קינדס־קינדער, אַז צו אַ באַהן טאָר מען זיך ניט צוריהרען.

פון דעסטוועגען, איינס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן. אידען נעבאַך זענען טאַקי געוואָרען בדיל־הדל — נאָר זיי האָבען אויסגעפיהרט, זאָגען זיי, זייערס: אַ באַהן האָבען זיי טאַקי פאָרט דורכגעפיהרט. און חאָטש אפילו מע האָט זי אין באַהאָפּאָלי גע־

דאָס איז לויטער אמת. שוין אַ וואָך דריי, אַז איך רייז־אַרום מיט׳ן דאָזיגען „לעדיגגעהער" אין יענעם ווינקעל און שטעה אויף איין אָרט. עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ מין כּשוף! נאָר מיינט ניט, אַז איך באַקלאָג מיך. אַדרבה. איך בּין זעהר צופריעדען. וואָרום איך זעה מ׳ך דאָרט אָן אַזעלכע שענע זאַכען און איך הער מיך אָן אַזוי פיעל מעשיות מיט געשיכטען, אַז איך וויים ניט, ווען וועל איך זיי אַלע קאָנען אַריינשרייבען צו מיר א׳ן ספר־הזכרונות?

ערשטענס — די געשיכטע, ווי אַזוי מע האָט געבויעט די דאָזיגע אייזענבאַהן. דאָס א׳ז כּדאַי, מע זאָל דאָס באַשרייבען.

אַז ס׳איז אָנגעקומען פון פעטערבורג, אַז מע פיהרט־דורך אין יענער געגענט אַ באַהן (וויטע איז דעמאָלט געווען מיניסטער), האָבען אידען געזאָגט: ס׳אַ ליגען. וואָס דאַרף טעפּליק, אָדער גאָלטע, אָדער הייסין, אַ באַהן? זיי זענען טאַקי אַנדער׳ש ניט אויפגעצויגען געוואָרען נאָר אויף אייזענבאַהנען?... אַזוי האָבען גע׳טענה׳ט די דאָרט גע אידען. און ווער שמועסט די באַהאָפּאָ־ליער — די האָבען געשאָמזען מיט גלייכווערטלעך, ווי זייער שטייגער איז, געמאַכט חוזק, געוויזען אויף דער האַנט: „ווען אָט דאָ וועט וואַכּסען האָר".

שפּעטער, אַז ס׳איז אַראָפּגעפאָהרען אַ אינזשיניער און גענומען פּלאַנעווען און מעסטען פעלד, זענען אידען אַנשווייגען געוואָרען, און די באַהאָפּאָליער ווערטעלזאָגערס האָבען באַהאַלטען די הענט (זיי האָבען אַ מעלה, אַז טאָמער טרעפען זיי ניט, נעמען זיי זיך ניט צום האַרצען: „דער לוח, זאָגען זיי, מאַכט זיך אויך אַמאָל, אַז ער טרעפט ניט"...). און דער עולם פון דער גאַנצער סביבה אַרום האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום אינזשיניער מיט רעקאָמענ־דאַציעס און פּראָטעקציעס, מיט בּריעף און מיט בקשות — ער זאָל זיי געבען אַרבייט. אידען נעבאַך זוכען פּרנסה. טעפּליקער, בער־שעדער, הייסינער און באַהאָפּאָליער בעלי־בּתים האָבען געהערט דערצעהלען, אַז בּיי׳ם בּויען אַ באַהן ווערט מען רייך. אַ סימן — פּאָליאַקאָוו...

א קאטאסטראָפע, וואָס האָט ארויסגערופען א פּאניקע אויף דער גאנצער ליניע און אויפגערודערט דאָרטען דאָס גאנצע ווינקעל. די קאטאסטראָפע איז געקומען דורך א אידען מיט, להבדיל, א גלח. איך געב זי אייך איבער דאָ באַלד אין א באזונדער געשיכטע מיט'ן זעלבען לשון, ווי איך האָב זי געהערט פון'ם הייסינער סוחר. איך האָב ליעב איבערגעבען דאָס, וואָס איך הער פון יענעם. אז איהר וועט דאָס לייענען, וועט איהר אליין זעהען, אז די געשיכטע איז איין אמת'ע געשיכטע.

א הייסינער סוחר וועט ניט אויסטראכטען.

ענדע געשיכטע נומער זיעבען.

קרוינט, ווי מיר ווייסען שוין, מיט'ן נאָמען „דער לעדיגגעהער", פון דעסטוועגען קאָנען זיי זיך פון איהם ניט אָפּלויבען, און זיי דער־צעהלען זיך אָן אויף איהם חידושים, נסים ונפלאות.

למשל, זיי באַריהמען זיך, אַז זינט דער „לעדיגגעהער" איז אַ ל ע ד י ג ג ע ה ע ר, האָט זיך נאָך ניט געטראָפען מיט איהם קיין אומגליק, ווי עס טרעפט זיך, אַשטייגער, מיט אַנדערע באַהנען. וואָס איז דער שכל? דער שכל, זאָגען זיי, איז אַ פּראָסטער שכל: וו ע ר ע ס ג ע ה ט פּ אַ וו ו אָ ל י, ד ע ר פ אַ ל ט נ י ט... און דער „לעדיגגעהער" געהט טאַקי פּאַוואָלי. שוין אַ ביסעל צו פּאַוואָלי. די באַהאָפּאַליער חכמים, וואָס האָבען ליעב יעדע זאַך מגזם זיין, דערצעהלען אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט זייערען טאַקי אַ באַהאָפּאָליער בעל־הבית. אַ באַהאָפּאָליער בעל־הבית, זאָגען זיי, איז אַרויסגעפאָהרען מיט'ן „לעדיגגעהער" פון באַהאָפּאָלי צו זיינעם אַ מחותּן קיין חאַשטשעוואַטע אויף אַ ברית, איז ער אָנגעקומען צו דער בר־מצוה.

און נאָך אַ מעשה דערצעהלען זיי פון אַ בערשעדער מיידעל מיט אַ נעמיראָווער בחור, וואָס האָבען זיך געלאָזט צונויפפאָהרען אויף אַ מיטעל־פונקט אָנקוקען זיך. איז ביז מען איז זיך צונויפ־געפאָהרען, איז דער בחור געוואָרען גרוי ווי אַ טויב און דאָס מיידעל האָט שוין ניט געהאַט איין צאָהן אין מויל. און איבער דעם איז זיך צעגאַנגען דער שידוך.

ווייסט איהר אָבער, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך האָב ניט ליעב די באַהאָפּאָליער ווערטעלזאָגערס און האָב פיינט זייערע גוזמות. ביי מיר, אַז איך באַשרייב אַ זאַך, איז נאָר דאָס, וואָס איך זעה מיט מיינע אויגען, אָדער, ווענינגסטענס, וואָס איך הער פון סאָלידע מענטשען, פון סוחרים.

צום ביישפּיעל, איך האָב אַליין געהערט פון אַ הייסינער סוחר, אַז ערשט פאַר עטליכע יאָהרען, אום הושענא־רבה, האָט זיך גע־טראָפען ביי זיי מיט'ן „לעדיגגעהער" איין אומגליק, מע קאָן זאָגען,

גע׳שיכטע נומער אכט

דער נס פון הושענא־רבה

געשריבען אין יאָהר 1909.

געשיכטע נומער אכט

דער נס פון הושענא־רבה

„— דער נס פון הושענא־רבה — אזוי האָט מען א נאָמען געגעבען ביי אונז די באהן־קאטאסטראָפע, וואָס האָט זיך געטראָפען פונקט אום הושענא־רבה נ אָ כ ׳ ן ק ו ו י ט ע ל. און געטראָפען האָט זיך די געשיכטע, לאָז זיך אייך דאכטען, טאקי ביי אונז אין הייסין. דאָס הייסט, נישט אין הייסין גופא, נאָר א פאָר סטאנציעס פאר הייסין. סאָבאָליוועקע הייסט די סטאנציע״...

מיט אזא לשון האָט מיר א הייסינער סוחר, ווייזט אויס, א לייט׳שער מענטש, גענומען ברייטליך צו דערצעהלען, וואָס פאר א קאטאסטראָפע עס האָט זיך געטראָפען ביי זיי מיט דער שמאָלער באהן, וואָס מע רופט זי דאָרטען „ד ע ר ל ע ד י ג ג ע ה ע ר״ (איך האָב אייך איהם באשריבען שוין פריהער, אין דעם אריינפאָהר). און מחמת דער הייסינער סוחר האָט מיר דערצעהלט די דאָזיגע געשיכטע טאקי פאָהרענדיג מיט׳ן „לעדיגגעהער״, וואָס האָט צייט, און געוועזן זענען מיר מיט איהם אין וואגאָן סך־הכל צוויי פאסאזשירען, האָט ער זיך צעשפּילעט, צעלעגט, ווי ביי׳ם טאטען אין ווייגאָרטען, און גערעדט פערעלדיג, געטאָקטע ווערטער, געגלעט זיך בעת־מעשה דאָס בייכעל, צוגעשמייכעלט און שטארק הנאה געהאט פון זיין אייגענער געשיכטע.

טהוט דאָ, למשל, אַ סאָבאָליוּוקער בעל־הבית ? גאָרנישט. הושענא־
רבה האָט זיך אַ סאָבאָליוּוקער בעל־הבית גאַנץ פיין אָפּגעדאַווענט,
אָפּגעשלאָגען הושענות, אַוועק אַהיים און אָפּגעגעסען. אויפ׳ן
האַרצען איז האַלב יום־טוב׳דיג, האַלב וואָכעדיג. דאָס קוויטעל
האָט מען איהם דאָרטען סאַי ווי סאַי אונטערגעשריבען, און קיין
אַרבייט אין דער היים איז נישטאָ, ערב יום־טוב, האָט ער גענומען
דאָס שטעקעל און איז זיך אַרויסגעגאַנגען אַ ביסעל אויפ׳ן וואָקזאַל
„ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד״.

„ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד״, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי
אונז אַ מנהג אומעטום אין אונזער געגענט. קומט די צייט פון
„פּאָיעזד״, טראָגט דאָס אייך אַוועק אויפ׳ן וואָקזאַל, טאָמער וועט
מען עמיצען זעהען. וואָס זעהען ? וועמען זעהען ? אַ טעפּליקער
אידען ? איין אָבאָדיוּוקער אידינע ? אַ גאָלאָוואָניעווסקער גלח ?
אידיישע גליקען ! נאָר גאָרנישט, מע געהט. און אגב איז נאָך אין
יענער צייט די באַהן געווען אַ נייעס, מע האָט אונז נאָר־וואָס געהאַט
דירכגעפיהרט דעם „לעדי־געהער״, און ס׳איז נאָך געווען וואָס צו
זעהען און וואָס צו הערען. נאָר ווי אַזוי די מעשה איז דאָרט געווען,
צי אַזוי, צי אַזוי, — ביי׳ם אָפּשפּאַנען דעם לאָקאָמאָטיוו איז זיך
הושענא־רבה אין דער פריה, נאָכ׳ן קוויטעל, ווי איך דערצעהל אייך,
געשטאַנען האַלב יום־טוב׳דיג, האַלב וואָכעדיג, אַ סאָבאָליוּוקער
בעל־הבית מיט אַ שטעקעל און געקוקט.

„אם כן, איז וואָס ? דאַכט זיך מיר, אַז אַ סאָבאָליוּוקער בעל־
הבית שטעהט און קוקט אויף איין אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו —
וועמענ׳ס עסק איז דאָס ? זאָל ער זיך שטעהן געזונטערהייט. ניין.
באַדאַרף זיך טרעפען מסתמא אַזוי, אַז צווישען די איבעריגע פּאַסאַ־
זשירען געפינט זיך אַ גלח, לאָז זיך אייך דאַכטען, טאַקי אַ גאָלאָ־
וואָניעווסקער גלח, פון גאָלאָוואָניעווסק, הייסט עס, אַ שטעדטעל
נישט ווייט פון הייסין. נישטאָ וואָס צו טהון, שפּאַציערט זיך דער
גלח אויך אויף דער זעלבער „פּלאַצפאָרמע״, אויך פאַרלעגט די הענט,
און שטעלט זיך אָפּ אויך ביי׳ם אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו. רופט

„— איהר פאָהרט דאָך שוין מיט אונזער לעדיגגעהער, ברוך־השם, די אַנדערע וואָך. ווייסט איהר דאָך מן הסתם די טבע זיינע? ער האָט אייך אַ טבע, אַז ער קומט אויף אַ סטאַנציע און שטעלט זיך אַוועק, פאַרגעסט ער דעם זיי־געזונט. דאָס הייסט, אייגענטליך, לויט „ראָספּיסאַניע", טאָר ער נישט שטעהן מעהר וויפיעל ס'איז איהם אָנגעצייכענט. למשל, אויף דער סטאַנציע זאַטקעווין איז אויסגערעכענט, אַז ער דאַרף שטעהן פּונקט אַ שעה מיט אַכט און פופציג מינוט, אָדער אויף דער סטאַנציע סאָבאָליוּקע, וואָס איך דערצעהל אייך, — דאָרט טאָר ער מעהר אַ רגע נישט שטעהן ווי איין שעה מיט צוויי און דרייסיג מינוט. נאָר די מכּות זאָל זיך איהם זעצען, וואָס ער שטעהט סאַי אין זאַטקעווין, סאַי אין סאָבאָליוּקע מעהר ווי צוויי, און אמאָל — מעהר ווי דריי שעה. עס ווענדט זיך אָן דעם, וויפיעל צייט עס נעמען ביי איהם צו די „מאַניעווורעס". און וואָס ביי אונזער „לעדיגגעהער" ווערט אָנגערופען „מאַניעוורעס" — דאַרף איך דאָך אייך נישט דערצעהלען. מע שפּאַנט־אויס דעם לאָקאָמאָטיוו, און די „בריגאַדע", דער קאָנדוקטאָר מיט'ן מאַשיניסט מיט'ן קאָטשעגאַר, זעצען זיך אַוועק אינאיינעם מיט'ן נאַטשאַלניק סטאַנציע, מיט'ן זשאַנדאַרם און מיט'ן טעלעגראַפיסט טרינקען ביער, אַ פלעשעל נאָך אַ פלעשעל.

„וואָס טהוט, למשל, דער עולם, די פּאַסאַזשירען הייסט עס, בעת „מאַניעוורעס"? איהר האָט דאָך שוין געזעהען, וואָס מע טהוט: מע נודעט זיך, מע ווערט שיער גיט משוגע. ווער עס געהניצט, ווער עס פאַרשלאָגט זיך אין אַ ווינקעל און חאַפּט אַ דרימעל, און ווער עס שפּאַציערט זיך אַרום אויף דער „פּלאַצפאָרמע", די הענט פאַרלעגט, און זינגט זיך שטילערהייט אַ ל עדעל.

„דאַרף זיך טרעפען אַ מעשה אין סאָבאָליוּקע בעת „מאַניעוורעס". שטעהט זיך אַזוי איינמאָל הושענא־רבה אין דער פריה ביי'ם אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו, די הענט פאַרלעגט, איינער אַ מענטש, ד.קא נישט קיין פּאַסאַזשיר, נאָר אַזוי אַ איד, לאָז זיך אייך דאַכטען, טאַקי אַ סאָבאָליוּקער בעל־הבית, אַ ציקאַווע איד, און קוקט. וואָס

אייך דאכטעז, ארויפגעקראָכען ביידע אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו, און דער סאָבאָליוועקער איד האָט זיך גענומען לעהרנען מיט'ן גלח „הלכות מאשינע", געגעבען פאַוואָלינקע א דרעה איין קראַן אהער, דעם אנדערען אהין, און איידער זיי האָבען געקאָנט ארויסלאָזען א וואָרט פונ'ם מויל, האָבען זיי מיט שרעק דערזעהען, אז דער לאָקאָמאָטיוו האָט געריהרט פונ'ם אָרט און — פאַשאָל!

„אצינד איז, דאכט מיר, די בעסטע צייט א־ּבערלאָזען דעם אידען מיט'ן גלח אויפ'ן אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו, לאָזען זיי זיך פאָהרען געזונטערהייט, און מיר וועלען זיך דערווייל פאַרנעמען מיט דעם נפש: ווער איז דאָס געוועזען אָט דער סאָבאָליוועקער איד, וואָס האָט געהאַט אין זיך אזא שטאַרקייט און האָט זיך איינגע־שטעלט אַרויפצוקריכען מיט א גלח אויף איין אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו?

„בערעל עסיגמאַכער — אזוי, לאָז זיך אייך דאכטען, הייסט דער סאָבאָליוועקער איד, וואָס איך דערצעהל אייך. פאַר וואָס רופט מען איהם עסיגמאַכער? ווייל ער פאַרנעמט זיך דערמיט, וואָס ער מאַכט עסיג, דעם בעסטען עסיג אין אונזער ווינקעל. די מלאכה האָט ער, אייגענטליך, בירושה פון זיין טאַטען. נאָר ער האָט צו־געקלערט — אזוי זאָגט בערעל אליין — אזא מין מאַשינע, וואָס גיט־ארויס דעם בעסטען עסענץ. ער זאָל האָבען צייט, זאָגט ער, וואָלט ער געקאָנט באשטאַטען מיט עסיג דריי גובערניעס. נאָר וואָס דען? עס טהוט זיך איהם נישט נויטיג, זאָגט ער, ער איז נישט קיין אָץ להעשיר. אָט אזא מין מענטש איז אונזער עסיג־מאַכער. אין ערגיץ נישט געלערענט זיך — און קען וואָס פאַר איין אידעלע מלאכה איהר ווילט, און האָט א ידיעה אין אלערליי מאַשינעס. פון וואַנען קומט דאָס צו איהם? דאַרף מען פאַר־שטעהן על־פּי שכל, אז עסיג מאַכען האָט א שייכות, זאָגט ער, מיט טרייבען בראָנפען, און טרייבען בראָנפען קעהר זיך אָן מיט לשון „זאַוואָד", און א זאַוואָד, זאָגט ער, האָט דאָך אין זיך כּמעט די איינענע מאַשינעריע, וואָס א באַהן; א זאַוואָד, זאָגט ער, פייפט

זיך אָן דער גלח צום אידען: „הער נאַר, יודקאָ! וואָס האָסט דו דאָ דערזעהען?" ענטפערט איהם דער איד בייזליך: „וואָס עפּיס יודקאָ? איך הייס נישט יודקאָ, איך הייס בערקאָ". מאַכט צו איהם דער גלח: „לאָז זיין בערקאָ. וואָס קוקסט דו דאָ, אשטיינגער, בערקאָ?" ענטפערט איהם דער איד און לאָזט נישט אראָפּ קיין אויג פון'ם לאָקאָמאָטיוו: „איך שטעה און באַטראַכט גאָט'ס וואונדער, ווי אזוי איבער א נאַרישקייט, איבער איין דרעה, וואָס מע טהוט א דרעה איין שרייפעל אהער, דאָס אנדערע שרייפעל אהין — הויבט אָן געהן אזא גוואַלדיגע מאַשין!" מאַכט צו איהם וויעדער דער גלח: „פון וואַנען ווייסט דו, אז מע טהוט א דרעה איין שרייפעל אהער און דאָס אנדערע אהין, הויבט אָן געהן די מאַשין?" ענטפערט איהם דער איד: „איך זאָל נישט וויסען, וואָס זשע וואָלט איך געזאָגט?" מאַכט צו איהם דער גלח: „קוגעל ווייסט דו, ווי אזוי מען עסט, אָט וואָס דו ווייסט!" פאַרדריסט דאָס שוין דעם אידען (סאָבאָליוועקער אידען האָבען אין זיך אמביציע), און ער רופט זיך אָן צום גלח: „אנו, פּאָטערעל, אפשר וואָלסט דו זיך מטריח זיין אויף א ווײַלע מיט מיר אױפ'ן לאָקאָמאָטיוו, וואָלט איך דיר געבען צו פאַרשטעהן דעם שכל, פאַר וואָס א לאָקאָמאָטיוו געהט און פאַר וואָס ער שטעהט?" דאָ האָט שוין דעם גלח דערלאַנגט א בראָט נישט אויף קאַטאָוועס: וואָס הייסט? אָט דאָס אידעל וועט איהם געבען צו פאַרשטעהן דעם שכל, פאַר וואָס א לאָקאָמאָטיוו געהט און פאַר וואָס ער שטעהט?!... און ער מאַכט צו איהם מיט האַריץ: „קריך, הערשקאָ, אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו!" זאָגט צו איהם דער איד וויעדער א מאָל: „איך הייס נישט הערשקאָ, איך הייס בערקאָ". מאַכט צו איהם דער גלח: „לאָז זיין בערקאָ. קריך, בערקאָ!" מאַכט צו איהם דער איד: „וואָס הייסט עפּיס קריך? פאַר וואָס זאָל איך קריכען? קריך דו, פּאָטערעל, פריהער!" מאַכט צו איהם דער גלח מיט כּעס: „דו לעהרעס׳סט דאָך מיך, נישט איך דיך, דאַרפסט דו פריהער קריכען". בקיצור, א וואָרט פאַר א וואָרט — מען איז, לאָז זיך

גאנצער ליניע: „אוועק א לאקאמאטיוו. איינער אליין. נעמט מיטלען. טעלעגראפירט".

„וואס פאר א פאניקע די דאזיגע דעפעש האט ארויסגערופען אויף דער גאנצער ליניע — איז גרינג זיך פארצושטעלען. ערשטענס, האט מען ניט פארשטאנען די דעפעש. וואס איז דער פשט: „אוועק א לאקאמאטיוו איינער אליין"? ווי געהט דאס אליין א לאקאמאטיוו? און, צווייטענס, וואס באדייטען די ווערטער: „נעמט מיטלען"? וואס פאר מיטלען קאן מען נעמען, א חוץ דעפעשען? און עס האבען אנגעהויבען פליהען דעפעשען איבער דער גאנצער ליניע. דער טעלעגראף האט געארביט מיט ר חות. אלע סטאנציעס האבען זיך איבערגערעדט צווישען זיך, און די שרעקליכע ידיעה האט זיך גיך פארשפרייט, לאז זיך אייך דאכטען, אין אלע שטעדט און שטעדטלעך ארום און ארום, און ס'איז געווארען, וואס זאל איך אייך זאגען, חושך ואפלה! ביי אונז אין הייסין, למשל, האט מען שוין אפילו דערצעהלט, וויפיעל נפשות עס זענען גע'הרג'עט געווארען. נעבאך באשערט מענטשען אזא שרעקליכער טוידט! און ווען? פונקט הושענא־רבה נאכ'ן קוויטעל! אפנים, ס'איז שוין אזוי געווען אנגעצייכענט פון אויבען...

„אזוי האט מען געשמועסט ביי אונז אין הייסין און אין אלע ערטער ארום הייסין, און ס'איז גאר נישט צו באשרייבען די יסורים מיט'ן עגמת־נפש, וואס מיר אלע זענען דערפון אויסגעשטאנען. נאר ווי קומט עס צו די יסורים מיט'ן עגמת־נפש פון די פאסאזשירען נעבאך, וואס זענען געבליבען אין סאבאליווקע אויף דער סטאנציע כצאן בלי רועה, אין מיטען דער נסיעה אהן א לאקאמאטיוו! סטייטש, וואס ועלען זיי טהון? ס'איז הושענא־רבה, ערב יום־טוב, וואוהין געהט מען? סיידען סוכות האלטען דא אין שטעדטעל? א פארשטעהרטער סוכות!... און די פאסאזשירען האבען זיך צונויפגעשלאגען אלע אין איין ווינקעלע און האבען גענומען איבעררעדען וועגען זייער אייגענער לאגע און וועגען דער

און א באהן פייפט — וואָס איז די נפקא־מינה? דער עיקר — אזוי זאָגט בערעל אַליין און מאַכט בעת־מעשׂה מיט די הענט — דער עיקר איז נאָר דער כּח, וואָס נעמט זיך פונ׳ם הייצען, זאָגט ער. פונ׳ם הייצען, וואָס מע הייצט, וואַרעמט זיך אָן דער קעסעל, זאָגט ער, און דאָס וואַסער הויבט אָן קאָכען, שטופּט דאָס, זאָגט ער, דעם באַל א ן עם דרעהען זיך די רעדער, זאָגט ער, אויף וואָס פאַר א זייט איהר ווילט: ווילט איהר, זאָגט ער, ס׳זאָל געהן רעכטס — טהוט א דרעה דעם רעגוליאַטאָר רעכטס, ווילט איהר לינקס — דרעהט, זאָגט ער, דעם רעגוליאַטאָר לינקס. ס׳איז, זאָגט ער, אזוי פשוט, וואָס פשוט׳ער קאָן שוין גאָרנישט זיין!... אַצינד, אַז איך האָב אייך א ביסעל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם סאָבאָליוועקער אידען, איז אייך שוין פאַרענטפערט, מיין איך, א סך קשיות, און מיר קאָנען זיך אומקעהרען צו דער קאַטאַסטראָפע.

„דאַרף איך אייך נאָך דערצעהלען, וואָס פאַר א פחד און וואָס פאַר א טומעל ס׳איז געוואָרען צווישען די פּאַסאַזשירען אין סאָבאָליוועקע אויף דער סטאַנציע, אַז מע האָט דערזעהען דעם אָפּגעשפּאַנטען לאָקאָמאָטיוו געהן איינעם אַליין, מע ווייסט נישט מיט וואָס פאַר א כּח? איך מיין, אַז דאָס דאַרפט איהר שוין אַליין פאַרשטעהן. היינט די מהומה, וואָס איז געקומען אויף דער „בריגאַדע"? תּחילת האָט זיך אפילו די „בריגאַדע", לאָז זיך אייך דאַכטען, געלאָזט לויפען נאָכ׳ן לאָקאָמאָטיוו, געוואָלט, אפּנים, איהם חאַפּען פון הינטען. מע האָט אָבער גיך ארויסגעזעהען, אַז די מיה איז אומזיסט. עפּיס טאַקי נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך דער לאָקאָמאָטיוו איצטיגס מאָל געלאָזט לויפען און איז געפלויגען משוגענערווייז. זינט דער „לעדיגגעהער" האָט אָנגעהויבען צו געהן אין אונזערע מקומות, האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען, אַז דער לאָקאָמאָטיוו זאָל אזוי גיך לויפען. האָט זיך די „בריגאַדע" נעבאָך געמיזט אומקעהרען צוריק מיט לעדיגע הענט און איינאיינעם מיט׳ן זשאַנדאַרם און מיט׳ן נאַטשאַלניק האָט מען געמאַכט א פּראָטאָקאָל און נאָכדעם האָט מען צעשיקט דעפּעשען איבער דער

ווייטען אליין געזעהען איהם שטעהן מיט א גלח ביי׳ם אָפּגע־שפּאנטען לאָקאָמאָטיוו און מאכען מיט די הענט... וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס האָט א איד איין עסיגמאכער צו שטעהן מיט א גלח ביי׳ם אָפּגעשפּאנטען לאָקאָמאָטיוו און מאכען מיט די הענט?!... מע האָט אזוי לאנג גערעדט און געפּילדערט, ביז די מעשה איז דערגאנגען, לאָז זיך אייך דאכטען, אין שטעדטעל אריין, אין סאָבאָליווקע הייסט עס, און חאָטש דאָס שטעדטעל איז נישט אזוי שטארק ווייט פון סטאנציע, נאָר ביז די מעשה איז אָנגעקומען פון איינעם צום אנ־דערען קיין סאָבאָליווקע, האָט זי באקומען אלע מינוט איין אנדער געשטאלט, איטליכער באזונדער האָט צוגעלעגט זיינס, און ביז ס׳איז דערגאנגען צו בערלען אהיים, האָט די מעשה מיט׳ן גלח באקימען אזא ווילדען פּנים, אז בערעל׳ס ווייב איז נעבאך געפאלען חלשות אפשר צעהן מאָל, מע האָט געמוזט ברענגען דעם דאָקטאָר... און עס האָט זיך א שאָט געטהאָן אויף דער סטאנציע אידען פון סאָבאָ־ליווקע, לאָז זיך אייך דאכטען, אזוי ווי שטערען אין הימעל, און ס׳איז געוואָרען אזא גוואלד, אז דער נאטשאלניק סטאנציע האָט געמוזט געבען דעם זשאנדארם א „ראספּאָראזשעניע”, ער זאָל אָפּ־רייניגען די סטאנציע פון סאָבאָליווקער אידען... און וויבאלד אזוי, וואָס זשע האָבען מיר דאָ צו טהון? אפשר וואָלטען מיר בעסער געהן א קוק טהון, וואָס טהוט זיך מיט אונזער אידען און מיט׳ן גלח, להבדיל, אויפ׳ן „בורח”, איך מיין, אויפ׳ן אנטלאָפענעם לאָקאָ־מאָטיוו?

„עס איז אָבער נאָר גרינג צו זאָגען — א קוק טהון, וואָס טהוט זיך אויפ׳ן אנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו! ווער קאָן דאָס וויסען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטהאָן? מיר מוזען גלויבען דעם סאָבאָ־ליווקער עסיגמאכער אויף נאמנות. ער דערצעהלט זיך אָן פון דער נסיעה אזעלכע חידושים, וואָס ווען אפילו, לאָמיר זאָגען, אז ס׳איז נאָר האלב אמת, איז דאָס אויך גאנץ גענוג. און אויף וויפיעל איך קען אָט דעם עסיגמאכער פון סאָבאָליווקע, איז ער, דאכט מיר, נישט אזא מענטש, וואָס זאָל ליעב האָבען מגזם זיין.

לאנגע פונ׳ם „בורח” (אזוי האָבען זיי א נאָמען געגעבען דעם אנט־לאָפענעם לאָקאָמאָטיוו). מי יודע, וואָס מיט א שלים־מזל קאָן זיך טרעפען? א ו־ערטעלע אויסצורעדען — עס פליהט איבער דער ליניע אזא מאשינע איינע אליין? עס איז דאָך לא ימלט, אז דער „בורח” זאָל זיך נישט באַגעגענען ערגיץ אין מיטען וועג מיט׳ן „לעדיגגעהער”, וואָס געהט איהם אקעגען פון הייסין איבער זאַט־קעוויץ קיין סאָבאָליווקע. וואָס וועט זיין מיט יענע פאסאזשירען נעבאך? — און דער כח־הדמיון האָט זיי שוין געמאָהלט א צוזאמענ־שטויס, א מורא׳ד־גע קאַטאסטראָפע מיט אלע פישטשעווקעס פון א באהן־קאטאסטראָפע. זיי האָבען געזעהען פאר זיך באשיינפערליך דאָס גאַנצע אומגליק: איבערגעקעהרטע וואַגאָנעס, צעפאלענע רעדער, מענטשישע קעפ, צעבראָכענע פיס, אָפגעריסענע הענט און צעטראָטענע ט־טעמאָדאָנעס, מיט בלוט באשפריצט!... פלוצים — א דעפעש! אָנגעקומען א דעפעש פון זאַטקעוויץ. וואָס שטעהט אין דעפעש? אין דעפעש שטעהט: „די רגע דורכ־געפלויגען מיט א שרעקליכער גיכקייט פארביי זאטקעוויץ א לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי פאסאזשירען. איינער זעהט־אויס א איד, דער צווייטער א גלח. ביידע האָבען געמאַכט מיט די הענט—מע ווייסט נישט וואָס. דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק קיין הייסין”.

„אָט דאָ איז ערשט געוואָרען א חתונה: וואָס הייסט דאָס? א איד מיט א גלח אויפ׳ן אנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו? וואוהין זענען זיי דאָס אַנטלאָפען? און צוליעב וואָס? א־ן ווער קאָן זיין דער א־ד?... אהין־אהער, איינער פונ׳ם אנדערען — מע האָט זיך דערוואוסט, אז דער איד איז טאַקי א סאָבאָליווקער איד. ווער? איהר קענט איהם? א שאלה א ביסעל! בערעל עסיגמאכער פון סאָבאָליווקע! פון וואנען ו־ייסט מען דאָס, אז ס׳איז ער? מע ווייסט! סאָבאָליווקער אידען שווערען, אז זיי האָבען פון דער

קאַלנער און טהו דיך אַ וואָרף־אַראָפּ פון לאָקאָמאָטיוו אַזוי, אַז דו זועסט ביי מיר פאַרגעסען, אַז דו האָסט אַמאָל געהייסען מאָשקאָ!"...
„נישט מאָשקאָ, איך הייס בערקאָ" — זאָגט צו איהם בערעל און וויל איהם געבען צו פאַרשטעהן דעם שכל פונ'ם רעדעל, וואָס מע רופט דאָס טאָרמאַז. לאָזט ער זיך נישט רעדען — אַ ביטערער גלח! „געגנוג שוין צו דרעהען, טענה'ט דער גלח, האָסט שוין אַזוי אויך גענוג גערדרעהט און אָנגעדרעהט, פאַרדרעהען זאָל עס דיך, דו פאַרשאָלטענער מענטש! בעסער וואָלסט דו זיך געבראָכען האַלז־און־נאַקען, איידער דו האָסט זיך גענומען אויף מיין לעבען!"...
רופט זיך אָן צו איהם בערעל: „מיינסט אפשר, פאָטערעל, אַז מיין לעבען איז ביי מיר נישט אַזוי טהייער, ווי ביי דיר דיין לעבען?" „דיין לעבען? — מאַכט צו איהם דער גלח מיט גאַל. — וואָס פאַר אַ ווערטה האָט אַ הינטיש לעבען?"... פאַרדריסט דאָס שוין בערלען נישט אויף קאַטאָוועס און ער גיט אוועק, זאָגט ער, דעם גלח אַ פּאַרציע, אַז ער וועט דאָס האָבען צו גערעדענקען. „ערשטענס, זאָגט איהם בערעל, איז אויף אַ הונט אויך אַ רחמנות. נאָך אונזער דין טאָר מען אפילו, זאָגט ער, אַ הונט אויך נישט אָנריהרען: ס'איז אַ צער־בעלי־חיים. והשנית, פרעגט איהם בערעל אַ קשיא: מיט וואָס איז מיין לעבען, למשל, ערגער ביי'ם רבונו־של־עולם פון איין אַנדערענ'ס לעבען? קומען מיר דען נישט ארויס, זאָגט ער, אַלע פון איין יחוס, פון אָדם־הראשונ'ען? און געהען מיר דען נישט אַלע אין איין אָרט, אין דער ערד אריין?... איז נומער צוויי. און נאָך אַ זאַך, זאָגט צו איהם בערעל: נאַ זעה, פאָטערעל, דעם חילוק, זאָגט ער, פון מיר ביז דיר. איך טהו וואָס איך קאָן, דער לאָקאָמאָטיוו זאָל זיך אָפּשטעלען — הייסט דאָס, אַז איך זאָרג פאַר אונז ביידען; און דו, זאָגט ער, ביזט אַזוי אויפגעטראָגען, אַז דו ביזט קאַפּאַבעל מיך נעמען און אראָפּוואַרפען פונ'ם לאָקאָמאָטיוו, דאָס הייסט — הרג'ענען אַ מענטשען!"... און נאָך אַ סך אַזעלכע שענע ווערטער האָט ער אין איהם אריינגעזעצט, אינ'ם גלח הייסט עס, געזאָגט מוסר און דערצעהלט אַזעלכע משלים, זאָגט ער, אַז דער

„די ערשטע צייט, אז דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק, — אזוי דערצעהלט בערעל עסיגמאַכער, — געדענקט ער כמעט גאָרנישט, וואָס מיט איהם האָט זיך געטהאָן. ניט אזוי מחמת דערשרעק, ווי איבער דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטעהן, זאָגט ער, פאַר וואָס דער לאָקאָמאָטיוו וויל איהם נישט פאָלגען. על־פּי שכל, זאָגט ער, האָט דער לאָקאָמאָטיוו ביי'ם צווייטען דרעה פונ'ם רעגו־ליאַטאָר באַלד באַדאַרפט בלייבען שטעהן. צום סוף האָט ער גאָר אָנגעהויבען געהן נאָך גיכער, ווי פריהער. עפּיס נאָר ווי צעהנ־טויזענט רוחות וואָלטען איהם אונטערגעשטופּט פון הינטען. ער איז געלאָפען, זאָגט בערעל, מיט אזא גיכקייט, אז די שטעקענס פונ'ם טעלעגראַף האָבען איהם, ווי פליעגען, געשעמערט אין די אויגען, און עס האָט זיך איהם פאַרדרעהט דער קאָפּ און די פיס האָבען זיך איהם ווי א נטערגעהאַקט... שפּעטער א ביסעל, אז ער איז, זאָגט ער, געקומען צוריק צו זיין פאַרשטאַנד, האָט ער זיך דער־מאַנט, אז א לאָקאָמאָטיוו האָט א טאָרמאַז, א פאַרהאַלטער, אויף צו פאַרהאַלטען איהם ווען מע וויל. פאַרהאַן — גיט בערעל עסיג־מאַכער צו פאַרשטעהן מיט די הענט — א האַנט־טאָרמאַז און פאַרהאַן א לופט־טאָרמאַז, אזא מין רעדעל, וואָס אז מע טהוט דאָס א רעכטען דרעה, טהוט דאָס א קוועטש דעם הייבעל, דעם ריטשאַג הייסט דאָס, און די רעדער הערען־אויף צו דרעהען זיך פון זיך אַליין. ער געדענקט גאָר נישט, זאָגט ער, ווי אזוי אזא זאַך האָט געקאָנט אַרויספליהען איהם פונ'ם קאָפּ? און ער טהוט זיך א לאָז צום רעדעל און וויל עס געבען, זאָגט ער, א דרעה אין דער רעכטער זייט, — אז מע חאַפּט איהם נישט אָן פאַר א האַנט: „סטאָפּ!" — ווער איז? לאָז זיך אייך דאַכטען, דער גלח, טוידט ווי די וואַנט, קוים וואָס ער רעדט. „וואָס ווילסט דו טהון?" — פרעגט איהם דער גלח מיט ציטערניש. „גאָרנישט. איך וויל, זאָגט איהם בערעל, אָפּשטעלען די מאַשינע"... „זאָל דיך גאָט היטען, זאָגט צו איהם דער גלח, זאָלסט זיך מיר מעהר נישט צוריהרען צו דער מאַשינע! וואָרום פאָלגסט דו מיך נישט, נעם איך דיך פאַר'ן

מיך נישט אויסגליטשען און שטארבען, אז דער אויבערשטער וויל גאר? אלא וואס דען? עס איז מיר היינט אָנגע׳חתמ׳עט גע־וואָרען פון אויבען, אז איך זאָל בלייבען לעבען, היינט למאי זאָל איך שפּרינגען?״

„און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — אזוי דערצעהלט וויטער בערעל עסיגמאכער פון סאָבאָליווקע און שווערט מיט אזעלכע שבועות, אז מע מעג גלויבען, דאכט מיר, א משומד — ער געדענקט נישט, ווי אזוי דאָס האָט זיך געטראָפען, נאָר אז זיי זענען געקומען, זאָגט ער, הינטער הייסין אין ארויסגעזעהן שוין פון, דער וויטען דעם קוימען פונ׳ם הייסינער זאוואָד, האָט עפּיס מיט א מאָל דער לאָקאָמאָטיוו, זאָגט ער, אָנגעהויבען געהן שטילער און שטילער, נאָכדעם — גאָר פאוואָלינקע, קוים־קוים, און נאָכדעם האָט ער זיך מיישב געווען, דער לאָקאָמאָטיוו הייסט עס, און האָט זיך גאָר אנידערגעשטעלט. וואָס איז די מעשה? ס׳איז איהם, אפנים, אויסגעגאנגען הייצונג, און א לאָקאָמאָטיוו, זאָגט בערעל עסיג־מאכער, אז עס געהט איהם אוים הייצונג, הערט־אויף דאָס וואסער צו קאָכען און די רעדער הערען־אויף צו דרעהען זיך — און א סוף. פונקט, זאָגט ער, ווי, להבדיל, א מענטש, אז מע זאָל איהם, למשל, נישט געבען קיין עסען... אודאי האָט ער דעם גלח געזאָגט טאקי דאָרט אויפ׳ן אָרט: „נו, פאָטערל? וואָס האָב איך דיר געזאָגט, זאָגט ער, ווען דער רבונו־של־עולם זאָל מיר נישט געווען אָנ־צייכענען היינט פון אויבען, אז איך דאַרף נאָך לעבען אויף דער וועלט, ווער וויסט אויף וויפיעל צייט עס וואָלט נאָך געווען הייצונג און וואו מיר וואָלטען שוין איצטער אָנגעשפּארט?״ אזוי מאכט צו איהם בערעל, און דער, זאָגט ער, שטעהט, די אויגען אראָפּ־געלאָזט אראָפּ, און שווייגט. וואָס האָט ער איהם נעבאך געקאָנט ענטפערען?... ערשט שפּעטער, זאָגט ער, ביי׳ם געזעגענען זיך, געהט דער גלח, זאָגט ער, און ציהט איהם אוים א האנט און מאכט צו איהם: „פראָשטשאי, איצקאָ״. זאָגט איהם בערעל: „איך הייס נישט איצקאָ, איך הייס בערקאָ״... מאכט צו איהם דער גלח:

גלח האָט שיער דעם שלאַק באַקומען. און אָט אַזוי רעדענדיג, האָבען זיי דערזעהן, זאָגט ער, פאָר זיך די סטאַנציע זאַטקעוויץ מיט'ן נאַטשאַלניק סטאַנציע, מיט'ן זשאַנדאַרם. האָבען זיי ביידע גע־נומען, ער און דער גלח, להבדיל, מאַכען צו זיי מיט די הענט, נאָר קיינער האָט זיי, אַפּנים, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען, און זיי האָבען נעבאַך געמוזט, זאָגט ער, פאָהרען ווייטער, קיין הייסין הייסט עס. פאָהרענדיג ווייטער, איז שוין דער גלח, זאָגט ער, געוואָרען אַ סך וויכער. נאָר צוריהרען זיך צו די מאַשינעס האָט ער איהם נישט געלאָזט. ער האָט איהם נאָר אַ זאָג געטהאָן, דער גלח הייסט עס: „זאָג מיר, לייבקאָ, וואָס איך וועל דיך פרעגען?" זאָגט איהם בערעל: „איך הייס נישט לייבקאָ, איך הייס בערקאָ". זאָגט איהם דער גלח: „לאָז זיין בערקאָ. זאָג מיר נאָר, בערקאָ, וואָלסט, למשל, אַ בעלן געווען געבען אַ שפּרונג־אַראָפּ מיט מיר אינאיינעם פון'ם לאָקאָמאָטיוו אויף דער ערד?"... פרעגט איהם בערעל: „בכדי וואָס? מיר זאָלען חלילה דער'הרג'עט ווערען אויף טוידט?" מאַכט צו איהם דער גלח: „סאַי־ווי־סאַי וועלען מיר גע'הרג'עט ווערען אויף טוידט". רופט זיך אָפּ צו איהם בערעל: „פון וואַנען איז געדרונגען? ס'איז גאָר קיין ראיה נישט. אז גאָט וויל — אוי־אוי־אוי, וואָס ער קאָן טהון!"... מאַכט צו איהם דער גלח: „דהיינו?" רופט זיך אָן צו איהם בערעל: „איך וועל דיר זאָגען. זאָגט ער, פּאָטערעל! ביי אונז אידען איז היינט, זאָגט ער, אַ טאָג, וואָס ער הייסט הושענה־רבה. אין דעם דאָזיגען טאָג, זאָגט ער, ווערט אין הימעל אָנגע'חתמ'עט יעדען מענטשען און יעדען באַשעפעניש אויף דער וועלט, צי ער זאָל לעבען, צי ער זאָל שטאַרבען; און אויב שטאַרבען — איז מיט וואָס פאַר אַ טוידט זאָל ער שטאַרבען. איז ממה־נפשך, זאָגט ער: האָט מיר גאָט אָנגעצייכענט, איך זאָל שטאַרבען, איז דאָך אַ פאַרפאַלענע זאַך; וואָס איז מיר די נפקא־מינה, צי איך וועל גע'הרג'עט ווערען פון אַ שפּרונג, צי פון אַ לאָקאָמאָטיוו, צי פון אַ דונער? און גלאַט אַזוי, זאָגט איהם ווייטער בערעל, געהענדיג אויפ'ן גלייכען וועג, קאָן איך

געשיכטע נומער נייעז

אַ חתונה אָהן כלי־זמר.

געשריבען אין יאָהר 1909.

„לאָז זיין בערקאָ. הערסט דו, בערקאָ? איך האָב גאָר נישט געוואוסט, זאָגט ער, אַז דו ביזט אַזאַ...״ און מעהר האָט ער נישט געהערט פון איהם קיין וואָרט, וואָרום דער גלח האָט פּאַרקאַטשעט, זאָגט ער, די פּאָלעס פון דער ריאַסע און האָט גענומען שטעלען פיס צוריק, צו זיך אהיים, אפנים. קיין גאָלאָוואָניעווסק. און ער, בערעל הייסט עס, האָט זיך געלאָזט גלייך אין שטאָדט אַריין, צו אונז קיין הייסין. און ביי אונז האָט ער שוין, לאָז זיך אייך דאַכטען, גע־האַלטען יום־טוב, געבענטשט גומל, דערצעהלט אפשר טויזענט מאָל די מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף, אַלע מאָל מיט נייע המצאות און מיט נייע נסים... איטליכער באַזונדער האָט געשלעפּט דעם סאָבאָ־ליוּוקער עסיגמאַכער צו זיך, געוואָלט איהם האָבען פאַר איין אורח אויף יום־טוב, און אגב הערען פון איהם אליין דעם נס פון הושענא־רבה — און מיר האָבען דאָס געהאַט, לאָז זיך אייך דאַכטען, א שמחת־תורה! שוין געווען, ווי זאָגט איהר, איין מאָל א שמחת־תורה!״...

ענדע געשיכטע נומער אכט.

גּעשיכטע נומער נייען

אַ חתונה אָהן כּלי־זמר

„— איך האָב אײַך געהאַט צוגעזאָגט, דאַכט מיר, דערצעהלען נאָך אַ נס, וואָס האָט זיך געטראָפען, לאָז זיך אײַך דאַכטען, טאַקי ווידער אַ מאָל מיט אונזער „לעדיגגעהער", ווי אַזוי, צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיגען „לעדיגעהער", זענען מיר ניצול געוואָרען פון אַ גרויסען אומגליק. אויב איהר ווילט האָרכען די דאָזיגע מעשה, לעגט איהר זיך אַוועק, זייט מוחל, אָט דאָ אויף דער באַנק, און איך וועל מיך לעגען, הייסט עס, אויף יענער באַנק. דאָ איז מיר נישט צו דער האַנט".

אָט אַזוי רופט זיך אָן צו מיר איינמאָל אַלץ דער אייגענער הייסינער סוחר, פאָהרענדיג מיט מיר אין דער שמאָלער אַייזענבאַהן, וואָס מע רופט זי דאָרטען „דער לעדיגגעהער". אין מחמת מיר זענען דאָס מאָל, ווי אַלע מאָל, געווען סך־הכּל צוויי פאַרשוין איבער אַ גאַנצען וואַגאָן, און וואַרעם איז געווען געכוג, האָבען מיר מחילה אויסגעטהאָן די פּידזשאַקען, צעשפּיליעט די זשילעטען און צעלעגט זיך, ווי בּיי'ם טאַטען אין ווייַנגאָרטען. ער אויף איין באַנק, איך אויף דער אַנדערער. ער פאַוואָלי און ברייטליך, ווי זיין שטייגער איז, דערצעהלט, און איך הער מיך איין, פאַרשריי־

„נח טאָנקאָנאָג איז אַ איד, וואָס איז געוואַכסען מעהר אין דער לענג ווי אין דער ברייט. גאָט האָט איהם געגעבען אַ פּאָר פּיס, באַנוצט ער זיך מיט זיי. קיינמאָל רוהט ער נישט און זעלטען־ווען געפינט מען איהם אין דער היים. ער איז פאַרנומען מיט טויזענטער געשעפטען, מעהר פרעמדע ווי אייגענע. זיין אייגען געשעפט איז — וואָס ער האַלט די דרוק. און מחמת ער האַלט די דרוק, די איינציגע דרוק אין הייסין, דעריבער קען ער זיך מיט נאַטשאַלסטווע, האָט צו טהון מיט פּריצים, איז אויסגעבונדען מיט אַלע טשינאָווניקעס און ווייסט פון אַלע סודות.

„אָט פון דעם דאָזיגען „איסטאָטשניק" איז מען דאָס געוואָהרע געוואָרען פון דער גוטער בשורה. דאָס הייסט, ער אַליין טאַקי, דער „איסטאָטשניק" הייסט עס, האָט דאָס אויסגעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט. פאַרשטעהט זיך, איטליכען באַזונדער האָט ער איינגערוימט אַ סוד אין אויהער: „דאָס דערצעהל איך נאָר אייך, קיין אַנדערען וואָלט איך עס ניט געזאָגט"... און אָט אַזוי איז די גאַנצע שטאָדט געוואָהרע געוואָרען, פון איין עק ביז'ן אַנדערען עק, אַז עס געהען חוליגאַנעס און אַז ס'איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פּלאַן, מע זאָל שלאָגען אידען; מע ווייסט אפילו ווען, אין וואָסער אַ טאָג, אין וואָסער אַ שעה מע וועט שלאָגען, און פון וואַנען מע וועט אָנהויבען צו שלאָגען, און ווי אַזוי מע וועט געהן — אַלסדינג אויסגערעכענט, ווי אין לוח. און ס'איז געוואָרען אין שטאָדט, לאָז זיך אייך דאַכטען, חושך ואפלה! און מיינט איהר — וואו? צום מיינסטען, צווישען די נידעריגע קלאַסען. אַ מאָדנע זאַך, הערט איהר, מיט די אָרעמעלייט! מילא, אַ נגיד, אַז ער ציטערט פאַר אַזעלכע זאַכען, פאַרשטעהט מען דאָס נאָך מיט'ן שכל. ער האָט געבאַך מורא, מע זאָל איהם, חס ושלום, צווישען יאָ און ניין, נישט מאַכען פאַר אַ קבצן. אָבער איהר, פאַרטיגע קבצנים, וואָס צ'טערט איהר אַזוי? וואָס האָט איהר איינצושטעלען? ניין, זאָלט איהר זעהען, ווי מע האָט געחאַפּט די קינדערלעך און מע האָט מפקיר געווען האַק־און־פּאַק און מע האָט אָנגעהויבען באַהאַלטען זיך!

בענדיג ביי זיך אין מוח איטליכס וואָרט, בכדי איך זאָל דאָס נאָכ־דעם קאָנען איבערגעבען מיט זיין לשון.

„— ויהי בימי — דאָס איז געווען, ניט היינט געדאַכט, בעת קאָנסטיטוציע, אַז ס'האָבען זיך אָנגעהויבען, הייסט עס, די ישועות אויף אידען. חאָטש אפילו אונז האָבען מיר אין הייסין, דאַרפט איהר וויסען, פאַר אַ פּאָגראָם קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט. איבער וואָס, מיינט איהר, האָבען מיר ניט מורא געהאַט? פּשוט, ווייל ס'איז ניטאָ ביי אונז ווער סע זאָל שלאָגען. מאַהלט אייך, לאָז זיך אייך דאַכטען, מע זאָל זוכען, וואָלט מען שוין אפשר גע־פונען ביי אונז אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטען זיך ניט אָפּגעזאָגט אונז אַ ביסעל דורכלופּטערען, דאָס הייסט, איך מיין טאַקי — רעכט דורכבערעכען די ביינער. אַ סימן האָט איהר, אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען לאָזען הערען די גוטע בשורות פון אַרום און אַרום, האָבען אונזערע עטליכע פּריצים־רשעים אַוועקגעשריבען בסוד־סודות אַהין, וואו מע דאַרף: היות ווי עס וואָלט געווען אַ יושר, מע זאָל, הייסט עס, אין הייסין אויך ע פּ י ס ט ה ו ן, און ס'איז נישטאָ מיט ועמען, לכן בעטען זיי, מע זאָל זיי קומען צו־הילף, דאָס הייסט, מע זאָל זיי, למען השם, וואָס גיכער אַרויסשיקען „מענטשען"... און לאָז זיך אייך דאַכטען, ס'איז ניט אַוועקגע־גאַנגען קיין פיער און צוואַנציג שעה, קומט־אָן אַ ידיעה, אויך בסוד־סודות, אַז עס געהען „מענטשען". פון וואַנען? פון זשמערינקע, פון קאַזאַטין, פון ראַזדיעלנע, פּאָפּעלנע און פון נאָך אַזעלכע מקומות, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע קלאָפּערס. די קשיא: פון וואַנען איז מען דאָס ביי אונז געוואָהרע געוואָרען פונ'ם דאָזיגען הייליגען סוד? דערויף האָבען מיר, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַ „איסטאָטשניק", נח טאָנקאָנאָג רופט מען איהם. ווער איז אָט דער דאָזיגער נפש? איהר פּאָהרט דאָך אין אונזער ווינקעל, דאַרף מען אייך איהם אָפּמאָהלען, איהר זאָלט זיין מיט איהם באַקענט.

„הקיצור, מע האָט זיך געזעהען מ׳ט נחמנ׳ען און מע האָט אויסגעשטעלט א צעטעל און ס׳איז געוואָרען געלט, און לאָז זיך אייך דאכטען, א היבשע מטבע, וואָרום אין אזא צייט, ווי קאָן מען קומען צו א פריץ און ניט אָנשפייען איהם אין דער האַנט, ס׳זאָל א׳הם, ווי זאָגט איהר, געבען א בריה אין די פינגער אריין?... פארשטעהט זיך, אז דער פריץ האָט א׳נז באלד בארוהיגט, ער האָט אונז בפירוש געזאָגט, אז מיר מעגען געהן שלאָפען: ס׳וועט גאָר־ניט זיין... דאכט זיך, גוט? איז דאָך אָבער פארהאַן ביי אונז אין הייסין א „איסטאָטשניק״, וואָס ווייסט פון אלע שווערע הערצער; איז ער זיך מיישב, נח טאָנקאָנאָג, הייסט עס, און לאָזט ארויס א קלאַנג איבער דער גאַנצער שטאָדט, בסוד געוויינטליך, אַז ס׳איז שוין דאָ פון דער גוטער חברה א דעפעש, ער האָט זי אליין געזעהען, שווערט ער, ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס! וואָס זשע שטעהט אין דעפעש? אין דעפעש שטעהט מעהר ניט ווי איין וואָרט: „יעדיעם״ — א מיאוס וואָרט! לויפט מען דאָך מסתמא צום איספראַווניק: „פריץ, ס׳איז שלעכט!״ זאָגט ער: „ו׳אָס א׳ז די שלעכטיגקייט?״ זאָגט מען איהם: „ס׳איז דאָ א דעפעש״. פרעגט ער: „פון וואַנען?״ זאָגט מען איהם: „פון יענע מקומות״... פרעגט ער: „וואָס שטעהט אין דעפעש?״ זאָגט מען איהם: „יעדיעם״. צעלאכט ער זיך און זאָגט: „איהר זענט גרויסע נאראָנים, זאָגט ער, איך האָב נעכטען, זאָגט ער, אויס־געשריבען פון טאָלטשין א סאָטני קאָזאַקען״... דערהערט „קאָזאַ־קען״ — איז אויף אונז געוואָרען ווי א נייע הויט. א איד, אז ער דערזעהט א קאָזאַק, ווערט ער ביי זיך תקיף און שטעלט־ארויס דער גאַנצער וועלט א פייג. א קליינינגקייט — אזא שומר!... די גאַנצע זאַך איז נאָר געווען: ווער פון די צ׳וי׳י וועלען קומען פריהער — צי די קאָזאַקען פון טאָלטשין, צי די חברה קלאָפּערס פון זשמע־רינקע? דער שכל הישר האָט אפילו באדארפט זאָגען, אז די קלאָפּערס וועלען קומען פריהער, ווייל זיי פאָהרען מ׳ט דער באַהן, און די קאָזאַקען — רייטענדיג. איז אָבער געווען די גאַנצע האָפע־

וואו באהאלטען זיך, אשטייגער, אידען? ווער ביי איין עהרליכען גוי אין א קעלער, ווער ביי׳ם נאָטאריוס אויפ׳ן בוידעם, ווער ביי׳ם דירעקטאָר אין זאוואָד. איטליכער געפינט זיך זיינס. נאָר איך איינער, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב מיך ניט געוואָלט באהאלטען. נישט מחמת איך וויל מיך פאר אייך באריהמען, נאָר איך וועל אייך געבען צו פארשטעהן מיט א גאנג, וועט איהר זעהען, אז איך בין ניט איינגאנצען אומגערעכט: ערשטענס, פרעג איך א קשיא: וואָס איז דער שכל, וואָס מע דארף מורא האָבען פאר א פאָגראָם? ממה־נפשך... און והשנית, וועל איך אייך ניט זאָגען; עס קאָן זיין, אז איך וואָלט אפשר אויך ניט געוועזן ביי זיך אזא תקיף און וואָלט אפשר אויך וועלען באהאלטען זיך אויף דער הייסער שעה. פרעגט זיך אָבער: וואו באהאלט מען זיך? פון וואנען בין איך באַוואָהרענט, למשל, אז טאקי דער אייגענער גוי, אָדער דער נאָטאריוס, אָדער דער דירעקטאָר פונ׳ם זאוואָד בשעת בהלה — איהר פארשטעהט?... און חוץ אלעמען, ווי לאָזט מען דאָס איבער א שטאָדט גלאט אזוי אויף הפקר? נעמען און אנטלויפען איז קיין קונץ ניט. מע דארף זעהען עפּיס טהון. נאָר, משטיינס געזאָגט — וואָס קאָנען אידען טהון? נאטשאלסטווע!... מסתמא איז ביי אייך אויך דאָ אין שטאָדט איינער א תקיף, וואָס איז חשוב ביי נאטשאלסטווע. ביי אונז אין הייסין האָבען מיר איינעם אזעלכען. נחמן קאסאָי הייסט ער. א איד א פּאָדראטשיק מיט א קיילעכיגער באָרד, מיט א סאמעטענעם זשילעט, מיט א דירה איין אייגענער. און מחמת ער איז א פּאָדראטשיק און האָט א חלק אינ׳ם שאָסיי, איז ער חשוב ביי׳ם איספּראַווניק. ער טרינקט מיט איהם טיי ביי איין טיש. און א איספּראווניק האָבען מיר דעמאָלט געהאט, לאָז זיך אייך דאכטען, דווקא א גוטען גוי. א דימענט פון א גוי. דהיינו? ער פלעגט נעמען א קערבעל, און נאָר דורך נחמן קאסאָי. דאָס הייסט, נעמען האָט ער גענומען ביי יעדען, פאר וואָס ניט? נאָר ביי נחמנ׳ען פלעגט ער נעמען מיט מעהר חשק. מעשה פּאָד־ראטשיק, איהר פארשטעהט?...

איספּראַוואָניק האָט זיי געגעבּען צו וויסען, אַז זייער מיה איז אומזיסט. כּל זמן, זאָגט ער, ער איז דאָ איספּראַוואָניק, וועט אין הייסין, זאָגט ער, קיין פּאָגראָם ניט זיין. אַזוי טאַקי האָט ער זיי געזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט. האָבען זיי איהם אויסגעהערט מיט א שמייכעל און אָפּגעענטפערט מיט עזות: „אָט וועלען מיר באַלד זעהען"... און ווי זיי האָבען דאָס אויסגערעדט, האָט זיך געלאָזט הערען פון דער ווייטען א פייף. פון'ם דאָזיגען פייף האָט זיך אונז אַלעמען, לאָז זיך אייך דאַכטען, אָפּגעריסען אין הארצען. נאָך דעם דאָזיגען פייף האָבען מיר זיך געריכט דערהערען נאָך א פייף, שוין מיט א הורראַ, און וואָס נאָך דעם דאָזיגען הורראַ געהט ווייטער — דאָס האָבען מיר שוין געהאָרכט פון אַנדערע שטעדט... צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? געפייפט האָט מען טאַקי, נאָר דאָס פייפען איז געווען אומזיסט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז א שענע מעשה, וואָס נאָר מיט אונזער „לעדיגגעהער" קאָן זיך אַזעלכעס טרעפען. איהר מעגט דאָס הערען.

„צוגעפאָהרען צו דער סטאַנציע קיין הייסין, האָט דער מאַשי־ניסט אָפּגעשטעלט דעם לאָקאָמאָטיוו און איז גאַנץ ברייטליך אראָפּ אויפ'ן וואָקזאַל און געלאָזט זיך גלייך אין בופעט אריין, ווי גע־וויינטליך. שטעלט מען איהם אָפּ: „בחור, וואו זענען די וואַ־גאָנעם?" — „וואָסערע וואַגאָנעם?" — „זעהסט דען ניט, אַז דו ביזט איינער אַליין מיט'ן לאָקאָמאָטיוו אָהן איין וואַגאָן?" — קוקט זיי אָן דער מאַשיניסט מיט אויגען און מאַכט צו זיי: „וואָס איז מיין עסק? וואַגאָנעם — דאָס געהער זיך אָן מיט דער ברי־גאַדע". „וואו זשע איז די בריגאַדע?" ענטפערט זיי ווידער דער מאַשיניסט: „וואָס געהט'ס מיך אָן? דער קאָנדוקטאָר גיט מיר, זאָגט ער, צו וויסען מיט א פייף, אַז ער איז פאַרטיג, ענטפער איך איהם אָפּ, זאָגט ער, צוריק מיט א פייף, אַז איך בין אייך פאַרטיג און לאָז די מאַשין. קיין צוויי פּאָר אויגען, זאָגט ער, האָב איך ניט, איך זאָל זעהען, וואָס הינטען טהוט זיך"... אַזוי ענטפערט זיי אָפּ דער מאַשיניסט. און ווערליג ער טענה'ט, איז ער גערעכט.

נונג א־יף אונזער „לעדיגגעהער". אידען האָבען א גרויסען גאָט, טאָמער וועט ער טהון א נס, דער „לעדיגגעהער" וועט פארשפעטיגען חאָטש אויף עטליכע שעה, און דאָס איז ביי איהם א געוויינטליכע זאך, וואָס סע טרעפט זיך ביי איהם אָפט, כמעט אַלע טאָג... און לאָז זיך אייך דאַכטען, אַז איצטיגס מאָל האָט ז־ך מיט איהם אָט דער נס ניט געטראָפען. עפּיס, ווי אויף צו להכעיס, איז ער גע־גאַנגען פון סטאַנציע צ־ סטאַנציע, טאַקי נאָר ווי א זייגער. איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, וויפיעל געזונט דאָס האָט ביי אונז צו־גענומען און וואָס פאַר א פחד ס'איז געוואָרען אין שטאָדט, אַז מע האָט זיך דערוואוסט, פונ'ם „איסטאָטשניק" געוויינטליך, אַז ס'איז שוין דאָ א דעפּעש פּ ן דער לעצטער סטאַנציע, פון קריישטאָפּאָווקע: „יעדיעם"! און נישט נאָר „יעדיעם" אַליין — „יעדיעם" מיט א „הורראַ"... געוויינטליך, האָט מען די דאָזיגע ידיעה אָפּגעטראָגען גלייך צום איספּראַווניק, געפּאַלען א־הם צו די פיס, געבעטען, ער זאָל זיך ניט פאַרלאָזען אויף די קאָזאַקען, וואָס וועלען אַמאָל קומען פון טאָלטשין, און זאָל אַרויס־שיקען אויפ'ן וואָקזאַל פּאָליציע חאָטש פון יוצא וועגען, לאָזען זיי ניט מיינען, אַז ס'איז לית דין ולית דיין, הפקר ציבעלעס. און דער אָדון דער איספּראַווניק האָט זיך דאָס מאָל דוקא ניט געלאָזט לאַנג בעטען. ער האָט צוליעב געשהאָן דער שטאָדט, און נאָך מיט א יתר־שאת. דהיינו? ער האָט זיך אָנגעטהאָן אין דער גאַנצער פאָרמע און מיט אַלע אָרדענס און איז בכבודו ובעצמו אַרויס מיט דער גאַנצער פּאָליציע אויפ'ן וואָקזאַל „ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד".

„די עטליכע פריצים די רשעים, פון זייער זייט, האָבען, לאָז זיך אייך דאַכטען, אויך נישט געדרימעלט. זיי האָבען זיך אויך אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג און אויך מיט די אָרדענס, מיטגענומען מיט זיך א פּאָר גלחים, און זענען אויך אַרויס „ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד"... האָט זיי דער איספּראַווניק אפילו א פרעג געטהאָן: „וואָס טהוט איהר דאָ?" האָבען זיי איהם געפרעגט די אייגענע קשיא: „וואָס טהוסט דו דאָ?" — א וואָרט פאַר א וואָרט, דער

דען? עס איז שוין אָבער געווען א ביסעלע צו־שפעט. אויף די גאסען האָבען שוין אַרומגעשפּאַציערט די קאָזאַקלעך פון טאָלטשין, רייטענדיג אויף די פערדלעך, און, ווי זאָגט איהר, וקסמים בידם — מיט די קאַנטשיקעס אין די הענט, און פון דער גאַנצער חברה חוליגאַנעס איז אין איין האַלבע שעה נישט געבליבען, לאָז זיך אייך דאַכטען, קיין זכר אפילו. מען איז זיך צעלאָפען, ווי די מייז אין א הונגער, צעגאַנגען געוואָרען, ווי שניי אין א זומער־טאָג...

„נו, פרעג איך אייך, איז ער נישט ווערטה, אונזער „לעדיג־געהער" מיין אייך, מע זאָל איהם אָפּשיטען מיט גאָלד פון אויבען ביז אַראָפּ, אָדער, לכל הפחות, האָטש מאַכען פון איהם א באַשרייבונג?"

ענדע געשיכטע נומער צוויי.

הקיצור, טענות אַהער, טענות אַהין — ס'איז דאָ אַ „לעדיגגעהער"
און נישטאָ קיין פּאַסאַזשירען. אַ חתונה, הייסט עס, אָהן כּלי־זמר!...
„ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָכדעם, איז געווען געפאָהרען
צו אונז, לאָז זיך אייך דאַכטען, דוקא אַ גאַנץ פיינע קאָמפּאַניע,
געקליבענע יונגען, איינס אין איינס, מיט'ן גאַנצען קלאָפּערגעצייג,
מיט דובינקעס און מיט רעזינקעס און מיט אַלע איבעריגע שאַלע־
מויזען. פריילין איז מען געווען, און בראָנפען האָט מען געטרונקען,
און מחמת גרוים שמחה האָט מען אויף דער לעצטער סטאַנציע, אין
קרישטאָפּאָווקע, אַריינגעוואָרפען גאָר אַ היבשע גאַלקע, און אָנ־
גע'שיכּור'ט די „בריגאַדע", דעם קאָנדוקטאָר מיט'ן קאָטשעגאַר
מיט'ן זשאַנדאַרם, און מע האָט פאַרגעסען אַ קלייניגקייט: צו־
טשעפּען די וואַגאָנעס צום לאָקאָמאָטיוו. איז זיך דער לאָקאָמאָטיוו
מסתּמא אוועק אין דער געוויינטליכער צייט קיין הייסין, און דער
גאַנצער „לעדיגגעהער" איז, לאָז זיך אייך דאַכטען, געבליבען שטעהן
מיט אַלע וואַגאָנעס אין קרישטאָפּאָווקע. און נאָך מעהר קונץ!
קיינער, ניט די שענע קאָמפּאַניע, נישט די איבעריגע פּאַסאַזשירען,
נישט די „בריגאַדע", האָבען גאָר ניט באַמערקט, אַז מע שטעהט,
און לאָז זיך אייך דאַכטען, מע האָט ניט אויפגעהערט צו וואַרפען
גאַלקעס און אויסלעדיגען פלעשלעך, ביז דער נאַטשאַלניק סטאַנציע
האָט זיך געכאַפּט, אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק און די וואַגאָנעס
שטעהען נאָך. האָט ער אויפגעהויבען אַ גוואַלד! ערשט דאָ האָט
זיך אַרויסבאַוויזען דער גאַנצער טעות, און ס'איז געוואָרען אַ
געפילדער, הימעל עפען זיך! די חברה — אויף דער „בריגאַדע",
די „בריגאַדע" — אויף דער חברה, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז
ס'איז געבליבען, אַז מע דאַרף נעמען די פיס אויף די פלייצעס און
די אויגען אין די הענט און זיך לאָזען קיין הייסין, מחילה, צו־פוס.
אַ ברירה האָט מען? און וכן היה. מע האָט זיך אָנגענומען מיט
הארץ און מע האָט עולה־רגל געווען קיין הייסין, און, לאָז זיך אייך
דאַכטען, מען איז בשלום געקומען קיין הייסין, און דוקא מיט אַ
געזאַנג און מיט אַ הוררא, ווי גאָט האָט געבאָטען. נאָר וואָס זשע

געשיכטע נומער צעהן

דער טלית־קטן

געשריבען אין יאָהר 1910.

געשיכטע נומער צעהן

דער טלית־קטן

„— איהר רעדט פון די אומגליקען, פון די היינטיגע שרפות רעדט איהר. איהר ווילט הערען א שענס, ווי אזוי מע נעמט א הונדערטער אויף די נשרפים ביי א נגיד א קמצן, א חזיר, א נהרג על פחות משוה פרוטה, וואס האט אויף זיין לעבען קיין נדבה ניט געגעבען ?"

אזוי האט זיך אנגערופען צו מיר מיין וויז־א־ווי אין וואגאן איינמאל אין דער פריה, נאכ'ן איבערבייסען, און האט פאררויכערט א פאפיראס און מיר אויך געגעבען פאררויכערען.

עס האט אויסגעוויזען, אז די מעשה, וואס מיין וויז־א־ווי האט זיך געקלויבען מיר דערצעהלען, האט איהם אליין הנאה געטהאן, שטארק הנאה געטהאן. ו ארום איידער ער האט נאך אנגעהויבען צו דערצעהלען, האט ער זיך שוין צעלאכט, ווי א מענטש, וואס האט זיך דערמאנט אן זעהר א לאכענדיגע זאך. ער האט אזוי געשמאק געלאכט, אז ער איז זיך אזש פארגאנגען. אזא מענטשען איז גלייכער, אז מע לאזט איהם פריהער זיך אויסלאכען, ווי עס געהער־צו זיין, אניט וועט די מעשה האבען א פנים פון חוזק. דערנאך האט זיך מיין וויז־א־ווי אויסגעהוסט און אנגעהויבען בזה הלשון:

געגומען און צעטריבען די קינדער. און געשטאָרבען איז זי, זאָגט מען, ביי איהם פון הונגער. נאָר מסתמא איז דאָס א ליגען. און אפשר א״ז דאָס איין אמת. א סימן — ער האָט זיך מיט׳ן אנדערען ווייב אויף דער צווייטער וואָך גע׳גט. טרעפט איבער וואָס? איבער א גלאָז מילך. חא־חא, ווי איהר זעהט מיך א אידען! ער האָט זי געחאפּט איינמאָל מיט א קריגעל מילך, מאַכט ער צו איהר: „ממה־נפשך — טרינקסט דו מילך, ווייל דו האָסט די טשאַכאָטקע, וואָס־זשע דארף איך דיך? אלא דו טרינקסט גלאַט אזוי מילך, הפקר־ציבעלעס — ביזט דו דאָך איין אויסברענגערין!״...

„דערפאַר האָט ער איין מעלה (א מענטש מיט סאַמע חסרונות איז נישטאָ): ער איז פרום. פרום מיט סכנת־נפשות! מילא, ווילסט דיר זיין פרום, זיי דיר פרום, ווען אהרט עס? ניין. ווילט זיך איהם, אז די גאַנצע וועלט זאָל זיין פרום. גאָט׳ס סטראַפּטשע. ער קאָן נישט ליידען, אז א איד געהט אָהן א היטעל, איז אין כעס, למאי יונגע ווייבלעך טראָגען אייגענע האָר, און קוילעט זיך מיט די עלטערען, וואָס געבען זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס, און נאָך אזעלכע זאַכען.

„באַדאַרף גאָט פיהרען מסתמא אזוי, אז ביי איהם אין הויף וואוינט א שכן, איין אַדוואָקאַט פון די אַמאָליגע אַדוואָקאַטען. א טשאַסטנע פּאָווערענע, הייסט עס. און גראָד נישט אזא גרויסער ירא־שמים. געהט אָהן א היטעל, גאָלט זיך דאָס בערדעל, פאַר־רויכערט שבת א פּאַפּיראָס. אלסדינג ווי עס געהער צו זיין. לאָז זיך אייך דאַכטען, טאַקי וואָס אין דער קאָרט. קאָמפּאַניעוויטש רופט מען איהם. א נפש א הויכער, א ברייטער, א ביסעל איין איינגעבויגענער, מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט ממזר׳ישע אויגען, נאָר א שטילער, א שווייגענדיגער, א פאַרבאָרגענער הולטאַי. לעבען לעבט ער מעהר פון קאָרטען, ווי פון אַדוואָקאַטור, און צו איהם קומען זיך צונויף אַלע וואוילע יונגעלייט, וואָס האָבען ליעב א קערטעל, א קאָלבאַס און נאָך אזעלכע זאַכען... מילא, איז אויך די אייגענע מעשה; עס זיצט ביי דיר א שכן ניט אזא צדיק —

„— איך האָב אייך שוין איבערגעגעבען פון אונזער שטאָדט א שען ביסעל טיפּען. איצט האָב איך פאַר אייך נאָך א טיפּ. יואל טאשקער רופט מען איהם. איהר זאָלט אָנקוקען א אידעל. קיין דריי צעבראָכענע פיערער וועט איהר פאַר איהם ניט געבען. א קליינס, א דאַרס, א טרוקענס, א בערדעל א שיטערס, און אז סע געהט, לויפט עס, און א הילוך — וואו איהר האָט ערגיץ א שונא! חאָטש אפילו א נגיד. וואָס זאָג איך — א נגיד? א גביר, איין אדיר, א מיליאָנטשיק. דאָס הייסט, איך האָב זיינע מיליאָנען, לאָז זיך אייך דאַכטען, נישט געצעהלט. מעגליך, אז ער פאַרמאָגט טאַקי א מיליאָן, און מעגליך, אז עס פעהלט איהם א סך צו א האַלבען מיליאָן. נאָר וויפיעל ער האָט, איז ער דאָס, גלויבט מיר, ניט ווערטה. וואָרום דער מענטש איז א חזיר. ביי איהם ארויס־רייסען א נדבה — איז כּקריעת ים־סוף. ס'איז גאַר נישטאָ דער בעטלער, וואָס זאָל געדענקען, אז יואל טאשקער זאָל האָבען ווען געגעבען איין אָרעמאַן א שטיקעל ברויט אפילו. אין שטאָדט קען מען איהם שוין, דעם פאַרשוין, אזוי, אז עס מאַכט זיך, מע גיט איין אָרעמאַן א נדבה און ער קריוודעט זיך, זאָגט מען איהם: „געהט, זייט מוחל, צו יואל טאשקער, וועט מען אייך געבען מעהר". אָט אזא מין נגיד איז דאָס. אפשר מיינט איהר, חלילה, א גזלן, אָדער א גראָבער יונג, אָדער א נחות־דרגא? — ניין. דוקא א טאַטענ'ס א קינד, און דוקא א איד, וואָס קאָן לערנען, און דוקא אזוי זיך א גאַנץ עהרליכער. יענעמ'ס ניט זאַטשעפּען. אבי מע זאָל זיינס ניט אָנריהרען. שלי שלי, שלך שלך — איהר פאַר־שטעהט, צי ניין? זיין געשעפט — ער איז א בעל־הלואה, און האָט הייזער, און האַנדעלט מיט פּריצים. טאָג־ווי־נאַכט פאַר־טאַראַראַמט. פאָהרט־אַרום, לויפט־אַרום, עסט ניט, שלאָפט ניט, פאַרגינט זיך ניט האַלטען א מענטשען, אומעטום אליין, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד. דאָס הייסט, ער האָט געהאַט קינדער אויך, נאָר דער רוח ווייסט וואָס. האָט ער זיי צעטריבען. זיי זענען אין אַמעריקע, זאָגט מען. דאָס ווייב איז איהם געשטאָרבען, האָט ער

דאָס, וואָס מע רופט ביי אונז „אַ גאָט'ס גנב". מיט וואָס באַ־שעפטיגט ער זיך — ער איז אַ פּראָמילניק. אַ מעקלער פון געלט, פון הלוואות, פון וועקסלען. דורך זיינע הענט געהט דורך געלט — טויזענטער און טויזענטער. קיינעם האָט טאַשקער ניט געגלויבט, אַזוי ווי אָט דעם פּרויקען. קומט צו אַ הלוואה, האָט ער מורא אַרויס־צולאָזען אַ הונדערטער פון די הענט. נאָר קוים האָט פּרויקע גע־זאָגט, אַז מע מעג לייהען, איז ניטאָ וואָס צו רעדען. אפשר מיינט איהר, אַז דער פּרויקע איז אין געלט־זאַכען טאַקי אַזאַ צדיק? בין איך אייך נישט ערב. ער איז נאָר אַ קלוגער, אַ דורכגעטריבענער, אַ ממזר בן הנדה, און, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַ גרויסער עזות־פּנים. צו איהם אין מויל אַריינפאַלען — איז ווי אין גיהנם. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז הייסען הייסט ער אפרים קאַץ און רופען רופט מען איהם, חאַ־חאַ, פּרויקע־שייגעץ.

„האָט איהר אייך שוין אַלע דריי טיפען. דאַרף זיך טרעפען אַ מעשה, עס הויבט זיך אָן דער זומער מיט די שרפות און עס ברענט־אָפּ דראַזשנע — אַ גאַנצע שטאָדט, ניט דאָ געדאַכט, און עס הויבען־אָן צו געהן פון דאָרטען בריעף, יללות, דעפּעשען — מע זאָל אַרויסשיקען וויפיעל מע קאָן און וואָס גיכער, וואָרום אַ גאַנצע שטאָדט מיט אידען, ניט פאַר אייך געדאַכט, ליגען אין דרויסען און געהען־אויס פון הונגער. מילא, ווערט דאָך ביי אונז אַ ויצעקו אין שטעדטעל: „אידען, רחמנים בני רחמנים! וואָס שווייגט מען? פאַר וואָס טהוט מען עפּיס ניט?" — אהין־אהער, עס בלייבט, אַז מע שיקט אַרויס אַ דעפּוטאַציע איבער דער שטאָדט קלויבען נדבות. מי ומי — ווער איז די דעפּואַציע? מסתמא איך, און נאָך צוויי־דריי אָרענטליכע בעלי־בתים פון די פיינסטע, און, לאָז זיך אייך דאַכטען, פּרויקע־שייגעץ בתוכם, וואָרום צו די זאַכען דאַרף מען האָבען איין עזות־פּנים. און מע נעמט אַ פּעטש־ילע און מע געהט קלויבען געלט. וואוהין געהט מען פריהער? גע־וויינטליך, צו די נגידים. געקומען צום נגיד, צו יואל טאַשקער. „גוט מאָרגען, רב יואל!" „גוט מאָרגען. ג'ט יאָהר. וואָס וועט

וואָס געהט עס דיך אָן? איך מיין דעם יואל טאַשקער מיין איך. ווערסט דו מיט איהם קיין שידוך ניט טהון. וואָס קאָן דאָ זיין? ניין. קאָן ער נישט איבערטראָגען, טאַשקער הייסט עס, למאי מע שטעלט ביי קאָמפּאַניעוויטשען דעם סאַמאָוואר אום שבת? למאי מע קאָכט ביי קאָמפּאַניעוויטשען אַ פּליישיגען וואַרעמעס אום תשעה־באָב? למאי מע טובל'ט ניט ביי קאָמפּאַניעוויטשען דאָס נייע געפעס אויף פּסח? און נאָך אַזעלכע זאַכען. פייערט ער אויפ'ן שכן, רעדט אויף איהם המנ'ס מסירות, דערצעהלט פאַר איטליכען הויך, בקול רם: „האָט איהר געהערט איין עזות פון אַ משומד? זיצט ביי מיר אין שכנות און שטעלט אַ סאַמאָוואר אום שבת!" — דערהערט דאָס קאָמפּאַניעוויטש, הייסט ער שטעלען איבעראַכטאָג שבת צוויי סאַמאָווארען. ווערט אונזער יואל שיער ניט צעפּיקעט, באַקומט, לאָזט זיך אייך דאַכטען, כמעט די אַפּאָפּלעקסיע. מענטש איינער! נעם און זאָג איהם אָפּעט פון דער דירה, ווערסט דו פּטור ווערען פון אַ צרה — טהוט איהם באַנג דער שכן. ער צאָהלט, זאָגט ער, דירה־געלט בעסער פון אַלע שכנים, חאַ־חאַ.

„האָב איך אייך שוין באַקאַנט געמאַכט מיט צוויי טיפּען. איצט באַדאַרף איך אייך פאָרשטעלען אַ דריטען פּאַרשוין, פּרויקעשייגעץ הייסט ער. אויך אַ טיפּ און שפּיעלט אויך אַ ראָל אין דער געשיכטע, וואָס איך דערצעהל אייך. דאָס הייסט, פון איהם טאַקי נעמט זיך די גאַנצע מעשה.

„דער דאָזיגער פּאַרשוין איז, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַזאַ מין טיפּ. אַליין איז ער אַ יונגערמאַן, וואָס ווערט אָנגערופען אַ „מעורב עם הבריות". לאָז זיך אייך דאַכטען, האַלב חסיד, האַלב פראַנצויז. אַ קאַפּאָטע אַ לאַנגע, נאָר אַ קאַפּעלישעל אויפ'ן קאָפּ. אַ העמד אַ ווייס, אַ שניפּסעל אַ רויטס, נאָר אַ ציצה פון'ם טלית־קטן דאַרף מען אַרויסזעהן. אין שטאָדט רעדט מען אונטער אויף איהם: עפּיס אַ ווייבעל, איין אשת־איש, זאָגט מען... נאָר אין שוהל אַריין לויפט ער פייל אויס'ן בויגען. מיט איינעם וואָרט, ער איז אָט

„געזעסען, געזעסען, האָבען מיר זיך אויפגעהויבען: „אַ גוטען טאָג, רב יואל". אַ קוש די מזוזה — און מיר געהען ווייטער. ארויסגעגאַנגען פון דאָרטען, רופט זיך אָן צו אונז פּרויקע־שייגעץ: „הערט איהר, אידען? זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אפרים קאַץ, אויב איך שלעפּ ניט אַרוים ביי אָט דעם כּלב קיין הונדערטער אויף די דראַזשנער נשרפים!" „וואָס רעדסט דו, פּרויקע, ביזט משוגע?" „וואָס אהרט אייך? אז איך זאָג אייך, איך נעם געלט, מעגט איהר זיך שוין פאַרלאָזען — איך הייס אפרים קאַץ".

„כּך הוה. וועט איהר הערען ווייטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָהרט מיט דער באַהן אונזער נגיד רב יואל טאַשקער קיין טאָל־טשין אויפ'ן יאַריד, און דער שכן זיינער, קאָמפּאַניעוויטש, פאָהרט אויך, און נאָך אידען, טאָלטשינער און אומאַניער — אַ פולער וואַגאָן, און מע רעדט, מע שמועסט, אַלע אינאיינעם, ווי געוויינטליך. גאַנץ באַזונדער, אין אַ ווינקעלע, זיצט זיך יואל טאַשקער פאַרשטעקט, קוקט־אריין מיט איין אויגעל אין אַ „חק־לישראל", ווי געוויינטליך. וואָס געהער ער זיך אָן מיט די אַלע אידען? ובפרט מיט אָט דעם הולטאַי קאָמפּאַניעוויטש, וואָס ער קאָן זיין געגאָלט פּנים ניט אָנקוקען? נאָר, ווי אויף צו־להכעים, האָט זיך אָט דער קאָמפּאַניעוויטש אוועקגעזעצט אַקוראַט אַקעגען איהם און שווייגט. רבונו של עולם, טראַכט זיך יואל, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון אָט דעם טריפניאַק? אריבערגעהן אין צווייטע קלאַס — איז איין עבירה געלט. בלייבען דאָ — קאָן ער ניט צו־זעהן אָט די געגאָלטע מאָרדע מיט די ממזר'ישע אויגען. בקיצור, גאָט האָט געטהאָן אַ נס, אויף דער ערשטער סטאַנציע טראָגט־אָן גאָט אַ באַקאַנטען, לאָז זיך אייך דאַכטען, טאַקי פּרויקע־שייגעץ. אונזער טאַשקער האָט דערזעהען פּרויקען, האָט ער זיך ממש מחיה געווען. אַ נייע הויט אויף איהם געקומען. עס וועט זיין מיט ווער צו רעדען אַ וואָרט. „וואוהין פאָהרט דאָס אַ איד?" „וואו־הין פאָהרט איהר?" — מע האָט זיך צערעדט. פון וואָס? געכטיגע טעג, לאָקש־בוידעם־ציבעלע, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד. אהין־אהער,

איהר זאָגען ? זיצט". גאָר פיין, וואָס פיינער קאָן שוין גאָר ניט זיין. וואָרום אזוי איז דער טאַשקער, דאַרפט איהר וויסען, דוקא אַ גאַסטפריינטליכער פּאַרשוין. איהר וועט אַריינקומען, וועט ער אייך אויפנעמען פאַר אַ גאַסט, הייסען דערלאַנגען אַ בענקעל, בעטען זיצען, מיט אייך רעדען, פיין, שען, ביז איהר רעדט ניט מיט איהם פון קיין געלט. און הויבט איהר אָן רעדען פון געלט, אזוי ביים זיך איהם איבער דאָס פּנים, איין אויגעל מאַכט זיך ביי איהם צו פון זיך אליין, און די לינקע באַק, ניט אין מיין מאָס, ווערט ביי איהם איינגעצויגען, ווי ביי אַ מענטש, וואָס האָט געחאַפּט דעם פּאַראַליטש. ס'איז אַ רחמנות, זאָג איך אייך, דעמאָלט אויף איהם צו קוקען. אָט אזא טיפּ איז דאָס.

„אלזאָ, וואו האַלטען מיר אין די יוצרות ? יאָ, זענען מיר געקומען צו טאַשקערען, די דעפּוטאַצ־יע הייסט עס. „גוט מאָרגען, רב יואל". „גוט מאָרגען, גוט יאָהר. זיצט. וואָס וועט איהר זאָגען ?", „מיר זענען געקומען צו אייך נאָך אַ נדבה". האָט זיך ביי איהם צוגעמאַכט איין אויגעל און אַ ציה געטהאָן, ניט אין מיין מאָס, די באַק : „אַ נדבה ? פּלוצים, אין מיטען דערינען, אַ נדבה ?"... רופט זיך אָן צו איהם פרויקע, ער איז דאָך דער עזות־פּנים : „אַ נויטיגע נדבה, רב יואל, זעהר אַ נויטיגע. איהר האָט שוין געהערט מן הסתּם. אַ גאַנצע שטאָדט, ניט דאָ געדאַכט, אָפּ־געברענט געוואָרען. דראַזשנע"... „וואָס רעדט איהר ? דראַזשנע אָפּגעברענט געוואָרען ? פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען ! סטייטש, איך האָב דאָך צו שטעקען אין דראַזשנע מ־ט אזוי פיעל געלט ! בדיל־הדל !"... הויבט איהם אָן פרויקע אויסרעדען דאָס האַרץ, אַז זיינע קאָמיטענטען האָט דאָס ניט געשאַדט, אַז אָנגע־ריהרט האָט דאָס נאָר די אָרעמעלייט. נאָר געה רעד, אַז יענער וויל ניט הערען. ברעכט די הענט, לויפט־אַרום איבער'ן שטוב, ווי אַ משוגע'נער, און שרייט אין איין קול : „אומגליקליך ! בדיל־הדל ! איהר זאָלט מיט מיר גאָר ניט רעדען אַצינד ! איהר האָט מיר דער'הרג'עט מיין קאָפּ ! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען !"...

ניט ? — זאָגט צו איהם פּרויקע, כּלומר'שט תּמ'עוואַטע. — זיי זענען דען קיין אידען ניט ?"

„דאָס האָט שוין יואל טאַשקער נישט געקאָנט אַריבערטראָגען: ערשטענס, וואָס איז דאָס פאַר אַ „זיי" ? און, צווייטענס, וואָס איז קאָמפּאַניעוויטש פאַר אַ איד ? „חע־חע, אַ שענער איד! אַ איד, וואָס שטעלט אַ סאַמאָוואַר אום שבת. אַ איד, וואָס פרעסט אַ פליישיגען וואַרעמעס אום תּשעה־באָב. אַ איד, וואָס טובל'ט אפילו ניט דאָס געפעס אויף פּסח! אָט אַזאַ איד רעדט פון טלית־קטנס, אַרבע־כּנפות ? !"... „וואָס־זשע איז ? — מאַכט צו איהם פּרויקע ווייעדער תּמ'עוואַטע. — וואָס געהער זיך אָן, רב יואל, דאָס צו דעם ? אַ איד ווי קאָמפּאַניעוויטש קאָן טאַקי טהון אַלסדינג, וואָס איהר רעכענט אויס, און אַ טלית־קטן אונטער'ן העמד איז ביי מיר רעכט, אַז זיי זאָלען דוקא יאָ טראָגען". „ווער ? אָט דער גלוח ? — צעשרייט זיך נעבאַך טאַשקער אויף אַ קול. — אָט דער הולטאַי ? אָט דער פּושע באלקי ישראל ? !"...

„אַלע אידען בלייבען שטיל, קוקען אויף דעם קאָמפּאַניעוויטשען, און קאָמפּאַניעוויטש שווייגט. פּרויקע־שייגעץ שווייגט אויך. נאָכ־דעם טהוט ער זיך אַ חאַפּ־אויף, פּרויקע הייסט עס, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אויף צו געהן אין אַ ריזיקע: „ווייסט איהר וואָס, רב יואל ? איך געה מיט דעם גאַנג, אַז אַ אידישע נשמה קאָן מען ניט שאַצען. קוים רעדט אַ איד פון אַ טלית־קטן, מסתּמא טראָגט ער אַליין אַ טלית־קטן. איך שטעל איין אַ הונדערטער אויף דראַזשנער נשרפים. שטעלט איהר אויך איין אַ הונדערטער, און לאָמיר זיי בעטען טויזענט מאָל מחילה, אייער שכן הייסט עס, זיי זאָלען פאַר אונז צעשפּילען די קאַפּאָטע מיט'ן העמד און ווייזען, צי זיי טראָגען אַ טלית־קטן, צי ניין ?" — „גערעכט, גערעכט!" — רופט זיך אָן דער גאַנצער עולם און מע הויבט זיך אָן היצען און פילדערען און עס ווערט פריילֿיך אין וואַגאָן. נאָר איין קאָמפּאַ־ניעוויטש זיצט זיך, ווי אַ זייטיגער — און שאַ. גלייך, ווי ניט איהם מיינט מען. און אונזער יואל טאַשקער ? דער איז נעבאַך

מען איז ארויף אויף א שמועס, וואָס יואל טאַשקער האָט דאָס ניט פיינט. „היינטיגע קינדער, פוסטע בחורים, אויסגעלאַסענע טעבטער, הפקר א וועלט". פּרויקע־שייגעץ האָט אויפגעמישט איין אלטע מעשה מיט דער אומאַניער שנור, וואָס איז אנטלאָפן מיט איין אָפיצער. און א מעשה מיט א בחור, וואָס האָט חתונה געהאַט אין צוויי שטעדט. און נאָך א מעשה מיט א יונגעל, וואָס האָט ניט געוואָלט לעגען קיין תּפילין, האָט איהם דער טאַטע געשלאָגען, האָט ער איהם געשלאָגען צוריק. „געשלאָגען צוריק? איין אייגענעם טאַטען?!" — און עס ווערט אין וואַגאָן א טומעל. אלע ווערען אויפגערעגט, און מעהר פון אלעמען אונזער יואל טאַשקער: „מיינע ווערטער, חע־חע! געוואָרען א הפקרות! אידישע קינדער ווילען ניט דאַווענען! ווילען ניט לעגען קיין תּפילין!"... „תּפילין לעגען בין איך אייך מוחל! — רופט זיך אָן פּלוצים קאָמפּאַניעוויטש, וואָס האָט די גאַנצע צייט ביז אהער געשוויגען. — תּפילין קאָנט איהר אייך יאָ לעגען און ניט לעגען. דאָס אהרט מיך ניט. מיך אהרט א סך מעהר דער טלית־קטן. מיך ברענט אויף אונזערע יונגע־לייט, פאַר וואָה זיי טראָגען ניט קיין ארבע־כּנפות. מילא, תּפילין — איז איין ארבייט: מע דאַרף זיי אָנטהון, מע דאַרף זיי אויסטהון. אָבער טראָגען א טלית־קטן ערגיץ אונטער א העמד — ווער זעהט מיך?"

„אָט אזוי האָט זיך אָט דער אפּיקורס קאָמפּאַניעוויטש צע־דרש'עט שטיל און גישט געחאַפּט און אזוי ערנסט, אז ווען עס פאַלט־אראָפּ, לאָז זיך אייך דאַכטען, א דונער, אָדער ווען דער וואַגאָן קעהרט זיך איבער, וואָלט אונזער טאַשקער זיכער ניט באַדאַרפט זיין מעהר איבערראַשט. „וואָס הייסט דאָס? משיח'ס צייטען! אָט דער קאָלבאַסניק רעדט פון טלית־קטנס? פון ארבע־כּנפות?! און ער רופט זיך אָן — ניט צו קאָמפּאַניעוויטשען, ניין — נאָר צו פּרויקען: „וואָס זאָגסט דו אויף דעם צדיק אין פּעלץ, חע־חע? ער רעדט אויך פון טלית־קטנס, ארבע־כּנפות!" „פאַר וואָס

„אהין־אהער, מע האָט קוים גע'פועל'ט ביי אָט דעם קאָמפּאַניעוויטשען, ער זאָל אויפשפּילען מחילה די קאַפּאָטע מיט'ן זשילעט, מיט'ן איבערשטען העמד — און שטעלט אייך פאָר א טיפּ: אָט דער קאָמפּאַניעוויטש טראָגט אונטער'ן העמד א טלית־קטן, אָבער א טלית־קטן! א גרויסען, א כשר'ען, א בערשעדער טלית־קטן מיט בלויע תּכלת און מיט גראָבע כּפול־שמונה'דיגע רבנ'ישע ציצית — חאַ־חאַ־חאַ! צווישען טלית־קטנם א טלית־קטן! דאָס קאָן נאָר אַזאַ גנב, ווי פּרויקע־שייגעץ! אמת, ער האָט טאַקי אָנגעוואוירען נאָכדעם יואל טאַשקערען פאַר א קונד. פּרויקע טאָר זיך איהם עד היום פאַר די אויגען ניט ווייזען. דערפאַר האָט ער אָבער ארויסגעצויגען פאַר די דראַזשנער נשרפים א הונדערטער, א גאַנצען הונדערטער, און ביי וועמען? ביי א נגיד א קמצן, א חזיר, וואָס האָט אויף זיין לעבען קיין נדבה ניט געגעבען, קיין שטיקעל ברויט איין אָרעמאַן! מעג ניישט קומען אויף איהם קיין מיתה־משונה? איך מיין טאַקי אָט דעם פּרויקען מיין איך"...

ענדע געשיכטע נומער צעהן.

אויסגעשטאַנען אין דער מינוט א שוויין־באַד. טאַקי א שטיק חבוט־הקבר. אויף זיין לעבען האָט ער זיך ניט געוועט מיט קיינעם אויף קיין צוויי גראָשען. פלוצים זאָל ער אוועקשטעלען א גאַנצען הונדערטער! און וואָס וועט זיין, לא יעלה ולא יבוא, טאָמער טאַקי חלילה טראָגט אָט דער כל־בו׳ניק א טלית־קטן?... צוריק אָבער טהוט ער זיך א טראַכט: „עט־נו! קאָמפּאַניעוויטש? אָט דער משומד? מיין קאָפּ זאָל מיר דעמאָלט קרענקען!" און ער נעמט זיך אָן מיט האַרץ, צעגאַרטעלט זיך, נעמט־אַרויס א הונדערטער, און מע קלויבט־אויס צוויי פּרעמדע, נאָר לייטיישע אידען אין וואַגאָן און מע לעגט־איין ביי זיי דאָס געלט; און מע טהוט זיך א נעם צו קאָמפּאַניעוויטשען, ער זאָל זיך אויסטהון — וואָס? ווער? א נעכטיגער טאָג! קאָמפּאַניעוויטש האָט זיך צערעדט: וואָס בין איך, זאָגט ער, עפּיס א יונגעלע? צי א קאָמעדיאַנטשיק? וואָס הייסט — איך וועל נעמען און וועל מיך אויסטהון נאַקעט פּלוצים אין מיטען העלען טאָג אָט דאָ אין וואַגאָן פאַר איין עדה אידען?"...

„דערהערט אַזעלכע דבורים, איז אונזער יואל טאַשקער געוואָרען גרעבער ווי לענגער. „אהא! — מאַכט ער צו פרויקען מיט א ליכטיג פּנים. — ווער איז גערעכט? איך, צי דו? איך קען מיינע לייט! פון טלית־קטנס גאָר רעדט אזא איד, חע־חע!"

„איז דאָך שלעכט. טהוען זיך א נעם אלע אידען צו קאָמפּאַניעוויטשען: „סטייטש, אזא זאַך! ממה נפשך, אָדער אַהין, אָדער אַהער. באַרעכענט אייך: סאַי־ווי־סאַי, א הונדערטער אויף די אומגליקליכע נשרפים!" „אויף די אומגליקליכע נשרפים!" — העלפט זיי אונטער יואל טאַשקער און קוקט גאַרניט אויף קאָמפּאַניעוויטשען. „אידען נעבאַך ליגען מיט ווייב און קינדער אין דרויסען אונטער׳ן הימעל!" — רעדט מען ווייטער איבער קאָמפּאַניעוויטשען. „נעבאַך אין דרויסען אונטער׳ן הימעל!" — העלפט־אונטער יואל טאַשקער. „ווי האָט דאָס ניט א איד קיין גאָט אין האַרצען?" „קיין גאָט אין האַרצען?" — זאָגט יואל טאַשקער איטליכס וואָרט.

געשיכטע גומער עלף

אַ זעכס־און־זעכציג

געשריבען אין יאָהר 1910.

געשיכטע נומער עלף

אַ זעכס־און־זעכציג

דאָס האָט מיר דערצעהלט, פאָהרענדיג אין וואַגאָן, אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג, ווייזט אויס, אַ גאַנץ ליטישער מענטש, אַ קאָמי־וואָיאַזשער, ווי איך, און אפשר אַליין אַ סוחר. איך גיב איבער די מעשׂה וואָרט פאַר וואָרט, ווי איך בין מיך נוהג כּסדר די לעצטע צייט.

— אין וועג, הערט איהר, מע זאָל דאַרפען אַרויסקוקען נאָר אויף דעם, וואָס מע וועט זיך באַקענען מיט פּאַסאַזשירען און מע וועט האָבען מיט וועמען צו פיהרען אַ געשפּרעך — קאָן מען משוגע ווערען.

ערשטענס — ניט אַלע פּאַסאַזשירען זענען גלייך. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען ליעב רעדען גאָר אַ סך, אַמאָל שוין צו פיעל. אַזוי, אַז עס דרעהט זיך אייך אַזש דער קאָפּ און עס קלינגט אייך אין די אויהערען. און פאַרהאַן ווידער אַזעלכע, וואָס רעדען גאָר־ניט. לחלוטין גאָרניט. פאַר וואָס זיי ווילען ניט רעדען — ווייסט איהר ניט. אפשר איז זיי אָנגעזאָלעט אויפ'ן האַרצען? אפשר ליידען זיי שטילערהייט פון מאָגען־קאַטאַר, מרה־שחורה אָדער צייהנווועהטיג? און אפשר האָבען זיי זיך אַרויסגעהאַפּט פון דער היים, פּטור געוואָרען פון אַ גיהנם, אַ ווייב אַ צרה, שלעכטע קינדער,

ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה — דאָס איז געווען בעת, ניט היינט געדאַכט, די חלירע אין אָדעס. מיר ביידע, איך און מיין שכן, האָבען געשעפטען מיט אָדעס. ער האָט זיך זיינע געשעפטען, איך האָב מיר מיינע געשעפטען. איינמאָל געהען מיר ביידע פון די טרעפּ אראָפּ און באַגעגענען דעם טרעגער, וואָס צעטראָגט צייטונגען. אָפּגענומען ביי'ם טרעגער די צייטונגען, ער זיין צייטונג, איך מיין צייטונג, געהען מיר זיך ביידע אַזוי און קוקען־אריין אין די צייטונגען. איך אין מיין צייטונג, ער אין זיין צייטונג. וואָס לייענט מען אין א צייטונג פריהער פאַר אַלין? — די טעלעגראַמעס. איך געב א קוק די ערשטע טעלעגראַמע פון אָדעס: „נעכטען זענען קראַנק געוואָרען אויף חלירע 230, געשטאָרבען 160. טאָלמאַטשאָוו האָט געשיקט רופען צו זיך די גבאים פון אַלע אידישע שוהלען..." און אַזוי ווייטער. מילא, טאָלמאַטשאָוו מיט די גבאים פון די אידישע שוהלען — בין איך איהם מוחל. דאָס איז ביי מיר קיין נייעס. דערויף איז ער טאָלמאַטשאָוו, ער זאָל זיך אינטערעסירען מיט אידישע שוהלען. מיך אינטערעסירט נאָר די חלירע, וואָס אין אָדעס. רוף איך מיך אָן צו מיין שכן (יענער געהט מיט מיר אויף איין טראָטואַר, ווי קאָן מען זיין אַזוי גראָב?):

— געפעלט אייך, זאָג איך, אָדעס? שוין ווידער די חלירע. רופט זיך אָפּ צו מיר מיין שכן:

— סע קאָן ניט זיין.

פאַרדריסט דאָס מיך: וואָס הייסט — „סע קאָן ניט זיין"? און איך נעם און לייען איהם איבער פון מיין צייטונג אַרוים די טע־לעגראַמע פון אָדעס: „נעכטען זענען קראַנק געוואָרען אויף חלירע 230, געשטאָרבען 160. טאָלמאַטשאָוו האָט געשיקט רופען צו זיך די גבאים פון אידישע שוהלען..." און אַזוי ווייטער. הערט ער מיך אוים, דער שכן מיינער, און רופט זיך אָן צו מיר: „אָט וועלען מיר באַלד זעהען"... און שטעקט־אריין די נאָז אין זיין צייטונג. פאַרדריסט דאָס מיך שוין זעהר שטאַרק און איך רוף מיך אָן צו איהם:

בייזע שכנים, ביטערע געשעפטען — ווער קאָן וויסען, וואָס ביי יענעם טהוט זיך?

איך וויים, איהר וועט זאָגען, ס'איז דאָ איין עצה: אז ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו רעדען, לייענט מען א בלאַט־צייטונג, אָדער מע קוקט־אַריין אין א בוך. אַך, א בלאַט־צייטונג! אין וועג איז ניט דאָס, וואָס אין דער היים. אין דער היים האָב איך מיר מיין צייטונג. מיט מיין צייטונג בין איך שוין אזוי געוואוינט, ווי, למשל, מיט מיינע שטעקשיך. אייערע שטעקשיך זענען אפשר נייע, מיינע זענען אַלטע, מיינע זענען אויסגעטראָטענע, האָבען א פּנים, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, ווי בלינעס. האָבען אָבער מיינע שטעקשיך א מעלה, וואָס אַייערע האָבען עס ניט: זיי זענען מיינע...

ווי מיט שטעקשיך, אזוי איז מיט, להבדיל, א צייטונג. איך האָב א שכן אין דער היים, וואָס וואוינט מיט מיר אין איין הויף, אין איין הויז, אויף איין שטאָק, א טיר קעגען א טיר. שרייבט ער אוים א צייטונג, און איך שרייב אוים א צייטונג. ער — זיין צייטונג. איך — מיין צייטונג. זאָג איך צו איהם איינמאָל: „דאַרפט איהר אויסשרייבען א באַזונדערע צייטונג און איך א באַזונדערע צייטונג — אמעהר, גיט מיר צושטייער אויף מיין צייטונג, וועלען מיר ביידע אויסשרייבען איין צייטונג". הערט ער מיך אוים און מאַכט צו מיר: „מהכתיתי. זעהר פיין. גיט מיר צושטייער אויף מיין צייטונג". זאָג איך: „אייער צייטונג איז א שמאַטע, און מיין צייטונג איז א צייטונג". זאָגט ער צו מיר: „ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מיין צייטונג איז א שמאַטע? טאָמער דאָס אייגענע פאַרקעהרט?" זאָג איך: „ווי קומט איהר צו זיין א מבין אויף צייטונגען?" זאָגט ער צו מיר: „ווי קומט איהר צו זיין א מבין?" „ע! — זאָג איך — זענט איהר דאָך פּראָסט א איד איין עזות־פּנים, וואָס־זשע האָב איך מיט אייך צו רעדען?"...

הקיצור, ער איז געבליבען ביי זיין צייטונג, איך — ביי מיין צייטונג. און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אָט אזוי א צייט.

געהן, זייט ז־כער, ביז וואנען איהר וועט זיי ניט פארשפיעלען דעם זייגער מיט דער קייט מיט אלץ, וואס האט נאר עפיס א ווערטה. איהר פיהלט, אז איהר האט זיך אריינגעחאפט צווישען א באנדע שוליערס, נאר איהר קריכט, ווי א שעפעלע, גלייך צום וואלף אין די צייהן אריין. א, איך קען זיי, די דאזיגע לייט! זיי קאסטען מיך רבי־געלט!... איך האב פון זיי צו דערצעהלען מעשיות, מיט מעשיות, מיט מעשיות, גאנצע פעק מיט מעשיות. מע פאהרט אין וועג, הערט מען זיך אן.

למשל, איך וויים א מעשה מיט א קאסירער, וואס האט גע־פיהרט מ־ט זיך פרעמד געלט — א היבשע פויטיקע, — זיך אוועק־געזעצט מיט דער חברה און פארשפיעלט עד לפק, אזוי, אז ער האט זיך געוואלט פון וואגאן ארויסווארפען.

היינט וויים איך א מעשה מיט א יונגענמאנטשיק, איין איידעם פון ווארשע, וואס איז נאר־וואס אראפ פון קעסט, געפיהרט מיט זיך דאס גאנצע ביסעל נדן, און גע׳פטר׳ט ביז איין גראשען, און געבליבען חלשות אויפ׳ן ארט.

און נאך א מעשה וויים איך מיט א סטודענטעל, וואס איז געפאהרען אויף יום־טוב אהיים, אין טשערניגאווער גובערניע, גע־פיהרט מיט זיך עטליכע קערבלעך, פארהארעוועטע נעבאך מיט׳ן ביטערען שוויים פון זומערדיגע לעקציעס, און אין דער היים האט ארויסגעקוקט אויף איהם איין אלטע מאמע מיט א קראנקער שוועסטער נעבאך...

ווי איהר זעהט, האבען די אלע מעשיות כמעט איין אנהויב מיט איין סוף, און קיינער איז אין זיי נישט אזוי קלאר, ווי איך. מיך וועט מען שוין אזוי גיך ניט אונטערפיהרען, אבער גאר לא! זיך איינמאל אפגעבריהט — גענוג... פאר א מייל וועל איך אייך די חברה דערקענען, ווער ס׳איז א פויגעל און ווער ניט. ביי מיר איז א פרינציפ — מיט אומבאקאנטע מענטשען שפיעל איך ניט אין קיין קארטען. מע זאל מיך גילטען, וועל איך מיך אין וועג ניט אוועקזעצען מיט א קאמפאניע שפיעלען אין קארטען. סיידען אינ־

— וואָס מיינט איהר, אין אייער צייטונג זענען אנדערע טעלעגראַמעס ?

— מע קאָן ניט וויסען. — מאַכט ער צו מיר מיט א האַלבען מויל.

פארדריסט דאָס מיך מסתמא נאָך שטאַרקער :

— אָדער וואָס רעכענט איהר, זאָג א׳ך, אין אייער צייטונג איז איין אנדער אָדעס, זאָג איך, מיט איין אנדער חלירע מיט איין אנדער טאָלמאַטשאָוו ?

ענטפערט ער מיר שוין דערויף גאָרניט, נאָר ער הערט ניט אויף צ׳ זוכען אין ז׳ין צייטונג די טעלעגראַמע פון אָדעס. נו, געהט רעדט מיט א פּרא־אָדם !

ניין. אונטערוועגענס איז פאַרהאַן א בעסערע זאך אויף די צייט צו פארטרייבען : א קערטעל. א זעכס־און־זעכציג.

קאָרטען בכלל — איז א יצר־הרע. דאָס ווייסט איהר דאָך. נאָר אין וועג זענען קאָרטען א גן־עדן. אין וואַגאָן, אז איהר מאַכט א קערטעל, ווייסט איהר ניט, וואו די צייט קומט אהין. אודאי דאַרף מען האָבען דערצו די ריכטיגע קאָמפּאַניע. וואָרום איהר קאָנט אמאָל אריינפאַלען אין איין אומגליק, זאָל גאָט שומר ומציל זיין ! איהר דארפט אייך נאָר היטען, איהר זאָלט זיך ניט אריינחאַפּען צווישען דער גוטער חברה קאָרטענשפּיעלער, וואָס חאַפּען א פרייער און מאַכען איהם פאַר אַ קדוש. געוועהנליך, איז שווער צו דער־קענען, ווער ס׳איז א פיינער מענטש און ווער ס׳איז א שולער. אדרבה, זיי זעהען־אויס, מעהרסטענטייל, אָט די דאָזיגע חברה־לייט, ווי נעבאַכלעך, גאָט די נשמה שולדיג, מאַכען זיך גע׳פּגר׳ט, שפּיעלען צווישען זיך „בלאַט”, היצען זיך כּלומרשט ביי׳ם פאַר־שפּיעלען, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז זיי שלעפּען אייך אריין אין קאָהן. זיי געבען אייך די מעגליכקיט צו געווינען איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז די קאָרט „מאַכט לעמעל” און איהר הויבט־אָן צו פאַרשפּיעלען — דעמאָלט זענט איהר שוין א פארטיגער קרבן. איהר וועט שוין ניט אוועק־

איבער מיין קאָפּ. עס שמעקט פון אייך בשמים!" — ווייס איך וואָס, ווי אין איין אייזערנע וואַנט!

פון איינעם אַזאַ בעל־עצה האָבען מיר אַמאָל געהאַפּט, הערט איהר, אַ פּסק, און נאָך גליקליך אָפּגעשניטען. איך קאָן מיך ניט איינהאַלטען. איך מוז עס אייך דערצעהלען.

דאָס איז געווען ווינטער־צייט. אויך אונטערוועגענס. דער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט. וואַרעם, ווי אין אַ באָד. ערטער — ווינציג. אידען — קיין עין־הרע, אַ סך. ווי שטערען אין הימעל. קאָפּ אויף קאָפּ. ניטאָ וואו אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפען. און דאָ האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ פּאַרטנער אויף אַ זעכס־און־זעכציג. דוקא אַ איד אַ פּראָסטער און אַ שווייגער, נאָר ער געהט־אויס אַ זעכס־און־זעכציג, אַזוי ווי איך. מיר זוכען איין אָרט, וואו די טאַליע קאָרטען אוועקצולעגען — נישטאָ, חאָטש ציה זיך אויס! וואָס טהוט גאָט? אַקוראַט אַקעגען אונז אויף דער צווייטער באַנק ליגט אויסגעצויגען אַ מאַנאַך אין אַ שמויסענעם פּעלץ מיט'ן פּנים אַראָפּ און פּאָפּט. חראָפּעט, קיין עין־הרע, געשמאַק איבער'ן גאַנצען וואַגאָן. איך געב אַ קוק אויף מיין פּאַרטנער, מיין פּאַרטנער — אויף מיר. גלייך ווי מיר וואָלטען זיך אויפגערעדט. אַ מאָנאַך אַ פעטער, אַ גלאַטער, איין אויסגעפּאַשעטער, מיט אַ פּעלץ אַ וו'ייכען — אויף איהם האָט גאָט אַליין געהייסען מאַכען אַ זעכס־און־זעכציג... און ניט לאַנג געטראַכט, לעגען מיר אויס די טאַליע קאָרטען ביי'ם מאָנאַך אויפ'ן ווי־הייסט־מען־דאָס, און מע שפּיעלט.

אַזוי ווי היינט געדענק איך עס — טריאומף איז געווען פּיק. איך האָב אויבער, מלכּה, מלך יום־טוב, אַס טרעף, קעניג שערעל. די זעכסטע קאָרט... האַ? די זעכסטע קאָרט האָב איך שוין פאַרגעסען: אונטער הערץ אָדער איבער הערץ? מיר דאַכט, אַז אונטער הערץ. און אפשר טאַקי אויבער הערץ? נאָר ס'איז שוין ניט קיין נפקא־מינה. דער עיקר — איך האָב געהאַט אין דער האַנט אַ שפּיעל — ווי זאָגט איהר, אַ שפּיעל פון גאָט: די אמת'ע פּערציג, כשר'ע דריי אויגען! די פראַגע איז נאָר:

צווייען א זעכּס־און־זעכציג. א זעכּס־און־זעכציג — אַך, מיט'ן גרעסטען כּבוד! אינצווייען א זעכּס־און־זעכציג — איך בעט אייך, וואָס קאָן דאָ זיין פאַר א געפאַהר? ובפרט מיט מיינע א'יגענע קאָרטען — פאַר וועמען האָב איך מורא? איך פיהר מיר תּמיד מיט זיך מיינע אייגענע קאָרטען. ווי ביי'ם עהרליכען אידען א טלית־ותפילין, אזוי איז ביי מיר, להבדיל, א פּעשעל קאָרטען.

איך בין מיך מודה: איך האָב ליעב א זעכּס־און־זעכציג. זעכּס־און־זעכציג איז א אידיש שפּיעל. איך וויים ניט, ווי אזוי איהר — איך שפּיעל מיט דער אַלטער מעטאָדע: מיט די צוואנציג און מיט ד' פערציג. דאָס נייענטעל בייט. און אז איך האָב א לעווי, מעג איך דעקען, און אז איך האָב ניט קיין לעווי, טאָר איך ניט דעקען. אנשטענדיג — וואָס? אזוי שפּיעלען אַלע אידען. אזוי שפּיעלען מיר אין דער היים, און אזוי שפּיעל איך אין וועג. איך, ווי איהר קוקט מיך אָן, קאָן אייך אוועקזעצען זיך, אונטער־וועגענס געוועהנליך, ביי א זעכּס־און־זעכציג — א ן אוועקזיצען אזוי א טאָג מיט א נאכט און שפּיעלען, און גאָרניט אויפהערען. איך האָב נאָר פיינט, אז מע שטעהט מיר הינטער די פּלייצעס און מע קוקט מיר אריין אין בלעטעל, אָדער מע גיט מיר עצות, ווי אזוי איך זאָל געהן און צי איך זאָל דעקען, צי ניט... איך מוז אייך אָבער דעם אמת זאָגען, אז אונזערע אידען, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען, זענען א מיאוס פאָלק. אונטער אידען איז שווער צו שפּיעלען אין זעכּס־און־זעכציג ביי א געזעלשאפט. באלד ווערט איהר ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט אר'ינקוקערס, וואָס אַלע זענען זיי אייך מבינים אויף א גאנג א'ן אַלע קאָנען זיי שפּיעלען אין זעכּס־און־זעכציג. עס איז ניט או'סצובאהאלטען זיך פון זיי. ניט אָפּצוטרייבען זיך! ווי זומער פון די פליעגען! ווי־פיעל איהר זאָלט זיי ניט טרייבען, וויפיעל איהר זאָלט זיי ניט זידלען: „פּעטער! ווער פרעגט אייך עצות?" „רב איד, ווער האָט געשיקט נאָך אייך?" „רב זייט־זשע־מוחל! הענגט ניט

וועג צוליעב אַ זעכס־און־זעכציג, אויב מען איז אַ ליעבהאָבער, ווי איך, למשל. די רעכטע מעשה, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, הויבט זיך ערשט אָן. איהר מעגט עס האָרכען.

געוועזן איז דאָס אויך ווינטער, פּונקט אין דער צייט, דאָס הייסט, חנוכּה־צייט, און אויך אין וואַגאָן. געפאָהרען בין איך קיין אָדעס און געפיהרט מיט זיך געלט, אַ היבשע סומע — מיר ביידע מעגען עס פאַרדיענען אַלע חודש. ביי מיר איז אַ פּרינציפּ: אַז איך פיהר מיט זיך געלט — שלאָף איך ניט. איך האָב טאַקי נישט מורא פאַר גנבים, וואָרום איך, אַז איך פיהר מיט זיך געלט, האַלט איך עס — זעהט איהר וואו? — אָט דאָ, אין בּוזעם־קעשענע, אין אַ גוטען טייסטער, פאַרבּונדען מיט צוויי בענדלעך. אַ מכּה וועט אַ גנב צוקומען! נאָר גאָרניט. היינטיגע צייטען — חוליגאַנעס, עקספּראָפּריאַציעס... אַ קשיא אויף אַ מעשה... זיץ איך מיר אַזוי, הייסט עס, איינער אַליין. דאָס הייסט, ניט איינער אַליין. עס פאָהרען נאָך פּאַסאַזשירען, נאָר ניט קיין אידען. וואָס האָב איך פון זיי? ניטאָ מיט וועמען צו מאַכען אַ זעכס־און־זעכציג. דערווייל, אַזוי ווי איך זיץ מיר פאַרזאָרגט און בענק נאָך אַ אידען, עפענט זיך די טיר פון אונזער וואַגאָן — דאָס איז געוועזן גוטע עטליכע סטאַנציעס ביז אָדעס — און עס קומען ניט אַריין צוויי פּאַסאַזשירען? און דוקא אחינו בני ישראל. איך דערקען אַ אידען באַלד, ער מעג אייך געהן אָנגעטהאָן ווי אַכצעהן פּאָניעס און מעג מיט אייך רעדען ניט נאָר אויף רוסיש, אפילו אויף טערקיש. די צוויי פּאַסאַזשירען זענען געוועזן איינער איין עלטערער, דער אַנדערער אַ יונגערער, און ביידע אָנגעטהאָן אין פיינע פעלצלעך, מיט פיינע היטלען, אָבער טאַקי וואָס פיין הייסט! אַוועקגעשטעלט די טשעמאָדאַנעס, אויסגעטהאָן די פעלצלעך, אַראָפּגענומען די היטלען, פאַררויכערט צו פּאַפּיראָסען, מיר אויך געגעבען אַ פּאַפּיראָס — און מע רעדט. פריהער, געוויינטליך, רעדט מען בלשון יונית, דערנאָך אידיש. „פון וואַנעט איז אַ איד? וואַהין פאָהרט איהר?" — „וואוהין פאָהרט א י ה ר?" — „קיין אָדעס". — „קיין אָדעס?

מיט וואָס, למשל, וועט מיין פּאַרטנער אַרויסגעהן? ער זאָל וועלען געהן מיט טרעף, טראַכט איך מ׳ר, וואָלט ער גע־וען אַ איד אַ חכם: אַי, וואָלט איך איהם ליעב געהאַט!...

און כּך הוה. מיין פּאַרטנער טראַכט און טראַכט (רבונו של עולם! וואָס וועט ער דאָ אויסטראַכטען?) — און נעמט און געהט־אַרויס מסתּמא אַקוראַט מיט אַ צעהנטעל טרעף! ק׳־שען דאַרף מען איהם! א׳ז אָבער בּיי מ׳ר אַ טבע, הערט איהר, אַז איך שפּיעל אין זעכּס־און־זעכציג, האָב איך פּיינט, ווי אַנדערע, היצען זיך. פּאַוואָלי, געלאַסען. איך האָב צייט. פּאַרקעהרט, איך האָב ליעב אַ בּיסעל אָנשפּיעלען זיך. א׳ך רייב מיר דעם שטערן, מאַך כּלומרשט אַ קרום פּנים. וואָס אהרט עס מיך? לאָז מיין פּאַרטנער האָבען אַ חיי־שעה. לאָז ער מ׳ינען, אַז א׳ך בּין אויף צרות... געהט זייט אַ נביא, אַז הינטער די פּלייצעס בּיי מיר שטעהט אַ אידעל, שטעהן זאָל ער אייך פּראַווצעם, און קוקט מיר אַריין אין בּלעטעל — אַרויס זאָלען איהם די א׳יגען! דערזעהען דאָס צעהנטעל טרעף, רייסט ער אַרויס בּיי מיר פון די הענט דאָס אָס טרעף, שלאָגט דאָס צעהנטעל, דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנט איבּער דער טאַליע קאָרטען, וואָס בּיי׳ם מאָנאַך אויפ׳ן פּעלץ, און לאָזט־אַרויס אַ געשריי:

— ס׳איז געדעקט!!!...

. . . .

מיט קיין צעהן וואַסערען האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּוואַשען פון׳ם דאָזיגען מאָנאַך. די זידלערייען מיט די קללות, וואָס ער האָט אויסגעשאָטען, זאָלען פאַלען אויף זיין קאָפּ. ער האָט אונז געסטראַשעט, אַז אויף דער ערשטער סטאַנציע קריכט ער אַראָפּ און קלאָפּט־אַ׳ועק אַ דעפּעש גלייך צו פּורישקעוויטשען... נו? קאָן מען לעבען אויף דער וועלט?

נאָר ניט דאָס איז דער עיקר המעשה. איך האָב אייך נאָר געוואָלט אויספיהרען, בּדרך־אגב, וואָס מע שטעהט זיך אויס אין

מסתמא דער זוהן, די ציערונג, און דעקט, און געהט־ארוים צו איהם פריהער מיט איין מאָל יום־טוב, נאָך א מאָל יום־טוב, ווי גאָט האָט געבאָטען, ציהט־אָפּ דאָס צעהנטעל פּיק, דעקט־אויף א צוואַנציג — און א גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע. דריי אויגען, ווי די בעכער!

דאָס איז געווען איין מאָל א גאַנג.

דאָס אַנדערע מאָל איז געווען נאָך ערגער. טאַקי הימעל־שרייענד! הערט א מעשה: א איד האָט זיין אייגענס זעכס אויגען. עס פעהלט איהם סך־הכּל איין אויג. און דער פּאַרטנער, דער זוהן הייסט עס, האָט ערשט צוויי. אין האַנט איז בּ״י׳ם אַלטען תּרת אַזוי גרויס ווי דריי מאָל טריאומף מיט א צוואַנציג. חאַפּט ער און דעקט־צו און געהט ניט אָפּרופען יום־טוב. ניין. ער זאָגט בעסער צוואַנציג. געהט דער פּאַרטנער, דער זוהן הייסט עס, און ציהט־אָפּ ביי איהם דעם צוואַנציג מיט א טריאומף און מיט נאָך א קאָרט און זאָגט אַליין צוואַנציג — און פאַרטיג מיט דריי אויגען! טהוט עס מיך א טראָג־אויף: א וויסטער א פינסטערער חנוכה!... ניין, איך קאָן שוין מעהר ניט צוזעהען. „האָט קיין פּאַראיבּעל ניט, זאָג איך צום אַלטען גאַנאַמניק, ביי מיר איז א פּרינציפּ ניט אריינ־מישען זיך בעת יענער שפּיעלט. נאָר איך וואָלט א בעלן זיין וויסען, מאַכט מיך קלאָר, וואָס איז דער שכל, וואָס איהר האָט געדעקט? ניין, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר א רעכענונג האָט איהר דאָ געהאַט? ממה־נפשך: האָט אייער פּאַרטנער־שראַגע, זענט איהר דאָך אודאי אין דער היים. אלא וואָס דען? טאָמער האָט ער גאָלד? געזונטערהייט! מיט וואָס ריזיקירט איהר דאָ? מיט איין אויג, בעת איהר האָט זעכס און יענער צוויי? מע דאַרף דאָך זיין ערגער ווי גע׳שמד׳ט!”... ענטפערט ער מיר ניט דאָס צווייטע וואָרט, דער אַלטער כּלב, נאָר דער זוהן, דער קדיש, שמייכעלט: „דער פּאַפּאַ, זאָגט ער, שפּיעלט שוואַך. דער פּאַפּאַ, זאָגט ער, קאָן ניט שפּיעלען אין זעכס־און־זעכציג”. „אייער פּאַפּאַ, זאָג איך, ט אָ ר נ י ט שפּיעלען אין זעכס־און־

איך פאָהר דאָך אויך קיין אָדעס". — „פאָהרען מיר, הייסט עס, אלע דריי קיין אָדעס". אהי־אהער, מע האָט זיך צערעדט. „ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ יום־טוב ביי אונז איז היינט?" — „דהיינו?" — „איהר האָט פאַרגעסען? חנוכּה!" — „אוי, חנוכּה? חנוכּה איז דאָך אַ מצוה צו מאַכען אַ קערטעל! אַ זעכּס־און־זעכציג!" — „גע־רעכט!" — האַפּט זיך אויף דער יונגערמאַן און ציהט־אַרויס פון'ם אַלטענ'ס קעשענע אַ טאַליע קאָרטען און רופט זיך אָן צום עלטערען: „פּאַפּאַ! לכבוד חנוכּה אַ זעכּס־און־זעכציג?"...

די משמעות — אַ טאַטע מיט אַ זוהן. טשיקאַווע צו זעהען, ווי אַ זוהן שפּיעלט מיט אַ טאַטען אין זעכּס־און־זעכציג. איך וואָלט אפילו אַ בעלן געווען אַליין מאַכען אַ זעכּס־און־זעכציג, נאָר דעם יצר־הרע נאָכגעבען, ווי זאָגט איהר, טאָר מען ניט. מיר וועלען זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלען קוקען, ווי יענער שפּיעלט...

איבערגעקעהרט אַ טשעמאָדאַן, אַוועקגעשטעלט צווישען די פיס — מע וואַרפט־אויס קאָרטען. דער טאַטע איז ערשטע האַנט, דער זוהן צווייטע האַנט, און מע שפּיעלט אין זעכּס־און־זעכציג. איך זיץ ביי דער זייט און קוק־אַריין צום אַלטען. טהוט מיך דער אַלטער אַ פרעג פאַרבייגעהענדיג, אויב מיר איז באַקאַנט דאָס שפּיעל פון זעכּס־און־זעכציג? צעלאַך איך מיך מן הסתם: אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע. איך בין אַליין דער מחבר פון זעכּס־און־זעכציג, פרעגען זיי מיך, אויב איך שפּיעל אין זעכּס־און־זעכציג! און איך זיץ מיר אַזוי מן הצד און קוק, ווי די צוויי, דער טאַטע מיט'ן זוהן, שפּיעלען אין זעכּס־און־זעכציג. און איך בין שטאַרקער פון אייזען: דער אַלטער היהנערפרעסער מאַכט גענג, אַז מע קאָן שטאַרבען. שטעלט אייך פאָר: אַ מענטש האָט אין דער האַנט צוויי מאָל טריאומף מיט'ן נייענטעל, צוויי שטאַרקע פּיק מיט איין מאָל טרעף, — געה־זשע אָפּ מיט'ן טרעפעל, וועסט דו צוקויפען נאָך אַ מאָל טריאומף צו אַ פערציג און אפשר קאָנען דעקען? ניין! אמעהר, געהט ער בעסער מיט'ן יונגערען פּיק און בלייבט שטעהן, ווי אַ לעהמענער גולם, מיט אַ נאַקעט צעהנטעל פּיק! נעמט דאָך

זינגט־אונטער און שמאַרעט־צו מיט דער נאָז. און דער זוהן, די צאַצקע, אַ קאָהן נאָך אַ קאָהן, ער ברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך. „זאָל איך שלעכטס האָבען, — זאָגט צו איהם דער פאָטער — אויב דו וועסט ווייטער שפּיעלען!" „פּאַפּאַ! — בעט זיך ביי איהם דער זוהן. — מעהר ניט, אַז נאָך איין קאָהן. אַניט, זאָל איך ניט דערלעבען אויפשטעהן פון דעם אָרט!" „מעהר ניט, אַז איין קאָהן, זאָג איך צום אַלטען פּאָקערלאָ, וואָס וועט אייך אהרען?"...

הכּלל, מע גיט קאָרטען — דאַנקען גאָט, ער האָט געוואונען. איך בין שוין אַליין אויך צופריעדען, וואָס ער האָט געוואונען. וויל ער אָבער, זאָגט ער, נאָך אַ קאָהן. נאַרישקייטען. מע קאָן דאָך ניט זיין אַזוי גראָב, בעת יענער האָט זיך אַזוי פאַרשפּיעלט. נאָך דעם קאָהן — נאָך אַ קאָהן, און נאָך אַ קאָהן, און נאָך אַ קאָהן. וואָס טויג אייך, עס האָט זיך איבערגעדרעהט דאָס רעדעל אינ־גאַנצען אויף זיין זייט. „נו? — רוף איך מיך אָן צום אַלטען המן. — פאַר וואָס בייזערט איהר זיך איצטער ניט אויף אייער קדיש?" „איך וועל איהם שוין אין דער היים, זאָגט ער, געבען אַ וויסטען סוף. ער וועט מיך האָבען צו געדענקען!"

אַזוי זאָגט דער אַלטער גנב און הערט ניט אויף צו קוקען מיר אין די קאָרטען אריין און אונטערזינגען און אונטערהוסטען און צושמאָרען מיט דער נאָז. מיר איז באַלד ניט געפעלען זיין אריינקוקען צו מיר אין בלאַט און זיין זינגען מיט זיין הוסטען מיט זיין שמאָרען מיט דער נאָז. נאָר כּל־זמן מיר איז געגאַנגען דאָס קערטעל, האָב איך מיך מיישב געווען: „זינג, הוסט, שמאָרע מיט דער נאָז"... איצט, אַז עס האָט אָנגעהויבען געהן צוריק, איז מיר אריין אַ געדאַנק, איך זאָל מיך צוהערען צו זיין זינגען מיט זיין הוסטען מיט זיין שמאָרען מיט דער נאָז, צי שטעקט דאָ ניט דרינען אַקאָרשט אַ שמר־שטיק? דערווייל גיט מען קאָרטען. אַ פּאַרטיע נאָך אַ פּאַרטיע — שלעכט! איך האַלט אין איין פאַר־שפּיעלען. איך געה אַלע מאָל אָפּ אָן אַ זייט, בינד־אויף די זייט־קעשענע, ציה־אַרויס אַ הונדערטער נאָך אַ הונדערטער. עס האַלט

זעכציג. אין זעכס־און־זעכציג, זאָג איך, לאָזט מיך!" ווײל אָבער דער אַלטער הונט ניט אָפּטרעטען בשום אופן און שפּיעלט ווײטער, און מאַכט אַזעלכע גענג, אַז מע קאָן באַקומען די אַפּאָפּלעקציע! קוים מיט צרות האָב איך מיך אײנגעבעטען, דער אַלטער שמאָראָווידלעק זאָל מיר איבערגעבען די האַנט מעהר ניט אויף צוויי־דרײ פּאַרטיעס. „לכּבוד חנוכּה, זאָג איך, לאָזט מיך אויך פאַרדיענען אַ מצוה"...

„ווי טײער שפּיעלען מיר?" — מאַכט צו מיר דער קדיש. — „ווי טײער איהר ווילט". — „צו אײנערלעך?" — „לאָז זײן צו אײנערלעך. נאָר מיט אַ תּנאי, זאָג איך אין אַ ליצנות, דער פּאַפּאַ אײערער זאָל אײך ניט אַרײנקוקען, זאָג איך, אין בלאַט אַרײן און זאָל אײך חלילה ניט געבען קײן עצות"... ווערט אַ געלעכטער, און מיר הויבען אָן שפּיעלען. אײן פּאַרטיע, די אַנדערע, די דריטע. עס געהט מיר, קײן עין־הרע, דורך טיר און דורך טויער. מײן פּאַרטנער הויבט זיך אָן צו היצען. ער וויל, זאָגט ער, שטעלען צוויי מאָל אַזוי פיעל. ווילסט צוויי מאָל, לאָז זײן צוויי מאָל אַזוי פיעל. ווערט ער מסתּמא באַגראָבען צוויי מאָל אַזוי פיעל און היצט זיך נאָך מעהר. ער וויל, זאָגט ער, פיער מאָל אַזוי פיעל. ווילסט פיער מאָל, לאָז זײן פיער מאָל אַזוי פיעל. און ער ווערט ווידער באַגראָבען. ווערט ער שוין גוט אין כּעס: ער וויל, זאָגט ער, אויף אַ כּף־הא'ער. שטעלט זיך אַוועק דער אַלטער צדיק, דער פאָטער הײסט עס: ער וועט ניט דערלאָזען! הערט ער איהם אָבער, דער תּכשיט, אין טראָק, און עס געהט בײ אונז אויף אַ כּף־הא'ער — און ער פאַרשפּיעלט. ווערט דער אַלטער תּנא בײז, הויבט זיך אויף און זעצט זיך זשבער באַלד צוריק אַוועק, קוקט מיר אַרײן אין די קאָרטען, זינגט בעת־מעשׂה אונטער און שמאָרעט־צו מיט דער נאָז — און מײן פּאַרטנער ברענט, ווי אויף פּאָקען. וואָס מעהר ער פאַרשפּיעלט, מעהר היצט ער זיך. וואָס מעהר ער היצט זיך, מעהר פאַרשפּיעלט ער. דער אַלטער אינדיק איז אויסער זיך! ער בײזערט זיך, זידעלט זיך, קוקט־אַרײן צו מיר אין די קאָרטען,

פייער... וואָס וועט זיין? אַט־אַט, אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט, זענען מיר אין אָדעס. וואָס וועל איך טהון? וואוהין וועל איך געהן? וואָס וועל איך זאָגען?... איך טהו אַ קוק — מיינע חברה־לייט נעמען זיך צו די טשעמאָדאַנעס. „וואו זענען מיר?" „אין אַ שטאָדט, מאַכען זיי צו מיר, וואָס זי הייסט אָדעס". איך טהו מיך אַ חאַפּ צו דער קעשענע — איך האָב דאָך ניט אפילו מיט וואָס דעם טרעגער צו באַצאָהלען! עס באַשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויס. עס שטעהען ביי מיר טרערען אין די אויגען. די הענט טרייסלען זיך מיר. איך געה־צו צום אַלטען קצב: „איך האָב, זאָג איך, צו אייך אַ בקשה... חאָטש איין פינפאונצוואַנציגער"... „וואָס זאָגט איהר מיר? זאָגט איהם". — מאַכט צו מיר דער אַלטער גזלן און ווייזט מיר אָן אויפ'ן יונגען. דער יונגער זשוליק דרעהט זיך די וואָנסעס, מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט. סטאָפּ — מיר זענען שוין אין אָדעס. דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן — דאַרפט איהר שוין אַליין פאַרשטעהן, אז דאָס בין געוועזן איך. און אַ גוואַלד האָט געמאַכט אויך ניט קיין אַנדערער. מיט די לעצטע כחות האָב איך גענומען שרייען: „זשאַנדאַר! זשאַנדאַר!"... און עס האָט ניט פיעל גענומען, און עס איז אויסגעוואַכסען אַ זשאַנדאַר, און נאָך אַ זשאַנדאַר, און נאָך צוויי זשאַנדאַרען, און נאָך דריי זשאַנדאַרען... נאָר ביז עפּיס־וואָס, איז שוין דער יונגערער ימח־שמו'ניק נעלם געוואָרען. געבליבען איז נאָר דער אַלטער מתושלח, וועלכען איך האַלט־צו ביי דער האַנט שטאַרק־שטאַרק, ער זאָל ניט אַנטלויפען. וואָס טויג אייך, ס'איז געוואָרען אויפ'ן וואָקזאַל אַ צונויפלויף פון מענטשען, ערדטרעטעניש! און מע האָט אונז אַריינגעבעטען ביידען אין אַ באַזונדער חדר אריין. דאָרט האָב איך דערצעהלט די גאַנצע מעשה פון אלף ביז תיו. ניט געזשאַלעוועט אַ טרער, אויסגעגאָסען מיין גאַנץ ביטער האַרץ. מיין געשיכטע, ווייזט אויס, האָט זיי רעכט אָנגענומען ביי'ם האַרצען, וואָרום מע האָט זיך באַלד אַ נעם גע־

שוין שמאָל. עס טאָגט! פּלוצים נעמט מיך אָן דער אַלטער באַנדיט ביי דער האַנט: „זאָל איך שלעכטס האָבּען, זאָגט ער, אויב איך וועל אייך לאָזען שפּיעלען, זאָגט ער; ס'איז ביי אייך דער לעצטער הונדערטער". ווער איך מסתמא אויפגעבּראַכט: „פון וואַנען ווייסט איהר, אַז ס'איז ביי מיר דער לעצטער הונ־דערטער?" — און איהם אויף־צו־להכעיס שטעל איך אוועק דעם גאַנצען הונדערטער.

ערשט דעמאָלט, אַז איך האָבּ מיך אינגאַנצען אויסגעלעדיגט און איך האָבּ מיך געגעבּען אַ חאַפּ, אַז איך בּין נקי, ריין ווי אַ טעלער און נאַקעט ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט, און ס'איז שוין ניט געווען מעהר וואָס צו שטעלען אין קאָהן, און מיין פּאַרטנער האָט גענומען פאַרשפּילען זיך אויף אַלע קנעפּלעך און די בּעקלעך האָבּען איהם געפּלאַמט — ערשט דעמאָלט האָבּ איך גענומען אַרומקוקען זיך, וואו בּין איך אויף דער וועלט? עפּיס האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז איך האָבּ מיך אַריינגעחאַפּט אין דער טומאה, אַז איך בּין אַריין אין אַ נעץ... עס האָט מיר אָנגעהויבּען אויסוויייזען, אַז דער ט אַ ט ע איז ניט קיין טאַטע און דער ז ו ה ן איז ניט קיין זוהן... מיר איז ניט געפעלען זייער קוקען, וואָס זיי האָבּען זיך איבּערגעקוקט, מיט'ן אויפשטעהן פונ'ם זוהן און אוועק־געהן אויף אַ זייט און מיט'ן נאָכגעהן פונ'ם טאַטען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דער אַלטער האָט עפּיס אַ זאָג געגעבּען דעם יונגען, און איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז דער יונגער האָט עפּיס אַריינגערוקט דעם אַלטען אין יד אַריין...

דער ערשטער געדאַנק איז ביי מיר געווען: „אפשר זיך אַרויס־וואַרפען דורכ'ן פענסטער?"... נאָכדעם האָבּ איך מיר געזאָגט: „ניין, אַ מעסער זיי ביידען איבּער'ן האַלז, אָדער אַ פּיסטויל זיי אין האַרצען אַריין, אָדער גלאַט אָנפאַלען אויף זיי, חאַפּען פאַר'ן גאָרגעל און נעמען וואַרגען, וואַרגען!... נאָר געה מאַך, אַז איך בּין איינער און זיי זענען צוויי. און דערווייליע דער צוג לויפט. די רעדער קלאַפּען. דער קאָפּ דרעהט זיך. אין האַרצען בּרענט אַ

מיט וואָס מען עסט דאָס. וואָס הייסט עס, זאָג איך, אייגענטליך, זעכס־און־זעכציג?...

מיין פאַרשוין האָט מיר געגעבען אַ קוק־אַריין אין די אויגען מיט קוים־קוים אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, און שטיל, מיט אַ גרינגען זיפץ, אַראָפּגעלאָזט די קאָרטען צוריק אין קעשענע.

אויף דער ערשטער סטאַנציע האָט ער ניט געסטייעט אונטער־די הענט. איך בין אַ בעלן געווען אויסגעהן נאָכדעם אַלע וואַגאָנעס צוויי מאָל הין און צוריק — עס איז פון איהם קיין זכר ניט געבליבען.

ענדע געשיכטע נומער עלף.

טהאָן צום אַלטען כּשוף־מאַכער, ער זאָל אויפדעקען דעם גאַנצען אמת. לאָזט זיך אויס, אַז ווער־וואָס? ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. פרעגט איהם בחרם: וואָסערע לאָקשען? וואָסערע זעכּס־און־זעכציג? וואָסערע קאָרטען? וואָסער זוהן? ער האָט גאָרניט קיין זוהן. גאָרניט געהאַט קיינמאָל. „אָט דער מענטש איז געריהרט"... — אַזוי מאַכט דער אַלטער ממזר און ווייזט אויפ׳ן קאָפּ, אַז איך בין אַ קראַנקער. „אַזאַ מעשה? — זאָג איך. — זאָל מען איהם נאָר גוט באַזוכען!" און מע נעמט איהם און מע טהוט איהם אויס, איך בעט איבער אייער כּבוד, ביז׳ן העמד — ניט קיין קאָרטען, ניט קיין געלט! סך־הכּל פאַרמאָגט ער אַרום און אַרום צוויי און צוואַנציג מיט זיעבּעציג, און אַליין זעהט ער אויס אַזאַ נעבּאַך, אַזאַ כּשר׳ע זאַך, אַז איך הויב אָן איבערצוטראַכטען, אפשר בין איך טאַקי ניט ביי אַלע געדאַנקען? אפשר האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זוהן און אַז איך האָב געשפּיעלט מיט זיי אין זעכּס־און־זעכציג, און אַז איך האָב פאַרשפּיעלט אַ פאַרמעגען?... וואָס איז געוועזן דער סוף? — פרעגט גאָרניט. לאָמיר בעסער צעשלאָגען זיך די געדאַנקען, מאַכען אינצווייען אַ זעכּס־און־זעכציג לכבוד חנוכּה...

אַזוי לאָזט־אויס דער פאַרשוין, וואָס זעהט־אויס אַ לייטישער מענטש צו זיין, אַ קאָמי־וואָיאַזשער, אַזוי ווי איך, און אפשר אַליין אַ סוחר. און עס וואַכּסט־אויס ביי איהם אין די הענט אַ טאַליע קאָרטען, און ער וואַרפט־אויס, ווער ס׳זאָל זיין ערשט — „ווי טייער שפּיעלען מיר?"...

איך קוק אויף מיין פאַרשוין, ווי ער וואַרפט די קאָרטען עפּיס צו קונציג, צו גלאַט און צו גיך. צו ווייסע הענט ביי איהם. צו ווייסע און צו ווייכע. און עס פליהט מיר דורך אין קאָפּ אַ מיאוס׳ע מחשבה...

— מיט פאַרגעניגען, זאָג איך, וואָלט איך מיט אייך געמאַכט אַ זעכּס־און־זעכציג לכבוד חנוכּה, נאָר איך וויים ניט, זאָג איך,

נעשיכטע נומער צוועלף

גימענאַזיע

געשריבען אין יאָהר 1902.

געשיכטע נומער צוועלף

גימנאַזיע

ווינטער. אַקעגען מיר זיצט אַ איד פון מיטעלע יאָהרען, מיט אַ געל בערדעל, שוין אַ ביסעל גרויליך. אַ טחוירען טולופעל, אַ ביסעל אָפּגעבאַרעט. מיר האָבען זיך צערעדט.

— דער ערגסטער שונא, הערט איהר, — רופט ער זיך אָן צו מיר — וועט אייך נישט טהון דאָס, וואָס אַ מענטש קאָן טהון זיך אַליין, ובפרט אַז עס מישט זיך אריין אַ אידינע, אַ ווייב הייסט עס. אַקעגען וואָס, מיינט איהר, זאָג איך עס? אַקעגען מיר אַליין טאַקי. אָט נעמט מיך, למשל, ווי איהר זעהט מיך אָטאָ — דאַכט זיך, וואָס? אַ איד, כלעבען, אַ מיטעלמעסיגער. אויף דער נאָז ביי מיר שטעהט ניט אויפגעשריבען: צי האָב איך געלט, צי האָב איך קיין געלט ניט, צי אפשר בין איך גאָר דערונטער? עס קאָן זיין, אַז אמאָל האָב איך דוקא יאָ געהאַט געלט, און ניט אזוי געלט אַליין, געלט איז בלאָטע — פרנסה האָב איך געהאַט, און בכבוד, און שטיל, נישט געפלויגען, נישט געטראַסקעט, ווי אַנדערע, וואָס האָבען ליעב פּי־פּו־פּאַ. ניין! איך געה מיט דעם גאַנג, אַז שטיל און פּאַמעליך איז בעסער. שטיל און פּאַמעליך האָב איך מיר געהאַנדעלט, שטיל און פּאַמעליך אַ פּאָר מאָל געשטעלט זיך, שטיל און פּאַמעליך אָפּגעעקט מיט די סוחרים, און ווייעדער

מיינע פריינט'ס שונאים מעגען דאָס פּאַרמאָגען אין קעשענע, אין קאַסטען און אין שאַפע, וואָס דו פּאַרמאָגסט אין קאָפּ, וואָלט שוין דעמאָלט געווען אויף איין אופן". „אַז אָך און וועה איז, זאָג איך, דעם מאַנסביל, אַז אַ נקבה דאַרף אויף איהם זאָגען מבינות!"... „אַז אָך און וועה איז, זאָגט זי, דער נקבה, וואָס האָט אַזאַ מאַנסביל, וואָס די נקבה זאָל דאַרפען זאָגען אויף איהם מבינות!"... היינט געהט טענה'ט זיך אויס מיט אַ ווייב! אַז איהר זאָגט איהר דאָס, ענטפערט זי אייך בוידעם, איהר זאָגט איהר אַ וואָרט, גיט זי אייך אויסגאָב צוועלף, און טאָמער שווייגט איהר איהר אָפּ, הויבט זי גאָר אָן צו וויינען, אָדער זי נעמט, איך בעט איבער אייער כבוד, און פאַלט חלשות — זעהט איהר, דע־מאָלט בין איך אייך שוין אודאי מקנא! בקיצור, אַהין־אַהער, אויסגעפיהרט האָט זי, ניט איך. וואָרום לאָמיר זיך ניט נאַרען, אַז זי וויל, איז עפּיס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? — גימנאַזיע! מע באַדאַרף, הייסט עס, זיך נעמען צוגרייטען איהם, ער זאָל אריין, ראשית חכמה, אין „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע". אודאי איז עס אַ גרויסע תורה: אַ קליינינקייט — „מלאַדשי פּריגאָטאָוויטעלנע"! דאַכט מיר, אַז ביי אונז אַ ליאַדע חדר־יונגעל, אַ דרדקי, וועט זיי אַלע פאַרשטעקען אין גאַרטעל. ובפרט נאָך אַזעלכער, ווי מיינער, וואָס מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע, וועט איהר ניט געפינען דעם צווייטען! איך בין דאָך אַ פאָטער, ניט שייך צו זאָגען; נאָר יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס סע עקט זיך די וועלט! וואָס טויג אייך לאַנגע רעד, ער איז אוועקגעגאַנגען און האָט זיך געשטעלט און האָט געהאַלטען און האָט... נ י ט אויסגעהאַלטען. וואָס איז די מעשה? ער האָט געחאַפּט אַ צוויי פאַר רעכענען. ער איז, זאָגען זיי, שוואַכליך אינ'ם חשבונ'ען, אין „חכמת המאַטעמאַ־טיקע" הייסט עס. ווי געפעלט אייך אַזאַ געשיכטע? יענער האָט אַ קאָפּ, וואָס סע עקט זיך די וועלט, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע, דערצעהלען זיי מיר מעשיות — מאַטעמאַטיקע!

גענומען זיך שטיל און פּאַמעליך צו דער אַרבייט. איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט, האָט ער מיך מזכּה געווען מיט מיין איינענעם אַ ווייב... זי איז דאָ נייטאָ, קאָנען מיר רעדען אָפענטליך... אַ ווייב, הייסט דאָס, ווי אַלע ווייבער, דאָס הייסט, אַזוי אויפ'ן קוק איז זי אפילו דוקא גאָר נישקשה'דיג. איין „אָסאָ־בע", קיין עין־הרע, צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי איך, און ניט קיין מיאוסע, טאַקי אַ יפת־תּואר, קאָן מען זאָגען, און ניט קיין נאַרישע, אַ קלוגע, מע קאָן זאָגען אַ גאַנץ קלוגע, אַ בר־דעת, אַ גאַנצער מאַנסביל — און דאָס איז ערשט דער רעכטער חסרון: אוי, ניט גוט, הערט איהר, אַז דאָס ווייב איז אַ מאַנסביל! טויזענט מאָל קלוג — אַז דער אויבערשטער האָט פּאָרט באַשאַפען פריהער אָדם הראשונ'ען און נאָכדעם שוין חוה'ן. געהט־זשע אָבער רעדט מיט איהר, זאָגט זי: „וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען פריהער אייך און נאָכדעם אונז — דאָס איז, זאָגט זי, זיין עסק; נאָר דאָס, זאָגט זי, וואָס ער האָט מיר, זאָגט זי, אַריינגעגעבען אין פּיאַטע מעהר שכל, ווי דו האָסט אין קאָפּ, בין איך אין דעם, זאָגט זי, כּלל ניט שולדיג". „אַקעגען וואָס, זאָג איך, איז דאָס געקומען צו רעד?" „אַקעגען דעם, זאָגט זי, איז דאָס געקומען צו רעד, וואָס פאַר אַלסדינג דאַרף מיר דאַרען דער קאָפּ; אַפילו דאָס קינד, זאָגט זי, אַריינגעבען אין גימנאַזיע באַדאַרף אויך אין זינען האָבען איך". „וואו שטעהט דאָס, זאָג איך, געשריבען „גימנאַזיע"? איך קאָן ניט באַשטעהן, זאָג איך, אַז ער זאָל די תּורה אויסלערנען אין דער היים?" „איך האָב דיר שוין טויזענט מאָל, זאָגט זי, געזאָגט, אַז דו וועסט ביי מיר ניט פּועל'ען, איך זאָל, זאָגט זי, געהן קעגען דער וועלט; די וועלט איז זיך, זאָגט זי, נוהג, אַז קינדער געהען היינט אין גימנאַזיע". „נאָך מיין שכל, זאָג איך, קומט־אויס, אַז די וועלט איז משוגע". „נאָר דו איינער, זאָגט זי, ביזט אַ קלאָרער! די וועלט, זאָגט זי, זאָל געהן מיט דיין שכל, וואָלט זי טאַקי געהאַט אַ שען פּנים!" „איטליכער מענטש, זאָג איך, געהט זיך מיט זיין שכל". „מיינע שונאים, זאָגט זי, און

לאָדז אויפ׳ן יריד, אַז טאָמער וועט ער חלילה ניט שטעלען דעם „יאַטי״ אָט דאָרטען, וואו זיי ווילט זיך! הכלל, אַז מע האָט אונז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, האָט זי דאָך מסתּמא איינגעלעגט די וועלט; געפלויגען צום דירעקטאָר, געטענה׳ט, אַז ער קאָן, ער יכול׳ט: אַ סימן, זאָגט זי, אָט לאָז מען איהם אַריינרופען און פאַרהערען איבעראַנייעס, נאָך אַ מאָל פונ׳ם אָנהויב. האָט מען זי דאָך געהערט מסתּמא ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי — גע־שטעלט אַ צוויי, און נאָך אַ מין צוויי, מיט אַ מינוס אַ צוויי, און געהרופן מיך קנאַקניסעל! אַ גוואַלד, אַ געפּילדער: סטייטש, וויעדער ניט אויסגעהאַלטען! זאָג איך צו איהר: „נו, אם־כּן, זאָג איך, וואָס זאָל מען טהון? באַדאַרף מען זיך, זאָג איך, טאַקי נעמען דאָס לעבען?! אַ איד, זאָג איך, איז געוועהנט געוואָרען״... ווערט זי דאָך מסתּמא אָנגעצונדען און הויבט דאָך אָן מסתּמא צו פייערען, באַגראָבען און שעלטען, ווי זיי קאָנען... נאָר דאָס בין איך אַ י י ך מוחל. אַ רחמנות איז נעבאַך געווען אויף א י ה ם, אויפ׳ן קליינעם, אַ צער בעלי־חיים. סטייטש, אַזאַ אומגליק: אַלע וועלען זיך אָנטהון אין ווייסע קנעפּלעך, און ער ניט!... טענה איך מיט איהם: „שוטה איינער וואָס דו ביזט! פּרא־אָדם! ס׳איז דען אַ היכי־תּמצא, זאָג איך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אַריין? נאַרעלע, עמיצער מוז דאָך, זאָג איך, בלייבען אין דער היים אויך, ציי ניין? עלעהיי, זאָג איך, צום פּריזיוו״... ווערט זי מלא כּעס און פאַלט אָן אויף מיר מיט אַ גוואַלד: „אַ שענער בעל־רחמנ׳יק, זאָגט זי. ווער בעט דיך, זאָגט זי, זאָלסט איהם טרייסטען מיט אַזעלכע קלוגע דבורים? דו זעה בעסער, זאָגט זי, מע זאָל פון זיינעטוועגען קריגען עפּיס אַ רעבטען לעהרער, זאָגט זי, אַ באַזונ־דערען, אַ רוסישען, אויף גראַמאַטיקע!״...

איהו׳ הערט ווערטער? שוין צוויי לעהרערס זאָל איך האַל־טען; איין לעהרער מיט איין מלמד איז קאַרג! בקיצור, אַהין־אַהער, אויסגעפיהרט מסתּמא האָט זי, ניט איך. וואָרום אַז זי וויל, איז עפּיס אַ תּירוץ?...

בקיצור, ער האָט נ י ט אויסגעהאַלטען! האָט דאָס מיך אודאי זעהר גוט פאַרדראָסען: ער איז שוין געגאַנגען האַלטען, נעחייבּי וואָלט ער אויסגעהאַלטען. נאָר איך בּין דאָך אַ מאַנסבּיל, ניט קיין נקבה, האָבּ איך מיך מיישב געווען: אַ שענע ריינע כּפּרה, אַ איד איז געוועהנט געוואָרען... געהט זשע אָבּער שמועסט מיט איהר, אַז זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ משוגעת: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — גימענאַזיע! טענה איך מיט איהר: „זאָג מיר, זאָג איך, זאָלסט מיר זיין געזונט, צו וואָס, זאָג איך, דאַרפסט דו דאָס? צום פּריזיוו? — איז ער, בּרוך השם, אַ בּאַוואָהרענ־טער, זאָג איך, איין אייגאָונאַיינציגער. צו פּרנסה? — בּאַדאַרף איך עס, זאָג איך, אויך אויף כּפּרות: וואָס אהרט מיך, זאָג איך, אַז ער וועט זיין אַ קרעמער גלייך מיט מיר, צי אַזוי אַ סוחר, ווי אַלע אידען? און טאָמער איז איהם, זאָג איך, חלילה בּאַשערט צו זיין אַ נגיד, אַ בּאַנקיר, בּין איך, זאָג איך, אויך ניט בּדלות". אַזוי טענה איך מיט איהר. הערט עפּיס די וואַנט? „גלייכער אַזוי, וואָס ער איז, זאָגט זי, ניט אַריין אין מלאַדשי פּריגאָטאָ־וויטעלנע". „וואָס איז דען?" „אַזוי, זאָגט זי: ער וועט שוין, זאָגט זי, בּעסער אַריין גלייך אין סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע". מילא, סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע איז סטאַרשע פּריגאָטאָוויטעלנע. עס שפּיעלט בּיי מיר אודאי אַ גרויסע ראָלע, אַז יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע! וואָס לאָזט זיך אויס דער סוף? ס'איז געקומען צו דעם רעכטען שפּיעל — ווידער אַ צוויי. שוין ניט פאַר מאַטעמאַטיקע; אַ נייער אומגליק: דאָס אויסלעגעכטס איז בּיי איהם ניט ווי מע בּאַדאַרף, דאָס הייסט, לעגען לעגט ער אוים גוט, נאָר וואָס דען? אויף איין אות איז ער אַ ביסעל דאָסיג: אויף דער „בּוקווע יאַטי". דאָס הייסט, שטע־לען שטעלט ער איהם, דעם „יאַטי", פאַר וואָס זאָל ער איהם ניט שטעלען? דער חסרון, זאָגען זיי, ער שטעלט איהם ניט דאָרט, וואו מע בּאַדאַרף. בּין איך בּדלות! איך וויים גאָר ניט, הערט איהר, ווי אַזוי וועל איך קאָנען פאָהרען קיין פּאַלטאַווע און קיין

זאָגט זי, וואָס איך לויף? ביזט ניט קיין הינער? דו ווייסט, אפּנים, ניט, זאָגט זי, וואָס עס טהוט זיך אָפּ היינטיגע יאָהרען, זאָגט זי, אין די גימענאַזיעס מיט די פּריצענטעו?"... כּך הוה — וואָס לאָזט זיך אויס? ער איז דאָך טאַקי ניט אַריין! פאַר וואָס, ווילט איהר ויסען? דערפאַר, וואָס ניט קיין צוויי פּינפען. ער זאָל געווען, זאָגען זיי, האָבען צוויי פּינפען, וואָלט ער אפשר, זאָגען זיי, אַריין. איהר הערט? — אפשר! געפעלט אייך דער „אפשר"? מילא, וואָס איך האָב געהאַט פון איהר — דאָס בין איך אייך מוחל. אַ רחמנות איז נעבאַך געווען אויף איהם, אויפ'ן קליינעם; ליגט מיט'ן פּנים אין קישען און הערט ניט אויף צו ויינען. אַזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, בּיז מע האָט איהם געמוזט נעמען אַ נייעם לעהרער, טאַקי אַ סטודענט פון דער גימענאַזיע, און מע האָט איהם גענומען צוגרייטען שוין אין דער צווייטער קלאַס אַריין, גאָר בּאופן אחר, וואָרום צווייטע קלאַס איז ניט קיין שפּיעלעכעל: אַהינצוצו דאַרף מען שוין, אַ חוץ מאַטעמאַטיקע און גראַמאַטיקע, אויך געאָגראַפיע, מיט טשיסטאָפּיסאַניע, מיט איך ווייס אַליין ניט וואָס! חאָטש אַז מע וויל צוריק, נאַט אייך דריי גראָשעו; אַ שטיקעל מהרש"א איז אַ סך שווערער פון אַלע זייערע לערנעכטסען, און אפשר שכל'דיגער אויך. נאָר וואָס זאָל מען טהון? אַ איד איז געוועהנט געוואָרען...

בּקיצור, עס האָט זיך אָנגעהויבּען אַ סדרה אוראָקען: אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה — די אוראָקען. אָפּגעדאַוועט און איבּערגעבּיסען — די אוראָקען. אַ גאַנצען טאָג — אוראָקען. בּיז שפּעט בּיינאַכט הערט מען ווי ער טאַראַבּאַנעט: „אימעניטעלנע־דאַטעלנע, סלאָזשיטעלנע־וויטשיטאַטעלנע" — עס גרילצט אַזש אין די אויהערען! ווער עסען? וואָס שלאָפען? „גענומען נעבּאַך אַ נפש, זאָג איך, און מע מוטשעט איהם אומזיסט־אומנישט! ס'איז, זאָג איך, אַ צער בּעלי־חיים, דאָס קינד, זאָג איך, וועט חלילה קראַנק ווערען!" „בּיים זיך אָפּ, זאָגט זי, די צונג!" וואָס טויג אייך, ער איז אַוועקגעגאַנגען ווידער אַ מאָל צו דער שחיטה און

על־כּפּנים, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? מע האָט צו־גענומען א נייעם לעהרער, א רוסישען שוין, נישט חלילה קיין אידישען, פע! נאָר טאַקי א גוי ממש. וואָרום גראַמאַטיקע, פאַר־שטעהט איהר מיך, אין ערשטע קלאַס אריין — דאָס איז דאָך האַרבּער פון חריין. א קליינינקייט — גראַמאַטיקע! „בּוקווע יאַטי״! מילא, איך זאָל אייך דערצעהלען פון׳ם לעהרער, וואָס גאָט האָט אונז צוגעשיקט, איז גאָר א בּזיון אויסצוזאָגען. מיר האָבּען געהאַט פון איהם אָפּגעשניטענע יאָהר. ער האָט אונז אלע־מען געמאַכט מיט דער בּלאָטע גלייך, געלאַכט און געשפּעט פון אונז אין די אויגען. למשל, ער האָט, בּרענען זאָל ער, קיין אנדער זאַך איהם ניט געקאָנט אויסקראַצען, בּשעת לערנען מיט איהם גראַמאַטיקע, ווי קנאָבּעל: „טשאַסנאָק, טשאַסנאָקאַ, טשאַסנאָקו, טשאַסנאָקאָיו״ — דער רוח זאָל איהם נעמען! ווען ניט זי, וואָלט איך איהם אָנגענומען פאַר׳ן גאָרגעל און וואָלט איהם ארויסגע־וואָרפען צו אלדי שווארצע יאָהר מיט זיין שענער גראַמאַטיקע! בּיי איהר איז אָבּער אלסדינג געווען כּדאי. וואָס איז? ער וועט ווייסען, וואו מע דאַרף שטעלען א „יאַטי״ און וואו ניט. מאָהלט אייך, מע האָט איהם דעם ווינטער געגוג אָנגעמוטשעט, און ערשט אַרום שבועות האָט ער בּאַדאַרפט געהן צו דער יִשחיטה. געקומען נאָך שבועות, איז ער געגאַנגען און געשטעלט זיך און געבּראַכט צו טראָגען אהיים שוין נישט קיין צוויי, נאָר א פיער מיט א פינף. א שמחה, א גדולה — מזל־טוב! מזל־טוב?... שאַט, חאַפּט זיך נאָר ניט אזוי מיט׳ן מזל־טוב! מע ווייסט נאָך ניט אקוראַט, צי ער איז אריין; דאָס וועט מען ערשט ווייסען אַרום אווגוסט. פאַר וואָס ניט בּאַלד? געהט פרעגט זיי! נאָר וואָס זאָל מען טהון? א איד איז געוועהנט געוואָרען...

געקומען אווגוסט, איך טהו א קוק — מיינע רוהט ניט; פון׳ם דרעקטאָר צום ספּעקטאָר, פון׳ם ספּעקטאָר צום דרעקטאָר. „וואָס לויפסט דו היינט אַרום, זאָג איך צו איהר, ווי א פאַר־סמ׳טע מויז, זאָג איך, פון שמונין צו בּונין?״... „וואָס הייסט,

יאָהר טראָגט אייך, איהר זאָלט זיך מיט איהם שטופען וואו מע דאַרף ניט?"... נו, געה דערצעהל זיי מעשיות, אז איך האָב מיין אייגענס אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס האָט זיך אריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אריין: גימנאַזיע און גימנאַזיע און גי־מנ־נאַ־זיע! וואָס טויג אייך, איך בין, ווי איהר זעהט מיך אָטאָ, אַליין אויך ניט פון די גרויסע שלימזלניקעס. איך האָב מיר מיט גאָט'ס הילף אויסגעטראָטען אַ שטיקעל וועג, גלייך אהין וואו מע באַדאַרף, און האָב מיך דערשלאָגען צום אָדון־בפקדך אין קאַבינעט אריין, צום דרעקטאָר הייסט עס, און האָב מיך אָוועקגעזעצט מיט איהם איינ'טענה'ן, אַזוי און אַזוי — איך קאָן, ברוך השם, רעדען מיט אַ פּריץ, אז איך וויל, די צונג פּיקען באַדאַרף מען מיר ניט. „טשטאָ וואַס אוגאָדנאָ?" — פרעגט ער מיך און בעט מיך זיצען. זאָג איך איהם שטיל אויפ'ן אויהער: „גאָספּאָדין דרעקטאָר, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, חאָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, חאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָ ט ש ע ן חאָטשעט!"... מאַכט ער צו מיר נאָך אַ מאָל: „טשטאָ וואַס אוגאָדנאָ?" זאָג איך צו איהם נאָך אַ מאָל און רוק מיך צו צו איהם נאָך נעהענטער: „פּריצוניו, זאָג איך, מי, זאָג איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט, זאָג איך, מאַלענקע סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעי, זאַמעטשאַ־טעלנע מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, חאָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, חאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָ ט ש ע ן חאָטשעט!"... און קוועטש איהם דעם „אָטשען", ער זאָל מיך פאַר־שטעהן... איז דאָך עס אָבער אַ גוישער קאָפּ, שטויסט ער זיך ניט וואָס איך מיין, און מאַכט צו מיר שוין מיט כּעס: „טאַק טשטאָ־זשע וואַס אוגאָדנאָ?!" געה איך און לעג אריין די האַנט אין קעשענע פּאַוואָלינקע און נעם־אַרויס פּאַוואָלינקע און מאַך צו איהם פּאַוואָלינקע: „איזוויניטיע, גאָספּאָדין דרעקטאָר, מי, זאָג

ער האָט געבראַכט צו טראָגען גאָלע פינפען! וואָס דען? יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפעריע! איז, דאַכט זיך, גוט? איאָ? געקומען צום שפּיין, מע האָט אַרויסגעהאַנגען אין דער גימנאַזיע די נעמען פון אַלע צוגענומענע קינדער אויף דער וואַנט, מע טהוט אַ קיק — ניטאָ מיינער! אַ גוואַלד, אַ געשריי: סטייטש, אַזאַ רציחה! גאָלע פינפען!!! אָט וועט זי געהן, אָט וועט זי לויפען, אָט וועט זי זיי אַזוי און אַזוי!... בקיצור, זי איז געגאַנגען און געלאָפען — אַזוי לאַנג, ביז מע האָט זי געבעטען, זי זאָל אויפהערען דולען אַ קאָפּ, דאָס הייסט, מע האָט זי פּשוט, צווישען אונז רעדענדיג, מחילה, דורכגעטריבען. און אַז מע האָט זי דורכגעטריבען, איז זי ערשט דעמאָלט אַריינגעפאַלען אין שטוב אַריין מיט אַ גוואַלד עד לב השמים: „סטייטש, זאָגט זי, וואָס בּאַר אַ פאָטער ביזט דו? דו זאָלסט זיין, זאָגט זי, אַ געטרייער פאָטער, אַ וואַרעמער, אַזוי ווי אַנדערע פאָטערס, וואָלסט דו, זאָגט זי, אויך געפונען זכות־אָבות, אַזוי ווי אַנדערע, צום דרעקטאָר, פּראָטעקציעס, קענטשאַפט!"... געפעלט אייך איין איינפאַל פון אַ אידינע? „קאַרג, אפּנים, וואָס איך טראָג אויפ'ן קאָפּ די זמנים מיט די ירידים, מיט די קוויטלעך, מיט די וועכסלען, מיט די פּראָטעסטען, מיט די איבעריגע צרות? צי דו ווילסט אפשר, זאָג איך, איך זאָל זיין איין אָנזעצער איבער דיין גימנאַזיע מיט דיינע קלאַסען, וואָס ליגען מיר שוין, זאָג איך, אָט אַדאָ?!"... וואָרום מע איז דאָך, ווי זאָגט איהר, ניט מעהר ווי אַ מענטש, און איטליכער מענטש האָט דאָך אַ גאַל, שיסט מען אויס... נאָר אויסגעפיהרט האָט מסתמא זי, ניט איך. וואָרום אַז זי וויל, איז עפּיס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען? איך האָב גענומען זוכען זכות־אָבות, קענטשאַפט; איך האָב מיר געשוואַרצט דאָס פּנים, געליטען בּזיונות, וואָרום יעדער פרעגט אַ קשיה, און איז גערעכט. „איהר זענט, קיין עין־הרע, זאָגען זיי, רב אהרן, אַ איד אַ בעל־הבית און האָט איין שטיקעל בן־יחיד, — וועלכער גוטער

אסיפה, פונ׳ם סאָוועט הייסט דאָס... דער פּראָסט ברענט, אַ זאַ־ווערוכע, ס׳קעהרט די וועלט — און זי דרעהט זיך אַרום אין דרויסען ביי דער גימענאַזיע און וואַרט. אַ שענע מעשה! דאַכט מיר, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז וויבּאַלד מע זאָגט־צו, איז מסתּמא היילִיג, ובפרט... איהר פאַרשטעהט? נאָר געהט רעדט מיט אַ אידינע! בקיצור, זי וואַרט אַ שעה, זי וואַרט צוויי, זי וואַרט דריי, זי וואַרט פיער; אַלע קינדער זענען זיך שוין לאַנג צעגאַנגען אהיים פון דער גימענאַזיע, און זי וואַרט נאָך. וואָס טויג אייך, זי האָט אָבער אַזוי לאַנג געוואַרט, ביז זי האָט זיך פאָרט דער־וואַרט: עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט־אַרויס פון דאָרטען איינער פון די לעהרערס. שפּרינגט זי צו צום לעהרער און טהוט איהם אַ חאַפּ, צי ווייסט ער ניט, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט די אסיפה, דער סאָוועט הייסט דאָס? זאָגט ער: פאַר וואָס זאָל ער ניט וויסען? מע האָט, זאָגט ער, צוגענומען אַרום און אַרום פינף־און־אַכציג קינדער, דריי־און־אַכציג קריסטליכע און צוויי אידישע. פרעגט זי: וועמען? זאָגט ער: איינעם אַ שעפּסעל־זאָהן און איינעם כּ״ץ. דערהערט דעם נאָמען כּ״ץ, מיינע — פייל אויס׳ן בויגען, פאַלט־אַריין אין שטוב אריין מיט אַ גדולה: „מזל־טוב! איך דאַנק דיר, רבונו של עולם! איך דאַנק דיר! צוגע־נומען! צוגענומען!”... און בשעת מעשה שטעהען איהר טרע־רען אין די אויגען. מיר, פאַרשטעהט זיך, טהוט אודאי אויך הנאה די מעשה, נאָר געהן טאַנצען בין איך ניט מחויב; דערויף בין איך דאָך עפּיס אַ מאַנסביל, ניט קיין נקבה... „איך זעה־אַרויס, מאַכט זי צו מיר, אַז ביי דיר איז דאָס ווינציג־וואָס אַנגעלעגט?” „פון וואַנען, זאָג איך, לערענסט דו דיר אַזוי דעם פּשט?” „אַזוי, זאָגט זי, וואָרום דו ביזט אַ קאַלטער מלאך. דו זאָלסט, זאָגט זי, וויסען, ווי אַזוי דאָס קינד נעבאַך צאַפּעלט, וואָלסט דו אַזוי ניט געזועסען. דו וואָלסט שוין לאַנג, זאָגט זי, געלאָפען איהם באַ־שטעלען אַ מונדירעל, זאָגט זי, און אַ היטעלע און אַ רענצעלע, זאָגט זי, און מאַכען, זאָגט זי, אַ סעודה פאַר גוטע פריינט”. „וואָס

איך, ליודי נע באָגאַטיע, נאָ או נאַס, זאָג איך, יעסט מאַלענקע, זאָג איך, סאָסטאָיאַניע אי אָדין חאַראָשעי, זאַמעטשאַטעלנע מאַלטשיק, קאַטאָרע, זאָג איך, האָטשעט אוטשיטסאַ; אי יאַ, זאָג איך, חאָטשו; נאָ מאָיאַ זשענאַ, זאָג איך, אָ ט ש ע ן חאָטשעט!" און קוועטש דעם „אָטשען" נאָך שטאַרקער, און נעם און רוק איהם אריין... בקיצור — יאָ! ער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, און געהט און נעמט־אַרויס אַ ביכעלע און פרעגט מיך אויס, ווי אַזוי איך הייס, און ווי אַזוי הייסט דער זוהן מיינער, און אין וואָסער קלאַס וויל איך, ער זאָל אריין?... קלעהר איך מיר: „אָט אַזוי זשע רעד!" און איך מאַך איהם קלאָר, אַז הייסען הייס איך כּיז, אהרן כּיז, און מיינער הייסט משה, מאָשקע הייסט עס, און אריין, וויל איך, זאָל ער אין דריטע קלאַס. רופט ער זיך אָן צו מיר: ווי־באַלד אַז איך הייס כּיז און מיין זוהן הייסט משה, מאָשקע הייסט עס, און וויל אריין אין דריטע קלאַס, זאָל איך איהם ברענגען, זאָגט ער, צו פיהרען אין יאַנוואַר, וועט ער דעמאָלט ג ע ו ו י ס אריין. איהר פאַרשטעהט? שוין גאָר אַנדערע דבורים! אפּנים, אַז מע שמירט, פאָהרט מען?... דער חסרון איז נאָר, וואָס ניט באַלד. נאָר וואָס זאָל מען טהון? מע הייסט וואַרטען, דאַרף מען וואַרטען. אַ איד איז געוועהנט געוואָרען...

געקומען יאַנוואַר — ווידער אַ מאָל אַ טאַרעראַם, אַ לויפע־ניש אַהין, אַהער, היינט־מאָרגען דאַרף זיין אַיין אַסיפה, אַ סאָוועט הייסט דאָס. עס וועלען זיך צונויפקלויבען דאָרטען דער דרעק־טאָר מיט'ן ספּעקטאָר מיט אַלע לעהרערס פון דער גימנאַזיע, און ערשט נאָך דער אַסיפה, נאָכ'ן סאָוועט הייסט דאָס, וועט מען וויסען, צי ער איז אריין, צי ניין. געקומען צו דער רעכטער אַר־בייט — מיינע איז ניטאָ אין דער היים; ניטאָ קיין וואַרעמעס, ניטאָ קיין סאַמאָוואַר. ניטאָ גאָרניט. וואו איז זי ערגיץ? זי איז אין גימנאַזיע איז זי. דאָס הייסט, ניט א י ן גימנאַזיע, נאָר ב ײ דער גימנאַזיע; דרעהט זיך אַרום אין דרויסען אויפ'ן פראָסט פון גאַנץ פריה אָן און וואַרט, ביז מע ווֶעט זיך צעגעהן פון דער

ווייב!"... בתוך כּך האָט דער עולם גענומען צו גלעזלעך ווײַן, גוט אַ לעק געטהאָן, איז מען געוואָרען, ווי זאָגט ער, לעבּעדיג, און מע האָט געחאַפּט אַ רקוד'על גאָר אויף איין אַנדער אופן; מע האָט אונז גענומען בּיידען אין קאָהן אַריין, און דעם קליינעם אויך אין מיטען, און מע האָט געהעפּעט גאָר קיין מעשה ניט, טאַקי בּיז'ן ווייסען טאָג אַריין. אין דער פריה זענען מיר אַוועק מיט איהם אהינצוצו. געקומען אַהינצוצו, איז נאָך מסתמא פּריה, צוגעשלאָסען טיר און טויער, ניטאָ, ווי זאָגט ער, קיין משוגענער הונט אין דער ווייבּערשער שוהל. אָנגעשטאַנען זיך אין דרויסען און גוט אָנגעפּרוירען זיך אויפ'ן פראָסט, האָבּען מיר זיך פּשוט מחיה געווען, אַז מע האָט אונז געעפענט די טיר און מע האָט אונז, בּרוך השם, אַריינגעלאָזט אינוועניג. גיך האָבּען אָנגעהויבּען צונויפקומען זיך די חברה קליינוואַרג מיט די רענצלעך אויף די פּלייצעס. ס'איז געוואָרען אַ ליאַרעם, אַ טומעל, אַ גערעדעריי, מיט אַ לאַכעריי, מיט אַ הור־האַ — אַ יריד! בּתוך כּך קומט־צו צו אונז עפּיס איינער מיט גאָלדענע קנעפּ, אַ לעהרער פון דער גימנאַזיע ווייזט אויס, און מיט אַ בּויגען פּאַפּיער אין די הענט, און טהוט מיך אַ פרעג: וואָס דאַרף איך? ווייז איך איהם אויף מיינעם, אַז דאָס האָבּ איך איהם געבּראַכט צו פיהרען אין חדר, אין גימנאַזיע הייסט דאָס. פּרעגט ער מיך: אין וועלכע קלאַס? זאָג איך: אין דריטע; ערשט ניט לאַנג, זאָג איך, צוגענומען. פּרעגט ער מיך: ווי אַזוי איז דער נאָמען זיינער? זאָג איך: קאַץ, משה קאַץ, דאָס הייסט — מאָשקע קאַץ. זאָגט ער: מאָשקע קאַץ? מאָשקע קאַץ איז בּיי איהם ניטאָ אין דריטער קלאַס; פאַרהאַן, זאָגט ער, בּיי איהם אַ קאַץ, אָבּער ניט קיין מאָשקע, נאָר מאָרדוך קאַץ... זאָג איך: „קאַקאָי מאָרדוך? מאָשקע, אַ ניע מאָרדוך!" מאַכט ער צו מיר: „מאָרדוך", און טיטשעט מיר דאָס פּאַפּיער אין פּנים אַריין. איך איהם: מאָשקע! און ער מיר: מאָרדוך! בּקיצור, מאָשקע־מאָרדוך, מאָרדוך־מאָשקע, מיר האָבּען זיך אַזוי לאַנג געמאָשקעט און געמאָרדוכט, בּיז מיר זענען

עפּים פּלוצים אַ סעודה אין מיטען דרינען, זאָג איך, ס'איז אַ בר־מצוה? צי אַ קנס־מאָל?" אַזוי מאַך איך צו איהר גאַנץ רוהיג, וואָרום איך בין דאָך עפּים אַ מאַנספּיל, ניט קיין נקבה... ווערט זי ברוגז און הערט גאָר אויף צו רעדען! און אַ ווייב אַז זי הערט אויף צו רעדען, איז דאָך טויזענט מאָל ערגער ווי געשאָלטען, וואָרום אַז זי שעלט, הערט מען חאָטש אַ קול פון אַ מענטשען, און אַזוי — געה רעד צו דער וואַנט!... בקיצור, וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען? מסתּמא האָט זי אויסגעפיהרט, ניט איך. וואָרום אַז זי וויל, איז עפּים אַ תּירוץ?...

על־פּפנים, מע האָט געמאַכט אַ סעודה, מע האָט צונויפגערופען פריינט און גוטע פריינט, און מיינעם האָט מען אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס, אַ מונדיר זעהר אַ שענעם מיט ווייסע קנעפּלעך, אַ היטעלע און פון פאָרענט אַ צאַצקע — אַ גובערנאַטאָר!... אָן איהם, אָנ'ם קליינעם הייסט עס, האָט מען באמת געהאַט אַ מצוה נעבאָך, באמת אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה, ממש מחיה געוועזן. ער האָט געשיינט, זאָג איך אייך, ווי די זון אום תּמוז! דער עולם האָט געטרונקען לחיים, געווינשעוועט: „ער זאָל לערנען געזונד־טערהייט און ענדיגען געזונטערהייט די גימענאַזיע, און זאָל געהן און געהן"... „עט, זאָג איך, דאָס איז דווקא ניט אַזוי נויטיג; מע וועט זיך באַגעהן, זאָג איך, אָהן דעם אויך. לאָז ער מיר נאָר דורכגעהן די ערשטע עטליכע קלאַסען גימענאַזיע, זאָג איך, מאַך איך איהם חתונה, אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף"... רופט זיך אָן מיינע מיט אַ שמייכעלע און קוקט בשעת מעשה אויף מיר מיט אויגען: „זאָגט איהם, אַז ער האָט, זאָגט זי, מחילה, אַ גרויסען טעות: ער געהט נאָך, זאָגט זי, מיט'ן אַלטען שניט"... „זאָגט איהר, אַז איך זאָל, זאָג איך, האָבען די ברכות, וואָס דער אַלטער שניט איז, זאָג איך, געוועזן בעסער פונ'ם נייעם שניט"... זאָגט זי: „זאָגט איהם, אַז ער איז, לאָז ער מיר מוחל זיין..." ווערט צווישען עולם אַ געלעכטער: „אוי, זאָגען זיי, רב אהרן, האָט איהר אַ ווייב, קיין עין־הרע! אַ קאָזאַק, ניט קיין

טען! איהר מעגט מיר גלויבען, איך האָב מיך דעמאָלט אַליין אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם: „שוטה! וואָס? וואָס איז דאָס פליהען, וואָס דו פליהסט ארום פון איין שטאָדט אין דער אַנדע־רער? צו וועלכע גוטע יאָהר באַדאַרפסט דו דאָס האָבען? נו, און אַז ער וועט שוין אַריין, וואָס וועט דעמאָלט זיין?" ניין, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — נצחון איז אַ גרויסע זאַך! ס'איז שוין ביי מיר אַליין אַריין אין אַ מין עקשנות, פאַרשטעהט איהר מיך, און דער אויבערשטער האָט רחמנות געהאַט און האָט מיר צוגעשיקט אין פוילען אַ גימנאַזיע אַזעלכע, אַ „קאָמערטשעסקע", וואָס אַהינצוצו נעמט מען צו אויף איטליכען כריסט, להבדיל, איינעם אַ אידען, סע מאַכט אויס אַזוי גרויס ווי פופציג פּריצענט הייסט עס. נאָר וואָס דען? יעדער איד, וואָס וויל, אַז זיין קינד זאָל אַריין, מוז ער קומען צו געהן מיט זיין כריסט, איז אויב ער האַלט אויס, דער כריסט הייסט דאָס, און מע טראָגט־אַריין פאַר איהם די קלינגערס, פּראַוואָטשעניע הייסט דאָס, איז דעמאָלט באַרהאַן אַ שטיקעל האָפענונג... אָנשטאָט איין פעקעל האָט מען דעמאָלט אויף זיך, הייסט דאָס, צוויי. איהר פאַרשטעהט? גע־נוג סע טריקענט מיר דער מח אויף מיינעם, באַדאַרף מיר נאָך דאַרען דער קאָפּ אויף יענעמ'ס, וואָרום טאָמער האַלט ניט אויס חלילה עשו, איז דעמאָלט יעקב אין דער ערד... כּך הוה. איידער איך האָב געקריגען דעם כריסט, איינעם אַ שוסטער, חאָליאַוואַ הייסט ער, איז מיר אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. צום סוף, ס'איז געקומען צו דעם רעכטען שפּיעל, מיינט איהר, אַז מיין שוסטער איז ניט אַריין אין דער אדמה, אַזוי ווי קורח? און דוקא אויף „זאַקאָן באָזשע"! וואָס טויג אייך, מיינער האָט זיך גע־מוזט בכבודו ובעצמו אַוועקזעצען מיט איהם חזר'ען „זאַקאָן באָ־זשע"... אַי, די קשיא: ווי קומט מיינער צו „זאַקאָן באָזשע"? דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען, וואָרום אַז יענער האָט אַ קאָפּ, מע זאָל אויספאָהרען אַ אימפּעריע, איז דאָך ניט שייך!... בקיצור, גאָט האָט געהאָלפען די גוטע שעה. די גליקליכע — זיי זענען

געוואָהרע געוואָרען אַ שענע מעשה: וואָס סע האָט געזאָלט זיין מיינעם, איז געווען יענעם. איהר פאַרשטעהט אַ חתונה? טעות גוי מוו‏ר... מע האָט טאַקי צוגענומען איינעם אַ קאַץ — יאָ! — נאָר, על־פּי טעות, איין אַנדערען, נייטש אונזערען. פאַרהאַן, פאַר־שטעהט איהר מיך, צוויי קעץ ביי אונז אין שטאָדט!...

וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איהר האָט באַדאַרפט זעהען דאָס צער בעלי־חיים פון מיינעם, בשעת מע האָט איהם געהייסען, מחילה, אַראָפּנעמען די צאַצקע פון׳ם היטעלע! אַ כּלה צום באַ־דעקענס באַדאַרף געוויס אַזוי פיעל טרערען ניט פאַרגיסען, וויפיעל מיינער האָט יענעם טאָג אויסגעגאָסען! וואָס איך האָב איהם ניט געבעטען — ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען! „זעהסט דו, זאָג איך צו איהר, וואָס דו האָסט אָנגעאַרבייט פאַר אַ חתונה? האָב איך דיר, זאָג איך, ניט געזאָגט, אַז דיין גימענאַזיע איז פאַר איהם אַ שחיטה? גאָט זאָל העלפען, זאָג איך, עס זאָל אונז חאָטש, זאָג איך, אָפּלויפען גלאַט, ער זאָל דאָס חלילה, זאָג איך, ניט אויס־קרענקען”... „לאָזען מיינע שונאים, זאָגט זי, קרענקען, אַז זיי ווילען. מיין קינד, זאָגט זי, מוז אַריין אין גימענאַזיע! איז ער ניט אַריין, זאָגט זי, איצטער, וועט ער אַריין, אם ירצה שם, איבעראַיאָהר; איז ער ניט אַריין, זאָגט זי, דאָ, וועט ער אַריין אין איין אַנדער שטאָדט — אַריין מוז ער, סיידען, זאָגט זי, איך וועל חלילה צומאַכען איין אויג און די ערד וועט מיך צודעקען!” — איהר האָרכט דבורים? און ווער, מיינט איהר, האָט אויסגעפיהרט — איך, צי זי? לאָמיר זיך ניט נאַרען — אַז זי וויל, איז עפּיס אַ תירוץ?...

על־כּפּנים, איך וועל אייך שוין קיין סך גיט מאַריך זיין. איך האָב מיך דאָס אַ ביסעל אָנגעהעצקעט מיט איהם, אויסגעווען מיט איהם וואו די וועלט האָט איין עק, וואו ערגיץ אַ שטאָדט, וואו ערגיץ אַ גימענאַזיע — דאָרט זענען מיר געווען, זיך געשטעלט, געהאַלטען, און דוקא אויסגעהאַלטען, און דוקא גוט אויסגעהאַלטען, און דוקא ניט אַריין. פאַר וואָס? אַלץ איבער די פּריצענ־

היקר״... „אין גאָטעס ווילען, שרייב איך איהר, וואָס וועט זיין דער תּכלית? מע איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענטש! אָהן אַ בעל־הבית׳טע, משטיינס געזאָגט״... בקיצור, עס האָט מיר גע־האָלפען, ווי דער פאַראיאָהריגער שניי. אויסגעפיהרט מסתּמא האָט זי, ניט איך. וואָרום אַז זי וויל, איז עפּיס אַ תּירוץ?...

על־כּפּנים, איך ענדיג אייך שוין די מעשה. איך האָב מיך צעבראָכען, צעלאָמעט, געמאַכט אַ תּל פון׳ם געשעפט, אויסגע־פאַרקויפט, בדיל־הדל געוואָרען, און האָב מיך איבערגעפּעקעלט, מחילה, אַהין, צו זיי. געקומען אַהין, צו זיי, אָנגעהויבען אַרומ־קוקען זיך, וואו בין איך אין דער וועלט, שמעקען, אויסשמעקען, קוים מיט צרות איך האָב מיך אַרויפגעשלאָגען אויף אַ שטיקעל דרך, געמאַכט אַ שטיקעל שותּפות מיט איינעם אַ סוחר, אפילו אַזוי אַ גאַנץ לייטישער מענטש, אַ פיינער בעל־הבית, אַ וואַרשע־ווער פון די גאַלעוווקים, און אַ שטיקעל גבאי אין שוהל; נאָר אין תּוך אַריין אַ דרעהער, אַ שווינדלער, אַ קעשענע־גנב — מיך שיער אומגליקליך געמאַכט! פאַרשטעהט איהר שוין מסתּמא, ווי דער קאָפּ איז מיר דעמאָלט געווען אין דער ערד? דערווייל, איך קום צו געהן איינמאָל אַהיים, מיינער געהט מיר אַקעגען עפּיס מאָדנע, רויטליך אויפ׳ן פּנים און אָהן אַ צאַצקע אויפ׳ן היטעל. מאַך איך צו איהם: „הער נאָר, משה׳ל, וואו איז ערגיץ די צאַצקע דיינע?״ מאַכט ער צו מיר: „וואָסער צאַצקע?״... זאָג איך: „דאָס קנעפּעל״. זאָגט ער: „וואָסער קנעפּעל?״... זאָג איך: „דאָס קנעפּעל, וואָס אויפ׳ן היטעל; ערשט אויף יום־טוב געקויפט אַ נייַ היטעל מיט אַ נייער צאַצקע!״... ווערט ער נאָך רויטער ווי פריהער און מאַכט צו מיר: „אַראָפּגענומען״... זאָג איך: „וואָס הייסט אַראָפּגענומען?״ זאָגט ער: „איך בין פריי״... זאָג איך: „וואָס הייסט דו ביזט פריי?״ זאָגט ער: „מיר זענען אַ ל ע פריי״... זאָג איך: „וואָס הייסט איהר זענט אַ ל ע פריי?״ זאָגט ער: „מיר געהען שוין ניט״... זאָג איך: „וואָס הייסט איהר געהט שוין ניט?״ זאָגט ער: „מיר האָבען געמאַכט יד־אחת,

ביידע אַריין. זענט איהר שוין פאַרטיג? געקומען צום אַריינ־שרייבען אין די ביכער אַריין, אַרויסגעמען אַ קוויטאַנציע — מיין גוי איז ניטאָ! וואָס איז די מעשה? ער וויל ניט, דער ערל, אַז זיין זוהן זאָל זיך געפינען צווישען אַזוי פיעל יהודים, חאָטש נעם געב איהם אַ קרענק! ער זאָגט: צו וואָס נוצט עס איהם, אַז אַלע טירען זענען פאַר איהם כאַי־ווי־סאַי אָפען און ער קאָן אַריין וואו־הין ער וויל? און געהט זאָגט איהם אפשר, אַז ער איז אומ־גערעכט! „וואָס זשע, זאָג איך, ווילסט דו, פאַני חאָליאַוואַ?" זאָגט ער: „גאָרנישט". בקיצור, אַהין־אַהער, מענטשען, גוטע ברידער — מע איז אַוועק מיט איהם אין אַ טראַקטיר, געמאַכט אַ כוסה, איינע און צוויי און דריי — איידער כ'האָב דערלעבט זעהען דאָס גוטע קוויטעל, אַז ער איז אַריין, זענען מיר די אויגען אַרויס־געקראָכען, און דאַנקען השם יתברך, כ'האָב געמאַכט אַ ברכה „ברוך שפטרני".

געקומען אַהיים — אַ נייע צרה! וואָס איז שוין ווייטער? מיינע האָט זיך איבערגעלעגט און באַטראַכט: סטייטש, איין איינ־אונאיינציגער, איין אויג אין קאָפּ, וועט ער זיין דאָרטען, און מיר — דאָ? וויבאַלד אַזוי, צו וואָס טויג איהר, זאָגט זי, איהר וועלט? „וואָס זשע, זאָג איך, ווילסט דו, למשל?" זאָגט זי צו מיר: „וואָס זאָל איך וועלען? דו ווייסט ניט, וואָס איך וויל? איך וויל, זאָגט זי, זיין מיט איהם". „נו? און די שטוב?" — זאָג איך. „די שטוב, זאָגט זי, איז אַ שטוב"... האָט איהר עפּיס צו איהר? וואָס טויג אייך, זי האָט זיך אויפגעזעצט און איז אַוועקגעפאָהרען מיט איהם אַהינצוצו, און איך בין געבליבען איי־נער אַליין איבער דער גאַנצער שטוב. מאָהלט אייך אַ שטוב — אַזאַ יאָהר אויף מיינע שונאים! דאָס לעבען איז געוואָרען אויס לעבען, דאָס געשעפט איז געוואָרען אויס געשעפט. אַלסדינג איז געגאַנגען אָרצה, און מיר האָבען געהאַלטען אין איין שרייבען בריוולעך; איך שרייב צו איהר, זי שרייבט מיר אָפּ; בריוולעך אַהין, בריוולעך אַהער: „שלום לזוגתי היקרה"... „שלום לבעלי

און בפירוש, און אדרבה, און וואָס הייסט עס, און ווי געשיקט זיך עס, און נאָך אַ מאָל, און טאַקי נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע!"...

. . . .

. . . .

. . . .

איך בעט אײַך — ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַ... ווייב?

ענדע געשיכטע נומער צוועלף.

מיר זאָלען ניט געהן"... זאָג איך: „וואָס הייסט א י ה ר האָט געמאַכט יד־אחת? וואָס פאַר מאַכערם? וואָס פאַר יד־אחת'ניקעס? — זאָג איך. — דערויף האָב איך מיך טאַקי אויסגעבראַכט, מפקיר געווען פון דיינעטוועגען, דו זאָלסט נאָכדעם קאָנען מאַכען יד־אחת?! אז אָך און וועה, זאָג איך, צו דיר און צו מיר און צו אונז אַלעמען! גאָט זאָל געבען, זאָג איך, עס זאָל זיך חאָטש ניט אויסלאָזען צו אידישע קעפּ, וואָרום אומעטום, זאָג איך, איז דאָך דער איד דאָס כּפּרה־היהנדעל!"... אזוי מאַך איך צו איהם און הויב אָן פייערען, זאָגען מוסר, ווי געוויינטליך א פאָטער רעדט מיט א קינד. איז דאָך אָבער פאַרהאַן א ווייב, זאָל מאַריך ימים ונשים זיין, קומט זי צו לויפען און לעגט מיר אוועק א מענה־לשון, אַזוי און אַזוי, אז איך בין שוין גאָר אויסגעוועבט געוואָרען, אז איך הויב ניט אָן צו וויסען, זאָגט זי, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, אז עס איז היינט געוואָרען, זאָגט זי, איין אנדער וועלט גאָר, א קלוגע וועלט, איין אָפענע וועלט, א פרייע וועלט, א וועלט, זאָגט זי, פון אַלע גלייך, אוים אָרעם, אוים רייך, אוים הארעלע־קנעכטעלע, אוים שעפּעלע־שערעלע, אוים הינטעלע־האַווקעלע, אוים קעצעלע־דראַפּעלע, אוים מייזעלע־בּייסעלע... „טע־טע־טע, זאָג איך, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו דיר, מיין ווייב, אזא מאָדנע שפּראַך? עפּים א ניי לשון, זאָג איך, נייע ווערטער! אפשר וואָלסט דו שוין, זאָג איך, אין איינוועגס אַרויסגעלאָזט די היהנער, זאָג איך, פון דער שטייג, קיש־קיש, קורע נאַ סוואָבאָדע?"... ווערט זי אָנגעצונדען, גלייך ווי איך וואָלט אויף איהר אויסגעגאָסען צעהן עמער זודיג וואַסער — און נננו! — ווי ז י י קאָנען... מילא, מוז מען שוין אויסהערען די דרשה ביז'ן סוף. איז אָבער דער חסרון, וואָס ס'איז אָהן א סוף. „ווייסט דו וואָס, זאָג איך, שאַ, זאָג איך, אָבער לאָז זיין גענוג, זאָג איך, און שלאָג מיך אין האַרצען: חטאתי, זאָג איך, עויתי ופשעתי, זאָג איך, און איין עק, זאָג איך. אַבּי לאָז זיין שטיל!" וויל זי ניט הערען, ניט זעהן. „ניין, זאָגט זי, זי וויל וויסען, למאי, און סטייטש, און גוואַלד,

„עשיכטע נומער דרייצעהן

פונ׳ם פריזיון

געשריבען אין יאָהר 1902.

געשיכטע נומער דרייצעהן

פונ'ם פריזיוו

— פון וואנען איך פאהר? — רופט זיך אן צו מיר א איד א הויכער, א דארער, מיט א בארדיגער, מיט א פלוסען היטעל; ער האט נאר־וואס אפגעדאווענט און לעגט־צונויף דעם טלית און תפילין. — פון וואנען איך פאהר? אז אך און וועה איז מיר, איך פאהר פונ'ם פריזיוו פאהר איך. דאס איז מיינער טאקי א זוהן, אט דער יונגערמאן, וואס ליגט אט דא אויסגעצויגען אויף דער באנק. דאס פאהר איך מיט איהם פון יעהופעץ פאהר איך. געוועזן ביי אדוואקאטען זיך איין עצה האלטען, און אין איינוועגס ביי פראפעסארען הארכען, וואס וועלען ז י י זאגען וואס? א פריזיוו האט מיר גאט צוגעשיקט. פיער מאל געשטאנען, און נאך ניט פארטיג. און דוקא א בן־יחיד, איינאונאיינציגער הייסט דאס, א ריינער, איין אמת'ער, א כשר'ער פערוויזראדניק... וואס קוקט איהר מיך אן, וואס? ס'איז אייך פריקרע? איהר מעגט דאס הארכען מעגט איהר עס.

די היסטאריע פון דער געשיכטע איז אזא מעשה: אליין בין איך א מעזערעטשער פון מעזערעטיש; א נולד בין איך, דאס הייסט א געבארענער, ווי מע זאגט, א מאזעפעווקער; א נכתב, א צוגעשריבענער הייסט דאס, א ווארארטיליוווקער: דאס הייסט, אמאל

עבירה, ער שלאָפט איצטער, ווייל איך איהם ניט וועקען; אָט וועט ער אויפשטעהן, וועט איהר זעהען א סנאָסט פון א מענטשען, הויט און ביינער, לאנג און שמאָל, א פּנים'על ווי א פייג, גרוגרת דרבי צדוק, און א וואוקס, משטיינס געזאָגט, אויסגעצויגען ווי א לולב, איננאנצען געראָטען אין איהר, אין מיינער, זאָל געזונט זיין, אויך א הויכע און א מאָגערע, איין איידעלע הייסט דאָס... היינט פרעג איך אייך: באדארף איך עפּיס אין זינען האָבען א פּריזיוו, אז דין און לאנג איז ער, טויגען טויג ער ניט, און א ווילגאָטע האָט ער?

ס'איז געקומען צום פּריזיוו — ווער מיר ווילגאָטע? וואָס מיר ווילגאָטע? עס הויבט זיך גאָרניט אָן! וואָס איז די מעשה? די מעשה איז א פּשוט'ע מעשה. דאָס אנדערע יונגעל מיינס, אייזיק, דער וואָס האָט זיך קינדווייז, ניט פאר אייך געדאכט, אָפּגעקאָכט מיט'ן סאמאָוואר, האָט מען פארגעסען, אפּנים, אויסשטרייכען פון די מעטריקעס. בין איך דאָך אוועקגעלאָפען צום קאזיאָנעם רב, צום שוטה, מיט א גוואלד: „סטייטש, גזלן, רוצח איינער, וואָס האָט איהר געהאט צו מיר? למאי האָט איהר ניט אויסגעמעקט מיין אייזיקען למאי?" פרעגט ער מיך, דער טיפּש: „ווער איז געוועזען דער אייזיק?" „וואָס הייסט, זאָג איך, אייזיקען ווייסט איהר ניט? מיין זוהן אייזיק, דער וואָס האָט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאמאָוואר", זאָג איך. „וואָסער סאמאָוואר?" — מאכט ער. „גוט מאָרגען, זאָג איך, איהר זענט א היגער? א גוטער קאָפּ אויף אייך! אויף אזא קאָפּ, זאָג איך, איז גוט קנאקען ניס... ווער געדענקט ניט, זאָג איך, די מעשה מיט מיין אייזיקען, וואָס האָט זיך אָפּגעקאָכט מיט'ן סאמאָוואר? איך פארשטעה ניט, זאָג איך, וואָס זענט איהר דאָס פאר א ראַבינער ביי אונז אין שטעדטעל, אז קיין שאלות, זאָג איך, פּאַסקודעט איהר ניט, דערויף איז פארהאן, זאָג איך, א רב, זאָל מאריך ימים זיין; איז, דאכט זיך, א יושר, איהר זאָלט חאָטש אכטונג געבען, זאָג איך, אויף די געשטאָרבענע זאָלט איהר; אלא ניט —

בין איך, ניט היינט געראכט, געזעסען אין וואָראָטיליוועקע בין איך, נאָר היינט זיין איך אין מעזערעטש. ווער' איך בין און ווי אזוי איך הייס — איז אייך קיין גרויסע נפקא־מינה, דאכט מיר; נאָר מיין זוהנ'ם נאָמען מוז איך אייך יאָ זאָגען, וואָרום עס געהער זיך אָן צום ענין, און שטארק! הייסען הייסט ער איציק, דאָס הייסט אברהם־יצחק, נאָר רופען רופט מען איהם אלטער; אזוי־האָט זי איהם א נאָמען געגעבען, מיינע זאָל געזונט זיין, מחמת ער איז א ציטעריגער, איינאונאיינציגער איז ער, א בן־יחיד. דאָס הייסט, מיר האָבען געהאט, א חוץ איהם, נאָך א יונגעל האָבען מיר געהאט, א יונגערען פון איהם מיט א יאָהר אָדער אָנדערהאלבען, איהם צו לענגערע יאָהר; ער האָט געהייסען אייזיק האָט ער געהייסען. באדארף זיך טרעפען איין אומגליק, מע האָט איהם קינדרווייז, אייזיקען הייסט דאָס, איבערגעלאָזט איינעם אליין (איך בין, ניט היינט געראכט, דעמאָלט נאָך געוועזען א וואָראָטיליוועקער בין איך נאָך געוועזען, דאָס הייסט, איך בין געזעסען אין וואָראָטיליוועקע); איז זיך מיישב דאָס קינד, אייזיק הייסט דאָס, און קריכט־צו גלייך אונטער'ן סאמאָוואר און גיסט־אויס אויף זיך א זודיגען סאמאָוואר, ניט פאר אייך געראכט, און קאָכט זיך אָפּ, איהם צו לענגערע יאָהר, אויף טוידט קאָכט ער זיך אָפּ! פון דעמאָלט אָן איז ער, איציק, אברהם־יצחק הייסט דאָס, געבליבען א בן־יחיד, און זי האָט איהם פארצוויגען, מיינע זאָל געזונט זיין, געגעבען א נאָמען אלטער.

וועט איהר דאָך פרעגען: סטייטש, א בן־יחיד, איינאונאיינציגער, וואָס געהער זיך אָן מיט איהם א פריזיוו, וואָס? הערסט דו, אָט דאָס איז דאָך דער גאנצער פארדראָס! שא! אפשר מיינט איהר, חס ושלום, אז ער איז א געזונטער יונג, ווי עס גיט זיך אוים אמאָל א קינד, וואָס וואכסט אין ראָסקאָש? האָט איהר אויך א טעות. איהר וועט פאר איהם קיין צוויי גראָשען ניט געבען; א פארזעהעניש, א קראנקער! שייך צו זאָגען א קראנקער? קיין קראנקער, חלילה, איז ער ניט, נאָר א געזונטער אודאי ניט. איין

איציק, אלטער הייסט דאָס, האָט נעבאָך געמוזט מיט זיין כבוד שטעלען זיך צום פּריאָם מיט אלע שניידערס און מיט אלע שוס־טערס, און עס איז געוואָרען ביי מיר אין שטוב א געוויין. שייך זאָגען א געוויין? א יללה, חושך! מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, לעגט־איין די וועלט, די שנור חלש'ט: סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, א בן־יחיד, איינאונאיינציגער, א ריינער, איין אמת'ער, א כשר'ער פּערוויזראָדניק — און אָהן א פּיצעל וויל־גאָטע?! און ער, מיין זוהן הייסט דאָס, גאָרניט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען: „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט רב ישראל". — אזוי זאָגט ער כלומרשט מיט א ווערטעל, און דער פּופּיק בשעת מעשה ציטערט איהם מסתמא גוט, וואָס זאָלט איהר דאָ קלערען?

האָבען מיר דאָך אָבער א גרויסען גאָט אויף דער וועלט! פיהרט מען אריין מיין איציקען, מחילה, א נאקעטען, נעמט דער דאָקטער באטראכטען מיין איציקען, אלטערען הייסט דאָס, אויס־מעסטען איהם אין דער לענג און אין דער ברייט, טאפּען, קוקען, מוטשען, אהער־אהין — וואָס, משטיינס געזאָגט, אז ער טויג ניט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגען טויג ער, נאָר פאר קיין סאָלדאט טויג ער ניט): ער האָפּט ניט סך־הכל קיין דריטהאלבען ווערש־קעס אין דער ברייט האָפּט ער ניט! ניע גאָדיען, א ווייסער בילעט... וויעדער א מאָל א שמחה, א גדולה, מזל־טוב, מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איהר לעבען!... צונויפגעקומען זיך די משפּחה, געשטעלט משקה, געטרונקען לחיים. דאנקען השם יתברך, גע'־פּטר'ט דעם פּריזיוו!

נאָר אונזערע אידעלעך... מיינט איהר דאָך, אז עס האָט זיך ניט געפונען א שייגעץ, וואָס איז א בעלן געוועזען מסר'ען אין דער גובערניע, אז איך האָב „געשמירט"? וואָס טויג אייך, ס'איז ניט אוועקגעגאנגען צוויי חדשים פונ'ם פּריזיוו, קומט מיר אָן א פּאַ־פּיער, אז מע בעט מיין איציקען, אלטערען הייסט דאָס, ער זאָל זיך מטריח זיין אהינצוצו, אין דער גובערסקי פּריסוטסטוויע, נאָך

צו וואָס באַדאַרף מען אייך מיט אייער טאַקסע?״... צום סוף, הערט וואָס ס׳לאָזט זיך אויס. אומזיסט־אומנישט האָב איך איהם אָפּגעזידעלט, דעם שענעם רב, וואָרום די מעשה מיט׳ן סאַמאָ־וואַר איז גאָר געווען ניט דאָ אין מעזערעטיש, ס׳איז גאָר געווען בשעת מיר זענען, ניט היינט געדאַכט, געזעסען אין וואָראָטי־ליוועקע. איהר פאַרשטעהט א מעשה? ס׳איז מיר גאָר אַרויס־געפלויגען פון קאָפּ איז דאָס מיר!

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאכען — מעשיות, ביז איך האָב מיך אַ ריהר געטהאָן, פאַפּיערען אַהער, פאַפּיערען אַהין, האָט מיין אברהם־יצחק, איציק הייסט דאָס, וואָס מע רופט איהם אַלטער, אָנגעוואוירען די גאַנצע ווילגאָטע. נישטאָ קיין ווילגאָטע! נישטאָ קיין ווילגאָטע? שלעכט! אַ גוואַלד, אַ געפילדער, סטייטש, אַ בן־יחיד, איינאונאיינציגער, אַ ריינער, איין אמת׳ער, אַ כשר׳ער פּערוויזראַדניק, און אָהן אַ שום וויל־גאָטע! נאָר געה שריי חי וקיים — פאַרפאַלען!

האָבען מיר דאָך אָבער אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט! געהט מיין אַלטער, איציק הייסט דאָס, און שלעפּט ניט אַרויס דעם גרעסטען זשערעב, נומער 699? די פּריסוטסטוויע האָט זיך דעמאָלט געוויעגט. דער פרינצעדאַטעל אַליין האָט איהם געגע־בען אַ זעץ אין פּלייצע: „בראַוואָ, איצקאָ, מאָלאָדיעץ!״ די גאַנצע שטאָדט האָט מיר מקנא געווען: נומער זעכס־הונדערט־ניינען־און־נייענציג! אָט אַ גליק! מזל־טוב! מזל־טוב!... מיט מזל זאָלט איהר לעבען! — פונקט ווי איך וואָלט דאָ אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די רי״ש אלפים!

נאָר אונזערע אידעלעך... ס׳איז געקומען צום פּריאָם — אַז מע האָט אָנגעהויבען צו בראַקעווען, בראַקעוועט מען נאָך! אַלע זענען געוואָרען מיט אַ מאָל וויסטע פינסטערע קאַליקעס; דער מיט אַזאַ חסרון, דער מיט אַזאַ חסרון...

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאכען — מעשיות, ס׳איז אָנגעקומען צו מיין זוהנ׳ס נומער 699, און מיין

האָט איהם דער דאָקטער אָפּגעהאַקט: „ניע גאָדיען!" דער זאָגט: „גאָדיען", דער זאָגט: „ניע גאָדיען". „גאָדיען, ניע גאָדיען" — אזוי לאַנג, אַזוי בּרייט, בּיז דער גובּערנאַטאָר אַליין האָט זיך מטריח געווען פונ׳ם בּענקעל, צוגעגאַנגען, אַ קוק געטהאָן און גע־זאָגט: „סאָווערשענאָ ניע גאָדיען", דאָס הייסט — ער טויג אויף נייען־און־נייענציג כּפּרות... האָבּ איך בּאַלד אָוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעש אַהיים, געוויינטליך פאַרשטעלט: „מזל טוב! טאָוואַר אַקאַנטשאַטעלנע זאַבּראַקאָוואַן".

דאַרף זיך טרעפען אויף מיין גליק, וועט איהר האָרכען אַ שענס, אַז מיין דעפּעש קומט־אָן ניט צו מיר אַהיים, נאָר צו מיינעם אַ געשווּעסטערקינד, מיין נאָמען טאַקי הייסט ער, אַ איד אַ נגיד, און, איך בּעט איבּער אייער כּבוד, אַ גרויסער דבר־אַחר. און ס׳איז קיין חידוש ניט — ער האַנדעלט מיט אָכסען האַנדעלט ער. האָט ער געהאַט אַרויסגעטריבּען טאַקי אין דער אייגענער גובּערניע אַ פּאַרטיע אָכסען און אַרויסגעקוקט אויף אַ דעפּעש, אַז די אויגען זענען איהם שיער ניט אַרויס. קאָנט איהר פאַרשטעהן, ווי אַזוי איהם איז געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, אַז מע האָט איהם אָפּגעגעבּען מיין דעפּעש: „ט אָ וו אַ ר אַ ק אָ נ ט ש אַ ט ע ל נ ע ז אַ־בּ ר אַ ק אָ וו אַ ן"... איך האָבּ געמיינט, ער וועט מיך אויפ־עסען אַ לעבּעדיגען, אַז איך בּין געקומען אַהיים. איהר פאַרשטעהט אַ השגה פון אַ נגיד אַ דבר־אַחר, וואָס האַנדעלט מיט אָכסען? גענוג ער נעמט־איבּער פרעמדע דעפּעשען, איז ער נאָך גערעכט!...

אַצינד וועלען מיר זיך אומקעהרען נאָך אַ מאָל צוריק צו יענער צייט, ווען איך בּין נאָך געזעסען, ניט היינט געדאַכט, אין וואָראָטיליווקע, און מיין איציק, אַלטער הייסט דאָס, איז נאָך געווען אַ קליין קינד איז ער נאָך. ויהי היום טרעפט זיך אַ מעשה, עפּיס אַ רעוויזיע אין שטאָדט, מע איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און מע האָט איבּערגעשריבּען איטליכען בּאַזונדער, פון קליין בּיז גרויס, ווי אַזוי ער הייסט און וויפיעל ער איז אַלט, און וויפיעל קינדער האָט ער, צי זכרים, צי נקבות, און ווי אַזוי רופט

א מאָל, „נאַ וואָספּיטאַניע" הייסט דאָס. געפעלט אייך, אַשטייגער, די גוטע בשורה, האַ? א שענע חתונה! מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, לעגט־איין די וועלט, די שנור חלש'ט: סטייטש, סטייטש, צוויי מאָל צום פּריזיוו, א בן־יחיד, איינאונאיינציגער, א ריינער, איין אמת'ער, א כשר'ער פּערוויזראַדניק!

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאכען — מעשיות, אז מע רופט אין דער גובערניע אריין, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין און מע מוז פאָהרען. געקומען אין דער גובערניע, הויב איך דאָך מסתמא אָן ארומלויפען, אהין־אהער, טאָמער זכות־אָבות, א גוט וואָרט — געה שריי „אני שלמה", דערצעהל יענעם א מעשה, א בן־יחיד, איינאונאיינציגער, און ניט קיין געזונטער דערצו, — מאַכט ער נאָך דאָס גרעסטע געלעכטער! און מיין זוהן? א שענע־רען לעגט מען אין קבר אריין. ניט מחמת דער פּריזיוו; ער הערט, זאָגט ער, דעם פּריזיוו הערט ער אין דער לינקער פּיאַטע; אויב ס'איז איהם באַשערט, זאָגט ער, דיענען, וועט ער דיענען; נאָר וואָס דען? ער קאָן ניט איבערטראָגען אונזערע יסורים קאָן ער ניט, דאָס הייסט, די יסורים פון די ווייבער קאָן ער ניט צוזעהען: א גובערסקי פּריסוטסטווע, א קשיה אויף א מעשה, טאָמער, איך וויים? ס'איז דאָך נאָר א גורל, ווי זאָגט איהר, א לאָטעריע איז דאָך עס!

האָבען מיר דאָך אָבער א גרויסען גאָט אויף דער וועלט! מע האָט אריינגעפיהרט מיין איציקען, אלטערען הייסט דאָס, אין דער גובערסקי פּריסוטסטווע, איך בעט איבער אייער כבוד, א נאַקעטען, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, און מע האָט איהם גענומען ווידער א מאָל פון מה־טובו, באַטראַכטען אין דער לענג און אין דער ברייט, ווידער א מאָל טאַפּען, קוקען, מוטשען. וואָס, משטיינס געזאָגט? אז ער טויג ניט, דער הונט (דאָס הייסט, טויגען טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער ניט). איינער האָט זיך אפילו געשטעלט אקעגען און געפּרובט א זאָג טהון: „נאָדיען".

פארפאלען, זאג איך, די קוה מיט׳ן שטריקעל!״ און לאז מיך אוועק גלייך אין דער פריסוטסטווע. איך קום אין דער פריסוט־סטווע קום איך, טרעף איך דארט א שרייבער פון די שרייבערס און דערלאנג איהם דאס פאפיער. איבערגעלייענט דאס פאפיער, ווערט ער מלא רציחה, דער שרייבער הייסט דאס, און טהוט מיר א שמיץ דאס פאפיער אין פנים אריין מיט א מין פייער, מע זאל באהיט און באוואהרענט ווערען! סטופאיטיע — געהן זאלט איהר, הייסט דאס, צו אלדי רוחות מיט אלע אייערע נעמען און מיט אלע אייערע אידישע מאניפארגעס! „איהר ווילט זיך, זאגט ער, אויסדרעהען פונ׳ם פריזיוו, זשידי מאשעניקי, זאגט ער, ווערט ביי אייך פון אברהם — יצחק, און פון יצחק — איציק, און פון אי־ציק — אלטער. ניין, ביי אונז געהען נישט אן אזעלכע שטיקלעך, שאכער־מאכער!״... „נו, קלער איך מיר, וויבאלד „שאכער־מא־כער״, מיינט ער מסתמא א קערבעל״... און איך נעם־ארויס א מטבע און וויל איהם ארייגרוקען אין האנט אריין, און רוף מיך אן צו איהם שטילערהייט: „איזווינימיע, וואשע וויסאקע־פרא־וואזשיטעלסטווע!״... אז ער האפט זיך ניט אויף מיט א געשריי: „ווזיאטקי!?״... עס זענען זיך צונויפגעלאפען נאך שרייבערס, און, וואס טויג אייך, מע האט מיר געגעבען דעם וועג האט מען מיר... אזא־נ־אומגליק — באדארף איך אנטרעפען גראד אויף א „נקי־כפים׳ניק״!... מאהלט אייך, עס רעדט זיך נאר אזוי, אז ער נעמט ניט — צווישען אידען ווערט מען ניט פארפאלען; איך האב געפונען א אידען, וואס דורך איהם נעמט ער... עס האט געהאלפען ווי א טוידטען באנקעס — און ס׳איז געבליבען, אז איך האב נאך א זוהן, וואס ער הייסט אלטער. זאל ער מוחל זיין, אלטער הייסט דאס, ׳זיך שטעלען אין וואראטיליוועקע צום פריזיוו זאל ער זיך. א גוט פעקעל!

ווי אזוי איך האב איבערגעלעבט דאס יאהר — בין איך שטארקער פון אייזען בין איך! האטש אז מע וויל שמועסען צוריק, וואס האב איך, שוטה, מורא צו האבען? צעהן מאל פריזיוו, אז

מען זיי?... אז ס'איז געקומען צו מיין איציקען: ווי אזוי רופט מען איהם? זאָגט מיין ווייב, זאָל געזונט זיין: אַלטער. איז זיך מיישב יענער, מע זאָגט איהם אַלטער — אַ שענע ריינע כּפּרה; געהט ער און פאַרשרייבט: „אַלטער".

אוראי קומט מיר אָן פונקט אין אַ יאָהר אַרום נאָכ'ן פּריזיוו אַ נייע בשורה: מע זוכט מיין זוהן אַלטערען, ער זאָל זיך שטעלען מחילה צום פּריזיוו אין וואָראָטיליוּוקע! — וואָס סע האָט זיך מיר גע'חלום'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! נאַ דיר אַזאַ נייעס! ברוך הבא, אַ איד רב אַלטער!

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאַכען — מעשיות, מע רופט מיין איציקען, אַלטערען הייסט דאָס, נאָך אַ מאָל צום פּריזיוו גאָר איבעראַנייעס! מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, לעגט־איין די וועלט, די שנור חליש'ט. סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מע זאָל אויספּאָהרען די גאַנצע וועלט פון איין עק ביז'ן אַנדערען עק, אַז אַ בן־יחיד, איינאַונאיינציגער, אַ ריינער, איין אמת'ער, אַ כּשר'ער פּערוויזראַדניק זאָל באַדאַרפען שטעהן דריי מאָל צום פּריזיוו! נאָר געה רעד טערקיש, רעד טאַ־טעריש — וואָס טהוט מען וואָס? בין איך אוועקגעלאָפען צו אונזער „אָבטשעסטוועָ", געמאַכט אַ גוואַלד, קוים גע'פועל'ט, צעהן אידען זאָלען אָפּשווערען און חתמנ'ען זיך, אַז זיי ווייסען פּאָזי־טיוו, אַז איציק איז אברהם־יצחק, און אברהם־יצחק איז אַלטער, און אַז אַלטער און איציק און אברהם־יצחק זענען אַלע איין פּאַרשוין.

באַקומען דאָס פּאַפּיער, בין איך אוועק מיט'ן פּאַפּיער קיין וואָראָטיליוּוקע. געקומען קיין וואָראָטיליוּוקע — אַ גאַסט! וואָס מאַכט אַ איד רב יאָסעל? וואָס טהוט איהר היע? וויל איך דאָך מסתמא ניט אויסזאָגען — צו וואָס דאַרף איך עס? גלייכער אַז אַ איד ווייסט ווינציגער. „גאָרניט, זאָג איך, איך באַדאַרף דאָ האָבען צו אַ פּריץ"... „מכּח וואָס?"... „מכּח פּראָסע, זאָג איך, איך האָב געהאַנדעלט, זאָג איך, פּראָסע האָב איך געהאַנדעלט, גענגעבען איין אַדערויף, ניטאָ ניט קיין פּראָסע, ניט קיין אַדערויף,

איזיק איז איין נאָמען״. „ווי אזוי, זאָג איך, איז איציק און אייזיק איין נאָמען, חכם איינער?״ זאָגט ער: „איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אייזיק״... אַ גוטער משל!

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאַכען — מעשיות? מע זוכט מיין אייזיקען, מע טרענט פון מיר די אָדערען, איך זאָל איהם שטעלען צום פריזיוו זאָל איך איהם! אין שטוב ביי מיר איז געוואָרען אַ נייער געוויין. שייך זאָגען, אַ געוויין? חורבן בית־המקדש. ערשטענס, האָט מיין ווייב, זאָל לעבען, זיך דערמאַנט אינ׳ם געשטאָרבענעם, אויפגעוועקט די אַלטע וואונדען. „נעחיי וואָלט ער, זאָגט זי, בעסער לעבען און שטעהן איצטער צום פריזיוו, איידער, זאָגט זי, ער זאָל ליגען אין דער ערד און די ביינער זיינע זאָלען פוילען״... והשנית, האָט זי מורא, טאָמער חלילה איז טאַקי, לא יעלה ולא יבוא, ווי דער ראַבינער זאָגט, אַז איציק איז יצחק, יצחק איז איסאַק, איסאַק איז איזאַק און איזאַק איז אייזיק, איז דאָך טאַקי ניט פריילין!... אזוי זאָגט זי, מיין ווייב זאָל געזונט זיין, און לעגט־איין די וועלט, און מיין שנור, געוויינטליך, חליש׳ט! אַ ווערטעלע אויסצורעדען — אַ בן־יחיד, איינאונאיינציגער, אַ ריינער, איין אמת׳ער, אַ כשר׳ער פערוויזראַדניק, דריי מאָל געשטעלט זיך צום פריזיוו, צוויי ווייסע בילעטען — און איז נאָך ניט פאַרטיג!...

האָב איך גענומען, הייסט דאָס, די פיס אויף די פלייצעס און בין זיך דורכגעפאָהרען קיין יעהופּעץ בין איך זיך, איין עצה האַל־טען זיך מיט אַ רעכטען אדוואָקאַט, און אגב האָב איך טאַקי מיט־גענומען מיין זוהן, איך זאָל זיין מיט איהם ביי׳ם פראָפעסאָר, הערען וואָס דער פראָפעסאָר וועט זאָגען, צי טויג ער, צי טויג ער ניט, חאָטש איך ווייס אַליין גאַנץ גוט, אַז ער טויג ניט, דער הונט (שייך זאָגען, ער טויג ניט? טויגען טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָל־דאַט טויג ער ניט)... און אַז איך וועל הערען וואָס דער אדוואָקאַט וועט מיר זאָגען און וואָס דער פראָפעסאָר וועט מיר זאָגען, וועל

איך ווייס, אז ער טויג נִיט, דער הונט (שייך זאָגען, טויג ניט? טויגען טויג ער, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג ער ניט); ובפרט, אז מע האָט איהם שוין צוויי מאָל ארויסגעבראַקעוועט האָט מען איהם. נאָר צוריק בין איך זיך מיישב: א פרעמדע שטאָדט, א פּריסוטסטווע מיט „נקי־כפּים׳ניקעס", א קשיה אויף א מעשה?...

האָבען מיר דאָך אָבער א גרויסען גאָט אויף דער וועלט! מיין אלטער, איציק הייסט דאָס, האָט ווידער א מאָל געצויגען א זשערעב, וויעדער א מאָל זיך געשטעלט צום פּריאָם, און גאָט האָט א נס געטהאָן, די וואָראָטיליוקער פּריסוטסטווע האָט אויך געזאָגט „ניע גאָדיען", און האָט איהם ארויסגעגעבען א ווייסען בילעט. האָבען מיר שוין, מיט גאָט׳ס הילף, צוויי ווייסע בילעטען!

געקומען אהיים — ששון ושמחה! געמאַכט א סעודה, צוּנויפגערופען כמעט די גאַנצע שטאָדט, געהוליעט, געטאַנצט ביז טאָג. ווענען הער איך אצינד? און ווער איז צו מיר גלייך? א קיסר!

אצינד וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו מיין אייזיקען, עליו־השלום, דער וואָס האָט, איהם צו לענגערע יאָהר, איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר נאָך קינדווייז, — וועט איהר הערען א שענס וועט איהר הערען. איהר פאַרשטעהט א מעשה? געה זיי א נביא, אז דער שענער רב דער קאַזיאָנער פון וואָראָטיליוקע וועט איהם פאַרגעסען אויסמעקען פון די מעטריקעס, דעם געשטאָרבענעם הייסט דאָס, און עס וועט זיך רעכענען אויף מיר א חוב, אז איך האָב נאָך ערגיץ א זוהן אייזיק, וואָס באַדאַרף זיך שטעלען היינטיגס יאָהר צום פּריזיוו! נא דיר אזא מין באָמבע! וואָס איז דאָס פאַר איין אומגליק אויף מיר? וְוער מיר אייזיק? אייזיק איז שוין לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט! אזוי טענה איך, האַלט מיך איין עצה מיט אונזער ראַבינער: וואָס טהוט מען, וואָס? זאָגט ער: „ס׳איז ניט גוט!" „פאַר וואָס, זאָג איך, איז ניט גוט, פאַר וואָס?" „דערפאַר, זאָגט ער, ווייל איציק און

זאָג איך. — וואָס האָט איהר צונויפגעמישט קאַשע מיט באָרשט? דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען, זאָג איך, טרעפט זיך מיר, אַז אַ איד זאָל טראָגען אויף זיך אַזאַ גויישען קאָפּ, זאָג איך! מע זאָגט דאָך אייך, אַז יצחק און אברהם־יצחק און איציק און אייזיק און אַלטער — דאָס איז אַלץ איין מענטש! איין מענטש!" — „שאַט, זאָגט ער, שרייט ניט אַזוי, וואָס שרייט איהר?"... איהר האָרכט? ער איז נאָך געדעכט!...

בקיצור, כ'האָב אַ שפּיי געטהאָן און אוועקגעגאַנגען צו איין אַנדער אַדוואָקאַט, און האָב אָנגעטראָפען שוין דוקא אויף אַ גמרא־קעפּעל האָב איך אָנגעטראָפען, נאָר אַ ביסעל שוין צו פיעל איבער־געשפּיצט. ער האָט זיך געריבען דעם שטערן און געלערענט דעם פּשט, געדרעהט, געמוטשעט די זאַקאָנעס, געדרונגען, אַז נאַ אָסנאָ־וואַניע טאַקאָי טאָ סטאַטיאַ האָט די מעזערעטשער פּריסוטסטווע איהם גאָר ניט געטאָרט צושרייבען. נאָר וואָס דען? ס'איז פּאַרהאָן אַ זאַקאָן, זאָגט ער, אַז וויבאַלד די פּריסוטסטווע האָט איהם יאָ צוגעשריבען, דאַרף איהם יענע פּריסוטסטווע אויסשריי־בען, „וויקליוטשאיען" הייסט עס. און ווייעדער איז פּאַרהאָן, זאָגט ער, אַ זאַקאָן, אַז די פּריסוטסטווע האָט איהם צוגעשריבען און יענע פּריסוטסטווע האָט איהם ניט אויסגעשריבען, „וויקליוטשאַ־יעט" הייסט עס, מוז זי איהם אויסשרייבען, „וויקליוטשאיען" הייסט עס. און ווייעדער איז פּאַרהאָן אַ קאַסאַציע, אַז וויבאַלד יענע פּריסוטסטווע וויל ניט אויסשרייבען, „וויקליוטשאיען" הייסט עס...

בקיצור, אַזאַ זאַקאָן און אַזאַ זאַקאָן, אַזאַ קאַסאַציע און אַזאַ קאַסאַציע — ער האָט מיר אָנגעקאַסאַציעט אַ פולען קאָפּ האָט ער מיר אָנגעקאַסאַציעט, און איך האָב געמוזט געהן צו אַ דריטען האָב איך געמוזט, און האָב אָנגעטראָפען אויף אַ נייעם שלים־מזל, נאָך גאָר אַ יונג אַדוואָקאַטעל, נאָר־וואָס פון דער נאָדעל אַרויס, דאָס הייסט, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיגט „יורי", זעהר אַ צוגע־לאַזט מענטשעל אפילו, מיט אַ צינגעלע ווי אַ גלעקעל — און סע

איך שוין דעמאָלט קאָנען שלאָפען רוהיג, אויפהערען האָבען צו טהון מיט'ן פּריזיווו... צום סוף, וואָס לאָזט זיך אוים? עס לאָזט זיך אוים, אַז די אדוואָקאטען מיט די פּראָפעסאָרען ווייסען אַלע מעהר פון א טוידטען ווייסען זיי. אַז דער זאָגט אזוי, און דער זאָגט אזוי; וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אנדערער קאַפּויר. דול און משוגע צו ווערען! וועט איהר הערען.

צום ערשטען אדוואָקאט האָב איך אָנגעטראָפען אויף איינעם א גראָבען קאָפּ א שטומפּיגען, און דוקא מיט א גרויסען שטערן און מיט א גלאטען קאָפּ, א ליסינע, חאָטש נעם קאטשע־אוים אויף איהר א בלאַט לאָקשען. ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַר־שטעהן, דער חכם, ווער איז אַלטער, און ווער איז איציק, און ווער איז אברהם־יצחק, און ווער איז געווען אייזיק? דערצעהל איך איהם דאָך איבער נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, אַז אַלטער און איציק און אברהם־יצחק — דאָס איז איין מענטש, און אייזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך געווען א וואָראָטיליוועקער, אין וואָראָטיליוועקע הייסט עס... מיין איך, אַז איך בין שוין מיט איהם פאַרטיג. צום סוף טהוט ער מיך א פרעג גאָר איבעראַנייעם: „פּאַזוואָלטי, שטעהט נאָר שטעהט, ווער זשע איז צווישען זיי דער עלטערער, איציק, צי אַלטער, צי אברהם־יצחק?” „אָט האָסט דו דיר! — מאַך איך צו איהם. — איך האָב אייך שוין, דאַכט זיך, פופצעהן מאָל געזאָגט האָב איך אייך, אַז איציק און אברהם־יצחק און אַלטער איז אַלץ איין פאַרשוין, דאָס הייסט, דער אמת'ער נאָמען זיינער איז איציק, דאָס הייסט אברהם־יצחק, נאָר רופען רופט מען איהם אַלטער, די מאַמע זיינע, זאָג איך, האָט איהם אזוי פאַרצוויגען, און אייזיק, זאָג איך, איז דער, וואָס האָט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, בשעת איך בין נאָך געווען א וואָראָ־טיליוועקער, אין וואָראָטיליוועקע הייסט עס”... „ווען זשע, מאַכט ער, וואָסער יאָהר הייסט דאָס, איז געשטאַנען אברהם־אַלטער, מיין איך, יצחק־אייזיק, צום פּריזיוו?” „וואָס בעלעבעטשעט ער? —

יצחק — אזוי זאָגט דער ראַבינער אונזוערער דער לעקיש — איז איסאַק, און איסאַק איז איזאַק, און איזאַק איז אייזיק, קאָן מען חלילה זאָגען אויף מיין איציקען, אָדער אברהם־יצחק'ען, אַלטערען הייסט דאָס, אַז ער איז דאָס דער אייזיק!" „נו, וואָס־זשע איז, מאַכט ער; אדרבה, נאָך גלייכער! אויב איציק איז אייזיק, וועט איהר פאַרשפּאָרען צאָהלען שטראָף אויך. ער האָט דאָך, זאָגט איהר, א וויסען בילעט?" „צוויי, זאָג איך, וויסע בילעטען! די בילעטען האָט אָבער איציק, ניט אייזיק". „איהר זאָגט דאָך, מאַכט ער, אַז איציק איז אייזיק?" „ווער זאָגט דען, זאָג איך, אַז איציק איז אייזיק?" „אָט האָט איהר דאָך נאַר־וואָס, זאָגט ער, געזאָגט, אַז איציק איז אייזיק!" „איך זאָג? ווי קאָן איך, זאָג איך, זאָגען אזא זאך, אַז איציק איז גאַר אַלטער, און אייזיק איז דער, וואָס האָט איבערגעקעהרט אויף זיך דעם סאַמאָוואַר, בשעת איך בין נאָך געווען א וואָראָטילניק, אין וואָראָטילניקע הייסט עס!"... ווערט ער אָנגעצונדען און הייסט מיר געהן: „סטופּאיטיע, זאָגט ער, ווי, זאָגט ער, נאַדאָיעדליווע, זאָגט ער, יעוורייי", זאָגט ער!... איהר פאַרשטעהט וואָס דאָס הייסט? דאָס הייסט: איך בין א נודניק. איהר הערט? א י ך ב י ן א נ ו ד נ י ק! א י ך!!!

ע נ ד ע ג ע ש י כ ט ע נ ו מ ע ר ד ר י י צ ע ה ן.

קלינגט. ווייזען ווייזט אויס, אז ער לערענט זיך נאָך רעדען לע־
רענט ער זיך, מחמת אז ער רעדט, זעהט מען, אז ער האָט הנאה
האָט ער, ממש סע קומט איהם צו אַ שטיק געזונט. ער האָט זיך
אזוי צערעדט, אזוי צעפלאַקערט, געהאַלטען אַ גאַנצע דרשה גע־
האַלטען, אַז איך האָב געמוזט איהם איבערשלאָגען אין מיטען און
זאָגען: „זעהר פיין, זאָג איך, איהר זענט אודאי זעהר גערעכט;
נאָר וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער ווײנען, וואָס איהר באווײנט
מיך? איהר גיט מיר בעסער איין עצה, זאָג איך, מיט מיין זוהן
וואָס טהו איך, טאָמער חלילה טהוט מען איהם אַ רוף טאָמער?"

קיצור הדבר, וואָס טויג אייך היסטאָריעס — זאָבען —
מעשיות, איך האָב מיך דערשלאָגען צום רעכטען, צום אמת'ען
אדוואָקאַט. דאָס איז, פאַרשטעהט איהר מיך, שוין איין אדוואָקאַט
פון די אַלטע אדוואָקאַטען, איין אדוואָקאַט, וואָס פאַרשטעהט אַ
ענין. איך האָב איהם אויסדערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון אלף
ביז תיו, און ער איז געזעסען די גאַנצע צייט צוגעמאַכט די אויגען
און געהאָרכט. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר: „שוין? האָט
איהר שוין געענדיגט? פאָהרט אהיים, ס'איז בלאָטע, מעהר ווי
דריי הונדערט קערבלעך שטראָף וועט איהר ניט צאָהלען". „אָט
דאָס איז גאָר? — זאָג איך. — ע! איך זאָל וויסען, אז דאָ שמעקט
נאָר מיט דריי הונדערט קערבלעך שטראָף! איך האָב מורא פאַר
מיין זוהן האָב איך מורא!" „וואָסער זוהן?" „וואָס הייסט,
זאָג איך, וואָסער זוהן? מיין אַלטער, איציק הייסט דאָס!" „וואָס
געהער זיך דאָס אָן, זאָגט ער, מיט איציקען?" „וואָס הייסט,
זאָג איך, וואָס סע געהער זיך אָן? **טאָמער, חלילה, שלעפּט מען
איהם נאָך אַ מאָל טאָמער?" „ער האָט דאָך, זאָגט איהר, אַ**
ווייסען בילעט". „ער האָט, זאָג איך, **צ ו ו י י ווייסע בילעטען!"
„נו, אם כן, וואָס זשע ווילט איהר?" „וואָס זאָל איך ווע**לען?
וויל**ען וויל איך גאָרניט; איך האָב נאָר מורא, זאָג איך, אזוי ווי**
מע זוכט איצטער אייזיקען, **און אייזיק איז ניטאָ, און אזוי ווי**
אַלטער, איציק הייסט עס, שטעהט פאַרשריבען **אברהם־יצחק, און**

געשיכטע נומער פערצעהן

מע טאָר ניט זיין קיין גוטער !

געשריבען אין יאָהר 1903.

געשיכטע נומער פערצעהן

מע טאָר ניט זיין קיין גוטער!

— מע טאָר ניט זיין קיין גוטער! — מאַכט צו מיר א לייטישער איד מיט אַ גילקע אויף דער נאָז און נעמט ביי מיר א פּאַפּיראָס אויף צו פאַררויכערן. — הערט איהר, וואָס איך זאָג אייך? מע טאָר ניט זיין קיין גוטער! איבער מיין גוטסקייט, איבער מיין פּאָרלע ווייכען כאַראַקטער, האָב איך מיר אליין אָנגעאַרבייט א חתונה, אויסגעהאָדעוועט איין אומגליק ביי זיך אין שטוב, צוויי אומגליקען! איהר מעגט דאָס האָרכען!

גאָט האָט מיך געוואָלט מזכּה זיין מיט א מצוה, האָט ער מיר צוגעשיקט אַ יתומה מיט אַ יתום. דער אויבערשטער האָט מיך געשטראָפט, מיר ניט געגעבען קיין קינדער, האָב איך מיר אַליין גענומען; גענומען פרעמדע קינדער, זיי געטהאָן גוטס, געמאַכט פאַר לייט, צאָהלען זיי מיר איצטער מיט שטיינער.

קודם דאַרף מען אייך דערצעהלען פון דער יתומה, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַ יתומה? איז אַזוי די מעשה. מיין ווייב האָט געהאַט אַמאָל אַ שוועסטער, אַ יונגערע, פערעל האָט זי געהייסען. איז זי געוועזן, פערעל הייסט דאָס, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איין פאַרשוין אין דער וועלט. זיי זענען אַלע שענע. דאָס הייסט, מיין ווייב איז נאָך היינט אויך א שענע אידינע.

אונטערצוקרענקען, פריהער פּאווּאָלינקע, נאָכדעם שטארקער און שטארקער. וואָס טויג אייך, פּערעל איז געשטאָרבען. בין איך אייך ניט אויסען.

פּערעל איז געשטאָרבען און האָט געלאָזט א קינד, א מיידעל פון א יאָהר זעכס־זיעבען. דער מאַן איז געוועזן ערגיץ אין אלדי שווארצע יאָהר אין אָדעס; ער האָט זיך ארייגעלאָזט אין דעם שפּיעלען אזוי ווייט, אז ער האָט געמאכט א תל פון זיין געלט און פון זיין טאטענ׳ס געלט און פונ׳ם זיידענ׳ס ירושה — א תל־עולם איז פון איהם געוואָרען! ס׳איז גאָר א סכּרה, אז ער האָט זיך ארייגעהאפּט ערגיץ אין א טורמע. נאָכדעם האָט ער זיך א צייט ארומגעשלייעט ערגיץ, באקומען עפּיס א מאָדנע קרענק און איז געשטאָרבען אין פרעמדע תּכריכים. אָט האָט איהר אייך אויף א מינוט א סך־הכּל פון א געזינדעל. און אָט אזוי איז ביי מיר פארבליבען זייער טעכטערעל, א יתומה׳לע נעבאך, רייזעל הייסט זי. איך האָב זי גענומען צו זיך נאָך קינדווייז, ווארום קיין קינדער, פארשטעהט איהר מיך, האָב איך ניט, דער אויבער־שטער האָט מיך געשטראָפט — לאָז זי זיין א קינד. וואָלט געוועזן גוט, איז אָבער דער חסרון, וואָס צו גוט טויג אויף כּפּרות! ביי איין אנדער פעטער וואָלט אזא מיידעל א יתומה געוואקסען אין קיך, געוועזן א הילף אין שטוב, געשטעלט דעם סאמאָוואר, גע־פּאָלגט א גאנג און דאָס גלייכען, און ביי מיר איז זי געוועזן פאר־רעכענט פאר איין אייגען קינד — דאָס אייגענע קליידעל מיט די אייגענע שיך מיט׳ן אייגענעם עסען, וואָס מיין ווייב. וואָס איז שייך זאָגען — ביי איין טיש גלייך מיט אונז. בין איך אייך ניט אויסען.

שפּעטער, אז די דאָזיגע רייזעל האָט אָנגעהויבען אונטערוואכ־סען, האָב איך זי אוועקגעגעבען לערנען צו א שרייבער. און פון דעם אמת קאָן מען ניט אוועקגעהן — זי איז געוועזן א געראָטען קינד, א שטילס, איין עהרליכס, א גוטס און א קלוגס, און שען —

פאר זייער שענקייט פלעגט מען זיי נעמען ווי זיי שטעהען און געהען, אפגילטען. בין איך אייך ניט אויסען.

אז זי האט חתונה געהאט, די שווענערין מיינע, האט מען געזאגט, אז זי האט געטראפען א שמאליץ־גרוב, א גליק, וואס טרעפט זיך איין מאל אין הונדערט יאהר, א גביר׳יש קינד, וואס האט באַדארפט ירש׳ענען א זיידען א גביר און א טאטען א גביר און א פעטער א „בעזדיטניק" א גביר — פון אלע זייטען גבירים. א גליק! בין איך אייך ניט אויסען. איז אבער דער חסרון, וואס דער יונגערמאן אליין איז געווען א דער־רוח־ווייסט־וואס. דאס הייסט, אזוי איז ער אפילו געווען א גאנץ פיינער יונגערמאן, ניט קיין נארישער און ניט קיין גראבער יונג, און א גוטער מענטש, א צוגעלאזטער, א פרייליכער. נאר וואס דען? א שארלאטושקע! לאז ער מיר מוחל זיין, ער איז שוין אויף דער אמת׳ער וועלט. דהיינו, וואס הייסט א שארלאטושקע? ער האט ליעב געהאט א קערטעל. אבער ווי אזוי, מיינט איהר, ליעב געהאט? דאס חיות מיט דער נשמה! צוליעב א קערטעל וואלט ער אייך געגאנגען הונדערט מייל צו־פוס. תחילת איז געווען א „זעכס־און־זעכציג", א אידישע „אקע", א „סטוקעלקע", א „טערטעל־מערטעל" — צוויישען אייגענע, איין מאל אין חודש, אין די לאנגע ווינטערדיגע נעכט... נאכדעם האט זיך אנגעהויבען אפטער און אפטער, מיט יונגעלייט, מיט ווייסע־חברה׳ניקעס, מיט וואו ערגיץ א שלאק, א פוסטעפאסניק, א לעדיגגעהער. און איהר זאלט וויסען זיין, אז דארט וואו א קערטעל, איז שוין אלסדינג, וואס אין דער קארט! ווער קוקט דעמאלט אויף א מנחה? ווער רעדט פון אהן א היטעל? פון חלול־שבת? און כדומה אזעלכע זאכען, וואס זענען שייך צו אידישקייט? און ווי אויף־צו־להכעים, איז פערעל, מיין שווענערין הייסט דאס, געווען א פרום ווייבעל, א כשר׳ס, און האט מסתמא ניט געקאנט ליידען זיינע שענע חפציות מיט זיינע גענג. איז זי געלעגען טאג ווי נאכט מיט׳ן פנים אין קישען און האט געוויינט אויף איהרע יאהר און טעג, אזוי לאנג, ביז זי האט אנגעהויבען

מיט יענער מעשה, דאָס הייסט, די מעשה און יענע מעשה זענען טאַקי איין מעשה.

איך האָב געהאַט אַזוי גרויס ווי אַ יונגערען ברודער משה־הערשעל, האָט זיך מיט איהם געטראָפען אַ מעשה — ס'איז ביי מיר אַ מעשה מיט גאָלע מעשיות: — ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיין מענטשען געדאַכט, ער איז געוועזען אין מרחץ פרייטאָג און האָט זיך געוואָלט אָפּגיסען מיט קאַלט וואַסער, האָט ער געכאַפּט אַ שעפעל מיט זודיג וואַסער און האָט דאָס איבערגעקעהרט אויפ'ן קאָפּ און האָט זיך אָפּגעקאָכט, און האָט זיך געמוטשעט אַ טאָג אַכט און איז געשטאָרבען, און האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט איין קינד — אַ יונגעל פון אַ יאָהר זעכס, פּייסי הייסט ער. האָט ניט געדויערט קיין האַלב יאָהר און מע האָט איהר אָנגעהויבען רעדען שידוכים. האָט דאָס מיך זעהר אָנגענומען ביי'ם האַרצען, און איך בין אַוועקגעגאַנגען צו איהר, צו מיין שוועגערין הייסט דאָס, און זאָג איהר: „אויב דו ווילסט חתונה האָבען, גיב מיר אָפּ דאָס קינד". האָט זי זיך תּחילת אַ ביסעל געבּרעקעלט, כלומרשט ניט געוואָלט הערען, ניט זעהען. אַהער־אַהין — בקיצור, איך האָב ביי איהר גע'פּועל'ט. זי האָט מיר דאָס קינד געבּראַכט, און אַליין איז זי אַוועק ערגיץ קיין פּוילען, דאָרטען חתונה געהאַט, און מע זאָגט, ס'איז איהר ניט שלעכט... מילא, בין איך אייך ניט אויסען.

האָט מיך שוין, הייסט דאָס, גאָט געבענטשט מיט אַ זוהן אויך. איך זאָג „מיט אַ זוהן", ווייל איך האָב איהם טאַקי צוגע־שריבען צו זיך פאַר אַ זוהן, און דאָס יונגעל איז דוקא אַ געראָטען יונגעל, אָבער טאַקי וואָס געראָטען הייסט. ער איז דאָך מיינעם אַ ברודער'ס אַ זוהן, איז דאָך ניט שייך, איך זאָל איהם אייך לויבען. נאָר איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, אַז נאָך אַזאַ פּייסי וועט איהר ניט געפינען — איך וועל אייך ניט זאָגען אין דער גאַנצער וועלט, נאָר ביי אונז אין שטאָדט און נאָך אין עטליכע שטעדט מיט עטליכע גובערניעס, אַז איהר וועט אויספאָהרען,

שען ווי די גאַנצע וועלט. איך האָב זי באמת ליעב געהאַט, ווי מיינס איין אייגען קינד. קינדער, ווייסט איהר דאָך, וואַכסען, ווי פּעטשעריצעס; איידער מע קוקט זיך ארום, אהא — מע דאַרף שוין קלערען מכח חתונה מאַכען. און ווי אויף־צו־להכעיס, איז מיין פּלימעניטשקע געוואַכסען טאַקי גאָר ווי אויף הייוועז, הויך און שען און געזונט און איין אָסאָבע — אַ רויז. מיין ווייב האָט איהר ביסלעכווייז אָפּגעלעגט אַ ביסעל גרעט, „פּאָוועלע", העמדער, ליילעכער, ציכלעך. איך, פון מיין זייט, האָב גאָר אַנ־דערש ניט גערעכענט, ווי צו געבען איהר עטליכע הונדערט קערב־לעך נדן אויך. און מע האָט איהר אָנגעהויבען רעדען שידוכים. וועמען רעדט מען אַזאַ מיידעל אַ יתומה? אז קיין עלטערען האָט זי ניט, אַ טאַטען האָט זי געהאַט, לאָז ער מיר מוחל זיין, עפּיס ניט אַזאַ פיינעם מענטשען, און קיין טויזענטערס נדן קאָן איך איהר ניט אַנידערלעגען. באַדאַרף מען איהר געפינען איהר גליי־כען, אַ יונגענמאַן אַזעלכען, וואָל זאָל איהר קאָנען געבען ברויט. וואו זשע קריגט מען אַזעלכעס, אַז קיין בעל־הבתישען שידוך קאָן מען ניט גרייכען, און קיין בעל־מלאכה וויל א י ך ניט — זי איז דאָך פאָרט מיינע אַ שטיקעל אייגענע, מיין ווייב'ס אַ שוועסטער'ס אַ מיידעל? האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ בחור'על אַ פּריקאַזטשיק פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, וואָס פ אַ ר ד י ע נ ט שוין זעהר שען אַ קערבעל און ק ל ו י ב ט אַ קערבעל און ה אָ ט שוין אַ קערבעל. בקיצור, איך האָב אַ רעד געטהאָן מיט'ן בחור — יאָ, סע געהט אַ גאַנג, ווי איך בין אַ מענטש. זי איז איהם דוקא געפעלען. איך האָב אַ רעד געטהאָן מיט איהר — ווער? וואָס? איין אייזערנע וואַנט! וואָס איז די מעשה? זי וויל איהם ניט און זי דאַרף איהם ניט, און גענוג! ווער דען, זאָג איך, וועט דיך נעמען? דעם בראָן הירש'ס איין אייניקעל? ענטפערט די וואַנט — אזוי ענטפערט זי. קוקט־אראָפּ און שווייגט. בין איך אייך ניט אויסען.

אצינד באַדאַרף איך אייך איבעררייסען אין מיטען דער מעשה און אייך דערצעהלען אַ נייע מעשה, וואָס געהער זיך טאַקי אָן

זיין, זיי האָבען קיין צייט ניט, פארשטעהט איהר, זיי האָבען אַליין טעכטער אויף חתונה מאַכען, און נאָך דערוואַקסענע דערצו. בין איך אייך ניט אויסען.

הקיצור, ס'איז געבליבען, מיר זאָלען זיך צונויפקומען אויף א „וואָרט". איז דאָך אָבער היינטיגע צייטען ניט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל האָט מען א שידוך געטהאָן מיט א קינד הינטער די אויגען גאָר, געקומען צו געהן אהיים, אָפּגעגעבען מזל־טוב און געננוג. היינט איז גאָר געוואָרען א מאָדע, אַז מע מוז פריהער איבעררעדען מיט די קינדער, זיי זאָלען זיך פריהער אָנקוקען און זאָגען, צי זיי זענען זיך געפעלען, צי ניין ? מע פארשפּאָרט זיי גאָר זאָגען — זיי זעהען זיך אַליין... איז דאָך אודאי גוט. נעם איך מיין בחור און טהו איהם א פרעג : „געפעלט דיר, אשטייגער, פייסיניו, אזעלכע און אזעלכע ?" ווערט ער רויט אזוי ווי פייער און ענטפערט ניט דאָס צווייטע וואָרט. „געשוויגען איז גערעדט", טראַכט איך מיר ; „קיין תשובה איז אויך א תשובה". אי, וואָס ער איז רויט געוואָרען ? מסתמא האָט ער זיך פארשעמט. און ס'איז געבליבען, הייסט דאָס, אַז מע קומט זיך צונויף אויפדער־נאַכט, פריהער, געוויינטליך, ביי דער כלה, נאָכדעם וועט מען זיין ביי מיר — נו, וואָס באדאַרף מען נאָך ? באַקט מען לעקאַך און מע גרייט זיך אויף א וועטשערע, ווי געוויינטליך. בין איך אייך ניט אויסען.

ויהי היום, איך שטעה־אויף אין דער פריה, גיט מען מיר אָפּ א בריעף. פון וואַנען איז א בריעף ? עפּיס א בעל־עגלה האָט געבראַכט צו פיהרען. איך נעם דעם בריעף, עפען־אויף דעם בריעף, איך הויב אָן לייענען דעם בריעף — איז מיר פינסטער־געוואָרען אין די אויגען. וואָס איז דאָס געווען פאַר א מין בריעף ? אָט וועט איהר באַלד האָרכען. דאָס שרייבט מיר מיין פייסי, אַז איך זאָל ניט קיין פאַראיבעל האָבען, וואָס ער איז אוועקגעפאָהרען מיט רייזלען — איהר הערט ווערטער ? — אָהן אונזער וויסען חתונה

געפינט איהר ניט דעם צווייטען. וואָס, אשטייגער, ווילט איהר? לערנען איז לערנען, שרייבען איז שרייבען, חשבונ'ען איז חשבונ'ען. אפשר ווילט איהר פראַנצויז — רעדט ער אייך פראַנצויז. טאָמער ווילט איהר פיעדעל — שפּיעלט ער אייך אויפ'ן פיעדעל. הײַנט איז ער, קיין עין־הרע, אַ וואוכּס, און אַ פּאַרשוין, און אַ פּיסק, און... און... און... אַז מע שמועסט אַ גערעטענער, איז דאָך ניט שייך צו זאָגען! און דערצו גיב איך איהם נאָך עטליכע טויזענט קערבּלעך נדן אויך, וואָרום ער איז דאָך מיין ברודער'ס אַ קינד און מיינער אַ צוגעשריבענער, כמעט אַ זוהן הייסט דאָס, און קיין נחות־דרגא, ברוך השם, איז ער אויך ניט, — קו־קו־קומט איהם שוין עפּיס אַ פיינע כלה, האַ? וואָס זאָגט איהר? אודאי האָט מען איהם גערעדט די גרעסטע, די שענסטע שידוכים אין דער וועלט, און אודאי האָב איך איבערגעקליבען. וואָס דען? עפּיס אָט־אַזוי־אָ גיט מען אוועק אַזאַ יונגאַטש? בין איך אייך ניט אויסען.

הכלל, האָט מען מיר אָנגעשלאָגען שידוכים פון דער גאָרער וועלט: פון קאַמעניץ, און פון יעליסאַוועט, און פון האָמעל, און פון לובען, און פון מאָהליוו, וואָס אין דער ליטא, און פון באַר־דיטשעוו, און פון קאַמינקע, און פון בראָד. מע האָט מיך אָפּ־געשאָטען מיט גאָלד; צעהן טויזענט, און צוועלף טויזענט, און פופצעהן טויזענט, און אכצעהן טויזענט — איך האָב ניט גע־וואוסט, וואוהין איך זאָל מיך וואַרפען. האָב איך מיך מיישב געווען: וואָס טויג מיר קריכען אין דער פרעמד, מי יודע וואוהין און צו וועמען? בעסער, ווי זאָגט מען, אַ נאָהענטער שוסטער, איידער אַ וויטער רב. פאַרהאַן ביי אונז אין שטאָדט אַ איד אַ נגיד, האָט ער אַ מיידעל אַ בת־יחידה מיט שענע עטליכע טויזענט קערבּלעך נדן, און דאָס מיידעל אליין איז אויך זעהר אַ פיין מיידעל, און ווילען וויל מיך יענער, — פאַר וואָס זאָל דאָס ניט זיין קיין שידוך? האַ? ובפרט שדכנים זענען פאַרהאַן ביי אונז, ברוך השם, צוויי, לויפען זיי אַרום הין און צוריק, פון מיר צו יענעם און פון יענעם צו מיר. און טרייבען האַלז־און־נאַקען, ס'זאָל שוין גיכער

מע האָט זיי געפּאַקט. וואו האָט מען זיי געפּאַקט? טאַקי ניט ווייט פון אונז, אין אַ קליין שטעדטעל. מזל־טוב!

אַז ס'איז אָנגעקומען צו מיר די גוטע ידיעה, אַז מע האָט זיי געפּאַקט, האָבען מיר זיך אויפגעזעצט מיט נאַטשאַלסטווע און מיר זענען געפאָהרען גלייך אַהין, אין יענעם שטעדטעל אַריין. מילא, איך זאָל אייך דערצעהלען פון דער נסיעה — איז ניט שייך צו זאָגען. איך בין געוועזן אין איינע פּחדים. איך האָב אַלץ מורא געהאַט, טאָמער, אַ קשיה אויף אַ מעשה, מע שטעלט דאָרט אַ חופּה, איז דאָך פאַרפאַלען, ווי זאָגט ער, די קוה מיט'ן שטריקעל... גאָט האָט מיר געהאָלפען, מיר זענען געקומען צו פאָהרען — זיי האָבען נאָך קיין חופּה ניט געשטעלט. נאָר וואָס דען? אַ נייער אומגליק: אַזוי ווי איך האָב איינגעגעבען, אַז מע האָט מיך באַ־גנב'עט, לכן האָט מען זיי דערוויילע, ביז עפּיס־וואָס, איינגעזעצט. איינגעזעצט — איז דאָך מיר געוואָרען שלעכט, געמאַכט אַ גוואַלד, אַז באַ'גנב'עט האָט מיך ז י, די פּלימעניצע הייסט דאָס, און ער, דער זוהן הייסט דאָס, ער האָט זיך דאָך גערעכענט פאַר מיין זוהן, איז ריין. עס קומט צו עפּיס, מע וויל איהם שוין אַרויסלאָזען, פייסין הייסט דאָס, מאַכט ער: „אויב מע האָט גע'גנב'עט, האָבען זיי, זאָגט ער, ביידע גע'גנב'עט". איהר הערט ווערטער? דאָס האָט זי איהם, די ימח־שמה'ניצע, אַרויפגעפיהרט, ער זאָל אַזוי זאָגען. אַ הולטייקע קאָן!... נו, טאָר מען זיין אַ גוטער? באַ־דאַרף מען רחמנות האָבען אויף איין אָרעמער יתומה? איך פרעג אייך אַליין — איז כדאי? וואָס טויג אייך, עס האָט מיך געקאָסט גענוג בלוט, ביז איך האָב זיי אַרויסגענומען, וואָרום צוליעב איהם האָב איך געמוזט זי אויך אָפּריינינגען — און מיר זענען געקומען אַהיים. בין איך אייך ניט אויסען.

געוויינטליך, האָב איך זי צו מיר אין שטוב מעהר ניט אַריינ־געלאָזט. איך האָב איהר אָפּגעדונגען אַ קוואַטיר און קעסט טאַקי ביי איהרען אַ קרוב אין אַ דאָרף, משה־מאיר הייסט ער, אַ פּראָס־טער איד, אַ דאָרפסמאַן, און מיין פייסין האָב איך גענומען אַהיים,

האָבען — איהר הערט ווערטער? אז איך זאָל זיך גאָר ניט פּרובען, זאָגט ער, אפילו זיי זוכען, וואָרום זיי זענען שוין ווייט־ווייט, זאָגט ער, פון דאנען — איהר הערט ווערטער? און אז זיי ועלען, אם ירצה השם, האָבען חופּה וקידושין, זאָגט ער, וועלען זיי נאָכ־דעם קומען צוריק... ווי געפעלט אייך עפּיס אזא מין בריוועל? מילא, פון מיין ווייב שמועסט מען ניט: זי איז געפאַלען דריי מאָל חלשות, וואָרום ס׳איז דאָך דורך איהר דער סקאַנדאל; רייזעל איז דאָך איהר פּלימעניצע, ניט מיינע. „נא, זאָג איך צו איהר, האָסט אויסגעהאָדעוועט א שלאנג אויף דיין שוים”... און האָב מיין גאַנץ ביטער הארץ אויסגעלאָזט צו איהר, געוויינטליך, מכבד געווען, ווי זי איז ווערטה. בין איך אייך ניט אויסען.

איך באדארף אייך ניט דערצעהלען, איהר פאַרשטעהט אליין, ווי ווייט דאָס האָט מיך געבּרענט און געבּראָטען. סטייטש, מע נעמט א פרעמד קינד, איין אָרעמע, א נאקעטע יתומה, מע האָ־דעוועט זי אויס און מע וויל זי גליקליך מאכען — געהט זי און טהוט־אָפּ אזא זאך, פיהרט־ארויף מיין ברודער׳ס קינד אויף א גליטש! איך האָב געשריגען, געטופּעט מיט די פיס, געריסען אויף זיך די האָר פונ׳ם קאָפּ — שיער ניט משוגע געוואָרען! און צוריק ווידער האָב איך מיך באטראכט: וואָס, אשטייגער, וועט מיר העלפען מיין כעס? וואָס וועל איך מאכען מיט מיין טופּען מיט די פיס? מע באדארף עפּיס אָנהויבען טהון, טאָמער וועל איך נאָך פארהאפּען און וועל קאָנען עפּיס העלפען? האָב איך מיך, ראשית חכמה, א וואָרף געטהאָן צו „נאַטשאַלסטווע”, אונטערגע־שמירט מיט א חאבּארעל, און האָב אויפגעגעבען, אז ביי מיר איז געווען א פּליכ̈ניצע אזעלכע און־אזעלכע, האָט זי מיך באַ׳גנב׳עט און האָט איבערגערעדט מיין זוהן, ער איז געווען ביי מיר פאַר־שריבען פאַר א זוהן, און איז מיט איהם אנטלאָפען, איך ווייס ניט וואוהין. נאָכדעם האָב איך אָנגעהויבען שיטען מיט געלט, צעשיקט דעפּעשען אין אלע ארבע פּנות העולם, אין אלע שטעדט און שטעדטלעך פון דער סביבה — און גאָט האָט מיר געהאָלפען,

מיינער: וואו איז פּייסי? זאָגט זי: זי ווייסט ניט. אָפּגעגעסען, לויף איך ארויס אין שטאָדט, אהער, אהין — קיינער ווייסט ניט! שיק איך דאָך אוועק א שליח אין דאָרף אריין צום קרוב, צו משה־מאיר׳ען, געוואָהרע ווערען, וואָס מאַכט עפּיס רייזעל? ענטפערט ער מיר דורך א בריוועל, אז זי איז נאָך נעכטען אוועקגעפאָהרען, געזאָגט, אז זי פאָהרט אין שטאָדט אריין אויף קבר־אָבות. האָב איך געכוג מסתמא געארבייט, אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער הארץ צום ווייב, געוויינטליך, וואָרום ס׳איז דאָך דורך איהר אלע אומגליקען — ס׳איז דאָך איהר פּלימעניצע! בין איך אייך ניט אויסען.

איך לויף אוועק אין פּאָליציע, איך קלאָפּ אומעטום דעפּעשען, צעשיק מענטשען, שיט מיט געלד — ניטאָ, ווי אין וואסער אריין! איך ארבייט, איך שריי, איך בין אויס מענטש — עס העלפט ניט! וואָס טויג אייך — ס׳איז אוועקגעגאַנגען דריי וואָכען, איך בין שיער ניט משוגע געוואָרען! פּלוצים קומט מיר אָן א בריעף מיט א מזל־טוב, אז זיי האָבען, ברוך השם, חתונה געהאט אין א גוטער שעה, און האָבען שוין היינט פאר מיר קיין מורא ניט — איהר הערט ווערטער? אז מע וועט שוין איצט נאָך זיי מעהר ניט נאָכלויפען, מע וועט שוין אויף זיי קיין בלבולים ניט אויס־טראַכטען — איהר הערט ווערטער? אז זיי האָבען זיך ליעב גע־האט פון קינדערוייז אָן און האָבען, דאַנקען גאָט, דערגרייכט אלס־דינג, וואָס זיי האָבען געוואָלט. אי, וואו וועלען זיי נעמען אויף צו לעבען? זאָל מען זיך פאר זיי גאָרניט זאָרגען: ער לערענט און גרייט זיך צום עקזאמען אריין אין אוניווערזיטעט שטודירען אויף דאָקטער, און זי לערענט זיך אויף אקושאָרקע — איהר הערט ווערטער? און דערווייל געבען זייביידע שטונדען און פאַרדיענען, מיט גאָט׳ס הילף, ביז פופצעהן קארבען א חודש, קאָסט זיי די דירה זעכס מיט א האלבען, אכט צאָהלען זיי פאר עסען, און אויפ׳ן איבעריגען איז גאָט א פאָטער — איהר הערט ווערטער?...

בר־נו, קלער איך מיר, איהר וועט א ביסעל פריהער אונטער׳פגר׳ען

גענוג גערעדט איבער איהם: „סטייטש, איך נעם דיך און שרייב דיך צו צו מיר, ווי איין אייגענעם זוהן, און וויל דיר געבען עט־ליכע טויזענט קערבּלעך נדן, און מאך דיך פאר'ן יורש מיט אלס־דינג, — געהסט דו און מאכסט מיר אזא סקאנדאל!" זאגט ער: „וואס איז דא דער סקאנדאל? זי איז אייך א פלימעניצע, איך בין אייך א פלימעניק — אלין איין יחוס". זאג איך: „וואס גלייכסט דו זיך צו איהר? דיין טאטע איז געווען, זאג איך, מיר איין איי־גענער ברודער און א לייטישער מענטש, און איהר פאטער איז געווען, זאל ער מיר מוחל זיין, א שארלאטושקע, זאג איך, א קאר־טיאזשניק"... איך טהו א קוק — מיין ווייב חלש'ט. א טא־רעראם, א געפילדער. וואס איז? זי קאן ניט הערען, למאי מע רעדט אויף איהר שוועסטער'ס מאן. זיי זענען שוין, זאגט זי, ביידע אויף דער אמת'ער וועלט, באדארף מען זיי לאזען צו־רוה. איהר הערט ווערטער? „ער איז אבער פארט געווען, זאג איך, לאז ער מיר מוחל זיין, איין אויסוואורף!" זי חלש'ט ווייטער — אזא אומגליק, א גלות, מע קאן ביי זיך אין שטוב קיין ווארט ניט אויסרעדען! בין איך־אייך ניט אויסען.

בקיצור, איך האב מיין פייסין געגומען רעכט אין די ידים אריין און האב אנגעהויבען אכטונג געבען, קוקען אויף איהם מיט אויגען, ער זאל מיר ניט מאכען נאך א מאל דאס שפיעל. און גאט האט מיר געהאלפען, ער איז אוועקגעגאנגען בדרך הישר, האט זיך געלאזט איינרעדען און איז געווארען א חתן צו מזל, ניט פון אזא אי־אי־אי, נאר פארט פון א בעל־הבתיש ארט, מיט א מחותן, מיט א נאמען, מיט נדן, מיט... מיט... מיט... ווי מיר שטעהט־אן — און איך בין געווען אויפ'ן זיעבּעטען הימעל. איז דאך גוט, איא? האט־זשע צייט, ועט איהר עפּיס הערען א מעשה.

איך קום צו געהן פון געשעפט אייןמאל אהיים עסען אנ־בייסען, איך וואש מיך, זעץ מיך צום טיש, מאך המוציא, איך קוק מיך ארום — ניטא פייסי! פליהט מיר דורך א מחשבה אין קאפ: אפשר האט ער ווידער געמאכט א ויברח? איך נעם מיך צו

צוריק און הויבט גאָר ניט אָן צו קלערען מכּח קומען אהיים! האָט איהר געהערט אמאָל אזא מעשה? פריהער האָב איך געוואָרט, טאָמער וועט זי מיר שרייבען א בריוועל. און אז איך האָב געזעהען, זי שרייבט ניט, האָב איך איהר אוועקגעשריבען א בריוועל, און שרייב איהר: „היתּכן? וואָס פאַר א פּנים האָט דאָס פאַר דער וועלט?!" ענטפערט זי מיר, אז איהר וועלט איז דאָרטען, ביי איהרע קינדער — איהר הערט ווערטער? אז דאָס אייניקעל, וואָס איז געבוירען געוואָרען, — ער הייסט דוקא חערשעלע, נאָך מיין ברודער הערשעל — איז ביי איהר טייערער פון אכצעהן וועלטען. ס'איז אזא הערשעלע, זאָגט זי, וואָס מע קריגט דאָס ניט, מע זאָל אויספאָהרען די גאַנצע וועלט פון איין עק ביז'ן אַנדערען. און ווינשעוועט מיר, איך זאָל זיך עלטערען אין עושר און אין כּבוד אליין אָהן איהר — איהר הערט ווערטער?...

שרייב איך דאָך איהר נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און זאָג איהר מיט'ן הארבען וואָרט, אז איך וועל ניט שיקען קיין גראָשען! ענטפערט זי מיר, אז זי דאַרף ניט מיין געלט — איהר הערט ווערטער? שרייב איך איהר ווידער אוועק א בריעף, אז איך בין זיי אַלע מעביר־נחלה און וועל אָפּזאָגען דאָס גאַנצע געלט אויף עולמות! פוילט זי זיך ניט און ענטפערט מיר אָפּ, אז זי האָט צו מיר קיין טענות ניט — איהר הערט ווערטער? אז זי לעבט דאָרטען ביי די קינדער מיט כּבוד, הלואי ווייטער ניט ערגער, וואָרום פּייסי איז שוין אריין אין אוניווערזיטעט און רייזעל איז שוין באַלד איין אקושאָרקע. זיי פאַרדיענען שוין אזוי גרוים, ווי זיעבעציג קאַרבען א חודש — איהר הערט ווערטער? און מכּח מעביר־נחלה זיין, זאָגט זי, מעג איך מיין גאַנץ פאַרמעגען אוועקשענקען אפילו היינטיגען טאָג ווען איך וויל, אפילו אויף א קלויסטער — איהר הערט ווערטער? און לאָזט־אויס, אז איך בין א ריינער משוגע'נער. די וועלט, זאָגט זי, שטעקט מיך ארום מיט פעדערען פאַר דער מעשה, וואָס איך האָב אָפּגעטהאָן. „וואָס איז דאָ, זאָגט זי, דער אומגליק? וואָס דיין ברודער'ס זוהן האָט גענומען מיין

גוט פאַר הונגער, וועט איהר זיך אָנהויבען בעטען ביי מיר, וועל איך אייך באַווייזען, ווער עלטער איז! און צו מיין ווייב זאָג איך: „היינט זעהסט דו, זאָג איך, וואָס הייסט א ביטערער שורש? פון אזא טאַטען א שאַרלאַטאַן, א קאַרטיאָזשניק, זאָג איך, קאָן רען עפּים אַרויסקומען רעכטס?" וכדומה אזעלכע שטעכווערטער זאָג איך צו איהר, און איהר זאָלט זאָגען, זי זאָל דאָס מיר ענט־פערען דאָס אַנדערע וואָרט! „פלעגסט דאָך, זאָג איך, אמאָל חלש'ען, אַז איך האָב גערעדט אויף דיין שוואָגעריק, פאַר וואָס חלש'ט דו היינט ניט?" ענטפערט די וואַנט? אַזוי ענטפערט זי. „דו מיינסט, זאָג איך, אַז איך וויים ניט, אַז דו האַלטסט מיט זיי, אַז דו ביזט מיט זיי יד־אחת, זאָג איך, אַז סע וואַכסט אינגאַנצען פון דיר?" זי שווייגט, ענטפערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט. וואָס קאָן זי מיר, אשטייגער, ענטפערען, אַז זי פיהלט, אַז איך בין גע־רעכט? זי ווייסט, אַז סע פאַרדריסט מיך. פאַר וואָס קומט מיר — פאַר מיין גוטסקייט, מע זאָל מיר אַזוי צאָהלען? בין איך אייך ניט אויסען.

נאָר איהר מיינט אודאי, איהר זענט שוין פאַרטיג? האַרט אויס, איהר וועט נאָך האָרכען שענערס.

בקיצור, ס'איז אַוועקגעגאַנגען א יאָהר, בריוולעך שרייבען זיי, נאָר פון געלט דערמאַנען זיי ניט א וואָרט. פּלוצים קומט מיר אָן א מזל־טוב — זי האָט געהאַט א יונגעל און מע רופט אונז אויפ'ן ברית! רוף איך מיך אָן צו מיין ווייב: „מזל־טוב דיר מיט דיין נחת, איין אָנגעלעגטער ברית, זאָג איך, און א נאָמען נאָך דיין שענעם שוואָגעריק"... ענטפערט זי מיר ניט, נאָר זי ווערט בלייך ווי די וואַנט, טהוט זיך אָן און געהט אַוועק פון שטוב. קלער איך מיר: מסתמא וועט זי באַלד קומען. איך וואַרט א שעה, איך וואַרט צוויי, איך וואַרט דריי, איך וואַרט פיער, ס'איז שוין פאַרנאַכט, ס'איז שוין שטאָק־נאַכט — ניטאָ זי! א שענע מעשה, נאָר א קורצע! וואָס טויג אייך — זי איז אַוועקגעפאָהרען צו זיי, און פון דעמאָלט אָן, שוין באַלד צוויי יאָהר, זי קומט ניט

געשיכטע נומער פופצעהן

אַ נשו״ת

געשריבען אין יאָהר 1903.

שוועסטער׳ס טאָכטער? וואָס שטעהט דיר דאָ אזוי ניט אָן, דו נארישער לעקיש?״ — איהר הערט ווערטער? „דו זאָלסט, זאָגט זי, זיין דאָ און א קוק טהון אויפ׳ן קינד, אויף הערשעלען, ווי ער וויזט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן זיידענ׳ס פאטרעט און מאכט „דיע־דיא״, וואָלסט דו זיך, זאָגט זי, אליין געגעבען דריי פעטש״ — איהר הערט ווערטער? אזוי שרייבט זי מיר פון דאָרטען. בין איך אייך ניט אויסען...

נו, באדארף מען ניט זיין שטארקער פון אייזען? ווי מיינט איהר, ברענט דאָס מיך, אשטייגער, אז איך קום צו געהן אהיים און דרעה מיך אָרום איינער אליין צווישען די פיער ווענט? איך הויב מיך אָן בארעכענען: וואָס איז מיין לעבען, איך בעט אייך, אויף דער וועלט? פאר וואָס קומט מיר אזא סוף? פאר וואָס קומט מיר אזא־נ־עלטער? פאר וואָס און פאר ווען? פאר מיין גוטסקייט? פאר מיין פאָדלע ווייבען כאראקטער?... האָט קיין פאראיבעל ניט: אז איך הויב אָן רעדען דערפון, איז פאר דאָ־סאדע שטעלען זיך מיר טרערען, און איך קאָן ניט, איך קאָן ניט רעדען!

אוי, מע טאָר ניט זיין קיין גוטער. הערט איהר? מע טאָר ניט זיין קיין גוטער!

ענדע געשיכטע גוטער פערצעהן.

געשיכטע נומער פופצעהן

אַ נשרף

— אונזערע אידען — הער איך דרש'ענען אַ אידען הינטער מיינע פּלייצעס און פּאַסאַזשירען הערען איהם צו — אונזערע אידען, הערט איהר, ס'איז דאָך ניט שייך צו זאָגען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, ס'איז איין עמאַ פּזיזא — וואָס איז די טייטש? — מיט אַ אידען איז נאָר גוט קוגעל עסען, דאַווענען פון איין סידור, און ליגען אויף איין בית־הקברות, און אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

איהר פרעגט, וואָס בין איך אַזוי אָנגעדרודעלט און וואָס ליאַפּע איך אַזוי אויף אידען? איהר זאָלט האָבען אויף זיך מיין פּעקעל און אידען זאָלען אייך אַזוי טהון, ווי מע טהוט מיר, וואָלט איהר אָנגעהאַפּט מענטשען אין די גאַסען, אָדער איהר וואָלט גע־שלאָגען מיט אַ שטעקען! נאָר גאָרניט, איך בין אַזאַ איד, וואָס קאַטאָרע איך האָב פיינט קריעגען זיך מיט אַ וועלט. איך געה תמיד מיט דעם גאַנג: לאָז מיינס איבערגעהן, אָדער ווי שטעהט דאָרט: עולם כמנהגו — וואָס איז די טייטש? — לאָז זיך מיט זיי גאָט רעכענען, און אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

הערט אַ מעשה: איך בין אַליין, ניט פאַר אייך גערעדט, אַ באָהסלעווער, פון אַ קליין שטעדטעל פון באָהסלעוו, אַ קליינס, נאָר

ווײַן. קורץ, מע האָט פאַרבראַכט די צײַט כּדבעי — וואָס איז די טײַטש? — ווי גאָט האָט געבאָטען. פלוצים קומט מיר אָן אַ דעפּעש: „זשענאַ באָליען, דיעטי באָליען, טיאָשטשאַ באָליען, אָטשעם אָפּאַסנע!” האָב איך דאָך מסתּמא געחאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און הלך משה־מרדכי אַהיים! איך קום אַהיים — אַ חתונה! ניט קיין שטוב, ניט קיין קלייט, ניט קיין סחורה, ניט קיין קישעלע, ניט קיין העמד אויפ'ן לייב. בגפו יבוא בגפו יצא — וואָס איז די טײַטש? — געוועזן אַיין אָרעמאַן און אַרויס אַיין אביון... דאָס ווייב נעבאַך וויינט, די קינדער — אויף איהר קוקענדיג, נישטאָ וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען. אַ שטיקעל גליק האָטש, וואָס ס'איז געוועזן געסטראַכירט, און גוט געסטראַכירט, און דאָ, פאַרשטעהט איהר מיך, ליגט דער הונט באַגראָבען... נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געוועזן אַ האַלבע צרה. איז אָבער געוועזן דער גאַנצער אומגליק, וואָס דאָס מאָל איז געוועזן ניט דאָס ערשטע מאָל; מחמת איך האָב שוין, דאַרפט איהר וויסען, אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, געברענט, אויך בײַנאַכט איז דאָס געוועזן, און אויך בשעת איך בין ניט געוועזן אין דער היים. נאָר דעמאָלט איז דאָס, דאַנקען גאָט, אָפּגעלאָפען גלאַט: געקומען דער אינספּעקטאָר, איבערגעשריבען די געברענטע שמאַטעס, אָפּגעשאַצט דעם היזק, זיך אויסגעגלייכט, פיין, שען, אַ רענדעל אַראָפּ, אַ רענדעל אַרויף, און אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

איז דאָס געוועזן אַיין מאָל אַ מעשה. איצטיגס מאָל אָבער האָט מען מיר צוגעשיקט אַיין אינספּעקטאָר, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן אַלע אידען! אַ רשע מרושע! און אויף מײַן גליק — אַ נקי־כפּים'ניק, ער נעמט ניט!... האָט איהר געהערט אַ מעשה? — ער נעמט ניט, און געה מאַך! זוכט ער און נישטערט און גריבעלט און גראָבט, וויל זיך דערוויסען, איך זאָל איהם קלאָר מאַכען, ווי אַזוי האָט דאָס געברענט, און פון וואַנען? און וויפיעל איז פאַרברענט געוואָרען? און פאַר וואָס איז ניט געבליבען קיין שריד ופליט? קיין סליד אפילו?... „אָ, זאָג איך, מײַן טענה!... איך

א וואוילס, פון די שטעדטלעך, וואָס מע זאָגט אויף זיי, אז מע זאָל זיי געדיכט זייהען און שיטער אויפגעהען; פון די שטעדטלעך, וואָס אז מע וויל עמיצען רעכט באשטראָפען, זאָל מען איהם ניט פארשיקען קיין סיביר — פע! — צו אונז קיין באָהסלעוו זאָל מען איהם פארשיקען, און מאכען איהם פאר א קרעמער, און געבען איהם קרעדיט, ער זאָל קאָנען רעכט אָנזעצען, און נאָכדעם זאָל ער האָבען אויף זיך א שרפה, פארברענט ווערען מיט האק און פאק, ניט ארויסצוראטעווען א פאָדעם, און באָהסלעווער אידען זאָלען זאָגען, אז דאָס האָט ער אליין געמאכט „בורא מאורי האש", בכדי... איהר פארשטעהט דאָך שוין מסתמא, וואָס באָהסלעווער אידען קאָנען אויסטראכטען און קאָנען זאָגען און טאקי אוועקשרייבען אהינצו, וואו מע באדארף, און א רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

דערפון קאָנט איהר שוין פארשטעהן, מיט וועמען איהר האָט צו טהון; איהר האָט צו טהון מיט איין אומגליקליכען מענטשען, וואָס איז דריי מאָל אומגליקליך, מיט אַ מענטשען, וואָס האָט אויף זיך א דרייענדיג פעקעל: ערשטענס, בין איך א איד, צווייטענס, בין איך א באָהסלעווער איד, און דריטענס, בין איך א באָהסלעווער איד א נשרף, און נאָך וואָס פאר א נשרף — פון די אמת'ע „פרים הנשרפים", וואָס אין סידור! איך בין, הייסט עס, היינטיגס יאָהר אָפגעברענט געוואָרען. ווי אזוי, מיינט איהר? ווי א שטרויענער דאָך! איך בין ארוים ממש בחרבי ובקשתי — וואָס איז די טייטש? — ווי די מאמע האָט מיך געהאט. און ווי סע פיהרט זיך, באדארף איך מסתמא יענע נאכט אקוראט ניט זיין אין דער היים! וואו בין איך געווען? איך בין געווען ניט ווייט פון אונז, אין טאראשטשע בין איך געווען, ביי מיינער א שוועסטער אויף א קנס־מאָל בין איך געווען. געווען זעהר א פיינער קנס־מאָל, מיט א סעודה, מיט זעהר פיינע געסט, ניט באָהסלעווער פארכעס. איהר קאָנט פארשטעהן, אז מע האָט אויסגעטרוקען אָנדערהאלבען עמער בראָנפען, אחוץ ביער און אחוץ

גינגאָלד, ווי זאָגט ער: אַל תּהי בז לכל בשר — וואָס איז די טייטש? — אַז מע עסט ניט קיין קנאָבעל, הערט זיך ניט נאָך, און אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

וואָלט געווען גוט; איז דאָך אָבער באָהסלעוו! קאָן עפּיס אַ באָהסלעווער איד ליידען, אַז יענער זאָל נעמען אומזיסט געלט? האָט מען זיך צעלאָזט מיט פּאַפּיערען, מיט מסירות הייסט דאָס. אַ סך האָבען אוועקגעשריבען דורך דער פּאָסט, און אַ סך האָבען זיך אַליין מטריח געווען מיט זייער כּבוד אין דער „אָבשטשעסטווע" אריין, מיך גע'מסר'ט, אַז דאָס האָב איך אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש"... איהר הערט, שקצים קאָנען?... אַז דאָס בין איך אומיסטנע אוועקגעפאָהרען יענע נאַכט פון דער היים, בכדי... איהר פאַרשטעהט, הולטאַיעס קאָנען?... און אַז ס'איז ביי מיר קיינמאָל ניט געווען, זאָגען זיי, אַזוי פיעל סחורה, וויפיעל איך ווייז־אָן, און אַז די חשבונות מיט די ביכער, וואָס איך האָב צוגע־שטעלט, זענען פאַלשע חשבונות, און זיי ווילען דאָס אויפווייזען, זאָגען זיי, מיט אותות ומופתים, מיט המנ'ס מסירות, מיט... מיט... מיט אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

נאָר ווער הערט זיי, איך בעט אייך, אַז איך בין פאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... מילא, דאָס וואָס זיי זאָגען, אַז איך אַליין האָב געמאַכט „בורא מאורי האש", איז דאָך גלאַט בלאָטע. אַ מינדסט קינד פאַרשטעהט דאָך, אַז מע וויל שוין אָפּטהון אזא זאַך, טהוט מען דאָס ניט אַליין. סע געפינט זיך שוין אזעלכער, אַ שליח פון די „מלאכי־השרת", וואָס ער טהוט דאָס אָפּ פאַר אַ דרייערעל... וואָס? ניט אַזוי? ווי אַזוי איז ביי אייך?... און דאָס וואָס זיי זאָגען, אַז איך בין אומיסטנע אוועקגעפאָהרען פון דער היים, איז אַ שטות'עריי. ס'איז פאָרט געווען אַ קנס־מאָל ביי מיין שוועסטער. איך האָב איינאונאיינציגע שוועסטער אין טאַראַשטשע, מאַכט זי חתונה די מיטעלסטע טאָכטער, זאָל איך נישט פאָהרען אויפ'ן קנס־מאָל? טאַקי אַ יושר? איך פרעג אייך אַליין: ווי וואָלט געווען, אשטייגער, ווען איהר האָט איינאונאיינ־

טענה אויך דאָס אייגענע! געהט, זאָג איך, פרעגט בײ׳ם רבונו־של־עולם"... „ס׳איז ניט גלאַט, זאָגט ער, מיינט ניט, אַז אַזוי גיך נעמט איהר ביי אונז געלט"... געפעלט אייך אַ ביסעל אַ חכם? ער שרעקט די גענז. פונקט ווי דער סליעדאָוואַטעל אונזערער וויל מיך חאַפּען ביי דער צונג, דערטאַפּט אַ מלופום־קינד: „סקאַזשי־נאָ, מאָשקע, זאָגט ער צו מיר, סקאַזשי מניע, ליובעזנעי, אָטטשעוואָ טי קאַזשדי ראַז גאָריש?" — דאָס הייסט, איך זאָל איהם געהן זאָגען, וואָס איז דער שכל, וואָס איך ברען אַלע מאָל? „אָט פּאָזשאַראַ, זאָג איך איהם, וואַשע בלאַהאָראָדיע" — פון אַ שרפה ברען איך... „פאַר וואָס האָסט דו, זאָגט ער, עפּים גראָד געסטראַכירט פריהער מיט צוויי וואָכען, איידער דו האָסט געברענט?" „וואָס דען, זאָג איך, האָסט דו געוואָלט, פּריץ, איך זאָל סטראַכירען מיט צוויי וואָכען שפּעטער?"... „פאַר וואָס, זאָגט ער, ביזט דו גראָד ניטאָ אין דער היים, בשעת דו ברענסט?" „נו, און אַז איך זאָל זיין אין דער היים, זאָג איך, בשעת מעשה, וואָלט דיר שוין געווען גרינגער?"... „פאַר וואָס, זאָגט ער, האָט מען דיר געטעלעגראַפירט, אַז די קינדער זענען שלאָף, און דאָס ווייב איז שלאָף, און די שוויעגער איז פאַרביי?" „בכדי, זאָג איך, איך זאָל קומען צו פאָהרען וואָס גיכער"... „פאַר וואָס האָט מען דיר ניט געשריבען בעסער דעם אמת?" „בכדי, זאָג איך, איך זאָל מיך ניט דערשרעקען"... „אויב אַזוי, מאַכט ער צו מיר, פאַרשטעה איך שוין, וואו איך האַלט מיט דיר. זאָלסט וויסען זיין, זאָגט ער, אַז איך זעץ דיך איין". „פאַר וואָס און פאַר ווען? — זאָג איך. — וואָס האָסט דו צו מיר? דו נעמסט, זאָג איך, אַ מענטשען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג, און מאַכסט איהם אומגליקליך! ס׳אַ קונץ, זאָג איך, קוילען? ווילסט קוילען — קוילע! דו פאַרגעסט, זאָג איך, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ זאַקאָן און ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט"... איז ער געוואָרען אָנגעצונדען: „דו רעדסט נאָך מיט גאָט? דו אַזעלכער און אַזעלכער!"... נאָר וואָס הער איך איהם, אַז איך בין ריין, ריין ווי

הנאה האָב איך, וואָס דאָס אַנדערע מאָל וועל איך אייך שוין ניט סטראַכירען״. „וואָס איז די מעשה?״ — זאָג איך. „אַזוי, זאָגט ער, ווייל איהר האָט מיך איינמאָל אָפּגענאַרט״. „ווען האָב איך דיך אָפּגענאַרט?״ „דעמאָלט, ווען איהר האָט געבּרענט״. „זאָג חאָטש „ניט היינט געדאַכט״, דו גראָבער יונגאַטש!״ „ניט היינט געדאַכט, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט!״ — זאָגט ער און לאַכט מיר גלייך אין פּנים אַריין. אַ שייגעץ קאָן!... מאָהלט אַייך, איך האָב אָפּגעזוכט אַיין אַנדער אָרט אויף צו סטראַכירען. אַ גרויסע דאגה! המכּלי אין פּגרים בּמצרים — וואָס איז די טייטש? — קאַרג אָבּשטשעלטוועס פּאַרהאַן בּיי אונז? טאַטעניו! אַגענטען, ווי די הינט! האָב איך דערטאַפּט אַ יונגענמאַן, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון קעסט און איז גע־וואָרען אַיין אַגענט פון איין „אָבּשטשעסטווע״ און זוכט אַרבּייט. נו, ווי פאַרשטעהט איהר, מסתּמא האָט ער מיך פאַרסטראַכירט, און טאַקי אויף עשרת אלפים רו״כ — פאַר וואָס ניט? איך בּעט אַייך, סע שטעהט מיר ניט אָן צו האָבּען נאָך מעהר ווי פאַר צעהן טויזענט שמאַרדאָוועצעס סחורה אין קלייט? „טאָוואַר וואָבּאָ־ראָטי״ — וואָס איז די טייטש? — היינט איז ניטאָ, מאָרגען איז פּאַרהאַן... אַי, זיי זאָגען איצט, די בּאָהסלעוועך אידען, הייסט עס, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי פיעל סחורה? ווער הערט זיי? לאָזען זיי געהן דערוויזען, לאָזען זיי זאָגען, לאָזען זיי רעדען, לאָזען זיי בּילען, לאָז אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

דאָס גליק איז געווען, וואָס בּשעת מעשה, בּשעת איך האָב געסטראַכירט, האָט בּיי אונז אין בּאָהסלעוו קיינער ניט געוואוסט פון דער מעשה, איז טאַקי דערפאַר אָפּגעלאָפען די מעשה גלאַט... און ערשט נאָכדעם, אַז עס האָט זיך געמאַכט דאָס אומגליק, איך בּין אָפּגעבּרענט געוואָרען דאָס אַנדערע מאָל, הייסט עס, האָבּען אחינו בּני ישראל בּאַלד אַ וואָרף געטהאָן זיך צו די אַגענטען: וואו איז געווען געסטראַכירט? און ווען איז געווען געסטראַכירט?

ציגע שוועסטער, און זי טהוט א שידוך מיט דער מיטעלסטער טאָכטער, וואָלט איהר געזעסען אין דער היים און נישט געפּאָהרען צו דער שוועסטער אויפ'ן קנס־מאָל? ניין, וואָס שווייגט איהר? צי, אשטייגער, איך זאָל זיין א נביא און טרעפען, אז גראָד דער־מאָלט, ווען מיין שוועסטער אין טאַראַשטשע טהוט א שידוך מיט דער מיטעלסטער טאָכטער, וועט ביי מיר אין באָהסלעוו זיין א שרפה! א גליק האָטש, וואָס איך האָב געסטראַכירט. און גע־סטראַכירט האָב איך טאַקי איבער די היינטיגע שרפות. קומט דער זומער, איז נייטט אויסצוהאַלטען פון די שרפות, וואָס אין די קליינע שטעדטלעך. איין שרפה נאָך דער אַנדערער. אָדער אין מיר א שרפה, אָדער אין באַברויסק, אָדער אין רעטשיצע, אָדער אין ביאַליסטאָק — דער עולם ברענט!... האָב איך מיך מיישב געווען: כל ישראל חברים — וואָס איז די טייטש? — אַלע אידען ברענען; נו, איז וואו בין איך? וואָס באַדאַרף איך, שוטה בן פּיקהאָלין, שטעהן אין ריזיקע מיט א קראָם, פאַרלאָזען זיך אויף נסים, אז איך קאָן זי פאַרסטראַכירען? נו, און וויבאַלד סטראַכירען, פאַר וואָס זאָל איך שוין ניט סטראַכירען ווי סע געהער צו זיין? ממה נפשך, אז עסען חזיר, זאָגט ער, לאָז האָטש רינען איבער'ן באָרד. דער רוח וועט די „אָבשטשעסטווע" ניט נעמען, און איבער מיינע עטליכע קערבלעך וועט זי אָרעמער ניט ווערען, און א רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען גאַנץ פיין צו מיין אַגענט און זאָג איהם: „הער נאָר אויס, זיינגוועל, אזוי און אזוי איז די מעשה. דער עולם ברענט, למאי זאָל איך שטעהן אין ריזיקע? איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַרסטראַכירען מיין קראָם". „טאַקי באמת?" — מאַכט ער און קוקט אויף מיר מיט א מאָדנע שמייכעלע. „וואָס שמייכעלסט דו, זאָג איך, ווי א פגר אומגעוואַשען?" „איך האָב, זאָגט ער, הנאה און סע טהוט מיר באַנג". „וואָס הייסט, זאָג איך, דו האָסט הנאה און סע טהוט דיר באַנג?" „באַנג טהוט מיר, וואָס איך האָב אייך, זאָגט ער, איינמאָל געסטראַכירט. און

נאָר וואָס דען? איך וועל אײַך זאָגען דעם אמת. מילא, אז די קרעמער פארגינען מיר ניט, איז חאָטש ניט אזוי פאַרדראָסיג: אָרעמעלייט זענען מקנא, למאי איך נעם געלט און זיי ניט; אָבער מיט די נגידים וואָס געהער זיך דאָס אָן? מעהר פון אלע־מען ברענט מיך אויף אונזער גביר'ס זוהנדעל. אונזער גביר האָט א זוהנדעל, הייסט ער „משה חכם מה הוא אומר" — א וואויל אידעל, א ווארעמס, א קלוגער יונגאטש און א ווייך הערצעל, האָט פיינט פראָצענט, א ווילדער בעל־צדקה און א בעל־יושר און גלאַט א פיין מענטשעל... אלע מאָל, ווען ער דערזעהט מיך, שטעלט ער מיך אָפּ: „וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייער פעקעל? איך האָב, זאָגט ער, געהערט, אז איהר האָט נעבאך געהאט א גרויסען היזק!"... און בשעת מעשה לעגט ער אריין די הענט אין די קעשענעס, שטעלט־ארוים דאָס בייכעל, קוקט מיט בהמה'שע אויגען און מאכט אזא פנים, אז סע גלוסט זיך איהם געבען פעטש, אוי גלוסט זיך!... נאָר מע מוז שווייגען. וואָס זאָל מען טהון? פשוט, זאָגט ער, נבלה ואל תצטרך — וואָס איז די טייטש? — א קניפּ אין באַק, די פארב זאָל שטעהן... לאָז נאָר גאָט געבען, ס'זאָל שוין אָפּלויפען די סליעדסטווע, איך האָב אויף זיך א סליעדסטווע האָב איך, אלע מאָל רופט מען מיך צום סליעדאָוואַטעל, אלע מאָל איין אנ־דער שאלה... חאָטש סע אהרט מיך, ווי דער פאראיאָהריגער שניי, וואָרום וואָס, משטיינס געזאָגט? וואָס הער איך זיי, אז איך בין ריין, ריין ווי גינגאָלד?... דערוויילע, ביז עפּיס וואָס, האָט מען ביי מיר גענומען א חתימה, אז איך טאָר ניט אָפּפאָהרען פון דער היים, און איך פאָהר דוקא ארום, ווי איהר זעהט מיך, טאָג ווי נאַכט, די באָהסלעווער אידען אויף־צו־להכעים! כל דכפין ייתי ויצרך — וואָס איז די טייטש? — ווער עס וויל, לאָז ער מיר נאָכפאָהרען, און לאָזען זיי מיך לאָדען צום ונתנה־תוקף, און א רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

קעהרט איהר אפשר מיינען, וויבאלד איך האָב אויף זיך אזא פעקעל, וויל מסתמא די „אָבשטשעסטווע" מיט מיר ניט אָפּגענ־

און אויף וויפיעל איז געוועזן געסטראַכירט?... און אַז מע איז געוואָהר געוואָרען, אַז אויף צעהן טויזענט, איז געוואָרען אַ רעש — הימעל עפען זיך! סטייטש, צעהן טויזענט?! משה־מרדכי וועט נעמען צעהן טויזענט קאַרבען!... האָב אייך אַבציג שוואַרצע יאָהר! וואָס אהרט אייך, אַז משה־מרדכי וועט נעמען צעהן טויזענט? וואָס האָט איהר מורא, טאָמער פאַרדיענט חלילה משה־מרדכי אַ קערבעל? און ווי וואָלט געוועזן פאַרקעהרט, ווען משה־מרדכי זאָל דאַרפען דערלעגען צו דער שרפה, וואָלט איהר איהם אומגעקעהרט?... אַ קלייניגקייט באַהסלעוו! איהר שפּיעלט זיך מיט באַהסלעוו? אַ שטאָדט פון גאָלע עהרליכע לייט! צדיקים! קאָנען קיין עולות נישט פאַרטראָגען!... דאַכט זיך, איך וויים? מע זעהט פאַר זיך אַזאַ אומגליק, יענער שפּרינגט־אַרויס קוים מיט די נפשות, האָט אַזאַ היזק!... און אַז ער האָט ניט אַזאַ היזק, איז וואָס? מאָהלט אייך, די מכּות מעג זיך זיי זעצען, וויפיעל איך וועל דאָ פאַרדיענען מעהר... מיין איך ווינציגער ווי צעהן טויזענט! נו, בכן? און אפילו איך זאָל דאָ פאַרדיענען די גאַנצע צעהן טויזענט, איז וואָס? וואָס?... וועמען באַדאַרף דאָס וועה טהון דער קאָפּ?... יענער ברענט — לאָז ער ברענען! ברענט אויך, ווערט פאַרברענט!... אַריינגעהן אין יענעמ׳ס פּאַלאַזשעניע, טאָמער איז גאָר אַ מצוה? טאָמער איז גאָר יענער אַ מטופּל מיט קינדער? טאָמער האָט יענער אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען, אַ קינד אַ גאָלד, אַ געראָטענע און מיט אַלע מעלות? טאָמער האָט יענער קוים דערלעבט און האָט ניט אויף קיין שדכנות צו באַצאָהלען אפילו? טאָמער האָט יענער אַ יונגעל אַ זעלטענעם קאָפּ, וואָס רייסט זיך, וויל נעבאַך לערנען, און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס? טאָמער מוטשעט זיך יענער, ציהט פון זיך די קליי, צוליעב וואָס? צוליעב ווייב און קינדער! — דאָס וויל קיינער ניט באַרעכענען! איטליכער רעכענט מיך נאָר אָפּ פון דער זייט, אולי ירחם — וואָס איז די טייטש? — טאָמער חלילה פאַרדיען איך דאָ! און לָמאי זאָל איך פאַרדיענען? און אַ רוח אין זיי אין טאַטען, און גאָרניט!...

איך מורא צו האָבען, אַז איך בין פּאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד? נאָר גאָרניט, מע איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענטש, עס געהען דורך אַלערליי רעיונות, מחשבות: ס'איז אַ סליעדסטווע, מיט אַ פּרעקאָראָר, מיט באָהסלעווער אידען, וואָס ווילען אייך געהן עדות זאָגען און שווערען, אַז זיי האָבען אייך אַליין געזעהען ארומגעהן ביינאַכט מיט אַ הבדלה אויפ'ן בוידעם... איהר שפּיעלט זיך מיט באָהסלעווער אידען? גלויבט מיר, ס'איז פאַרהאַן ביי אונז איינער אַ דוד־הערש — זאָל איך עס פאַרדיענען אַלע וואָך מיט אייך אינאיינעם, וואָס דער דוד־הערש קאָסט מיך שוין לאַ־יחריץ־געלט! און דוקא אַ גוטער ברודער, און דוקא אַ טאַטענ'ס אַ קינד, און דוקא מיט אַ שמייכעלע, און דוקא מיט איין „אם־ירצה־השם" און מיט אַ „גאָט־וועט־העלפען", און מיט אַ רוח איהם אין טאַטען, און גאָרניט!...

היינט פאַרשטעהט איהר שוין, וואָס באָהסלעוו איז? בין איך שוין געדעכט, וואָס איך בין אַזוי אויפגעטראָגען אויף אונזערע אידען? ווארט־צו, לאָז מיר נאָר גאָט העלפען, איך נעם־אָפּ מיינע עטליכע קערבלעך, וועל איך זיך שוין מיט זיי צערעכענען! קודם־כל בין איך מנדר אויף דער שטאָדט, איך קאָן ניט זאָגען וויפיעל, נאָר נישט ווינציגער וויפיעל אונזערע נגידים; איך וועל מיך שטעלען, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, ווי דער שענסטער נגיד: איין עליה אין שוהל די שענסטע, מיט'ן גרויסען „בעבור־שנדר־עשרה־פונט־נרות־על־בית־המדרש", ס'זאָל קלינגען, און לאָזען זיי צעזעצט און צעשפּרונגען ווערען! פונ'ם „בקור־חולים" און פון דער „תלמוד־תורה" שמועסט מען ניט: אין „בקור־חולים" אריין אַ האַלב טוץ זאָגענע העמדער פאַר די קראַנקע, און אַלע תלמיד־תורה־יונגלעך שפּאָגעל־נייע ארבע־כנפות'לעך... און ערשט נאָכדעם מאַך איך חתונה די טאָכטער מיינע. נאָר אַלץ הייסט חתונה! איהר קעהרט אודאי מיינען, אַז איך נעם גלאַט אַזוי און מאַך חתונה, ווי אַלע אידען מאַכען חתונה? פע! קענט איהר דאָך מיך גאָר ניט, ווער איך בין! איך, אַז איך מאַך חתונה, מאַך איך

דינגען פאַר דער שרפה? אַזוי פיעל מכּות זאָל זיך זעצען דעם באַהסלעווער גביר׳ס זוהנדעל אויף זיין נאַריש פּנים, וויפיעל טוי־זענטער איך קאָן ביי זיי נעמען! אי, וועט איהר דאָך פרעגען: פאַר וואָס נעם איך ניט? — ע! קענט איהר דאָך מיך ניט! איך בין, דאַרפט איהר וויסען, א איד א גזלן; ניט אַזוי גיך בייסט מען מיך איין. איך געה מיר מיט מיין גאַנג: אז וויבאַלד החילות לנפּול — וואָס איז די טייטש? — אז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, איז נפול תּפּול — וואָס איז די טייטש? — לאָז זיך עס געהן ווי סע געהט זיך... אי, די סליעדסטווע? די סליעדסטווע איז א סליעדסטווע! וואָס האָב איך מורא, אז איך בין פּאָרט ריין, ריין ווי גינגאָלד?... ס׳איז נאָר שלעכט דערוויילע, וואָס סע וואַקעוועט זיך מיין געלט אומזיסט, און וואָס איך בין דער־וויילע געענגט, איך ווער שיער ניט דערוואָרגען פאַר ענגשאַפט! אָט דאָס איז ביטער! ס׳איז אָבער טאַקי א פאַרדראָסיגע זאַך, כלעבען: דאָס געלט, וואָס איך דאַרף נעמען, וועל איך דאָך נעמען, עס וועט זיך זיי דען עפּיס העלפען? היינט למאַי זאָל מען מיך צי׳העוו אומזיסט־אומנישט? גיט מיר אָפּ מיין געלט, טענה איך, מיין געלט גיט מיר אָפּ! רוצחים, וואָס האָט איהר צו מיינע קינ־דער? — טענה איך. — איך וויל דען עפּיס ביי אייך א סך? גיט מיר אָפּ מיינע צעהן טויזענט קערבלעך, מיינע קינדער׳ס געלט — ס׳איז דען מיין געלט? ס׳איז מיינע קינדער׳ס געלט! גיט מיר אָפּ מיינע קינדער׳ס געלט, און לאָזט מיך צו־רוה, און לאָז דאָס האָבען איין עק, און א רוח אין אייער טאַטען, און גאָרניט!...

נאָר וואָס העלפט טענה׳ן? וואָס העלפט שרייען? דערוויילע איז שלעכט, שלעכט, ביז׳ן עק אריין שלעכט! פון געשעפט אָפּ־געשלאָגען זיך, חתונה אָפּגעשטעלט, נדן איז ניטאָ, קינדער לערנען דאַרף מען, געלט קאָסט, ברוך השם, אלע טאָג, מע ברענגט זיך אוים. היינט די יסורים! מע שלאָפט דען? מע הויבט ניט אָן צו שלאָפען! מע האָט טאַקי קיין מורא ניט; וואָרום וואָס האָב

געשיכטע נומער זעכצעהן

ניטאָ קיין מזל!

געשריבען אין יאָהר 1910.

אַ חתונה, אשר לא חתונו אבותינו — מע האָט נאָך בײַ אונז אַזאַ חתונה ניט געהערט און ניט געזעהען! אַ שאַלאַש איבער'ן גאַנצען שוהל־הויף! כּלי־זמר קאָן איך באַשטעהן דוקא פון סמילע! איין אָרעם־מאָהלצייט פאַר דריי הונדערט אָרעמעלייט, מיט דער פיינער סעודה, מיט די גוטע קוילעטשלעך און מיט'ן רעכטען ביסעל בראָנפען, און מיט דער יעֶנער נדבה, אַ פּיטאַקעל אויף צווייען... און אויף דער חופּה־וועטשערע — דוקא די גאַנצע שטאָדט, אָבער טאַקי פון איין עק ביז'ן אַנדערען עק, און די שונאים, וואָס האָבען מיך געוואָלט דערטרינקען, דוקא אויבען־אָן, און דוקא לחיים, און דוקא אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ, און נאָך אַ טאַנץ! שפּיעלט, כּלי־זמר, אויף וואָס די וועלט שטעהט, און לאָמיר, אידען, טאַנצען!... אָט אַזאַ איד בין איך! איהר קענט מיך גאָרניט. הערט איהר, וואָס איך זאָג אייך? איהר הויבט מיך גאָרניט אָן צו קענען! איך, אַז איך צעהוליע זיך, איז בײַ מיר געלט בלאָטע — נאָך אַ קוואָרט בראָנפען און נאָך אַ קוואָרט בראָנפען, און תּמות נפשי עם פּלשתּים — וואָס איז די טייטש? — איהר זאָלט, קינדער, צעזעצט ווערען טרינקענדיג, און וואָן פון שטוב, און אַ רוח אין אייער טאַטענ'ס טאַטען, און גאָרניט!

ע נ ד ע ג ע ש י כ ט ע נ ו מ ע ר פ ו פ צ ע ה ן.

געשיכטע נומער זעכצעהן

ניטאָ קיין מזל!

— איהר רעדט פון גנבים? — רופט זיך אָן איינער איין אָפּגעפּוצטער פּארשוין מיט אַ רענצעל אין האנט, וואָס ער היט עס, ווי דאָס שווארצאַפּעל פונ'ם אויג (דאָס איז געוועזן ביינאכט אין וואָקזאַל צווייטער קלאַס; מיר זענען געזעסען זאַלבאדריט און געוואַרט אויפ'ן קוריער, וואָס האָט פארשפּעטיגט אויף אַ שעה מיט אַ פערטעל, און גערעדט פון גנבים און גנבות). — פון גנבים רעדט איהר? גנבים לאָזט מיך. וואו האָט איהר אויף דער וועלט נאָך אַזוי פיעל גנבות, ווי אין אונזער בראַנזשע? אַ קלייניגקייט בריליאַנטען? דער יצר־הרע פון בריליאַנטען איז אַזוי גרויס, אַז צווישען די קונים גופא זענען פאַרהאַן גנבים. און ניט אַזוי נאָך צווישען די קונים, ווי צווישען די קונה'טעס, צווישען די דאַמען. מיר קוקען אויף יעדע דאַמע, וואָס מיר קענען זי ניט, מיט זיעבען און זיעבעציג אויגען. און ניט אַזוי גיך גנבה'ט מען ביי אַ יוועליר סחורה. איך קען מיך באַריהמען, אַז זינט איך בין אַ סוחר און האנדעל מיט בריליאַנטען, האָט מען מיך נאָך קיינמאָל ניט באַ'גנבה'ט. נאָר אַז ס'איז באַשערט איין אומגליק, וועט איהר הערען וואָס סע קאָן זיך טרעפען.

אין וואַגאָן אַריין, רייסט זיך מיר אָפּ אין האַרצען: אפשר איז דאָס אַ גנב? אויף דער נאָז שטעהט ניט אויפגעשריבען ביי קיינעם.

גאָט האָט געהאָלפען, אָפּגעפאָהרען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ניט געגעסען, ניט געשלאָפען, געקומען קיין יעהופּעץ צום גביר, אַרויס מיט דער קראָם, גערעדט, גערעדט, זיך אָנגערעדט, ווי אַ פּויק, און, ווי דער שטייגער איז, געלייזט אַ מכּה, ניט קיין געלט.

די גבירים, איך וויל אויף זיי קיין שלעכטס ניט רעדען, נאָר עס מעג אויף זיי קומען אַ גוטע חלירע. זיי קאָכען־אויס דאָס וואַסער. קוקען־אָן, טאַפּען־איבער יעדען אַרטיקעל, שפּיעגלען זיך, צאַצקען זיך, און קומט צו עפּים — אַ נעכטיגער טאָג. מילא, וואָס זאָל מען טהון? יאָ געלייזט, ניט געלייזט, מע דאַרף לויפען ווייטער. טאָמער ווייסט איהר, וואָס וועט מען פאַרשפּעטיגען? גאָרניט, מע לויפט. חאַפּ איך מסתמא אַ דראָשקע און לויף צו דער באַהן. דערווייל הער איך, עמיצער פון הינטען שרייט מיר: „פּעטער, פּעטער!” איך קוק מיך אום — אַ יונגערמאַן לויפט מיר נאָך, האַלט אַ רענצעל אין האַנט, פּונקט אַזאַ רענצעל ווי מיינס, און זאָגט צו מיר:

— אָט האָט איהר פאַרלוירען!...

אַ צרה, אַ שלאַק! דאָס איז דאָך מיין רענצעל! וואו? ווען? ווי אַזוי? אַז ס'איז באַשערט, האָט זיך עס אַרויסגעגליטשט ביי מיר פון דער האַנט, און אָט דער יונגערמאַן האָט דאָס אויפגע־הויבען — און גאָרניט, וואָס פרעגט איהר? איך נעם מיך צו מיין יונגענמאַן, איך קוועטש איהם די האַנט, איך דאַנק איהם: „אַ דאַנק אייך, גאָט זאָל אייך געבען, זאָג איך, געזונט און הצלחה. אַ דאַנק, זאָג איך, און נאָך אַ מאָל אַ דאַנק”. מאַכט ער צו מיר: „ניטאָ פאַר וואָס”. זאָג איך: „וואָס הייסט, ניטאָ פאַר וואָס? איהר האָט דאָך מיך, זאָג איך, ביי מיין לעבען דערהאַלטען. איהר האָט דאָך, זאָג איך, פאַרדיענט אַזאַ מצוה, אַז די וועלט מיט

איך אליין בין סך־הכל נישט קיין יוועליר. דאָס הייסט, אַ יוועליר בין איך, נאָר איך פאַרנעם מיך ניט מיט יוועלירעריי. איך בין ניט מעהר ווי אַ סוחר, וואָס האַנדעלט מיט בריליאַנטען. איך קויף און פאַרקויף בריליאַנטען, צום מיינסטען, אנגראָ, און, צום מיינסטען, אין דער פרעמד, אויף די ירידים, אָדער אַזוי, אַז עס מאַכט זיך ערגיץ אַ קונה, נעם איך מיר מיין רענצעל. אָט דאָס־אָ, אין האַנט, זעץ מיך אָויף דער באַהן און פאָהר.

דערווייל טרעפט זיך אַ מעשה, איך ווער געוואָהר, אַז אין יעהופּעץ איז דאָ אַ גביר, מאַכט ער חתונה אַ טאָכטער. באַדאַרף ער דאָך מסתמא בריליאַנטען. איז אפילו, אַז מע וויל שמועסען צוריק, איז אין יעהופּעץ אויך פאַרהאַן גענוג יוועלירען, אפשר מעהר, ווי מע דאַרף. נאָר איינס צום אַנדערען קעהר זיך ניט אָן. עס מעג זיך זיין אַכצעהנטויזענט יוועלירען, איהר גיט מיר נאָר אַהער אַ קונה, וועל איך שוין וועיזען, ווער ס׳וועט לייזען געלט, איך צי זיי. פאַרקויפען בריליאַנטען איז אַ מלאכה, וואָס מע דאַרף קענען. מע דאַרף וויסען, וואָס צו ווייזען, און ווי צו ווייזען, און וועמען צו ווייזען. איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אַרויסשטעלען, און בסך־הכל האָב איך פיינט באַריהמעריי. נאָר אַז איהר וועט אַ רעד טהון וועגען מיר מיט יוועלירען, וועלען זיי אייך אַלע זאָגען, אַז מיט מיר קאָנקורירען איז ניט גרינג. דאָרט, וואו איין אַנדער׳ער וועט לייזען אַ הונדערטער, וועל איך לייזען דריי. איך קען די מלאכה.

הכלל, פאָהר איך, הייסט עס, קיין יעהופּעץ. מיטגענומען האָב איך מיט זיך, לאָז זיך אייך דאַכטען, אַ היבש ביסעל סחורה, לאָמיר דאָס אַלע פאַרמאָגען, וואָס ס׳האָט אָנגעטראָפען, חאָטש ס׳איז אַריין אין אָט דעם דאָזיגען רענצעל. און איך האָב מיך אוועקגעזעצט און זיץ. פאַרשטעהט זיך, אַז זיצען זיץ איך אָנגע־שפּאַרט האַרט אויף מיין רענצעל, טרעט ניט אָפּ פון אָרט. און פון שלאָפען איז שוין אָפּגערעדט. אַז מע פאָהרט מיט סחורה, שלאָפט מען ניט. מיט יעדען נייעם פאַרשוין, וואָס קומט־אַריין

מען ניט. לאָמיר דאָס ביידע, זאָג איך, פאַרמאָגנען, וואָס איך בין אויף דער סחורה שולדיג. ס׳איז פריהער גאָט׳ס, זאָג איך, נאָכ־דעם פרעמדס. איהר האָט מיך פשוט, זאָג איך, דערהאַלטען ביי מיין כבוד און ביי מיין לעבען, וואָרום מיינע קרעדיטאָרען, זאָג איך, ווען איך קום אהיים אָהן דעם דאָזיגען רענצעל, וואָלטען געוויס געמיינט, אַז דאָס איז עפּיס אַ מאַניפאָרגע, וואָס אונזערע לייט יוווערלירער מאַכען אָפטליך. זיי זעצען־אָפּ דאָס ביסעל סחורה און לאָזען־אַרויס אַ קלאַנג, אַז מע האָט זיי באַ׳גנבה׳ט. מיר וואָלט, זאָג איך, הערט איהר, געקומען נאָר קויפען אַ שטריקעל און אויפהענגען זיך אויפ׳ן ערשטען בוים! לחיים, זאָג איך, גאָט זאָל אייך ממלא זיין, ווי איהר ווינשט אייך אליין, זאָג איך, און זייט מיר געזונט, זאָג איך, לאָמיר זיך צעקושען, ווּאָרום מע דאַרף, זאָג איך, פאָהרען". און איך געזעגען מיך אָפּ און איך צעצאָהל מיך אין „קאפּע" און טהו מיך אַ חאַפּ צו מיין רענצעל — וואָס מיר רענצעל? ווער מיר יונגערמאַן? ניטאָ!

און איך בין געפאַלען חלשות.

געפאַלען חלשות, האָט מען מיך געמינטערט. אָפּגעמינ־טערט — בין איך ווידער אַ מאָל געפאַלען חלשות. און אַז מע האָט מיך שוין גוט אָפּגעמינטערט, האָב איך ערשט דעמאָלט גע־מאַכט אַ גוואַלד, אויפגעהויבען די גאַנצע יעהופּעצער פּאָליציע אויף די פיס, צוגעזאָגט אַ פעט שטיקעל, אַרומגעלאָפען מיט זיי אין אַלע גוטע ערטער, אויסגעזוכט אַלע מייזענלעכער, זיך באַקענט מיט אַלע וועלט־גנבים — מיין יונגערמאַן איז ווי אין דער ערד אַריין! איך בין שוין געבליבען אָהן כחות, ס׳איז מיר נמאס גע־וואָרען די וועלט. און איך האָב מיך אוועקגעלעגט ביי זיך אויף דער סטאַנציע אויף אַ בעטעל און טראַכט מיר, ווי אַזוי מאַכט מען איין עק מיט׳ן לעבען? קוילען זיך מיט אַ מעסער? הענגען זיך אויף אַ שטריק? אָדער גאָר אַריינוואַרפען זיך אין דניעפּר אַריין? און אַזוי ווי איך ליג מיר פאַרטיפט אין טרויעריגע מחשבות, הער איך, מע קלאָפּט. ווער איז? מע איז געקומען

יענער וועלט איז פאר אייך קארג. זאָגט מיר, זאָג איך, וויפיעל זאָל איך אייך געבען? זאָגט, שעמט זיך ניט". און איך וויל מיך א נעם טהון צו דער קעשענע. מאכט ער צו מיר: „וויבאלד איהר אליין זאָגט, אז ס'איז אזא גרויסע מצוה, זאָגט ער, היינט למאי זאָל איך זי, זאָגט ער, פארקויפען פאר געלט?" דערהערט פון איהם אזעלכע דבורים, חאפ איך מסתמא ארום מיין יונגענמאן און הויב איהם אָן קושען: „גאָט אליין זאָל אייך, זאָג איך, באַצאָהלען דערפאר, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן! קומט חאָטש אריין מיט מיר, זאָג איך, וועלען מיר עפּיס נעמען אין מויל אריין, זאָג איך, טרינקען א גלעזעל ויין". „א גלעזעל וויין, זאָגט ער, מהכתיתי, פאר וואָס ניט?" און מיר זעצען זיך אויף ביידע אויף דער דראָשקע, און ווער מיר באַהן? וואָס מיר באַהן? מיר פאָהרען שוין אין „קאפע" עפּיס נעמען אין מויל אריין.

געקומען אין „קאפע", האָב איך גענומען א באזונדער קאבינעט, געהייסען דערלאנגען פון כל טוב און אוועקגעזעצט זיך מיט'ן יונגענמאן א ביסעל שמועסען. דער דאָזיגער יונגערמאן, אויסער וואָס ער האָט מיך, מע קאָן זאָגען, ביי מיין לעבען דערהאלטען, איז מיר גלאַט געפעלען געוואָרען. א סימפּאטישער יונגערמאן מיט א סימפּאטיש פּנים, מיט טיעפע, שוואַרצע, ערנסטע אויגען — א יונגערמאן א גאָלד. און דערצו נאָך א שעמעוודיגער — סכּנות. איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל זיך גאָר ניט זשענירען און זאָל זיך הייסען געבען צום טיש וואָס זיין האַרץ געלוסט, פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען. און וויפיעל ער האָט זיך געהייסען געבען, האָב איך מסתמא געהייסען געבען צוויי מאָל אזוי פיעל. און מיר האָבען גוט אויסגעטרונקען און רעכט פארביסען, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. חלילה ניט אויף אָנצו'שכור'ען זיך. א איד איז ניט קיין שכּור. נאָר „ויהי כּטוב לב המלך ביין", זאָג איך צו מיין יונגענמאן: „איהר ווייסט חאָטש, זאָג איך, וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן? דאָס, וואָס איהר האָט מיר מציל געווען, זאָג איך, אזא פארמעגען — פון דעם, זאָג איך, שמועסט

זאָל איך זיין זיין גואל־הדם? לאָז ער איבערגעהן אויף אַנדערע הענט...

זענט איהר אפשר אַ בעלן אויף אַ פּאָר בריליאַנטענע אויהע־רינגלעך אין גלייכען געלט? וועל איך אייך אַ עפּים וויזען. איהר האָט אַזעלכע בריליאַנטען ניט געזעהען אפילו אין חלום. פּרימאַ שבפּרימאַ!...

ענדע געשיכטע נומער זעכצעהן.

מיך נעמען אין פּאָליציע: מע האָט געכאַפּט דעם פויגעל מיט'ן רענצעל, מיט דער גאַנצער סחורה!

דאַרף איך אייך דערצעהלען, וואָס מיט מיר איז געווען, אַז איך האָב דערזעהען מיין רענצעל מיט מיינע בריליאַנטען? איך בין ווייעדער אַ מאָל געפאַלען חלשות. ביי מיר איז אַ טבע פון חלש'ען. און אַז איך בין געקומען צו זיך, געה איך צו צו מיין יונגענמאַן און רוף מיך אָן צו איהם: „איך פאַרשטעה ניט, זאָג איך, מאַכט מיך קלאָר, איך ווער ש'יער ניט משוגע. וואָס איז דער שכל, זאָג איך, וואָס אַז איהר האָט געפונען מיין רענצעל, זענט איהר מיר נאָכגעלאָפען און אָפּגעגעבען מיר און אפילו נישט געוואָלט נעמען פאַר דער מצוה קיין באַצאָהלט, און אַז איך האָב מיך נאָר אָפּגעקערעוועט אויף אַ ווייל'ע, געהט איהר און גנבה'ט־אַוועק ביי מיר מיין גוטס, מייי פאַרמעגען, מיין נשמה? איהר האָט דאָך מיך, זאָג איך, שיער אומגליקליך געמאַכט. עס איז דאָך מיר אָפּגעגאַנגען, זאָג איך, אַ מינוט צום טוידט!“... קוקט ער אויף מיר, דער יונגערמאַן הייסט עס, מיט די טיעפע ערנסטע שוואַרצע אויגען, און מאַכט צו מיר גאַנץ געלאַסען: „וואָס געהער זיך אָן, זאָגט ער, דאָס צו דעם? אַ מצוה איז אַ מצוה, און גנבה'נען — דאָס איז, זאָגט ער, מיין פּרנסה“... „יונגערמאַן, זאָג איך צו איהם, ווער, זאָג איך, זענט איהר?“. „ווער, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך בין, זאָגט ער, נעבאַך אַ איד אַ גנב און אַ בעל־מטופל מיט קינדער און אַ גרויסער שלימזלניק. איך האָב, זאָגט ער, קיין עין־הרע, אַ גרינגע פּרנסה, נאָר איך האָב צו מיין פּרנסה קיין הצלחה ניט. דאָס הייסט, איך קאָן מיך ניט באַקלאָגען. דאַנקען גאָט, גנבה'נען, זאָגט ער, גנבה'ט זיך אפילו קיין מעשה ניט; נאָר דער חסרון איז, זאָגט ער, וואָס ניט אַלע מאָל געראָט עס מיר. ניטאָ קיין מזל!“...

ערשט אַז איך בין געזעסען אין באַהן, האָב איך מיך אַרומגעזעהען, אַז איך בין אַ פערדישער קאָפּ. מיט אַ קלייניגקייט וואָלט איך דעמאָלט געקאָנט אויסקויפען דעם דאָזיגען גנב. למאי

געשיכטע נומער זיעבעצעהן

באַשערט איין אומגליק

געשריבען אין יאָהר 1902.

געשיכטע נומער זיעבעצעהן

באַשערט אַיין אומגליק

בּרייטליך און געלאַסען, מיט געפּערעלטע ווערטער, האָט אונז דערצעהלט אַ מעשה, טאַקי פון זיך אליין, אַ שענער איד מיט אַ שבּת׳דיגער קאַפּאָטע און מיט אַ בּרייטען דעניק אויפ׳ן זיידענעם קאַשקעט און מיט אַ״ין אויסגעצוואָגען פּנים, אַ בּיסעל פאַרזאָרגט און מיט קנייטשען אויפ׳ן בּרייטען ווייסען שטערן:

— אַז ס׳איז באַשערט, הערט איהר, איין אומגליק, טרעפט דאָס אייך גלייך אין שטוב אריין. איהר מעגט זיין מיט אַכצעהן קעפּ, וועט איהר זיך פון דעם ניט אויסבּאהאַלטען. איך בּין מיר, ווי איהר זעהט מיך, אַ איד אַ ספּאָקאָינער, אַ רוהיגער, כ׳פּליה ניט, כ׳לויף ניט, כ׳האָבּ פיינט קהל׳שע געשעפטען, איך אַנטלויף פון גבּאות, סנדק, חתן־בּראשית, דאָס, יענס, וכדומה.

קיצור, דאַרף זיך טרעפען אַ מעשה, בּיי אונז אין שטעדטעל איז געשטאָרבען אַ איד, „מנשה־גוי“, וואָרום ער איז געוועזן, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ פּראָסטער נפש, ניט געקאָנט כּמעט דאַוונען, ווי זאָגט מען עס, קיין צלם פאַר קיין אלף, ניט לייענען, ניט שרייבּען, ניט דאָס, ניט יענס, וכדומה.

קיצור, אַ פּראָסטער שלש־סעודות, נאָר איין עהרליכער מענטש, אַי״ן אָרענטליכער בּיז גאָר; דאָס וואָרט איז געוועזן הייליג, יע־

געוועזן ערגיץ אַ ביסעל אייגענס, אַ שטוב, אַ קלייט, אַ פערד, אַ בהמה, אַ דאָס, אַ יענס, אַ וכדומה — פון אַלסדינג האָב איך גע־מאַכט געלט... ניט אַזוי גרינג, מאָהלט אייך, איז דאָס מיר אָנגעקומען, וואָרום מנשה, עליו השלום, איז געווען אַ איד אַ נגיד, אַ פאַרפונדעוועטער, ווי מע זאָגט, אַ „בעל־הגוף". וויפיעל מע האָט איהם געשאַצט, האָט ער געהאַט מעהר... נאָר קיין חשבון איז ביי איהם ניט געווען קיינמאָל. געוועזן, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ איד אָהן אַ פּען. אַלע מאָל האָט זיך אָפּגעזוכט איין אַנדער חוב. געוועזן צעשטעקט אויף דער גאַנצער וועלט, פון איטליכען איז איהם געקומען געלט. האָב איך באַדאַרפט, פאַרשטעהט איהר מיך, דאָס אַלסדינג טראָגען אויפ'ן קאָפּ, צונויפנעמען, מאַכען געלט, אַ ברירה האָב איך געהאַט? און אַלסדינג אַליין, וואָרום זי, די אַפּעקונשע מיינט מען, איז אַ „טאָפּ־אידינע", ווייסט ניט פון דאַנען אהין. אפילו איין עהרל'כע, נאָר אַ כשר'ע בהמה. פרעגט זי בחרם, וואָס איז אַ גוט וועכסעל, וואָס איז אַ שלעכט וועכסעל, וואָס איז דאָס, וואָס איז יענס, וואָס איז וכדומה!...

קיצור, איך האָב צונויפגעשלאָגען די עטליכע קערבלעך, אַ היבשע פּויטיקע. צונויפגעשלאָגען מיט צרות, מיט לייד די עט־ליכע קערבלעך, באַדאַרף מען זעהען עפּיס טהון מיט זיי, וואָרום וואָס וועט זיין דער תכלית, אַז זיי וועלען עסען פונ'ם גרייטען? קינדער נעבאַך דאַרפען האָבען אַ העמדעלע, אַ שיכעלע, אַ דאָס, אַ יענס, אַ וכדומה. היינט עסען? מע וועט אַזוי לאַנג עסען, ביז מע וועט אויפעסען אינגאַנצען. וואָס וועט זיין נאָכדעם? אַ מענטש איין אָרענטליכער, פאַרשטעהט איהר מיך, איז מחויב פאַרזאָרגען דעם תכלית. האָב איך אָנגעהויבען קלערען, אהער־אהין, וואָס מאַכט מען מיט'ן געלט? אַ געשעפט? — ווער וועט דאָס פיהרען, אַז זי, די אַפּעקונשע מיינט מען, איז, משטיינס גע־זאָגט, אַ בהמה, און די קינדער נעבאַך זענען קינדער?... פאַר־לייהען? אוועקגעבען דאָס אויף פראָצענט? — טאָמער זעצט יענער אָן, ווער וועט נאָכדעם זיין שולדיג? דער אפיקומן! האָב

נעמ'ס קערבעל קודש־קדשים, און קארג, קארג! — זיך לאָזען ארויסנעמען ביידע אויגען פאר איין גראָשען, דאָס גאנצע לעבען געקלויבען געקלויבען, געקלויבען געקלויבען — און סאמע אין מי־טען... געשטאָרבען. מילא, געשטאָרבען — געשטאָרבען. אז מנשה איז געשטאָרבען, קומט מען צו געהן צו מיר און מע זאָגט מיר: באשר אזוי ווי מנשה איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט גאנץ פיינע עטליכע קערבלעך, מיט חובות, מיט בעל־הבתישקייט, מיט הייזער, מיט דאָס, מיט יענס, מיט וכדומה, — לכן, אזוי ווי ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל פיהרען די געשעפטען, די קינדער נעבאָך זענען נאָך קליינע קינדער, פיער יונגלעך און איינס א מיידעל, און זי אליין, די אלמנה מיינט מען, איז א אידינע, לכן זאָל איך זיין דער בעל־הבית, דער אפיטרופוס, דער אפּעקון הייסט עס. וויל איך דאָך מסתמא ניט הערען, ניט זעהען: וואָס טויג מיר אפּעקון — אפיקומן? וואָס דארף איך דאָס? האָט זיך אָנגעהויבען איין עסק: סטייטש, איהר זענט ביי אונז דער איינציגער אין שטאָדט, דאָס, יענס, וכדומה, איין עבירה אזא פארמעגען, און וואָס וועט זיין דער תכלית פון די קינדער, קליינע קינדער נעבאָך, פיער יונגלעך און איינס א מיידעל? וואָס ווטט אייך אהרען? זייט איהר דער אפּעקון, און זי, די אלמנה מיינט מען, וועט זיין די אפּעקונשע!... בעט איך זיך ביי זיי רחמים: וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר? וואָס בין איך ביי אייך פאר איין אפיקומן, אז איך וויים אפילו ניט מיט וואָס מען עסט דאָס?... האָבען זיי דאָך אָנגעהויבען ווידער א מאָל: און סטייטש, און וואו איז מענטשליכקייט, און טאקי א מצוה אויך, און דאָס, און יענס, און וכדומה...

קיצור, איך האָב ניט געקאָנט אָפּזאָגען און בין געוואָרען איין אפיקומן, איין אפּעקון הייסט עס, א „געטווערדעוועטער", אינ־איינעם מיט איהר טאקי, מיט דער אלמנה מיינט מען. און אז איך בין געוואָרען, מיט גאָט'ס הילף, איין אפיקומן, איין אפּעקון הייסט עס, האָב איך קודם־כל גענומען מאכען א סך־הכל, וואָס האָבען זיי געלט, די קינדער נעבאָך? צונויפגעשלאָגען וואו ס'איז

נאָך סחורה, האָב אויף זיך א בוך מיט חובות, מיט שלעק, מיט צרות, מיט דאָס, מיט יענס, מיט וכדומה? — דאָס איז נישט יענעמ'ס עסק! קײן שותפות האָט זי דאָך, די אַלמנה מײנט מען, מיט מיר נישט געמאַכט, מיר זאָלען זיך טײלען אויף דער האלב!... אי, זי האָט מיר אַרײנגעלעגט געלט? איז, ערשטענס, ליגט דאָס געלט אין סחורה, און והשנית, ליגט דאָס ניט אומזיסט, איך צאָהל דאָך פּראָצענט!... און וואָס איז ווערטה דער טאַרעראַם, וואָס איך האָב צו טהון טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ יענס, טאָ וכדומה? געה זײ אײן אפּיקומן! האָב אין זינען נעבאָך פרעמדע קינדער, צי זײ ווילען לערנען, צי זײ ווילען ניט? צי זײ געהען אהין, וואו מע דאַרף, צי וואו מע דאַרף ניט? צי דאָס, צי יענס, צי וכדומה? וואָס בין איך — טאַקי זײער אַפּיטרופּוס, וואָס איך בין מחויב זײ צו באַוואָהרענען? מע קאָן היינטיגע צײטען, זאָגט איהר, קײן אײגענע קינדער נישט באַוואָהרענען, ובפרט אז גאָט העלפט, עס גיט זיך נאָך אײן א שלעכט קינד — איז גאָר א ברכה פון גאָט! מנשה, זאָל מיר מוחל זײן, איז געווען א איד א פּראָסטאַק, נאָר אײן עהרליכער איד חאָטש; און קינדער האָט ער איבערגעלאָזט — זאָל זיך גאָט מרחם זײן! אײנס ערגער פונ'ם אנדערען! מילא, די עלטערע זענען נאָך צו דערלײדען: אײנער איז א טויבער, נעבאָך א דערשלאָגענער, האָב איך איהם געמאַכט פאַר א בעל־מלאכה. דער אַנדערער איז גלאַט א אידיאָט, נאָר א שטילער, טשעפּעט קײנעם נישט און דאַרף גאָרנישט. דער דריטער האָט זיך באַוויזען קינדווײז יאָ א געראָטענער, נאָר אז ער איז אונטער־געוואַכסען, האָט ער זיך צונויפגעסקאָמפּאַניעט מיט וואו ערגיץ א שלעפּער און איז געוואָרען א שאַרלאַטאַן, מע זאָל באַהיט און באַוואָהרענט ווערען!... ער האָט אַזוי לאַנג געבושעוועט, געוואָ־יעוועט, געאַרבײט, געדראָסט, געיענסט, גע'וכדומה'ט, אז איך האָב איהם געמוזט געבען עטליכע קערבלעך — און געה געזונט קײן אַמעריקע! פון קינדווײז אָן האָט דאָס איהם געצויגען קײן אַמע־ריקע! און מיר זענען פּטור געוואָרען... און דאָס מײדעל האָב

איך מיך מיישב געווען: וואָס דאַרף מען אַ בעסער געשעפט, ווי מיין געשעפט? האַ? און וואָס דאַרף מען אַ גרעסערען בטוח, ווי איך? האַ? איך האָב, ברוך השם, קרעדיט אומעטום, אויף אַלע ירידים, און אַ נאָמען האָב איך — ביז מיין לעבען זאָל איך קיין ערגערען נאָמען ניט האָבען. ניט גלייכער טויזענט מאָל, איך זאָל אריינבראָקען די עטליכע קערבלעך צו מיר אין קראָם אריין? האַ? אונטערפרישען מיט נאָך סחורה און מיט נאָך סחורה? האַ? און פאַר מזומנים אַז מע קויפט סחורה, האָט דאָך דאָס טאַקי גאָר, זאָגט איהר, איין אַנדער טעם, וואָרום איטליכער וויל זיך זעהען מיט אַ מזומן קערבעל. מזומנ'ע קערבלעך איז היינט, פאַרשטעהט איהר מיך, ווינציג פאַרהאַן. אומעטום איז נאָר פאַפּיער, נאָר וועכסעל, אַ שרייב אַהער, אַ שרייב אַהין, אַ דאָס, אַ יענס, אַ וכדומה...

קיצור, כ'האָב אריינגעלעגט דאָס גאַנצע געלט צו מיר אין געשעפט אריין, און ס'איז אוועקגעגאַנגען קיין מעשה ניט, דאָס הייסט, ניט שלעכט, טאַקי גאָר ניט שלעכט! דער פדיון, פאַרשטעהט איהר מיך, איז געוואָרען אַ סך גרעסער, וואָרום אַז ס'איז פאַרהאַן אַ סך סחורה, לייזט זיך גאָר אַנדערש, ווי זאָגט איהר: אַז ס'איז פאַרהאַן אַ סך פיש אין טייך, חאַפּט זיך גאָר אַנדערש. נאָר וואָס דען? איין זאַך איז געווען שלעכט: די הוצאה! איך בין געוואָרען אַ צווייענדיגער בעל־הוצאה. צוויי געזינדלעך, קיין עין־הרע!... איך מיט מיין הויז־געזינד, קיין עין־הרע, שמועסט מען ניט. נו, און זי, די אַלמנה מיינט מען, באַדאַרף, און די קינדער נעבאַך באַדאַרפען, פינף קינדער פרעמדע, פיער יונגלעך, איינס אַ מיידעל. נישט קיין קלייניגקייט! שוכען און קליידען, אין חדר געבען, דעם שרייבער צאָהלען. היינט אַמאָל אַ פּאָהר, אַ נאַשעריי, אַ דאָס, אַ יענס, אַ וכדומה — מע קאָן דאָך אַנדערש ניט! וואָס וועט יענער זאָגען? אַ שלעכטער אפיקומן — צו־גענומען דאָס געלט און זשאַלעווען די יתומים אַ גראָשען אויף אַ צוקערקע... אַי, וואָס איך האָרעווע, דרעה זיך דעם קאָפּ, פאָהר

בײַ איהר אין בויך, אײדער ער האָט גאָר באַדאַרפט געבוירען ווערען אויף דער וועלט? דאָס, וואָס דניאלטשיק האָט איהר גע־טהאָן, קאָן מען גאָר נישט איבערדערצעהלען. ער האָט אַרויס־גע׳גנבה׳ט וואו ס׳איז געווען בײַ איהר אַ שטיקעל ציערונג, אַ פינ־גערעל, אײַן אויהערינגעל, אַ שנירעל פערעל, אַ זײַדען טיכעל, אַ לעמפּעל, אַ מעסערעל, אײַן אַלטע פּאָר ברילען, אַ דאָס, אַ יענס, א וכדומה — אַלסדינג איז בײַ איהם געווען אַ קרן, אַלסדינג האָט ער אַרויסגעטראָגען פון שטוב, פאַרקויפט און אויסגעגעבען אויף צוקערקעס, מיט ניס, מיט קאַווענעס, מיט גוטען טיטון; פאַר זיך און פאַר זײַנע חברים. מאָהלט אײַך, שענע חברים׳לעך! שלע־פערס, גנבים, שכורים — דער רוח ווייסט איהם, וואו ער האָט זיי דערטאַפּט! וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אַוועקגעגעבען די חברים זײַנע: אַ נײַע פּאָר שטיוועל, אַ קאַפּעליש, דאָס אויבער־שטע העמד פון זיך... „דניאלטשיק, וואָס טהוסט דו? אַ נײַע פּאָר שטיוועל געהסט דו און גיסט אַוועק?“... „נאַפּליעוואַט!“ — זאָגט ער. — אַ רחמנות, יענער געהט נעבאַך באָרוויס“... וואָס זאָגט איהר אויף דעם בעל־רחמנות?! פון געלט שמועסט מען ניט: וואו ער האָט דערטאַפּט אַ מזומנ׳עם גראָשען — האָט ער אַוועקגעגעבען דער חברה זײַנער. „דניאלטשיק, אום גאָטעס ווי־לען, וואָס טהוסט דו דאָס?“... „נאַפּליעוואַט! — זאָגט ער. — יענער האָט אויך אַ נשמה, יענער באַדאַרף אויך עסען“... ווי געפעלט אײַך אַזאַ מין פילאָזאָף, אַ מכניס־אורח? אז מע שמועסט אַ כלי שלמה, אײַן „אויסוואַרפלינג“ פון דער נאַטור! און אפשר מיינט איהר — אַ נאַריש יונגעל, אָדער חלילה נישט קיין שעהן קינד? — אַ דורכגעטריבענער, אַ שענער יונג, אַ געזונטער, אַ פריילינער, אַ זינגער און אַ טענצער, נאָר עפּים אַ בלוט אַזאַ טרפה׳ס, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָהר!... וואָס האָבען מיר מיט איהם נישט איבערגעטהאָן? געפּרובט זיך מיט גוטען, געפּרובט זיך מיט בייזען; געהאַלטען דרײַ טאָג מיט דרײַ נעכט באַזונדער אין אַ קאַמער פאַרשלאָסען, געשלאָגען מיט אײַן אַראַפּניק, צעבראָכען

איך חתונה געמאכט, געגעבען כמעט טויזענט קארבען גרן, אויס־געקליידט, געפּראַוועט אַ חופּה מיט כּלי־זמר, מיט דאָס, מיט יענס, מיט וכדומה, אַלסדינג ווי עס געהער צו זיין, כּמעט ווי ביי איין אייגענער טאָכטער. וואָס דען? ס'איז עפּיס אַ תּירוץ? וואָס, משטיינס געזאָגט? אַז קיין טאטען נעבאך האָבען זיי ניט, און זי, די מאַמע מיינט מען, איז אַ בהמה — ווער וועט זיך פאר זיי שלאָגען קאָפּ אָן וואנט, אַז ניט איך?... „שוטה! אָפּגעריסענער נאַר! — פלעגט צו מיר אָפּטמאָל זאָגען מיין אַלטע. — אודאי באַדאַרפסט דו זיך מפקיר זיין פון פרעמדע קינדער'ס וועגען! אָט וועסט דו זעהען, ווי מע וועט דיר אָפּדאַנקען מיט שטיינער פאַר דיין אפיקומן, וואָס דו ביזט!"... אַזוי פלעגט זי צו מיר זאָגען, און זי האָט געטראָפען: מע דאנקט מיר אָפּ, מע דאנקט מיר אָפּ מיט שטיינער, און נאָך מיט וואָסערע שטיינער! אָט וועט איהר באַלד הערכען, וואָס איך האָב אויף זיך פאר אַ פּעקעל. איך בין שטאַרקער פון אייזען, הערט איהר, אַז איך טראָג עס אריבער...

קיצור, פון אַלע קינדער, וואָס מנשה, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט, איז דאָ איינער, דער קלענערער פון אַלע, הייסט ער דניאלטשיק — איז דאָס, ברוך השם, אַ געראָטענס, אַ צאַצקעלע, אַ דניאלטשיק פון גאָט! פון קינדווייז אָן איז דאָס געווען טאַקי עפּיס נאָר איין אָנשיקעניש, און געננג. ער האָט געקאָנט זיך פאַר־גינען צו פינף יאָהר פאטשען די מאַמע זיינע מיט אַ חאָליווע פון אַ שטיוועל איבער די פיסקעס, און דוקא שבת אין דער פריה פאַר'ן דאַוונען! אַראָפּרייסען ביי איהר דעם שלייער, בשעת עס זיצט אַ פרעמדער מענטש — דאָס איז ביי איהם געווען אַ וואָכעדיגער גאַנג! די אידינע, זאָג איך אייך, איז איין אייזערנע אידינע, אַז זי האָט דאָס געקאָנט אריבערטראָגען פון איהם! טאָג ווי נאַכט האָט מען געהאַט צו טהון מיט דניאלטשיקען. אַלע מאָל, ווען איך בין געקומען אהין, האָב איך זי געטראָפען, די אַלמנה מיינט מען, זיצען און וויינען, מיט אַ טענה: פאַר וואָס האָט זי גאָט געשטראָפט מיט אַזא קינד? פאַר וואָס איז ער ניט אויסגערונען

— פאַר אסנה'ן, — מאַכט ער.

— וואָסער אַסנה?

— אונזער אַסנה, מאַכט ער, די וואָס זי איז געווען ביי אונז אין שטוב.

— אַלע בייזע וויסטע חלומות! — זאָג איך. — פאַר אַ דיענסטמויד האָסט דו חתונה?

— נאַפּליעוואַט! — מאַכט ער. — אַ דיענסטמיידעל איז דען קיין מענטש ניט?

— אַז אָך און וועה, זאָג איך, איז דער מאַמע דיינער! ביזט דו געקומען, הייסט עס, מיך רופען אויף דער חתונה?

— ניין! — מאַכט ער. — איך בין געקומען צו אייך מכּח מלבושים, מכּח אויסקליידען זיך צו דער חתונה. מיר האָבען אויסגערעכענט, איך מיט אַסנה'ן, אַז מיר דאַרפען האָבען אַזוי: מיר אַ גאַרניטער אַ קאָרטענעם, און אַ גאַרניטער פון פּאַרוסינע אויף זומער, און העמדער אַ טוץ אונטערשטע, און אויבערשטע אַ האַלב טוץ; און אַסנה'ן — ציץ אויף אַ קליידעל, און איין קליידעל אַ וועלענס, און זאָנע אַ גאַנץ שטיקעל אויף העמדער, מאַראַזאָוו'ס זאָנע, און פוטער אויף אַ בורנוס, און שאַלעכלעך צוויי, און אַ האַלב טוץ נאָזטיכלעך, און אַ ביסעל דאָס, און אַ ביסעל יענס, און אַ ביסעל וכדומה...

— און ווייטער גאָרנישט? — זאָג איך און האַלט זיך קוים איין פאַר געלעכטער.

— און ווייטער גאָרנישט. — מאַכט ער.

קיצור, דאָ האָב איך מיך שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען; ס'איז מיט אַ מאָל אָנגעפאַלען אויף מיר אַזאַ געלעכטער, אַז איך בין שיער אַראָפּגעפאַלען פונ'ם בענקעל. און אויף מיר קוקענדיג, האָבען זיך צעלאַכט אַלע מיינע מענטשען. מיר האָבען שיער צעטראָגען די קלייט פאַר געלעכטער! אַז איך האָב מיך גוט אויסגעלאַכט, רוף איך מיך אָן צו מיין שענעם חתן:

אויף איהם אַ גוטען יאַמשאָוועז שטעקען פון אַ דרייערעל — מיי־
נעם איין אייגענעם שטעקען... ווי איין אַרבּעס אָן דער וואַנט!
אַוועקגעגעבּען איהם צו אַ בּעל־מלאכה, געוואָלט מאַכען פון איהם
אַ זייגערמאַכער, אַ גאָלדשמיעד, אַ סטאָליער, אַ כּליזמר, אַ קאָוואַל,
אַ דאָס, אַ יענס, אַ וכדומה — אוממעגליך! ער וויל נישט אַר־
בּייטען, האָטש נעם צעשנייד איהם אויף צווייען! „וואָס וועט
זיין פון דיר, דניאלטשיק?” „אַ פרייפייגעלע”. — זאָגט ער און
לאַכט נאָך. „אַ פרייפייגעלע? — איין אַרעסטאַנט, אַ גנב וועט
פון דיר זיין!” „נאַפּליעוואַט!” — מאַכט ער און דרעהט זיך
אויס און ווערט פאַרשוואונדען.

קיצור, מיר האָבּען אַ שפּיי געטהאָן אויף איהם, געלאָזט וואַכ־
סען, און ס'איז אויסגעוואַכסען פון איהם אַ תּכשיט, וואָס זאָלט
איהר קלערען! דאָס הייסט, גנבה'נען האָט ער אויפגעהערט;
ס'איז שוין ניט געווען כּמעט וואָס. נאָר גלאַט, די הנהגה זיינע,
די שענע חברים'לעך און די פּאָסטעמפּקעלעך זיינע, מיט אַ מין
הלבּשה: אַ רויט העמדעל איבּער די הויזען מיט אַ פּאָר גרויסע
שטיוועל, האָר האָט ער זיך פאַרלאָזט, ווי אַ דיאַק, די מאָרדע האָט
ער זיך אָפּגעגאָלט — אַ פיין בּחור'על!... צו מיר האָט ער קיינ־
מאָל ניט געהאַט קיין העזה צוטרעטען. אז ער האָט עפּיס בּאַ־
דאַרפט האָבּען, האָט ער געשאָסען דורך איהר, דורך דער מאַמע
מיינט מען. און די מאַמע איז אַזאַ בּהמה, אַז זי האָט איהם נאָך
ליעב אויך, דעם טייערען קדיש. ס'איז פאַר איהר אַלסדינג רעכט!
איינמאָל קום איך אַרויס אין קלייט אַריין, איך טהו אַ קוק — מיין
חברה־מאַן איז דאָ, ער וואַרט אויף מיר.

— בּרוך־הבּא, אַ גאַסט, דניאלטשיק, זאָג איך. וואָס וועסט
דו זאָגען עפּיס גוטס?

— איך בּין געקומען, מאַכט ער, אייך זאָגען, אַז איך האָבּ
חתונה.

— מזל טוב, זאָג איך, אין אַ גוטער שעה. פאַר וועמען האָסט
דו חתונה?

— וואָס איז פאַר אַ חשבון צוויי הונדערט מיט דריי און צוואַנציג קערבלעך? — פרעג איך איהם.

— אזוי טרעפט אָן, מאַכט ער צו מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג, דאָס ביערשענקעל מיט׳ן ביליאַרד.

— וואָסער ביערשענקעל? וואָסער ביליאַרד?

— איך האָב מיר געמאַכט, זאָגט ער, אַ געשעפט: איך האָב איבערגענומען אַ ביערשענקעל מיט אַ ביליאַרד. אַסנה וועט פאַר־קויפען ביער און איך וועל זיין ביי׳ם ביליאַרד, אַכטונג געבען, ווי מע שפּיעלט אויף ביליאַרד. מע קאָן דערפון, זאָגט ער, האָבען שען פרנסה.

— אַ שענע פרנסה! — זאָג איך צו מיין נייעם בעל־פרנסה. — עס פּאַסט טאַקי פאַר דיר אַזאַ פרנסה, אַ שענקעל מיט אַ ביליאַרד!

— נאַפּליעוואַט! — מאַכט ער. — אַבי נישט צונעמען ביי יענעם. איין מאָל אין טאָג אַ שטיקעל טרוקען ברויט, אַבי נישט קיין פרעמדס...

ווי געפעלט אייך, אַשטייגער, דניאַלטשיק רעדט מיר פילוסופיה!...

— געזונטערהייט! — זאָג איך. — פאַרקויפט אייך ביער און שפּיעלט אייך אויפ׳ן ביליאַרד. וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט מיר?

— עס געהער זיך אָן, זאָגט ער, מיט אייך, ווייל איהר דאַרפט געבען געלט, צוויי הונדערט מיט דריי און צוואַנציג קערבלעך.

— וואָס הייסט, איך ד אַ ר ף געבען? — זאָג איך. — פון וואָסער געלט, אַשטייגער?

— פון מיין טאַטענ׳ס געלט, מאַכט ער און פאַרקרימט זיך אפילו ניט!

איהר וועט מיר גלויבען? עס האָט זיך מיר בשעת מעשה געגלוסט אָננעמען איהם פאַר׳ן קאַרק און אַרויסוואַרפען איהם פון קלייט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!... נאָר צוריק האָב איך מיך

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, דניאלטשיק־סערדצע, האָסט עפּיס אַריינגעלעגט צו מיר אַ גרויסען חלק אין קלייט אַריין, וואָס דו ביזט געקומען צו מיר מיט אַזאַ צעטעל?

— איך ווייס ניט, מאַכט ער צו מיר, איך ווייס ניט אַקוראַט, וויפיעל עס נעמט זיך אָן אויף מיין חלק. נאָר ווערדליג דאָס געלט, וואָס ס'איז געבליבען פון מיין טאַטען, אַז מע זאָל דאָס טיילען אויף פינף חלקים, וועט דאָס אויף מיינע חתונה־קליידער האָפּען, און עס וועט נאָך עפּיס, דאַכט מיר, בלייבען אויף נאָך דער חתונה אויך...

קיצור, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? אַז ער האָט מיר אויס־גערעדט די דאָזיגע ווערטער, איז גלייך ווי עמיצער זאָל מיר געבען מיט אַ פּיסטויל אין האַרצען, אָדער אָפּשיטען מיט פייער, אָדער אָפּגיסען מיט הייס וואַסער, אָדער איך ווייס אַליין ניט מיט וואָס! ס'איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען! איהר פאַרשטעהט? לאַ די יואָס איך האָב געהאַט מיט זיי צו טהון אַזוי פיעל יאָהרען, געטראָגען אויף זיך איין אַלמנה נעבאַך מיט פינף קינדער, אַלע־מען פאַרזאָרגט און חתונה געמאַכט, און געדאָסט, און געיעגסט, און גע'וכדומה'ט, צום סוף וואַכסט־אויס אַזאַ שייגעץ אויף מיין קאָפּ און גיט מיר אָנצוהערעניש וועגען חלקים גאָר!...

— נו, נישט מיינע ווערטער? — מאַכט צו מיר מיינע. — האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז מע וועט דיר אָפּדאַנקען מיט שטיי־נער?...

קיצור, וואָס טויג אייך, איך האָב געגעבען אַלסדינג, וואָס ער האָט געוואָלט. וואָס וועל איך געהן האָבען צו טהון מיט אַזאַ שנעק? עס פּאַסט נאָר נישט פאַר מיר! נאַ, געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, וואַרג זיך, ווער פאַרברענט, פאַר'שרפה'ט, אַבי פּטור ווערען פון אַ שלאַק!... מיינט איהר, אַז איך האָב שוין דערמיט גע'־פּטר'ט? וואַרט־אויס, וועט איהר ערשט הערען. אין אַ חודש אַרום נאָך דער חתונה קומט ער צו געהן צו מיר, דער שענער יונגערמאַנטשיק, איך זאָל איהם, למען השם, באַלד געבען צוויי הונדערט מיט דריי און צוואַנציג קערבלעך.

— געזונט, מאַכט ער, נאַפּליעוואַט! נאָר די געשעפטען זענען נישט אין בעסטען.

„מזל טוב דיר! — טראַכט איך מיר. — זאָלסט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות!... דאָס שמעקט שוין מיט פּריש געלט"...

— דהיינו, וואָס איז? — זאָג איך. — עס לייזט זיך ניט קיין געלט?

— וואָסער געלט? ווער רעדט פון געלט? געלט, מאַכט ער, נאַפּליעוואַט! איך האָב שוין ניט קיין ביערשענק, איך האָב שוין ניט קיין בּיליאַרד, איך האָב שוין ניט קיין ווייב. זי האָט מיך אוועקגעוואָרפען, אסנה הייסט עס. נאָר חאַפּט זי דער רוח, נאַ־פּליעוואַט! איך פאָהר־אַוועק, זאָגט ער, קיין אַמעריקע. מיין ברודער רופט מיך שוין לאַנג קיין אַמעריקע.

דערהערט, אַז ער פאָהרט קיין אַמעריקע, איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון'ם האַרצען. ער האָט מיט אַ מאָל באַקומען חן אין מיינע אויגען. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך איהם אַרומ־געחאַפּט קושען...

— קיין אַמעריקע? — זאָג איך. — מהכתיתי. אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ פריי לאַנד. מענטשען, זאָגט מען, ווערען דאָרט גליקליך, זענען מאַסף ממון. ובפרט, אַז מע האָט נאָך דאָרטען איין אייגענעם, איז גאָר גוט... ביזט דו געקומען, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט מיר? זעהר פיין פון דיין זייט... זאָלסט חאָטש ניט פאַרגעסען דאָרטען אַמאָל אַריינשרייבען אונז אַ בריוועל. פאָרט היימישע מענטשען, ווי זאָגט ער... דניאל, אפשר חאַפּט דיר נישט אויף הוצאות? קאָן איך דיר געבען צו־שטייער...

— צוליעב דעם, זאָגט ער, בין איך טאַקי אַריינגעקומען צו אייך. גיט מיר דריי הונדערט קאַרבען, דאַרף איך האָבען.

— דריי הונדערט קאַרבען? — זאָג איך. — עס וועט אפשר זיין אַ ביסעל צו פיעל? טאָמער וואָלט געוועזען גענוג ק"ן?

— וואָס באַדאַרפט איהר זיך מיט מיר דינגען? איך וויים דען ניט, אַז איך זאָל אייך זאָגען פיער הונדערט, וועט איהר מיר

מיישב געווען: מיט וועמען וועל איך מיר דאָ, משטיינס געזאָגט, פּאַסקודיגען די הענט? חאַפּט איהם דער וואַטענמאַכער! לאָז מ י י נ ס איבערגעהן!...

— זאָג מיר, דניאַלטשיק, מאַך איך צו איהם, דו ווייסט חאַטש, וויפיעל ס׳איז פון דיין טאַטען געבליבען געלט?

— ניין, מאַכט ער, וואָס דאַרף איך עס וויסען? איך וועל נאָך צייט האָבען צו וויסען איבער־אַ־יאָהר, אם ירצה השם, אז ס׳וועט מיר ווערען איין און צוואַנציג יאָהר, וועל איך ביי אייך דעמאָלט אָפּנעמען דין־וחשבון... דערווייל גיט מיר די צוויי הונ־דערט דריי און צוואַנציג קערבלעך, לאָם איך געהן.

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. מיינט איהר, פאַר וואָס? נישט מחמת איך האָב חלילה מורא פאַר עמיצען, וואָרום וואָס האָב איך מורא צו האָבען? איך האָב קאַרג אויסגעבראַכט זיך אויף זיי? אַ ווערטעלע אויס־צורעדען — אויסגעהאַלטען אַזוי פיעל צייט איין אַלמנה נעבאַך מיט פינף קינדער, אַלעמען פאַרזאָרגט און חתונה געמאַכט, און געדאָסט, און געיענסט, און גע׳וכדומה׳ט, — קומט אַזאַ שנעק און רעדט גאָר פון אָפּנעמען ביי מיר דין־וחשבון!

קיצור, איך האָב אַרויסגענומען און האָב איהם געגעבען צוויי הונדערט דריי אַון צוואַנציג קאַרבען, און געבעטען גאָט, ער זאָל מיך חאָטש לאָזען צו־רוה... און ס׳איז טאַקי אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, איך האָב נישט אָנגעקוקט דעם פּנים זיינעם. פּלוצים, איך קום אַמאָל צו געהן אַהיים — אהאַ, ער איז דאָ!... עס האָט זיך מיר אָפּגעריסען אין האַרצען, אַז איך האָב איהם דערזעהען. נאָר אַרויסבאַווייזען איהם, אַז עס אַהרט מיך, טאָר מען נישט. מאַך איך זיך תּמ׳עוואַטע און רוף מיך אָן צו איהם:

— אָ! אַ גאַסט! וואָס איז די מעשה, דניאַלטשיק, וואָס מע זעהט דיך ניט? וואָס מאַכסט דו עפּיס אין געזונט? ווי געהט דאָס דיר איך די „געשעפטען״?

גאָט פאַר איהם, ווי פאַר איין אייגען קינד, מעגט איהר מיר גלויבען !...

כך הוה. עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין צוויי יאָהר אפילו פון זינט ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אמעריקע, עפּעגט זיך ניט די טיר און עס קומט ניט אריין עפּיס א מין . . יטש מיט א הויכען קאַפּעליש, אַ שענער יונגאַטש, אַ געזונטער, אַ ברייט־ביינינגער און אַ פרייליכער, און האַפּט מיך ניט ארום קושען ?

— וואָס איז די מעשה ? — זאָגט ער. — איהר האָט מיך ניט דערקענט, צי איהר מאַכט זיך, אַז איהר דערקענט מיך ניט ?

— טפו זאָלסט דו ניט ווערען ! דניאלטשיק, ס'איז דו ? — זאָג איך מיט אַ געלעכטער כלומרשט, און אין הארצען קאָכט אין מיר אַ פייער, און איך טראַכט מיר : „פאַר וואָס ביזט דו דאָרטען נישט גע'הרג'עט געוואָרען, מיינע שונאים, ערגיץ אויפ'ן באַהן, אָדער דערטרונקען געוואָרען אויפ'ן ים ?"... — ווען קומסט דו אָן, דניאלטשיק, און וואָס טהוסט דו היע ?

— קומען קום איך אָן, זאָגט ער, היינט אין דער פריה. און וואָס טהו איך היע ? איך בין, זאָגט ער, געקומען צו אייך זיך צערעכענען.

דערהערט אָט דאָס וואָרט „זיך צערעכענען", איז מיר שוין געוואָרען דריי לעבער אין הארצען. וואָס פאַר חשבונות האָט ער מיט מיר, דער שאַרלאַטאַן ?... נאָר איך האָב מיך אָנגענומען מיט הארץ און רוף מיך אָן צו איהם :

— וואָס האָסט דו זיך נאָך באַדאַרפט מטריח זיין אַזש פון דאָרטען אַהער ? ממה־נפשך, האָסט געוואָלט מאַכען אַ חשבון, האָסט דו געקאָנט אָפּשיקען מיר דורך דער פּאָסט, וואָס מיר קומט־ארויס...

— וואָס אייך קומט־ארויס ? — זאָגט ער מיט אַ שען געלעכטערל. — איך ווייס ניט, פון וועמען עס קומט־ארויס... איך האָב מורא, אַז עס קומט פון אייך ארויס...

— וועמען ? — זאָג איך. — דיר אפשר קומט־ארויס ?...

געבען פיער הונדערט אויך, און פינף הונדערט אויך, און זעכס הונדערט אויך?... נאָר איך באַדאַרף ניט קיין געלט, נאַפּליעוואַט! איך באַדאַרף נאָר דריי הונדערט קאַרבען אויף הוצאות.

אזוי מאכט ער צו מיר, דניאלטשיק הייסט עס, און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין. „דריי הונדערט מכות, קלער איך מיר, זאָל זיך מיינע שונאים זעצען אויפ'ן לייב! איך זאָל האָטש וויסען — איין עק, אז דערמיט האָט זיך פאַרשלאָסען די ערד, און ער וועט שוין אויפהערען קומען צו מיר אַלע מאָל דאָסען און יענסען און וכדומה'ן!"...

קיצור, כ'האָב ארויסגענומען און אָפּגעצעהלט איהם דריי הונדערטער אחת ואחת, און נאָך געקויפט א מתנה דעם עלטערען ברודער זיינעם, א גאַנצען פונט טיי וויסאָצקי'ס, מיט גוטע פּאַפּיראָסען א טויזענט, מיט עטליכע פלעשלעך כרמל־וויין, און חוץ לזה האָט איהם מיין ווייב אָפּגעבראָטען א קאַטשקע, מיטגעגעבען בולקעס מיט מאַראַנצען, מיט צרות, מיינע שונאים, מיט הארצ־וועהטיג, מיט דאָס, מיט יענס, מיט וכדומה אויפ'ן וועג, און מיר האָבען איהם ארויסבאַגלייט צום באַהן, זיך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט מיט איהם, צעקושט, ווי מיט איין אייגען קינד, געוויינט מיט טרערען, גאָט זאָל מיר אזוי העלפען, פּאָרט אויף מיינע הענט אויסגעוואַכסען, און טאַקי א וואוילער יונג, למאי זאָל איך לייקענען? ער איז נאָר א ביסעל פאַרשייט, ווייטער האָט ער א האַרץ, אויף מיר אַזאַ יאָהר! איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת: א ביסעל בין איך געווען צופריעדען, וואָס ער איז אוועקגעפאָהרען, פּטור געוואָרען פון א פּריטשעפּע... און א ביסעל האָט מיר וועה געטהאָן דאָס האַרץ: א יונג קינד, נעבאַך נע־ונד, מי יודע וואוהין ער קאָן פאַרפאָהרען, און וואָס סע קאָן פון איהם ווערען דאָרטען?... ער זאָל האָטש שרייבען אמאָל א בריוועל... און אפשר איז גלייכער, ער זאָל גאָר ניט שרייבען. לאָז ער זיך לעבען דאָרטען הונדערט און צוואַנציג יאָהר און זיין גליקליך! איך האָב געבעטען

וואָלט דען ניט געווען גלייכער טויזענט מאָל, איך זאָל געווען דעמאָלט ליגען אויף אַ היציג שלאַפקייט, אָדער אויסברעכען זיך אַ פּוס, אָדער אַזוי עפּיס אַיין אומגליק זאָל מיך געווען טרעפען, אַבי ניט האָבען אויף זיך אַזאַ פּעקעל, מיט אַיין אפיקומן, מיט אַיין אַלמנה נעבאַך, מיט יתומים, מיט אַ דניאַלטשיק, מיט אַ חשבון, מיט אַ דאָס, מיט אַ יענס, מיט אַ וכדומה?...

ענדע געשיכטע נומער זיבעצעהן.

— מיר, זאָגט ער, און מיינע ברידער און מיין שוועסטער — אונז אַלעמען;... איך בין דאָס געקומען אומיסטנע פון אַמעריקע זיך צערעכענען מיט אייך פאַר אונז אַלעמען... איך וויל אַ חשבון פונ׳ם טאַטענ׳ס געלט. וואָס א י י ך קומט — וועט איהר ז י ך אָפּנעמען; וואָס א ו נ ז קומט — וועט איהר א ו נ ז ארויס־צאָהלען. און טאָמער וועט געהן דאָרטען אין אַ קלייניגקייט, איז נאַפּליעוואַט; מיר וועלען מסתּמא דורכקומען, חלילה זיך נישט קריעגען... וואָס זשע מאַכט א י ה ר עפּים? וואָס מאַכען די קינדער אייערע? איך האָב זיי געבּראַכט איטליכען באַזונדער אַ מתּנה...

מיר איז אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צו חלש׳ען, אָדער האַפּען אַ בענקעל און פּלעטען איהם דעם קאָפּ... איך האָב מיך איינגעהאַל־טען און האָב איהם געהייסען קומען, אם ירצה השם, נאָך שבת, וועלען מיר זיך רעכענען, און אַליין בין איך אָפּגעפאָהרען פון דער היים זיך צעפּרעגען ביי אַדוואָקאַטען, וואָס טהוט מען, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דעם דאָזיגען פּעקעל?... די אַרוואָקאַטען אָבער, ווייסט זיי דער גוטער יאָהר, צי זיי ווייסען טאַקי ניט, צי זיי מאַכען זיך ניט וויסענדיג?... דער זאָגט, אַז וויבאַלד ס׳איז איבערגעלאָפען מעהר פון צעהן יאָהר, איז פאַרפאַלען. דער זאָגט: ניין, בין איך איין אפּיקומן, איין אָפּעקון הייסט עס, מעג איבערגעהן הונדערט יאָהר, דין־וחשבון באַדאַרף איך אָפּגעבען... פרעג איך אַ קשיה: „ווי אַזוי זאָל איך געבען דין־וחשבון, אַז איך האָב נישט קיין בוך און קיין שום חשבונות?"... זאָגט דער אַד־וואָקאַט: „איז טאַקי נישט גוט"... „נישט גוט, זאָג איך, ווייס איך אַליין; איהר גיט מיר בעסער איין עצה, וואָס טהוט מען?"... איז נישטאָ קיין ווערטער!... איך בין איין אייזערנער, הערט איהר, אַז איך האַלט דאָס אויס! צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט, פרעג איך אייך, דער גאַנצער משא־ומתּן מיט׳ן קלאַפּאָט, מיט׳ן גאַנצען דאָס, מיט׳ן יענס, מיט׳ן וכדומה? וועלכער רוח האָט מיך גע־טראָגען, איך זאָל ווערען איין אפּיקומן אויף פרעמדע קינדער?

געשיכטע נומער אכצעהן

רופֿ מיך קנאַקניסעל

געשריבען אין יאָהר 1911.

געשיכטע נומער אכצעהן

רוף מיך קנאַקניסעל

אקעגען מיר, ביי'ם פענסטער, זיצט אַ אידעל מיט אַ שמייכעלענדיג פנים און מיט אַזעלכע אויגען, וואָס ווילען זיך אריינקלויבען צו אייך אין הארצען אריין. דאָס אידעל קוקט שוין לאַנג ארויס, איך זאָל איהם זאַטשעפּען, נאָר איך האַלט מיך פון דער ווייטען. עס ווייזט אויס, אַז ס'איז איהם נמאס געוואָרען זיצען אינצווייען מיט אַ אידען אין וואַגאָן און שווייגען. צעלאַכט ער זיך פלוצים צו זיך אַליין און רופט זיך אָן צו מיר:

— איהר פרעגט, וואָס איך לאַך? איך האָב מיך דערמאַנט אַ שטיקעל, ווי אַזוי איך האָב אָפּגענאַרט יעהופּעץ, חאַ־חאַ! יאָ, ווי איהר קוקט מיך אָן — איך, איך משה־נחמן פון קענעלע, אַ איד מיט אַ הוסט און מיט אַ זאַדישקע, דאַכט זיך, איאָ? האָב איך אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל אין יעהופּעץ, אָבער אַ שפּיצעל, חאַ־חאַ, זיי וועלען מיך האָבען צו געדענקען! אָט גיט מיר נאָר עטליכע מינוט צייט, איך וועל מיך אויסהוסטען — אוי, אַ הוסט, אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען! — וועט איהר הערען, וואָס אַ איד קאָן.

ויהי היום, קום איך מיר צו פאָהרען איינמאָל קיין יעהופּעץ. וואָס פאָהרט אַזאַ איד, ווי איך, מיט אַ הוסט און מיט אַ זאַדישקע,

דעיני סאַחאַרי פּולווערא־טי״. קאָסט דאָס ניט טייער און ס׳איז זיסליך אויפ׳ן טעם. קום איך צו איין אַנדער פּראָפעסאָר. געהט ער און פאַרשרייבט מיר „טינקטורא אָפּיע״, טראָפּענס אַזעלכע האָבען זיי אַ טעם פון חלשות. קום איך צום דריטען פּראָפעסאָר, פאַרשרייבט ער מיר אויך טראָפּענס, האָבען זיי כמעט דעם זעל־ביגען טעם, נאָר הייסען זיי ניט „טינקטורא אָפּיע״, נאָר „טינקטורא טעבּיאַקאַ״. זענט איהר שוין פאַרטיג? קום איך צו אַ פרישען פּראָפעסאָר, נעמט ער און פאַרשרייבט מיר גאָר אַ מ׳ן ביטערניש מיט׳ן נאָמען „מאָרפיום אַקווא אַמיגדאַלאַריאום״. איהר חידוש׳ט זיך, וואָס איך קען לעטיין? איך קען אַזוי לעטיין, אַזוי ווי איהר א־ינגעלש, נאָר אַז מע האָט אַ הוסט מיט אַ זאַדישקע מיט אַ טובּערקולאָז, יעדנאָ ס׳דרוגים, קאָן מען זיך אויסלערנען לעט־ין אויך.

הכּלל, בין איך געקומען קיין יעהופּעץ אויף אַ קאָנסולים. וואו שטעלט זיך אָפּ אַזאַ איד, ווי איך, אַז ער קומט קיין יעהופּעץ? געוויינטליך, ניט אין קיין האָטעל און ניט אין קיין גאָסטינעץ. ערשטענס, רייסען זיי די הויט. און אגב, ווי קאָן איך מיך אָפּ־שטעלען אין אַ האָטעל, אַז איך האָב ניט קיין שום „פּראַוואָזשי־טעלסטווע״? שטעל איך מיך אָפּ אַלע מָאָל בּיי מיינעם אַ שוואָ־גער. איך האָב מיין אייגענס אַ שוואָגער אַ שלים־מזל, איז ער אַ איד אַ מלמד, און איין אָרעמאַן איז ער, חוץ זיין שאָדען אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען, און אַ מטופּל מיט קינדער — זאָל דער אויבערשטער היטען! נאָר וואָס דען? גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע״, האָט ער, און דוקא אַ כּשר׳ע „פּראַוואָזשיטעלסטווע״. ווי קומט צו איהם אַ „פּראַ־וואָזשיטעלסטווע״? — בּראָצקי! ער איז אַ „סלוזשיטעל״ בּיי בּראָצקין. חלילה ניט קיין דירעקטער פון זאַוואָדען, נאָר ער איז אין בּראָצקי׳ס שוהל אונטען בּיי די שניידערס אַ בעל־קורא איז ער. אַ „דוכאָווניע ליצאָ״, אָדער, ווי מע רופט עס דאָרטען, „איין אָבּ־ראַדטשיק״. און וויבּאַלד איין „אָבּראַדטשיק״, אַזוי מעג ער שוין

קיין יעהופּעץ? געוויינטליך, צום פּראָפעסאָר. איך בין מיט מיין הוסט און מיט מיין זאַדישקע, ווי איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, איין אָפּטער גאַסט אין יעהופּעץ. אפילו ניט אזא־נ־אָנגעלעגטער גאַסט, וואָרום ווי טאָר איך, משה־נחמן פון קענעלע, זיין אין יעהו־פּעץ, אַז איך האָב ניט קיין שום „פּראַוואָזשיטעלסטווע"?... נאָר אַז מע האָט אַ הוסט מיט אַ זאַדישקע און מע דאַרף צום פּראָפעס־סאָר, יעדנאָ ס'דרוגים, איז עפּיס אַ תּירוץ? באַהאַלט מען זיך. מוטשעט מען זיך. קומט מען אין דער פריה, און ביינאַכט אַנט־לויפט מען. אַניט, חאַפּט מען אַ „פּראָחאָדנאָיע" און מע קומט נאָך אַ מאָל. אַבי ניט גֵעהן „פּאָעטאַפּאָם". איך זאָל, הערט איהר, חלילה דאַרפען געהן „פּאָעטאַפּאָם", ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט דאָס אויסגעהאַלטען. איך וואָלט, דאַכט מיר, דריי מאָל געשטאָרבען פאַר בושה אַליין. וואָרום, ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך, דאַנקען גאָט, אַ שטיקעל בעל־הבית ביי אונז אין קענעלע מיט אַ „אימושטשעסטווע": אַ דירה איין אייגענע, מיט אַ בהמה'לע, און מיט טעכטער צוויי, איינע איין אויסגעגעבענע און די אַנדערע אויף חתונה צו מאַכען. יעדנאָ ס'דרוגים, וואָס איז שייך!...

הכּלל, קום איך צו פאָהרען קיין יעהופּעץ צום פּראָפעסאָר. איצטיגס מאָל — ניט צום פּראָפעסאָר, נאָר צו די פּ ר אָ פ ע ס אָ ־ ר ע ן. דאָס הייסט, אויף אַ קאָנסולים פון גאַנצע דריי פּראָפעסאָ־רען, הייסט עס. איך האָב געוואָלט, פאַרשטעהט איהר מיך, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דערגעהן אַ טאָלק, וויסען וואָס בין איך מיט זיי — מילכיג, צי פליישיג? אַז ביי מיר איז אַ זאַדישקע — דאָס זענען זיי, הייסט עס, אַלע מודה, נאָר וואָס מע טהוט צו דער זאַ־דישקע, איך זאָל איהרער פּטור ווערען — דאָס איז שוין, זעהט איהר, עפּיס אַנדערש. זיי מוטשען זיך נעבאַך. זיי פּרובען זיך. זיי געהען, ווי זאָגט איהר, האַרט ביי די ווענט. למשל, איך קום צו געהן צו מיין אַלטען פּראָפעסאָר, סטרי־יצעל הייסט ער, אַ דימענט פון אַ פּראָפעסאָר. נעמט ער און פאַרשרייבט מיר אַ רעצעפּט „קאַ־

מיטוואָך פאַר האַלבן טאָג, און דער — מאָנטאָג נאָך האַלבען טאָג, און יענער — נישט פריהער ווי איבערמאָרגען דאָנערשטאָג. היינט גער! א מעשה אויף דריי וואָכען מיט א מיטוואָך! וואָרום וואָס געהט זיי אָן, למשל, וואָס משה־נחמן פון קענעלע האָט א זאַדישקע מיט א הוסט, און שלאָפט ניט קיין נעכט, אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען?... דערווייל ווערט נאַכט. עסט מען וועטשערע און מע לעגט זיך שלאָפען. איך ווער נאָר־וואָס אַנשלאָפען, איך הער: טראַך־טאַראַראַך! איך רייס־אויף די אויגען: „ווער איז?" „מיר זענען פאַרפאַלען!" זאָגט צו מיר דער שוואָגער מיינער, דער שלים־מזל, שטעהט איבער מיר א טוידטער מענטש און טרייסעלט זיך, ווי א הושענא. „וואָס טהוט מען, זאָג איך, איצטער?" „אדרבה, זאָגט ער, זאָג דו, וואָס טהוט מען?" „וואָס, זאָג איך, זאָל מען טהון, ס'איז ביטער". „ביטער צו ביטער, זאָגט ער, איז ניט גלייך. ס'איז, זאָגט ער, ביטער אזוי ווי גאַל". און אין דרויסען ביי דער טיר: טראַך־טאַראַראַך! די קליינע קינדער נעבאַך האָבען זיך אויפגעחאַפט מיט א גוואַלד, מיט א געוויין: „מאַ־מע!" שטיקט זי זיי, די מוטער הייסט עס, און וואַרגט זיי, ס'זאָל זיין שטיל — א שענע חתונה! „עה, טראַכט איך מיר, משה־נחמן פון קענעלע, דו ביזט גוט אין דער אַרבייט, אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען!" און עס פאַלט מיר אריין פלוצים א קאָמבינאַציע אין קאָפּ און איך רוף מיך אָן צו מיין שוואָגער: „שאַ, זאָג איך, ווייסט דו וואָס, דוד? זיי דו איך, און איך וועל זיין דו". קוקט ער אויף מיר, ווי א לעמעשקע: „וואָס הייסט?" „דאָס הייסט, זאָגט איך, מיר וועלען זיך בייטען מיט די יוצרות. דו וועסט מיר געבען דיין פאַס, איך וועל דיר געבען מיין פאַס; וועסט דו זיין משה־נחמן, און איך וועל זיין דוד". א טומפּיקער מח! קוקט אויף מיר, ווי א זינדיגער מענטש, פאַרשטעהט ניט, וואָס מע רעדט צו איהם. „בהמה, זאָג איך, וואָס פאַרשטעהסט דו דאָ ניט? דאַכט זיך, א פּראָסטע קאָמבינאַציע, זאָג איך. א מינדסט קינד קאָן עס פאַרשטעהן. דו וועסט זיי ווייזען מיין פאַס,

זיצען אויף מאַלאָוואַסילקאָווסקי, דאָרט וואו דער געוועזענער פּאָליצמייסטער איז אַמאָל געזעסען. זיצט ער, הייסט עס, אויף דער מאַלאָוואַסילקאָווסקי, טאַקי ניט ווייט פון׳ם געוועזענעם פּאָליצמייסטער, און מוטשעט זיך, קוים־קוים וואָס ער קומט־אויס מיט׳ן שטיקעל ברויט. דער גאַנצער אַרויסקוק זייערער מסתּמא איז אויף מיר. איך בין, הייסט עס, דער נגיד אין דער משפּחה, משטיינס געזאָגט... קום איך צו פֿאָהרען קיין יעהופּעץ, האַלט איך ביי זיי סטאַנציע, עס איך ביי זיי אַ וואַרעמעס, אַ וועטשערע, פֿאָלגט מען מיך אַ גאַנג — יעדנאָ ס׳דרוגים, פֿאַלט זיי אַמאָל אַריין אַ קערבעל, אַמאָל צוויי, אויף פּורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען... איצטיגס מאָל אָבער, איך קום צו פֿאָהרען, איך זעה — מיינע לייט זענען חושך, געהען־אַרום אָהן קעפּ. „וואָס איז די מעשה?” „ס׳איז שלעכט”. „דהיינו?” „אָבלאַוועס”. „פּחע, כ׳האָב געמיינט, זאָג איך, מי יודע וואָס! אָבלאַוועס — דאָס איז דאָך איין אַלטע מכּה, זאָג איך, נאָך מששת ימי־בראשית”... „ניין, זאָגען זיי, אָבלאַוועס צו אָבלאַוועס איז ניט גלייך. איצט, זאָגען זיי, איז ניטאָ די נאַכט, ס׳זאָל ניט זיין קיין אָבלאַווע. און חאַפּט מען אַ אידען, איז יהיה מי שיהיה — איינס־צוויי־דריי, מיט׳ן עטאַפּ”. „נו, און געלט?” „בלאָטע”. „אַ קערבעל?” „בלאַ”. „אַ דרייערעל?” „אפילו ניט אַ מיליאָן!” „אויב אַזוי, זאָג איך, איז דאָך טאַקי גוט פּאַסקודנע”. „פּאַסקודנע צו פּאַסקודנע, זאָגען זיי, איז ניט גלייך. קודם, זאָגען זיי, איז שטראַף. און נאָכדעם ערשט — מיט׳ן עטאַפּ. היינט דער סקאַנדאַל פֿאַר בראָצקין!”... „מילא, זאָג איך, בראָצקי היינט, בראָצקי מאָרגען. איך קאָן, זאָג איך, צוליעב בראָצקין, זאָג איך, מיט מיין געזונט ניט שפּעקעלירען. איך בין געקומען, זאָג איך, אויף אַ קאָנסולים פֿון פּראָפּעסאָרען, קאָן איך צוריק, זאָג איך, ניט אַנטלויפֿען”. הכּלל, טענות אַהין, טענות אַהער — דער טאָג שטעהט ניט. מע דאַרף לויפֿען צו די פּראָפּעסאָרען מכח אַ קאָנסולים. נאָר וואָס מיר קאָנסולים? ווער מיר קאָנסולים? אַז דער קאָן קומען ערשט

ריגער שניי, און מע האָט מיין בחור אויפגעהאַפּט, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע האָט איהם אָפּגעפיהרט גאַנץ פיין אין חדר־גדיא אריין, מיט׳ן גאַנצען קנאַק, ווי גאָט האָט געבאָטען. און מיך האָט מען אויך געוואָלט צונעמען. דאָס הייסט, מע האָט שוין טאַקי מיך געהאַט צוגענומען; מע האָט מיך אָבער באַלד אַרויס־געלאָזט. וואָרום וואָס הער איך זיי, איך בעט אייך זעהר? אַ מענטש מיט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע” שוואַרץ אויף ווייס, בפירוש פאַרשריבען אין בראָצקי׳ס שוהל ביי די שניידערס איין אָבראַד־טשיק, און אַ קערבעל אויך מסתמא, יעדנאָ ס׳דרוגים, איהר פאַר־שטעהט? „חאַראַשאָ, זאָגען זיי צו מיר, גאָספּאָדין אָבראַדטשיק. דו געה דיר דערוויילע אהיים עסען קוגעל. מיר וועלען דיר שוין נאָכדעם באַווייזען, ווי אַזוי צו האַלטען קאָנטראַבאַנדע אויף דער מאַלאָוואַסילקאָווסקי!”... מיט אַ פרישען קוילעטש, הייסט עס, גלייך אין פנים אַרין, חאַ־חאַ!...

זאָל איך אייך דערצעהלען ווייטער? מילא פון קאָנסולים איז דאָך שוין אָפּגערעדט. וועל האָט אין זינען געהאַט אַ קאָנ־סולים, אַז מע האָט גאָר באַדאַרפט ראַטעווען דעם שוואָגער? פון וואָס, מיינט איהר, ראַטעווען? פונ׳ם עטאַפּ? חלילה! דאָס האָט ניט געהאָלפען. מיט׳ן עטאַפּ איז ער געגאַנגען, נאָך אַ מין געהן! אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען! איידער מיר האָבען איהם דערלעבט זעהען אין קענעלע, דעם שלים־מזל, זענען אונז, הערט איהר, ש׳ער די אויגען אַרויסגעקראָכען. און אַז מע האָט איהם שוין קוים אמאָל געבראַכט צו פיהרען קיין קענעלע, האָט ער ערשט געהאַט אויף זיך אַ נייעם אומגליק. אַ פרעמדען פּאַס מיט אַ פרעמדען נאָמען, יעדנאָ ס׳דרוגים, פרעגט ניט. איך האָב מיט איהם געהאַט צו זינגען און צו זאָגען. לאָם איך עס פאַרדיענען, הערט איהר, אַלע דריי חדשים, וואָס סע האָט געקאָסט. אחוץ וואָס איך האָב אויף זיך אַ פּעקעל, איך מוז איהם נאָך עד היום אויסהאַלטען מיט ווייב און קינדער. וואָרום ער טענה׳ט, אַז איך האָב איהם אומגליקליך געמאַכט, טענה׳ט ער. ער זאָגט,

און איך וועל זיי ווייזען דיין פּאַס, יעדנאָ ס׳דרוגים — האָסט דו דאָס צעקייעט, צי מע דאַרף עס דיר צעקייען און לעגען אין מויל אריין?״

אפנים, ער האָט דאָס צעקייעט, און מיר האָבען גענומען זיך בייטען מיט די יוצרות. איך איהם מיין פּאַס, ער מיר זיין פּאַס. און דאָרטען די טיר ווערט שיער ניט צעשפּרונגען: טראַך־טאַרע־ראַך! טראַך־טאַרעראַך! „סייטשאָס! — זאָג איך. — וואָס האָט איהר אזוי קיין צייט ניט? דער טייך ברענט ניט!״ — זאָג איך. און צו מיין שוואָגער רוף איך מיך אָן: „געדענק זשע, דוד, דו הייסט שוין נישט מעהר דוד, נאָר משה־נחמן״... און איך לאָז מיך צו דער טיר. — „ברוך הבא, געסט!״ — א גאַנצע חאַליאַסטרע, יוצר משרתים ואשר משרתיו. ווי זאָגט איהר, א גדולה, פרייליך אין שטעדטעל...

ס׳פאַרשטעהט זיך, אז קודם האָט מען זיך גענעבען א נעם צו מיין שוואָגער דעם שלים־מזל. וואָס עפּיס צו איהם? ווייל איך האָב מיך געהאַלטען, פאַרשטעהט איהר מיך, מעשה מענטש, ווי זאָגט איהר, א קניפּ אין באַק, די פאַרב זאָל שטעהן. און ער — אויף פורישקעוויטשען געזאָגט געוואָרען. האָט מען איהם מסתמא א חאַפּ געטהאָן: „אָטקודעוואַ, גאָספּאָדין יעווריי?״ — ניטאָ קיין לשון. שטעל איך מיך ארויס פאַר׳ן מליץ־יושר און מאַך צו איהם: „יהודי בלא, וואָס שווייגסט דו? דבר! דבר זיי, אז דו ביזט משה־נחמן פון קענעלע״. און צו זיי טהו איך מיך א וואָרף מיט תחנונים: „אזוי און אזוי, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאַ פּראַוואָזשיטעלסטווע, זאָג איך, איין אָרעמער קרוב נעבאַך. שוין לאַנג, זאָג איך, ניט געזעהען זיך, געקומען צו מיר פון קענעלע״. און אינוועניג אין הארצען שטיקט מיך, איך ווער שיער ניט צע־שפּרונגען פאַר געלעכטער. חאַ־חאַ! איהר פאַרשטעהט? איך, משה־נחמן פון קענעלע, בעט רחמים פאַר משה־נחמנ׳ען הייסט עס, פאַר מיר אַליין טאַקי, חאַ־חאַ־חאַ! איז אָבער די צרה, וואָס מיין רעדען מיט מיינע בקשות האָבען געהאָלפען, ווי דער פּאַראַיאַה־

געשיכטע גומער בייענצעה:

דער צעהנטער

געשריבען אין יאָהר 1910.

אז איבער מיר האָט ער אָנגעוואַירען די גאַנצע „פּראוואָזשיטעל-סטווע" מיט דער שטעלע ביי בראָצקין. און עס קאָן זיין, אז ער איז אפשר ניט אינגאַנצען אומגערעכט אויך. דער עיקר איז אָבער, חאַ - חאַ, נישט דאָס. דער עיקר איז דער איינפאַל, די קאָמבינאַציע, איהר פאַרשטעהט? דאַכט זיך, וואָס? אַ אידעל פון קענעלע, מיט אַ הוסט און מיט אַ זאַדישקע און מיט אַ טובערקולאָז אויך, אויף פורישקעוויטשעס געזאָגט געוואָרען, יעדנאָ ס'דרוגים, און אָהן אַ שום „פּראוואָזשיטעלסטווע", — פון דעסטוועגען, אז מע דאַרף, קומט ער זיך קיין יעהופּעץ, שטעלט זיך אָפּ אויף מאַלאָוואַסיל-קאָווסקי, ניט ווייט פון'ם געוועזענעם פּאָליצמייסטער, און — רופט מיך קנאַקניסעל!

ע נ ד ע ג ע ש י כ ט ע נ ו מ ע ר א כ צ ע ה ן.

געשיכטע נומער נייענצעהן

דער צעהנטער

נייען זענען מיר געוועזען אינ'ם גאַנצען וואַגאָן. נייען אידען. אונז האָט געפעהלט אַ צעהנטער, צו אַ מנין.

אייגענטליך, איז געוועזען אַ צעהנטער אויך. נאָר דער צעהנטער איז געוועזען ביי אונז ספק איד, ספק כריסט. אַ שטילשווייגענדיגער פאַרשוין מיט אַ גאָלדענעם פּענסנע. אַ ראַבעטיני פּנים מיט קליינע, נאָר אָהן אַ באָרד. אַ נאָז אַ אידישע, נאָר וואָנסעם — מאָדנע פאַרדרעהט אַרויף. אויהערען אָפּגעשטאַנענע, נאָר אַ האַלז אַ רויטער. די גאַנצע צייט האָט ער זיך געהאַלטען פון אונז גאַנץ באַזונדער. געקוקט אין פענסטער און געפייפט. געזעסען איז ער, געוויינטליך, אָהן אַ היטעל. און אַ רוסיש בלאַט אויף די קניע. און שאַ, קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט. דורכאוים מעשה רוס. איין עכטער פּאָני. האַ? נאָך אַ מאָל: זאָל דאָס טאַקי זיין אַ גוי? סטייטש, ס'איז דאָך אָבער פּאָרט נישט קיין גוי. בלאָטע! אַ איד אַ אידען וועט נישט נאַרען. אַ איד אַ אידען וועט דערקענען פאַר אַ מייל אין אַ פינסטערער נאַכט. גוואַלד, דער צלם־אלקים! ניין, ס'אַ איד. אַזאַ שטיק גאָלד, ווי אַ איד דאָס איז! און ווידער צוריק, טאָמער ניין? אַ קשיה היינטיגע צייטען... האָבען מיר זיך מיישב געוועזען: אויף די

זיך גלייך ווי ער הערט נישט, קוקט אין פענסטער אַריין און פּייפט־אויס עפּיס אַ באַקאַנטען ניגון, דאַכט זיך, אַז „קעקוואָק".

— וואָס הייסט, אַ צעהנטער? — רופט זיך אָן נאָך איינער. — מיר האָבען דען נישט קיין מנין?

און ער האָט גענומען צעהלען מיט'ן פינגער: נייט איינס, נישט צוויי, נישט דריי...

— אָהן מיר! — האָט זיך אָנגערופען דער פּייפער, דוקא אויף אידיש.

מיר זענען אַלע געבּליבען דערשטוינט.

— איהר זענט דען קיין איד נישט?

— אַ איד בין איך, נאָר איך האַלט נישט פון די זאַכען.

אַ היבשע ווייל זענען מיר געזעסען אַלע, ווי געפּלעפט, גע־קוקט איינס אויף דאָס אַנדערע אָהן לשון. נאָר איין בעל־יאָהר־צייט האָט זיך נישט פאַרלוירען. מיט זיין פריילין־ווייגענדיגע־שמייכעל האָט ער זיך אָנגערופען צים יונגענמאַן דעם פּייפער:

— הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָלט איהר לעבען. אייך קומט אַ גאָלדענע מעדאַל.

— פאַר וואָס אַ גאָלדענע מעדאַל?

— איך וועל אייך זאָגען, ס'איז אַ ביסעל אַ צו לאַנגע מעשה. אויב איהר וואָלט זיין אַ צעהנטער צום מנין, זאָג איך אָפּ אויף אַ מינוט קדיש נאָך מיין זוהן, וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענע געשיכטע.

און דער פריילינער בעל־יאָהרצייט נעמט אַרויס אַ פּעטשי־לע, גאַרטעלט זיך אַרום דעם פּידזשאַק און שטעלט זיך אַוועק מיט'ן פּנים צו דער וואַנט:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה...

איך וויים נישט, ווי אַזוי איהר. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב ליעב אַ וואָכעדיגע מנחה. איין וואָכעדיגע שמונה־עשרה איז ביי מיר זיסער פון צעהן חזנ'ישע קונצענדיגע שטיק, שבת'־דיגע דריידלעך מיט יום־טוב'דיגען שטייגער. די שמונה־עשרה

אייגענע מעשה. א איד נעבאך וויל, מע זאָל חאַטש מיינען, אז ער איז א גוי — לאָז איהם וואויל באקומען. וואָס זשע טהוט מען אָבער — אונז געהט־אָפּ א צעהנטער? מיר האָבען א יאָהר־צייט אין וואגאָן. איהר מיינט, עפּיס גלאַט א יאָהרצייט? א יאָהרצייט נאָך א טאַטען? אָדער נאָך א מאַמע? ניין. דאָס איז געווען א יאָהרצייט נאָך א קינד. נאָך א זוהן. איין־און־איינציגען זוהן האָט א איד באגראָבען. קוים אויסגעבעטען, מע זאָל איהם ארויסגעבען פון דער טורמע, שוין לאחר המעשה, מע זאָל איהם ברענגען צו קבר־ישראל... דער פאָטער שווערט, אז ער איז געוועזען גאָט די נשמה. צו גיך, זאָגט ער, האָט מען איהם אָפּ־גע'משפּט. דאָס הייסט, א חברה־מאַן צווישען חברה איז ער אפילו, זאָגט ער, געווען, נאָר הענגען איז איהם, זאָגט ער, נישט געקומען. מע האָט איהם אָבער געהאנגען — פארפאלען! איז די מוטער באלד נאָך איהם אוועקגעגאנגען. דאָס הייסט, נישט אזוי גיך. אהאָ! זיך פריהער גוט אָנגעמוטשעט. אליין געמוטשעט זיך און אויך איהם גרוי און אלט געמאַכט.

— וויפיעל, מיינט איהר, בין איך אלט מיין אייגענס?

מיר קוקען אלע אויפ'ן דאָזיגען פארשוין און ווילען טרעפען, וויפיעל אלט ער איז. ס'איז אוממעגליך: יונגע אויגען, גרויע האָר. א געקנייטשטער שטערן, א שמייכלענדיג־וויינענדיג פּנים. און דער גאנצער נפש — עפּיס א מאָדנער. טאַקי א פּידזשאַק, נאָר א לאנגליכער. טאַקי א קאַפּעלישעל, נאָר פארדרוקט אהינטער. טאַקי א בערדעל, נאָר שטאַרק פארקיילעכיגט. און אויגען... אך, אויגען! אזעלכע אויגען, ווען איהר זעהט איין מאָל, וועט איהר זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט פארגעסען. שמייכלענדיג־וויי־נענדיגע, אָדער וויינענדיג־שמייכלענדיגע אויגען... וואָלט ער חאַטש באקלאָגט זיך, וואָלט ער חאַטש געלאָזט א טרער. איז ניין. דוקא פרייליך און דוקא לעבעדיג — א מאָדנער, מאָדנער נפש.

— הכלל, וואו נעמט מען א צעהנטען? — האָט זיך איינער אָפּגערופען און געוואָרפען איין אויג אויפ'ן פייפער, וואָס מאַכט

רענדאר גאנץ פיין איינגעשפאנט פערד־און־וואגען און איז אוועק אין שטאדט אריין, אראפגעבראכט דעם רב מיט'ן שוחט מיט'ן שמש מיט נאך פינף אידען. א ווארעמעס האט די רענדארקע מסתמא צוגעגרייט א גרויסארטיגען. אלסדינג פיין ארום און ארום. מע טהוט זיך א חאפ — ניטא קיין מנין. עס פעהלט א צעהנטער. וואס איז די מעשה? א רענדארישער קאפ. אריינגערע־כענט די רענדארקע אויך אין קאהן. איז מסתמא געווארען א גרויס געלעכטער. אהין־אהער — דער טאג שטעהט נישט. וואס טהוט מען? א גרויס דארף. גויים א סך. אידען, להבדיל, נישט איינער. שלעכט! מע טהוט א קוק — עס פאהרט צו גלייך צו דער קרעטשמע א בויד. און אין בויד — א בעל־עגלה. לאז זיין א בעל־עגלה, אבי א איד... „ברוך הבא!" „שלום עליכם!" „קומט אריין, וועט איהר זיין א צעהנטער!"... די שמחה איז געוועזן נישט צו באשרייבען. היינט זעהט, וואס פאר א גרויסען גאט מיר האבען. א גאנץ דארף מיט גויים קאנען גארנישט מאכען. קומט איין איד, א בעל־עגלה, דאכט זיך — אהא, שוין גוט!

די צווייטע מעשה, מיין ליעבער איד, האט זיך געטראפען שוין נישט אין א דארף, נאר אין שטאדט. און דוקא אין א אידי־שער שטאדט. שבת איז דאס געוועזן. פרייטאג־צו־נאכטס, הייסט עס, נאך ליכטבענטשען. געקומען פון שוהל. אפגעמאכט קידוש. זיך געוואשען. מע זעצט זיך צום טיש — איז זיך מיישב א ליכט און הויבט אן שמעלצען זיך. שטעלט מען אוועק מסתמא א שבת־קוילעטש אקעגען שנויץ — עס העלפט נישט. אראפגע־פאלען דער שנויץ אויפ'ן טיש, אנגענומען דאס טישטוך. אט באלד ווערט א שרפה. וואס טהוט מען? פארלעשען? טאר מען נישט — שבת! האבען זיך צונויפגעקלויבען די שכנים, די גאנצע גאס. א גוואלד, א געפילדער: „אידען, מיר זענען פארפאלען!"... מע טהוט א קוק — חוועדער דער שבת־גוי. „חוועדער־סערדצע! טשי טי באטשיים אנא דוזשע סוויטלא?"... אויף אידיש הייסט עס: צי זעהסט דו, גוי, ווי דארט איז ליכטיג?... און חוועדער,

פון דעם בעל־יאָהרצייט דאָ אין וואגאָן איז געווען מיט אזוי פיעל הארץ, מיט אזוי פיעל נשמה, אז עס האָט אונז אלעמען צענומען. און מיר דאכט, אז אפילו דעם צעהנטען פארשוין דעם פייפער — אויך. הארכען א טאטען, ווי ער זאָגט קדיש נאָך א זוהן — איז עפּיס אויך נישט פון די קליינע זאכען. און דערצו האָט דער בעל־יאָהרצייט געהאט א זיסע הארציגע שטימע, וואָס האָט זיך געגאָסען ווי א בוימעהל גלייך אין די ביינער אריין. און איבער־הויפּט — דער קדיש! דער קדיש! נאָר א שטיין האָט דער קדיש געקאָנט נישט ריהרען...

קורץ — דאָס איז געווען שוין איין מאָל א מנחה.

אָפּגעדאוועגט און אָפּגעבונדען די פּעטשיילע, האָט זיך אונ־זער בעל־יאָהרצייט אוועקגעזעצט אקעגען דעם צעהנטען פארשוין און מיט א פריילין־וויינענדיג פּנים, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען די געשיכטע, וואָס ער האָט איהם צו־געזאָגט. בעת־מעשה האָט ער זיך געגלעט דאָס בערדעל און גע־רעדט פאוואָלינקע, ווי א מענטש, וואָס האָט צייט:

— די מעשה, וואָס איך וויל אייך, יונגערמאן, דערצעהלען, איז, אייגענטליך, נישט איין מעשה, נאָר דריי מעשיות. דריי קליינינקע מעשה'לעך.

די ערשטע מעשה האָט זיך געטראָפען אין א דאָרף, ביי א רענדאר. געזעסען אין א דאָרף א רענדאר מיט א רענדארקע. דאָס דאָרף איז געווען א גרויס דאָרף. גויים א סך, אידען נישט איינער. א יחיד הייסט עס. אדרבה, נאָך בעסער. פּרנסה בשפע. ווי זאָגט מען: זיצען זאָל מען צווישען גויים... איין זאך נאָר האָט זיי געפעהלט — קינדער. א צייט נישט געווען ביי זיי קיין קינדער. איז זיי נישט איינגעגאנגען דאָס לעבען. ערשט אויף דער עלטער האָט גאָט רחמנות געהאט. די רענדארקע איז פארגאנגען אויף טראָגען און האָט געבוירען דעם רענדאר למזל א יונגעל. א בן זכר. א גדולה! דארף מען, הייסט עס, פּראווען א ברית, ווי גאָט האָט געבאָטען. אויפ'ן אַכטען טאָג האָט מיין

היינט פרעג איך אייך, מיין ליעבער יונגערמאַן, וואָס זענט איהר ווערטה? אַ איד זענט איהר, און אַ גוי ווילט איהר זיין, און דאָס דריטע זענט איהר במילא — נו, קומט אייך נישט קיין גאָלדענע מעדאַל?...

. . . .

אויף דער ערשטער סטאַנציע איז אונזער „צעהנטער" נעלם געוואָרען.

ענדע געשיכטע נומער נייענצעהן.

חאָטש אַ גוישער קאָפּ, האָט פאַרשטאַנען וואָס מע מיינט. אַ שפּיי אויף דער האַנט און מיט צוויי גראָבע גוישע פינגער האָט ער געגעבן אַ נעם־אַפּיר דעם שנויין — אוים שרפה. נו, פרעג איך אייך: איז גאָט'ס וואונדער דען אָפּצושאַצען? קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען האָבען גאָרנישט געקאָנט מאַכען. געקור־מען איין גוי — אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצע שטאָדט.

אַצינד באַדאַרף מען אייך, הייסט עס, דערצעהלען די דריטע מעשה. דאָס האָט שוין געטראָפען, פאַרשטעהט איהר מיך, ביי'ם רבי'ן אַליין. דער רבי זאָל לעבען האָט געהאַט אַ בן־יחיד, און דוקא אַ געראָטענעם בן־יחיד, מיט אַלע מעלות, ווי עס גיט זיך אַיין ביי אַ רבי'ן. האָט מען איהם מסתמא יונג חתונה געמאַכט, געגעבען אַ ווייב, מיט נדן, מיט אייביגע קעסט, און אַוועקגע־זעצט, ער זאָל זיצען און לערנען. זיצט ער און לערענט. וואָלט אַלסדינג געווען גוט און פיין — ווען זשע? ס'זאָל נישט זיין קיין „פּריזיוו" אויף דער וועלט. חאָטש אפילו, אין פלוג, וואָס הערט דעם רבינ'ס זוהן אַ פּריזיוו? אַז, ראשית, איז ער אַ בן־יחיד, איין־און־איינציגער. והשגית, טאָמער וועט דאַרפען קאָסטען געלט, וועט אין געלט קיין מניעה נישט זיין. איז אָבער געוואָרען אַ ביטערע צייט, משטיינס געזאָגט. מע האָט אָנגעהויבען נעמען ביי אידען בני־יחידים, און קיין געלט העלפט שוין אויך נישט. אפילו קיין צעהנטויזענט! ביטערע נאַטשאַלסטווע, אַ רשע אַ דאָק־טאָר — שלעכט, שלעכט! וואָס טויג אייך, מיין ליעבער יונגער־מאַן, מע האָט אַריינגעפיהרט דעם רבינ'ס זוהן אַ נאַקעטען. דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען איז איהם אויסגעקומען צו שטעהן בגלוי־ראַש, אָהן אַ היטעל הייסט עס. און דאָס איז געווען זיין גליק. וואָרום אויפ'ן קאָפּ האָט זיך באַוויזען ביי איהם, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ צאַצקע, און דוקא נישט קיין געמאַכטע. אַ סברה, אַז דאָס איז איהם פאַרבליבען נאָך פון קינדווייז. געווען אַ קינד איין עקשן. זיך נישט געלאָזט צוואָגען... פאַרשטעהט זיך, אַז מע האָט איהם געגעבען דעם וועג.

געשיכטע נומער צוואנציג

דריטע קלאַס

געשריבען אין יאָהר 1902.

געשיכטע נומער צוואַנציג

דריטע קלאַס

דאָס איז, אייגענטליך, שוין נישט קיין געשיכטע, נאָר גלאַט א שמועס, א פּאָר ווערטער פאַר׳ן געזעגענען זיך און איין עצה פון א גוטען פריינט.

האַלטענדיג ביי׳ם צעשיידען זיך מיט אייך, פריינט־לעזער, ווילט זיך מיר צום סוף, אויס דאַנקבאַרקייט, וואָס איהר האָט אויסגעהערט פון מיר אזוי פיעל געשיכטעס, אייך מיט עפּיס־וואָס נוצליך זיין, זאָגען אייך עטליכע וואַרעמע ווערטער פון א פּראַקטישען מענטשען, פון א קאָמי־וואָיאַזשער. הערט מיך אויס און פאַרשרייבט מיינע ווערטער.

אז איהר פאָהרט אין באַהן, געוויינטליך, א לענגערע שטרעקע, און איהר ווילט וויסען, אז איהר פאָהרט, דאָס הייסט, איהר ווילט הנאה האָבען פון אייער נסיעה, זאָלט איהר אייך נ־שט דערוועגען פאָהרען נישט ערשטע, נישט צווייטע קלאַס.

מילא, פון ערשטער קלאַס איז אָפּגערעדט. זאָל אייך גאָט היטען! דאָס הייסט, איך מיין נישט דאָס פאָהרען. דאָס פאָהרען אַליין איז אין ערשטער קלאַס אפילו גאַנץ נישקשה׳דיג. ווייך און גראַם און רייך — מיט אַלע באַקוועמליכקייטען. איך רעד נישט פונ׳ם פאָהרען. איך רעד פון די מענטשען, פון די פּאַסאַ־

אקעגען זיצען בריסטען, און ווער שמועסט נאָך — דאמען. נאָר בעסער איהר זאָלט איהם אַ פרעג טהון אויף רוסיש:

— יעסלי יאַ ניע אָשיבאיוס, יאַ אימיעל אודאָוואָלסטוויע ווסטריעטיטסאַ ס׳וואַמי וו׳בערדיטשעוויע?... אויף אונזער לשון וועט עס הייסען אַזוי גוט ווי: „אויב איך בין מיך נישט טועה, האָב איך געהאַט דאָס פארגעניגען זיך צו טרעפען מיט אייך אין בערדיטשעוו?”... — דאָס איז ערגער טויזענט מאָל ווי אין; טאַטען אריין געשאָלטען!

אָדער, אויב איהר טרעפט זיך אויף מיט אַזאַ פּאַרשוין ערגיץ אין פּאָדאָליע אָדער אין וואָהלין, קאָנט איהר אָנהויבען צו רעדען מיט איהם אויף פּויליש:

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ! יעזשעלי סיען ניע מילען זנאַלעם אָיטצאַ פּאַנאַ ז׳יאַרמעלינצאו, קטורי ביל וו׳לאַסקאַך או יאַסנאָ־וועלמאָזשנעגאָ פּאָטאָצקעגאָ?... אויף אידיש גערעדט, וועט דאָס הייסען: „איך בעט איבער אייער כבוד, אויב איך האָב קיין טעות, בין איך געוועזען באַקענט מיט אייער פּאָטער פון יארמעלינעץ; ער איז געוועזען אַ חשוב ביי׳ם גראף פּאָטאָצקי”... קיין גרויסע באַלע־דיגונג איז דאָ טאַקי נישט פאַרהאַן, נאָר יאַרמעלינעץ און אַ חשוב ביי׳ם גראף פּאָטאָצקי שמעקט מיט „איד”... נאָר שאַ! אָט וועל איך אייך בעסער דערצעהלען אַ געשיכטע, וואָס איך אליין בין געוועזען דערביי.

דאָס איז געוועזען אין קוריערצוג. נישטאָ קיין דריטע קלאַס, בין איך, באין ברירה, געפאָהרען צווייטע קלאַס. אקעגען מיר האָב איך געהאַט אַ פּאַרשוין, ספק איד, ספק קריסט. נאָר דאַכט זיך, מעהר איד איידער קריסט... און אפשר? ווער קאָן עס וויסען? אַ שענער יונג, אַ געגאָלטער, אָנגעטהאָן ווי אַ ספּאָרטסמען, מיט אַ שוואַרצען פּאַס אויף די ווייסע הויזען, און אַ קאַוואַליער. פאַר וואָס זאָג איך: אַ קאַוואַליער? — ווייל ער האָט די גאַנצע צייט זיך געדרעהט אַרום אַ שענער „באַרישניע”, אַ פריילין מיט אַ הויכען שיניאָן און מיט אַ פּענסנע אויף אַ קליין אויסגעטאָקט נעזעל.

זשירען. וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אייך, האָט דאָס פּאַר אַ אידען פאָהרען איינער אַליין און נישט רעדען אַ וואָרט? איהר קאָנט דאָך אַזוי חלילה פאַרגעסען רעדען! און אפילו אַז איהר טרעפט שוין דאָרט אַמאָל אַ פּאַסאַזשיר איינמאָל אין אַ יובל, איז דאָס אָדער אַ גראָבער פּריץ מיט געשוואָלענע באַקען, ווי ביי אַ טרובאַטש, וואָס שפּיעלט אויף אַ טראָמבאָן, אָדער איין אָנגעבלאָזענע דאַמע, בייז ווי אַ שוויגער, אָדער אַ שטומער אויסלענדער מיט קעסטעלדיגע הויזען, וואָס איז צוגעזאָטען געוואָרען צום פענסטער, נישט אָפּצורייסען איהם, עס מעג ברענען דער גאַנצער וואַגאָן. מיט אַזעלכע פּאַרשוינען אַז איהר פאָהרט, קומען אייך אַלערליי טרויעריגע געדאַנקען און נישט ווילענדיג דערמאַנט איהר אייך אין׳ם טוידט... צו וואָס טויג עס אייך?

אין צווייטער קלאַס, מיינט איהר, איז בעסער? איהר זיצט אין איין וואַגאָן מיט אַלערליי פּאַרשוינען, די זעלבע מענטשען, דאַכט זיך, וואָס איהר, מיט׳ן זעלבען יצר־הרע. זיי ווילען נעבאַך רעדען אַ וואָרט, געהען־אויס וויסען, וואוהין איהר פאָהרט, און פון וואַנען איהר זענט, און וואָס איהר זענט. נאָר מע זיצט, ווי די טאָקען, און מע קוקט איינס אויפ׳ן אַנדערען. מע האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער — און שאַ!

פונקט אַקעגען אייך זיצט איינער אַ פּראַנט מיט אַ לאַנגען נאָגעל און מיט שענע וואָנסעס, וואָס איהר וואָלט געמעגט שווערען, אַז ער איז אייך קענטליך, איהר האָט איהם ערגיץ געזעהען, נאָר איהר ווייסט נישט וואו; עס דאַכט זיך אייך, אַז ער באַדאַרף זיין מזרע היהודים, דאָס הייסט, פון אונזעריגע... נאָר געה מאַך, אַז יענער דבר׳ט נישט! ער האָט פאַרדרעהט די וואָנסעס אַרויף, קוקט אין פענסטער און פייפט!

אויב איהר ווילט אַזאַ פּאַרשוין דערגעהן די יאָהרען, באַגראָבען, ער זאָל קיין תחית־המתים נישט אויפשטעהן, זאָלט איהר זיך ווענדען צו איהם אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איהר ווילט, בשעת

ריאַרך מיט אַ באָרד, וואָס זעהט־אויס ווי אַ מין אברהם אָבינו, און אַ אידינגע אַ פאַרשוין מיט אַ פּאַריק און מיט גרויסע דימענטען אין די אויהערען. „ריוועניו! טעכטערל!” — האָבען אויס־געוּרופען דאָס אַלטע פאָרפאָלק און געפּאַלען דער טאָכטער אויפ'ן האַלז מיט טרערען אין די אויגען.

קיין פּירוש צו דער געשיכטע באַדאַרף איך אייך נישט מאַ־כען. איך האָב אייך נאָר געוואָלט באַקענען מיט די פאַרשוינען, וואָס מע באַגעגענט אין צווייטער קלאַס, און באַווייזען, אַז איהר דאַרפט נישט פאָהרען צווייטע קלאַס, וואָרום אין צווייטער קלאַס זענט איהר אַ פרעמדער, צווישען אייגענע אַ פרעמדער.

אָבער אַז איהר פאָהרט דריטע קלאַס, זענט איהר ביי זיך אין דער היים. און ווער שמועסט, אַז אין וואַגאָן זענען נישטאָ קיין אַנדערע, נאָר אחינו בני־ישראל — זענט איהר שוין צו פיעל אין דער היים. אמת, דריטע קלאַס איז נישט אַזוי באַקוועם, אַ פּלאַץ דאַרפט איהר פאַרכאַפּען מיט גוואַלד; עס איז אַ געווימעל, אַ געטומעל, אַ האַרמידער מיט אַ הו־האַ; איהר ווייסט ניט, וואו זענט איהר און וואו זענען אייערע שכנים?... דערפאַר אָבער ווערט איהר גיך באַקענט איינס מיט'ן אַנדערען. אַלע ווייסען, ווער א י ה ר זענט, וואוהין א י ה ר פאָהרט און וואָס איז א י ע ר טהועכץ; און איהר ווייסט אַלעמען — ווער ז י י זענען, וואוהין ז י י פאָהרען און וואָס איז ז י י ע ר טהועכץ. ביינאַכט פאַרשפּאָרט איהר שלאָפען, וואָרום איהר האָט מיט וועמען צו רעדען; און אַז א י ה ר רעדט נישט, רעדען ז י י און לאָזען אייך נישט שלאָפען. און וואָס איז דאָס טאַקי פאַר אַ שלאָפען פּלוצים גאָר אין וואַגאָן? דאַכט זיך, גלייכער, אַז מע קאָן רעדען מיט אַ מענטשען, וואָרום אַז מע רעדט, דערגרעדט מען זיך. איך זאָל האָבען די גליקליכע יאָהר, וויפיעל מאָל עס מאַכט זיך, אַז בין אַזאַ רעדען אין וואַגאָן מיט ווילד־פרעמדע מענטשען ווערט געשלאָסען אַ געשעפט, פּיקט זיך אויס אַ שידוך, אָדער מע ווערט גלאַט געוואָהר אַ זאַך, וואָס קומט צו־נוץ.

באַקענט האָט מען זיך טאַקי דאָ אין וואַגאָן און גיך געוואָרען באַפריינט. זי האָט איהם מכבד געווען מיט שאָקאָלאַד, און ער האָט זי אַמוזירט, פריהער מיט אַרמענישע און דערנאָך מיט אידיישע אַנעקדאָטען, און ביידע האָבען געקייכט פאַר געלעכטער. און דערהויפּט האָט מען געלאַכט פ.ן די אידישע אַנעקדאָטען, וואָס דער פאַרשוין האָט דערצעהלט מיט אַזאַ געשמאַק, ווי עס ווערט דערצעהלט צווישען כריסטען, גאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס טאָמער בין איך אַ איד און געפין מיך באַלעדיגט... קורץ, דער ראָמאַן איז ביי זיי געגאַנגען, ווי אויף פּוטער. ער איז שוין אויס־געוואַכסען נעבען איהר (פריהער איז ער געזעסען אַקעגען איהר) און פאַרקוקט איהר אין די אויגען אַריין, און זי האָט זיך געשפּיעלט מיט'ן קייטעל פון זיין זייגערעל, וואָס איז געווען אַריינ־געשטעקט אינ'ם שוואַרצען פאַס אויף די ווייסע הויזען. פּלוצים — פון וואַנען האָט זיך גענומען אויף אַ סטאַנציע — איך האָב שוין פאַרגעסען דעם נאָמען — קומט אַריין אַ הינקענדיגער איד, אַ געלער, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ ווייסען פאַראַסאָל, שטרעקט־אויס די האַנט צו מיין ספּאָרטסמען מיט'ן שוואַרצען פאַס אויף די ווייסע הויזען, און רופט זיך אָן צו איהם פּשוט אויף אונזער אידיש לשון:

— נאַט אייך אָפּ שלום. איך האָב אייך דערקענט דורכ'ן פענסטער. איך קאָן אייך אָפּגעבען אַ גערוס פון אייער פעטער זלמן פון מאַנעסטרישטש...

פאַרשטעהט זיך, אַז אויף דער זעלבער סטאַנציע איז מיין ספּאָרטסמען נעלם געוואָרען, און די „באַרישניע" איז געבליבען אַליין. דערמיט ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט די געשיכטע. מיין „באַרישניע" — שוין געווים אַ כריסטין, וואָרום אַז ניט, וואָס האָט דער ספּאָרטסמען באַדאַרפט אַנטלויפען? — האָט אין עטליכע סטאַנציעס אַרום גענומען פּאַקען זיך, נישט אויסגערעדט צו מיר אַ וואָרט, אפילו נישט אַ קוק געגעבען אין מיין ווינקעל אַריין, גלייך ווי איך בין גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. אויף דער סטאַנציע, וואו זי איז אַראָפּ, האָבען זי אָפּגעוואַרט אַ שענער איד אַ פאַט־

ז י י ן טאַטען אַריין! אַלסדינג אויף דער וועלט קאָסט רבי־געלט!

אַז איהר פאָהרט דריטע קלאַס און עס קומט אין דער פריה און איהר האָט נישט מיט זיך קיין טלית־ותפילין, זאָלט איהר קיין יסורים נישט האָבען — אַבי איהר ווילט נאָר, וועט מען אייך שוין באַזאָרגען מיט אַ טלית און מיט תפילין און מיט אַלסדינג. דערפאַר אָבער, אַז איהר האָט זיך אָפּגעפּאַרטיגט, עפּענט־אויף, זייט מוחל, אייער טשעמאָדאַנטשיקעל און הויבט־אָן אויסלעגען וואָס איהר האָט: בראָנפען איז בראָנפען, קיכלעך איז קיכלעך, אייער איז אייער, פולקע איז פולקע, פישעל איז פישעל. טאָמער געפינט זיך ביי אייך איין עפּעל, אַ מאַראַנץ, אַ שטיקעל שטרודעל — נעמט־אַרויס, לעגט־אַנידער, שעמט זיך ניט! אַלע וועלען מיט אייך פאַרבייסען, קיינער וועט זיך ניט אָפּזאָגען! אונטערוועגענס און בקאָמפּאַניע, פאַרשטעהט איהר מיך, עסט זיך גאָר מיט איין אַנדערען אַפּעטיט... ווער שמועסט, אַז איהר פיהרט מיט זיך אַ גלעזעל משקה, האָט איהר בעלנים אַ סך און מבינים אויף אַ גלעזעל ווײן אָהן אַ שיעור. איטליכער וועט אייך אָנרופען דעם ווײן מיט איין אַנדער נאָמען און שאַצען איין אַנדער מקח: ביי איינעם וועט ער הייסען אַ „בעסאַראַביער מושקאַט”. דער אַנדערער וועט איהם אַ נאָמען געבען „אויסלענדישער אַקערמאַן”. וועט אויפשטעהן אַ דריטער און וועט זאָגען מיט כעס: „וואָסער מושקאַט? וואָסער אַקערמאַן? ס'איז גאָר אַ „קאָוועשאַנער באָרדאָ!” וועט אויפשטעהן נאָך איינער, פון אַ ווינקעל גאָר, מיט אַ שמייכעל פון איין אמת'ען מבין, אַוועקנעמען ביי אייך דאָס גלאָז, ווי איינער רעדט: „בהמות שפּאַרען זיך — אויף אַ גלעזעל ווײן לאָזט מיך!”... און נאָכדעם ווי ער וועט האָבען אָפּגעזופּט אַ פּאָר מאָל, וועט ער אַ זאָג טהון, און די בעקלעך וועלען איהם בעת מעשה זיין פאַרפלאַמט, ווי ביי אַ בעל־שמחה:

— ווייסט איהר, אידען, וואָס דאָס איז? ניין, איהר ווייסט ניט וואָס דאָס איז. דאָס איז נעבאַך אַ פּראָסטער, איין עהר...

למשל, רעדען פון דאָקטוירים, מאָגען־קאַטאַר, „לימאַן“, צייהנ־וועהטיג, נערוועז, קאַרלסבאַד וכדומה — איז שוין, דאַכט זיך, גאָר פוסטע רעד, איאָ? פון דעסטוועגען האָט זיך מיט מיר אַליין געטראָפען אַ געשיכטע. איך בין אַמאָל געפאָהרען מיט אַ קאָמפּאַניע אידען. מע האָט גערעדט פון דאָקטוירים און פון רעצעפּטען. איך האָב דעמאָלט שטאַרק געליטען, ניט פאַר אייך גע־דאַכט, אויפ'ן מאָגען. האָט מיר איינער, אַ קאַמעניצער איד, געגעבען זיינע אַ רפואה, אַ פּראָשעק אַזעלכען. דעם דאָזיגען פּראָשעק, זאָגט דער קאַמעניצער, האָט ער דוקא נישט פון אַ דאָקטאָר־מעדעצין, נאָר פון אַ צייהן־דאָקטאָר, אַ דאַנטיסט, אָבער איין אויסנעצייכענטער פּראָשעק, זאָגט ער, אַ געלער פּראָשעק. דאָס הייסט, דער פּראָשעק אַליין, זאָגט ער, איז אַ ווייסער, ווי אַלע פּראָשקעס, נאָר אין אַ געל פּאַפּיערעל. און געשוואָרען האָט מיר דער קאַמעניצער איד ביי זיין געזונט און ביי זיין ווייב און קינדער, אַז נאָר דעם געלען פּראָשעק האָט ער צו פאַרדאַנקען. ווען ניט דער געלער פּראָשעק, זאָגט ער, וואָלט ער איצט געווען שוין — ע־הע־הע! קיין סך פּראָשקעס, זאָגט ער, דאַרף איך ניט. צוויי־דריי פּראָשקעס, זאָגט ער, — און איהר ווערט געגעזען. אויס מאָגען, זאָגט ער, אויס דאָקטוירים, אויס געלטפּרעסערס, אויס בלוטצאַפּערס. אַ רוח, זאָגט ער, אין זייער טאַטענ'ס טאַטען אריין! אויב איהר ווילט, זאָגט ער, קאָן איך אייך געבען אַ צוויי־דריי פּראָשקעס פון'ם געלען פּראָשעק. איהר וועט מיר, זאָגט ער, זאָגען אַ דאַנק...

כך הוה. איך בין געקומען אַהיים און האָב איינגענומען איין פּראָשעק, דעם אַנדערען, דעם דריטען, איז מיר געוואָרען, נישט באַלד, נאָר שפּעטער, אַרום האַלבע נאַכט, ניט פאַר אייך גערדאַכט, אַזוי, אַז איך האָב געפּאָכט מיט דער נשמה. איך האָב געמיינט, ס'איז איין עק פון מיין לעבען! מע האָט מיר געבראַכט אַ דאָקטאָר, צוויי דאָקטוירים, קוים אָפּגעראַטעוועט מיך פון טוידט... פון דעמאָלט אָן ווייס איך שוין אַ פּראַקטיקע, אַז אַ קאַמעניצער איד גיט אייך זיינע אַ רפואה, אַ געלען פּראָשעק — זאָל אַ רוח אין

רערען... נאָר איך בעט אייך — וואו גנב'עט מען ניט היינטיגע צייטען אין אונזער געבענטשטער מדינה? באַ'גנב'עט ווערען איז, אויב איהר ווילט וויסען, מעהר ניט אז א באַשערטע זאך. אז עס וועט אייך זיין באַשערט, וועט מען אייך באַ'גנב'ענען אין מיטען העלען טאָג, ווי איהר שטעהט און געהט, עס וועט אייך ניט העלפען קיין פּאָליציע, קיין זשאַנדארען, קיין שמע־ישראל. איהר וועט בענטשען גומל, אַז איהר וועט ארויס מיט'ן לעבען...

קורץ, פאָהרען זאָלט איהר דריטע קלאַס. דאָס האָט איהר א צוואה פון א גוטען פריינט און פון א פּראַקטישען מענטשען — א קאָמי־וואָיאַזשער.

אַדיעו!

ענדע געשיכטע נומער צוואנציג.

כער, א בעל־הבתישער, אַ כשר'ער, אַ ריינער ווימאָראַזיג פון באַר־דיטשעוו !...

און אַלע געפינען, אַז ער האָט רעכט, אַז ס'איז איין אמת'ער ט באַרדיטשעווער ווימאָראַזיג. און אַז מע נעמט צו ביסלעך „ווימאָראַזיג", ווערט ביי אַלעמען די צונג אויפגעבונדען. דעמאָלט הויבט איטליכער אָן דערצעהלען אַלסדינג, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם, און אויסטאַפּען אַלסדינג, וואָס ביי יענעם טהוט זיך. אַלע רעדען, אַלע אינאיינעם, כל ישראל חברים. און מע ווערט געוואָהר איינם ביי דעם אַנדערען כל הצרות, מיט אַלע רדיפות, מיט אַלע גזירות, וואָס עס טהוט זיך אָפּ אויף דער וועלט — ס'אַ מחיה !

אַז איהר פאָהרט דריטע קלאַס ערגיץ אין אַ שטאָדט אַריין און ווייסט נישט, וואוהין איהר זאָלט פאַרפאָהרען, באַדאַרפט איהר נאָר אַ פרעג צו טהון ביי'ם עולם, צי ווייסט נישט עמיצער עפּיס איין אָנשטענדיגע סטאַנציע ? איז וויפיעל אידען עס פאָהרען מיט אייך אין וואַגאָן, אַזוי פיעל סטאַנציעס און האָטעלען האָט איהר. איינער גיט אייך איין אַדרעס : „האָטעל פראַנקפורט", און לויבט דאָס אייך אָפּ אין טאָג אַריין : „האָטעל פראַנקפורט, זאָגט ער, איז ליכטיג און ציכטיג און וואַרעם און ביליג — בזיל־הזול". געפינט זיך באַלד אַ צווייטער און זאָגט אייך : „האָטעל פראַנקפורט ? זאָל אייך גאָט היטען ! ס'איז דאָרט פינסטער און שמוציג און קאַלט און טייער — מיט גאָלד גלייך ! אויב איהר ווילט, זאָגט ער, האָבען הנאה, זאָלט איהר זיך אָפּשטעלען אין האָטעל נעוויאָרק !" חאַפּט זיך אַרויס אַ דריטער און זאָגט : „וואָס ווילען זיי טהון אין האָטעל נעוויאָרק ? זיי האָבען זיך פאַרבענקט נאָך וואַנצען ? הערט נישט, וואָס מע וועט אייך זאָגען „פראַנקפורט", „נעוויאָרק" ! פאָלגט מיך, גיט אַהער דאָס פעקעל אייערס, ווילען מיר אינאיינעם פאַר־פאָהרען צו מיר אויף מיין אַכסניה, אין האָטעל „ראָסיאַ" — דאָרט שטעהען אידען !"...

אַוודאי באַדאַרפט איהר אייער טשעמאָדאַנטשיק גוט האָבען אין זינען, מע זאָל עס חלילה, צווישען יאָ און ניין, ביי אייך נישט אָפּ־